STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06061

# SHTARKER FUN AYZN

M. Balberyszski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Aric & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave,* or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַג. מ. באַלבערישסקי

*

# שטאַרקער פון אייזן



מאַג. מ. באַלבערישסקי, דער מחבר

מאג. מ. באלבערישסקי

# שטארקער פון אייזן

## איבערלעבונגען אין דער היטלער־תקופה

ערשטער טייל

פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב
תשכ"ז — 1967

Mgr. M. BALBERYSZSKI

**SHTARKER FUN EISN**

מאג. מ. באַלבערישסקי / שטאַרקער פון אייזן

פאַרלאַג „המנורה", רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
„Hamenora" Publishing House
24, Zangwill Str. Tel-Aviv, Israel

©

נדפס בישראל תשכ"ז
Printed in Israel, 1967

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294

**דאָס בוך ווידמע איך**

מיין פרוי לאה, טאָכטער דבורה און זון טעאָדאָר — וועלכע זענען צוזאַמען מיט מיר, מיט מסירות נפש געשטאַנען אויף דער וואַך, ביים ראַטעווען אונדזערע לעבנס אין דער טראַגישער תקופה.

**דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַדאַנק דער טיילווייזער**

**מאַטעריעלער הילף פון:**

משפחה **רעוועלמאַן** אין **מעלבורן**, צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די אומגע־בראַכטע מיליאָנען מאַרטירער און קדושים.

פרוי **איטאַ הירש**, מעלבורן, צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן **ראובן** ע״ה, פּראָדינסטפולער קולטור־טוער אין פוילן און אין אויסטראַליע.

**לאַזאַר קאַגאַן**, מעלבורן — ביאַליסטאָק, צום אָנדענק פון זיין פרוי **זינה** און זון **אַדאַם**, אומגעבראַכטע אין טרעבלינקי.

**שלום בן ציון גורביץ**, מעלבורן, צום אָנדענק פון זיין שוועסטער **ד״ר דבורה מרשלקוביץ**, וועלכע איז אומגעקומען אין ווילנער געטאָ.

**יוסף** און **חנה פרידמאַן**, מעלבורן, צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון זייערע אומגע־בראַכטע משפחה־מיטגלידער אין גריצע (ביי וואַרשע).

**צדוק** און **פייגע אייזן**, מעלבורן, (פון דער אַלטער היים — ריבאייזן) צום אייביקן אָנדענק פון אונדזערע אייגענע. מיטן גאַנצן יישוב אין כעלם.

**איסר שטיינבערג** און **פרוי**, מעלבורן, צום אָנדענק פון זייערע אומגעבראַכטע משפחות אין וואַרשע.

מ״ר און מר״ס **יוליאַן** און **פערל טאַרענבערג בריסביין**, צום אייביקן אָנדענק פון זייערע עלטערן און משפּחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע אין וואַרשעווער און אין לאָדזשער געטאָ.

מ״ר און מר״ס **משה אייזענשטאַט**, מעלבורן, צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון זייערע אומגעבראַכטע משפחות.

מ״ר און מר״ס **י. פּושעט**, צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דער אומגעבראַכטער משפחה אין וואַרשע.

**אַ גרופּע פריינט** פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דער פאַרשטאָרבענער מר״ס **א. ספעט** ע״ה, אין מעלבורן.

אויך די פריינט מ״ר **מ. גאָלד**, מ״ר און מר״ס **מ. וואַראָנאָוו**, און מ״ר און מר״ס **לעאָ פינק** — אין אָנדענק פון זייערע משפחות.

די אַלע אויבן אויסגערעכנטע פריינט דריקט דער מחבר אויס זיין האַרציקן דאַנק.

**אַ ספּעציעלן דאַנק און אָנערקענונג:**

הרב ד״ר **יצחק לעווין**, ניו־יאָרק, פּראָפעסאָר **א. טאַרטאַקאָווער**, ירושלים, פאַר זייערע ווערטפולע אָנווייזונגען ביים אַרויסגעבן דאָס בוך.

**אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט:**

**״ייוואָ״** אין ניו־יאָרק, **״יד ושם״** אין ירושלים, רעדאַקציע **״סאָוועטיש היימלאַנד״** אין מאָסקווע, דורך זיי דער **לענין־ביבליאָטעק** אין מאָסקווע, פאַרן צו־שטעלן אַ ריי פאָטאָ־דאָקומענטן צום בוך.

---

דער מחבר, מאַג. מענדל באַלבערישסקי, איז אין גאַנג פון צוגרייטן זיין בוך צום דרוק, פּלוצלינג געשטאָרבן אין ו׳ כסלו, תשכ״ז — 19.11.1966

---

# אינהאַלט

## ערשטער טייל


הקדמה, ד״ר נחמן בלומענטאַל . 12
פאָרוואָרט, ד״ר יוסף קערמיש . 16
ביאָגראַפיע פון מאַג. מענדל
באַלבערישסקי . . . . 20
אַריינפיר, פון מחבר . . . . 26


### דער אָנהויב פון סוף
(לאָדזש, אויגוסט 1939)


מאַלאָטאָוו־ריבנטראָפ אָפּמאַך . . 33
די שטימונג ערב דער מלחמה . . 33
עוואַקואַציע פון לאָדזש . . . 41


### בזשעזשין, יעזשאָוו, ראַוואַ־מאַזאָוויעצקאַ, וואַרשע א. א. וו.


וואַרשע, מ׳לויפט פון דער שטאָט . 49
די רייזע וואַרשע־אָטוואָצק . . 52
גאַרוואָלין, זשעלעכאָוו, ראַדזין . . 54
דער בוג ווערט ראַסטוורען . . 56
ראש־השנה אין דאָמאַטשעווע . . 59
אין די אוקראַאינישע דערפער . 61
אַ באַגעגעניש מיט דייטשע טאַנקן . 63
די ערשטע צעטיילונג פון פוילן . 65
יום־כיפור אין קאָוועל . . . 66
לוניניעץ, באַראַנאָוויטש, לידע,
ווילנע . . . . . . . 68


### ווילנע 1939


די ראָל פון די ווילנער יידן . . 72
ווילנע צוריק צו קאָוונער ליטע . 73


### ווילנע אונטער דער ממשלה פון די ליטווינער


קאָוונע . . . . . . . 78
דער גרויסער נס . . . . . 84


### דאָס ליטווישע יידנטום


טראַגישע לאַגע פון די פליטים . 88
סטאַביליזאַציע פון לעבן . . . 91
די געענדערטע פאָליטישע לאַגע . 93
דער פּלאַן . . . . . . . 94
פליטים לויפן . . . . . . 97
די שפּעטע חרטה פון אַ טייל
פּאַליאַקן . . . . . . 98
דער טויט פון גאון ר׳ חיים עוזר
גראָדזענסקי . . . . . 99
אינטריגעס . . . . . . 99
סאָוויעטיש־יידישע קולטור . . 102
קאַטעדרע פאַר יידיש . . . 103
אַרויסשיקונגען פון ווילנע . . 106
ערט שטורעם . . . . . 109
אָנפאַל פון דייטשלאַנד אויף
ראַטנפאַרבאַנד . . . . . 110


### די ערשטע איבערגאַנגס־טעג


די נביאות פון ד״ר וויגאָדזקי . . 119
אַנטלאָפענע קומען צוריק, אָבער
נישט אַלע . . . . . . 121
ליטווינער הייבן אָן באַלעבאַטעווען
לויטן דייטשישן מוסטער . . 122
רעפּרעסיעס קעגן יידישער
אינטעליגענץ . . . . . . 123


### ערשטע דייטשישע גזירות


ערוובניקעס, געלע לאַטעס . . . 127
כאַפּונעס נעמען אויף אַרבעט . . 128
איין פרוי ראַטעוועט אַלע יידישע
דאָקטוירים . . . . . . 132
כאַפּונעס... כאַפּונעס... . . . 133
געביטס־קאָמיסאַר, הינגסט . . 135
מען זוכט אַרבעטער פאַר דער
פּראָווינץ . . . . . . 141

אומקום פון נח און פאולאַ פרילוצקי 143
אומקום פון ד״ר יעקב וויגאָדזקי 147
די העצע קעגן יידן 150
אַ רעוויזיע אין אונדזער שטוב 152
איך גיי צום טויט, קום אָבער צוריק 153
איך גיי אַרבעטן 154
קלאַנגען, קלאַנגען 158
די שווידערלעכע פּראָוואָקאַציע 159
די ליקווידאַציע פון יידישן קאָמיטעט 164

## דער מאַרש אין געטאָ אַריין

אונדזער הויז־אַדמיניסטראַטאָר —
דער „האַרציקער" ליטווין 168
מען טרייבט אין געטאָ 170

## אין קליינעם געטאָ

מאַפּע: ווילנע, געטאָ II, 176—177

די ערשטע נאַכט אין געטאָ 179
חורבן פון שולהויף 180
ערשטער טאָג אין געטאָ 182
נייע בלאָפן 183
מראַנגעדיע אין לידסקער געסל 186
אין די סקלאַדעס פון יידיש האָב
און גוטס 190
דאָס לעבן אין צווייטן, קליינעם
געטאָ 193

## די טעטיקייט פון יודנראַט

דער יודנראַט שאַפט אַ ביירא 196
אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג 199
געזונטהייטס־אָפּטיילונג 199
אַרבעטס־אַמט 200
די שול און קינדער־אָפּטיילונג 203
עווידענץ־ און אַדרעסן־ביוראָ 203
פּאָליציי 204
מען גלייבט אַז פּאָנאַר איז דאָס
דריטע געטאָ 207
היסטאָרישע באַגעגעניש פוןביידע
יודנראַטן 208
די נייע גזירה פון „פּאַכמאַן"־שיינען 212

## דער שוואַרצער יום־כּיפּור תש״ב

די יום־כּיפּור־אַקציע אין ערשטן געטאָ 220
אין לוקישקער טורמע 222
די ווייטערדיקע טשיסטקעס 225
די סדרה געלע שיינען 227
נקמה אין רויבער 229

## ליקווידאַציע פון צווייטן (קליינעם) געטאָ

אין גרויסן געטאָ 242
דער גורל פון די מיטגלידער פון
יודנראַט 247

# צווייטער טייל

### דאָס גרויסע געטאָ

## דער אָנהויב

מען אָרדנט זיך איין אין געטאָ 252
די אַנטשטייאונג פון יודנראַט 253
זוער איז יעקב גענס 254
דאָס געטאָ־לעבן אין די ערשטע טעג 255
די טשיסטקע אין יום־כּיפּור 257

## אונדזער לעבן אין גרויסן געטאָ

די גרויסע טשיסטקע 262
דער פאַרלויף פון דער אַקציע אין געטאָ 264
ווי אַזוי ראַטעווען מען 5 נפשות 269

## מען לויפט פון איין פייער אין צווייטן

אַ נייע פּראָוואָקאַציע 278
די דריי־טאָגיקע טשיסטקע 280
פאַרלויף פון דער אַקציע 284
דער אויסזען פון געטאָ נאָך דער אַקציע 285
חיים סעמיאַטיצקי 286

אונדזער משפחה אין שטוב ווערט
פאַרגרעסערט . . . . 288
סטאַביליזאַציע אין געטאָ . . 291
טשיסטקע פון געשטאַפּאָ־אַרבעטער
און אונטערוועלט . . . 292
מיר לעבן אַלס ניט־לעגאַלע . . 294
לעצטע אַקציע איבער ניט־לעגאַלע . 296
מערדערייען אין געטאָ . . . 297

## דער סך־הכל פון ערשטן האַלבן אָקופּאַציע־יאָר

אָרגאַניזאַציע פון דער געטאָ־
אַדמיניסטראַציע . . . . 300
די אַלגעמיינע אָפּטיילונג . . . 302
אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג . . . 313
פאָלקס־קיכן . . . . . 326
כשרע קיך . . . . . 329
פּאָליציי־קיך און פּאָליציי־
קאָאָפּעראַטיוו . . . . 329
פּאַיקי . . . . . . 330
געטאָ־מאכלים . . . . . 335

## אַרבעטס־אַמט

בריגאַדירן־ראַט . . . . . 340
אַרבעטער־אוידיטאָריע . . . 343
אַרביטראַזש־קאָמיסיע . . . 345
אַרבעטס־לאַגערן אַרום ווילנע . 347
פּראָפעסיאָנעלע רעפּרעזענטאַנץ . 347

## אָרגאַניזאַציע פון געזונטהייטס־וועזן

מיין שפּיטאָל־קאַריערע . . . 351
ברייטע שפּיטאָל־טעטיקייט א. אַ. וו. אין
טאַבעלן און ציפערן, פון 361 ביז 399

## וווינונג און טעכנישע אָפּטיילונג

דירות־פּראָבלעם, עלעקטרע, אינדוסטריי־
סעקציע א. אַ. וו. — אין טאַבעלן און
ציפערן, פון 401 ביז 412

## פינאַנס־אָפּטיילונג

סטאַטיסטישער אַמט, שטייערן, ניט־אָפּי־
ציעלע פינאַנסן א. אַ. וו. אין טאַבעלן
און ציפערן, פון 413 ביז 419

## יידישע פּאָליציי

באַציאונג פון באַפעלקערונג צו פּאָליציי.
באַציאונגען צווישן יודנדאַט און פּאָ־
ליציי, ביבליאָטעק פאַר געגנסן,
אַרעסט־הויז, טויערן־וואַך, געטאָ־גע־
ריכט, טשיסטקע אין דער פּאָליציי
א. אַ. וו. — אין טאַבעלן און ציפערן,
פון 420 ביז 433

## קולטור־לעבן אין געטאָ

ביבליאָטעק און מיטאַרבעטער, דאָס אָפּ־
היטן די קולטור־אוצרות, ביכער־צענזור,
לייען־אַבאָנענטן, שיינען פאַר ביבליאָ־
טעק־מיטאַרבעטער. ביכער־לאַגער,
וויסנשאַפטס־צימער א. אַ. וו. — אין
טאַבעלן און ציפערן, פון 433 ביז 448
דער גורל פון הערמאַן קרוק . . 447

## דאָס לעבן אין געטאָ, אין ערשטן האַלבן יאָר 1942

טשיסטקע פון אַלטע לייט . . 451
פּאָליטישע שפּאַנונג אין געטאָ . 453
גרויסע שחיטה: 5טן אַפּריל 1943 . 454
די טראַגעדיע וויטענבערג . . 458

## דער אָנהויב פון סוף

ערשטע אַרויסשיקונגען קיין עסט־
לאַנד . . . . . . . 466
דער טויט פון געטאָ־פאַרשטייער —
גענס . . . . . . . 474
די ה. ק. פּ.־מהומה . . . . 476

## ליקווידיר־אַקציע פון געטאָ

די יוגנט לויפט אין וואַלד אַריין . 478
מיר גענעגענען זיך מיט ווילנע . 485
די שוידערלעכע טראַגעדיע אויפן הויף
פון מאָנאַסטיר . . . . 492
ווידער טויט־שרעק, ווידער פּאַניק . 493

# ד ר י ט ע ר  ט י י ל

## אין די טויט־לאַגערן פון עסטלאַנד, 1943־1944

### דער וועג קיין עסטלאַנד


אין עסטלאַנד . . . . . . 504
אין קלאָאָגאַ . . . . . . 505


### די ערשטע טעג אין לאַגער קלאָאָגאַ


די ערשטע שוידערלעכע איבער־לעבונג . . . . . . 512
איך „אָרדן" זיך איין . . . 513
מיר שאַפן אַ לאַבאָראַטאָריע
איך ווער אַ כעמיקער . . 514
אונדזער צימער נומער 9 . . 515
די ערשטע טשיסטקע אין לאַגער . 517
„אַראַבער" און „ענגלענדער" — נייע לאַגערניקעס . . . . 517


### די אַרבעט אין לאַגער


טראַנספּאָרט־אַרבעטער . . . 521
סיגנאַלקע־קוסטע . . . . 525
קינדער־בריגאַדע ביי דער סיגנאַלקע . 526
עס טרעפט מיך אַן אומגליקס־פאַל . 527


### די לעבנס־באַדינגונגען אין לאַגער


דער שוואַרצער מאַרק . . . 530
פאַרצווייפלונגס־באַזוכן אויסערן לאַגער . . . . . 532
איך ווער אַ הענדלער . . . 533
קראַנקייטן אין לאַגער . . . 538
דאָס איזדיעקעווען זיך איבער יידן . 539
מיר באָדן זיך אין פינישן ים־אויסגוס . . . . . 540
פּאָליטיק און פּאָליטישע דיסקוסיעס . 541
קאַמף־אָרגאַניזאַציע . . . . . 543
די ליקווידאַציע . . . . . 544


### אין לאַגער לאַגעדי


מיר גייען אויף אַרבעט . . . 547
קרבנות און ווידערשטאַנד . . 549
דאָס לעבן אין לאַגער . . . 551
ערב ראש־השנה תש"ה . . . 552


### די פאַרניכטונג פון 425 יידן פון לאַגער לאַגעדי


אין רעוועלער טורמע . . . 556
צוריק אין קלאָאָגאַ . . . . 557


### חורבן קלאָאָגאַ


דער ערשטשער פּראָטאָקאָל מיט חתימות פון רויט־אַרמייער . 568
מען קומט באַקוקן דעם חורבן . 577


### אונדזער לעבן נאָך דער באַפרייאונג


איך באַזוך לאַגעדי . . . . 581
ליסטע פון די גרעסטע עסטלאַנד . 584
רשימה פון די לאַגערן אין עסטלאַנד 587
רשימות פון די מערדער אין קלאָאָגאַ 588


### לאָדזשער געטאָ


בילדער, געטאָ־פאַראָרדנונגען, געטאָ־צייטונג, געז. סטטיקיים א.אַ.וו. פון 591 ביז 613
משפחה בילדער . . . 616—614
נאָכוואָרט, פון מחבר . . . 617
זוכצעטל פון נעמען . . . 621
ענגלישער טייל — 12 זייטן


### בילדער, טאַבעלן און דיאַגראַמען אין טעקסט

# הקדמה

פֿאַראַן מענטשן — און זיי זיינען ווייט-ווייט דער גרעסטער טייל פֿון יעדער געזעלשאַפֿט — וואָס לעבן זיך אוים ווי אויפֿן ראַנד פֿון קאָלעקטיוו, צו וועלכן זיי געהערן. זיי לעבן מיט זייער אייגן לעבן, זייער אייגענער משפּחה — און דאָס גענוגט זיי. זיי קומען אין קאָנטאַקט מיט מענטשן, מיטן קאָלעקטיוו, אויף ווי ווייט דאָס לעבן צווינגט זיי דערצו. קען מען דען היינט-צו-טאָג לעבן ביהידות, אָפּגע־זונדערט פֿון ציבור? אָבער זייער איינשטעלונג, זייער וועלט-באַנעם קאָנצענטרירט זיך אַרום זיך אַליין, אַרום זייערע נאָענטסטע.

אויף אַזעלכע מענטשן זאָגט מען, אַז זיי ווערן געטראָגן, מיטגע־ריסן מיט די כוואַליעס פֿון די געשעענישן. זייער איינשטעלונג צו די געשעענישן איז אַ ריין פּאַסיווע, אַ ווילנלאָזע...

אוודאי געהערן די דאָזיקע מענטשן צו פּאַרטייען, צו פּראָפֿעסיאָ־נעלע פֿאַראיינען, צו אָרגאַניזאַציעס, זיי נעמען אָנטייל אין וואַלן, מאַסן-צוזאַמענטרעפֿן, צי מאַסן אַרויסטרעטונגען. א. ד. גל. אָבער זייער אָנטייל אין דעם אַלעם איז אַ פּאַסיווער, זיי ווערן אין די דאָזיקע אַלגע־מיינע געשעענישן אַריינגעצויגן טיילמאָל קעגן זייער אייגענעם ווילן און טיילמאָל אפֿילו קעגן זייער באַוווסטזיין. דער אַרום פֿירט זיי דערצו און זיי פֿילן דאָס טאַקע ווי אַ צוואַנג, וואָס די געזעלשאַפֿט לייגט אויף זיי אַרויף, אָדער לכל הפּחות ווי אַ פֿליכט, וואָס מ׳מוז דערפֿילן... בלית ברירה.

פֿאַראַן אָבער אויך צום גליק, אַנדערע מענטשן, ווייט-ווייט ווינצי־קער אין צאָל, וואָס זייער לעבנס-אויפֿפֿאַסונג איז אַ גאַנץ אַנדערע, זייער איינשטעלונג צום לעבן, צום אַרום, איז אַן אַקטיווע, כ׳וואָלט געזאָגט טיילמאָל אפֿילו אַן אַגרעסיווע. זיי וואַרטן ניט, ביז מ׳וועט זיי קומען רופֿן, אָדער פֿאַרבעטן — אָפּגערעדט שוין פֿון וואָס פֿאַרא ניט איז צוואַנג-מיטלען — זיי זאָלן זיך שטעלן צו דער, אָדער אַנדערער געזעל־שאַפֿטלעכער אַרבעט. זיי קומען אַליין, זיי שטעלן זיך אַליין צו צו דער אַרבעט, נאָך מער: זיי דערפֿינדן און אָרגאַניזירן די אַרבעט גופֿא. זיי

שאַפֿן דעם ציל, דעם אידעאַל, וועלכן מ׳דאַרף לויט זייער מיינונג דינען פֿון אייגענעם ווילן. און דער ציל איז נוגע דעם כלל, ווייל אַט די מענטשן זעען פֿאַר זיך קודם כל דעם כלל און ערשט דערנאָך דעם יחיד.

און טוען, טוען זיי — אַלנפֿאַלס אין אַנהויב — פֿון אַן אינערלעכן דראַנג, פֿון אַן אינערלעכן טריב, און טיילמאָל בפֿרט אין אָנהויב פֿון זייער טעטיקייט, אַן צו באַנעמען אפֿילו דאָס אַלץ גענדאַנקלעך מיט זייער שכל, מיט זייער קלאָרן באַוווּסטזיין. אַזוי זיינען זיי באַשאַפֿן, אַזוי מוזן זיי האַנדלען, זיי קענען נישט אַנדערש! ערשט מיט דער צייט — אויב ס׳קומט דערצו בכלל — אַנטשטייט און אַנטוויקלט זיך אין זיי אַ גדענק־לעכער הינטערגרונט פֿאַר זייער איינשטעלונג, פֿאַר זייערע האַנדלונגען, אַ מין וועלט־אויפֿפֿאַסונג, אַ „פּראָגראַם״־איבערצייגונג, אַז דאָס, וואָס זיי טוען אימפּולסיוו, פֿון אינערלעכן דראַנג, איז אויך שכלדיק באַגרינדעט, פֿליסט אַרויס אויך פֿון אַ וועלט־באַנעם.

צו אַט דער קאַטעגאָריע געזעלשאַפֿטלעכע מענטשן געהערט מענדל באַלבערישסקי, דער מחבר פֿון די זכרונות, וואָס ליגן פֿאַר אונדז.

פֿון די פֿריסטע יאָרן אויף ווי ווייט זיין זכרון גרייכט — און וואָר־שיינלעך (ביי מיר איז עס גאַנץ זיכער, ניט נאָר וואַרשיינלעך) איז אונדזער מחבר אַזוי געווען אויך אין די קינדעריאָרן, צו וועלכע זיין זכרון גרייכט ניט — איז ער אַ געזעלשאַפֿטלעכער טוער, איך באַנוץ זיך מיט דעם טערמין, וואָס איז אַלעמען גוט באַקאַנט. הגם ער פּאַסט זיך נישט צום ערשטן פּעריאָד פֿון זיין טעטיקייט, ווייל די דאָזיקע באַציי־ענגונג איז אַ דורכאויס פּאַסיקע פֿאַר שפּעטערדיקע פּעריאָדן פֿון זיין לעבן, און עס האַנדלט זיך מיר אין אונטערשטרייכן די גאַנצקייט און איינהייט־לעכקייט פֿון מענטשן, וואָס איז דאָס גאַנצע לעבן געווען — און איז עס נאָך ביז היינט צו טאָג, עד מאה ועשרים — אַ געזעלשאַפֿטלעכער טוער, אין בעסטן זין פֿון וואָרט.

נישט פֿון איבערצייגונג, נישט פֿון אַ פֿליכט־באַוווּסטזיין, שטעלט זיך באַלבערישסקי אין זיינע גאָר יונגע יאָרן, איינער פֿון די ערשטע, אַנטקעגן כוליגאַנעס, וואָס רופֿן אַרויס אַ „מהומה״ אין ווילנע. ער כאַפּט קלעפּ, אָבער ער גיט צוריק קלעפּ, כפֿל כפֿליים. ער רעאַגירט אַזוי, ווייל אַנדערש קען ער נישט, זיין אימפּולסיווע נאַטור ברענגט אים דערצו. אַזוי וועט אויך זיין ווייטער. ווען ער זעט ווי די יידן, זיינע יידן — די באַרופֿס־קאָלעגן, די בעלי־מלאכות, די יידישע אָרעמקייט ליידן פֿון אַן אומרעכט, וואָס ווערט זיי געטון, מוז ער אויפֿשטיין. אַנדערש קען ער נישט, אַזוי איז זיין פּסיכישע סטרוקטור.

מיט דער צייט קומט אים די דאָזיקע איינשטעלונג צום באַוווּסטזיין. אים גופא און זיין סביבה. אין אַן עת צרה פילט ער אויף זיך אַ פליכט צו העלפן אַ צווייטן, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן כלל. ער, ווי דער געזעלשאַפטלעכער טוער דאַרף זיין דער ערשטער, אָדער לכל הפחות, צווישן די ערשטע. פילט די נאָענטסטע סביבה עפּעס אַ סכנה, לויפט מען צו באַלבערישסקין און ער טוט, וואָס ער קען.

לייענט אין בוך און איר וועט געפינען צענדליקער אַזעלכע פאַקטן. אָנגעהויבן פון די רואיקע „נאָרמאַלע" צייטן אין ווילנע. לאָדזש פון פאַר דער מלחמה — איבערן ווילנער געטאָ — ביז צום לעצטן עטאַפּ: טויטנלאַגער קלאָאָגאַ.

אין די ערגסטע צייטן — קוים האָט דער מחבר פאַרזאָרגט, מ'שטיינס געזאָגט, זיין משפחה — פרוי און צוויי קינדער, פון אָנהויב אויך די מוטער — הויבט ער אָן דענקען מיט געזעלשאַפטלעכע קאַטעגאָריעס: און וואָס וועט זיין מיטן כלל יידן?!

און זיין געזונטער מענטשן-פאַרשטאַנד, זיין מענטשן-פריינדלעכע לעבנס-אויפפאַסונג, און צום סוף אויך זיין לאַנגיאָריקע פּראַקטיק פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט (אין נאָרמאַלע צייטן) זאָגט אים אונטער וואָס צו טאָן. און זיינע סגולות העלפן אים אויך אין די אַנאָרמאַלע, אוממענטשלעכע צייטן פון דער היטלער-תקופה.

זעלטן ברעכט זיך אויך אונדזער מחבר איין און לאָזט פליסן זיינע טרערן... — נישט קיין וווּנדער! די היטלער-תקופה האָט נישט איין גיגאַנט צעבראָכן, אָבער זי האָט ניט צעבראָכן באַלבערישסקין, נישט גייסטיק און נישט מאָראַליש. נאָך יעדער דעפּרעסיע, וואָס דויערט איבעריקנס נישט לאַנג, וועקט ער זיך אויף צו נייע מעשים, צו אַ נייַ לעבן.

אַזוי פון אָנהויב ביזן סאַמע סוף. אין נאָך דער היטלער-תקופה, נאָך קלאָאָגאַ, קומט אַ נייע תקופה פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דאָסמאָל אין אַ ווייט פאַרוואָרפן — לויט אונדזערע אַמאָליקע באַגריפן — לאַנד: אויסטראַליע. און אַ רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אַרבעט איז צווישן אַנדערע אויך דאָס בוך זכרונות, וואָס מיר גיבן איבער דעם לייענער.

אין בוך האָבן מיר אַ שטיק געשיכטע פון יידישן לעבן אין דער צייט פון זיך צעפאַלנדיקן צאַריזם, איבער דער ערשטער וועלט-מלחמה, אומאָפּהענגיקן פוילן, ליטע, איבער דער תקופה פון דריטן רייך, ביזן סוף פון דער צווייטער וועלט-מלחמה און אירע קאָנסעקווענצן. מיר זעען

די געשיכטע מיט די אויגן פון א פאָלקס־מענטש — נישט אומזיסט איז דער מחבר געווען א טוער אין דער „פאָלקס־פאַרטיי" — וואָס קאָן אַבסערווירן און קאָן אויך דאָס געזעענע איבערגעבן א צווייטן. און אַזוי ווי דער מחבר איז געווען ניט קיין „פּריוואַט־מאַן", נייערט, א געזעל־שאַפטלעכער טוער, זענען ממילא זיינע באַאָבאַכטונגען ניט קיין „פּרי־וואַטע", הגם אויך פּריוואַטע זכרונות, האָבן זייער ווערט, זיי געמען אַרום א ברייטערן שטח. מיר זעען פאַר זיך די פילצאָליקע יידן פון ווילנע, לאָדוש און אַנדערע שטעט און שטעטלעך, מיט וועלכע דער מחבר איז געווען געקניפּט און געבונדן.

אין די זכרונות זעען מיר אויך דעם לעבנסלויף פון א יידישן כלל־טוער פון יענע קאַנטן, וואָס זיינען ביז אַט דאָ ניט לאַנג געווען א זייגעלע פון יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק, נאַציאָנאַלער זוירדע, פון יידישן קולטור־שאַפן, וואָס איז אַזוי ביטערלעך פאַרשניטן געוואָרן אין דעם סאַמע בלי־פּעריאָד.

מיר זעען דעריבער אין בוך אויך דעם געראַנגל פון א יחיד פאַר זיין לעבן, פאַר זיין וועלטאַנשויאונג קעגן אינערלעכע „שונאים" און באַזונדערס קעגן אויסערלעכן שונא, וואָס וויל אומברענגען דאָס יידישע פאָלק, זיין פאָלק מיט אים אינאיינעם.

אונטער די דאָזיקע צוויי אַספּעקטן דאַרף דער בוך געלייענט ווערן.

**ד"ר נחמן בלומענטאַל**

# פאַרוואָרט

די זכרונות פון מגר. באַלבערישסקי („שטאַרקער פון אייזן") נעמען אַרום „די געשעענישן אַזוי ווי זיי זענען זיך פאַרלאָפן פאַר זיינע אויגן", אין משך פון דעם גאַנצן מלחמה־פעריאָד, דאַרטמער אַ פעריאָד פון פולע צוויי יאָר ווילנע אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע. אָבער מגילת ווילנע פאַרנעמט דאָס עיקר־אָרט אין די דאָזיקע ברייט־פאַרנעמיקע זכרונות.

דער מחבר, אַ באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער קולטור־טוער, נאָך פון פאַר דער מלחמה, האָט געהאַט תמיד דעם מוט צו זאָגן דעם אמת. אַליין אַ שאַרפער באַאָבאַכטער, האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרצייכענען זיינע נאָטיצן אויף דער הייסער רגע, ממש אין די ערשטע טעג נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה — ווי עס באַווייזט זיין אַרבעט „מיין וועג פון לאָדזש קיין ווילנע אין 1939". די אַרבעט האָט ער איבערגעגעבן דער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין ווילנע, וואָס האָט צונויפֿגעזאַמלט מאַטעריאַלן פון קאַלאָסאַלן ווערט, וועגן חורבן פוילן און וועגן די ערשטע טראַגישע איבערלעבונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג.

מגילת ווילנע איז, וואָס אַן אמת, אפשר מער פון אַלע אונדזערע קהילות פאַרפיקסירט געוואָרן אין דער מעמואַריסטישער ווי אויך אויטאָביאָגראַפישער ליטעראַטור און עס זענען געמאַכט געוואָרן ערנסטע פרוון מצד אַ ריי ווילנער מחברים ביינצוטראָגן צו דער געשיכטע פון ירושלים דליטא אין דער צייט פון געטאָ. אָבער די דאָזיקע מחברים גיבן נישט קיין פול בילד פון דער געשיכטע פון אומקום פון זייער קהילה. אַ טייל פון די בלויזן פילט אויס באַלבערישסקי. פאַראַן אין זיינע זכרונות אַ האַרצרייסנדיק, כמעט אומבאַקאַנט קאַפיטל, ווי אַזוי

די ייִדן זענען אַריינגעטריבן געוואָרן אין קליינעם געטאָ, וואָס האָט עקזיסטירט 46 טעג (פון 6 סעפּטעמבער ביזן 21סטן אָקטאָבער 1941), אין וועלכן עס זענען, אין משך פון עטלעכע וואָכן, אומגעבראַכט געוואָרן קרוב 9 טויזנט ייִדן. באַלבערישסקי איז חוץ דעם אַ וואָגיקער מקור צו די גורלדיקע און טראַגישע פּאַסירונגען ערב און בעת דער ענדגילטיקער ליקווידיר־אַקציע פון ווילנער געטאָ.

פּערזענלעכע יסודים און פּערזענלעכע ליידן האָבן נישט אָפּגעשוואַכט די שאַרפקייט פון זיין זכרון. אין די זכרונות זענען באַשריבן טאָג־פּאַסירונגען, כאַראַקטעריסטישע פאַלן, פאַרצייכענונגען וועגן גורל פון מענטשן און אינסטיטוציעס, געשעענישן אין געטאָ אא״וו, אָבער דעם אויבנאָן אין די זכרונות פאַרנעמען זיינע באַטראַכטונגען וועגן גורל פון ייִדישן ציבור, וועגן מענטשן און זייערע האַנדלונגען אין ציטן פון לעבנס־סכנה. אַ סך אָרט פאַרנעמט דאָס אַרויסברענגען זיינע אייגענע געפילן און געדאַנקען, אָבער ער טראַכט נישט בלויז פון אייגענע יסורים, נאָר אויך אין טערמינען פון ייִדישן פאָלקס־קיום. אין די פינצטערסטע טעג געפינט ער טרייסט־ווערטער פאַר ייִדן, ווייל ער איז געווען שטענדיק האָפנונגספול און געגלייבט אין דער אויסלייזונג.

זיינע שילדערונגען לעבן אויף די אַטמאָספער און דאָס געמיט פון יענע אַכזריותדיקע געשעענישן.

פּשטות, אינערלעכע אויפריכטיקייט און באַשיידנקייט דערוועקן אַ געפיל פון צוטרוי צום מחבר, וועלכער בילאַנסירט די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע מאָמענטן — ער פאַרשווייגט נישט די ערשטע און נישט די צווייטע.

דער מחבר שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ריי נעגאַטיווע דערשיינונגען, וועלכע ער באַשרייבט און קלערט אויף, ווי למשל די טאַקטיק פון יודנראַט בעת די שחיטות, דאָס באַשטימען פון ייִדן אַליין ווער עס דאַרף לעבן, דער האַנדל מיט לעבנסשיינען, די מאָראַל פון מפוקפּקדיקע פּאַליציי־טיפּן אא״וו. זיינע זכרונות גיבן אויך אַ טיפן אַריינבליק אין אַ ריי געשעענע סאָציאַלע עוולות.

פאַרשטייט זיך, אַז דער מחבר פאַרצייכנט מיט גרויס הנאה פאַלן

פון יידישן אויסדויער און גייסטיקער דערהויבנקייט. ער פרייט זיך מיט יעדן פאַל פון איבערמענטשלעכן און אומגעבראָכענעם ווילן צו לעבן ביי אַלע באַדינגונגען און פאַר יעדן פרייז. ער שטרייכט אונטער די דערהויבענע שיינע מאָמענטן אין דער קולטור־טעטיקייט פון געטאָ.

„די צוזאַמענבונדנקייט פון דער יידישער משפחה — שרייבט דער מחבר — די טרייקייט פון מאַן און פרוי און קינדער, און די דאָזיקע שווערלעכע איבערלעבענישן, זענען געווען אַ מאָסן־דערשיינונג". „מאָ־ראַלישע העלדן, מאָראַלישע קעמפער — שטעלט פעסט באַלבערישסקי — האָבן מיר געהאַט אַן אַ צאָל".

דער באַזונדערס שטאַרקער מאָראַלישער ווידערשטאַנד פון די ווילנער געטאָ־יידן האָט זיי געגעבן כוח ווייטער צו לעבן (די שרעקלעכסטע נגישות האָבן נישט געקאָנט זיי צעברעכן) און אויסדויער פונאַנדערצוּבלאָזן (באַקאַנט אויך פון אַנדערע גלויבווערדיקע מקורות) דעם פונק פון ווידערשטאַנד. דער פועל־יוצא פון דעם האַרטנעקיקן, גייסטיקן אָפּווער (אין דער פאָרעם פון פאַרלעזונגען, טעאַטער, געזאַנג אדג"ל אין געטאָ) איז געווען, אַז די מחנות, אין די ליטווישע, ווייסרוסישע וועלדער זענען געווען פול מיט הונדערטער ווילנער יידן.

די אמתדיקייט פון די טיפע איבערלעבענישן ווערט באַקרעפטיקט דורך אָפיציעלע געטאָ־דאָקומענטן, מיט וועלכע דער מחבר אילוסטרירט אַלע געביטן פון אינעווייניקסטן לעבן פון געטאָ. ער האָט אין משך פון 5 חדשים (דעצעמבער 1944 — מאַי 1945) קאָפּירט אין ווילנער מלוכה־מוזיי דאָקומענטן, וואָס שטאַמען פון פאַרשידענע אָפּטיילונגען אין דער יידישער געטאָ־פאַרוואַלטונג, דאַרונטער אָפיציעלע טאַבעלן וועגן אַ סך געביטן פון געטאָ־לעבן, ווי למשל: די טאַבעלע וואָס אילוס־טרירט דעם צוזאַמענשטעל פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע, די טאַבעלע פון די געטאָ־אָנגעשטעלטע (אין דער צווייטער העלפט 1942), ווייטער די טאַבעלן פון אַרבעט אין אַרבעט־אַמט, צוזאַמענגעשטעלט דורכן סטאַ־טיסטישן אַמט וועגן דער צאָל באַשעפטיקטע לויט „איינהייטן" (אין צווייטן האַלבן יאָר 1942). באַזונדערע טאַבעלן באַציִען זיך צו דער טעטיקייט פון די קיכן אין געטאָ אין ערשטן האַלבן יאָר 1942, צו

דער שפּיטאָל־טעטיקייט (באַוועגונג פון קראַנקע אין שפּיטאָל אין יאָר 1942), צו דער פאַרצווייגטער אַרבעט, וואָס די סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישע אָפּטיילונג האָט געפירט אין געטאָ. עס דאַרפן ווייטער דערמאָנט ווערן: דער באַריכט פון סטאַטיסטישן אַמט וועגן אַפּראָוויזאַציע־צושטאַנד (1 יאַנואַר — 30 יוני 1942), סטאַטיסטישע טאַבעלן פון ביכער־באַשטאַנד און פון אַרויסגעגעבענע ביכער, אין געטאָ־ביבליאָטעק, באַריכטן פון וויסנשאַפטלעכער אַרבעט ביי דער ביבליאָטעק אא"וו.

צום גרויסן באַדויערן זענען וויניק פאַרבליבן דאָקומענטן פון ווילנער געטאָ; דעריבער האָבן אַזאַ גרויסן ווערט און באַדייט די פאַרעפנטלעכטע דורכן מחבר דאָקומענטן און אָריגינעלע מאַטעריאַלן, צו וועלכע דער יידישער פאָרשער האָט היינט נישט קיין שום צוטריט.

די דאָזיקע באַמערקונגען זענען אויסן אונטערצושטרייכן די דאָקומענטאַציע־ווערטן פון בוך, אין וועלכן דער פלייסיקער לייענער און פאָרשער וועלן געפינען נייע מאַטעריאַלן און נייע אויפפאַסונגען.

כאַלבערישסקיס בוך איז איינס פון די וואָגיקסטע מקורות צו דער געשיכטע פון חורבן און ווידערשטאַנד, און אַ גאָר וויכטיקער מאָנומענט פאַר ירושלים דליטא בעת דעם בלוטיקן מבול, וואָס האָט אָפּגעווישט איינעם פון די באַדייטנדיקסטע יידישע צענטערס אין דער וועלט — אַ צענטער מיט 75 טויזנט יידן און אומשאַצבאַרע קולטור־אוצרות.

ד"ר יוסף קערמיש

## ביאָגראַפיע פון מאַג. מענדל באַלבערישסקי

געבוירן אין ירושלים דליטא, אין אַ באַלעבאַטיש פאַרמעגלעך הויז. ביז בר־מצווה געלערנט אין חדר. גלייכצייטיק באַזוכט די פאָלקסשול (נאַטשאַלנאָיע אוטשילישטשע). שפּעטער געלערנט אין גימנאַזיע און אַריינגעטראָטן אין אַן אַפּטייק אַלס אַפּטייק־שילער. אין יורעווער (דאָרפּאַט) אוניווערסיטעט אָפּגע־געבן די עקזאַמענס אויף אַפּטייק־געהילף. אין די יאָרן 1921 — 1923 שטודירט אין ווילנער אוניווערסיטעט פאַרמאַציע און געענדיקט אין וואַרשע אין 1928. אין ווילנע געלעבט ביזן 1925, אין דעם יאָר אַריבערגעפאָרן קיין לאָדזש. סיי אין ווילנע סיי אין לאָדזש, אַקטיוו געווען אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די פאַרמאַצעווטן־אָנגעשטעלטע. כסדר געווען אין די פאַרוואַלטונגען און פיל מאָל דעלעגאַט צו אַלפּוילישע צוזאַמענפאָרן פון די פאַרמאַצעווטן־אָנגעשטעלטע.

אין 1919 אַריינגעטראָטן אין די רייען פון דער יידישער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר צמח שאַבאַד ז״ל, שפּעטער אין דער יידישער דעמאָקראַטישער פאָלקס־פּאַרטיי. אין ביידע פּאַרטייען געווען זייער אַקטיוו און שטענדיק אין די אָנפירנדיקע אָרגאַנען. פון 1919 אַקטיוו אין דער יידישער פּרעסע. אין ווילנע געווען פּאָפּולער אַלס פּאָליטישער כראָניקער. מיטגעאַרבעט אין „ווילנער טאָג״ אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ניגער ע״ה, פּ. נאָוויק, בעקער און צום סוף פון זלמן רייזען ע״ה. אין לאָדזש געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „נייער לאָדזשער פאָלקסבלאַט״, מיטגעאַרבעט אין די פּאַרטיי־אָרגאַנען און אויך פאַרעפנטלעכט אין פּוילישע אַ היסטאָרישע אַרבעט וועגן דער אַנטשטייאונג פון אַפּטייק־וועזן אין לאָדזש, אַרויסגעגעבן דורך דעם פאַרבאַנד פון די פּוילישע אַפּטייקערס אין וואַרשע. מיטגעאַרבעט מיטן פאַרשטאָרבענעם היסטאָריקער און נאָענטן פריינט ד״ר פיליפּ פרידמאַן ע״ה, און אונטער זיין רעדאַקציע פאַרעפנטלעכט אַן עפּיזאָד־אַרבעט וועגן אַנטייל פון יידן אין פּוילישן אויפשטאַנד אין 1863.

אין ווילנע איז דעם 2־טן יולי 1922 געקומען דער שוואַרצמאַהדיקער פּראָפעסאָר יאַקסאַ כאַמיעץ און האָט גערופן צו אַ פּאָגראָם אויף יידן. כוליגאַנעס האָבן גלייך גענומען פּאָגראָמירן. דער דאַמאָלדיקער סטודענט מ. ב. האָט אַליין זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער צעיושעטער מאַסע, ביז ער איז געפאַלן

אויף דער דייטשער גאַס אַ פאַרוווּנדעטער. פון פיל דייטן זיינען אויך אַרויס ייִדישע יונגעלייט, האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און דער פּאָגראָם איז דערשטיקט געוואָרן נאָך איידער די פּאָליציי איז געקומען. מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז די זאַך געווען געניי באַשריבן אין „ווילנער טאָג" אונטערן טיטל: „דער העלדישער ווידערשטאַנד".

אין לאָדזש האָט מאַג׳ באַלבערישסקי אַנטוויקלט אַ ברייטער פאַרצווייגטע פּאָליטישע, כאַריטאַטיווע און קולטורעלע אַרבעט — הויפּטזעכלעך צווישן ייִדישע האַנטווערקער, קליינהענדלער, בעלי־עגלות און טרעגער. געווען מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון צענטראַלן האַנטווערקער־פאַרבאַנד אין פּוילן און אין לאָדזש אַקטיוו טעטיק אין דער האַנטווערקער־באַנק און האַנטווערקער־קאַמער. אין לויף פון יאָרן איז מאַג׳ ב. אַרויסגעטראָטן אויף אומצאָליקע מיטינגען ביי פּאָליטישע אַקציעס.

אַלס פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט „נותן לחם" אַנטוויקלט מאַג׳ מ. ב. אין די לעצטע פאַר־מלחמה יאָרן אַ גרויסע פילאַנטראָפּישע טעטיקייט. זיינע נאָענסטע מיטאַרבעטער זיינען געווען דער קאָנסול מאַקס קאָן (פון ווידזעווער פאַבריק), י. גלאַט פון דער גרויסער קוילן־פירמע, אַדוואָקאַט יוסף ווייצמאַן



**זיצונג פון צענטראַלן ייִדישן האַנטווערקער־פאַרבאַנד אין וואַרשע — 15.5.1938. ערשטער ביים פּרעזידיום־טיש זיצט (אינעם ראָנד) דער מחבר, מאַג. מ. באַלבערישסקי.**

און פיל אַנדערע, פון די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס דאָס ריזיקע יידישע לאָדזש האָט פאַרמאָגט.

מאַג׳ מ. ב. איז געווען דער ערשטער און אַ לאַנגע צייט דער איינציקער אין פּוילן, וואָס אַדאַנק זיין ענערגיע און פאַרבינדונגען האָט ער אַרויסבאַקומען פון דער פּוילישער רעגירונג סובסידיעס פאַר נויטבאַדערפטיקע יידן, דורך דער האַלב־אָפיציעלער מלוכהשער געזעלשאַפט „ווינטער הילף״. אַלס יידישער רעפּרעזענטאַנט איז ער געווען ביים מלוכה־פּרעזידענט אויף באַראַטונגען וועגן דער אַקציע. ווען ס׳איז פאָרגעקומען דער ערשטער גירוש פון דייטשלאַנד קיין זבאָנשין, איז מאַג׳ מ. ב. געווען איינער פון די 3 הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן (די אַנדערע צוויי זיינען געווען קאַנטאָר מאַקס קאָן און אַדוואָקאַט יוסף ווייצמאַן) פון דער ריזיקער הילפס־אַקציע, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דער געזעל. „נותן לחם״.

נאָכן פּאָגראָם אין בריסק אין 1937, איז מאַג׳ מ. ב. מיט נאָך צוויי פּערזאָן (גידשאָווסקי און אַדוו. י. ווייצמאַן) אַרויסגעפאָרן קיין בריסק מיט הילף פון די לאָדזשער יידן, ווו ער האָט מספיד געווען אויפן בית עולם דעם קרבן פון פּאָגראָם.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה איז וואַג׳ ב. אַנטלאָפן פון לאָדזש און אַריינגעפאַלן אין זיין היימשטאָט ווילנע. אַדאַנק זיינע פאַרבינדונגען מיט די



צענטראַלע סאַניטאַר־מעדיצינישע קאָמיסיע פאַר ווילנע און אומגעגנט, יאַנואַר 1923.
פון רעכטס: ד. ראָזענהויז, ד״ר ג. גרשון, מאַג. מ. באַלבערישסקי, ש. קאַמענעצקי.

העכסטע רעגירונג־פֿאַרשטייער פֿון קאָוונער ליטע איז אים געלונגען אויף אַ ווּנדערבאַרן, ממש פֿאַנטאַסטישן אופֿן, אַרויסצונעמען זיין פֿרוי און 2 קליינע קינדער פֿון אָקופּירטן לאָדזש (ענדע דעצעמבער 1939). ווען ווילנע האָט געהערט צו ליטע און אַפֿילו דערנאָך אין די צייטן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, האָט מאַג. ב. אַנטוויקלט אַ גרויסע הילפֿס־אַקציע פֿאַר די פּליטים פֿון לאָדזש און וואַרשע. דורכגעמאַכט דאָס ווילנער געטאָ און די טויט־לאַגערן אין עסטלאַנד איז מאַג. ב. געקומען צוריק אין ווילנע (נאָוועמבער 1944), וואָס געהערט איצט צום ראַטנפֿאַרבאַנד, און איז די הויפּטשטאָט פֿון דער ליטווישער רעפּובליק. דאָ ווערט מאַג. באַלבערישסקי גלייך באַשטימט אַלס אינספּעקטאָר איבער די אַפּטייקן אין ווילנע און אומגעגנט. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעפּאַטריאַציע קיין פּוילן, איז מאַג׳ ב., אין זומער 1945, אָנגעקומען צוריק קיין לאָדזש, ווו ער האָט געטראָפֿן זיין פֿרוי און טאָכטער, געראַטעוועטע פֿון דייטשע לאַגערן. אין לאָדזש איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס פֿאַרוואַלטער איבער די סאַניטאַר־מעדיצינישע „אונראַ״־סקלאַדעס, ווו ס׳האָט זיך געפֿונען די צענטראַלע פֿאַר פּוילן, ווייל וואַרשע איז געלעגן אין חורבות. לויט אַ ספּעציעלן דעקרעט פֿון רעפּאַטריאַציע־מיניסטער איז פֿאַר אים באַשטימט געוואָרן אַ מיניסטעריאַלע פּענסיע

שיפֿן מיט סחורה זיינען דורך אים איבערגענומען געוואָרן אָן שום דאָקומענטן, און ווען מיט העכער 3 יאָר שפּעטער האָט מאַג׳ ב. געמאָלדן, אַז ער פֿאָרט אַרויס קיין אויסלאַנד, האָט אַ ספּעציעלע מיניסטעריאַלע קאָמיסיע קאָנטראָלירט עטלעכע וואָכן די „אונראַ״־סקלאַדעס און אויסגעדריקט מאַג׳ ב. אַ דאַנק און אָנערקענונג, צושטעלנדיק אים צו אַ מלוכה־אויסצייכענונג.

מאַג׳ ב. האָט קיינמאָל ניט רעזיגנירט פֿון זיין פֿאַך־אַרבעט. פֿאַר דער מלחמה איז ער אויך אַ צייט געווען פֿאַרוואַלטער פֿון איינער פֿון די גרעסטע אַפּטייקן פֿון דער לאָדזשער קראַנקן־קאַסע, ווו עס האָבן געאַרבעט ביי 30 אַפּטייקערס און פֿיל אַדמיניסטראַציע־אַרבעטער.

קומענדיק קיין פּוילן נאָך דער מלחמה, האָט מאַג׳ ב. באַנייט די טעטיקייט פֿון דער יידישער פֿאָלקס־פּאַרטיי, לעגאַליזירט צוריק דעם האַנטווערקער־פֿאַרבאַנד און דעם קליינהענדלער־פֿאַראיין. דאָס האָט אַרויסגערופֿן קעגן אים דעם צאָרן פֿון די יידישע קאָמיטעטן, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז אַלע דאַרפֿן אַריבערגיין אויף קאָאָפּעראַטיווער אַרבעט. היות אָבער ווי די מלוכה האָט דאַן אָנערקענט קליינע פֿאַבריקלעך און קליינע פּריוואַטע געשעפֿטן, איז אַנטשטאַנען אַ ביטערער קאַמף קעגן אים פֿאַר זיין שטיצן די פּריוואַטע איניציאַטיוו — ניט מצד דער רעגירונג, נאָר מצד די יידישע קאָמיטעטן. אָבער מאַג. ב. האָט געהאַט זייער פֿיל פֿריינט אין די רייען פֿון דער פּוילישער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און



18־טער פאַרמאַצעווטן־צוזאַמענפאָר **אין וואַרשע.**
**ערשטער ליניקס, ביים פרעזידיום־טיש — מ. באַלבערישסקי.**

ספעציעל פון די פוילישע סאָציאַליסטן (פ.פ.ס.). אַדאַנק די פאַרבינדונגען האָט ער דאָן געראַטעוועט הונדערטער יידישע (און אויך ניט־יידישע) פריוואַטע אונטערנע־מונגען פון אונטערגאַנג. ניט קוקנדיק אויף די שטערונגען פון די קאָמיטעטן, האָט מאַג׳ ב. אַרויסבאַקומען פאַר די פריוואַטע וואַרשטאַטן האַנטווערקער־קאַרטן און אַפילו צוטיילונגען פון רוי־שטאָפן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די הענט פון די מלוכהשע מאַגאַזינען.

ענדע פעברואַר 1949 האָט ב. מיט זיין פאַמיליע פאַרלאָזן פוילן. 9 חדשים געלעבט אין פאַריז, וווּ ער האָט אויך אַנטוויקלט פּאָליטישע און קולטור־טעטיקייט, אַרויסטרעטנדיק אויף פיל עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען צוזאַמען מיט יידישע שרייבער און קולטור־טוער.

זייענדיק אין ווילנע נאָך דער באַפרייאונג (נאָוועמבער 1944—מאַי 1945) האָט מאַג׳ ב. געאַרבעט אין יידישן מוזעאום, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך ש. קאַטשערגינסקי ע״ה.

אין אויסטראַליע איז מאַג׳ מ. באַלבערישסקי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוכר־ספרים. זיין יידישע בוכהאַנדלונג איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ הויכער געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער מדרגה. זיין געשעפט איז כמעט

אַ וויכטיקע יידישע פֿאָלקס־אינסטיטוציע. פֿון ערשטן מאָמענט אָן פֿון זיין קומען קיין אויסטראַליע האָט מאָג׳ ב. זיך אַריינגעוואָרפֿן אין אַקטיווער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט. אין 1950 האָט ער געגרינדעט דעם קאָצעטלער־פֿאַרבאַנד און געווען זיין פּרעזידענט ביזן 1963, ווען ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס ערן־פּרעזידענט. פֿאַר די יאָרן זיינען דורכגעפֿירט געוואָרן גרויסע אַקציעס און פֿאַרשיידענע דעמאָנסטראַציעס קעגן דייטשלאַנד ווי אויך אַ ריזיקע הילפֿס־אַרבעטביים אַרויסבאַקומען פֿון דייטשלאַנד ווידערגוטמאַכונג און אַנטשע־דיקונגען פֿאַר די קרבנות פֿון נאַצי־רעזשים. מאַג. ב. איז זייער אַקטיוו אין „באַארד אָף דעפּיוטיס״, מיט זיין אַריינטריט האָט מען דאָ אָנגעהויבן ריידן פּסאַביל יידיש, ער איז אויך אַקטיוו ביי אַלע אַרט יידישע אונטערנעמונגען, אויך אין דער יידישער פּרעסע.




קיילטור־קאָנפֿערענץ, 16.5.49, אין פּאַריז, מיט דער באַטייליקונג פֿון יעקב פּאַט פֿון אַמעריקע. מאַג. באַלבערישסקי האַלט זיין פֿאַרטראַג.

# אַרײַנפֿיר

מײַן אַרבעט הייסט „שטאַרקער פֿון אײַזן", ווײַל איך גלויב, אַז דאָס איז דאָס פּאַסיקסטע וואָרט, מיט וועלכן מען קען באַצייכענען די איבערלעבונגען פֿון אַ ייִדישער משפּחה אין דער טראַגישער היטלער־תּקופֿה.

יאָ, שטאַרקער פֿון אײַזן האָט מען געמוזט זײַן, כּדי צו קענען פֿיזיש אויסהאַלטן אַלע גזירות רעות, צרות, פּורעניות און אומגליקן, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף אונדזערע קעפּ.

מען האָט געמוזט זײַן פֿון אײַזן, כּדי אויסצוהאַלטן די קלעפּ פֿון „די גוטע טאָד־דײַטשן" בײַ די קאַטאָרזשנע אַרבעטן, אויפֿצוהאַלטן דעם פֿון הונגער געשוואָלענעם קערפּער, אויסצוהאַלטן די גריזשעניש פֿון לײַז און וואַנצן און דאָס שטיין פֿון פֿאַרטאָג ביז אין דער נאַכט אַרײַן אין רעגנס, שנייען, שרעקלעכע זאַווערוכעס, ווינטן, קעלטן און היצן, בײַ די שווערסטע און שמוציקסטע פֿיזישע אַרבעטן.

מען האָט געדאַרפֿט זײַן פֿון אײַזן־בעטאָן, כּדי ניט אײַנצוברעכן זיך, ניט נאָר פֿיזיש, נאָר אויך מאָראַליש בײַם צוזען די יסורים פֿון דער אַלטער מאַמען, פֿון דער פֿרוי און די הילפֿלאָזיקייט פֿון די קליינע קינדער, וועלכע זײַנען פֿלוצלינג פֿון אַ שיינעם, קולטורעלן, מאַטעריעל־געזיכערטן לעבן, אַרײַנגעוואָרפֿן געוואָרן אין אַ תּהום פֿון נויט, דחקות, שמוץ, הונגער און שווידערלעכסטע דערנידעריקונגען.

יאָ, שטאַרקער פֿון אײַזן האָט מען געמוזט זײַן, כּדי צוצוזען דעם צער און טויט־שרעק אין די אויגן פֿון יעדן משפּחה־מיטגליד און ספּעציעל פֿון די קינדער, וועלכע זײַנען געצוווּנגען געוואָרן, פֿאַר דער צײַט, צו פֿאַרשטיין זאַכן, וועלכע אַפֿילו גרויסע, שוין אַ לעבן אָפּ־געלעבטע מענטשן, האָבן מיטן שׂכל ניט געקענט באַגרײַפֿן.

יאָ, שטאַרקער פֿון אײַזן האָט מען געמוזט זײַן, כּדי ניט צו פֿאַרלירן דעם מענטשלעכן פּנים, דעם צלם־אלוהים, צוזעענדיק אַרום זיך דעם חורבן פֿון פֿאָלק.

איך באַשרײַב די געשעענישן אַזוי ווי זיי זײַנען זיך פֿאַרלאָפֿן פֿאַר מײַנע אויגן. איך גיי אין מײַן געשיכטלעכער אַרבעט ניט לויט עפּיזאָדן,

נאָר לויט כראָנאָלאָגישן סדר. איך באַשרייב דעם פּשוטן טאָג־טעגלעכן לעבן, אַזוי ווי איך, מיין משפּחה און דאָס רוב יידן האָבן די תקופה דורכגעלעבט. דעריבער זאָל זיך דער לעזער ניט וווּנדערן אויב אַ ריי זייער וויכטיקע מאָמענטן פון יידישן לעבן זיינען ניט באַרירט, ווי: רעליגיע אין געטאָ, קאַמף־אָרגאַניזאַציע א. א. וו. איך ווייס, אַז אין געטאָ זיינען געווען רבנים, שולן, ישיבות, מען האָט געדאַווּנט און געלערנט. איך האָב געזען אַ דאָקומענט — אַ ווענדונג פון הרב יאַקאָבסאָן, פון 27סטן יולי 1942, צו דער געטאָ־פאַרוואַלטונג זיי זאָלן באַזאָרגן די לערנער מיט ספרים. ס'איז אויך געווען אַ גרויסע כשרע קיך וכד'.

וועגן דעם, אַז אין געטאָ איז פאַראַן אַ קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָב איך זיך דערוווּסט אין מאָמענט פון די וויטענבערג־געשעענישן. דער פאַל וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט מיט אירע אייגענע הענט אַרויסגעגעבן איר גרינדער און קאָמענדאַנט דער „געשטאַפּאָ", איז ניט געווען קיין צופעליקע זאַך, נאָר אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער טעטיקייט פון אַלע פאַרטיי־טוער אין געטאָ, וועגן וואָס איך שרייב גענוי אין קאַפּיטל „דער וויטענבערג־טאָג".

אין די דאָזיקע געשעענישן, ווי אין אַ סך אַנדערע, האָב איך קיין דירעקטן אָנטייל ניט גענומען, דעריבער שרייב איך וועגן זיי ווייניק. איך שרייב איבערהויפּט ניט קיין געשיכטע און אַוודאי ניט די געשיכטע פון דער היטלער־תקופה אָדער געטאָס. מיין איצטיקע אַרבעט איז בלויז מאַטעריאַל צו דער דאָזיקער געשיכטע. דאַקעגן ברענג איך אַ ריי אָפּיציעלע מאַטעריאַלן פון געטאָ־לעבן, דאָקומענטן וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין געטאָ דורך פאַרשיידענע אָפּטיילונגען פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג.

*

די היטלער־תקופה האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן מיט אַרויסטרעטונגען אויף גרויסע פּראָטעסט־מיטינגען און מיט אַרטיקלען אין דער פּרעסע, רופנדיק צו באָיקאָט קעגן היטלער־דייטשלאַנד. ליידער איז די באָיקאָט־אַקציע, וועלכע האָט זיך זייער שטאַרק גענומען פאַרשפּרייטן ניט נאָר אין פּוילן, נאָר אויך אין אַ ריי אַנדערע לענדער, געבראָכן געוואָרן אַ דאַנק דעם טראַנספער־אָפּמאַך, וואָס האָט דאַן אַרויסגערופן אַ געוואַלטיקע פאַרביטערונג ביים יידישן פאָלק. אַ די־

רעקטע, ממשותדיקע אַרבעט האָב איך אָנגעהויבן מיט דער זבאָנשין־אַקציע. געשען איז דאָס אַזוי.

שבת, דעם 8טן אָקטאָבער 1938, האָט צו מיר אין אַפטייק אָנגעקלונגען דער וויצע־פּרעזידענט פון דער גרויסער פילאַנטראָפּישער אינסטיטוציע אין לאָדזש „נותן־לחם", קאָנסול מאַקס קאָן, און מיך געבעטן תיכף קומען צו אים, ווייל „עס האָט עטוואָס שרעקלעכס פּאַסירט". ווען כ׳בין געקומען צו אים אין זיין רייכן און גרויסאַרטיקן פּאַלאַץ אין ווידזעוו, האָט ער מיר איבערגעגעבן אָט וואָס: איך האָב באַקומען אַ טעלעפאָנישע ידיעה פון וואַרשע פון מיין שווער פּראָפעסאָר שאָר, אַז די היטלער־מאַכט האָט אין מיטן דער נאַכט אַרויסגענומען ביי 20 טויזנט יידן — וועלכע לעבן שוין לאַנגע יאָרן אין דייטשלאַנד — מיט פּעסער אַלס פּוילישע בירגער, ביי וועלכע די אַנטיסעמיטישע פּוילישע רעגירונג האָט צוגענומען מיט געציילטע טעג פריער די בירגער־שאַפט, ווייל זיי זיינען שוין מער ווי 5 יאָר אויסערן לאַנד, און אַרויס־געפירט זיי צו דער דייטשיש־פּוילישער גרענעץ, אין שטעטל זבאָנשין. מען פירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער פּוילישער רעגירונג וועגן אַריינ־לאָזן זיי קיין פּוילן. דערווייל געפינען זיך אַלע אונטערן פרייען הימל, ממש אויף גאָטס באַראָט. מען מוז האָבן תיכף הילף און זיין גרייט גלייך אַריינצונעמען קיין לאָדזש ביי 2500 פּליטים. מעגלעך, אַז די ערשטע טראַנספּאָרטן זאָלן שוין היינט ביינאַכט זיין אין לאָדזש. קאָנסול קאָן האָט גלייך מאָביליזירט דעם גאַנצן טראַנספּאָרט־אַפּאַראַט וואָס די ריזיקע ווידזעווער מאַנופאַקטור האָט געהאַט, און איך אַלס פּרעזידענט פון „נותן לחם" האָב מאָביליזירט די פאַרוואַלטונג און אַ ריי אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן — אין משך פון אַ האַלבן טאָג האָבן מיר שוין געהאַט גרייט אַ ריי לאָקאַלן מיט בעטן, מאַטראַצן, שטרוי־זעק, וועש א. א. מיר האָבן גלייכצייטיק איינגעזאַמלט אַ גרויסע צאָל פּראָדוקטן אין קיך פון „נותן לחם". ביינאַכט האָבן מיר שוין אַראָפּ־גענומען די ערשטע וואַגאָנען מיט פּליטים און אַריינגעפירט אין „נותן לחם". דאָס געסל סאָלנע ביי פּאָמאָרסקע איז שוואַרץ געוואָרן פון טויזנטער יידן, וועלכע האָבן געבראַכט וועש, בעטגעוואַנט, פּראָדוקטן און געלט. די קעסלען האָבן געקאָכט. נאָכן אָפּרוען זיך, האָט מען פונאַנדערגעפירט די געקומענע אויף נאַכטלעגער. אַזוי האָט דאָס יידישע לאָדזש אַריינגענומען אין משך פון אַ פּאָר טעג ביז 2500 פּערזאָן. אייניקע פון די אָנגעקומענע האָבן געהאַט משפחה, פריינט און געוויסע ווערטזאַכן, זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט פּריוואַט. די גאַנצע מאַסע איז

אָבער געבליבן זייער לאַנג אויף דער הילף פון דער געזעלשאַפט. די ערשטע 8—10 טעג איז די גאַנצע אַקציע געלעגן אין אונדזערע הענט. ערשט דאַן האָט זיך געגרינדעט אַן אַלגעמיינער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט, וועלכער האָט קאָאָרדינירט די אַרבעט און געשאַפן די נויטיקע געלטער פאַר דער ריזיקער הילפס־אַקציע. צווישן די אַקטיווי־סטע טוער אין „נותן לחם“ זיינען געווען: אַדוו. יוסף ווייצמאַן, יוזעף גלאַס (פון דער גרויסער קוילן־פירמע), לעוושטיין, דוד יוזעפאָוויטש, ד. ראַבינאָוויטש, דירעקטאָר פון דער ווידזעווער פירמע און פיל אַנדערע. עס האָט זיך אויך געשאַפן אַ גרויסער דאַמען־קאָמיטעט בראש מיט מיין פרוי, פרוי קאָן, גלאַס און פיל אַנדערע פראָמינענטע פערזענלעכ־קייטן פון שטאָט.

אַחוץ דעם האָט דער קאָמיטעט אַרויסגעשיקט גרויסע טראַנס־פּאָרטן וועש, קליידער, פּראָדוקטן, מעדיקאַמענטן א. א. קיין זבאָנשין, וווּ עס זיינען נאָך געבליבן טויזנטער אומגליקלעכע צעבראָכענע נפשות.

שפּעטערצו האָט מען די פּליטים געגעבן געלט, אַז זיי זאָלן ניט דאַרפן אָנקומען צו געזעלשאַפטן, נאָר קענען זיך אויסהאַלטן אויף אַ פּריוואַטן אופן. די פּליטים זיינען געווען פאַרמעגלעכע מענטשן, נאָר זייער גאַנץ פאַרמעגן איז געבליבן אין דייטשלאַנד און מיט זיך האָבן זיי גאָרניט באַוויזן צו נעמען. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז פאָר־געקומען אַ טומל ערב פּסח 1939. צו מיר איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון די פּליטים און געבעטן, אַז מען זאָל זיי געבן געלט אויף פּסח, אָנשטאָט איינצואָרדענען גרויסע סדרים און קיכן — „מיר ווילן יום־טוב זיין מיט זיך אַליין און ניט ביי גרויסע אַלגעמיינע טישן מיט פאַר־שיידענע מענטשן“. איך האָב זיי דערקלערט, אַז „נותן לחם“ וועט געבן יעדן געלט אָנשטאָט פּראָדוקטן, אָבער די גרעסטע צאָל ווערט באַזאָרגט דורך דער קהילה, און מען מוז זיך ווענדן דעם ווענדן צום פּרעזידענט פון דער קהילה, דעפּוטאַט ל. מינצבערג. מינצבערג האָט מיך מיט דער דעלעגאַציע אויפגענומען און קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז דאָס קען ער ניט טאָן, ווייל עס וועט קאָסטן צו טייער. קיין שום אַרגומענטן, קיין שום בקשות פון די פּליטים האָבן ניט געהאָלפן. אויפהויבנדיק זיך פון די ערטער פאַרביטערטע פון אַזאַ ניט־מענטשלעכן צוגאַנג, רופט זיך אָפּ איינער פון די דייטשישע פּליטים: „הער פּרעזי־דענט, איר קענט ניט דערלאָזן, אַז מיר זאָלן האָבן דאָס פאַרגעניגן צו זיין יום־טוב מיט זיך אַליין, ווינטש איך אייך, אַז איבער אַ יאָר אין דער צייט זאָלט איר זיין אין אונדזער לאַגע...“

דער ווונטש איז מקויים געוואָרן...

אַ צווייטער מאָמענט אויך פון ערב פסח: יאָר איין — יאָר אויס פלעג איך באַקומען אין דער ווידזעווער מאַנופאַקטור העכער 5,000 זלאָטעס אויף מעות־חיטין פון די דירעקטאָרן און פון קאָנסול מ. קאָן, דער הויפּט פון דער פירמע, ר׳ אשר קאָן, פלעגט מיר פּערזענלעך געבן 400 זלאָטעס. ערב פסח בין איך ביי אים געווען און געבעטן די סומע. פּרעזידענט קאָן האָט אָבער גענומען מיט מיר ריידן, אַז איך זאָל ווירקן אויף זיין זון, דעם קאָנסול, אַז ער זאָל אָפּשטעלן קעגן אים די געריכטס־פּאַרהאַנדלונגען, ווייל דאָס וועט זיי אַלעמען רואינירן און ספּעציעל אים, דעם זון. שטאַרק חשק אַריינצומישן זיך אין פאַרפּלאָנ־טערטע פאַמיליע־חשבונות האָב איך ניט געהאַט, אָבער איך האָב צוגעזאָגט צו רעדן מיטן זון, וועלכער איז געווען מיט מיר זייער באַפריינדעט. קיין געלט, האָט מיר דער פּרעזידענט דערקלערט, קען ער מיר ניט געבן, ווייל ער האָט היינט אַליין געליען פאַר דער פרוי אויף יום־טוב... קיין געלט האָב איך ניט באַקומען. אָבער אין אָוונט פאַרן סדר, האָט אַ ספּעציעלער קוריער אין אַ פּרעכטיקער קאַרעטע געבראַכט צו מיר אין שטוב אַ מתנה, דעם ספר „מעדני מלך“, וואָס אשר קאָן האָט פאַרפאַסט (אַ פּירוש אויף משלי), מיט אַ פאָרוואָרט פון הלל צייטלין מיט אַ שיינער דעדיקאַציע.

מיט די פּליטים האָבן מיר זיך פאַרנומען כמעט ביזן אויסברוך פון דער מלחמה. ס׳איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מעשה זבאָנשין, האָט הערשל גרינשפּאַן דערשאָסן אין פּאַריז דעם סעקרעטאַר פון דער דייטשישער אַמבאַסאַדע ערנסט פאָן ראט. גרינשפּאַנס עלטערן זיינען אין דער זעלבער צייט דעפּאָרטירט געוואָרן אַלס שטאַטסלאָזע. אויף דעם שאָס האָבן די דייטשן אָפּגעענטפערט מיט אַ שווידערלעכן פּאָגראָם אין דייטשלאַנד.

*

מיין אַרבעט פאַרנעמט זיך אין גרעסטן טייל מיט ווילנע. וועגן ווילנע אין דער היטלער־תקופה זיינען פאַראַן עטלעכע גרויסע ביכער פון פּראָפעסיאָנעלע שרייבער. דאָך גיבן זיי אַלע צוזאַמען ניט קיין פולן באַריכט וואָס ווילנער יידן האָבן דורכגעמאַכט אין דער צייט. איך וועל אָנווייזן בלויז אויף אייניקע זייער וויכטיקע געשעענישן וואָס פעלן אין זייערע שאַפונגען: די פּאַסירונגען אין דעם קליינעם געטאָ,

ווּהין עס זיינען אַריינגעטריבן געוואָרן ביז 10 טויזנט יידן און אין משך פון עטלעכע וואָכן זיינען ביי 9 טויזנט אומגעבראַכט געוואָרן.

דאָס זעלבע איז אויך נוגע אַ ריי אָפיציעלע טאַבעלן וועגן פאַר־שיידענע געביטן פון געטאָ־לעבן. דערביי איז דער וויכטיקסטער מאָ־מענט, וואָס די אַלע שרייבער זיינען אַוועק פון געטאָ כמעט אַ חודש פאַר דער ליקווידאַציע, האָבן זיי ממילא ניט געזען די לעצטע אומקום־אַקציעס פון ווילנער יידנטום אין ווילנע גופא. איך בין דאָרט יאָ געווען און אין מיינע הענט געהאַט אַ גרויסע צאָל פון אָפיציעלע געטאָ־דאָקומענטן, וועלכע איך ברענג איצט אין מיין אַרבעט.

איך האָב געשריבן דאָס, וואָס איך האָב געזען און איבערגעלעבט. אין אויסנאַם־פאַלן דאָס, וואָס זייער באַגלויבטע פערזאָנען האָבן מיר איבערגעגעבן. ספּעציעל האָב איך זיך אָפּגעגעבן מיט די אָפיציעלע געטאָ־מאַטעריאַלן, וועלכע איך האָב נאָך דער באַפרייאונג באַקומען פון ווילנער מלוכה־מוזיי, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורכן פּריצייטיק אומגעקומענעם ש. קאַטשערגינסקי ע"ה. איך האָב אין משך פון פינף חדשים (דעצעמבער 1944 — מאַי 1945) זיי קאָפּירט אין ווילנע. איך גלאָריפיציר ניט קיינעם און טאַדל אויך ניט קיינעם. איך זאָג בלויז אין געוויסע פאַלן אַרויס מיין מיינונג, גיב איבער דעם איינדרוק, וואָס די אָדער יענע פּאַסירונג האָט אויף מיר געמאַכט אין יענע מאָמענטן. עס האָט ניט פיל געפעלט, אַז איך אַליין זאָל געהערן צו אַ קאָמיטעט אָדער צו אַ ראַט, און איך ווייס ניט ווי אַזוי איך וואָלט געהאַנדלט ביי דער אָדער יענער לאַגע. מיין מזל האָט מיך אויסגעהיטן פון געשטעלט ווערן פאַר אַזאַ נסיון. איך האָב געהאַלטן, אַז אין דער ערשטער ריי ליגט אויף מיר דער חוב צו טאָן אַלץ, כדי צו ראַטעווען מיינע משפחה־מיטגלידער. דאַן האָב איך די גאַנצע צייט כסדר, לויט די מעגלעכקייטן, צוגעלייגט מיינע הענט צו העלפן און פאַרלייכטערן דעם גורל פון יעדן ייד, באַקאַנטן און ניט באַקאַנטן. מיין שטוב און מיין געזונט זיינען שטענדיק געשטאַנען צום דינסט פאַר יעדן, ווי אויך מיין שוועסטער (איינע פון דריי) וואָס האָט אַליין געדאַרפט הילף.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך מיט מיין פרוי און צוויי קינדער האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון דער גרויל־תקופה. מיין מאַמע, ליבע (געב. שוואַרץ) איז פון אונדז אַרויסגעריסן געוואָרן, ממש אין לעצטן מאָמענט, בשעת דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ. וואַרשיינלעך איז זי אומגעבראַכט געוואָרן אין מיידאַנעק. מיין ברודער הלל איז

מיט זיין משפחה אומגעקומען אין איוויע (ווייסרוסלאַנד), איין שוועס־טער, שרה מאַרגאָוויצקי מיט איר משפחה — אומגעקומען אין טאַגאַנ־ראָג (ראַטנפאַרבאַנד); אַ צווייטע שוועסטער, בריינע פויזנער, מיט דער משפחה — אומגעבראַכט אין לעפעל (ווייסרוסלאַנד). עס זיינען אויך אומגעקומען אַלע מיטגלידער פון מיין פרויס משפחה: איר ברודער, אבא אשכנזי מיט זיין משפחה, אין אוטיאן (ליטע), איר שוועסטער, חנה לעווין מיטן מאַן און קינד, אין קאָוונע (ליטע). עס זיינען אויך אומגעקומען — די משפחה פון מיין שוואָגער ירחמיאל ראַכמילעוויטש, מיין מומע רבקה שוואַרץ, מיין קוזינע דאָראַ פאַפּ און איר מאַן ד״ר פאַפּ, מיין קוזינעס טאָכטער שושנה קולביס און די משפחות פון מיין צווייטער מומע — זאַוועלס.

✶

מיט יראת הכבוד דערמאָן איך אויך מיינע פריינט און לעבנס־וועגווייזער: ד״ר יעקב וויגאָדסקי, ד״ר גרשוני גריגאָרי, אַדוו. פּראָפעסאָר נח פּרילוצקי, אַדוו. יוסף ווייצמאַן און מיינע אַלע אַנדערע פאַרטיי־חברים ווי אויך מיינע קאָלעגן אַפּטייקערס אין ליטע און אין פוילן.

✶

זאָל די דאָזיקע אַרבעט זיין זייער מצבה און אַן אָנדענק־מאָנומענט פאַר אַלע אונדזערע קדושים וטהורים, וואָס זיינען פאַרשניטן געוואָרן דורך דעם מערדערישן דייטשישן פאָלק און אַלע זיינע מיטהעלפער.

כבוד זייער אָנדענק!

אַ וויסטע קללה אויף די קעפּ פון די מערדער!

דער מחבר

# דער אנהויב פון סוף

(לאָדזש, אויגוסט 1939)

## מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ אָפּמאַך

ווי אַ דונער פון לויטערן הימל, האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט די ידיעה, אַז אין דער נאַכט פון 23טן אויפן 24טן אויגוסט 1939 איז אין מאָסקווע געשלאָסן געוואָרן אַ ניט־אָנגריפס־פּאַקט אויף 10 יאָר צווישן דייטשלאַנד און ראַטנפאַרבאַנד. מען האָט בשום אופן, אין ערשטן מאָמענט, ניט געקענט באַגרייפן, וואָס אייגנטלעך איז דאָ פאָרגעקומען. מען האָט געוווּסט, אַז אין מאָסקווע זיצט אַן ענגלישע און פראַנצויזישע דיפּלאָמאַטן־קאָמיסיע זייט לאַנגע וואָכן, פירט אונטערהאַנדלונגען, זוכט וועגן, וויאַזוי זיך צונויפצוגרייטן מיטן ראַטנפאַרבאַנד, כדי אויסצומיידן אַ נייע וועלט־מלחמה. אמת, מען האָט אויך געוווּסט, אַז די אונטערהאַנדלונגען גייען צו זייער שווער, ציען זיך לאַנג, אָבער מען האָט קיין אַנונג ניט געהאַט, אַז הינטער די פּלייצעס פון דער ענגלישער און פראַנצויזישער מיסיע, איז אין די לעצטע עטלעכע טעג אָנגעקומען קיין מאָסקווע דער דייטשישער אויסערן־מיניסטער פאָן ריבענטראָפּ, און מיט איין קלאַפּ, גלייך זיך דערערעדט און גלייך אַ ניט־אַגרעסיע־אָפּמאַך אונטערגעשריבן.

דאָס האָט די וועלט געטראָפן ווי אַ דונער!

אָט אַזוי האָט די גאַנצע וועלט אויפגענומען די טרויעריקע, שרעקלעכע ידיעה. דער ברייטער עולם, האָט פאַראויסגעפילט, אַז דער אָפּמאַך גיט היטלערן פרייע הענט אויף אָנצוהויבן אַ נייע, ריזיקע וועלט־שריפה. די שטימונג איז געוואָרן אַ געוואַלטיק נערוועזע און אומרואיקע, ספּעציעל צווישן יידן.

## די שטימונג ערב דער מלחמה

די שטילע מאָביליזאַציע, וואָס איז זייט אַ צייט אָנגעגאַנגען אין לאַנד, איז נאָך מער אויסגעברייטערט געוואָרן. יעדן טאָג פלעגן אַלץ מער און מער פערזאָנען באַקומען אינדיווידועלע אויפפאָדערונגען צו שטעלן זיך צום מיליטער־דינסט. די ציווילע באַפעלקערונג האָט מען אויך גענומען גרייטן צום מלחמה־געדאַנק. אין גאַנצן לאַנד זיינען פאָרגעקומען פאַרלעזונגען, וויאַזוי זיך צו פאַרהיטן פון אַ לופט־גאַז־אַטאַק, וויאַזוי זיך צו באַגיין מיט די גאַז־מאַסקעס,

וועלכע מען האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן דער באַפעלקערונג. אָבער די צאָל גאַז־מאַסקעס איז ניט געווען גענוגנדיק פאַר אַלעמען. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלטיקע דענערווירונג און פאַרביטערונג ביי דער באַפעלקערונג. אויב שוין אין ערשטן מאָמענט איז קיין גאַז־מאַסקעס ניטאָ, קען מען זיך לייכט פאָרשטעלן, ווי אַזוי אונדזער גאַנצע באַוואָפענונג זעט אויס — האָט מען צווישן זיך גערעדט!

ניט באַקומענדיק קיין מאַסקעס, האָט די ציווילע באַפעלקערונג זיך אַ וואָרף געטאָן אין די אַפּטייקן און גענומען אויסקויפן גאַזע און אַנדערע באַנדאַזש־שטאָפן, ווי אויך כלערליי מעדיקאַמענטן. אינסטיטוציעס האָבן אַרויסגעגעבן אַ געוויסע צאָל מאַסקעס פאַר זייערע מיטאַרבעטער, אָבער ניט פאַר אַלעמען. אין פּריוואַטן האַנדל איז דער פּרייז פון אַ מאַסקע דערגאַנגען ביז הונדערט זלאָטעס (11 דאָלאַר)!

דעם 23סטן אויגוסט האָב איך געהאַלטן אין לאָקאַל פון דער יידישער דעמאָקראַטישער פאָלקס־פּאַרטיי (וואָלטשאַנסקי 21) אַ לעקציע: „ווי אַזוי מען שיצט זיך פון אַ גאַז־אַטאַק".

אין צוויי טעג שפּעטער, האָט דער שטאָט־פּרעזידענט קוואַפּינסקי אַרויס־געגעבן אַן אויפרוף צו דער באַפעלקערונג, מען זאָל תיכף צוטרעטן צום בויען שוץ־גרובנס. די גאַנצע באַפעלקערונג פון שטאָט איז אַרויס מיט לאָפּעטעס, קירקעס, העק און אַנדערע מכשירים. וו נאָר ס'איז געווען אַ פרייער פּלאַץ — האָט מען געגראָבן. די גריבער פלעגט מען גראָבן זיג־זאַגיש, די ווענט אויסגעלייגט מיט ברעטער, פון אויבן פאַרפעסטיקט מיט בעלקעס און ברעטער און דאָס מאַסקירט מיט צווייגן און גראָז. געאַרבעט האָט מען ערנסט, פלייסיק, יעדער האָט מיט זיין אַרבעט געוואָלט אַריינלייגן די מלחמה אין דער ערד אַריין מיט היטלערן צוזאַמען... ווען איין גרוב איז פאַרטיק געוואָרן, רופט זיך אָפּ דער אַפּטייקער גראָדזענסקי: חברים! אָט איז דער גרוב פאַר היטלערן, לאָמיר זאָגן „יתגדל ויתקדש"... ביי אַ גאַנצער ריי אַנדערע גריבער האָבן יידן דאָס זעלבע געטאָן...

מען האָט זיך געוויצלט, אָבער אויפן האַרצן איז געווען פינצטער און ביטער. מען האָט זיך זייער גוט אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון דעם, וואָס עס הייסט — מלחמה! געוויסע פּאָליאַקן, וועלכע האָבן מיט אונדז געאַרבעט, האָבן קריגעריש געפּראַלט: „אָ! מיר וועלן אים ווייזן, זאָל ער נאָר אָנהויבן!"

נאָך דער אַרבעט בין איך אָוועקגעפאָרן צו מיין פאַמיליע אויף דער זומער־וווינונג — אין ווישניאָווע־גורע*. איך קום אַרויף אויף אונדזער הויף און

* ווישניאָווע־גורע איז געווען דאָס באַליבטסטע זומער־וווינונג־אָרט פון די אָרטאָדאָקסישע און ספּעציעל חסידישע יידן, נישט ווייט פון לאָדזש.

ס'לויפן מיר אַנטקעגן מײַנע בני־בית און די שכנים מיט אַ געשריי: „אָ, גוט מאַגיסטער, וואָס איר זייט דאָ, מיר בויען אַ שוץ־גרובן!"

איך קום צו נענטער און זע, אַז זייער אַרבעט טויג אויף כפרות, דער הויפּט־אינזשיניער איז אַ דייטש, דער סטרוזש פון הויף, און ער פירט דאָס אָן מיט דער אַרבעט! אַזוי ווי איך בין געקומען פון אַן ענלעכער אַרבעט, האָב איך זיך שוין געהאַלטן פאַר אַ ספּעץ. איך האָב איבערגענומען די אָנפירערשאַפט, מען האָט גלייך צוזאַמענגעקליבן אַ גרעסערע סומע געלט, געקויפט ברעטער מיט בעלקעס, די אַרבעט האָט געברענט אונטער די הענט! קינד־און־קייט האָבן געאַרבעט! אונדזערע דאַמען האָבן, מיט זייערע צאַרטע, מאַניקירטע, פּאָקער־הענטלעך, געגראָבן, צוגענומען דעם זאַמד, געטראָגן צווייגן. ערנסט און שווער האָבן געאַרבעט די חסידישע ייִדן. אַז אונדזערע שוץ־גרובנס זײַנען פאַרטיק געוואָרן, האָבן די חסידים געטאָן דאָס זעלבע, וואָס די ייִדן אין די שטעט: געזאָגט קדיש נאָך היטלערן.

דעם אָוונט האָט מען געפּרוּווט פאַרברענגען, ווי אַלעמאָל: מיט שפּילן פּאָקער, אָבער עס האָט זיך ניט געקלייעט. די שטימונג איז געווען אַן אַנדערע, ניט די וואָס אין די פריערדיקע זונטיקדיקע אָוונטן!

מאָנטיק פרי (26.8) זײַנען מיר, אַלע מענער, ווי געוויינלעך, אַרויסגעפאָרן אין שטאָט צו דער אַרבעט, די פרויען און קינדער זײַנען געבליבן אויף דער זומער־וווינונג.

קומענדיק אין שטאָט האָבן מיר דערפילט, אַז די שטימונג ווערט געשפּאַנטער, פון מינוט צו מינוט. אויף דער באַפעלקערונג איז אַרויף אַ נייע כוואַליע אַרבעט: אַרומקלעבן מיט שמאָלע פּאַסן פּאַפּיר די שויבן פון די פענצטער צו שיצן זיי פון „באָמבעס־אויפטרייסלונגען". אַלע שטאָט־פענצטער זײַנען פאַרקלעבט געוואָרן זיג־זאַגיש מיט שמאָלע פּאַפּיר־פּאַסן. כאַראַקטעריסטיש, אַז אין יעדער אַרבעט האָט מען אַרײַנגעלייגט פיל מי, ווי מען וואָלט געוואָלט אָפּקומען מיט דער אַרבעט. זאָל דאָס אַלץ זײַן אַ כפּרה פאַר אונדז!...

### די ערשטע מלחמה־טעג

פרייטיק פאַרטאָג (1.9.) איז פּוילן, אומדערוואַרטעט, פאַרוואָרפן געוואָרן, פון ברעג צו ברעג, מיט אַ ים באָמבעס פון הונדערטער עראָפּלאַנען. אין די ערשטע פּאָר שעה, איידער מ'האָט זיך אָריענטירט, האָט מען בכלל ניט געוווּסט, וואָס עס קומט פאָר.

אינגיכן אָבער האָט מען דערפילט און פאַרשטאַנען, אַז די בראָך איז פאַרטיק. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז געלייענט געוואָרן אויף די גאַסן דער מאַניפעסט

פון פרעזידענט מאָשטשיצקי, אַז: „דער אייביקער שונא פון פוילן — דייטשלאַנד, איז פלוצלינג באַפאַלן פוילן" —

אַלזאָ, מיר געפינען זיך אין מלחמה־צושטאַנד.

מיטן פאַקטישן אָנהויב פון דער מלחמה זיינען אַלע אילוזיעס צערונען געוואָרן, אַלץ איז אַוועק מיטן רויך!... מען איז געבליבן ביי דער טרויעריקערווירקלעכקייט!

איבער לאָדזש האָבן זיך באַוויזן די ערשטע פיינטלעכע עראָפּלאַנען. ס'האָבן זיך גלייך דערהערט די ערשטע דעטאָנאַציעס, אויפרייסן. מען האָט שוין גענומען רעדן וועגן די ערשטע קרבנות. עס איז שוין אויך באַוווּסט געוואָרן וועגן לופט־אָנגריפן אויף אַ גאַנצער ריי אַנדערע שטעט אין לאַנד. מיט טויט־שרעק אין די אויגן און מיט גרויס האַרץ־קלאַפּעניש האָט מען געוואַרט, וואָס די באַצנטסטע מינוטן וועלן ברענגען!

קיין גוטע בשורות זיינען אָבער ניט געקומען!

אין אָוונט איז די שטימונג געוואָרן נאָך מער געדריקטער. די גאַנצע שטאָט איז איינגעזונקען געוואָרן אין פינצטערניש. די טראַמווייען האָבן קורסירט, אָבער די ליכט אין זיי איז געווען פאַרטונקלט. די גאַסן האָבן געמאַכט אַ שווידערלעכן איינדרוק! היינט דאָס ראַדיאָ מיט זיין סודותדיקן סינאָנימען־לעקסיקאָן: „אכטונג, אַכטונג, ,עס קומט אָן!" אָדער, „אַכטונג, אַכטונג, דורכגעגאַנגען!" באַגלייט מיט עפּעס אַ געהיים וואָרט. בשעת אַ לופט־אָנגריף פלעגט מען דורכן ראַדיאָ מעלדן: „דער הויפּט־קאָמענדאַנט פון מיליטער־קרייז פאַר דער שטאָט לאָדזש פאַראָרדנט אַ לופט־אַליאַרם, אַראָפּ פון די גאַסן, אַפּהיטן די פאַרטונקלונג, אַראָפּגיין אין די סכראָנען (שוץ־קעלערן)!" די באַוועגונג אויף די גאַסן פלעגט מאָמענטאַל אָפּגעשטעלט ווערן. די טראַמווייען זענען געבליבן שטיין אינמיטן גאַס. די פּאַסאַזשיסן זיינען זיך צעלאָפן אין די טויערן. דורכגייער פלעגן אויך אַריינ־לויפן אין דערבייאיקע הייזער. די גאַסן בלייבן טויט און וויסט. אין די סכראָנען, פלעגט מען בלייבן ביזן אָפּרופן דעם אַלאַרם. דאָרט האָבן זיך אָפּגעשפּילט האַרצרייסנדיקע סצענעס: מאַמעס האָבן געכאַפּט און געדריקט זייערע קינדער אויף די הענט. ווילדער געשריי, געפילדער, רעש, אַז איין גאָט אין הימל זאָל זיך דערבאַרעמען! שוואַכע קראַנקע פלעגן בלייבן ליגן אין שטוב אויף גאָטס באַראָט... זיצנדיק אין סכראָן האָט מען געציילט די סעקונדעס און וואַרטן מיט אומגעדולד אויפן מאָמענט, ווען אַ באָמבע וועט אויפרייסן... אָבער אַן אַנדערן סכראָן, ניט דעם אייגענעם... אַ שטיין פון האַרצן איז אַראָפּ, ווען מען פלעגט דעם אַלאַרם אָפּרופן, הגם מען האָט גוט געוווּסט, אַז אין אַ ווײַלע אַרום וועט זיך די חתונה איבערחזרן.

די באַפעלקערונג האָט זיך גלייך אַ לאָז געטאָן צו די שפּייז־קראָמען

איינקויפן, וואָס מען האָט נאָר געקענט באַקומען. פּראָדוקטן זיינען, פון מינוט צו מינוט וואָס ווייניקער געוואָרן, די פּרייזן זיינען אָבער דערפאַר וואָס העכער געשטיגן. גוט איז געווען די יעניקע, וועלכע האָבן געהאַט ליגן מזומן געלט אין שטוב. אָבער לאָדזש, די שטאָט פון אָרעמען פּראָלעטאַריאַט, האָט די יקרות־צייַגער גלייך דערשפּירט.

דעם ערשטן מלחמה־טאָג האָב איך נאָכמיטאָג געאַרבעט אין אַפּטייק (אויף דער וואַנגעלישער גאַס, איצט — רוזוועלט־גאַס). די אַפּטייקן פון דער לאָדזשער קראַנקן־קאַסע זיינען געווען ווי פאַבריקן. יעדן טאָג פלעגן מיר אַרויסגעבן טויזנטער פאַרשיידענע רפואות. נאָכמיטאָג איז די פרעקווענץ אין אַפּטייק געפאַלן ביז אַ מינימום. עס זענען געקומען נאָך רפואות נאָר געציילטע מענטשן פאַר זייערע שווערע, ליגנדיקע קראַנקע. ביי דער אַרבעט האָט יעדער פון אונדז געטראָגן אויף זיך די גאַז־מאַסקע. די ערשטע שיכט אַפּטייק־אַרבעטער און דערנאָך מיר, די צווייטע שיכט, זיינען באַשעפטיקט געווען ביים אַרומלייגן די ווענט פון אַפּטייק מיט זעקלעך זאַמד, אַ שוץ־מיטל קעגן באָמבעס! די אַפּטייק האָבן מיר געשלאָסן נאָרמאַל, 10 אַזייגער אין אָוונט.

גלייך ווי די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז די באַפעלקערונג אַריין אין אַ געוואַלטיקער פאַניק. ספּעציעל די צענדליקער טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן זייערע פאַמיליעס געהאַט אויף די זומער־וווינונגען. מען האָט געכאַפּט אויטאָס, פורן און אויף שנעל אַראָפּגעבראַכט די פאַמיליעס אין שטאָט אַריין.

צו דער זעלבער צייט האָט אָבער דער שטאָט־פּרעזידענט קוואַפּינסקי געמאָלדן דער באַפעלקערונג, אַז ס'איז געווונטשן פאַרקערט: פרויען און קינדער זאָלן ווי אַמשנעלסטן פון שטאָט אַרויספאָרן, ווייל אין שטאָט זיינען די לופט־אָנגריפן אָפּטער, און צוליב דער געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג אַ סך געפערלעכער. דאָס האָט מיך און אַ סך אַנדערע אָפּגעהאַלטן פון צו לויפן גלייך קיין ווישניאָווע גורע.

שבת פרי בין איך אַרויס פון מאַגיסטראַצקע גאַס, ווו איך האָב געוווינט, קויפן עפּעס צום עסן. אויפן גאַס זיינען אָבער אַלע געוועלבער געווען געשלאָסן. איך האָב געמוזט גיין נענטער צום שטאָט־צענטער. אויף פּאָלודניאָווע־גאַס האָט מיך פאַרכאַפּט אַ לופט־אַלאַרם. קוים באַוויזן אַריינצוכאַפּן זיך אין הויז נר' 36. דאָס איז געווען אַ גרויס חסידיש הויז, וואָס האָט געהערט צו מיינע פריינט — די פאַמיליע קראַקאָווסקי. אַריינלויפנדיק אין טויער, האָב איך זיך טאַקע אָנגע־טראָפן אויף זיי, וועלכע זיינען געלאָפן אין שוצקעלער. זיי האָבן מיך געבומען מיט זיך. אין קעלער זיינען געווען אַ סך מענטשן; ער איז געווען גוט צוגעגרייט פון פריער, מיט בענק צום זיצן, עלעקטרישע באַלייכטונג. דער לופט־אָנגריף האָט אָנגעהאַלטן זייער לאַנג. פון צייט צו צייט פלעגן מיר הערן שטאַרקע

דעטאָנאַציעס, ביי יעדן אויפרייס פלעגט עס אָפרייסן ביים האַרצן. זיצנדיק אַזוי אין טויט־שרעק דערהערן מיר פלוצלינג אַ געשריי פון אַ ווינקל:
„שרה, שרה, גיי נעם אָפּ דעם טשאָלנט...״

לכתחילה האָבן מיר גאָר ניט באַגריפן וואָס דאָס באַדייט. געמיינט, אַז דער ייד איז, חלילה, משוגע געוואָרן. אָבער, ווען דער ייד האָט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל איבערגעחזרט דאָס זעלבע, איז אויסגעבראָכן אַ געלעכטער, ניט קוקנדיק, וואָס אויף דער נשמה איז געווען פינצטער און ביטער. דער ייד האָט זיך, ווי ס'ווייזט אויס, געכאַפּט און, ווי וועלנדיק זיך פאַרענטפערן, געזאָגט:
„נו, און אַז היטלער גנב, וועט אַ גאַנצן טאָג אונדז באָמבאַרדירן, דאַרפן מיר זיצן הונגעריקע?״

דער אַלאַרם איז אָפּגערופן געוואָרן און איך בין אַרויס אויפן גאַס. דערגאַנגען ביז פּיעטריקאָווער־גאַס, און ווידער אַן אַלאַרם. קוים באַוויזן זיך אַריינצוכאַפּן אין הויז נומער 13, אין אַ מילכעריי און געבליבן דאָרט ביזן אָפּרופן דעם אַלאַרם. כ'האָב דאָ געקויפט אַ שאַכטל לאַנדרין־צוקערלעך און אַ שאַכטל שפּראָטן. מער קיין זאַך איז ניט געווען. כ'בין אַריין צו מיינע פריינט ראַפּאָפּאָרט אויף פּיעטריקאָווער 9. דאָ האָט אונדז ווידער געכאַפּט אַ נייער לופט־אָנגריף, אָבער אין שוצקעלער זיינען מיר שוין נישט געלאָפן — זאָל זיין וואָס עס וויל, מער לויפן מיר ניט און באַהאַלטן זיך ניט מער.

שבת 3 אַזייגער בין איך אַוועק אין אַפּטייק צו מיין אַרבעט. אין נאָרמאַלע צייטן פלעגט שבת נאָכמיטאָג זיין די גרעסטע פרעקווענץ אין אַפּטייק. דעם נאָכמיטאָג זיינען געקומען נאָר די יעניקע, וואָס האָבן, ווירקלעך, געהאַט באַזונדערס שווער־קראַנקע אין שטוב.

פאַרנאַכט איז פלוצלינג אויסגעבראָכן אַ מהומה: אַ גאַז־אַטאַק! מיר זיינען, ניט־טויט ניט־לעבעדיק, אַרויסגעלאָפן פון אַפּטייק, און ווי ווילדע חיות, זיך צעשאָטן איבער אַלע ווינקעלעך פון בנין. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיר, זייער נאָענט פון אונדז, דערהערט אַ געוואַלטיקן אויפרייס. מיר זיינען פאַרציטערט געוואָרן. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אַ באָמבע איז אַריין אין דער עלעקטראָווניע, געטראָפן אין סאָמע מיט אַריין.

געווען טאַקע אַ לופט־אַטאַק, אָבער אַן גאַז.

10 אָווגט האָבן מיר די אַפּטייק געשלאָסן. אויפן גאַס איז ממש אַ ציטער דורך דורכן לייב. אַלע ווײַלע האָט מען אונדז אָפּגעשטעלט און געפרעגט ווער מיר זיינען, וואָס מיר טוען אַזוי שפּעט אויפן גאַס. אין די הייזער האָבן זיך געשאָפן הויז־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן אַרויסגעשטעלט דיזשורנע ביי די טויערן, אויפצופּאַסן אויף דער זיכערקייט פון די איינוווינער.

עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ פּסיכאָז פון כאַפּן שפּיאָנען.

אין אַזאַ שטאָט ווי לאָדזש, ווו עס זיינען געווען ביי אַכציק טויזנט דייטשן, האָט געראַיעט מיט שפּיאָנען. מען קען מיט אַ רואיקן געוויסן זאָגן, אַז די דייטשישע באַפעלקערונג איז געווען איין גרויסע שפּיאָנען־באַנדע. די שפּעטערדיקע געשעענישן האָבן דאָס פולשטענדיק באַשטעטיקט.

זונטיק פאַרטאָג, דעם 3טן סעפּטעמבער, ביז איך אַוועק צום פאַבריק־וואָקזאַל, כדי צו פאָרן קיין ווישניאָווע־גורע, אָבער ווו באַן, ווען באַן, ניטאָ מיט וועמען צו ריידן... זעענדיק, אַז פון פאָרן מיטן באַן וועט גאָרניט אַרויס, האָבן מיר, אַ גרופּע מענטשן, באַשלאָסן צו דינגען אַ טאַקסאָווקע. דאָס איז אָבער אויך ניט געווען קיין לייכטע זאַך. אַרויס פון שטאָט האָט קיינער ניט געוואָלט פאָרן. קוים מיט צרות איז אונדז געלונגען צו כאַפּן אַ טאַקסי און זאַלבע פינף זיינען מיר מיט מזל אַרויסגעפאָרן צו אונדזערע פאַמיליעס. פאָרנדיק דורך דער שטאָט האָבן מיר ערשט דערזען, ווי טויט און וויסט זי איז, די גאַנצע באַפעלקערונג איז פאַרשטעקט אין די הייזער. אין אַנדזשעיעוו האָט דער שאָפער זיך מיישב געווען, אַז ווייטער פאָרן לוינט אים ניט, הגם עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן צופאָרן נאָך אַ דריי קילאָמעטער. מיט געוואַלט ממש האָבן מיר אים געצוווּנגען צוצופאָרן צו אונדזערע הייזער. אַ שטיין פון האַרצן איז אַראָפּ, אַבי מיר זיינען אין דערהיים!

מיר אַנטקעגן זיינען אַרויס מיין פרוי, די קינדער און די שכנים, און זיך אויף מיר אַ וואָרף געטאָן מיט אַ געוויין, ווי אויף אַ געקומענעם פון יענער וועלט...

דעם גאַנצן טאָג איז מען געזעסן ביי די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן. נאַטירלעך האָט מען די באַריכטן פון דייטשישן שטאַב, וועגן זייערע געוואַלטיקע נצחונות, ניט געגלויבט. מען האָט זיך בשום אופן ניט געקענט פאָרשטעלן אַזאַ שנעלן און פינצטערן סוף פון דער פוילישער אַרמיי!

די מרה־שחורהדיקע שטימונג האָט זיך אָבער שנעל געענדערט צום גוטן! פאַרמיטאָג איז דורכן ראַדיאָ געמאָלדן געוואָרן, אַז ענגלאַנד האָט דערקלערט קריג דייטשלאַנד און שפּעטער דאָס זעלבע פראַנקרייך. די ידיעה האָט אַרויס־גערופן גרויס ענטוזיאַזם. מען האָט זיך געקושט פאַר פרייד! די חסידים האָבן געריבן די הענט פאַר שמחה און אָן אויפהער גערעדט: „השם יתברך וועט העלפן, עמלק וועט איינבעמען אַ גיכן סוף".

„בישקשה", האָבן אַנדערע געזאָגט, „קוים זיינען פראַנקרייך און ענגלאַנד צוגעשטאַנען, וועט שוין גוט זיין, דער שייגעץ וועט זיך דערוואַרטן זיין פינצטערן און שנעלן סוף".

ס'איז אינטערעסאַנט און היסטאָריש־וויכטיק אונטערצושטרייכן דעם בטחון פון אָרטאָדאָקסישן יידנטום, וואָס איז געווען טיף איבערצייגט, אַז די סכנה

איז ניט גרויס. א סברה, אַז אַלע חסידישע רביים האָבן אַזוי געהאַלטן. דערמיט דערקלערט זיך דער פאַקט: ווען אין אַ פּאָר טעג אַרום, זיינען הונדערטער טויזנטער יידן אַנטלאָפן פון זייערע ערטער, זיינען די חסידישע יידן צומייסט געבליבן אויף די ערטער און האָבן אויך נישט פאַרלאָזט די זומער־וווינונגען.

מאָנטיק פאַרטאָג זיינען מיר, אייניקע מענער, אויף אַ פור אַרויסגעפאָרן פון ווישניאָווע־גורע קיין לאָדזש. אין ווידזעוו האָט אונדז פאַרכאַפּט אַ לופט־אַלאַרם. דער פורמאַן האָט ניט געוואָלט פאָרן ווייטער און מיר האָבן געמוזט גיין צופוס אין שטאָט אַריין. אויפן וועג האָט מען אונדז עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט און קאָנטראָלירט די קיישלעך — קוים זיך דערקליבן אַהיים.

בייטאָג בין איך ווידער אין אַפּטייק. די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע, די ידיעות פון פראָנט טרויעריקע. אמת, אַלע ווילע פלעגן אָנקומען „אויטאָריטאַ־טיווע" ידיעות וועגן געוואַלטיקע נצחונות פון דער פראַנצויזישער און ענגלישער אַרמיי, אָבער מען האָט שוין ווייניק־וואָס געגלויבט אין דעם.

נאָך דער אַרבעט בין איך, אַזייגער האַלב עלף ביינאַכט, געקומען אַהיים. אין הויז האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מען האָט דעם וועכטער צוגענומען אין מיליטער און די הויז־וועכטערין ליגט קראַנק. זי האָט געהאַט היץ און אין שטוב איז ניט געווען קיין לעבעדיקער מענטש, וואָס זאָל איר געבן אַ שלוק וואַסער. באַזאָרגנדיק זי מיט די געהעריקע רפואות און מיט הייסער טיי, בין איך אַוועק צו זיך. די הויז־וועכטערין האָט שפּעטער אָפּגעצאָלט מיין משפחה מיט פיל גוטס.

אויף מאָרגן, דינסטיק פרי, בין איך צוריק אַוועק אין אַפּטייק. די ידיעות פון פראָנט זיינען געווען סתירותדיקע. די קאַטאַסטראָפע האָט שוין געשוועבט אין דער לופטן.

איך בין אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעמישטער. ס'זיינען דערגאַנגען צו אונדז קלאַנגען, אַז די דייטשן האָבן באַמבאַרדירט ווישניאָווע־גורע. דאָס האָט זיך געלייגט אויפן שכל, ווייל נעבן ווישניאָווע־גורע, אין דאָרף גאַלקוווּעק, געפינען זיך גרויסע אונטערערדישע אַמוניציע־סקלאַדעס, נאָך פון די אַמאָליקע, ניקאָלאַיע־ווער צייטן.

מיינע קאָלעגן־מיטאַרבעטער האָבן מיך געטרייסט, אָבער איך בין אַלץ מער פאַרצווייפלטער געוואָרן.

### ערשטער נס מיט אונדזער משפּחה

פלוצלינג, אַזייגער 1 בייטאָג, קומט אַריין אין אַפּטייק מיין טאָכטער, דערזע־ענדיק זי האָב איך אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין: „וואָס איז געשען, ווו איז די מאַמע, ווו איז טאָסיק?" זי האָט דערציילט, אַז נעכטן, מאָנטיק, האָבן די דייטשן זייער שטאַרק באָמבאַרדירט גאַלקוווּעק, דערנאָך האָבן זיי ווישניאָווע באַוואָרפן

מיט אַ האָגל קוילן פון מאַשין־געווער און דאָרט אָנגעמאַכט אַ חורבן. ס׳איז אַנטשטאַנען אַן אומגעהויערע פּאַניק און לויף פון דאָרטן. דער פרוי איז געלונגען צו כאַפּן אַ פורל און קומען אין שטאָט אַריין. זיי האָבן אָבער געטראָפן די שטוב געשלאָסן. איז זי דאָס טאַקע איצט געקומען נאָכן שליסל.

דערהערט די מעשה איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. זאָל שוין זיין וואָס עס וויל, אַבי מען איז צוזאַמען!

וואָלט די פרוי, חלילה, ניט געווען געקומען, אין דער סאָמער לעצטער מינוט, וואָלטן מיר זיך שוין קיינמאָל ניט געווען געטראָפן. אַ פּאָר שעה שפּעטער וואָלט דאָס שוין ניט מעגלעך געווען, און אונדזער גאַנץ לעבן וואָלט שוין גאָר אַנדערש אַוועק.

דאָס איז געווען דער ערשטער נס מן השמים מיט מיר און מיין פאַמיליע אין אָט דער שוידערלעכער תקופה!...

## עוואַקואַציע פון לאָדזש

זיצנדיק איינמאָל אין קיך ביים עסן אַ טרוקענעם מיטאָג, הערן מיר פּלוצים אַ קלונג אין טיר. עס קומט אַריין אַ הויכער, דאַרער יונגערמאַן, מיר אַן אומבאַקאַנטער, און וואַרפט זיך אויף מיר מיט אַן אויסגעשריי: „מענדל, ווו איז ליזע, ווו זיינען די קינדער?"

אַ צעטומלטער בין איך געבליבן שטיין און ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. איך קען דאָך דעם מענטש ניט. די פרוי, אַ פאַרוווּנדערטע, איז אַרויס מיט אַ געשריי: „זעליק, ווי קומסטו איצט אַהער?"

די פרוי ווענדט זיך צו מיר — דאָס איז דאָך זעליק פון קאָוונע... מיין שוואָגער, פון קאָוונע...

איך בין געבליבן ווי אַ געפּלעפטער. זעליק לעווין פון קאָוונע, איצט אין לאָדזש, אין אַזאַ מאָמענט...

קומענדיק עטוואָס צו זיך, האָט דער שוואָגער דערציילט אָט וואָס:

אין קאָוונע האָט געשפּילט אַ יידישע טעאַטער־טרופּע פון פּוילן. די לעצטע טעג, ווען ס׳איז געוואָרן זייער אומרואיק, האָבן די אַרטיסטן ניט געקענט זיך אַרויסרייסן פון ליטע צוריק קיין פּוילן. ער האָט זיי אין דעם געהאָלפן און איז מיט זיי צוזאַמען אַריבער די גרענעץ. קומענדיק קיין פּוילן האָט ער שוין ניט געוואָלט פאָרן צוריק אַהיים, ניט מיטנעמענדיק מיט זיך ליזען (מיין פרוי) מיט די קינדער קיין ליטע. ער איז טאַקע געקומען צו אונדז קיין לאָדזש און ער האַלט, אַז מען טאָר דאָ אַ מינוט ניט בלייבן, מען מוז גלייך אָפּפאָרן דורך וואַרשע קיין ווילנע.

צוזאַמען מיטן שוואָגער זיינען מיר אַרויס אויפן גאַס, זאָגנדיק דער פרוי, אַז מיר גייען זען אַן אויטאָ אויף צו פאָרן קיין וואַרשע.

אויף אָגראָדאָווע גאַס, ווו עס האָט זיך געפונען די אויטאָבוסן־סטאַציע, האָט זיך געטאָן חושך! טויזנטער מענטשן האָבן פאַרפלייצט דעם פלאַץ און די גאַס. פון אַלעמענס אויגן האָט אַרויסגעקוקט טויטשרעק. מען איז געלאָפן ווי פאַרסמטע פון איין פענצטערל צום צווייטן, פרעגנדיק ביי די באַאַמטע וועגן אויטאָס קיין וואַרשע. „אַלע אויטאָס זיינען רעקווירירט. ניטאָ און עס וועט ניט זיין היינט קיין אויטאָ", דאָס איז געווען דער ענטפער פון די באַאַמטע *. מען האָט געפרווט רעדן מיט אייגנטימער פון פריוואַטע טאַקסוווקעס, זיי האָבן געוואָלט פאַר אַ קורס קיין וואַרשע ניט־מער און ניט־ווייניקער, ווי טויזנט זלאָטעס!...

אויפן וועג צוריק האָבן מיר געטראָפן מאַסן פראָווינצער יידן, טויט־צעשראָקענע, געהאַלטן אין די הענט קליינע טלומעקלעך און ניט געוווסט וואָס מיט זיך צו טאָן. זיי האָבן דערציילט, אַז די היטלעריסטישע חיילות גייען שנעל פאָראויס, און אַז אַלע אַנטלויפן ווי צעמישטע. די באַוועגונג אויף דער גאַס איז געווען אַ מוראדיקע. פון אַלעמענס אויגן האָט אַרויסגעקוקט אימה און פחד, מיטאַמאָל זיינען אַלעמענס פנימער פאַרענדערט געוואָרן, ניט צום דערקענען...

מיר זיינען אַריין צו מיינע פריינט, מאַקס ראַפאַפּאָרט, אין געשעפט, זיי האָבן זיך אויף מיר אַ וואָרף־געטאָן און געפרעגט — וואָס טוט מען?!... וואָס האָבן מיר געקענט ענטפערן? כ'בין אַרויס פון געשעפט און געזעגנט זיך מיט די טרייע, אַלטע, גוטע פריינט אויף אייביק...

ס'איז שוין פינצטערלעך געוואָרן, אָנקומענדיק צוריק אַהיים. קיינער האָט ניט געוווסט, וואָס עס קומט פאָר, אָבער אינסטינקטיוו האָבן אַלע געפילט, אַז עס געשעט עפעס שרעקלעכס, עפעס טראַגישס, מ'האָט מורא געהאַט אַרויסצורעדן אַ וואָרט פון מויל. אָבער דאָס געפיל איז געווען, אַז די קאַטאַסטראָפע דער־נענטערט זיך; היטלער איז שוין הינטער דער שטאָט...

קיין פייער אָנצינדן האָט מען ניט געטאָרט, זיינען מיר אַלע געבליבן אין הויף, באַראַטנדיק זיך וואָס צו טאָן.

צוזאַמען זענען מיר געזעסן מיט פיל שכנים. צו אונדז איז צוגעגאַנגען דער ריכטער קעמפטשינסקי, פון לאָדזשער קרייז־געריכט און דערציילט, אַז „היינט

---

* נאָך דער מלחמה האָט הרב ד"ר יצחק לעווין פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן אַ געהיי־מער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען ביים לאָדזשער וואָיעוואָדע, אַ סך חדשים פאָרן אויסברוך פון דער מלחמה, אויף וועלכער עס איז באַהאַנדלט געוואָרן דאָס פראָבלעם פון צוגרייטן לאָדזש אויפן פאַל פון אַן עוואַקואַציע. ד"ר לעווין איז געווען דער איינציקער פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג. ווייזט אויס, אַז די צוגרייטונג איז געווען אַ גלענצנדיקע...

האָט מען פאַרמשפּט צום טויט 5 דייטשן פאַר שפּיאָנאַזש, מיר וועלן זיי אויסשטיקן ווי די הינט", האָט זיך דער ריכטער געקאָכט, „אַלע זיינען זיי פאַרעטער"... אויפן הויף האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אַ היפּשע צייט ניט דערגייענדיק צו קיין טאָלק... צום סוף זיינען מיר געקומען צו אַ באַשלוס, אַז „דער פרימאָרגן איז קלוגער פאַרן אָוונט" און מיר זיינען זיך צעגאַנגען אין די הייזער שלאָפן...

איך ווייס ניט ווי לאַנג מיר זיינען געשלאָפן. אַ שטאַרק קלאַפּן אין טיר האָט אונדז אויפגעוועקט: „מאַגיסטער, מאַגיסטער, איר שלאָפט?" ניט טויט, ניט לעבעדיק — זיינען מיר צוגעלאָפן צו דער טיר.

„שטייט אויף", האָט געזאָגט אַ שכן, „די שטאָט ווערט עוואַקויִרט. אַלע לויפן... איך לויף אויך... זייט געזונט... אַ גוטן..."

ווי צעמישטע זיינען מיר געבליבן שטיין, ניט ווייסנדיק וואָס מען הייבט אָן צו טאָן..

לאַנג קלערן האָט מען אָבער ניט געקענט. שנעל זיך אין דער פינצטער אָנגעטאָן און אַרויס אויפן גאַס.

מיר האָבן דערזען אַן אויסערגעוויינלעך בילד: ווי לאַנג די גאַס ציט זיך, אַזוי איז זי שוואַרץ פון מענטשן.. מענער, פרויען מיט פּעקלעך אין די הענט... אַלע גייען... וווהין!? איך פאַרהאַלט איינעם, אַ צווייטן, אַ דריטן — קיינער ענטפערט ניט, קיינער ווייסט גאָרניט, אַלע גייען...

שנעל לויפן מיר אַרויף צו אונדזערע שכנים און גאָר־נאָענטע פריינט, צו יונה שפּער* און מיר האַלטן אָפּ אַ קורצע פאַמיליע־באַראַטונג. שפּער זאָגט: „מען האָט אָנגעגעבן דורכן ראַדיאָ, אַז אַלע מיליטער־פעיקע מענער, זאָלן תיכף פאַרלאָזן די שטאָט און גיין קיין וואַרשע, ווו מען וועט פאָרמירן נייע מיליטער־אָפּטיילונגען. ער אַליין האָט ניט קיין צוטרוי צו די אַלע רייד, און לויפט ניט, ס'איז ניטאָ וווהין צו לויפן און ער קאָן דאָס אויך ניט טאָן מיט אַ קליין קינד. איבערלאָזן ווידער מאַלווינע (זיין פרוי) אַליין מיטן קינד, וויל ער ניט.

איך דאַקעגן, האָב געקלערט, אַז איך גיי. איך קען דאָ אַ סעקונדע ניט בלייבן. די דייטשן וועלן מיך גלייך, אַלס באַקאַנטן יידישן געזעלשאַפטלעכן טוער — פּטרן. די פרוי מיט די קינדער דאַקעגן וועלן זיי וואַרשיינלעך ניט טשעפּען.

די דאָזיקע סעקונדן זיינען געווען איינע פון די טראַגישסטע אין מיין לעבן. די פרויען זיינען געשטאַנען ווי פאַרגליווערטע, מען האָט ניט געוווּסט וויאַזוי מען דאַרף אין דעם מאָמענט האַנדלען.

---

* יונה שפּער — שריפטשטעלער, איבערזעצער. הויכער באַאַמטער אין דער יידישער קהילה.

מיר האָבן זיך אַלע צעקושט און אָפּגעזעגנט... אויף אייביק...

שנעל זיינען מיר אַרויף צוריק אַהיים. אויפן וועג האָט מיך די פרוי געפרוּווט יאָ פאַרהאַלטן — ניט פאַרהאַלטן... זי איז געווען גיט אַנטשלאָסן. בלייבן אַליין מיט די קינדער, אין אַזאַ פינצטערער צייט, אָן שום מיטלען צום לעבן, האָט זיך איר נאַטירלעך ניט געוואָלט. זי האָט זיך אָבער אָפּגעגעבן אַ חשבון פון דעם, וואָס מיר שטייט פאָר ביים אַריינטרעטן פון די דייטשן, און ניט געהאַט דעם מוט מיך ענערגיש צו פאַרהאַלטן.

די פרוי פאַרפאַקט פאַר מיר אַ קליינעם האַנט־טשעמאָדאַנטשיק. דערווייל האָבן זיך אויפגעכאַפּט די קינדער. דערהערנדיק, וואָס עס קומט פאָר, זיינען זיי אויסגעבראָכן אין האַרצרייסנדיקן געוויין...

„טאַטושיו, טאַטושיו, אויף וועמען לאָזסטו אונדז“...

פינצטער חושך; אין די שלייפן האָט גענומען האַקן: אפשר זאָל איך בלייבן, אפשר ניט אַנטלויפן?

איך האָב זיך אָבער שנעל באַהערשט און אַ זאָג געטאָן: „וויינט ניט, קינדערלעך, וויינט ניט, טייערינקע, איך גיי נאָר קיין וואַרשע, דאָרט וועל איך זיך פאַרהאַלטן אַ קורצע צייט און דאַן וועל איך זיך צוריקקערן“. דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער שוואָגער, דערקלערנדיק, אַז ער, אַלס ליטווישער בירגער, האָט ניט קיין מורא צו בלייבן ביי די דייטשן און ער בלייבט אין לאָדזש. די דאָזיקע פאָר ווערטער האָבן דעצידירט.

איך בין ביי זיך געוואָרן פעסטער. אויב אַזוי, בלייבט דאָך די פרוי מיט די קינדער ניט אַליין, ניט עלנט...

שנעל האָב איך צעטיילט מיין מזומן־פאַרמעגן, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם מאָמענט פון 78 זלאָטעס, 40 זלאָטעס האָב איך געגעבן מיין פרוי און 38 האָב איך מיטגענומען מיט זיך.

דער זייגער איז געווען האַלב צוויי ביינאַכט. אין אַ זומערדיקן אנצוג מיט אַ זומערדיקן פאַלטאָ און מיט אַ קליין רענצל אין האַנט, האָב איך אָנגעהויבן מיין מאַרש, גייענדיק בלינדערהייט נאָך דעם גרויסן, שטורעמדיקן מענטשן־שטראָם. גאָט ווייסט, ווען איך וועל צוריק זען מיין פרוי און קינדער... ווער ווייסט, וויאַזוי זיי וועלן זיך אַן עצה געבן אָן מיר...

דער שוואָגער איז געבליבן נאָך צוויי שעה אין לאָדזש. מער האָט ער אויך ניט געקענט בלייבן. זעענדיק, אַז די גאַנצע שטאָט מענער זיינען אַוועק, האָט ער ניט אויסגעהאַלטן און איז אויך אַנטלאָפן.

אין אַ צייט אַרום, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן, האָט ער מיר דערציילט זיינע איבערלעבונגען. דאָס איז געווען אַ גאַנץ אַנדער קאַפּיטל ווי מיינער. נאָך 3 טעג גיין איז ער אַריין אין וואַרשע. דאָרט דורכגעמאַכט אַלע באָמבאַר־

דירונגען, און ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען וואַרשע, האָט ער זיך, מיט גרויס לעבנסגעפאַר, דורכגעריסן קיין ביאַליסטאָק, פון דאָרט מיט טויזנטער סכנות, ביז קיין ווילנע.

דאָס בלייבן אין לאָדזש נאָך צוויי שעה, האָט אים געקאָסט אָן איבעריקן חודש לעבנסגעפערלעכע איבערלעבונגען.

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין דער נאַכט פון דינסטיק אויף מיטוואָך, דעם 6טן סעפטעמבער 1939.

מיטוואָך איז אין לאָדזש ניט געווען קיין שום מאַכט. דעם גאַנצן טאָג האָט אין שטאָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. ערשט אַזייגער 5 פאַרנאַכט האָבן די דייטשן באַשאָסן די שטאָט מיט שווערער אַרטילעריע. דאָס האָט געדויערט ביז 3 פאַרטאָג.

ערשט פרייטיק פרי, זיינען די דייטשן אַריין אין שטאָט.

זיי זיינען באַגעגנט געוואָרן מיט בלומען און יובל־אויסגעשרייען מצד די אָרטיקע דייטשן...



זומער־קאָלאָניע פאַר קינדער, איינגעאָרדנט דורך „נותן־לחם" אין לאָדזש, 1938.
דאָס זיצנדיקע ייִנגעלע (לינקס) — דער זון פון מחבר.



חנוכה־אוונט ביים „נותן־לחם" אין לאָדזש, 1937. אויפן טיש ליגן מתנות־פּאַקעטלעך פֿאַר די קינדער.

פון דער דריטער, לינקס: סעקרעטאַרין — אסתר פּראָכאָוניק, פרוי באַלבערישסקי מיטן זון, טעאָ. זשורנאַליסט פון „נאַש פּשעגלאָנד" — באָרוכין, וויצע־פּאָרזיצער — מאַקס קאָן (ווידזעווער מאַנופאַקטור) מיטן זון, רעכטס פון דער מנורה, דער פּאָרזיצער — מאַג. באַל־ בערישסקי. נעבן איס, פאָרוו.־מיטגליד — דוד יוזעפּאָוויטש (מיט דער באָרד). דער שרייבער — אַבאַזשאַנעק. אין דער טיר — מ. גאָלדמאַן.

## בזשעזשין, יעזשאָוו, ראַוואַ־מאַזאָוויעצקאַ, וואַרשע א.א.וו.

מיר זענען דערווייל געגאַנגען ווייטער און ווייטער. ביז פאַרטאָג איז מען געגאַנגען סתם אַזוי, מיט דער גאַנצער מאַסע, ניט וויסנדיק אפילו ווו מען געפינט זיך. ווען ס׳איז טאָג געוואָרן, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מיר געפינען זיך אויפן בזשעזשינער שאָסיי.

ווען ס׳איז גוט ליכטיק געוואָרן, האָבן מיר ערשט דערזען, וואָס אויפן שאָסיי טוט זיך. ווי לאַנג ס׳איז שאָסיי, אַזוי לאַנג ציען זיך מענטשן, אָן אַ שיעור... צענדליקער טויזנטער מענטשן זיינען אַרויס פון שטאָט. מענער, פרויען, קינדער אַפילו, אַלע מיט פעק און פעקלעך אין די הענט. אויטאָס, לאַסט־

אויטאָס, פורן, פורלעך, וועגענער און פאַרשיידענע טיפּן האַנט־וועגעלעך. הכלל, קאָמוניקאַציע־מיטלען מכל המינים, האָבן זיך געפונען אויפן שאָסיי... ווי ווייט דאָס אויג האָט געקענט גרייכן, איז דער שאָסיי געווען שוואַרץ פון מענטשן־מאַסן... דערביי איז געגאַנגען און געפאָרן מיליטער אַן אַ שיעור. זייער אויסזען — אַז אָך־און־וויי... פאַרשוואַרצט, פאַרפּיגצטערט, אויסגעמוטשעט, אויסגעהונגערט — פאַרברענטע האָלעוועשקעס... אויפן מיליטער האָט מען דערקענט דעם אמתן חורבן.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך דערזען דעם לייטער פון דער „בותן־לחם" קיך, דעם האַרציקן חבר לייבוש ניימאַן, קוים וואָס ער האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס, קראַנק און צעבראָכן, שוין אין די ערשטע פּאָר שעה האָט ער אויסגעזען ווי אַ מת. ער איז טאַקע ווייט ניט אַוועק און אויף מאָרגן אומגעקערט זיך קיין לאָדזש.

פּלוצלינג איז אויפן שאָסיי געוואָרן פריילעך. מ'שרייט און מען לאַכט. וואָס איז געשען? ווייזט זיך אַרויס, אַז שטערן, דער באַקאַנטער טוער פון „לינת־החולים" פאָרט אין דער רעטונגס־קאַרעטקע און הינטער אים פאָרט די בית־עולם עגלה... ביידע אָנגעפּאַקט מיט מענטשן...

אָט ברעכט אויס דער ערשטער אַלאַרם. אין מאָמענט איז דער שאָסיי געוואָרן ליידיק, מען האָט זיך שנעל אויסגעצויגן אין די גריבער ביים שאָסיי. עס האָבן זיך דערהערט שטאַרקע אויפרייסן און אַ געדיכטע שיסעריי פון מאַשינען־געווער.

איך בין צוגעלאָפן צו אַ טיפן קעלער אין מיטן פעלד. פּלוצלינג דערהער איך אַ געשריי: „פאָטער, פאָטער": איך בין פאַרצאַפּלט געוואָרן, כ'האָב זיך געפונען אין אַ שוין־קעלער פון דייטשן. מאָמענטאַל בין איך צו צו דער טיר און קוים אַרויס אַ לעבעדיקער; מער האָט מיר ניט געפעלט, ווי אַריינצופאַלן צו דייטשן אין די הענט. נאָכן לופט־אַלאַרם האָט מען ווידער גענומען שפּרייזן. מיר האָבן גלייך דערפילט אונדזער הילפלאָזיקייט. ווי לאַנג וועלן מיר אויסהאַלטן צופוס? און וואָס פאַר אַ ווערט האָט אונדזער לויפן ווען זיי, די משחיתים, יאָגן אַזוי שנעל. מען מוז האָבן אַ לאָקאָמאָציע־מיטל. איך האָב זיך צוגעשאַרט צו אַ מיליטעריש פורל. דער סאָלדאַטשיק, אַ ווילער יונגער מענטש, האָט מיר דערלויבט זיך צו זעצן אויפן פורל. אין דער זעלבער מינוט אָבער זיינען צום פורל צוגעשפּרונגען אַ ים מיט מענטשן, אַלע האָבן זיך געוואָלט אויפזעצן... דער סאָלדאַט האָט אַ כאַפּ געטאָן די ביקס און געדראָט מיט שיסן: „דאָס פערד איז פאַרמאַטערט און הונגעריק" — האָט ער געשריען. „אַוועק, אַוועק", אַ נייער לופט־אַנגריף. ווידער איז מען זיך צעלאָפן.

צוריקקומענדיק, האָב איך שוין מיין סאָלדאַטשיק ניט געפונען. אָט אַזוי האָב איך עטלעכע מאָל געכאַפּט פורלעך און אַפילו אויך אַן אויטאָ, אָבער ביי יעדן

לופט־אַנגריף עס פֿאַרלוירן. איך האָב באַשלאָסן מער קיין קאָמוניקאַציע־מיטל ניט צו פֿאַרלאָזן, אָבער ביז בזשעזשין האָב איך קיין זאַך סיי ווי ניט באַקומען און אַ גוט פֿאַרמאַטערטער בין איך אָנגעקומען אין שטאָט אויף מיינע אייגענע פֿיס.

די אַרטיקע באַפעלקערונג האָט אונדז אויפגענומען מיט טויט־שרעק. זיי האָבן בכלל ניט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט... זיי האָבן קיין אַנונג ניט געהאַט וועגן די געשעענישן.

בזשעזשין, דאָס שטעטל פֿון די טאַנדייט־שניידער, ווו ביי שניידעריי פֿלעגט אַרבעטן אַפֿילו אַ קינד אין וויג, בוכשטעבלעך, ווייל דאָס וויגעלע פֿלעגט מען אַרומדרייען מיט פֿאָדעם און ווען מ׳האָט געוויגט דאָס עופֿעלע, האָט זיך גלייכ־צייטיק געדרייט דער שפּול־פֿאָדעם. ביי שניידעריי פֿלעגט אַרבעטן די גאַנצע משפּחה 18 שעה אין מעת־לעת. מען איז אַזוי געווען פֿאַרטאָן אין דער שווערער אַרבעט, אַז אַפֿטמאָל האָט געטראָפֿן, אַז אַנשטאָט אַ שטיק ברויט אין מויל אַריין, פֿלעגט דער שניידער אין גרויס איילעניש אַריינלייגן אַ שטיק... זייף, מיט וועלכער מ׳פֿלעגט צוזאַמענקלעבן איין שטיק טוך מיטן צווייטן... אָט דאָס קליינע שטעטל מיט זיינע עטלעכע טויזנט אָרעמע יידישע האָרעפּאַשניקעס האָט איצט ביי אונדז געפֿרעגט — וואָס קומט אייגנטלעך פֿאָר !?

אינסטינקטיוו האָב איך דערפֿילט, אַז מען טאָר זיך דאָ ניט פֿאַרהאַלטן און בין גלייך אַוועק ווייטער. דאָס שטעטל איז כאַקע אין אַ פּאָר שעה אַרום זייער שטאַרק באָמבאַרדירט געוואָרן.

איך בין אַוועק אויף יעזשאָוו און ווייטער אויף ראַווע־מאַזאָוויעצק. אויפֿן שאָסיי זיינען שוין געווען אַ סך וויניקער מענטשן, די הויפּט־כוואַליע איז שוין אָפּגעפֿאַלן. איך האָב באַשלאָסן צו גיין ווייטער, ווי אַמשנעלסטן קיין וואַרשע.

איך האָב באַגעגנט אַן אויטאָ מיט בענזין. פֿאַר אַ פּאַפּיראָס האָב איך זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ און געפֿאָרן, געלעגן בין איך צווישן צוויי פֿעסער בענזין און זיך ניט גערירט פֿון אָרט. ווען ס׳איז געקומען אַ נייער לופֿט־אַטאַק, בין איך געבליבן אין אויטאָ, דערזעענדיק אָבער, אַז דער שאָפֿער מיט אַלע סאָלדאַטן זיינען זיך צעלאָפֿן, האָב איך ניט אויסגעהאַלטן און זיך באַהאַלטן... אונטערן אויטאָ. אַרום אונדז דונערט און בליצט, די לופֿט ציטערט פֿון די אויפֿרייסן, און איך ליג צווישן בענזין און באָמבעס... ווען דער אַלאַרם האָט זיך געענדיקט, בין איך שנעל צוריק אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן אויטאָ און הייידאַ — ווייטער...

אויף אַזאַ אופֿן האָב איך, אַזייגער צוויי ביי טאָג, זיך דערקליבן קיין וואַרשע.

## וואַרשע, מען לויפט פון שטאָט

צוויי שעה האָט געדויערט, ביז איך האָב זיך, דורך אַכצן לופט־אַנגריפן, דורכגעריסן צו נח פרילוצקיס וווינונג, אויף פּשעסקאָק 4.

פרוי פּאַולאַ פרילוצקי איז אַרויסגעפאַלן אויף מיר מיט אַ האַרצרייסנדיקן געוויין. אין שטוב איז אויך געווען איר אייניקל, אַ יונג מיידל, ראָזענזאַל מיט איר חתן. פּאַולא דערלאַנגט מיר אַ פאַרמאַכטן בריוו אַדרעסירט צו מיר קיין לאָדזש. איך עפן אים און לייען: „טייערער באַלבערישסקי, מיט אַ גרופּע יידישע שרייבער פאָר איך באַלד אַרויס קיין לובלין. איך לאָז איבער מיין פאַמיליע: פּאַולאַן, מיין אייניקל מיטן חתן, אויף גאָטס באַראָט. איך בעט אייך, טוט וואָס איר קענט, כדי זיי אויפצוהאַלטן ביים לעבן. איר זייט דער איינציקער, אויף וועמען איך קען זיך פאַרלאָזן. נח".

איך בין געבליבן זיצן אַ געפּלעפּטער. איך לויף זוכן רעטונג אין וואַרשע ביי נחן, און דאָ באַדיר אַזאַ חתונה...

פּאַולאַ ווענדט זיך צו מיר בזה הלשון: „באַלבערישסקעלע, ווען נח איז געווען, האָבן מיר ניט באַוויזן צו שטעלן אַ חופּה. איצט מוזט איר פאַרטרעטן נחן. אָבער ווו נעמט מען אַ פינגערל... איך האָב אַ בריוו צום הרב פּויזנער, אַז ער זאָל זיין דער מסדר קידושין. איר האָט אַ פינגערל?" — יאָ, ענטפער איך, איך האָב מיין פינגערל... „נו איז גוט", זאָגט פּאַולינע, „דאַן גייען מיר צום רב"...

אויפן וועג האָבן מיר ניט געקענט געפינען ניט קיין דראָזשקע, ניט קיין אויטאָ. מיר זיינען דערגאַנגען ביזן הויפּט־וואָקזאַל. דאָ האָט אונדז געפּאַקט אַ נייער לופט־אַלאַרם. זעענדיק וואָס עס טוט זיך אין וואַרשע, האָב איך גלייך באַשלאָסן דאָ ניט צו בלייבן. איך זאָג דאָס פּאַולאַ און זי ראַט מיר צו טאָן ווי איך פאַרשטיי... מיר האָבן זיך האַרציק צעקושט און געזעגנט... זיי זיינען אַוועק צום רב און איך צום באַנהויף. דער גאַנצער וואָקזאַל איז באַלייגט מיט טויזנטער מענטשן. אַ טומל, אַ רעש, אַ געפילדער, אַז איין גאָט זאָל זיך מרחם זיין... ס'האָט מיר שוין באַנג געטאָן, וואָס איך האָב פאַרלאָזן פּאַולאַ, ווייל קיין הילף פון באַן האָב איך שוין ניט געזען...

איך בין אַוועק צו לאַזאַר קאַהאַנען, אויף נאָוואָליפּקע 32. די באַוועגונג אויף די גאַסן אַן אויסערגעוויינלעכע. די טראַמווייען איבערפולט. קיין דראָזשקע, אָדער אויטאָ ניט צו באַקומען פאַר קיין געלט. די געשעפטן פול געפּאַקט מיט קויפער, הויפּטזעכלעך די שפּייז־געוועלבער. ניט ווילנדיק איז מיר געקומען אויפן זינען איינע פון מיינע לעצטע באַזוכן אין וואַרשע. אויפן צוזאַמענפאָר פון די פאַרמאַצעווטן־אַנגעשטעלטע פון גאַנצן לאַנד זיינען מיר אַפגעזעסן אַ טאָג מיט אַ נאַכט אויף דער דיסקוסיע וועגן איינפירן דעם אַרייער־פּאַראַגראַף

ביי אונדז אין פאַראיין... ס'איז פאַר מיר איצט קלאָר געוואָרן, אַז אויב די כוחות פון פאָלק זיינען פאַרוועגדט געוואָרן אויף אַזעלכע וויכטיקע ענינים, האָט שוין במילא ניט געקלעקט קיין צייט, קיין קאָפּ, אויף צו פאַרהיטן דאָס לאַנד פון אמתן שונא... די סיסטעמאַטישע פּראָפּאַגאַנדע און העצע פון די דייטשן האָבן פאַרטשאַדעט די קעפּ פון פאָלק און דערפירט צום טראַגישן סוף...

אין שטוב האָב איך געטראָפן לאַזאַרן, שושנהן און נאָך אַ פּאָר פערזאָן. זיי האָבן געוואַרט אויף די קינדער, כדי צוזאַמען צו פאַרלאָזן וואַרשע. איך האָב באַשלאָסן גיין מיט זיי. ניט דערוואַרטנדיק זיך אויף די קינדער האָב איך זיך אויסגעטאָן און געלייגט שלאָפן.

אויפגעוועקט האָט מיך אַ שמועס. איך עפן די אויגן און דערזע דעם באַקאַנטן אַרטיסט מאָריס לאַמפּען, שושנהן און לאַזאַרן. איך הער ווי לאַמפּע זאָגט:
„באַלד דאַרף אָפּגיין אַ צוג קיין ווילנע. אפשר איז אַ פּלאַן צו פאָרן אַהין?"

דערהערט „ווילנע", שפּרינג איך גלייך אַראָפּ פון בעט, הויב זיך אָן אָנטאָן און זאָג:

יאָ, איך פאָר אויך, מיר פאָרן צוזאַמען.

וואַרט נאָר — זאָגט לאַמפּע — וואָס הייסט איר פאָרט קיין ווילנע? אַ רייזע־דערלויבעניש האָט איר? אַ פּראָפּוסק אַרויסצוגיין אויפן פעראָן האָט איר? נו, און אַ באַן־בילעט האָט איר? זעט נאָר, ער פאָרט שוין מיט קיין ווילנע!...

— ע — זאָג איך — וואָס מיר פּראָפּוסק, וועג מיר בילעט, איך בין פאַרנאַכט געווען אויפן וואָקזאַל, האָב איך געזען די אָרדענונג וואָס דאָרט הערשט... לויטער באַלאַגאַן און כאַאָס. קומט, לאַמפּע, לאָמיר גיין צום באַן, עס וועט גוט זיין, אויף מיין אחריות...

— יאָ — זאָגט לאַמפּע — עס שטייען אָבער מיליטער־לייט, זיי היטן איצט די פעראָנען.

— פאַרפאַלן — זאָג איך — קיין אַנדערע ברירה איז ניטאָ, מען טאָר אַזאַ געלעגנהייט ניט דורכלאָזן, קומט, מיר גייען... דאָ בלייבן, זעט איר דאָך, איז קיין תכלית ניט. אין ווילנע, אגב, בין איך ווי אינדערהיים.

שוין אָן אָנגעטוענער האָב איך כמעט מיט כוח אַרויסגעפירט לאַמפּען פון שטוב, געזעגענענדיק זיך מיט לאַזאַרן און שושנהן.

אַרויסגייענדיק אויפן גאַס האָבן מיר ערשט דערפילט, אין וואָס פאַרא לאַגע מיר געפינען זיך. פינצטער, חושך, קיין לעבעדיקער מענטש אויף דער גאַס. קיין ברעקל ליכטיקע שיין, אַלץ איז פאַרטונקלט, פאַרשטעלט, מיר האַלטן זיך פעסט ביי די הענט, ניט צו פאַרלירן זיך, און מיר גייען...

פּלוצלינג דערהערן מיר אַ דראָזשקע פאָרן, מיר פאַרהאַלטן זי און הייסן זיך פירן צום וואָקזאַל. ממש, אַ גליק מן השמים. וויבאַלד צופוס וואָלטן מיר

צום באַנהויף ניט דערגאַנגען. איך האָב דאָס גלייך אויסגעטייטשט, אַלס אַ גוטן סימן...

געקומען אויפן וואָקזאַל, חושך־מצרים. דער גאַנצער באַנהויף איז פאַרלייגט מיט מענטשן... מיר דערשלעפּן זיך קוים צום פּעראָן... דאָס הייסט צום אַרויסגאַנג. לאַמפּע זאָגט צו מיר שטילערהייט...

— נו וואָס וועט איר איצטער טאָן, חכם מיינער ?...

— קוקט און שווייגט און קומט מיט מיר... אויף מיין אחריות, עס וועט שוין באַלד גוט זיין...

עס האָט ניט געדויערט קיין האַלבע מינוט, זיינען מיר שוין געווען פון יענער זייט דורכגאַנג... לאַמפּע פרעגט מיך :

— וואָס פאַר אַ כישוף האָט איר דאָ געמאַכט ?

— קיין שום כישוף — זאָג איך — איך האָב פּשוט געגעבן וועמען אין האַנט אַריין 50 גראָשן און איר זעט דאָך. אָט איז אייער פּראָפּוסק, אָט איז אייער בילעט, אָט איז אייער דערלויבעניש פון מיליטער...

מיט די ברייטע טרעפּ זיינען מיר אַראָפּ אונטן אין טונעל צו די פּעראָנען. דאָ ערשט האָבן מיר דערזען אַ בילד, וואָס אין לעבן האָב איך דאָס ניט געזען, און אין מיין לעבן וועל איך דאָס ניט פאַרגעסן... טויזנטער מענטשן, מיט פּעק און פּעקלעך, האָבן פאַרפולט די פּעראָנען. מען האָט געוואַרט אויף אַ צוג שוין לאַנגע שעהען. אַלע ווײַלע האָט זיך פאַרשפּרייט אַ נייעס : אָט קומט אָן אַ צוג, אָדער, אָט גייט אָפּ אַ צוג. אָבער, אַלץ ניט געשטויגן, ניט געפלויגן... מיר וואַרטן אַזוי אַ שעה, צוויי, דריי, פיר און ניט פון אָרט. דער עולם איז געווען שרעקלעך מיד... מען האָט זיך געלייגט אויף דער ערד, מען האָט זיך געזעצט אויף די וואַליזקעס, אַ סך זיינען זיך צעגאַנגען. ניט האָבנדיק ווו צו גיין, זיינען מיר עקשנותדיק געבליבן וואַרטן, און מיר האָבן זיך טאַקע דערוואַרט אויף אַ צוג.

פאַרטאָג איז אָנגעקומען אַ צוג. פונוואַנען האָט קיינער ניט געוווּסט, דער צוג האָט אויסגעזען — נעבעכדיק, צעשאָסן, צעבאָמבאַרדירט, מיט אויסגעהאַקטע שויבן. אָז מיר זיינען צו נענטער צום צוג, האָבן מיר דערזען, אַז אין אים זיינען דאָ אַ סך פאַרוווּנדעטע און אַפילו געהרגעטע. הגם אויפן האַרצן איז געוואָרן זייער וויסט, איז דאָך קיין ברירה ניט געווען. מיר זיינען אַריין אין אַ וואַגאָן. דער צוג איז געשטאַנען אַ קורצע ווײַלע, אָבער אין דער ווײַלע האָט מען אונדז עטלעכע מאָל געוואָלט פון צוג אַרויסוואַרפן. מיר האָבן זיך אָבער ניט געלאָזט און סוף כל סוף איינגעהאַלטן אונדזערע פּאָזיציעס... מיר זיינען מיט מזל אַרויסגעפאָרן פון וואַרשע...

## די רייזע ווארשע—אטוואצק

דעם 7טן סעפטעמבער, דאנערשטיק פארטאג, זיינען מיר ארויסגעפארן פון ווארשע, אבי ארויס פון דעם גיהנום! אבער, אז מען איז אפגעפארן א שטיקל וועג און מען איז א ביסל געקומען צו זיך, האט מען זיך ערשט ארומגעזען, אז דער צוג שלעפט זיך, ווי נאך א לוויה. קוים דערשלעפט זיך צו דער ערשטער באן־סטאציע — וואווער. דער צוג האט זיך פארהאלטן. ביי די פארקויפערינס אויף דער באן־סטאציע האט מען געקענט קויפן בולקעס, ברויט. ס׳זיינען אפילו געווען ווורשטלעך און מילך. די פרייזן זיינען אבער שוין געווען העכערע. ווי האט מען אבער געקאנט טראכטן וועגן עסן, אז גלייך האט זיך אנגעהויבן א באמבארדירונג; מ׳איז ארויסגעלאפן פון די וואגאנען. קוים איבערגעלעבט דעם לופט־אנגריף, האט זיך דער צוג ווייטער גערירט. אויף אייגער פון די פרישע, אומצאליקע סטאציעס, האבן מיר אנגעטראפן אויף א צווייטן צוג, וואס איז ארויס פון ווארשע מיט 10 שעה פאר אונדזערן... אין דעם צוג האבן מיר געטראפן זייער פיל באקאנטע — לאדושער און ווארשעווער. מיט דעם צוג איז אויך געפארן פראפ׳ מ. שאר מיט זיין פרוי. פון לאדזש — דער יונגער פאפיר־סוחר העגריק אקאוויע, די פאמיליע פערסטער און א סך אנדערע.

איינע פון די שווערסטע באמבארדירונגען איז פארגעקומען אין פאלעניץ. די עראפלאנען האבן זיך אראפגעלאזט איבער די קעפ און געשאסן מיט קוילן־ווארפערס. מיר האבן זיך צעשאסן אין דערבייאיקן וועלדל. ליגנדיק אזוי אונטער א בוים, האב איך ארויסגענומען מיין טאשן־ביכל און אנגעהויבן פארצייכענען. מיטאמאל הער איך א קול: „באלבערישסקי, וואס טוט איר דא, ווי קומט איר אהער״? איך הויב אויף דעם קאפ און זע, אונטער אן אנדערן בוים ליגט איינגעגראבן יאנאס טורקאוו.

— איך מאך נאטיצן, אלס אלטער רעפארטער, אפשר וועט עס אמאל צונויץ קומען — ענטפער איך.

— נו, נו — זאגט טורקאוו — דאס דארף מען קענען, אין אזא מאמענט!

דער צוג שלעפט זיך טריט נאך טריט, כ׳איז א חלשות...

אויף דער סטאציע מיכאלין האט מיך ממש געטראפן א גליק: א סך קריסטן האבן אנגעבראכט פיל עסנווארג. נאטירלעך פאר גוט געלט. מענטשן האבן געהאט מיט זיך א סך געלט און אלץ געקויפט. צו מיר דערנענטערט זיך א יונגערמאן און זאגט: „איר זייט מאגיסטער באלבערישסקי, פרעזעס פון „גותן־לחם״ פון לאדזש. איר האט מיך ארויסגעשיקט קיין אטוואצק אויף קוראציע אין „מרפא״ (א באוווסטע לונגען־סאנאטאריע). איך דאנק אייך זייער. נעמט דאס מיט אויפן וועג, אייך וועט דאס צונויץ קומען״. און ער דערלאנגט מיר א גרויסע

בולקע מיט ווורשט און נאָך קלייניקייטן. ער האָט מיך געטרייסט און צוגעזאָגט איבערצוגעבן אַ גרוס מיין פאַמיליע אין לאָדזש, ווּהין ער האָט זיך געקליבן, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מיר לויפן פון דאָרטן.

כ'האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד פון וואַגאָן־קאָרידאָר און איינגע־דרימלט... אויפגעכאַפּט זיך און דערזען נעבן זיך אַ נידעריק, דאַר, שוואַרץ יידל אין אַ לאַנגער שוואַרצער חסידישער קאַפּאָטע, מיט אַ רבנישן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ און מיט בכבודיקע באָרד און פאות...

ער איז געווען אַ רב, אַ רעוויזיאָניסט, געאַרבעט אין דער אָרגאַניזאַציע און אין דער טאָג־צייטונג „מאָמענט". ער זאָגט מיר, אַז ס'האָט ניט קיין זינען ווייטער צו פאָרן מיטן באַן. מאָרגן וועט מען נאָך מער באָמבאַרדירן, מען מוז פאַרלאָזן דעם צוג און גיין צופוס אויף דעמבלין—לובלין. איך האָב זיך גלייך מיישב געווען מיט לאַמפּען, ער האָט אָבער אָפּגעזאָגט צו גיין צופוס. אָפּגעזעגנט זיך מיט לאַמפּען, זיינען מיר זאַלבעצווייט אַוועק.

מיר זיינען געגאַנגען דורך די פּרעכטיקע אַטוואָצקער סאָסנאָווע וועלדער. ווען ס'איז גוט ליכטיק געוואָרן, האָבן מיר ערשט דערזען, אַז מיר גייען ניט אַליין. עס גייען טויזנטער און טויזנטער מענטשן... מען גייט אַליין, מען גייט גרופּנווייז... עס גייען יידן, עס גייען פּאָליאַקן, צו אונדז איז צוגעשטאַנען נאָך אַ יונגערמאַן, קאַגאַן, אַ געוועזענער בוכהאַלטער פון „דזשאָינט".

מיר זיינען געגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף, פון שטעטל צו שטעטל. אין אַ סך ערטער האָבן מיר ביי די פּויערים באַקומען אַן אָרט צום רוען, עפּעס צום עסן — אַ שטיקל ברויט, אַ פּאָר קאַרטאָפל, וואו־ניט־ווו אַ ביסל מילך, אַמאָל אויך אַ קאָפּ זופּ. איך פלעג אַלץ עסן, דער רב דאַקעגן, נאָר טרוקן ברויט, אַ קאַרטאָפל, און זעלטענער אַ זיפּ מילך.

דעם ערשטן טאָג פון אונדזער מאַרש, פרייטיק דעם 8טן סעפּטעמבער, זיינען מיר אָנגעקומען צו אַ באַן־ליניע ביי פּולאַווע. דאָ האָט אונדז געכאַפּט אַ לופט־אַנגריף. מיר האָבן זיך גלייך איינגעגראָבן אין די ביימער פון נאָענטן וועלדל. דער אַטאַק האָט געדויערט אַ היפּשע צייט און געווען דער שרעק־לעכסטער פון אַלע, וואָס איך האָב ווען־ניט־איז דורכגעלעבט. דער צוג אויף דער באַן־ליניע איז צעשמעטערט געוואָרן. די וואַגאָנען האָבן געברענט ווי שוועבעלעך, שטיקער אייזנס זיינען געפלויגן איבער אונדזערע קעפּ.

נאָכדעם האָבן זיך די פּיראַטן אַראָפּגעלאָזט איבערן וועלדל און אונדז באַשאָסן מיט מאַשין־געווער. ס'האָבן זיך דערהערט האַרצרייסנדיקע קולות פון פאַרווונדעטע מענטשן. דער רב, פאַרשטעקט אונטער אַ בוים, האָט תפילה געטאָן.

די באָמבאַרדירונג האָט לאַנג געדויערט און יעדע סעקונדע האָט זיך

געצויגן יאָרן... מערקווירדיק, וואָס לענגער די באָמבאַרדירונג האָט געדויערט אַלץ רואיקער בין איך געוואָרן. סוף־סוף האָט מען דערהערט, ווי די עראָפּלאַנען פליען אָפּ. ס'איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. מען האָט זיך אַרויסגעגראָבן פון די ערטער, אויסגעגלייכט די ביינער און ניט לייגנדיק קיין אַכט אויף די האַרצרייסנדיקע קולות פון די פאַרוווּנדעטע, זיינען מיר אַוועק גלייך אין אַ דערבייאיקן דאָרף, וווּ מיר האָבן זיך אַרומגעוואַשן.

## גאַרוואָלין, זשעלעכאָוו, ראַדזין

אַרום צען ביינאַכט האָבן מיר פונדערווייטנס דערזען גאַרוואָלין. דער גאַנצער הימל אַרום איז געווען אַיין פלאַם פייער. גאַרוואָלין איז געשטאַנען אין פלאַמען.

אויפן וועג האָבן מיר געטראָפן פיל מיליטער. אייניקע האָבן אונדז אָפּגעשטעלט און אַפילו קאָנטראָלירט מיין טשעמאָדאַנטשיקל.

ס'איז ניט געווען זייער אָנגענעם, ווייל אַ פּאָר מאָל האָבן געווּיסע סאָלדאַטן געפּרוּווט אָפּחוזקן פונעם רב, וואָס איז אונדז גאָרניט געווען צום האַרצן. מיר האָבן זיך אָבער געטרייסט, ווייל דאָס האָט געוויזן, אַז ס'איז דאָך דאָ אַ געוויסע דיסציפּלין און מאַכט.

מיט די לעצטע כוחות זיינען מיר דערקראָכן צו גאַרוואָלין. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען אַרומגענומען מיט אַ העליש פייער. דורכן שטעטל האָבן מאַרשירט אָן אויפהער גרויסע מענגעס מיליטער. ביים אַריינגיין אין שטעטל האָבן מיר געטראָפן פיל איינוווינער ביי זייערע בעבעכעס, ביי די מכלומרשט געראַטעוועטע שטוב־זאַכן, אויף זיי זיינען געווען אויסגעלייגט קליינע קינדערלעך. מאַמעס און טאַטעס האָבן געבראָכן די הענט אויפן גרויסן אומגליק:

„אָט האָבן מיר יידן אַ שבת! זעט וואָס פון אונדז איז געוואָרן אין איין מאָמענט! אַזאַ אומגליק! אַזאַ בראָך! און דאָס אַלץ איז געשען אין משך פון איין איינציקער וואָך!... אינגאַנצן אַכט טעג, ווי די מלחמה איז אויסגעבראָכן!.. רבונו של עולם!

מיר זיינען אַוועק אין אַ זייטיק געסל. איך בין אַריין אין אַ קריסטלעך הויז און געבעטן אַ ביסל וואַרעם וואַסער אַ טרונק צו טאָן. דערביי גענומען איבערטאָן מיין העמד. אַ דורכגעווייקטס פון שווייס. פּלוצים דערהערן מיר: „באָמבאָוויעץ, באָמבאָוויעץ". אַרויס אויפן גאַס און גענומען לויפן מיט אַ גרויסן, ברייטן פעלד־וועג. זייענדיק שוין ווייט פון יעדער סכנה, האָבן מיר אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. איין גאָט אין הימל ווייסט, פונוואַנען ס'האָבן זיך ביי אונדז גענומען כוחות אויף דורכצומאַכן אַזאַ וועג, נאָך אונדזער וואַנדערן די לעצטע טעג צענדליקער קילאָמעטער צופוס...

מיר האָבן באַשלאָסן אויסצומיידן די הויפּט־וועגן און גיין מיט דעם וועג טאַקע אויף ראַדזין דורך זשעלעכאָוו, און פון דאָרט פאַרקערעווען אויף לובלין. שלעפּנדיק זיך מיט די לעצטע כוחות זיינען מיר דערקראָכן ביזן סוף פון אַ לאַנגן דאָרף. דאָרט האָט אונדז אַ פויער אַריינגעלאָזט אין גרויסן שייער מיט פריש שמעקנדיק היי, וווּ מיר האָבן זיך צעלייגט. אַאַ, וואָס פאַר אַ מחיה, ממש אַ גן־עדן. מיר זיינען ווי די געהרגעטע, גלייך איינגעשלאָפן. ס'איז נאָך געווען פינצטער, ווען דער פויער האָט אונדז אויפגעוועקט און געהייסן שטילערהייט אַרויסגיין פון דאָרף, ווייל ס'איז זייער שטרענג פאַרווערט צו לאָזן פרעמדע מענטשן איבערנעכטיקן אין דער דערלויבעניש פון דער מיליטערישער מאַכט.

אין צווייטן טאָג האָבן מיר זיך ווידער אָנגעטראָפן אויף מוראדיקע באָמ־באַרדירונגען, און געגנעכטיקט ביי אַ גוטן פויער.

געגאַנגען זיינען מיר נאָר דורך פעלדער און וועלדער, מיט היימישע סטעזשקעס. שפּעטערצו פלעגן מיר בכלל אויסמיידן צו גיין בייטאָג, ווייל ביינאַכט זיינען ניט געווען קיינע באָמבאַרדירונגען. שבת בייטאָג זיינען מיר אָנגעקומען קיין זשעלעכאָוו, און אַריינגעגאַנגען צום רבס באַקאַנטע. דער באַלעבאָס האָט זיך זייער האַרציק באַגריסט מיטן רב און אונדז זייער וואַרעם אויפגענומען. אַ חוץ אים זיינען געווען די פרוי און צוויי דערוואַקסענע טעכטער. אין איין קול האָבן זיי אַלע געשריען — „מירן דאָ ניט בלייבן, מיר מוזן פון דאַנען אַוועק, אַ מינוט וועלן מיר דאָ ניט בלייבן"... דער פאָטער דאַקעגן, איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעמישטער, און געריידט צו זיך: „וווּ גייט מען, וווּהין לויפט מען?" ס'האָט ממש ביים האַרצן געשניטן, צוהערנדיק זיך צו דעם שוידערלעכן שמועס...

אָט, זעסטו, — האָט איין טאָכטער אַ זאָג געטאָן — זע, מענטשן לויפן שוין לאַנגע טעג, זיי האָבן גאָרניט קיין מורא איבערצולאָזן זייערע הייזער, זיי לויפן ווו די אויגן טראָגן און ער שרייט נאָר — ווו גייט מען, ווו לויפט מען...

„איך וועל דאָ ניט בלייבן — האָט צוגעגעבן די צווייטע — איך וויל ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון די מערדער, זיי זאָלן מיך פאַרפּייניקן... דו ווילסט בלייבן, בלייב זיך דאָ, איך און די קינדער גייען אַוועק"...

מיר האָבן זיך שטילערהייט אַוועקגעלייגט אין אַ ווינקל, גרייטנדיק זיך צום ווייטערדיקן וועג.

ווען ס'איז פינצטער געוואָרן, האָבן מיר ווידער גענומען דעם וואַנדער־שטעקן און געלאָזט זיך אין וועג אַריין. ערשט מאָנטיק פאַרנאַכט זיינען מיר דערגאַנגען ביז ראַדזין.

דאָס שטעטל איז געווען באַלאַגערט פון מיליטער. סאָלדאַטן, אָבאָזן אין

שיעור און אָן ערך. פּינצטער, טומל, הור־האָ, געפּילדער. זוכנדיק אַן אָרט ווו זיך אָפּצורוען, זיינען מיר אַריין אין אַ שיין יידיש באַלעבאַטיש הויז. געוווינט האָט דאָרט דער שטאָט־שוחט. אָבער ווידער די זעלבע „חתונה״: די זאַכן פאַרפּאַקט, די שטוביקע גייען אַרום ווי צעמישטע. פאַר קיין פאַל האָט מען אונדז ניט געלאָזט איבערנעכטיקן. — לאָזט אונדז צורו, יידן, — האָט דער שוחט געטענהט, — מיר זיינען אַליין צעטומלט און ווייסן ניט וואָס צו טאָן מיט זיך. אַ פרוי האָט זיך דערביי היסטעריש צעשריען, אַז זי וועט פאַר קיין פאַל ניט לאָזן. פרעמדע, אומבאַקאַנטע מענטשן נעכטיקן אין שטוב אין אַזאַ צייט.

מיר זוכן אַן אַנדער מקום. מיר טרעפן זיך אָן אין אַ זייטיק געסל אויף אַ פשוטן ייד, וועלכער האָט אונדז גלייך געוויזן ווו מ׳קאָן קויפן ברויט ביים יידישן בעקער און דערנאָך האָט ער אונדז אַריינגעפירט צו זיך אין ווינקל און געמאַכט געלעגערס צום שלאָפן.

**דער בוג וועט ראַטעווען**

דער רב האָט דערווייל פאַרטראַכט אַ נייעם וואַנדער־פּלאַן:

— מיר גייען ניט אויף דעמבלין—לובלין, נאָר צום בוג!

איך בין געוואָרן אויסער זיך.

— וואָס טוט איר, רבי, אַלע וויילע אַנדער׳ע פּלענער — מיט דער באַן ניט, מיטן שאָסיי ניט, לובלין געפעלט אייך ניט, איצט גאָר — דער בוג... ביז מיר וועלן זיך דערשלעפּן צום בוג, וועט ביי אייך, רבי, ווידער געבוירן ווערן עפּעס אַ נייעס!...

איך האָב זיך געקאָכט, אָבער אין האַרצן האָב איך געפילט, אַז דער רב איז גערעכט. מיר שפּרייזן ווייטער.

ס׳איז ממש געווען צו באַוווּנדערן, וויאַזוי דער רב האָט זיך גלענצנדיק אָריענטירט אין וועג. מיר האָבן קיינמאָל ניט געבלאָנדזשעט. אונדזער וועג איז געווען ראַדזין, קאָנאַרוווקע, ווישניצע.

געגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף, ציילנדיק די קילאָמעטערס, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט און וויפל מ׳דאַרף נאָך מאַכן. מיטוואָך דעם 13טן סעפּטעמבער, בייטאָג, זיינען מיר אָנגעקומען צום טייך בוג.

געטראַכט האָבן מיר: דייטשלאַנד איז אָנגעפאַלן אויף פּוילן פּלוצלינג, די פּוילישע אַרמיי האָט ניט באַוויזן צו שטעלן דעם געהעריקן ווידערשטאַנד, אָבער איצט, אַז ס׳איז אַוועק שוין כמעט צוויי וואָכן, וועט אוודאי די פּוילישע אַרמיי ווייזן וואָס זי קען: ביים בוג וועלן פאַרקומען די גרויסע, אַנטשיידנדיקע

שלאָכטן. מיר דאַרפֿן דעריבער זיך אַריבערבאַקומען אויף יענער זייט בוג און מיר זיינען געראַטעוועט.

מיר דערגייען צו אַ גרויסער בריק, איבערן בוג. פֿאַר דער בריק — מאַסן ציווילע מענטשן, אָבער דורך דער בריק גייט בלויז מיליטער אַן אויפֿהער, ציווילע ווערן ברוטאַל געטריבן.

דאָס מיליטער האָט געשריען מ׳זאָל גיין קיין וואָלאָדאַווע, דאָרט איז פֿאַראַן אַ בריק ספּעציעל פֿאַר ציווילע, 14 קילאָמעטער פֿונדאַנען.

— אַ קילאָמעטער פֿון דעם אָרט — זאָגט דער רב — געפֿינט זיך אַ שטעטל סלאַוואַוויטשע און צוויי קילאָמעטער פֿונדאַנען דאָס שטעטל — דאָמאַטשעווע, וואָס איז באַקאַנט אַלס „דאָס ליטווישע אָטוואָצק״. דאָס איז אַ באַרימט קוראָרט פֿון פּרעכטיקע זומער־וווינונגען. צווישן סלאַוואַוויטשע און דאָמאַטשעווע געפֿינט זיך ווידער דער בוג, וועלכן מיר ווילן אַריבערגיין...

אין אַ קורצער ווײַלע שפּעטער זיינען מיר שוין געווען אין שטעטל, ריכטיקער, אינעם חורבן פֿון שטעטל. קוים מיט צרות זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַ שטוב מיט עטלעכע יידישע פֿרויען. זיי דערציילן אונדז, אַז דאָס שטעטל ווערט, צוליב דער נאָענטקייט פֿון בוג, אַן סוף באָמבאַרדירט. אַלע זיינען זיך פֿון שטעטל צעלאָפֿן. דאָס אַריבערגיין דעם בוג, איז דאָ ממש אויסגעשלאָסן.

דערהערנדיק אַזעלכע רייד, האָב איך זיך פֿולשטענדיק איינגעבראָכן און אַרויס מיט אַ היסטעריש געוויין...

דאָס גאַנצע פֿאַרביטערטע האַרץ האָט ווי געזוכט אַן אויסגאַנג דורך די זודיקע טרערן און געוויין. קוקנדיק אויף מיר זיינען אויך די פֿרויען אויסגעבראָכן אין אַ יללה, און אויף אַ ווײַלע איז אין קליינעם, רואיגירטן געסל געווען דער אמתער יום כיפּור...

די פֿרויען האָבן מיר אַרויסגעבראַכט אַ ביסל וואַסער און עטלעכע האַלב צעפֿוילטע ווערגעטשקעס. ביסלעכווייז בין איך געקומען צו זיך. אינטערעסאַנט, אַז גלייך נאָך דעם בין איך געוואָרן ווי אַ נײַ־געבאָרענער. עס האָט זיך צו מיר אומגעקערט מיין גאַנצע ענערגיע, מיין מוט און כּוח, מיט איין וואָרט — געוואָרן צוריק דער, וואָס פֿריער געווען. איך האָב זיך אויסגעגלייכט און געזאָגט צו מיינע חברים: „יעצט דאָ, איך וועל אַרויסגיין אין שטעטל און אַ קוק טאָן, וואָס מ׳קען דאָ מאַכן״...

די גאַנצע צייט איז דער רב געווען דער וועגווייזער. איצט האָבן זיך אונדזערע ראָלן געביטן. דער רב איז געבליבן זיצן אָן מוט, און איך האָב איבערגענומען די איניציאַטיוו.

פֿונדערווייטנס האָב איך דערזען אַ גרופּע יידן. נעבן זיי איז געשטאַנען אַ בחור׳ל, פֿון אַ יאָר 15—16. איך האָב אים אַוועקגערופֿן אָן אַ זייט און געזאָגט:

יונגערמאַן, מיר וואַלגערן זיך שוין אַ וואָך צייט אין וועג. ווילן מיר איצט אַריבערגיין דעם בוג און ווייסן ניט ווי אַזוי, האָט אויף אונדז רחמנות און העלפט אונדז.

— דאָס איז גאָר, וואָס איר ווילט, — ענטפערט דער יונגערמאַן, — קומט מיט מיר, איך וועל אייך אַריבערפירן דעם בוג.

איך בין געבליבן שטיין, ווי אַ צעטומלטער.

— וואָס הייסט — זאָג איך — איר וועט מסתמא אַריבערפירן ביינאַכט...

— ניין — ענטפערט דער יונגערמאַן — קומט שוין, אָבער טאַקע שוין. — און ער הויבט אָן צו גיין מיטן וועג צום טייך. —

— וואַרט נאָר — זאָג איך צו אים — איך בין ניט אַליין, איך האָב נאָך צוויי חברים מיט זיך.

— טאָ מאַכט עס שנעלער — זאָגט ער.

איך בין גלייך געלאָפן צו מיינע חברים, גערופן זיי און זיך געלאָזט לויפן נאָכן יונגערמאַן. מיר האָבן גלייך דערזען דעם בוג, אָבער אין דערזעלבער מינוט איז פאָרגעקומען אַ לופט־אַנגריף. אַלע האָבן מיר זיך געוואָרפן אויף דער ערד, איינגראָבנדיק זיך טיף אין זאַמד.

ווען דער לופט־אַנגריף האָט זיך געענדיקט, זיינען מיר צוגעקומען צום ברעג, ביי וועלכן עס זיינען געשטאַנען צוויי שיפלעך: איך בין גלייך אַריינגעשפרונגען אין אַ שיפל, אין צווייטן שיפל זיינען אַריין דער רב און קאַגאַן. מיר זיינען אָפגעשוווּמען פון ברעג. ווען די ערשטע איבעראַשונג איז אַריבער, האָב איך מיט האַרצקלאַפעניש געטראַכט, וויפל וועט מען דעם שיפער דאַרפן באַצאָלן פאַרן אַריבערפירן אונדז איבערן טייך. מיר זיינען אַרויס אויפן צווייטן ברעג, אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן! מיר זיינען געראַטעוועטע!

— וויפל קומט אייך — פרעג איך דעם איבערשיפער.

„צו 20 גראָשן", ענטפערט ער. איך בין געבליבן דערשטוינט. איך כאַפּ אַרויס פון קעשענע אַ זילבערנע צוויי־זלאָטיקע מטבע און דערלאַנג דעם בחור. ניט נעמענדיק פון אים קיין רעשט. מיט אונדז האָבן זיך אויך אַריבערגעשיפט אייניקע קריסטן, ביי וועלכע ער האָט קיין געלט ניט גענומען.

— נו, רבי — זאָג איך — ווער איז געווען גערעכט? איר זעט די אָרדענונג, וואָס דאָ הערשט? אַ קילאָמעטער פון דאַנען איז רעכט צו דערשיסן מענטשן פאַרן וועלן אַריבערגיין דעם בוג, און דאָ פאָרט מען אַריבער דעם טייך פאַר 20 גראָשן, פראַנק און פריי, אינמיטן העלן טאָג. זייער ביטער זעט אויס מיט אונדזער מלחמה! אַך־און־וויי צו אַזאַ אָרדענונג!...

ווי עס זאָל ניט זיין, מיר זיינען שוין אויפן צווייטן ברעג פון בוג!

— מיר זיינען געראַטעוועט. אַ דאַנק דיר, השם יתברך — זאָגט דער רב.

— מן הסתם איז אונדז באַשערט צו לעבן — זאָגט קאַגאַן.

מיר האָבן זיך ברייטלעך צעלייגט אויפֿן ריינינקן זאַמד און גענומען זיך וואַרעמען אויפֿן זון.

עפּעס אַ קלייניקייט, נאָך אַזעלכע איבערלעבונגען, נאָך אַזעלכע דערשיטע־רונגען זיינען מיר פֿרייע, גראַטעוועטע מענטשן. מיר האָבן זיך אויסגעבאָדן אין טייך און אויסגערוטע, אָפּגעפֿרישטע און הויפּטזעכלעך באַרואיקטע, זיינען מיר אַוועק אין דערבייאיקן שטעטל, דאָמאַטשעווע.

## ראש־השנה אין דאָמאַטשעווע

פֿאַרנאַכטלעך זיינען מיר אַריין קיין דאָמאַטשעווע. אויף די גאַסן האָבן מיר געטראָפֿן אַ סך יידן. נאָכגעפֿרעגט זיך ווו מען קען אַריינגיין אין אַ שטוב אויף איבערנעכטיקן.

אַ היפּשע צייט האָבן מיר ניט געקענט געפֿינען קיין מקום־מנוחה, ביז אַן עלטערע פֿרוי האָט זיך מרחם געווען אויפֿן רב און אים פֿאַרבעטן צו זיך. שפּעטער אַביסל האָט אויך קאַגאַן באַקומען אַן אָרט. כ׳בין געווען פֿאַרצווייפֿלט. אַ מאַן פֿון מיטעלע יאָרן האָט אויף מיר רחמנות געקראָגן און פֿאַרבעטן צו זיך אַהיים, נאָר צום איבערנעכטיקן, ווייל „מיט עסן, ווייסט ער ניט ווי עס האַלט אין שטוב״. איך האָב מיט דאַנק אָנגענומען די איינלאַדונג און מיר זיינען אַוועק צו אים אַהיים.

מיר זיינען אַריין אין אַ פֿיינער, קליינשטעטלדיקער, באַלעבאַטישער דירה פֿון 3 צימערן, מיט אַ קיך. אין איין צימער האָט געוווינט אַ מוטער מיט אַ טאָכטער און אין די אַנדערע צוויי — אָט דער מאַן מיט זיין פֿרוי. קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט. אויפֿן טיש זיינען געלעגן פֿרישע, וואַרעמע געפֿלאָכטענע חלות, ווי מ׳פֿלעגט ביי אונדז באַקן ערב ראש־השנה. די פֿרישע יום־טובדיקע חלות, די ריחות פֿון די יומטובדיקע מאכלים, די פֿאַרהאָרעוועטע באַלעבאָסטע ביים אויוון — דאָס אַלץ האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים, אַזש דער קאָפּ האָט זיך מיר פֿאַרדרייט... ווילנע, ערב ראש־השנה אין שטוב... מיין אייגן הויז אין לאַדוש... ראש־השנה ביי מיין אייגענעם טיש, מיט מיין פֿרוי און קינדער... וואָס מאַכן זיי דאָרט אָן מיר, פֿון וואָס און ווי אַזוי לעבן זיי... אַז דאָס האַרץ איז ניט צעריסן געוואָרן אויף שטיקער, איז עס ווירקלעך שטאַרקער פֿון אייזן... און אָט שטיי איך דאָ אין טיר, ווי אַ בעטלער, קוים זיך איינגעבעטן אויף אַ נאַכט. איך האָב ניט אויסגעהאַלטן און צום צווייטן מאָל דעם טאָג בין איך אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין... די פֿרויען האָבן מיך באַרואיקט מיט פּשוטע, האַרציקע ווערטער, אַז אַלץ וועט נאָך גוט זיין, איך זאָל מיין מוט ניט פֿאַרלירן.

זיי האָבן מיך אַריינגענומען אין צימער, געגעבן אַ שיסל וואַסער אויף

ארומצוואַשן זיך לכבוד יום־טוב און אַ שיסל קאַלטע וואַסער צום אויסווייקן מײַנע צעמזיקטע פיס...

דער באַלעבאָס איז אַוועק אין קלויז דאַווענען. איך בין שוין אַ באַרואיקטער און אויסגעפוצטער לכבוד יום־טוב, געוואָרן אַ היימישער מענטש...

פון דאַווענען איז געקומען דער באַלעבאָס מיטן רב און מיט קאַגאַנען. מען האָט אונדז אַלעמען פאַרבעטן צום טיש. דער באַלעבאָס און דערנאָך דער רב, האָבן קידוש געמאַכט איבער די חלות. אַנשטאָט פיש, האָט די באַלעבאָסטע געגעבן שפּראָטן, פאַר וואָס זי האָט זיך אַנטשולדיקט. מ׳האָט דערלאַנגט עכטע יידישע יויך מיט פלייש און הון. מען האָט זיך פונאַנדערגערעדט. לאַנג זײַנען מיר געזעסן ביים טיש.

מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז פאַרטאָג וועלן מיר אַוועק ווייטער אין וועג אַרײַן. פאַרטאָג, ווען דער רב איז געקומען מיך אויפוועקן, האָבן די באַלעבאַטים אונדז פאַרגעלייגט צו בלייבן איבער יום־טוב:

— ווו וועט איר גיין, ס׳איז דאָך ראש־השנה, זייט דאָ די צוויי טעג, רוט זיך אויס, איר וועט נאָך באַוויזן צו לויפן.

לאַנג בעטן האָט מען אונדז ניט געדאַרפט... דער רב איז אַוועק דאַווענען, איך בין געבליבן ליגן אויסרוען די פיס. בײַטאָג האָבן מיר שפּאַצירט אין שטעטל. געשמועסט מיט די אָרטיקע יידן, וועלכע זײַנען אַרומגעגאַנגען ווי אויף אַן עולם התוהו, ניט וויסנדיק, וואָס צו טאָן מיט זיך, צי בלייבן אין שטעטל, צי לויפן אין די דערפער... דאָך איז דער ערשטער טאָג יום־טוב אַדורך פולשטענדיק רואיק. דער צווייטער טאָג איז שוין געווען אַן אַנדערער. בײַטאָג — אַ לופט־אַנגריף, ס׳זײַנען אויסגעבראָכן שריפות. גלייך האָט זיך די שטימונג געענדערט. מען האָט גענומען שלעפן פעק און זעק, לויפן ווי צעמישטע, ווי צעטומלטע; אַ מהומה איז אַרויף אויפן שטעטל... ס׳האָבן זיך גלייך פאַרשפּרייט פאַנטאַסטישע ידיעות וועגן דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע... מיר האָבן טאַקע גלייך באַשלאָסן אַוועקצוגיין און געראָטן אויך אַנדערע באַלעבאַטים, זיי זאָלן פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

מיט אַ שווער געמיט זײַנען מיר שבת פאַרטאָג, אין דער באַגלייטונג פון אונדזערע באַלעבאַטים, אַרויס אין וועג אַרײַן. אויפן וועג האָבן זיי, די האַרציקע מענטשן, אונדז מיטגעגעבן אַ סך עסנוואַרג: חלה, פלייש, עפּל, געבעקס. גייענדיק דורך אַ פרעכטיקן וואַלד, האָבן זיי אונדז געוויזן זייער ווילע, אין וועלכער זיי האַלטן, זומער צייט, אַ פענסיאָנאַט, און פון דעם לעבן זיי אַ גאַנץ יאָר.

23 קילאָמעטער זײַנען מיר אָפּגעגאַנגען, ביז מיר זײַנען אָנגעקומען אין אַ גרויס אוקראַיניש דאָרף. מיר האָבן אָבער באַשלאָסן ניט צו פאַרהאַלטן זיך

דאָרט. נאָך אַנדערטהאַלבן קילאָמעטער פון דאָרף, זיינע מיר אָנגעקומען צו א יידישן מילגער.

## אין די אוקראַינישע דערפער

אַרויסגייענדיק פון דאָרף איז אונדז אַ ביסל לייכטער געוואָרן. פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך גענומען אָפּשפּילן די טראַגעדיע פון אונטערגייענדיקן פוילן. אוקראַינישע פויערים האָבן זיך זייער פיינטלעך באַצויגן צו פּאָליאַקן. זיי פלעגן זיי ספּעציעל אַריינגעמען צו זיך אויף נאַכטלעגער, און צונעמען פון זיי אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט ביי זיך. אַפילו די שטיוול פון די פיס אַראָפּציען און האַלב נאַקעטע זיי דורכטרייבן. ניט איין מאָל איז געווען, ווען מען האָט פּשוט דערהרגעט. זיי האָבן איצט געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין פאַר זייער בלוט, פאַר זייערע עוולות, וואָס דאָס אונטערגייענדיקע פוילן איז לגבי זיי באַגאַנגען. מיט איין וואָרט, די שנאה צו פּאָליאַקן איז געווען אַ געוואַלטיקע, אָן אָפּענע.

די באַציאונג צו יידן איז געווען אַ זאַכלעכע: ד. ה. אַז אַ ייד האָט געבעטן ברויט אָדער מילך, האָט מען פון אים פאַרלאַנגט טאַבאַק, פּאַפּיראָסן און דאָסגלייכן. קיין פויליש געלט האָט מען שוין ניט גענומען. טאָמער האָט אַ ייד ניט געהאַט וואָס צו בייטן, האָט ער קיין זאַך ניט געקענט באַקומען.

אין דער סיטואַציע, איז דאָס ניט טשעפּען אונדז, אויך געווען אַ גרויס גליק...

און נאָך אַ זאַך האָבן מיר דאָ געזען, וואָס ס'איז פאַר אונדז געווען אַ נייעס, אַ גרויסע אָרעמקייט צווישן די פויערים.

פויערים האָבן געלעבט אין אַזעלכע שוידערלעכע באַדינגונגען, אַז עס האָט פּשוט ביים האַרצן פאַרקלעמט. אין גרעסטן טייל זיינען די הייזער געווען ליימענע כאַטעס, אָדער פון ברעטער צונויפגעקלאַפּטע סוכות, מיט שטרוי באַדעקט. אינעווייניק איז געווען אַ זאַדוך פון דיחות, דערשטיקט צו ווערן. די כאַלופּעס — אמתע קברים, אָן פאַדלאָגעס גרויס ד׳ על ד׳, דער שמוץ, די שטיקנדיקע לופט, די ענגשאַפט, די פּרימיטיווקייט. דאָס אָנטועכץ: רויע לייוונט, אַ לאַנג העמד און אַ פּאָר גאַטקעס, דאָס איז אַלץ. ברויט, פּשוט ברויט, איז אין אַ מאַסע כאַטעס געווען אַ לוקסוס אַרטיקל!

די שיסל זופּ, וואָס מען פלעגט דערלאַנגען צום טיש (פון בוראַקעס, קרויט אָדער קאַרטאָפל) האָט געהאַט דעם טעם פון אַ חזירים־מאכל. אַלע שטוביקע עסן מיט הילצערנע לעפל פון איין שיסל. אין וויגעלעך, צוגעבונדענע מיט שטריק צום סופיט, ליגן זויג־קינדער, די אַלטע לייט ליגן אויפן אויוון. אין רוב הייזער איז דאָס מעבל באַשטאַנען פון אַ פּראָסטן, ווייסן טיש, אַ פּאָר בענק, און אַ פּאָר

צוגעפּגעשלאָגענע ברעטער ביי דער וואַנט, וואָס האָט געדינט ווי אַ בעט פאַר די ייִנגערע...

נאַטירלעך האָט אונדז דאָס ניט אָפּגעשראָקן, אַבי מ׳האָט געקענט, אויף אַ פּאָר שעה, דעם קאָפּ אַוועקלייגן. אין אַזעלכע הייזער האָב איך נישט איינמאָל אַוועקגעלייגט מיין בינטל ביינער אויף אַ האַרטער באַנק... אַלץ בעסער, ווי צו ליגן אין אַ סטאַדאָלע, מיט דער בהמה, אָדער מיטן פערד צוזאַמען.

איידער מיר זיינען אַריבער דעם בוג, פלעגט מען אונדז אין פּוילישע כאַלופּעס אויפנעמען ניט שלעכט. אַלע וועגן און שטעגן זיינען דאַן געווען באַלייגט מיט מיליאָנען מענטשן. צו באַקומען עפּעס־וואָס צו עסן אין יענע טעג, איז געווען ניט פון די לייכטע זאַכן. קיין געלט האָט מען מיט זיך ניט גענומען, קיין זאַכן, וואָס צו בייטן, האָבן מיר ניט געהאַט. אין אַ סך פאַלן פלעגן מיר באַקומען וואָס צו עסן אין זכות פונעם רב. אין אַנדערע, האָב איך, אַלס אַפּטייקער, פאַרשריבן רפואות פאַר קראַנקע... אין מיין וואַליזקע האָב איך געפונען עטלעכע פּראָשקעס „פּיראַמידאָן״ און דאָס איז מיר זייער צונוץ געקומען. אַ סך עסנוואַרג האָבן מיר באַקומען פאַר מיינע עטלעכע שטיקלעך צוקער, וואָס איך האָב געהאַט ביי זיך. געווען כאַלופּעס וואָס די קינדער האָבן ניט געוווסט, וואָס דאָס איז אַזוינס צוקער... ערשט ווען די עלטערע פלעגן זיי אריינלייגן אַ שטיקעלע אין מויל, האָבן די קינדערלעך זיך פאָסמאַקעוועט, און באַקומען צוטרוי צו אונדז, אין זייער זכות פלעגן מיר באַקומען עפּעס צו עסן...

די וועגן זיינען געווען באַלייגט מיט וואַנדערער... פון די שטעט איז מען געלאָפן, מיינענדיק, אַז מען וועט אַריינגעצויגן ווערן אין מיליטער, צו וואָס אַ סך פון אונדז האָבן טאַקע געשטרעבט. אָבער וואָס אַ טאָג ווייטער, איז דער באַלאַגאַן געוואָרן אַלץ גרעסער. אַזוי, אַז וועגן גיין אין מיליטער און קעמפן, איז שוין קיין רייד ניט געווען.

אָט דער ים מענטשן האָט אויפגעגעסן פון די וועלדער, פון די סעדער, פון די גערטנער אַלץ, וואָס מ׳האָט נאָר געקענט. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי וויים, אַז עס האָט פאַרפעלט וואַסער צום טרינקען. אַלע ברונעמער זיינען געווען אויסגעשעפּט.

אין אַ געוויסן מאָמענט בין איך געבליבן ליגן אויפן שאָסיי, ניט געקענט גיין ווייטער, צוליבן דורשט. מיינע חברים האָבן פון אַ ברונעם אַרויסגעצויגן אַביסל נאַסן זאַמד און דערמיט געשטילט מיין דורשט. אַ צווייט מאָל האָבן יונגעלייט מיר געבן עטלעכע האַלב־רויע בערנעטשקעס, כדי צו שטילן מיין דורשט.

אויף אַ פרייען פעלד האָבן מיר געטראָפן אַ גרופּע וואַרשעווער יידן. דאָס פערד איז געווען אויסגעשפּאַנט פון דער פור, די יידן זיינען געלעגן אויסגעלייגט

אויפן גראָז און געדוס. מיר האָבן זיך אויך צוגעלייגט און אָפגעשמועסט, אַז ווייטער גייען מיר צוזאַמען... דערווייל איז אויסגעבראָכן אַ נייער לופט־אַנגריף, אַלע זיינען זיך צעלאָפן. איך האָב זיך איינגעגראָבן אין אַ קופּע מיסט, און בין איינגעשלאָפן... כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט, אויפגעזוכט דעם רב מיט קאַגאַנען, די וואַרשעווער יידן זיינען שוין ניט געווען. מיר זיינען אַוועק צום יידישן מילנער.

## אַ באַגעגעניש מיט דייטשישע טאַנקען

פּלוצים דערהערן מיר אַ שטאַרק גערויש און אַן אומאויפהערנדיקע שיסעריי... גלייך אַראָפּ פון וועג און זיך אויסגעצויגן אין גראָז. מיר האָבן דערזען פאַר זיך צוויי פאָרנדיקע דייטשישע טאַנקען, וואָס האָבן בלינד געשאָסן אויף אַלע זייטן...

שטעלט זיך פאָר די ערגערניש און ביטערקייט אויפן האַרצן... צוויי וואָכן זוי מיר פינצטערן אויף די וועגן, דורכגעמאַכט הונדערטער קילאָמעטערס צופוס, כדי זיך ניט טרעפן מיטן דייטש, און דאָ האָבן זיי אונדז אָפּגעשניטן. ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָרט, וווּהין מיר קלייבן זיך, זיינען זיי שוין דאָ!

ליגנדיק אויף דער ערד, האָב איך אַרויסגענומען פון די קעשענעס אַלע פּאַפּירן, לעגיטימאַציעס, בריוו און פאַרשיידענע אַנדערע צעטלען, און אַלץ צעריסן. ווען די טאַנקען זיינען אָפּגעפאָרן זי׳נען מיר אַריבערגעלאָפן צוריק צום מילנער. מיר דערציילן אים וואָס מיט אונדז האָט פּאַסירט, און אין דעם מאָמענט קומט צו אים צו אַן אוקראַינישער שייגעץ, און דערציילט אין אוקראַיניש, אַז אין דאָרף זיינען פאַראַן דייטשן און זיי טיילן די פּויערים פּאַפּיראָסן און טאַבאַק... זיי האָבן אויך שנאַפּס... זיי זיינען זייער גוט און פריינטלעך...

וואָס טוט מען? ווי ראַטעוועט מען זיך אַרויס? דאָ, אין אַ פאַרוואָרפן אוקראַינישן דאָרף, אַריינפאַלן אין די הענט פון די דייטשן!... מען וועט דאָך אפילו ניט וויסן, וווּ אונדזער געביין איז אַהינגעקומען.

דער רב פּרוּווט רעדן מיטן שייגעץ, אַז ער זאָל אונדז ווייזן דעם וועג קיין קאָוועל, אָבער דער שייגעץ וויל גאָרניט הערן דערפון: 8 קילאָמעטער גיין ביינאַכט אין אַזאַ צייט!

דער רב נעמט אַרויס פון קעשענע אַ זילבערנע מטבע פון צען זלאָטעס און ווייזט דעם שייגעץ. „נאַ”, זאָגט ער, „דאָס באַקומסטו פאַרן ווייזן אונדז דעם וועג”. דער שייגעץ איז איינגעגאַנגען אונדז צו דערפירן ביז זיין פעטערס כאַלופּע, צוויי מיט אַ האַלבן קילאָמעטער פון מילנער. מילא, זאָל זיין ווי ער וויל, אַ ברירה האָבן מיר...

דאָס געלט פאַרן שייגעץ האָבן מיר איבערגעלאָזט ביים מילנער, ווען ער וועט פון אונדז ברענגען אַ צעטל. עס איז געוואָרן גוט פינצטער. מיר זיינען אַרויס אַ מאַן צען — יידן און ניט־יידן. לאַנג זיינען מיר געגאַנגען דורך בלאָטיקע

וועלדער. אַרום און אַרום זעט מען ניט קיין לעבעדיק שטיקל שיין פאַר די אויגן. אַלע ווילע פאַלט אַן אַנדערער פון די פיס. מיר באַמיען זיך צו האַלטן צוזאַמען, כדי זיך ניט צו פאַרלירן אין די זומפּן. צום אומגליק האָט דער שייגעץ פאַר־בלאָנדזשעט און ניט געקענט געפינען דעם ריכטיקן וועג... דריי שעה האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט איבער די זומפּן, מיר זיינען געבליבן אָן כוחות... דאָך, קוים לעבעדיקע, דערקראָכן צום נויטיקן אָרט. די ניט־יידישע גייער זיינען זיך גלייך צעגאַנגען אין די סטערטעס שטרוי. מיר, זאַלבעדריט זיינען אַריין צום פויער אין שטוב. אוי איז דאָס געווען אַ שטוב! אַ גרוב ממש. הגם מיר זיינען געווען טויט־פאַרמאַטערט, האָבן מיר דאָך גלייך גענומען רעדן וועגן גיין ווייטער. אָבער אַ נעכטיקער טאָג: דער פויער וויל גאָרניט הערן אַפילו וועגן גיין ביינאַכט... פאַר מיליאָנען ניט... מיר זיינען געבליבן אין שטוב. אויסגעמאַטערטע, זיינען מיר ווי געהרגעטע, געפאַלן, ווער אויף דער ערד, ווער אויף דער איינציקער באַנק...

פאַרטאָג זיינען מיר אין דער באַגלייטונג פון פויער אַרויס אין ווייטערדיקן וועג. ער האָט אונדז בלויז אַרויסגעפירט אויפן שליאַך, געוויזן אונדז דעם וועג, אָבער ווייטער גיין מיט אונדז האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. ס'האָבן ניט געהאָלפן קיין רייד — ער האָט מורא.

פאַרן אַרויספירן אונדז אויפן שליאַך, האָט ער געבעטן געלט און דאָס דווקא ניט ווייניק. באַצאָלן אים מיט געלט זיינען מיר ניט געווען אימשטאַנד. ניט האָבנדיק קיין אויסוועג, האָב איך אַ זאָג געטאָן צום פויער בזה הלשון:

„מיר לויפן פון לאָדזש צופוס, אַלץ האָבן מיר איבערגעלאָזט אויף הפקר. מיר ווייסן ניט וואָס עס קומט פאַר מיט אונדזערע פאַמיליעס. מיר האָבן גאָרניט. אַ חוץ דעם, וואָס דו זעסט אויף אונדז. וואָס זאָלן מיר דיר געבן און וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס פאַר דיר? דו זעסט דאָך, אַרום ברענט אַ העליש פייער. דו בעט ביי אונדזער רב, אַז ער זאָל דיך צו אונדזער איצטיקן ניי־יאָר בענטשן, אַז דו מיט דיין פאַמיליע און דיין גאַנץ גוטס וואָס דו פאַרמאָגסט, זאָלסט בלייבן גאַנץ, ניט גערירט, פון דער שריפה. דער רב וועט דיך בענטשן, דאָס וועט זיין פאַר דיר די בעסטע באַלוינונג"...

דערביי האָב איך אים דערלאַנגט די האַנט און אַ פּאַפּיראָס...

דער פויער איז געבליבן שטיין ווי אַ געפּלעפּטער. ער האָט קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסברענגען פון מויל. גענומען זיך צלמען און צלמען — דער רב האָט אים אויך דערלאַנגט די האַנט און מיר האָבן זיך האַרציק צעזעגנט... אָפּגייענדיק אַ שטיק וועג, האָבן מיר נאָך געזען, ווי דער פויער שטייט און מאַכט צו אונדז מיט די הענט...

— נו, באַלבערישסקי — זאָגט צו מיר דער רבֿ — איינפּאַלן האָט איר און אויך אַ ניט שלעכטן מענה־לשון... צוגעפּאַסט צו די איצטיקע ימים־נוראים...

מיר זײַנען אַוועק מיטן שליאַך, און בײַטאָג אָנגעקומען אין אַ גרויס דאָרף. דער ייִדישער ישובניק דאָרט, האָט אונדז וואַרעם אויפֿגענומען. געגעבן אָפּצועסן און דערבײַ דערציילט אונדז דער ישובניק אַזאַ מעשה: נעכטן אָוונט זײַנען אין דאָרף אָנגעקומען צוויי צום טויט־דערשראָקענע ייִדן, די פּויערים האָבן זיי אַרײַנגעפֿירט צו אים אין שטוב. באַרואיקנדיק זיך, האָבן זיי דערציילט, אַז זיי זײַנען געווען אַ גרופּע פֿון 10 וואַרשעווער ייִדן אויף אַ פֿור. אויפֿן וועג האָבן דײַטשישע טאַנקען געטרפֿנט אויף זיי אַן אומרחמנותדיקע שיסערײַ. אייביקע זײַנען געפֿאַלן, וואָס מיט די איבעריקע האָט פּאַסירט, ווייסן זיי נישט. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ גרוב און דאַן קוים דערשלעפּט זיך צום דאָרף.

אויסהערנדיק די קורצע מעשה, גיט צו מיר דער רבֿ אַ זאָג: „נו, וואָס זאָגט איר איצטער, באַלבערישסקי, איר זעט, אַז דער רבונו של עולם האָט אונדז נעכטן געפֿירט אויף אַ זיכערן וועג, און איר האָט זיך אַזוי געקאָכט קעגן די וואַרשעווער מאַרעוויכערס... „הלמאי זײַ האָבן אונדז ניט מיטגענומען״...

מיר האָבן גענעכטיקט בײַם ישובניק אויפֿן בוידעם אין פֿרישן היי.

**די פּערטע צעטיילונג פֿון פּוילן**

צומאָרגנס פֿרי זײַנען מיר אַוועק מיטן ברייטן שליאַך, וואָס פֿירט צו קאָוועל.

פֿון די פּאַליאַקן, מיט וועלכע ס'איז פֿול געווען יעדער וועג און שטעג, האָבן מיר כסדר געהערט, אַז ראַטנפֿאַרבאַנד איז אַרײַן אין מלחמה צו העלפֿן פּוילן. לכתחילה האָבן מיר אין דעם בכלל ניט געגלויבט.

איין זאַך אָבער האָבן מיר גלײַך יאָ דערשפּירט. די לעצטע פּאָר טעג האָבן אונדז ניט באַגעגנט קיין לופֿט־אָנגריפֿן.

דינסטיק, דעם 19טן סעפּטעמבער בײַטאָג, זײַנען מיר אַרײַן אין אַ דאָרף, 20 קילאָמעטער פֿאַר קאָוועל. פֿון אַ שטוב איז אַרויסגעלאָפֿן אַ יונגערמאַן און אַ רוף געטאָן:

מאַגיסטער באַלבערישסקי, איר זײַט פֿון לאָדזש, יאָ? קומט זשע אַרײַן מיט מיר אין דער־אַ דערבײַיאיקער שטוב.

אין שטוב זײַנען מיר אַרײַן דורך אַ קליין, ייִדיש, קליינשטעטלדיק „כל־בו״־געוועלבל, אַ מין דאָרפֿיש „אוניווערסאַל געשעפֿט״. דער גאַנצער צימער איז געווען פֿול מיט ייִדן — פּליטים. די באַלעבאָסטע, אַ יונגע, שיינע ייִדישע דאָרפֿס־פֿרוי, האָט אונדז דערלאַנגט עסן, געמאַכט געלעגערס אויף דער ערד מיט אַ סך בעטגעוואַנט.

פֿון די פֿאַרזאַמלטע ייִדן האָבן מיר זיך דערוווּסט וואָס עס טוט זיך אויף

דער וועלט. זיי האָבן אַליין געהערט דורכן ראַדיאָ, ווי מאָסקווע האָט אָנגעגעבן אַז די רויטע אַרמיי איז אַריבער די פּוילישע גרענעץ און האָט פֿאַרנומען אַ ריי שטעט און דער מאַרש גייט אָן ווייטער. אַלע זיינען געווען מלא שמחה.

אַביסל שפּעטער האָב איך אַליין געהערט דורכן ראַדיאָ, וועגן באַזעצן דורך דער רויטער אַרמיי ראָוונע און קאָוועל.

אַן אומגעוויינלעכע פֿרייד האָט אַלעמען באַהערשט. איצט איז אונדז קלאָר געוואָרן, וואָס דאָ קומט פֿאָר: ראַטנפֿאַרבאַנד איז טאַקע אַריין אין מלחמה, אָבער ניט כּדי צו העלפֿן פּוילן, נאָר כּדי פּוילן צו צעטיילן צווישן זיך און דייטשלאַנד.

צומאָרגנס פֿרי זיינען מיר אַוועק קיין קאָוועל. דער שאָסיי איז געווען פֿאַרוואָרפֿן מיט פֿיל מיליטערישע זאַכן. ס'האָט זיך בכלל געפֿילט דעזאָרגאַניזאַציע און הפקרות אין דער אומגעגנט.

פּלוצים האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דעם גאַנצן שוידערלעכן וועג האָב איך דורכגעמאַכט טראָגנדיק אויף זיך אַ גאַז־מאַסקע. ערשט איצט האָב איך דאָס פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן...

מיטוואָך, דעם 20טן סעפּטעמבער, זיינען מיר אַריין אין קאָוועל.


מענדל באַלבערישסקי אויף זיין וואַנדער־וועג, אין קאָוועל, סעפּטעמבער 1939

## יום־כּיפּור אין קאָוועל

אין פֿרידנס־צייט איז אין קאָוועל געווען אַ באַפֿעלקערונג פֿון אַ 25.000 נפֿשות, פֿון זיי יידן בערך 13.000. איצט איז אין קאָוועל געווען אוודאי אַ 150 טויזנט מאַן. אַלע הייזער זיינען געווען איבערפֿולט, קאָפּ אויף קאָפּ, מיט פּליטים פֿון גאַנץ פּוילן. אַלע גאַסן זיינען געווען איבערפֿולט מיט רויטאַרמייער, וועלכע האָבן פֿריינטלעך געשמועסט מיט דער ציווילער באַפֿעלקערונג.

פֿון יאָר 1921 האָב איך בכלל קיין רוסן ניט געזען. איך בין ממש דער־שטוינט געוואָרן דערזעענדיק אַ ביימען טיפּ מענטש פֿון רוסלאַנד. שעהען פֿלעגן זיי שטיין און רואיק ענטפֿערן אויף אַלע שאלות, וואָס זיינען זיי געשטעלט געוואָרן

אַן אויפהער. די תשובות — זיכרעס, רוטינירטע, דאָס הייסט, געענטפערט לויט אַגווייזונגען, אָבער דאָס מאַכט ניט אויס. אַ פאַקט, אַז זיי פלעגן לאַגיש און איבערצייגנדיק דערקלערן אַלץ, וואָס יעדערן האָט אינטערעסירט און דערביי אַרויסגעוויזן געניטקייט אין אַלע פּראָבלעמען פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין מיט זיי געווען אין קאָנטאַקט, האָב איך קיין איינמאָל ניט געהערט קיין זידל־וואָרט, איך האָב געשטוינט, מייַנע אייגענע אויגן ניט געגלויבט — דאָס איז טאַקע פאַניע? אָט דאָס איז אַ רוסישער סאָלדאַט!...

אויפן גאַס איז אַוועק אַ מסחר מיט זייגערלעך. די רויטאַרמייער פלעגן צאָלן יעדן פרייז פאַר אַ האַנט־זייגערל, אַ „טשאַסי״.

אין אַ געוויסן מאָמענט איז אויף מיר אַרויפגעפאַלן אַ סאָלדאַט, אין אַ פּוילישן מונדיר, און מיך געהאַלדזט און געקושט. דאָס איז געווען פּרוי ראַפּאַפּאָרטס ברודער פון לאָדזש; ער האָט געדינט אין פּוילישן מיליטער, פאַרוואונדעט געוואָרן, אָקאָרשט אַרויס פון שפּיטאָל. ער האָט טאַקע גלייך מיר באַזאָרגט אַ דירה ביי אַ יידישן שניידער. אין דער יידישער קהילה, וועלכע האָט אַנטוויקלט אַן ענערגישע הילפס־אַרבעט, האָט ער פאַר מיר באַקומען אַ גוטן פּאַיאָק, ער האָט מיר זייער פיל מיטגעהאָלפן... די דירה פון שניידער איז באַשטאַנען פון 3 גרויסע צימערן. אין שטוב איז אָבער געווען אַ ים מיט מענטשן. ווען אויפדערנאַכט פלעגט מען זיך אויסלייגן אויף דער ערד צום שלאָפן איז ממש קיין פּיצל אָרט אויף דער פּאָדלאָגע ניט געבליבן.

פרייטיק, ערב יום־כיפור, האָב איך פאַרפאַסט מיט אַ שטיקל ברויט און אַ פיינקוכן, וואָס די באַלעבאָסטע האָט מיר געמאַכט פון אייער, וועלכע איך האָב דעם טאָג צופעליק באַקומען אַן אַ ריי, פון אַ יידישן אָרדענונגס־מאַן, ביי אַ קאָאָפּעראַטיוו, ווו מען האָט געטיילט אייער. אַלס לאָדזשער האָט ער מיך דערקענט. דאָס באַקומען עטלעכע אייער, אין יענער צייט, איז געווען אַ גרויסע דערגרייכונג...

צו כל נדרי, בין איך אַוועק מיטן באַלעבאָס, אין דער גרויסער שול, וועלכע איז געווען געפּאַקט מיט אַ ריזיקן עולם. אַ חוץ די קאָוולער יידן, האָט מען געזען אַ סך פּליטים און אַ היפּשע צאָל מיליטער־לייט. באַזונדערס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן די גרויסע צאָל יידישע רויטאַרמייער און אָפיצירן. צו מיר איז צוגעקומען אַ יונגערמאַן, און אַרויפגעפאַלן אויף מיר מיט אַ געוויין. יאָ! דאָס איז דאָך אַבראַמאָוויטש, אַ נאָענטער חבר מיינער, דער פאַרזיצער ביי די קליינהענדלער. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צו מיר צוגעקומען מיטן שמש. יענער האָט מיר אָפּגעגעבן שלום, דערלאַנגט אַ טלית און מיך אַוועקגעזעצט ביי דער מזרח־וואַנט. האָרט פאַר כל נדרי, איז פּלוצלינג געוואָרן פינצטער אין

שול. ס'האָט מיר אַ ריס געטאָן ביים האַרצן. איז דאָס ניט אַמאָל ווען מענס אַ שפּיצל? קיין עלעקטרע איז אין שול דעם אָוונט שוין ניט געווען, אָבער ס'האָבן געברענט אַ סך ליכט, וואָס האָבן דערמעגלעכט דאָס דאַווענען. מיט אַ שווער און געדריקט געמיט איז מען געגאַנגען „אַהיים".

פאַר די אויגן האָבן זיך באַוויזן בילדער פון אַמאָליקן יום־כּיפּור אין די ווילנער קלויזן, ווו צענדליקער טויזנטער יידן אין טליתים און ווייסע קיטלען האָבן הייס געדאַוונט. און דער יום־כּיפּור אין דער אַלטער ווילנער שטאָט־שול... די קדושה, די אימה, וואָס פלעגט אויף אַלעמען ליגן, אַ פּיש אין וואַסער האָט דאָך דאַן געציטערט...

ווי ביטער און פינצטער אויפן האַרצן איז געווען איצטער, ווען מען איז פון כל נדרי צוריקגעקומען אין אַ פרעמד הויז, עלנט ווי אַ שטיין, פאַרוואָרפן, פאַראייננזאַמט... אַז דאָס האַרץ האָט ניט געפּלאַצט, איז מען שטאַרקער פון אייזן...

דער יום־כּיפּורדיקער טאָג איז געווען אַ כמורנער, ס'האָט געקאַפּעט אַ דראָבנע רעגנדל. כּמעט דעם גאַנצן טאָג געווען אין שול. דער טאָג איז אַדורך פולשטענדיק רואיק.

אויף אָפּצופאַסטן האָב איך געהאַט ברויט מיט הערינג. די באַלעבאָסטע האָט אָבער מיר געגעבן אַ טעלער גוטע יויך און טיי.

נאָך יום־כּיפּור האָבן מיר זיך האַרציק צעזעגנט מיטן רב. ווּעלכער האָט זיך געקליבן אַהיים קיין ראָוונע. דער רב האָט פיל מאָל איבערגעחזרט, אַז פון ראָוונע וועט ער מיט אַלע מעגלעכקייטן זיך באַמיען אָפּצופאָרן מיט זיין פאַמיליע קיין ארץ ישראל. דאָ וועט ער ניט קיין מעגלעכקייט צו לעבן. צי איז אים דאָס געלונגען — ווייס איך ניט. אַלנפאַלס, זאָלן די שורות זיין מיין אויסדרוק פון האַרציקסטן דאַנק פאַר דעם דאָזיקן ייד.

נעמט מיין האַרציקסטן דאַנק, רבי, ווו נאָר איר געפינט זיך. אויב איר האָט ניט זוכה געווען איבערצולעבן די שטורעם־יאָרן, זאָלן די שורות זיין אַ מצבה נאָך אייער ליכטיקער געשטאַלט!

זייער שנעל האָבן די רויטאַרמייער געבראַכט אין אָרדענונג די באַן־ליניעס, און מיטוואָך, דעם 27־טן סעפּטעמבער, איז געמאָלדן געוואָרן, אַז מען קען פאָרן קיין ווילנע.

## לוניניעץ, באַראַנאָוויטש, לידע, ווילנע

פאַרן אַרויספאָרן האָט מיך אַבראַמאָוויטש באַזאָרגט מיט אַ פּאָר בייגל, שיינע שיך און קאַלאָשן. אָפּגעזעגענענדיק זיך מיט מיינע האַרציקע באַלעבאַטים, בין איך דעם טאָג אַרויסגעפאָרן קיין ווילנע.

דער מאַרשרוט איז געווען: קאָוועל, לוניניעץ, באַראַנאָוויטש, לידע, ווילנע. דער וועג האָט געדויערט צוויי מיט אַ האַלבן טאָג. אין אַזאַ צייט איז דאָס פאַרהעלטנישמעסיק ניט געווען קיין סך. פאַרן אַרויספאָרן פון קאָוועל האָב איך זיך באַזאָרגט מיט אַ פּראָפּוסק פון סאָוויעטישן קאָמענדאַנט. אין וועג איז דאָס זייער גוט צונויף געקומען. אין וואַגאָן האָט מען זיך אָנגעהערט פאַרשיידענע מעשיות וועגן די דורכגעלעבטע פיר וואָכן. איך בין געפאָרן רואיק, פאַר פשיטיק־העלדן האָב איך קיין מורא ניט געהאַט. די מיטפאָרנדיקע זיינען געווען שטילער פון וואַסער און נידעריקער פון גראָז... יאָ, צייטן בייטן זיך.

פרייטיק ביינאַכט זיינען מיר אָנגעקומען אין ווילנע. אַזויווי ס'איז געווען נאָך דער פּאָליציי־שעה, האָט מען די גאַנצע נאַכט געמוזט זיצן אין וואַרטע־זאַל פון ערשטן קלאַס. דער גאַנצער וואָקזאַל איז געווען פאַרלייגט מיט מענטשן. דאָס באַקומען אַן אָרט צום זיצן איז ניט געווען פון די לייכטע זאַכן.

ערשט פאַרטאָג האָט מען אונדז אַרויסגעלאָזט פון וואָקזאַל. שבת, דעם 30סטן סעפּטעמבער 1939, בין איך אָנגעקומען אַהיים, צו מײַן מאַמען און שוועסטער, אויף ברייטע גאַס נומער 50 (אַמאָל דער נעווסקי פּראָספּעקט, אַנטקעגן דעם רוסישן טעאַטער).


אדוו. יוסף ווייצמאַן, פאָרזיצער פון פּאָלי־קיסטישער פּאַרטיי אין לאָדזש און פון צענטראַלן האַנטווערקער־פאַרבאַנד אין פוילן. געשטאָרבן דעם 3טן יוני 1941 אין וואַרשעווער געטאָ.

די איבעראַשונג איז שטוב, דאָס יאָ־מערלעכע געוויין, פּונקט ווי מ'וואָלט דערזען אַ מענטש פון יענער וועלט...

דאָ ערשט האָב איך זיך דערוווּסט וואָס מ'האָט אַלץ אָנדערציילט וועגן מיר — אַז איך בין מיט אַדוו. יוסף ווייצמאַן אַוועק אין אויסלאַנד, אַ צווייטע ווערסיע — אַז איך בין מיטן קאָנסול מאַקס קאָן, דער זון פון פּרעזעס אָסקאַר קאָן — אייגנטימער פון דער „ווידזעווער מאַנופאַקטור" — אַוועק אין ענגלאַנד, אַנדערע ווידער האָבן מיך געזען ביי דער רומענישער גרענעץ.

נאָך אַן איבעררייס פון 14 יאָר, וואָס איך האָב אָפּגעלעבט אין לאָדזש, בין איך צוריק געקומען קיין ווילנע, אין מיין אַלטער היים, וווּ איך האָב דעם גרעסטן טייל פון מיין לעבן פאַרבראַכט, מיין קינדהייט, מיינע יונגע יאָרן,

דאָ געלערנט און געשטודירט, דאָ חתונה געהאַט, און דאָ אָנגעהויבן מיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט.

ס'האָט געריסן ביים האַרץ, צוזעענדיק דעם חורבן, דאָס אומגליק, אין וועלכן מיר זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן, אין משך פון איין איינציקן חודש...

מיין אָנקומען קיין ווילנע איז געווען דער צווייטער נס, וואָס האָט געטראָפן מיך און מיין משפּחה אין דער שוידערלעכער תקופה.

## ווילנע, 1939

ווילנע איז אין דעם מאָמענט געווען אַ ריזיקער יידישער פּליטים־צענטער. פון גאַנץ פּוילן זיינען אַהער אָנגעקומען פּליטים: רייכע יידישע פאַבריקאַנטן, סוחרים, דעפּוטאַטן, סענאַטאָרן, ליטעראַטן, זשורנאַליסטן, אַקטיאָרן, און סתם יידישע אינטעליגענץ און אַרבעטס־מענטשן. אַלץ און אַלע האָבן דאָ געזוכט אַ מקום־מנוחה. אין ערשטן מלחמה־פּעריאָד האָט ווילנע כמעט ווי ניט געליטן *.

די רויטע אַרמיי האָט דעם 19טן סעפּטעמבער פאַרנומען ווילנע, און איז זייער האַרציק באַגעגנט געוואָרן דורך דער באַפעלקערונג, אַלס אויסלייזער פון מלחמה־קאָשמאַר. ס'איז גלייך איינגעשטעלט געוואָרן אַ פּראָוויזאָרישע מאַכט.

די אַמאָליקע העלדן און מושלים פון „אָזאָן", די שרייערס פון: „וואָדזו, פּראָוואַדזש נאַס נאַ קאָוונאָ" (פירער, פיר אונדז אויף קאָוונע) זיינען זיך צעלאָפן. די רויטאַרמייער האָבן זיך אין ווילנע אויפגעפירט אַזוי ווי אין קאָודעל: מוסטערהאַפט, דעליקאַט, געפירט שמועסן מיט אַלע בירגער, געענטפערט גערן אויף אַלערליי פראַגן.

די געשעפטן זיינען געווען פול מיט סחורות, אָבער מערסטנטייל פאַרמאַכט. דאָך האָט מען אַ סך געלייזט און ס'זענען איינגעקויפט געוואָרן אַ סך זאַכן.

דער פּוילישער זלאָטע איז געוואָרן כמעט ווערטלאָז. רויטאַרמייער פלעגן צאָלן מיט רוסיש געלט, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט גענוג. קויפן פלעגן זיי אַלץ וואָס זייערע אויגן האָבן געזען.

אויף דער שאלה, פאַרוואָס קויפן זיי אַזוי פיל איין און צי איז ביי זיי אַ דוחק אין די דאָזיקע אַרטיקלען, פלעגן זיי ענטפערן, אַלע מיט איין

---

* אין ווילנע איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל: „די הייליקע טראַיקע": דער גר צדק, דער ווילנער גאון און, להבדיל, די הייליקע מוטער פון אָסטראָבראַם — האָט פאַרהיטן די שטאָט פון אַלע מלחמה־געפאַרן.

תירוץ: „מיר קויפן מתנות (פּאָדאַרקי). ביי אונדז איז אַלץ פאַראַן. מיר נויטיקן זיך ניט אין גאָרניט. מיר ווילן נאָר פאַר אונדזערע משפּחה־מיטגלידער שיקן פּרעזענטן פון אַ בורזשואַזן לאַנד"...

ספּעציעל האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף מאַנופאַקטור. גראַנאַט און שוואַרץ זענען געווען זייערע באַליבטע קאָלירן. זיי פלעגן קויפן דאַמען־וועש, זייד־ און וואָל־שטאָפן אויף קליידער, קינדער־זאַכן, שוכוואַרג און אַממערסטן טשאַסי! זייגערלעך און זייגערלעך, אַמווייניקסטן האָט זיי אינטערעסירט עסנוואַרג.

פאַר אַלץ האָבן זיי געצאָלט וויפל מען פלעגט בעטן, אָן דינגעניש.

נאַטירלעך, האָבן אַ סך אויסגענוצט די קאָניונקטור און אויספאַרקויפט זייערע סחורות און פאַרשאַפט זיך די רוסישע טשערוואָנצעס. שפּעטערצו, ווען דאָס לעבן איז געוואָרן נאָרמאַליזירט און מ'האָט געוואָלט מיט די טשערוואָנצעס איינקויפן נייע סחורה, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די רויטאַרמייער זיינען גאָרניט געווען אַזעלכע נאַיווע, ווי מען האָט לכתחילה געמיינט. דאָס מכלומרשטע „גליק־געשעפט" פון דריי־פיר פּאַכיקע פרייזן אין רובלס, האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן גאַנץ אַנדערש... און ניט איין סוחר איז געוואָרן רואינירט...

איך בין איין מאָל געווען אַן עדות אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט פון אַזאַ סצענע: אַ סאָוויעטישער אָפיציר קויפט איין שטאָפן אויף עטלעכע אַנצוגן, צאָלנדיק צו 50 רובל פאַר אַ מעטער, וואָס האָט פריער געקאָסט 12 זלאָטעס. איינער פון די אָנגעשטעלטע, אַ גוט באַקאַנטער כאָיכע, משהלע שטשיבוק, ווענדט זיך צו אים בזה הלשון:

— טאָוואַרישטש, פאַרוואָס שטאָפט איר אָן די בורזשועזן מיט אַזויפיל געלט? איר קענט דאָך רעקווירירן די סחורה, אַזוי ווי עס טוען אַלע אַרמייען אין אַן אָקופּירט לאַנד...

— דאַ, ניטשעוואָ ניטשעוואָ — ענטפערט דער אָפיציר רואיק און געלאַסן — פּוסקאַי איגראַיוטסאַ בומאַזשקאַמי... (ס'מאַכט ניט אויס, זאָלן זיי זיך שפּילן מיט די פּאַפּירלעך).

ווען ער איז אַרויס, זאָגט איינער פון די באַלעבאַטים־טאַנדעטניקעס:

— זעט נאָר דעם „פּאַטשקע ניקאָלאַי". פאַר די „בומאַזשקעס" וועל איך טאַקע באַלד קויפן עטלעכע צענערלעך (גאָלד־רובל פון ניקאָלאַיס צייטן) און פאַר זיי וועל איך שטענדיק באַקומען, ניט נאָר ברויט, נאָר אויך אַ פּעט גענדזל. צונעמען וועלן זיי דאָס ביי מיר — אַ מכה. ניט ביי מאַטיען...

— יאָ, ענטפערט דער צווייטער טאַנדעטניק — די צענערלעך וועלן זיי ביי אונדז טאַקע ניט צונעמען, אָבער איך האָב מורא, אַז אונדז וועלן זיי אַוועקנעמען פון די צענערלעך.... — ווי דאָס האַרץ וואָלט זיי פאָרגעזאָגט — אין איין יאָר אַרום איז טאַקע אַזוי געשען...

עס האָט זיך געפילט אַ ניט זיכערקייט, ניט קלאָרקייט. מען האָט גענומען שמועסן — צוערשט שטיל דערנאָך העכער, אַז ווילנע וועט פּאַראייניקט ווערן מיט ליטע, און ווערן צוריק איר הויפּט־שטאָט.

עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן זייער פיל פּאָליטישע טוער פון אַלע נאַציאָ־נאַליטעטן. פון יידן זיינען אַרעסטירט געוואָרן די באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן: זלמן רייזען, דער לאַנגיאָריקער רעדאַקטאָר פון דער פּראָגרעסיווער צייטונג „טאָג", מחבר פון „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און יידישע שרייבער". אדוו. יוסף טשערניכאָוו, איינער פון די הויפּט־פירער פון טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק „פרייליאַנד" אין פוילן. די בונדיסטן: יעקב זשעלעזניקאָוו, אדוו. טייטל. דער לאַנגיאָריקער טוער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, חיים וואַלט. דער רעדאַקטאָר פון דער ציוניסטישער צייטונג „די צייט", מאַג. צינצינאַטוס און אַ סך אנדערע. די אַרעסטירטע זיינען גלייך פאַרשוווּנדן און דאָס האָט אַרויס־גערופן אין שטאָט אַ געדריקטע שטימונג. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז ראַטנמאַכט פאַרגעסט גאָרניט און שענקט גאָרניט. ביי דער ערשטער געלעגנהייט רעכנט מען זיך אָפּ מיט קעגנער, אפילו ווען זיי זיינען פרעמדע בירגער.

אין דעם מאָמענט האָב איך זיך אָבער מיט פּאָליטיק ניט אינטערעסירט.

קיין ווילנע זיינען אָנגעקומען אַלץ נייע פּליטים פון אַלע עקן פוילן. זיי האָבן דערציילט שוידערלעכע פאַקטן וועגן דער באַציאונג פון די היטלעריסטן צו דער יידישער באַפעלקערונג — אַז אַ ציטער פלעגט אַריבערגיין איבערן לייב. מיין איינציקער ציל איז איצט געווען, אַרויסצודרייסן מיין משפּחה פון די רוצחישע הענט. אָבער וויאַזוי? דערווייל האָט מיר מיין אַלטער פריינט און קאָלעגע, מיראָן צוקערזיס, פאָרגעשלאָגן צו גיין אַרבעטן אַלס פאַרוואַלטער אין פּאַקס אַפּטייק, וואָס האָט זיך געפונען אין אַנטאָקאָליע (אַ פאַרשטאָט פון ווילנע). די שכירות איז געווען ניט קיין הויכע, אָבער איך האָב פאַרשטאַנען די לאַגע און די שטעלע אָנגענומען.

אין אַפּטייק אויף אַנטאָקאָליע פלעג איך אַרויספאָרן אויף אַ גאַנצן מעת־לעת. דערנאָך האָבן אַ מעת־לעת פריי. פּאַקס אַפּטייק איז געווען גוט באַקאַנט אין ווילנע, הויפּטזעכלעך צוליב אירע פלאַסטערן צו הינער־אויגן.

## די ראָל פון די ווילנער יידן

ווילנער יידן האָבן אַלע מאָל פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ גרויסן און וויכטיקן פּאָליטישן כוח. ווילנער יידן האָבן פאַרמאָגט אַ גרויסע און שטאַרקע אינטעליגענץ און געשפּילט אין פּאָליטישן לעבן אַ קאָלאָסאַלע ראָל. מיט ווילנער יידן האָבן זיך אַלע מאַכטהאָבער גערעכנט. אגב האָט ווילנע אַדורכגעמאַכט אַ גרויסע

פּאָליטישע שול, אָנהויבנדיק פון דער ערשטער דייטשישער אָקופּאַציע אין די יאָרן 1915—1918.

ווען אין די יאָרן 1918—1922 איז אין ווילנע פאָרגעקומען אַ רייע מלוכה־איבערקערענישן און די שטאָט איז איבערגעגאַנגען פון איין מלוכה צו דער צווייטער — האָבן ווילנער יידן, בעתן קריג צווישן פּאָליאַקן און ליטווינער, דעקלאַריירט זייער נייטראַליטעט. אמת, די ציוניסטן און אגודה האָבן יאָ אָנטיילגענומען אין ערשטן מיניסטאָרן־קאַבינעט, וואָס די ליטווינער האָבן געשאַפן אין ווילנע אין 1918 (טאַריבא). ד״ר יעקב ווויגאָדסקי איז אַפילו געוואָרן וויצע־בילדונגס־מיניסטער. ביי די ליטווינער זיינען שפּעטער געבליבן אַלס מיניסטאָרן די יידן: ד״ר סאָלאָווייטשיק, אַדוו. שמשון ראָזענבוים, ד״ר ראַכמי־לעוויטש, אָבער דאָס איז שוין געווען אין קאָוונער ליטע.

דאַקעגן האָבן ווילנער יידן ניט אָנטיילגענומען אין „ווילנער סיים״, וואָס איז גערופן געוואָרן דורך גענעראַל זשעליגאָווסקי און אַלעקסאַנדער מייסטאָוויטש, ווייל דער סיים האָט זיך געדאַרפט אַרויסזאָגן וועגן דער צוגעהעריקייט פון ווילנע. די וואַלן צו דעם סיים זיינען, אגב, באָיקאָטירט געוואָרן דורך אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין ווילנע.

אין ווייטערדיקן פאַרלויף פון די געשעענישן, ווען ווילנע איז ענדגילטיק פאַרבליבן ביי פּוילן, האָבן ווילנער יידן געהאַט זייערע סיים־דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן: ד״ר יעקב וויגאָדסקי, ד״ר צמח שאַבאַד, הרב יצחק רובינשטיין.

ווילנע איז געווען אַ קוואַל פון נייעם יידישן רענעסאַנס — פון נייעם יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק, פון יידישן דעמאָקראַטישן גייסט און פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין ווילנע איז געשאַפן און געבויט געוואָרן, די נייע יידישע וועלטלעכע שול. ווילנע איז באַקאַנט געווען: מיט אירע ריזיקע קולטור אוצרות, אָנגעזאַמלטע אין משך פון יאָרהונדערטער, מיט די ביבליאָטעקן, פילאַנטראָפּישע, ווירטשאַפטלעכע, מעדיצינישע און אַלערליי אַנדערע אינסטיטוציעס; מיט די שולן, בתי־מדרשים, קלויזן, ווילנער שול־הויף, ווילנער רבנים און גדולי הדור. אין ווילנע האָט אין דעם מאָמענט געלעבט און געווירקט דער גאון הרב ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי ז״ל.

אָט דאָס אַלטע איינגעפונדעוועטע ווילנע איז איצט באַרייכערט געוואָרן מיט נייע גרויסע אינטעלעקטועלע כוחות, אָנגעקומענע פון אַלע קאַנטן פון פּוילן.

## ווילנע צוריק צו קאָוונער ליטע

סוף אָקטאָבער זיינען אין שטאָט אָנגעקומען אַ סך ליטווינער: מיליטערליים, פּאָליציי און ציווילע באַאַמטע. ס׳איז שוין באַוווּסט געווען, אַז ליטע נעמט

איבער ווילנע, אַז זיי האָבן שוין אין קאָוונע מאַנטירט אַן אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט אויף אַנצופירן מיט דער שטאָט.

די רויטע אַרמיי האָט איבערגעגעבן די מאַכט צו דער קאָוונער רעגירונג. אַזוי אַרום איז ווילנע צוריק אַנגעשלאָסן געוואָרן צו ליטע.

דינסטיק, דעם 31טן אָקטאָבער, איז אויסגעבראָכן אין ווילנע אַ פּאָגראָם. ווי די ליטווינער האָבן זיך שפּעטער פאַרענטפערט, איז דאָס געשען דערפאַר, וואָס אַ יידישער יונגערמאַן זאָל האָבן אַראָפּגעריסן פון מאַגיסטראַט־בנין די ליטווישע פאָן. אין דער אמתן זיינען אָבער די אומרוען אַרויסגערופן געוואָרן דורך אַ פּראָוואָקאַציע פון די ליטווינער גופא. פונוואַנען האָבן זיך גלייך גענומען אַזוי פיל פּאָגראָמשטשיקעס; ווו האָבן זיי אַזוי שנעל זיך אויסגעלערנט די תורה פון שלאָגן, ראַבעווען און פאַרניכטן האָב און גוטס — איז ניט געווען צו פאַרשטיין. פון שעה צו שעה האָט מען איבערגעגעבן שוידערלעכע ידיעות: אַז אויף באַסיאַקעס האָט אַ הויזוועכטער אַרויסגעוואָרפן דעם באַלעבאָס פון הויז דורכן באַלקאָן, מען האָט אַרויסגעלאָזן די פעדערן פון די קישנס, די הייזער צעראַבירט און אַלץ חרוב און מוחרב געמאַכט.

מיר האָבן געוווינט אין צענטער פון שטאָט און אַלע שטוביקע זיינען געווען פאַרזאַמלט אין איין צימער און דורכן פענצטער געזען, ווי אַזוי ליטווישע סאָלדאַטן יאָגן זיך נאָך יידן און שלאָגן זיי מכות רצח מיט די קאָלבעס פון זייערע ביקסן. אַזוי האָבן די כוליגאַנעס געבושעוועט ביז נאָכמיטאָג. ערשט ווען ד״ר וויגאָדסקי האָט דערקלערט דעם ליטווישן שטאָט־קאָמענדאַנט, אַז ער וועט זיך ווענדן נאָך הילף צום קאָמענדאַנט פון דער רויטער אַרמיי, וועלכער געפינט זיך אין פאָרובאַנעק, 4 קילאָמעטער פון ווילנע, האָט דער ליטווישער קאָמענדאַנט אַרויסגעשיקט מיליטער־פּאַטרולן און טאַקע גלייך באַהערשט די לאַגע.

שטייענדיק אַזוי ביים פענצטער און אָבסערווירנדיק די געשעענישן, האָב איך דערזען ווי אַ גרופּע שקצים יאָגן זיך נאָך אַ ייד און שלאָגן אים מכות רצח. איך האָב מיט דער האַנט געגומען זיי דראָען דורכן פענצטער. די שטוביקע האָבן אויף מיר געגומען שרייען, אַז איך וועל ברענגען אַן אומגליק אויף דער שטוב. באַלד האָבן טאַקע געגומען פליען שטיינער דורך די פענצטער. אַלע שויבן און דער גרויסער לאָמפּ איבערן טיש זענען צעבראָכן געוואָרן און דאָס גאַנצע עסן איז פאַרשאָטן געוואָרן מיט גלאָז.

„אָט האָסטו דיר פאַר דיין העלדישקייט״, האָבן מיר די שטוביקע געזאָגט.

אין מיר האָט געקאָכט דאָס בלוט. אַזאַ געמיין נידערטרעכטיק פאָלק. באַהערשט אַ שטאָט מיט דער הילף פון אַנדערע, און באַלד אין ערשטן טאָג, אַזאַ האַלטונג לגבי יידן, אויף וועלכע זיי וועלן באַלד זיך דאַרפן שטיצן.

וואָס וועלן די ליטווינער טאָן אין ווילנע אָן יידן? פּאַליאַקן זיינען קעגן זיי. ליטווינער זיינען דאָ, נאָר אויף די פינגער איבערצוציילן, זייער איינציקע שטיצע קען היינט זיין — די יידישע באַפעלקערונג. אָבער די ליטווינער האָבן דערביי געהאַט אַן אַנדערע כוונה. זיי האָבן זייער לאַגע גוט פאַרשטאַנען און געוואָלט טעראָריזירן ניט די יידן, נאָר דווקא די פּאַליאַקן און ווייזן זיי, אַז זיי קענען אויך אַרבעטן מיטן קולאַק.

געמיינט די פּאַליאַקן און געשלאָגן יידן... די אַלטע אויסגעפּרוווטע מעטאָדע...

אָט אין דעם פּעריאָד האָבן יידישע יונגעלייט געגומען מאַסנווייז פאַרלאָזן די שטאָט און אַוועק קיין ראַטנפאַרבאַנד.

— וואָס — האָבן זיי געזאָגט — פון אַזעלכע שטשורעס ווי די ליטווינער, וועלן מיר ליידן? ווייניק האָבן מיר זיך אָנגעליטן פון די פּאַליאַקן, זאָלן מיר איצט אָנהויבן פונדאָסניי?

די מאַכט האָט געגעבן אַרויספאָר־שיינען, צעגער זיינען געווען גענוג און מ'האָט לעגאַל און ניט־לעגאַל פאַרלאָזן די שטאָט.

ווי עס זאָל ניט זיין, איז דער אָנהויב פון דער ליטווישער ממשלה געווען אַ ביטערער פאַר יידן, און דער סוף אירער — דער פינצטערסטער, וואָס די שווידערלעכסטע פאַנטאַזיע האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן.

## ווילנע אונטער דער ממשלה פון די ליטווינער

די ליטווינער האָבן גענומען באַלעבאַטעווען. די שטאָט איז דעמאָלט געווען אויסגעהונגערט, האָבן זיי גלייך אָרגאַניזירט אַ סטאַבילן צופלוס פון שפּייז־פּראָדוקטן פון ליטע. פליש, פּוטער, ווייס מעל, מילך, אייער אד"גל האָבן זיך באַוויזן אין שטאָט, הגם די ערשטע צייט, פלעגט מען פּראָדוקטן אַרויסגעבן אין אַ באַגרענעצטער צאָל. די אָרדענונג אין שטאָט האָבן געהאַלטן ליטווישע פּאָליציי־לייט, הויכע דרענגער, יידן האָבן זיי גלייך געקרוינט מיטן נאָמען — „אַ מעטער אַכציק"...

הויכע, יונגע דאָרפישע כלאָפּעס, אין גראַנאַט־קאָסטיומען און לאַנגע מאַנטלען מיט היטלען מיט האַרטע דאַשקעס. זיי פלעגן שטיין אין די גאַסן ווי אויסגע־צויגענע דרענגער. אַ חוץ ליטוויש האָבן זיי פאַרשטאַנען עטוואָס פּויליש.

אין דעם פּעריאָד איז אין שטאָט געווען נאָך אַ ברענענדיק פּראָבלעם — געלט. אַלע זיינען געבליבן ביי פּוילישע זלאָטעס. די ליטווינער האָבן דאַקעגן געהאַט אַן אייגענע וואַלוטע — ליטן. די ליטן זיינען געווען מער ווערט ווי די פאַרמלחמהדיקע פּוילישע זלאָטעס: 5 ליט מיט עפּעס — אַ דאָלאַר.

די פוילישע וואַלוטע איז געוואָרן ווערטלאָז. פאַר אַ ליט, וואָס האָט פריער געהאַט דעם ווערט פון בערך 2 זלאָטעס, האָט מען איצט געצאָלט 20—25 זלאָטעס. די גאַנצע באַפעלקערונג איז געבליבן אָן געלט און אָן מיטלען צום לעבן, בפרט די אַרבעט־מענטשן.

די ליטווינער האָבן פאַראָרדנט אַן אויסטויש פון די פוילישע זלאָטעס אין ליטווישן מלוכה־באַנק. דער קורס איז געווען זייער אַ הויכער — פאַר צוויי זלאָטעס איין ליט (ביי גרעסערע סומען האָט מען געגעבן 40 צענט פאַר אַ זלאָטע).

דאָס איז געווען זייער אַ קלוגער און געלונגענער עקאָנאָמישער אַקט. די באַפעלקערונג האָט אויף אַזאַ אופן באַקומען אַ ביסל ליטן אויף צו פאַנאַנדער־נעמען זיך די הענט. ס׳איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן אַ פעסטער קורס פאַרן רוסישן רובל. אַזוי אַרום איז געלייזט געוואָרן, אין משך פון אַ קורצער צייט, די וואַלוטע־פראַגע און אַפּראָוויזאַציע־פראָבלעם.

איצט איז מען צוגעטראָטן צו ליטוויניזירן די שטאָט. ס׳איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע, וואָס פאַרנעמען עפנטלעכע מלוכה־שטעלעס מוזן אין פאַרלויף פון אַ יאָר־צוויי זיך אויסלערנען ליטוויש. עס זיינען געעפנט געוואָרן אַ גאַנצע ריי קורסן פאַר דער ליטווישער שפּראַך, גאַנץ ווילנע האָט געלערנט ליטוויש. יעדע בראַנזשע, יעדעס פאַך, יעדע פרייע פּראָפעסיע, האָט אָרגאַניזירט קורסן פאַר אירע מיטגלידער. אַלץ האָט געלערנט ליטוויש.

דערביי האָבן די ליטווינער שוין, ביים סאַמע אָנהויב, גענומען מאַכן שוועריקייטן, די יעניקע, וואָס האָבן ניט געקענט קיין ליטוויש, ביים באַשטימען אויף אַ וועלכן ס׳איז אַמט.

פּאָליאַקן האָבן צוערשט זיך באַצויגן מיט ביטול צו די אַלע פאַראָרדענונגען, אָבער מיט דער צייט, ווען זיי האָבן דערזען, אַז דער ליטווישער כאַם — ווי זיי פלעגן רופן די ליטווינער — מאַכט ניט קיין שפּאַס, און פירט איין ענערגיש די פאַראָרדענונגען, האָט מען זיך גענומען געשמאַק לערנען ליטוויש און זיך טאַקע אויסגעלערנט. אַ כאַראַקטעריסטיש ווערטל איז אַרומגעגאַנגען אין ווילנע אין יענע צייטן: אַ ליטווישער פּאָליציאַנט פאַרהאַלט אַ פּאָליאַק פאַר שלעכט אַריבערגיין די גאַס. דער ליטווינער שרייט: העי, פּאָנאַס, העי, פּאָנאַס... (מיין הער...) . דער פּאָליאַק פאַרשטייט ניט ליטוויש און ענטפערט אים אויף פויליש: „טאַק, טאַק, היינט איז פּאַ נאַס (היינט איז נאָך אונדז) און מאָרגן וועט זיין פּאָ וואַס (נאָך אייך...).

ביסלעכווייז האָבן געוויסע ליטווישע אַמטן גענומען זיך אַריבערטראָגן פון קאָוונע קיין ווילנע, אָבער ניט די הויפּט־אַמטן און ניט די מיניסטעריומס. די ליטווינער אַליין האָבן אויך ניט שטאַרק חשק געהאַט זיך צו באַזעצן אין ווילנע. ווייזט אויס, אַז זיי האָבן אַביסל מורא געהאַט פאַר ווילנע. פאָרט אַ שטאָט ווו

עס זיינען דאָ ביי הונדערט צוואַנציק טויזנט פּאָליאַקן, אַכציק טויזנט יידן און איגגאַנצן אַ פּאָר טויזנט ליטווינער. זיי האָבן זיך אין ווילנע געפילט ניט גאַנץ היימיש. אָגב האָבן די ליטווינער קיין צו גרויסן צוטרוי צו די באָלשעוויקעס אויך ניט געהאַט. אַ ווערטל איז דאַן אַרומגעגאַנגען: ווילנאָ נאַם דאַלי — ליטווע זאַבראַלי (אונדז געגעבן ווילנע און צוגענומען ליטע). קיין ווילנע איז געקומען פּראָפעסאָר מיכל בירזשישקא און אָרגאַניזירט די דערעפענונג פון ווילנער אוניווערסיטעט.

צו דער צייט (סוף אָקטאָבער—אָנהויב נאָוועמבער) האָב איך זיך אין ווילנע געטראָפן מיטן דירעקטאָר פון „דזשאָינט" אין פּוילן פּר. גיטערמאַן. היות ווי אין ווילנע בין איך געווען ווי ביי זיך אינדערהיים, האָב איך אים פיל געהאָלפן ביים אָרגאַניזירן הילף פאַר די פּליטים, ביים באַזאָרגן זיי מיט ווינטערדיקע פּאַלטנס, ווייל אַלע זיינען מיר דאָך געקומען צעלויפן אין זומערדיקע מאַנטלען. אין דער צייט זיינען קיין ווילנע אָנגעקומען מיינע פריינט — נח פּרילוצקי, לאַזאַר קאַהאַן, שושנה א. א. פיל פון מיינע אַלטע פריינט האָבן באַקומען הילף ביי מיר אין שטוב.

אין יענעם יאָר האָט זיך געשטעלט אַ פריער און שווערער ווינטער, די פרעסט זיינען געווען מוראדיקע. מיר האָבן אַסך פּליטים באַזאָרגט מיט וואַרעמע בגדים און וועש.

דער שרייבער ז. סעגאַלאָוויטש איז אַמאָל געקומען אַ פאַרצווייפלטער — ער האָט זיין לאַנגע ליולקע אַריינגעלייט אין קעשענע פון ברייטן מאַנטל און ניט באַמערקט, אַז דאָרט איז געבליבן פייער און ס'איז אויסגעברענט געוואָרן אַ גרויסער לאָך. ער איז ממש געווען פאַרצווייפלט, ווייל דאָס איז געווען זיין איינציקער בגד. ביי מיר אין שטוב האָט מען דאָס מייסטערהאַפט פאַרריכט.

פיל אנדערע פּליטים האָבן באַקומען פון „דזשאָינט" שטאָף, האָט מען זיי, פאַר ביליקע פרייזן, ביי אונדז אויפגענייט אַ מלבוש. נח פּרילוצקי איז אַ ביסל קראַנק געווען אויף די נירן, לאַזאַר קאַהאַן אויך — פלעגן זיי, כמעט טאָג־טעגלעך, קומען אויף טיי מיט וואַרעניעס (קאָנפיטורן). דאָס רוב יידישע שרייבער און פּאָליטישע טוערס האָבן געוווינט אין דער „אָבשטשעזשיטיע" אויף סאַדאָווע 4; אַנדערע האָבן געדונגען זיך צימערן, אָדער זיינען סתם איינגעלאַדן געוואָרן אין פּריוואַטע הייזער. נ. פּרילוצקי האָט געוווינט ביים באַקאַנטן קולטור־טוער ד. קאָפּלאַן־קאָפּלאַנסקי. זייער פיל פון די פּליטים האָבן גלייך גענומען האַנדלען, כדי צו פאַרדינען דעם ביסן ברויט און ניט דאַרפן אָנקומען צו קיינעמס טיש.

מיר איז אָבער גאָרניט איינגעגאַנגען. מיין הויפּט דאגה איז געווען: אַרויס־צורייסן מיין פאַמיליע פון לאָדזש.

אינמיטן נאָוועמבער האָבן די ליטווינער גענומען אַרויסגעבן רייזע־דערלויי־

בענישן קיין קאָוונע, כדי אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט די ליטווישע האַנדלס־קרייזן. אַלס פאַרוואַלטער פון אַן אַפּטייק האָב איך אַזאַ דערלויבעניש גלייך באַקומען און איך בין אַוועק אין קאָוונע, די הויפּט־שטאָט פון ליטע.

## קאָוונע

די שטאָט קאָוונע האָב איך צום לעצטן מאָל געזען אין די יאָרן 1921—1922. פאַר די אַכצן יאָר האָט זי זיך אַזוי געענדערט, אַז איך האָב זי לגמרי ניט דערקענט. ערשטקלאַסיקע, מאָדערנע ריזיקע הייזער. שיינע, רייכע געשעפטן מיט כל־טוב.

מיר זיינען שוין געווען דריטהאַלבן חדשים אין קריג, דורכגעלעבט שוידערלעכע טראַגעדיעס, שוין געווען כמעט צעבראָכענע מענטשן. אָבער דאָ אין קאָוונע, האָב איך דערזען אַזאַ לעבן, וואָס כ׳האָב שוין לאַנג ניט געזען. האָסט געזען פאַר זיך מענטשן, וועלכע האָבן קיין אַנונג ניט געהאַט וועגן מלחמה. פאַרקערט, זיי זיינען פון טאָג צו טאָג געוואָרן רייכער! דאָס לעבן האָט דאָ געברויזט און דערביי איז אין שטאָט געווען אַ שפע פון אַלדאָס־גוטס. הערלעכע צוקערניעס, גרויסאַרטיקע רעסטאָראַנען מיט ערשטקלאַסיקע מאכלים, וויינען, שנאַפּסן, טאָרטן, וויים געבעקס.

קיין קאָוונע זיינען אָנגעקומען געוועזענע פּוילישע מיליטערלייט און מען האָט זיי דאָ אינטערנירט. עס זיינען אויך געקומען סוחרים פון ווילנע.

היינט די בגדים פון די בירגער. דאָס רוב אין אַנצוגן פון ענגלישע שטאָפן. די דאַמען זיינען געווען עלעגאַנט געקליידט. העכסט מאָדערן.

אָבער פאַר אונדז, געקומענע פון פּוילן, איז געווען איין אומגליק — די וואַלוטע. פאַר איין ליט פלעגט מען דאַרפן אָפּגעבן 20—25 זלאָטעס.

איך בין געקומען קיין קאָוונע צו געפינען אַ וועג, וויאַזוי אַרויסצורייסן מיין פאַמיליע פון די היטלעריסטישע הענט. אַריינגעפאָרן בין איך צו מיין שוואָגער, וועלכער איז אַזוי אומגעריכט אַריינגעפאַלן אין לאָדזש אין די ערשטע מלחמה־טעג. אין ווילנע האָב איך שוין געהאַט אַ ידיעה, אַז ער איז פון לאָדזש אַנטלאָפן און דורך וואַרשע—ביאַליסטאָק, געקומען קיין ווילנע און תיכף אַוועק ווייטער, קיין קאָוונע. ער האָט מיר דערציילט:

ווען איך בין פון לאָדזש אַנטלאָפן אינמיטן דער נאַכט, איז ער געבליבן. אָבער אין די ווייטערדיקע צוויי שעה, זיינען פון שטאָט אַוועק אַלע מענער, אַזוי, אַז ער האָט אויך שוין ניט געקענט בלייבן לענגער, און איז אַוועק מיטן שטראָם. אָבער די וועגן זיינען שוין געווען אָפּגעשניטן דורך די דייטשן. מיט סכנת נפשות איז אים געלונגען, ערשט אין 3 טעג אַרום, צו קומען קיין וואַרשע. דאָ איז ער אַריינגעפאַלן אין דער צייט פון די געוואַלטיקע באָמבאַרדירונגען

און איז שוין דאָרט געבליבן ביזן פאַרנעמען די שטאָט דורך די דייטשן. ערשט דאַן איז אים געלונגען אַרויסצורייסן זיך פון שטאָט און אַוועקגיין אויף ביאַליסטאָק. צוגדליקער מאָל איז ער געווען ביי די דייטשן אין די הענט און סוף סוף איז ער אַ פאַרפּייניקטער, אויסגעהונגערטער און אָפּגעריסענער קוים מיטן לעבן אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק.

דאָרט איז געווען די רויטע אַרמיי און ס'האָט אים ווידער געקאָסט פיל געזונט, ביז ער האָט זיך דערקליבן ביז ווילנע. פונוואַנען ער איז גלייך אַוועק אויף קאָוונע. אָט די צוויי שעה וואָס ער האָט זיך פאַרהאַלטן אין לאָדוש, האָבן אים געקאָסט אַ חודש פון געפערלעכע איבערלעבונגען!

אין קאָוונע האָב איך געהאַט אַ גוט באַקאַנט הויז ביי פּראָפעסאָר מיכאל בירזשישקא. פּראָפ. בירזשישקא האָט פריער געלעבט אין ווילנע און איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע פּראָגרעסיווע ליטווישע טוער. מיט זיין פאַמיליע, ווי מיט אַ סך אַנדערע, שפּעטער זייער אָנגעזעענע ליטווישע מלוכה־טוער, האָב איך זיך באַקענט אין ווילנע אין די יאָרן 1919—1922. ווען גענ. זשעליגאָווסקיס מיטל־ליטווישע רעגירונג, האָט אין 1921 אָנהויב 1922 אַרעסטירט 33 ליטווישע און ווייסרוסישע טוער אין ווילנע און זיי אַריבערגעפירט איבער דער ליטווישער דעמאַרקאַציע־ליניע, איז אין ווילנע געבליבן פּראָפ. מ. בירזשישקאס פרוי אַליין מיט צוויי קליינע קינדערלעך. אַלס טוער פון דער יידישער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, פלעג איך אָפט, אין שליחות פון אונדזער פאָרזיצער ד"ר צ. שאבאד, זיין ביי די איבערגעבליבענע ליטווינער און ברענגען זיי הילף אין פאַרשיידענע פאָרמען. ספּעציעל האָב איך זיך פאַרנומען מיט דער פרוי פון אַרויסגעשיקטן פּראָפ. בירזשישקא. ביי איר אין שטוב פלעג איך אָפט טרעפן דעם באַקאַנטן ווילנער אַדוואָקאַט, טאַדעאוש ווראָבלעווסקי (אדוו. ווראָבלעווסקי איז אַלס ציוויל־מאַנער אַרויסגעטראָטן אין דעם טרויעריק־באַרימטן עלילת־דם פּראָצעס קעגן פעלדשער בלאָנדעס אין ווילנע, וועלכן אדוו. אָסקאַר גרוזנבערג האָט שפּעטער, אין רוסישן סענאַט פולשטענדיק רעהאַביליטירט). די פרוי בירזשישקא האָט געוואָלט מ'זאָל זי אַריבערטראַנספּאָרטירן קיין קאָוונע צוזאַמען מיט די קינדער און מיט זייער רייכער און גרויסער ביבליאָטעק. דאָס איז נית געווען, ביי יענע פּאָליטישע באַדינגונגען, קיין לייכט שטיקל אַרבעט. אגב, בין איך געווען דער הויפּט־אינפאָרמאַטאָר וועגן ליטווישן לעבן אין ווילנער „טאָג". אין אַלע מיינע נאָטיצן פלעג איך שטענדיק נעמען אין שוץ די ליטווינער, צוליב וועלכן, סיי איך, סיי די רעדאַקציע האָבן שטענדיק געהאַט צו טאָן מיטן פּראָקוראָר און געריכטן. יידן האָבן דאַן פאַרטיידיקט די ליטווינער, ווען זיי זיינען, צוליב פּאָליטישע טעמים, פאַרפאָלגט געוואָרן דורך דער רעגירונג פון „מיטל־ליטע". ביי דער געלעגנהייט דערמאָן איך זיך אַזאַ פאַל: שלום

אש איז אין יענעם פעריאָד געווען אין ווילנע אַ קורצע צייט. איך בין געווען זיין באַגלייטער און וועג־פירער. איינמאָל קום איך צו אים אינדערפרי מיטן „טאָג" אין האַנט. ער קוקט דורך די צייטונג און ווייזט מיר אָן אויף אַ נאָטיץ וועגן די ליטווינער, וואָס איז געווען קעגן דער פוילישער מאַכט. ער איז געוואָרן אין כעס און אַ זאָג געטאָן: „דאָס איז ניט טאַקטיש און ניט קלוג. פאַרטיידיקן די ליטווינער? יידן דאַרפן שטיצן פוילן". איך בין געבליבן ווי געפלעפט. קיין סך דרייסטקייט האָב איך ניט געהאַט צו פאָלעמיזירן מיט שלום אשן, אָבער דאָך האָב איך אים געזאָגט: „יאָ, אָבער די איצטיקע צייטווייליקע רעגירונג פון ווילנע טעראָריזירט און פאַרפאָלגט די ליטווינער. מיר יידן דאַרפן זיי, אין אַזאַ מאָמענט, שטיצן און העלפן". שלום אש איז בפירוש געווען ניט צופרידן. באַרואיקט האָט ער זיך ערשט דאַן, ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז דער באַוווּסטער פוילישער שרייבער, טשעסלאַוו יאַנקאָווסקי, האָט מיר צווויסן געטאָן, אַז ער פאַרבעט שלום אַשן צו זיך אויף אַ שמועס.

די צוגרייטונג־אַרבעט אויף אַריבערצופירן די פרוי בירזשישקאַ, האָט געדויערט זייער לאַנג און אין אַ שיינער נאַכט איז די פרוי מיט די צוויי קינדער, מיט דער ביבליאָטעק אַריבערטראַנספּאָרטירט געוואָרן דורך דער דעמאַרקאַציע־ליניע. פון יענער צייט איז אַוועק אַכצן יאָר. איך האָב די פאַמיליע בירזשישקאַ ניט געזען און ניט געהערט וועגן איר.

קומענדיק קיין קאָוונע האָב איך באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו דער פאַמיליע נאָך הילף.

די פרוי בירזשישקאַ האָט מיך גלייך דערקענט, זייער וואַרעם אויפגענומען, ווי דעם „אַלטן, אויסגעפּרוווטן, גוטן פריינט פון די ליטווינער".

איך האָב איר איבערגעגעבן וועגן מיין לאַגע און געבעטן הילף: „איך געפין זיך איצט אין דער זעלבער לאַגע, ווי איר אַמאָל". זי האָט מיר גלייך געגעבן זייער אַ וואַרעמען בריוו צום אינערן־מיניסטער און דערביי געטרייסט, אַז „ס'איז ניט ריכטיק וואָס מען דערציילט וועגן די פאַרפאָלגונגען פון יידן אין די אָקופּירטע געביטן, פרויען מיט קינדער וועט קיין שלעכטס ניט געשען"...

אין אינערן־מיניסטעריום האָט מיך אויפגענומען דער וויצע־מיניסטער געדרויצאַס. נאָכן איבערלייענען דעם בריוו האָט ער געהאַלטן פאַר מיר אַ לאַנגע רעדע, פון וועלכער איך האָב קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען, זעענדיק, אַז איך רעאַגיר ניט אויף זיינע רייד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז איך פאַרשטיי ניט קיין ליטוויש און האָט די רעדע איבערגעחזרט אין רוסיש. ער האָט מיר דערקלערט, אַז פוילן איז איצט אַן אָקופּירט לאַנד, לאָדזש — אַן אָקופּירטע שטאָט, מיט וועלכער זיי האָבן קיין שום פאַרבינדונגען ניט. ער זעט ניט קיין שום מעג־לעכקייט אויף אָנצובינדן אַפילו אַ וועלכן ס'איז קאָנטאַקט מיט לאָדזש.

זיי קענען זיך בשום אופן ניט מישן אין אַזעלכע עניניס, ווייל דאָרט איז, ווי געזאָגט, אַן אָקופּירט לאַנד מיט אַ מיליטערישער אָקופּאַציע־מאַכט. מען מוז זיין געדולדיק און האָפן, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן. און ווידער די זעלבע מעשה — ניט גלויבן די קלאַנגען, וועלכע מען פאַרשפּרייט וועגן די יידן־פאַרפאָלגונגען אין די אָקופּירטע געביטן.

זעענדיק, אַז מיין איינציקע האָפענונג איז פאַרלוירן און אַלץ איז פאַרשפּילט, פּרוּוו איך ראַטעווען די לאַגע מיט פאַרשיידענע פאַרשלאָגן אַנצוביינדן אַ קאָנטאַקט מיט לאָדזש, דורכן ליטווישן אַמבאַסאַדאָר אין בערלין.

„אָך, וואָס זאָגט איר, ווו וועט זיך איצט, אין אַזאַ צייט, אַן אַמבאַסאַדאָר פאַרנעמען מיט אַזאַ זאַך, דאָס איז זייער שווער...״

איך רייס אים איבער און זאָג:

— ווען מען האָט געדאַרפט ראַטעווען אייערע פרויען און קינדער, איז מיר דען געווען לייכט? האָב איך דען ניט ריזיקירט מיט מיין יונג לעבן, ראַטעווענדיק און העלפנדיק אייך ליטווינער? וואָס מיינט איר, הער מיניסטער, אַז די פרוי בירזשישקאַ האָט מיר דעם בריוו געגעבן סתם אַזוי זיך?

ער איז געבליבן ווי אַ געפּלעפּטער.

— יאָ, איך פאַרשטיי אייך, אייערע פאַרדינסטן פאַר אונדז ליטווינער וועלן מיר ווי געהעריק אָפּשאַצן, מיר וועלן אייך געבן אַ גרויסע מלוכה־אויסצייכענונג, אָבער אין דעם פאַל קענען מיר גאָרניט טאָן...

— איך דאַנק אייך זייער פאַר אייערע וואַרעמע ווערטער — ענטפער איך אים — איך בין ניט קיין געדונגענער אַדוואָקאַט, וואָס קומט בעטן אַ באַלוינונג פאַר העלפן זיין קליענט. איך בין אַ מאַן פון אַ פרוי און אַ פאָטער פון צוויי קליינע קינדער און מיין חוב און פליכט איז זיי צו ראַטעווען, איר פאַרשטייט, הער מיניסטער?...

דערביי האָב איך אים איבערגעגעבן אַ ריי שוידערלעכע פאַקטן, ווי אַזוי די דייטשן באַגייען זיך מיט יידן אין די אָקופּירטע געביטן. מיינע רייד האָבן געווירקט אויף אַזוי פיל, אַז ער האָט דערקלערט:

— גוט, קומט איבערמאָרגן, איך וועל זיך דורכריידן מיטן אינערן־מיניסטער. אויף זיך אַליין קען איך ניט שטעלן.

איך בין גלייך אָוועקגעפאָרן קיין ווילנע, אַריין צו ד״ר יעקב וויגאָדסקי, מיין אַלטן גוטן פריינט, דעם אונטערפירער אויף מיין התונה. איך האָב אים איבערגעגעבן דעם שמועס מיטן וויצע־מיניסטער.

— ווייסט וואָס — זאָגט ד״ר וו. — איך וועל דיר אויך געבן אַ בריוו אָבער ניט צום וויצע־מיניסטער, נאָר צום מיניסטער דירעקט. איך קען זיך מיט אים גוט, ער האָט מיך די טעג זייער פייערלעך אויפגענומען אין קאָוונע.

מיט עטלעכע טעג צוריק טאַקע איז ד״ר וו. געווען אין קאָוונע און זייער פייערלעך אויפגענומען געוואָרן דורכן מלוכה־פּרעזידענט סמעטאָנאַ און דורך מיניסטאָרן. ד״ר וו. האָט מיר גלייך אָנגעשריבן אַ וואַרעמען בריוו צום מיניסטער.

אין דער באַשטימטער שעה בין איך געווען ביים וויצע־מיניסטער. איצט האָט ער מיך שוין גאָר אַנדערש אויפגענומען. איך דערלאַנג אים גלייך דעם בריוו פון ד״ר וו., ער לייענט איבער און זאָגט: — יאָ, יאָ, דאָס איז זייער אַ וויכטיקער בריוו! מיר דאַכט זיך, מיין הער, אַז אייער זאַך איז אין נײַנציק פּראָצענט דערליידיקט.

— די זאַך דאַרף דערליידיקט ווערן אין די גאַנצע הונדערט פּראָצענט — זאָג איך צו אים מיט אַ געלעכטער.

דער וויצע־מיניסטער שטעלט זיך אויף פון אָרט און זאָגט:

— נו, גוט, קומט אין צוויי טעג אַרום, וועלן מיר זען.

איך האָב אים האַרציק באַדאַנקט און אַרויס פול מיט האָפענונג. ווען איך בין געקומען אין מיניסטעריום אין צוויי טעג שפּעטער, האָט מען מיר דערלאַנגט אַ פּאַפּיר און דער וויצע־מיניסטער האָט מיר גראַטולירט:

— איר האָט דורכגעפירט אַ זאַך, וואָס איז פאַר אונדז אַליין אַ נייעס, מיר אַליין זיינען טשעקאַווע נאָכצופאָרשן, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען.

אין דאָקומענט, וועלכן איך האָב באַקומען, איז געזאָגט געווען, אַז עס ווערט דערלויבט מיין פּרוי מיט די קינדער צו קומען קיין ליטע אויף צוויי חדשים. דערביי האָט מען מיר אין קאָנצעלאַריע געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איצט דאַרף איך אַרבעטן אין אויסערן־מיניסטעריום.

מיר האָבן גענומען קלערן און טראַכטן, וואָס ווייטער צו טאָן. וואָס דאַרף מען בעטן אין אויסערן־מיניסטעריום? איין זאַך האָב איך שוין באַמערקט, אַז אין די אַמטן מוז מען קומען מיט אַ פּאַרטיקער זאַך, מיט קאָנקרעטע פאָרשלאָגן, די באַאַמטע דאַרף מען גענוי זאָגן, וואָס צו טאָן.

איך האָב באַשלאָסן צו גיין אין אויסערן־מיניסטעריום און בעטן איבער־צושיקן אַ דערלויבעניש אין בערלין צום ליטווישן אַמבאַסאַדאָר, מיט אַן אָנווייזונג, ער זאָל דאָס אַריינשיקן קיין לאָדזש, און וואָס ווייטער, האָבן מיר אַליין אויך ניט געוווּסט. אין אויסערן־מיניסטעריום האָט מען צוגעזאָגט גלייך דאָס אַרויסצושיקן מיט דער דיפּלאָמאַטישער פּאָסט.

מיט דעם האָב איך זיך אָבער ניט באַרואיקט און געזוכט פאַרשיידענע פּריוואַטע באַקאַנטשאַפטן מיט די באַאַמטע פון מיניסטעריום, כדי ביי זיי צו דערגיין וואָס ווייטער צו טאָן.

ווען די ליטווישע אַמבאַסאַדע אין בערלין האָט באַקומען די פּאַפּירן און מיין ביטע וועגן דעם ענין, האָט זי אַרויסגעשיקט אַ מיטטיילונג צו מיין פרוי

אין לאָדזש, אַז זי זאָל קומען קיין בערלין אין אַמבאַסאַדע, ווו ס׳איז פאַר איר דאָ אַ רייזע־דערלויבעניש קיין ליטע. אין באַרמאַלע באַדינגונגען איז דאָס טאַקע געגוג געווען; אָבער ביי היטלערן לגבי יידן, איז דאָס געווען גלייך ווי גאָרניט. אַזוי האָבן דעם ענין דערליידיקט ביוראָקראַטישע קעפּ, הגם דיפּלאָמאַטן. ווען מיין פרוי האָט באַקומען די מעלדונג אין לאָדזש, איז זי צוזאַמען מיט אַ שכנטע, אַ יידישע דייטשקע, אַוועק צום לאָדזשער שטאָט־פּרעזידענט. ווען ער האָט דערזען, אַז די פרויען טראָגן געלע לאַטעס, האָט ער איר אַ שמיץ געטאָן די פּאַפּירן אין פּנים אַריין און זיי דורכגעטריבן.

איך האָב אין קאָוונע געפונען באַקאַנטשאַפט צום דער פאַמיליע פון ליטווישן אַמבאַסאַדאָר אין בערלין, שקירפּא, און זיינע אַ שוועסטער האָט זיך זייער איבערגענומען מיט מיין אומגליק און צוגעזאָגט הילף, וועלכע זי האָט מיר טאַקע געגעבן — זי האָט געשריבן קיין בערלין און מיך צוויי מאָל פאַרבונדן טעלעפאָניש מיט בערלין, מיט דער ליטווישער אַמבאַסאַדע. איך האָב זיי אויפגעקלערט, אַז מען טאָר אין די דאָקומענטן ניט אָנווייזן, אַז מיין פרוי איז אַ יידישקע און מ׳דאַרף צוגעבן, אַז איך שיק איר אַרויס פון קאָוונע באַצאָלטע בילעטן, פון לאָדזש ביז קאָוונע, ווייל זי האָט דאָרט ניט קיין מיטלען. פון די טעלעפאָן־שמועסן האָבן איך זיך טאַקע דערוווּסט, אַז די פרוי האָט זיי געענטפערט, אַז זי קען קיין בערלין ניט קומען. ערשט דאַן האָבן זיי אין אַמבאַסאַדע צעקייעט דעם ענין און אים גלענצנדיק דערליידיקט. זיי האָבן פון דער פרוי אַרויסגעפאָדערט פאָטאָגראַפיעס און אַרויסגעשיקט איר אַ נאַנסען־פּאַס — אַן נאַציאָנאַליטעט און אַן מלוכה־צוגעהעריקייט. די גאַנצע צייט בין איך געווען אין טויטשרעק, אַז די פרוי זאָל, חלילה, ניט בייטן דעם אַדרעס אָדער מען זאָל זי ניט אַריינוואַרפן אין געטאָ אַריין, ווען וואָס ס׳זיינען שוין ביי אונדז אָרומגעגאַנגען קלאַנגען. צום גליק איז די פרוי געבליבן אין איר דירה, כאָטש פיל נעכט האָט זי טאַקע מיט די קינדער ניט גענעכטיקט אין שטוב, צוליב מורא פאַר אַרויסשיקונגען. ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז דאָס זיינען געווען די ערשטע חדשים פון היטלערס הערשאַפט אין פּוילן. ס׳האָט נאָך געהערשט אַ ביסעלע „פרייהייט״. ווי די פרוי האָט אונדז שפּעטער איבער־געגעבן, האָבן יידן שוין אין קיין שום אַמט ניט געטאָרט אַריינקומען, אויף פּיעטריקאָווער גאַס ניט באַווייזן זיך, אָבער דאָך פלעגט מען זיך אַן עצה געבן, באַנוצנדיק זיך אָפטמאָל מיט דער הילף פון ניט יידישע שכנים.

ערב ווייגאַכטן האָט דער בריוועטרעגער געבראַכט צו מיין פרוי אין לאָדזש אַ גרויסן פּאַקעט פון בערלין. צום אומגליק איז די פרוי ניט געווען אין שטוב און איבערלאָזן דעם פּאַקעט האָט ער ניט געוואָלט. ווען די פרוי האָט זיך דערפון דערוווּסט, איז זי געוואָרן אויסער־זיך פון קלעמעניש. אָבער וואָס טוט מען?

ווי באַקומט מען אַרויס די פּאַפּירן פון פּאָסט? אַ ייִד טאָר אין פּאָסט ניט אַריינגיין. דער זייגער איז נאָך 3, אויפן גאַס קענען יידן גיין נאָר ביז 5. אָבער פּאַרפאַלן, מען מוז ריזיקירן, ווייל די פרוי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען פּאַר איר פּאַפּירן צום לעבן. זי איז אַוועק צום פּאָסט. לאַנג האָט זי זיך אַרומגעדרייט אויפן גאַס און אַז דער זייגער האָט זיך דערנענטערט צו 5, האָט זי אַלץ געשטעלט אויף איין קאָרט און איז צוגעגאַנגען צום סאָלדאַט, דעם וואַכמאַן, און אים דערציילט די לאַגע און געבעטן ביי אים הילף. און אָט האָט דער יעקע זיך אין דעם מאָמענט אַרויסגעשטעלט ווי אַ מלאך פון אונדזער משפחה. ער האָט דער פרוי דערקלערט, אַז אַריינלאָזן זי אויף דער פּאָסט טאָר ער ניט. ער וועט אָבער אַרויסרופן זיין קאַמעראַד, וואָס וועט אים פּאַרבייטן ביי דער טיר און ער וועט מיט איר אַריינגיין אויף דער פּאָסט. אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן. ער איז מיט דער פרוי אַריין אויף דער פּאָסט דורך אַ צווייטן אַריינגאַנג און זי צוגעפירט צום פענצטערל. דאָ האָט דער פרוי אָפּגעגליקט, ווייל זי האָט ביים פענצטערל געטראָפן דעם בריוווטרעגער, וועלכער האָט געהאַט דעם פּאַקעט ביי זיך און איר איבן טאַקע גלייך אָפּגעגעבן.

## דער גרויסער נס

ס'איז שוין געווען נאָך 5, ווען די פרוי איז מיטן פּאַקעט אַרויס פון פּאָסט און ממש מיט לעבנסגעפאַר זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ הויז אויף קילינסקי־גאַס, צו אַן אומבאַקאַנטן פּוילישן אַדוואָקאַט. זיי האָבן זי וואַרעם אויפגענומען. מיט האַרצקלאַפּעניש האָבן זיי געעפנט דאָס פּעקל און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ נאָנסען־פּאַס פאַר איר מיט די קינדער מיט נאָך אַ דערלויבעניש אַריינצופאָרן ליין ליטע. דערצו אויך אַ ווענדונג צום שטאָט־פּרעזידענט פון לאָדזש אַרויס־צולאָזן די פרוי מיט די קינדער, און באַצאָלטע באַן־בילעטן פון לאָדזש ביז קאָוונע.

קען זיך דען אַ מענטש פאָרשטעלן דאָס גליק פון דער פרוי אין דעם מאָמענט?

האָבנדיק די פּאַפּירן אין האַנט, האָט די פרוי גלייך, — לויט דער עצה פון פּוילישן אַדוואָקאַט — אַראָפּגעדריסן פון זיך די געלע לאַטעס און איז פראַנק און פריי אַוועק איבערן שטאָט. די פרייד פון די קינדער און אַרומיקע נאָענטע שכנים איז זיך לייכט פאַרצושטעלן.

די פרוי האָט זיך תיכף גענומען גרייטן צום אַרויספאָרן. אויסנוצנדיק דאָס, וואָס זי איז געגאַנגען פראַנק און פריי אין שטאָט, האָט זי איינגעקויפט פיל זאַכן, הויפּטזעכלעך וואַרעמע וועש, פאַר אַלע פריינט און באַקאַנטע, וועלכע האָבן זיך ניט געקענט ווייזן אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס. גלייך נאָך די חגאות

איז זי אַוועק צום זעלבן שטאַט־פּרעזידענט נאָך אַן אַרויספאָר־דערלויבעניש. דערלאַנגענדיק אים די פּאַפּירן, האָט זי זיך געמאַכט, אַז זי פאַרשטייט ניט קיין דייטש און האָט דורך אַ דאָלמעטשער גערעדט רוסיש. דער שטאַט־פּרעזידענט האָט זי זייער העפלעך אויפגענומען, אויף דער פראַגע, ווי קומט זי אין לאָדזש, האָט זי דערציילט אַ מעשה, אַז זי איז אַ גוטבאַזיצערין פון ליטע, געקומען קיין פּוילן אויף אַ לוסטרייזע און איז דאָ געבליבן שטעקן צוליב דער מלחמה, איצט האָט זי די געלעגנהייט צו פאָרן צוריק אַהיים.

— נו, און ווי געפעלט אייך אונדזער באַלעבאַטעווען אין שטאָט?

— אָך, זייער גוט. איך האָב זיך אַבסאָלוט ניט אויף וואָס צו באַקלאָגן — האָט די פרוי געענטפערט, — פאַרקערט, איך בין די גאַנצע צייט זייער גוט און העפלעך באַהאַנדלט געוואָרן.

— צי ווילט איר באַזוכן בערלין, ביי דער געלעגנהייט? — פרעגט דער שטאַט־פּרעזידענט.

— נאַטירלעך, — ענטפערט די פרוי.

ער האָט איר גלייך אויסגעשטעלט אַ דערלויבעניש אויף אַרויסצופאָרן פון לאָדזש, צו באַזוכן צוויי טעג אין בערלין און צו פאָרן קיין ליטע.

— נו, האָט איר באַגאַזש? — פרעגט דער שטאַט־פּרזידענט.

— יאָ, — ענטפערט די פרוי.

— איז גוט — זאָגט ער — וועל איך דאָן בעטן, אַז די „געשטאַפּאָ" זאָל די קאָנטראָל מאַכן ביי אייך אין וווינונג... וועט איר שוין זיין דעם גאַנצן וועג רואיק...

די פרוי איז געבליבן אַ צעטומלטע. עס פעלט נאָך, אַז „געשטאַפּאָ" זאָל קומען צו איר אין שטוב.

— אַ, אַ דאַנק — האָט זי שנעל געענטפערט — מיר איז באַקוועמער צו מאַכן די קאָנטראָל אויפן באַן.

— נו, איז גוט.

אָט אויף אַזאַ אופן האָט די פרוי אַרויסבאַקומען אַלע נויטיקע פּאַפּירן פון יעקישן שטאַט־פּרעזידענט.

געזעגנט זיך מיט אַלע גוטע פריינט, הויפּטזעכלעך מיט דער פרוי מאַגיסטער מאַגאַזאַנעק, וועלכע האָבן זי געשטיצט די גאַנצע 4 חדשים. און באַקומענדיק פון רוטקאָווסקין — אַ דאַנק יונת שפער, און דעם קהילה־סעקרעטאַר פּנחס נאַדעל — אַ געלט־שטיצע אויפן וועג, האָט זי דעם 30טן דעצעמבער 1939 פאַרלאָזט לאָדזש, מיטנעמענדיק מיט זיך אַ טייל זאַכן. ווען זי איז שוין געווען אין וואַגאָן האָבן „עס־עס"־לייט עטלעכע מאָל קאָנטראָלירט דעם צוג, פרעגנדיק

כסדר צי זיינען דאָ ניטאָ קיין יידן... די פרוי מיט די קינדער זיינען, נאַטירלעך, ניט געווען קיין יידן!

מיין זון האָט נעבן זיך געהאַלטן אַ גרויסן אייל־פּאָרטרעט, וואָס מיינע חברים האָבן מיר דערלאַנגט אַ מתנה, צו מיינער אַ פאַמיליען־שמחה. אַ דייטשי־שער אָפיציר האָט איינמאָל אַ נעם געטאָן דעם פּאָרטרעט אין האַנט און אַ פרעג געטאָן, ווער דאָס איז. דאָס קינד האָט געענטפערט: „מיין פאָטער, צו וועלכן מיר פאָרן איצט". „יאָ, יאָ", האָט דער יעקע געענטפערט, „איר פאָרט צו אייער פאָטער און איך פאָר פון מיין פאַמיליע"...

אַ נס מן השמים, וואָס דער יעקע האָט ניט באַמערקט דעם יידישן אונטער־שריפט פון יידישן קינסטלער, וועלכער האָט דאָס בילד געמאָלן.

דעם איין־און־דרייסיקסטן דעצעמבער, 10 אַזייגער ביינאַכט, זיינען מיינע פּאַסאַזשירן אָנגעקומען קיין קאָוונע.

איך מוז דאָ באַמערקן, אַז ווען איך האָב אין ווילנע צום ערשטן מאָל געזאָגט, אַז איך פאָר קיין קאָוונע, ווערגן ברענגען די פאַמיליע פון לאָדזש, האָט מען געמיינט, אַז איך בין ניט ביי די קלאָרע געדאַנקען. אַזוי ווילד און משוגעדיק איז אויסגעקומען דער עצם־געדאַנק. ווען איך האָב, במשך אַנדערטהאַלבן חדשים, געווײלט ווערגן דעם אין קאָוונע, האָבן מיט מיר מיטגעפילט אַ סך מענטשן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער זעלבער לאַגע, וואָס איך.

הגם ס'איז געווען שפּעט ביינאַכט און דערצו אַ ברענענדיקע פראָסט, איז דאָך אונדזער שטוב גלייך פול געוואָרן מיט מענטשן.

פאַר די פיר חדשים, וואָס איך האָב ניט געזען די פרוי מיט די קינדער האָבן זיי זיך זייער געענדערט. זיי זיינען געקומען פאַרחושכטע, געל ווי וואַקס, פשוט ניט צו דערקענען.

די וואָס האָבן געקענט מיין פרוי און קינדער אין לאָדזש און האָבן זיי איצט דערזען, האָבן שוין גאָרניט געדאַרפט פרעגן ווערגן לעבן ביי היטלערן, און דאָס איז דאָך געווען ערשט נאָך די ערשטע 4 חדשים מלחמה.

## דאס ליטווישע יידנטום

אין ליטע זיינען יידן געווען פולשטענדיק גלייכבאַרעכטיקט. ס'איז אַפילו געווען אַ צייט, ווען יידן האָבן געהאַט אַ ברייטע אויטאָנאָמיע מיט אַן אייגענעם מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים, מיט אַ יידישן מיניסטער בראָש. דער ערשטער מיניסטער פאַר יידישע ענינים איז געווען ד"ר סאָלאָווייטשיק;

יידן מיניסטאָרן זיינען נאָך געווען: אַדוו. שמשון ראָזענבוים, ד"ר ראַכמילעוויטש. די ערשטע צוויי זיינען געווען ציוניסטן, דער לעצטער — אַן אָרטאָדאָקס. מיטן פאַרשפּרייטן זיך פון היטלעריזם אין דייטשלאַנד, איז ליטע, ווי דער נאָענטסטער שכן, ביסלעכווייז אויך פאַשיזירט געוואָרן. די ליטווינער, ווי אַ פאָלק פון פּשוטע פויערים, מיט אַ גאַנץ קליינער יונגער אינטעליגענץ, האָבן אין די לעצטע יאָרן ניט געוואָלט צולאָזן קיין יידן אין דער מלוכה־אַדמיניסטראַציע און אַפילו ביסלעכווייז אַרויסגעשטופּט די יעניקע, וועלכע זיינען געווען אין איר פון די ערשטע יאָרן.

די ליבעראַלע באַציאונג צו יידן איז בכלל די גאַנצע צייט געווען אַן אויבערפלעכלעכע. איך האָב זיך איבערצייגט, אַז אין ליטע איז דער אַנטיסע־מיטיזם געווען אַ פיל שטאַרקערער און פיל געפערלעכער ווי אין פּוילן.

אין פּוילן האָבן אין די לעצטע פאַר־מלחמה־יאָרן געבושעוועט אַ גאַנצע ריי כוליגאַנישע, היטלעריסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי „אָזאָן", „פאַלאַנגאַ" א.ד.ג., וואָס האָבן אָרגאַניזירט פּאָגראָמען, קלענערע און גרעסערע, ווי אין פּשיטיק, בריסק, טשענסטאָכאָוו. דאָ האָט געהערשט אַן אַנטיסעמיטיזם אַ כאַמישער, אַ ברוטאַל־פיזישער און דערפאַר טאַקע אפשר ווייניקער געפערלעכער ווי דער שטילער, פאַרמאַסקירטער אַנטיסעמיטיזם, וועלכן איך האָב געטראָפן אין ליטע. די ליטווינער האָבן געפירט אַן אַנדערע פּאָליטיק לגבי יידן, ניט ברוטאַל, ניט דורך פּאָגראָמען. זיי האָבן געפירט אַ פּלאַנמעסיקע, סיסטעמאַטישעווירטשאַפט־לעכע אויסראָטונגס־פּאָליטיק דורכן אַרויסשטויסן יידן פון האַנדל, אָבער ניט דורך אָנפאַלן אויף יידן, אויף יידישע הענדלער, נאָר דורך שאַפן אַ ריזיקע נעץ פון קאָאָפּעראַטיוון אין די בראַנזשעס פון ערשטן געברויך, ווי פלייש און מילך, אין דער ערשטער ריי. זיי האָבן געשאַפן אַ ריזיקע קאָאָפּעראַטיווע נעץ פון פלייש־אויסאַרבעטונגען („מאיסטאס"). די דאָזיקע אינסטיטוציע פלעגט קויפן די בהמות ביים פויער, אַליין שעכטן, אַליין פאַרקויפן דאָס פלייש און אַליין מאַכן אַלע מעגלעכע וווּרשט־אויסאַרבעטונגען. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט אַלע מילך־אויסאַרבעטונגען, אייגענע גרויסע מילך־פירמעס, אַליין צוגענומען פון די פויערישע ווירטשאַפטן די גאַנצע מילך, אַליין אויסגעאַרבעט אַלערליי מילך־פּראָדוקטן. זייערע אויסאַרבעטונגען זיינען געווען פריש, היגיעניש, געשמאַק און פאַרקויפט געוואָרן לויט די ביליקסטע מאַרק־פּרייזן. דערביי פלעגן זיי פאַרקויפן די פּראָדוקציע אין העכסט עלעגאַנטע, מאָדערנע געשעפטן, וועלכע זיי האָבן געהאַט ניט נאָר אין די גרויסע שטעט, נאָר אין יעדן שטעטל און אַפילו אין גרעסטן דאָרף. די יידישע באַפעלקערונג אַליין פלעגט מאַסנווייז קויפן אין די דאָזיקע געוועלבער. די לעצטע יאָרן זיינען די ליטווינער צוגעטראָטן אָרגאַניזירן די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אויך אין דער מאַנופאַקטור־ און

טעקסטיל־בראַנזשע. אַזוי אַרום האָבן זיי ביסלעכווייז צוגענומען די פּרנסה־מעגלעכקייטן ביים יידישן הענדלער, קרעמער און סוחר.

ווען די לאַגע וואָלט געדויערט נאָך עטלעכע יאָר, וואָלטן דאָס רוב יידן אין ליטע געבליבן אָן פּרנסה. זיי וואָלטן עקאָנאָמיש אומגעבראַכט געוואָרן, אָן פּאָגראָמען, אָן אָנפאַלן. דאָס פאַרהאַלטן זיך פון די דייטשן לגבי יידן האָט דערנאָך פולשטענדיק באַשטעטיקט די איינגעוואָרצלטקייט פון יידן־האַס ביי די ליטווינער.

אויב אין די גרעסערע שטעט פון ליטע, ווי: קאָוונע, שאַוול פּאָניעוויעזש, מעמעל, האָבן נאָך יידן געהאַט פּרנסה־קוואַלן אין האַנדל און אינדוסטריע, וועלכע זיי האָבן אַליין אַנטוויקלט — איז אָבער די לאַגע אויף דער פּראָווינץ וויאָס ווייטער, אַלץ מער געוואָרן האָפענונגסלאָזער.

אַלנפאַלס איז דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון דער לימווישער באַפעלקערונג, סיי פון יידישער, סיי ניט יידישער, געשטאַנען אויף אַ פיל העכערן ניוואָ ווי אין פּוילן.

קומענדיק קיין ווילנע, האָב איך זיך גלייך גענומען צוריק צו געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט. כ'האָב קודם כל אָנגעשריבן אַן אַרבעט וועגן מיין וואַנדער־וועג פון לאָדזש קיין ווילנע. די אַרבעט האָב איך געגעבן נח פּרילוצקין, וועלכער האָט מיט „דזשאָינט"־מיטלען שוין באַוויזן צו אָרגאַניזירן אַ היסטאָרישע קאָמיסיע צו זאַמלען אַלע מעגלעכע מאַטעריאַלן פון דער דאָזיקער צייט. סעקרעטאַר פון דאָזיקן ביוראָ איז געווען הערש גוטגעשטאַלט (אַ בונדיסט פון וואַרשע). דאָס ביוראָ האָט אויפגעזאַמלט אַ געוואַלטיקע צאָל מאַטעריאַל וועגן דייטשישע רציחות אין אַ ריי שטעט און שטעטלעך פון פּוילן, פאַר די ערשטע חדשים פון זייער הערשאַפט. ידיעות פון יענער זייט פלעגן אָנקומען כסדר דורך פּליטים. עס האָבן זיך אין דער געהיימער קאָמיסיע אָנגעזאַמלט גביות עדותן, דאָקומענטן, געלט לאַטעס, מיט מגן־דוד'ס אין פאַרשידענע פאָרמען, דייטשע אונטער־דריקונגען, פאַראָרדענונגען א. א. וו.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז צו מיר געקומען אַ יונגע פרוי, כמעט אַ קינד, אין אַנדערע אומשטענדן (אין 6טן חודש). דאָס איז געווען די שנור פון רעדאַקטאָר ישראל קאַהאַן פון לאָדזש. אויף נאַרטן, ביי אַ 40־גראַדיקן פראָסט, האָט זי, אין אַזאַ צושטאַנד, געשוואָרצט די דייטשיש־רוסישע גרענעץ. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָבן מיר געפּייערט דעם ברית פון איר זון. די יונגע פרוי מיטן קינד זיינען שפּעטער אומגעקומען אין ווילנער געטאָ.

## טראַגישע לאַגע פון די פּליטים

דאָס לעבן אין ווילנע האָט זיך סטאַביליזירט. די אָנגעקומענע פּליטים

האָבן טײַלווײַז געגומען אַרבעטן, טײַלווײַז געהאַנדלט און פֿאַרדינט אויף חיונה. אַ גרויסער טייל איז אָבער אָנגעווייזן געווען אויף סובסידיעס פֿון פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, און אַלע האָבן געזוכט וועגן ווי אַזוי ווייטער צו פֿאָרן.

„דאָ איז אַ ווולקאַן" — פֿלעגן אַלע אין איין קול טענהן — „מען מוז לויפֿן ווייטער". אין דער צייט זײַנען קיין ווילנע אָנגעקומען די פֿירער פֿון פּוילישן יידנטום — סיים־דעפּוטאַט לייבל מינצבערג, סענאַטאָר טראָקענהיים, הרב ד"ר יצחק לעווין, ראַטמאַן פֿון לאָדזשער שטאָטראַט (ריישער רבס זון), ראַטמאַן פֿון לאָדזשער שטאָטראַט אַדוואָקאַט רייכמאַן, זייער פֿיל רבנים און ישיבה־לייט פֿון פֿאַרשיידענע ישיבות. אַ סך בונדיסטן מיטן פֿירער פֿון לאָדזשער בונד שמואל מילמאַן בראש. זייער פֿיל ציוניסטישע פֿירער און סתם יידן, וואָס האָבן באַוויזן צו אַנטלויפֿן פֿון דעם היטלעריסטישן גיהנום. דאָס איבערשוואַרצן די גרענעצן איז שוין דאַן געווען פֿאַרבונדן מיט גרויס סכנת־נפֿשות. אַזוי איז געקומען מיט אָפּגעפֿרוירענע פֿיס דער אַדוו. רייכמאַן. מיר האָבן אים אַרײַנגעגעבן אין שפּיטאָל פֿון „משמרת־חולים", ווו ער איז געלעגן אַ לאַנגע צייט. אויף מיין אַדרעס פֿלעגן כסדר אָנקומען זייער פֿיל בריוו, ספּעציעל פֿאַר לאָדזשער און וואַרשעווער פּליטים. איך האָב זיך פֿאַרבונדן מיט די לאָדזשער לאַנדסלייט אין אַמעריקע, זיי האָבן מיר צוויי מאָל געשיקט קליינע געלט־סומען, וועלכע איך האָב צוזאַמען מיט ד"ר וויגאָדסקי און ל. מינצבערג פֿאַרטיילט צווישן די פּליטים.

די לאָדזשער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק האָבן כמעט ניט געשטיצט די פּליטים אויף די ערטער. זיי האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף פֿון די אָקופּירטע געגענטן אַרויספֿאָרן*. דאָס איז געווען זייער אַ גוטער ווונטש. אָבער צום באַדויערן, אַ ניטדורכפֿירבאַרער. אין יענעם פּעריאָד האָט מען שוין פֿון לאָדזש כמעט ווי ניט געקענט אַרויס. אַפֿילו דאָס פֿאָרן פֿון לאָדזש קיין וואַרשע איז שוין דאַן געווען פֿאַרבונדן מיט אַזעלכע ריזיקע הוצאות, אַז נאָר געציילטע האָבן דאָס געקענט באַווייזן. ווער רעדט נאָך דאָס פֿאָרן פֿון וואַרשע קיין ווילנע, איז שוין דאַן בכלל געווען אוממעגלעך. נאָר געציילטע יחידים איז דאָס געלונגען. צווישן אַנדערע איז נאָך געלונגען דעם בונדיסט מילמאַן צו ברענגען זיין פֿאַמיליע. זייער פֿיל פּליטים זײַנען געווען אָפּגעריסן פֿון זייערע משפּחות, ווייל געלאָפֿן זײַנען אין דער ערשטער ריי נאָר מענער און דערוואַקסענע יוגנט. פֿרויען און קינדער זײַנען געבליבן אויף די ערטער. און אָט די אייניצלנע מענער זײַנען געזעסן אין ווילנע ביזן לעצטן מאָמענט, כדי צו שטיצן די געבליבענע פֿאַמיליעס מיט פּעקלעך. אַ סך מענער פֿון זיי זײַנען דערנאָך אַרײַנגעפֿאַלן צו די דייטשן.

* זייער הילף איז געווען אַ נישטיקע: צוויי מאָל צו הונדערט דאָלאַר!

אַנדערע ווידער האָבן דורכגעמאַכט שווערע טראַגעדיעס צוליבן אַרעסטירן זייער פאַמיליען־מיטגלידער אין וועג דורך די רוסן, ביים אַריבערגיין די גרענעץ. אַזאַ שוידערלעכע טראַגעדיע האָט דורכגעמאַכט די פאַמיליע חיים און פעליאַ בזשוסטאָווסקי, דער רעדאַקטאָר פון „לאָדזשער בייעם פאָלקסבלאַט" — זייער איינ־איינציקער זון, אַ יונג יינגל, איז אַרעסטירט געוואָרן ביים אַריבערגיין די גרענעץ דורך די רוסן און, ווי געווײַנלעך, ווי אין וואַסער אַריין. אַלע באַמיאונגען פון די אומגליקלעכע עלטערן צו דערגיין, וווּ זייער קינד געפינט זיך, זענען געווען אָן רעזולטאַטן. זיי האָבן אַזוי לאַנג געזוכט דאָס קינד, ביז זיי זיינען אַריינגעפאַלן צו די דייטשן, הגם זיי האָבן געהאַט אַלע גויטיקע פאַפירן צו פאָרן אין אויסלאַנד. רעדאַקטאָר חיים בזשוסטאָווסקי איז אומגעקומען ביי די דייטשן אין ווילנע, גלייך אין ערשטן פּעריאָד, און די פרוי פעליאַ איז אומגעקומען אין 3 יאָר אַרום אין דעם טויטן־לאַגער קלאָאָגאַ אין עסטלאַנד.

אין דער זעלבער צייט האָט אויך די פאַמיליע פון לאַזאַר קאַהאַן פאַרלוירן אירע צוויי זין, יונגע אינזשיניערן, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן דורך דער ליטווישער פּאָליציי, אויך אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַריבערגיין די גרענעץ.

פון ווילנע האָט מען געקענט שיקן פעקלעך פּראָדוקטן אין די אָקופּירטע געביטן. אַלע פּליטים האָבן זיך אויף דעם אַ וואָרף געטאָן, ווי אויף דער איינציקער מעגלעכקייט אויפצוהאַלטן זייערע פאַמיליעס ביים לעבן. יעדער האָט פון זיך דאָס לעצטע פאַרקויפט, אַבי וואָס אָפטער צו שיקן אַ פעקל. פון יענער זייט, פון לאָדזש און וואַרשע, פלעגן צו מיר אָנקומען האַרצרייסנדיקע בריוו וועגן הונגער און נויט. און לויט מיינע באַשיידענע מעגלעכקייטן האָב איך זייער פיל געשיקט צו פריינט און חברים. דאָס לעצטע פעקל האָב איך באַוויזן אַרויסצושיקן צו מיין חבר און פריינט אַדוואָקאַט יוסף ווייצמאַן אין וואַרשע. כדי צו שיקן אַ פעקל, האָט מען געמוזט האָבן אַ פּאַס פון אַ ליטווישן בירגער. אַזוי האָבן מיר, אַלס ווילנער, פאַרלייכטערט דעם ביטערן גורל פון די פּליטים.

אַ ריי פאַקטן וועגן דעם לעבן פון די יידן אין לאָדזש פאַר די ערשטע 4 חדשים פון דער היטלער־אָקופּאַציע, וואָס די פרוי מיינע האָט מיר איבערגעגעבן, האָב איך אַוועקגעשיקט צו די לאָדזשער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק. שפּעטערצו האָב איך פון זיי באַקומען אַן אויסצוג פון אַן אַמעריקאַנער יידישער צייטונג, ווו דאָס איז געווען אָפּגעדרוקט.

איינציקע זענען אַוועק מיט מיין וועג — צו ברענגען די פאַמיליעס מיט נאַנסען־פּעסער. און נאָך לאַנגע מאַטערנישן איז זיי דאָס געלונגען, למשל דעם ד״ר געלמאַן (זיין טאָכטער איז די פרוי פון ד״ר וויינריב, לעבט אין סידניי).

נאָכדעם ווי די פּאָליטישע לאַגע איז מער קלאָר געוואָרן, איז מען אין די יידישע קרייזן צוגעטראָטן צו אַ גרויסער פאַרצווייגטער אַרבעט אויפן קולטורעלן געביט. 3 יידישע צייטונגען פלעגן טעגלעך אַרויסגיין אין ווילנע (2 אין קאָוונע). עס האָט זיך זייער אַנטוויקלט דאָס יידישע און העברעאישע שולוועזן. עס זיינען דערשינען נייע ביכער, הויפּטזעכלעך לערנביכער. די ליטווינער האָבן דאַן אַרויסגעוויזן אַ סך פאַרשטענדעניש פאַר יידישע קולטור־ענינים. זיי האָבן געוואָלט געווינען די יידן אויף זייער זייט און זיך ריינוואַשן פון פּאָגראָם־פלעק. לויטן אויפטראַג פון מיינע פריינט, האָב איך אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט אַ ריי ליטווישע פּראָגרעסיווע געלערנטע און פּאָליטישע טוער. די ערשטע באַגעגעניש צווישן דער ליטווישער און יידישער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ איז פאָרגעקומען ביי ה. דוד קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי אין שטוב, אין הויז פון דער יידישער אַריסטאָ־קראַטישער משפּחה כאָלעם. די דירה פון די כאָלעמס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אמתן יידיש־ליטווישן און ספּעציעל ווילנער מוזעאום. די אָנוועזנדיקע ליטווישע פּראָפעסאָרן האָבן מיט גרויס שטוינונג באַטראַכט אַ ריי היסטאָרישע בילדער, אַנטיקן, וועלכע דער ווילנער אוניווערסיטעט און מוזעאומס האָבן ניט געהאָט. אין דעם צוזאַמענטרעף האָבן מצד די ליטווינער אָנטיילגענומען: די פּראָפעסאָרן, ברידער מיכאל און וויקטאָר בירזשישקאַ, דער שטאָט־פּרעזידענט ד״ר סטאַשיס און נאָך אייניקע פּראָפעסאָרן פון ווילנער אוניווערסיטעט. מצד די יידן זיינען געווען: ד״ר ג. קאָוואַרסקי, דער דירעקטאָר פון דער יידישער רעאַל־גימנאַזיע, טורבאָוויטש, ברוך ליובאָצקי, ד. קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, נח פּרילוצקי און איך. מען האָט אַ סך געשמועסט וועגן אַלע לויפנדיקע פּאָליטישע און קולטורעלע ענינים. קאָנקרעט האָט מען אויף דעם אָוונט דערליידיקט די פראַגע וועגן דער לעגאַליזאַציע פון דעם יידישן שולוועזן אין ווילנע. דאָס איז פאַר דער יידישער געזעלשאַפט געווען אַ קאָלאָסאַל וויכטיק פּראָבלעם.

צו דער זעלבער צייט האָב איך געגומען רעדן מיט רעקטאָר פון ווילנער אוניווערסיטעט פּראָפ. מ. בירזשישקאָ וועגן שאַפן אַ קאַטעדרע פאַר יידיש אויף דער ווילנער אוניווערסיטעט און וועגן באַשטימען נח פּרילוצקין אַלס דאָצענט. וועגן דעם האָבן זיך דערוווּסט די בונדיסטן אין ווילנע און קאָוונע, און זיי האָבן געמאַכט באַמיאונגען וועגן באַשטימען אַלס דאָצענט דעם ד״ר מ. וויינרייך, וועלכער איז דאַן געווען אין אויסלאַנד. איך האָב זיך דערוווּסט וועגן אַ בריוו פון ד״ר מ. וויינרייך, אין וועלכן ער דריקט אויס זיין גרייטקייט צו קומען קיין ווילנע, איבערצונעמען די קאַטעדרע. עס האָבן זיך אויך אָריינגעמישט די ציונים און פאַרלאַנגט, אַז די קאַטעדרע זאָל זיין אַ העברעאישע און אַלס

פראָפעסאָר זאָל באַשטימט ווערן דער דאָצענט פון קאָוונער אוניווערסיטעט, שאַפּיראָ.

אין דער אַקציע האָבן מיר אַריינגעצויגן אַ סך אָנגעזעענע פּראָגרעסיווע טוער פון קאָוונע און ווילנע. אין קאָוונע איז אונדזער זאַמלפּונקט געווען ביי ד״ר מאַטעס. עס פלעגן זיך דאָ טרעפן לאה רודניצקי, גראַדע, סוצקעווער, קאַטשערגינסקי, וואָגלער, חיים סעמיאַטיצקי, נח פּרילוצקי, ווי אויך מיטאַרבעטער פון דער פּראָגרעסיווער צייטונג „נייעס״.

די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך פאַרצויגן עטלעכע חדשים. עס זיינען געווען פאַרמעלע שוועריקייטן און אויך אַנדערע (בודזשעט א. א. וו.).

וועלנדיק אַדורכפירן עפּעס־וואָס קאָנקרעטס און קולטורעל־יומטובדיקס פאַרן ווילנער יידנטום, האָב איך אָרגאַניזירט נח פּרילוצקיס אַ רעפעראַט וועגן י. ל. פּרצן, צו זיין 25טן יאָרצייט (פּסח־טעג 1940).

דעם רעפעראַט האָב איך איינגעאָרדנט אין גרויסן, היסטאָרישן סניאַדעצקי־זאַל פון ווילנער אוניווערסיטעט. אָפיציעל איז דאָס דערמעגלעכט געוואָרן דורך דעם פאַרבאַנד פון די יידישע אַקאַדעמיקער, ווייל לויטן אוניווערסיטעט־רעגולאַמין האָט אַ ניט־אַנגעהעריקער צום אוניווערסיטעט ניט געהאַט דאָס רעכט אַרויס־צוטרעטן אין אוניווערסיטעט־בנין. דער יידישער סטודענטן־פאַראיין האָט דאָס גערן אונטערשטיצט און געגעבן זיין פירמע. וועגן דער אימפּרעזע האָבן זיך ווידער דערוווּסט די ציונים און זיי האָבן גענומען אָפּשלאָגן די טירן פון רעקטאָר און פּראָ־רעקטאָר, אַז דעם רעפעראַט זאָל לייענען פּראָפ. שאַפּיראָ. ווידער אַ קאַמף, אָבער דער רעקטאָר און פּראָ־רעקטאָר זיינען געווען אויף מיין זייט.

חול־המועד פּסח 1940 איז דער גרויסער, פּרעכטיקער סניאַדעצקי־זאַל אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ יידישן עולם, וואָס מ׳האָט זעלטן ווען דאָס געזען. ס׳זענען געקומען די עלטסטע בוייער און קעמפער פון דער יידישער און העברעאישער שול. די פירער פון „ייוואָ״, די גאַנצע יידישע לערערשאַפט, יידישע אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ, סטודענטן, יידישע שרייבער, קינסטלער — ווילנער יידן און פליטים. לויטן פּראָגראַם האָט דעם פרימאָרגן געזאָלט עפענען דער פאָרזיצער פון סטודענטן־פאַראיין. ער האָט געזאָלט האַלטן זיין רעדע אין ליטוויש און העברעאיש. איך האָב זיך דערוווּסט וועגן דעם צופעליק, אין לעצטן מאָמענט. נאָך אים האָט געזאָלט רעדן דער פּראָ־רעקטאָר. ווען ס׳איז געקומען די צייט פון עפענען, האָט זיך דער שלימזל געכאַפּט, אַז ער האָט זיין רעדע פאַרגעסן... אין שטוב. ער איז אַוועקגעלאָפן זי ברענגען. דערווייל האָב איך געבעטן אַ יידישע סטודענטין, זי זאָל עפענען די פאַרזאַמלונג מיט עטלעכע ווערטער אין ליטוויש און יידיש. אַזוי איז טאַקע געשען, און איידער וואָס ווען האָט שוין גערעדט דער פּראָ־רעקטאָר אין ליטוויש. די גאַנצע רעדע זיינע איז

געוועז איין לויב־געזאַנג פאַר פרילוצקיס פאַרדינסטן אויפֿן געביט פֿון דער יידישער פילאָלאָגיע און שפּראַך־פאָרשונג. דריקנדיק די האַנט פרילוצקין, האָט ער אים צוגעפירט צו דער קאַטעדרע. אַ טיף גערירטער האָט פרילוצקי אָנגעהויבן זיין רעפעראַט, געהאַלטן אין אַ פרעכטיקן יידיש, וואָס האָט געטראָגן אַ ריין אַקאַדעמישן כאַראַקטער און אינגאַנצן געדויערט 45 מינוט. אָבער וואָס פאַראַ נחת־רוח איז דאָס געווען! „אַזאַ אויסטייטשונג פון פּרצן האָב איך נאָך אין מיין לעבן ניט געהערט" — האָט דערנאָך געזאָגט דער נעסטאָר פון די יידישע קולטור־טוער אין ווילנע — גרשון פלודערמאַכער.

נאָכן רעפעראַט איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט אין רעסטאָראַן „סאַוואָי". די נאָמינאַציע פון פרילוצקין אַלס דאַצענט פון ווילנער אוניווערסיטעט איז פאָרגע־קומען שפּעטער, אָבער ביי געענדערטע פּאָליטישע באַדינגונגען אין לאַנד. דאָס איז געווען די צווייטע גרויסע זאַך, וואָס איך האָב דורכגעפירט זייט מיין אַנטלויפן פון לאָדזש, נאָכן באַפרייען מיין פאַמיליע.

## די געענדערטע פּאָליטישע לאַגע

הגם ראַטנפאַרבאַנד האָט געהאַט אַ ניט־אַגרעסיע־אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד, האָט זי דאָך, ווי עס שיינט, זיך ניט געפילט אינגאַנצן זיכער לגבי אַן אָנפאַל מצד דייטשלאַנד. דעריבער האָט די רויטע אַרמיי פון ערשטן מאָמענט אָן, וואָס זי האָט באַזעצט די געוועזענע פּוילישע טעריטאָריע, געטנומען שטאַרק באַפעסטיקן די צעצויגענע און ניט־באַפעסטיקטע גרענעצן מיט דייטשלאַנד.

אין איין און דער זעלבער צייט האָט מאָסקווע אויך געהאַט ווייניק צוטרוי צו דער ליטווישער רעגירונג, וועלכע איז געווען גוט אָנגעשטעקט מיט שנאה צו ראַטנפאַרבאַנד, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ראַטנפאַרבאַנד האָט איר אָפּגעגעבן ווילנע.

האָט דעריבער ראַטנפאַרבאַנד באַשלאָסן צו אָקופּירן ליטע און אַנדערע באַלטישע לענדער, האַלטנדיק דעם מאָמענט פאַרן פּאַסיקסטן, בעת דייטשלאַנד איז געווען פאַרנומען אין מערב־אייראָפּע.

קיין מאָסקווע איז „איינגעלאַדן" געוואָרן דער ליטווישער פּרעמיער־מיניסטער מערקיס אויף „אונטערהאַנדלונגען" און ער האָט מסכים געווען, אַז ראַטנפאַרבאַנד זאָל באַקומען מיליטערישע באַזעס אין ליטע.

אין רעזולטאַט דערפון איז אַ טייל פון דער קאָוונער רעגירונג, בראש מיטן פּרעזידענט פון דער מלוכה — סמעטאָנאַ — אַנטלאָפן פון ליטע.

אַ נייע פאָלקס־רעגירונג, בראש מיטן ליטווישן קאָמוניסט — פּאַלעצקיס, האָט איבערגענומען די מאַכט אין לאַנד.

דאָס גאַנצע לעבן האָט באַקומען אַ גאָר ניי פּנים. אַלע ביזאַנציטיקע באַגריפן,

אַלע ביזאַיצטיקע געוווינהייטן און אָנגענומענע כללים האָבן זיך ראַדיקאַל געענדערט.

ווילנע, אַלס שטאָט פון מיטלשטאַנד, האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל קליינע קרעמלעך און וואַרשטאַטלעך, וואָס זיינען ניט נאַציאָנאַליזירט געוואָרן. זיי זיינען ממילא זייער שנעל אונטערגעגאַנגען פון זיך אַליין. די קרעמער האָבן זייער סחורה שנעל אויספאַרקויפט און קיין נייע ניט געקענט באַקומען. די בעלי־מלאכות האָבן בכלל וואָס גיכער ליקווידירט זייערע וואַרשטאַטן און זיך מיטן געצייג און אַפילו מיט די מאַשינען אַריבערגעטראָגן אין די ניי־געשאַפענע אַרטעלן. אין די אַרטעלן זיינען אויך אַריינגעטראָטן אַ סך געוועזענע באַלעבאַטים, אַמאָליקע אַרבעטער, פּערזאָנען, וועלכע האָבן אין די פריערדיקע יאָרן געהאַט קאָנפליקטן מיט זייערע אַרבעטער, האָט מען אין אַרטעלן ניט אַריינגענומען.

די גרעסערע געשעפטן און פאַבריקן זיינען נאַציאָנאַליזירט געוואָרן. אין יעדער בראַנזשע האָט מען קודם כל געשאַפן איין גרויסע צענטראַלע לאַגער־באַזע, וווהין מ׳פלעגט צונויפפירן אַלע סחורות פון די נאַציאָנאַליזירטע געשעפטן. און פון דאַנען האָט מען שפעטער אַרויסגעגעבן סחורה צו די דעטאַל־געשעפטן.

מיטן איינפירן אָט די אָרדענונגען, איז פולשטענדיק אָפּגעשטאָרבן די פריערדיקע לעבעדיקייט און באַוועגלעכקייט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן פרייען האַנדל און אינדיווידועלער איניציאַטיוו. יעדער האָט דערשפירט, אַז ער אַליין איז געוואָרן אַ שרייפעלע אין אַ ריזיקער מאַשין, וואָס הייסט — סאָוויעטישע עקאָנאָמיע.

די אָנפירער פון די באַזונדערע בראַנזשעס האָבן באַקומען אינסטרוקציעס פון דער בראַנזשעס־צענטראַלע. אַלע געשעפטן האָבן דורכגעפירט פּינקטלעכע רעמאָנטן, איינגעפירט בוכפירונג לויט אַן איינהייטלעכן מוסטער. דאָס געלט, וואָס יעדעס געשעפט פלעגט לייזן, האָט מען יעדן אָוונט אַריינגעטראָגן אין קאַסע פון מלוכה־באַנק. שכירות פאַרן פערסאָנאַל פלעגט אויסצאָלן די הויפט־קאָנטאָר צוויי מאָל אין חודש.

## דער פּלאַן

דער הויפט־רעגולאַטאָר פון סאָוויעטישן לעבן איז דער פּלאַן. היות ווי אַלץ איז דאָס אייגנטום פון דער מלוכה, אַרבעט אויס דער הויפט־פּלאַנירונגס־אַמט אַן אַלגעמיינעם מלוכה־פּלאַן פאַר אַלע געביטן פון לעבן, סיי ווירט־שאַפטלעכע, סיי גייסטיקע. דער פּלאַן ווערט אַ געזעץ מיטן מאָמענט פון זיין באַשטעטיקונג.

ליטע האָט נאַטירלעך ניט געהאַט קיין צוגעגרייטן פּלאַן, ער איז געשאַפן

געוואָרן אין גאַנג פֿון דער אַרבעט. אָבער וואָס ווייטער, האָט מען אַלץ מער געפֿילט דעם דרוק פֿון די העכערע אינסטאַנצן פֿאַרן פֿולשטענדיקן צופּאַסן זיך צו דער סאָוויעטישער אָרדענונג. יעדע אונטערנעמונג איז געווען אַ זעלבשטענ־דיקע אייגנהייט מיט אַן אייגענעם בודזשעט, וואָס דעקט זיך אַליין. קיין דעפֿיציטן האָבן ניט געטאָרט זיין אין די אונטערנעמונגען און אויך ניט קיין צו גרויסע פֿאַרדינסטן. ווען מיר האָבן, אין געוויסע חדשים, ניט געהאַט אין די אַפּטייקן קיין גענוגנדיקע הכנסות פֿאַר מעדיקאַמענטן, האָבן מיר אַריינגענומען אַנדערע סחורות צום פֿאַרקויפֿן, אַבי נאָר צו דערגרייכן די געפֿאָדערטע סומע אין קאַסע פֿון אייגענע פֿאַרדינסטן.

די שטרענגע פֿאָדערונג אויסצופֿירן דעם פּלאַן, צווינגט די פֿאַרוואַלטערס פֿון די אונטערנעמונגען, די פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿאַרן אויספֿירן דעם פּלאַן, צו פֿאַרשיידענע קאָמבינאַציעס, צו פֿאַרשיידענע וואַנגלערייען, אַבי אויפֿן פּאַפּיר זאָל דער פּלאַן זיין אויסגעפֿירט. איך האָב געלייענט אָפֿט אין די צייטונגען, אַז די כעמיש־פֿאַרמאַצעווטישע פֿאַבריק האָט אויסגעפֿירט איר פּלאַן נאָך מיט אַן עודף פּראָצענטער ווי עס האָט זיך געפֿאָדערט, ווען איך האָב גאַנץ גענוי געוווּסט, אַז פֿאַקטיש האָט מען ניט געמאַכט אַפֿילו דעם מינימאַלסטן פּראָצענט פּראָדוקציע. אַלץ איז געווען אַ פֿיקציע, אָבער גוט געמאַכט אויפֿן פּאַפּיר, דערפֿאַר ווייל דער פֿאַרוואַלטער איז געקומען פֿון רוסלאַנד, ווו ער האָט זיך גוט אויסגעלערנט צוזאַמענצושטעלן „פּלאַן־סטאַטיסטיק”. און דאָס איז דער עיקר, די שטענדיקע שרעק פֿאַרן ניט אויספֿירן דעם פּלאַן, צווינגט די אָנפֿירער און די אַרבעטער צו פֿאַרערגערן די קוואַליטעט פֿון דער פּראָדוקציע. דערי־בער זיינען אָפֿט די סחורות, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן פֿאַרן אינערלעכן געברויך, געווען פֿון אַ שלעכטער קוואַליטעט. אויסערלעכע פֿאָרמען, ווי שיינע עסטעטישע פּאַקונג — האָט איבערהויפּט ניט עקזיסטירט.

נאָך עטלעכע חדשים האָבן זיך די זאַפּאַסן פֿון דער אַפּטייק־באַזע אויס־געשעפּט. עס האָבן פֿאַרפֿעלט די נייטיקסטע און וויכטיקסטע כעמיקאַלישע פּרעפּאַראַטן. מיר האָבן דאַן ביסלעכווייז אָנגעהויבן באַקומען מעדיקאַמענטן פֿון די רוסישע באַזעס, צוזאַמען מיט דעם אויך פֿאַך־ליטעראַטור פֿון מאָסקווע, אָבער אין זייער אַ באַגרענעצטער צאָל און מיט גרויסע שוועריקייטן. דאָס האָט זיך דערקלערט טאַקע מיט דעם, וואָס פֿאַר ליטע איז ניט פּלאַנירט געווען קיין ליטעראַטור. די מעדיקאַמענטן, וועלכע מיר האָבן באַקומען פֿון מאָסקווער און אַנדערע רוסישע פֿאַבריקן, זיינען געווען פֿאַרמאַקאָפּעאַלע. דאָס זיינען די הויפּט־פּרעפּאַראַטן, וועלכע מען מוז האָבן אין דער מעדיצינישער פּראַקטיק. קיין שום פּאַטענטירטע שפּאַנצעסן זייגען דאָרט ניט פֿאַראַן. דער קאַטאַלאָג פֿון מעדיקאַמענטן פֿון די רוסישע אַפּטייקן איז אַ מינימאַלער אָבער אַ געזונטער. די פּרייזן די

ביליקסטע אין דער וועלט. די פּאַקונג — די איינפּאַכסטע, וואָס איז נאָר מעגלעך.

היות ווי די פּאַרדינגסטן זיינען געווען קליינע, דערצו נאָך אין אַ ניט נאָרמאַלע און ניט סטאַביליזירטע צייט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע ספּעקולאַציע מיט אַ ריי אַרטיקלען. ווען אַ געשעפט פלעגט באַקומען אַביסל סחורה, פלעגט מען דאָס פאַרקויפן אָן אַ זייט לויט ספּעקולאַציע־פּרייזן. דאָס האָט געטאָן דער פּאַרוואַלטער, דאָס פלעגן אויך טאָן די איבעריקע אָנגעשטעלטע, ווייל קיינער האָט ניט פאַרדינט גענוג צום לעבן. די שכירות האָט ניט געגעבן די מעגלעכקייט צו אויסהאַלטן זיך, ניט נאָר אויף דעם ניוואָ ווי מען האָט פריער געלעבט, נאָר ס'האָט פשוט נישט געקלעקט אפילו אויף אַ עלעמענטאַר, באַשיידן לעבן.

*

פּראָפּאַגאַנדע פאַרנעמט דעם וויכטיקסטן אָרט אין לעבן פון ראַטנפאַרבאַנד. דער אַרבעטער און אָנגעשטעלטער האָבן ניט קיין מינוט רו. ווען ער איז נאָר פריי פון זיין אַרבעט, געפינט מען שוין פאַר אים טויזנטער זאַכן, ווי אַזוי אים צו באַשעפטיקן. כסדר קומען פאָר פאַרזאַמלונגען, מיטינגען, אויפקלערונג־צוזאַמענטרעפן, דיסקוסיעס וועגן דעם, וואָס די פירער האָבן געזאָגט אין מאָסקווע. פאָרשטעלונגען מיט רעדעס, משפטים, באַגריסונגס־אָוונטן, אָדער פרימאָרגנס א. א. וו. אָט די פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט פאַרמיאוסט פשוט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פון פאַרהאָרעוועטן מענטש. גיין צו די דאָזיקע אונטערנעמונגען מוז מען, ווייל יעדער ווערט קאָנטראָלירט. צוהערן זיך מוז מען, ווייל ס'איז אַ פליכט אין געהעריקן מאָמענט צו פּאַטשן בראַוואָ. מען זיצט אויף די אימפּרעזעס ווי פאַרמשפּטע.

*

די לאַגע ביי דער דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ האָט אויסגעזען אַזוי: די פּריוואַטע פּראַקטיק ביי דאָקטוירים, צאָן־דאָקטוירים, שוועסטער א. א. האָט זיך כמעט אָפּגעשטעלט. אַלע זיינען אַריבער אַרבעטן אין די אַמבולאַטאָריעס, פּאָלי־קליניקעס, שפּיטעלער. יעדער בירגער איז צוגעטיילט געוואָרן צו אַן אַמבולאַטאָריע, וווּ מען פלעגט באַקומען אומזיסטע מעדיצינישע הילף. פאַר די רעצעפּטן פלעגט מען צאָלן אין די אַפּטייקן.

אַדוואָקאַטן, אינזשיניערן, האָבן באַקומען הויכע מלוכה־פּאָסטנס אין די אַמטן און פאַבריקן. די געוועזענע אַפּטייק־אייגנטימער, האָבן באַקומען פּאָסטנס אין אַנדערע אַפּטייקן. אַמבעסטן האָבן געהאַט בוכהאַלטאָרן. אַ הויפּט־בוכהאַלטער האָט אין אַן אונטערנעמונג געהאַט אַ גרעסערע דעה ווי דער דירעקטאָר.

*

דאָס עפנטלעכע לעבן איז געווען אַ רווישיקס. די אַמטן האָבן זיך צעוואַקסן, די צאָל באַאַמטע איז געווען אַ ריזיקע. נייע אַמטן, נייע מעטאָדן, נייע מענטשן. אַפּטמאָל האָבן פּאַראַנטוואָרטלעכע, אָנפירנדיקע פּאָסטנס, פאַרנומען מענטשן אָן געהעריקע קוואַליפיקאַציעס. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די הויפּט־אַמטן האָבן פאַרנומען מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָדער מענטשן, וועלכע זיינען געווען נאָענט צו זיי און, נאַטירלעך, די נאָכלויפער, וועלכע קענען זיך צופּאַסן צו יעדן רעזשים.

דאָס פּערזענלעכע פּריוואַטע לעבן איז איינגעשרומפּן געוואָרן. אַ חוץ ביי דינסטלעכע אָנגעלעגנהייטן, פלעגט מען זיך טרעפן נאָר מיט גאָר־גאָר נאָענטע מענטשן, צו וועלכע מען האָט געהאַט דעם פולסטן צוטרוי. די הייזער זיינען פאַרפולט געוואָרן מיט נייע סובלאָקאַטאָרן. דאָס הויז איז געוואָרן אויס פּעסטונג פאַרן פּריוואַטן לעבן. דאָסגלייכן האָט אויך אויפגעהערט דאָס קאַפע־לעבן, וואָס איז אַזוי פאַרשפּרייט געווען, סיי אין פּוילן, סיי אין ליטע. שטאַרק אויפגעבליט האָט טעאַטער, קאָנצערטן. קינאָס פלעגן געבן אויסשליסלעך פּראָפּאַגאַנדע־בילדער.

### פּליטים לויפן

אַ גאַנצע ריי פּליטים האָבן קיין זאַך ניט געטאָן און נאָר געזוכט ווענן, ווי אַזוי צו פאָרן ווייטער. פּעסער האָבן אַלע באַקומען, דאָס פּראָבלעם פון וויזעס האָט מען אויף שנעל געלייזט: אויף עטלעכע ווילנער גאַסן האָבן זיך איינגע־אָרדנט נייע „קאָנסולן", וועלכע פלעגן געבן וויזעס פאַר אַלע לענדער אין דער וועלט, פאַר אַ גאַנץ קליינעם אָפּצאָל. אגב, כמעט אַלע אַמבאַסאַדעס אין קאָוונע האָבן גערן געגעבן וויזעס צום אַרויספאָרן... אַ סך פּליטים זיינען טאַקע, אין דעם פּעריאָד, אַרויסגעפאָרן פון ווילנע דורך וולאַדיוואָסטאָק קיין יאַפּאַן; דורך אָדעס קיין פּאַלעסטינע א. א. וו. די פּליטים פלעגן פאַרקויפן פון זיך דאָס לעצטע, אָבי צו שאַפן די נויטיקע געלט־סומע אין עפעקטיווע דאָלאַרן, אויף איינצו־צאָלן פאַר די רייזע־הוצאות. געהאָלפן האָט אַ סך דער „דזשאָינט", און פאַרשיידענע יידישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס.

קאָמישע סצענעס האָבן זיך דאַן אָפּגעשפּילט אין דער סאָוויעטישער אַמבאַ־סאַדע. זיי פלעגן פאַרלאַנגען פאַר די טראַנזיט־וויזעס און רייזע־בילעטן ביז וולאַדיוואָסטאָק, נאָר אין עפעקטיווע דאָלאַרן. אויפן ענטפער, אַז ס'איז פאַרבאָטן צו האַנדלען מיט וואַלוטע און, אַז די מלוכה־באַנק פאַרקויפט ניט קיין וואַלוטע, האָבן זיי געראַטן צו גיין קויפן אויף דער שוואַרצער בערזע, אָדער אין דער קאַפע „מאָניקאַ", און פאַרזיכערט דערביי, אַז ס'וועט קיינעם קיין שום שלעכטס ניט געשען.

אַזוי איז טאַקע געווען.

אין יענער צייט זיינען אויך געווען מאַסן פאַלשע וויזעס. די סאָוויעטישע אַמבאַסאַדע האָט דאָס גוט געוווסט. איינמאָל אין אַן אינדערפרי, ווען מען האָט געעפנט די אַמבאַסאַדע, און דער וואַרטעזאַל איז גלייך פאַרפולט געוואָרן מיט ייִדן, איז אַרויס אַן אָפיציר און אַ זאָג געטאָן: „בירגער, היינט גיט מען וויזעס באָר די יעניקע, וועלכע האָבן ריכטיקע ענדציל־וויזעס. די אַנדערע זאָלן קומען מאָרגן"... אין איין מאָמענט איז דער גאַנצער זאַל אויסגעליידיקט געוואָרן פון באַזוכער.

אַ סך האָבן ניט געקענט אַרויספאָרן, צווישן זיי דער געוועזענער סיים־דעפּוטאַט לייבל מינצבערג, דער אָרטאָדאָקסישער סענאַטאָר טראָקענהיים, דער בונדיסט הערמאַן קרוק א.א.וו. זייענדיק אין עסטלאַנד אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, האָט מיר קרוק געוויזן, אַז ער טראָגט אויף זיך אַ זעקעלע מיט אויס־לענדישע דאָקומענטן, מיט וועלכע ער איז לסוף פאַרברענט געוואָרן.

## די שפּעטע חרטה פון אַ טייל פּאַליאַקן

ייִדן האָבן אויסגעדריקט זייער צופרידנהייט, וואָס זיי זיינען פּטור געוואָרן פון אַנטיסעמיטישן פּוילישן רעזשים, וועלכער האָט לעצטנס ווילד געבושעוועט און צוגלייך אויך גליקלעך געווען, וואָס זיי זיינען ניט אַריינגעפאַלן אין די מערדערישע היטלעריסטישע הענט. די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג האָט זיך גלייך לאָיאַל צוגעפּאַסט צו די נייע פאָרמען פון לעבן. ס'זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זייער שווער איבערגעטראָגן דעם פאַקט פון פאַרלירן, דורך איין נאַכט, זייער גאַנץ פאַרמעגן.

די פּוילישע באַפעלקערונג האָט אויך פריי אָפּגעאָטעמט, וואָס זיי זיינען פּטור געוואָרן פון די ליטווינער... און דערביי געווען זייער נידערגעשלאָגן, עפּעס אַ קלייניקייט, אַזוי בליץ־שנעל אַראָפּ פון אַזאַ גדולה...

פון פּוילן זיינען אָנגעקומען ידיעות וועגן דייטשישע פאַרפאָלגונגען קעגן פּאָליאַקן. דער סאַבאָטאַזש, וואָס זיי האָבן געפירט פון ערשטן מאָמענט אָן לגבי די ליטווינער, האָט זיי ווייניק־וואָס געהאָלפן. זייער פיל פּאָליאַקן, הויפּט־זעכלעך גלוביקע, פון מיטלשטאַנד, פון די אינטעליגענטע ספערן, פלעגן, מיט באַדויערן, דערמאָנען די ניט־לאַנג פאַרגאַנגענע צייטן פון די ייִדן־פאַרפאָלגונגען און דערביי אָפּס געזאָגט: „יאָ, ווען די פּריסטאַראָווע האָט אַריינגעטראָגן איר אַנטי־שחיטה־פּראָיעקט, האָבן ייִדן אין פּוילן דערקלערט אַ פּערצן־טאָגיקן תענית, דערפאַר טאַקע איז פּוילן אונטערגעגאַנגען אין פאַרלויף פון פערצן טעג"...

אַ סך האָבן באמת באַדויערט די ייִדן־פאַרפאָלגונגען, די כוליגאַנישע העצע

אויף די אוניווערסיטעטן, פשיטיק, בריסק, טשענסטאָכאָוו א. א. וו. ווען ס׳איז אָבער שוין געוועזן צו שפּעט, איז מען געוואָרן חוזר בתשובהניקעס. „מאַנדרי פּאָליאַק פּאָ שקאָדזשיע״. דער פּוילישער רעזשים איז זיך צעפאַלן, קיין שריד ופליט איז פון אים ניט געבליבן. דאָס זעלבע איז איצט אויך געשען מיטן אַלטן ליטווישן רעזשים...

דער גאַנצער ליטווישער שאָוויניזם איז מיט איינמאָל פאַרשוואונדן. די מאַסן פּאָליאַקן און יידן האָבן זיך גלייך דערפילט פריי. עס האָט זיך גלייך אַנטוויקלט אַ ברייט פאַרצווייגטע אַרבעט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען — אין דער פּוילישער, יידישער און רוסישער שפּראַך. ס׳איז אַראָפּ די כמאַרע פון „קאַלבעטי ליעטווישקיי״ — רעדן נאָר ליטוויש. ליטווינער האָבן אַ ביסל אַראָפּגעלאָזן פון טאָן, הגם די עכסטע אַמטן זיינען צוריק באַזעצט געוואָרן דורך ליטווינער, אָבער שוין ניט פון קיין נאַציאָנאַליסטן־שאָוויניסטן, נאָר קאָמוניסטן. די שפּראַך איז אָפיציעל ווייטער געווען די ליטווישע, מען האָט אָבער זיך פריי באַנוצט מיט אַלע אַנדערע אָרטיקע שפּראַכן.

## דער טויט פון גאון ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי זצ״ל

דאָס יידישע רעליגיעזע ווילנע איז, גלייך ביים שאַפן די נייע סאָוויעטישע אָרדענונג, זייער שווער געטראָפן געוואָרן דורכן טויט פון גאון ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי, וואָס איז געווען, אָן ספק, די גרעסטע רעליגיעזע אויטאָריטעט אין זיין דור. זיין נאָמען אין ווילנע איז געווען געערט און געאַכט. הגם אָפיציעל איז הרב ר׳ יצחק רובינשטיין, געווען דער ווילנער שטאָט־רב, אויך אין די צייטן פון צאַראַט איז ער געווען קאַזיאָנער רב.

ס׳איז פאָרגעקומען אַ מאַסן־לוויה. אָנטיילגענומען האָבן טויזנטער יידן און דער גאַנצער ווילנער ראַבינאַט, אַלע רבנים פליטים — די חשובסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס ווילנע האָט דאַן פאַרמאָגט.

דעם טויט פון גאון, אין דעם שווערן מאָמענט, האָבן יידן אויסגעטייטשט, ווי אַן „אצבע אלוהים״ און געזאָגט: „ר׳ חיים עוזרן איז בייגעשטאַנען דער זכות פון ווילנער גאון, ער זאָל ניט דאַרפן צוזען מיט זיינע אייגענע אויגן, וואָס עס וועט ווערן פון זיין ווילנע, ירושלים דליטא. זיינע הייליקע אויגן וועלן ניט דאַרפן זען דעם מוראדיקן חורבן, וואָס עס שטייט איר פאָר״.

## אינטריגעס

די אַפּטייק, וווּ איך האָב געאַרבעט איז נאַציאָנאַליזירט געוואָרן, גענוי ווי אַלע אַנדערע. איך בין געבליבן אויף מיין פּאָסטן אַלס פּאַרוואַלטער און בין נאָך דערצו באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמיסאַר פון דער אונטערנעמונג.

אָבער אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מען מיך אָפּגערופן פון דעם אַמט און באַשטימט אַלס קאָמיסאַר מיין געהילף, דעם חבר גורוויטש. דער דאָזיקער פאַקט האָט אַרויסגערופן גרויס באַאומרואיקונג ביי מיר און ביי מיינע נאָענסטע חברים. מיר האָבן געוווּסט, אַז דער אַמט פון אַ קאָמיסאַר אין אַן אונטערנעמונג איז אַ פאַרטרויאונגס־זאַך, און דאָס אָפּרופן אַ מענטשן פון אַזאַ אַמט באַטייט אומצוטרוי — אַ זאַך וואָס קען ברענגען מיט זיך טרויעריקע קאָנסעקווענצן פאַרן אָפּגערופענעם.

האַלטנדיק מיין לאַגע פאַר גאָר אַן ערנסטע, און ניט האָבנדיק וואָס צו פאַרלירן, האָב איך באַשלאָסן אַליין צו גיין צום הויפּט פון געזונטהייטס־אַמט און ניט וואַרטן ביז מ׳וועט מיך רופן. איך האָב זיך געווענדט צום לייטער פון דעם דאָזיקן אַמט, ד״ר שטאַכעלסקי (איצט מיניסטער אין פּוילן). ער האָט מיר דערקלערט אָט וואָס: „מיר בויען אַ נייע אָרדענונג, מוזן מיר האָבן מענטשן ממש אייגענע, זיכערע, דאָס הייסט — פּאַרטיי־מענטשן, אָדער פולשטענדיקע גאָרנישטן — „טאַבולאַ ראַזאַ״. וועגן אייך האָבן מיר באַקומען ידיעות, אַז איר זייט אַן ענערגישער, אַקטיווער טוער, אָבער איר געהערט ניט צו אונדז.

געפערלעך זייט איר פאַר אונדז ניט, ווייל אַזעלכע האַלטן מיר ניט אין די אַפּטייקן. איר קענט זיך רואיק ווייטער פירן אייער פאַך־אַרבעט אַלס פּראָוויזאָר, און ווען מיר וועלן זיך איבערצייגן אין אייער לאָיאַליטעט לגבי אונדז, וועלן מיר אייך באַשטימט אויסנוצן פאַר דעם פּאַסיקן אַמט.״

מיר און מיינע פריינט איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. אָבער פון אַקטיווער פּאַראיין־אַרבעט האָב איך זיך אַרויסגעצויגן. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין פאַך־קאָלעגע פון אַווגוסטאָווסקיס אַפּטייק, האָט קעגן מיר געפירט אַ קאַמפּאַניע. אַלס סטודענט, פּועלי־ציוניסט, האָט ער געקליבן געלט צום קאַמף קעגן די קאָמוניסטן. איצט האָט ער אָנגעטאָן אַ פּאָר הויכע שטיוול און אַ פּאָלושובעק (אַ קורץ פּעלצל) און איז געוואָרן אַ רויטער. אין ווילנע האָבן אים אַלע געקענט, און איצט געלאַכט פון דער מעטאַמאָרפאָזע פון דעם אינטעליגענטן מענטשן. ער האָט וואַרשיינלעך ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז איך זאָל באַשטימט ווערן אויף אַ הויכן פאַך־פּאָסטן. אַזעלכע קלאַנגען זיינען געווען אין די פאַרמאַצעווטישע קרייזן. דעריבער האָט ער באַשלאָסן מיך גלייך אומשעדלעך צו מאַכן. שווער איז אים דאָס ניט אָנגעקומען, ווייל ער איז געוואָרן דער הויפּט־בעל־יועץ אין פאַרמאַצעווטישע ענינים פון דעם מעדיצינישן פּערסאָנאַל ביי דער סעקרעטאַריין פון פּראָ־פּאַראיין — די באַקאַנטע קאָמוניסטקע — כיענאַ באַראָווסקאַ. ער איז אויך געווען פאָרזיצער פון דער פאַרמאַצעווטישער סעקציע. אַ באַשטעטיקונג, אַז ער האָט געפירט קעגן מיר אַ העך־

קאַמפּאַניע, האָבן מיר באַקומען אויף דער יערלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון גאַנצן פּערסאָנאַל, וואָס איז פאָרגעקומען אין חודש מאַי 1941.

די פאַרזאַמלונג האָט געעפנט כמיעל, אין ליטוויש, פּויליש, רוסיש און יידיש. צום פירן די זיצונג האָט ער איינגעלאַדן אַ פאָרשטייער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — אַ ניט־פאַרמאַצעווט. נאָכן אויסהערן דעם אַריינפיר־וואָרט פון פאָרזיצער וועגן דער אַלגעמיינער פּאָליטישער לאַגע, וועגן דער באַפרייאונג פון ליטע פון פאַשיסטישן סמעטאָנאַ־רעזשים, און נאָכן אויסהערן דעם באַריכט פון דער פאַרוואַלטונג, האָט דער פאָרזיצער זיך געווענדט צו די פאַרזאַמלטע מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„חברים, איר האָט אויסגעהערט אַ גענויעם באַריכט פון אייער פאַרוואַלטונג. איצט מוזן פון אייער זייט קומען דרייסטע, קלאָרע און אָפנהאַרציקע ווערטער פון קריטיק און הויפּטזעכלעך זעלבסט־קריטיק, וועלכע איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין אונדזער לעבן. רעדט פריי און גענוי וועגן אַלע אייערע אָנגע־לעגנהייטן. יעדער רעדנער באַקומט 2 מינוט צייט”.

דער גאַנצער זאַל איז געבליבן זיצן שטיל. קיינער האָט זיך מיט קיין וואָרט ניט אָפּגערופן. ווען דער פאָרזיצער האָט אַ צווייטן און דריטן מאָל אויפגעפאָדערט צו זיין דרייסט, האָב איך אַ פרעג געטאָן וועגן די שוועריקייטן, וואָס מיר האָבן ביים באַקומען פאַך־ליטעראַטור. דער פאָרזיצער האָט מיך אָבער ניט געלאָזט אַוועקזעצן זיך און געבעטן גענוי אויפקלערן וועגן וואָס מיר גייט. איך האָב, ניט האָבנדיק קיין ברירה, אויפגעקלערט, אַז די אַפּטייקן האָבן ניט קיין רוסישע פאַרמאַקאָפּייע, ניטאָ קיין פאַך־זשורנאַלן, ניטאָ קיין רוסישע געזעצגעבונג א. א. וו. און וועלכע ס'איז זייער שווער צו אַרבעטן אין אַן אַפּטייק. נאָך דעם האָט דער פאָרזיצער אויפגעפאָדערט כמיעלן צו געבן דערקלערונגען וועגן דעם ענין. דער לעצטער האָט באַשטעטיקט מיינע אויספירן און דערקלערט, אַז ליטעראַטור האָט מען אויסגעשריבן, נאָר עס קומט זייער ווייניק אָן, ווייל פאַר ליטע האָט מען ניט פּלאַנירט אין ראַטנפאַרבאַנד...

נאָכדעם האָט דער פאָרזיצער דורכגעלייענט די רשימה פון די קאַנדידאַטן צו דער נייער פאַרוואַלטונג. יעדער קאַנדידאַט האָט געדאַרפט זיך ווייזן און געבן ידיעות וועגן זיך, זיין ביזאַיצטיקן לעבן און טעטיקייט. צום סוף האָט דער פאָרזיצער געמאָלדן, אַז ער האָט באַקומען נאָך אַ נאָמען אַלס קאַנדידאַט און אָנגעגעבן מיין נאָמען. אָבער תיכף ומיד האָט זיך אויפגעהויבן כמיעל און געבעטן דערלויבן אים שטעלן אייניקע פראַגן דעם נייעם קאַנדידאַט. דער פאָרזיצער האָט גרויסמוטיק דאָס דערלויבט, און כמיעל האָט מיך פאַרשאָטן מיט פראַגן וועגן מיין פּאָליטישער טעטיקייט ביי די פאָלקיסטן, וועגן מיין

פוילישן פּאַטריאָטיזם, וועגן מיינע אַרויסטרעטונגען דורכן פוילישן ראַדיאָ א.א.וו.

איבער אַ שעה־צייט בין איך אָפּגעשטאַנען אויף דער טריבונע און געמוזט געבן תשובות אויף אַלע פּראָוואָקאַטאָרישע פראַגן פון כמיעלן און זיינע מיטלויפער. צום סוף האָב איך דערקלערט:

„אַלס קינד פון אַ יידישן בעל־מלאכה, אַלס יידישער אינטעליגענט, האָב איך מיין גאַנץ לעבן געאַרבעט לטובת די יידישע ברייטע פאָלקס־מאַסן, העלפנדיק זיי אין זייער שווערן קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ. אַלס פוילישער בירגער בין איך פאַרשטענדלעך אַ פוילישער פּאַטריאָט".

די פּאַליאַקן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַ גרויסער צאָל אין זאַל, האָבן פאַרוואַנדלט די דיסקוסיע אין אַ גרויסער דעמאָנסטראַציע: יעדן אַרויס־טריט פון כמיעלן און זיינע יוצר משרתים, פלעגן זיי אויפנעמען מיט אַ שטיל־שווייגן; דאַקעגן מיינע תשובות האָבן זיי דעמאָנסטראַטיוו אויפגענומען מיט רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן.

מיין קאַנדידאַטור ביי די וואַלן איז דורכגעפאַלן, וואָס איז געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך, אָבער די סענסאַציע פון אָוונט איז געווען דער דורכפאַל פון כמיעלן, וועלכער איז געווען ביז־איצטיקער פאַרזיצער פון פאַראיין און אַן אָפיציעלער קאַנדידאַט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אין טויט־שרעק בין איך אַוועק פון דער פאַרזאַמלונג. איך האָב גוט פאַרשטאַנען, אַז כמיעל וועט ווייטער גראָבן אונטער מיר און אַז דאָס וועט זיך נישט ענדיקן פאַר מיר אָן קאָנסעקווענצן. מיין „גליק" איז געווען, וואָס אין אַ חודש אַרום איז אויסגעבראָכן די דייטשיש־סאָוויעטישע מלחמה...

## סאָוויעטיש־יידישע קולטור

אין קאָוונע, ווו ס'איז געווען דער צענטער פון דער נייער רעגירונג, איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע קולטור־ענינים. בראש פון קאָמיסאַריאַט איז געשטאַנען דער אומפּאַרטייאישער לינקער קולטור־טוער — קורליאַנדטשיק.

אין ווילנע, ווו עס האָט שטענדיק געברויזט אַ פאַרצווייגט יידיש קולטור־לעבן, האָבן זיך גענומען מערקן מאָדנע דערשיינונגען. געמיינט האָט מען, אַז דאָס יידישע קולטור־לעבן וועט אויפבליען און איבערשטייגן אַלץ וואָס איז געווען ביז איצטער. אַרויסגעוויזן האָט זיך גאָר עפּעס אַנדערש. אַלע יידישע טאָג־צייטונגען זיינען געשלאָסן געוואָרן און אַ לאַנגע צייט איז ווילנע בכלל געווען אָן אַ יידישער צייטונג. די יידישע באַפעלקערונג האָט דאָס בשום אופן ניט געקענט באַגרייפן, אַפילו אין די שווערסטע טעג פון פוילישן פאַשיזם, האָט ווילנע געהאַט 3 יידישע טאָג־צייטונגען.

ערשט אין אַ צייט אַרום איז דערשינען אין ווילנע אַ טאָג־צייטונג „דער עמעס" אונטער דער רעדאַקציע פון דוד אומרו. אָבער אָט די איינציקע קאָמוניסטישע צייטונג האָט אויך ניט געהאַט קיין אריכות ימים. אין אַ געוויסן מאָמענט איז אין גאַנץ ליטע געבליבן נאָר איין־איינציקע צייטונג אין יידיש — אין קאָוונע.

ווילנע, דער ריזיקער יידישער צענטער מיט זיינע קרוב 80 טויזנט יידן, איז אין דעם מאָמענט געבליבן שטום און פאַרשעמט. דאָס איז ניט געווען קיין צופאַל. פאָלגנדיקער עפּיזאָד וועט כאַראַקטעריזירן דעם קולטור־גייסט פון אונדזערע דעמאָלסטיקע טוער:

פּסח 1941 זיינען אַ טייל קינדער ניט געקומען צו די לעקציעס אין דער י. ל. פּרץ־גימנאַזיע. די דירעקציע האָט גערופן אַן אַלגעמיינע עלטערן־פאַרזאַמלונג, ווו דער שול־אינספּעקטאָר ד״ר העלער און אויך אַ לערערין, האָבן אויסגעמוסרט די עלטערן פאַר זייער רעאַקציאָניזם. דער דירעקטאָר, טעפּער, (פריער באַקאַנטער פּעדאַגאָג אין פּוילישע אַסימילירטע גימנאַזיעס), האָט אַ פרעג געטאָן אַ מוטער, פאַרוואָס איר טאָכטער איז ניט געווען אין שול אין די יום־טוב־טעג. די מוטער האָט זיך גענומען פאַרענטפערן, אַז איר קינד איז קראַנק געווען... די סצענע האָט געמאַכט אַ פּייַנלעכן איינדרוק...

דאַן האָב איך דערקלערט: „מיינע קינדער האָבן ביז איצט געלערנט אין פּויליש־יידישע שולן אין לאָדזש און פלעגן קיינמאָל ניט גיין אין די יידישע ימים־טובים אין שולע. היינט, ווען די קינדער לערנען זיך אין אַ ריין יידישער שולע, וויל מען, אַז זיי זאָלן דווקא יאָ קומען? — על כל פּנים האָט מען געדאַרפט וועגן דעם פריער מעלדן. מעגלעך, אַז די עלטערן וואָלטן זיך געווען צו דעם צוגעפּאַסט"...

דירעקטאָר טעפּער האָט ענערגיש רעאַגירט: „דאָס זיינען טראַצקיסטישע רייד! אין דער סאָוויעטישער שולע טאָר אַזאַ גייסט ניט הערשן... אין ראַטנ־פאַרבאַנד זיינען פאַראַן ימים־טובים, אָבער דאָס איז ניט דער יידישער פּסח. אויף להבא מוזן די קינדער באַזוכן, אין אַלע ימים־טובים, די שולע נאָרמאַל, דערצו וועט מען זיך מוזן צופּאַסן..."

מיט אַ שווער געמיט האָבן מיר, עלטערן, פאַרלאָזט דעם זאַל...

## קאַטעדרע פאַר יידיש

אין ווילנע האָט זיך רעאָרגאַניזירט די אוניווערסיטעט. אַלס רעקטאָר איז באַשטימט געוואָרן, ווי ביז איצט, פּראָפ. מיכאל בירזשישקאַ. אין די איצטיקע געענדערטע פּאָליטישע באַדינגונגען, איז שוין קיין שום מניעה ניט געווען צו שאַפן, פון נייעם שול־יאָר, די יידיש־קאַטעדרע. די קאָנטראַ־אַקציעס, סיי

מצד די ציוניסטן, סיי מצד דעם „בונד", זיינען אָפגעשטעלט געוואָרן, זייערע קאַנדידאַטן זיינען אָפגעפאַלן און נח פּרילוצקי איז טאַקע, אָן שטערונג, נאָמינירט געוואָרן אַלס דאָצענט אויף דער ערשטער קאַטעדרע פאַר יידיש, ביים ווילנער אוניווערסיטעט.


נח פּרילוצקי,
מנהיג פון פאָלקיסטישער פּאַרטיי אין פּוילן

כדי צו קאָנצענטרירן די אָנפירערשאַפט איבער דער גאַנצער יידישער קולטור־אַרבעט, איז נח אויך באַשטימט געוואָרן, קעגן זיין ווילן, אַלס דירעקטאָר פון „ייווא". נח איז שטענדיק געווען באַוווסט אַלס אומגעוויינלעך אַרבעטסזאַמער מענטש. איצטער פלעגט ער אַרבעטן, מיט קורצע איבעררייסן, גאַנצע מעת־לעתן. די יידיש־קאַטעדרע איז געווען עפּעס נייעס. מען האָט געמוזט פאַר איר שאַפן אַ פּראָגראַם, סקריפּטן פאַר די שילער, לערן־ביכער, הכלל, בויען אַלץ פון דאָס ניי. דערצו נאָך האָט זיך נח פאַרנומען מיט אַ ריזיקער אַקאַדעמישער אַרבעט — „פאָנעטיק פון יידיש". אַ סך צייט האָט אים צוגענומען דער „ייווא". פאַראַן געווען דאָרט צאָלרייכע יידישע קולטור־אוצרות. ער האָט געהאַט גוטע, טרייע מיטאַרבעטער, אָבער מיט אַ סך אינעווייניקסטע רייסענישן. ס'איז נאַטירלעך איצט ניט שווער געווען צו ברענגען דאָס אַלץ אין אָרדענונג. ס'האָט אָבער געפאָדערט אַ סך אָנשטרענגונג און געזונט. אָבער געווען זיינען דעמאָלט צייטן, ווען אַ באַשלוס איז געווען אַ באַפעל, איז טאַקע אין אַ קורצער צייט די אַרבעט געבראַכט געוואָרן צום ענדגילטיקן שלום. נח האָט זיך דערוואָרבן אַ סך טרייע פריינט און מיטאַרבעטער, ס'האָבן אים אָבער אויך ניט געפעלט קיין שונאים. איינער פון די נאָענסטע מיטאַרבעטער פון נחן איז געווען משה לערער, ער, וואָגלער (פון וועלכן פּרילוצקי האָט אגב זייער געהאַלטן), א. סוצקעווער, חיים גראַדע, לאה רודניצקי, קאָטשערגינסקי, חיים סעמיאַטיצקי, די באַקאַנטע לערערין רחלה ברווידע, גוטגעשטאַלט מיט דער פרוי און אַנדערע — פלעגן פשוט פון נחס שטוב ניט אַרויסגיין.

חיים סעמיאַטיצקי איז געווען אונדזער הויפּט־אינפאָרמאַטאָר פון אַלע

נייעסטע ידיעות. גאַנצע שעהען פלעגט ער זיצן ביים ראַדיאָ — מיין שוואָגערס מתנה פאַר פרילוצקין — פאַרשרייבנדיק אַלע וויכטיקע קאָמוניקאַטן.

צו אונט־ברויט פלעגן מיר זיך אַלע צונויפקומען און פירן הייסע פּאָליטישע דיסקוסיעס. נח איז געווען אַן אומפאַרבעסערלעכער אָפּטימיסט. זיין אָפּטימיזם האָט אים געבראַכט צום אומגליק. אין דער צייט ווען דאָס רוב פּליטים, יידישע שרייבער, האָבן מיט אַלע כוחות זיך באַמיט וועגן פּעסער און וויזעס צו פאָרן ווייטער, האָט נח ניט געוואָלט דערפון הערן. ער איז ממש באַצויבערט געווען פון ראַטנפאַרבאַנדס כוח און פון די נייע אויפגייענדיקע מעגלעכקייטן. „אין קיין שום לאַנד אויף דער וועלט וועל איך ניט האָבן אַזעלכע מעגלעכקייטן פאַר מיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, ווי אין ראַטנפאַרבאַנד" — פלעגט ער טענהן. ער האָט זיך איינגעאָרדנט אין אַ שיינער דירה, מיט די נויטיקע מעבל און דער עיקר מיט ביכער, ביכער אָן אַ שיעור פון דער ווילנער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק און פון ראַטנפאַרבאַנד.

אין די טעג פלעג איך אָפט רעדן מיט נחן וועגן פאָרן ווייטער, ווי עס טוען אַ סך פּליטים. נאַטירלעך, האָבן מיר אויך מורא געהאַט פאַר מעגלעכע רעפּרעסיעס צוליב אונדזער פריערדיקער טעטיקייט אין פוילן. אויף דעם האָט נח שטענדיק מיר געענטפערט: „קעגן די בונדיסטן וועגדן אַן די באָלשעוויקעס רעפּרעסיעס דערפאַר, ווייל שוין לענין און סטאַלין פלעגן באַקעמפן דעם „בונד" אַלס קאָנטררעוואָלוציאָנערע, מענשעוויסטישע באַוועגונג. צענדליקער יאָרן איז פאַר זיי דער „בונד" געווען געפערלעך, ווייל זיי אַרבעטן און ווירקן צווישן אַרבעטער און רעדן אין נאָמען פון סאָציאַליזם. דער ציוניזם ווידער ווערט דורך זיי באַקעמפט אַלס רעאַקציאָנערע, פּראָענגלישע באַוועגונג. דאַקעגן מיר, די פאָלקיסטן, זיינען געווען אַ בירגערלעכע פּאַרטיי, וואָס האָט מיט אַרבעטער און סאָציאַליזם געהאַט אַ קנאַפּן שייכות. פאַרקערט, לעצטנס, זיינען מיר געווען די איינציקע יידישע בירגערלעכע פּאַרטיי, וואָס איז געגאַנגען אין פאָלקספּראָנט צוזאַמען מיט די קאָמוניסטן *. קיין שום רעפּרעסיעס קעגן אונדז קענען ניט זיין און וועלן ניט זיין. דאָס איז איינס.

איצט, וווהין זאָל איך פאָרן? קיין אַמעריקע? און זיין פאַראורטיילט „באַ כליעב לאַסקאַווי" (אויף חסד־ברויט) פון אַב. קאַהאַן און אַנדערע. איך בין געווען אין אַמעריקע און ווייס, ווי ס'זעט דאָרט אויס דאָס יידישע לעבן. ס'איז ניט קיין אָרט פאַר מיר".

ווען איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די רעפּרעסיעס קעגן

* דער מחבר איז געווען דעמאָלט דער איינציקער יידישער קאַנדידאַט ביי די וואַלן צום שטאָט־ראַט אין לאָדזש מצד דעם „פאָלקספּראָנט".

אַדוו. יוסף טשערניכאָוו, זלמן רייזען און אַנדערע, האָט ער געזאָגט: י. טשער־ניכאָוון האָט מען צוגענומען, וואַרשיינלעך, פאַר זיינע דערינערונגען אַלס אַדוואָקאַט פון „טשעקאַ", ז. רייזענען, ווייל ער איז אָפן אַרויסגעטראָטן קעגן ראָטנפאַרבאַנד אין „טאָג". פרוי פּאַולאַ פּרילוצקאַ איז ניט געווען אַזוי נאַיוו ווי נח, זי האָט געהאַט אַ קעגנזעצלעכע מיינונג...

## אַרויסשיקונגען פון ווילנע

העלפט יוני 1941 איז די שטאָט אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַ מאָדנער דערשיינונג. אַלע נאַכט זיינען לאַסט־אויטאָס צוגעפאָרן צו באַשטימטע הייזער און נאָכן דורכפירן גרינטלעכע הויז־זוכונגען פלעגט מען צונעמען מיט זיך די גאַנצע פאַמיליע, פון פּיצל קינד ביזן עלטסטן און קראַנקסטן מענטשן. ווען די אַקציע האָט געדויערט עטלעכע טעג, האָט מען שוין געוווסט צו דערציילן, אַז דאָס פירט מען אַרויס פון שטאָט „ניט זיכערע עלעמענטן". דאָס זיינען געווען: געוועזענע באַאַמטע פון פוילישע און ליטווישע רעגירונג־אַמטן, הויז־אייגנטימער, סוחרים און בכלל פאַרמעגלעכע מענטשן.

די ערשטע פּאָר טעג זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן פּאָליאַקן און ליטווינער. דעם 14טן יוני האָט מען גענומען אַרויספירן יידן. אין שטאָט איז געוואָרן אַ בהלה. יעדן טאָג פלעגט מען זען לויפן הונדערטער אויטאָס מיט מענטשן און געפעק. די גאַסן זיינען פול געווען מיט מענטשן ווי שאָטנס, מיט געשוואָלענע אויגן פון געוויין. עפּעס אַ קלייניקייט: אַזוי פיל טויזנטער משפחות צוגענומען און וווהין ווערט מען זיי פאַרשלעפּן און פאַרפירן? וואָס וועט פון זיי ווערן?

מיר האָבן זיך דערוווסט, אַז מען האָט צוגענומען אַ סך אונדזערע באַקאַנטע, וועלכע זיינען זייער ווייט געווען פון צו זיין „שונאים", אָדער — „ניט זיכערע עלעמענטן".

שבת־צונאַכטס, דעם 14טן יוני, 10 אַזייגער אָוונט, ווען די טויערן זיינען שוין געווען געשלאָסן און די גאַסן אויסגעליידיקט פון מענטשן, זיינען מיר אַלע געווען ביי זיך אין שטוב.

אַ שווער פּאַרגעפיל האָט אונדז באַאומרואיקט. אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן מיר דערזען דורך די גרויסע פראָנט־פענצטער, ווי צו אונדזער טויער זיינען צוגעפאָרן צוויי גרויסע לאַסט־אויטאָס. פאַר אונדז איז גלייך קלאָר געוואָרן, אַז מען איז געקומען צונעמען די פאַמיליע פון מיין שוועסטער און מיך מיט מיין פאַמיליע. מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס, מיט אויגן פול מיט אימה, האָבן מיר געוואַרט אויף די נאָענטסטע גורלדיקע מינוטן. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און אין טיר האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער קלינג.

אין שטוב זיינען אַריין צוויי רויטאַרמייער: איינער אַ זעלנער מיט אַ ביקס אין האַנט, דער צווייטער — אַן אָפיציר.

אונדזער דירה איז באַשטאַנען פון 4 צימערן. אין איין צימער האָבן געוווינט מיינע צוויי שוועסטער און אין די צוויי פראָנט־צימערן האָב איך געוווינט מיט מיין פאַמיליע. איך, אַלס פראָלעטאַריער, בין דאָך געווען אַ מיוחס. די רויטאַרמייער און די פאַמיליע פון איין שוועסטער, זיינען אַריין אין זייער צימער. דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעוויזיע, וואָס האָט געדויערט די גאַנצע נאַכט. יעדער בגד, יעדעס שטיקל וועש איז אַרומגעטאַפּט געוואָרן, אַלע ווענט זיינען אויסגע־קלאַפּט געוואָרן. די רעוויזיע האָט זיך געענדיקט, ווען אויפן גאַס איז געווען שוין גרויסער טאָג. דער אָפיציר האָט זיי געהייסן נעמען מיט זיך זאַכן, וויפל און וואָס זיי ווילן, און איין שוועסטער מיטן מאַן און די קליינע טאָכטער, זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן צום אויטאָ. אונדזער מאַמע האָט מיט הייסע טרערן געבעטן דעם אָפיציר צו לאָזן ביי איר דאָס קליינע מיידל. אָבער, רעד היינט — רעד מאָרגן, דער אָפיציר האָט איין תשובה: איך דאַרף ברענגען 3 נפשות...

די גאַנצע נאַכט, וואָס די רעוויזיע האָט געדויערט, זיינען מיר געזעסן אין אונדזערע צימערן און געוואַרט אויף די רעוויזאָרן. וואָס מיר האָבן דאַן איבערגעלעבט, איז שווער צו באַשרייבן.

נאָך דער רעוויזיע האָט דער אָפיציר מיך אַריינגערופן און געהייסן אונטער־שרייבן אַ פּראָטאָקאָל, אַז ער לאָזט איבער אויף מיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט אַלע איבערגעבליבענע זאַכן. אַלע מיינע רייד, ער זאָל אין מיין רשות איבערלאָזן דאָס מיידעלע, האָבן ניט געהאָלפן.

מיט גרויס געוויין האָבן מיר זיך געזעגנט און געהאָלפן זיי אַרויפשטייגן אויף דעם גרויסן לאַסט־אויטאָ.

אין עטלעכע שעה אַרום האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז זיי געפינען זיך אין נייַ־ווילייקע, אַ סטאַציע נאָך ווילנע. מיר זיינען גלייך אַהין אַוועקגעפאָרן און זיי געטראָפן אויף אַ זייטיקער באַן־ליניע. עס זיינען דאָרט געשטאַנען צוויי גרויסע עשאַלאָנען מיט אָנגעלאָדענע מענטשן, באַוואַכטע דורך רויטאַרמייער. מיט גרויסע שוועריקייטן האָבן מיר זיי דערלאַנגט אַביסל געלט און עסנוואַרג. דורך די פענצטערלעך פון פראַכט־וואַגאָנען האָט מען זיך דורכגעוואָרפן מיט געציילטע ווערטער, מיט אַ סך פּריינט און באַקאַנטע.

דער צער פון די מענטשן אין די פאַרשפּאַרטע וואַגאָנען, אַרומגערינגלטע דורך די נ. ק. וו. ד.־לייט, איז אומבאַשרייבלעך... מיט פאַרוויינטע אויגן, ווי פון אַ בית־עולם, זיינען מיר צוריק אַוועק אין שטאָט.

שווער געווען צו באַגרייפן, פאַרוואָס מען האָט די טויזנטער און טויזנטער

יידן און ניט־יידן צוגענומען פון זייערע היימען. מילא, אַז מען האָט צוגענומען פּאָליטיש אָנגאַזשירטע מענטשן, פון פיינטלעכע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס. איז נאָך צו באַגרייפן. אָבער וואָס פאַר אַ „שונאים״ זיינען, מ׳שטיינסגעזאָגט, געווען דער 80־יאָריקער ייד סאָבאָל, געוועזענער סוחר, איצט אַלט און קראַנק (ער איז טאַקע אין וועג אויסגעגאַנגען) און אָט די אַלע סוחרים פון דער דייטשישער און דער רודניצקער גאַס? גבירים זיינען זיי געווען? דאָס רוב פון אָט די „גבירים״ פלעגן שווער אַרבעטן טאָג און נאַכט — ניט דערעסן, ניט דערטרינקען און אין משך פון לאַנגע יאָרן, פון קישקע־געלט, דערגאַנגען צו אַ געשעפט.

אין זייערע בעסטע יאָרן פלעגט זיי טריקענען דער קאָפּ, ווי אַזוי איינצוקויפן אַביסל סחורה, אויף אויסצוקויפן אַ וועקסל, פאַר אָפּצאָלן אַביסל פון די אָנצאָליקע ראַטעס אין די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע בענק און גמילות־חסדים־קאַסעס...

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז תיכף ווי די געשעפטן זיינען נאַציאָנאַליזירט געוואָרן, האָבן אַ סך פון די דאָזיקע באַלעבאַטים־„בורזשויען״ גלייך זיך גענומען צו זייערע אַמאָליקע פאַכן און געוואָרן גוטע און לאָיאַלע אַרבעטער אין די אַרטעלן און וואַרשטאַטן, זיי האָבן זיך באמת צוגעפּאַסט צו די נייע מלוכה־ראַמען. בפרט נאָך, אַז יעדער ייד האָט גוט געוווּסט, וואָס אים האָט דערוואַרט, ווען ער וואָלט אַרייַנגעפאַלן אין היטלערס הענט! ס׳זיינען, באַטירלעך, געווען אויך געציילטע פאַרביסענע קעגנער, אָבער דאָס רוב, אָט די גאַנצע מאַסע איצט צוגענומענע יידן, זיינען געווען פשוטע עמך־מענטשן. אונדזער צער און ווייטיק האָבן מיר גוט דערפילט ערשט אין אַ וואָך אַרום, ווען מיר האָבן געזען, ווי יונגע ליטווינער, וועלכע זיינען פאַוואָריזירט געוואָרן, און דורך אָט דער „אַלצווייסנ־דיקער״ מאַכט באַטראַכט געוואָרן, אַלס „געטרייע, איבערגעגעבענע פריינט״ פון ראַטנפאַרבאַנד — האָבן גלייך נאָכן אויסברוך פון דער דייטשיש־סאָוויע־טישער מלחמה, געהרגעט, געשאָסן, געראַבירט און געפייניקט „זייערע פריינט״ און „באַפרייער״ — די רויטאַרמייער...

אָט זיי, די־אָ באַנדיטן, האָט מען געלאָזן, און די יידישע קרעמער פון יאַסקאָווער און ברייטער גאַס, האָט מען פאַרשיקט קיין סיביר אַלס „שונאים״. אמת, אין די שפּעטערדיקע צייטן האָבן מיר ניט איינמאָל מקנא געווען די אַרויסגעשיקטע, אָבער דאָס ענדערט לחלוטין ניט דעם עצם טרויעריקן און טראַגישן פאַקט, אַז אַרויסגעשיקט האָט מען אין סיביר — ניט צום לעבן און ניט צו ראַטעווען זיך...

מיר ווייסן איצט, וויפל יידן זיינען צוריקגעקומען אַלס רעפּאַטריאַנטן פון ראַטנפאַרבאַנד, מיר ווייסן אָבער ניט און וועלן קיינמאָל שוין ניט וויסן, וויפל

יידן זיינען געבליבן אויף אייביק אין די וויסטע פאַרוואָרפענע סיבירער טייגעס און סטעפּעס.

ס'איז איצטער קלאָר, אַז געראַטעוועט דעם רעשט פון די פּוילישע יידן האָט ניט קיין אַנדערער, ווי דער פּוילישער פּרעמיער־מיניסטער, גענעראַל שיקאָרסקי. אַדאַנק זיין אָפּמאַך מיט דער מאָסקווער רעגירונג איז אַ געוויסע צאָל יידן, פּוילישע בירגער, באַפרייט געוואָרן, אָנשטאָט דעם זיכערן אומקום, האָבן אַ טייל איבערגעלעבט. יידן, בירגער פון אַנדערע לענדער, פאַרשיקטע אין סיביר, זיינען געבליבן דאָרטן...

ביזן היינטיקן טאָג קען איך ניט באַגרייפן די אומזיניקע און אוממענטשלעכע אַרויסשיקענישן פון די יידן. איך טייטש עס אויס ווי אַ פּשוטע פּראָוואָקאַציע מצד די פאַשיסטישע ליטווינער. בלויז אין זייערע אינטערעסן זיינען געלעגן אַט די אוממענטשלעכע גירושים.

ווי עס זאָל ניט זיין, האָבן די אַרויסשיקונגען אָנגעוואָרפן אַ פּחד אין שטאָט און די גאַנצע באַפעלקערונג איז אַרומגעגאַנגען פאַרחושכט. קיינער האָט ניט געוווסט, וואָס מיט אים וועט פּאַסירן אין די נאָענטסטע שעהען. אַלע אַן אויסנאַם האָבן געוואַרט אויף די לאַסט־אויטאָס. קיינער איז ניט געווען זיכער מיט זיך, ניט מיטן גורל פון זיינע נאָענטסטע.

אָט אַזאַ שטימונג איז געווען אין שטאָט פון 10טן ביזן 21טן יוני. דערביי דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז די אַרויסשיקונגען האָבן געטראָגן אַ סיסטעמאַטישן כאַראַקטער. זיי זיינען גלייכצייטיק פאָרגעקומען אין אַ סך שטעט פון די ניי־פאַרנומענע געביטן.

**ערב שטורעם**

וואָס אַ טאָג ווייטער איז דער פּאָליטישער האָריזאָנט אַלץ מער פאַרצויגן געוואָרן מיט שוואַרצע כמאַרעס. מען האָט געשמועסט מורמלענדיק, רײַדן, אַז ס'איז ניט אויסגעשלאָסן אַן אָנפאַל פון די דייטשן אויף ראַטנפאַרבאַנד. קיין קאָנקרעטס האָט, נאַטירלעך, קיינער ניט געוווסט.

דעם ערשטן מאַי 1941 איז אין שטאָט פאָרגעקומען אַ ריזיקע מאַניפעסטאַציע. די רעדנערס האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער סכנה וואָס דראָט ראַטנפאַרבאַנד מצד דייטשלאַנד. דעם 20טן יוני אָוונט איז אין גרויסן שטאָט־זאַל פאָרגעקומען אַ לעקציע פון אַ רוסישן פּראָפעסאָר אַ „וואָסטאָטשניק". דאָס הייסט אַ געקומענער פון ראַטנפאַרבאַנד, וועגן דער פּאָליטישער סיטואַציע אין דער וועלט. זיין רעפעראַט האָט ער אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „חברים! שווערע, שוואַרצע כמאַרעס רוקן זיך אָן אויף אונדזער פאָטערלאַנד, די דייטשן פּלאַנירן אַן אָנפאַל אויף אונדז. אַלץ באַווייזט, אַז מיר שטייען פאַר אַ גרויסן שטורעם.

דער שונא וועט זיך באַשטימט ניט צוריקהאַלטן און וועט פּרווון אונדז אַריינציען אין דעם בלוטיקן קאַמף, וועלכער דויערט שוין באַלד צוויי יאָר. אָבער מיר, דאָס גרויסע, מעכטיקע ראַטנפאַרבאַנד, זיינען גרייט אויפצונעמען יעטוועדן קאַמף און וועלן קיין קרבנות ניט זשאַלעווען אויף צו פאַרטיידיקן די פרייהייט פון אונדזערע פעלקער...״

שבת־צונאַכטס, דעם 21.6, איז אין ווילנער יידישן מלוכה־טעאַטער, אויף קאָנסקע גאַס, פאַרגעקומען אַ הערלעכער, גרויסער קולטור־יום־טוב. די יידישע טרופּע — דאָס שענסטע און בעסטע פון די יידישע אַקטיאָרן, וואָס יידיש־ווילנע האָט צום מאָמענט פאַרמאָגט — האָט געגעבן די פּרעמיערע „דאָס גרויסע געווינס״ פון שלום עליכם. דאָס טעאַטער איז געווען איבערפולט. אַלע ווילנער יידישע ליטעראַטן און פּליטים, שרייבער, די גרויסע יידישע אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ, געזעלשאַפטלעכע טוער — אַלץ איז דאָ פאַרזאַמלט געווען. ברוך ליובאַצקי, קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, נח פּרילוצקי און איך, זיינען געזעסן צוזאַמען און געמיטלעך גערעדט דעם גאַנצן אָוונט. קיינעם איז אויפן געדאַנק אַפילו ניט געקומען, אַז דאָס איז דער לעצטער אָוונט, אויף וועלכן ווילנער יידן זיינען זיך צונויפגעקומען, פאַרן אַנהייב פון זייער פינצטערן סוף.

די אַקטיאָרן לייב שריפּטזעצער, מאַריס לאַמפּע און אַ סך אַנדערע, האָבן דעם אָוונט אָפּגעשפּילט זייער בענעפיס...

פאַרטאָג איז אויסגעבראָכן דער ווולקאַן...

## אָנפאַל פון דייטשלאַנד אויף ראַטנפאַרבאַנד

זונטיק פאַרטאָג, דעם 22טן יוני 1941, האָבן די דייטשישע עראָפּלאַנען פאַרשאָטן די גאָענטסטע סאָוויעטישע שטעט מיט אַ האָגל פון באָמבעס. קיינער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז היטלער זאָל אַזוי אומגעריכט, אָן קיין שום סיבה, זיך וואַרפן אויפן ראַטנפאַרבאַנד.

מיר זיינען דאָך אָפּטמאָל דערשטוינט געווען צו זען, ווי אַנצאָליקע, גרויסע טראַנספּאָרטן מיט תבואה, נאַפט און אַנדערע סחורות גייען קיין דייטשלאַנד פון ראַטנפאַרבאַנד. די מיינונג איז געווען, אַז ראַטנפאַרבאַנד, מיט איר נייטראַלער באַציאונג צו דייטשלאַנד, וועט אויסמיידן אַ בלוטיקן קאַמף און מלחמה־חורבן.

שפּעטערצו, אין געטאָ, האָבן מיר זיך אויסגעאַרבעט אַזאַ מין טעאָריע, ווי אַ תשובה אויף דער שאלה, פאַרוואָס היטלער האָט אָנגעהויבן דעם קאַמף קעגן ראַטנפאַרבאַנד:

ערשטנס, האָט ער גערעכנט, אַז ענגלאַנד וועט גלייך צושטיין צום קאַמף

קעגן ראַטנפאַרבאַנד, און צוליב דעם טאַקע איז פאַרן אויסברוך פון דער נייער מלחמה אָפּגעפּלויגן היטלערס פאַרטרעטער, העס, קיין ענגלאַנד.

צווייטנס, איז היטלער געווען איבערצייגט, אַז די מלחמה וועט אַרויסרופן אין ראַטנפאַרבאַנד אַן איבערקערעניש — און ביי זיין אַריינמאַרש קיין מאָסקווע, אין וואָס ער האָט ניט געצווייפלט, וועט ער שאַפן אַ נייע אַנטיבאָלשעוויסטישע רעגירונג און „דערליידיקן" דעם ראַטנפאַרבאַנד.

דריטנס, דאָס וויכטיקסטע, ווי ער אַליין האָט אין אַ שפּעטערדיקער רעדע דערקלערט, האָט דייטשלאַנד ניט געוווסט, אַז ראַטנפאַרבאַנד פאַרמאָגט אַזאַ אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון מענטשן, וואָס קען געוואָרפן ווערן אין די שלאַכטן. ס'האָט זיך שפּעטער טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז היטלער האָט געהאַט אַ טעות אין זיינע אויסרעכענונגען. דערווייל אָבער איז די לאַגע געווען אַ פאַרצווייפלטע.

זונטיק אינדערפרי בין איך, ווי געוויינלעך, געקומען אין אַפּטייק. ווי יעדן זונטיק איז אין אַפּטייק געווען זייער ווייניק אַרבעט, און ניט וויסנדיק פון קיין שום פּותר־חלום, האָבן מיר געמיטלעך געשמועסט. אַזייגער 10 אינדערפרי האָבן מיר דערהערט אַן אַלאַרם. עראָפּלאַנען האָבן זיך באַוויזן אויפן הימל. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיר דערהערט אויפרייסן. אויף דעם האָבן מיר איבער־הויפּט קיין אַכט ניט געלייגט, זייענדיק זיכער, אַז דאָס איז אַ פּראָבע־אַלאַרם. פונדעסטוועגן בין איך אַרויס אויפן גאַס. דאָ לויפט צו צו מיר אַ יונגערמאַן און פרעגט מיך: „מאַגיסטער, איר האָט אין אַפּטייק גענוג באַנדאַזש־שטאָף?"

„באַטירלעך", ענטפער איך אים, „וואָס איז דען געשען?"

„וואָס הייסט, וואָס איז געשען", פרעגט ער, „איר ווייסט גאָרנישט? איר ווייסט ניט, אַז ס'איז שוין מלחמה־צושטאַנד צווישן דייטשלאַנד און ראַטנ־פאַרבאַנד?" איך בין געבליבן אַ געפּלעפטער. „וואָס הייסט מלחמה, וואָס הייסט לופט־אָנגריף, דאָס איז דאָך אַ פּראָבע־אַלאַרם", זאָג איך...

„רעדט ניט קיין נאַרישקייטן", שרייט דער יונגערמאַן, „דאָס איז מלחמה, אמתע מלחמה, באַלד וועט רעדן מאָלאָטאָוו. גייט צום ראַדיאָ, הערט מאָסקווע"...

ווידער אַ שטיין אויפן האַרצן, אַ צעטרייסלטע נשמה. אין אַ קורצער ווײַלע אַרום האָבן מיר געהערט מאָלאָטאָווס רעדע און ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז מיר זיינען אין אַ נייער מלחמה — אַ ניי אומגליק פאַר די אויגן. וואָס טוט מען!?

אין אַפּטייק בין איך געבליבן אַליין. מען איז טאַקע באַלד געקומען נאָך פאַרשיידענע באַנדאַזש־מאַטעריאַלן, ס'זענען שוין געווען פאַרוווּנדעטע און געהרגעטע פון די באָמבעס...

קוים דערלעבט צוויי אַזייגער, ווען פון שטאָט זיינען געקומען די קאָלעגן פון דער צווייטער שיכט; חבר מיראָן צוקערזיס האָט מיר איבערגעגעבן גרויליקע פּרטים, ס'איז ממש פינצטער געוואָרן אין די אויגן... דערווייל האָבן זיך דורך

אַנטאָקאָליע גענומען ציען שנורן מענטשן, אַנטלאָפענע פון שטאָט. אויטאָס, פורן, די גאַנצע גאַס איז געווען שוואַרץ פון גייערס. אַ גוט באַקאַנט בילד... סאַראַ מוראַדיקע ענלעכקייט צו דער לויפעריי פון לאָדזש אין סעפּטעמבער 1939... היפּטזעכלעך זענען געלאָפן יידישע יונגעלייט. איך פרעג איינעם. אַ צוויטן, וווהין לויפט מען, קיינער ווייסט גאָרניט, מען לויפט אויף ניעמענטשין...

אין שטוב האָב איך ערשט געטראָפן דעם אמתן חורבן. אַלע גייען אַרום ווי צעמישטע — לויפן, ניט לויפן?... ווי לויפט מען מיט צוויי קינדער, מיט דער פרוי, מיט אַן אַלטער מאַמען? און ווי וואַרפט מען אַוועק אַזאַ שטוב מיט אַזאַ פון דורות איינגעפונדעוועטער באַלעבאַטישקייט? אָקאָרשט איז מען געלאָפן פון לאָדזש, קוים געקומען צו זיך, איז ווייטער לויף. מיר האָבן זיך געטרייסט מיט איין זאַך: אין דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען די דייטשן געווען ביי דער זעלבער גרענעץ מיט רוסלאַנד — ביי איידקונען. דאַן האָט געדויערט 15 חדשים, איידער זיי זיינען אַריין אין ווילנע. האָבן מיר אויסגערעכנט, אַז אויך איצט, אַפילו ביים מאָדערניזירטן מלחמה־טעמפּאָ וועט נאָך געדויערן אַ געוויסע צייט...

איך בין אַוועקגעלאָפן צו פרילוצקין, וועלכער האָט געוווינט אויף טראַקער גאַס נומער 5, אַנטקעגן דער דירה, וווּ ס'האָט אַמאָל געוווינט דער באַוווסטער קינדער־דאָקטאָר זאַק. איך פרעג: „נח, וואָס טוט מען?” אין שטוב איז אַ צערודערניש, אַן אומאָרדענונג, פּאַולינע זאָגט צו מיר: „מענדעלע, מיר מוזן שוין לויפן, נח טאָר אַ סעקונדע ניט בלייבן, זיי וועלן אים צערייסן אויף שטיקער”.

נח ענטפערט: „הערט, באַלבערישסקי, מיט דער ערשטער באָמבע, וואָס היטלער האָט אַראָפּגעלאָזן אויפן ראַטנפאַרבאַנד, האָט ער אויסגעגראָבן פאַר זיך אַ קבר, זיין סוף וועט זיין אַ שנעלער און אַ פינצטערער”...

יאָ, אָבער וואָס טוט מען איצט?

„איך וואַרט דאָ אויף אַ גרופּע שרייבער, מיר וועלן צוזאַמען לויפן”...

איך בין אַוועק. פאַרנאַכט איז ווידער געווען אַ לופט־אָנגריף, אַ באָמבע האָט געטראָפן אין אַ הויז אַנטקעגן אונדז (רייזענבערגס הויז). דער טומל, די געשרייען זיינען דערגאַנגען צו אונדז, וואָס האָבן גורם געווען אַ פּאַניק. אַלע זיינען מיר אַרויסגעלאָפן פון שטוב, די קינדער האָט מען אַראָפּגעפירט צום הויזוועכטער, וועלכער האָט געוווינט אין אַ טיפן קעלער אויפן הויף. אַט דעם וועכטערס דירה — דער קעלער — האָט איצט געזאָלט דינען, אַלס אַ סכראָן (שוץ־קעלער). דערווייל איז מען געלאָפן פון שטאָט, אין אַלע אַמטן איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע מהומה. אַלע צעגער זיינען אָפּגעגאַנגען איבער־געפאַקטע; אויטאָס איז געווען ווייניק, נאָר אויסדערוויילטע האָבן געקענט צו

זיי צוקומען. די לאַגע איז געווען אַ פאַרצווייפלטע, איר זעט דאָס אומגליק פאַר די אויגן, און קיין רעטונג איז ניטאָ. די גאָענטסטע שעהען האָבן געבראַכט נייע אומגליקן; די לאַגע האָט מיט איר טראַגישקייט ווייט־ווייט אַריבערגעשטיגן אַלע שוידערלעכסטע פאַנטאַזיעס. לופט־אַנגריפן, וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקערע; רעפלעקטאָרן באַלייכטן די שטאָט, זייערע שטראַלן, וואָס ווייזן זיך אָן אויפהער אויפן הימל, שניידן ווי מיט מעסערס ניט בלויז די לופט־שטחים, נאָר אויך אונדזערע הערצער. נאָך יעדן רעפלעקטאָר האָט מען דערוואַרט נייע באָמבן־אויפרייסן און נייע קרבנות, נייע מהומות...

דער גאַנצער הויף מיט שכנים האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען: יידן, ניט־יידן, ס'האָט אונדז געמאַכט נאָענט און פאַראייניקט דאָס אומגליק, וואָס איז געשטאַנען פאַר אַלעמענס אויגן. אין דעם מאָמענט האָט מען ניט געקלערט וואָס עס וועט זיין מאָרגן, איין מחשבה האָט געקבערט — ווי אַזוי לעבט מען איבער אָט די שוידערלעכע מינוטן.

אויף נאַכט, האָט מען אַלע קינדער אַוועקגעלייגט שלאָפן ביים סטרויזש אין קעלער. מיר, דערוואַקסענע, זיינען געבליבן אויפן הויף און געמאַכט אַלע מעגלעכע השערות וועגן דעם, וואָס עס שטייט אונדז נאָך פאָר. די יידישע שכנים פון הויז זיינען ניט געווען קיין בעלנים אויף לויפן. איך בין געווען זייער פאַרמאַטערט און אַ זאָג געטאָן: ע, וואָס ס'וועט זיין — וועט זיין, איך גיי אין שטוב און לייג זיך שלאָפן...

פאַרטאָג האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע באָמבאַרדירונג. צו דער זעלבער צייט האָבן געגומען אָנקומען ידיעות, אַז דער פראָנט איז דורכגעריסן געוואָרן און די דייטשן גייען שנעל פאָרויס. אין די ידיעות האָט מען אַפילו ניט געוואָלט גלויבן, נאָר ווען מען האָט געזען די פאַניק, די איילעניש, מיט וועלכער מען עוואַקואירט די שטאָט, איז געוואָרן זייער ביטער אויפן האַרצן. האָבנדיק די דערפאַרונג פון 1939, האָב איך שוין געוווסט, אַז דאָס לויפן צופוס גיט ניט גאָרניט, אָן קיין מעכאַנישן טראַנספאָרט, טאָר מען זיך ניט רירן פון אָרט. ניט קוקנדיק אויף די באָמבאַרדירונגען, בין איך אינדערפרי דאָך אַוועק אין אַפטייק אויף אַנטאָקאַליע. דער גאַנצער וועג איז געווען באַלאַגערט פון פאָרער און פוסגייער — אומענדלעך מיט וואַנדערער. די לאַגע פון די גייער און פאָרער האָט זיך אָבער אין משך פון טאָג ראַדיקאַל געענדערט. אויב אין ערשטן טאָג זיינען די לויפער געגאַנגען און געפאָרן רואיק, אָן וועלכע ס'איז שטערונגען, איז מאָנטיק, דעם צווייטן טאָג פון די געשעענישן, פאָרגעקומען אַן ענדערונג, וואָס האָט אָנגעוואָרפן שוידער און אימה אויף אַלעמען, און אין דער ערשטער ריי אויף אונדז יידן. ליטווינער זיינען אַרויס אויף די גאַסן און גענומען פאַרהאַלטן רויטאַרמייער. עס זיינען געווען אַ סך פאַלן, ווען

ליטווינער האָבן פּשוט געשאָסן אין די אָפּטרעטנדיקע רוויטאַרמייער. אָבער אַמערגסטן האָבן זיי זיך גענומען איזדיעקעווען איבער זייערע פאַרבליבענע פאַמיליעס.

די חוצפּה פון די ליטווינער, זייערע אָנפאַלן אויף דעם אָפּטרעטנדיקן מיליטער, זייער ראַבירן די וווינונגען פון סאָוויעטישע מענטשן, איז געווען אַ באַווייז, אַז מיטן פראָנט האַלט זייער שמאָל.

מיט יעדער שעה איז די לאַגע געוואָרן ערנסטער, די ליטווינער האָבן גענומען אַרויסווייזן זייערע חיהשע נעגל. זיי האָבן פאַרהאַלטן פורלעך מיט סאָוויעטישע פאַמיליעס, געהרגעט, געשלאָגן מכות רצח אומבאַהאָלפענע פרויען און קינדער. די ליטווינער, וועלכע האָבן פאַר דער צייט פון דער באַלשעוויס־טישער ממשלה געזונגען לויב־געזאַנגען פאַר די „באַפרייער" און „גוטע פריינט", ווי זיי פלעגן רופן די באַלשעוויקעס, האָבן איצט נקמה גענומען פאַר „זייער פאָטערלאַנד".

בייטאָג האָבן זיך די ליטווינער אַזוי צעבושעוועט, אַז ס'איז געווען אַן ערנסטע מורא, עס זאָל, חלילה, ניט אויסברעכן קיין אַלגעמיינער פּאָגראָם. נאָכמיטאָג זיינען די גאַסן געוואָרן אויסגעליידיקט און אַ טויטע שטילקייט איז באַפאַלן די שטאָט.

ווי געזאָגט, מען איז געלאָפן, ווו און מיט וואָס מ'האָט נאָר געקענט. די סצענעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויפן באַנהויף און ביי די לאַסט־אויטאָס, וואָס זיינען געווען אין רשות פון רעגירונגס־אינסטיטוציעס — איז ניט צו באַשרייבן... יעדער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען פון דעם אַנקומענדיקן העלישן פייער. בפרט האָט די יידישע יוגנט געזוכט וועגן צו לויפן, ווייל זי האָט זייער גוט געוווסט, וואָס פאַר אַ גורל עס דערוואַרט זי ביי די דייטשן. ניט האָבנדיק קיין לאָקאָמאָציע־מיטלען איז מען געלאָפן צופוס אין די טויזנטער. אַלץ איז געגאַנגען אויף מינסק...

פאַרנאַכטלעך האָט זיך די באַמבאַרדירונג איבער דער שטאָט אָפּגעשטעלט. מיר האָבן ניט געוווסט דעם באַדייט דערפון. אין שטוב האָבן מיר זיך כסדר געהיטן, דורך די פענצטער אין גאַס אַריין, האָבן מיר געזען אַ סך, זיי האָבן אַרומגענומען עטלעכע צענטראַלע גאַסן.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן מיר דערהערט אַ טומל, אויסגעשרייען. מיר האָבן זיך זייער פאָרזיכטיק צוגערוקט צו די פענצטער־ווינקעלעך און גענומען נאָכפאָרשן, וואָס עס קומט פאָר.

ווי ווייט מ'האָט געקענט אַרומנעמען מיט די אויגן, האָבן מיר קיין לעבעדיקן נפש ניט געזען. פוסט, שטיל, ווי אויף אַ בית־עולם... פון ראַטהויז זיינען אָבער ביסלעכווייז אַרויס איינציקע ליטווינער מיט די פּאַסקעס און ווייסע

טיכלעך אין די הענט. זיי זיינען געווען בערך אַ מאַן 15—20 אויסגעשטעלט אין אַ ריי. אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן זיי אָנגעהויבן צו פאָכען מיט די טיכלעך און שרייען: וואליא! וואליא! (זאָל לעבן! זאָל לעבן!). מיר זיינען געבליבן ווי צוגעגליווערטע צו אונדזערע ערטער.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיר דערהערט אַ גערויש פון אָנקומענדיקע מאָטאָציקלען. ווי די טייוולאָנים זיינען זיי שנעל פאַרבייגעפאָרן, זאַלבעצווייט אויף אַ מאָטאָציקל — איינער ביים מאָטאָר און דער צווייטער מיט אַן אויס־געשטרעקטער ביקס — גרייט צום שיסן... דאַן האָבן זיך באַוויזן טאַנקען, באַהאַנגענע מיט דיזיקע רויטע פלאַכטעס, מיט גרויסע שוואַרצע האָקנקרייצן אינדערמיט. דערנאָך איז אָנגעקומען אַרטילעריע און צום סוף — לאַסט־אויטאָס מיט מיליטער. די סאָלדאַטן, און נאָך מער די אָפיצירן האָבן אויסגעזען ווי אויסגעפרעסטע, גוט אויסגעפאַשעטע חזירים. עס האָט פשוט געעקלט פון זייער זאַטקייט, רואיקייט און חוצפּהדיקייט. זיי אַלע זיינען באַגעגנט געוואָרן מיט יובל־אויסגעשרייען מצד אָט־די צוויי צענדליק יונגע ליטווישע פּאַרטיזאַנער...

לאַנג, לאַנג זיינען מיר אַזוי געשטאַנען ביי די פענצטער און צוגעזען, ווי די מיליטער־האָרדעס ציען זיך אָן אַ סוף. פּאַרמאַטערטע און צעשראָקענע זיינען מיר אַוועק פון דעם „שוי־פּלאַץ", יעדער פאַרוקט אין אַן אַנדער ווינקל.

אַז מיר זיינען געקומען אַ ביסל צו זיך, האָבן מיר טרויעריק רעאַסומירט: ערשט נעכטן איז אויסגעבראָכן די מלחמה און שוין היינט זיינען די דייטשן אַריינגעדרונגען אין שטאָט. אויף אַזאַ אומגליק, אויף אַזאַ שנעלן סוף האָט זיך קיינער נישט געקענט ריכטן.

וואָס איז אָבער די פעולה, וועלן דען העלפן רייד? מיר שטייען פאַר בולטע, ניט־צווייד־טייטיקע געשעענישן. מיר געפינען זיך ביי דער חיה, צי וועלן מיר אַנטרונען ווערן פון איר? איין טרייסט האָבן מיר — מיר זיינען צוזאַמען, נים צעריסן, ווי אין לאָדזש. אַ צווייטע טרייסט: אַ צווייטע שוועסטער מיטן שוואָגער און קינד זיינען פון יענער זייט.

משוגהדיקע ווילדע צייטן: וואָס איז מיט אַכט טעג צוריק געווען דאָס גרעסטע אומגליק, האָט זיך גאָר איצט אַרויסגעשטעלט אַלס גליק. מיר זיינען שוין מקנא געווען די יעניקע, וועלכע מ'האָט אַרויסגעפירט קיין טיף־רוסלאַנד... מיר האָבן זיך שפּעטער מכלומרשט געוויצלט, אַז גבירים האָבן מזל. זיי האָט דער ראַטנפאַרבאַנד פאַרהיטן פון אַלע אומגליקן. אַרויסגעפירט זיי אין אויטאָס, מיט חפצים, קליידער, וועש, צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַמיליע. וויפל וואָלט יעדער פון אונדז אָפּגעגעבן, אַז ער זאָל זיך קענען אַרויסרייסן פון אָט־דעם לעבעדיקן גיהנום קיין ראַטנפאַרבאַנד... ווי מטושטש ס'זענען געוואָרן די גרענעצן פון גליק און אומגליק...

שווערע, אומבאַוווסטע גורל־משאות האָבן זיך אויף אונדז אַרויפגעלייגט אין משך פון די געציילטע שעהען. צער און פּיין האָבן אונדז באַגלייט איבער די ניט באַלויכטענע צימערן, ווו מיר האָבן פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ קוק אַרויס אויפן ערב־רב, אויף דעם אומאויפהערלעכן לאַווינע־מאַרש פון דייטשישן מיליטער אין אויטאָס, מאָטאָציקלען, טאַנקען, האַרמאַטן — אַלץ מעכאַניזירט, קיין איין פוסגייער ניט געזען.

דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט פאַרן אומבאַוווסטן גורל פון מיין ברודער מיט זיין פאַמיליע אין איוויע, פאַרן גורל פון דער פרויס פאַמיליע אין ליטע. דער עיקר האָט אויסגעוויינט אירע אַלטע אויגן — די מאַמע... זי האָט אַלעמען באַוויינט... מה ילד יום? וואָס וועט אונדז ברענגען דער מאָרגנדיקער טאָג? לאָדזש, פּוילן, ליטע, ראַטנפאַרבאַנד — אַלץ געענדיקט!? ס׳דערנענטערט זיך אַ נייַ קאַפּיטל אין אונדזער לעבן...

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַכזריות־תקופה, וואָס די וועלט־געשיכטע האָט דאָס נאָך ניט געזען. אַלע ביזאַיצטיקע באַגריפן וועגן שלעכטס, ליידן, אַכזריות, מענטשן־האַס, פּיין און רשעות, אַלע באַגריפן וועגן ערגסטן און שווידערלעכסטן — האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר בלאָס און נישטיק, אַנטקעגן דעם, וואָס אונדז איז פאַרגעשטאַנען דורכצומאַכן, דאָס וואָס מיר האָבן פאַקטיש דורכגעמאַכט.

היינט, ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות, שוין העכער דריי יאָר אויף דער פריי, בין איך אימשטאַנד צו דערקלערן אַ סך זאַכן, וועלכע מיר האָבן פריער ניט געוווּסט. אָבער איין זאַך איז פאַרבליבן פאַר מיר אַ רעטעניש: ווו האָבן מיר גענומען כוחות אויף אויסצוהאַלטן אַזעלכע גרויל־יאָרן? און ווו האָבן זיך גענומען ביי לעבעדיקע מענטשן, אַזעלכע ווילדע אור־אינסטינקטן צו פּייניקן אַנדערע לעבעדיקע מענטשן, ווי ס׳האָבן געטאָן די קאַניבאַלע דייטשן ביי דער געטרייער מיטהילף פון זייערע „אידייאישע” מיטהעלפער פון אַ גאַנצער ריי נאַציאָנאַליטעטן.

די היטלער־תקופה אין ווילנע האָט אַרומגענומען ביי אַ 70 טויזנט יידן, אין דעם אַ גרויסע צאָל פּליטים.

די תקופה האָט געדויערט פון 24סטן יוני 1941 ביז דעם 13טן יולי 1944 יאָר. איבערגעלעבט די דאָזיקע צייט האָבן, ביי היטלערן, העכסטנס אַ טויזנט מאַן, בערך אַ צוויי פּראָצענט. די איבעריקע געראַטעוועטע ווילנער יידן, זיינען געקומען אַלס רעפּאַטריאַנטן פון ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע דערגרייכן מן הסתם ביז 2500—3000. זיי האָבן מיט היטלערן בכלל ניט געהאַט צו טאָן, צו פאַר־דאַנקען האָבן זיי זייער לעבן דעם פאַקט, וואָס אַ וואָך פאַרן אויסברוך פון דער

דייטש־רוסישער מלחמה האָט מען זיי אַרויסגעפירט פון ווילנע. וויפל מען האָט דאָן אַרויסגעפירט איז, נאַטירלעך, שווער צו זאָגן.

די בלוטיקע רוצחים פון ליטווישן פאָלק, אויפגעהעצטע און אָנגערייצטע דורך די דייטשע הויפט־אכזרים און זייערע ווילדע הינט, האָבן אין משך פון 3 יאָר אויסגעמאָרדעט ניט נאָר די ווילנער יידן, נאָר דאָס גאַנצע ליטווישע יידנטום.

מיט דער גרעסטער אַכזריות און בלוטדורשטיקייט, האָבן זיי, אין דער ערשטער ריי, ליקווידירט יידן, מיט וועלכע זיי האָבן, העכער טויזנט יאָר, געלעבט צוזאַמען. מיט היהשער קאַלטקייט האָבן זיי, אונטער דער דייטשישער אָנפירונג, אויסגעפירט די גרעסטע וועלט־רציחות, ניט נאָר קעגן יידן, נאָר אויך קעגן רוסן, פאָליאַקן און אַנדערע.

לכתחילה, איז גאָרניט געווען אַזוי פאַרשטענדלעך זייער האַרציקייט און צופרידנקייט מיט וועלכע זיי האָבן באַגעגנט די דייטשן. אמת, זיי זיינען געווען פיינטלעך געשטימט לגבי דעם ראַטנפאַרבאַנד, אָבער זיי האָבן סוף כל סוף, גאָרניט שלעכט זיך אויסגעלעבט בעת דער הערשאַפט פון ראַטנפאַרבאַנד, אַז זיי זאָלן אַרויסווייזן אַזויפיל שמחה ביים מקבל־פנים זיין די דייטשן, ביי וועלכע זיי האָבן לגמרי גאָרניט דערגרייכט — ניט קיין פרייהייט, ניט קיין זעלב־שטענדיקייט. ווי עס זאָל ניט זיין, זיינען די ליטווינער געווען די איינציקע אין שטאָט, וואָס האָבן מיט יובל־אויסגעשרייען באַגעגנט די דייטשישע האָרדעס, פלאַטערנדיק מיט די ווייסע טיכלעך...

מיט צעבראָכענע געמיטער, זענען מיר שווייגנדיקע זיך צעגאַנגען איבער דער ניט־באַלויכטענער, פאַרחושכטער דירה, יעדער איינער אין זיין ווינקל. אַזוי זיינען מיר געבליבן ליגן, ניט־אויסגעטועטע, אין די בעטן, ביז ס'איז אָנגעקומען דער ערשטער פרימאָרגן אונטער דער דייטשישער ממשלה.

## די ערשטע איבערגאַנגס־טעג

דינסטיק, דעם 24סטן יוני, האָט ווילנע אויסגעזען ווי אַ טויטע שטאָט. פוסטע גאַסן. ווען־ניט־ווען פלעגט זיך ווי אַ שאָטן, אַ מענטש דורכשלייכן, שאַרנדיק זיך ביי דער מויער. אין שטאָט איז קיין שום מאַכט ניט געווען. פאַרהאַקט טיר און טויער. אַלץ איז געזעסן אין די הייזער וואַרטנדיק, וואָס וועט ברענגען די נאָענטסטע צוקונפט.

דעם גאַנצן זונטיקדיקן טאָג און די ערשטע העלפט פון מאָנטיק, זיינען זייער פיל יידן אַנטלאָפן פון שטאָט. הויפטזעכלעך יונגעלייט, באַאַמטע אין דער מלוכה־אַדמיניסטראַציע. מיט כוח האָט מען זיך אַריינגעריסן אין די איבער־

פולטע צעגער, וועלכע זיינען געגאַנגען אויף מינסק; אַנדערע ווידער, וואָס האָבן געהאַט צוטריט צו דער העכערער אַדמיניסטראַציע, האָבן זיך אַריינגעריסן אין לאָסט־אויטאָס, אָדער אויף פּשוטע פורלעך אַוועק פון ווילנע. אַזעלכע גליקלעכע זיינען אָבער געווען זייער ווייניק. דער גרעסטער טייל איז אַוועק צופוס, אָט אַזוי ווי מען איז געשטאַנען, העכסטנס מיט אַ פּעקל אָדער אַ רוק־זאַק אויף די פּלייצעס. יידן האָבן מיט האַרצקלאַפּעניש דערמאָנט די אַנטלאָפענע.

מען האָט בכלל נים געקענט באַגרייפן דעם געוואַלטיקן חורבן, וואָס איז געשען אין משך פון קנאַפּע צוויי טעג. בייטאָג זיינען דערגאַנגען צו אונדז ידיעות, גאָט ווייסט פונוואַנען און ווי אַזוי, אַז אין קאָוונע און אין ליטע בכלל, קומען פאָר גרויסע שלאַכטן, און אַז קאָוונע איז נאָך ניט אין די דייטשישע הענט.

אינדערפרי בין איך, ווי געוויינלעך, אַוועק אין אַפּטייק צו דער אַרבעט. דער גאַנצער לאַגער ווענ ביז אַנטאָקאָליע איז פאַרפלייצט געווען מיט דייטשיש מיליטער.

אין אַפּטייק האָב איך געטראָפן מיראַן צוקערזיס און אייניקע אַנדערע קאָלעגן ניט־יידן, ווי: מאַג. טאַטיאַנא עלערט, מאַג. באַלקאָווסקי און די אַרבעטער. דער קאַסירער, דער ליטווין שליזיס, איז שוין צו דער אַרבעט ניט געקומען. אויף מאָרגן איז ער יאָ געקומען און מיר געמאָלדן, אַז ער רעזיגנירט פון זיין שטעלע אין אַפּטייק און פאַרשרייבט זיך אין דער שוין אָרגאַניזירטער ליטווישער מיליץ. אויף מיין פראַגע — פאַרוואָס ער טוט דאָס, ער, אַ רואיקער שטילער מענטש. און דערצו אין אַזאַ צייט אין פּאָליציי גאָר — האָט ער געענטפערט, אַז פון אַפּטייק קען ער ניט לעבן און אין דער מיליץ גיט מען אים אויסערגעוויינלעך גוטע באַדינגונגען...

די אַרבעט אין אַפּטייק איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. מען פלעגט קומען אַהין נאָר איןווירקלעך־דרינגענדיקע פאַלן. לאַנגע שעהען האָבן מיר דאָרט גערעדט צווישן זיך וועגן דער געשאַפענער לאַגע. איך בין אויך געווען אין קאָנטאַקט מיט דער פאַמיליע קאַנטאָראָוויטש, די באַזייטיקטע, געוועזענע אינהאַבער פון דער נאַציאָנאַליזירטער אַפּטייק. זיי האָבן ווייטער געוווינט אין אַ טייל פון זייער דירה. די משפחה איז באַשטאַנען פון דער אַלטער מוטער, דעם איידעם מאַקס קאַנטאָראָוויטש, זיין פרוי און צוויי קינדער.

קומענדיק בייטאָג אין שטאָט בין איך אַוועק צו פּרילוצקין. ער און פּאָולינא האָבן געהאַלטן ביים ענדיקן דאָס פאַרברענען מענגעס מיט פּאַפּירן אין אויוון. דאָס איז געווען אַ קאָפּיע פון ריזיקן מאַטעריאַל, וואָס נח האָט אָנגעזאַמלט אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע. ווען ער איז געקומען קיין ווילנע, האָט ער אין פאַרשטענדיקונג מיט די „דזשאָינט"־דירעקטאָרן, גיטערמאַן און בירקענהיים, געשאַפן אין 1939/40 — אַ היסטאָרישע קאָמיסיע, צו וועלכער ער האָט צוגע־

צויגן אַ סך ווילנער און וואַרשעווער שרייבער און ליטעראַטן. אַלע האָבן באַשריבן די ערשטע מלחמה־פּאַזע און די צעפּאַלונג פון פּוילן. צווישן אַנדערע איז אויך געווען מיינס אַן אַרבעט: „מיין וועג פון לאָדזש קיין ווילנע אין 1939". פאַר וועלכער איך האָב דאַן באַקומען הונדערט דאָלאַר האָנאָראַר*. סעקרעטאַר פון דער קאָמיסיע איז געווען דער בונדיסט הערש גוטגעשטאַלט פון וואַרשע.

אַחוץ דעם קאָלאָסאַלן מאַטעריאַל וועגן חורבן־פּוילן און די ערשטע טראַגישע איבערלעבונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַ ריי שטעט און שטעטלעך, איז אויך צוזאַמענגעקליבן געוואָרן אַ ריזיקע צאָל חפצים פון פאָלקלאָריסטיש־מוזעאַלן ווערט. אַ סך געדרוקטע פאַראָרדענונגען, מודעות, געלע לאַטעס, גערעטעווטע יידישע רעליגיעזע אַנטיקן, דייטשישע פּובליקאַציעס א.אַ.וו.

אַחוץ דעם האָט שוין נח געהאַט אַ גרויסע ביבליאָטעק פון סאָוויעטישע ביכער, וועלכע מ'האָט אויך געמוזט אויסרוימען. אויסבאַהאַלטן דעם דאָזיקן אַרכיוו איז, אין יענעם מאָמענט, אוממעגלעך געווען, צוליב אַ סך סיבות — און קיינער האָט זיך אויך ניט געגאַרט און געוווסט, אַז נח פּרילוצקי איז אַ באַוווסטע יידישע פּערזענלעכקייט... דערווייל האָט מיר נח איבערגעגעבן, אַז מאָנטיק זיינען צו אים געקומען אייניקע יידישע, יונגע שרייבער און גערופן אים גיין מיט זיי. קיין שום לאָקאָמאָציע־מיטל האָבן זיי ניט געהאַט. „נו, ווי לאַנג און ווי ווייט וואָלט איך מיט פּאַולינען אָוועק צופוס? ווי עס שיינט איז שוין אַזוי באַשערט געווען פון אָנהייב אָן..." אַז דאָס לויפן צופוס האָט טאַקע קיין שום צוועק ניט געהאַט, האָבן געוויזן די ווייטערדיקע געשעענישן. אַגב, אַ טייל פון די לויפער איז טאַקע אומגעקומען אין וועג.

## די נביאות פון ד"ר יעקב וויגאָדסקי

פון נחן בין איך אַוועק צו ד"ר וויגאָדסקי. דער אַלטער האָט מיר דערציילט שווידערלעכע פּרטים פון די איבערלעבונגען, וועלכע ער און זיין פרוי האָבן אַדורכגעמאַכט אין די פּאָר טעג. געהאַנדלט האָט זיך וועגן זייער טאָכטער, די באַקאַנטע סאָוויעטישע שרייבערין, פרוי ברושטיין און איר דערוואַקסענער טאָכטער (דעם ד"ר וויגאָדסקיס אייניקל)**. די צוויי פרויען זיינען מיט אַ חודש

---

* די דאָזיקע אַרבעט, מיט וועלכער עס הויבט זיך אָן דאָס דאָזיקע בוך, האָב איך אין יאָר 1947, אין יאַנואַר חודש, אָנגעשריבן נאָכאַמאָל, ווען איך בין געווען אויף די ווינטער־פעריען אין דושניקי (דאָס אַמאָליקע באַד־ריינהערץ) אין נידערשלעזיען.

** ביידע לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד (מאָסקווע) פרוי בורשטיין האָט ניט לאַנג געפייערט איר 80סטן געבוירנטאָג. וועגן וואָס עס האָט פיל געשריבן די סאָוויעטישע פּרעסע, און איר טאָכטער איז די קינסטלערישע לייטערין פון באַרימטן סאָוו. טאַנץ־אַנסאַמבל „בעריאָזקאַ".

פריער געקומען קיין ווילנע, צוגאַסט פון מאָסקווע. דאָ האָבן זיי אַנטוויקלט אַ גרויסע קולטור־אַרבעט. גלייכצייטיק האָבן זיי זיך באַמיט צו באַקומען די נויטיקע דאָקומענטן אויף אַריבערצוּנעמען די עלטערן קיין מאָסקווע. ד״ר וויגאָדזקי האָט טאַקע באַשלאָסן צו פאָרן קיין מאָסקווע, וועגן וועלכן ער האָט מיט מיר אַ סך געשמועסט. אָבער שטאַרק איילן זיך האָט ער ניט געוואָלט — „וואָס ברענט דאָ?״ פלעגט ער זאָגן, „ס׳איז מיר גאָרניט אַזוי לייכט זיך צו שיידן מיט ווילנע, אין וועלכער איך האָב אָפּגעלעבט אַ היפּש ביסל יאָרן״...

אַ פּאָר מאָל האָט מיר דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז זיין אַנוועזנהייט אין מאָסקווע וועט ער אויסנוצן, כדי צו ווירקן אויף די מאָסגעבנדיקע ספערן, זיי זאָלן ענדערן זייער באַציאונג צום ציוניזם. „איך קלער איצט וועגן אַ מעמאָריאַל אין דער זאַך, וואָס איך וועל זיך באַמיען צו דערלאַנגען סטאַלינען. זיי מוזן אָנערקענען דעם ציוניזם און אים העלפן. דער ציוניזם איז אַבסאָלוט ניט קעגן די אינטערעסן פון ראַטנפאַרבאַנד... פאַרקערט, ראַטנפאַרבאַנד דאַרף זיין פאַראינטערעסירט צו העלפן אונדז ציוניסטן. נאַטירלעך — האָט דער דאָקטאָר צוגעגעבן — דאַרף מען די זאַך דורכפירן דיפּלאָמאַטיש, אָן דער הילף פון די מאָסקווער ״ידישע יועצים״. אינטערעסאַנט, אַז די שמועסן האָבן מיר געפירט אין יאָר 1941, און שטענדיק, ביי יעדן שמועס, איז ד״ר וויגאָדזקי ביי זיך געווען פעסט און זיכער. ענטפערנדיק מיר אויף מיינע קאָנטער־מיינונגען, פלעג איך האָבן דעם איינדרוק — אָט אַרבעט ער אויס „זיין מעמאָריאַל״. ווען אין 1947 האָבן די סאָוויעטישע דיפּלאָמאַטן אויפן אינטערנאַציאָנאַלן דיפּלאָמאַטישן וועלט־פאָרום אָנגעהויבן צו האַלטן פּראָ־ציוניסטישע רעדעס און זיינען מיט דער צייט געוואָרן כמעט די איינציקע דיפּלאָמאַטן, וועלכע האָבן געשטיצט די ציוניסטישע פּאָסטולאַטן, פלעגן מיר שטענדיק קומען אויפן גע־דאַנק די רייד פון ד״ר וויגאָדזקי. אַ גרויסער שאָד, וואָס אָט דער האַרציקער, קלוגער ייד, האָט ניט זוכה געווען צו זען מיט זיינע אַלטע, קלוגע אויגן דאָס, צו וואָס ער האָט געשטרעבט מיט אַלע פיבערן פון זיין טייערער נשמה. אַלנפאַלס פון דעם מאָמענט אָן גלויב איך אין נביאות...

ווי געזאָגט, האָט דער דאָקטאָר זיך געגרייט צו פאָרן קיין מאָסקווע. ער איז צוליב דעם געווען טאַקע אין קאָוונע, אין סאָוועטישן קאָנסולאַט און אין די געהעריקע ליטווישע אַמטן. די זאַך האָט זיך געצויגן ביז דעם טראַגישן מאָמענט פון מלחמה־אויסברוך... דאָ ערשט האָט מען זיך אין שטוב געכאַפּט, אַז מען איז זיך אַביסל פאַרזעסן, אָבער ס׳איז שוין געווען צו שפּעט.

דעם גאַנצן זונטיקדיקן טאָג האָבן די פרויען וועלטן איינגעלייגט, כדי זיך אַרויסצורייסן פון ווילנע, אָבער זיי איז דאָס ניט געלונגען. ערשט מאָנטיק האָט מען זיי אַרויפגענומען אויף אַ רעדאַקציע־לאַסט־אויטאָ און זיי זיינען

אַרויסגעפּאָרן פון ווילנע, אָן שום באַגאַזש, אָט אַזוי ווי זיי זיינען געשטאַנען. דער דאָקטאָר און זיין פרוי — יעלענאַ סעמיאָנאָוונאַ — האָבן ווי קליינע קינדער געוויינט פאַר שמחה, ווען זיי האָבן מיר דאָס דערציילט. „איך האָב פאַר די ליטווינער קיין מורא ניט, מיר וועלן זיי גאָרניט טאָן, עפּעס בין איך דאָך געווען מיניסטער אין ליטע, נו, און צו די דייטשישע טורמעס און לאַגערן בין איך דאָך געוווינט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה"... (אין דער צייט פון דייטשישער אָקופּאַציע פון ווילנע אין 1915—1918, האָבן די דייטשן אים אַרויסגעשיקט פון ווילנע אין קאָנצענטראַציע־לאַגער טשערסקי, פאַר זיין אַנט־קעגנשטעלן זיך זייערע פאַראָרדענונגען לגבי דער שטאָטישער באַפעלקערונג). „מיר אַלטע האָבן ניט וואָס מורא צו האָבן, אונדז איז געגאַנגען אין ראַטעווען די קינדער. עפּעס אַ קלייניקייט — אַ באַקאַנטע סאָוויעטישע שריפטשטעלערין, אַ יידישקע, ביי די היטלעריסטן אין די הענט"...

מיר האָבן זיך געטרייסט, אַז מיט אַן אויטאָ וועט זיי באַשטימט געלינגען זיך דורכצורייסן דורך דער גרענעץ־ליניע. בפרט נאָך, אַז די פרויען זיינען געווען סאָוויעטישע בירגערינס און האָבן געהאַט סאָוויעטישע דאָקומענטן פון מאָסקווע גופא... דער דאָזיקער מאָמענט איז געווען קאָלאָסאַל וויכטיק און האָט דעצידירט וועגן לעבן און טויט.

ווען איך פלעג אין די ווייטערדיקע טעג זיין ביים דאָקטאָר, האָבן מיר זיך געטרייסט וואָס זיין טאָכטער און אייניקל זיינען ניטאָ צוריק, דאָס גופא איז שוין אַ גוטער סימן, אַז זיי איז געלונגען בשלום אָנצוקומען קיין מאָסקווע. דאָס האָט זיך שפּעטער באַשטעטיקט.

## אַנטלאָפענע קומען צוריק, אָבער ניט אַלע...

ווען ס'האָבן מיט עטלעכע טעג שפּעטער אָנגעהויבן צוריק אָנקומען אַ סך פון די אַנטלאָפענע פון שטאָט, האָבן זיי איבערגעגעבן שוידערלעכע סצענעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט ביי דער גרענעץ, ווען מען האָט די גאַנצע לויפער־מאַסע ניט אַריינגעלאָזט אין לאַנד. בלית ברירה, האָבן זיי זיך געמוזט אומקערן. אָבער דער וועג אויף צוריק איז שוין געווען אָפּגעשניטן דורכן דייטשישן מיליטער. אַ צאָל מענטשן זיינען גלייך אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשישע הענקערס און זענען צעשאָסן געוואָרן אויפן פלאַץ. נאָר אַ טייל איז געלונגען, נאָכן דורכגיין אַלע שבעה מדורי גיהנום, אָנצוקומען צוריק אין שטאָט. אַ באַשטימטער טייל לויפערס איז אָבער דאָך געלונגען זיך אַריינצו־באַקומען אין ראַטנפאַרבאַנד און אַזוי אַרום זיך ראַטעווען. ביים אַריבערגיין די גרענעץ זיינען די סאָוועטישע פעסער און לעגיטימאַציעס פון דער קאָמו־ניסטישער פאַרטיי, פון ווילנע, אַבסאָלוט ניט גענומען געוואָרן אין באַטראַכט.

די דאָזיקע שטרענגקייט האָט זיך דערקלערט מיט דער מורא אַריינצולאָזן מענטשן פון אַ לאַנד, וואָס איז שוין געווען מיט זיי אין מלחמה־צושטאַנד, צווישן וועלכע ס׳קענען אויך זיין ניט זיכערע עלעמענטן.

ווען איך בין איינמאָל געווען ביי וויגאָדזקין האָט ער מיר דערציילט, אַז ס׳איז דורכגעפירט געוואָרן אַ רעוויזיע ביי זיינע אַנטקעקגנדיקע שכנים, די פאַמיליע פון אינזשיניער פּרנס, און זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען דעם אינזשיניער. „האָבנדיק אַ רעוויזיע נעבן זיך — זאָגט מיר דער דאָקטאָר — האָב איך פאַרניכטעט מיין בוך, וואָס איך האָב אָנגעשריבן וועגן דער פערטער צעטיילונג פון פוילן. ס׳וואָלט פונקט געפּאַסט צו מיין שוואַכקייט, אַז די יעקעס זאָלן געפינען ביי מיר אַזאַ בוך, ווו איך מאַך פון זיי „אויסצודרייען״, ווי זיי האָבן דאָס פאַרדינט״. (פון מאַידאַנעק, פּאָנאַר, אָשוויענטשים האָט מען נאָך דאַן ניט געוווּסט).

## ליטווינער הויבן אָן צו באַלעבאַטעווען לויטן דייטשישן מוסטער

דערווייל האָט זיך די לאַגע אין שטאָט פאַרגעשטעלט אַזוי: די דייטשן האָבן נאָך די מאַכט אין שטאָט ניט איבערגענומען. מיט דער אָרדענונג אין שטאָט האָט אָנגעפירט אַ ליטווישער קאָמיסער, וועלכער האָט גלייך אָרגאַ־ניזירט אַן אייגענע מיליץ פון ליטווישע פּאַרטיזאַנער. די געשעפטן אין שטאָט זיינען געווען געשלאָסן. געעפנט האָט מען נאָר שפּייז־קראָמען און בעקערייען. ביי די געוועלבער האָבן זיך גלייך געשאַפן גרויסע רייען. דאָ האָבן זיך גלייך גענומען אָפּשפּילן סצענעס, וועלכע האָבן ניט פאָרויסגעזאָגט קיין שום גוטס. די צעיושעטע ליטווינער האָבן גענומען באַזייטיקן פון די רייען די יידישע שטייער. קיין זאַפּאַסן פון פּראָדוקטן האָט מען אין די הייזער ניט געהאַט, איז מען געווען געצוווּנגען צו שטיין יעדן טאָג אין די רייען, כדי צו באַקומען ברויט, לסוף איז מען אַהיימגעקומען פאַרווייניטע, הונגעריקע און פאַרשעמטע. אין אַ סך פאַלן פלעגן די ליטווינער אַרויסוואַרפן ניט בלויז יידן, נאָר אויך פּאָליאַקן.

גלייכצייטיק האָבן זיך אין שטאָט גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז מען נעמט אַראָפּ יידישע מענער פון די גאַסן און מען פירט זיי ערגעצווו אַוועק. וואָס אַ טאָג ווייטער, זיינען אָט די קלאַנגען אַלץ שטאַרקער געוואָרן, דערקלערט האָט מען, אַז זיי ווערן גענומען אויף אַרבעט. וווהין, צו וואָס פאַר אַן אַרבעט, אויף ווי לאַנג, האָט נאַטירלעך קיינער ניט געווּסט. אין שטאָט האָט גענומען אויספעלן ברויט פאַר יידן, און מען האָט געמוזט זוכן תחבולות און וועגן, כדי עס צו דערגרייכן. מיר איז נאָך געווען ניט אַזוי שלעכט, ווייל די ניט־יידישע קאָלעגן פלעגן מיך יעדן טאָג, ווען כ׳בין געקומען אין אַפּטייק, באַזאָרגן מיט

פראָדוקטן. ווען אין די שפּעטערדיקע טעג איז פאַר מיר געוואָרן געפערלעך צו טראָגן פּראָדוקטן דורכן גאַס, האָבן די זעלבע קאָלעגן געבערענגט די פּראָדוקטן אין שטוב אַריין.

די לאַגע אין שטאָט איז אָבער וואָס אַ טאָג געוואָרן אַלץ אָנגעשטרענגטער. די ידיעות וועגן כאַפּן מענטשן פון די גאַסן, האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּאַניק.

**רעפּרעסיעס קעגן דער יידישער אינטעליגענץ**

דערווייל האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אַלע יידישע דאָקטוירים זיינען באַזייטיקט געוואָרן פון די שפּיטעלער, אַמבולאַטאָריעס, און אַלע אַנדערע מעדיציניִשע אינסטיטוציעס... צו אונדז אַפּטייקערס, זיינען אויך דערגאַנגען עפּעס ניט קיין גאַנץ קלאָרע קלאַנגען וועגן אונדזער גורל. אין אַ געוויסן טאָג איז אַריין צו מיר אין אַפּטייק דער ד"ר טענענבוים פון לאָדזש מיט אַ רוקזאַק אויף דער פּלייצע, אין באַגלייטונג פון זיין זון, אויך אַ דאָקטאָר, און געזאָגט: „פון שפּיטאָל, ווו מיר האָבן געאַרבעט, האָט מען אונדז באַזייטיקט. אין שטאָט בלייבן האָבן מיר מורא, גייען מיר צו באַקאַנטע אין אַ מאַיאָנטעק אויסער דער שטאָט, ווו מיר רעכענען, אַז עס וועט זיין רואיקער". מיר האָבן זיך געזעגנט... אויף אייביק.

די קלאַנגען וועגן באַזייטיקן די יידישע אַפּטייקערס, האָבן זיך טאַקע גלייך באַשטעטיקט. אויפן אָרט פון אַנטלאָפענעם לייטער פון אַפּטייק־קאָנטאָר, חבר אַדלער (פון אונטער מינסק, צוריקגעקומען און שפּעטער אומגעקומען בעת דער אַקציע פון די געלע שיינען אין ווילנער געטאָ), איז באַשטימט געוואָרן דער ליטווישער אַפּטייקער נארבוט. ס'איז טאַקע באַלד אין אַפּטייק אָנגעקומען אַ מעלדונג, אַז איך זאָל איבערגעבן די אַפּטייק דעם מאַגיסטער באַלקאָווסקי, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אויף מיין אָרט אַלס לייטער. אַן אַנדערע מעלדונג האָט מודיע געווען, אַז אַלע יידישע אַפּטייקערס ווערן פון ערשטן יולי באַזייטיקט פון זייערע פּאָסטנס. חבר באַלקאָווסקי האָט זיך פאַר מיר פאַרענטפערט, אַז דאָס איז געמאַכט געוואָרן היגטער זיינע פּלייצעס און אַן זיין וויסן. מיר האָבן דאָס, נאַטירלעך, געהעריק פאַרשטאַנען. מיראָן צוקערזיס, ווי אויך ריינדז'יק זיינען שוין דעם ערשטן יולי ניט געקומען צו דער אַרבעט. אַזוי זיינען באַזייטיקט געוואָרן פון די אַפּטייקן אין שטאָט אַלע יידישע אַפּ־טייקערס, יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אויך פון די גרויסע אַפּטייק־הורט־געשעפטן. איך אַליין בין נאָך געבליבן דריי טעג, כדי איבערצוגעבן די סחורה, אינווענטאַר א. אַ. וו.

אַלע יידישע מעדיציניש־פאַרמאַצעווטישע קרעפטן זיינען געבליבן אַר־בעטלאָז...

דעם אמת געזאָגט, האָט מען זיך די גאַנצע מעשה ניט גענומען אַזוי שטאַרק צום האַרצן. וואָס הייסט, האָט מען זיך געטראַכט, ווי לאַנג וועט יעקע קענען אויסקומען אין ווילנע אָן דער מיטאַרבעט פון עטלעכע הונדערט יידישע דאָקטוירים, אַפּטייקערס, קראַנקן־שוועסטער, און בכלל ווי וועט ווילנע אויסזען אָן דעם יידישן אַרבעט־עלעמענט? עס וועט אַוועקגיין אַ קורצע צייט און יעקע וועט זיך איבערבעטן... נישקשה, מען וועט נאָך שיקן אונדז רופן, האָט זיך ניט איינער געטראַכט...

די לאַגע אין שטאָט איז אָבער געוואָרן אַלץ מער ניט זיכערער; הויפּט־זעכלעך האָט גענומען שטאַרק באַאומרואיקן דער פאַקט פון כאַפּן מענטשן פון די גאַסן און דאָס ניט וויסן ווו זיי קומען אַהין; ווייטער האָבן אונדז באַאומרואיקט די אומאויפהערלעכע ידיעות וועגן די גרויסע דייטשישע נצחונות אויפן רוסישן פראָנט. דער לעצטער טויט־קלאַפּ ממש פאַר אונדז, אין די טעג, זיינען געווען די שוידערלעכע ידיעות, וואָס ס'האָט מיט זיך געבראַכט אַ טייל פון די אַנטלאָפענע, וועגן דער שרעקלעכער הפקרות מצד די ליטווינער, וואָס איז געשטיגן מיט יעדן טאָג. מיט אומגעדולד האָט מען געוואַרט אויפן מאָמענט, ווען עס וועט זיך אָרגאַניזירן די דייטשישע מאַכט. וואָס פאַראַ זי זאָל ניט זיין, אַבי אַ סוף צו דער הפקרות פון די ליטווינער...

איינזיצן אין שטוב האָב איך ניט געקענט, עס האָט געהויבן... איך האָב זיך פאַרשטענדיקט מיט ד״ר וויגאָדסקין און פרילוצקין און לויט זייער אָנ־ווייזונג, האָב איך אָנגעהויבן זוכן וועגן, אויף אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט די ליטווינער. די הויפּט־שוועריקייט איז באַשטאַנען אין גיין אויפן גאַס. מיין באַזוך האָט געדאַרפט זיין ביים רעקטאָר פון ווילנער אוניווערסיטעט, פּראָפ. מיכאל בירזשישקא. אַן אַלטער ליבעראַלער טוער ביי די ליטווינער און, אַגב, מיינער אַ פערזענלעכער גוטער פריינט. פּראָפ. בירזשישקא האָט געוווינט אין אַ ניי הויז אויף אַ נייער גאַס, צווישן די בופאַלער בערג. די נייע גאַס האָט דורכגעשניטן אַ וועג פון קליין פּאָגוליאַנקע צו פּאָרטאָווע. פון מיין הויז איז דאָס געווען אַ שטיק וועג. אין יענעם מאָמענט — אַ זייער ריזיקאַלישער.

זונטיק פאַרמיטאָג (מיט דער אויסרעכענונג, אַז דעמאָלט וועלן די כאַפּונעס ניט זיין אויפן גאַס), בין איך אַוועק צום פּראָפעסאָר. צום באַדויערן האָב איך אים אין שטוב ניט געטראָפן. צום טיר איז אַרויס זיין פרוי בראָניסלאַווא. דער־זעענדיק מיך, איז זי געבליבן ווי אַ פאַרגליווערטע. די האַנט האָט זי מיר ניט דערלאַנגט, ניט אַריינגעבעטן ווייטער און ניט געבעטן זיצן, נאָר אַזוי שטייענדיק ביי דער טיר, האָט זי מיך אַ פרעג געטאָן, וואָס איך וויל און נאָך וואָס בין איך געקומען. פון דעם קבלת־פּנים בין איך געבליבן אַ צעטומלטער. זי, די זעלבע פרוי, וואָס האָט מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק ממש געראַטעוועט מיין

פרוי און צוויי קינדער פון היטלערס הענט, און זי אַליין האָט אויך מיר פערזענלעך פיל צו פאַרדאַנקען — נעמט מיך איצט אַזוי אויף! זי האָט, ווי עס שיינט, באַמערקט מיין צעשטרייטקייט און עטוואָס רואיקער נאָכאַמאָל מיך אַ פרעג געטאָן, נאָך וואָס איך בין, אין אַזאַ מאָמענט, געקומען.

— איך וויל ריידן מיטן רעקטאָר וועגן דער איצטיקער געשאַפענער לאַגע. איך קום מיטן וויסן פון דאָקטאָר וויגאָדזקי און פראָפ. פרילוצקי.

„דער רעקטאָר איז ניטאָ, ער איז אין קאָמיטעט”, ענטפערט זי מיר, „און וועגן אייער לאַגע, וואָס איז צו רעדן, ס׳איז זייער שלעכט און עס וועט זיין נאָך ערגער. דאָס וואָס איצט קומט פאָר איז אַ קינדער־שפּיל לגבי דעם, וואָס עס וועט זיין”...

„מיר וויסן” זאָג איך צו איר, „אַז מיר האָבן פון די דייטשן גאָרניט וואָס צו דערוואַרטן, אָבער דערווייל קומען אַלע נגישות ניט פון די דייטשן, נאָר פון אייערע ליטווינער. זיי וואַרפן יידישע פרויען פון די רייען ביי די שפּייז־קראָמען, נעמען צו יידן פון די גאַסן און מען ווייסט ניט ווו די מענטשן קומען אַהין. זיי באַראַבעווען יידישע הייזער אונטערן אויסרייד פון רעוויזיעס און זוכן באָלשעוויקעס א. אַ. וו. אייער ליטווישער קאָמיטעט פירט אָן מיט די אַלע גזירות און רדיפות”...

זי האָט מיר איבערגעריסן און אַ זאָג געטאָן:

„אונדזער ליטווישער קאָמיטעט איז ניט שולדיק אין אָט די אַלע געשעע־נישן, דאָס זיינען פאַראָרדענונגען פון די דייטשן און מיר מוזן זיי אויספירן. דער פאָרזיצער פון ליטווישן קאָמיטעט איז פראָפ. זשאַקאָוויטשיוס, מיין אײדעם, ער איז אַן אָנשטענדיקער מענטש און אַ ליבעראַל”...

פאַר מיר איז דאָס געווען אַ נייעס, אַז פראָפ. זשאַקאָוויטשיוס איז איר איידעם, איך זאָג צו איר: „אויב אַזוי, פרוי רעקטאָר, קענט איר דאָך ווירקן, אַז די גזירות זאָלן אַנדערש אויסגעפירט ווערן און בכלל זיי לינדערן”.

„אָ, ניין”, זאָגט זי, „מיר קענען אין דעם פאַל גאָרניט טאָן: אַלץ איז אַ באַפעל פון די דייטשן. אגב, האָט איר יידן אויף דעם פולשטענדיק פאַרדינט. די ליטווישע ווייסע בולקעלעך מיט פוטער האָבן אייך ניט געשמעקט, איר האָט אין ליטע אַוודאי שלעכט געלעבט, אַז איר האָט זיך מיט אָפענע אָרעמס געוואָרפן אַנטקעגן די רויטאַרמייער, מיר געדענקען אייערע מאַניפעסטאַציעס אין קאָונע און ווילנע, מיר געדענקען אייער פראָוואָקאַציע אין ווילנע מיטן אַראָפּרייסן דעם ליטווישן הערב פון ווילנער מאַגיסטראַט... ניין, מיר קענען ניט אינטערווענירן, ס׳איז שלעכט און עס וועט זיין נאָך ערגער... ניין, פאַר אַלע יידן וועלן מיר ניט אינטערווענירן. אָט זעט איר, ווען עס זאָל חלילה

עפּעס שלעכטס פּאַסירן מיטן ד״ר וויגאָדסקי, פּאַר אים זעט איר, וועלן מיר ווערלטן איינלייגן״.

מיר האָבן אַליין ניט באַמערקט, ווי מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין האָל ביי אַ טישל און גענומען שמועסן ווייטער. איך האָב איר געזאָגט, אַז מען האָט אונדז אַלעמען באַזייטיקט פון דער אַרבעט און איך בין שוין ניט אין אַפּטייק, ווו איך בין געווען קאָמיסאַר און פאַרוואַלטער.

„אָט זעט איר, איר זייט אויך געווען אַ קאָמיסאַר ביי זיי״...

„נו, יאָ״, זאָג איך, „פאַרוואָס דען ניט און צי איז אייער מאַן דען ניט געווען קאָמיסאַר איבערן אוניווערסיטעט?״...

געענדיקט אונדזער שמועס האָבן מיר אין עטוואָס אַ פרייען טאָן, און די פרוי האָט געבעטן פאַר איר קראַנקער טאָכטער געוויסע מעדיקאַמענטן, וואָס זי האָט שוין ניט געקענט באַקומען, און איך האָב איר צוגעזאָגט דאָס צו באַזאָרגן דורך די פוילישע קאָלעגן. מיין צוזאָג האָב איך אין אַ פּאָר טעג שפּעטער דערפילט.

מיט אַ שווער געמיט און צעבראָכן האַרץ בין איך פון איר אַוועק. מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט האָב איך זיך קוים דערקליבן צו דעם נאָענסטן הויז, צו ד״ר וויגאָדסקין. איך האָב אים גענוי איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון שמועס. ד״ר וו. האָט געזאָגט: „אויב זי, בראָניסלאַוואַ, רעדט אַזוי, אויב מענטשן, צו וועלכע יידן האָבן אַזוי פיל גוטס און האַרציקייט אַרויסגעוויזן בעת זיי זיינען געווען אין עת־צרה, אויב זיי רעדן אַזוי, איז זייער שלעכט״.

מיט דער זעלבער פאָרזיכטיקייט האָב איך זיך דערקליבן צו פרילוצקין, אויף טראָקער גאַס. אויף פרילוצקין האָט מיין באַריכט געמאַכט אַ דער־שיטערנדיקן איינדרוק. „ביטער, ביטער״ האָט ער געזאָגט, „מען מוז דעם שמועס פאַרשרייבן גענוי און אים באַהאַלטן״...

די אַנאַרכיע אין שטאָט איז געוואַקסן, עס האָבן געראַבעוועט ליטווינער, דורכגייענדיקע דייטשן, סתם באַנדיטן, וואָס האָבן אויסגענוצט די „צייטווייליקע קאָניונקטור״. אָט אין אַזאַ לאַגע האָט זיך געפונען די שטאָט, ביז פרייטיק דעם 4טן יולי 1941.

# ערשטע דייטשישע גזירות

**ערוּבניקעס, געלע לאַטעס**

אין דעם טאָג האָבן די הויז־וועכטער אויסגעקלעבט אויף די מויערן גרויסע מודעות, אין 4 שפּראַכן: דייטש, ליטוויש, פּויליש און רוסיש. אין דער מודעה איז געזאָגט געוואָרן, אַז די דייטשישע אַרמיי האָט פאַרטריבן פון שטאָט די באָלשעוויקעס און פון איצט אָן איז די מאַכט אַריבער אין די הענט פון דער דייטשישער פאַרוואַלטונג. כדי צו זיכערן רו און אָרדענונג אין שטאָט, זיינען גענומען געוואָרן 80 יידן און 20 פּאָלאַקן אַלס ערוּבניקעס. אַלע קאָמוניסטן, די יוגנט, וועלכע האָט געהערט צו קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, געוועזענע רוסישע, פּוילישע מיליטער־לייט, דאַרפן זיך גלייך מעלדן אין דער שטאָטישער קאָמענדאַנטור. יידן איז דערלויבט צו גיין אין גאַס ביז 5 בייטאָג, ניט־יידן — ביז 8 אָוונט. אויף די מערק קענען יידן איינקויפן פּראָדוקטן, נאָר פון 10 ביז 12 אַזייגער. זיי איז פאַרווערט אָנצוהאַלטן וועלכן־ס'איז קאָנטאַקט מיט ניט־יידן. כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, וואָס די אַכציק יידישע ערוּבניקעס זיינען גענומען געוואָרן אויף זייער אַ דעמאָקראַטישן אופן — ניט פון איין שיכט פון דער באַפעלקערונג, נאָר פון אַלע קלאַסן. צווישן די אינמיטן נאַכט צוגעצוּמענע ערוּבניקעס, זיינען געווען אַ סך פּשוטע יידן — אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן ניט פאַרנומען קיין שום ספּעציעלע שטעלונג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אין 2 טעג אַרום איז אַרויס אַ צווייטע פאַראָרדענונג פון דייטשישן שטאָט־קאָמענדאַנט צענפּעניק; פון 8טן יולי מוזן אַלע יידן פון 10 יאָר אָן טראָגן אויפן ברוסט און אויף דער פּלייצע אַ ווייסע צען־צענטימעטערדיקע לאַטע, מיט אַ געל ראָד אינמיטן, אין וועלכן עס דאַרף זיין אַ געלער — יאָט — (יודע). אַ מוסטער פון אַזאַ לאַטע קאָן מען זען אין די קאָמיסאַריאַטן.

אין שטוב איז גלייך „איינגעשטעלט" געוואָרן אַ פאַבריקאַציע פון געלע לאַטעס פאַר אַלע שכנים פון הויף. די „בגדי־מלכות" האָבן מיר פאַבריצירט פון דעם געלן פענצטער־פאָרהאַנג. אויפגעבייט ביידע צאַצקעס אויפן העלן זמערדיקן אָנצוג, בין איך אַרויס אויפן גאַס און אַריין אין אַפּטייק אויף דייטשישער גאַס (פּרומקינס אַפּטייק, אַמאָל — שפּאַרס) צו די קאָלעגן.

די פּוילישע קאָלעגן האָבן מיך געטרייסט, אַז טראָגן אַזאַ לאַטע איז ניט קיין שאַנדע. „זאָלן זיך שעמען די, וועלכע האָבן אַזאַ זאַך אויסגעטראַכט, אָבער ניט די, וועלכע זיינען געצוווּנגען דאָס צו טראָגן".

צו דער פאַראָרדענונג האָבן יידן זיך צוגעפּאַסט, אָבער גלייכצייטיק זיינען שוין אַ סך מענטשן אַרעסטירט געוואָרן מיטן אויסרייד, אַז די לאַטע איז ניט

ווי געהעריק אָנגעגייט, האָט ביז די געהעריקע מאָס, איז ניט ריין און נאָך אַזעלכע צוטשעפּעניש, וועלכע האָבן אָבער געקאָסט דאָס לעבן פון ניט איין ייִד.

די דאָזיקע פאַראָרדענונג איז געוואָרן אַן אומאויפהערלעכער קוואַל פון צרות און שפיכות־דמים פאַר ייִדן אין משך פון עטלעכע יאָר. די דאָזיקע פאַראָרדענונג איז אַ סך מאָל מאָדיפיצירט געוואָרן, און אין פאַרשידענע צייטן און ערטער האָט זי פאַרשידן אויסגעזען, אָבער דער ציל און רעזולטאַט איז אַלעמאָל געווען דער זעלבער — פייניקן ייִדן, צאַפּן זיי דאָס בלוט. די דאָזיקע פאַראָרדענונג האָט אָנגעהאַלטן אינגאַנצן עטלעכע טעג. דער נייער דייטשישער שטאָט־קאָמענדאַנט, נוימאַן, האָט פאַראָרדנט אַראָפּצונעמען די לאַטעס פון ברוסט און פּלייצע און אָנטאָן אויף דער לינקער האַנט אַ ווייסן באַנד מיט אַ געלן מגן־דוד. די דאָזיקע פאַראָרדענונג האָבן ייִדן אויסגעטייטשט אַלס אַ פאַרלייכטערונג, וואָס עס שמעקט מיט אַ מער ליבעראַלערן קורס... דער ייִדישער בטחון, דער ייִדישער אָפּטימיזם און גלויבן זיינען געווען שטאַרקער פון אַלע גזירות... די אַנטוישונג איז אָבער זייער שנעל געקומען. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אַרויס אַ דריטע פאַראָרדענונג: די אָרעמבענדער אַראָפּ — צוריק די לאַטעס. אָבער לאַטעס פון אַ שפּאָגל נייעם מאָדעל, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ צען צענטימעטערדיקן געלן מגן־דוד, אָנגענייט אויפן ברוסט און פּלייצע. מיט דעם לעצטן מאָדעל זיינען מיר שוין געבליבן ביזן סוף 1943, דאָס הייסט, ביז דער ליקווידאַציע פון געטאָ.

ווי עס שיינט, זיינען אָט די אַלע פאַרשיידענע לאַטע־פאַראָרדענונגען אַרויסגעגעבן געוואָרן מיטן איין און איינציקן ציל — צו צעטומלען די מוחות. ביי אַזאַ בלבול המוחות איז זייער לייכט געווען צו געפינען יעדן טאָג אַלץ נייע און נייע קרבנות. דאָס איז דאָך ביי זיי געווען דער עיקר.

### „כאַפּונעס" נעמען אויף „אַרבעט"

לאַטעס אַהער — לאַטעס אַהין, דערווייל איז די לאַגע אין שטאָט געוואָרן נאָך ערגער. מען האָט זיך דערוווּסט וועגן אַ וויסטן פּאָגראָם אויף נאָוועגאָראָד, קליין שניפּעשאָק, ווו מען האָט פאַרברענט דעם בית־המדרש מיט די ספרי־תורה און דערביי זיך איזדיעקוועט איבער די דאָרטיקע ייִדן.

אויך דאָס כאַפּן מענטשן פון די גאַסן האָט אָנגענומען אַ וויסטן און שרעקלעכן כאַראַקטער. מענער פלעגן אַרויסגיין אין גאַס און צוריק ניט אַהיימקומען. ווי אין וואַסער אַריין... פון ליטווישע קרייזן האָט מען אינפאָרמירט, אַז די מענטשן ווערן געשיקט אויף אַרבעט אין די ניי־פאַרנומענע רוסישע טעריטאָריעס... דערצו נאָך די שנעלע נצחונות פון די דייטשן — דאָס אַלץ האָט ממש געקענט דערפירן ביז משוגעת.

אין שטאָט האָט זיך באַוויזן אַ צייטונג אין דער ליטווישער שפּראַך, וואָס האָט געשאָסן פּעך און שוועבל אויף יידן (אַ־לאַ „שטירמער"). אַלע יידן־העצערישע אַרטיקלען, וועלכע מיר האָבן אין אונדזער לעבן ווען עס איז געזען, זיינען לגבי די איצטיקע געווען אַ קינדער־שפּיל.

אין איינעם אַזאַ נומער איז געווען באַשריבן ווי אַזוי יידן האָבן אין פּאַניע־וויעזש אויסגעשאָכטן דעם גאַנצן מעדיצינישן פּערסאָנאַל מיט אַלע קראַנקע פון שפּיטאָל, און יידישע קאָמוניסטן האָבן דערביי פּאַרפּייניקט און פּאַרגוואַלטיקט אַלע ליטווישע קראַנקן־שוועסטער. די דאָזיקע באַשרייבונג, אויף צוויי גרויסע זייטן פון דער צייטונג, איז געווען אילוסטרירט מיט אַ סך „אויטענטישע" פאָטאָ־גראַפיעס. אין אַ קורצער צייט אַרום איז אין דער זעלבער צייטונג דערשינען אַ ידיעה וועגן אַ פאַראָרדענונג פון דער קאָונער מאַכט, אַז אַלע יידן זאָלן אין משך פון אַ חודש פאַרלאָזן די שטאָט און אַריבערציען זיך אויף סלאָבאָדקע — אין געטאָ אַריין.

די שטימונג איז געוואָרן אַלץ געדריקטער און שווערער.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דאָס אַרויסגיין אין גאַס איז געווען פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַר, פלעג איך דאָך כמעט יעדן טאָג זיין ביי נחן און ד"ר וויגאָדסקי.

מיטאַמאָל זיינען מיר אויפגעציטערט געוואָרן דורך אויסערסט טראַגישע פאַלן:

אין די־אַ טעג האָט זיך ביי אונדז אין שטוב איינגעשטעלט אַזאַ מין אָרדענונג: פאַרטאָג פלעגט די מאַמע אַרויסגיין אין גאַס געוואָר ווערן, וואָס ס'האָט פּאַסירט אין משך פון דער נאַכט. דער מאַמעס גיין אין גאַס איז געווען אַמווייניקסטן געפערלעך, דעריבער פלעגט זי פירן די „ראַזוויעדקע"... קומענדיק איינמאָל צוריק פון גאַס, האָט זי אונדז איבערגעגעבן פאָלגנדיקע האַרצרייסנדיקע פּאַסירונג: אויף סאַוויטשער גאַס האָט מען אינמיטן דער נאַכט אָפּגעשלאָסן עטלעכע הייף, אַרויסגעטריבן אַלע יידישע שכנים כמעט האַלב נאַקעטע פון די הייזער, די מענער אָפּגעטיילט און אַוועקגעשטעלט אָן אַ זייט. די דירות פאַרשלאָסן און אָנגעזאָגט מען זאָל ניט וואָגן אין זיי אַריינצוגיין. געשלאָגן פרויען און קינדער, באַוואָרפנדיק זיי מיט די שמוציקסטע זידלערייען, דאַן האָבן זיי אַרויסגעפירט אַלע מענער, איבערלאָזנדיק טויט־צעשראָקענע די פרויען מיט די קינדער אויפן הויף אויף הפקר. די דאָזיקע בייזע גזירה האָט זיך איבער־געחזרט אין משך פון עטלעכע וואָכן און האָט אָנגעוואָרפן אימה און פחד אויף אונדז אַלעמען. די לאַגע פון די פאַמיליעס, וועמען דאָס אומגליק האָט געטראָפן, איז געווען אומבאַשרייבלעך. מען איז געבליבן בוכשטעבלעך אין איין העמד,

אַן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן די מענער, און מ'האָט נאָך אַלץ נישט געוווּסט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

אינמיטן דער נאַכט האָבן זיך אויף די הייף אָפּגעשפּילט האַרצרייסנדיקע סצענעס. די קולות, די יללות ביים געזעגענען זיך מיט די מענער, מיט די מאַמעס, פלעגן הימלען שפּאַלטן... פּרטים וועגן די אַלע שוידערלעכע איבערלעבונגען האָט מען זיך דערוווּסט ערשט פאַרטאָג, ווען די ערשטע געוואָגטע זענען אַרויס אין גאַס אַריין. די אַרויסגעוואָרפענע פון די דירות האָבן זיך טעג און נעכט געוואַלגערט אויף די הייף, ביז זיי פלעגן זיך ערגעצוו איינאָרדענען ביי פריינט צי באַקאַנטע. נאָר געציילטע האָבן געהאַט די דרייסטקייט צו עפענען זייערע דירות, כדי אַרויסצונעמען פון דאָרט אַ ביסל זאַכן. איבעריקע דירות זיינען אַזוי געבליבן אויף הפקר, ביז די ליטווינער האָבן אַלץ פון די הייזער צוגענומען, באַטירלעך פאַר זיך...

די דאָזיקע נייעסן פלעגן מיר זיך דערוויסן פון דער מאַמען און פון אונדזערע קריסטלעכע שכנים, וואָס האָבן פאַרנומען מיין שוועסטערס צימערן.

אין איינעם פון די טעג האָבן מיר פלוצלינג באַקומען אַ פּאָסטקאַרטל פון יאַראָסלאַוו, געשריבן דורך דער פלימעניצע, וואָס פרעגט, אגב, ווו ס'איז דער פּאַפּאַ. פון דעם האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז אין וועג האָט מען די פאַמיליע צעשיידט. אונדזער טרייסט איז אָבער געווען, וואָס זיי זייגען ווייט פון די מלחמה־געפאַרן.

אינצווישנצייט האָב איך זיך ווידער געזען מיט נחן און ד״ר וויגאָדסקין און ווייטער געזוכט וועגן, ווי אַזוי זיך צו פאַרשטענדיקן מיט די ליטווינער. מיר האָבן געוואָלט פאַר יעדן פּרייז אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט די ליטווישע טוער. נאָך עטלעכע טעג פון ישוב־הדעת איז געבליבן, אַז ד״ר וו. זאָל אָנשרייבן אַ בריוו צום ליטווישן קאָמיטעט, בעטנדיק זיי זאָלן אָננעמען מיטלען, אַז דאָס ליטווישע יידנטום זאָל מיט די קלענסטע קרבנות אַריבערטראָגן אָט דעם שווערן פּעריאָד. פאַררופנדיק זיך אויף זיין געמיינזאַמער צוזאַמענאַרבעט מיט די ליט־ווינער, האָט ד״ר וו. פאָרגעלייגט צו רופן אַ געמיינזאַמע קאָנפערענץ אויף אויס־צואַרבעטן די יסודות פאַר געמיינזאַמער צוזאַמענאַרבעט פון ביידע פעלקער.

דעם בריוו האָט איך געזאָלט איבערגעבן דעם ליטווישן קאָמיטעט אין אַ באַשטימטן טאָג; אָבער, צוליב די כאַפּענישן אויפן גאַס, האָב איך צו דער באַשטימטער שעה ניט געקאָנט זיין ביי ד״ר וו. און דעם בריוו אין ליטווישן קאָמיטעט האָט איבערגעגעבן פלאַקס אליהו (דער לייטער פון בית־עולם).

ווען עס זיינען אַוועק עטלעכע טעג און קיין שום ענטפער איז ניט אָנגעקומען, האָב איך גענומען רעדן מיטן ד״ר וו. אַז מען זאָל שאַפן אַן אייגענעם יידישן אָרגאַן, וואָס זאָל פּרווון עפּעס טאָן אין דעם שווערן מאָמענט.

די אַלטע יידישע קהילה איז פאַר דער צייט פון דער ראַטנמאַכט ניט געווען טעטיק. פאַרשטענדיקן זיך מיט באַזונדערע פערזאָנען איז געווען זייער שווער און לעבנסגעפערלעך, דאָך איז מיט פאַרשיידענע וועגן געלונגען צונויפצושטעלן אַ צעטל פון אַ גרופּע מענטשן, אַלטע ווילנער געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס זאָלן שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכן אַרגאַן אָנצופירן מיט דעם יידישן לעבן אין שטאָט. כדי ניט צו רייצן די ליטווינער, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין קאָמיטעט זאָלן אַריין נאָר אַלטע ווילנער טוער, ניט קיין פּליטים.

ביז דעם אָנטשטיין פון געטאָ זיינען, צוליב די אַרעסטן פון די קאָמיטעט־מיטגלידער, פאָרגעקומען אַ סך ענדערונגען אין די קאָמיטעטן. צום קאָמיטעט האָבן אין משך פון דער צייט געהערט פאָלגנדיקע פּערזאָנען: אינזשיניער שאול טראָצקי. געוו. פירער פון די ווילנער יידישע סוחרים און ראַטמאַן פון ווילנער שטאָט־ראָט, אינזשיניער אַנאַטאָל פריד. וויצע־דירעקטאָר פון דער ווילנער שטאָטישער קרעדיט־קאַסע, אליעזר קרוק. פאָרזיצער פון די ווילנער האַנטווערקער, ישראל ווערבלינסקי. געוו. לייטער פון דער ווילנער קהילה, שעפסל מילקאָנאָוויצקי. געוו. וויצע־פאָרזיצער פון דער ווילנער קהילה, אינזש. יוסף שאבאד. אַדוו. קאַצענעלסאָן. אינזש. ב. פּרנס. א. ווענגראָווסקי, באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער קולטור־טוער. מיטגרינדער פון „טאָג“, פריילאַנדיסט, ד״ר שאבאד־גאווראָנסקאָ. פרוי ד״ר ליובאַ כאלעם. הרב שוב. פישמאַן — האַנטווערקער. אברהם זיידשנור. אַדוו. פּנחס קאָן. אַדוו. סייפער. אברהם זאַלקינד. אַדוו. גריגאָרי יאַשונסקי. אַדוו. זילבערשטיין. שפּעטער זיינען צוגעקומען: א. לאַנגבאַרד, שאול פּעטוכאָווסקי — וויצע־בירגערמייסטער פון שאַוול, און אייניקע אַנדערע. פאָרזיצער איז די גאַנצע צייט געווען אינזש. שאול טראָצקי. ד״ר וויגאָדסקי האָט ניט געהערט קיינמאָל צום קאָמיטעט. ער האָט מיר, ביי דער גרינדונג געזאָגט: „אין קאָמיטעט דאַרפן אַריינגיין מענטשן ענערגישע, יינגערע, וועלכע זאָלן אין אַזאַ צייט קענען עפּעס אויפטאָן. באַטירלעך, אַז איך וועל זיי העלפן מיט אַלץ, וואָס איך וועל נאָר קאָנען“. אַזוי איז טאַקע געווען.

דער יידישער קאָמיטעט האָט זיך באַזעצט אויף קאָמעניצקער גאַס נומער 6, אין אַ הויז, וואָס האָט געהערט אַמאָל צו דער חברה „צדקה גדולה“, און לעצטנס צו דער קהילה. דאָס הויז איז פון לאַנגע יאָרן געווען יידן גוט באַקאַנט — דאָרט האָט זיך אַמאָל געפונען די פּורים־יאַטקע. דאָס הויז איז געוואָרן דער צענטער פון אַלע יידישע ענינים, צרות און פּיין... דאָרט אַהין פלעגט מען קומען צו לויפן פון אַלע עקן שטאָט זוכן שוץ, הילף, אַן עצה — אַ זאַך וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויס לעבנסגעפאַר. זייער פיל אומגליקלעכע, וואָס זיינען געלאָפן זוכן הילף און רעטונג פאַר אַ משפּחה־מיטגליד, זיינען צום קאָמיטעט־

הויז ניט דערגאַנגען. מען האָט זיי פּשוט פון וועג פאַרכאַפּט — אַ גלייכער טראַקט אויפן עולם האמת...

די טוער פון יידישן קאָמיטעט, אַלע גוט באַקאַנטע לאַנגיאָריקע כלל־טוער, האָבן זייער פיל אַרבעט אָוועקגעלייגט אויף צו לינדערן די ליידן פון דער יידישער באַפעלקערונג. זיי האָבן געאַרבעט מיט מסירות־נפש. אָבער וואָס האָבן זיי געקאָנט אויפטאָן, ווען די איינשטעלונג פון דער מאַכט איז געווען להרוג ולאבד אַלעמען, אָן שום אויסנאָם און אונטערשייד.

דאַן האָט מען דאָס אָבער נאָך ניט געוווּסט און ס'איז איינגעלייגט געוואָרן ווען כדי צו פאַרלייכטערן מיט עפּעס דעם ביטערן גורל. יידן האָבן אויסגענוצט אַלע אומוועגן, כדי צו ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך. די וועגן האָבן געפירט צו די דייטשן און אָוודאי צו די ליטווינער.

## איין פרוי ראַטעוועט אַלע יידישע דאָקטוירים

דעם גרעסטן אויפטו האָט באַוויזן פרוי ד״ר כאַלעם. זי האָט באַקומען אַ קאָנטאַקט מיטן דייטשישן שטאַב־אַרצט. אַ סברה, אַז זי האָט צוזאַמען מיט אים שטודירט; זי איז געוואָרן די פאַרבינדל'ערין צווישן יידן און דעם ד״ר צעלער. זי האָט אַרויסבאַקומען פון אים אייזערנע שיינען פאַר אַלע יידישע דאָקטוירים, אַז מען זאָל זיי ניט כאַפּן פון גאַס אויף אַרבעט (די „אַרבעט״, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט געמיינט טויט אין פּאָנאַר). אין די שיינען איז געזאָגט געוואָרן, אַז מען טאָר אויך ניט רירן די וווינונג און מעבל פונעם דאָקטאָר. אין יענעם מאָמענט האָט דאָס געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט כמעט אַלע יידישע דאָקטוירים, און זיי זיינען טאַקע שפּעטער אַלע אַריין אין געטאָ. דאָס איז דאַן געווען אַ נס מן השמים, צו וואָס לאו כל אדם זוכה!

דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, בין איך אַוועק צו איר און געבעטן, אַז זי זאָל אַזעלכע שיינען זען צו באַקומען אויך פאַר די יידישע אַפּטייקערס. זי האָט מיר צוגעזאָגט און צוגעגעבן, אַז זי וועט זיך אויך באַמיען אַזעלכע שיינען צו באַקומען פאַרן גאַנצן יידישן מעדיצינישן פּערסאָנאַל. איך האָב איר צוגעשטעלט אַ רשימה פון אַלע יידישע אַפּטייקערס, אָבער ליידער איז עס געווען אַן אומזיסטע טרחה. דער ס״ה איז געווען אַ טראַגישער. פון די יידישע אַפּטייקערס האָט קוים איין פערטל דערלעבט אַריינצוקומען אין געטאָ; דריי פערטל זיינען אין משך פון די ערשטע צוויי אָקופּאַציע־חדשים צוגענומען געוואָרן פון די „כאַפּונעס״ און זיינען אומגעקומען אויף פּאָנאַר.

ווען פון מיינע באַמיאונגען צו ראַטעווען די יידישע אַפּטייקערס איז גאָרניט אַרויס, האָב איך די זאַך געוואָלט דורכפירן דורכן פאָרזיצער פון אַפּטייקער־פאַראיין, מאַגיסטער ראָמאַן גאָנטשאַרענקאָ.

דעם לעצטן האָב איך גוט געקענט און געוווּסט, אַז ער איז אַ העכסט אָרנטלעכער מענטש און וועט אַוודאי וועלן אונדז העלפן אין אַזאַ מאָמענט. דורך מיינע קריסטלעכע באַקאַנטע האָב איך אים צוּוויסן געגעבן, אַז איך וויל זיך מיט אים זען. ווײַסנדיק, אַז מײַן גיין אויפן גאַס איז פאַרבונדן מיט סכנת נפשות, איז ער פאַרנאַכט געקומען צו מיר אין שטוב, הגם דאָס איז פאַר אים אויך געווען גענוג געפערלעך. פון אים האָב איך זיך דערוווּסט וועגן גרויסן חורבן צווישן די רייען פון די יידישע אַפּטייקערס. אויף וועמען איך האָב געפרעגט, איז געווען איין ענטפער — צוגענומען פון די כאַפּונעס.

מיר האָבן באַשלאָסן צוזאַמען אַוועקצוגיין צום לייטער פון אַפּטייק־קאַנטאָר, נאַרבוט, און ביי אים בעטן צו העלפן ראַטעווען, וואָס מען קען נאָך ראַטעווען. אין קאַנטאָר גיין האָט מען געדאַרפט אינדערפרי, דאָס הייסט אין דער סאַמע געפערלעכסטער צייט, ווען אויף די גאַסן בושעווען די כאַפּונעס. גיין צוזאַמען האָבן מיר, נאָטירלעך, אויך ניט געקענט. מיט האַרצקלאַפּעניש האָב איך זיך דערקליבן אין אַפּטייק־קאַנטאָר, אויף ברייטער גאַס, אין זאַלקינדס הויז. דאָס גליק מײַנס איז געווען, וואָס די קאַנטאָר איז געווען נאָענט פון מײַן דירה. אויפגענומען האָט אונדז נאַרבוט זייער קאַלט. מיט פאַרוווּנדערטע אויגן האָט ער אויף מיר געקוקט. הגם ער האָט מיר גאָרניט געזאָגט, האָט מען דאָך געזען, אַז ער קען עפּעס ניט באַגרייפן ווי אַזוי איך האָב זיך גענומען ביי אים אין קאַנטאָר.

גאָנטשאַרענקאָ און איך האָבן אים קורץ אָנגעגעבן אונדזער ביטע. ער האָט געענטפערט קאַלט, אַז נעמען יידן אויף אַרבעט קען ער ניט און שײַנען אַרויס־געבן קען ער אויך ניט. בכלל ווענדט זיך די גאַנצע אָנגעלעגנהייט ניט אין אים, ער קען גאָרניט טאָן. די איינציקע זאַך, וואָס ער האָט אונדז צוגעזאָגט איז געווען, אַז ער וועט רעדן מיטן הויפּט־דאָקטאָר פון דער געזונטהייט־אָפּטיילונג וועגן דעם ענין. מיר האָבן באַשלאָסן צו וואַרטן אַ פּאָר טעג און גיין צו אים אַ צווייט מאָל, וואָס מיר האָבן טאַקע געטאָן. דער צווייטער שמועס איז געווען נאָך אַ קורצערער און מיר זײַנען אַוועק מיט גאָרניט. קאָנסעקווענצן פון די וויזיטן האָט געהאַט פּריינט גאָנטשאַרענקאָ. נאַרבוס האָט ביי אים גלייך צוגענומען די רעכט פון פאַרוואַלטן מיט דער אַפּטייק און אים איבערגעטראָגן אויף אַ פּשוטע שטעלע אין אַן אַנדערער אַפּטייק. דערביי האָט ער געמאָלדן גאָנ־טשאַרענקאָן, אַז אויב ער וועט נאָכאַמאָל וואַגן צו אינטערווענירן פאַר יידן, וועט ער גאָר מיאוס אָפּשניידן.

**„כאַפּונעס"... „כאַפּונעס"...**

די לאַגע אין שטאָט איז אָבער מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ טראַגישער.

מיראָן צוקערזיס איז צוגענומען געוואָרן פון זיין שטוב. ער האָט געוווינט אויף קליין־פּאָגולאַנקע נומער 11, אין וויניסקעס הויז (הירש מאַץ איז געווען וויניסקעס איידעם). דעם 11 יולי, אין אַ שיינער זומער־נאַכט, האָט מען צוגענומען אַלע יידישע שכנים פון זיין הויז, אין דער צאָל פון 60 מאַן. מיראָן איז געווען פאַרמאַצעווט העכער 30 יאָר אין ווילנע. זיינע אַלע יאָרן אָפּגעאַרבעט אין שירווינטס אַפּטייק אויף דייטשישער גאַס. דערנאָך איז די אַפּטייק אַריבער צו טורגעלן. לאַנגע יאָרן האָבן מיר צוזאַמען געאַרבעט אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און געווען גוטע חברים. מיראָן איז געווען באַליבט און געאַכטעט ביים יידישן עולם, וואָס פלעגט מאַסנווייז קומען אין אַפּטייק זיך מיישב זיין מיט אים וועגן אַלערליי חולאתן. זייער געערט האָבן אים אויך די יידישע און ניט־יידישע פאַרמאַצעווטן. ניט קוקנדיק אויף די שטענדיקע קאָנפליקטן, וואָס מיר האָבן געהאַט מיט די פּוילישע קאָלעגן אין פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע פראַגן, פלעגן זיי זיך דאָך רעכענען מיט צוקערזיסנס מיינונגען, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט רואיקייט און זאַכלעכקייט. ווען איך האָב איבערגענומען די ליטונג פון אַפּטייק אויף אַנטאָקאָליע, איז מיראָן אַריבער אַרבעטן צו מיר. פון זיין זייט איז דאָס געווען אַ קרבן, ווייל ער איז אַוועק פון אַן אָרט, ווו ער האָט אָפּגעאַרבעט העכער 30 יאָר.

דאָס צונעמען מיראָנען האָט מיך ממש דערשיטערט.

די גאַנצע שטאָט איז געווען הפקר. אָבער וואָס טוט מען דאָך; דער לעבעדיקער מענטש מוז דאָך לעבן און האָבן פון וואָס צו לעבן. ניט אַלע האָבן געהאַט אַלץ גרייט אין די הייזער, מען האָט דאָך געמוזט באַקומען פון ערגעץ אַ ביסל שפּייז.

אָט אין אַזאַ אַטמאָספער האָט מען אַדורכגעמאַכט דעם ערשטן אָקופּאַציע־פּעריאָד, וואָס האָט אָפּגעקאָסט די ווילנער יידן אַ סך בלוט.

*

קלאָר איז געווען, אַז די דייטשן האָבן דערמיט אָנגעפירט, אָבער אויסגעפירט די אַלע רציחות האָבן זיי אויסשליסלעך מיט די ליטווישע הענט. אַלץ האָט געטאָן דער ליטווישער קאָמיטעט, און מען מוז ליידער מודה זיין, אַז די ליטווינער האָבן געטריי און מיט פלייס אויסגעפירט אַלע פאַראָרדענונגען פון זייערע נייע באַלעבאַטים. איין זאַך איז נאָר ניט צו באַגרייפן, ווו האָבן זיך גענומען, איבער נאַכט, ביי לעבעדיקע מענטשן, וועלכע האָבן אַליין פרויען און קינדער, אַזעלכע חיהשע אינסטינקטן; ווי אַזוי זענען זייערע הערצער, ביין לילה, אַזוי פאַרשטיינערט געוואָרן, צו מאָרדן טאָג איין טאָג אויס אומשולדיקע מענטשן, פרויען, קינדער, אַלטע לייט. ווי האָבן זיך טויזנטער,

צענדליקער טויזנטער מענטשן, אין משך פון עטלעכע שעה צוגעפּאַסט צו דער פּראָפעסיע פון הענקער, פּרייוויליקע הענקער. ס'איז בשום אופן ניט צו באַגרייפן אָט די מעטאַמאָרפאָזע. איך רעד שוין ניט וועגן אַזאַ „קליינינקייט", ווי דאָס צוכאַפּן גלייך די פאַרלאָזענע הייזער מיט זייער האָב און גוטס, דאָס צונעמען פרעמדע פאַרמעגנס, פאַרלאָזענע אין אַזעלכע טראַגישע באַדינגונגען...

## געביטס־קאָמיסאַר הינגסט

אָט אין דער הפקרדיקער לאַגע איז דעם צווייטן אויגוסט 1941 אַריינגע־טראָטן אַ ראַדיקאַלע ענדערונג. אין דעם טאָג האָט זיך אין שטאָט באַוויזן דער געביטס־קאָמיסאַר פאַר ווילנע, הינגסט, און זיין רעפערענט פאַר יידישע ענינים, מורער.

מיט זייער אָנקומען זיינען אַלע ביזאַיצטיקע גזירות פאַרשאַרפט געוואָרן. די שטאָט האָט באַקומען אַ ציווילע פאַרוואַלטונג און די מאַכט פון די מיליטערישע קאָמענדאַנטן האָט זיך געענדיקט. די יידישע באַפעלקערונג איז אַריבער אין רשות פון צוויי ראַפינירטע מענטשן־פרעסער, וועלכע זיינען געקומען מיטן ציל אויסצוראָטן, אין דער ערשטער ריי, די יידישע באַפעלקערונג פון ווילנע.

גלייך ווי זיי זיינען אָנגעקומען אין שטאָט, האָבן זיי דורך דעם ליטווישן פאַרבינדונגס־מאַן, בוראקאס, גערופן צו זיך דעם גאַנצן יידישן קאָמיטעט. צו דער קאָנפערענץ איז אויך געגאַנגען, אויף דער פאָדערונג פון אַלע יידישע קאָמיטעט־מיטגלידער, ד״ר וויגאָדסקי, הגם, ער האָט, ווי געזאָגט, פאַרמעל צום קאָמיטעט ניט געהערט. הינגסט און מורער האָבן די קאָמיטעט־מיטגלידער אויפ־גענומען אויפן גאַס, נעבן זייער אַמט, שטייענדיקערהייט. די גאַנצע צייט האָבן זיי פאַר די אויגן פון די פאַרזאַמלטע געפאָכעט מיט שפּיצרוטן. הינגסט האָט געמאָלדן, אַז די יידן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן די מלחמה, מוזן דערפאַר טייער באַצאָלן און זיי מוזן תיכף ומיד איינצאָלן אַ קאָנטריבוציע אין דער הויך פון 5 מיליאָן רובל. בכלל דאַרפן יידן, לויט הינגסטן, אָפּגעבן אַלע ווערטפולע זאַכן, ווי: גאָלד, זייגערס, טייערע שטיינער א. א. וו. ווען ד״ר וויגאָדסקי האָט זיך אָפּגערופן: „איך, אַלס עלטסטער פון די יידן אין ווילנע" האָט אים מורער איבערגעריסן מיט אַ געשריי: „שווייג, דו אַלטער, שמוציקער יודע..."

פרוי ד״ר כאלעם האָט דאַן אַ זאָג געטאָן אַ פּאָר ווערטער וועגן קורצן טערמין, אָבער הינגסט האָט איר איבערגעריסן מיט אַן אויסגעשריי: „שווייג, דו הור איינע"... דער סוף איז געווען, אַז זיי האָבן פאַרהאַלטן אברהם זיידנשנורן און הרב שוב אַלס ערובניקעס, ביז מען וועט ברענגען די געפאָדערטע סומע געלט. „ווען ניט", האָבן זיי צום סוף דערקלערט, „וועט איר אַלע ווי די הינט

צעשאָסן ווערן". ווען איך בין אַ פּאָר שעה נאָך דעם וויזיט געווען ביי וויגאָדסקין, האָט ער ממש געציטערט, איבערגעבנדיק דעם פּאַרלויף פון דער „ערשטער קאָנפערענץ".

„איך בין דאָך ניט קיין שרעקעוודיקער, און די יעקעס קען איך דאָך ניט פון היינט", האָט ער געזאָגט, „אָבער דאָס וואָס מיינע אויגן האָבן היינט געזען, האָב איך זיך ניט געקענט פאָרשטעלן. צו אַ פּרוי, אַ דאָקטאָר, זאָל אַן אָפיציר, אַ פאָרשטייער פון דער מאַכט, אַזוי זיך אויסדריקן, צו מיר אַזוי זיך ווענדן, דאָס פּאַכען מיטן בייטשל פאַר די אויגן, ניין, פון די מערדער איז שוין ניטאָ וואָס צו דערוואַרטן. מען מוז שאַפן דאָס געלט, אפשר וועלן זיך די חיות מיט דעם באַרואיקן"...

דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל ווען ד"ר וו. איז געווען ביי די דייטשן, אַלס יידישער פאָרשטייער.

✶

ווי געזאָגט, איז דער נייער יידישער צענטער געווען אויף קאָמניצקער גאַס נומער 6, נעבן דער ביבליאָטעק „מפיצי השכלה". אַהער האָט מען זיך געצויגן מיט אַלע אומגליקן פון אַלע זייטן שטאָט, און אומגליקן האָבן זיך געשאָטן אויף די יידישע קעפּ אָן אַ סוף.

דערווייל האָט מען צווויסן געגעבן אין שטאָט וועגן דער אָרויפגעלייגטער קאָנטריבוציע. יידן האָבן גענומען ברענגען געלט, צירונג, גאָלדענע קייטן און זייגערס, פינגערלעך מיט טייערע שטיינער, אַלץ וואָס איז געווען אין יידישע הייזער פון דור־דורות, וואָס אונדזערע מאַמעס און באָבעס האָבן אויף זיך געטראָגן שבת און יום־טוב און בעת פאַמיליע־שמחות; צירונג, וואָס איז בחרדת הקודש איבערגעגאַנגען פון דור צו דור — דאָס אַלץ האָט מען איצט געוואָרפן אין גרויסע קעסטלעך, וואָס זיינען געשטאַנען אין קאָמיטעט אויף די טישן.

אַזוי ווי מען האָט אָבער מורא געהאַט צו גיין אין די גאַסן, האָט מען דורך דעם ליטווישן פאַרבינדונגס־מאַן אויסגעפּועלט אַ געוויסע צאָל שיינען אויף צו גיין אין שטאָט צונויפזאַמלען די קאָנטריבוציע.

יידן האָבן געגעבן, אַ ברירה האָבן זיי געהאַט? אַכציק יידן זיצן שוין לאַנגע וואָכן אַלס ערובניקעס, צוויי מאָן האָט מען ווידער פאַרהאַלטן, די איבער־ריקע דראָט מען מיט דערשיסן — היינט ווי קען מען ניט געבן... זאָל דאָס געלט זיין אַ כפּרה פאַר יידישע קעפּ...

אגב, איז דאָ געווען נאָך אַ מאָמענט, וואָס האָט באַוויזן יידן אַ סך צו געבן און שנעל צו געבן. דאָס איז געווען די מעשה „כאַפּונעס". מען האָט זיך אַליין געשאַפן אַ טעאָריע, אַז מיטן איינצאָלן די קאָנטריבוציע, וועט מען דערגיין

אָ שפּור פון די געכאַפּטע... טויזנטער הייזער זײַנען אין דעם געווען פאַר־אינטערעסירט.

די זאַמלונג האָט געדויערט ניט איין טאָג, נאָר עטלעכע טעג און לסוף האָט מען אַוועקגעטראָגן צו די באַנדיטן אַ קאַסטן מיט צירונג און גאָלד, ווי אויך אַ גרויסע סומע געלט.

נאַטירלעך איז דאָס געווען ווייט פון דעם, וואָס זיי האָבן געפאָדערט, אָבער זיי האָבן דאָס געלט צוגענומען, מיט דעם באַדינג, אַז מען וועט נאָך צוברענגען. דאָס געבראַכטע געלט האָט מען געמוזט סאָרטירן און פאַרפּאַקן, גענוי ווי אין אַ באַנק.

עס דאַרף פאַרצייכנט ווערן דער פאַקט, אַז אייניקע קריסטן, אמתע חסידי אומות העולם, זײַנען געקומען אין קאָמיטעט און געבראַכט געוויסע גאָלד־חפצים און געלט פאַר דער קאָנטריבוציע, אַלס אויסדרוק פון ביילייד און מיטגעפיל. שווער צו זאָגן, וויפל אַזעלכע פאַלן זײַנען געווען, אָבער זיי זײַנען געווען.

מען דאַרף דאָ פאַרצייכענען נאָך אַ מאָמענט, אַז ביי דער קאָנטריבוציע האָט קיינער ניט געליטן פון די קאָמיטעט־פאָרשטייער. א. זיידנשנור און הרב שוב זײַנען, נאָכן אָפּזיצן אין קעלער ביי היינגסטן עטלעכע טעג, באַפרייט געוואָרן, נאָכדעם ווי מען האָט איינגעצאָלט די ערשטע טייל פון דער קאָנטרי־בוציע, אין וועלכער איך האָב בייגעשטייערט מיט גאָלד און צירונג.

בעת דער קאָנטריבוציע־אַקציע האָב איך אויך באַקומען אַן אויפפאָדערונג צוצושטעלן זיך אין קאָמיטעט. ליידער האָב איך אין דעם מאָמענט ניט געקענט עפּעס וואָס טאָן אין קאָמיטעט, ווייל ביי מיר אין שטוב האָט פּאַסירט פאָלגנדיק אומגליק.

אין די זעלבע טעג האָט דער געביטסקאָמיסאַר היינגסט צוגעשיקט אַ מעלדונג אין קאָמיטעט, אַז יידן ווערט פאַרווערט צו גיין איבער אַ ריי צענטראַלע גאַסן, אַז יידן טאָרן בכלל ניט גיין אויף די טראָטואַרן, נאָר אויפן גאַס מיטן רינשטאָק. די מעלדונג איז אָנגעקומען אין קאָמיטעט בייטאָג, און שטאָט האָט מען נאָך וועגן דעם כמעט ניט געוווּסט. דער קאָמיטעט האָט קוים באַוויזן אַ קליינער צאָל מענטשן צוּוויסן געבן וועגן דעם. די דאָזיקע גזירה האָט אַמשווערסטן געטראָפן די יידישע פרויען. מענער פלעגן זיין זייער ווייניק אין גאַס, צוליב די כאַפּונעס זײַנען אַלע שטוביקע ענינים דערליידיקט געוואָרן דורך פרויען.

פאַרווערט צו גיין איז געוואָרן אויף די צענטראַלע גאַסן, ווי אָסטראָבראַם, ברייטע, געאָרגיעווסקע פּראָספּעקט (מיצקיעוויטשאַ) א. א.

טרעפט אַן אומגליק און מיין פרוי גייט אַוועק אויף אָסטראָבראַם צו אַ באַקאַנטער קריסטין. אויף צוריקוועג האָט זי שוין געוווּסט וועגן דער נייער גזירה, און זי איז געגאַנגען מיטן גאַס, אויף די ברוק־שטיינער. דורכגייענדיק

די אייזערנע בריק, האָבן אַ ריי מיליטערישע לאַסט־אויטאָס איר פאַרצוימט דעם וועג. זי איז געבליבן שטיין אינמיטן גאַס און כאָטש גיי אונטערן אויטאָ. די לאַגע איז געוואָרן קריטיש. כדי זיך צו ראַטעווען פון אַ זיכערן טויט איז די פרוי אַרויפגעשפרונגען אויפן טראָטואַר. אין דעם מאָמענט איז, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן אַ ליטווישער פּאָליציאַנט און זי אַרעסטירט. עס האָבן ניט געהאָלפן אירע טענות, אַז די לאַסט־אויטאָס וואָלטן זי דערדריקט און אַז זי האָט זיך געמוזט אויף אַ מאָמענט אַרויפכאַפּן אויפן טראָטואַר, און טאַקע נאָר אויף איין מאָמענט, ווייל די גאַנצע צייט איז זי געגאַנגען מיט דער גאַס. וואָס איז אָבער די פּעולה — קענסט רעדן צו אים ווי צו דער מויער. ער האָט זי אַוועקגעפירט אויף אָסטראָבראַם אין קאָמיסאַריאַט. דאָרט האָט די פרוי שוין געטראָפן נאָך אַזעלכע קרבנות, ווי זי. נאָך אַ פּאָר שעה האָט מען אַלע פרויען אָפּגעפירט אין לוקישקער טורמע. די טורמע איז אָבער געווען אַזוי געפּאַקט מיט יידן, אַז ס'איז ניט געווען קיין אָרט פאַר די פרויען, האָט מען זיי אָפּגעפירט אין דער פרויען־טורמע אויף סטעפּן־גאַס, נעבן פערד־מאַרק. אין אַ פּאָר שעה נאָכן פאַסירן האָט מען אונדז צווייסן געגעבן וועגן דעם אומגליק. וואָס טוט מען? ווי דערקלייבט מען זיך צום קאָמיסאַריאַט אויף אָסטראָבראַם, אַז מען טאָר ניט דורכגיין ניט די ברייטע־גאַס און אויך ניט די אָסטראָבראַם גופא. קיין אַנדערער דורכגאַנג פון אונדזער הויף איז ניט געווען. מיר זיינען דאָך אין רעכטן צענטער. דאָס האַרצרייסנדיקע געוויין פון די קינדער איז געווען אין לשער. לויפן אין קאָמיסאַריאַט אַריין, הייסט לויפן צום טויט, דאַן בלייבן די קינדער אָן דער מאַמען און אָן דעם טאַטן; ניט גיין — איז עס אַ זיכערער אומקום פאַר דער פרוי. און דאָ רוקט זיך דער זייגער נענטער צו דער פּאָליציי־שעה.

איך האָב זיך געזעגנט מיט די קינדער, מיט מיין מאַמען און בין אַוועק אויף גאָטס באַראָט... מיט וואָס פאַראַ געמיט איך בין געגאַנגען... ס'האָט מיר אָפּגעגליקט אָנצוקומען אין קאָמיסאַריאַט. דאָ האָב איך געטראָפן אַלס דיזשורנעם אַ באַקאַנטן ליטווישן פּאָליציאַנט. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם פאַל, האָט ער זיך פאַרן קאָפּ געכאַפּט: „ס'טייטש, ווי אַזוי האָט זי ניט געזאָגט, אַז זי איז דיין פרוי, איך וואָלט דאָך זי געוועזן גלייך באַפרייט. אָבער איצט איז שוין שפּעט און פאַרפאַלן. איך האָב אַזוי פיל פרויען ניט געקענט האַלטן אין קאָמיסאַריאַט און זיי אָפּגעשיקט אין טורמע". איך לייג אים פאָר צו באַצאָלן אַ געוויסע געלט־שטראָף, כדי ער זאָל מיר געבן אַ צעטל אין טורמע אויף צו באַפרייען. „ניין, זאָגט ער, די שטראָף מוז באַשטימען דער ליטווישער שטאָט־קאָמענדאַנט, און די שטראָף באַטרעפט פון 3000 ביז 15000 רובל"... איך בין געבליבן שטיין אַ דערשיטערטער. אַזאַ שטראָף! איין רובל האָט דאַן געקאָסט אַ קילאָ ברויט

אויפן שוואַרצן מאַרק. דאָס איז דאָך ממש אַ קאָנטריבוציע... דער פּאָליציאַנט האָט מיר דאַן געוויזן אַ געהיימע פאַראָרדענונג, וואָס זיי האָבן באַקומען, נאָך איידער מען האָט די גזירה צווויסן געגעבן אין יידישן קאָמיטעט...

דער זייגער איז געוואָרן פאַר 5, איך האָב געמוזט אַהיימלויפן, ווייל די קינדער גייען דאָך דאָרטן אויס ציטערנדיק פאַר אונדז ביידן.

אין שטוב זיינען מיך סיי די קינדער סיי די שכנים באַפאַלן, ווי אַ מענטש פון יענער וועלט. זיי זיינען געווען זיכער, אַז אויך איך בין שוין צוגענומען געוואָרן.

דאָס האַרץ האָט זיך געריסן צוזעענדיק די קינדערס וויינען און שרייען: מאַמע, מאַמע...

פון דער הילפסלאָזיקייט, פון צער פאַרן גורל פון טייערסטן מענטשן, פון צער פון דער מאַמען און קינדער — האָט דאָס האַרץ געדאַרפט צעריסן ווערן... אָבער דאָס האַרץ האָט אויסגעהאַלטן און די נאַכט איז אַריבער.

אינדערפרי בין איך גלייך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט — אַרויסצורייסן די פרוי פון די גזלנישע הענט. קודם כל בין איך אַוועק צום פּראָפ׳ בירזשישקאַ, בעטנדיק ביי אים אַ בריוו צום ליטווישן קאָמענדאַנט, ווייל די גאַנצע זאַך איז איצט געווען אין זיין רשות. איך מוז מודה זיין, אַז דאָס מאָל האָט מען מיך אויפגענומען זייער היימיש און גלייך מיר געגעבן אַ וואַרעמען בריוו צום קאָמענדאַנט. פול מיט האָפענונג בין איך געקומען צום שטאָט־קאָמענדאַנט, וועלכער האָט פאַרנומען די דירה פון געוועזענעם ווילנער באַנקיר און כלל־טוער ישראל בונימאָוויטש ע״ה, אויף גרויס פּאָגוליאַנקע, אין זיין גרויס הויז. מען האָט געמאַכט דאָרטן אַ גרינטלעכן רעמאָנט און איך האָב זיך געטראַכט: לויטן רעמאָנט נאָך קומט אויס, אַז זיי פאַרנעמען זיך אויף אַ לאַנג לעבן.

ווען איך האָב איבערגעגעבן דעם קאָמענדאַנט דעם בריוו, האָט ער מיר דערקלערט, אַז ס׳איז שוין צו שפּעט... ער האָט שוין אונטערגעשריבן דעם אורטייל — 3000 רובל שטראָף. אגב, זאָגט ער, איך האָב אַליין באַשטימט די קלענסטע שטראָף״... איך האָב געזען, אַז ער זאָגט אמת און אַרויספילנדיק, אַז קיין שום זאַך וועל איך פון אים מער ניט באַקומען, בין איך אַוועק אַהיים.

הגם, ווי געזאָגט, 3000 רובל איז אין יענעם מאָמענט געווען אַ היפּשע סומע, וועלכע מיר האָבן אין שטוב ניט געהאַט אין מזומן, איז דאָך די שמחה פון דער מאַמען און קינדער און שכנים געווען ניט צו באַשרייבן. עס האָט זיך אַוועקגעשטעלט די שאלה, וויאַזוי שאַפט מען דאָס געלט? מוז מען דאָך פאַר־קויפן פון שטוב־זאַכן. זיינען זאַכן דאַן געווען בחצי חינם — פשוט אומזיסט. ווו און ווי אַזוי פאַרקויפט מען אַזוי שנעל? צוויי טעג האָט געדויערט ביז מיר האָבן געשאַפן דאָס געלט. דאַן איז אַנטשטאַנען אַ ניי פּראָבלעם — ווי צאָלט

מען איין דאָס געלט אין באַנק. מיטן באַנק־קוויט האָט מען ווידער געדאַרפט גיין אין קאָמענדאַנטור, פון זיי באַקומען אַ צעטל אין טורמע אויף צו באַפרייען. ס'האָט געדויערט נאָך אַ טאָג און אַלע פאָרמאַליטעטן זיינען דערליידיקט געוואָרן. ס'רעדט זיך אַזוי לייכט — דערליידיקט געוואָרן... וויפל טויט־שרעק, וויפל לעבנסגעפאַרן בין איך און אַנדערע, וואָס האָבן מיר געהאָלפן, דורכגעגאַנגען, ביז מיר האָבן זוכה געווען צו באַקומען דאָס צעטל. מיטן צעטל בין איך אַוועק צום ליטווישן פּאָליציאַנט אין קאָמיסאַריאַט, אַז ער זאָל מיט מיר גיין אין טורמע, ווייל אַליין אַריינגיין אין טורמע האָב איך מורא געהאַט, מען האָט מיר אויך ניט געהייסן. דער פּאָליציאַנט איז געפאָרן אויף אַ ראָווער און איך בין געגאַנגען, ווי אַן אַרעסטירטער. אין טורמע איז אַריין נאָר דער ליטווין. אָבער דעם טאָג האָט מען די פרוי ניט באַפרייט, נאָר אָפּגעלייגט עס אויף מאָרגן... קוים איבער־געקומען די נאַכט. יעדע מינוט, יעדע סעקונדע האָבן מיר געציילט, ביז מיר האָבן זוכה געווען דורכן פענצטער צו דערזען די פרוי...

די שטוב איז געווען פול מיט שכנים. צווישן זיי אַ פאַמיליע פון אַן אָרעמען שניידער, וועמענס פרוי מען האָט אויך אין די טעג צוגענומען, פאַר וועלכער מען האָט געפאָדערט 15000 רובל אויסלייז־געלט. דער דאָזיקער שניידער האָט אַלץ אויסגעפאַרקויפט פון שטוב און די פרוי אַרויסגעראַטעוועט פון טורמע. די שמחה אין שטוב, די פרייד פון די קינדער...

דאָ ערשט האָט אונדז די פרוי איבערגעגעבן וועגן לעבן אין טורמע. עסן גיט מען 12 דעקאָ ברויט אַ מעת־לעת מיט אַ ביסל שוואַרצע ליורע, וואָס זיי רופן קאַווע. פון שטאָט לאָזט מען קיין זאַך ניט צו. די ענגשאַפט און שמוץ איז אַ שוידערלעכע. יעדע נאַכט נעמט מען צו פאַרטיעס מענטשן; וואָס מיט זיי קומט פאָר, ווייסט קיינער ניט. מ'זיצט דאָרט לאַנגע וואָכן. ווי וועמענס גורל פאַלט אויס. און דאָס זיינען נאָך געווען די האַניק־טעג... פון טורמע זיינען אַרויס, ווי מיין פרוי, נאָר געציילטע פרויען. די איבעריקע זיינען אַוועק גלייך אויף פּאָנאַר. דאָס, נאַטירלעך, האָט מען זיך דערוווּסט שפּעטער.

אָפּגעפּטרט די קאָנטריבוציע, האָט דער קאָמיטעט געמוזט גלייך זען צו רעגולירן די אַרבעטס־פראַגע. די כאַפּעניש אויף די גאַסן איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. ס'איז שוין פשוט אוממעגלעך געווען אַרויסצוגיין אין גאַס. הונדערטער און טויזנטער יידן זיינען ווי אין וואַסער אַריין. די ליטווינער, די „גוטע" האָבן געזאָגט, אַז מען פירט אַרויס אויף אַרבעט קיין רוסלאַנד: מינסק, וויטעבסק, האָמעל, סמאָלענסק א. א. וו. ביים צונעמען מענטשן פון די הייזער פלעגט מען הייסן נעמען מיט זיך אַ האַנטוך מיט זייף, מער גאָרניט, ווייל „דאָרטן וועט מען אַלץ באַקומען". ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דאָס געווען

ריכטיק, ווייל אויף פאַנאַר, ווזהין מען האָט די קרבנות אָוועקגעפירט, האָט מען שוין קיין זאַך ניט געדאַרפט...

דער יידישער קאָמיטעט האָט געמוזט רעגולירן די אַרבעטס־פּראַגע, ערשטנס צוליב זיכערהייטס־טעמים, צווייטנס — איז געוואָרן ברענענדיק די פּראַגע פון עקזיסטענץ. מען מוז לעבן און האָבן דעם מינימום צום לעבן. קיין פּראָדוקטן־קאַרטן האָבן יידן ניט געהאַט, קיין ברויט ניט, ווי לאַנג קען מען לעבן פון גרייטן? ביים עולם האָבן זיך אויסגעלאָזט די מיטלען און מען האָט מיט גרויס לעבנסגעפאַר געזוכט עדטער ווו צו אַרבעטן, אַבי צו ברענגען ברויט און עפּעס צום ברויט. טייל יידן האָבן אַליין פאַר זיך געשאַפן אַרבעטס־פּלעצער ביי די דייטשן, ביי ליטווינער. אַ סך יידן האָבן באַקומען אַרבעט דורך דעם יידישן קאָמיטעט, וועלכער האָט, דורך דעם ליטווישן פאַרבינדונגס־מאַן, בוראקאַס, באַקומען די „קאָנצעסיע" אויף צוצושטעלן יידישע אַרבעטער, אויף יעדער פאָדערונג פון די דייטשן און ליטווינער. פאַרטאָג פלעגן זיך טויזנטער יידן שטעלן אין קאָמיטעט און פון דאָרטן פאַרטיעסווייז גיין צו זייערע אַרבעטס־פּלעצער. דאָס איז געווען אַ כמו־פאַרזיכערונג, אַז מען וועט ניט צוכאַפּן פון גאַס. אָבער אויך דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ קנאַפּע סגולה, ווייל עס האָבן פּאַסירט אַ סך פאַלן פון צונעמען די גאַנצע פאַרטיע פון גאַס... מיט דער דאָזיקער אָפּטיילונג האָט די לעצטע צייט אָנגעפירט א. לאַנגבאַרד, כאָטש ער איז ניט געווען קיין מיטגליד אין קאָמיטעט. אויף דעם פּאָסטן איז ער טאַקע אומ־געקומען.

ביז דער מלחמה איז לאַנגבאַרד געווען אַן אייזן־סוחר. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ער געווען דירעקטאָר פון אַן אַלטער, גרויסער יידישער באַנק. לאַנגבאַרד איז געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער יידישער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

### מען זוכט אַרבעטער פאַר דער פּראָווינץ

אַ גרויסע צאָל יידן האָבן זיך דאַן פאַרשריבן אויף אַרבעט אין דער פּראָווינץ, רעכענענדיק אַז דאָרט וועט זיין רואיק. מען איז אַרויסגעפאָרן אויף אַרבעט אין קענע, זאַטראַטשע, טשאַרני־גור, ביאַלע־וואקע א.א.וו. דאָרט האָבן יידן געאַרבעט ביים גראָבן טאָרף, אַ געוויסע צייט איז זיי דאָרט געווען ניט שלעכט, הגם די אַרבעט איז געווען אַ קאַטאָרזשנע. יידישע שטאָטישע יונגעלייט, וואָס האָבן אויף זייער לעבן קיין טאָרף ניט געזען, זענען געווען געצוווּנגען צו אַרבעטן האַלב נאַקעטע אין די זומפּן פון פאַרטאָג ביז אין דער נאַכט אַריין. ביי דער אַרבעט זיינען אויך באַשעפטיקט געווען פיל פרויען, און עס איז ממש צו באַוווּנדערן די אַרבעטס־קראַפט, דעם אויסדויער פון אונדזערע יידישע

מיידלעך. במשך פון אַ קורצער צייט האָבן זיך אונדזערע בחורים און מיידלעך גלענצנדיק ספּעציאַליזירט אין דער אַרבעט. מיט גרויס מוט און גלויבן אין אַ בעסערן מאָרגן, האָבן זיי זיך לייכט צוגעפּאַסט צו דער נייער, שווידערלעכערווירקלעכקייט. די אַרבעט אויף דער פּראָווינץ האָט געהאַט נאָך אַ יסודותדיקע מעלה — דאָרט האָט מען געקאָנט לייכט באַקומען פּראָדוקטן ביי די אַרומיקע פּויערים. נאַטירלעך, איז דער דאָזיקער קאָנטאַקט מיט די פּויערים געווען אַ ניט לעגאַלער, און ניט איין יידישער יונגערמאַן אָדער פרוי האָבן דערפאַר באַצאָלט מיט זייערע יונגע לעבנס. דאָך האָט מען געמאַכט געשעפטן מיט די אַרומיקע פּויערים און באַקומען ביי זיי צו עסן ניט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר די נאָענטסטע, די געבליבענע אין שטאָט. די, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי די דייטשן אָדער ביי ליטווינער אין שטאָט, האָבן באַקומען באַשטעטיקונגס־שיינען, אַז זיי אַרבעטן אין דער אָדער אַנדערער אינסטיטוציע. די דאָזיקע שיינען האָבן געדאַרפט זיין אַ סגולה קעגן די כאַפּונעס. צוערשט פלעגן די שיינען אַרויסגעבן די אינסטיטוציעס אַליין מיט זייערע שטעמפּלען. דערנאָך, אַז די כאַפּונעס האָבן זיך אויפגעהערט רעכענען מיט די דאָזיקע שיינען, האָט מען זיי געשטעמפּלט מיט ליטווישע אָדער דייטשישע אָפיציעלע שטעמפּלען, אַז דאָס איז אויך געוואָרן ווייניק, האָט מען די שיינען באַזאָרגט מיטן ליטווישן מלוכה־שטעמפּל. וואָס זיין עמבלעם איז אַ פערדל. ווען די כאַפּונעס האָבן אויך אויף דעם שטעמפּל קיין אַכט ניט געלייגט, האָט מען געזוכט צו דערגרייכן אַ שטעמפּל מיטן האַקנקרייץ. עטלעכע וואָכן איז מען אין שטאָט געווען פאַר־טומלט מיט די שטעמפּלען. וואָס איז אָבער די פּעולה, דער אָדער יענער שטעמפּל. די ליטווישע כאַפּונעס ווילדעווען אין שטאָט אָן אויפהער. מען כאַפּט פון די גאַסן אַראָפּ כסדר, מיט שיינען — מיט פערדלעך, מיט האַקנקרייצן, מען קוקט אויף גאָרניט. מענטשן ווערן פאַרשווּנדן, ווי אין וואַסער אַריין...

איך בין צו קיין שום אַרבעט ניט געגאַנגען. אַרבעטן ביי די דייטשן האָב איך ניט געוואָלט. עטלעכע מאָל האָב איך געהאָלפן דעם קאָמיטעט ביי פאַר־שיידענע אַקציעס. דאָקעגן בלייבן אין קאָמיטעט, אויף שטענדיק, איז געווען אוממעגלעך, ווייל קיין שיין האָט מיר דער קאָמיטעט ניט געקענט געבן, ווידער אָן אַ שיין צו זיין אין קאָמיטעט, האָט מיך א. לאַנגבאָרד פּשוט ניט געלאָזט, האַלטנדיק, אַז דאָס איז זייער געפערלעך. אַזוי איז טאַקע געווען.

עטלעכע טעג בין איך געבליבן אין שטוב. אָבער דאָס זיצן אין שטוב איז געווען ניט ווייניקער געפערלעך. די לאַגע איז געוואָרן ממש ניט צום אויסהאַלטן. די קאָמיטעט־מיטגלידער האָבן אָנגעוואָנדן אַלע זייערע כוחות, כדי צו העלפן, צו לינדערן די נויט פון דער יידישער באַפעלקערונג. וואָס האָבן זיי אָבער, נעבעך, געקענט טאָן?

אין אַ געוויסן טאָג אין קאָמיטעט, ביי אַ שמועס מיט מיין אַלטן אוניווערסי־טעט־חבר אַדוו. פּנחס קאַן וועגן דער טראַגישער לאַגע, דערהערן מיר פּלוצלינג אַ טומל פון גאַס. ווייזט זיך אַרויס, אַז פון קאָמיטעט־טויער האָט אַ ליטווין אַ כאַפּ געטאָן דעם אָנקומענדיקן הרב שוב. מיר זיינען אַרויסגעלאָפן צום ליטווין, געבעטן ביי אים אָפּצולאָזן דעם רב. אָנגעבאָטן אים וויפל ער וויל נאָר אַליין, אָבער, רעד צו דער וואַנט. דער ליטווין האָט דעם רב אַוועקגעפירט. אַזוי איז דער הרב שוב, וואָס איז אין די טעג געווען זייער אַקטיוו, אומגעקומען אויף פּאָנאַר. אין די זעלבע טעג איז די שטאָט איבערגעטרייסלט געוואָרן פון אַ צווייטער ענלעכער ידיעה: פון זיין שטוב האָט מען צוגענומען דעם אַלטן, באַליבטן און געשעצטן הרב פריד. דער אַלטער רב איז געווען קראַנק, שוואַך און האָט ניט געקענט אַליין גיין. עטלעכע יידן, שכנים, האָבן דעם רב געטראָגן אויף זיך, און אַזוי זיינען זיי אַלע אומגעקומען. קיין שום אינטערווענצן פאַר די ביידע צוגענומענע רבנים האָבן ניט געהאָלפן.

הרב פריד איז אין ווילנע געווען אויך מיליטערישער רב. ער פלעגט איינשווערן די יידישע זעלנער ביים רעקרוטירן זיי אין מיליטער.

אין די ערשטע צייטן האָבן נאָך יידן געהאַט אַ דירעקטן קאָנטאַקט, סיי מיט די דייטשן סיי מיט די ליטווינער. ביי מיין זיין אַמאָל אין ליטווישן קאָמיטעט וועגן מיין פרויס אַרעסט, האָב איך דאָרט געטראָפן אליעזר קרוק (פאָרזיצער פון די האַנטווערקער) און אַדוו. פּנחס קאַן. זיי זיינען געקומען אין ענינים פון דער קאָנטריבוציע. אויף מיין פראַגע וועגן דער לאַגע, האָבן זיי געענטפערט: „ביטער, זייער ביטער"... איך האָב זיי דערציילט וועגן מיין אומ־גליק, האָבן זיי מיך אינפאָרמירט, אַז דער דירעקטער קאָנטאַקט מיט דער מאַכט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. די דייטשן האָבן באַשטימט אַ ליטווין, בוראקאַס, אַלס פאַרבינדונגס־מאַן. פון דעם מאָמענט אָן האָט מען זיך וועגן יעדער זאַך געמוזט ווענדן צו בוראקאַסן און דורך אים אַלץ דערלידיקן. דאָס איז געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ, ווייל יידן האָבן געהאַט באַקאַנטשאַפטן מיט ליטווינער און געקאָנט דורך זיי עפּעס וואָס דערליידיקן, לכל הפחות, עטוואָס פאַרלייכטערן אין איינצלנע פאַלן.

### אומקום פון נח און פאַולאַ פּרילוצקי

מ'האָט זיך גענומען אינטערעסירן מיט נח פּרילוצקי.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן איז מען געקומען אין זיין וווינונג און געפאָדערט, אַז ער זאָל אָפּגעבן זיין ראַדיאָ־אַפּאַראַט (דעם אַפּאַראַט האָט נח באַקומען פון מיין שוואָגער). פאַולינאַ האָט געענטפערט, אַז זי וועט באַלד אָפּשיקן דעם אַפּאַראַט דורכן וועכטער. „ניין", האָבן די ליטווינער געענטפערט: „אָט שוין,

ניט אַפלייגן". „נו, גוט", זאָגט פאַולאַ, „קומט, איך וועל אים אַוועקטראָגן, ווייל דער פראָפעסאָר איז קראַנק און קען ניט גיין". די ליטווינער מיט זייער קאַטעגאָרישן „ניין גאָר דער פראָפעסאָר אַליין מוז גיין מיט אונדז און טראָגן דעם אַפאַראַט". עס האָט גאָרניט געהאָלפן. נח פרילוצקי האָט קראַנקערהייט געמוזט טראָגן דעם אַפאַראַט. אויפן וועג האָבן זיך די ליטווינער לוסטיק געמאַכט איבער אים. מ׳האָט אים קוים דערלעבט צו זען צוריק אַ לעבעדיקן.

אין דער צייט איז קיין ווילנע אָנגעקומען ד"ר פאל, פון ראָזענבערג־שטאַב. ד"ר פאל האָט גוט געקענט יידיש און העברעיש — אַמאָליקער צוהערער פון העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. ער איז דאָס איצט געוואָרן דער ממונה איבער די קולטור־אוצרות, וואָס ווילנע — ירושלים דליטא — האָט אָנגעזאַמלט זייט דורות. די אוצרות זיינען איצטער אַריבער אין די הענט פון אַ ווילדער חיה, וואָס האָט אָנגעהויבן אַ סיסטעמאַטישע אַרבעט פון פאַרוויסטן און פאַר־ניכטן.

קודם כל האָט זיך ד"ר פאל גענומען צום „ייוואָ". נח פרילוצקין האָט מען אַוועקגעפירט אין „ייוואָ", ווו ד"ר פאל האָט געפאָדערט פון אים אַ גענויע רשימה פון אַלע מערקווירדיקייטן און אוניקאַטן, וואָס געפינען זיך דאָ. די דאָזיקע אַרבעט האָט געדויערט אַ פאָר וואָכן, און פרילוצקי פלעגט יעדן טאָג גיין, אין דער באַגלייטונג פון אַ ליטווישן פאָליציאַנט, צו דער אַרבעט אין „ייוואָ" און צוריק אַהיים. פאַר דער צייט האָב איך זיך אַ פאָר מאָל געזען מיט פאַולאַן. זי איז געווען גוט איבערגעשראָקן צוליב דער צו־נאָענטער מחותנים־שאַפט מיט ד"ר פאל. זי האָט פאָרויסגעפילט, אַז מיט קיין גוטס וועט זיך דאָס ניט ענדיקן. אין איינעם אַן אָוונט איז פרילוצקי אַהיים שוין ניט געקומען; פון „ייוואָ" האָט מען אים אַוועקגעפירט אין געשטאַפאָ, פון געשטאַפאָ איז ער אָבער ווייטער יעדן טאָג געבראַכט געוואָרן אין „ייוואָ". אין שטוב איז ער שוין מער ניט געקומען. פאַולאַ פלעגט זיך מיט אים זען אין „ייוואָ", וווהין זי האָט אים געברענגט וועש און פראָדוקטן. די דאָזיקע לאַגע האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג. אין אַ באַשטימטן פרימאָרגן איז פרילוצקי בכלל שוין ניט גע־בראַכט געוואָרן אין „ייוואָ".

עס זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע ווערסיעס וועגן אים, צווישן אַנדערע, אַז מ׳האָט אים אַרויסגעשיקט קיין דייטשלאַנד אין ראָזענבערגס הויפטשטאַב, אויף וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. אָבער דער אמת איז געווען אַ צווייטע ווערסיע: מען האָט אים געזען אין לוקישקער טורמע אַ צעבלוטיקטן, אַ צעמזיקטן, דער פאַרבלוטיקטער קאָפ פאַרבונדן מיט אַ שטיק העמד. אין אַזאַ צושטאַנד איז ער געלעגן אויף דער ערד אין טורמע. אין דעצעמבער 1947 האָב איך אין אַ יידישער אויסלענדישער צייטונג געלייענט אַ נאָטיץ, אַז „אין פאָמעראַניע האָט דאָס

פוילישע געריכט פאַראורטיילט צום טויט דעם פּאָליאַק קאָנסטאַנטין גאַיזעווסקי, אַ מיטאַרבעטער ביי דער „געשטאַפּאָ" אין ווילנע, וועלכער איז געפונען געוואָרן שולדיק אין דערמאָרדן די מיטגלידער פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט „ייוואָ" אין ווילנע. איינער פון זיינע קרבנות איז געווען דער באַרימטער יידישער שריפטשטעלער נח פרילוצקי"...

דאָנערשטיק, דעם 18טן מערץ 1965, זיינען אין דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע" נומער 43 פאַרעפנטלעכט געוואָרן ידיעות און דאָקומענטן, געפונענע אין ווילנע, וועגן נח פרילוצקי:

„אין דער פאַפּקע פון זיין פערזענלעכן ענין געפינט זיך דער אויסצוג פונעם „אַקט 2—1" פון 1טן יולי 1941, לויט וועלכן עס ווערן באַזייטיקט פון אוני־ווערסיטעט אַלע מיטאַרבעטער־יידן. די באַזייטיקונג ווערט גערעכנט פון 22טן יוני, ס'הייסט רעטראָאַקטיוו... אונטערגעשריבן האָט דעם באַפעל דער רעקטאָר מיקאָלאַס בירזשישקאַ, וואָס האָט ווי אַ ליטווישער בורזשואַזער נאַציאָנאַליסט, גענומען אַקטיוו דינען דעם מערדערישן פאַרכאַפּער... א. א. וו.

אין דער פאַפּקע געפינט זיך אויך פרילוצקיס דאָצענט־צייגעניש פון ווילנער אוניווערסיטעט. די צייגעניש איז אַדורכגעקרייצט מיט צוויי רויטע שטריכן, זי אומגילטיק געמאַכט. פאַראַן דאָרט אויך אַ קליין קאַרטל פון שטייפן, דורך דער צייט פאַרגעלט געוואָרענעם פּאַפּיר. דאָס איז דאָס רעיעסטער־קאַרטל וועגן נח פרילוצקין ביי דער געשטאַפּאָ. צו זיי איז ער אַריינגעפאַלן דעם 28טן יולי 1941. אין דער שורה „אַרויסגעלאָזן" איז צוגעשריבן ציניש מיט טינט: „ליקווידירט דעם 12טן אויגוסט 1941". דער אונטערשטורמפירער פּאַלענזיווען, דער „זאַכבאַאַרבע־טער" פון „פרילוצקיס ענין" האָט אייגנהענטיק געשיקט דעם באַוווסטן וויסנ־שאַפטסמאַן צום טויט.

אָט אַזוי האָט פאַרענדיקט זיין לעבן איינער פון די אָנגעזעענע, אַקטיווע, מוטיקע און הויך־געבילדעטע יידישע פערזענלעכקייטן פון פוילישן יידנטום — אַ מענטש וואָס האָט געשמט מיט זיין שאַרפזיניקן מח און אומדערמידלעכער אַרבעטזאַמקייט, וואָס האָט אומשאַצבאַרע פאַרדינסטן פאַר ערנסטע פאָרש־אַרבעטן אויף אַ סך יידישע געביטן, צווישן אַנדערע: פון דער יידישער שפּראַך, מאָדערנער יידישער קולטור א. א. וו."

אַ חוץ פרילוצקין האָט דאָן אין „ייוואָ" געאַרבעט, אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר פאַל, אַ גרעסערע גרופּע יידישע וויסנשאַפטלער, שרייבער און געוועזענע מיטאַרבעטער פון „ייוואָ" מיט קאַלמאַנאָוויטשן בראש. לויט דייטשישע באַ־שטעלונגען פלעגן זיי צוגרייטן פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, פאַרפּאַקן די ביכער־אוצרות אין קאַסטנס. ביי דער געלעגנהייט האָבן זיי פאַרשטעקט און

אַריינגעבראַכט אַ סך אַנטיקן פאַר דעם געטאָ־אַרכיוו און מוזעאום, וואָס זיינען שפּעטער געשאָפן געוואָרן.

אַזוי האָט אויך טראַגיש געענדיקט פרילוצקיס פרוי פּאַולאַ. זי איז דעם 6טן סעפּטעמבער אַריינגעטריבן געוואָרן אין דער גרויסער געטאָ, אויף רודניצקער גאַס. זי האָט געבומען מיט זיך אַ נישטיקע צאָל זאַכן, ווייל ווייפל, משטיינסגעזאָגט, האָט זי געקענט שלעפּן. אַלע אַנדערע זאַכן האָט פּאולינאַ, פאַרן אַריבערגיין אין געטאָ, אַריבערגעשיקט צו באַקאַנטע ליטווישע פּראָפעסאָרן אויף צו באַהאַלטן. אין געטאָ איז זי געקומען מיט ליידיקע הענט און האָט באַלד געליטן דחקות און בויט. איך האָב געלעבט אין דער צווייטער, קליינער געטאָ. אין פאַרלויף פון דער 6־וואָכיקער עקזיסטענץ פון דער קליינער געטאָ, האָב איך צוויי מאָל אָפּגעזוכט פּאַולינען. זי האָט זיך פאַר מיר ביטער באַקלאָגט אויף איר עלנטקייט, פאַרלאָזנקייט און אוממענטשלעכער באַהאַנדלונג מצד אירע שכנים. ספּעציעל פאַרביטערט איז זי געווען אויף די יונגע שרייבער. זי האָט ניט געהאַט, פּשוט, מיט וואָס דעם טאָג דורכצולעבן. איך האָב איר איבערגעלאָזט אַ ביסל געלט, אָבער מער האָב איך ניט געהאַט די מעגלעכקייט מיט איר זיך צו קאָמוניקירן.

ווען איך האָב זיך געראַטעוועט מיט מיין פאַמיליע בעת דער ליקווידאַציע פון דער קליינער געטאָ, און מיר זיינען אַריין אין דער גרויסער געטאָ, בין איך דאָרט דערגאַנגען דעם ביטערן סוף פון פּאַולינען.

אַ פּאָר טעג נאָך דער ליקווידאַציע פון דער קליינער געטאָ, האָט דער יודנראַט פון דער גרויסער געטאָ צווייסן געגעבן דער באַפעלקערונג: ווער עס וויל, קען אַריבערגיין אין דער ליקווידירטער געטאָ, באַקומען דאָרט אַ גוטע גרויסע דירה, קען אַפילו נעמען געבליבענע זאַכן פון די אַרויסגעפירטע מענטשן. אַ סך זיינען טאַקע אַוועק אַהין. ס'איז אויך ניט קיין ווונדער, ווייל מען איז געווען, פּשוט, צעטומלט און רעזיגנירט. אַזוי זיינען פרייוויליק אַוועק צוריק אין דער ליקווידירטער געטאָ: חיים רעמיגאָלסקי, אַדוו. סמילג (דער אַלטער), יוטאַן און נאָך אַ סך אַנדערע. צו דערזעלבער צייט האָט אָבער די יידישע פּאָליציי גענומען מיט געוואַלט אַרויסטרייבן מענטשן פון דער גרויסער געטאָ. אין דער ערשטער ריי אַלע אַלטע לייט פון פּראָוויזאָרישן מושב־זקנים. מ'האָט געטריבן סתם אַלטע, עלנטע מענטשן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיינעם, וואָס זאָל זיך פאַר זיי איינשטעלן. צווישן אַט די אַרויסגעיאָגטע דורך דער יידישער פּאָליציי האָט זיך אויך געפונען פּאַולינע. פאַרשטייט זיך, אַז ווי נאָר עס האָט זיך דאָרט אָנגעקליבן אַ גרעסערע צאָל מענטשן, זיינען גלייך אָנגעקומען די מערדער און אַלעמען אַוועקגעשיקט אויף פּאָנאַר.

די אומגליקלעכע האָבן זיך געכאַפּט, אַז מען האָט זיי אָפּגענאַרט. זייערע רוף־צעטעלעך מען זאָל זיי ראַטעווען האָבן קיין פּעולה ניט געהאַט. צום אומגליק

איז שוין קיין צוריקוועג ניט געווען. פון פּאָלינען זיינען אויך אָנגעקומען, ווי מ'האָט מיר איבערגעגעבן, האַרצרייסנדיקע בריוולעך, ס'איז אָבער ניט געווען ווער עס זאָל זיך מיט איר גורל פאַראינטערעסירן.

אָט אַזוי איז אומגעקומען די רומפּולע פאַמיליע פּרילוצקי.

**אומקום פון ד"ר יעקב וויגאָדסקי**

צו דערזעלבער צייט האָב איך פאַרלאָרן מיין צווייט הויז, ווו איך האָב זיך, אין משך פון העכער צוואנציק יאָר, געפילט ווי אַן אייגן קינד. דאָס איז געווען דאָס הויז פון ליבן און האַרציקן ד"ר יעקב וויגאָדסקי. ווען מיר האָבן זיך באַקענט, איז ד"ר וויגאָדסקי געווען אַ ציוניסט, אַ פּראָמינענטער יידישער כלל־טוער, און איך — אַ יונגער סטודענט, דערצו נאָך אַ פּאָלקיסט־דעמאָקראַט פון ד"ר צמח שאַבאַדס חדר. בכלל איז אין ווילנע ניט געווען אַזאַ פאַרביסענער אַנטאַגאָניזם צווישן די פּאַרטייען און פּאַרטיי־טוער, ווי אין וואַרשע אָדער לאָדזש.

פאַר דער לעצטער מלחמה האָב איך 14 יאָר געלעבט אין לאָדזש. פאַר דער צייט איז מיר ניט אויסגעקומען צו זיין אויף קיין איין איינציקער אונטערנעמונג, וווּ עס זאָלן זיצן ביי איין טיש פאָרשטייער פון אַלע יידישע ריכטונגען. אין בעסטן פאַל פלעגן זיך צונויפקומען די יידישע בירגערלעכע עלעמענטן באַזונדער און די יידישע סאָציאַליסטישע — באַזונדער.

גאַנץ אַנדערש איז געווען אין ווילנע, לכל הפחות אין די ברוויזנדיקע יאָרן 1919—1925.

דאָ זיינען פאָרגעקומען הערלעכע באַנקעטן לכבוד שלום אַש, אַפּאַטאָשו, קלאַראַ יאַנג, דער ווילנער טרופּע, „דזשאָינט"־פאָרשטייער, קינסטלער מינקאָווסקי און נאָך און נאָך. ביי די טישן פלעגן זיצן די אָנפירער פון בונד, ציוניסטן, דעמאָקראַטן — ליבקע און רעכטע, יונגע פּאַרטיי־טוער און אַלטע פּראָמינענטע פערזענלעכקייטן. אויף עטלעכע שעה פלעגט זיין אַן אמתע אידיליע. ביי אַזאַ אַטמאָספער איז מעגלעך געווען, אַז טראָץ מיין אידעישער נאָענטקייט צו ד"ר צ. שאַבאַד, בין איך צו דערזעלבער צייט געווען אַן אַריינגייער אין די הייזער פון ד"ר גערשוני און ד"ר וויגאָדסקי — אויסגעשפּראָכענע ציוניסטן.

אויף מיין חתונה איז ד"ר וויגאָדסקי געווען דער אונטערפירער.

אין 1918, ווען ד"ר וו. איז צוריקגעקומען פון דייטשישן קאָנצענטראַציע־לאַגער, האָט ער זיך געפונען אין זייער אַ קריטישער מאַטעריעלער לאַגע. זיין גרויסע מעדיציניש פּראַקטיק האָט ער פאַרלוירן, די גאַנצע צייט האָט ער געווידמעט, אויסשליסלעך, געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. געלעבט האָט ער פון אויס־פאַרקויפן זיינע שטוב־חפצים.

אין אַ געוויסן טאָג, האָב איך באַמערקט ביי אים, אַז אַ שטיק אין סאַלאָך־זימער איז ליידיק. דער אַלטער וויצלינג האָט באַמערקט מיין פאַרוווּנדערונג און אַ זאָג געטאָן: „אָ, צו וואָס דאַרף איך האָבן אַ סטראַשידלע — אַ ראַיאַל. איך האָב זי פאַרקויפט און אַראָפּ פון מאַרק״. פאַרקויפט אויף ברויט. ער האָט זיך אָבער ביסלעכווייז צוריק איינגעשאַפט אַ קליינע פּראַקטיק און אָנגעהויבן אַרבעטן אין פּרויען־קליניק פון זווערינעץ, וועלכע האָט געהערט צו דער יידישער קהילה.

ווען ד״ר וו. איז אין 1921 אַריין, דורכן מינדערהייטס־בלאָק, אַלס דעפּוטאַט אין סיים, איז אים מאַטעריעל ניט אַ סך לייכטער געוואָרן, ווייל ער האָט געמוזט לעבן און אויסהאַלטן צוויי דירות. ער פלעגט דאַן זיך אָפּט פאַרקלאָגן פאַר מיר אויף דער יידישער פּרעסע, וועלכע דרוקט כסדר זיינע אַרטיקלען, אָבער געפינט ניט פאַר נויטיק צו צאָלן דערפאַר... שפּעטער איז צו אים געקומען זיין ברודער, אַ באַקאַנטער גוט־סיטואירטער אַדוואָקאַט, דעמאָלט איז אים אַ ביסל לייכטער געוואָרן. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען דער גורל האָט מיך פאַרוואָרפן קיין לאָדזש, האָב איך זיך מיט ד״ר וויגאָדסקין געטראָפן אין וואַרשע אין סיים. קומענדיק קיין ווילנע סוף סעפּטעמבער 1939, בין איך ווידער געוואָרן אַ בן־בית ביי אים.

אָנהויב זומער 1941 איז אָנגעקומען קיין ווילנע ד״ר וויגאָדסקיס טאָכטער, די באַקאַנטע סאָוויעטישע שריפטשטעלערין פרוי ברושטיין, מיט איר דערוואַק־סענער טאָכטער פון מאָסקווע. דעם דאָקטאָרס שטוב האָט אויפגעלעבט. צו זיי פלעגן קומען פיל געסט און באַזוכער. די גאַנצע צייט, וואָס די טאָכטער מיטן איינינקל זיינען געווען, איז די שטוב געווען פול מיט לעבן, סיי דער דאָקטאָר סיי זיין פרוי זיינען געווען איבערגליקלעך. עפּעס אַ קלייניקייט — אַזעלכע געסט פון מאָסקווע. מיין פרוי און איך פלעגן אַהין קומען כמעט יעדן טאָג. זיי געהאָלפן באַזאָרגן אַ סך זאַכן, נויטיקע קלייניקייטן. איך האָב מיט זיי צוזאַמען דורכגעמאַכט זייער פאַמיליען־פרייד.

גאַנצע שעהען פלעגן מיר אָפּזיצן און הערן ווענן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד, וועגן די מלחמה־פּערספּעקטיוון, ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די דייטשיש־סאָוויעטישע מלחמה און זיי זיינען אַנטלאָפן פון ווילנע אין די לעצטע מינוטן ממש, זיינען מיר אַ צייט געווען אין פחד און איבערגעקלערט, צי ס׳איז זיי געלונגען אַריבער־צוגיין די גרענעץ. איך פלעג טאָג־איין טאָג־אויס זיין ביים דאָקטאָר, ביז דאָס גיין אויפן גאַס איז געוואָרן פאַרבונדן ממש מיט לעבנסגעפאַר.

איינמאָל, אין אַ נאָכמיטאָג, ביים אַריינקומען צום דאָקטאָר אין שטוב, האָט מיך באַגעגנט זיין פרוי, העלענאַ סעמיאָנאָוונאַ, מיט צעשראָקענע פאַרוויינטע אויגן, אַזוי אויך זייער אַלטע דינסט. פרוי וו. האָט מיר דערציילט פאָלגנדיקס:

פאַרמיטאָג זיינען אַריין אין שטוב עטלעכע ליטווינער, איבערגעקערט קאַפּויער די גאַנצע שטוב, געזוכט און געגישטערט אומעטום. ד״ר וו. האָט געפּרוווט אַ פּאָר מאָל פּראָטעסטירן: „איר ווייסט ווער איך בין?״, האָט זיי ד״ר וו. געפרעגט. „איך בין געווען ליטווישער מיניסטער. ביי מיר טאָר מען זיך ניט אַזוי באַגיין״... זיי האָבן אים ברוטאַל אָפּגעשטופּט און אויסגעלאַכט: „מיר ווייסן וואָס פאַראַ מיניסטער דו ביסט געווען, דו פאַרשיווער באָלשעוויק״.

„קום מיט אונדז״, האָבן זיי געשריען. „איך וועל אין ערגעץ ניט גיין״, האָט ד״ר וו. געענטפערט. זיי האָבן אים גענומען שלעפּן מיט כוח. ד״ר וו. האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע. ער איז דורך די ליטווינער מיט כוח אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון שטוב. אַ שרעק איז אַלעמען באַפאַלן. אויב מען קען אַזוי זיך באַגיין מיט ד״ר וו., איז דאָך עק וועלט!

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה אינטערווענצן: פון יידישן קאָמיטעט איז מען אַוועק צו בוראַקאָסן, אין דער ליטווישער קאָמענדאַנטור, אין דער ליטווישער „געשטאַפּאָ״ (איפּאַטינגע), וועלכע האָט זיך געפונען אויף ווילנער גאַס 12. צומאָרגנס בין איך אַוועק צום פּראָפ. מ. בירזשישקא. ער און זיין פרוי האָבן מיר דערקלערט, אַז אַדוו. פּנחס קאַן האָט זיי איבערגעגעבן וועגן דעם אומגליק. לויט זיי איז דאָס ניט געמאַכט געוואָרן דורך די ליטווינער (אַ בפירושער ליגנט, צוגענומען האָבן אים נאָר די ליטווישע „איפּאַטינגאָווצעס״), אַז זיי האָבן אָקאָרשט, צוזאַמען מיט בוראַקאַסן אינטערווענירט ביי די דייטשן און מען מוז וואַרטן אויף אַ רעזולטאַט. פרוי בירזשישקא האָט צוגעגעבן: „זיי האָבן צוגעזאָגט צו באַפרייען דעם דאָקטאָר, אָבער איך גלויב זיי ניט״.

די אינטערווענצן האָבן ניט געהאָלפן, ד״ר וו. האָט מען ניט באַפרייט. דאָס איינציקע וואָס מען האָט ביי די ליטווינער געפועלט, איז געווען דאָס, וואָס מען האָט אין טורמע צוגעלאָזט צו אים דעם ד״ר כאַלעם, ער זאָל אים אָפּציען די אורין מיט אַ קאַטעטער, ווייל ד״ר וו. האָט געליטן אויף דער בלאָז. בלויז צוויי מאָל איז ד״ר כאַלעם צוגעלאָזט געוואָרן צו אים אין לוקישקער טורמע. ד״ר וו. האָט זיך אין טורמע געהאַלטן העלדיש. קיין שום עקסטרע הילף מצד די יידישע מיטאַרעסטאַנטן האָט ער ניט אָנגענומען. אַפילו ניט געלאָזט זיך צודעקן מיט אַן איבעריקן מאַנטל. ער האָט אַלעמען צוגעגעבן מוט און ענערגיע. דאָס איז געווען דער שוידערלעכסטער פּעריאָד פון די „כאַפּונעס״, ווען די טורמע איז געווען איבערפולט מיט יידן. יעדן טאָג געכאַפּט מאַסנווייז און יעדן פאַרטאָג פאַרטיעסווייז אַרויסגעשיקט אויף פּאָנאַר. שווער צו זאָגן, ווי לאַנג דער עטלעכע־און־אַכציק־יאַריקער זקן האָט אויסגעהאַלטן אין טורמע, ווען ער האָט דאָרט אויסגעהויכט זיין ליכטיקע, כשרע נשמה.

אָט אַזוי האָט פאַרענדיקט זיין לעבן, איינער פון די אָנגעזעענסטע יידישע

פאַרשטייער פון ליטווישן יידנטום, וועלכער האָט אַ לאַנג לעבן דורכגעמאַכט אין אַקטיוון קאַמף פאַר לעבנסרעכט פון די יידן.

פרוי ד״ר וויגאָדסקי איז אַריין אין דעם גרויסן געטאָ און איז אָנגענומען געוואָרן אין יידישן שפיטאָל. הויפּט־דאָקטאָר איז דאַן געווען ד״ר מ. בראָדסקי — אַן אַלטער נאָענטער פריינט פון ד״ר וו., אַ זייער אָרנטלעכער און האַרציקער מענטש. פרוי וו. האָט באַקומען דאָרט אַ בעטל און עסן. די ערשטע צייט האָט זי פיל געליטן, געווען שרעקלעך דערשלאָגן פון טויט פון איר מאַן.

שפּעטערצו, ווען זי איז אַ ביסל געקומען צו זיך, האָבן זיך אויף איר געגומען שיטן אַנדערע צרות. אין שפיטאָל איז זי מער־ווייניקער געווען באַזאָרגט מיטן נויטיקסטן, אָבער דער יודנראַט האָט פאַרגעסן זי צו באַזאָרגן מיט אַן אייגן אייגציקער קלייניקייט — מיטן צושרייבן זי צו אַ געלן שיין.

אין דער נאַכט פון 21 אויפן 22טן דעצעמבער 1941, ווען דער יודנראַט האָט אַרויסגעגעבן אַ גרויסע צאָל אייגענע ראָזע פאַמיליע־שוץ־שיינען, און איך אַליין האָב דיזעלבע נאַכט געוואַרט אויף אַזאַ שיין פאַר זיך, האָב איך געהערט, ווי מען האָט עטלעכע מאָל אויסגערופן דעם נאָמען פון דער פרוי וויגאָדסקאַ. ערשט איצט האָט זיך דער יודנראַט דערמאָגט אָן איר און איר אַרויס־געגעבן אַזאַ שיין צום לעבן. אָבער דאָס איז געשען ערשט נאָכדעם, ווי מ׳האָט צוגענומען אין משך פון צוויי חדשים, ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אַ דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג פון ביידע געטאָס — פאַר ניט האָבן קיין געלן שיין. אמת, אַז אין דעם מאָמענט איז דאָס באַקומען אַ ראָזן שוץ־שיין געווען דאָס גרעסטע גליק, ווייל דאָס איז געווען אַ שיין צום לעבן, אָבער דאָך אַ ביסל אַ פאַרשפעטיקט גליק.

גייענדיק אין געטאָ, האָט זי מיט זיך קיין זאַך ניט געקאָנט מיטנעמען. זי איז קוים אַ לעבעדיקע דאָרט אַריין. שפּעטערצו האָט העלענע סעמיאַנאָווגאַ באַקומען צוביסלעך אירע זאַכן פון שטאָט, וועלכע זי האָט פאַרקויפט דורך באַקאַנטע, אייניקע מאָל אויך דורך מיר.

אַזוי האָט זי זיך „צוגעשטוקעוועט״ צום לעבן און זיך נישט שלעכט געהאַלטן די גאַנצע צוויי יאָר פון געטאָ. אומגעקומען איז זי, וואַרשיינלעך, ביי דער ליקווידאַציע פון געטאָ אין די טעג פון 23־24טן סעפּטעמבער 1943, ווי מען גיט איבער — אין מיידאַנעק.

### די העצע קעגן יידן

זונטיק דעם 24טן אויגוסט 1941, אַזייגער 12 בייטאָג, איז נעבן בנין פון אַמאָליקן רוסישן טעאַטער, אויף ברייטער גאַס, דאָס איצטיקע ראַטהויז, פאַר־געקומען אַ גרויסער מאַסן־מיטינג, אויף וועלכן ליטווישע רעדנער זיינען אַרויס־

געטרעטן מיט גיפטיקע אַנטי־יידישע העץ־רעדעס, שיטנדיק פעך און שוועבל אויף יידן. מיר זיינען געשטאַנען אין טויט־שרעק פאַרוקט אין די ווינקעלעך, פאַרשטייענדיק, אַז אַזאַ מיטינג ווערט ניט געמאַכט סתם אַזוי זיך. אונדזער פוילישע סובלאָקאַטאָרין פלעגט אַלע ווײַלע אַרײַנקומען מיט שרעקנדיקע נײַעסן פון גאַס.

מיט פחד און האַרצקלאַפעניש האָבן מיר קוים דערלעבט דעם סוף פון די רעדעס און געוואַרט אויף די רעזולטאַטן פון זיי. די מורא איז געווען פאַר אַ פאָגראָם, ווייל אונדזער יידישע מאַרטירער־געשיכטע ווייסט צו דערציילן אַ סך פון אַזעלכע העץ־מיטינגען. אָבער טראָץ אונדזערע דערוואַרטונגען, איז דער המון זיך רואיק צעגאַנגען, אָן שום עקסצעסן. מיר האָבן פריי אָפּגעעטעמט. עס האָט אונדז באָר געפּיניקט דער אייביקער געדאַנק — פאַרוואָס קומט אונדז אַזאַ ביטערער פינצטערער גורל?!... ס'איז געווען אַ שיינער זונטיק־טאָג — די גאַסן זענען פול מיט שפּאַצירנדיקע. עס גייען מענער מיט פרויען און קינדער, ווי פרייע מענטשן, און מיר זיצן פאַרשפּאַרט אין די הייזער. מען האָט מורא די נאָז צו ווייזן אויפן גאַס. איצט ערשט האָט מען געבומען פאַרשטיין, אַז קאָנען גיין אויפן גאַס, גאָר פשוט טאַקע: גיין אויפן גאַס, איז אויך אַ זאַך, צו וואָס לאו כל אדם זוכה.

פאַרקלעמטע, פאַרשעמטע זיינען מיר געזעסן אין די הייזער, אין אַנגסט און פאַרשטיקטן פּיין. קאָן דען זיין עפּעס שוידערלעכס, ווי זיין פאַרשפּאַרט ווי אַ חיה אין שטייג, ניט פילנדיק הינטער זיך קיין שום שולד? צי זיינען די, וואָס באַוועגן זיך פראַנק און פריי אויף גאָטס וועלט — בעסערע מענטשן פאַר אונדז?! פאַרוואָס זיינען דווקא מיר אַזוי שווער געשטראָפט געוואָרן? פאַרוואָס קומט אונדז אַזאַ דערנידערונג, אַזאַ אומרחמנותדיקע פאַרטיליקונג? פאַרוואָס? פאַרוואָס?!

אָט אַזעלכע מחשבות האָבן געעקבערט אין מוח. מחשבות, וואָס האָבן אומ־אויפהערלעך געמאַטערט און קיין תשובה נישט באַקומען. אָט אַזוי זעט אויס די טרויעריקע ווירקלעכקייט. דער כאָם בושעוועט; דער כאָם איז דער באַלעבאָס איבער דיר, און דו מוזט מיט קריצנדיקע ציין אַלץ אויפנעמען. שווער איז געווען צוצוזען דעם צער פון די קליינע קינדער, וועלכע האָבן געוווסט, אַז ס'איז זומער און גוט געדענקט, ווי אַזוי זיי פלעגן אויף די זומער־וואַקאַנצן פאַרברענגען זייערע שול־פעריען. ס'איז זיי נאָך אין זכרון די זומערדיקע פאַרגעניגנס און פרייהייט — היינט זיינען זיי פאַרשטעקט און קענען פון שטוב ניט אַרויסגיין. אָבער, אינטערעסאַנט, זיי באַקלאָגן זיך ניט, האָבן ניט קיין טענות, זיי פאַר־לאַנגען קיין זאַך ניט. פאַרקערט, זיי היטן אונדז גאָר, די עלטערע. זיי לאָזן

אונדז ניט מאַכן קיין איבעריקן שריט, נאָר ניט ריזיקירן, אַ סך מאָל פלעג איך וועלן אַרויסגיין אין גאַס, צו באַקאַנטע. ריזיקירט האָב איך אַ סך מאָל. אָבער אין פיל פאַלן האָב איך אונטערן דרוק פון מיינע קינדער געמוזט רעזיגנירן פון מיינע פאַרלאַנגען, זיי האָבן מיך ממש מיט געוואַלד געהאַלטן און פון שטוב ניט אַרויסגעלאָזט: „נייך, פאַפאַ, גיי ניט, מען כאַפּט אין די גאַסן, גיי ניט, זיץ אין שטוב!" ווען איך האָב זיך אַמאָל איינגעשפּאַרט און דווקא געוואָלט גיין, פלעגן זיי אויפהויבן אַזאַ געוויין, אַז הימל עפן זיך...

איך בין געזעסן אין שטוב, אין ערגעץ ניט געאַרבעט. כמעט די גאַנצע שטאָט יידן האָבן שוין געאַרבעט ביי דייטשן אָדער ביי ליטווינער. מען פלעגט באַקומען פּראָדוקטן, מען האָט געהאַט אַרבעט־שיינען און דאָס איז געווען דער עיקר. דאָס גאַנצע לעבן האָט זיך איצט קאָנצענטרירט אַרום איין צויבער־וואָרט — שיין, וואָס האָט באַדייט אַ צעטל צום לעבן. ניט אַלע מאָל אָבער האָט אַ שיין געראַטעוועט. ס'זיינען געווען מאַסן פאַלן, ווען די ליטווישע כאַפּונעס האָבן זיך אויסגעלאַכט פון די שיינען, פלעגן צונעמען די מענטשן און די שיינען צערייסן.

## אַ רעוויזיע אין אונדזער שטוב

אין אָט די טעג איז פאָרגעקומען אין שטאָט אַ גרויסע אַבלאַווע. געהייסן האָט דאָס, אַז מען זוכט געווער און באָלשעוויקעס. אין אַ געוויסן פרימאָרגן, ווען מיר זיינען נאָך געלעגן אין די בעטן, האָבן מיר דערהערט אַ טומל אויפן הויף. אין אַ ווילע אַרום איז אין שטוב אַריינגעלאָפן די מאַמע, ניט טויט — ניט לעבעדיק, און געזאָגט, אַז די גאַסן זיינען אָפגעצוימט און מען מאַכט רעוויזיעס. פלוצים האָבן מיר דערהערט, ווי מען רייסט זיך צו אונדזער טיר. איבערגעשראָקענע האָבן מיר זיך גענומען שנעל אָנטאָן. די מאַמע איז צוגעגאַנגען עפענען די טיר. ווי אויף צו להכעיס האָט זיך ביי איר דער שליסל פאַרהאַקט און ביז זי האָט געעפנט, זיינען אַריבער געציילטע מינוטן. ביי די רוצחים האָבן אָבער די מינוטן אויסגעזען ווי שעהען. אין שטוב האָבן זיך אַריינגעריסן ווי רוצחים, אַ דייטש און צוויי ליטווינער מיט ביקסן אין די הענט. מיט ווילדער פוריע האָט זיך דער דייטש צעשריען אויף דער מאַמען, הלמאי זי האָט אַזוי גיך ניט געעפנט. זי האָט זיך קוים אויסגעטענהט, אַז דער שליסל האָט זיך פאַרהאַקט. זיי זיינען מיט דער מאַמען אַריין צו אונדזערע פּוילישע סובלאָקאַטאָרן. די יונגע פּאָלקע האָט דערקלערט, אַז זי איז אַ ליטווישע, זיינען זיי אַריין צו אונדז אין צימער. איך און די פרוי זיינען שוין געווען כמעט ווי אָנגעטאָן, די קינדער זיינען געלעגן אין בעט. אין צימער איז אַריין אַ דייטש, אַן עלטערער מיט גרויע האָר אין דער באַגלייטונג פון אַ ליטווין.

„ווער זינד זי״, פרעגט מיך דער דייטש. „איך בין אַפּאָטייקער״ — ענטפער איך. „זינד זי באָלשעוויק?״, פרעגט ער ווייטער. „ניין״, זאָג איך, „איך בין אַפּאָטייקער״. „האָבן זי געווער?״ — „ניין״, ענטפער איך. „וואָ אַרבייטען זי?״ אויף אַ מאָמענט בין איך געבליבן צעטומלט. וואָס ענטפערט מען? — „אין קראַנקען־הויז״ זאָג איך. „און ווער זינד דאָס?״, פרעגט ער ווייטער, ווייזנדיק אויף די קינדערשע קעפּלעך, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזען פון אונטער דער קאָלדרע. „דאָס זינד אונדזערע קינדער״. „נו גוט״, זאָגט ער און פאַרקערעוועט זיך צו דער טיר.

קוים וואָס מיר האָבן זוכה געווען זיי צו האָבן פון יענער זייט טיר און אָפּגעטעטעמט אַביסל, זיינען מיר געקומען צום אויספיר. אַז אַזאַ גליק פּאַסירט נאָר איין מאָל און מער ריזיקירן צו זיצן אין שטוב אָן אַרבעט טאָר מען ניט. מען מוז פאַר יעדן פּרייז אַוועקגיין ערגעץ־ווו אַרבעטן. נאָר ניט זיין אַ גאַנצן טאָג אין שטוב.

## איך גיי צום טויט, קום אָבער צוריק

מיר האָבן איבערגעלעבט אַ צווייטן פאַל, פול מיט שרעק. 5 אַזייגער פאַרטאָג האָט דער וועכטער אָנגעקלאַפּט אין טיר און איז אַריין מיט אַ ליטווין, אַ פּאָ־ליציאַנט. דער פּאָליציאַנט האָט צוגענומען מיין פּאַס און געהייסן מיך קומען באַלד אין קאָמיסאַריאַט אַריין. געזעגענענדיק זיך אין שטוב מיט דער פאַמיליע, בין איך אַוועק אין קאָמיסאַריאַט, אין קאַמענעצקיס הויף אויף זאַוואַלנע גאַס, פאַר די האַלעס. מיט האַרצקלעמעניש און טויט־אַנגסט בין איך דאָרט אַריין. אַ חוץ דעם דיזשורירנדיקן פּאָליציאַנט האָב איך דאָרט קיינעם ניט געטראָפן. איך פרעג אים, צי ס׳איז פאַראַן דער פּאָליציאַנט שליזיס (דער ליטווין, וואָס האָט געאַרבעט ביי מיר אין אַפּטייק אַלס קאַסירער). „ער איז ניטאָ״, ענטפערט מיר דער פּאָליציאַנט, „צו וואָס דאַרפסטו אים?״ פרעגט ער מיך. „מען האָט ביי מיר פריער צוגענומען מיין פּאַס און געהייסן מיר קומען צו אַרבעט״, ענטפער איך. „שליזיס קען מיך, ער האָט געאַרבעט ביי מיר אין אַפּטייק״. דער פּאָליציאַנט האָט אויפגעזוכט מיין פּאַס פון צווישן אַ גאַנצן פּאַק צוגענומענע פּעסער און דערלאַנגענדיק מיר אים אַ זאָג געטאָן: „נעמט זיך אייער פּאַס און גייט אַהיים. מען וועט זיך באַגיין אָן אייך אויף דער אַרבעט״. איך האָב אים זייער האַרציק באַדאַנקט. די אַרבעט, ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז געווען אויף פּאָנאַר... מיט דער גרעסטער פאַרזיכטיקייט, ווי אַ פאַרפאָלגטער גנב, בין איך קוים אַ לעבעדיקער געקומען אַהיים, וווּ מען האָט מיך שוין געהאַט באַוויינט און באַקלאָגט.

## איך גיי אַרבעטן

נאָך אָט־די צוויי פאַלן האָבן מיר באַשלאָסן — פאַר יעדן פּרייז אָוועקגיין פון שטוב אויף אַרבעט, ווו און ביי וואָס פאַר אַן אַרבעט עס זאָל ניט זיין. מיר האָבן שוין געוווּסט, אַז אַ סך יידן אַרבעטן ביי „גוטע" דייטשן, אין גוטע „איינהייטן". מען טראַקטירט זיי מענטשלעך, זיי באַקומען עסן, מאַכן אַפילו געשעפטן, פאַרדינען און דער עיקר — זיי האָבן „גוטע" שיינען. שיינען מיט האַקנקרייצן, שיינען מיט ליטווישע פערדלעך, און לעצטנס אַפילו שפּאָגל־נייע שיינען — מיט אַ שטעמפּל „פאַכמאַן". די לעצטע טעג האָבן די „כאַפּונעס" אויפגעהערט צו האַנאַרירן אַלע שיינען אַ חוץ — שיינען מיט אַ גרויסן שטעמפּל „פאַכמאַן". אַלע, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי דייטשן, אָדער ליטווינער, האָבן וועלטן איינגעלייגט, כדי צו באַקומען אַזאַ שיין, מיט אַ „פאַכמאַן"־שטעמפּל.

אין אַזאַ געמיט בין איך מאָנטיק, דעם 25טן אויגוסט, אַוועק אין יידישן קאָמיטעט, כדי דאָרט צו באַקומען אַן איינהייט, ווו צו גיין אַרבעטן.

מיטן שיקן יידן אויף אַרבעט האָט זיך אין קאָמיטעט פאַרנומען א. לאַנגבאָרד. אין יידישן קאָמיטעט פלעגן יעדן טאָג קומען מאַסן יידן און פון דאָרט זענען זיי פּאַרטיעסווייז געגאַנגען צו זייערע אַרבעט־שטעלן. מיט חבר לאַנגבאָרד זיינען מיר געווען זייער נאָענט — אַלטע פּאַרטיי־חברים. ער האָט מיר געזאָגט, אַז צו קיין אַלטער פּאַרטיע קאָן ער מיך ניט צושיקן, ווייל די יידן וועלן ניט צולאָזן אַ מענטשן, וועלכער געהערט ניט צו זייער גרופּע, דערביי איז דאָס זייער געפערלעך צוליב די דייטשן. ער האָט מיר געראָטן אַליין פריער זיך אויסגעפינען אַן איינהייט און דערנאָך גיין אויף אַ פּאַרטיקער זאַך. פאַר מיר איז דאָס אָבער געווען אוממעגלעך. איך האָב געמוזט פאַר יעדן פּרייז גיין ערגעץ אַרבעטן און קומען אַהיים מיט אַ שיין. די איינציקע רעטונג איז געווען צוואַרטן אויפן הויף פון קאָמיטעט, ביז עס וועט קומען אַ דייטש אָדער אַ ליטווין מיט אַ פאָדערונג אויף אַרבעטער.

ס'איז אָבער אין דעם אויך געווען אַ געוואַלטיקע סכנה. אָפט פלעגן קומען דייטשן נעמען יידן כלומרשט אויף אַרבעט. ביי זיך האָבן זיי אָבער קיין שום אַרבעט ניט געהאַט, אַחוץ איין זאַך: דאָס איזדיעקעווען זיך איבער די אומגליקלעכע, שוצלאָזע יידן. זייער אָפט זענען יידן, נאָך אַזאַ טאָג אַרבעט אַהיים־געקומען האַלבע אָדער גאַנצע קאַליקעס. מען פלעגט זיי מערדערלעך שלאָגן, פּשוט שניידן פון זיי שטיקער. וויפל דייטשן ס'האָבן זיך געפונען אין דער איינהייט, אַזוי פיל פייניקער זיינען געווען. די אומגליקלעכע האָבן געליטן שבעה מדורי גיהנום. נאָך אַזאַ אַרבעטס־טאָג זיינען אַ סך געבליבן טויט אויפן אָרט. אַ טייל פון די דייטשן זיינען שוין געווען באַקאַנט און ווען זיי פלעגן

קומען נעמען אויף „אַרבעט", האָט קיינער צו זיי ניט געוואָלט גיין. פלעגן זיי דאַן אַליין נעמען, וועמען זיי האָבן נאָר אויפן הויף צופעליק געטראָפן.

ווען ס'איז אין קאָמיטעט געקומען דער ערשטער דייטש בעטן עטלעכע אַרבעטער, האָט מען אים זייער פּאָרזיכטיק און דיפּלאָמאַטיש אויסגעפרעגט, פון וואָס פאַר אַן איינהייט ער איז, צו וואָס פאַרא אַרבעט ער נעמט, צי וועט ער געבן אַ שיין א. א. וו. דער דייטשל האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק, ניט האָבנדיק סיי ווי וואָס צו פאַרלירן, האָב איך, מיט נאָך אַ פּאָר אַזעלכע פאַר־צווייפלטע ווי איך, באַשלאָסן צו גיין מיטן יעקע. אַ ברירה האָבן מיר געהאַט? נאָר ניט אַהיימקומען אָן אַ שיין. אגב, האָט דער יעקע צוגעזאָגט טאַקע צו געבן שיינען. דער דייטש האָט אונדז אָוועקגעפירט אויף זאַוואַלנע גאַס נומער 12, אַנטקעגן ראָג פון קליין־פּאָגוליאַנקע; אין נייעם הויז פון די ברידער האָלצ־הענדלער — סאָלאָמיאַנסקיס. (בשכנות איז געווען אַמאָל ד"ר סטעמבאָס הויף, שפּעטער ד"ר קאַנס). אַ ניי מאָדערן, פּרעכטיק הויז, נאָך ניט אינגאַנצן פאַר־ענדיקט. איינע פון די גרעסטע, מאָדערנסטע, נייע הייזער אין ווילנע. אויפן הויף האָבן מיר דאָרט געטראָפן צוויי גרופּעס יידישע אַרבעטער. אין איינער האָט געאַרבעט סאָלאָמיאַנסקי — דער באַלעבאָס פון הויז מיט זיין פרוי און צוויי זין, אַדוואָקאַט טייטעלבוים און אַנדערע. אין דער צווייטער האָבן געאַרבעט קאָריסקי פון אייזן־קראָם, אַבראַשע קראַניק פון דער בעקעריי און אַנדערע. דער הויפּט־מאַכער ביי די דייטשן איז דאָ געווען קראַניק. מיט אים זיינען מיר געווען אַלטע חברים נאָך פון די הדר־יאָרן. אָבער איצט זיינען געווען אַנדערע צייטן. די וואָס האָבן דאָ געאַרבעט, זיינען געווען גוט אויפגעטראָגן מיט די אָרטיקע דייטשן, האָבן זיי געגעבן אַ סך מתנות, און געהאַט פון זיי גוטע שיינען און אַפילו פּרנסה אויך. אגב, איז דער פּונקט געווען אַ גלענצנדיקער: אין רעכטן צענטער־שטאָט; מען האָט זיך דאָ געקאָנט באַגעגענען מיט ניט־יידן, מיט באַקאַנטע קריסטן. מיט איין וואָרט — אַ רואיקער און גוטער אַרבעט־אָרט, וואָס בעסער קען ניט זיין. דעריבער איז טאַקע ניט קיין ווונדער, וואָס די אַלטע יידן האָבן אונדז נייע גאָרניט אַזוי גערן אויפגענומען. זיי זיינען געווען פאַרנומען ביי פאַרשיידענע אַרבעטן, ביים גרייטן די צימערן צום וווינען, אַריינשטעלן שויבן, פאַרענדיקן די דילן, טיר און פענצטער. געווען אויך יידישע פרויען צווישן די אַרבעטער, וואָס האָבן געוואַשן וועש פאַר די דייטשן, געררומט די צימערן, פאַריכט די וועש, געצירעוועט סקאָרפּעטן א. א. וו. ווען איך האָב זיך געווענדט צו קראַניקן, אַז ער, ווי דער „עלטעסטער" (ער האָט פון זיין אָפיציר געהאַט אַ שיין, אַלס „נוצלעכער יודע"), זאָל רעדן מיטן אָפיציר, אַז מען זאָל אונדז געבן שיינען, אַן וועלכע מיר קענען ניט גיין אַהיים, האָט ער זיך גענומען אַרויסדרייען מיט פאַרשיידענע תירוצים: „ס'איז דאָ ניטאָ קיין אַרבעט פאַר

אַזוי פיל מענטשן", „מען וועט זיך וואַרפן אין די אויגן", „מען וועט אַלעמען אַרויסטרייבן" א.א.וו. איך האָב אים און די אַרבעטנדיקע יידן פון דאָרט גוט פאַרשטאַנען. אין אַ געוויסער מאָס זיינען זיי געווען גערעכט, אָבער וואָס האָבן מיר געזאָלט טאָן, אַז אין אונדזערע הייזער איז מען געזעסן און געוואַרט אויף די שיינען, ווי אויף משיחן? מיר האָבן דאָך אויך געוואָלט זיך ראַטעווען, בפרט נאָך, אַז די שרעק פאַר צופיל מענטשן איז געווען אַן איבעריקע. יעקע גנב האָט אַ דאגה געהאַט, וויפל יידן עס פלאָנטערן זיך אויפן ריזיקן הויף. זעענדיק, אַז מיט די יידן וועלן מיר גאָרניט דערגרייכן, און אין פאַרצווייפלונג ממש פון עצם געדאַנק, אַז מען וועט גיין אַהיים אָן אַ שיין, האָבן מיר, די עטלעכע ניי־געקומענע יידן, זיך געוואָנדן דירעקט צום דייטשישן אָפיציר מיט דער ביטע אונדז איבערצולאָזן דאָ אויף אַרבעט און אַרויסגעבן שיינען. דער אָפיציר האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, געהייסן רופן קראַניקן און פאַראָרדנט גלייך צו מאַכן אַ ליסטע פון די ניי־געקומענע און אַוועקשיקן אין קאַנצעלאַריע נאָך שיינען, און דערביי געגעבן די געהעריקע אָנווייזונג זיין סאָלדאַט דאָס צו דערליידיקן.

אין אַ פאָר שעה אַרום האָבן מיר שוין געהאַט אמתע, כשרע דייטשישע אַרבעטס־שיינען מיטן האַקנקרייץ. אונדזער פרייד, אונדזער גליק איז זיך גאָרניט פאָרצושטעלן!

אין שטוב, אַז איך האָב, צוריקקומענדיק, געוויזן מיין שיין, איז מען מיך באַפאַלן מיט קושן און האַלדזן. עפּעס אַ קלייניקייט — לעגאַליזירט די גאַנצע משפחה! פון דעם מאָמענט אָן בין איך טאָג־איין טאָג־אויס געגאַנגען אויף אַרבעט און מיר האָבן זיך מיט די אַנדערע יידן זייער גוט איינגעלעבט. וועגן דעם, אַז עס זאָל, חלילה, ניט זיין ביי אונדז צופיל מענטשן, האָט געזאָרגט די „געשטאַפּאָ" און די כאַפּונעס; אַלע ווײַלע פלעגט מען צוכאַפּן עמעצן, צי בעת די נאַכט־אָנפאַלן, ווען קיין שיינען האָבן ניט געהאָלפן, צי אַפילו פשוט אינמיטן העלן טאָג. אונדזער אַרבעט איז באַשטאַנען פון ברענגען אין אָרדענונג דאָס ריזיקע הויז, כדי איינצואָרדענען דאָרט אַ בורסע פאַר דייטשישע טעלע־גראַפיסטקעס, וועלכע דאַרפן אָנקומען און דאָ האָבן זייערע וווינונגען, קלוב, עס־ און לייען־זאַל.

כדי איינצואָרדענען פערציק צימערן פאַר די „מעדכענס", האָט מען געדאַרפט פון שטאָט ברענגען פולע קאָמפּלעטן מעבל, און טאַקע גוטע, שיינע, מאָדערנע מעבל. ס'איז דען אַ וווּנדער — דאָ דאַרפן דאָך וווינען 40 דייטשישע, ריין־אַרישע בלאָנדע מיידלעך, געבראַכטע פון אַלע דייטשלאַנדס קאַנטן, וועלכע זיינען ספּעציעל אויסגעבילדעט געוואָרן אַלס טעלעפאָניסטקעס און טעלעגראַפיסטקעס. עטלעכע וואָכן פלעגן מיר טאָג־איין טאָג־אויס פאָרן מיטן אָפיציר אין שטאָט,

איבער יידישע רייכע הייזער, ווו קיין מענטשן זיינען שוין נישט געווען, און מיר האָבן פון די וווינונגען אַרויסגעפירט דאָס מעבל. שפּעטער, ווען מיר זיינען אַריינגעטריבן געוואָרן אין געטאָ, איז דאָס געוואָרן עטוואָס גרינגער. דאָרט פלעגן מיר טרעפן יידישע הייזער מיט האָב־און־גוטס, איבערגעלאָזענע אויף הפקר. נאַטירלעך, זיינען שוין אין די הייזער קיין לייכטע זאַכן ניט געווען, ווי וועש, קליידער, פעלצן, געשיר, סערוויזן, בעטגעוואַנט, גאַרדינען — דאָס איז גלייך צעראַבירט געוואָרן.

אויף אַזאַ אופן האָבן מיר אַהינגעפירט אַ ריזיקע צאָל מעבל און אַנדערע שטוביקע חפצים. ווען מיר זיינען אין שטאָט ניט געפאָרן, פלעגן מיר אַרבעטן אויפן אָרט. מיר האָבן געבראַכט אין אָרדענונג די ניט־פאָרענדיקטע פּאָדלאָגעס, פאַריכט טיר און פענצטער. דערצו האָט מען, אין געוויסע מאָמענטן, געדאַרפט האָבן פאַכמענער. אַ פאָר אמתע באַלמעלאָכעס האָבן מיר געהאַט צווישן זיך. דער גרעסטער טייל אָבער זיינען געווען מענטשן פון דער אינטעליגענץ אָדער פון סוחרישן קלאַס. מיר האָבן זיך צו אַזאַ אַרבעט געקלעבט, ווי קראָפּיווע צום וואַנט.

נויט ברעכט אָבער אייזן. מען האָט געמוזט זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינ־גונגען. דער יידישער טישלער, אַ פאַכמאַן, פלעגט ווייזן און מיר האָבן אויסגעפירט די שוואַרצע אַרבעט.

אויף אַזאַ אופן זיינען מיר מיט דער צייט געוואָרן סטאָליאַרעס, מאַליאַרעס, עלעקטריקער, מעכאַניקער א. א. וו. איך בין געוואָרן אַ סטאָליאַר, דאָס הייסט דערלאַנגט דעם אמתן סטאָליאַר אַ ברעט צום האַנט, אַריינגעקלאַפּט נעגל. אַן אָפּגעזעגט ברעט איז שטענדיק ביי מיר אַרויסגעקומען קרום און לאָם. נאָר אַבי אָפּגעשטופּט אַ טאָג, מער האָט מען ניט געוואָלט. אין דער פרייער צייט, ווען קיין יעקעס זיינען ניט געווען נעבן אונדז, פלעגן מיר דיסקוטירן וועגן אונדזער לאַגע. די הויפּטזאָרג איז געווען — וואָס קומט פאָר מיט די צוגענומענע מענטשן, ווו קומען זיי אַהין, וואָס טוט מען מיט זיי... דאָס האָט אונדז אַראָפּ־גענומען דעם קאָפּ. אַ גרויס פּראָבלעם איז אויך געווען דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן — ווי פאַרקויפט מען זאַכן אויף דער הוצאה, אויף צו קויפן אַ ביסל פּראָדוקטן. וועגן פאַרדינען האָט דאָך קיין רייד ניט געקאָנט זיין. יעדע זאַך, וואָס מען האָט פון שטוב געמוזט פאַרקויפן, איז געווען ממש אַ ריס אין האַרצן, שווער געווען זיך צו שיידן מיט יעדער שטוביקער זאַך. ביסלעכווייז האָט מען זיך אָבער אויך צו דעם צוגעוווינט. אין שטאָט איז אַוועק אַ האַנדל מיט יידישע זאַכן. די בעסטע וועש און קליידער־שטיק האָט מען אַוועקגעגעבן פאַר אַ פאָר קילאָ ברויט. מיר האָבן זיך שנעל צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען: מיר יידן האָבן אויספאַרקויפט און אונדזערע שכנים האָבן איינגעקויפט.

## קלאַנגען, קלאַנגען

מיט יעדן טאָג איז די לאַגע אין שטאָט געוואָרן מער געשפּאַנטער. עס האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז מען גרייט אַ געטאָ פאַר ייִדן. ווו וועט די געסאָ זיין, ווען וועט דאָס אַנטשטיין, ווי אַזוי וועט פאָרקומען דאָס אַריבער־קלייבן זיך אין געטאָ — דאָס האָט קיינער ניט געוווּסט. מיטן צונויפקומען זיך יעדן טאָג צו דער אַרבעט, פלעגן מיר זיך קעגנזייטיק איבערגעבן די נייעס פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט. ס'איז געווען וואָס צו דערציילן, ווייל זעלטן ווען איז דורך אַ נאַכט אַ רואיקע. דער לייט־מאָטיוו איז געווען — צוגענומען און צוגענומען...

צוגענומען פון גאַס, צוגענומען פון שטוב, צוגענומען פון דער אַרבעט — און ווי אין וואַסער אַריין. ניטאָ קיין סליאַד פון די מענטשן... מיטן מאָמענט ווען איך האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטן, האָב איך פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיטן קאָמיטעט, מיט באַקאַנטע. פון דער אַרבעט פלעגן מיר קומען פונקט פאַר דער פאָליצײַ־שעה. אַזוי אַרום איז געווען אוממעגלעך אַרויסצוגיין אין שטאָט, ניט רעדנדיק שוין וועגן דער געוואַלטיקער ריזיקע פון געכאַפּט ווערן פון גאַס.

געקומען פון דער אַרבעט, האָבן מיר פון אונדזערע הויף־שכנים, צי פון אַרבעטנדיקע געהערט נייעס פון אַנדערע קאַנטן פון שטאָט. אגב, האָבן ייִדן אין יעדן אָרט, ווו זיי האָבן נאָר געאַרבעט, זיך געשאַפן אַן אייגענעם „גוטן" דייטש, וועלכער פלעגט ברענגען נייעס, און זייער אָפט „גוטע ידיעות"...

פאַרנאַכט האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן ביי אַ שכן און אויסגעהערט די נייעס. קודם־כל ראַדיאָ־נייעס. דאָן די באַריכטן פון די פראָנטן, וועלכע האָבן אונדז פאַרשאַפט שוידערלעכע יסורים. אַזאַ פאָרויסגיין פון דער דייטשישער אַרמיי! די ראַדיאָ־נייעסן פלעגט זאַמלען און פאַרשרייבן מיין פרוי און זיי אונדז אין אוונט איבערגעבן. פון צייט צו צייט פלעגט באַהאַלטענערהייט זיך אַריינכאַפּן צו מיר אַ פוילישער קאָלעגע מיט אַ בינטל נייעס און ידיעות פון שטאָט. די נצחונות אָבער פון די דייטשן זיינען געווען גרויסע און זייערע באַרימערייען נאָך גרעסערע. מיט פאַרקלעמטע הערצער האָט מען געלייענט די דייטשישע, ליטווישע און פוילישע צייטונגען. אַלע זיינען זיי געווען פול מיט גיפטיקע העץ־אַרטיקלען קעגן אונדז ייִדן.

אַמאָל איז געזעסן ביי אונדז די קאָלעגין מאַג. טאַטיאַנאַ עלערט. איך ווייז איר די פוילישע צייטונג און זאָג צו איר: „זעט וואָס אייער צייטונג שרייבט אַלץ וועגן אונדז. ווי שעמען זיך ניט די פאָליאַקן אַזוי צו העצן און צו באַשמוצן?"

„וואָס רעדט איר, קאָלעגע", זאָגט זי צו מיר, „דאָס איז ניט קיין פוילישע

צייטונג! דאָס איז אַ שמוציק דייטשיש בלעטל, וואָס דרוקט זיך אין פויליש. היינס העצט מען קעגן אייך און מאָרגן וועט מען העצן קעגן אונדז. מיר פאַר־שטייען גוט זייער טייוול־שפּיל. נישקשה, נאָר זיך האַלטן פעסט. מען מוז איבער־לעבן. מיר האָבן נאָך אונדזער לעצט וואָרט ניט געזאָגט...״

### די שוידערלעכע פּראָוואָקאַציע

זונטיק, דעם 31טן אויגוסט, זיינען מיר געזעסן אין די הייזער. געדענקנדיק דעם פאָריקן זונטיק, דעם מיטינג נעבן ראַטהויז, האָבן מיר מיט מורא געוואַרט אויף די רעזולטאַטן פון היינטיקן זונטיק. איז טאַקע דעם טאָג געשען דאָס שוידערלעכסטע, וואָס מען האָט זיך נאָר געקאָנט פאָרשטעלן.

אין די פרימאָרגן־שעהען, זיינען עטלעכע דייטשישע סאָלדאַטן אַריין אויף גלעזער־גאַס, נעבן דער ברייטער גאַס. איינער פון זיי האָט פּלוצלינג אויסגעשאָסן, די איבעריקע האָבן גלייך געמאַכט אַ געוואַלד, אַז יידן האָבן דורך די פענצטער צו זיי געשאָסן. אַ חוץ דעם טומל, וואָס זיי האָבן אויפגעהויבן, האָבן די סאָלדאַטן געעפנט אַ שיסעריי אויף די פענצטער. די יידן פון דעם ווינקל האָבן זיך, אין טויט־שרעק, פאַרשטעקט ווו זיי האָבן נאָר געקענט. אויף דער גאַס איז אויס־געבראָכן אַ שרעקלעכע מהומה. עס איז אָנגעקומען מיליטער, פּאָליציי. מען האָט גענומען זוכן און אַקערן, נישטערן יעדעס ווינקל. עס האָבן זיך גלייך געפונען עדות, וועלכע האָבן „אַליין געזען, ווי יידן האָבן געשאָסן דורך די פענצטער״. אַ ריזיקער המון האָט זיך צונויפגעזאַמלט, וואָס האָט זיך אַריבער־געוואָרפן פון גלעזער־גאַס אויפן פּלאַץ נעבן ראַטהויז. דאָ איז פּונקט ווי פאַר־אַכטאָגן זונטיק, גלייך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ מיטינג. רעדנער זיינען אויס־געוואַקסן, ווי פון אונטער דער ערד. מיר האָבן דורך די פענצטער ניט געהערט זייערע רייד, נאָר פון דעם פאַרהאַלטן זיך פון המון, וועלכער איז פון מינוט צו מינוט געוואַקסן, האָבן מיר געקאָנט לייכט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ בלוט־דורשטיקע העצע עס ווערט קעגן אונדז געפירט. דער המון איז געוואָרן אומרואיק, האָט געברויזט, ווי אַ שטורעמדיקער ים, די שפּאַנונג איז געשטיגן, מיר זיינען געשטאַנען אין די ווינקעלעך און צוזאַמענגעבראָכענע געוואַרט אויף די ווייטער־דיקע געשעענישן. אַז דער היינטיקער מיטינג וועט זיך אַזוי גוט ניט ענדיקן ווי דער פאַראַכטאָגיקער, האָבן מיר שוין גוט פאַרשטאַנען. דעם ערשטן גרוס האָבן מיר באַקומען פון אונדזער האַרציקער שכנטע, די יונגע קריסטין איז אַריינגעלאָפן אין שטוב, ווי אַ באַמבע, און גענומען ברעכן מיט די הענט און שרייען: „אוי, וויי, אַזאַ אומגליק. אַליין האָב איך געזען, אָ יעזוס, אָ, יעזוס, וואָס אייערע יידן קענען. אַליין האָב איך געזען״...

„וואָס האָסטו געזען״, פרעגן מיר זי אין גרויס פּחד...

„אַליין האָב איך געזען, ווי אייערע יידן האָבן דערשאָסן אַ דייטש. אַזאַ אומגליק! אַ, יעזוס, גאָט ווייסט וואָס איצט וועט זיין".

מיר פרוּוון ביי איר דערגיין גענויער, וואָס עס האָט פּאַסירט. זי האַלט נאָר אין איין שרייען: „אַליין האָב איך געזען"... זי רעדט האַלבע ווערטער, מען קען פון איר גאָרניט דערגיין...

זי איז ווידער פון שטוב אַרויסגעלאָפן און מיר זיינען געבליבן פּאַראַליזירטע. פון אירע האַלבע ווערטער איז פּאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז עס שמעקט מיט אַ שווידערלעכער פּראָוואָקאַציע.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אין שטוב אַריינגעקומען די אַלטע קריסטין, איר מאַמע, ווידער דערזעלבער פּזמון: „יידן האָבן דערשאָסן אַ דייטש"... זי האָט שוין ניט געזאָגט, אַז „זי האָט אַליין געזען". אונדז איז דערביי איינגעפּאַלן דאָס בלוט אין די אָדערן... אַ שווידערלעכע פּראָוואָקאַציע, איין גאָט ווייסט וואָס ס'וועט באַלד פּאַרקומען.

דער מיטינג האָט זיך דערווייל געענדיקט און דער המון איז זיך ביסלעכווייז צעגאַנגען. אַ סך פון זיי זיינען אָבער אַוועק אין דער ריכטונג פון גלעזער־גאַס. אין אַ קורצער ווײַלע אַרום האָבן מיר דערזען אַ געלויף. מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס האָבן מיר געוואַרט...

עטוואָס שפּעטער האָבן מיר אויפן הויף געגוי געזוויר געוואָרן, וואָס ס'איז פּאָרגעקומען אויף גלעזער־גאַס. אַ סך יידן זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּראָוואָקאַציע. דערנאָך זיינען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות, אַז אין דעם ראַיאָן טוט זיך חושך...

דעם גאַנצן טאָג זיינען מיר אַרומגעגאַנגען ווי ווייסטע שאָטנס, אַפילו צווישן זיך אַ וואָרט ניט אַרויסגערעדט. די ווערטער זיינען ווי פּאַרגליווערט געוואָרן אין האַלדז. די קינדער האָבן ווי פּאַרויסגעפּילט אַן אַנקומענדיק אומגליק און זיך געהאַלטן פונדערווייטנס, ניט געוואָרפן זיך אין די אויגן. ווען ניט ווען פלעגט מיין זון צוגיין צו מיר אָדער צו דער פרוי און שטילערהייט זיך צוטוליען ווי אַ קעצעלע... שטיל, אָן ווערטער...

דעם גאַנצן אָוונט זיינען מיר אַרומגעגאַנגען אויפן הויף מיט גרויס זאָרג וועגן די פּרימאָרגן־געשעענישן. די הערשנדיקע שטילקייט צווישן אונדז האָט נאָך מער געדריקט און געפּייניקט. סוף כל סוף האָבן מיר דאָך פּאַרשטאַנען, אַז מיטן אַרעסטירן עטלעכע יידן וועט זיך די פּראָוואָקאַציע ניט ענדיקן... אָבער, ווי אומגעריכט, איז דער אָוונט אַדורך רואיק. מיט צעווייטיקטע הערצער האָט מען זיך געלייגט שלאָפן.

מאָנטיק פרי בין איך, ווי געוויינלעך, אַרויס פון שטוב צו דער אַרבעט. דורכגייענדיק דאָס סעדל, איבער דער ברייטער גאַס, בין איך דורך דעם ערשטן

הויף אַריין אויף יאַטקעווער גאַס. מיין בליק האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ גרויסן, רויטן פלאַקאַט, געדרוקט אין פויליש, ליטוויש און דייטש, באַצירט מיט אַ האַקנ־קרייץ און אונטערגעשריבן דורך דעם געביטס־קאָמיסאַר — הינגסט. די דאַטע — 1 סעפּטעמבער 1941. אין דער מעלדונג איז געזאָגט געוואָרן:

„נעכטן, זונטיק, האָט מען פון אַ באַהעלטעניש געשאָסן צו דייטשישע זעלנער. צוויי פון די פּחדנותדיקע באַנדיטן האָט מען דערקענט, ווי זיינען יידן. פאַר זייער אַקט האָבן זיי באַצאָלט מיטן לעבן, מען האָט זיי אויפן אָרט דערשאָסן. כדי צו פאַרהיטן אויף להבא פון אַזעלכע פאַלן, זיינען אָנגענומען געוואָרן שאַרפע מיטלען. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַלט אויף דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. קודם כל טאָר קיין שום ייד זיך ניט ווייזן אויפן גאַס פון 3 בייטאָג ביז 10 פרי *. אַן אויסנאַם זיינען די יידן, וועלכע האָבן אַן אַרבעט־שיין. די אָנגענומענע שריט דאַרפן פאַרזיכערן רו און זיכערקייט דער באַפעל־קערונג. דער חוב פון יעדן געזונט־דענקענדיקן מענטשן איז דערצו צוצוהעלפן.״

מיט וואָס פאַראַ געמיט איך בין געקומען צום אַרבעטס־פּלאַץ איז קלאָר. ערשט דאָ האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דעם שוידערלעכן אומגליק, וואָס האָט אונדז יידן געכטן געטראָפן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ווען ס׳איז פינצטער געוואָרן, האָט מען אַרומגערינגלט דעם גאַנצן יידישן ראַיאָן פון גלעזער־גאַס, יידישער, יאַטקעווער, אַראָפּשלאָס־גאַס, דייטשישע און מען האָט צוגענומען די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, אַ סך טויזנטער מענטשן.

מען האָט צוגענומען גאַנצע פאַמיליעס, קליין און גרויס, יונג און אַלט, אַפילו קראַנקע. געלאָזט נעמען מיט זיך פּעקלעך. אַ סך פון אונדזערע אַרבעטער זיינען שוין צו דער אַרבעט ניט געקומען. אַלע זיינען אַרומגעגאַנגען מרה־שחורהדיק. יעדערן האָט שוין געפעלט אַ מיטגליד פון דער משפחה. ניט געווען קיין איינער פון אונדז, וועמען די דאָזיקע אַקציע זאָל ניט אָנרירן.

מען האָט גלייך גענומען לויפן צו די דייטשן, צוגעזאָגט זיי גאָלד מיט בריליאַנטן, געבעטן זיי אַרויסצונעמען פון טורמע, כל זמן ס׳איז נאָך ניט שפּעט. ביי אונדזערע דייטשן איז דאָס גיט געלונגען צו פּועלן.

ווען מיר זיינען געקומען אַהיים, האָבן מיר זיך באַכמער דערוווּסט וועגן חורבן. די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען און געבראָכן די הענט: „משה־אהרון בערשטעל (דער שלאָסער פון דורכהויף) מיט זיין גאַנצער פאַמיליע צוגענומען, אונדזערע קרובים, אַלע ברידער און שוועסטער פון שוואָגער ראַכמילעוויטש מיט

* ...Verboten, ihre Vohnungen in der zeit von 15 uhr nachmittags bis 10 uhr vormittags zu verlassen. (פון דייטשישן אָריגינאַל)

זייערע פאַמיליעס — צוגענומען, היינט אַזוי פיל באַקאַנטע, — יידישע גאַס, ווו מיר האָבן אָפּגעלעבט דורות".

אויף מאָרגן, ווען מיר זיינען געקומען צו דער אַרבעט, האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן בייזע אומגליקן: די נאַכט האָט מען אויסגערייניקט די צווייטע זייט פון דייטשישער גאַס, מיט אַלע אַרומיקע געסלעך, ווי: גיטקע־טויבעס־זאַווּלעק, קאַמניצקער־גאַס, אַשמיאַנסקי, יאַטקעווער, טיילוויז רודניצקער, הקדש־גאַס. מיט איין וואָרט — אין די צוויי נעכט האָט מען אויסגעטריבן דאָס סאַמע האַרץ פון ווילנער יידן. מיר זיינען אַרומגעגאַנגען, ווי ניט ביים זינען. אַזאַ בראָך! פונקט ווי נעכטן, אַזוי אויך היינט, האָט מען אָנגעהויבן צו לויפן צו די „גוטע" דייטשן. זיי פאַרגעלייגט אַלץ וואָס זיי ווילן, אָבי אַרויסראַטעווען פון לוקישקער טורמע, כל זמן זיי זיינען נאָך דאָרט דאָ. אין אַנדערע ערטער איז דאָס אין געוויסע פאַלן געלונגען, פּיפּיקע יידן איז געלונגען די קונץ אָנצורעדן דייטשן, זיי זאָלן אָנטאָן אויף זיך זייערע אַלע כלי־זיין און מיט דרייסטן טופּעט אַוועקגיין אין טורמע און אַרויסנעמען „זייערע" יידן. נאַטירלעך האָבן די דייטשן דערפאַר געגומען גוט באַצאָלט. פון די טויזנטער צוגענומענע זיינען צוריק־געקומען געציילטע. פון זיי האָט מען זיך דערוווּסט, וואָס עס טוט זיך אין טורמע, וווּהין מ'האָט אין די טעג אָנגעבראַכט טויזנטער יידן. ניט נאָר די קאַמערן זיינען געווען איבערפולט, אַז ס'איז ניט געווען ווו צו שטיין, אויך דער גאַנצער הויף איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט יידן. די נגישות וואָס מען איז דאָרט אויס־געשטאַנען איז ניט צו שילדערן.

קודם כל האָבן די ליטווינער צוגענומען אַלץ וואָס מען האָט געהאַט מיט זיך. דאָס שלאָגן מכות רצח, דאָס איזדיעקעווען זיך איבער די אומגליקלעכע — ממש הענקערישער וואַנדאַליזם. ניט קיין שטיקל ברויט, אַפילו קיין זופּ וואַסער האָט מען גאַנצע טעג ניט צוגעלאָזט. די פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן האָט מען געמוזט דערליידיקן אויפן אָרט.

אין די קומענדיקע טעג זיינען צו אונדז דערגאַנגען גרוסן דורך ניט־יידן, אַז יעדן פאַרטאָג פירט מען אַרויס גרויסע פּאַרטיעס יידן אויף דעם וועג וואָס פירט צו לאַנדוואַראָווע. ס'האָט זיך אַלץ אָפּטער געהערט דאָס שרעקלעכע וואָרט — פּאָנאַר.

ערשט אין עטלעכע טעג אַרום איז קלאָר געוואָרן די גרויזאַמקייט פון דער דייטשישער פּראָוואָקאַציע און זייער טייוולאַנישער פּלאַן. די אַקציע איז דורכ־געפירט געוואָרן כדי אָפּצורייניקן דעם גאַנצן יידישן קוואַרטאַל און אַזוי אַרום צוגרייטן אָרט פאַר דער צוקונפטיקער געטאָ, וועלכע איז שוין געווען ביי זיי אויפן טאָג־אָרדענונג.

ביז איצט האָט מען צוגענומען טויזנטער יידן און מען האָט ניט געוווּסט

וואָס מיט זיי איז געשען. אין אונדזער באַיוּוקייט האָבן מיר אויסגערעכנט, אַז די „כאַפּונעס״ זײַנען סתּם אַזוי זיך אַ צופעליקע זאַך, בלויז פּלאַנלאָזע ווילדעניש. איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ גוט פּלאַנירטער אויסראָטונגס־פּראָצעס. דאָס איז געווען די צווייטע ריזיקע פאַרניכטונגס־אַקציע לגבי דער ווילנער ייִדנטום.

„אונדזערע״ דײַטשן האָבן גאָרניט געענטפערט אויף אונדזערע פראַגן. נאָר איינער אַ יעקע, אַן עסטרייכער, האָט אונדז אַ זאָג געטאָן: „יאַ, יאַ, דאָס מאַכן זיי, די געשטאַפּאָ־לויטע״...

אין שטאָט איז געווען חושך. אַלע הײַזער פון די צוגענומענע ייִדן זײַנען געבליבן אָפן צום רויבן. די ערשטע וואָס האָבן נהנה געווען פון הפקר, זײַנען געווען די הויז־וועכטער. אַלץ וואָס האָט נאָר געהאַט אַ גרעסערן ווערט (זיי האָבן זיך געקענט דערלויבן דעם לוקסוס פון אויסקלײַבן) האָבן זיי גלייך צוגענומען פאַר זיך: די בעסטע קליידער, פוטערוואַרג, וועש, די בעסטע און טייערסטע סערוויזן, קרישטאָלן א. א. וו. דאָס האָבן גענומען די אַרומיקע שכנים. אגב, האָבן די ייִדן אַליין, אין יענע טעג אָפּגעגעבן זייער פיל טייערע זאַכן צו זייערע קריסטלעכע שכנים, צווישן וועלכע אַ סך האָבן זיך באַצויגן מיט האַרץ צו די אומגליקן אויף אונדזערע קעפּ. אין די טעג איז חרוב געוואָרן ייִדיש האָב־און־גוטס, וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן, דורך שווערער מי און פּראַצע, אין משך פון לאַנגע דורות.

ביי דער אַקציע זײַנען צוגענומען געוואָרן אַ רײ מיטגלידער פון ייִדישן קאָמיטעט. דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן איז פּאַראַליזירט געוואָרן. אין די ערשטע פּאָר טעג נאָך דער פּראָוואָקאַציע האָט דער קאָמיטעט כמעט ניט פונקציאָנירט. ערשט אין די לעצטע טעג פון דער וואָך האָבן זיך ווידער צונויפגעקליבן אייניקע געקליבענע מיטגלידער, און אויף קאָמיניצקער גאַס נומער 6 האָבן זיך ווידער באַוויזן געציילטע מענטשן. די איבערגעבליבענע זײַנען ווייטער געגאַנגען „נאָרמאַל״ צו זייער אַרבעט. אַנגסט און פּײַן האָבן געדריקט אויפן האַרצן: „מה ילד יום״, וואָס פאַראַ אומגליקן גרייטן זיך ווידער אויף אונדזערע קעפּ. מיר האָבן ווייטער גערעדט מיט די דײַטשן און ליטווינער, מיט וועלכע ס׳איז אויסגעקומען זיך צו טרעפן ביי דער אַרבעט, אָבער דער מוח איז געווען פאַר־נומען מיט זאָרג פאַר דער טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ.

אָט אין די טעג האָט זיך פאַרשפּרייט אַ נייער קלאַנג, אַז די איינציקע רעטונג איז צו האָבן אַן אַרבעטס־שײַן מיט אַ גרויסן שטעמפּל פון דײַטשישן אַרבעטס־אַמט „פאַכמאַן״. עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ סעריע לויפענישן צו די דײַטשן וועגן איבערבײַטן די שײַנען, אָדער אָפּשטעמפּלען די אַלטע מיט אַ שטעמפּל „פאַכמאַן״.

אייניקע פון אונדזערע אַרבעטער האָבן אַזעלכע שטעמפּלען באַקומען, איך

און אַנדערע האָבן ניט באַקומען. ווידער איז מען געווען צעקלעמט פון פחד. ווי פריער זיינען מיר זיך צוזאַמענגעקומען נאָך דער אַרבעט און אַדורכגעשמועסט די ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן, די פראָנט־נייעסן, וועלכע זיינען אגב געווען טרויעריקע. די דייטשן האָבן דאַן געזאָגט, אַז זיי וועלן גיין „נאָר" ביז מאָסקווע, און די באָלשעוויקעס זיינען „קאַפּוט". דעמאָלט איז אַ סוף צו דער מלחמה. פון אַזעלכע רייד פלעגט אונדז ווערן גאַנץ קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן.

אָבער אין אָט־די טעג זיינען די „פּאָליטיק"־פראַגן אַוועק אויפן צווייטן אָרט. מיט יעדן טאָג האָבן זיך אַלץ שטאַרקער פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן שאַפן אַ געטאָ אין ווילנע. וועגן געטאָ האָבן מיר געהאַט ידיעות פון קאָוונע. ווי מען האָט געגעבן אַ חודש צייט אויף אַריבערקלייבן זיך. גערעדט האָבן מיר צווישן זיך, אַז אַ חודש צייט איז אַ געוואַלטיקער טערמין אין אונדזערע גרויליקע צייטן. אין אַ חודש צייט קאָן מען גוט געהאָלפן ווערן און אונדזערע נייע בלוטיקע מושלים קענען נאָך איינגעמען די כפרה. נישט קלאָר איז געווען, ווו די געטאָ וועט איינגעאָרדנט ווערן, אין וועלכן ראַיאָן. קלאַנגען זיינען געווען, אַז די געטאָ וועט זיין אויף נאָווועגאָרעד, ווייל יענער ראַיאָן איז אויסערן שטאָט־צענטער, אָן אָרעמע געגנט. זיי וועלן דאָך ניט מאַכן קיין געטאָ אין צענטער פון שטאָט און איבערלאָזן יידן אין גאָרניט קיין שלעכטע הייזער. אויף די אַרבעט־ערטער האָט מען קיין זאַך ניט געקענט דערגיין. די „גוטע" דייטשן האָבן קיין זאַך ניט געוווּסט...

## די ליקווידאַציע פון יידישן קאָמיטעט

איך האָב דאָך געוואָלט עפּעס דערגיין וועגן די אַלץ אָפטערע קלאַנגען וועגן געטאָ, בין איך סוף וואָך אַוועק אין קאָמיטעט. דערביי געהאַט די כוונה צו באַקומען ביי חברים אינפאָרמאַציעס וועגן אונדזער לאַגע און די אויסזיכטן אויף דער נאָענטסטער צוקונפט. מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט האָב איך זיך אַריינבאַקומען אין יידישן קאָמיטעט, ווו כ'האָב געטראָפן אַ פולשטענדיקן חורבן. אין גאַנצן בנין איז געווען פוסט און וויסט. אַלע צימערן אָפן און ליידיק — אַ מוראדיקע אומאָרדענונג. פון די קוים אויפגעזוכטע פאָר מענטשן בין איך דערגאַנגען פּאָלגנדיקס: מיט אַ פאָר שעה פריער איז אין קאָמיטעט געקומען דער געשטאַפּאָוויעץ שווייַנענבערג און געמאַכט אַ וויסטן סקאַנדאַל דעם קאָמי־טעט. פאַרוואָס זיי האָבן ניט צוגעשטעלט קיין צען פורן. דער פאָרזיצער, אינזש. ש. טראָצקי, האָט אים געענטפערט, אַז ער, שווייַנענבערג, ווייסט דאָך גוט, אַז ביי יידן האָט מען שוין לאַנג צוגענומען אַלע פערד. פונדעסטוועגן, האָט אינזש. טראָצקי צוגעגעבן, האָבן מיר באַשטעלט צען קריסטלעכע פורן און זיי וועלן באַשטימט קומען צו דעם אָנגעוויזענעם פּלאַץ. שווייַנענבערג האָט זיך

געוואָרפן ווי אַ ווילדע חיה און האָט צוגענומען אַלעמען, ווער ס'איז נאָר אין דעם מאָמענט געווען אין בנין. צווישן די צוגענומענע זיינען אויך געווען אייניקע, וועלכע האָבן לגמרי ניט געהערט צום קאָמיטעט, ווי דער לייטער פון „מפיצי־השכלה"־ביבליאָטעק, קראַסניי, און אַנדערע צופעליקע קרבנות. פון די קאָמיטעט־מיטגלידער זיינען געבליבן אויפן אָרט, איבערגעלאָזענע מיט שווייגנבערגס חסד: אינזש. אַנאַטאָל פריד, אברהם זיידנשנור, פישמאַן; ג. יאשונסקי און אַדוו. מילקאַנאָוויצקי האָבן זיך אַרויסגעדרייט און זיך אויסבאַהאַלטן.

אין דעם טאָג זיינען אויסגעראָטן געוואָרן אַ פּאָר צענדליק אַלטע אויסגע־פּרוווטע יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע זיינען צענדליקער יאָרן גע־שטאַנען אין דינסט פון דער יידישער געזעלשאַפט. דאָס יידישע ווילנע איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט!

דאָ האָט מען אויך גערעדט וועגן געטאָ, אָבער קיין שום קאָנקרעטס האָב איך זיך ניט דערוווסט. נאָר ס'וועט זיין אַ געטאָ. אָבער ווו, ווען, ווייסט קיינער ניט. איינס איז געווען קלאָר: אונדזער בעכער מיט צרות איז נאָך ניט פול. עס גרייטן זיך נייע גזירות און איין גאָט ווייסט, וויפל נייע קרבנות עס וועלן נאָך איינגעשלונגען ווערן.

אָט ביי אַזעלכע פינצטערע און ביטערע געמיטער האָט מען פאַרבראַכט די לעצטע וואָך אויף דער „פריי". אַך־און־וויי איז געווען צו אַזאַ פרייהייט. אָבער דאַך אין דער אייגענער דירה און צווישן קריסטלעכע שכנים, פון וועלכע מען האָט פון צייט צו צייט געהאַט אַ געוויסע הילף. מען האָט געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן, ווו זיך אויף אַ ווײַלע אַריינצוכאַפּן. אגב, זיינען אין שטוב געווען מאַסן זאַכן, געוויסע זאַפּאַסן פון פּראָדוקטן, וועלכע האָבן טיילווייז פאַרלייכטערט דאָס פינצטערע און ביטערע לעבן.

פרייטיק פאַרנאַכט זיינען מיר געקומען פון דער אַרבעט, ווי געוויינלעך. אין אָוונט האָבן מיר פּאָליטיקירט, געטיילט זיך מיט די נייעס פאַרן לעצטן טאָג. אונדזער הויז, ברייטע גאַס 50, איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך מזלדיקע. איך ווייס ניט אין וועמענס זכות אונדזער הויז האָט אויסגעמיטן אַלע אומגליקן. די שכנותדיקע הייף פון ביידע זייטן ברייטע גאַס 48 און 52, ווו עס האָבן געוווינט אַ סך יידן, זענען געוואָרן אויסגערוימט פון די יידישע שכנים. ביי אונדז, גאָט זיי דאַנק, זיינען אַלע אַקציעס אַדורך רואיק, אָן אייננאיינציקן קרבן. אויף אונדזער הויף האָבן געוווינט די פאַמיליעס: טשאַרנוסקי מיט זיין פרוי און 3 קינדער, אַ זייגערמאַכער; פּראַגער — אַ יוועליר; בענדל — אַ ייד אַן אָרעמאַן מיט זיין פאַמיליע; די פרוי מייזעל מיט איר זון, זיי האָבן געהאַט ביים טויער אַ געשעפט פון שפּילצייט. די זיינען געווען אונדזערע 5 יידישע

פאַמיליעס. פון ניט־יידן איז כדאי צו דערמאָנען די אַלטע פרוי זאָסיע קאָזלאָווסקאַ מיט איר פּלימעניצע.

די אַלטע זאָסיע איז געווען די אייגנטימערין פון אַ סאָדע־וואַסער־קרעמל נעבן הויף, אין וועלכן זי איז אָפּגעשטאַנען העכער 50 יאָר. יידן פון יידישן ראַיאָן האָבן זי גוט געקענט. צו איר פלעגט מען (פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה) גיין פרייטיק־צו־נאַכט און שבת טרינקען סאָדע־וואַסער. טראַמפּשטשיב־סקיס סאָדע־וואַסער ביי זאָסיען איז געווען אַ שם־דבר אין ווילנע. זי איז געווען אַ זעלטן־גוטע, באמת אָרנטלעכע פרוי. מיר האָבן געוווינט טיר ביי טיר. ווען מיין פאַמיליע איז געקומען פון לאָדזש, פלעגן מיר ביי איר זיין זייער אָפט. גאָר נאָענט איז זי געווען מיט מיינע שוועסטער. דאָס אַרויספירן איינע קיין רוס־לאַנד האָט פרוי זאָסיע בשעתו זייער באַוויינט. איבערגליקלעך איז זי ערשט געווען ביי די דייטשן, אַלע יידישע שכנים האָבן אָנגעטראָגן צו איר, אין איר קליינעם צימערל, דאָס בעסטע און טייערסטע, וואָס מען האָט געהאַט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען מיר זיינען געווען אין געטאָ, פלעגט זי אונדז איבערשיקן אונדזערע זאַכן, פון וואָס מיר האָבן געלעבט. צענדליקער מאָל האָט זי מיט איר אַלטן קאָפּ ריזיקירט, כדי צו העלפן דעם אָדער יענעם ייד. אין די צוויי זונטיקדיקע טעג, ווען עס זיינען פאָרגעקומען די העץ־מיטינגען און מיר זיינען געווען זיכער, אַז אַ ליאָדע מינוט וועט אויסברעכן אַ פּאָגראָם, איז ביי איר די טיר געווען אָפן, גרייט אַריינצוכאַפּן צו זיך די קינדער, אויף צו באַהאַלטן זיי. דאָס איז געווען אַ מלאך.

דער מאָרגנדיקער טאָג, שבת דעם 6טן סעפּטעמבער 1941, האָט אונדז געבראַכט נייעס. טרויעריקע, פינצטערע נייעס. דער שוואַרצסטער שבת פון אַלע טרויעריקע שבתים, וואָס ווילנער יידן האָבן ווען־עס־איז דורכגעמאַכט אין זייער פיל הונדערט־יאָריקער געשיכטע. דער שוואַרצער שבת פון ירושלים דליטא!

אין דעם טאָג איז דורכגעפירט געוואָרן דער גירוש פון ווילנער יידן אין צוויי געטאָס, וועלכע זיינען לאַנג פּלאַנירט געוואָרן, דורך די דייטשישע מערדער, אָבער טעכניש צוגעגרייט געוואָרן במשך פון איין נאַכט.

## דער מאַרש אין געטאָ

דער שוואַרצער שבת פאַרן ווילנער יידנטום (6טער סעפּטעמבער 1941):

שבת פאַרטאָג האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט פריער ווי געוויינלעך. עפּעס אַן אומרואיק פאָרגעפיל האָט אונדז ניט געלאָזט ליגן. קודם כל זייגען מיר צוגעלאָפן צו די פענצטער און ניט באַמערקנדיק קיין שום ענדערונג, האָבן מיר זיך

באַרואיקט. די מאַמע איז ווי שטענדיק אַרויס פון שטוב „אויף ראַזוויעדקע". אין אַ קורצער ווײַלע אַרום איז זי צוריקגעקומען דערקלערנדיק, אַז מען לאָזט ניט אַרויס דורכן טויער און די גאַסן זײַנען אַרומגערינגלט דורך מיליטער. הגם מיר זײַנען געווען גרייט אויף דאָס ערגסטע, האָט אונדז דאָך די נײַעס אַ ריס געטאָן ביים האַרצן. מיר זײַנען ווידער צו צו אונדזערע פענצטער, וועלכע האָבן אַרומגענומען עטלכע גאַסן: ברייטע גאַס ביז איבער גלעזער־גאַס, אַ גרויסן טייל פון דײַטשישער גאַס, דעם גאַנצן פּלאַץ אַרום סאָבאָר, דעם אָנהויב פון רודניצקער, קאָנסקע. ערשט ווען מיר האָבן זיך גוט אײַנגעקוקט אין דעם, וואָס עס געשעט אויף דער גאַס, האָבן מיר באַמערקט, אַז נעבן יעדן טויער, אַנטקעגן דעם סעדל, שטייט טאַקע אַ באַוואָפנטער סאָלדאַט. צו דערזעלבער צײַט האָט מען אין קאַלעכס הויף אַרײַנגעפירט אַ גרויסע פור מיט ווײַסע ברעטער. איצט האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז דער גירוש אין געטאָ אַליין הויבט זיך אָן. אַז אַ געטאָ פאַר אונדז וועט געשאַפן ווערן. האָבן מיר דאָך שוין לאַנג געוווּסט, אָבער וויפל צײַט וועט מען געבן אויף איבערצוקלײַבן זיך? אין קאָוונע האָט מען דערויף געגעבן אַ חודש צײַט. מילא, אין ערגסטן פאַל וועט מען אונדז געבן צוויי וואָכן.

אַזוי האָבן מיר בײַ זיך געטראַכט. אָבער די אַלע פּלענער האָבן מיר געמאַכט אָן דעם באַלעבאָס...

דורך אונדזערע פענצטער אין גאַס אַריין האָבן אויך אונדזערע שכנים אַרויסגעקוקט, געפאָרשט... אָבער וואָס אײַגנטלעך עס קומט פאָר אין שטאָט — האָבן מיר ניט געוווּסט.

אין די שפּעטערדיקע שעהען האָבן מיר שוין באַמערקט, ווי עס גייען קלײנע גרופּעס ייִדן מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס. עס גייען פרויען, קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער, עס גייען מענער, הכלל — פּרשת „לך־לך" אין איר גאַנצער טראַגיק. דער הויזוועכטער האָט אונדז איבערגעגעבן נאָך פּרטים. ס'איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז מען גייט אין געטאָ אַריין. ס'איז אויסגעבראָכן אַ פּאַניק צווישן די שכנים. מען האָט אויף שנעל גענומען פּאַקן זאַכן, אַזוי, אַז מען זאָל קענען טראָגן אויף זיך וואָס מערער.

אַ סך זאַכן האָט מען גלײַך גענומען אָנוועקטראָגן צו די אַרומיקע קריסטלעכע שכנים, און געפּאַקט האָבן מיר אַזוי, אַז יעדערער זאָל זײַן זעלבשטענדיק, דאָס הייסט, יעדערער, פון קליין ביז גרויס, זאָל האָבן אויף זיך, אין דער ערשטער ריי דאָס, וואָס ער פּערזענלעך דאַרף האָבן. די קינדער האָבן באַקומען זייערע וועש, קליידער, אַ ביסל פּראָדוקטן, אַ קישן מיט אַ דעקע. מיר, די עלטערע, האָבן פאַר זיך אויך געמאַכט אַזאַ אַסאָרטימענט. דערבײַ האָבן מיר אויף זיך אַליין אַרויפגעצויגן וואָס מער זאַכן. אַז די פּעק זײַנען שוין געווען

צוגעגרייט, האָבן מיר ערשט דערזען, אַז די גאַנצע שטוב בלייבט כמעט ווי ניט גערירט, ווייל וואָס פאַר אַ ווערט, מ'שטיינסגעזאָגט, האָט געהאַט דאָס וואָס מיר האָבן פאַרפאַקט, לגבי דעם, וואָס אין שטוב האָט זיך געפונען. איז דען אַ וווּנדער — אַ שטוב, אַן איינגעפונדעוועטע פון דור־דורות. דערצו נאָך איז פאַר דער לעצטער צייט, איינגעזאַמלט געוואָרן באַלעבאַטישקייט פון עטלעכע הייזער: פון די שוועסטערס, דער מאַמעס, מיינע געבראַכטע זאַכן פון לאָדזש און די צוגעקויפטע אין פאַרלויף פון צוויי יאָר צייט. הכלל, אַ שטוב מיט כל טוב, פון וועלכער מען האָט פון פאַרקויפן די אייגענע זאַכן, געקענט לעבן לאַנגע יאָרן.

## אונדזער הויז־אַדמיניסטראַטאָר — דער „האַרציקער" ליטווין

אין אַ צושטאַנד פון גיט וויסן געענוי, וואָס עס קומט פאָר אין שטאָט, זיינען מיר אָפּגעוועזן עטלעכע שעה, ביז אויפן הויף איז געקומען דער הויז־פאַרוואַלטער — אַ ליטווין. איך האָב אים אַרויפגענומען צו זיך אין שטוב, געגעבן אים אַ פּאָר נייע פרעכטיקע הויזן. ער האָט אונדז דערציילט: „מען האָט געשאַפן אַ געטאָ, אַלע יידן מוזן תיכף ומיד אַריבערגיין אַהין. מען קען מיטנעמען אַזויפיל זאַכן, וויפל מען קען טראָגן אויף זיך. אייערע הויז־איינוווינער, האָט ער געזאָגט, האָט מען שוין לאַנג געוואָלט אַרויספירן, איך האָב אָבער דערצו ניט דערלאָזט. אין געטאָ וועט אייך זיין גוט. קודם כל וועט איר שוין האָבן פולשטענדיקע רו, קיינער וועט אייך דאָרט ניט רירן און מיט אייך קיין געשעפטן ניט האָבן... איר זאָלט וויסן זיין, אַז אייער הויז איז געראַטעוועט געוואָרן אַדאַנק מיר. איך האָב דאָס געטאָן צוליב אייך, ווייל איך ווייס ווער איר זייט. איך האָב אייך ביז היינט אויסגעהיטן און וועל אייך אויך היינט העלפן".

מיר זיינער געווען גערירט פון זיין גוטסקייט. איך קען אים ניט, דעם ליטווין, איך זע אים דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן. קיין צייט אַ סך צו קלערן איז אָבער ניט געווען. איך דאַנק אים זייער האַרציק און פרעג אים קאָנקרעט, וואָס האָב איך צו טאָן אין דעם מאָמענט. ער זאָגט: „טוט קיין זאַך ניט. פאַרנאַכט וועל איך קומען צו אייך מיט אַ פור און איך וועל אייך מיט אייערע זאַכן אַריבערפירן אין געטאָ. דאָרט וועל איך אייך באַזאָרגן מיט אַן אָרדער אויף אַ דירה און עס וועט גוט זיין".

דערהערנדיק אַזעלכע רייד, זיינען מיר און אויך אונדזערע שכנים זייער דערפרייט געוואָרן. מיר האָבן דורך די פענצטער געזען, ווי אַזוי גרופעס יידן גייען אין דער באַגלייטונג פון באַוואָפנטע ליטווינער, מיט פעק און וואַליזעס אין די הענט. מען גייט קוים קוים. מען זעט, אַז די מענטשן גייען מיט די לעצטע כוחות. די שעהען זיינען געלאָפן. אין שטוב האָבן מיר ווייטער געפּאַקט.

כדאי צו באַמערקן, אַז אַ סך גאָר גוטע, טייערע זאַכן, ווי אַ טייל פון פּוטערוואַרג האָט די מאַמע פריער אַוועקגעטראָגן אין אָרעמען יידישן ראַיאָן, צו קרובים און באַקאַנטע. מען האָט גערעכנט, אַז די רוצחים וועלן זיך קודם כל וואַרפן אויף די רייכערע הייזער. אויסגעלאָזן האָט זיך פאַרקערט. אַז די ערשטע מאַסן־טשיסטקעס האָבן זיי דווקא געמאַכט אין די אָרעמע יידישע גאַסן. אַזוי אַרום איז בשעת דער כאַפּ־פּראָוואָקאַציע ממילא פאַרלוירן געגאַנגען אַ סך גוטע, טייערע, פעלצן, קליידער־שטיק א. א. וו.

אָבער אין שטוב איז נאָך אַלץ געבליבן אַ האָב־און גוטס. מיר האָבן געזען, אַז די פּראַצע פון אונדזער גוט איינגעפונדעוועטער שטוב, די בלוטיקע האָרע־וואַניע פון טאַטע־מאַמע, פון דער גאַנצער משפּחה, גייט צום טייוול, אַלץ פאַלט אַריין אין די הענט פון בלוטיקע שונאים. דורות האָט מען געפּינצטערט, געפּראַצעוועט, געשפּאָרט, געזאַמלט רובל צו רובל, גראָשן צו גראָשן. אַ פאַרמעגן מיט שווערע אָרנטלעכע מאַטערנישן איינגעזאַמלט, איצט גייט דאָס אַלץ לעזאזל. אין געציילטע שעהען, אין מינוטן ווערט חרוב און מוחרב דאָס יידישע לעבן. אין דעם מאָמענט האָט מען נאָר געזען דעם מאַטעריעלן חורבן. מיר האָבן ניט געוווּסט וועגן דעם שוידערלעכן פיזישן חורבן, וואָס איז אין די שעהען אויסגעפירט געוואָרן איבער טויזנטער און טויזנטער אומשולדיקע יידן.

אָט אין אַזאַ צושטאַנד האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט איבער די צימערן. צו אונדזער שכנטע, פרוי זאַסיאַ קאָזלאָווסקאַ, האָבן די שכנים אָנגעטראָגן אַזוי פיל זאַכן, אַז די שטוב איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריזיקן לאַגער. אַ סך זאַכן האָבן מיר אַריינגעטראָגן צום הויז־וועכטער. יידן האָבן באַגראָבן אין די קעלערן, אויף די בוידעמער און אין אַנדערע באַהעלטענישן. די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען אין שטוב ברעכנדיק די הענט אויף דעם לעבעדיקן חורבן. מיט טרערן אין די אויגן האָט זי געקוקט אויף די שבתדיקע לייכטער, איבער וועלכע זי האָט צענדליקער יאָרן ליכט געבענטשט. די לייכטער — פּשוטע, מעשענע טאָמבאַקעס, אָבער וויפל חן, וויפל פאַמיליען־פרייד, פאַמיליען־שמחות האָבן אָט־די לייכטער באַצירט אין משך פון לאַנגע יאָרן. יעדן שבת און יום־טוב, ביי יעדער שמחה, האָבן אָט די אַלטפרענקישע ירושה־לייכטער געשיינט פאַר אונדזערע אויגן. דאָס זיינען געווען אמתע שטוב־פריינט, ניט בלויז אין פריידן, נאָר אויך אין ליידן. די זעלבע לייכטער פלעגן שטיין צוקאָפּנס פון אַ פאַרשטאָרבענעם פאַמיליען־מיטגליד און אים מיט זייער ליכט באַגלייטן צו זיין אייביקער רו. 50 יאָר זיינען די לייכטער אָפּגעווען אין דעם אַלטן טראַדיציאָנעל־יידישן הויז פון אַ פּשוטן ווילנער באַלעבאָס און טריי געדינט, היינט בלייבן זיי אין שטוב אַליין, פאַרשעמט, פאַרלאָזן אויף הפקר! איצט וועלן זיך מיט זיי מטפל זיין שמוציקע, גזלנישע הענט... פונדערווייטנס האָב איך געזען, ווי די מאַמע

גלעט יעדע קופּערנע פּאַן, דעם סאַמאָוואַר, אַלע אַלטע שטוביקע חפצים, וואָס האָבן זיך אויף די פּאָליצעס געפונען זייט צענדליקער יאָרן. דאָס האַרץ האָט ניט ווי געטאָן אויף די טייערע זיידענע קליידער, שיינע אנצוגן, פוטערס, פּאַלטאָס, זיידענע וועש און אַנדערע מאָדערנע זאַכן, וואָס זיינען אין שטוב געווען, נאָר אויף די אַלטפּרענקישע אַנטיקן, פּשוטע יידישע חפצים, וואָס פלעגן באַשיינען אונדזערע יידישע הייזער במשך דור־דורות. די אַלטע פּסחדיקע אַרבע כוסות, פּסחדיק געשיר, די גרויסע מעשענע פּסחדיקע טאַץ, אויף וועלכער מען פלעגט ביים סדר אָוועקשטעלן די אַרבע כוסות. משה מאָנטעפיאָרעס בילד... מיינס אַ פּאָרטרעט, וואָס ס׳האָט געצייכנט דער באַרימטער יידישער קינסטלער, דער טויב־שטומער מאַאוריצי מינקאָווסקי. אַ צווייט גרויס אייל־בילד מיינס, וואָס די קינדער האָבן מיט זיך געבראַכט פון לאָדזש, געמאָלן פון מאָלער האַנעמאַן פאַר דער געזעלשאַפט „בותן־לחם״ אין לאָדזש. נאָך און נאָך צענדליקער אַזעלכע אומשאַצבאַרע קלייניקייטן, וואָס מען קען מיט קיין גאָלד ניט אָנווערן.

אין מינוטן ווערט חרוב דאָס גאַנצע יידישע פאַלקסטימלעכע לעבן. מיר שטייען פאַרן אונטערגאַנג פון דורות, פאַרן אומקום פון אַלטן טויזנטער־יעריקן יידישן לעבנסשטייגער.

*

ניט קענענדיק צוזען דעם ביטערן צער פון דער מאַמען, פון דער פרוי און קינדער, בין איך אַרויס אויפן הויף צו די שכנים. אַלע האָבן זיך גרייט געמאַכט צום וועג, מיט אומרו און אומגעדולד האָבן מיר געוואַרט אויפן מאָמענט, ווען די באַנדיטן וועלן זיך אַריינרייסן צו אונדז אין הויז. ביי מיר האָט נאָך געטליעט אַ פונק פון האָפענונג: דער הויז־פּאַרוואַלטער, אפשר וועט ער אונדז קומען העלפן. איך האָב אַ רוף געטאָן די שכנים צו מיר אין שטוב, אויף אַ טיי, קאַווע און פאַרבייסן. מ׳האָט אויפגעקאָכט אַ טשייניק טיי און צוגעגעסן ברויט מיט האָניק. אונדזער „וקבצנו־יחד״־סעודה האָט אויסגעזען, ווי אַ לעצטע סעודה פון פאַראורטיילטע צום טויט, אַ ווײַלע פאַרן אויספירן דעם טויט־אורטייל.

**מען טרייבט אין געטאָ**

קוים וואָס מיר האָבן באַוויזן צו ענדיקן אונדזער סעודה, ווי מיר האָבן דערהערט פון הויף אַ טומל און ווילדע געשרייען פון אַ גרעסערער צאָל סאָלדאַטן. די טיר האָט זיך אויפגעריסן און אין שטוב זיינען אַריין ליטווינער — מיליטער און ציווילע. מיט ווילדע קולות, האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף אונדז: „גרייטשאַאו, גרייטשאַאו״ (שנעלער, שנעלער). די רוצחים האָבן קיין צייט ניט! אין שטוב איז אויסגעבראָכן אַ געוויין. די מאַמע קושט זיך מיט דער אַלטער קאָזלאָווסקין,

ביידע אַלטע פרויען שלוכצן מיט זודיקע טרערן. די ליטווישע צעיושעטע כאַמעס האָבן זיי פונאַנדערגעריסן. מען האָט אָנגעהויבן צו נעמען די פעק. דער הויז־אַדמיניסטראַטאָר איז, פאַרשטייט זיך, ניט געקומען. זיינע אַלע מעשיות, וואָס ער האָט אינדערפרי אָנדערציילט, זיינען געווען בבחינת ניט געשטויגן־ניט געפלויגן. פשוט, אַ מצוות אַרויסצוציען עפּעס אַ גוט מתנהלע ביי אַ יידן אין אַן עת־צרה. איך פרעג דעם ציווילן ליטווין — ווי עס שיינט, אַן עלטערער צווישן דער באַנדע — וואָס וועט זיין מיט די זאַכן, וועלכע בלייבן דאָ איבער? „איך וועל פאַרחתמענען דאָס צימער און קיינער וועט ביז אַ פאַראָרדענונג ניט רירן. די שליסלען וועלן זיין אין קאָמיסאַריאַט, שפּעטער וועט מען זען וואָס צו טאָן". איך העלף אַלע שטוביקע נעמען די פעק אויף די פּלייצעס און אין די הענט, אַלץ ווי ס'איז געווען צוגעגרייט פון פריער. דאַן נעם איך מיינע פעק און אַ נייעם עלעקטרישן טשייניק אין האַנט. אַזאַ זאַך מוז מען מיט זיך האָבן, האָט איך געטראַכט. אַ ביסל הייס וואַסער וועט אוודאי צונוץ קומען אין וועג. אין אַ געוויסן מאָמענט שטעל איך אַוועק דעם טשייניק און העלף עמעצן נעמען אַ פּאַק אויף זיך. דאָס האָט געדויערט סעקונדן. איך קער זיך אום צו מיינע פעק, דער טשייניק איז פאַרשוווּנדן, ווי אין דרערד אַריין. ניטאָ קיין פרעמדע, נאָר די יונגע קריסטלעכע שכנטע. איך פרעג זי: „ווו איז דער טשייניק", זי ווייסט ניט, ענטפערט זי, זי האָט ניט געזען. איך בין געוואָרן אויסער זיך. אין אַזאַ מאָמענט זאָל מען מיר פון אונטער דער האַנט, ביי מיר אין שטוב, צונעמען אַזאַ לעבנסנויטיקע זאַך! די סטשערוווע קען שוין ניט אויסן־האָבן ביזן מאָמענט. ווען די מערדער וועלן אונדז אַרויספירן פון שטוב! זי ראַבירט שוין! איך פרעג איר מאַמען, די אַלטע קריסטין, זי ענטפערט מיר אויך, אַז זי ווייסט ניט. די ליטווינער שרייען: שנעלער, שנעלער! אָבער איך האָב אין מאָמענט באַשלאָסן: עס מעג מיך גאַנץ טייער קאָסטן און איך מוז אויפן אָרט דערגיין, ווער עס האָט מיר דעם טשייניק פון האַנט צוגענומען. איך לאָז אַראָפּ די פעק און לויף אַריין צו דער קריסטין אין ערשטן צימער. דער טשייניק שטייט אויפן ברעג טיש. זי האָט אַפילו ניט באַוויזן אים צו פאַרשטעקן. איך האָב אַ נעם געטאָן דעם טשייניק, אַרויפגעלייגט אויף זיך די פעק זאַכן און געזאָגט צו די צוויי איבערבלייבנדיקע קריסטינס: „מיר לאָזן אייך דאָ גענוג איבער צום ראַבעווען, אָבער, אַז איר פוילישע זענט אַזעלכע פּאַדלע סטשערוועס, האָב איך זיך ניט פאַרגעשטעלט. אין אַזאַ מאָמענט, אַנשטאָט אונדז צו העלפן, ליגט אייך אין זינען אונדז צו דערשלאָגן"... איך בין אַרויס מיט מיינע אָנגעלאָדענע פעק אַראָפּגייענדיק לאַנגזאַם פון די טרעפּ. די אַלטע איז אַרויסגעלאָפן מיט אַ געוויין: „איך שווער ביי יעזוסן, אַז איך האָב ניט גענומען, דאָס האָט זי, די יונגע, געטאָן, יעזוס זאָל איר דערפאַר באַצאָלן, זייט מוחל, זייט מוחל"... אין טויער, האָבן

שוין מיט אומגעדולד געוואַרט די מאַמע, די פרוי, די קינדער. שכנים האָבן זיך גענומען געזעגענען. אין טויער איז אויסגעבראָכן אַ יאָמערלעך געוויין צווישן די עלטערע פרויען. אַ מענטש איז אוודאי אויך פון שטיין און אייזן, אַז ער קען אַזעלכע מיגוטן אויסהאַלטן. אפילו די ליטווישע רוצחים זיינען אויף אַ ווײַלע שטיין געבליבן און קיינעם ניט גערירט. זיי האָבן גלאָמפּ אַלעמען זיך געזעגענען, צעקושן זיך מיט די אייניקע פוילישע שכנים, און הײדאַ אין וועג אַריין...

צום לעצטן מאָל האָבן מיר, מיט פאַרקלעמטע הערצער, אַ קוק געטאָן אויף אונדזער הויז, מיט די דריי פענצטער אין גאַס אַריין, אויף די אַרומיקע, און מיט פאַרביטערטע געמיטער גענומען שפאַנען אונדזער אוראַלטן דערנער־וועג...

✶

פון פאַרטאָג אָן איז אין דער גאַנצער שטאָט פאַרגעקומען דאָס אַרויסטרייבן יידן פון זייערע הייזער אין געטאָ אַריין. אָבער ניט אומעטום איז דאָס פאָרגע־קומען פאַרהעלטנישמעסיק אַזוי לייכט ווי ביי אונדז. אין אַ סך גאַסן האָט מען די אומגליקלעכע ניט געלאָזט נעמען מיט זיך קיין שום זאַך. מען האָט געטריבן אָט אַזוי ווי מען שטייט און גייט, אין פיל פאַלן אויך געשלאָגן מכות רצח. יידן פון ווייטע ראַיאָנען, האָבן זייערע פעק יאָ מיטגענומען מיט זיך און געוואָרפן אין מיטן וועג. ניט געווען קיין כוח צו טראָגן אויף זיך אַפילו דאָס קלענסטע פעקל. די ליטווינער האָבן אויך ניט געלאָזט גיין לאַנגזאַם, נאָר געטריבן, געיאָגט, פאַרמאַסערט, כדי מען זאָל אַוועקוואַרפן דאָס לעצטע פעקל, וואָס מען האָט אויף זיך.

אַלע זיינען געטריבן געוואָרן אין צוויי ריכטונגען. איין ריכטונג איז געווען אויף רודניצקער גאַס, דאָרטן איז געווען איין געטאָ, די צווייטע ריכטונג איז געווען צו אַראָפּשלאָס־גאַס, דורכן שוואַרצאָוון זאַוואָלעק, אָדער דורך דער זייט דאָמיניקאַנער־גאַס. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז געווען נאָך אַ דריטע ריכטונג, וועלכע האָט געפירט גלייך צו דער שחיטה — צו פאָנאַר. דאָס זיינען געווען די יעניקע, וועלכע האָבן זיך געפונען אין ראַיאָן פון לוקישקעס, שניפּישעק, טיילווייז פון געאָרגיעווסקע פראָספּעקט (מיצקעוויטשאַ גאַס). זיי האָט מען גלייך געטריבן אין לוקישקער טורמע, און אין עטלעכע טעג אַרום, נאָכן דורכגיין דאָרטן אַלע שוידערלעכסטע נגישות, וואָס קאַניבאַלן קענען אויסקלערן, האָט מען די אומגליקלעכע, פאַרטיעסווייז געפירט צו דער שחיטה — אויף פאָנאַר.

פון דער גאַנצער שטאָט האָבן זיך געצויגן גרופּעס יידן, מיט פעק און אָן פעק, אין דער באַגלייטונג פון ליטווינער צו די צוויי הויפּט־ערטער.

ווען מיר האָבן אין שטוב געפּאַקט די פעק, גענומען זיי אויף זיך און געפּרוווט מעסטן לויט יעדנס כוחות, האָט זיך געדוכט, אַז די פעק זיינען

דערטערגלעך און מען וועט מיט זיי דערגיין. ווען מיר זיינען אַרויס אָנגעלאָדענע אין גאַס, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מען האָט ניט קיין כוחות צו גיין מיט אַזאַ משא. אָבער, אינטערעסאַנט, קיינער, ניט די דערוואַקסענע, ניט די קינדער, האָבן ניט געוואָלט אַוועקוואַרפן קיין שום זאַך. מען איז געגאַנגען, געוויינט פון יסורים אָבער ניט געוואָרפן די פעקלעך. יעדער האָט אינסטינקטיוו פאַרשטאַנען, אַז יעדע זאַך האָט אין זיך דעם ווערט פון ברויט. די פרויען און קינדער זיינען געגאַנגען פאָראויס און יעדע מינוט האָט זיך אַן אַנדערער אָפּגעשטעלט. איך בין גלייך צוגעקומען און געהאָלפן צוריק אַרויפלייגן די אַראָפּגענומענע פעקלעך. אָבער מיינע כוחות האָבן אויך ניט לאַנג געסטאַיעט. ווען מיר זיינען קוים פאַרביי דער סאָוויטשער־גאַס, בין איך אַליין געבליבן שטיין. איך האָב אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די צוויי גרויסע פעק און אַ ווײַלע אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. אין אָט־די געציילטע סעקונדן זיינען מיר דורכן געדאַנק דורכגעלאָפן מיינע קינדער־יאָרן. דאָ, אויף סאָוויטשער־גאַס, בין איך אין מיין ערשטן חדר געגאַנגען. אויף סאָוויטשער־גאַס איז געווען מיין ערשטע פאָלקסשול (לאַזאַרעווס נאַטשאַלנאָע אוטשילישטשע). די גליקלעכסטע, בעסטע קינדער־יאָרן דאָ, אויף דער גאַס פאַרבראַכט. היינט שטיי איך צוזאַמען מיט די רעשטלעך פון דער גרויסער, פאַרצווייגטער משפחה אויף דערזעלבער גאַס, און אויף די פלייצעס דאָס גאַנצע פאַרמעגן... אַ באַנדיט, אַ ליטווין, טרייבט און יאָגט מיך ווי אַ הונט. און אין אַזאַ תהומישער לאַגע געפינט זיך איצט דאָס גאַנצע ווילנער ידנטום, אָך און ווײ.

דער ליטווין האָט מיך געלאָזט אַ פּאָר מינוט אָפּרוען, אָבער ווען איך האָב געוואָלט צוריק אַרויפציען די צוויי גרויסע פעק אויף מיינע פלייצעס, האָב איך דאָס בשום־אופן ניט געקענט. איך בין געבליבן אַ פאַרצווייפלטער. וואָס טוט מען? דער ליטווין טרייבט, די פעק לאָזן וויל איך ניט און נעמען זיי קען איך ניט — ממש אַ האָפנונגסלאָזע סיטואַציע. און אָט, אין דער סעקונדע איז פון דער לאַווע אַראָפּגעשפרונגען אַ קריסט, האָט אַ כאַפּ געטאָן ביידע גרויסע פעק און מיר זיי אַרויפגעוואָרפן אויף די פלייצעס. וואָס פאַראַ איבעראַשונג! די סצענע האָט געדויערט געציילטע סעקונדן, אָבער מיך האָט דאָס געראַטעוועט. עפּעס בין איך געוואָרן פרישער, אויפגעלעבטער. איך האָב גענומען גיין ווייטער, אָנגעיאָגט מיינע און געטראַכט וועגן העלדנטאַט פון דעם אומבאַקאַנטן, וועלכער האָט ריזיקירט מיט זיין לעבן פאַר העלפן אַ ייִדן. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, איז געווען אַ ספּעציעלער באַפעל צו אַלע ליטווינער און אַנדערע, וועלכן האָבן אָנטיילגענומען אין דער אַקציע, אַז קיין שום הילף טאָרן זיי ניט געבן די ייִדן אין וועג. איז טאַקע דער ליטווין געשטאַנען און מיט קיין פינגער מיר ניט געהאָלפן ביים אַרויפלייגן די פעק אויף די פלייצעס.

ווען מיר זיינען געגאַנגען פאַרביי גלעזער־גאַס, האָבן מיר דערזען אַ הויכע

וואָנט פון ווייסע ברעטער, זי האָט פאַרצוימט גלעזוער־גאַס און אָפּגעטיילט זי פון ברייטער־גאַס. קוים לעבעדיקע האָבן מיר זיך אַזוי דערשלעפּט ביז שוואַרצאָווער זאַוואָלעק. ביים אַריינגאַנג אין געסל איז געשטאַנען אַ געדיכטער קאָרדאָן פון מיליטער און פּאָליציי. דער ווייטערדיקער וועג צו ברייטער־גאַס איז געווען פאַרשטעלט. דאָ האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, געוואַרט, ביז אַנדערע וועלן אַריין אין געסל. דערווייל האָט מען אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. ווען מיר האָבן געזאָלט גיין ווייטער, האָב איך געהאָלפן אַלע שטובּיקע נעמען זייערע פּעק אויף די פּלייצעס און אַליין בין איך ווידער געבליבן דער לעצטער. ווידער האָט זיך אָפּגעשפּילט די זעלבע סצענע — איך בין געבליבן שטיין ניט קענענדיק זיך אַן עצה געבן. לויפט צו מיר ווידער צו אַ יונגער קריסט, וואַרפט מיר אַרויף די פּעק און נעמט איינעם פון מיינע צוויי טשעמאָדאַנעס, וועלכע איך האָב געהאַלטן אין די הענט. אין ערשטן אויגנבליק האָב איך זיך זייער דערפרייט מיט דער הילף. באַלד האָב איך אָבער באַמערקט, אַז דער יונגערמאַן גייט ניט מיט מיר צום זאַוואָלעק, נאָר גייט גלייך צו ברייטער־גאַס, צום קאָרדאָן פון מיליטער. איך האָב זיך גלייך געכאַפּט, אַז דער „העלפער" מיינער, וויל פּשוט צונעמען מיין וואַליזע, גראָד מיט די ווערטפולע זאַכן.איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און גענומען שרייען: „פאַרהאַלט אים, פאַרהאַלט אים, ער האָט צוגעכאַפּט מיין וואַליזע מיט זאַכן". אויף די לאַוועס זיינען געווען פיל מענטשן, ניט־יידן. ס'איז געוואָרן אַ טומל. איייניקע פון די מיליטערלייט אין קאָרדאָן, האָבן זיך אַ קער געטאָן צום יונגנמאַן, אים פאַרהאַלטן, צוגענומען פון אים די וואַליזע, מיר דערלאַנגט און אים אָפּגעלאָזן. אין אָט־די געציילטע סעקונדן, האָט עס מיך געוואָרפן ווי אין אַ קדחת. אַ מאָמענט האָב איך שוין חרטה געהאָט, הלמאי איך האָב אויפגעהויבן דעם טומל. דערמיט האָב איך געקענט ציען אויפמערק־זאַמקייט אויף דעם בינטל גרויסע פּעק און זיי האָבן עס געקענט צונעמען. מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג, ממש מיט די לעצטע כוחות, בין איך אַריין אין זאַוואָלעק, וואָס טיפער, דאָס הייסט, וואָס ווייטער פון ברייטער־גאַס. דאָ האָב איך געטראָפן מיין פאַמיליע, וואָס האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די פּעק און אין גרויסער דענערווירונג געוואַרט אויף מיר. די מינוט־צוויי, וואָס איך האָב זיך פאַרהאַלטן, האָט זיי געקאָסט אַ סך געזונט. אין זאַוואָלעק זיינען אַ סך יידן געשטאַנען מיט פּעק; מיר האָבן זיך דאָ פאַרהאַלטן אַ לענגערע ווײַלע און זיך אויסגערוט.

דער דאָזיקער צווייטער פאַל פון וועלן מיך באַראַבעווען האָט מיך פּשוט דערשיטערט. איך האָב געטראַכט: ניט קיין הילף, ניט קיין ברעקל מענטשלעך מיטגעפיל, אַפילו ניט דער קלענסטער אויסדרוק פון סימפּאַטיע, נאָר פאַרקערט — חיהשקייט, נידערטרעכטיקייט, רויבעריי. פּשוט ראַבירן, כאַפּן, רייסן פון די

הענט. נאָר די ליטווינער, וואָס האָבן די אַקציע דורכגעפירט מיט ווילדער אוממענטשלעכקייט, מיט דער גאַנצער אכזריות, האָבן אָפּטמאָל ניט פאַרטראָגן קיין עוולות פון אַנדערע לגבי אונדז און זיי פלעגן צייטנווייז ווערן אונדזערע פאַרטיידיקער...

„איר זייט אַ געוואַלטיקער ריזיקאַנט", זאָגט צו מיר אַ ייִד, „ברענען זאָלן זיי מיט די וואַליזעס, זאָלן זיי זיין אַ כפרה פאַר אונדזערע קעפּ, נאָר לאָמיר שוין זוכה זיין, צו זיין אין געטאָ".

„אָבער, זעט נאָר", זאָגט אַ צווייטער, „מיט וואָס פאַראַ מענטשן מען לעבט צוזאַמען, אין אַזאַ פינצטערן מאָמענט, זאָל מען רייסן פון די הענט".

„וואָס איז דען דער וווּנדער, זיי איילן זיך... זיי קענען שוין גיט דערוואַרטן דעם מאָמענט, ווען מען וועט קענען אָנהויבן אַרויספירן אונדזערע זאַכן"...

אַזוי האָט מען אין די שווידערלעכע מינוטן זיך דורכגעוואָרפן מיט אָפּגעהאַקטע, טרייסטלאָזע ווערטער, ניט וויסנדיק וווהין מיר גייען און אויף וואָס מיר וואַרטן... אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מיר שטייען שוין כמעט פאַרן געטאָ־טויער, נאָר מיר מוזן אַ ווײַלע וואַרטן, ווייל ביים אַריינגאַנג אין געטאָ איז דערשטיקט צו ווערן. אונדזערע ליטווינער זיינען אַוועק מאַכן אַן אָרט פאַר אונדז. ווען מען האָט זיך שוין געדאַרפט רירן פון אָרט, האָט זיך געשאַפן די זעלבע לאַגע וואָס פריער: נישטאָ קיין כוח צו נעמען די פעק. פונוואַנען וועט קומען די ישועה!?...

אין דעם מאָמענט זיינען צו אונדז צוגעגאַנגען אייניקע ייִדישע יונגעלייט און אַ זאָג געטאָן: „גיט אייערע זאַכן, מיר וועלן אייך אַריינפירן אין געטאָ"...

דעם אמת געזאָגט, האָט קיינער ניט געהאַט קיין חשק אָנצוטרויען אומבאַקאַנטע דעם לעצטן ביסן ברויט... זיי זיינען טאַקע ייִדן, אָבער ווער קען זיי? דורכגעשלעפּט דאָס גאַנצע ביסל מטלטלים, מ'שטיינסגעזאָגט, מיט אַזוי פיל שפיכות־דמים, און איצט פאַרלירן דאָס, האָט זיך ניט געוואָלט.

עס זיינען צו מיר צוגעגאַנגען צוויי יונגעלייט און געזאָגט: „פאַניע באַלבערישסקי, מיר קענען אייך, גיט אונדז איבער אייערע זאַכן, האָט ניט קיין מורא, מיר וועלן אייך אַלץ צושטעלן אין בעסטער אָרדענונג און מיט פולער פאַראַנטוואָרטלעכקייט".

—איך דאַנק אייך, קינדער, פון גאַנצן האַרץ, נעמט, אָט ליגן אונדזערע זאַכן.

מיט פרישע כוחות (וועלכע רעזערוואַרן האָבן אונדז די כוחות באַנייט?) האָבן מיר אַלע צוזאַמען גענומען אונדזערע פעק און אין געציילטע מינוטן זיינען מיר שוין געשטאַנען ביים נייעם, פון ווייסע סאָסנע־ברעטער אויפגעשטעלטן טויער. ביים טויער איז געווען אַן ענגשאַפט. דאָס גאַנצע שמאָלע געסל איז געווען פאַרשטאָפּט מיט מענטשן און פעק. אונדזערע יונגעלייט האָבן פאַר אונדז ממש

# ווילנע
# געטא II
## 1941

מאסשטאב 1:1000





געטא-קווארטאל

מיט כוח געמאַכט אַ וועג און אין אַ קורצער ווײַלע זײַנען מיר שוין געווען אויף יענער זײַט — אין געטאָ.

עס וועט אפשר זײַן אומבאַגרײַפלעך, אָבער ס׳איז אַ פאַקט, אַז מיטן איבער־טרעטן דעם געטאָ־טויער, איז אַלעמען אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן... גאָט צו דאַנקען, אַבי מיר זײַנען שוין מיט זיך אַליין! זאָל זײַן אין געטאָ, אַבי פטור געוואָרן פון אַ שטאָט מיט מערדער און רויבער. וואָס האָבן נאָר געוואַרט אויף אונדזער אומקום, אויף די ירושות...

## אין קליינעם געטאָ

### די ערשטע שעהען

מיט איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג האָבן מיר זיך קוים דערשלאָגן צום טויער פון הויף, עק אַראָפּשלאָס־גאַס און גלעזער־גאַס, דאָרטן צונויפגענומען אַלע אונדזערע פּעק און זיך אײַנגעאָרדנט אין ווינקל פון טויער, צוזאַמען מיט נאָך אייניקע שכנים פון אונדזער הויז אויף ברייטער גאַס. אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, געקומען אַביסל צו זיך, און גענומען זיך אַרומקוקן, ווו מיר געפינען זיך און וואָס עס טוט זיך אַרום אונדז.

דער הויף איז אונדז געווען גוט באַקאַנט. דאָ האָט צענדליקער יאָרן גורוויטש געהאַט זײַן פּאַרב־קראָם, דאָ האָט אַ סך יאָרן געוווינט שמעון נאָז, דער קאַמאַשן־שטעפּער. ש. נאָז און מײַן טאַטע ע״ה זײַנען לאַנגע יאָרן געווען גבאים פון איין קלויז. די קינדער האָבן זיך צוזאַמען געהאַדעוועט און צוזאַמען געלערנט אין די גימנאַזיעס. היינט שטייען מיר ווי בעטלער בײַ דעם טויער...

די פרוי מיט די קינדער זײַנען געבליבן בײַ די זאַכן און איך מיט דער מאַמען זײַנען אַרויס זען, הערן, אויפנעמען ידיעות.

אַרויס פון הויף, האָבן מיר פאַר זיך דערזען אַ ים מיט מענטשן, היימישע מענטשן. זינט דער אָקופּאַציע איז דאָס געווען דער ערשטער „פרייער״ צוזאַמענ־טרעף פון אַזוי פיל ייִדן. אויף אַלע פראַגן: ווו איז דער, ווו איז יענער, האָט מען געהערט נאָר די תשובה: „צוגענומען״, „כאַפּונעס״ א. ד. גל. אַלע ווײַלע האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען — אָ, איר זײַט דאָ, גאָט צו דאַנקען, אַבי מען זעט זיך...

עס האָט געקאָכט, ווי אין אַ קעסל. איך האָב גענומען גיין איבער די, מיר אַזוי גוט באַקאַנטע, אַלטע ווילנער געסלעך. איך בין אַרײַן אין ייִדישער־גאַס. דערגאַנגען ביז נחום שמשס הויף. סטאָפּ, עס שטייט אַ ווײַסע, הילצערנע וואַנט. דאָ, הייסט עס, איז די גרענעץ. אַנטקעגן — אַ פענצטער פון וועלוועקעס רעסטאָראַן.

איך האָב גענומען זיך אַרומקוקן, ווו מען קען אַריינגיין אויף אַ נאַכט, עס האָט גענומען ווערן פינצטער. אָבער ווו אַלע זיינען ווי צעחושט, האַלב ביים זינען, ניטאָ צו וועמען זיך צו ווענדן. אַדורכשטופנדיק זיך דורך דער מענטשן־מאַסע, וועלכע איז אגב אַלץ מער זיך צעוואַקסן, בין איך צוריק אָנגעקומען צו „אונדזער אכסניה" — צוריק צום טויער.

מיין מאַמע האָט באַוויזן אויפצוטאָן מער פון מיר: זי האָט געטראָפן אַן אַלטע באַקאַנטע קומע און יענע האָט זי באַלד אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, ווו זי האָט שטענדיק געוווינט. די גאַנצע פאַמיליע האָט מען צוגענומען בשעת דער כאַפונגס־פּראָוואָקאַציע. זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן און געבליבן אין דער דירה. זי האָט שוין היינט אַריינגענומען אַ פּאָר פאַמיליעס צו זיך, איצט האָט זי אונדז איינקוואַרטירט אויף אַ נאַכט ביי זיך.

## די ערשטע נאַכט אין געטאָ

מיר זיינען אַרויף אויפן צווייטן שטאָק צו איר אין דער וווינונג. קוים געפונען אַ שטיקל פּלאַץ פאַר אונדזערע פּעק, אויף וועלכע די קינדער האָבן אָנועקגעלייגט זייערע מידעביינער. די מאַמע און די פרוי האָבן זיך אויך „איינגעאָרדנט" אין ווינקעלעך ביי די פּעק און איך מיט נאָך איינעם האָבן זיך „אויסגעבעט אַ געלעגער" אויפן טיש. פון גאַס איז דערגאַנגען צו אונדז אַ שרעקלעכער רעש און טומל. ווען ס'איז געוואָרן גוט פינצטער (געווען אַ שיינער שבת־צונאַכטס!), האָט מען אַלע מינוט געהערט אויסגעשרייען „פּאַרלעשן דאָס פייער, פּאַרלעשן דאָס פייער!" די פענצטער זיינען געווען אָפן, ניט פאַרטונקלט. מענטשן האָבן זיך דאָך געמוזט „איינאָרדענען", פלעגט מען אויף אַ ווײַלע אָנצינדן פייער, האָט זיך געהערט פון גאַס געשרייען: פּאַרלעשן! די ליטווינער האָבן געדראָט מיט עפּענען אַ שיסעריי, אויב מ'וועט אָנצינדן פייער און דערמיט געבן סיגנאַלן די באָלשעוויקעס...

דער שטראָם פון די אָנקומענדיקע איז געגאַנגען ביז שפּעט אין דער נאַכט, אָן אויפהער. אויפן גאַס האָט געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק. די פריער אָנגעקומענע האָבן פאַרנומען בעסערע דירות. וואָס ווייטער איז די ענגשאַפט געוואָרן אַלץ גרעסער. געווען פאַלן פון גישט ווען אַריינלאָזן אין אַ סך דירות. דער מענטשלעכער עגאָיזם „שפּילט" אַפילו אויפן ראַנד פון לעבן. דער שטראָם פון צוגעקומענע איז אָבער געגאַנגען אָן אויפהער, און מען פלעגט זיך מיט געוואַלד אַריינרייסן אין דירות.

פאַרמאַטערטע, נידערגעשלאָגענע פון די איבערלעבענישן, איז מען ביסלעכווייז געפאַלן אויף די „געלעגערס" און יאָ געשלאָפן־ניט געשלאָפן, יעדער האָט פאַר זיך געטראַכט וועגן די „געשעענישן" פונעם טאָג — אין איין איינציקן טאָג

איז מען אַרויסגעריסן געוואָרן פון איינגעפונדעוועטע הייזער, ווו מען האָט לעבנס אָפּגעלעבט. אויף די געלעגערס, האָט מען זיך דערציילט וועגן טאָג־פּאַדלויפּעניש. אין שטוב זיינען כמעט אַלע געווען באַקאַנטע, אַלטע ווילנער באַלעבאָטים. דער סך־הכל פון די שמועסן איז געווען, אַז ס'איז ניטאָ קיין איין איינציק הויז, ווו עס פעלן ניט קיין נפשות, אַז מ'האָט אַ סך יידן, גאַנצע גאַסן, ניט געפירט אין געטאָ אַריין, נאָר ערגעצווו... אַ טייל פון די צעריסענע פאַמיליעס האָבן זיך געטרייסט מיט דער האָפענונג, אַז מ'האָט אפשר זייערע משפחה־מיטגלידער אָוועקגעפירט אין יענעם געטאָ — מיר וועלן זיך נאָך טרעפן... די נאַטור איז אָבער שטאַרקער פון אַלץ. ביסלעכווייז האָט מען איינגעדרימלט. פאַרטאָג האָט מען זיך אויפגעכאַפּט און נאָכן אַרומוואַשן זיך אויפן הויף אונטערן פּלומפּ, איז מען אַרויס אין גאַס, זען ווי עס פאַרמירט זיך דאָס „בייע לעבן". ניט אַלע זיינען געווען אַזעלכע „גליקלעכע" ווי מיר, וואָס האָבן די ערשטע נאַכט געהאַט ווו דעם קאָפּ אָוועקצולייגן. מאַסן זיינען, אין דער ערשטער נאַכט, ווי אין פיל ווייטערדיקע נעכט, געבליבן פשוט אויפן גאַס, זיך געוואָלגערט אויף די הייף און טרעפּ וכדומה.

## חורבן פון שול־הויף

נאָך איידער מ'איז אַריין אין די געטאָס, האָבן די דייטשן זיך פאַראינטעסעסירט מיט די ווילנער קלויזן, ספעציעל מיטן שול־הויף און מיט דער גרויסער, אַלטער שטאָט־שול.

באַקומענדיק פון שטאָט־שמש, גאָרדאָן, די שליסלען, זיינען זיי אַריין אין דער פּרעכטיקער שול. זיי זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון איר שיינקייט און... רייכקייט.

זיי האָבן פון דאָרט אַרויסגעפירט אַ גרויסע צאָל ספרי־תורות, אַלטע אַנטיקן אין ארון קודש, וועלכע האָבן זיך אָנגעקליבן אין פאַרלויף פון 300 יאָר שול־עקזיסטענץ.

זיי האָבן אַרויסגעפירט אַן אָנגעזעענע צאָל זילבערנע אַנטיקן — כלי־קודש, ווי: קרוינען צו ספרי־תורות, אורים ותומים, ידים, אַלע קופּערנע און מעשענע הענגלייכטער.

פון די ספרי־תורות פלעגן שפּעטער די קריסטלעכע שוסטערס מאַכן אונטערלאַגן צו שטיוול... אָריגינעלע שטעקשיך פאַר דער „רומפּולער" נאָרדישער ראַסע...

ווי עס שיינט, האָט דער שטאָט־שמש, גאָרדאָן, פיל אַנטיקן באַהאַלטן אין אַ באַהעלטעניש, אין שול גופא. מיט אַ צייט שפּעטער, ווען מיר זיינען געווען אין שול, האָבן מיר געפונען אַן אָפענע באַהעלטעניש אין אַ וואַנט, וואָס איז

געווען באַזאָרגט מיט אַ שווערער, אייזערנער טיר. דאָס באַהעלטעניש איז אָבער געווען אויפגעריסן און פון אינעווייניק אַלץ אַרויסגענומען.

אַזאַ ענלעך באַהעלטעניש האָבן מיר שפּעטער אויך געפונען אין דער קבֿרנישער קלויז. ווי מ׳האָט אונדז איבערגעגעבן, האָבן די דייטשן צוגענומען פון דאָרט אַ סך טייערע אַנטיק־זאַכן. שווער צו זאָגן, ווי אַזוי די דייטשן זיינען דערגאַנגען צו די מעלינעס.

אויך אין דער אַלטער שטאָט־שול האָבן די דייטשן געגראָבן, געזוכט אַן אונטערערדישן טונעל. אין ווילנע איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ לעגענדע, אַז פון דער שטאָט־שול פירט אַ טונעל קיין טראָק.

אונטער דער בימה האָבן זיי טאַקע געפונען אַ גרויסע הייל, אָבער זי האָט אַרומגענומען בלויז דעם בימה־שטח.

אין דער שפּעטערדיקער אָקופּאַציע־צייט איז די שול פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עלעוואַטאָר פון תבֿואה. פאַרן אָפּטרעטן פון ווילנע האָבן די דייטשן פאַרברענט אַ גרויסן טייל פון דייטשישער גאַס, ספּעציעל דעם שול־הויף. די שטאָט־שול איז אָבער געבליבן גאַנץ, הגם אַלץ אַרום איר איז געלעגן אין חורבות. ערשט אין 1945, ווען מיר זיינען צוריקגעקומען פון די לאַגערן, האָבן מיר געזען ווי ליטווינער בעמען פונאַנדער די מאַסיווע שול. אויף אונדזערע אויגן האָבן זיי אַרויסגעריסן די אייזערנע פענצטער־קראַטעס און פאַרענדיקט דאָס צעשטערונגס־ווערק. וואָס די נאַציס האָבן ניט אומגעבראַכט, האָבן איצט די נייע וואַנדאַלן, די „קולטור־טרעגער" משלים געווען, ניט רעכענענדיק זיך דערמיט, אַז דאָס זיינען היסטאָרישע אַלטערטימלעכקייטן.

אויפן שול־הויף האָבן זיך געפונען 11 שולן און קלויזן, די וועלט באַרימטע סטראַשון־ביבליאָטעק און די גרויסע יידישע באָד.

ווילנער יידן האָבן שוין אין יאָר 1487 געהאַט אַ בית־עולם און אין יאָר 1573 באַשלאָסן צו בויען די גרויסע שטאָט־שול. די שול איז אויסגעבויט געוואָרן אין יאָר 1592 פון שטיין און אין דער ערד. די טירן זיינען איינגעבויט געוואָרן אין די יאָרן 1639/40 און 1641/42. נאַפּאָלעאָן האָט, בעת זיין זיין אין ווילנע, באַזוכט די שול און באַוואונדערט איר פּראַכט און שיינקייט.

אַחוץ דער גרויסער שול זיינען אויפן שול־הויף געווען: דעם גאונס קלויז, גמילות חסד־של־אמת, קבֿרנישע שול, „יסוד" די נייע קלויז, גמילות חסדים קאַסע, שבֿעה קרואים, חסידים־ליובאַוויטשער, קיידאַנער און לאַכאָוויטשער, מאַלאַרסקע קלויז א. א.וו.

ס׳איז אָפּגעווישט געוואָרן יעדער סליאַד און סימן פון יידיש ווילנע.

## ערשטער טאָג אין געטאָ

דעם ערשטן האָב איך געטראָפן חיים רעמיגאָלסקין. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געאַרבעט אין דער גרויסער אַפּטייק־פירמע פון י. ב. סעגאַל אין ווילנע. איך האָב מיט אים מיטגעאַרבעט אין דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די פאַרמאַצעווטן־אַנגעשטעלטע. אין 1918 איז ער, אַלס אומאָפּהענ־גיקער, אויסגעוויילט געוואָרן אין דער ערשטער קהילה. געווען אין ארץ־ישראל, צוריקגעקומען קיין פוילן, קיין גדאַנסק. צום סוף האָט ער געוואָרפן אַלע געשעפטן און איז געקומען צוריק קיין ווילנע און געאַרבעט אין „ייוואָ".

אַמאָל פלעגן מיר זיך טרעפן ביי אים, אין זיין דירה (אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער פאַרנומען די וווינונג פון באַקאַנטן ציוניסטישן מנהיג, באַריס גאָלדבערג). שפּעטער, זיך אַ פּאָר מאָל באַגעגנט אין לאָדזש און דאָ — אין געטאָ. מיר האָבן זיך האַרציק צעקושט און פון אים האָב איך זיך דערוווסט אַ סך נייעס. ער איז אַריין אין געטאָ מיט זיין פרוי און זון — אַ דאָקטאָר. צוזאַמען זיינען מיר אַוועק צום פאַרזיצער פון „יודנראַט", לייבאָוויטש. לייבאָוויטש איז געווען דער איידעם פון באַקאַנטן סוחר גאָרדאָן. זיי ביידע, מיט נאָך שותפים, זיינען געווען די אינהאַבער פון ווילנער לאָמבאַרד. צוזאַמען מיט מיין פאָטער האָבן מיר געדאַווענט אַ לאַנגע ריי יאָרן אין „גמילות־חסד"־קלויז — אויפן שול־הויף. אַזוי אַרום האָבן מיר זיך זייער גוט געקענט. לייבאָוויטש האָט אונדז איבערגעגעבן פאָלגענדיקס: ער האָט געוווינט אויף ברייטער־גאַס. אַ צווייטער דורכגאַנג איז געווען פון הויף אויף יאַטקעווער־גאַס. פון דער אַקציע, בשעת דער כאַפּ־פּראָוואָקאַציע, איז זיי געלונגען זיך צו ראַטעווען. שבת פאַרטאָג, זעענדיק, אַז מען שטעלט אַ געטאָ־טויער ביי זיי אין הויף, זיינען זיי גלייך אַריין אין אַן אַנדערע דירה, וועלכע האָט, לויטן פּלאַן, געדאַרפט זיין אויף יענער זייט געטאָ. אַזוי אַרום זיינען זיי געווען די ערשטע בירגער אין געטאָ.

דער געשעפטאַפּאָוויעץ שווייצנבערג, וואָס האָט די געטאָ־אַקציע דורכגעפירט, צוזאַמען מיט היגנסטן און מורערן, איז גלייך איינדערפרי געקומען אין געטאָ און טרעפנדיק לייבאָוויטשן, צו אים באַפעלעריש אַ זאָג געטאָן: „דו וועסט זיין יודן־עלטערסטע, פאַרשטאַנען ?" גייענדיק אַזוי, האָט ער אָפּגעשטעלט ווייטער־דיקע עטלעכע יידן און זיי „נאָמינירט", אַלס מיטגלידער פון יודנראַט. פאַרזיצער איז געווען אייזיק לייבאָוויטש, מיטגלידער: נחום לעוויט, לעווין — אינהאַבער פון אַ ווייַן־געשעפט אויפן ראָג גלעזער־גאַס, פעלדמאַן — אַ פליט פון אויסלאַנד און שניידעראָוויטש — רעסטאָראַן־אייגנטימער. סעקרעטאַר איז געווען יעקב זשיראָווסקי פון ווילקאָמיר.

„וואָס אייגנטלעך קענען מיר טאָן", האָט געזאָגט לייבאָוויטש. „קיין שום אינסטרוקציעס האָבן מיר ניט, קיין געלט האָבן מיר ניט, די לאַגע איז אַ שוידער־לעכע, די ענגשאַפט — אַ מוראדיקע, דער עלנט — אַ ביטערער. מענטשן ליגן פשוט אויף די גאַסן, אין די הייף, אויף די טרעפּ. וואָס מען הויבט אָן צו טאָן — ווייס איך באמת ניט. אין שטאָט אַרויסגיין טאָרן מיר ניט. דער דייטש, וואָס האָט אונדז באַשטימט, אַלס „יודנראַט" לאָזט צו זיך קיין וואָרט ניט זאָגן. מען מוז אָפּוואַרטן און זען „מה ילד יום"...

**נייע בלאָפן**

דער גאַנצער זונטיקדיקער טאָג איז אַוועק מיטן זוכן אַן אָרט ווו זיך איינצוואָרדענען. גליקלעכע זיינען געווען די, וואָס זיינען די ערשטע אַריין אין געטאָ. זיי האָבן באַלד פאַרנומען וווינונגען — נאָך דער כאַפּונעס פּראָוואָקאַציע זיינען אין דעם ראַיאָן אַלע דירות געווען ליידיק. (די קריסטן פון דעם ראַיאָן האָט מען אין משך פון דער וואָך אַרויסגעשיקט פון דאַנען, אַפילו די הויז־וועכטער, אַלע קריסטן האָט מען באַזייטיקט). אין אַ סך וווינונגען האָט מען געפונען אַ היפּש ביסל זאַכן פונעם באַלעבאַטישקייט, וואָס די „שכנים" האָבן פאַר די עטלעכע טעג ניט באַוויזן אַרויסצופירן. אין הייזער זיינען געווען סקלאַדיקעס מיט האָלץ, קוילן, קאַרטאָפל און אַנדערע זאַכן, וואָס די פאַרכאַפּטע יידן האָבן צוגעגרייט אויף ווינטער און ניט זוכה געווען דאָס צו נוצן... מעבל, הויז־ווירטשאַפט, אַפילו וועש, קליידער, האָט מען געפונען אין אַ טייל דירות. אויף אַזאַ אופן זיינען אין געטאָ פּלוצים אַנטשטאַנען פריש־געבאַקענע גבירים, אַריסטאָקראַטן, פּריווילעגירטע א. א. וו.

באַלד פון ערשטן טאָג האָט מען שוין געזען, אַז אין דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט אַלעמען גלייך געטראָפן, מוז מען האָבן אַ ביסעלע מזל. אַ טייל האָבן זיך פון ערשטן מאָמענט אַן גלענצנדיק איינגעאָרדנט, אַנדערע ווידער, האָבן ווי עס איז עקזיסטירט. ס'זענען אָבער געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געהאַט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן און זיך געוואַלגערט בוכשטעבלעך אויפן גאַס...

אַ געוואַלטיקער אונטערשייד איז געווען אין דעם אופן פון אַריינקומען אין געטאָ, מיר, למשל, האָבן אַריינגעטראָגן מיט זיך אַ היפּש ביסל זאַכן, פון אַלץ צו ביסלעך. געווען זיינען אָבער אַזעלכע, וואָס האָבן מיט זיך גאָרנישט געקענט נעמען, אָדער די זאַכן געמוזט אַוועקוואַרפן אויפן וועג צום געטאָ.

ברענענדיק איז געווען די פראַגע פון עסן, אַ טייל האָט מיט זיך אַריינגע־בראַכט צוביסלעך עסנוואַרג. דער גרעסטער טייל אָבער, האָט שוין ניט געהאַט דעם ערשטן ביסן.

מאַסן מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען ווי גישט־דאַיקע, קיין שום זאַך האָט

זיי ניט געקימערט, אַ חוץ: ווו זיינען זייערע משפּחה־מיטגלידער. ביים טרייבן אין געטאָ זיינען מאַסן מענטשן געוואָרן פאַרשלעפּט, און משפּחות געוואָרן צעריסן — אַ טייל זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין געטאָ אויף רודניצקער גאַס, אַ טייל זיינען אַוועק גלייך אין לוקישקער טורמע. מען איז אַרומגעגאַנגען ווי צעמישטע און צעטומלטע. ס'איז גאָר אין קאָפּ ניט געלעגן צו גיין זוכן דירות, מעבל, בעטגעוואַנט און עסנוואַרג.

נאַטירלעך האָבן געוויסע פויסט־עלעמענטן אויסגענוצט די סיטואַציע און אָנגעווענדט פיזישן כוח ביים „פאַרכאַפּן" רייכע, מיט האָב־און־גוטס געבליבענע דירות. דאָס זיינען געווען די אונטערוועלט־לייט; דאָס רוב פון באַלעבאַטישן עלעמענט איז געווען רעזיגנירט און הילפלאָז. בעיקר האָבן זיך אין די ערשטע טעג אַרויסגעוויזן פאַר שלימזלניקעס אונדזער דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ. זיי, וואָס זיינען געוווינט געווען צו רייכע לוקסוס־וווינונגען מיט אַלע באַקוועמלעכ־קייטן, זיינען איצט אַריינגעפאַלן אין אַ שוידערלעכן גיהנום: מענטשן פון פאַרשיידענע שטאַנדן, קלאַסן, קולטורן, בילדונג, דערציאונג. צענדליקער מענטשן, ניט נאָר אין איין דירה, נאָר אָפטמאָל אין איין צימער — מענער, פרויען, קינדער, אַלטע און יונגע, באַקאַנטע און פרעמדע, אַלץ אין איין אַלגעמיינעם קעסל־גרוב...

אָבער בויט ברעכט אייזן. מען האָט זיך ביסלעכווייז געגומען „איינאָרדענען". אין משך פון זונטיקדיקן טאָג, זיינען אַריין אין געטאָ נאָך מענטשן, וועלכע האָבן זיך אין שבתדיקן טאָג אַרויסגעדרייט פון צו גיין אונטערן בייטש פון די ליטווינער און דייטשן.

אין דעם קליינעם געטאָ זיינען אַריינגעטריבן געוואָרן ביי צען טויזנט יידן (9600). צען טויזנט מענטשן, אין עטלעכע אָרעמע, ענגע, שמוציקע געסלעך; אַז איך האָב זיך געגוי באַקענט מיט די גרענעצן פון מיין נייער מלוכה, האָב איך גוט פאַרשטאַנען אונדזער לאַגע. די נייע יידישע מלוכה פון דעם ערשטן געטאָ האָט פאַרנומען פאָלגנדיקע גרענעצן: דער הויפּט־אַריינגאַנג אין געטאָ איז געווען פון אַראָפּשלאָס־גאַס, דורך דער דאָמיניקאַנער־גאַס, אָדער דורכן שוואַר־צאָוון זאַוווּלעק (לעצטנס האָט אַראָפּשלאָס־גאַס געהייסן „אוליצאַ גאַאָנאַ — דעם גאונס גאַס). דער טויער איז געווען ביים הויף נומער 5, אַנטקעגן נומער 14. אין נומער 14 איז געווען די שטעפּערישע קלויז, אַמאָל די פּישערס. אין דעם טויער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון ווייסע סאָסנע־ברעטער, אומגעפער אַ דריי מעטער הויך, איז פון איין זייט געווען אַ קליינע פורטקע אויף אַריינגיין און אַרויסגיין. אין מיטן פון דער וואַנט איז געווען אַ גרויסער טויער, וואָס פלעגט זיך עפענען מיט צוויי גרויסע טירן. דאָס איז געווען אַן אַריינפאָר פאַר פורן, אויטאָס און הויפּטזעכלעך, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אויף אַרויס־צופירן טויזנטער מענטשן אויף פּאָנאַר.

דאָס איז געווען דער איינציקער אריינגאַנג־טויער אין געטאָ און די ערשטע וואַנט.

די ווייסע וואַנט איז געווען אין דאָמיניקאַנער־געסל (זאַוווּלעק), נעבן הויף 7/12, דאָס איז געווען אַ דורכגאַנגס־הויף אויף יידישער־גאַס נומער 10 (גרשון טעמקעס הויף). אַנטקעגן דעם טויער, פון יענער זייט לאַווע, איז קיין שום טויער ניטאָ, נאָר קראָמען פון גאַס און פענצטער פון אַנטקעגנדיקן הויף.

די וואַנט איז געווען אַ בלינדע.

די דריטע, אויך אַ בלינדע וואַנט איז געווען אין יידישער־גאַס, נעבן נחום שמש־הויף (נומער 3). אַנטקעגן, איז די וואַנט געווען ביים פענצטער פון וועלוועקס רעסטאָראַן. די טיר, דער אַריינגאַנג אין וועלוועקס רעסטאָראַן, איז געבליבן אויסער דער געטאָ (וועלוועקע מיט זיין גאַנצער פאַמיליע זיינען אומגעקומען פון די כאַפּונעס בעת דער פּראָוואָקאַציע).

אין יידישער־גאַס איז אויסער דער געטאָ געבליבן דער גאַנצער ערשטער הויף נומער 1, מאָרגענשטערנס הויף, ווו עס האָט זיך פון דער גאַס אַרויסגעפונען די ספרים־קראָם פון מרדכי קאַצענעלנבאָגען, און נעבן אים די קראָמען פון מיין מאַמען — אַ טייל פון אונדזער הויף, ווי אויך אַלע איבעריקע קראָמען אויף יידישער־גאַס ביז נחום שמש־הויף.

אַנטקעגן, איז געבליבן אויסער דעם געטאָ דער הויף פון דייטשישער־גאַס 14, ראָג יידישער. אין דעם הויף איז געווען וועלוועקס רעסטאָראַן, מיטן אַריינגאַנג פון דייטשישער־גאַס.

די פערטע בלינדע וואַנט איז געווען אין יאַטקעווער־גאַס, נעבן הויף נומער 5, פאַר דער קיילערשער יאַטקע. די וואַנט אַנטקעגן איז געווען ביים טויער נומער 4. דער הויף נומער 4 האָט זיך געגרענעצט מיט דער וואַנט פון בונימאָוויטשעס הויף, פון דייטשישער־גאַס נומער 22. פון דייטשישער־גאַס האָט זיך אין דעם הויף, לאַנגע יאָרן, געפונען דאָס גרויסע וויין־געשעפט פון אַקסעלראָד־שוואַרץ (שוואַרץ איז געווען מיין פעטער, מיין מאַמעס ברודער).

די 5טע בלינדע וואַנט איז געווען אויף גלעזער־גאַס, נעבן טויער נומער 4 און אַנטקעגן נומער 5.

אַ חוץ די 5 ווענט, וועלכע האָבן דאָס געטאָ אָפּגעצוימט פון דער אַרומיקער וועלט, פון וועלכע 4 זיינען געווען פולשטענדיק פאַרמאַכטע און נאָר איין וואַנט, די הויפּט־אַריינגאַנג־וואַנט, איז געווען מיט אַ פורטקע און טויער — זיינען נאָך געווען אינעווייניקסטע ווענט אין אַ גאַנצער ריי הייף. קודם כל זיינען פאַרצוימט געוואָרן אַלע הייף, וואָס האָבן געהאַט דורכגענג פון דער ברייטער־גאַס אויף יאַטקעווער. אַזעלכע געמישטע הייף זיינען געווען עטלעכע.

פון איין זייט האָבן געקענט ווײַנען קריסטן, פון דער צווייטער — ייִדן. אַט די װענט זײַנען דאָס געווען די מחיצות צווישן צוויי אָפּגעזונדערטע וועלטן.

ווייטער זײַנען געווען נאָך ווענט אויפֿן שול־הויף, וואָס זײַנען אויך איינגעטיילט אין אַ ייִדישן און אַרישן טייל. איין בלינדע וואַנט איז געווען נעבן דער קברנישער שול, אָבער איינגעטיילט אַזוי, אַז די מאַנסבילשע קלויז איז געווען אין געטאָ און די ווײַבערישע — אויסער דעם געטאָ. די גרעסטע געטאָ־וואַנט איז געווען אויפֿן שול־הויף און זי האָט זיך געצויגן פֿון דער קלויז, וואָס האָט געגרענעצט מיט דער „אַלט־נײַער קלויז" ביז... די קהלישע קלאָזעטן. דערבײַ איז בײַ דער זייט געווען נאָך אַ קליין, בלינד ווענטל, וואָס האָט זיך געפֿונען אונטער דעם ליובאַוויטשער שטיבל. בכלל איז דער גאַנצער שול־הויף צעשניטן געוואָרן, ווי ס'איז צעשניטן געוואָרן דאָס גאַנצע ייִדישע ווילנע.

אַ גאַנצע רײ קלויזן זײַנען אויפֿן שול־הויף געבליבן מחוץ דעם געטאָ, ווי למשל די קלויז „גמילות־חסד", חברי־פּועלים, ליובאַוויטשער שטיבל, דער ווײַבערישער טייל פֿון דער קברנישער שול.

דאָס זײַנען די גענויע גרענעצן פֿון דעם ווילנער קליינעם געטאָ.

## טראַגעדיע אין לידסקער געסל

אין געטאָ האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן אַ נײַער גרויזאַמער טראַגעדיע. זייער פֿיל ייִדישע פֿאַמיליעס זײַנען אַרײַנגעטריבן געוואָרן אין לידסקער געסל. דאָס געסל האָט געפֿירט פֿון ניטקע טויבעס זאַווולעק צו זאַוואַלנער גאַס. אין דעם זאַווולעק האָט זיך געפֿונען די וועלט־באַרימטע ייִדישע דרוקערײַ פֿון ראָזענקראַנצן.

אין דעם געטאָ פֿון רודניצקער גאַס האָט מען אַרײַנגעטריבן אַזוי פֿיל מענטשן, אַז ס'איז ניט געווען פּשוט ווו אַ פֿוס אַרײַנצושטעלן. דעריבער האָבן די דײַטשן אַרײַנגעוואָרפֿן אַ טייל פֿון זייערע קרבנות אין לידסקער געסל, ווו די אומגליקלעכע זײַנען אָפּגעלעגן עטלעכע טעג אונטערן פֿרײַען הימל. דערנאָך האָט מען זיי צוגענומען אין לוקישקער טורמע און פֿון דאָרטן — אויף פּאָנאַר.

אין טורמע גופא פּלעגן זיך די ליטווינער אויף אַ שווידערלעכן אופֿן איזדיעקעווען, אָפּגעשפּעט און חוזק געמאַכט פֿון די אומגליקלעכע. טויזנטער צום טויט־דערשראָקענע ייִדן, באַרויבטע פֿון זייער לעצט ביסל האָב און גוטס, אָפּגעריסענע פֿון זייערע משפּחה־מיטגלידער, אויסגעהונגערטע, פֿאַרשמאַכטע און צעמזיקטע, האָבן געוואַרט אין טורמע. אין די לעצטע שעהען פֿון זייער מאַרטירער־לעבן, אויף זייער רײ געפֿירט צו ווערן אַהין... אויף פּאָנאַר.

אין די ערשטע טעג האָבן אייניקע יידן באַוויזן, דורך „באַקאַנטע" דייטשן, אַרויסצוכאַפּן פון טורמע זייערע נאָענטסטע, נאַטירלעך פאַר זייער גרויסע געלטער. עטלעכע מאָל האָבן זיך אָפּגעשפּילט טראַגישע סצענעס: מען פלעגט אויסרופן אין די אָנגעפּאַקטע קאַמערן דעם, אָדער יענעם נאָמען, האָבן דערביי פּאַסירט פאַלן, ווען די באַטרעפנדיקע פּערזאָנען פלעגן זיך ניט אָפּרופן, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז מען רופט זיי צום טויט... דאַקעגן האָבן זיך אין דעם מאָמענט געפונען אַנדערע יידן, וועלכע האָבן, מחמת יאוש, געוואָלט איבערקומען דעם טויט וואָס שנעלער... און זיי זיינען אַרויס „פריי" אָנשטאָט יענע. אויף אַזאַ אופן האָבן זיך געציילטע יידן געראַטעוועט. אין דעם „פּאַך" פון אַרויסנעמען יידן פון טורמע זיינען באַרימט געוואָרן — דער אָנפירער פון דער יידישער „שניידער־שטובע" (שניידער־וואַרשטאַטן) דער שניידער ווייסקאָפּף, זיין קאָלעגע אָזיעריאַנסקי, דער בריגאַדיר פון די יידישע אַרבעטער אין „סאַניטעטסדעפּאָ" וואָראָנאָוו און נאָך אייניקע. די דאָזיקע יידן זיינען רייך געוואָרן, איבערהויפּט שפּעטער, ווען ס'איז געוואָרן אַקטועל די סדרה — געלט שיינען. אָבער מען מוז צוגעבן, אַז זיי האָבן אַרויסגעראַטעוועט יידן פון טויט. טאַקע פאַר געלט, אָבער געראַטעוועט...

דער ערשטער זונטיקדיקער טאָג אין געטאָ איז אַוועק אויף „אײַנאָרדענען זיך". די מאַמע איז געגאַנגען אין די געטאָ־געסלעך זוכן קרובים, פריינט, באַקאַנטע. אין דורכהויף האָט זיין גאַנץ לעבן געוווינט אונדזערס אַ קרוב, משה אַהרון בערשטל, אַ שלאָסער. ביי אים האָט די מאַמע, אין די אומרואיקע איבער־גאַנגס־טעג, אָוועקגעלייגט טייערע פוטערוואַרג, קליידער, וועש. ווען די מאַמע איז געקומען אין דער דירה, איז זי שוין געווען פאַרנומען דורך אַנדערע. איז זי דאַן אַוועק אין ראַמיילעס הויף, ווו ס'האָט געוווינט דעם שוואָגערס אַ שוועסטער. די טיר איז געווען פאַרשלאָסן אויף אַ הענגשלאָס. ווען מען האָט די פאַמיליע מיט אַ קליין קינד צוגענומען אין דער כאַפּ־פּראָוואָקאַציע, האָבן זיי פאַרשלאָסן די שטוב, האָפנדיק, אַז זיי וועלן נאָך צוריקקומען... די מאַמע האָט ניט לאַנג געקלערט, אַראָפּגעריסן אַלע שלעסער און אַריין אין שטוב.

די „דירה" האָט זיך געפונען אויפן דריטן שטאָק איבער דבורה־אסתרס קלויז און איז געווען די אמתע „פּאַלאַץ"־דירה. די צוויי פענצטער זיינען אַרויס אויפן דאַך. איין צימער, פיר אויף צוויי אַ האַלבן מעטער, אַ נידעריקער סופיט, מיט אַ גרויסן רוסישן אויוון ביים אַריינגאַנג. אַ בופעט געטיילט אויף צוויי טיילן: די ערשטע העלפט דאָס עסצימער, די צווייטע טייל — דאָס שלאָפצימער. דאָס צימער איז געווען פול מיט „מעבל", וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גרויס בעט, פלושענער סאַפּטשאַן, בופעט, טיש, עטלעכע שטולן און געוויינלעכע בעקנלעך. אויף אַ פּאָליצע נעבן אויוון זיינען געשטאַנען פאַרשיידענע טעפּלעך — געשיר פון אַן

אָרעמער באַלעבאַטישקייט. אין ווינקל פון צימער איז אויך געווען אַ שיין, קינדעריש ניקל בעטעלע. די שטוב מיט דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט איז געבליבן ניט גערירט. אין בופעט זיינען נאָך געווען פאַרשיידענע שפּייזן, טעפּלעך און סלויען מיט קאָנפיטורן און מאכלים, אָנגעגרייטע אויף ווינטער.

מיר האָבן די דירה פאַרנומען, הגם איך בין געווען קעגן דעם אַראָפּרייסן אַליין די שלעסער. די מאַמע האָט אָבער געזאָגט: „דו זעסט ניט, וואָס דאָ טוט זיך, אויב מיר וועלן גלייך ניט פאַרנעמען די דירה, וועלן אַנדערע זי פאַרכאַפּן און מיר וועלן זיך וואַלגערן אין גאַס".

דאָ האָבן מיר געפונען אַ ניט גערירטע דירה.אמת, זייער אַן אָרעמע, ווייל וואָס פאַר אַ „גביר" האָט עס געוווינט אין ראַמיילעס הויף, איבער דבורה־אסתרס קלויז?... דאָך איז אין שטוב געווען אַלץ, וואָס מען דאַרף אין אַ באַלעבאַטישקייט. אגב, איז מיר די „סטראַטעגישע לאַגע" פון דער דירה זייער געפעלן געוואָרן: אויף אַ בוידעם, מיט פענצטער אויף אַ דאַך — אין די צייטן איז דאָס געווען מיט גאָלד און בריליאַנטן צוגלייך. מען קען דאָ מאַכן אַ גוטע מעלינע אויף צו פאַרשטעקן זיך אין אַן עת צרה... (אַזוי איז טאַקע שפּעטער געווען).

אין שטוב אויפן אויוון האָבן מיר געפונען זייער פיל שלאָסערישע און עלעקטראָטעכנישע מאַטעריאַלן, זאַפּאַסן סחורה, וואָס דער באַלעבאָס פון דער דירה האָט זיך אָנגעגרייט אין די מלחמה־צייטן. אַ היפּשע קאָמער מיט האָלץ צום הייצן האָבן מיר אויך „אַנטדעקט". די דירה־איינוווינער האָבן זיך באַזאָרגט מיט נויטיקע זאַפּאַסן אויף דעם אַנקומענדיקן ווינטער. זיי האָבן אָבער ניט זוכה געווען דאָס אויסצונוצן.

אַ שווערן און פּייַנלעכן איינדרוק האָט געמאַכט דאָס שיינע, נייע קינדערישע בעטעלע, וואָס איז געשטאַנען פּוסט. אַלץ איז אין שטוב געבליבן, אויף קיין זאַך האָבן די מערדער, אין דער אָרעמקייט, ניט געלויערט, נאָר אויף די מענטשן, נאָר אויפן פּיצל קינד...

מיר זיינען אַריין אין דער דירה, און די אַלט־איינגעזעסענע מענטשן זיינען אַוועק אין די טיפע אָפּגרונטן פון פּאָנאַר...

די דאָזיקע דירה האָט געהאַט נאָך אַ „מעלה". דער אַרויפגאַנג איז געווען אַ פינצטערער. דורך הילצערנע אַלטפרענקישע און געדרייטע טרעפּ איז מען קוים דערגאַנגען צו דער דירה.

קיין שום באַקוועמלעכקייטן זיינען ניט געווען. ריין וואַסער פלעגט מען דאַרפן ברענגען פון גאַס. די שמוציקע עמערס האָט מען אַראָפּגעטראָגן, אָבער וואָס האָבן אויסגעמאַכט די אַלע שוועריקייטן, לגבי דעם, וואָס די דירה קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מעלינע, און וואָס מיר זיינען אַליין, אָן שכנים. עפּעס אַ קליינִיקייט, זיין אין אַ צימער אַליין, אָן סאַראַק־סאָראַקאָוו שכנים...

מיר האָבן „פריי" אָפּגעאָטעמט. אַ ביסל אָפּגעאָטעמט האָבן כמעט אַלע מיטן אַריינגיין אין געטאָ. געטראַכט האָט מען אַזוי: אַ האַלבע יידישע באַפעלקערונג האָבן די רוצחים שוין צוגענומען. די איבעריקע האָבן זיי אַריינגעטריבן אין אַ פינצטערער חושכדיקער געטאָ. וואָס אייגנטלעך קענען זיי נאָך וועלן און וואָס קענען זיי נאָך טאָן? איצט וועט מען אונדז צורו לאָזן... וועמען מען האָט צוגענומען איז אַזאַ געווען זיין גורל. ווער ס׳איז אָבער געבליבן — דער וועט שוין בלייבן! זיי וועלן דאָך ניט אַרויספירן אַלע יידן! זיי מוזן דאָך פאָרט האָבן אַ ביסל יידן צו פאַרשיידענע אַרבעטן אין שטאָט... אגב, האָבן די דייטשן, אויף די אַרבעט־פּלעצער, אויך אַזוי געזאָגט: „יעצט, וועדן זי רוהע האָבן". „גוטע" ליטווינער און פּאָליאַקן האָבן מיט רחמנות אונדז צוגעוואָרפן: „מילא, וואָס געווען איז געווען, איצט הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה!"

די געבליבענע העלפט ווילנער יידן האָט זיך איינגעאָרדנט אין צוויי געטאָס. פאַרוואָס עפּעס צוויי געטאָס און ניט איינס? אויף דעם האָט מען פון אָנהויב זיך גאָרניט פאַרטראַכט און קיין אַכט ניט געלייגט.

אָבער די גאָר נאָענטסטע צוקונפט האָט די דאָזיקע פראַגע פאַרענטפערט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייַ לעבן. יעדן פאַרטאָג זיינען מענער און פרויען אַרויסגעגאַנגען פאַרטיעסווייז צו זייערע אַרבעטס־פּלעצער אויף אַ גאַנצן טאָג און אַהיימקערן זיך אַזייגער 4—5 בייטאָג. די ערשטע צייט פלעגט אונדז אַ דייטש פירן צו דער אַרבעט און צוריק. שפּעטער איז געשאַפן געוואָרן דער אַמט פון „בריגאַדיר".

אין געטאָ זיינען געבליבן פרויען, קינדער, אַלטע לייט, קראַנקע און מיט דער צייט — די באַאַמטע פון יודנראַט און די אַרבעטער פון יודנראַט־וואַרשטאַטן. די ערשטע צייט פלעגן די פרויען מיט די קינדער וואַרטן מיט אומגעדולד אויפן צוריקקומען פון די מענער און טאַטעס פון שטאָט. טויזנטער מענטשן האָבן אָפּגעוואַרט ביים טויער. ביים באַגעגענען זיך האָט מען זיך געקושט און געהאַלדזט, פונקט, ווי מען וואָלט געקומען פון יענער וועלט. די געבליבענע אין געטאָ זיינען געווען אין טויט־שרעק פאַר די אַוועקגעגאַנגענע אין שטאָט צו דער אַרבעט. מיר דאַקעגן, די אַרבעטער אין שטאָט, האָבן געהאַט פּחד און טויט־שרעק פאַרן גורל פון די איבערגעבליבענע אין געטאָ.

פאַרן אַריינגיין אין געטאָ זיינען געשאַפן געוואָרן גרויסע וואַרשטאַטן פאַר פוטערוואַרג, אין וועלכע עס האָבן געאַרבעט עטלעכע הונדערט יידישע פוטער־קירזשנערס, הענטשקע־מאַכערס וכדומה. בעתן גיין אין געטאָ זיינען די אַרבעטער, וועלכע די ליטווינער האָבן גערופן „קייליס", אַוועק אין די וואַרשטאַטן. דאָרטן האָבן זיי באַקומען צוויי גרויסע הייזער, ווו זיי האָבן זיך באַזעצט.

אַזוי אַרום איז פאַקטיש געווען נאָך אַ געטאָ, אַ געשלאָסענער פאַר די

וואַרשטאַטן־אַרבעטער. דאָס געטאָ האָט זיך געהאַט זיין באַזונדערן גורל, וועגן דעם אין המשך פון בוך.

ווי אַלע, פלעג איך אויך גיין יעדן טאָג צו דער אַרבעט אין שטאָט אויף זאַוואַלנע נומער 12. דאָרטן, ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָבן מיר געדאַרפט איינאָרדענען אַ קאַסינאָ פאַר די דייטשישע טעלעפאָניסטקעס. ערשט ווען מען האָט אונדז אַריבערגעפירט אין געטאָ, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אמתע ראַבירן איבער די איבערגעלאָזענע יידישע הייזער. אויף לאָסט־אויטאָס פלעגן מיר ברענגען מאָסן מעבל, פון דאָס שענסטע און בעסטע, פאַר די יעקעכעס. אַן אָפיציר פלעגט לויט באַשטימטע אַדרעסן, פאָרן מיט אונדז און פון רייכע יידישע הייזער אַרויספירן דאָס בעסטע, וואָס איז דאָרטן געבליבן. וויפל געזונט, וויפל שפּיכט־דמים האָט אונדז דאָס אָפּגעקאָסט! אַרבעטן פלעגן מיר אַזוי לאַנגזאַם, אויף וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזט, פונדעסטוועגן בין איך אין די ערשטע טעג פון דער אַרבעט געקומען אינגאַנצן אַ צעבראָכענער — כסדר אַראָפּ און אַרויף פון גאָרנס־טרעפּ מיט שווערע משאות ווי: אַלמערס, בעטן, מאַטראַצן, שטולן, טישן א. א. וו. קומענדיק אַהיים פלעג איך פאַלן ווי אַ געהרגעטער. אַלע מוסקולן, אַלע גלידער האָבן מיר ווייט געטאָן. אָבער דאָס האָט געדויערט נאָר די ערשטע עטלעכע טעג. מען האָט זיך צוגעוווינט און די אַרבעט איז געגאַנגען אָן ספּעציעלע שוועריקייטן.

במשך פון אַ פּאָר וואָכן האָבן מיר אויף אַזאַ אופן צוזאַמענגעשלעפּט אויפן גרויסן הויף פון זאַוואַלנע 12 אַ ריזיקן סקלאַד מיט מעבל.

## אין די סקלאַדעס פון יידיש האָב און גוטס

כדי צו מאַגאַניזירן אונדזערע אָנגעזאַמלטע זאַכן, זיינען די דייטשן עטלעכע מאָל מיט אונדז אַוועקגעפאָרן אויף ווענגראָווסקי זאַוואַלעק און אויף באָוועגאַרער, אין די ראָמיילעס ישיבה. דאָרטן זיינען געווען צוויי ריזיקע סקלאַדעס מיט אָנגעזאַמלטן יידישן האָב און גוטס. פון די הייזער פון טויזנטער פאַרטריבענע יידן, פלעגן די דייטשן אַרויספירן אַלץ, וואָס מען האָט נאָר געקאָנט. זיי האָבן אָנגעזאַמלט אין די סקלאַדעס דאָס, וואָס די ליטווינער און אַנדערע שכנים האָבן ניט באַוויזן פריער צוצורויבן.

ווען מיר זיינען צום ערשטן מאָל אַריינגעפאָרן מיט אונדזער אויטאָ אויף ווענגראָווסקי זאַוואַלעק, האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ ריזיקן סקלאַד, וואָס האָט פאַרנומען אַ פאַרטער און אַן ערשטן גאָרן. אויפן פאַרטער זיינען געווען גרויסע מענגען מעבל. אויפן ערשטן שטאָק — אַלע אַנדערע שטוביקע זאַכן, ווי: באַשטעק, לאָמפּן, סאַמאָוואַרן, סערוויזן, וועש, קליידער, בילדער א. אַ. וו., אַלץ אין אומצייילבאַרע צאָלן.

ס'האָבן זיך אויך אַרומגעוואַלגערט אויף דער ערד, מאָדערן און אַלטפרענקיש געשיר, זילבערנע שבתדיקע לייכטער, טליתים, תפילין, צילינדערס, היטן, שיך — אויף דעם אַלעם האָט מען געטראָטן מיט די פיס.

אין אַ געוויסן מאָמענט בין איך צו צו אַ ווינקל, ווו עס זיינען געשטאַנען גרויסע בילדער. איך נעם אַ בילד און לייען איבער אַן אייגנהענטיקן האַרציקן אויפשריפט פון אַ באַרימטן רוסישן זינגער, אין אויסדרוק פון דאַנק צום ד"ר לעוואַנדע, פאַרן אויסהיילן אים פון אַ שווערער האַלדז־קראַנקהייט. ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָ, אין דעם ווינקל שטייט צונויפגעוואָרפן דאָס גאַנצע ביסל באַלעבאַטישקייט פון באַקאַנטן אין ווילנע ד"ר לעוואַנדע. אים גופא האָט מען צוגענומען.

ווי פינצטער און ביטער איז אונדז געוואָרן אויפן האַרצן צוקוקנדיק זיך צום יידישן חורבן. איך בין געשטאַנען צוזאַמען מיטן אַדוואָקאַט טייטעלבוים און געקוקט אויף אונדזער בראָך. די אַנדערע יידן, וועלכע זיינען מיט אונדז געקומען אַלס אַרבעטער, האָבן שנעל גענומען לייגן אין די קעשענס, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. איינער, אַ פיפיקער יונג, אַ געוועזענער בירזשעוויק, איז צוגעגאַנגען צו אונדז און געזאָגט ווי ער וואָלט זיך וועלן פאַרענטפערן: „דאָ מעגן מיר נעמען וואָס נאָר מען קאָן, ס'איז אונדזער האָב און גוטס. בעסער זאָלן מיר עס צונעמען, איידער עס זאָל אַריינפאַלן אין זייערע הענט. אונדז וועט דאָס צונוץ קומען אין געטאָ, מיר וועלן האָבן אויף ברויט... ניטאָ זיך וואָס צו שעמען און שפּילן זיך אין סענטימענטן"... מיר האָבן אים גאָרנישט געענטפערט. מעגלעך, אַז ער איז גערעכט געווען. אָבער ניט אַזוי. טייטעלבוים און ניט איך, האָבן עפּעס וואָס גענומען פאַר דער גאַנצער צייט. וואָס מיר האָבן דאָ געאַרבעט.

איינמאָל ביים אַרויסגאַנג פון סקלאַד, איז אונדז אַנטקעגנגעקומען אַ גרויסע פור מיט פריש געבראַכטע זאַכן. ביים אַריינגאַנג אין סקלאַד האָט אַ פוילישער אַרבעטער זיך פאַרטשעפעט אַ פוס און אַראָפּגעלאָזט אַ שופלאָד מיט פאַרשיידענע קלייניקייטן, אַלץ האָט זיך אויסגעשאָטן. איך האָב אויפגעהויבן אַ פּאָר פאָטאָ־גראַפיעס, אַ קוק געטון אויף זיי און געבליבן אַ צעטומלטער. עס האָט מיר גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. אין האַנט האָב איך געהאַלטן פאַמיליען־בילדער פון מיין קוזין, אַרקאַדי יאַדלאָווקער. אַרקאַדי (קאַדיש) איז געווען אַ גוט באַקאַנטער און באַגאַבטער פידלער. אַ תלמיד פון פידלער־קינסטלער, מאַלקין. אין די יאָר 1919—1920, האָט מאַלקין מיט זיין פרוי, קומענדיק פון רוסלאַנד, געוווינט ביי יאַדלאָווקערן. אַ געוויסע צייט האָב איך אויך דאָרט געוווינט. שפעטער איז מאַלקין אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע, וווּהין עס האָט אים אַראָפּגעּ־נומען זיין שילער, יאַשאַ חייפעץ.

יאַדלאָווקער איז געווען סאָליסט אין ווילנער סימפאָנישן אָרקעסטער,

לעצטנס האָט ער געשפּילט אין די פּוילישע טעאַטערס. זיין פרוי איז געווען פונדערהיים — זאַבלודאָווסקי, אַ שוועסטער פון צוקערקעס־פאַבריקאַנט אין ווילנע — זאַבלודאָווסקי. ווי עס שיינט, האָט מען אַרקאַדין צוגענומען פון שטוב און דערנאָך איז די פאַמיליע אומגעקומען אין געטאָ. אין דער צייט פון דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט אין ווילנע האָט אַרקאַדי געקויפט אַ קליין פידעלע פאַר מיין זון און אים געלערנט שפּילן, זאָגנדיק, אַז דאָס יינגל האָט אַ גוטן געהער.

איצט שטיי איך דאָ ביי זייערע חרובע שטוביקע חפצים — אַ תל פון דער גאַנצער משפחה.

אַ צווייטן טראַגישן מאָמענט האָב איך איבערגעלעבט, ווען איך בין צום ערשטן מאָל אַריין אין צווייטן לאַגער — אין ראַמײַלעס קלויז. די ראַמײַלעס ישיבה אין ווילנע איז געווען אויף דער יידישער גאַס, אין ראַמײַלעס הויף. קורץ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען די מויערן פון דער ישיבה פּשוט איינגעפאַלן. נאָך דער מלחמה האָבן די ווילנער אָרטאָדאָקסן אויפגעבויט די ישיבה אויף נאָוועגאָרעד, אויף אַ הערלעכן פּלאַץ, אינמיטן שטאָט. מען האָט אויסגעבויט אַ גרויסע פּרעכטיקע קלויז, און אין די איבעריקע טיילן פון בנין האָט זיך געפונען די ישיבה אין גרויסע, ליכטיקע זאַלן. מיט איין וואָרט, אַ פּרעכטיקע שול — רייך, שיין און זויבער, ניט ווי די אַמאָליקע שולן אויף דער יידישער גאַס, וווּ ס'איז נישט פיל געזאָרגט געוואָרן פאַר ריינקייט און פּולשטענדיקער רואיקייט.

צום ערשטן מאָל האָב איך ערשט איצט דערזען די שול און די ישיבה. אַלץ איז דאָרטן חרוב ומוחרב געווען. די בימה, דער אָרון קודש, דאָס פּרוכת אָראָפּגעריסן, די בענק פאַרשמוציקט. די גאַנצע קלויז, אַלע צימערן פון דער ישיבה זיינען פול געווען מיט יידיש האָב און גוטס. אַזוי ווי אין ערשטן לאַגער, אַזוי אויך דאָ, זיינען געווען פיל דייטשן, וועלכע האָבן אַרויסגעשלעפּט פאַר זיך און פאַר זייערע איינהייטן גאַנצע בערג מיט פאַרשיידענע זאַכן. זיי האָבן דאָרטן גענומען געשיר, באַשטעק, טישטעכער און נאָך אַזעלכע בעסערע זאַכן, פאַר זייערע „פרייליינס".

מיר האָבן געטראָטן איבער אַנגעוואָרפענע בערג פון יידישער פּראָצע. הפקר, הפקר, יידיש בלוט, יידיש האָב און גוטס. נעמט, שלעפּט, רויבער, היינט איז אייער צייט!

וויפל געזונט, וויפל לעבן האָבן אונדז אָט די „וויזיטן" געקאָסט!

קלויבנדיק אונדזערע זאַכן האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ גרויסן קאַסטן מיט זילבערנע קידוש־בעכערס, אַלטע יידישע בעכער. איך האָב זיך ניט איינגעהאַלטן, גענומען אַזאַ זילבערנעם, גרויסן בעכער אין האַנט, אָט אַזאַ ווי ס'איז געווען

ביי אונדז אין שטוב דאָס גאַנצע לעבן, און איך האָב געבעטן דעם אָפּיציר, ער זאָל מיר דערלויבן דאָס צו נעמען, אַלס אָנדענק נאָך מיין פאָטער. ער האָט מיר דערלויבט, אָנזאָגנדיק דערביי, אַז איך זאָל זיין פאָרזיכטיק מיטן טראָגן, ווייל אַ ייד טאָר קיין זילבערנע חפצים ניט האָבן. דעם בעכער האָב איך גענומען, און ביי דער אַרבעט געגעבן אַ דייטשקע צום באַהאַלטן. איך האָב אָבער דעם בעכער סיי ווי ניט באַוויזן אַריינצוטראָגן אין געטאָ, אונדזער אַרבעט, דאָס צונויפּברענגען די נויטיקע מעבל און מכשירים פאַר די דייטשישע טעלעפאָניסטקעס, האָט אונדז געקאָסט לעבן און געזונט; דאָס האַרץ האָט זיך געשניטן שטיקערווייז.

האָבן מיר אַזוי אָפּגעאַרבעט אויף דעם פּלאַץ דעם גאַנצן סעפּטעמבער און האַלב אָקטאָבער. אָבער נישט אַזוי לייכט איז אונדז אָנגעקומען דאָס אַרבעטן און נישט אַזוי פּשוט האָט אויסגעזען אונדזער לעבן.

אין געטאָ האָבן זיך גענומען אַנטוויקלען געשעענישן, וועלכע האָבן פול־שטענדיק געענדערט אונדזער לאַגע, אונדזער לעבנסשטייגער.

## דאָס לעבן אין צווייטן, קליינעם געטאָ

ווען מען איז אַריין אין געטאָ, האָט אין די ערשטע עטלעכע טעג געהערשט אַ פולשטענדיקער כאָאָס. איינער האָט ניט געוווסט פון צווייטן און אַלע צוזאַמען האָבן בכלל ניט געוווסט וואָס פאַראַ אַרט לעבן עס שטייט אונדז דאָ פאָר.

קודם כל האָבן אַלע געזוכט די אָפּגעריסענע פאַמיליען־מיטגלידער.

מ׳האָט געזוכט וועגן, ווי אַזוי צו דערגיין, ווער ס׳איז דאָ אין דער צווייטער געטאָ. גאַנצע פאַמיליעס האָבן גענומען וואַנדערן פון איין געטאָ אין דער צווייטער. די יעניקע וועלכע האָבן גליק געהאַט און אין געטאָ באַלד פאַרכאַפּט אַ גוטע דירה, דאָס הייסט — מיט מעבל, ווירטשאַפט, פּראָדוקטן א. א. וו. די האָבן זיך באַזעצט „פעסט” און אַריינגענומען צו זיך די משפחה־מיטגלידער, קרובים און פריינט פון דער ערשטער געטאָ. אַנדערע ווידער, האָבן זיך אַריבער־געקליבן פון דער קליינער אין דער גרויסער געטאָ.

אין אַלגעמיין איז יעדע דירה געוואָרן אַ וועלט פאַר זיך. אין איין דירה זיינען געווען צענדליקער מענטשן פון פאַרשיידענעם שטאַנד און כאַראַקטער, פאַרשיידענע קולטורן, לעבנסשטייגער און אינטעליגענץ.

עס זיינען אַנטשטאַנען משונהדיקע סיטואַציעס — מענער זיינען געבליבן אָן פרויען, פרויען אָן מענער, קינדער אָן עלטערן, עלטערן אָן קינדער. אין איין שטוב פון אַ מאָן 20—30, האָבן זיך אָפּטמאָל געפונען אַזוי פיל פאַמיליעס וויפל איינציקע מענטשן, אַלע זיינען געווען דענערווירט, פאַרביטערט און פאַרפינצטערט. ס׳פלעגט געגוג זיין דאָס קלענסטע פונקעלע, אַז די שטוב זאָל

פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאַכעדיקן קעסל. צוליב אַ וואָרט, אָדער אַ קרומער מינע, וואָס עמעצער פלעגט מאַכן, האָבן געקענט אויסברעכן די שרעקלעכסטע קריגערייען און בהלות...

עס זיינען אָבער אויך געווען אַ סך הייזער, ווו עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ שיין, געמיינזאַם, פרידלעך, ממש האַרציק צוזאַמענלעבן.

## די טעטיקייט פון יודנראַט

דער יודנראַט האָט געעפנט אַ ביוראָ אויף יאַטקעווער גאַס. דאָרט אַהין איז מען געקומען מיט פאַרשיידענע שאלות. אויפן צווייטן צי דריטן טאָג פון זיין אין געטאָ, האָט מען פון מאַגיסטראַט אַריינגעשיקט אַ פור ברויט. דאָס ברויט איז פאַרקויפט געוואָרן צו 5 רובל פאַר אַ צווייקילאָדיק לעבל. נאַטירלעך איז דאָס ברויט גלייך צעכאַפּט געוואָרן דורך דער הונגעריקער באַפעלקערונג, ווייל סוף כל סוף זיינען טויזנטער יידן אַריין אין געטאָ אָן שום זאַפּאַסן. די וועלכע האָבן געאַרבעט אין שטאָט, פלעגן יעדן טאָג אַריינברענגען מיט זיך אַ ביסל פראָדוקטן סיי פאַר זיך, סיי צום פאַרקויפן. אָט אַזוי האָט מען אָפּגעלעבט אין געטאָ ביז פרייטיק, דעם 12טן סעפּטעמבער.

אין דעם טאָג, אַזייגער 12 פאַרמיטאָג, איז אין געטאָ אַריינגעקומען אַ יונגער ליטווישער אָפיציר און איז גלייך אַוועק אין יודנראַט. דאָרטן האָט ער געטראָפן לעוויטן און לעווינען. פּאַכנדיק מיט אַ בייטשל האָט דער יונגער שניעק אַ זאָג געטאָן: „אויף מאָנטיק פרי זאָלט איר מיר צוגרייטן 500 מענטשן". ווען חייט און לעווין האָבן אים געפרעגט, צו וואָס מען דאַרף די מענטשן, האָט ער אַ שמיץ געטאָן מיט דעם בייטשל און אויסגעשריען: „ניט אייער זאַך". פרעגן זיי ווייטער: „וואָס פאַראַ מענטשן דאַרפט איר — אַרבעטער, יונגע, אַלטע, מענער, פרויען. מיר דאַרפן דאָך וויסן וועמען צוצוגרייטן"... דער שניעק ענטפערט מיט כעס: „500 מענטשן — וועמען איר ווילט"... דערביי האָט ער דעם גרויסן דיקן לעוויטן אַ בריקע געטאָן מיטן פוס, אַז יענער איז אַנידערגעפאַלן... דער אָפיציר איז אַוועק.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז דער זעלבער אָפיציר ווידער געקומען, אָבער שוין ניט אַליין, נאָר אין דער באַגלייטונג פון אַ דייטשישן יונגן מיליטער־מאַן. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דער מיליטערמאַן געווען דער צוקונפטיקער תליין פון ווילנער געטאָ — שוויינענבערג. אַריינקומענדיק אין יודנראַט האָט ער קודם כל אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש דעם יודנראַט־מיטגליד לעווין (אַ ווייך־קרעמער פון ראָג ברייטער און גלעזער גאַס). דערנאָך האָט דער דייטש

אַ רעווע געטאָן: „אויף מאַנטיק פרי זאָלט איר צוגרייטן 1500 מאַן, איר הערט — טויזנט פינף הונדערט מאַן", און איז גלייך אַוועק. די יודנראַט־מיטגלידער זיינען געבליבן צעטומלטע. וואָס באַדייט דאָס? צו וואָס דאַרפן זיי 1500 מענטשן? ווען מען האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט אין געטאָ, איז אויסגעבראָכן אַ מהומה. מען האָט די זאַך פאַרשיידן קאָמענטירט, יעדערער אויף זיין שטייגער...

די מיטגלידער פון יודנראַט האָבן זיך דערווייל גענומען ענערגיש צו דער אַרבעט. קודם כל זיינען זיי אַוועק אין דייטשישן אַרבעט־אַמט, ווו זיי האָבן פאַר אַ טייערן לעדערנעם מאַנטל אַרויסבאַקומען אַ בריוו, אין פאָרעם פון אַ פאַראָרדענונג צו דער געטאָ, אַז פון געטאָ טאָר מען ניט נעמען קיין אַרבעטער, אָן אַ פאַראָרדענונג פון אַרבעט־אַמט. נאָכמער, זיי האָבן אויך געפועלט אין געביטס־קאָמיסאַריאַט, אַז זיי זאָלן דאָס באַשטעטיקן.

איבערגליקלעכע זיינען זיי געקומען פון שטאָט מיט דער פריילעכער בשורה, אַז „זיי האָבן אין דרערד דעם יונגן שניעק, מיט זיינע פאָדערונגען". אַזאַ איז געווען די נאַיווקייט פון די יודנראַטלער. אָבער דאַן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס איז מויער־אייזן. דער אַרבעט־אַמט איז דער באַלעבאָס איבער די געטאָ־אַרבעטער און דער געביטס־קאָמיסאַר באַשטעטיקט דאָס.

מאַנטיק פרי איז טאָקע שווייגענבערג געקומען אין געטאָ און אַ פרעג געטאָן אין יודנראַט וועגן די 1500 מענטשן. לייבאָוויטש האָט אים דאַן געוויזן דעם בריוו פון אַרבעט־אַמט.

„וואָס!" האָט אַ געשריי געטאָן שווייגענבערג, „איר שמוציקע, פאַרשייסטע יודן, וועט מיר זאָגן, וואָס איך האָב צו טאָן! שייסע דער אַרבעט־אַמט, שייסע דער געביטס־קאָמיסאַר, איך בין דער באַלעבאָס, איך באַפעל. איר פאַרשטייט. געשטאַפּאָ באַפעלט!" געבנדיק אַ זעץ מיטן טיר איז ער אַוועק.

מיר אין געטאָ האָבן געוווּסט, אַז עפּעס טומלט זיך אין יודנראַט, אָבער גענוי וואָס, האָבן מיר, פשוטע יידן, ניט געוווּסט.

אויף מאָרגן פרי, דינסטיק דעם 16טן סעפטעמבער, ווען מיר זיינען געקומען אויף אונדזערע אַרבעט־פּלעצער אין שטאָט, האָבן מיר זיך פון די אַנדערע חברים דערוווּסט וועגן גרויסן אומגליק, וואָס האָט די פאָריקע נאַכט פּאַסירט אין דער ערשטער, גרויסער געטאָ. ווייזט זיך אַרויס, אַז מאָנטיק ביינאַכט איז שווייגענבערג געקומען מיט ליטווינער אין געטאָ אַריין און געפאָדערט פון יודנראַט 2000 מענטשן. דער יודנראַט האָט גלייך באַפוילן דער פּאָליציי צו שאַפן דעם געפאָדערטן קאָנטינגענט מענטשן.

אַזוי אַרום איז מאָנטיק, דעם 15טן סעפטעמבער 1941 פאָרגעקומען די ערשטע גרויסע „טשיסטקע" אין דער ערשטער געטאָ. אין דער נאַכט האָט מען אַרויסגענומען צו דער שחיטה צוויי טויזנט יידן — מענער, פרויען, קינדער,

אַלטע, יונגע. דעם גרעסטן „פּאַרדינסט" ביי דער אַרבעט האָבן געהאַט: דער יודנראַט און זיינע טרייע פּאָליציאַנטן.

ס'איז אונדז געוואָרן פינצטער און ביטער אויפן האַרצן. הייסט דאָס, אַז אונדזער טרייסט, דאָס אין געטאָ וועלן מיר האָבן אַ ביסל רו, איז אַ ווּיסטע אילוזיע! מען נעמט ווידער מענטשן!

צווישן זיך האָבן מיר גערעדט: אויב אויף אַרבעט, טאָ צו וואָס פרויען מיט קינדער, צו וואָס אַלטע לייט און שוואַכע? זיי וועט מען דאָך ניט שיקן קיין מינסק, סמאָלענסק א. א. וו. אויב צום טויט — טאָ צו וואָס יונגע, געזונטע מענער, גלענצנדיקע פאַכמענער און טייערע אַרבעטער? הייסט דאָס, אַז ס'איז אַ נייע צרה, אַ נייער אומגליק אויף אונדזערע קעפּ. די דייטשן, מיט וועלכע מיר פלעגן זיך טרעפן, האָבן אויף אונדזערע שאלות קיין שום תשובה ניט געגעבן. קומענדיק מיט צעבראָכענע געמיטער אַהיים האָבן מיר געזען דעם נייעם חורבן. ווידער ברעכט מען די הענט, ווידער פאַרצווייפלט פון די נייע איובס צרות. די טרויעריקע ידיעות פון יענער ביטערער נאַכט.

### דער יודנראַט שאַפט אַ בייראַט

אינדערהיים האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז מען האָט מיך געזוכט פון יודנראַט, און איך דאַרף זיך מעלדן צום ד"ר פּאַטשטער.

דעם אָוונט האָב איך פּאַטשטערן ניט געטראָפן און איך האָב זיך מיט אים געזען ערשט אויף מאָרגן פאַרטאָג, פאַר מיין אַרויסגיין אין שטאָט צו דער אַרבעט.

ד"ר פּאַטשטער האָב איך געטראָפן אויף יידישער גאַס נומער 10, אין אַ פול־געפּאַקטער דירה, ווו אַלע זיינען נאָך געלעגן אויף דער ערד — די נאַכט־געלעגערס. ליגנדיק אויף דער ערד האָט מיר ד"ר פּאַטשטער איבערגעגעבן, אַז נעכטן איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון יודנראַט, מיט עטלעכע איינגעלאַדענע, באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע געפינען זיך אין געטאָ, כדי צוזאַמען צוצוטרעטן צו אַן אָרגאַניזירטער אַרבעט. דער נאָמינירטער יודנראַט פילט זיך ניט ביכולת אַנצופירן מיט דער גאַנצער אַרבעט, וואָס דער מאָמענט פאָדערט. זיי ווילן: אַז די אינעווייניקסטע געטאָ־אַרבעט זאָלן מיר איבערנעמען, און זיי וועלן בלויז רעפּרעזענטירן אָפיציעל פאַר די דייטשן. דערביי האָט מיר ד"ר פּאַטשטער איבערגעגעבן, אַז פאַר מיר האָט מען רעזערווירט די דירות־אָפּטיילונג, אַלס איינע פון די ברענענדיקסטע פּראָבלעמען אין דעם מאָמענט. היינט אָוונט וועט זיין דער ערשטער צוזאַמענטרעף פון אַלע לייטערס פון די באַזונדערע רעסאָרטן, און איך דאַרף גלייך צוטרעטן צו אָרגאַניזירן מיין אָפּטיילונג.

אין דעם מאָמענט האָב איך גאָרניט געקענט מאַכן, ווייל צו דער אַרבעט האָב

איך געמוזט גיין. איך האָב אָבער גלייך דערקלערט, אַז דעם אַמט נעם איך אָן און נאָכמיטאָג וועל איך צוטרעטן צו דער אַרבעט.

דעם טאָג בין איך געקומען אין געטאָ פריער ווי געוויינלעך און האָב גלייך גענומען אָרגאַניזירן מיין רעסאָרט. אַלס געהילפן האָב איך גענומען די צוויי ברידער בענדער פון קאָוונע. איינער איז געווען אַ זשורנאַליסט, דער צווייטער האָט בעת דער ליטווינער־צייט, געהאַט אַ שרייב־ביוראָ אויף דייטשישער גאַס אין בונימאָוויטשעס הויף. מיר האָבן אין די נאָענטסטע טעג צוגעצויגן צו זיך נאָך עטלעכע אינטעליגענטע מענטשן אַלס הויז־פאַרוואַלטערס, און אַ ריי מענטשן אַלס הויז־וועכטער.

די ערשטע אַרבעט פון דעם אַמט איז געווען פעסטצושטעלן גענוי דאָס אומבאַוועגלעכע פאַרמעגן פון געטאָ. עפּעס אַ קלייניקייט, מיר זיינען דאָך געוואָרן באַלעבאַטים פון אַן אייגענער מלוכה! אייגענע גאַסן, אייגענע הייף, הייזער, בנינים א. א. וו.

רעגיסטרירנדיק דאָס גאַנצע געטאָ־פאַרמעגן זיינען מיר גלייכצייטיק צוגעטראָטן צו מאַכן אַ גענויע רשימה פון די געטאָ־איינוווינער. דאָס איז געווען אַן אומגעהויערע אַרבעט. די געטאָ־באַפעלקערונג פלעגט וואַנדערן פון איין אָרט אין צווייטן, אָן אויפהער. אַזוי אַרום האָט מען קיינמאָל ניט געקאָנט מאַכן קיין גענויע און ריכטיקע רשימה.

חוץ דעם איז אויך געווען אַ ריזיקע אַרבעט ביי די כסדרדיקע ענדערונגען פון די דירות אין געטאָ גופא. אָן אויפהער פלעגט מען ענדערן און בייטן זיך מיט דירות פרייוויליק, באַקאַנטע צווישן זיך. עס זיינען פאָרגעקומען אָן אַ שיעור סכסוכים צווישן די איינוווינער, וועלכע האָבן בשום אופן זיך ניט געקענט געהעריק צעטיילן מיט די ערטער אין די פאַרנומענע דירות, מיט די געפונענע באַלעבאַטישקייטן. צו דער זעלבער צייט האָט מען געמוזט זאָרגן וועגן סאַניטאַרן צושטאַנד פון געטאָ. דאָ מוז געזאָגט ווערן לשבח פון אונדזערע יידן, אַז צו די פאַראָרדענונגען פלעגט מען זיך צופּאַסן גענוי און פּינקטלעך. איך קען די יידישע גאַס פון ווילנע זייט 50 יאָר. אַזאַ זויבערקייט, אַזאַ ציכטיקייט, אַזאַ ריינקייט ווי אין די טעג פון דער געטאָ, איז דאָרטן קיינמאָל אין לעבן ניט געווען. עס האָט ממש געשמעקט פון יעדן ווינקל.

פאַרטאָג פלעגן שוין די יידישע הויזוועכטער רוימען, וואַשן, שווענקען די לאַווקעס, די גאַסן, די רינשטאָקן, די קלאָזעטן, אַז אסור, אויב אַמאָליקע סטרוזשעס, וואָס האָבן דאָס פאַך איבערגענומען בירושה פון זייערע עלטערן און זיידעס, האָבן אַזוי גוט אויפגעפּאַסט. עס פלעגט ממש אַרויסשיינען פון יעדן ווינקעלע. און דאָס האָבן געטון יידן, וועלכע האָבן אויף זייער לעבן קיין בעזעם אין האַנט ניט געהאַלטן און קיין קלאָזעט אוודאי און אוודאי ניט געוואַשן.

די איצטיקע הויזוועכטער זיינען געווען אַמאָליקע הענדלער, באַלמעלאָכעס. איצט האָבן זיי ניט געקאָנט, אָדער נישט געוואָלט אַרבעטן ביי די דייטשן, זיינען זיי אַוועק אַרבעטן אין יודנראַט אַלס הויזוועכטער. נאַטירלעך האָט דער יודנראַט אַרויסגעגעבן אייגענע שיינען, וועלכע האָבן אָבער, אין טראַגישע מאָמענטן פון טשיסטקעס, קיין שום ווערט ניט געהאַט.

דער אָמט פלעגט דאַרפן כסדר געבן נייע וווינונגען די יעניקע, וועלכע זיינען געקומען אין דער געטאָ פון דער ערשטער גרויסער געטאָ. מען פלעגט אין פול געפּאַקטע דירות מוזן אַריינזעצן נאָך און נאָך יידן, ניט קוקנדיק אויף די שאַרפע פּראָטעסטן פון די „אַלטע" בירגער. אין זייער פיל פאַלן פלעגן מיר מוזן אָנקומען נאָך הילף פון דער פּאָליציי, כדי צו באַגרענעצן די ניט באַגרינדעטע „אַפּעטיטן" פון „די איינגעזעסענע בירגער".

זייער פיל נערוון און געזונט פלעגט קאָסטן דאָס מאַכן אָרדענונג אין די דירות גופא, צווישן די שכנים, וועלכע פלעגן זיך נאָכאַנאַנד אַרומרייסן. אַזעלכע פלעגט מען באַדראָיקן מיט דראָען אַרויסצוּוואַרפן זיי פון דער דירה און ניט געבן קיין אַנדערע. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אָפטמאָל האָבן דירות אויסגעזען ווי אַן אמתער יאַריד — אַ רעש, אַ געררודער, אַ מישמאַש פון פאַרשיידענע מענטשן.

ווייטער איז געווען אַ פּראָבלעם דאָס באַזאָרגן אַלטע, קראַנקע, עלנטע אָן פאַמיליעס. פאַר זיי איז געשאַפן געוואָרן אַן אָרט אין אַ פאַר קלויזן.

איינע פון די הויפּטאַרבעטן פון דער אָפּטיילונג איז געווען דאָס באַזאָרגן מיט די געהעריקע בנינים די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי: קינדערהיים, שול, אמבולאַטאָריע א. א. וו.

די ערשטע קינדער־שול האָבן מיר געשאַפן אין דער גרויסער קברנישער שול. באַזייטיקנדיק פון דאָרטן אַלע זייטיקע מענטשן, איז אין אַ קורצער ווילע די שול געבראַכט געוואָרן אין אָרדענונג אַדאַנק דער מסירות נפש פון עטלעכע יידישע לערער, בראש מיטן אָנפירער פון דער אָפּטיילונג — דעם לערער געזונטהייט.

דאָס צווייטע אָרט, וואָס מיר האָבן געגעבן פאַר אַן אַמבולאַטאָריע, איז געווען די סטראַשון־ביבליאָטעק. ווען מיר זיינען אין איר אַריין, האָט דאָרטן געהערשט אַ שוידערלעכער חורבן. די אייזערנע שענק, אין וועלכע עס זיינען געלעגן די טייערע כתב־ידן, יקר־המציאותן — זיינען געווען אויפגעריסן, די אַנטיקן צעוואָרפן און צעשאָטן אויף דער ערד. מאַסן ספרים — צעריסן און צעשליידערט איבערן גאַנצן בנין. מיר האָבן גלייך באַשלאָסן צו מאַכן די אַמבולאַטאָריע אין גרויסן לייען־זאַל, צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, איז דאָס געווען דער איינציקער, גרויסער, ליכטיקער זאַל, אין גאַנצן געטאָ. צווייטנס,

האָבן מיר דורכדעם געוואָלט פאַרהיטן די ווערטפולע אוצרות פון אונטערגאַנג.

מיט דער צייט האָט די דירות־אָפּטיילונג אָרגאַניזירט אַ ריי באַלמעלאָכעס אויף דורכצופירן קליינע רעמאָנטן אין פאַרלאָזענע, ניט באַוווינטע דירות.

די הויז־פאַרוואַלטערס האָבן אויך געדינט מיט אַלע נויטיקע אינפאָרמאַציעס בײַם אָפּזוכן מענטשן, אַדרעסן וכדומה.

דער אַפּאַראַט פון די הויז־פאַרוואַלטערס און וועכטערס פלעגט אויך דינען בײַם פאַרטיילן פּראָדוקטן. מיט איין וואָרט — די דירות־אָפּטיילונג איז געווען אַ לעבעדיקער נערוו אין דער געטאָ־„מלוכה".

## אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג

בראָש פון דער אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג איז געשטאַנען חיים רעמיגאָלסקי. זי האָט זיך געפונען אין דער געוועזענער בעקעריי פון אברהם דעם בעקער, אין נחום שמש־הויף אויף יידישער גאַס, פונקט אַנטקעגן ווענלוועס רעסטאָראַן, נעבן סאַמע געטאָ־וואַנט. דאָרטן איז געווען דער פאַרטיילונגס־פּונקט פאַר אַלע טרוקענע פּראָדוקטן. היות ווי טויזנטער מענטשן פלעגן יעדן פאַרטאָג אַרויסגיין צו דער אַרבעט אין שטאָט, האָט מען קודם כל געשאַפן אַ טשייניע, ווו מ'פלעגט פאַרטאָג באַקומען הייסע, געקאָכטע וואַסער, פאַר אַ מינימאַלן אָפּצאָל. דאָס איז, אין די טרויעריקע באַדינגונגען, געווען אַ וויכטיקע פאַרלייכטערונג און זייער אַ נוצלעכער אויפטו. די אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג איז אויך צוגעטראָטן אָרגאַניזירן אַ גרויסע קיך. עס זיינען געווען גרויסע שוועריקייטן בײַם באַקומען אַ קעסל, אָבער דער פאַרלויף פון די ווייטערדיקע געשעענישן האָט צונישט געמאַכט דעם דאָזיקן פּראָיעקט און אויך פיל אַנדערע.

אין לויף פון דער צייט האָט מען באַקומען געוויסע ברויט־טראַנספּאָרטן און אַנדערע פּראָדוקטן פון מאַגיסטראַט. דאָס איז אָבער געווען אַ טראָפּן אין ים. די נויטיקסטע פּראָדוקטן פלעגן די מענטשן ברענגען מיט זיך, קומענדיק פון דער אַרבעט אין שטאָט. אין ערשטן פעריאָד פון געטאָ איז דאָס אַריינטראָגן פּראָדוקטן נאָך ניט געווען אַזוי באַשווערט, און אַ פאָר קילאָ שפּייז פלעגט מען קענען דורכשמוגלען. נאָטירלעך איז דאָס אָפּהענגיק געווען פון דעם ליטווינער, וואָס פלעגט שטיין בײַם טויער. בעסערע עסנוואַרג, ווי: פיש, פלייש, פוטער, אייער, עפּל א. א. וו. האָבן זיי כמעט שטענדיק צוגענומען, אָבער ברויט, קאַרטאָפל, קאַרנמעל, מערלעך, קרוטשקע, אַ מאַנאַשקע זופּ פון אַ דייטשישער, אָדער ליטווישע קיך, פלעגן זיי אין קליינע מאָסן דורכלאָזן.

## געזונטהייטס־אָפּטיילונג

בראָש פון דער געזונטהייטס־אָפּטיילונג איז געשטאַנען ד"ר וו. פּאָטשטער.

דער זאַל איז מיט לייכטע ווענטלעך צעטיילט געוואָרן אויף באַזונדערע קאַבינעטן אין וועלכע איניקע דאָקטוירים האָבן גענומען גלייך אַרבעטן, יעדער לויט זיין ספּעציאַליטעט. ווען עס פלעגן נויטיק זיין פאַר די קראַנקע — דאָקטוירים ספּעציאַליסטן, וועלכע זיינען אין געטאָ ניט געווען, פלעגט מען צונויפנעמען אַ פּאַרטיע קראַנקע און מיט זיי אַוועקגיין, אין באַגלייטונג פון אַ פּאָליציאַנט, אין דער ערשטער, גרויסער געטאָ, וווּ עס זיינען געווען אַלע ספּעציאַליסטן, אַ רענטגען־אַפּאַראַט, אַ שפּיטאָל א. א. וו.

אינסטרומענטן האָבן די דאָקטוירים געבראַכט אַ ביסל מיט זיך, נויטיקע רפואות האָט מען צונויפגענומען, איז אַזוי אַרום אַנטשטאַנען אַן אָרט, וווּ מען האָט געקענט באַקומען די ערשטע הילף.

די צווייטע גרויסע וויכטיקע אַרבעט פון דער אָפּטיילונג איז געווען דאָס אָרגאַניזירן אַ סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישן אַפּאַראַט. די געטאָ־געסלעך זיינען כל ימיו געווען די שמוציקסטע און פינצטערסטע אין שטאָט. איצט, ביי אַזאַ ענגשאַפט, האָבן אַלע ממש געציטערט, עס זאָל, חלילה, ניט אויסברעכן קיין עפּידעמיע. דעריבער איז גרויס אַכט געלייגט געוואָרן אויף דער ריינקייט פון געטאָ. די דאָקטוירים עלטערמאַן און פּרל. ד"ר לעווינסאָן פלעגן גיין פון הויז צו הויז און ממש זיך בעטן רחמים, מען זאָל האַלטן ריין די הייף, דירות, צימערן, פּאָדלאָגעס. זיי האָבן מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע ממש וווּנדער באַוויזן. דאָס געטאָ איז ווירקלעך געווען ריין ווי גאָלד. צו דער ריינקייט אין געטאָ און פון דער באַפעלקערונג האָט אַ סך צוגעהאָלפן די גרויסע, אַלטע יידישע באָד, וואָס האָט זיך געפונען אויפן שולהויף.

דער פּאַרמאַצעווט שענקער (פריער געאַרבעט אין פרומקינס אַפּטייק), האָט איינגעאָרדנט אַ קליינע פּראָוויזאָרישע אַפּטייק אין אַמבולאַטאָריע.

### אַרבעטס־אַמט

בראש פון אַרבעט־אַמט איז געשטאַנען יאַקאָבסאָן (דער אייגנטימער פון הויז אויף רודניצקער גאַס נומער 16). ער פלעגט יעדן טאָג שיקן אין שטאָט פּאַרטיעס אַרבעטער צו אַרבעט אין פאַרשיידענע דייטשישע, אָדער ליטווישע אינסטיטוציעס.

ביי זיין אַרבעט האָט ער שטענדיק געהאַט צו טאָן מיט יעקעס, האָט אַ סך מאָל פּאַסירט, אַז מען האָט אים צעהרגעט און צעמזיקט.

ער האָט זיך פיל אינטערעסירט צו באַקומען שיינען פאַר די אַרבעטנדיקע, וואָס האָבן דאַן געהאַט אַן ערשטקלאַסיקע באַדייטונג.

דער אַרבעט־אַמט האָט רעגיסטרירט פאַכמענער און אויך פאַר דער געטאָ גופא געגעבן די נויטיקע קוואַליפיצירטע אַרבעטער.

**VERTRAULICH!**

**Für den Arbeitgeber!**

# Richtlinien und Merkblatt für den Einsatz der jüdischen Arbeitskräfte.

1. Das Ghetto steht unter Aufsicht des Gebietskommissars der Stadt Wilna. Dieser ist allein weisungsberechtigt und für alle Fragen, die das Ghetto betreffen, zuständig.
2. Die Vermittlung von jüdischen Arbeitskräften erfolgt durch die Dienststelle: Der Gebietskommissar in Wilna -Sozialamt-. Anforderungen auf Gestellung von Juden sind daher nur an diese Dienststelle zu richten. Eigenmächtiges Anwerben von jüdischen Arbeitskräften über den Judenrat ist untersagt.
3. Die Zuteilung von jüdischen Arbeitskräften durch das Sozialamt des Gebietskommissars erfolgt nach den hierfür ergangenen Richtlinien. Eine Verpflichtung des Sozialamtes, jüdische Arbeitskräfte zuzuweisen, besteht nicht.
4. Für Wehrmachtsdienststellen ist die Verfügung des Wehrmachtbefehlshaber Ostland vom 20.9.1941 massgebend. Die hat unter anderem folgenden Wortlaut:
„Jegliche Zusammenarbeit der Wehrmacht mit der jüdischen Bevölkerung, die offen oder versteckt in ihrer Einstellung deutschfeindlich ist, und die Verwendung von einzelnen Juden zu irgendwelchen bevorzugten Hilfsdiensten für die Wehrmacht hat zu unterbleiben. Ausweise, die den Juden ihre Verwendung für Zwecke der Wehrmacht bestätigen sind durch militärische Dienststellen keinesfalls auszustellen. Hiervon ausgenommen ist lediglich die Verwendung von Juden in besonders zusammengefassten Arbeitskolonnen, [illegible] nur unter deutscher Aufsicht [illegible]."
5. Wird vom Sozialamt die Gestellung [illegible] Juden für gerechtfertigt angesehen, so darf ein Einsatz nur erfolgen, wenn der Transport der Juden vom Ghetto zur Arbeitsstelle und zurück, sowie der Aufenthalt [illegible] Arbeitsstelle überwacht wird.
6. Eine Zuweisung von jüdischen Arbeitskräften erfolgt nur bei einer Anforderung von mindestens 10 Arbeitern. Der Einsatz von einzelnen Juden ist verboten. Ausnahmsweise kann eine Zuweisung dann erfolgen, wenn es sich um Spezialisten und Facharbeiter handelt die durch einheimische Kräfte nicht zu ersetzen sind.
7. Die zu einer Arbeit vermittelten Juden haben geschlossen unter Aufsicht des Arbeitgebers und des jüdischen Kolonnenführers die Arbeitsstätte aufzusuchen und zurückzukehren. Die Arbeitsstätte darf während der Beschäftigungszeit einschliesslich Mittagspause von den Juden nicht verlassen werden. Einzelne auf der Strasse ohne Genehmigung des Gebietskommissars herumlaufende Juden machen sich strafbar und werden verhaftet.

אינסטרוקציעס פון צורר מורער, אין נאָמען פון ווילנער געביטס־קאָמיסאַר, וועגן צוואַנגס־אַרבעט לגבי יידן. (המשך)

8. Die Arbeitszeit der Juden ist ganztägig, d. h. die zu einer Arbeit vermittelten Juden müssen das Ghetto in der Zeit von 6 — 9 Uhr verlassen und ab 15 Uhr bis zum Einbruch der Dunkelheit, jedoch bis spätestens 20 Uhr zurückkehren.

9. Der Arbeitgeber hat dafür Sorge zu tragen, dass die bei ihm arbeitenden Juden keine Geschäfte betreiben und zu verhindern, dass sie Lebensmittel, Holz und anderes mehr einkaufen und in das Ghetto mitnehmen. Die Mitnahme von Bedarfsgütern, insbesondere von bewirtschafteten Artikeln, ist strengstens untersagt.

10. Die beschäftigten Juden haben Anspruch:

a) auf Lohn und zwar: Männer vom 16. Lebensjahr aufwärts RM —.15, Frauen vom 16. Lebensjahr aufwärts RM —.12 und Jugendliche unter 16 Jahren RM —.10 pro Arbeitsstunde. Private Zivildienststellen, Truste, Genossenschaften usw., mit Ausnahme der deutschen Dienststellen und der Stadtverwaltung, bezahlen ausser den oben angeführten Lohnsätzen an die Juden denselben Betrag an die Kasse des Gebietskommissars Wilna-Stadt.

b) Um die Arbeitskraft des Juden zu erhalten, ist ihm eine zusätzliche Verpflegung zu gewähren. Der Arbeitgeber hat daher für eine warme Mittagssuppe im Werte bis zu RM —.30 zu sorgen. Der Betrag hierfür kann vom Lohn abgezogen werden.

11. Der Jude ist unser Feind und der Alleinschuldige am Kriege. Es gibt daher auch keinen Unterschied zwischen Juden und Juden, sie sind alle gleich. Der Einsatz zu einer Arbeit ist Zwangsarbeit, daher ist auch der ausserdienstliche Verkehr mit den Juden sowie jede Privatunterhaltung und Geschäftemacherei strengstens verboten. Wer mit Juden privaten Umgang pflegt, muss entsprechend als Jude behandelt werden. Wie die Reichsdeutschen, so unterliegt auch die einheimische Bevölkerung den hierfür erlassenen Strafbestimmungen bei Verstössen gegen diese grundsätzliche Einstellung den Juden gegenüber.

12. Bedarfsstellen und Arbeitgeber, die gegen diese Bestimmungen verstossen, werden zur Verantwortung gezogen und von einer weiteren Zuteilung jüdischer Arbeitskräfte ausgeschlossen.

**Der Gebietskommissar der Stadt Wilna**

I. A.

gez. MURER.

Wilna, den 7. April 1942.

[illegible]

## די שול און קינדער־אָפּטיילונג

בראש פון דער שול, קולטור און קינדער־אָפּטיילונג איז געשטאַנען שאַיע געזונטהייט. אים האָב איך כמעט ניט געקענט. איך האָב באַמערקט מיט וואָס פאַר אַ טרייקייט און באַגייסטערונג ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. באַקומענדיק דעם בנין פון דער קברנישער שול פאַר אַ קינדער־שול, האָט ער דאָרט גלייך צונויפגענומען אַ גרויסע צאָל קינדערלעך פון שול־עלטער. מיט דער הילף פון אייניקע לערער און לערערינס איז דער קינדער־צענטער געשאַפן געוואָרן. פאַר אַ סך קינדער האָט מען גלייך געמוזט זאָרגן פאַר אַלץ, ווייל זיי זיינען שוין געווען האַלבע אָדער גאַנצע יתומים.

קינדער, עלנטע ווי אַ שטיין. ניט קיין מאַמע, ניט קיין טאַטע, ניט קיין קרוב, ניט קיין גואל. מען האָט פאַר זיי געמוזט גלייך שאַפן נאַכטלעגערס, עסן, עפעס וועש, קליידער. אין די ווייטערדיקע טעג איז דאָס באַזאָרגן מיט וועש און קליידער ניט געווען קיין פּראָבלעם, ווייל נאָכן צונעמען טויזנטער יידן צו דער שחיטה, פלעגט אין סקלאַד פון יודנראַט אויך אַריינפאַלן אַ ביסל זאַכן. צום אומגליק אָבער איז געזונטהייט, אין איינער פון די טשיסטקעס, צוגענומען געוואָרן און איז אַוועק אויף פאַנאַר. לייבאָוויטש און איך האָבן גלייך אינטער־ווענירט ביי די ליטווישע כאַפּונעס, אין זייער „געשטאַפּאָ" אויף ווילנער גאַס נומער 12, אָבער אָן שום רעזולטאַט. מער ווי טויט־שרעק האָבן מיר ביי דער אינטערווענץ ניט דערגרייכט.

## עווידענץ־ און אַדרעסן־ביוראָ

בראש פון דער עווידענץ־ און אַדרעסן־ביוראָ איז געשטאַנען זאַקהיים, פון יידישן פאָלקס־באַנק. צוזאַמען מיט אים האָט געאַרבעט די פרל. גורוויטש פון יידישן באַנק. די ערשטע צייט האָט אויך מיטגעאַרבעט — עמעס. דאָס אַדרעסן־ביוראָ איז אין יענעם מאָמענט זייער וויכטיק געווען. עס זיינען געווען טויזנטער צעריסענע פאַמיליעס, וועלכע האָבן ניט געוווּסט איינער פון אַנדערן. פון ערשטן געטאָ פלעגן יעדן טאָג אָנקומען אַ סך בריוו מיט אָנפראַגעס וועגן קרובים, פריינט, משפחה־מיטגלידער א. א. וו. דאָס ביוראָ פלעגט די זאַכן דערליידיקן, און אויך שיקן בריוו פונדאַנען אַהין.

מ'האָט אויך געפּרוווט מאַכן אַ רשימה פון די געטאָ־איינוווינער, אָבער צוליב כסדרדיקע וואַנדערונגען פון געטאָ צו געטאָ, און צוליב די אַקציעס פון צונעמען טויזנטער מענטשן פון די געטאָס — האָט די אַרבעט קיין שום ממשות ניט געהאַט.

[illegible] [illegible]

[illegible]
[illegible] 1941

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| א ל ט ע ר | | | | | | | | | | | | | | | | | | [illegible] | | [illegible] | [illegible] |
| [illegible] 70 | | 69 - 60 | | 59 - 50 | | 49 - 40 | | 39 - 30 | | 29 - 20 | | 19 - 15 | | 14 - 5 | | 4 - 0 | | [illegible] | [illegible] | | |
| פֿ | מ | פֿ | מ | פֿ | מ | פֿ | מ | פֿ | מ | פֿ | מ | פֿ | מ | פֿ | מ | פֿ | מ | | | | |
| 59 | 54 | 174 | 144 | 283 | 164 | 281 | 171 | 330 | 249 | 310 | 193 | 186 | 144 | 240 | 230 | 94 | 114 | 1495 | 1364 | 11 | [illegible] |
| 81 | 45 | 25 | 46 | 36 | 31 | 54 | 37 | 64 | 54 | 41 | 20 | 30 | 17 | 46 | 41 | 6 | 9 | 313 | 285 | 4 | [illegible] |
| 3 | 4 | 8 | 4 | 10 | 9 | 12 | 9 | 20 | 12 | 13 | 6 | 17 | 4 | 11 | 9 | 5 | 5 | 99 | 65 | 4 | [illegible] |
| 7 | 5 | 46 | 6 | 20 | 14 | 24 | 28 | 32 | 32 | 31 | 17 | 30 | 10 | 25 | 32 | 11 | 7 | 196 | 118 | 3 | [illegible] |
| 69 | 74 | 127 | 100 | 219 | 167 | 326 | 176 | 344 | 251 | 328 | 183 | 224 | 140 | 257 | 264 | 104 | 103 | 2052 | 1455 | 9 | [illegible] |
| 22 | 20 | 32 | 19 | 51 | 37 | 71 | 42 | 84 | 71 | 50 | 33 | 30 | 21 | 54 | 40 | 21 | 14 | 415 | 287 | 4 | [illegible] |
| 32 | 52 | 84 | 61 | 143 | 97 | 193 | 143 | 217 | 153 | 196 | 135 | 152 | 92 | 200 | 172 | 67 | 77 | 1253 | 912 | 4 | [illegible] |
| 125 | 91 | 241 | 183 | 360 | 215 | 654 | 320 | 597 | 422 | 534 | 306 | 377 | 230 | 424 | 464 | 195 | 181 | 3511 | 2558 | 13 | [illegible] |
| 41 | 6 | 21 | 40 | 34 | 21 | 57 | 37 | 42 | 47 | 57 | 37 | 33 | 22 | 36 | 34 | 13 | 16 | 304 | 280 | 6 | [illegible] |
| 343 | 395 | 728 | 540 | 1076 | 794 | 1652 | 929 | 1730 | 1267 | 1630 | 930 | 1084 | 687 | 1333 | 1283 | 506 | 526 | 10072 | 7425 | 49 | [illegible] |

[illegible]

באַפעלקערונג־טאַבעלע, אין ווילנער געטאָ, לויט געשלעכט און עלטער

## פּאָליציי

בראש פון דער פּאָליציי האָט זיך געשטעלט אַדוואָקאַט פאַווירסקי, דער שוואָגער פון לייבאָוויטשן. זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער זיינען געווען: דער באַקאַנטער ציוניסטישער טוער, סאַפיר, דער בוכהענדלער, סאָקער, און נאָך אַ פּאָר צענדליק זייער אָנשטענדיקע יונגעלייט. די פּאָליציי האָט געהאַט זייער אַ שווערע אַרבעט. קודם כל — דאָס האַלטן אָרדענונג, ניט דערלאָזן צו סקאַנדאַלן און אַוואַנטורעס, באַרואיקן די קריגערייען אין באַזונדערע דירות, וואָס איז געווען פון גאָר וויכטיקער באַדייטונג. די פּאָליציי האָט אויך געמוזט שטענדיק זיין ביים טויער, און צוזאַמען מיט ליטווינער העלפן אַריינברענגען פּראָדוקטן און האַלץ אין געטאָ, און אויפנעמען די אָנקומענדיקע דייטשן, ליטווינער און אַנדערע.

די פּאָליציי האָט געפירט פּאַרטיעס מענטשן אין יענעם געטאָ, סיי קראַנקע, סיי געזונטע. זי פלעגט העלפן ביים אויפהאַלטן די ריינקייט.

מען מוז דאָ גלייך אונטערשטרייכן, צום שבח פון דער דאָזיקער פּאָליציי,

אַז זי האָט ניט פֿאַרבלוטיקט אירע הענט מיט העלפֿן אַרויסגעבן מענטשן צום טויט. פֿאַרקערט, ווען עס זײַנען אין די שפּעטערדיקע טעג פֿאָרגעקומען די שוידערלעכע אַקציעס, איז אין קעגנזאַץ צו דער פּאָליציי פֿון יענעם געטאָ, פֿלעגט זי טאָן אַלץ וואָס מעגלעך, כּדי צו ראַטעווען וועמען מען האָט באַר געקענט. מײַן גאַנצע פֿאַמיליע האָבן יידישע פּאָליציאַנטן צוויי מאָל אָפּגעראַטעוועט פֿון זיכערן טויט. ווען זיי זײַנען מיטגעגאַנגען מיט די ליטווינער ביי אַן אַקציע, פֿלעגן זיי אויסנוצן זייער מיטאָנטייל צו ראַטעווען יידן, אָבער בשום אופֿן ניט אָנגעוויזן ווו יידן זײַנען באַהאַלטן, אָדער אָפּגענאַרט יידן דורך פּראָוואָקאַציעס, ווי דאָס פֿלעגן טאָן די פּאָליציאַנטן פֿון דעם ערשטן געטאָ.

מיט דער גאַנצער זיכערקייט שטעל איך פֿעסט, אַז די־אָ איינשטעלונג מצד דער פּאָליציי צו די אַקציעס איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון דער אַלגעמיינער איינ־שטעלונג פֿון די יודנראַט־מיטגלידער און זייערע באָענטסטע מיטאַרבעטער. קיין איין פֿאַל איז ניט געווען, אַז דער יודנראַט פֿון דעם קליינעם געטאָ זאָל אַליין אויסגעבן אַ ייד אויף פֿאַנאַר. די דייטשן און ליטווינער פֿלעגן אַליין נעמען וויפֿל זיי האָבן געוואָלט און וועמען זיי האָבן געוואָלט. דערצו איז קיין שום עצה ניט געווען, אָבער אַליין אורטיילן — מי יחיה ומי ימות — דאָס ניט.

דווקא אָט דער יודנראַט, וואָס איז באַשטאַנען פֿון פּשוטע עמך־מענטשן, ניט קיין דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ און גיט קיין פֿאַטענטירטע פּאַרטיי־טוער — דווקא זיי האָבן געהאַט דעם אמתן יידישן און מענטשלעכן צוגאַנג צו אונדזער טראַגעדיע.

אָט דאָס זײַנען געווען אין דער ערשטער צייט די אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן אָנגעפֿירט מיט דער אַרבעט אין געטאָ, פֿאַר די עטלעכע וואָכן פֿון זײַן עקזיסטענץ.

דאָס, אַזוי צו זאָגן, צענטראַלע ביוראָ איז געווען דער סעקרעטאַריאַט פֿון יודנראַט. דאָרט פֿלעגן אַמטירן זײַנע מיטגלידער, וועלכע האָבן געהאַט אַרבעט איבערן קאָפּ.

קודם כּל, די מ׳שטייגסגעזאָגט „רעפּרעזענטאַנץ״, אויף זייער גורל איז, נעבעך, אויסגעפֿאַלן צו האָבן צו טאָן דירעקט מיט די חיות, מיט די דייטשן און ליטווינער. הגם פֿאַרמעל האָבן יידן אַלץ געדאַרפֿט דערליידיקן, נאָר דורך דעם ליטווישן פֿאַרבינדונגס־מאַן, בוראַקאַס, פֿונדעסטוועגן פֿלעגן זיי, די יידישע ראַט־מיטגלידער, שטענדיק האָבן צו טאָן דירעקט מיט די דייטשן. אַז אויפֿהער פֿלעגן זיי קומען אין געטאָ און, ווילנדיק ניט ווילנדיק, פֿלעגט מען מוזן מיט זיי רעדן פּנים אל פּנים. אַזעלכע שמועסן פֿלעגן זיך זייער אָפֿט ענדיקן מיט פּעטש און פֿוס־בריקענישן. אָפֿט איז עס אויסגעגאַנגען צו שוחד, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט גרויס ריזיקע.

דער יודנראַט איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיטן מאַגיסטראַט וועגן אַ סך ענינים, ווי אַפּראָוויזאַציע, אַסעניזאַציע, דירה־געלט.

במשך פון עטלעכע טעג איז די אַדמיניסטראַציע איינגעשטעלט געוואָרן און אין אַ געוויסן אָחנט זיינען מיר זיך אַלע צונויפגעקומען אין אַ קלויז אויף ראָג דאָמיניקאַנער געסל און אַראָפּשלאָס־גאַס. (דעם גאונס גאַס נומער 1). (אין די ערשטע טעג איז דער יודנראַט געווען אויף יאַטקעווער גאַס, דערנאָך איז ער אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין דער קלויז).

אויף דער זיצונג האָבן אַלע לייטערס פון די באַזונדערע אָפּטיילונגען אָפּגעגעבן קורצע אַרבעט־באַריכטן פון זייערע רעסאָרטן, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַן אַלגעמיינעם סעקרעטאַריאַט מיט אַ יורידישער אָפּטיילונג, מיטן אַלטן אַדוואָקאַט סמילג בראש. איך ווייס ניט פונוואַנען עס האָבן זיך גענומען די קלאַנגען, אַז סמילג איז כלומרשט געשמדט, אָבער די זיצונג האָט באַשלאָסן אים איינצולאַדענען צו דער אַרבעט. סמילג האָט טאַקע געאַרבעט ביזן לעצטן מאָמענט פון דער עקזיסטענץ פון געטאָ. צו דער זעלבער צייט איז אויך באַשלאָסן געוואָרן איינצולאַדענען קאַשוקן, דעם געוו. דירעקטאָר פון בוני־מאָוויטשעס באַנק, אַלס לייטער פון דער פינאַנס־אָפּטיילונג.

אָבער וואָס איז געווען די פעולה פון די אַלע אַמטן, אַז איבער אַלעמענס קעפּ האָט געהאָנגען די דאַמאָקלעס שווערד.

צווישן אַנדערן איז מען אַרויס מיט אַ דיסקוסיע וועגן דעם, וואָס געשעט מיט די מענטשן, וועלכע מען נעמט צו. אַלע האָבן אין איין קול געפאָדערט צו דערגיין ביי די דייטשן, ווו זיינען די צוגענומענע טויזנטער יידן. דער וויכוח אַרום דער פראַגע האָט געדויערט דריי אָוונטן, מען האָט אַרויסגערוקט די פאַרשיידנסטע השערות.

זייער אינטערעסאַנט איז געווען די שטעלונג פון לייבאָוויטשן, וועלכער האָט אַזוי געזאָגט: „ביי מיר פון הויף האָט מען, אין די ערשטע טעג, צוגענומען צוויי ברידער. דאָס זיינען מענטשן גיבורים, אַטלעטן. פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט האָבן זיי זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט. אַוועקלייגן אַ מענטשן אויף קאַלט, שפּילט ביי זיי קיין שום ראָל ניט. ווען זיי וואָלטן געלעבט, וואָלטן זיי פון אונטער דער ערד, צוויסן געגעבן וועגן זיך. אויב פון זיי איז ניטאָ קיין ידיעה — הייסט דאָס, אַז זיי לעבן ניט. דאָס, וואָס די דייטשן נעמען אַלעמען, אָן קיין שום אונטערשייד, הייסט, אַז ביי היטלערן איז אַ ייד מיט אַ פאַרד און אַ ייד אָן אַ פאַרד — אַלץ איינס. איך האַלט אַז אַלעמען פטרט מען".

דאָס זיינען געווען לייבאָוויטשעס ווערטער, וועלכע האָבן זיך, צום אומגליק, אַרויסגעוויזן פאַר פולשטענדיק ריכטיק.

אין יענעם מאָמענט, אָבער, האָבן ניט אַלע געוואָלט גלויבן אין דעם, אַז מען שעכט טאַקע, אָן אונטערשייד, אַלעמען אויס.

דער פאַקט אָבער, וואָס אונדזער יודנראַט האָט ניט געגעבן קיין מענטשן, דאַן ווען די דייטשן האָבן געפאָדערט, האָט אונדז אַלעמען צוגעגעבן מוט און דרייסטקייט.

נאָך לאַנגע דיסקוסיעס איז לסוף אָנגענומען געוואָרן מיין פאָרשלאָג וועגן אַנבינדן אַ קאָנטאַקט מיטן יודנראַט פון דער ערשטער געטאָ, כדי צוזאַמען באַטראַכטן די געשאַפענע לאַגע.

מיין שטעלונג איז געווען, אַז פאַר אונדז איז קיין אונטערשייד ניט, צי אַ ייד געפינט זיך אין דער געטאָ, צי אין יענער געטאָ.

ביי אונדז זיינען אַלע יידן גלייך. דעריבער מוז מען צוזאַמען האַנדלען, צוזאַמען זיך באַראַטן און געמיינזאַם זיך ראַטעווען און זיך שיצן. די געטאָ־ווענט, האָב איך געזאָגט, וועלכע טיילן אונדז פונאַנדער, האָבן אפשר אַ באַדייטונג פאַר די דייטשן, אָבער אונדז, יידן, טאָרן זיי ניט פונאַנדערטיילן. ביי אונדז איז גיטאָ קיין אונטערשייד צווישן יידן פון איין גאַס און יידן פון אַ צווייטער גאַס.

לייבאָוויטש און ד״ר פאָטשטער זיינען באַפולמעכטיקט געוואָרן אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט דער ערשטער געטאָ און איך בין באַפולמעכטיקט געוואָרן צו דערגריין ביי קריסטן אין שטאָט, וווהין מען פירט אַרויס די טויזנטער יידן, ווייל אין שטאָט און אין געטאָ האָבן געגומען קורסירן פאַרשיידענע משונהדיקע קלאַנגען.

## מען גלויבט, אַז פּאָנאַר איז דאָס דריטע געטאָ

פון דער ניט־ליטווישער זייט האָט מען איבערגעגעבן, אַז אויף פּאָנאַר איז דאָס דריטע געטאָ. זיי האָבן אַפילו געוווסט צו זאָגן, אַז דער מאַגיסטראַט שיקט אַהין יעדן טאָג ברויט. אַנדערע ווידער האָבן דערציילט, אַז די צוגענומענע ווערן אַרויסגעשיקט אין די נייע רוסישע געביטן אויף אַרבעט. אָבער וואָס טוט מען מיט די קינדער און אַלטע לייט, וועלכע טויגן ניט צו קיין אַרבעט? געווען אַזעלכע וואָס האָבן געערדט אַפן, אָן שום קונצן, אַז אַלע ווערן פשוט אויסגע־מאָרדעט, און קיין איינער פון די צוגענומענע לעבט שוין ניט. און מערקווירדיק, דווקא אין אָט דעם קלאַנג האָט מען אַמווייניקסטן געגלויבט. דאָס האָט זיך פשוט קיינעם ניט געלייגט אויפן שכל. ווי קען דאָס מעגלעך זיין? אין מלחמה־צייטן זאָל מען נעמען יונגע, געזונטע, אַרבעט־פעאיקע פאַכמענער און זיי פשוט אויסמאָרדן. ווי שטאַרק דייטשלאַנד זאָל ניט זיין, מוז זי האָבן גוטע פאַכלייט צו דער אַרבעט.

מ׳האָט זיך געבראָכן די מוחות, אָבער אַ פאַקט איז, אַז די צוגענומענע זיינען

ווי אין וואַסער אַריין. ניט נאָר קיין איין איינציקער איז ניט צוריקגעקומען, נאָר ס'איז אַפילו ניט געווען קיין איין איינציקער פאַל פון באַקומען אַ גרוס, אַ בריוול, דעם קלענסטן סימן, אַז מען לעבט.

מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן, אויסצושפּירן דורך אָרנטלעכע קריסטן, וווּהין מען פירט די פּאַרטיעס מענטשן פון טורמע. איך האָב אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט אייניקע קריסטן, געשטעלט צו זייער דיספּאָזיציע יעדע געלט־סומע, וויפל זיי וועלן נאָר דאַרפן אויף איבערצוקויפן ליטווינער, דייטשן, כדי צו דערגיין אַ סליאַד פון די צוגענומענע מענטשן.

דאָס איינציקע, וואָס מען איז דערגאַנגען, איז געווען, אַז אַלע פּאַרטיעס גייען אויפן וועג צו לאַנדוואַראָווע, די פּאַרטיעס ווערן אָפּגעשטעלט אויף דעם פּאָלוסטאַנעק, וואָס הייסט פּאָנאַר, דאָרטן קען מען ניט צוקומען, ווייל דער גאַנצער וועג ווערט שטרענג באַוואַכט. די אָרומיקע קריסטלעכע איינוווינער האָבן דערביי איבערגעגעבן, אַז נאָכן אַהינברענגען אַ פּאַרטיע מענטשן, הערט מען גלייך אַן אומאויפהערלעכע געדיכטע שיסעריי, ווי פון מאַשינען־געווער.

מען האָט אויך געוווסט צו דערציילן, אַז זייער אָפט זעט מען שיכורע ליטווישע פּאָליציאַנטן אויף אויטאָס, וואָס פאָרן צו פּאָנאַר און צוריק, און זינגען דערביי פריילעכע לידער.

אינטערעסאַנט איז אויך צו פאַרצייכענען דעם פּסיכישן צושטאַנד פון אונדז לעבעדיקע. עס זיינען געווען פאַלן, ווען געציילטע פאַרוווּנדעטע מענטשן האָבן על פּי נס זיך געראַטעוועט פון פּאָנאַר. זיי זיינען דורך טויזנטער געפאַרן געקומען קיין ווילנע און אַריין אין געטאָ. זעלטן ווער אָבער האָט געגלויבט אין דער ריכטיקייט פון זייערע דערציילונגען. איך האָב, אין די שפּעטערדיקע צייטן, אַליין בייגעווינט אַ פאַל, ווען אין געטאָ־שפּיטאָל איז געקומען אַ פאַרוווּנדעטע פרוי פון פּאָנאַר און מיט אַלע איינצלהייטן דערציילט, ווי אַזוי מען האָט אויסגעשאָסן אַ גרויסע פּאַרטיע יידן, אויף אירע אויגן. זי אַליין האָט אויך באַקומען אַ קויל, איז אָבער בלויז לייכט פאַרוווּנדעט געוואָרן. ביינאַכט האָט זי זיך אַרויסבאַקומען פון פאַרשאָטענעם גרוב און געקומען קיין ווילנע. אייניקע דאָקטוירים, וועלכע זיינען געשטאַנען אַרום איר בעט, האָבן מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויפן קאָפּ, דאָס הייסט: זי איז פּשוט ניט ביים זינען. אין אָט דעם טראַגישסטן און שוידערלעכסטן, האָט מען דווקא ניט געוואָלט גלויבן. מען פלעגט זיך, ממש, ווי קליינע קינדער, אָנכאַפּן אַן יעדער גוטער ידיעה, וואָס האָט נאָר געשמעקט מיט אַ שטיקל האָפענונג.

### היסטאָרישע באַגעגעניש פון ביידע יודנראַטן

אין אַזאַ געמיט און שטימונג זיינען מיר זיך צונויפגעקומען, ביידע יודנראַטן,

זונטיק דעם 21טן סעפטעמבער 1941, אַזייגער 7—8 אָוונט. דעם וועג פון אונדזער געטאָ אין ערשטן אַריין, האָבן מיר דורכגעשוואַרצט ווי אַ גרופּע אַרבעטער, וועלכע גייען אַהיים פון דער אַרבעט.

דורכן טויער פון רודניצקער גאַס בין איך צום ערשטן מאָל אַריין אין גרויסן געטאָ. פאַרן אַריינגאַנג, נעבן טויער, איז געשטאַנען אַ ליטווישער פּאָליציאַנט. אויפן טויער־וואַנט איז געהאַנגען אַ גרויסע בלעכענע שילד מיט דעם זעלבן אויפשריפט, וואָס ביי אונדז. „אַכטונג, זויכעגעפאַר, יידן־פערטל, אַריינגאַנג פאַר מיליטערלייט און ניט־יידן שטרענג פאַרבאָטן". נאָכן אַריינגיין דורך דעם שמאָלן טירל, האָבן יידישע פּאָליציאַנטן אונדז איבערגענומען פון דער טויער־וואַך. מיר זיינען אַריינגעפאַלן אין אַן אמתן קעסל־גרוב. הימל און מענטשן. קיין פּיצל ערד ניט צו זען, אַזוי אָנגעפּראַפּט! דערצו איז נאָך געווען זונטיק פאַרנאַכט, ווען אַלע זיינען געווען אויפן גאַס אין געטאָ. מיר זיינען גלייך אַוועק אין יודנראַט, וועלכער האָט זיך געפונען אויף רודניצקער גאַס נומער 6, אין גרויסן הויף, וווּ פאַרן קריג איז דאָרט געווען די יידישע רעאַל־גימנאַזיע. אין הויף — אַ ים מיט מענטשן. עס האָט געראַיעט, ווי אין אַ בינשטאָק. די גרויסע טרעפּ, די ברייטע קאָרידאָרן פון יודנראַט זיינען באַלייגט געווען מיט מענטשן. קאָפּ אויף קאָפּ! דאָ האָט יעדער פון אונדז געטראָפן אַ סך באַקאַנטע, אָבער מיר האָבן זיך ביי קיינעם ניט פאַרהאַלטן, כדי קודם כל צו דערליידיקן דעם ענין, צוליב וועלכן מיר זיינען געקומען.

אַ פּאָליציאַנט, וואָס איז געשטאַנען ביים פאָרזיצערס טיר, האָט געמאָלדן פרידן וועגן אונדזער אָנקום. מען האָט אונדז טאַקע גלייך אַריינגעבעטן צו פרידן. אונדזער ערשטע און לעצטע באַראַטונג איז טאַקע פאָרגעקומען אין קאַבינעט פון פאָרזיצער פון ערשטן יודנראַט — אינזש. פריד.

פון אונדזער זייט זיינען געווען אַנוועזנדיק: אונדזער פאָרזיצער, לייבאָוויטש, דער מיטגליד פון יודנראַט, לעווין, און די לייטערס פון די באַזונדערע אָפּטיי־לונגען: ד"ר פאַטשטער, חיים רעמיגאָלסקי און איך. מצד דעם ערשטן יודנראַט זיינען געווען: אינזש. אַנאַטאָל פריד, אַדוואָקאַט מילקאַנאָוויצקי, יואל פישמאַן. דעם פּראָטאָקאָל האָט געפירט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער געטאָ־פאַר־וואַלטונג, אברהם זיידשנור. די אַנדערע צוויי יודנראַט־מיטגלידער, אינזש. גוכמאַן און ג. יאשונסקי, זיינען בשעת דער באַראַטונג אַריין און אַרויס עטלעכע מאָל, אָבער קיין אָנטייל אין די וויכוחים האָבן זיי ניט גענומען.

פריד האָט קודם כל אַ פרעג געטאָן, וועך מיר זיינען. לייבאָוויטש האָט אונדז אָלעמען פאָרגעשטעלט און דערביי האָט ער איבערגעגעבן די סיבות, צוליב וועלכע מיר זיינען געקומען.

אויף דעם האָט אינזש. פריד געענטפערט: „קיין שום קאָנטאַקט מיט די

דייטשן האָבן מיר ניט. אַלץ גייט דורך בוראקאָסן. ווען די דייטשן קומען און פאָדערן 2000 מענטשן, מוזן מיר געבן, ווייל דערמיט ראַטעווען מיר די איבעריקע יידן. אויב מיר וועלן זיי ניט געבן, וועלן זיי נעמען וועמען זיי ווילן, וויפל זיי ווילן און עס וועט זיין ערגער פאַר די איבערגעבליבענע טויזנטער יידן. אינטער־ווענירן ביי די דייטשן אָדער איבערקויפן זיי — האָט ניט קיין זין. בקרוב וועלן זיי האָבן מער יידן פון אונדז. און מיטן אינטערווענירן וועלן מיר זיי נאָר ווייזן אונדזערע שוואַכע און אַנגעווייטיקטע זייטן. מיר האָבן, — האָט געזאָגט פריד, — איינמאָל געפּרוווט אינטערווענירן ביי מורערן און שווייגענבערגן, וועגן דער ענגשאַפט אין געטאָ, די תשובה איז געווען: „ענגשאַפט איסט קיין פּראָבלעם". זיי האָבן אַרויסגענומען צוויי טויזנט מענטשן און ס׳איז אויס ענגשאַפט. פון דעם זעט מען, אַז מיט אינטערווענצן וועט מען זייט ניט דערגריין. וואָס שייך אַ קאָנטאַקט צווישןביידע געטאָס, האָב איך גאָרניט קעגן דעם, אָבער קיין געמיינזאַמע אַרבעט קענען מיר ניט פירן, ווייל דאָס קען אונדז נאָר שאַטן ברענגען. אונדזער געטאָ איז אַ געטאָ פאַרן שאַפנדיקן, אַרבעטנדיקן עלעמענט און אייער געטאָ איז נאָר פאַר אַלטע, שוואַכע און אומפּעאיקע מענטשן צו אַרבעט". דערביי האָט ער געהאַלטן אַ גאַנצע עקספּאָזע, ווי אַזוי ער רעכנט אָוועקצושטעלן די אינעווייניקסטע אָרגאַניזאַציע פון געטאָ־לעבן. ער האָט גערעכנט צו שאַפן אַ געהעריקן פאָנד פון דירה־געלט, פון אָפּצאָל פאַרן באַנוצן עלעקטרע, פון נאַציאָנאַליזירן אַלץ אין געטאָ א. א. וו.

אונדז איז געוואָרן פינצטער אין די אויגן. פון אונדז האָבן נאָך גערעדט חיים רעמיגאַלסקי, ד״ר פּאָטשטער, אָבער עס איז אונדז ניט געלונגען צו ענדערן זייער שטעלונג. צום סוף האָב איך אַ זאָג געטאָן: „אָבער, ה׳ פּרעזעס, מען קען דאָך ניט און מען דאַרף ניט לאָזן זיך אויסשעכטן ווי די בהמות. אָט זעט — זיי האָבן געפאָדערט פון אונדזער געטאָ 1500 מאַן און אונדזער יודנראַט האָט ניט געגעבן; האָבן זיי טאַקע ביי אונדז ניט גענומען, נאָר פון אייער געטאָ, ווייל איר האָט אַליין געגעבן. היינט וואָס איז דער יחוס פון אייער אַרבעטסזאַמען געטאָ? צווייטנס, וואָס פאַראַ אונטערשייד איז פאַר אונדז יידן, צי מיר זיינען אויף דער יידישער גאַס, צי אויף רודניצקער גאַס? מיר זיינען אַלע גלייכע יידן און דאַרפן אַזוי האַנדלען, אַז אין דער צוקונפט זאָלן מיר קענען זאָגן: ידינו לא שפכו את הדם הזה!

פריד איז געווען געוואַלטיק אויפגערעגט און מילקאָנאָוויצקי האָט געבעטן לייבאָוויטשן, ער זאָל געבן אינפאָרמירן וועגן דער ערשטער אַקציע. לייבאָוויטש האָט איבערגעגעבן דעם פאַרלויף פון די פּרייטיקדיקע און מאָנטיקדיקע געשעענישן.

ווען פריד איז אויף אַ מאָמענט אַרויס, האָט א. זיידשנור געזאָגט צו מיר: „אייערע ווערטער, באַלבערישסקי, האָב איך גענוי פאַרפּראָטאָקאָלירט".

די באַראַטונג האָט געדויערט זייער לאַנג. פון זייער זייט האָט כמעט די גאַנצע צייט גערעדט בלויז פריד. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די איבעריקע האָבן פשוט מורא צו רעדן. ניט דער האַנטווערקער־בונדיסט יואל פישמאַן, ניט דער ציוניסט אַדוו. מילקאַנאָוויצקי און ניט דער צווייטער בונדיסט אַדוו. גר. יאַשונסקי, האָבן אַרויסגעזאָגט זייערס אַ וואָרט, אַ שטעלונג, אַ מיינונג. דאָס האָט אויף אונדז געמאַכט אַ זייער פּיינלעכן איינדרוק. אמת, איצט קען מען שוין קלאָר זאָגן, אַז וואָס מיר וואָלטן נאָר געוועזן געטאָן, וואָלט דער רעזולטאַט געווען דער זעלבער. מיר אַלע וואָלטן אָבער מיט אַ רואיק געוויסן געקענט זאָגן: „ידינו לא שפכו את הדם הזה". צי קענען דאָס זאָגן די מיטגלידער פון יודנראַט?

צעבראָכענע מענטשן זיינען מיר אַרויס פון דער דאָזיקער באַראַטונג.

מיר האָבן געפילט, אַז די מיטגלידער פון גרויסן יודנראַט ווייסן עפּעס אַ טראַגישן סוד, וועלכן מיר ווייסן ניט. דער סוד ליגט אין די פּאָר ווערטער, וועלכע פריד האָט צו אונדז געזאָגט, אַז: „מיר זיינען אַן אַרבעט־געטאָ און אייער געטאָ איז פּאָר אַרבעט־אומפעאיקע". די דאָזיקע ווערטער זיינען אונדז אַריין אין קאָפּ. פונדעסטוועגן, האָבן מיר גערעדט צווישן זיך, איז דאָך אַ פאַקט, אַז די ערשטע צוויי טויזנט יידן האָט מען צוגענומען טאַקע פון זייער „זיכערן" געטאָ און ניט פון אונדז.

אַלנפאַלס, די שטעלונג און האַלטונג לגבי אונדז מצד יענעם יודנראַט, וואָס איז באַשטאַנען פון אינטעליגענץ און פּאַרטיי־פאָרשטייער, האָט אונדז אַלעמען ממש דערשיטערט.

אַנטוישטע זיינען מיר, אין באַגלייטונג פון אַ ליטווישן פּאָליציאַנט, אַוועק צו אונדז אין געטאָ.

ווען מיר האָבן זיך אויף מאָרגן געטראָפן, איז ביי אַלעמען געווען איין זאַך קלאָר: דער יודנראַט פון דער ערשטער גרויסער געטאָ האָט געשלאָגן כפּרות מיט די 10 טויזנט יידן פון דעם קליינעם געטאָ, כדי פּשוט זיך צו ראַטעווען. אונדז האָבן זיי באַטראַכט ווי פּאַראורטיילטע. פון אונדז האָט מען שוין רעזיגנירט און דערפאַר האָט מען ניט געטאָרט זיך פאַרבינדן מיט אונדז. ווייל פון דעם וואָלטן זיי, די בלוי־בלוטיקע יידן, די פולבאַרעכטיקטע, כשרע יידן, חלילה געליטן.

זיי האָבן זיך געלאָזט כאַפּן אויף דער דייטשער ווענדקע, וועמענס אויפגאַבע אין די גאַנצע צייט געווען צו צעטיילן יידן אויף פּריווילעגירטע און פאַראור־טיילטע — אַזוי האָבן די דייטשן שטענדיק געהאַנדלט.

דער יודנראַט פון רודניצקער גאַס האָט שוין, וואַרשיינלעך, געהאַט געוויסע ידיעות, אַז בלייבן וועט נאָר זייער געטאָ און אַז אונדזער געטאָ וועט בכלל

ליקווידירט ווערן, האָבן זיי דעריבער שוין באַצייטנס ניט געוואָלט האָבן מיט אונדז צו טאָן. די געשעענישן פון דער גאָר נאָענטסטער צוקונפט האָבן דאָס פולשטענדיק באַשטעטיקט.

אָט די טראַגישע מאָמענטן, האָבן איך נישט געקענט פאַרגעסן די גאַנצע צייט, ניט אין געטאָ־לעבן, ניט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער און אויך ניט שפּעטער, זייענדיק שוין אויף דער פריי.

די גלייכגילטיקייט צום גורל פון אַ דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג מצד פאַראַנטוואָרטלעכע יידישע כלל־טוער, האָלט איך פאַר זייער גרעסטן פאַרברעכן. וואָס ווייטער זיינען זיי טאָקע געזונקען טיפער און טיפער. עבירה גוררת עבירה!

דער איינציקער רעזולטאַט פון דעם וויזיט ביי זיי איז געווען דאָס, וואָס אונדז איז קלאָר געוואָרן, אַז מיר דאַרפן זיך שטיצן בלויז אויף אונדזערע אייגענע כוחות.

**די נייע גזירה פון „פּאַכמאַן"־שיינען**

אין שטאָט איז אַרויס אַ נייער קלאַנג: אַלע ביזאיצטיקע שיינען טויגן ניט — מען מוז האָבן שיינען מיט אַ שטעמפּל — „פּאַכמאַן". דערביי האָט מען גענומען רעדן געדיכט, אַז אַלע פּאַכמענער דאַרפן וווינען אין דער ערשטער געטאָ. די דאָזיקע קלאַנגען האָבן פולשטענדיק באַגרינדעט אונדזער פּאַרדאַכט, אַז די צוויי געטאָס זיינען געשאַפן געוואָרן ניט צופעליק.

מיר, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי די דייטשן, האָבן געבעטן אונדזערע ברויטגעבער, זיי זאָלן אונדז באַזאָרגן מיט שטעמפּלען אויף אונדזערע שיינען. אייניקע פון אונדזער גרופּע האָבן טאַקע דאָס באַקומען. דער גרעסטער טייל אָבער ניט. ווידער האָט זיך געשאַפן אַ פאַרצווייפלטע לאַגע. ווידער טויט־שרעק, ווידער האַרצקלאַפּעניש.

דאָס לעבן אין אונדזער געטאָ האָט זיך ניט „באַפעסטיקט". הגם עס זיינען געווען אַלע אַמטן און אַ סך מענטשן האָבן געטריי און איבערגעגעבן געאַרבעט, כדי צו העלפן לינדערן די נויט, דאָך האָט מען ביי אונדז געלעבט ווי אויף אַ ווולקאַן. אַמביטערסטן איז געווען אין מיין דירות־אָפּטיילונג. יעדן טאָג פלעגן הונדערטער מענטשן וואַנדערן פון איין געטאָ אין צווייטן אַריין.

אַ שווערן איינדרוק האָט געמאַכט אויף אונדז, וואָס יעדע עטלעכע טעג פלעגט דער טרויעריק באַרימט־געוואָרענער פּאָליציאַנט בערנשטיין — וועלכער איז, אין די ערשטע טעג נאָך דער באַפרייאונג, געכאַפּט געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער און דערשאָסן געוואָרן — ברענגען צו אונדז אין געטאָ פּאַרטיעס

קראַנקע, שוואַכע און אַלטע לייט א. א. וו. ער פלעגט די דאָזיקע עלנטע מענטשן ברענגען מיט אַ רשימה, און איך פלעג אים געבן אַ קבלה ביים איבערנעמען די מענטשן.

דערווייל איז אַריבער ראש השנה און ס'איז אָנגעקומען יום כיפור.

## דער שוואַרצער יום־כיפור תש"ב

אין דעם קליינעם געטאָ זיינען געווען זייער פיל שולן, בתי מדרשים, קלויזן. אויפן ריזיקן שולהויף זיינען געווען אָפן נאָר דעם גאונס קלויז און דער פרויען־טייל פון דער גרויסער שטאָטישער שול. צו מנחה בין איך אַרויף אין עזרת נשים פון דער גרויסער שול, ווו עס האָבן געדאַוונט עטלעכע מנינים מענטשן.

איך האָב אַראָפּגעקוקט דורך די גרויסע פענצטער, די פּאַרקראַטעוועטע מיט ריזיקע, אייזערנע קראַטעס. די פוסטקייט אונטן האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק, ווי וויסט עס האָט אויסגעזען פון אויבן די אונטערשטע ריזיקע, גרויסע, אַלטע, פּרעכטיקע שטאָט־שול! רבונו של עולם! פאַרוואָס קומט אַזוי צו פאַרשעמען די פּרעכטיקע שול?!

אַ קלייניקייט, יום כיפור אין דער ווילנער אַלטער שטאָט־שול! דער פּרעכטיקער ארון קודש, דער עמוד ביי וועלכן עס זיינען געשטאַנען פאַר מיינע יאָרן אַזעלכע וועלט־באַרימטע חזנים, ווי: גרשון סיראָטע, שטיינבערג, רויטמאַן, הערשמאַן, קוסעוויצקי. דער הערלעכער, פּרעכטיקער כאָר. די 4 ריזיקע זיילן אַרום דער בימה, אויף וועלכער עס האָבן געקיניגט די באַרימטע בעל־קוראס און שטאָט־שמשים: דער מאַגיליאַווער, און לעצטנס — גאַרדאַן. דאָן די מזרח־וואַנט מיט די באַרימטע כלל־טוער, שטאָט־גבאים, גבירים, רבנים און אינטעליגענץ. די טויזנטער פשוטע באַלעבאַטים, וועלכע פלעגן מיטן גרעסטן נחת־רוח הערן די ווונדערלעכע תפילות פון די עמוד־קינסטלער און די פייערדיקע רייד פון די גדולי הדור.

און היינט, ערב יום כיפור, שטייט די שול אַ צעראַבירטע פון אירע געוואַלטיקע אוצרות, אַ געשענדעטע, אַ פאַרשעמטע — געשלאָסן.

נים בלויז די שול, נאָר דער גאַנצער שולהויף שטייט אַ פאַרשעמטער, אַ פאַריתומטער. אָ, גאָט אין הימל! די פיש אין וואַסער פלעגן דאָך אין די טעג ציטערן!

ערב יום כיפור אויפן ווילנער שולהויף! אַלע שולן און קלויזן פול געפּאַקט. צענדליקער טעלערס און פושקעס זיינען אויסגעשטעלט אויף צו זאַמלען נדבות

פאַר כלי קודש, פאַר פאַרשיידענע אינסטיטוציעס, חברות א. א. וו. די יידישע גאַס איז פאַרפלייצט מיט גרויסע יאָרצייט־ליכט, וואָס אַלע, אָרעם און רייך, קויפן און שטעלן וואָס נענטער צום עמוד...

אָט אַזאַ, האָב איך, זייט צענדליקער יאָרן, געקענט דאָס יידישע ווילנע, די שטאָט־שול, די קלויזן, די גאַסן, די מענטשן.

היינט שטיי איך, ערב יום כיפור, אין דער ווייבערישער שול, אין אַ ווינקעלע, און זע דעם חורבן.

דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך זייער שטאַרק מורא געהאַט פאַרן יום כיפורדיקן טאָג. דאָס האַרץ האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז עס וועט אין אַזאַ טאָג ניט דורכגיין אָן אַ פראָוואָקאַציע.

פון ראמיילעס הויף בין איך אַריין אַנטקעגן אויפן שולהויף, אין גאונס קלויז. אַריינגיין אין קלויז צו כל נדרי איז ניט מעגלעך געווען. זי איז פול געפּאַקט. זעענדיק, אַז דאָ וועל איך ניט קענען זיין, בין איך אַוועק אין דער שטעפּערישער קלויז (אַ מאָל פישעריישע) אויף דעם גאונס גאַס. דאָרט האָט מען שוין געזאָגט כל נדרי. נאָך כל נדרי איז צו מיר צוגעגאַנגען אַן עלטערער ייד און אַ זאָג געטאָן: „קום, באַלבערישסקי, אויף דיין טאַטנס אָרט". איך בין געבליבן דערשטוינט. ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז דער קאָמאַשן־מאַכער, אברהם האָפּשטיין, דער גבאי פון קלויז. אין דער קלויז האָט מיין פאָטער ע"ה געדאַוונט לאַנגע יאָרן; פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען דאָ גבאי ראשון.

פון דער קלויז איז דער פאָטער אַריבער דאַווענען אין דער גרויסער שטאָט־שול, און אומגעפער אין 1912—1913 האָט ער אָנגעהויבן דאַווענען אין דער קלויז „גמילות חסד" אויפן שולהויף. אין דער שטעפּערישער קלויז בין איך שוין ניט געווען אַ יאָר 30. דער אַלטער האָפּשטיין האָט מיך אָבער גלייך דערקענט. איך האָב טאַקע מיט גרויס יראת כבוד פאַרנומען מיין טאַטנס אַמאָליקן פּלאַץ אין מזרח. די קלויז איז אָבער ניט געווען די זעלבע, וואָס איך האָב זי געקענט. די אַלטע קלויז האָט אָפּגעברענט און די יונגע האָבן אויסגעבויט כמעט אַ נייע קלויז, אַ סך גרעסערע פון דער אַלטער, שיין געמאָלט, רייך מעבלירט — אַ שיינע, מאָדערנע, פיינע קלויז. אין דער קלויז האָב איך זיך אויסגעהאָדעוועט: אַלע שבתים און יום־טובים פלעגן מיר דאָ זיין.

דער כל נדרי איז אַדורך פולשטענדיק רואיק. מען איז זיך צעגאַנגען אין די הייזער.

אויף מאָרגן בין איך צו דער אַרבעט ניט געגאַנגען. מיר האָבן, פאַר אַ שטיקל זייף, דערליידיקט מיט אונדזער יעקע, און ער האָט אונדז באַפרייט.

איך בין ווידער אַוועק אין קלויז. געווען דאָרט ביז איבער דעם לייענען.

ביי קריאת התורה האָב איך געמאַכט אַ מי שברך „את כל היהודים בגעטאָ״ און אַוועקלייגנדיק מיין טלית אויפן שטענדער, בין איך ביז הזכרת נשמות אַרויס אויפן גאַס.

אויפן גאַס האָב איך באַגעגנט לייבאָוויטשן. ער האָט מיר פאָרגעלייגט צו גיין מיט אים אין יענעם געטאָ. דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך אין משך פון די דריי געטאָ־וואָכן, נאָך ניט געהאַט גוט געזען דאָס ערשטע געטאָ. לייבאָוויטש, אַלס יודנראַט־עלטסטער, האָט געהאַט אַן „אייזערנעם״ שיין, און ער האָט געקענט מיט זיך נעמען אַן אַרבעטער, אָדער אַ סעקרעטאַר. איך האָב טאַקע אויסגענוצט די געלעגנהייט און מיר זיינען אַוועק אין דער ערשטער גרויסער געטאָ. אָנקומענדיק אַהין, האָבן מיר באַשטימט דאָס אָרט, ווו זיך צו טרעפן פאַרן צוריקגיין.

קודם כל בין איך אַוועק צו פאולאַ פרילוצקאַ. זי האָט געוווינט אויף רודניצקער גאַס, מיט אַ האַרצרייסנדיק געוויין האָט זי מיך אויפגענומען. מיר האָבן זיך קעגנזייטיק איבערגעגעבן וועגן די אַלע אומגליקן, וואָס האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף אונדזערע קעפּ במשך דער קורצער צייט. פאולינען האָב איך געטראָפן אין אַ שרעקלעכער לאַגע, זי האָט ממש געהונגערט, ניט געהאַט מיט וואָס דעם טאָג דורכצוקומען. איבערלאָזנדיק איר אַ געוויסע סומע געלט, בין איך אַרויס באַטראַכטן דאָס געטאָ און אויפזוכן נאָך פריינט און באַקאַנטע.

אויף דער גאַס שטעלט מיך אָפּ דער מיטגליד פון יודנראַט יואל פישמאַן און זאָגט צו מיר: „איר זייט דאָ, ביי אייך אין געטאָ איז ניט רואיק״.

איך פרעג אים, וואָס, ווען — ער ענטפערט מיר גאָרניט און גייט אַוועק. אַ צעטומלטער האָב איך אויפגעזוכט לייבאָוויטשן און אים איבערגעגעבן די פּאָר ווערטער. ער האָט אַ זאָג געטאָן: „מיר מוזן שוין אַהיימגיין, גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ יום־כיפור זיי גרייטן פאַר אונדז״.

ניט טויט ניט לעבעדיק, זיינען מיר גלייך אַוועק צום טויער. דאָ פאַרהאַלט אונדז אַ פּאָליציאַנט און פרעגט וווהין מיר גייען. „אין צווייטן געטאָ״, ענטפערט לייבאָוויטש. „מען קען אַהין ניט גיין״, זאָגט דער פּאָליציאַנט. „דאָרט איז ניט רואיק״. „טאַקע דערפאַר גייען מיר אַהין״, ענטפערט לייבאָוויטש און מיר זיינען האַסטיק אַוועק אין אונדזער געטאָ.

קוים לעבעדיקע זיינען מיר אַריינגעלאָפן אין אונדזער געטאָ, דורכגעגאַנגען דעם טויער און דערזען אויסגעשטעלט אויפן גאונס גאַס אַ ריזיקע מענטשן־מאַסע, מענער, פרויען און קינדער. מיטן דערזען אונדז, האָבן זיי גענומען שרייען — „ראַטעוועט, ראַטעוועט!״ דאָס איז געווען די „ערשטע טשיסטקע״ אין אונדזער געטאָ.

איבער דער גאַנצער לענג פון גאונס גאַס איז געשטאַנען אויסגעשטעלט אַ מאַן 500, אין רייען, באַוואַכטע פון ליטווינער מיט אָנגעשטעלטע ביקסן. לייבאָוויטש איז גלייך צו צום דייטש, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אַקציע. איך האָב קיין שום פּאַפּירל ניט געהאַט, וואָס זאָל האָבן אַ ווערט. דערביי האָט מיר גלייך אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ דער געדאַנק: וואָס טוט זיך ביי מיר אין שטוב? פיר נפשות זיינען אויף גאַס באַראָט!

מיט גרויסע נסים בין איך דורך דאָס שטיקל וועג, ביז צו מיין וווינונג. בין אַריינגעפאַלן צו זיך אין שטוב און אַלע האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף מיר מיט אַ געוויין — סטייטש, ווו ביזטו, ס'איז דאָך אַן אַקציע. דאָ אין שטוב איז מען אויך געווען, האָט דער יידישער פּאָליציאַנט געזאָגט, אַז איך בין ביי די דייטשן אויף אַרבעט און איך בין טעטיק אויך אין יודנראַט. אַנוועזנדיק איז אויך געווען דער מיטגליד פון יודנראַט — פעלדמאַן, וועלכער האָט דאָס באַשטעטיקט. די ליטווינער זיינען אַוועק און מיין פאַמיליע האָט זיך געראַטעוועט פון זיכערן אומקום.

דאָס כאַפּן האָט געדויערט אַ צוויי שעה. אַז די קרבנות־פּאַרטיע איז פאַרטיק געוואָרן, האָט מען זי אַרויסגעפירט דורכן טויער, אונטער אַ גאַר שטרענגער שמירה.

מיר האָבן געמיינט, אַז די אַקציע איז געענדיקט. אין אַ שעה צוויי אַרום, זיינען די משחיתים ווידער געקומען און די „חתונה" האָט זיך אָנגעהויבן פונדאָסניי. איצט איז די אַקציע געגאַנגען שווערער. די ערשטע גרופּע האָבן די ליטווינער געכאַפּט שנעל און לייכט, ווייל דער רוב יידן איז צוגענומען געוואָרן פון די קלויזן, אין די טליתים. איצט האָבן זיך אַלע באַהאַלטן, אָבער אַך־און־וויי איז געווען צו די באַהעלטענישן. ווו, מ'שטיינסגעזאָגט, האָט מען זיך אין אַזאַ ענגשאַפט געקענט באַהאַלטן? זיי האָבן געשלעפּט פון די הייזער, פון די ווינקלען און ווידער צונויפגענומען בערך 500 מאַן.

אין טיפן אַנגסט און האַרצווייטיק האָבן מיר זיך צוגעהערט דורך די פענצטער צו דעם געיאָמער, צו די הימלשרייענדיקע געוואַלדן, וואָס האָבן זיך דערטראָגן פון גאַס.

פּלוצים דערהערן מיר שווערע טריט אויף אונזערע טרעפּ. מיר זיינען צוגעגליווערט געוואָרן צו די ערטער. עס רייסט זיך אויף די טיר און עס קומען אַריין צוויי באַוואָפנטע ליטווינער און אַ יידישער פּאָליציאַנט. דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט מיך גוט געקענט, טוט אַ זאָג: „נו, אַפּטייקער, האָט איר אַ ביסל גוטן אַפּטייק־ספּירט?" „אוודאי האָב איך", ענטפער איך „און נאָך וואָס פאַר אַ ספּירט — אמתע פּייסאַכוווקע"...

איך גיי צו צום בופעט און נעם אַרויס אַ פלעשל מיט אמתן כשרן ניינציקער־

ספּירט מיטן יידישן צעטל „למהדרין מן המהדרין״, וואָס די פריערדיקע באַלעבאָ־טים האָבן איבערגעלאָזט. איך האָב פאַר די צוויי ליטווינער אָנגעגאָסן צו דריטל גלעזער ספּירט. זיי האָבן אויסגעטרונקען, די מאַמע האָט געגעבן אַ שטיקל חלה צו פאַרבייסן. „אויך איך קען נעמען אַ ביסל?״ פרעגט דער פּאָליציאַנט. „נעמט און טרינקט געזונטערהייט״. דער פּאָליציאַנט האָט אויסגעטרונקען און אַ זאָג געטאָן צו די ליטווינער: „נו, מירן גיין, דאָס איז אַן אייגענער מענטש״. זיי זיינען אַרויס פון שטוב.

ווער איז ביכולת צו באַשרייבן און איבערצוגעבן אונדזערע איבערלעבונגען אין אָט די דאָזיקע מינוטן! צי קען אַ מענטש, וואָס האָט אַליין דאָס אַלץ ניט דורכגעמאַכט, פאַרשטיין און באַגרייפן! פונוואַנען האָבן זיך ביי אונדז גענומען כוחות אויף אויסצוהאַלטן אַזעלכע דערשיטערנדיקע מאָמענטן?

אין אַ ווײַלע אַרום, נאָך דעם ווי זיי זיינען פון אונדז אַרויס, האָבן מיר דערהערט האַרצרייסנדיקע קולות פון אונדזערע שכנים. דאָרט האָט געווינט די שניידערקע קאַפּויצעכע, מיט איר גרויסער פאַמיליע. די מאַמע מיינע הויבט אָן ברעכן די הענט, זי וויינט און קלאָגט: „ווײ איז מיר, מען נעמט זיי צו!״ די מאַמע און מיר אַלע האָבן שוין פאַרגעסן, אַז מיט אַ פּאָר מינוט פריער זיינען מיר אַלע געווען אין דערזעלבער טויט־געפאַר. הערנדיק די געשרייען, הינטער אונדזער וואַנט, האָב איך ניט אויסגעהאַלטן און בין אַריינגעלאָפן צו זיי אין שטוב. איך זע, ווי די ליטווינער טרייבן פון שטוב אַ סך מענטשן. איך גיב אַ געשריי צום יידישן פּאָליציאַנט: „מיין שוועסטער, מיין שוועסטער, לאָזט מיר אָפּ!״ „וועלכע איז דיין שוועסטער״, פרעגט מיך איינער פון די ליטווינער? פאַר מיינע אויגן זיינען געשטאַנען עטלעכע פרויען, וועלכע איך האָב כמעט ווי ניט געקענט. אַלע האָבן זיך אַהערגעריסן צו מיר. דער ליטווין האָט זיי ברוטאַל אָפּגעשטויסן און נאָכאַמאָל אַ פרעג געטאָן: „וועלכע איז דיין שוועסטער?״ „אָט די״, האָב איך אַ זאָג געטאָן, אָנווייזנדיק אויף דער יינגסטער פרוי. „גיי, מאַרש פון דאַנען״, האָט דער ליטווין אַ געשריי געטאָן. איך האָב אַ כאַפּ געטאָן די פרוי פאַרן האַנט און אַרויס מיט איר פון צימער. מיר זיינען אַריין צו אונדז אין שטוב.

די פרוי איז געשטאַנען עטלעכע סעקונדעס ביי אונדז אין צימער, און אַ צעטומלטע ברעכט זי אויס אין אַ ווילדן, היסטערישן געשריי:

„לאָזט מיך אַרויס צו מיין מאַמען, שוועסטער, איך וויל אַליין ניט בלייבן לעבן!... ווו זייט איר, לאָזט מיר״... ס'האָט מיר אָפּגעריסן מיין האַרץ. אַזאַ אומגליק גענומען זיך מיט די אייגענע הענט....

„שווייגט״, זאָג איך צו איר, „די גזלנים זיינען נאָך דאָ. אין איין מאָמענט קען מען אונדז אַלע צונעמען... האָט רחמנות אויף די קינדער, אויף אונדז

אַלעמען״, די קינדער, די פרוי און מיין מאַמע זיינען צוגעלאָפן צו איר מיט אַ געוויין, גענומען זי קושן און האַלדזן, געבעטן זי, זי זאָל שווייגן... זי האָט זיך ניט געוואָלט באַרואיקן. איך רעד צו איר: „אין דעם מאָמענט האָב איך אייך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט און איר ווילט אונדז דערפאַר אַלעמען אומגליקלעך מאַכן... זייט אַ ווײַלע שטיל, זאָלן זיי אַוועקגיין״...

קוים זי באַרואיקט. דער טומל פון דער שכנותדיקער דירה איז פאַרביי. אויף די טרעפּ איז געוואָרן פולשטענדיק שטיל. די מערדער האָבן שוין זייערע קרבנות אַוועקגעפירט.

די צווייטע טשיסטקע האָט ווידער געדויערט אַ פּאָר שעה און די רוצחים האָבן צונויפגעשלעפּט מענטשן מער וויפל זיי האָבן געדאַרפט. שוויינענבערג האָט איבערגעציילט די רייען. בעמענדיק 500 מאַן, האָט ער די איבעריקע אַוועקגעטריבן פון גאַס, מיט אויסגעשרייען: „וועק מיט דער שייסע, לאָז מיט די פאַרפלוכטע״...

די וועלכע זיינען געווען אין די לעצטע רייען, נעבן גלעזער גאַס, זיינען זיך גלייך צעלאָפן, ראַטעווענדיק זיך אַזוי פון זיכערן טויט. צווישן די געראַטעוועטע איז אויך געווען מיין קוזינע סאָניאַ קולביס (פון דער היים — שוואָרץ) מיט איר מאַן — וואָלאָדיאַ און זייער טאָכטער — שושנה. צוויי מאָל זיינען זיי דעם טאָג געווען אין די פּאַרטיעס. דעם ערשטן מאָל האָט זיי לייבאָוויטש אַרויסגענומען פון די רייען, טאַקע דאַן ווען מיר זיינען אָנגע־קומען פון יענער זייט געטאָ, און איצט האָט זיי שוויינענבערג אַרויסגעטריבן פון די רייען, אַלס איבעריקע... די געכאַפּטע יידן האָט מען ווידער אַרויסגעפירט.

אין געטאָ איז געוואָרן פוסט און שטיל...

געמיינט האָבן מיר, אַז מיר זיינען שוין פריי אויפן היינטיקן טאָג. צוויי פּאַרטיעס שוין צוגענומען — געהאַט אַ גוטן יום כיפּור, אַ גוטע חתימה טובה זיך אויסגעבעטן... אָבער ניין, דער טאָג איז נאָך ניט געענדיקט. אין אַ קורצער ווײַלע אַרום האָבן מיר, דורך די פענצטער, דערהערט נייע געשרייען, נייע געוואַלדן. עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן...

מיר זיינען געבליבן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און זיך צוגעהערט צו יעדן טומל אויף אונדזערע טרעפּ.

ס׳איז שוין געווען פינצטער, די שעה פון נעילה! שערי שמים פתח!...

מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס זיינען מיר געשטאַנען אין שטוב, זייענדיק גרייט צו אַלץ. אין קאָפּ האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס — נעילה! בעת נעילת שער...

„אל מלך יושב על כסא רחמים״... „זכרנו לחיים... וחתמנו בספר החיים״...

„אבינו מלכנו, זכור רחמיך... כלה דבר וחרב... וכל מיני פורעניות וכל גזירות רעות"....

„אבינו מלכנו, עשה למען הרוגים, למען טבוחים, למען באי באש... על קידוש השם"...

„אבינו מלכנו, נקום לעינינו נקמת דם עבדיך"...

„שמע ישראל"...

אַ רעש, אַ טומל אויף די טרעפּ... איך כאַפּ זיך אויף ווי פון אַ האַרט־שווערן שלאָף... די גוט באַקאַנטע שווערע כאַמישע טריט פון די באַוואָפנטע יונים...

מאַמע, ליזע, קינדער... מען גייט ווידער... די טריט דערנענטערן זיך.

איך לויף צו צו דער טיר... די טיר עפנט זיך עטוואָס. איך האַלט צו און לאָז ניט אַריין... אין דער זעלבער סעקונדע כאַפּ איך אַראָפּ מיין האַנטזייגער און שטופּ אים אַריין אין ליטווינס האַנט. איך פיל, אַז מען נעמט דאָס צו און מען פאַרקירעוועט די טריט אויף צוריק... פּילנדיק, אַז מען איז שוין אַראָפּ פון די טרעפּ, בין איך אַ פאַל געטאָן אויף דער פרוי, מאַמע, קינדער און הייסע זודיקע טרערן האָבן זיך גענומען גיסן...

וואָס דאָ איז אין די פּאָר סעקונדעס פּאַרגעקומען, האָבן זיי לחלוטין ניט געוווּסט, און ניט באַמערקט. זיי האָבן נאָר געזען, ווי די טיר האָט זיך גענומען עפענען און אליהו הנביא האָט זי פאַרהאַלטן...

אין דעם מאָמענט איז דער „צימאַ"־זייגער געווען — אליהו הנביא.

קומענדיק עטוואָס צו זיך, האָבן מיר גענומען קלערן — צי איז דאָס טאַקע שוין דער סוף?...

די דריטע טשיסטקע האָט ווידער לאַנג געדויערט, ביז מיר האָבן דערהערט, אַז ס'איז „רואיק" געוואָרן.

פאַרשטאַנען האבן מיר, אַז אויף היינט האָבן זיי געענדיקט. געוווּסט פון דער פּראַקטיק, אַז די דייטשן אַרבעטן לויט אַ שטרענגן פּלאַן. זיי דאַרפן נעמען אַ באַשטימטע צאָל מענטשן און וועלן ניט נעמען קיין איינעם קיין איבעריקן. די אַקציע הויבט זיך אָן אין אַ באַשטימטער שעה און ענדיקט זיך אין אַ באַשטימטער שעה. אַלץ גייט צו מערדעריש־פּינקטלעך, אַלץ מיט רוצחישער אָרדענונג, מיט אַן אַקאַדעמיש־קאַניבאַלישן סיסטעם...

ווען די נערוון־שפּאַנונג האָט אַ ביסל אָפּגעלאָזט, האָבן מיר זיך דערמאָנט, אַז פון נעכטן בייטאָג איז קיין ביסן עסן אין מויל ניט געקומען.

מ'האָט אויפגעקאָכט דעם עלעקטרישן טשייניק טיי, עפּעס־וואָס צוגעביסן, און זייער בידערגעשלאָגענע געפאַלן, אין די קליידער, אויף די געלעגערס...

אַזוי האָט אויסגעזען אונדזער הייליקער יום־כיפור פון גייעם יאָר תש״ב, מיטוואָך, דעם ערשטן אָקטאָבער 1941.

די נאַכט איז אַדורך רואיק. אַז מיר זיינען פּאַרטאָג אַרויס פון שטוב, האָבן מיר דערזען דעם וויסטן חורבן, וואָס איז במשך דעם נעכטיקן טאָג אָפּגעטאָן געוואָרן. פון געטאָ האָט מען אַרויסגעפירט ביי 1500 מאַן, אין דריי פּאַרטיעס. אַ סך הייזער זיינען געבליבן פּוסט, חרובדיק, די באַלעבאַטישקייט אויף הפקר, וויסט — אַ פולשטענדיקער חורבן.

אָבער שוין האָבן שכנים פאַרגעסן וועגן פאַרגעקומענעם נעכטיקן אומגליק און זיך תיכף ומיד צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען: זיי האָבן זיך גע־מאַכט גרוימער און פאַרנומען גלייכצייטיק אַ סך פון די איבערגעבליבענע זאַכן. אַ קלענער טייל פון די איבערגעבליבענע הייזער האָט דער יודנראַט פאַרשלאָסן און די איבערגעלאָזענע זאַכן אַריינגענומען צו זיך אין די סקלאַדעס.

אויף די שמאָלע הושכדיקע געסלעך פון געטאָ זיינען אַרומגעגאַנגען איבערגעבליבענע איינצלנע מענטשן פון גאַנצע משפחות — פּאַריאַמערטע און צעטומלטע, ניט וויסנדיק, ווו זיך צו ווענדן, כדי צו ראַטעווען זייערע באַענטסטע, ביי וועלכע ס׳איז גאָר געבליבן געציילטע שעהען צום לעבן...

גאָלד, בריליאַנטן, צירונג האָט מען געוואָלט געבן, אַבי צו ראַטעווען, אָבער ווי אַזוי, אַז אַלע שערי רחמים זיינען פאַרהאַקט.

דאָס איינציקע, וואָס האָט דאָ געהערשט איז געווען — דער טויט. טויט אויף יעדן שריט און טריט. אַרום און אַרום פאַרזייט מיט טויט.

אָט מיט אַזאַ געמיט בין איך אַוועק אין שטאָט צו דער אַרבעט.

אויף מיין אַרבעט־פּלאַץ האָב איך זיך דערוווּסט וועגן אַ נייַ אומגליק וואָס האָט אונדז געטראָפן.

### די יום־כיפור־אַקציע אין ערשטן געטאָ

די אַרבעטער פון אונדזער גרופּע, וואָס האָבן געוווינט אין ערשטן געטאָ, האָבן אונדז דערציילט וועגן יום־כיפור־טאָג ביי זיי. פון בייטאָג אָן איז דאָרט געווען אַן אומרואיקע שטימונג צוליב קלאַנגען, אַז אין דער קלענער געטאָ איז ניט רואיק. אַ סך פאַמיליעס זיינען געווען צעריסן און האָבן געלעבט איןביידע געטאָס; די טרויעריקע ידיעות, אַז מען נעמט דאָרט, האָבן ביי אַ סך יידן אַרויסגערופן אַ פּאַניק. מען נעמט דאָרט... אָבער דער „דאָרט״ איז דאָך דאָס אייגענע בלוט און פלייש.

עס זיינען אָבער אויך געווען ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן זיך גע־טרייסט, אַז „פון אונדז וועט מען ניט נעמען. מיר זיינען פאַכמענער, מיר האָבן שיינען״.

ערשט, פאַרנאַכט, שוין נאָך נעילה, איז אין געטאָ אַריינגעקומען שווייניג־בערג מיט אַ מחנה ליטווינער. זיי האָבן גענומען מענטשן פון די גאַסן; מען איז זיך צעלאָפן, זיך באַהאַלטן, ווייל דאָ איז מען שוין געווען אַנגעלערנט פון דער ערשטער אַקציע...

די אַקציע איז דעריבער צוגעגאַנגען זייער שווער. איז דאַן דער געשטאַ־פּאָוויעץ אַוועק אין יודנראַט און אַ פאָדער־געטאָן צוויי טויזנט מענטשן.

דער יודנראַט, ניט לאַנג טראַכטנדיק, האָט אַרויסגערופן די פּאָליציי און פאַראָרדנט אָנצוהייבן די אַקציע און צושטעלן די געפאָדערטע צאָל מענטשן. די יידישע פּאָליציי האָט אָבער אויך קיין סך ניט געקאָנט באַווייזן — מען האָט זיך באַהאַלטן און באַגראָבן, ווו נאָר מען האָט געקאָנט. האָט דאַן די פּאָליציי אָנגעוואָנדן אַ פּראָוואָקאַציע: זיי האָבן גענומען גיין פון הויז צו הויז און שרייען: „יידן, ווער עס האָט אַ פאַכמאַן־שיין, דער זאָל אַוועק אין קאָ־מיסאַריאַט, ביים געטאָ־טויער, רעגיסטרירן דעם שיין און ער איז פריי". אַלע אמתע, גוטע, ריכטיקע בעלי־מלאכות זיינען אַרויס אויף דער גאַס מיט זייערע שיינען. — האָט מען זיי גלייך צוגעכאַפּט און איבערגעגעבן אין די הענט פון „געשטאַפּאָ" און ליטווינער.

די יידן זיינען געגאַנגען מיט די שיינען אין די הענט מיט דער פולסטער זיכערקייט, אַז זיי וועט גאָרנישט געשען. און אויף אַזאַ אופן זיינען אומגע־בראַכט געוואָרן די בעסטע יידישע באַלמעלאָכעס.

דער מוצאי־יום־כיפור איז געווען די קבורה־נאַכט פון די יידישע האַנט־ווערקער אין ווילנע.

די יידן, האָבן מיט שוים אויף די ליפּן אונדז דערציילט די געשיכטע און בשום אופן ניט געקענט זיך באַרואיקן — ס'איז דאָך פּשוט קריעה צו רייסן: יידן, יידישע פאַרשטייער, זאָלן פּעאיק זיין אויף אַזאַ שוידערלעכער פּראָוואָקאַציע. קללות האָבן זיך געשאָטן אויף די קעפּ פון יודנראַט און די פּאָליציי.

אַ סך פון אונדזערע חברים זיינען אַרומגעגאַנגען צעדולטע און צעטומלטע. במשך דעם נעכטיקן טאָג זיינען ביי זיי צוגענומען געוואָרן אייגענע, נאָענטע מענטשן. האָבן זיי גלייך גענומען אַרבעטן מיט „אונדזערע" דייטשן וועגן אַרויסנעמען פון טורמע זייערע נאָענטע. נאָטירלעך, האָט מען פאַרגעלייגט פאַר דער „טובה" ריזיקע סומעס געלט. ביי אונדז, אויף אונדזער אַרבעט־אָרט, איז דאָס ניט געלונגען. אין אַנדערע ערטער, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דער־וווסט, האָבן יידישע מאַכערס, פאַר גרויסע סומעס געלט אַרויסגעראַטעוועט געציילטע יידן פון לוקישקעס — פון פּאָנאַר.

**אין לוקישקער טורמע**

פון אַ, על־פּי־צופאַל, באַפרייטער פרוי האָב איך זיך דערוווסט פּאַלגנדיקע פּרטים: זי האָט זיך געפונען אין לוקישקער טורמע צוזאַמען מיט נאָך טויזנטער אומגליקלעכע. די קאַמערן זיינען געווען איבערפולט; די לאַגע — אַן אומדערטרעגלעכע, אַז מען האָט אויף זיך געבעטן דעם טויט.

פּלוצלינג עפנט זיך די קאַמער און מען רופט אויס אַ נאָמען פון אַ פרוי. זי אויסנוצנדיק דעם מאָמענט, וואָס קיינער האָט זיך גלייך ניט אָפּגערופן, איז צוגעשפּרונגען צו דער טיר און אַ זאָג געגעבן: איך בין דאָס! מען האָט זי מיט נאָך עטלעכע מענטשן אַרויסגעפירט פון טורמע און געבראַכט אין געטאָ.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פרוי, וועלכע מען האָט גערופן, איז געווען אין קאַמער, אָבער זי האָט זיך ניט אָפּגערופן. צו וואָס זאָל זי גיין, אַז מען רופט איז דאָך זיכער צום טויט? צו וואָס דען רופן זיי אויב ניט צום טויט?

די אַנדערע פרוי דאַקעגן, האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן אויפן טויט... איז זי דערייבער אַליין צוגעשפּרונגען: — איך האָב סיי־ווי ניט געהאַט וואָס צו לעבן. אַזעלכע פאַלן זיינען פאָרגעקומען עטלעכע.

מ'האָט מיר דערציילט אַן אַנדערן פאַל:

אַ דייטש איז געקומען אין טורמע מיט אַ ליסטע פון „זיינע לויטע". ער איז אַוועק איבער די קאַמערן און צונויפגעזאַמלט זיין פּאַרטיע מענטשן. נאַטירלעך, פלעגן זיך ביי אַזעלכע פאַלן אָפּשפּילן האַרצרייסנדיקע סצענעס. האָבנדיק זיינע מענטשן איז ער מיט זיי אַוועק צום טורמע־טויער. פאַרן אַרויסגיין האָט דער דייטש איבערגעציילט און באַמערקט, אַז ער האָט מיט איין מאַן מער, ווי די ליסטע האָט געוויזן. ער האָט איינעם געהייסן צוריקגיין. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט ניט געוואָלט. האָט דאַן „דער גוטער דייטש" אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער און, אָט אַזוי שטייענדיק ביים טויער, דערשאָסן איינעם פון די יידן.

„איך מוז האָבן נור מיינע לויטע און זאָפּיל ווי־פיל מיין פאַרצייכניש ענטהאַלט; קיין שווינדל גיבט ניכט. לאָס!"... לאַזנדיק ליגן דעם טויטן איז ער מיט „זיינע לויטע" אַוועק אין געטאָ.

קומענדיק פון דער אַרבעט, האָבן אונדזערע שטוביקע שוין געוווסט וועגן דער נעכטיקער אַקציע אין יענעם געטאָ. געערדט האָט מען פריער, אַז יענע געטאָ איז אַ „געשיצטע" און אויב מען נעמט דאָרט צו דער שחיטה מענטשן מיט אַ שיין צי אָן אַ שיין, טאָ אין וואָס באַשטייט איר יחוס? צו וואָס ווידער זיך ברעכן און אַריבערקלייבן דאָרט אַהין, ווו מען ליגט אין די גאַסן? דאָ

איז מען דאָך מער־ווייניק אויף אַן אָרט, דאָ האָט מען דאָך דעם קאָפּ ווי אַוועקצולייגן. אָט אַזוי איז מען אַרומגעגאַנגען פֿאַרפֿינצטערטע, פֿאַרחושכטע, ניט ווויסנדיק, וואָס מיט זיך צו טאָן.

ערשטע געטאָ, צווייטע געטאָ — היינט גיי ווייס ווו דער טויט לויערט אויף דיר!

בשעת דער יום־כיפור־אַקציע האָט מען פֿון אונדזער געטאָ צוגענומען אַ סך מיטאַרבעטער פֿון יודנראַט. צווישן זיי אויך דעם געטרייען, איבערגעגעבענעם לייטער פֿון דער קינדער־ און קולטור־ און בילדונגס־אָפּטיילונג ח. געזונטהייט. דער יודנראַט האָט באַשלאָסן צו אינטערווענירן ביי די ליטווינער וועגן זייער גורל. מיט לייבאָוויטשן בין איך אַוועק אין דער ליטווישער געשטאַפּאָ אויף ווילנער גאַס נומער 12.

אונדז האָט אויפגענומען דער שעף פֿון איפּאַטינגאַ, אַ ליטווין, אין עלטער פֿון אַ יאָר דרייסיק. אַ שוואַרצער, מיטלוויקסיקער, מיט בלוט פֿאַרגאָסענע אויגן; אַז מיר זיינען אַריין צו אים אין קאַבינעט, האָט ער פֿון זיך אַראָפּגע־



די טויער־פּורטקע פֿון ווילנער געטאָ־טורמע, דורך וועלכער מ'האָט אַרויסגעפֿירט אין לוקישקער טורמע אַריין, אָדער גלייך קיין פּאָנאַר.

נומען איין רעוואָלווער, אַ צווייטן האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע. אַלץ אַוועקגעלייגט אויפן טיש נעבן זיך. ער האָט אין ליטוויש אַ פרעג געטאָן וואָס מיר ווילן. לייבאָוויטש האָט אים געענטפערט אין רוסיש. דער ליטווין האָט צוגעזאָגט צו באַפרייען געזונטהייטן, אויב ס'איז ניט צו שפּעט. מיר זיינען פון דאָרט ניט אַרויסגעגאַנגען, נאָר פשוט, ווי אויף פליגל אַרויסגעפלויגן.

— מיר דאַרפן גומל בענטשן — האָט געזאָגט לייבאָוויטש שוין אויפן גאַס — וואָס מיר זיינען פון אַזאַ מערדער אַרויס לעבעדיקע.

אונדזער גיין אַהער איז געווען אַ משוגעת, אַן אומזין. אַליין רוקן דעם קאָפּ דער חיה צווישן די ציין...

פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז פון דער אינטערווענץ גאָרניט אַרויסגעקומען.

נאָך אַלע די איבערלעבונגען איז קלאָר געוואָרן, אַז אויך אין געטאָ וועט מען אונדז צורו ניט לאָזן. ביזן געטאָ, האָט מען געכאַפּט יידן איינציקווייז פון די גאַסן. כדי צונויפצונעמען אַ גרעסערע צאָל יידן, האָט מען געמוזט אָנ־ווענדן פאַרשיידענע מיטלען. היינט, אַז מען איז אין געטאָ, קאָן מען צונעמען טויזנטער יידן מיטאַמאָל און שאַ, שטיל, אַ האָן טוט ניט אַ קריי. דורכן קאָנ־צענטרירן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אויף איין אָרט, האָבן זיך די דייטשן פאַרלייכטערט די אַרבעט פון אויסראָטן די יידן.

דעם 3טן און 4טן אָקטאָבער איז אין קליינעם געטאָ ווידער געווען ניט רואיק. עס זיינען געקומען ליטווינער און ווידער צוגעכאַפּט יידן פון די גאַסן. קיין גאַנצער חודש איז נאָך ניט אַריבער ווי מען איז אַריין אין געטאָ, און שוין האָט מען באַוויזן צו פאַרטיליקן פון 4 ביז 5 טויזנט יידן. אויב עס זאָל גיין ווייטער מיט דעם זעלבן טעמפּאָ — זעען מיר גוט אויס!

ס'זיינען אַריבער אַ פּאָר טעג, און דאָס לעבן איז ווידער געגאַנגען מיט זיין וועג. טאָג־איין טאָג־אויס, פלעגט מען גיין צו דער אַרבעט אין שטאָט. ביסלעכווייז האָט מען דורכן טויער אַריינגעטראָגן פּראָדוקטן, וואָס זיינען אין שטאָט געווען לרוב און האָבן געקאָסט זייער ביליק, אין געטאָ אָבער זיינען זיי געווען זייער טייער.

אין יודנראַט פלעגן מיר זיך טרעפן יעדן טאָג און מחוץ די לויפנדיקע נאָרמאַלע אַרבעטן איז דער שטענדיקער שמועס געווען וועגן איין און דער זעלבער זאַך: וואָס וועט זיין דער סוף? ווי לאַנג נאָך וועלן מיר אַזוי ציען?

דער מיטגליד פון יודנראַט, לעווין, אַ פּשוטער ייד, אַ קליינהענדלער, האָט אַמאָל אַ זאָג געטאָן: אויב זיי וועלן איצט קומען נעמען מענטשן, דאַרפן מיר אַרויפגיין אויפן באַלקאָן פון „רויטן פּלאַץ" („רויטער פּלאַץ" — דער פיר־עק צווישן די גאַסן: יידישע, יאַטקעווער, גלעזער־ און אַראָפּשלאָס גאַס) און אַ רוף טאָן בזה הלשון:

יידן, מ׳פירט אייך צו דער שחיטה. גייט ניט. אויב דאָס מיינט טויט, זאָל דאָס געשען דאָ אויפֿן אָרט!

ניט גיין. דאָס איז געווען דער געדאַנקען־גאַנג פֿון פּשוטע עמך־יידן, פֿון יידן פֿון אַ גאַנץ יאָר. די פּאַרטיי־טוער, די אינטעליגענץ האָט אָבער געהאַלטן, ווייזט אויס, אַנדערש.

די דאָזיקע רייד פֿון פּשוטע יידן האָבן טאַקע דערפֿירט צום ערשטן גרויסן ווידערשטאַנד מצד אַן אַרויסגעפֿירטער פּאַרטיע יידן, וועלכע האָבן אין שטאָט, ווען מען האָט זיי געפֿירט, געגומען שרייען און אויסלייגן זיך אויפֿן גאַס, ניט געוואָלט גיין ווייטער. ס׳איז קלאָר, אַז דערשטיקן דעם אויפֿברויז, איז די דייטשן אָנגעקומען ניט זייער שווער: זיי האָבן געעפֿנט אַ שיסערייַ און די קרבנות אָװעקגעפֿירט אויף פּאָנאַר.

דער חוש פֿון פּשוטן עמך־מענטש איז געווען אַ געזונטער און אַ ריכטיקער. ער האָט פֿון ערשטן מאָמענט אָן דעמאָנסטרירט זיין ווידערשטאַנד אויף פֿאַרשיי־דענע אופֿנים.

עס זיינען אַדורך עטלעכע טעג. אין אונדזער געטאָ איז געוואָרן גרוימער און פֿרייער. יעדן טאָג זיינען פֿון אונדזער געטאָ אַרויסגעגאַנגען אַ סך מענטשן און איינגעאָרדנט זיך אין יענעם געטאָ. אַ סך פּלעגן זיך עצהנען מיט מיר, וואָס צו טאָן. איך האָב זיי געזאָגט: „טוט ווי איר פֿאַרשטייט, ווער קען דאָ אָן עצה געבן. איך אַליין בלייב. מירן זען וואָס ווייטער וועט זיין״.

ס׳איז ניט אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן אויף דעם „וואָס ווייטער וועט זיין״.

### די ווייטערדיקע טשיסטקעס

אויף איינער פֿון די זיצונגען פֿון יודנראַט מיט די לייטערס פֿון די אָפּ־טיילונגען, איז באַטראַכט געוואָרן די פֿראַגע פֿון זיכערן דעם אינעווייניקסטן געטאָ־אַדמיניסטראַציע־פּערסאָנאַל מיט געהעריקע שיינען, וועלכע זאָלן זיין אין אַ געוויסער מאָס געשיצט פֿון די טשיסטקעס. ביי די אַלע טשיסטקעס זיינען ביי אונדז צוגענומען געוואָרן אַ סך מיטאַרבעטער, צווישן זיי פֿיל זייער וויכטיקע מענטשן. אַחוץ וואָס עטלעכע נאָענטע מיטאַרבעטער זיינען סתם אַוועק אין יענער געטאָ. איינער פֿון די ערשטע איז אַוועק דער בונ־דאָוויעץ גוטגעשטאַלט, וועלכער האָט די ערשטע טעג געאַרבעט ביי מיר אין דער דירות־אָפּטיילונג, און זיין פֿרוי, אַלס לערערין.

זונטיק, דעם 12טן אָקטאָבער, הושענא רבא, האָבן מיר זיך עטלעכע מענטשן געטראָפֿן ביי שלמה גאָרדאָן אין שטוב. ער האָט געווינט אויף יאַטקעווער גאַס אין קאַלעכס הויף, און דורכן הויזוועכטער האָט ער געהאַט אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער שטאָט. שלמה גאָרדאָן — לייבאָוויטשעס שווער — איז

געווען אַ ייד אַ גביר און אויך איצט איז ביי אים אין שטוב געווען פון כל טוב. הגם ס'איז געווען געבוג ענג אין שטוב, פונדעסטוועגן איז דער טיש געווען אַ יום־טובדיקער, ווי אין אַמאָליקע יאָרן. מען האָט זיך צוגעוווינטשן אַ רואיק יאָר. אָבער אין געטאָ האָט מען ניט געקאָנט האָבן קיין רואיקן טאָג און אַוודאי ניט אַ רואיק יאָר...

שמחת־תורה און איסרו־חג סוכות (15—16 אָקטאָבער 1941) זיינען אין אונדזער געטאָ ווידער פאָרגעקומען טשיסטקעס און מען האָט פונדאָסניי אַרויסגעפירט אַ סך יידן. דער חורבן איז געווען אַ שווידערלעכער. די געטאָ איז שוין געווען מער ווי אַ העלפט אויסגעליידיקט. ווער עס האָט נאָר געקענט, דער איז פון אונדז אַנטלאָפן אין יענער געטאָ, ווו מען האָט שוין פון יום־כיפור אָן קיינעם ניט געריררט. די שטימונג ביי אונדז אין געטאָ איז די טעג געוואָרן נאָך שווערער, דערמיט, וואָס יעדן טאָג פלעגט מען צו אונדז אין געטאָ אַריינפירן פאַרטיעס יידן: אַלטע, קראַנקע און קאַליקעס. מ'האָט זיי געברענגט מיט רשימות, און אונדזער דירות־אָפּטיילונג פלעגט קוויטירן און זיי צונעמען. מען האָט שוין געבומען אייגזען, אַז ס'האַלט שמאָל מיט אונדזער געטאָ. זי איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט אויף אונדזערע אויגן. פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז דאָס געטאָ זאָל אַזוי שנעל פולשטענדיק ליקווידירט ווערן.

געוויסע יונגעלייט האָבן גענומען בכלל פאַרלאָזן דאָס געטאָ און זיינען אַוועק אויף יענער זייט, אין שטאָט אַריין. איינער פון די ערשטע איז געווען דער יונגער ד״ר רעמיגאָלסקי. זיין פאָטער האָט מיר פאַרטרויט דעם סוד זאָגנדיק דערביי: „ער איז יונג, קען גוט ליטוויש, אויסערן געטאָ האָט ער אַ סך מער שאַנסן צו בלייבן לעבן, ווי אין געטאָ, ווי ס'איז פאַרויסצוזען, וועט מען אונדז אַלעמען ליקווידירן. ער איז טאַקע דאַן אַרויס פון געטאָ. וואָס מיט אים האָט ווייטער פאַסירט, ווייס איך ניט.

אין די זעלבע טעג זיינען אַ סך יידן אַרויסגעפאָרן מיט דער הילף פון דייטשן, קיין ווייסרוסלאַנד, דערהויפּט אין לידער געגנט. דאָרט איז געווען פאַרהעלטנישמעסיק רואיקער. אַ סך יידן זיינען טאַקע אַהין אַוועקגעפאָרן כדי נאָך אַ געוויסער צייט דאָרט אומגעבראַכט צו ווערן.

נאָר פון אַלע איבערלעבונגען איז דאָס פיינלעכסטע געווען דאָס אָנקוקן די לעבעדיקע סחורה־טראַנספּאָרטן, וואָס יענער, דער אַריסטאָקראַטישער יודנ־ראַט, פלעגט צו אונדז יעדן טאָג אַריינשיקן. ס'איז שוין כמעט קלאָר געווען, אַז דער גורל פון אונדזער געטאָ איז אַ געחתמעטער. היטלער, פלעגט מען זאָגן ביי אונדז אין געטאָ, וועט ניט האַלטן די־אַ „סחורה״ און זיי געבן עסן...

אין אָט די טעג, ניט ווייסנדיק פונוואַנען און פון וועמען (ווי עס פלעגט

געוויינלעך געשען מיט אַלע אָנקומענדיקע גזירות) האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מען גרייט נייע געלע אַרבעט־שיינען.

## די סדרה געלע שיינען

אין די אַרבעט־איינהייטן האָט מען גענומען רעדן, אַז אַלע ביזאיצטיקע שיינען ווערן אַנולירט. אויף זייער אָרט וועלן קומען נייע, ברוינע אַרבעט־שיינען. יידן האָבן די שיינען גלייך געקרוינט מיטן נאָמען: „געלע שיינען".

אין אַלע אַרבעט־איינהייטן האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג נאָך די נייע געלע שיינען. די יידישע בריגאַדירן האָבן צונויפגעשטעלט ליסטעס פון זייערע אַרבעטער און דערלאַנגט זיי צו זייערע ברויטגעבער.

אין לויף פון די עטלעכע חדשים איז מען שוין געווען געוווינט צו פאַר־שיידענע שיינען. מיר האָבן שוין געהאַט שיינען מיט פאָטאָגראַפיעס, שיינען מיטן ליטווישן שטעמפל, שיינען מיט אַ האַקנקרייץ, שיינען מיט אַ שטעמפל „פאַך־אַרבעטער" און נאָך אַנדערע. צו דער קאָלעקציע איז איצט צוגעקומען נאָך אַ שיין — אַ קאָלירטער. אַ סך האָבן געזאָגט: „הוילט זיי דער שוואַרצער יאָר מיט זייערע געלע שיינען. זיי זאָלן האָבן דעם ווערט, וואָס עס האָבן זייערע שיינען".

מ'האָט אַרויסגעפירט יידן צום טויט, אַפילו מיט די שיינען אין די הענט! פונדעסטוועגן האָט מען גענומען זיך באַמיען צו באַקומען אָט די נייע פּאַפּירלעך. מען האָט געפילט, אַז מיט די־אָ שיינען איז אַנדערש ווי מיט אַלע אַנדערע, וואָס ביז איצט.

ביז איצט האָט יעדע אַרבעט־איינהייט אַרויסגעגעבן שיינען פאַר אירע אַרבעטער אַליין. דער דייטשישער אַרבעט־אַמט פלעגט זיך ניט מישן אין דער זאַך. איצט האָט זיך פעסט אָרגאַניזירט דער דייטשישער אַרבעט־אַמט, ווו ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר יידישע ענינים.

דער דאָזיקער אַרבעט־אַמט האָט געהאַט ביי זיך אויך ספּעציעלע אָפּטיי־לונגען פאַר ווערבירן צו דער אַרבעט פּאָליאַקן, ליטווינער, ווייסרוסן. ער האָט זיך געפונען אויף ווילנער גאַס.

ווי אין אַלע אַנדערע אַמטן, האָט אַ ייד אויך אַהין ניט געטאָרט אַריינגיין. אַלע ענינים וועגן יידישע אַרבעטער פלעגן דערליידיקן די דייטשן, ביי וועלכע עס האָבן געאַרבעט יידן. זיי האָבן איצט גענומען פון די יידישע בריגאַדירן־אַרבעטער, ליסטעס און געדאַרפט פאַר זיי אַרויסבאַקומען געלע שיינען.

די ערשטע גרוסן, וואָס מען האָט באַקומען פון „די אייגענע, גוטע" דייטשן איז געווען, אַז די צאָל אַרבעטער ווערט אין אַלע איינהייטן שטאַרק באַ־גרענעצט, ממילא וועט די צאָל שיינען זיין אַ קליינע.

מ'האָט זיך דערוווּסט, אַז דער אַרבעט־אַמט אַליין באַשטימט די צאָל אַרבעטער פֿאַר יעדער איינהייט באַזונדער. דערביי האָט מען שוין געוווּסט, אַז אַ סך מיליטעריש־ניט־וויכטיקע איינהייטן וועלן בכלל גאָרניט באַקומען. נאָך אַ נייעס: דער אויסזען פֿון די ביזאַיצטיקע געלע שיינען איז געווען אַ פֿאַרשיידענער, סיי לויטן נוסח, סיי לויט דער פֿאָרעם. איצט, דערציילט מען, אַז די שיינען וועלן זיין געדרוקט לויט איין נוסח, איין פֿאָרמאַט, נומערירטע און דורכן אַרבעט־אַמט געחתמעטע. בקיצור, די שיינען זיינען נאָך אויף דער טאָג־ליכט ניט געווען, אָבער אַרום זיי האָבן זיך שוין געשאַפֿן לעגענדעס. ווען מען ס'וועט געלינגען צו באַקומען אַזאַ שיין — האָט מען געגלויבט — דער באַקומט אַ צעטל צום לעבן פֿאַר זיך און זיין פֿאַמיליע.

אין מיין איינהייט האָט זיך די אַרבעט געענדיקט. פֿאַר די דייטשישע טעלעפֿאָניסטקעס האָבן מיר אויסגעפּוצט צענדליקער צימערן מיט די שענסטע און טייערסטע יידישע מעבל, דיוואַנעס, בעטגעוואַנט, וועש א. אַ. וו. דערצו נאָך האָבן מיר אויסגעפּאַרטיקט אַ הערלעכן עסצימער מיט די טייערסטע סערוויזן און זילבערנעם באַשטעק. ווייטער איז געווען אַ ספּעציעלער לייען־זאַל, אַ צימער צום רויכערן, אַ ביוראָ פֿאַר דער עלטסטער פֿריילין. אָבער וויפֿל מיר האָבן ניט געצויגן די אַרבעט, ווי לאַנגזאַם מיר האָבן ניט געאַרבעט, האָט זיך די „שעפּערישע טעטיקייט" אונדזערע, דאָך געענדיקט. גאַנצע טעג פֿלעגן מיר זיך אַרומדרייען איבערן גרויסן הויף, ניט ווייסנדיק וואָס צו טאָן מיט זיך.

ווען ס'איז געוואָרן אַקטועל דער ענין מיט די געלע שיינען, האָבן מיר זיך, נאַטירלעך, געווענדט צו אונדזער אָפֿיציר, ער זאָל אונדז באַזאָרגן מיט די נייע געלע שיינען. לכתחילה, האָט ער גענומען אַ ליסטע פֿון אַלע אונדזערע אַרבעטער, צוזאָגנדיק זיך צו פֿאַרנעמען מיט דעם ענין.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער אונדז געמאָלדן, אַז דער דייטשישער אַרבעט־אַמט האָט אים אָפּגעזאָגט אַזאַ ליסטע צו באַשטעטיקן. ווען מיר זיינען צו אים צוגעשטאַנען, איז ער איינגעגאַנגען אויף דעם, אַז ער וועט פּרובירן באַקומען שיינען פֿאַר אַ טייל פֿון אונדז. האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ געיעג, יעדער אויף אַ פּריוואַטן אופֿן. מען האָט אים פֿאַרגעלייגט גאָלד, בריליאַנטן א. אַ. וו.

סוף־כל־סוף האָט ער געמאַכט אַ ליסטע פֿון אַ מאַן 8, צווישן זיי בין אויך איך געווען, ווייל ער האָט צו אונדזער גרופּע געזאָגט: „דיזער אַפּאַטהעקער איסט מיין קאָלעגע, איך בין אויך דיפּלאָמירטער אַפּאָטהעקער און האַבע איינע דראָגעריי". אויף אַזאַ גליק האָב איך גאָרניט אויסגערעכנט; די איבעריקע יידן האָבן מיך שוין מקנא געווען...

עס זיינען ווידער אַוועק טעג און פון אַלע צוזאָגן האָט מען קיין ברעקל שיין פאַר די אויגן ניט געזען.

איך האָב זיך געווענדט צו דער עלטסטער דייטשקע, פאַרגעלייגט איר מיין פרויס גאָלדענעם זייגער, זי זאָל זען צו באַקומען פאַר מיר אַ שיין.

זי האָט מיר זייער העפלעך צוגעזאָגט צו גיין אין אַרבעט־אַמט און בעטן. אין אַ פאַר טעג אַרום האָט זי מיך אַריינגערופן צו זיך און מיט גרויס באַדויערן דערקלערט, אַז עס גייט ניט. „אונדזער איינהייט דאַרף קיינע יודען בעשעפטיגען".

## נקמה אַן רויבער

אין געטאָ האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז מיר האָבן ניט קיין וואַרעמע וועש פאַר די קינדער. היות ווי אין אונדזער פאַרלאָזענער שטוב איז געבליבן אַ ים וועש און קליידער, האָב איך אַוועקגעשיקט אַ צעטעלע צו די קריסט־לעכע שכנים, אַז זיי זאָלן מיר ברענגען אַ ביסל זאַכן פאַרן קינד, ווי אויך אַ ביסל פון די בעסערע פּראָדוקטן, וואָס זיינען אין שטוב געבליבן אין די פּודן. אין צוויי טעג אַרום איז די יונגע שכנטע זשוקאָווסקאַ טאַקע געקומען, אין באַגלייטונג פון איר מאַן, אַ פשוטער מאָלער־אַרבעטער, אָבער אַן אָרנטלעכער מענטש, און געבראַכט מיר אַ גרויסן קויש מיט פאַרשיידענע זאַכן. איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט. פון קויש האָב איך אַרויסגענומען אַ האַלבן לאַבן ברויט, אַ שטיק שפּעפּסענע פלייש, פון וועלכן עס האָט געשטונקען אַ מייל פונדער־ווייטנס, דערצו נאָך עטלעכע שטיקלעך קינדערשע וועש צעריסענע אויף פּיצלעך, פשוטע שמאַטעס, די וועש וואָס האָט מיך אַמשטאַרקסטן אינטערעסירט, איז ניט געווען אונדזערע, סתם שמאַטעס, אין האַנט ניט צו נעמען. אויף מיין פראַגע, ווו זיינען אונדזערע פּראָדוקטן, אונדזערע וועש און קליידער, האָט זי מיר געענטפערט: „אַלץ האָבן זיי, די ליטווישע באַנדיטן, צוגענומען. די שטוב איז אַ ליידיקע, אַ פוסטע. דאָס האָב איך אייך געבראַכט פון אייגענע זאַכן און אייגן ברויט". איך בין שטאַרק גערירט געוואָרן פון איר פלוצימדיקער גוטסקייט, האַרציק איר באַדאַנקט און גענומען פאַר זיך נאָר דאָס ברויט און קאַרטאָפל. אַלע אַנדערע זאַכן האָב איך איר אָפּגעגעבן, דאָס זיינען געווען ממש ווערטלאָזע טראַנטעס. איר „גוטסקייט" האָב איך אויסגעטייטשט דערמיט, וואָס מיט עטלעכע טעג פריער איז זי געווען ביי מיר מיטן סטרוזש פון הויף און איך האָב איר „פאַרקויפט" אַ דריי טאָן קוילן פון אונדזער קוילן־קעמערל, פאַר אַ פאַר לעבלעך ברויט.

ווען כ'האָב אינדערהיים איבערגעגעבן די גאַנצע מעשה, האָבן אַלע אויס־געלאַכט מיין נאַיווקייט. די מאַמע האָט געזאָגט: „דו האָסט שוין פאַרגעסן,

ווי זי האָט ביי אונדז פון די הענט געכאַפּט, ווען מיר זיינען נאָך געווען אין שטוב...

מיר האָט די זאַך שרעקלעך פאַרדראָסן און איך האָב באַשלאָסן, ביי דער ערשטער געלעגנהייט זי אָנצולערנען, אויב זי האָט מיך טאַקע אָפּגענאַרט.

פונקט אין די טעג רופט זיך אָפּ אונדזער אָפיציר, אַז ער דאַרף האָבן אַ שיינעם שרייבטיש. איך בנין זיינען געווען אָנגעבראַכט צענדליקער שרייב־טישן, איינער שענער פון צווייטן, האָט זיך דעם יעקע פאַרגלוסט נאָך איינער.

„איך האָב אַ פּראַכטפולן שרייבטיש", זאָג איך צו אים.

„טאָ ברענג אים", זאָגט דער דייטש. איך ענטפער אים, אַז איך אַליין קען ניט גיין אין שטאָט צו זיך אין דירה. אויב ער וויל, מוז ער נעמען אַ גרעסערע גרופּע אַרבעטער און מיר וועלן גיין צוזאַמען.

ער האָט דאַן באַשטעלט זעקס מאַן, וועלכע זיינען אַוועק צו מיר אין וווינונג. אויפן וועג האָב איך די חברים איבערגעגעבן וועגן וואָס מיר גייט, און געבעטן זיי זאָלן לייגן אין די קעשענעס וואָס מער. ווען נאָך, וועל איך האָבן אַזאַ געלעגנהייט צו זיין ביי זיך אין שטוב?

מיר זיינען אַריין אין שטוב. ווען די קריסטין האָט מיך דערזען מיט נאָך יידן, אין באַגלייטונג פון אַ דייטשישן אָפיציר, איז זי געוואָרן ווייס ווי קאַלך. זי האָט צו מיר זיך גלייך געווענדט, איך זאָל מיט איר אַליין „דער־ליידיקן". איך האָב איר אָנגעוויזן אויפן אָפיציר און געזאָגט, אַז זי זאָל צו אים רעדן. ער פרעגט, ווו ס'איז מיין שרייבטיש, ווייל מיין צימער, ווו מיר זיינען אַריין, איז געווען פוסט. זי ענטפערט ניט. דאַן פיר איך אַלעמען אַריין אין „אירע צוויי צימערן". איך בין געבליבן אָן לשון.ביידע צימערן אָנגע־שטעלט מיט אונדזער האָב און גוטס...

אָט איז מיין שרייבטיש — ווייז איך דעם אָפיציר. „יאַ, יאַ, היפּש". עס געפעלט אים, דעם יעקע...

„ווי קומט דער טיש צו דיר?" — פרעגט דער אָפיציר. „אָט דער זשידעק האָט עס מיר געגעבן צום באַהאַלטן", ענטפערט זי, די סטשערווע...

אויב אַזוי, טאָ וואַרט זשע, איך וועל באַלד אָפּשפּילן אַ חתונה, אַז דו וועסט מיך געדענקען.

„איר זעט, הער אָפיציר", זאָג איך צו אים, „אָט טראָגט זי מיין טאָכטערס קלייד, אויף איר זיינען מיין פרויס שיך, דאָס זיינען אונדזערע וועש און קליידער". איך האָב דערביי געגעבן אַ רייס אויף דעם אַלמער, וועלכער איז טאַקע געווען פול מיט אונדזער וועש און קליידער. „נעמט דאָס אַלץ צו", האָט אַ געשריי געטאָן דער אָפיציר. מער ווי אויף דעם האָבן מיר ניט געוואַרט. אין מאָמענט זיינען געמאַכט געוואָרן פּעק און מען האָט גענומען

זיך צום שרייבטיש. ווען מען האָט געעפנט אַ שופלאָד, אַ צווייטן, אַ דריטן, האָט מען דאָרטן געפונען אַ פאַרמעגן. די טייערסטע נייע מענער־ און דאַמען־וועש, וואָס מיין שוועסטער האָט אָנגעקויפט אויף דער מלחמה־צייט, די שענסטע טישטעכער, די בעסטע ריינע וואָל צום שטריקן, — אָנגעלאָדענע שופלאָדן מיט האָב און גוטס. אין געציילטע מינוטן האָבן זעקס פאַר הענט דאָס אַ גנעם געטאָן, און מיט גרויס נקמה־געפיל אַלץ אַרויסגעטראָגן פון שטוב.

מ׳האָט גענומען דאָס וואָס דער אָפיציר האָט געזען, אַחוץ דעם האָבן אַלע געלייגט אין די קעשענעס, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. מיר זיינען אַרויס אָנגעלאָדענע מיט מער זאַכן, וויפל מיר האָבן מיט זיך מיטגענומען גייענדיק אין געטאָ אַריין.

ווען מיר זיינען געקומען אויף אונדזער אַרבעט־פּלאַץ, האָט דער אָפיציר צוגענומען אַ פאַרמעגן פאַר זיך. און די פאַר אים ניט נייטיקע זאַכן מיר אָפּ־געגעבן. פונדעסטוועגן האָט דאָס, וואָס ער האָט מיר אָפּגעגעבן, געקלעקט אויף צו מאַכן דערפון אַ היפשע סומע געלט. דער גרעסטער טייל זאַכן, וואָס איך האָב צוריקבאַקומען, זיינען דערנאָך בעת דער ליקווידאַציע, געבליבן אין געטאָ, אַזוי אַז פיל האָב איך פון מיין פאַרמעגן ניט נהנה געווען. דערפאַר האָבן מיר אָבער געהאַט אַ סאַטיספאַקציע. אַגב, דער דאָזיקער פאַל, וואָס איז באַלד באַקאַנט געוואָרן אין דער געגנט, איז געווען אַ גוטע לערע פאַר אַ סך אַזעלכע, טייערע, הייליקע, קריסטלעכע נשמות...

אין אַ פאַר טעג אַרום איז צו מיר געקומען אונדזער הויזוועכטער און מיט גרויס שמחה מיר דערציילט, אַז אַלע אַרומיקע שכנים רייבן זיך די הענט פאַר פרייד, צוליב דעם, וואָס איך האָב זי אָנגעלערנט...

דאָס זיינען אָבער אַלץ קליינע עפּיזאָדן. דער עיקר איז, אַז מען געפינט זיך אויף אַן עולם התוהו און מען ווייסט ניט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

*

די לאַגע אין אונדזער געטאָ איז דערווייל געוואָרן ערגסטער מיט יעדן טאָג, אַחוץ וואָס פיל פון פאָלק זיינען אַוועק, האָט אויך גענומען אַוועקגיין די אינטעליגענץ. דער ערשטער איז אַוועק ד״ר פאַטשטער. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז אין יודנראַט אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל, דאָס געטאָ איז כמעט געבליבן אָן מעדיצינישער הילף. האָט דאַן דאָס ערשטע געטאָ באַשטימט, אַז אייניקע דאָקטוירים זאָלן קומען יעדן טאָג אין דעם קליינעם געטאָ און ביינאַכט דאָס צוריק פאַרלאָזן.

מאָנטיק, דעם 20טן אָקטאָבער, אַזייגער 8—9 אָוונט, איז אין יודנראַט געקומען בוראקאס און אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג. עס האָט זיך געהאַנדלט

וועגן אַ צאָל געלע שיינען, וואָס דער יודנראַט דאַרף באַקומען פאַר זיין אַדמיניסטראַציע. אויפן סמך פון אַ צוגעשטעלטער רשימה פון צוויי הונדערט מאַן. בוראקאס האָט דערקלערט, אַז אַזוי פיל וועט דער יודנראַט ניט באַקומען. באַקומען וועט דער ערשטער יודנראַט 350 און מיר 75, (דער אמת איז, אַז דער ערשטער יודנראַט האָט באַקומען 400 שיינען).

ער איז נאָך געזעסן אַ היפשע ווײַלע און איך האָב מיט אים גערעדט וועגן דעם אופן פון אייַנצאָלן דאָס דירה־געלט. דער מאַגיסטראַט האָט אונדז אָרייַנגעשיקט אַן אָפיציעלן בריוו וועגן צאָלן דירה־געלט פאַרן גאַנצן שטח, וואָס דאָס געטאָ פאַרנעמט. דער אָריגינעלער בריוו לויטעט אַזוי:

„צום פאָרזיצער פון יידישן קאָמיטעט אין געטאָ נומער 1,

פאַרן באַנוצן דורך יידן וווינונגען אין געטאָ, באַוווינטע און ניט באַוווינטע, ווי אויך פאַרשיידענע אַנדערע בנינים, וועט דער מאַגיסטראַט פון שטאָט ווילנע, אין הסכם מיטן הער בירגער־מייסטער, צושטעלן אַ חשבון דעם יידישן קאָמיטעט פון געטאָ, וועלכער דאַרף די דאָזיקע סומע איינקאַסירן פון די געטאָ־איינוווי־נער. די אַלגעמיינע סומע, לויט דער רעכענונג, דאַרף מען אַריינ־טראָגן אין קאַסע פון קאָמונאַלן באַנק, אָדער אין דער קאַסע פון פערטן וווינונג־ראַיאָן פון דער שטאָט ווילנע, סאַדאָווע גאַס 4.

צוליב דעם דאַרף דער יידישער קאָמיטעט:

א. עפענען אַ הכנסה־קאַסע אויף איינצוקאַסירן דאָס דירה־געלט פון די געטאָ־איינוווינער און באַשטימען אַ פאַראַנטוואָרטלעכן קאַסירער.

ב. באַקומען פון 4טן וווינונג־ראַיאָן פון דער שטאָט ווילנע, ביכער אויף אויסצושרייבן רעכענונגען פאַר דירה־געלט, וועלכע וועלן אַרויסגעגעבן ווערן די הויז־פאַרוואַלטערס, לויט אַ גע־העריקער רשימה און נומעראַציע.

ג. פירן אַ הכנסה־בוך און אַ טאָגבוך דורכן קאַסירער.

דער קאַסירער נעמט געלט לויט די חשבונות, שטעמפּלט־אָפּ דעם חשבון, אַז ער האָט דאָס געלט באַקומען און שרייבט זיך אונטער אין 2 קאָפּיעס, פון וועלכע איינע באַקומט דער צאָלער, די צווייטע בלייבט אין קאַסע.

נאָכן באַקומען דאָס געלט שרייבט דער קאַסירער איין, לויט די חשבונות,אין הכנסה־בוך און אין טאָגבוך. דער טאָגבוך באַלאַנ־סירט זיך טעגלעך און ווערט אונטערגעשריבן דורכן קאַסירער און

פאָרזיצער פון יידישן קאָמיטעט, אָדער דורך זיין באַפולמעכטיקטן
באַאַמטן. דאָס הכנסה־בוך באַלאַנסירט מען איינמאָל אַ חודש.
דער קאַסירער האָט ניט קיין רעכט אַנצונעמען אין הכנסה־
קאַסע קיין שום אַנדערע געלטער, ניט פאַרן יידישן קאָמיטעט
פון געטאָ און ניט פאַר אַנדערע פּריוואַטע פערזאָנען.
פאַר דער טעטיקייט פון קאַסירער איז פאַראַנטוואָרטלעך
דער פאָרזיצער פון יידישן קאָמיטעט אין געטאָ.

(—) ש. נאַרושיש — פאַרוואַלטער פון קרייז

(—) קרושטשונאַס — בוכהאַלטער

13.10.1941

פאַרן אַוועקגיין האָט בוראַקאַס איבערגעגעבן לייבאָוויטשן 10 געלע שיינען: 5 פאַר די פוטער־קירזשנערקעס, וועלכע דאַרפן גלייך אַריבערפאָרן אין דער פוטער־פאַבריק „קייליס", און 5 שיינען האָט ער געגעבן לייבאָוויטשן אין בלאַנקאָ אויף אויסצופילן און אָפּצושיקן צו די פאַראינטערעסירטע. אַזייגער האַלב צען ביינאַכט האָבן מיר זיך אַלע געזעגנט, ווינטשנדיק זיך אַ רואיקע נאַכט.

זייט מען איז אַריבער אין געטאָ, פלעגט מען ניט זאָגן „אַ גוטע נאַכט", נאָר „אַ רואיקע נאַכט".

פאַרן אַוועקגיין האָט לייבאָוויטש פונאַנדערגעשיקט, דורך פּאָליציאַנטן, די באַקומענע שיינען צו די באַטרעפנדיקע פערזאָנען.

קומענדיק אַהיים, האָב איך אַלעמען באַרואיקט, אַז מיט אונדזער געטאָ איז ניט אַזוי געפערלעך, ווייל בוראַקאַס האָט צוגעזאָגט 75 געלע שיינען, הייסט דאָס, אַז דאָס געטאָ וועט עקזיסטירן.

מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האַלב־אַנגעטאָענע, ווי דער שטייגער איז געווען ביי אונדז.

דאָס איז געווען אונדזער לעצטע נאַכט אין דעם געטאָ.

## ליקווידאַציע פון דעם צווייטן (קליינעם) געטאָ

מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט. אַ שרעקלעכער רעש און טומל איז דער־גאַנגען צו אונדז פון גאַס. איך בין צוגעלאָפן צו אַ פענצטער. לכתחילה, האָב איך גאָרניט געזען, ס'איז געווען אַ פינצטערע האַרבסט־נאַכט. איך קוק אַראָפּ פון דאַך און דערזע פינקלדיקע פייערלעך פון עלעקטרישע טאַשן־לעמפּעלעך.

ליגנדיק אַזוי אויסגעצויגן אויפן דאַך, זיינען דערגאַנגען צו מיר ווילדע אויס־געשרייען פון ליטווינער: „גרייטשאאו! גרייטשאאו!" (שנעלער, שנעלער).

פלוצים האָבן שוין מיינע אויערן אויפגענומען פאַרצווייפלטע אויסגע־שרייען אין יידיש. ס'איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז אַ נייע טשיסטקע איז אין פולן גאַנג. מאָמענטאַל זיינען אַלע שטוביקע געווען אויף די פיס, אויף דער שנעל געמאַכט קליינע האַנט־פעקלעך און מען האָט געוואַרט... גערעדט צווישן זיך, געזוכט באַשייד. דער זייגער איז אַרום איינס. אינגאַנצן מיט עטלעכע שעה צוריק איז אַרויס פון געטאָ בוראַקאַס, פאַרזיכערנדיק, אַז דאָס געטאָ בלייבט און האָט צוגעזאָגט געלע שיינען. אמת, ניט אַזוי פיל, וויפל דער יודנראַט האָט געבעטן, אָבער דאָך האָט ער פאַרשפּראָכן אַ געוויסע צאָל. וואָס באַדייט די איצטיקע נייע „חתונה"? וואָס טוט מען איצט, ווי ראַטעוועט מען זיך אַרויס?

ניט לאַנג טראַכטנדיק, טרייב איך אַרויס די פרוי מיט די צוויי קינדער אויפן דאַך. איך נעם צונויף אין שטוב טונקעלע זאַכן און פאַרדעק זיי. איך מיט דער מאַמען זיינען מיר געבליבן זיצן אין שטוב.

„באַזאָרגנדיק" די פרוי מיט די קינדער אויפן דאַך, האָב איך פאַרהאַנגען די פענצטער מיט טונקעלע קאָצן, וועלכע האָבן טאַקע געדינט אַלס מיטל צו פאַרטונקלען די שטוביקע ליכט, און האָב פרייער אָפּגעאָטעמט. אויפן גאַס איז פינצטער־חושך, וועט מען זיי פון דאָרט ניט דערזען (ס'איז דאָך דער פערטער שטאָק) און פון שטוב, קוקנדיק דורכן פענצטער, וועט מען זיי אויך ניט באַמערקן. אַלזאָ, אַ גוטע, זיכערע מעלינע...

אַט אַזוי זיינען מיר אָפּגעזעסן אַ שעה — צוויי, געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן מאָמענט ווען די אַקציע וועט זיך ענדיקן. די טאַקטיק פון די יעקעס האָבן מיר שוין געקענט: זיי אַרבעטן מיט אַ פּלאַן, סיסטעמאַטיש, מיטן זייגער אין האַנט.

די אַקציע דויערט שוין אָבער דריי שעה און עס נעמט ניט קיין עק. פּאַרקערט, מיר פילן, לויט די קולות און געוואַלדן, אַז די אַקציע דערנענטערט זיך צו אונדזער ווינקל. מיר הערן געדיכטער די געשרייען און זעען די פייער־לעך פון די טאַשן־לעמפּעלעך אַלץ נענטער. אונדזער לאַגע ווערט קריטישער פון מינוט צו מינוט.

פלוצלינג האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אַ געדאַנק אין קאָפּ: אונטן, האָב איך אַלס לעצטער געקומענער, פאַרשפּאַרט די אַריינגאַנג־טיר. ווען די רוצחים וועלן צוגיין צו דעם אַריינגאַנג און זען, אַז די טיר איז פון אינעווייניק פאַרמאַכט, וועט דאָס פאַר זיי זיין אַ בולטער סימן, אַז דאָ זיינען פאַראַן מענטשן און זיי וועלן אויפרייסן די טיר. בין איך דעריבער שנעל אַראָפּגעלאָפן און שטיל

אויפגעקייטלט די טיר און זי פאַרזיכטיק געעפנט. אויפן ערשטן שטאָק, אין דבורה אסתרס קלויז, איז געווען אַזאַ פּראָוויזאָרישער מושב־זקנים. דאָרט האָבן זיך געפונען עטלעכע אַלטע, האַלב־פּאַראַליזירטע לייט, געבראַכטע פון דעם ערשטן, גרויסן געטאָ.

אין שטוב האָבן מיר געהערט, ווי די ליטווינער רייסן מיט אייזערנע לאָמען טירן, פענצטער פון געשלאָסענע קעלערן, פון פאַרמאַכטע קראָמען.

עס נעמט שוין שאַריען אויפן גאַס, דער טאָג הייבט זיך אָן. דאָ אַנטשטייט שוין אַ צווייט פּראָבלעם. לאַנג בלייבן אויפן דאַך וועט די פרוי מיט די קינדער ניט קענען, ווייל דאָס טאָג־ליכט וועט זיי אַנטדעקן...

אין אַנגסט און צער בין איך ווי אַ וואַנזיניקער אַרומגעגאַנגען איבערן צימער און געקלערט וואָס קאָן מען דאָ טאָן, כדי צו ראַטעווען די פאַמיליע. פון צייט צו צייט בין איך צו צום פענצטער, דורכגעוואָרפן זיך מיט געציילטע ווערטער מיט דער פרוי און קינדער און זיי געטרייסט. אַז באַלד וועט זיך די טשיסטקע ענדיקן.

צו דער טשיסטקע נעמט אָבער ניט קיין ענדע. פאַרקערט, זי ווערט שטאַרקער. פון גאַס דערטראָגן זיך יאָמערלעכע געשרייען. די פאַרצווייפלטע קולות פון פרויען און קינדער קענען פשוט משוגע מאַכן.

מענטשן, געיאָגטע ווי חיות, האָבן געזוכט באַהעלטענישן וווּ זיך צו ראַטעווען. די ליטווינער האָבן נאָכגעיאָגט און געשלאָגן מכות רצח.

אַ שטאַרק פאַרצווייפלטער בין איך אַרומגעגאַנגען אין צימער ניט וויסנדיק, וואָס אָנצוהייבן צו טאָן. פּלוצלינג גיב איך אַ זאָג צו דער מאַמען: „ניטאָ וואָס צו פאַרלירן, די אַקציע דויערט, מען וועט באַשטימט באַלד אויך צו אונדז דערגרייכן. מאַך מיר גלייך אַ ווייסע לענטע אויף אָן אָרעמבאַנד. איך וועל דאָס אָנטאָן אַזוי ווי עס טראָגן די יידישע פּאָליציאַנטן, און אַראָפּגיין אונטן צו די ליטווינער". איך האָב אָנגעטאָן דעם פוטער, ס'איז שוין געווען גוט קאַלט אינדרויסן, אַרויפגעצויגן אויפן אַרבל דעם ווייסן אָרעמבאַנד, אויפן טיר האָב איך אויפגעהאַנגען אַ שלאָס און בין אַראָפּ אונטן, ביזן ערשטן שטאָק. דאָ האָב איך זיך אָוועקגעשטעלט נעבן דער טיר פון דבורה אסתרס קלויז און געוואַרט...

אָפּשטייענדיק אַ היפּשע צייט, דערהער איך די גוט־באַקאַנטע יוונישע טריט. איך בין געבליבן צוגעגליווערט צו מיין אָרט. עס האָבן זיך באַוויזן צוויי יונגע ליטווישע סאָלדאַטן, יונגע שניעקעס. איינער פרעגט מיך, וואָס איך טו דאָ, ענטפער איך אים: „מ'האָט מיך דאָ אָוועקגעשטעלט היטן די אַלטע לייט. באַלד וועט קומען אַ פור, וועלכע וועט זיי צונעמען".

ניט ענטפערנדיק מיר אַ וואָרט, דערלאַנגט מיר איינער אַ שטויס, אַז

איך בין אַראָפּגעפאַלן פון אַלע טרעפּ. אַז איך האָב ניט צעבראָכן די הענט און פיס, איז געשען פשוט אַ נס מן השמים...

קוים אַ לעבעדיקער האָב איך זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און גענומען לויפן מיט אימפעט. פאַרהאַלטן האָב איך זיך ערשט אין דורכהויף, ווו כ'האָב זיך פאַרוקט אין אַ ווינקעלע און אָפּגעכאַפּט אַ ביסל דעם אָטעם. קומענדיק עטוואָס צו זיך, כאַפּ איך זיך: וואָס שטיי איך דאָ? די באַנדיטן וועלן דאָך אַרויפּ־גיין אין שטוב און גאָט ווייס וואָס זיי וועלן אָפּטאָן. איך נעם צוזאַמען מיין ביסל כוח און לויף צוריק. איך לויף אַרויף אויף די טרעפּ — קיינער איז ניטאָ. איך לויף העכער — קיינער איז ניטאָ. לויף איך צו זיך אין שטוב און דערזע — דער שלאָס פון שטוב אָפּגעריסן, די טיר האַלב אָפן. עס ווערט מיר פינצטער פאַר די אויגן: דער יונגער ליטווין שטייט ביים בעט ווו די מאַמע ליגט מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צו דער פּאָדלאָגע, און ער שטיקט זי — שרייענדיק: „זאָלאָטאָ דאַוואַי, פּיניגו...” (גאָלד גיב, געלט).

נעבן בעט זיינען צעשאָטן עטלעכע צענדליק סאָוועטישע רובלס און דער ליטווין שטיקט די מאַמע, און זי כאָרכלט און ווערגט זיך...

דערזעענדיק די סצענע לויף איך צו צום בעט, כאַפּ אַרויס פון קעשענע אַ פּעקל געלט און גיב דעם ליטווין. „נאַ, זאָג איך — אָט האָסטו געלט, לאָז זי אָפּ, זי האָט ניט קיין געלט”... דער באַנדיט האָט צוגענומען דאָס געלט (300 סאָוויעטישע רובל) און אָן צו זאָגן אַ וואָרט איז ער מיט זיין קאָלעגע אַוועק...

איך בין צו צום פענצטער, געכאַפּט עטלעכע ווערטער מיט מיין פרוי און קינדער. ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי האָבן גוט געהערט די גאַנצע סצענע.

אויפן גאַס איז שוין געווען גוט ליכטיק. מער ליגן אויפן דאַך האָט מען שוין ניט געקענט. די פרוי מיט די קינדער זיינען אַריין אין שטוב. איך בין, ווי פריער, צוריק אַראָפּ „אויף מיין פּאָסטן”.

לאַנג בין איך אָן אַרבעט ניט געשטאַנען אויף מיין פּאָסטן.

צום קלויז איז אַרויף אַ ליטווין אין אַ לעדערנער קורטקע, מיט אַ טעקע אין האַנט. ער זעט אויס צו זיין דער אָנפירער פון דער ליטווישער געשטאַפּאָ. אויף זיין פראַגע, וואָס איך טו דאָ, ענטפער איך אים מיין פריערדיקן פּזמון. איך בין אַ יידישער פּאָליציאַנט. וואַרט דאָ ביז מען וועט צונעמען די אַלטע לייט. „אויבן איז וועד דאָ?”, פרעגט ער מיך, „ניין”, ענטפער איך, „אַלעמען צוגענומען”. „דו זאָגסט אמת?” פרעגט ער ווייטער. „ביטע, איר קענט זיך איבערצייגן”. ער איז אַרויף אויפן צווייטן שטאָק. דאָרט האָט ער דערזען פאַר זיך אָפענע טירן און פוסטע דירות. ער איז אַריינגעלאָפן אין איין דירה, אין אַ צווייטער, און זידלענדיק אין דער מאַמען אַריין, איז ער אַראָפּ. די

גאַנצע צייט בין איך אים נאָכגעגאַנגען מיט האַרצקלאַפּעניש. ער איז פאַר־שווונדן, פּטור געוואָרן פון אַ שלאַק... אָבער אויף ווי לאַנג? וויפל שלעק וועלן דאָ נאָך אַרויפגיין? ווען וועט זיך די טראַגעדיע ענדיקן?

פון דעם מאָמענט אָן האָבן זיי, די באַנדיטן, אָנגעהויבן קומען איינציקווייז, אָדער אין גרופּעס. איך דערצייל זיי שטענדיק דעם זעלבן פּזמון. עטלעכע האָבן מיר געגלייבט און זיינען אַוועק; אַנדערע זיינען אַרויף ביזן ערשטן שטאָק, אַ טייל ביזן צווייטן שטאָק און זענענדיק אומעטום נאָר אָפענע טירן און אַ גרויסן חורבן, האָבן זיי זיך אומגעקערט צוריק. איך האָב אָבער אויך אָנגעטראָפן אויף אַזעלכע יוכעס, וועלכע האָבן מיר ניט געגלויבט און זיינען אַרויף ביז גאָר אינדערהויך און דערגאַנגען ביז מיין טיר אויף וועלכער עס איז געהאָנגען אַ שלאָס. זעענדיק, אַז ס'איז שלעכט האָב איך בלית ברירה זיי געזאָגט דעם אמת, אַז הינטערן שלאָס זיצט מיין פאַמיליע און דערביי זיי אַריינגערוקט אין דער לאַפּע אַריין... צוויי מאָל איז מיר אויף דעם אופן געלונגען צוצונעמען די מערדער פון מיין טיר. אין צוויי פאַלן אָבער איז מיר די זאַך ניט געלונגען, איך האָב געמוזט עפענען די טיר, זיי אַריינפירן אין שטוב און ווייזן מיין פאַמיליע.

אָבער אויך אין די פאַלן בין איך אָפּגעקומען מיט שרעק. אויסגעגאַנגען איז דאָס צו גרעסערע סומעס געלט. פאַר דער צייט האָב איך אָנגעציילט זיבעצן (17) פּאַרטיעס, וואָס זיינען געקומען נאָך אונדזערע נשמות... זעענדיק אַז מיט די גייער נעמט ניט קיין סוף, האָב איך גענומען פאַרקלענערן די געלט־סומעס. די ערשטע רוצחים האָב איך געגעבן 300 רובל, די ווייטערדיקע — נאָר צו 200, 100 און אַפילו 50 רובל.

דער זייגער איז שוין 10, 12, 2, 3 און עס נעמט קיין ענדע ניט צו דער טשיסטקע. איך האָב זיך געבראָכן דעם קאָפּ, וואָס קען דאָס באַדייטן? ביי די זוכנדיקע ליטווינער האָב איך דאָך ניט געקענט פרעגן און אַזוי ביזן האַלבן טאָג האָב איך ניט געוווּסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט מיר געפינען זיך.

דער זייגער איז שוין געוועזן באַלד 4 בייטאָג. איך שטיי שוין אויף מיין „פּאָסטן" אַ שעה 10. ביז איצט איז מיר געלונגען אָפּצושלאָגן אַלע אַטאַקעס פון די שונאים. און וואָס ווייטער?

פלוצלינג דערזע איך, ווי עס לויפט אַדוואָקאַט פּאַווירסקי, דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי. ניט קלערנדיק קיין סך, לויף איך אַראָפּ און פרעג אים, וואָס דאָ קומט פאָר. ער ענטפערט מיר אַ צעטומלטער: „מען ליקווידירט פולשטענדיק דאָס געטאָ. איך לויף אין יענעם געטאָ, ראַטעוועט זיך ווי איר קענט נאָר"... און ער איז גלייך געלאָפן דורך ראַמיילעסעס הויף צו יאטקעווער

גאַס, כדי, ווי עס שיינט, פון דאָרט, דורך דער וואַנט, אָדער דורך אַ טויער וואָס גייט אַרויס אויף ברייטער גאַס, אַרויסצוקריכן זיך פון דאַנען.
עס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס די טשיסטקע דויערט אַזוי לאַנג.
איך בין געשטאַנען און זיך געגריזשעט, הלמאי איך האָב דאָ געוואָרט ביזן לעצטן, שוידערלעכן מאָמענט. על כל פנים, אָט די איבערלעבונגען פון היינטיקן מעת־לעת האָב איך געקענט פאַרשפּאָרן. איך אַליין בין דער שולדיקער אין אונדזער איצטיקער, אָן אויסגאַנג, טראַגישער לאַגע...
וואָס וועט אָבער העלפן דאָס גריזשען זיך — יאָ שולדיק, ניט שולדיק, מען מוז זען ווייטער זיך צו ראַטעווען.
וואָס הייבט מען אָבער אָן צו טאָן?
דער זייגער איז שוין 5. צום גליק, האָב איך די לעצטע צוויי שעה קיין „געסט" ניט געהאַט. איך בין אַ ביסל פעסטער געוואָרן. פּלוצים דערהער איך אַ טומל אויפן הויף.
איך רוק פאָרזיכטיק אַרויס דעם קאָפּ דורכן פענצטער און דערזע אַ גרופּע יידן רינגלען אַרום אַ דייטש. אַלע רעדן, אַלע שרייען. איך לויף אַראָפּ אונטן און פרעג ביי די יידן, וואָס דאָ קומט פאָר. איינער ענטפערט מיר, אַז דער יעקע וויל זיי פירן אין דער ערשטער געטאָ, ער וויל אָבער אַ „גייער" (אַ זייגער.) „גוט, איך וועל אים געבן", זאָג איך. טאָ גיב אַהער", מאָנט דער ייד. „וואַרט נאָר, איך וועל מיט אים אַליין אַ רעד טאָן".
איך גיי צו צום דייטש און זאָג אים: „איך האָב דאָ מיין פאַמיליע, מיר ווילן אַריבערגיין אין דער ערשטער געטאָ און איך גיב אים דערפאַר אַ שיינעם זייגער". „גוט", ענטפערט ער, „קום וויַיז מיר ווו איז דיין פאַמיליע".
בעת מעשה האָט מיר געפּערירט מיין בלוט אין די אָדערן, צי האָב איך ניט צופיל ריזיקירט, צופיל אָנגעטרויט?
אָבער ס'איז שוין קיין צוריק ניט געווען. דער דייטש נעמט אַרויס זיין רעוואָלווער פון שיידל, שטרעקט אויס צו מיר און זאָגט: „קום, וויַיז מיר ווו איז דיין פאַמיליע". ניט האָבנדיק קיין ברירה, האָב איך אים גענומען פירן צו די טרעפּ. הינטער זיך האָב איך דערהערט, ווי די יידן רעדן צווישן זיך: „לאָמיר שטעלן פיס, דער יעקע איז פון ג...".
„פאַרפאַלן", האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ, „מיאוס אַריינגעפאַלן".
גייענדיק אַזוי אויף די שמאָלע, אָלטפרענקישע, געדרייטע טרעפּ, זאָג איך צום יעקע: „איר דאַרפט ניט דאָ קיין געווער, האַבן זי קיין אַנגסט"...
„יאָ, איך האַבע קיינע אַנגסט, אַבער עס שאַדעט ניכט"...
איך האָב אויפגעשלאָסן די טיר און מיר זיינען אַריין אין שטוב. דער יעקע מיטן אויסגעשטעלטן רעוואָלווער, איך הינטער אים. אין שטוב, ווען

די מאַמע, פרוי און קינדער האָבן דערזען אַ דייטש מיט אַן אויסגעשטעלטן רעוואָלווער אין האַנט, זיינען זיי אַלע אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעך געוויין...

איך האָב מאָמענטאַל אַ זאָג געטאָן: „האָט ניט קיין אַנגסט, דאָס איז אַ גוטער דייטש, וועלכער איז געקומען אונדז אַריבערנעמען אין יענעם געטאָ, דאָ איז שוין אַלץ ליקווידירט...״

„יאָ, יאָ״, זאָגט דער דייטש, „האָבן זי קיין אַנגסט״ און האָט דעם רע־וואָלווער אַוועקגעלייגט אויפן טיש. „נו — זאָג איך — נעמט שנעל די פעקלעך, נעמט וואָס ווייניקער, און קומט״...

דאַן האָב איך אַ נעם געטאָן פון טיש אַ גרויסן וועק־זייגער און דער־לאַנגט דעם דייטש, „ביטע, דאַ האָבן זי איינע אור...״ „פערפלוכט, דאָנער־וועטער״, דערלאַנגט ער אַ געשריי מיט כעס, „ניכט זאָלכן בראַוך איך, איין האַנד־אור, אָדער טאַשן־אור״...

איך האָב אויפן האַנט געהאַט אַ גוטן זייגער, אָבער איך ווייס אַליין ניט, וואָס האָט מיט מיר אין דעם מאָמענט פּאַסירט, וואָס איך האָב געמאַכט אַזאַ ספּעקולאַציע... פאַרפאַלן, צוריקציען זיך קען איך ניט; נעם איך אַרויס פון קעשענע צוויי צענער טשערוואָנצעס (200 רובל), דערלאַנג דעם יעקע און זאָג אים: קיין אַנדערן זייגער האָב איך ניט, אָט האָסטו געלט; איך וועל דיר אין יענעם געטאָ קויפן באַלד אַ זייגער, וועלכן דו ווילסט״. ער האָט צוגענומען דאָס געלט, אַריינגעלייגט אין קעשענע און אַ זאָג געטאָן: „האַנדשו האָסט דו?״, „יאָוואָל״, ענטפער איך אים, „איך האָב פראַכטפולע האַנדשו, לעדער מיט פעלץ״...

„צייג מאַל״...

די פרוי האָט גענומען זוכן די הענטשקעס, פון דענערווירונג האָט זי לאַנג ניט געקענט געפינען. צום סוף האָט זי אַרויסגענומען פון אַ פּאַק אַ פּאָר פראַכטפולע, שיינע לעדערנע הענטשקעס אויף פוטער.

דער יעקע, דערזעענדיק די הענטשקעס, איז ממש אַנטציקט געוואָרן.

„זייער שיין, זייער שיין! דאַ האָסטו״. דאָ דערלאַנגט ער מיר זיינע אַלטע הענטשקעס. אַז מען זאָגט אַ גוטער דייטש, איז דאָך ניט שייך...

די הענטשקעס האָבן אונדז געראַטעוועט...

די הענטשקעס האָבן אויך זייער געשיכטע:

ווינטער 1940 איז קיין ווילנע אָנגעקומען אַדוואָקאַט רייכמאַן פון לאָדזש. עס זיינען דאַן געווען אויסערגעוויינלעכע פרעסט. וואָלגערנדיק זיך אין וועג, האָט אַדוו. רייכמאַן זיך אָפּגעפרוירן די פיס און איז קוים אַ לעבעדיקער אָנגע־קומען קיין ווילנע. איך האָב אים דאַן אַריינגעבראַכט אין ווילנער יידישן שפּיטאָל „משמרת חולים״. מיין טאָכטער פלעגט אים באַזאָרגן מיט דעם ניי־

טיקסטן, ווען ער איז געזונט געוואָרן, האָט ער אַ געוויסע צייט געוווינט ביי אונדז אין דירה. ניט ווילנדיק אָנקומען צו געזעלשאַפטלעכער הילף, האָט ער ווי אַ סך אַנדערע פּליטים גענומען האַנדלען, כדי צו פֿאַרדינען אויף צו לעבן. איינמאָל איז ער געקומען אין שטוב און געוויזן עטלעכע פּאָר הענטשקעס, וואָס ער האָט געקויפֿט צוליב פּרנסה. „איר ווייסט", זאָג איך צו אים, „גיט מיר אַ פּאָר הענטשקעס, איך וועל אייך מאַכן אַ גוטן פּאַטשאַטיק".

איך האָב אים פֿאַר די הענטשקעס באַצאָלט 15 ליט (ביי 3 דאָלאַר) און אָוועקגעלייגט זיי אין שטוב. אָט אַזוי זיינען די הענטשקעס אָפּגעלעגן ביי אונדז אין שטוב כמעט צוויי יאָר. ערשט איצט האָבן זיי אָפּגעשפּילט זייער רעטונגס־ראָל.

ווערלנדיק דעם דייטש האָבן אין די גאַנצע הונדערט פּראָצענט אויף מיין זייט, האָב איך אים אַ זאָג געטאָן, אַז מיט די הענטשקעס וועט ער זיין איינער אין ווילנע און אין פּאַטערלאַנד...

הכלל, מיר האָבן זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין.

זייענדיק אָנגעלערנט פֿון ערשטן מאָל גיין אין געטאָ, האָב איך די שטוביקע אָנגעזאָגט צו נעמען וואָס ווייניקער זאַכן, כדי דער וועג זאָל ניט זיין אַזוי שווער.

מיר האָבן גענומען פּעקלעך און וואַליזקעס אין די הענט. צום לעצטן מאָל אַ קוק געטאָן אויף אונדזער לעצטער היים, ווו מיר האָבן פֿאַרבראַכט אַזעלכע טראַגישע טעג און פֿאַרשליסנדיק די טיר זיינען מיר, אין באַגלייטונג פֿון יעקע, אַרויס אויפֿן גאַס. מיט האַרץ־ציטערניש זיינען מיר געגאַנגען. זאָל גאָט געבן, אַז אַלץ זאָל דורכגיין כשורה...

מיר זיינען געגאַנגען דורך ראַמיילעסעס הויף, אַריין אויף יאַטקעווער גס. מיר גייען פֿאַראויס, דער יעקע ביי דער זייט, מיטן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער אין האַנט. די יאַטקעווער גאַס איז געווען פּוסט. מיר זיינען זי שנעל דורכגעגאַנגען. אַרויסגייענדיק צום עק גלעזער־גאַס און אַראָפּשלאָס־גאַס, האָבן מיר דערזען פֿאַר זיך מאַסן אויסגעשטעלטע יידן אויפֿן גאַס, אַרומגע־רינגלטע דורך ליטווינער. אייניקע פֿון זיי האָבן געפּרוווט אונדז פֿאַרהאַלטן, אָבער דער יעקע האָט אויסגעשטעלט זיין רעוואָלווער און געמאַכט אַזאַ געשריי, אַז זיי האָבן זיך גלייך אָפּגעטראָגן.

„לאָס, לאָס, מיינע לויטע, מיינע לויטע", האָט ער געשריען.

פֿון עק גלעזער־גאַס ביזן געטאָ־טויער איז אַ מינוט גאַנג. די מינוט האָט ביי אונדז געדויערט יאָרן... וויפֿל טויט־שרעק, וויפֿל שפּיכת־דמים! ווי אַזוי האָבן אונדזערע הערצער געקלאַפּט, צוזעענדיק ווי אַרום אונדז שטייען מחנות

יידן, וועלכע וואַרטן מען זאָל זיי פירן צו דער שחיטה... ווי זיי האָבן אונדז מקנא געווען, זעענדיק ווי מען פירט אונדז צום געטאָ־טויער, צום לעבן.

ווי דערלעבט מען שוין צו זיין פון יענער זייט טויער!

קוים וואָס מיר האָבן דערלעבט צו זיין נעבן געטאָ־טויער. יעדע סעקונדע האָט דעצידירט וועגן לעבן און טויט פון 5 נפשות.

ביים טויער פאַרהאַלט אונדז דער ליטווין, ער וויל ניט אַרויסלאָזן.

דער יעקע דערלאַנגט זיך אַ וואָרף אויף אים מיט אַ געוואַלד: „לאָס, דו פאַרפלוכטער הונד, שייסע, לאָס, מיינע לויטע", און מיט כוח אַ ריס געטאָן די טיר, דראָענדיק דעם ליטווין מיטן רעוואָלווער...

מיר זיינען פון יענער זייט טויער!

גאָט זיי דאַנק, גאָט זיי דאַנק!

מיט שנעלע טריט זיינען מיר אַריין טיף אין שוואַרצאַוון זאַוווּלעק. ערשט דאָ האָבן מיר זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. ווייזט זיך אַרויס, אַז ניט נעמענדיק קיין סך, האָבן מיר דאָך אַנגענומען גאָר נישקשה־דיקע פעק מיט זאַכן, אַז מען איז געבליבן כמעט אָן כוחות... ביז דעם מאָמענט האָט אונדז געטראָגן דעם אימפּעט. איצט, ווען מיר האָבן אינסטינקטיוו דערפילט, אַז מען איז שוין כמעט ווי געראַטעוועט, האָט מען דערפילט אַ פאַרמאַטערטקייט.

מיר האָבן ניט געוואָלט צו פיל ריזיקירן און אַוועק ווייטער. מיר זיינען געגאַנגען צוריק מיטן זעלבן וועג, וואָס האָט אונדז געפירט אין געטאָ אַריין, גאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. צוריק דורך ברייטער־גאַס, פאַרביי אונדזערע פענצטער, פאַרביי אונדזער הויז און דירה. אָבער וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלער אונטערשייד פון דעמאָלט ביז היינט! דאַן, גייענדיק דאָס ערשטע מאָל אין געטאָ אַריין. האָבן מיר נאָך געהאַט אַ פונק פון האָפענונג, אַז „דאָרטן" וועט מען אונדז לאָזן צורו. היינט גייען מיר ווידער אין געטאָ, אָבער מיט אַן אילוזיע ווייניקער. מיר ווייסן שוין, אַז געטאָ באַדייט — קאָנצענטראַציע פון יידן, כדי זיי לייכטער צו קענען ליקווידירן... געטאָ באַדייט אָן ענגער טרערן־אינדזל... געטאָ באַדייט — לעבן אין דערוואַרטונג אויפן טויט יעדע שעה, יעדע מינוט, יעדע סעקונדע... געטאָ באַדייט — אונטערגאַנג...

געטאָ באַדייט הילפלאָזיקייט, מאַכטלאָזיקייט... די קורצע 6 וואָכן פון זיין אין געטאָ האָבן בולט באַוויזן, אַז אין געטאָ קאָן מען אַפילו ניט שטאַרבן מיט אַן אינדיווידועלן העלדן־טויט, ווייל יעטוועדער נקמה־אַקט קעגן אַן איינצעלן דייטש וועט ברענגען מאַמענטאַלן טויט פאַר הונדערטער און טויזנטער הילפלאָזע יידן... אין געטאָ האָט מען זיך געשטעלט די שאלה, צי מעג מען

זיין „אַ העלד”, ווען פאַר העלדישקייט און אָפּפערוויליקייט וועלן באַצאָלן אַנדערע, אין די הונדערטער, אין די טויזנטער...

## אין גרויסן געטאָ

מיר גייען צוריק דורכן שטאָט, אין ערשטן גרויסן געטאָ אַריין. די גאַסן זיינען טויט, מען זעט ניט קיין לעבעדיקן נפש. וואָס האָבן זיי, די רשעים, געמאַכט בלויז אין 4 חדשים פון אָט דער לעבעדיק־צאַפּלדיקער שטאָט!?

מיט פּחדימדיקער האַרצקלאַפּעניש זיינען מיר אַדורך די גרויסע ברייטע גאַס. מיר האָבן שוין קוים דערלעבט אַריינצוגיין אין שמאָלן זאַווולעק, פאַרביי זאַלקינדס הויף. דאָ האָבן מיר צום צווייטן מאָל עטוואָס פרייער אָפּגעאָטעמט. אין זאַווולעק האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף אַ פויערש פורל. פרעג איך דעם דייטש, צי דערלויבט ער אַוועקצולייגן די זאַכן אויפן פורל ביזן געטאָ־טויער. „יאָ”, זאָגט ער, „אויב דער „באַוער” וועט ערלויבן און איך וועל אים באַצאָלן”...

אַז מען זאָגט, אַ גוטער דייטש, איז דאָך ניט שייך...

דער פויער האָט דערלויבט און מיר זיינען נאָכגעגאַנגען נאָכן פורל. ווי נאָך אַ לעבעדיקער לוויה...

נעבן קאַשציאָל פון „אַלע בלינדע” (אַלע הייליקע), האָבן מיר די זאַכן אַראָפּגענומען, באַצאָלט דעם פויער עטלעכע רובל פאַר די פּאָר טריט און מיר זיינען צו צום געטאָ־טויער...

ניט דער ליטווין, ניט די יידישע פּאָליציאַנטן פון אינעווייניק האָבן אונדז פאַרהאַלטן, מיר זיינען אַריין אין ערשטן, גרויסן געטאָ.

די יידישע פּאָליציאַנטן האָבן אונדז נאָר געפרעגט צי מיר זיינען פון ערשטן געטאָ. אונדזער דייטש האָט אונדז ווייטער געפירט איבער רודניצקער גאַס. פאַרן הויז נומער 6 איז אויפן מיטן גאַס געשטאַנען דער פּאָליציי־שעף גענס, מיט זיין געהילף — דעסלער. דערזעענדיק מיך, מיטן דייטש און בני־בית, האָט ער אַ פרעג געטאָן: „באַלבערישסקי, פונוואַנען קומט איר?” איך ענטפער אים: „פון צווייטן געטאָ”.

„שנעל גייט אין קאָמיסאַריאַט אַריין”, האָט ער אַ זאָג געטאָן.

גענסן האָב איך געקענט פון צוויי שמועסן מיט אים במשך דער צייט. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער „עוואַקואַציע” פון די אַלטע, שוואַכע און קראַנקע, וועלכע ער פלעגט לעצטנס צו אונדז שיקן פון דער גרויסער געטאָ. דאַקעגן, זיין געהילף דעסלערן, האָב איך אינגאַנצן ניט געקענט, אַפילו ניט געוווסט, אַז ער הייסט — דעסלער. זיין פאָטער, דעם אַלטן דעסלערן, האָב איך גראָד געקענט. אין די יאָרן 1919 — 1925 איז ער געווען פאָרזיצער פון דער

גוט־באַקאַנטער מעדיציניִשער געזעלשאַפט „משמרת־חולים", ווו איך בין אויך געווען פּאַרוואַלטונגס־מיטגליד.

הערנדיק פון גענסן דעם געשריי — „אין קאָמיסאַריאַט אַריין", האָב איך גלייך זייער באַדאַנקט דעם דייטש און בין שנעל אַריין מיט מיינע בני־בית אין קאָמיסאַריאַט. דער קאָמיסאַריאַט האָט זיך געפונען אין אַ געוועלב.

דאָ האָט אונדז איבערגענומען דער פּאָליציאַנט — חיים מאַלטשאַדסקי. ער איז געווען אַן אַלטער אַפּטייקער און האָט לאַנגע יאָרן געאַרבעט אין אַפּטייק פון „משמרת־חולים". מיר זיינען געווען צוזאַמען פּאַרוואַלטונגס־מיטגלידער אין פּאַרמאַצעווטן־אַנגעשטעלטן־פּאַראיין, און זייער באַפריינדעט. דערזעענדיק מיך אין אַזאַ מצב, האָט ער זיך געוואָרפן אויף מיר קושן, טרייסטנדיק אונדז, אַז דאָ וועלן מיר שוין ניט פּאַרפאַלן ווערן. אַבי זיך אַרויסגעראַטעוועט פון יענעם גיהנום... עס האָט זיך מיט אונדז גלייך אויך פאַרנומען דער „סערזשאַנט" פון דער פּאָליציי, פּלעשער. מאַלטשאַדסקי — אַ באַגאַבטער אַקטיאָר (חיים מאַלסקי), וואָס האָט זייער אָפט געשפּילט יידיש טעאַטער — און פּלעשער, האָבן אונדז גלייך געמאַכט אַן אָרט אין הינטערשטן צימער פון קאָמיסאַריאַט. דאָרט זיינען געשטאַנען עטלעכע ליידיקע אייזערנע בעטלעך, אויף צוויי פון זיי האָבן מיר זיך „איינגעאָרדנט".

דאָס איז געווען אונדזער ערשטע היים אין דער ערשטער, גרויסער וויל־נער געטאָ. געווען איז דאָס פאַרנאַכט, דינסטיק דעם 21טן אָקטאָבער 1941. אין אַ ווײַלע אַרום האָט פּריינט פּלעשער אונדז געבראַכט עטלעכע צעטעלעך אויף אָוונטברויט, אין דער פּאָליצייאישער קיך.

דערביי האָבן פּלעשער און מאַלטשאַדסקי מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן פון גענסן אַ דערלויבעניש אונדז צו האַלטן אין קאָמיסאַריאַט די גאַנצע נאַכט.

אַ דאַנק דערפאַר!

איך בין מיט די קינדער אַרויף אין דער פּאָליציי־קיך. זי האָט זיך געפונען אין זעלבן הויף פון רודניצקער 6. די קיך איז געווען אַ גרויסע. פינצטער־חושך. עס האָבן נאָר געפינקלט אַ פּאָר ליכטלעך. דער אָוונטברויט איז באַשטאַנען פון אַ טעלער זופּ און מערלעך מיט וואַסער. אָבער אַ טעפּל הייס וואַסער איז אין דעם מאָמענט געווען בעסער, ווי אַמאָל געשמאַקע פּאַסראַווועס.

אויסזופנדיק די זופּ, זיינען מיר אַראָפּ צו זיך „אין שטוב" און ווי געהרגעטע געפאַלן אויף די אייזערנע בעטלעך. די מאַמע האָבן מיר אַוועקגעלייגט אויף אַ מאַטראַץ.

מיר האָבן אין פאַרלויף פון טאָג דורכגעמאַכט אַן „אינטערעסאַנט" שטיקל אַרבעט. פונוואַנען מיר האָבן געשעפּט כוחות, קלאָרן פאַרשטאַנד און אַריינ־

טאַציע, כדי צו לאַווירן אין דעם בינטל אומגליקן — איז פּשוט ניט צו באַגרייפן...

אַלנפאַלס, דער ערשטער קבלת־פּנים, וועלכן מיר האָבן באַקומען אין אונדזער נייעם ווין־אָרט, האָט אונדז צוגעגעבן אַ סך מוט, גלייבן און האָפע־נונג אויף להבא.

אָט אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט פאַר אונדז דאָס ביטערע קאַפּיטל — די צווייטע, קליינע געטאָ, און מיר זיינען אַריין אין אַ נייעם קעסל־גרוב, וואָס האָט געהייסן — ערשטע, גרויסע ווילנער געטאָ.

מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט שוידערלעכע פּרטים פון דער ליקווי־דאַציע פון דער קליינער געטאָ. די גאַנצע נאַכט און דעם גאַנצן טאָג האָבן די ליטווישע באַנדיטן געבראַכן און געריסן יעדע טיר און אַריינגאַנג. זיי האָבן אויפגעבראָכן ניט נאָר טירן פון גאַס, נאָר אויך אַלע אַריינגענג, וואָס האָבן געפירט אין קעלערן, בוידעמער, קראָמען וכדומה. צו דער הייליקער אַרבעט האָבן זיי געבראַכט מיט זיך ספּעציעלע אייזערנע לאָמען און שטאַנגען.

די יידישע פּאָליציי, ווי ביי אַלע טשיסטקעס, האָט געפּרוּווט ראַטעווען, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. זעענדיק, אַז עס קומט פאַר אַ פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון דעם געטאָ, האָבן זיי געבומען ראַטעווען זיך אַליין און זייערע פאַמיליעס. אַ סך צו ראַטעווען איז זיי אָבער ניט געלונגען. זיי זיינען צוזאַמען מיט אַנדערע יידן אַוועק אויף פּאָנאַר. אַ טייל איז געלונגען צו אַנטלויפן און ראַטעווען זיך אין דעם ערשטן געטאָ. אַ גרויסע צאָל האָט זיך געראַטעוועט דורכן אויסבאַהאַלטן זיך אין פאַרשיידענע מעלינעס. איין גרויסע מעלינע איז געווען אויף גלעזער גאַס, אין אַ הויז וואָס איין וואַנט איז אַרויס אויף ברייטער גאַס, ווו ס'איז געווען אַטאַווישעס אַפּטייק. דורך אַ גרויסער מויער־וואַנט פלעגט מען אַריבערגיין מיט דער הילף פון אַ גרויסן לייטער און מ'האָט זיך געפונען אין אַ הויז מחוץ דעם געטאָ. די מעלינע איז אָבער שנעל דורכ־געפאַלן. אַ סך מעלינעס זיינען געווען אין צווייאיקע קעלערן, דאָפּלטע בוידע־מער, און אין צימערן מיט דאָפּלטע ווענט. בכלל זיינען די מעלינעס אין צווייטן געטאָ געווען גאַנץ פרימיטיווע, ווייל ס'איז פּשוט ניט געווען קיין צייט זיי צו מאַכן. אַ גוטע מעלינע איז געווען אויף יאַטקעווער 4, אין הויז וואָס האָט געגרענעצט מיט בונימאָוויטשעס הויז, פון דייטשישער גאַס נומער 22. דאָ איז געווען אַ גרויסע פאַרלאָזענע דירה. די גאַנצע שטוב מיטן באַלעבאַטישקייט איז געווען ניט געריררט. אין דער שטוב האָט מען געמאַכט אַ לאָך אין וואַנט און מ'איז אַריין אין אַ ניט גערירטער דירה אין בונימאָ־וויטשעס הויף. דאָס לאָך איז קינסטלעך פאַרשטעלט געוואָרן מיט אַן אַלמער. אין דער מעלינע זיינען בערך אַ 30 מאַן אָפּגעזעסן אַ חודש צייט. דורכגעפאַלן

איז די מעלינע ביי פאָלגנדיקע אומשטענדן: אַ יונגע פרוי האָט באַקומען אין ערשטן געטאָ אַ געלן שיין, צו וועלכן זי האָט צוגעשריבן איר פאָטער. דער פאָטער איז אָבער געזעסן אין דער מעלינע. די טאָכטער, וועלנדיק אים אַרויסנעמען פון דאָרט, האָט געבעטן איר „גוטן ליטווין", וועלכער האָט דעם שיין באַזאָרגט, ער זאָל זי באַגלייטן און העלפן אַריינפירן איר פאָטער אין געטאָ. זיי זיינען אַוועק צו דער מעלינע און אַרויסגענומען דעם פאָטער אין געטאָ אַריין.

אויפן אַנדערן טאָג איז דער ליטווין געקומען מיט געשטאַפּאָ און צוגע־נומען אַלעמען.

אייניקע האָבן אינסטינקטיוו דערפילט די געפאַר; ווי נאָר דער ליטווין איז אַוועק מיטן ייד, זיינען זיי גלייך אַרויס פון דער מעלינע. צווישן זיי איז אויך געווען די פרוי ראָזאַ בונימאָוויטש, וועלכע האָט ביי אונדז געאַרבעט אַלס פאַרוואַלטערין פון הויז. אַלע אַנדערע זיינען אַוועק אויף פּאָנאַר. דערונטער אויך איינער פון די ברידער בענדער, מיין געהילף אין דער דירות־אָפּטיילונג. כדאי צו פאַרצייכענען, אַז דעם גאַנצן חודש, וואָס די יידן זיינען געזעסן אין דער מעלינע, האָט זיי דער סטרוזש פון הויז באַזאָרגט מיט פּראָדוקטן און אַלעם נויטיקסטן.

וועגן אַ צווייטן אויסערגעוויינלעכן פאַל מיט אַ מעלינע, האָט מיר דער־ציילט מיין קוזינע, פרוי סאָניע קולביס (אַ טאָכטער פון געוועזענעם אייגנ־טימער פון וויין־גרויס־האַנדלונג, אַקסעלראָד־שוואַרץ). ביי דער ליקווידאַציע פון דער קליינער געטאָ זיינען זיי געווען אין הויף נומער 10, אויף יידישער גאַס (גרשון טעמקעס הויף). ווען זייער מעלינע האָט געהאַלטן ביים דורכפאַלן, האָבן זיי זיך געראַטעוועט אין אַ צווייטער שטוב. דאָרט איז געווען נאָר אַ פּראָ־וויזאָרישע מעלינע — אַ פּשוטער קעלער. זיי זיינען דאָרט אַריינגעלאָפן. אין קעלער זיינען געווען ביי 30 פּערזאָן. צווישן זיי אַ יונגע פרוי מיט אַ קליין זויגקינד אויפן האַנט. דאָס קינד האָט געוואַלדיק געשריען און די מאַמע האָט בשום אופן ניט געקענט עס איינשטילן. די לאַגע איז געווען אַ טראַגישע און העכסט געפערלעכע. די באַנדיטן וועלן דערהערן אַ געוויין פון אַ קינד — זיינען אַלע פאַרלוירן. וואָס טוט מען? ווען דאָס קינד האָט געוויינט אָן אויפהער, האָבן די איבעריקע גענומען שרייען צו דער מאַמען — זי זאָל דאָס קינד דערשטיקן... די מאַמע האָט ניט געוואָלט. האָבן דאַן אַנדערע געוואָלט מיט געוואַלד צונעמען דאָס קינד און אַליין עס דערשטיקן. די מאַמע האָט געיאָמערט און דאָס קינד ניט געגעבן...

זעענדיק, אַז ס'איז אוממעגלעך דאָס קינד צו באַרואיקן, האָט די מוטער פון קינד אַ זאָג געטאָן: „איך קען מיין קינד ניט דערשטיקן, איך געבן עס

צום טויטן, וועל איך אויך ניט. איך גיי אַרויס פון דער מעלינע, זאָל געשען דאָס, וואָס ס'איז מיר באַשערט. אייך זאָל גאָט אָפּהיטן. איך וויל ניט, אַז צוליב מיר זאָלן אומקומען אַזוי פיל יידן..."

די פרוי מיטן קינד איז אַרויס פון קעלער. האָט פאַרשטעלט און גוט פאַרמאַסקירט דעם אַריינגאַנג. זי איז געבליבן זיצן אין דער ליידיקער דירה... עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די באַהאַלטענע מענטשן האָבן דערהערט ווילדע קולות פון די רוצחישע ליטווינער, וואָס זיינען אַריין אין שטוב. דערזען די יונגע פרוי מיטן קינד, האָבן זיי זיך אויף איר אַ וואָרף געטאָן, ווי די חיות רעות, צוגענומען זי מיטן קינד און אָוועקגעפירט אויף פּאָנאַר. אַלע יידן, וועלכע זיינען געווען אין מעלינע, האָבן זיך געראַטעוועט, און אייניקע פון זיי האָבן אַפילו איבערגעלעבט די היטלער־תקופה. צווישן זיי אויך מיין קוזינע מיט איר מאַן — וואלאדיא קולביס.

שפּעטערצו האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן פאַרשידענע פאַלן פון מוט און גבורה: מענער האָבן זיך געקענט ראַטעווען פון די טויט־פּאַרטיעס; ליט־ווינער האָבן געוואָלט באַפרייען יונגע, שיינע פרויען פון אומקום; קינדער האָבן געהאָט די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן; עלטערן האָבן זיך געקענט ראַטע־ווען — אָבער פרויען האָבן זייערע מענער ניט פאַרלאָזן, מענער האָבן ניט איבערגעלאָזן אויף הפקר זייערע פרויען; קינדער זיינען ניט געלאָפן פון טאַטע־מאַמע, און עלטערן האָבן ניט אָוועקגעוואָרפן זייערע קינדער. אַלע האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, ניט איבערלאָזנדיק קיינעם אויף הפקר. אַלע זיינען אין איין ריי, געאָרעמט געגאַנגען צום טויט. אָפטמאָל פלעגט דאָס די דייטשן פשוט אַרויספירן פון געדולד, זיי האָבן ניט געקענט באַגרייפן די העראָישע צוגעבונדנקייט, די ענדלאָזע טרייקייט.

שפּעטער, אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, פלעגן מיר אָפט פירן וויכוחים וועגן דעם פּראָבלעם, צי די האַנדלונג איז געווען אַ ריכטיקע. מיר זיינען צו קיין באַשלוס קיינמאָל ניט געקומען... ווונדערלעכע נשמה־אויפטרייסלונגען ביים ראַנד פון אונטערגאַנג...

נאַטירלעך זיינען אויך געווען איינצלנע פאַרקערטע פאַלן, אָבער דער צוזאַמענבונד פון דער יידישער משפחה, די טריישאַפט פון מאַן, פרוי און קינ־דער, בעת די דאָזיקע גרויליקע איבערלעבענישן, זיינען געווען אַ מאָנומענ־טאַלער דערשיינונג.

פון זיכערע ליטווישע קרייזן האָט מען מיר איבערגעגעבן אַ פאַל, אַז אויף פּאָנאַר, ביים אַריינפירן די קרבנות, צו 5 מאַן, אין די גריבער צום דערשיסן, האָט אַ דייטשישער געשטאַפּאָוויעץ אַ געשריי געטאָן צו אַ יונגער יידישער דאַמע אין אַ שיינעם פוטער, אַז זי זאָל זיך אויסטאָן — אַנשטאָט אַן

ענטפּער האָט די יונגע דאַמע, אַ שפּיי געטאָן דעם געשטאַפּאָוויעץ אין פּרצוף אַריין...

די יונגע, שייגע דאַמע, איז שוין צום גרוב ניט דערגאַנגען: זי איז געפאַלן אויפן אָרט. עס האָט זיך אויף איר אַ שאָס געטאָן אַ האָגל מיט קוילן.

✶

אַ גרויסע היסטאָרישע עוולה ווערט באַגאַנגען, ווען מען פעלשט איצט באַוווסטזיניק די גרויסע יידישע מאַרטיראָלאָגיע פון דער חורבן־תקופה, מאַכנדיק פאַר העלדן נאָר די, וועלכע האָבן געקעמפט מיט געווער קעגן בלוטיקן שונא.

פאַסיווע, מאָראַלישע העלדן, מאָראַלישע קעמפער האָבן מיר געהאַט אַן אַ צאָל, מיליאָנען „הרוגי מלכות". ניט ריכטיק איז, אַז יידן זיינען געגאַנגען ווי שאָף צו דער שחיטה. ס'זיינען געווען טויזנטער פאַלן פון פערזענלעכן העלדנמוט און יידישן אויפברויז — פאַרן אומקום. די יידישע רעזיגנאַציע, אין יענע מאָמענטן, איז אויך געווען אַ ביישפּיללאָזע העלדישקייט! אין יענער תקופה און באַדינגונגען, זיינען זיי געפאַלן ווי העלדן, אַן געווער אין האַנט.

פון אָט דעם שפּיי אין דייטשס פּרצוף אַריין, וועט זיך דאָס דייטשישע פאָלק קיינמאָל ניט אָפּוואַשן!

אָן אייביקן דענקמאָל דאַרפן מיר זיי שטעלן, און עולה־רגל זיין צו אָט דעם דענקמאָל — די מענער, וועלכע האָבן, אין יענע בלוטיקע מאָמענטן, ניט געשיידט זיך פון זייערע פרויען. די פרויען, וועלכע זיינען געבליבן אין אומ־צערייסבאַרן בונד מיט זייערע מענער און צוזאַמען מיט זיי געטיילט דעם טרויעריקן גורל. די קינדער און די עלטערן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן געקניפּט און געבונדן ביז זייער לעצטן הייליקן, געלייטערטן אָטעם!

## דער גורל פון די מיטגלידער פון יודנראַט

אַ פּאָר טעג פאַרן ליקווידירן דאָס געטאָ האָט דער יודנראַט־מיטגליד, לעוויט, באַקומען אַ געלען שיין, אַלס אַרבעטער אין „קייליס". ערב דער ליק־ווידאַציע איז ער טאַקע דאָרטן אַוועק. („קייליס" איז געווען אַ גרויסע פוטער־פאַבריק אויף סלאָוואַצקי גאַס, געווען פולשטענדיק אָפּגעשלאָסן און האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ קליין געטאָ). די אַנדערע צוויי מיטגלידער פון יודנ־ראַט, לעווין און שניידערמאַן, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ מעלינע און זיינען אין עטלעכע טעג אַרום געקומען אין גרויסן געטאָ אַריין. פונדאַנען איז דער צווייטער צוגענומען געוואָרן ביי אַ טשיסטקע, און לעווין מיט זיין פאַמיליע איז אויף אַ פּראָוואָקאַטאָרישן אופן אַריינגעפירט געוואָרן אין גע־שטאַפּאָ, אין מאָמענט ווען ער האָט געזאָלט, מיט אַ דייטש פאַרן אין ווייס־

רוסלאַנד. לייבאָוויטש איז אויך קוים מיטן לעבן אַריינגעקומען אין ערשטן געטאָ און נאָך לאַנגע לויפענישן און תחנונים ביי פרידן, האָט ער אַרויס־באַקומען פאַר זיך אַ געלן שיין. ער איז אָבער בכלל לאַנג ניט געבליבן אין געטאָ, מיט זיין פאַמיליע איז ער אַוועק אין ווייסרוסלאַנד און דאָרט זיינען זיי אַלע אומגעקומען. אין אַ געוויסער צייט אַרום איז פון געטאָ אויך אַרויסגע־פאָרן זיין שוואָגער, דער אַדוואָקאַט פּאַווירסקי. דער פינפטער מיטגליד פון יודנראַט, פעלדמאַן, איז געקומען אין ערשטן געטאָ, דאָ האָט ער פאַר געלט באַקומען אַ געלן שיין און געווען דאָ די גאַנצע צייט.

פון די 5 יודנראַט־מיטגלידער לעבן צוויי: פעלדמאַן און לעוויט. פון די איבעריקע טוער פון געטאָ איז אויך געוואָרן ניט קיין בעסערער סוף. ד״ר פּאַטשטער איז דעם 19טן סעפטעמבער 1943 אומגעקומען אין לאַגער קלאָאָגא (אין עסטאָניע). חיים רעמיגאָלסקי, אַדוואָקאַט סמילג, זיינען געקומען אין דעם ערשטן געטאָ, אָפּגעווען דאָ עטלעכע טעג און געלאָזט זיך כאַפּן אויף דער ווענדקע פון דער יידישער פּאָליציי, אַז עס „וועט צוריק זיין אַ צווייט געטאָ", זיינען אַוועק אַהין און דאָרט אומגעקומען...

זאַקהיים איז, ווי עס שיינט, גלייך אומגעקומען אין דעם געטאָ, ביי דער ליקווידאַציע. קאַשוק איז געקומען אין דעם גרויסן געטאָ און דאָ געבליבן אַרבעטן אין פינאַנץ־אַמט.

יוטאַן, דער געוועזענער אינהאַבער פון אַנאָנסן־ביוראָ, איז פרייוויליק אַוועק אין דעם ליקווידירטן געטאָ.

די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון דעם קליינעם געטאָ האָט נאָך אָנגעהאַלטן כמעט אַ חודש צייט. דייטשן און ליטווינער פלעגן דאָרט אַלע ווילע זוכן און נישטערן. עס האָבן ניט געפעלט קיין יידישע מוסרים, וועלכע האָבן אָנגעוויזן אויף מעלינעס, פונוואַנען מ'האָט אַרויסגענומען יידן צו דער שחיטה...

די מויערן פון דעם געטאָ זיינען ניט פונאַנדערגענומען געוואָרן. זיי האָבן נאָך געדאַרפט אָפּשפּילן אַ טרויעריקע ראָל.

אין 10 טעג אַרום, איז דאָס געטאָ ווידער פאַרפולט געוואָרן מיט יידן, דאָס מאָל, די, וואָס זיינען געקומען אויף אַרבעט, אויסרוימען דאָס געוועזענע געטאָ. די „גליקלעכע" מיט די געלע שיינען, ווען זיי זיינען צוריקגעגאַנגען אַהיים (אין דער ערשטער, גרויסער געטאָ) האָבן זיך מיט זיי פאַראייניקט אַ סך יידן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן דאָ, אין פאַרשיידענע מעלינעס, און זיינען מיט זיי געקומען צוריק אין דער געבליבענער, גרויסער געטאָ.

אָט אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דאָס טראַגישע קאַפּיטל: צווייטע, קליינע געטאָ אין ווילנע. עקזיסטירט האָט דאָס דאָזיקע געטאָ פון 6טן סעפטעמבער 1941 ביזן 21סטן אָקטאָבער 1941, דאָס הייסט 46 טעג.

צווייטער טייל

# דאס גרויסע געטא

# דער אָנהויב

די טויערן פון דעם ערשטן גרויסן געטאָ, אַזוי גוט ווי די טויערן פון דעם צווייטן, קלענעם געטאָ, האָבן זיך ברייט געעפנט שבת, דעם 6טן סעפטעמבער 1941. פאַרטאָג, ווי עס האָבן זיך נאָר באַוויזן די ערשטע ליכטשטראַלן פון הערלעכן, ליכטיקן פרי־האַרבסט־טאָג, זייגען, לויט אַ פריער פּרעציז־צוגעגרייטן פּלאַן, אַלע גאַסן פון שטאָט אַרומגעשטעלט געוואָרן מיט דייטשן און ליטווינער. אַלע גאַסן־ווינקלען זיינען אַרומגענומען געוואָרן ווי אין אַ געשלאָסענעם רינג און אַ ייד האָט ניט געקאָנט שטעלן אַ טריט אויף אַ גאַס, אויב אים איז אַפילו געלונגען אַרויסצוגיין פון זיין הויף. ווי ווילדע בעסטיעס האָבן זיך די ליטווינער אַריינגעריסן אין די יידישע הייזער און גענומען יאָגן, מען זאָל גלייך אַרויס פון שטוב. האָט וועמען מזל געהאַט און אָנגעטראָפן אויף רואיקערע באַנדיטן, האָט מען געקאָנט נעמען מיט זיך אַ ביסל זאַכן, קליידער, וועש, אַזוי פיל וויפל מען האָט געקאָנט אויף זיך אַרויפלייגן און טראָגן. אַמערגסטן האָבן אָפּגעשניטן אין יעדן הויף די יעניקע צו וועלכע די מערדער האָבן זיך אַריינגעריסן צוערשט. די יידן האָבן גאָרניט באַוויזן מיט זיך צו נעמען. די אַנדערע שכנים האָבן שוין געהאַט אַ ביסל צייט זיך צוצוגרייטן. מען דאַרף באַמערקן, אַז, הגם, וועגן שאַפן אַ געטאָ האָט מען שוין פונלאַנג גערעדט, דאָך איז די גזירה אָנגעקומען פּלוצלינג און גאָר אַנדערש, ווי מען האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט. גערעכנט האָט מען, אַז אויף אַריבערצוקלייבן זיך אין אַ געטאָ, וועט מען געבן אַ געוויסע צייט. אויסגעלאָזן האָט זיך אינגאַנצן אַנדערש.

די אַרויסגעטריבענע יידן האָט מען געיאָגט אין פאַרשיידענע ריכטונגען. איין טייל האָט מען געטריבן צו רודניצקער גאַס, אַ צווייטע אין דער ריכטונג צו אַראָפּשלאָס־גאַס, אַנדערע ווידער אין לוקישקער טורמע. בייטאָג און פאַרנאַכט האָט מען אַ גרויסע צאָל יידן, הויפּטזעכלעך פון נאָוועגאָראָדער ראַיאָן, אַריינגעטריבן אין לידער געסל. פונדאַנען זיינען זיי, אין אַ פּאָר טעג אַרום, אַוועקגעפירט געוואָרן אין לוקישקער טורמע. איבער אַלע גאַסן האָבן זיך געצויגן פאַרטיעס יידן מיט וואַליזעס, זעק, פּעק אין די הענט און אויף

די פּלייצעס, ווער מיט מער, ווער מיט ווייניקער און ווער — גאָר מיט ליידיקע הענט. וואָס אַ שעה ווייטער, זייַנען די גאַסן פולער געוואָרן מיט געטריבענע ייִדן: מענער, פרויען, קינדער, אַלט און יונג. געגאַנגען איז אויך יעדער מיט זיין מזל: האָט ווער אַנגעטראָפן אויף אַ שטילערן באַנדיט, האָט יענער געלאָזט זיך אָפּשטעלן אַ מאָמענט און אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אַ מאָמענט אָפּרו איז געווען אַ גרויס גליק. אַנדערע באַנדיטן ווידער האָבן געיאָגט אַזוי, אַז די נשמה איז אַרויס, און די ערשטע זאַך, וואָס די אומגליקלעכע געטריבענע האָבן געטאָן, איז געווען — וואַרפן פון זיך די פּעקלעך, און ווי אַמשנעלסטן אַ לעבעדיקער אַריין אין געטאָ. ניט איינער פון די געיאָגטע האָט זיך געטראַכט: זאָל זיין געטאָ, אַבי מען זאָל זיין מיט זיך אַליין, זאָל מען נאָר פּטור ווערן פון די מערדער, וואָס שטייען איבער די קעפּ. און ווען מען איז אין געטאָ אַריין, איז ביי אַ סך פון אונדז אַראָפּ אַ שווערער שטיין פון האַרצן. פיל טויזנטער ייִדן האָבן צו דעם „גליק" אויך ניט זוכה געווען.

## מען אָרדנט זיך איין אין געטאָ

אַדורכגייענדיק דעם געטאָ־טויער, ווען מען האָט געטריבן און געיאָגט אויף די גאַסן, האָט מען אַפילו ניט באַמערקט, אַז פאַמיליע־מיטגלידער האָבן זיך פאַרלוירן. ערשט דאָ, אין געטאָ, האָט מען גענומען נאָכפרעגן איינער אויפן צווייטן. לאַנג אָבער שטיין און טראַכטן האָט מען אויך ניט געקענט. עס זיינען אָנגעקומען אַלץ נייע און נייע כוואַליעס מיט מענטשן. מען האָט געמוזט זוכן אַ שטוב, אַן אָרט ווו אַריינצוגיין. די יענקע, וואָס האָבן געהאַט באַקאַנטע, האָבן זיך גלייך צו זיי צוגעטוליעט. אַנדערע, מער רירעוודיקע, האָבן לאַנג ניט געטראַכט און פאַרנומען גלייך די ערשטע בעסטע וווינונג, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן. פאַרנומען און באַזעצט זיך, גלייך ווי מען וואָלט דאָרט געבוירן געוואָרן. ביים פאַרנעמען דירות האָט ווידער געשפּילט די הויפּט־ראָל — מזל. אייניקע האָבן אָנגעטראָפן אויף דירות מיט כל־טוב, מיט גוט בעטגעוואַנט, מעבל, אַלמערס מיט קליידער און וועש, אָפּט מיט פאַרשיידענער שטוביקער באַלעבאַטישקייט, גרויסע זאַפּאַסן עסנוואַרג, וועלכע די צוגענומענע בעלי־בתים פון די וווינונגען האָבן אָנגעגרייט פאַר זיך אויפן ווינטער און ניט זוכה געווען דאָס אויסצונוצן. אַנדערע האָבן געטראָפן זייער ווייניק זאַכן, אָבער גוטע דירות. אַנדערע ווידער האָבן אָנגעטראָפן אויף אַלטע חורבות. וואָס אַ שעה ווייטער האָט מען גענומען זיך איינפּרעסן אַלץ מער און מער אין די פאַרנומענע דירות. דער שטראָם פון מענטשן איז געגאַנגען אָן אויפהער ווייטער און ווייטער.

דאָס גאַנצע גרויסע געטאָ האָט זיך געפונען אין עטלעכע ענגע, און פאַרלאָזענע געסלעך. פאַרנאַכט האָבן די לעצט־געקומענע ניט געהאַט ווו אַריינ־צושטעלן אַ פוס. מען האָט שוין פאַרנומען אַלע קלויזן, בתי־מדרשים, גע־שעפטן און קליינע קרעמלעך און די שפּעטער־געקומענע זיינען געבליבן אויפן גאַס, אין די הייף, אויף די טרעפּ און אין קאָרידאָרן. דאָס געשריי, דער געפּילדער, די פאַרצווייפלונג, די קולות און געוואַלדן האָבן אַ געזונטן מענטשן געקענט אַראָפּפירן פון זינען.

ביז שפּעט אין דער נאַכט און אויך אין די ווייטערדיקע טעג האָט מען געזוכט פאַמיליען־מיטגלידער, פריינט, קרובים, באַקאַנטע. אַזוי לאַנג ווי מען איז געווען צעוואָרפן איבער דער גאַנצער שטאָט, האָט מען ניט געוווּסט גענוי וועגן דער אמתער לאַגע, וועגן דער צאָל מענטשן, וואָס איז פאַרשווּנדן, ווייל צוליב די כאַפּענישן אויף די גאַסן האָט מען זיך זייער ווייניק געטראָפן. ערשט איצט האָט מען גענומען דערגיין דעם אמת וועגן דער צאָל פאַרשווּנדענע.

דער מאַרש אין געטאָ אַריין האָט געדויערט דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג.

## די אַנטשטייאונג פון יודנראַט

שפּעטער אין קאָנצענטראַציע־לאַגער קלאָאַגאַ, אין עסטלאַנד, האָט מיר אינזשיניער פריד, דער געוו. עלטסטער פון יודנראַט, דערציילט וועגן דעם אַנטשטיין פון יודנראַט אין דעם גרויסן געטאָ.

ווען די דייטשן האָבן עטלעכע טעג פאַרן גיין אין געטאָ ליקווידירט דעם יידישן קאָמיטעט און צוגענומען כמעט אַלע זיינע מיטגלידער, זיינען געבליבן בלויז ער — פריד, אברהם זיידשנור, גריגאָרי יאַשונסקי, פישמאַן און מילקאַנאָוויצקי. פריד און מילקאַנאָוויצקי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין יידישן שפּיטאָל, אַלס קראַנקע. אויף דעם זעלבן אופן האָבן זיך אין שפּיטאָל „גע־ראַטעוועט" זייער פיל יידן. דער שפּיטאָל האָט זיך געפונען אויף דער טערי־טאָריע פון שפּעטערדיקן גרויסן געטאָ, און ווען מען האָט אַהער אַריינגע־טריבן די יידן פון רעשט שטאָט, זיינען זיי אַרויס פון זייער באַהעלטעניש. צופּעליק האָט מורער, דער צורר פון ווילנער געטאָ, געטראָפן אויפן גאַס פרידן, וועלכן ער האָט געקענט פון פריערדיקן קאָמיטעט. מורער האָט אים גלייך נאָמינירט אַלס „אָבמאַן" (יידן האָבן אים שפּעטער גערופן „אָבמאַן", וואָס אין רוסיש הייסט עס פאַלשקייט, אָפּנאַרעריי). דערביי האָט ער אים באַפוילן צו נעמען צו זיך נאָך 4 פּערזאָן און בילדן אַ יודנראַט. פריד האָט צו זיך צוגענומען אַדוואָקאַט מילקאַנאָוויצקי (ציוניסט) און דעם אַנטווערקער פישמאַן — אַ שוסטער (אַ בונדיסט), זיי ביידן האָט ער געקענט פון פריער־דיקן קאָמיטעט. ער האָט אויך געצווּנגען אָנצונעמען דעם פּערטן אַמט דעם

אומפּאַרטייאישן אינזשיניער גוכמאַן, וועלכער האָט דאָס בפירוש ניט געוואָלט. פריד האָט אים אָבער פאַרזיכערט, אַז ער וועט זיך פאַרנעמען בלויז מיט טעכנישע ענינים, ווייל דאָס געטאָ מוז האָבן אַ ספּעציאַליסט אַן אינזשיניער. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אין געטאָ אַריין דער יונגער אַדוואָקאַט גריגאָרי יאַשונסקי (בונדיסט) און ער איז געוואָרן דער 5טער מיטגליד פון יודנראַט. ווייטער האָט מיר פריד איבערגעגעבן: זייענדיק אין שפּיטאָל עטלעכע טעג, האָט ער זיך דאָרט באַקענט מיט דעם צייטווייליקן אינטענדענט פון שפּיטאָל יעקב גענס.

דער שטענדיקער אינטענדענט, ה. קאַגאַן, איז האַרט פאַרן אויסברוך פון דער דייטשיש־סאָוועטישער מלחמה אַרויסגעפאָרן אויף קוראַציע אין קיסלאַ־וואָדסק, און ווי זיין פאַרטרעטער איז דורך דער שטאָט־פאַרוואַלטונג באַשטימט געוואָרן גענס.

**ווער איז יעקב גענס?**

יעקב גענס האָט געשטאַמט פון שאַוועל. ער האָט געענדיקט די ליטווישע יונקער־שול און איז געווען עלטערער לייטענאַנט אין דער ליטווישער אַרמיי, אין וועלכער ער האָט געדינט עטלעכע יאָר. ווען ער איז דעמאָביליזירט געוואָרן, האָט ער באַקומען דעם ראַנג — קאַפּיטאַן. ער איז געוואָרן סעקרעטאַר אין דער שאַוולער טורמע. פון וואַנען ער איז שפּעטער באַזייטיקט געוואָרן אַלס ייד. ער ווערט בוכהאַלטער אין גרויסן ליטווישן קאָאָפּעראַטיוו „ליעטוקיס". ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ ליטווינערין, אַ טאָכטער פון אַ ליטווישן אָפיציר. גענס איז געווען אַ ציוניסט־רעוויזיאָניסט. אין געטאָ איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל:

גענס טראָגט אַ לענטע, אַ ווייס־בלויע,
אין שטוב האָט ער אַ פרוי — אַ גויע.

גענס האָט געהאַט אַ דערוואַקסענע טאָכטער פון אַ יאָר 15, וועלכע האָט געלעבט מיט דער מוטער מחוץ דעם געטאָ. ווען ראַטנפאַרבאַנד האָט אָפּגעגעבן ווילנע צו ליטע און ווילנע איז געוואָרן די הויפּט־שטאָט פון דער ליטווישער רעפּובליק, האָבן זיך די מלוכה־אַמטן ביסלעכווייז גענומען אַריבערציען פון קאָוונע קיין ווילנע. גענס איז דאַן געקומען קיין ווילנע און באַקומען דעם אַמט פון בוכהאַלטער אין דער שטאָטישער געזונטהייטס־אָפּטיילונג. אויף דעם אַמט איז ער געבליבן ביזן מאָמענט, ווען די שטאָט איז אַריבער צו דער סאָוועטישער מאַכט. אין דער צייט איז ער באַשטימט געוואָרן ווי דער פאַר־טרעטער פון אינטענדענט אין יידישן שפּיטאָל. אויפן דאָזיקן אַמט האָט אים פאַרכאַפּט די דייטשישע אָקופּאַציע. גענס איז פרידן געפעלן געוואָרן, אַלס

יונגער, ענערגישער מענטש און דערצו נאָך אַלס געוועזענער מיליטער־מאַן. ער האָט אים גלייך פאַרגעלייגט דעם אַמט פון פּאָליציי־קאָמענדאַנט אין געטאָ, וואָס גענס האָט אַקצעפּטירט.

אויף אַזאַ אופן זיינען אָט די 6 פּערזאָן געוואָרן די פּאַקטישע מושלים פון געטאָ. זיי האָבן באַקומען פון די דייטשן דאָס רעכט און די מעגלעכקייט צו דעצידירן „מי יחיה — מי ימות". ס'איז אַוועק אין געטאָ אַ האַנדל מיט מענטשלעכע לעבנס. ווער עס האָט געהאַט אַ צוטריט צו די פירנדיקע פּערזאָנען, דער האָט אויף אַ געוויסער צייט זיין לעבן געראַטעוועט. דער פּשוטער ייד איז געווען הפקר און געמוזט זוכן אַנדערע וועגן, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען. אין דער ערשטער צייט ביי געוויסע דייטשן, אין געוויסע איינצלנע פאַלן, האָט געהאָלפן געלט. די טראַנזאַקציעס פלעגן דורכפירן ספּריטנע מאַכערס דורך „זייערע גוטע דייטשן" פאַר גאָלד, בריליאַנטן, און אַזוי אַרום געראַטעוועט דעם אָדער יענעם. אָבער פון דער הילף האָבן געקענט געניסן בלויז זייער רייכע יחידים.

## דאָס געטאָ־לעבן אין די ערשטע טעג

זונטיק, דער ערשטער טאָג אין געטאָ, איז אַוועק אויף איינאָרדענען זיך. מאָנטיק פרי זיינען די יידישע „קנעכט" אַוועק צו זייער אַרבעט אַזוי ווי גאַרניט וואָלט פּאַסירט. היות ווי ביי זייער פיל משפּחות האָט מען שבת צוגענומען משפּחה־מיטגלידער און אַוועקגעפירט אין לוקישקער טורמע, וואָס עס האָט באַדייט טויט, האָט מען אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען אין שטאָט מיט די גוטע דייטשן, ביי וועלכע מען האָט געאַרבעט, אַז זיי זאָלן זען צו ראַטעווען די מענטשן. אין געוויסע פאַלן האָט דאָס געהאָלפן. פאַר גאָלד און אַנדערע טייערע חפצים האָט מען איינצעלנע אַרויסגענומען. פון די יידישע מאַכערס האָבן זיך אויסגעצייכנט די בריגאַדירן: וואַראַן, ווייסקאָפּ, אַזעליאַנסקי. זיי האָבן מיט זייערע „גוטע" דייטשן געפירט דעם מסחר.

אין געטאָ זיינען אַלע ווינקעלעך אין די הייזער, אין די קאָרידאָרן, אויף אַלע טרעפּ און אין אַלע געוועלבער געווען אָנגעפּראָפּט קאָפּ אויף קאָפּ. די יעניקע, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט גוטע דירות, האָבן בשום אופן ניט געוואָלט אַריינלאָזן נייע שכנים. דער דראַנג פון די מענטשן, וועלכע זיינען געלעגן פּשוט אויף די גאַסן, איז אָבער געוואָרן אַזוי שטאַרק און צודרינגלעך, אַז פיל האָבן געמוזט נאָכגעבן. עס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט דאָס זעלבע, וואָס אין דעם קליינעם געטאָ, נאָר אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב. ביי אַ וואָך צייט איז אַוועק, ביז אַלע האָבן באַקומען אַ דאַך איבערן קאָפּ.

לויט דעם, וואָס עמעצן איז געלונגען מיט זיך צו ברענגען אין געטאָ,

לויט דעם, וואָס פאַר אַ דירה ער האָט פאַרנומען און דער עיקר, לויט דעם אָרט, ווו מען האָט געאַרבעט — האָבן זיך אין געטאָ אויסגעבילדעט נייע קלאַסן.

אויסערגעוויינלעך טראַגיש איז געווען דער גורל פון די יידן, וועלכע מען האָט שבת אַריינגעטריבן אין לידער געסל, וואָס האָט זיך געפונען אויף יענער זייט פון געטאָ. נאָכן אָפּהאַלטן זיי 2 טעג און 2 נעכט אונטערן פרייען הימל, האָט מען זיי אָוועקגעפירט צו דער שחיטה.

איך האָב שוין אָנגעוויזן, אַז גייענדיק אין געטאָ, האָט מען גערעכנט, אַז דאָס איז דער לעצטער ביטערער טראָפּן אין כוס פון ליידן און אַז דערמיט וועלן זיך ענדיקן די פּלאָגן און פון איצטער אָן וועט מען צורו לאָזן. וואָס אייגנטלעך קען שוין זיין נאָך ביטערער? אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג איז שוין פאַרשוווּנדן אָן אַ שפור. די איבעריקע האָט מען פון זייערע הייזער, געשעפטן, וואַרשטאַטן און אַנדערע פרנסה־קוועלן באַזייטיקט. איצט געפינט מען זיך אין אַן ענגשאַפט און שמוץ, באַרוועס און נאַקעט, ממש אָן אַ העמד אויפן לייב. וואָס קען נאָך ערגער זיין? וואָס פאַר אַ רשעות קענען זיי נאָך טאָן? און פיל האָבן טאַקע אָפּגעפּסקנט: „איצט וועלן זיי אונדז צורו לאָזן". אַגב, זיינען אַזוי אויך „געטרייסט" געוואָרן די יידישע אַרבעטער דורך די „גוטע" דייטשן און „גוטע" ליטווינער און „גוטע" פּאָליאַקן. זיי פלעגן זאָגן: „פאַרפאַלן, וואָס געווען ביז איצטער איז אַוועק, ווער עס האָט אויסגעהאַלטן ביז איצט און לעבן געבליבן, דער וועט שוין איבערלעבן"... אָט ביי אַזעלכע שטימונגען האָט מען זיך גענומען איינאָרדנען און צופּאַסן זיך צום נייעם געטאָ־לעבן. יעדן טאָג פלעגן דייטשן און ליטווינער קומען אין געטאָ, נעמען „זייערע לויטע" צו דער אַרבעט און פאַרנאַכט זיי צוריק אַריינפירן אין געטאָ.

אָבער אַ ביטערן טעות האָבן געהאַט די אַלע חכמים, וואָס האָבן געמיינט, אַז אין געטאָ וועט מען צורו לאָזן.

מאָנטיק, דעם 15טן סעפּטעמבער, שפּעט אין אָוונט, איז אין געטאָ געקומען דער געשטאַפּאָוויעץ — שווייגנבערג, און געפאָדערט פון יודנראַט 2000 פּערזאָן. דאָ האָט דער יודנראַט געהאַנדלט אַנדערש, ווי אין דעם קליינעם געטאָ. ער האָט אַרויסגעשיקט די פּאָליציי און זי האָט אין משך פון אַ פּאָר שעה געשאַפן די נויטיקע צאָל.

די קרבנות זיינען גלייך אַרויסגעפירט געוואָרן אין לוקישקער טורמע און אין אַ פּאָר טעג אַרום אויף פּאָנאַר. די דאָזיקע געשעעניש האָט אַלעמען אויפגעטרייסלט: הייסט דאָס, אַז אין דעם געטאָ איז אויך ניט זיכער! נאָך דער „טשיסטקע" איז אין געטאָ געוואָרן אַ ביסל געראַוּמער. די שכנים פון די

אָורעקגענומענע האָבן זיי גלייך אָפּגעירשנט, און דאָס לעבן אין געטאָ איז זיך ווייטער אָוועק „נאָרמאַל".

**די „טשיסטקע" אין יום־כיפּור**

(מימוואָך, דעם 1טן אָקטאָבער 1941)

אין דעם גרויסן געטאָ האָט זיך די „טשיסטקע" אָנגעהויבן נאָך נעילה, אַזייגער 8 אָונט, נאָכדעם ווי די מחבלים האָבן פון דעם קליינעם געטאָ אַרויסגעפירט די לעצטע פּאַרטיעס. זיי האָבן גענומען מענטשן פון גאַס, ווען זיי האָבן נאָר געטראָפן. אָבער די אַקציע איז צוגעגאַנגען זייער שווער, ווייל מען האָט געוווסט וועגן דער אַקציע אין דעם קליינעם געטאָ און מען האָט זיך שנעל אויסבאַהאַלטן. דער יודנראַט און געגנס זיינען זייער ניט צופרידן געווען פון דעם, וואָס די דייטשן „נעמען אַליין", ווייל די אַקציע ציט זיך צו לאַנג און דערביי קענען אַריינפאַלן אייגענע מענטשן. דעריבער האָבן זיי פאַרגעלייגט שוויינענבערגן, אַז ער זאָל אָפּשטעלן די כאַפּעניש און זיי וועלן אים צושטעלן די נויטיקע צאָל. באַקומענדיק זיין הסכמה, האָבן זיי גלייך אַרויס־געשיקט די פּאָליציי און געהייסן אויסרופן אויף די הייף, אַז אַלע, וועלכע אַרבעטן אויף דייטשישע פּלעצער און האָבן אַרבעט־שיינען, זאָלן תיכף זיך מעלדן ביים טויער, ווו מען וועט די שיינען שטעמפּלען און רעגיסטרירן. היות ווי אין די לעצטע טעג האָט זיך טאַקע געטומלט, אַז אויף די שיינען וועט מען דאַרפן האָבן אַ ספּעציעלן שטעמפּל „פּאַכמאַן", האָבן אַלע אָנגענומען, אַז דאָס וועט זיין אַ רעטונג פאַר די פאַמיליעס און מען איז גלייך אָוועק צום טויער. אויף אַזאַ אופן האָט מען באַקומען די נויטיקע צאָל קרבנות. שוויי־נענבערג איז געווען מלא שמחה און די בעסטע יידישע פּאַכמענער־האַנטווער־קער זיינען דעם אָונט אָוועק צו דער שחיטה. נאָך די אַקציעס, וועלכע האָבן איינגעשלונגען ביי 4000 נפשות, איז אין יעדע געטאָס געוואָרן געררוים — אַ מחיה... אָך און וויי.

מער קיין אַקציעס זיינען דערווייל אין דעם גרויסן געטאָ ניט געווען.

## אונדזער לעבן אין גרויסן געטאָ

נאָכן איבערנעכטיקן די ערשטע נאַכט אין קאָמיסאַריאַט פון דעם גרויסן געטאָ, בין איך אויף מאָרגן פרי אַרויס אויפן הויף פון רודניצקער 6, ווו דער קאָמיסאַריאַט האָט זיך געפונען. דאָ איז געווען דער יודנראַט, די פּאָליציי־קאָמאַנדאָ און אַנדערע געטאָ־אינסטיטוציעס. אין דעם הויף האָבן אויך געוווינט

אַלע „גדולים" פון געטאָ. דער דאָזיקער הויף איז אייגנטלעך באַשטאַנען פון פריערדיקע 3 באַזונדערע הייף. דאָ האָט ממש געשווירבלט און געגריבלט מיט מענטשן, אָנגעלאָפענע פון דעם ליקווידירטן קליינעם געטאָ. זיי האָבן אויסגעזען ווי ניט ביים זינען. אייניקע געוועזענע מיטאַרבעטער פון דאָרטיקן יודנראַט האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום מיר און געבעטן, מען זאָל זען צו שאַפן אַ ביסל ברויט, ווייל מען איז שוין 2 טעג אָן עסן. איך האָב געמאַכט אַ ליסטע פון אַלע פאַרזאַמלטע און בין אַוועק צום לייטער פון אַפּראָוויזאַציע־אַמט אַדוואָקאַט גריגאָרי יאַשונסקי, וועלכער האָט מיין ליסטע אונטערגעשריבן און איך האָב באַקומען צו אַ לעבל ברויט אויף אַ פערזאָן. דאָס ברויט האָב איך גלייך אויפן הויף פאַרטיילט. דאָ האָט מיך אָפּגעשטעלט דער גוט באַקאַנטער אין ווילנע קולטור־טוער, דירעגענט יעקב גערשטיין, ער האָט פאַר מיר אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ: „איר זעט, איך בין אַלט, קראַנק, הונגעריק און אָן אַ שיין. איך האָב ניט ווו זיך צוצוטוליען. יונגע שניעקעס, ספּריטנע, זיי זיינען די פירער. פאַר געלט באַקומט מען שיינען. איך, אָבער, דריי זיך אַרום אויף גאַטס וועלט און קיינער וויל מיך ניט קענען". זיינע רייד האָבן מיך געשניטן ווי מיט אַ מעסער, אָבער וואָס האָב איך געקענט טאָן? אָט שטיי איך אַליין מיט 4 נפשות ווי אַ הונט אויפן הויף, אָקאָרשט אַרויס פון אַזאַ פייער. ברויט האָב איך געהאַט, האָב איך אים געגעבן אַ האַלב לעבל און אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָכאַמאָל. ער האָט מיר מיט טרערן אין די אויגן געדאַנקט און טרערן האָבן זיך אויך ביי מיר געגאָסן פון די אויגן. אין ניט קיין בעסערן צושטאַנד האָב איך אויך געטראָפן מיינע גוטע פריינט ברוך ליובאָצקי, חיים סעמיאַטיצקי, חיים לעווין, דעם געוועזענעם רעדאַקטאָר פון דער ציוניסטישער צייטונג אין ווילנע. אַלע זיינען זיי געווען אָן שיינען. איך האָב דאָ אויך געטראָפן חיים רעמיגאָלסקין, קאַשוקן, דעם געזו. דירעקטאָר פון בונימאָוויטשעס באַנק, די לערערין טראָקמאַן, דעם אַרטיסט ישראל סעגאַל פון ליטע און נאָך אַ ריי פערזאָנען, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון דעם קליינעם געטאָ.

איך מיט מיין משפּחה זיינען אַריין אין בנין פון יודנראַט. אויפן פאַרטער האָבן מיר געפונען אַ ליידיק צימער, אָן קיין שום מעבל, האָבן מיר זיך אַלע אויסגעלייגט אויף דער ערד מיט אונדזערע עטלעכע בידנע פעקלעך. אוודאי האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז לאַנג זיין דאָ, וועלן מיר ניט קענען, אָבער אַ חיי־שעה איז אויך גוט...

איך בין אַריין צום הויז־פאַרוואַלטער בורשטיין, אַ געזו. אינהאַבער פון אַ ראָווערן־געשעפט. הערנדיק מיין פאַמיליע־נאָמען, פרעגט ער: „איר זייט באַלבערישסקי, דער מיטאַרבעטער פון „טאָג"? — „יאָ" — ענטפער איך. — „זייט איר דער, וועלכער האָט אָרגאַניזירט די זעלבסטשוץ, ווען פּראָפעסאָר

— יאקסא כאמיעץ האָט געוואָלט אין ווילנע מאַכן אַ פּאָגראָם?" „יאָ" — זאָג איך — „דאָס איז שוין אַן אַלטע מעשה. היינט איז אַן אַנדערע לאַגע". „ניין" — זאָגט בורשטיין — איר האָט פאַרדינט, אַז ווילנע זאָל אייך העלפן". ער האָט מיר צוגעזאָגט צו טאָן, וואָס נאָר מעגלעך. אַ גליקלעכער בין איך געקומען אין „מיין שטוב". די שמחה פון די שטוביקע איז געווען ניט צו באַשרייבן. ווען איך בין צו אים אויף מאָרגן געקומען, האָט ער מיך אַריינגעפירט אין אַ ליידיק, שמוציק, פינצטער געוועלבל, און דאָס האָט געזאָלט זיין די דירה. אין דעם מאָמענט איז דאָס פאַר מיר געווען ניט קיין דירה, נאָר גראַף פּאָטאָצקיס פּאַלאַץ.

מיר האָבן זיך גלייך אַריינגעקליבן אין אונדזער נייער דירה. עפענענדיק אַ ביסל דעם לאָדן פון גאַס, האָבן מיר ערשט דערזען אונדזער „פּאַלאַץ" — אַ קליין געוועלבל פול מיט שמוץ, אָן אַן אויוון; אַ חורץ אַ טישל און אַ צעבראָכן בענקל, איז אין דער דירה גאָרניט געווען. ווען מיר זיינען אַרויס אויפן הויף נאָכן ברענגען אונדזער דירה אין אָרדענונג, האָבן מיר דערהערט נייע טרויעריקע קלאַנגען, אַז אויף מאָרגן גרייט זיך שוין אַ נייע טשיסטקע. דאָס בלוט אין די אָדערן האָט געפרירט. נאָך ניט באַוויזן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם און שוין ווידער אַ נייע שחיטה. קלאָר, אַז אין אונדזער דירה קען מען קיין סעקונדע ניט בלייבן: אַן אָפענע קראָם, אַן אַריינגאַנג פון הויף און פון גאַס. דאָס איז דאָך קיין שום באַהעלטעניש. וואָס טוט מען? מיט אַן אָוונט פריער בין איך געווען ביי פרידן. געבעטן אים, ער זאָל מיך זען צו ראַטעווען. ער האָט מיר געענטפערט אין רוסיש: „איך האָב ניט קיין שיינען, טוט וואָס איר ווילט".

צומאָרגנס האָבן זיך אויף רודניצקער 6 צונויפגעקליבן טויזנטער מענטשן: אַלע מיט די אַלטע ווייסע שיינען, אַלע די, וואָס האָבן ניט געהאַט קיינע אויסזיכטן צו באַקומען אַ געלן שיין. דער עולם האָט זיך אַריינגערוקט אין בנין פון יודנראַט. עס זיינען אָנגעפולט געוואָרן אַלע גרויסע, ברייטע קאָרידאָרן, די טרעפּ. מען איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ. דער עולם האָט געשריען, געשטורעמט, אַז דער יודנראַט האָט צוגענומען אַלע געלע שיינען, אַז ער אינטערעסירט זיך ניט מיט ראַטעווען יידן, קלערט נאָר צו ראַטעווען זיך און זיינע נאָענטע. זעענדיק, אַז פון דעם רעש וועט קיין שום קאָנקרעטס ניט אַרויסקומען, בין איך מיט דער הילף פון עטלעכע באַקאַנטע אַרויפגעקראָכן אויף די אויבערשטע טרעפּ און זיך געווענדט צום עולם מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „יידן, ברידער און שוועסטער! פון אונדזערע געשרייען דאָ וועט קיין זאַך ניט אַרויסקומען. די לאַגע איז העכסט געפערלעך. אונדזערע שעהען צו לעבן זיינען ממש געציילטע. אויב מיר וועלן ניט געפינען קיין ריכטיקן וועג און מיטל, ווי זיך צום ראַטעווען, גייען מיר אַלע אונטער". ס'איז אויסגעבראָכן אַ געוויין, אַז איך אַליין האָב קוים ווייטער געקענט זיך באַהערשן. „די איינציקע רעטונג — האָב איך ווייטער

גערעדט — איז שאַפן אַ גרויסע סומע געלט און געבן דעם יודנראַט, ער זאָל זען ראַטעווען, וואָס עס לאָזט זיך. צי זייט איר מסכים?" „יאָ, יאָ" — האָט מען גענומען שרייען פון אַלע זייטן — „מיר גיבן אַלץ אַוועק, אַבי דאָס לעבן צו ראַטעווען!" עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ דעלעגאַציע פון 5 מאַן און מיר זיינען אַוועק צו פרידן און גענסן.

איך האָב איבערגעגעבן פרידן, וואָס דער עולם וויל און געבעטן אים, ער זאָל רופן גענסן. אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין גענס געווען אין קאַבינעט און דערקלערט קלאָר און אָפן, אַז מאָרגן וועט פאָרקומען אַ טשיסטקע. מען וועט צונעמען אַלעמען, וועלכע האָבן ניט קיין געלע שיינען. קיין שום רעטונג איז ניטאָ. ווען מיר האָבן אים געזאָגט וועגן געלט, האָט ער דערקלערט, אַז ער גלויבט נישט, אַז מען וועט קענען שאַפן אַ סך געלט. מיר האָבן אים דערקלערט, אַז מיר גאַראַנטירן פאַר אַ גרויסער סומע, זאָל ער נאָר זען צו פועלן ביי די געסטאַ־פאָוצעס. „גוט" — האָט גענס געענטפערט — „איך גיי צו זיי אין שטאָט און וועל טאָן, וואָס נאָר מען וועט קענען"...

פריד האָט צוגעגעבן, אַז די דייטשן האָבן געגעבן 3500 געלע שיינען; אויף זיי קען מען צושרייבן פרויען און קינדער, צוזאַמען 14000 מענטשן. מער קיין מענטשן טאָרן אין געטאָ ניט זיין. אַלע איבעריקע וועט מען צונעמען, אַלס ניט־לעגאַלע.

פון דעם גאַנצן שמועס איז אונדז געוואָרן פינצטער און ביטער. מיר האָבן איבערגעגעבן דעם עולם, אַז גענס גייט אין שטאָט צו דער „געסטאַפּאָ" און אַז די האָפענונגען זיינען זייער שוואַכע. מיט צעבראָכענע געמיטער זיינען מיר זיך אַלע צעגאַנגען.

גענסן האָב איך אָפּגעוואַרט ביים טויער. ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער מיר גלייך געזאָגט, אַז ער האָט קיין זאַך ניט געפועלט.

„וואָס זאָל איך, ה' קאָמענדאַנט, טאָן, איך האָב 5 נפשות".

„אויב איר האָט ווּהין, גייט אַרויס פון געטאָ" — האָט ער מיר געענטפערט.

איך בין אַוועק צו מיין פאַמיליע אַ צעבראָכענער. וואָס טוט מען, ווו גייט מען!?

דעם גאַנצן צווייטן האַלבן טאָג זיינען מיר אָנגעטאָענע אין די מאַנטלען אַרומגעגאַנגען אין הויף, פאַרחושכטע, זעענדיק דעם טויט פאַר די אויגן!

איך האָב זיך דערוווּסט, ווּ עס וווינט מאַקס קאַנטאָראָוויטש, דער איידעם פון דעם אַפּטייקער פאַק. איך האָב געוווּסט, אַז ער, אַלס אַרבעטער פון ה.ק.פּ. האָט אַ געלן שיין. מיט ביידע קינדער בין איך צו אים אַוועק. ער האָט געוווינט אויף לידסקער געסל. דער אריינגאַנג איז געווען דורך סטראַשונאַ־גאַס. די דורכגענג צום הויף האָבן געפירט דורך אויסגעהאַקטע לעכער אין די מויערן.

זייער דירה איז באַשטאַנען פון 2 צימערן מיט אַ פּיטשינקער קיכעלע. די פאַמיליע קאַנטאָראָוויטש האָט געוווינט אין ערשטן צימער. דאָס צימער איז געווען די גרויס אַ 14 קוואַדראַט־מעטער און אין אים האָבן געוווינט 3 פאַמיליעס, צוזאַמען 12 נפשות. אין צווייטן צימער האָבן געוווינט אומגעפער, אויך אַזוי פיל מענטשן. אין ערשטן צימער האָט געברענט אַ קליין ליכטל. די גאַנצע פאַמיליע קאַנטאָראָוויטש איז באַשטאַנען פון 4 פּערזאָן: ער, די פרוי און צוויי קינדער. מיט זיי איז נאָך געווען די אַלטע פרוי פּאַק, די צווייטע טאָכטער — ריינדזיון מיט אַ קליין קינד. (דעם מאַן האָבן די דייטשן צוגענומען גלייך ווי זיי זיינען אַריין אין שטאָט). די גאַנצע פאַמיליע איז געזעסן אויף אַ „טאַפּטשאַן", וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר ברעטער אויף ציגל און אויף דעם אַ ביסל בעטגעוואַנט. אויף דעם „טאַפּטשאַן" זיינען געשלאָפן אַלע 4 פאַמיליע־מיטגלידער.

איך זאָג צו קאַנטאָראָוויטשן: „מילא, וואָס מיט אונדז וועט זיין — וועט זיין, די קינדער וויל איך ראַטעווען. נעמט זיי צו זיך אויפן מאָרגנדיקן טאָג, ביז איבער דער טשיסטקע. דערנאָך וועלן מיר ווייטער זען". קאַנטאָראָוויטש איז גלייך אויף דעם איינגעגאַנגען. אָבער דאָ האָבן זיך אַריינגעמישט די שכנים, וועלכע האָבן געהערט דעם שמועס. זיי האָבן אַ זאָג געטאָן: „ניין, דאָס קען ניט זיין. מיר וועלן אין שטוב ניט אַריינלאָזן מיט קיין ווייסע שייגעץ. מיר וואָלטן אייך וועלן ראַטעווען, אָבער — מיר קענען ניט... איר טאָרט דאָס גאָרניט פאַרלאַנגען, אַז צוליב אייערע קינדער, זאָלן מיר אַוועקגיין"... סיי די קאַנטאָראָוויטשעס, סיי איך זיינען געבליבן שטיל און גאָרניט געענטפערט. מיר האָבן זיך געזעגנט אָן ווערטער און מיין געבראָכן געמיט קען נאָר פאַרשטיין דער, וואָס האָט עס אַליין איבערגעלעבט...

פאַרפינצטערטע, פאַרצווייפלטע זיינען מיר אַריין אין אונדזער דירה. אָן אַרויסצורעדן אַ וואָרט זיינען מיר אַלע געפאַלן אויף דער פאָדלאָגע.

דער דייטשישער טייוול האָט אַזוי גלענצנדיק פאַרשטאַנען די מענטשלעכע פּסיכאָלאָגיע, אַז ער האָט באַוויזן צו מאַכן פון די נאָענטסטע מענטשן — בלוטיקע שונאים: „מיר האָט גאָט געהאָלפן, איך האָב געוווּנען דאָס גרויסע לעבנס־געווינס — איך מיט מיין פאַמיליע האָבן געלע שיינען. מיר מוזן דעריבער לעבן און אונדז איז וואַרשיינלעך באַשערט איבערצולעבן. איר, ווייסע־שיינעניקעס, מוזט אומקומען. פאַרפאַלן — אַזאַ איז דער שיקזאַל"... אַזעלכע מחשבות האָבן געעקבערט די מוחות. און אַ סך האָבן דאָס אָפן געזאָגט. אין אַנדערע הייזער איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די געלע־שיינעניקעס האָבן געוואָלט די ווייסע־שיינעניקעס פּשוט אַרויסוואַרפן פון די געמיינזאַמע דירות.

נאַטירלעך זיינען געווען אַ סך הייזער און אַ סך מענטשן, וועלכע זיינען

אַנדערש צוגעגאַנגען צו דער זאַך און האָבן געהאָלפן ראַטעווען, וויפל זיי האָבן נאָר געקענט.

### די גרויסע טשיסטקע

פֿאַרטאָג, ווען מיר זייַנען אַרויס אויפֿן הויף, האָבן מיר זיך דערוווּסט, וועגן געגענסנס פֿאַראָדענונג, אַז אַלע מיטאַרבעטער פֿון יודנראַט, וועלכע האָבן געלע שייַנען, זאָלן זיך פֿאַרזאַמלען אין טעאַטער־בנין. איך האָב גענומען מייַן פֿאַמיליע און געלאָזט זיך צום טעאַטער. אָבער, האַלט! עס שטייען פּאָליציאַנטן ביים אַרייַנגאַנג און לאָזן ניט אַרייַן אָן אַ געלן שייַן.

וואָס טוט מען איצט? ווי כאַפּט מען זיך פֿאַרט אַרייַן אין בנין? דרייענדיק זיך אַרום דעם גרויסן בנין, האָב איך דערטאַפּט אַ הינטערשטן אַרייַנגאַנג צו דער סצענע. מיט דער גרעסטער פֿאַרזיכטיקייט האָבן מיר זיך אַרייַנגעכאַפּט אין דער „זיכערקייט"־פֿעסטונג. דער טעאַטער־זאַל מיטן פֿאָיע זייַנען געווען פֿול געפּאַקט מיט די מיטאַרבעטער פֿון יודנראַט און זייערע פֿאַמיליעס. דער זייגער רוקט זיך ווייטער און די דענערווירונג פֿון די פֿאַרזאַמלטע ווערט אַלץ שטאַרקער. „ווער ווייסט" — האָט מען גערעדט צווישן זיך, „איז עס ניט קיין ניי טייוולאַניש שפּיצל מצד די דייטשן? ווער טרויט דען זיי? תּזרט זיך דאָ אַמאָל ניט איבער די יום־כּיפּורדיקע פּראָוואָקאַציע מיט די „פּאַכמענער"־שייַנען?"

די איינציקע טרייסט איז געווען, וואָס צווישן די פֿאַרזאַמלטע געפֿינען זיך אַ סך פֿאַמיליעס פֿון די פּני, פֿון די מנהיגים.

מיר, אַ ביסל ווייס־שייַנעניקעס, וואָס האָבן זיך דאָ אַרייַנגעכאַפּט, זייַנען געווען אַמרואיקסטן... סיווי האָבן מיר ניט געהאַט וואָס צו פֿאַרלירן.

עס האָט זיך דערנענטערט דער אָנהייב פֿון דער אַקציע. די שטימונג איז מיט יעדער מינוט געוואָרן מער געררייצט.

פּלוצלינג ברעכט אויס אַ טומל, אַ געפּילדער. ס'האָט אונדז ממש אָפּגעריסן די הערצער: געגנס האָט פֿאַראָרדנט, אַז אַלע זאָלן פֿאַרלאָזן דעם טעאַטער־בנין. די קאָנטראָל פֿון די געלע שייַנען וועט פֿאָרקומען אויפֿן הויף. נו, וואָס טוט מען איצט!? אַרויסגיין אויפֿן הויף — הייסט דאָך אומקום! איין מענטש, צוויי — קענען זיך נאָך ווי ניט איז אַדורכדרייען, אָבער 5 נפשות — דאָס איז דאָך אַ זיכערער טויט! דער מות אַרבעט פּיבערדיק. „ניין, זאָג איך צו דער פֿרוי, מיר האָבן ניט נאָך וואָס אַרויסצוגיין, מיר מוזן דאָ בלייבן". אָבער ווו פֿאַרשטעקט מען זיך, ווו? דער זאַל ווערט דאָך אַלץ ליידיקער.

די גאַנצע צייט זייַנען מיר געשטאַנען אויף דער סצענע. איך קוק זיך אַרום. אין אַ געוויסן מאָמענט באַמערק איך אין אַ ווינקל פֿון דער סצענע — אַ לאָך.

איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ גרוב און דערזען, אַז איך געפין זיך אונטער דער פּאָדלאָגע פון דער סצענע. ביים ברעג איז געווען די בודקע פון סופליאָר. ניט קלערנדיק לאַנג האָב איך גלייך אַראָפּגעצויגן צו זיך מיינע בני־בית און מיר האָבן זיך, אַזוי האַלב זיצנדיק און האַלב ליגנדיק, איינגעאָרדנט אונטער דער פּאָדלאָגע. נאָכן אָפּכאַפּן אַביסל דעם אָטעם, האָבן מיר אין דער פינצטער אָנגעטאַפּט נאָך אַ סך אַזעלכע קלוגע ווי מיר. אינצווישן זיינען די לעצטע מענטשן אַרויס פון זאַל. אַרום אונדז איז געווען אַ טויטע שטילקייט, ווי אויף אַ בית־עולם — לעבעדיקערהייט געלעגן אין אַ קבר...

לאַנג האָט די שטילקייט ניט געדויערט. צו אונדז האָבן גענומען דערגיין קולות פון דייטשן, ליטווינער... מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן. אַזוי זיינען מיר געלעגן אַ שעה, צוויי, דריי... מיטאַמאָל דערהערן מיר אַ טומל אין זאַל... עס לויפן אַריין ליטווינער, זיי שרייען, זידלען... און ניט באַמערקנדיק קיינעם — גייען זיי צוריק אַרויס. אַזוי האָט פּאַסירט אַ פּאָר מאָל. מיר זיינען געלעגן מיט פאַרהאַלטענע אָטעמס. פּלוצלינג דערהערן מיר אַ געלויף אין פּוסטן זאַל און אין אַ ווייל ע אַרום אַ געשריי: „מאַמע, מאַמע, ווו ביסטו?...” מיר באַוויזן קוים זיך צו אָריענטירן, וואָס דאָ קומט פאָר, דערלאַנגט אַ פרוי, וואָס איז געלעגן נעבן אונדז, אַ געשריי: „חיה׳לע, אָט דאָ בין איך” און אין זעלבן מאָמענט הערן מיר טריט, וואָס לויפן צו דער סצענע. דאָס מיידל איז אַריינגעלאָפן צו אונדז און גלייך הינטער איר אַ ליטווין... דער ליטווין האָט מיט אַן עלעקטריש לעמפּל אַריינגעלייכט אין לאָך און אַ זאָג געטאָן: אָ, טשאיא דאאוג גולי” (אָ, דאָ ליגן אַ סך). מיר זיינען געבליבן ליגן ווי טויטע. אָט זיינען מיר אַלע אומגליקלעך געוואָרן צוליב איין מענטש.... דער ליטווין איז אַוועק. מיר האָבן יעדע סעקונדע געוואַרט אויף זיין צוריקקומען, יעדער האָט זיך געזעגנט מיטן לעבן...

ס׳איז אַוועק אַ מינוט, צוויי, דריי און מער — דער ליטווין ווייזט זיך ניט. מסתמא איז ער אַוועק נעמען מיט זיך נאָך סאָלדאַטן... מיר ליגן אין געהאַקטע צרות... די צייט ציט זיך פּחדימדיק, יעדע סעקונדע אַ יאָר... אָבער דאָך לויפט די צייט... קיינער קומט ניט, קיינער ווייזט זיך ניט... אויפן הויף איז געוואָרן שטיל. מן הסתם איז שוין די קאָנטראָל געענדיקט. מיר ליגן אָבער ווייטער.

אַזוי זיינען מיר אָפּגעלעגן ביז אַ זייגער 5 בייטאָג. אין טעאַטער־זאַל האָבן מיר דערהערט טריט און צו דער סצענע איז צו דער הויז־פאַרוואַלטער בורשטיין. זיין קול האָבן מיר גלייך דערקענט. ער האָט אַ זאָג געטאָן: „שוויגער, קומט אַרויס, די טשיסטקע איז געענדיקט, זיי זיינען שוין אַוועק פון געטאָ”. די אַלטע איז אַרויס פון מעלינע. צוזאַמען מיט איר, זיינען אַרויס נאָך מענטשן. ערשט איצט

האָבן מיר דערזען, אַז צוזאַמען מיט אונדז זיינען געווען אַ מאַן דרייסיק... מיר האָבן זיך אונטער דער סצענע פון יידישן טעאַטער געראַטעוועט... אַ דאַנק דיר, יידיש טעאַטער!

מיר האָבן פונדעסטוועגן באַשלאָסן צו בלייבן דאָ ליגן איבער נאַכט. וואָס איז אונדז אייגנטלעך דער אונטערשייד — די פּאָדלאָגע אָדער יענע פּאָדלאָגע... דאָס איז פאָרגעקומען — פרייטיק, דעם 24סטן אָקטאָבער 1941.

## דער פאַרלויף פון דער אַקציע אין געטאָ

די אַקציע איז אַדורכגעפירט געוואָרן דורך אַ פּאָר הונדערט ליטווינער, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אויף די טויט־צעשראָקענע יידן. זיי צו הילף איז געקומען די יידישע פּאָליציי, אונטער דער אָנפירונג פון גענסן. נאַטירלעך, האָבן די יידישע פּאָליציאַנטן אין אַ סך פאַלן געהאָלפן זיך ראַטעווען, דעם אָדער יענעם. אין דער ערשטער ריי האָבן זיי געהאָלפן אייגענע, באַקאַנטע, נו און פאַר געלד. צו דעם מאָמענט איז אין געטאָ געווען ביי אַ העלפט „ניט לעגאַלע" יידן. די איינציקע רעטונג איז געווען — מעלינעס. באַהאַלטן זיך.

עס זיינען געווען פאַלן, ווען מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן מיט זייערע געלע שיינען. גיי פאַרלאָז זיך אויפן דייטשס יושר. מיר האָבן שוין געזען דעם ווערט פון זייערע שיינען. אַ חוץ דאָקטוירים, וועלכע האָבן זיך כמעט אַלע (אַ חוץ איינעם — ד"ר קאָלאָדניי) איינגעאָרדנט מיט געלע שיינען, — איז דער גרעסטער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ געבליבן אָן שיינען. אין דעם טאָג זיינען אַוועק אויף פּאָנאַר אַ סך גוט באַקאַנטע פאָלקס־טוער און פאַר־דינסטפולע מענטשן. מען האָט מיר איבערגעגעבן פאָלגנדיקע פּרטים וועגן אומקום פון אַרטיסט לייב שריפטזעצער, איינעם פון די טאַלאַנטפולסטע, באַליבטסטע יידישע אַקטיאָרן, וואָס האָט אָפּגעשפּילט אויף די ברעטער פון יידישן טעאַטער, הויפּטזעכלעך טאַקע אין ווילנע, עטלעכע צענדליק יאָר. ווען די טשיסטקע האָט זיך אָנגעהויבן, זיינען אַלע שטוביקע אַוועק אין אַ מעלינע. ער האָט זיך ניט געוואָלט רירן פון אָרט. „איך וועל אין ערגעץ ניט לויפן און ניט גיין, איך האָב שוין מער ניט קיין כוח. זאָל זיין, וואָס עס וויל". ער איז געבליבן אין שטוב און, פאַרשטייט זיך, ווען די מערדער זיינען אַריין האָבן זיי אים גלייך צוגענומען. אין דעם טאָג איז צוגענומען געוואָרן חיים לעווין, דער רעדאַקטאָר פון דער ציוניסטישער פּרעסע אין ווילנע (אַ ברודער פון ליפּמאַן לעווין). לעווין איז אין געטאָ געווען אַ הויז־פאַרוואַלטער, אָבער קיין שיין האָט ער ניט באַקומען.

ניט נאָר וואָס מען האָט די קרבנות צוגענומען, נאָר דאָס מאָל האָבן די ליטווינער נאָך געמאַכט אַ בלוטיקן ספּעקטאַקל. די אומגליקלעכע קרבנות האָט

מען אויסגעשטעלט אויף רודניצקער גאַס אין רייען. עטלעכע שטאַרק צעשלאָגענע און צעבלוטיקטע יידן האָט מען געגעבן פאַרשיידענע מוזיק־אינסטרומענטן און געהייסן זיי שפּילן און זינגען „קאַטיושאַ". דאָס האָט מיר איבערגעגעבן אַ פּאָליציאַנט, וועלכער איז דערביי געווען.

די דאָזיקע אַקציע האָט געדויערט ביז בייטאָג, אָבער מ'האָט צוגענומען מער מענטשן ווי ביי אַלע ביז־איצטיקע טשיסטקעס. אַ סברה, אַז אין דעם האַלבן טאָג האָט מען אַרויסגעפירט עטלעכע טויזנט יידן צום טויט. נאָך דער אַקציע האָט דאָס געטאָ אויסגעזען ווי נאָך אַ חורבן. אַלע דירות אויפגעריסן. אַלע שרענק צעראַבירט. וואָס די ליטווישע מערדער האָבן נאָר געקענט, האָבן זיי געלייגט אין די קעשענעס.

נאָכן אָפּליגן די נאַכט אונטער דער סצענע, זענען מיר אַרויס אויפן הויף און צוגעקומען צו אונדזער דירה, דאָרט האָבן מיר געפונען דעם אמתן חורבן. די טירן פון הויף און פון גאַס זיינען געווען אויפגעריסן. אונדזערע פּאָר בידנע וואַליזקעס, דאָס לעצטע וואָס מיר האָבן מיט אַזוי פיל מי אַרויסגע־ראַטעוועט פון דעם ערשטן געטאָ, איז פאַרשוווּנדן. מיר זיינען נאָר געבליבן אין דעם, וואָס מיר האָבן געטראָגן אויף זיך. אָבער ווער האָט דען געקלערט וועגן „זאַכן". זאָל דאָס זיין אַ כפּרה פאַר אונדז און אַן אויסלייזונג פאַר אונדזערע קעפּ!

„אָ, איר זייט דאָ, גאָט צו דאַנקען, אַבי מען זעט זיך", אָט אַזוי האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט פריינט און באַקאַנטע.

אויפן הויף קומט צו אונדז צו די פריייל' טראַקמאַן און דער אַרטיסט סעגאַל. פריייל' טראַקמאַן איז געווען פון ליטע, אַ לערערין פון שפּראַכן. סעגאַל האָט אויך געשטאַמט פון ליטע. ער איז געווען געענסנס אַ קרוב. ביז איצט איז ער געווען אין ערשטן געטאָ, ווו איך האָב אים אַריינגענומען אַלס הויז־פאַרוואַלטער. מיר זיינען געווען באַפריינדעט. די פרל' טראַקמאַן האָט שפּעטער געלערנט אין געטאָ מיינע קינדער ענגליש. זיי האָבן אונדז דערציילט פאָלגענדיקס: בשעת דער טשיסטקע, זיינען זיי אויך געווען אין אַ מעלינע, פון וועלכער זיי זיינען נעכטן אַרויס. צוגייענדיק צו אונדזער דירה האָבן זיי זי געטראָפן אויפגעריסן און באַמערקט, אַז עס שטייען אַ פּאָר וואַליזקעס מיט זאַכן. האָבן זיי די זאַכן אַריינגעטראָגן אין אַ דערבייאיקער וווינונג. מיר האָבן טאַקע געפונען כמעט אַלע אונדזערע זאַכן. די זאָרג פון די צוויי מענטשן פאַר אונדזער גורל און די האַרציקע טובה — האָט אונדז זייער גערירט.

מיר האָבן זיך אַריינגעקליבן צוריק אין אונדזער דירה. אַ דאַנק בורשטיינען האָט מען אונדז פאַריכט די עלעקטרישע באַלייכטונג. אַ ביסל פּראָדוקטן האָבן מיר געהאַט אין די וואַליזקעס. די דירה אַביסל צוגערוימט. געמאַכט אויף דער

ערד געלעגערס און ס'איז געווען „ווויל ווי די וועלט". די מאַמע פלעגט קאָכן אַ פּאָר טשײניקעס עסן, ווײַל ס'פלעגן עסן מיט אונדז יעדן טאָג די פּרײַל' טראַקמאַן, סעגאַל, חיים סעמיאַטיצקי און נאָך אַ פּאָר עלנטע, וואָס האָבן ניט געהאַט ווו זיך צוצוטוליען. אין דער דירה האָבן מיר געפונען אַ קליין בלעכן אײַוועלע. הײַצן פלעגט מען מיט פּאַלעווינעס. דאָס איז געווען אַ ספּעציעלע געטאָ־דערפינדונג. אָבער וואָס איז די פּעולה, אַז די אַטמאָספער איז ווידער געוואָרן אַן אומרואיקע. די לעצטע טשיסטקע האָט געהאַט איין רעזולטאַט: די חשיבות פון געלן שײַן איז קאַלאָסאַל אויסגעוואַקסן. אויב ביז דער צײַט פלעגט קיין שײַן ניט האַנאָרירט ווערן, האָט מען צום ערשטן מאָל זיך איבערצײַגט, אַז דאָס מאָל איז דער שײַן האַנאָרירט געוואָרן אין גאַנצע הונדערט פּראָצענט. דעריבער איז דער פּרײַז פון שײַן געשטיגן פון מינוט צו מינוט. אויב פאַר דער טשיסטקע האָט מען פאַר אַ שײַן באַצאָלט 50 רובל גאָלד, איז איצט דערגאַנגען צו אַ פיל פאַכיקן פּרײַז. דאָס זעלבע איז קאָלאָסאַל געשטיגן דער פּרײַז פון צושרײַבן זיך צו אַ שײַן.

אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך געלע שײַנען.

די דײַטשן האָבן אָפּגעדרוקט 3,500 ברוינע שײַנען. זײ זײַנען געווען נומערירט און אויסגעפילט מיטן נאָמען פון אייגנטימער. קודם כל האָבן זײ, לויט צוגע־שטעלטע ליסטעס פון די דײַטשע אײַנהייטן, אַרויסגעגעבן שײַנען פאַר זײערע אַרבעטער. דערבײ איז די צאָל אַרבעטער אין די אײַנהייטן געוואַלטיק רעדוצירט געוואָרן. אין די דאָזיקע אײַנהייטן פלעגן די יידישע בריגאַדירן קאָמבינירן צוזאַמען מיט „זייערע" דײַטשן. איז אַ בריגאַדיר געווען אַן אָנשטענדיקער מענטש, האָט ער קיין געשעפטן דערבײ ניט געמאַכט און געזאָרגט, אַז פון זײַן גרופּע זאָלן וואָס ווייניקער מענטשן בלײַבן אָן שײַנען. געווען אָבער אַנדערע בריגאַדירן, וואָס האָבן אויסגענוצט אונדזער נידערלאַגע און געמאַכט גאָלד. אין די קאָמבינאַציעס האָט ניט ווייניק מיטגעהאָלפן דער יידישער אַרבעט־אַמט פון געטאָ. ניט איין צענדליק יידן איז פּריצײַטיק אַוועק פון דער וועלט צוליבן אַרײַנמישן זיך פון יידן...

די גרעסטע צאָל שײַנען האָט באַקומען די פוטער־פאַבריק „קײליס". די דײַטשן האָבן געהאַט אַ שוואַכקײט צו די אַרבעטער. מן הסתם צוליבן אָנקומענדיקן ווינטער, זײ זײַנען דאָך געווען גרויסע „אָפּנעמער" פון אַ סך פוטערוואַרג, פּעלצן, וואַרעמע הענטשקעס.

דער יודנראַט האָט באַקומען פאַר דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע אַרום 400 שײַנען, און דאָ טאַקע האָט זיך אָפּגעשפּילט די שרעקלעכסטע וואַקכאַנאַליע. מאַסן אָנגעשטעלטע פון יודנראַט האָבן קיין שײַנען ניט באַקומען. זײערע שײַנען זײַנען אָפּגעגעבן געוואָרן צו פּרײַנט, קרובים און סתם פּראָטעזשירטע

פון די געטאָ־גדולים. אַ סך שײנען זײנען צעטײלט געװאָרן צו פּאַרטײ־חברים, הגם זײער אײנציקער פאַרדינסט פאַר דער ײדישער געזעלשאַפט איז געװען זײער אָנגעהעריקײט צו דער, אָדער יענער פּאַרטײ. דעריבער זײנען מענטשן, װאָס האָבן זײער גאַנץ לעבן געדינט דער ײדישער געזעלשאַפט, געבליבן אויף הפקר.

אָפן און קלאָר, קען מען זאָגן, אַז אַזוי װי די ײדישע באַפעלקערונג אין געטאָ האָט פײנט געקראָגן די ײדישע פּאָליצײ, גלײך נאָך זײער ערשטער פּראָװאָקאַציע, פּונקט אַזוי האָט מען גלײך פאַרלוירן דעם צוטרוי צו אַלע פּאַרטײען און זײערע רעדלפירער. הײנט קומט אָפּט אויס צו לײענען, אַז די ײדישע געטאָ־באַפעלקערונג אין װילנע האָט זיך אָפּגעקערט פון אַלע פּאַרטײ־רופן צו װידערשטאַנד. דאָס איז געשען דערפאַר, װײל די פּאַרטײען און זײערע, מ׳שטײנס געזאָגט, פירער פון רעכטס ביז לינקס האָבן די גאַנצע צײט, קודם כל געראַטעװעט אויסשליסלעך זיך אַלײן. אויפן פּשוטן המון האָט מען קײן ברעקל אַכט ניט געלײגט. אַזוי איז געװען בײ די גאַלע שײנען, אַזוי איז שפּעטער געװען בײ די פּאַיקי, אַזוי איז צום סוף געװען בײ די אַרויסשיקונגען אין עסטלאַנד. דער עולם איז גאָרניט קײן גולם. ער האָט זײער גוט געפילט, אַז אין געטאָ זײנען נישט געװען קײן געזעלשאַפטלעכע טוער, װאָס זײנען גרײט צו גײן צוזאַמען מיט דער מאַסע צו דער שחיטה.

אַלע געלע שײנען האָט מען געדאַרפט רעגיסטרירטן אין ײדישן אַרבעט־אַמט. דאָ האָט מען אויך געמאַכט אַלע צושרײבונגען צו די שײנען פון פאַמיליע־מיטגלידער.

אויף די אויגן פון די דײטשן האָט זיך אין געטאָ אָפּגעשפּילט אַן אמתער מאַסקנבאַל. װען אַן אײנצלנער מענטש האָט באַקומען אַ שײן, האָט ער גלײך זיך גענומען אַ פרוי. דערנאָך האָבן זײ גענומען צװײ קינדער, קודם כל פון די משפחה־מיטגלידער, װײל ס׳האָבן ניט געפעלט אין יעדן הויז, קײן אײנזאַמע פרויען, מענער און קינדער. האָט אַן אײנזאַמע פרוי באַקומען אַ שײן, האָט זי זיך גענומען אַ מאַן און קינדער. אין אַ סך פאַלן זײנען מוטערס און טעכטער געװאָרן „פרויען"; פאָטערס זײנען געװאָרן „מענער"; אַלטע פרויען האָבן זיך קורץ אָפּגעשוירן די האָר, אָנגעטאָן קורצע קלײדלעך, געפאַרבט די האָר, די ליפּן, אַלץ כדי אויסצוזען יונג און קענען אָנגײן װי אַ יונגע פרוי אָדער אַ טאָכטער. עס זײנען געװען אויך פאַרקערטע פאַלן, װען יונגע מײדלעך פלעגן װערן פרויען פון עלטערע מענער און אַזוי אַן אַ סוף. װי שװער און ביטער ס׳איז געװען אויפן האַרצן, פלעגט מען אָפּט אויסברעכן מיט אַ האַרציק געלעכטער, צוקוקנדיק זיך צו דער טראַגישער מאַסקאַראַדע.

פרײנט און באַקאַנטע האָבן זיך קעגנזײטיק אַרויסגעהאָלפן מיט די צושרײ־

בענישן. מ׳פלעגט אָבער אַזעלכע זאַכן מאַכן פאַר געלט. אַלץ האָט געהאַט זיין פּרייז. פאַר צושרייבן אַ מאַן — כך וכך, פאַר צושרייבן קינדער — אַן אַנדערער פּרייז, און אַזוי כסדר. דער מוח האָט געאַרבעט, וויאַזוי אַנצופּייפן דעם יעקע. אָבער ביז מען האָט זיך אָריענטירט, ווי אַזוי מען גייט אַרויס אַ גאַנצער פון די אַלע קאָמבינאַציעס, זיינען דערווייל אַוועק ניט ווייניק קרבנות, ווי למשל, ביי דער פאַמיליע קאַנטאָראָוויטש: קאַנטאָראָוויטש אַליין און זיין יונגער זון האָבן פון די דייטשן באַקומען געלע שיינען. אויף זיין שיין האָט קאַנטאָראָוויטש צוגעשריבן זיין פרוי און טעכטערל. דאַקעגן דער זון האָט צו זיין שיין קיינעם ניט צוגעשריבן, ווייל ווי וועט ער, אַ 15 יאָריקער בחורל, נעמען אַ פרוי מיט קינדער? און אָט אין דער טשיסטקע פון פּרייטיק, האָט מען ביי זיי פון שטוב צוגענומען זיין באָבע און די מומע — די מוטערס שוועסטער — ריינדזיון מיט איר קינד. אָט די דריי אייגענע נפשות האָבן דאַן געקענט זיך רואיק ראַטעווען. די באָבע האָט מען געקענט פאַרשרייבן פאַר זיין מאַמען, די מומע מיט איר קינד האָבן רואיק געקענט ווערן זיין פרוי און קינד. אָבער ווי געזאָגט, האָט מען זיך, אין די ערשטע טעג, פאַרלוירן, ניט אָריענטירט, און דערנאָך זיך געריסן די האָר פון קאָפּ.

אויף די 3500 שיינען, וואָס די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן, האָבן זיך לעגאַליזירט 12,000 מענטשן. דאָס באַשטעטיקט פולשטענדיק די שפּעטערדיקע סטאַטיסטיק פון אַרויסגעגעבענע ברויט־קאַרטן אין געטאָ. אין דער צייט, ווען אין אָקטאָבער האָט די געטאָ־אַדמיניסטראַציע אַרויסגעגעבן העכער 25,000 ברויט־קאַרטן — איז שוין אויף נאָוועמבער אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָר 12,000 און אין דעצעמבער 13,000, די טויזנט צוגעקומענע דערקלערט זיך טאַקע מיט די צושרייבענישן.

אָט אין די טראַגישע טעג, ווען יעדער מענטש האָט געזוכט אַ רעטונג, זיינען פאַרגעקומען האַרציקע, הברישע אַקטן פון ליבשאַפט און מענטשלעכער גוטסקייט און פון דער אַנדערער זייט אויך פאַלן פון שמוציקער האַנדלונג מיט מענטשלעכע לעבנס.

אָט דעם שמוציקן האַנדל האָבן אין דער ערשטער ריי געפירט די יעניקע, וועלכע האָבן אויף אַזאַ, אָדער אַנדערן אופן געהאַט אַ צוטריט צו די שיינען. דאָס זיינען געווען די קאַרפן־קעפּ פון געטאָ און פאָליציי, אַרבעט־אַמט, יידישע בריגאַדירן. זיי האָבן אויף זייער געוויסן אַ ניט קליינע צאָל פּריצייטיקע קרבנות. שפּעטער, ווען איך בין געווען אין עסטלאַנד, אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, האָט מיר אַ יידישער באַלמעלאָכע איבערגעגעבן פאָלגנדיקן האַרצ־רייסנדיקן פאַל:

ער האָט געאַרבעט אין אַ קליינער דייטשישער איינהייט. דאָרט האָט מען

אַרויסגעגעבן זייער ווייניק געלע שיינען. היות ער איז געווען אַ גוטער באַלמעלאָכע און די דייטשן האָבן אים געדאַרפט, האָט ער ביי זיי אויסגעוויינט, אַז מען זאָל פאַר אים אַרויסבאַקומען אַ שיין. דער דייטשישער אָפיציר האָט דעם שיין באַקומען פון דייטשן אַרבעט־אַמט און אַריבערגעשיקט צו אים אין געטאָ. דאָס איז געווען אַ פּאָר טעג פאַר דער פּרייטיקדיקער טשיסטקע. דער ייד איז געלאָפן ווי אַ פאַרסמטער פון יודנראַט אין אַרבעט־אַמט און צוריק. אומעטום איין תשובה: ניטאָ נאָך אייער שיין. דערווייל איז פאָרגעקומען די טראַגישע אַקציע און מען האָט פון אַ באַהעלטעניש צוגענומען זיין פרוי מיט צוויי דערוואַקסענע טעכטער. ער איז געבליבן על פּי נס. נאָך דער טשיסטקע איז ער אַ פאַרצווייפלטער אַוועק אין אַרבעט־אַמט און געמאַכט אַזאַ סקאַנדאַל, ווי ביטער עס איז אים געווען אויפן האַרצן. „וואָס האָב איך דען געהאַט צום פאַרלירן”, זאָגט מיר דער ייד. „איך האָב געגומען סטראַשען, אַז איך וועל גיין צום דייטש און אַזוי ווייטער. עס האָט ווידער געדויערט טעג ביז דער יידישער אַרבעט־אַמט האָט מיר געגעבן מיין שיין. אָבער שוין מיט צוגעשריבענע 2 פרעמדע קינדער און אַ פרוי. מיין ווייב מיט צוויי בליענדיקע יונגע קינדער ליגן אויף פּאָנאַר צוליב אָט די יידישע אויסוואורפן, וועלכע האָבן ספּעציעל פאַרהאַלטן מיין שיין, כדי צו ראַטעווען אַנדערע. נאַטירלעך, האָבן זיי דאָס ניט געטאָן צוליב עולם הבא...” דער ייד האָט מיר די זאַך דערציילט דריטהאַלבן יאָר נאָך דעם. ער האָט אָבער זיך פאַרגאַסן מיט טרערן זאָגנדיק: „ווער ווייסט, צי מיין פרוי און קינדער וואָלטן איבערגעלעבט, ווער ווייסט, צי מיר אַליין וועלן סוף כל סוף איבערלעבן, אָבער צו מיין שיין צושרייבן אַנדערע און מיינע קינדער, אַזעלכע ברילִיאַנטן, שיקן אויף פּאָנאַר, פאַר דער צייט...”

**ווי אַזוי ראַטעוועט מען 5 נפשות!**

אין די דאָזיקע טראַגישע טעג האָב איך אָפּגעשלאָגן די טירן פון אַלע געטאָ־גדולים, וועלכע איך האָב געקענט און ניט געקענט. איינער האָט מיך אָפּגעשיקט צום צווייטן. נאָר דער דירעקטאָר פון יידישן געטאָ־שפּיטאָל — ד"ר מ. בראָדסקי, האָט מיך גוט אויפגענומען. מיט ד"ר בראָדסקין האָבן מיר זיך געקענט לאַנגע יאָרן. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן מיר צוזאַמען געאַרבעט אין דער מעדיציניש־סאַניטאַרער צענטראַלע פאַר אויפבויען די מלחמה־חורבות, אין ווילנע און אומגעגנט. ער האָט מיר דערקלערט, אַז איך בין צום באַדויערן געקומען צו שפּעט. אַלע שיינען, וואָס ער האָט געהאַט פאַרן שפּיטאָל־פּערסאָנאַל, האָט ער שוין פאַרטיילט. אַלע מעגלעכקייטן פון צושרייבן זיינען שוין אויסגענוצט געוואָרן. ביים בעסטן ווילן קען ער גאָרניט טאָן. דאָס איז טאַקע געווען ריכטיק.

ד״ר בראָדסקי האָט קיינעם ניט געגעבן קיין שיך, אויב ער איז ניט געווען אויסגענוצט אין דער גאַנצער מאָס. פון גאַנצן שפּיטאָל־פּערסאָנאַל פלעגט מען צוזאַמענשטעלן גרופּן אויף אויסצופילן די נויטיקע צאָל פּערזאָנען. נאַטירלעך האָבן אין דער ערשטער ריי באַקומען שיינען די דאָקטוירים און זייערע פאַמיליעס. דערנאָך די שוועסטער און אַדמיניסטראַציע. די אַפּטייק האָט באַקומען איין איינציקן שיין. אַלע אַפּטייקערס זיינען געבליבן אויף הפקר. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט דעם גרעסטן טייל פון די סאַניטאַרינס. אָבער שפּעטער, ווען איך האָב געאַרבעט אין שפּיטאָל, איז מיר קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו הערן, אַז עמעצער פון די באַעוולטע זאָל זיין אין כעס אויף ד״ר בראָדסקין. פאַרקערט, אַלע האָבן באַשטעטיקט, אַז ער האָט פאַרטיילט די שיינען מיט דער גרעסטער אחריות און אָרנטלעכקייט. שיינען זיינען געווען צו ווייניק און דאָקטוירים... צו פיל. טאַקע אין דער לעצטער טשיסטקע זיינען פון שפּיטאָל צוגענומען געוואָרן זייער פיל מענטשן. צווישן זיי אויך דער געוועזענער לייטער פון אַפּטייק־ביוראָ אין ווילנע, דער האַרציקער, טייערער חבר אַדלער מיט זיין פאַמיליע.

און ווידער די זעלבע שאלה: וואָס טוט מען, ווי ראַטעוועט מען 5 נפשות?! גאַנצע טעג פלעגן מיר אָפּשטיין אויפן הויף פון רודניצקער 6, ווו מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט אַלעמען — אָבער קיין רעטונג איז ניטאָ.

ווילנע, מיין ווילנע, יעדן שטיין קען איך און יעדער ברוקשטיין קען מיך — שטייען מיר איצט אַזוי אויף אָט די גוט־באַקאַנטע ברוקשטיינער — אַן אויסזיכטלאָז שטיין און וואַרטן...

דערווייל האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן בייזע קלאַנגען, אַז ס'איז נאָך ניט געענדיקט. מען רעדט שוין ווידער וועגן אַ נייער אַקציע. אויפן הויף האָב איך געטראָפן די פרוי מיראַ ניעמענטשינסקאַ, מיט מאַקסן, איר מאַן, זיינען מיר געווען חברים פון די חדר־יאָרן. פרוי מירא האָט אונדז דערציילט, אַז מאַקס איז אַרויסגעפאָרן קיין ווייסרוסלאַנד, זוכן אַ רואיק אָרט. זי וואַרט אויף אַ בריוו און אַ געלעגנהייט צו פאָרן צו אים. היות, ווי די טעג זיינען געווען זייער ניט קיין רואיקע, און מען האָט זיך געגרייט צו אַ נייער טשיסטקע, האָבן מיר גענומען זוכן אַ מעלינע. פרוי מיראַ האָט אונדז אַוועקגעפירט אויפן דריטן הויף פון רודניצקער 6, וואָס איז אַרויס אויף קאָנסקע־גאַס און דאָרט אונדז אַרויפגעפירט אויף אַ ריזיקן בוידעם, וועלכער האָט זיך געצויגן, ווי אַ לאַבירינט, אַזש איבער זאַלקינדס געשעפט פון ברייטער־גאַס. דער בוידעם איז געווען אַ גלענצנדיקע מעלינע און אויף אים האָבן זיך ביי די פאַריקע טשיסטקעס געראַטעוועט אַ פּאָר הונדערט מאַן. אויף דעם בוידעם האָבן מיר גענעכטיקט עטלעכע נעכט.

איינמאָל האָבן די שכנים אונדז ניט געגעבן די שליסלען פון בוידעם, ווייל ס'איז „רואיק אין געטאָ". די נאַכט זיינען מיר אַלע אָפּגעלעגן אויף די טרעפּ. די קלאַנגען וועגן אַ נייער אַקציע זיינען געוואָרן אַלץ געדיכטער און אָפטער.

## מען לויפט פון איין פייער אין צווייטן

מען האָט אָנגעהויבן צו לויפן פון געטאָ קיין ווייסרוסלאַנד. ספּעציעל אין לידער געגנט. דאָרט, האָט מען דערציילט, איז אַ גן־עדן. שטיל, רואיק, ניטאָ קיין אַקציעס, יידן זיינען אויף זייערע ערטער און לעבן ווי עס איז. פון געטאָ זיינען אַרויסגעפאָרן ניט נאָר מענטשן אָן שיינען, נאָר אַפילו אַזעלכע וועלכע האָבן געהאַט גוטע שיינען. די דאָזיקע גוטע שיינען פלעגט צונעמען דער יודנראַט און מיט זיי ווייטער קאָמבינירן...

פאָרן קיין ווייסרוסלאַנד פלעגט מען מיט פאַרשידענע וועגן. די פּאַר־שפּרייטסטע זיינען געווען מיט אַ דייטשישן אויטאָ. עס האָבן זיך שוין געפונען יידישע און ליטווישע פאַרמיטלער, וועלכע האָבן פאַר גרויסע געלטער געפירט גרופּעס יידן אין וואָראָנאָווע, לידע, ביאַליסטאָק און אַנדערע דערבייאיקע שטעט.

עס האָבן דערביי ניט געפעלט, ברוך השם, קיין נייע פּראָוואָקאַציעס. אַזוי איז אַן אויטאָ מיט יידן, וואָס האָט געזאָלט פאָרן קיין לידע, גלייך אַריינגעפאָרן אין... געשטאַפּאָ. צווישן אָט די אומגליקלעכע איז אויך געווען דער געוועזענער מיטגליד פון יודנראַט אין דעם קליינעם געטאָ — לעווין, מיט זיין פאַמיליע.

אַרויסגעפאָרן זיינען אויך: דעפּ. לייבל מינצבערג, סענאַטאָר טראַקענהיים, דער געוועזענער פאָרזיצער פון קליינעם געטאָ — לייבאָוויטש מיט זיין פאַמיליע, הגם זיי אַלע האָבן געהאַט גוטע שיינען.

דער סוף פון די אַרויסגעפאָרענע אין יענע „רואיקע" ערטער איז געווען זייער אַ ביטערער: זיי זיינען, נעבעך, אומגעקומען נאָך פריער ווי די איינוווינער פון ווילנער געטאָ.

זעענדיק, אַז אַלע לויפן, איז מיין פאַמיליע צוגעשטאַנען צו מיר, אַז מיר זאָלן אויך אַרויספאָרן פון געטאָ. איך האָב געטענהט: „גוט, מירן ריזיקירן מיטן לעבן, מיר וועלן שוואַרצן די גרענעץ פון ווייסרוסלאַנד, מיר וועלן פאַר דעם אָוועקגעבן אַלץ, וואָס מיר האָבן נאָך, און אַז אונדז וועט אַלץ גוט געלינגען, וואָס וועלן מיר געווינען? מיר פאַלן דאָך ווידער אַריין צו די זעלבע מערדער אין די הענט! בישט שוינזשע איז דאָרט אַן אַנדערע טאַקטיק לגבי יידן? איך האַלט, אַז אומעטום איז די זעלבע זאַך. איז דאָך שוין בעסער צו זיין אין

ווילנע, ווו מיר האָבן כאַטשבי מיט װעמען אַ װאָרט אויסצורײדן". אָבער, רייד אַהער רייד אַהין — די לאַגע איז געוואָרן ערגער און ביטערער.

אין אַ שיינעם פֿאַרנאַכט האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מיר גייען אַרויס פֿון געטאָ. די פרוי מיט דער מאַמען, האָבן מיר אָפּגערעדט, וועלן אַוועקגיין אין אונדזער געוועזענער דירה. איך און די קינדער — צו מיינע קאָלעגן, און דאַן וועלן מיר זען וואָס ווייטער צו טאָן. אַזאַ ווילדן, אומגעלומפּערטן באַשלוס האָט מען ווירקלעך געקענט אָננעמען נאָר אין אַ צושטאַנד פֿון פֿולשטענדיקער פֿאַרצווייפֿלונג און רעזיגנאַציע. מיר זיינען אַוועק צום טויער, אָבער די יידישע פּאָליציאַנטן האָבן אונדז ברוטאַל אַוועקגעטריבן. אָפּוואַרטנדיק אַ ווײלע, זיינען מיר ווידער צו צום טויער, אָבער ווידער די זעלבע מעשה — מען טרייבט אונדז צוריק. דאָ האָב איך געטראָפֿן דעם זשורנאַליסט ווייניק, וועלכער דערציילט מיר, אַז ער האָט אָפּגעמאַכט מיט אַ פּאָליציאַנט, ער זאָל אים אַרויסלאָזן פֿון געטאָ פֿאַר הונדערט רובל (10 מאַרק). איך בין גלייך צו צום פּאָליציאַנט, געגעבן אים 100 רובל. אין אַ ווײלע אַרום האָט ער געגעבן אַ ווונק און ה' ווייניק איז אַרויס. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז צום טויער צוגעקומען די פרוי מיט דער טאָכטער. ווען דער פּאָליציאַנט האָט זיי געעפֿנט די פֿורטקע, איז פֿון שטאָט גראָד אַריין אַ ליטווין, אַ ציווילער אַגענט פֿון דער ליטווישער „געשטאַפּאָ". ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די פרוי מיט דער טאָכטער און אויסגעשריגן: „אַ, יוס נאַריס אישבעגטי" (אַ, איר ווילט אַנטלויפֿן), און זיי גלייך אַריינגעפֿירט אין לאָקאַל פֿון דער יידישער טויער־וואַך. דאָ האָט ער אָנגעזאָגט די יידישע פּאָליציאַנטן, מען זאָל זיי היטן ביז ער וועט צוריקקומען. דערווייל האָט מען זיי באַזוכט. קיין זאַך ניט געפֿונען, נאָר אַ קליין וואַליזקעלע מיט אַ פּאָר שטיקלעך וועש. אַז ער איז אַוועק אין געטאָ בין איך צוגעפֿאַלן צו די פּאָליציאַנטן, אַז זיי זאָלן זען צו ראַטעווען די צוויי נפשות. גראָד האָב איך אָנגעטראָפֿן אויף אַ פּאָר אָנשטענדיקע פּאָליציאַנטן, און זיי האָבן דעם ליטווין פֿאַררעדט, אַז די פרוי מיט דעם מיידל האָבן געוואַרט אויפֿן מאַן, וועלכער דאַרף קומען פֿון דער אַרבעט. דער אַגענט האָט זיי אָפּגעלאָזן. וויפֿל געזונט מיר האָבן פֿאַרלוירן ביי דעם פֿאַל. ווען די פרוי מיט דער טאָכטער זיינען אַרויס פֿון טויער־וואַך, האָבן מיר זיי באַגעגנט פּונקט ווי צוריקגעקומענע פֿון פּאָנאַר. ווער קען באַגרייפֿן אונדזער פֿרייד, אונדזער גליק!...

גליקלעכע זיינען מיר צוריק אַוועק אין אונדזער „דירה". אַ גליק, וואָס מיר האָבן ניט אָפּגעגעבן דעם שליסל. מיר האָבן גלייך געמאַכט אַ „קייזערלעכע" וועטשערע און איך האָב געזאָגט: „3 מאָל האָבן מיר געפּרוווט אַרויסגיין דורכן טויער און ס'איז אונדז ניט געלונגען, איז אַ סימן, אַז מיר מוזן דאָ בלייבן און עס וועט גוט זיין".

אויף מאָרגן האָב איך ווידער גענומען אַרבעטן וועגן באַקומען דעם גליקלעכן געלן שיין. אָבער אַלע שערי רחמים זײַנען פֿאַרהאַקט. דערווײַל איז די שטימונג אין געטאָ געוואָרן אַלץ שווערער. מ׳איז אַרומגעגאַנגען פֿאַרצווייפֿלט און פֿאַרפֿינצטערט. מ׳האָט זיך געשראָקן פֿאַר דער נאַכט און געציטערט פֿאַרן טאָג — מ׳האָט מורא געהאַט פֿאַר דער ליכטיקער שיין. איינער האָט דעם צווייטן אין די אויגן ניט געקענט קוקן. האָט איר געטראָפֿן אַ פֿריינט אָדער אַ באַקאַנטן, וואָס האָט געהאַט אַ שיין — האָט ער זיך געפֿילט ווי שולדיק לגבי אײַך.

און פֿאַרקערט, באַקאַנטע וועלכע האָבן דעם לעבנס־צעטל ניט געהאַט, האָט פֿון זייערע אויגן אַרויסגעקוקט דער טויט.

מיר אַלע שטייען אויפֿן הויף, ווי די הינט, ער, טויזנט מאָל ערגער ווי הינט, ווי ווערטלאָזע, שמוציקע ברואים, ניט צו גאָט — ניט צו לייט.

*

דאָס הויז פֿון יודנראַט — רודניצקע 6, איז באַשטאַנען פֿון 3 הײַזער. דאָרט איז קאָנצענטרירט געווען דאָס גאַנצע געטאָ־לעבן. צענדליקער מאָל אַ טאָג פֿלעג איך זײַן ביים הויז־פֿאַרוואַלטער בורשטיין. ער האָט געהאַט אַרבעט איבערן קאָפּ. אַ קלייניקייט אָנצופֿירן מיט אַזאַ הויז, האָבן צו טאָן מיט אַזוי פֿיל „קעפּ״. ס׳פֿלעגן דאָ אויפֿן הויף קומען אַלע דײַטשישע שלעק, אַלע ליטווישע פֿענטאַקעס. מען האָט געמוזט זײַן אויף דער וואַך און „האַלטן קאָפּ״. בורשטיין איז געווען אַ פּעאיקער און ספּריטנער מענטש. ביז איצט האָט ער פֿאַר מיר זייער פֿיל געטאָן.

דאָס געוועלב אַלס אַ דירה, אַפֿילו אָן אייוועלע, אָן עלעקטריש לעמפּל — דאָס זײַנען געווען זאַכן, ניט צום אָפּשאַצן און אָפּצאָלן.

אַלע זײַנע פּרוּוון צו באַקומען פֿאַר מיר אַ שיין האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרניט. איך האָב אים גענומען בעטן, ער זאָל מיר ווײַזן אַ מעלינע, ווו מיר זאָלן זיך קענען באַהאַלטן אין פֿאַל פֿון אַ נײַער אַקציע.

אויסערלעך איז דאָס לעבן אין געטאָ געגאַנגען מיט זײַן נאָרמאַלן וועג. יעדן טאָג פֿלעגן טויזנטער מענטשן אַרויסגיין צו דער אַרבעט. אין געטאָ האָבן געאַרבעט די וואַרשטאַטן. אַ סך מענטשן פֿלעגן ריזיקירן און אַרויסגיין אין שטאָט אָן שײַנען: זיי פֿלעגן גיין אויף זייערע געוועזענע אַרבעטס־פּלעצער צו „זייערע״ דײַטשן בעטן אַ שיין. דערווײַל פֿלעגט מען עפּעס וואָס אַרײַנטראָגן. סוף כל סוף האָט מען דאָך געמוזט „לעבן״ אויך.

שבת, דעם ערשטן נאָוועמבער, האָט אין געטאָ געקאָכט ווי אין אַ ריזיקן קעסל. מען האָט שוין קלאָר און דײַטלעך גערעדט, אַז מאָנטיק וועט ווידער פֿאָרקומען אַ גרויסע טשיסטקע. דאָס זאָל זײַן די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פֿון

אַלע, וואָס האָבן ניט קיין גלעט שיינען. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט, דער האָט זיך ווי ניט איז צוגעטשעפּעט צו אַ שיין. וואָס קען איך אָבער טאָן, אַז איך דאַרף 5 ערטער? איך האָב געטראָפן מאַקס קאָנטאַראָוויטשן און אים איבערגעגעבן מיין לאַגע. ער האָט מיר דאָן דערציילט וועגן זייער פּאָטאַלן פּאַרזען און מיר געזאָגט, אַז אויף זיין שיין האָט ער נאָר זיין טעכטערל. אויב איך וויל, קען ער צושרייבן מיין זון. אַ שאלה גאָר צי איך וויל? מיר זיינען גלייך אַריין אין אַרבעט־אַמט און דאָרט דערליידיקט די נויטיקע פאָרמאַליטעטן. אַ גליקלעכער בין איך געקומען צו לויפן „אַהיים" מיט דער גוטער בשורה, אַז איינער פון אונדז איז שוין געראַטעוועט. גאָט צו דאַנקען דערפאַר. דער יינגל האָט אָבער געדאַרפט זיין ביי קאָנטאַראָוויטשן. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז זונטיק פרי וועט ער אַוועקגיין און וועט שוין דאָרט בלייבן.

און וואָס ווייטער?

שבת־צונאַכט בין איך ווידער געווען ביי בורשטיינען און אים געבעטן, ער זאָל מיר לכל הפחות אָנווייזן אַן אָרט, ווו זיך צו באַהאַלטן.

„איר ווייסט, באַלבערישסקי, איך קען שוין דעם צער אייערן ניט צוזען און אוודאי ניט די געמיינהייט פון די אַלטע ווילנער, וועלכע ווילן אייך ניט העלפן. איך געדענק, ווי מען האָט אייך פון דער דייטשער גאַס אַוועקגעטראָגן, אַ צעהרגעטן און צעמזיקטן, ווען איר האָט מיט די כוליגאַנעס געקעמפט. איר האָט דאָן אַ שטאָט מיט יידן געראַטעוועט. קומט, איך וועל אייך געבן אַ דירה". איך בין גערירט געוואָרן פון זיינע רייד און געזאָגט צו אים: „איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער האַרציקייט. אָבער וואָס טויג מיר איצט אַ דירה, איצטער מוז מען האָבן אַ מעלינע, ווו זיך אויסצובאַהאַלטן פון העלישן פייער". „קומט מיט מיר און פאַרלאָזט זיך אויף מיר", זאָגט בורשטיין.

ס'איז שוין געווען נאַכט. איך האָב גלייך אַ רוף געטאָן מיינע בני־בית, גענומען אונדזערע פאַר בידנע פעקלעך און מיר זיינען אַוועק. אַריין אין דריטן הויף פון רודניצקער 6, נאָרמאַל איז דאָס געווען דער הויף פון קאָנסקאַ־גאַס נומער 3 (אַרקליו 3). איצט איז דאָ אויסגעהאַקט געוואָרן אַ וואַנט און עס האָט זיך געשאַפן נאָך אַ הויף. אַלע טירן און פענצטער פון הויז אין דער גאַס אַריין, זיינען געווען פאַרהאַקט מיט ברעטער. מיר זיינען אַדורך דעם לאַנגן הויף און אַריין אין טויער, ווו ס'איז געווען אַן אַריינגאַנג אין אַ דירה. אַריין אין אַ קיך מיט אַ גרויסן פאַרצייטיקן אויוון, דאָ איז אויך געשטאַנען אַ גאָר גרויסער טיש, אַז דער דורכגאַנג איז געווען זייער אַ שמאָלער. פון קיך זיינען מיר אַריין אין אַ צימער פול מיט אָרעמע און אַלטפרענקישע מעבל. אינמיטן שטוב איז געשטאַנען אַ גרויסער אַלמער, וועלכער האָט געטיילט דאָס צימער אויף צוויי טיילן. מיר זיינען אַריין הינטערן אַלמער און געבליבן שטיין. בורשטיין

איז צו צו דער וואַנט, געעפנט אַ טיר פון אַ וואַנט־אַלמער, איינגעבויגן זיך און אויסגערופן: „פרוי קרעמער, איר זייט דאָ?" אין אַ ווײַלע אַרום הערן מיר אַ קול. „אַ, דאָס זייט איר, פּאַניע בורשטיין, גאָטוואָך אייך!" „גוטוואָך, גוט יאָר", ענטפערט בורשטיין. „איך האָב אייך דאָ געבראַכט נײַע שכנים, נעמט זיי אַרײַן צו זיך. „אָ, ביטע, ביטע זייער", ענטפערט די פרויען־שטימע. מיר זײַנען געבליבן געפּלעפטע. נאָר איידער מיר האָבן פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר, איז צוגעגאַנגען אַן עלטערער ייד און אַ זאָג געטאָן צו מיר:

„נו, יונגערמאַן, שטייט ניט דאָ, רירט זיך, גייט אַרײַן אינעווייניק". איך דריי מיטן קאָפּ אַהער, איך דריי אַהין — ווו זאָל איך אַרײַנגיין, אַז איך זע ניט קיין טיר, איך זע ניט קיין אַרײַנגאַנג.

בורשטיין איז אַוועק. דער עלטערער ייד איז צו צום אַלמער, געעפנט די טירן און געזאָגט: „נו, בויגט זיך איין און גייט". ערשט איצט האָב איך זיך אַריענטירט, אַז מער דאַרף אַרײַנגיין אויפן בויך. קודם כל האָבן מיר אַרײַנגעלאָזן דעם זון. אַ יונגער ייִנגל, איז ער גלייך דורכגעקראָכן דורכן לאָך. דאַן האָבן מיר גענומען „גיין". אין וואַנט איז געווען אַ פעסט־איינגעמויערטער אַלמער מיט צוויי טירן. אין אַלמער זײַנען געווען צוויי פּאָליצעס. די אונטערשטע פּאָליצע איז אָפּגעשטאַנען אַ דריי פערטל מעטער פון דער פּאָדלאָגע. די טיף פון אַלמער איז געווען בײַ אַ האַלבן מעטער. אין דער אינעווייניקסטער וואַנט איז געווען אויסגעהאַקט אַ לאָך פון אומגעפער 60 צענטימעטער די ברייט און אַ 30 די הויך. מ'האָט געדאַרפט אַוועקלייגן זיך אויף דער פּאָליצע אויפן בויך מיטן קאָפּ און מיט די אויסגעצויגענע הענט פאָראויס און אַזוי זיך רוקן. פון יענער זייט לאָך האָט מען געדאַרפט זיך אָנכאַפּן אַן אַ פוס פון אַ בעט, וואָס איז דאָרט געשטאַנען און אַזוי זיך אַראָפּשאַרן אויף דער פּאָדלאָגע. אָט אַזוי בין איך „אַרײַן" אין צימער, דערנאָך איז „אַרײַן" די פרוי, די מאַמע און די טאָכטער. הינטער אונדז האָט מען פאַרמאַכט די טירן פון אַלמער און די לאָך פאַרשטעלט מיט אַ ברעטל. אויף די פּאָליצעס זײַנען געלעגן אָנגעוואָרפן פאַרשידענע שמאַטעס און פּאַפּיר צום מאַכן גילזן.

ווען מיר האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, האָט אונדז אַ בליק געטאָן אין די אויגן אַ שטאַרק עלעקטריש ליכט. מיר האָבן דערזען פאַר זיך אַ גרויס צימער, פול אָנגעשטעלט מיט מעבל, הויפּטזעכלעך — בעטן.

עס האָט אונדז איבערגענומען די פרוי קרעמער: „אָ, ליבע, דאָס זייט איר, ווי קומט איר אַהער? איר זייט דאָך געווען אין דעם ערשטן געטאָ". ווייזט זיך אַרויס, אַז די פרויען קענען זיך שוין צענדליקער יאָרן, זיי זײַנען היימישע מענטשן. די פרוי קרעמער האָט אונדז אָנגעוויזן אַ פריי ווינקל, ווו זיך איינצואָרדענען. דער צימער האָט געהאַט אַ 26 קוואַדראַט מעטער, צוויי

גרויסע פענצטער מיט פאַרמאַכטע לאָדנס פון אינעווייניק און מיט פאַרהאַקטע ברעטער פון דרויסן. אַ חוץ דעם זיינען די אינעווייניקסטע לאָדנס געווען פאַרהאַנגען מיט עטלעכע שווערע, גרויסע קאָצן, עס זאָל חלילה קיין שטראַל נים אַרויס אויפן גאַס.

גלייך ביים אַריינגאַנג דורכן לאָך איז געשטאַנען אַ גרויס ניקלען בעט. ביים בעט אַ קליין טישעלע. אויף אָט דעם בעט און טישעלע האָט „געוווינט" פרוי קרעמער מיט איר טאָכטער נאַדיאַ און קליין יינגעלע. נאַדיעס מאַן האָבן צוגענומען די „כאַפּונעס". דער אַלטער קרעמער איז געשלאָפן אויף אַ טאַפּטשאַן אין אַ צווייט ווינקל פון צימער. נעבן דער קרעמערס בעט איז געשטאַנען אַן אַלמער אין דער ברייט. נעבן אַלמער אַ בעט, אַן אייזערנס אַן אַ מאַטראַץ. אויף דעם בעט האָבן זיך איינגעאָרדנט מיין פרוי און טאָכטער.

ביים וואַנט פון לאָך, נעבן דער פרוי קרעמערס טישעלע, איז געשטאַנען ווידער אַן אַלמער. נאָך אַנדערטהאַלבן מעטער פרייע וואַנט — אַ גרויסער אַלטמאָדישער בופעט, וואָס איז דערגאַנגען האַרט ביזן פענצטער. צווישןביידע פענצטער האָט זיך געפונען אַן אייזערן בעט אָן אַ מאַטראַץ. אויף דעם בעט האָב איך זיך איינגעאָרדנט מיטן זון. אין דער דריטער וואַנט איז געווען אַ טיר אין אַ צווייט צימער אַריין. ביי דער טיר פון דער צווייטער זייט איז געשטאַנען אַ קליין טישל, אויף וועלכן „עס האָבן געוווינט" צאַלעל שקאָלניק מיט זיין אַלטער מאַמען. אַ ביסעלע ווייטער זיינען געשטאַנען צוויי ניקעלנע בעטן מיט מאַטראַצן, איינס ביי דער וואַנט און דאָס צווייטע אַנטקעגן. צווישן די צוויי בעטן — אַ פּיטשעמאַנטשיק נאַכט־טישעלע. דאָ, אין דעם ווינקל האָבן געלעבט דער יונגער סאַשע קרעמער מיט זיין פרוי פאַליע און קליין מיידעלע. ביים בופעט ווידער איז געשטאַנען אַ בעט אויף וועלכן עס האָבן „געלעבט" דער אַלטער באַקאַטורסקי מיט זיין פרוי. אויף ביינאַכט פלעגט מען שטעלן נאָך צוויי בעטלעך. אויף איינעם פלעגט שלאָפן מיין מאַמע. אויף דעם צווייטן — משה קאַגאַן מיט זיין פרוי. אַזוי אַרום איז דער גאַנצער צימער אָנגעשטעלט געווען מיט מעבל. עס זיינען נאָך געווען דריי שמאָלע פאָסן פאַדלאָגע אויף דורכצוגיין. יאָ, נעבן מיין בעט איז געשטאַנען אַ גרויסער אָוואַלער טיש און אַרום איס עטלעכע שטולן. ביים טיש פלעגן מיר אַלע זיצן, עסן, ריידן, לייענען א. א. וו. די מענטשן זיינען געווען פון אַ פיינעם באַלעבאַטישן שטאַנד.

די קרעמערס, אַ פאַמיליע פון 7 פערזאָן, זיינען געווען אַלטע פאַפּיר־סוחרים און איינבינדער. דער אַלטער קרעמער איז געווען אַ באַוווסטזיניקער מענטש, זיין זון סאַשע — אַן אַרטיסט פון יידישן טעאַטער. קאַגאַן איז געווען אַ ברודער פון דער פרוי קרעמער. זייער אַן אינטעליגענטער מענטש, וואָס האָט געהאַט אַ שיין אַפּטייק־געשעפט אויף זאַרעטשע. באַקאַטורסקי, אַ ייד אַ תלמיד־

חכם, פלעגט ימים נוראים דאַווענען פאַרן עמוד. זיין פרוי, אַן אינטעליגענטע, אָבער אַ גייסטיק קראַנקע, צאַלעל שקאָלניק — אַ לערנער און אַ סוחר פון פעדערן. זיין אַלטע מאַמע איז געווען אַ פרומע, קלוגע יידענע, אַ גרויסע סוחרטע — אַמאָליקע אשת־חייל. דער גוט באַקאַנטער רב סאָראָצקי איז געווען איר איידעם. צום אומגליק איז די טאָכטער זייער יונג געשטאָרבן.

האָבן מיר דאָרט געפונען — 5 פאַמיליעס מיט 11 פערזאָן, מיט אונדז איז געוואָרן 16 פערזאָן. צווישן זיי — 2 קליינע קינדער און איין גייסטיק קראַנקע. מיר זיינער געווען איבערגליקלעך. עפּעס אַ פשוטע זאַך — שוין 12 מעת־לעת, ווי מיר וואַלגערן זיך ווי די הינט אויפן גאַס, אויף די בוידעמער, אין שמוץ. אפילו דעם מאַנטל פון זיך ניט אַראָפּגענומען. איצט, אין אַ שטוב מיט מענטשן, מיט לייטן גלייך. מיר זיינען אַריין אין אַ צווייטן צימער, אָנגעשטעלט מיט שלאָסעריי־געצייג, ווו ס'איז פריער געווען אַ שלאָסער־וואַרשטאַט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אויבערשטע קליידער און זיך אַרומגעוואַשן.

דער צימער האָט געהאַט צוויי פענצטער מיט אַ טיר פון גאַס, אַלע פאַרהאַקט און פאַרהאַנגען. אין אַ ווינקל פון צימער האָט זיך געפונען אַ קליין קיכעלע, אַ וואַסער־אָפּגוס מיט אַ קראַן צום וואַשן זיך און אַ קליין קלאָזעטל אין ווינקל. הינטער דעם קיכעלע איז געווען אַ פינצטער שטיבל, ווו ס'איז געווען אַ קוזשניע, אָנגעוואָרפן מיט שטיקער אייזנס. די דירה און די קראָם האָבן געהערט צו אַ יידישן בעטן־מייסטער פראָם. אים האָט מען ביים אַריבערגיין אין געטאָ, אַרויסגעטריבן פון דאַנען און אַריינגעוואָרפן אין זעלבן געטאָ אויף אַן אַנדער אָרט. די דירה איז פאַרהאַקט געוואָרן אַלס אַזעלכע וואָס געהערט ניט צום געטאָ. די געשיכטע פון דער דירה איז אַן אומגעווייגלעכע.

די קיך מיטן צימער דורך וועלכע מיר זייגען אַריין אין אונדזער דירה־מעלינע, האָט געהערט צו חיים באקאטורסקי — אַן עלטערער ייד, אַ גילזן־מאַכער. אין זיין אָרעמער דירהלע האָט ער געהאַט אַ פּאָר האַנטמאַשינען אויף אויסצואַרבעטן גילזן. אין דער דירה האָט ער געלעבט פאַרן געטאָ און דאָ איז ער געבליבן ביים אַריינטרייבן אין געטאָ. אַזעלכע „גליקלעכע", וואָס זיינען אין געטאָ געבליבן אויף זייערע ערטער, זיינען געווען זייער ווייניק. אָט טאַקע צו אים, אין זיין אָרעמער דירהלע, האָבן זיך ביים אַריינטרייבן אין געטאָ, אַריינגעקליבן אָט די אַלע פריער אויסגערעכנטע 11 מאַן און דערצו נאָך פאָלגנדיקע מענטשן, וועלכע זיינען געבליבן מיט אים אין זיין דירה. ער, באַקאָטורסקי, מיט זיין אַלטער, קראַנקער פרוי און קאַגאַנס איידעם קריימסקי — אַ יידישער קאָמפּיזיטאָר, מיט זיין פרוי און קליין מיידעלע.

ווען ס'איז אָנגעקומען דער שוואַרצער פרייטיק פון 24טן, האָט אין דער גאַנצער שטוב געהאַט נאָר איין קריימסקי אַ געלן שיין. אַלע אַנדערע זיינען

געווען מיט ווייסע שײנען און די אַלטע לײט אײנגאַנצן אָן שײנען. זײ האָבן זיך געבראָכן דעם מוח אויף צו געפינען אַ מעלינע זיך צו ראַטעווען. קרעמעראָווע און שקאָלניק האָבן געוווּסט, אַז פראָמס דירה גרענעצט ערגעץ ווו מיט באַקאַטורסקיס דירה, נאָר ווו געגוי האָבן זײ ניט געוווּסט. זײ האָבן אויסגעקלאַפּט אַלע ווענט, געזוכט אַ פאַרבינדונג מיט פראָמס דירה. פרייטיק פאַרטאָג, ווען דער חלף איז שוין געלעגן אויפן האַלדז, האָט שקאָלניק אויסגעפונען אַ פאַרבינדונג מיט פראָמס דירה, דורך אַ דין שטיקל וואַנט, טאַקע דורך דעם איינגעמויערטן וואַנט־אַלמער. ניט קלערנדיק לאַנג האָבן זײ גלייך אויסגעבראָכן די וואַנט אויף אַזוי פיל, אַז אַ מענטש זאָל זיך קענען דורך דעם לאָך דורכשאַרן. זײ זיינען אַריין דאָרט און זיך אַזוי אַרום געראַטעוועט פון דער טשיסטקע. כדי צו פאַרדעקן די אויסגעהאַקטע לאָך, האָט מען געמאַכט אַ ברעטל, אָפּגעקאַלכט אויף ווייס, לויטן קאָליר פון וואַנט און מיט איר פאַרשטעלט די לאָך. אויף די פאָליצעס האָט מען אָנגעוואָרפן אַלט גילזן־פּאַפּיר און אַנדערע שמאַטעס. און קריימסקי, וועלכער איז געבליבן פון יענער זייט, האָט פאַרמאַכט דעם אַלמער. די ליטווינער זיינען בשעת דער טשיסטקע געווען אין שטוב, געעפנט דעם אַלמער, ניט באַמערקט קיין שום פאַדעכטיקס, נאָכן דורכקאָנטראָלירן ביי קריימסקין און זיין פאַמיליע דעם געלן שיין, זיינען זײ אַוועק. נאָך דער טשיסטקע איז שוין אַ טייל געבליבן אין דעם נייעם צימער לעבן אויף „שטענדיק״.

ווי די לאַגע איז ניט געווען שרעקלעך און ביטער, ווי דאָס האַרץ האָט ניט געקלאַפּט פאַר שרעק פאַר דער טשיסטקע, איז דאָך אונדז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן.

✶

זייט דער ליקווידאַציע פון דעם קליינעם געטאָ (21.10) און די ריזיקע אַקציע אין דעם ערשטן, גרויסן געטאָ (24.10), האָט אין געטאָ געקאָכט, ווי אין אַ ברויזנדיקן קעסל. מילא, די יעניקע, וועלכע האָבן קיין שיינען בכלל ניט געהאַט, האָבן געוווּסט, אַז זיי קען ראַטעווען נאָר אַ נס. נאָר אַפילו די יעניקע, וועלכע האָבן געהאַט געלע שיינען, זיינען אויך געווען אין טויט־שרעק. גיי פאַרלאָז זיך אויפן מערדערס יושר! צווייטנס, ווער זיינען דען געווען סוף כל סוף די אָן־שיינעניקעס? דאָס איז דאָך געווען דער אייגענער טאַטע אָדער מאַמע, דער אייגענער ברודער אָדער שוועסטער, די אייגענע כלה — אָדער חתן, אַלץ אייגן בלוט און פלייש...

## אַ נייע פּראָוואָקאַציע

דערצו נאָך איז צוגעקומען אַ נייע פּראָוואָקאַציע. דער יודנראָט און די

פּאָליציי האָבן געמאָלדן, אַז דאָס קליינע געטאָ בלייבט און ווער עס וויל האָבן אַ פרייע דירה, מיט זאַכן — קען זיך אומקערן אין יענעם געטאָ. זייער פיל מענטשן, פאַרצווייפלטע און אָן שיינען, זיינען אַהין אַוועק. די פּאָליציי האָט ברייט געעפנט די הילצערנע געטאָ־וואַנט אין געסל פון די יאַטקעס, וואָס איז אַרויס אויף דייטשישער גאַס, און די גייער האָבן געהאַט דריי טריט אַריבערצוגיין פון איין געטאָ אין דעם צווייטן. טאָמער איז דאָס די אייגענע רוצחים ווייניק געווען, האָבן זיי געגומען מיט געוואַלט טרייבן מענטשן אין יענעם געטאָ, הויפּטזעכלעך אַלטע, קראַנקע, עלנטע, הילפלאָזע. אין יענע שווידערלעכע טעג האָט די יידישע פּאָליציי אַרויסגעטריבן פון איר וווינונג די פרוי פּאַולאַ פּרילוצקאַ, וועלכע איז געווען דאָ עלנט און פּאַרלאָזן. זי איז צוזאַמען מיט נאָך אומגליקלעכע פאַרטריבן געוואָרן אין יענעם געטאָ, ווו אין אַ פּאָר טעג אַרום זיינען דאָרט געקומען ליטווינער און אַלעמען צוגענומען אויף פּאָנאַר. אַזוי זיינען דאָרט אומגעקומען די גוט־באַקאַנטע אין ווילנע: אַדוו. סמילג (דער אַלטער), חיים רעמיגאַלסקי מיט זיין פרוי, זאַקהיים פון „יעקאַפּאַ"־באַנק, יוטאַן פון אַגאַנסן־ביוראָ א. א. זיי זיינען פריער געווען אין קליינעם געטאָ, האָבן זיך פון דאָרט אַרויסגעראַטעוועט און זיינען דערנאָך צוריק אין פייער אַריין.

דאָס קליינע געטאָ איז צוריק אָפּגערייניקט געוואָרן פון אומגליקלעכע יידן. אָבער דאָס געטאָ איז נאָך געבליבן. אין די דאָזיקע אַלטע יידישע מויערן האָט זיך נאָך געדאַרפט אָפּשפּילן אַ ווייטערדיקער טרויעריקער אַקט, וואָס איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 3 ביזן 5 נאָוועמבער 1941.

*

אין דער נייער דירה איז מען די ערשטע נאַכט געשלאָפן אויף די אייזערנע בעטלעך, אָן מאַטראַצן און אָן בעטגעוואַנט, אָבער ס'איז פאָרט געווען אַ „מחיה". היות ווי קיין טיר און פענצטער זיינען ניט געווען, האָט טאָג און נאַכט געברענט ליכט אין צימער. קאָכן פלעגט מען אין עלעקטרישע טשייניקעס און עלעקטרישע טעפּלעך.

די אַלטע שכנים האָבן אונדז גלייך געזאָגט, מ'זאָל זיך וואָס ווייניקער דרייען אין גאַס, כדי ניט צו פאַרשיטן די מעלינע. האָבן מיר גלייך אָפּגערעדט, אַז נאָר די מאַמע וועט אַרויס אין גאַס עפּעס קויפן צום עסן. אַלע אַנדערע זיצן אין שטוב. מען האָט שוין קלאָר געוווסט, אַז מאָרגן הויבט זיך אָן אַן אַקציע צו זוכן מענטשן מיט ווייסע שיינען, אָדער אינגאַנצן אָן שיינען.

דער זונטיקדיקער טאָג איז אַדורך אין האַרצקלאַפּעניש און פּיין. עפּעס

האָט זיך בשום אופן ניט געוואָלט איינלעבן מיטן געדאַנק, אַז דאָס איז די לעצטע נאַכט, וואָס מען לעבט צוזאַמען און מ'איז נאָך מיט אייגענע.

פאַרטאָג האָבן מיר זיך אויפגעריסן פון אַ שטאַרקן טומל ביי אונדזער טיר, דאָס הייסט ביים לאָך. דאָס לאָך האָט אויפגעעפנט חיים באַקאַטורסקי. ער האָט אינעווייניק אַריינגעוואָרפן עטלעכע פעקלעך און קוים מיט צרות דורכגעשטופּט זיין קראַנקע, אַלטע פרוי. ער אַליין איז געווען אַ קאַליקע אויף איין פוס, מיט שוועריקייטן איז ער דערנאָך אַריינגעקראָכן. דאַן האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן אָנצוקומען פרישע מענטשן, ניט פון דער דירה. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז עס הויבט זיך אָן די אַקציע.

## די דריי־טאָגיקע טשיסטקע

פון מאָנטיק פאַרטאָג זיינען כסדר געקומען מענטשן צו אונדז אין מעלינע. פונוואַנען האָבן די דאָזיקע מענטשן געוווסט, אַז דאָ איז אַ מעלינע — ווייסט איין גאָט אין הימל. אמת, אַ היפּש ביסל מענטשן האָט אַריינגעפירט בורשטיין.

אונדזער ערשטער צימער איז געוואָרן פול געפּאַקט, אַז ס'איז ניט געווען ווו צו שטיין. דאָס ליכט האָבן מיר שטאַרק פאַרטונקלט און צייטנווייז אַפילו אינגאַנצן פאַרלאָשן, אַזוי, אַז אַרום אונדז איז געווען שטאָק פינצטער. מיר האָבן אַפילו ניט געזען ווער עס איז אַלץ צו אונדז געקומען. קריימסקי איז געווען דער איינציקער ביי אונדז, וואָס האָט געהאַט אַ געלן שיין, פלעגט ער אַריינלאָזן יעדן, ווער נאָר ס'איז געקומען. מיר האָבן פריער וועגן דעם גערעדט, אַז מען זאָל, חלילה, ניט דערלאָזן דערצו, אַז עמעצער, וועמען מען וועט ניט אַריינלאָזן, זאָל פאַר כעס אָפּמסרן די גאַנצע מעלינע, ווי עס האָט פּאַסירט שוין ביי דער פריערדיקער טשיסטקע. דערווייל זיינען צו אונדז געקומען נאָך און נאָך מענטשן. זיי זיינען שוין אַריין אין צווייטן צימער, דאָס הייסט אין קיך און אין וואַרשטאַט. געזען האָבן מיר קיינעם ניט, נאָר אַ סך האָבן מיר דערקענט לויט דער שטימע. אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך דערקענט כץ'ן —אברהם כץ, דער שאַצער פון ווילנער לאָמבאַרד און דער גבאי אין דער קלויז „גמילות חסד" אויפן שול־הויף, ווו מיר האָבן געדאַוונט אַ פּאָר צענדליק יאָר. אַלע אָנגעקומענע האָבן זיך ווי־ניט־איז „איינגעאָרדנט". ווער עס האָט זיך געזעצט אויף אַן אייזן־מכשיר, ווער ס'איז געבליבן שטיין. יעדער האָט זיך איינגעבויגן אין דרייען און געזעסן, אָדער געשטאַנען שטיל, מ'האָט אַפילו די פּאַרע ניט געפילט. מיטאַמאָל האָבן מיר פון גאַס דערהערט די גוט באַקאַנטע, כאַמסקע, יונישע טריט. יאָ, זיי לויערן שוין, זיי גייען שוין נאָך אונדזערע לעבנס...

די „חתונה" וועט זיך באַלד אָנהויבן.

באַלד האָט זיך געעפנט אונדזער לאָך און בורשטיין האָט אַריינגעלאָזן צו אונדז זיין שוויגער, מיט וועלכער מיר זיינען שוין געווען פריער אין טעאַטער־מעלינע. דערביי האָט אונדז בורשטיין געזאָגט, אַז די ליטווינער זיינען שוין אין געטאָ. די גאַנצע שיינעניקעס וועט מען אַוועקפירן אין קליינעם געטאָ. דאָן וועט מען דאָ זוכן און צונעמען די אַלע וואָס האָבן אינגאַנצן ניט קיין שיינען. ווי לאַנג די „תתונה" וועט דויערן ווייסט מען ניט.

די איצטיקע אַקציע דאַרף דורכגעפירט ווערן גרינטלעך. די יידישע פּאָליציי האָט טאַקע גלייך געמאָלדן אין אַלע הייף, אַז אַלע באַזיצער פון גאַנצע שיינען זאָלן מיט זייערע פאַמיליע־אָנגעהעריקע אַראָפּגיין אין הויף. פון דאַנען דאַרפן אַלע גיין צום געטאָ־טויער, ווו עס וועט פאָרקומען די קאָנטראָל פון די גאַנצע שיינען.

ווי נאָר די פּאָליציי האָט דאָס געמאָלדן, האָט קריימסקי גלייך פאַרשטעלט דאָס לאָך מיטן ברעטל, וואָס מיר האָבן פון אינעווייניק צוגעבונדן מיט אַ שטריק. דאָס ברעטל מיט די אַנדערע פּאָליצעס האָט ער פאַרוואָרפן מיט צוגעגרייטע שמאַטעס און געלאָזן דעם אַלמער האַלב אָפן און איז אַוועק. מיר זיינען געבליבן מיט זיך אַליין, פאַרשפאַרט, אָפּגעריסן פון דער גאַנצער אַרומיקער וועלט. אַ שטילקייט, מ׳הערט נישט אַ וואָרט פון קיינעם. מיר האָבן דערהערט אַ טומל אויפן גאַס, וואָס האָט זיך צו אונדז דערנענטערט, ס׳זיינען דערגאַנגען צו אונדז אָפּקלאַנגען פון רעדן יידיש. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס גייען פאַרטיעס גאַנצע שיינעניקעס אין דעם קליינעם געטאָ אַריין. דער דאָזיקער מאַרש האָט געדויערט לאַנגע שעהען. מיר זיינען געזעסן צוזאַמענגעדרייטע אין אונדזערע ווינקעלעך, ווען־ניט־ווען האָט ווער שטיל אַרויסגערעדט אַ וואָרט. ערגער איז געווען, ווען עטלעכע האָבן גלייכצייטיק זיך אָנגערופן. האָט מען דאָן גענומען רופן: „שטילער, שטילער, רעדט ניט, שווייגט". האָט דאָס געמאַכט דעם אמתן רעש און טומל. ס׳האָט געקאָסט אַ סך נערוון און מי, ביז מען האָט באַרואיקט דעם דענערווירט־צעווייטיקטן עולם. דער מענטשן־שטראָם איז אויפן גאַס געגאַנגען אָן אויפהער. פאַרנאַכט איז געוואָרן שטיל. מיר האָבן אַפילו געהערט, ווען עס האָבן אָפּמאַרשירט די ליטווינער. אַזוי זיינען מיר ווי געליימטע אָפּגעזעסן דעם גאַנצן טאָג און די גאַנצע נאַכט, ניט ווויסנדיק ווען ס׳איז טאָג און ווען ס׳איז נאַכט — אין אונדזער לעבעדיקן קבר, איז געווען שטענדיק פינצטער. פאַרטאָג האָט די יונגע קרעמעראָווע אָנגעצונדן נעבן זיך דאָס עלעקטרישע לעמפּל און צוגעשטעלט דעם עלעקטרישן טשייניק אויפצוקאָכן טיי, איז ווידער אויסגעבראָכן אַ טומל, „זי מאַכט אומגליקלעך אַלעמען". אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, אין שטוב האָט גענומען קאָכן ווי אין אַ קעסל. די לאַגע איז געוואָרן געפערלעך — מען זאָל פון גאַס ניט דערהערן עפּעס

פאַרדעכטיקס, אַנדערש זיינען מיר אַלע פאַרלוירן. ניט קוקנדיק אויף די געשרייען, האָט זי דאָך אויפגעקאָכט אַ טשייניק הייס וואַסער און געטענהט: „וואָס ווילט איר, אַז מיין קינד זאָל אויסגיין אין בעט? טאָ זאָלן מיר אַלע אונטערגיין. אַזוי דער טויט — אַזוי דער טויט". איך בין געזעסן נעבן טיש, האָב איך אין לאָמפּ־קאָנטאַקט אויך אויפגעקאָכט אַ טשייניק הייס וואַסער; געגעבן מיין פאַמיליע און אַנדערע צו ביסלעך, האָב איך אָנגעשמירט שטיקלעך ברויט מיט האָניק און פוטער און ממש געצוווּנגען מיין פאַמיליע צו עסן. דעם ערשטן טאָג איז מען געווען אַזוי צעשרויפט און דענערווירט, אַז מען האָט פאַרגעסן וועגן עסן און טרינקען. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט די אַלטע קרעמעראָווע שטיל אַ זאָג געטאָן: „שטיל, מ'איז אַריין אין יענער שטוב". מיר זיינען געבליבן טויט, פאַרגליווערט אויף אַ היפּשער צייט. איך האָב שוין פריער דערמאָנט, אַז די פרוי באַקאָטורסקי איז געווען גייסטיק קראַנק. די גאַנצע צייט, וואָס זי איז געווען אין געטאָ, האָט זי זיך גוט געהאַלטן. אונטערן איינדרוק פון די געוואַלטיקע אויפטרייסלונגען איז איר פסיכישער צושטאַנד געבראָכן געוואָרן, און דאָס איז, צום אומגליק, פאַרגעקומען דווקא איצט, אָט אין דעם טראַגישן מאָמענט. זי האָט אָנגעהויבן צו רעדן אָן אַן אָפּשטעל. איצט, ווען די נערוון ביי אַלעמען זיינען געווען אָנגעשפּאַנט ביז דער העכסטער מדרגה און ניט אַלע האָבן געוווּסט, אַז זי איז גייסטיק קראַנק. מ'האָט גענומען שרייען פון אַלע זייטן, זי זאָל שטיל ווערן. דער מאַן האָט געפּרוּווט מיט אַלע כוחות זי איינצושטילן. אָבער, ווי צו להכעיס, האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן. פאַרקערט, וואָס מער מען האָט גערעדט צו איר, מיט גוטן און מיט בייזן, איז זי געוואָרן אַלץ ווילדער און ווילדער. זי האָט זיך אַרויסגעשטעלט אויפן בעט, אַראָפּגעריסן פון זיך די קליידער און אַ נאַקעטע גענומען זינגען יידישע און רוסישע לידער. די לאַגע איז געוואָרן טראַגיש. ס'האָבן זיך דערהערט געשרייען פון עטלעכע ווינקלען, מ'זאָל זי דערשטיקן. אירע נאָענטע זיינען צו צו איר, געקושט און געהאַלדזט, ביז זי איז סוף כל סוף געפאַלן אַן אויסגעמאַטערטע אין אַ ווינקל פון בעט. זי איז געווען פאַרחלשט. אַלע האָבן פריי אָפּגעסעטעמט...

אין משך פון טאָג איז מען אין דער ערשטער שטוב אַריין עטלעכע מאָל. די טיר איז ספּעציעל געלאָזן געוואָרן אָפן. מיר האָבן ניט געהערט, נאָר די פרוי קרעמער, וועלכע איז געזעסן נעבן לאָך, האָט יאָ געהערט, ווי פאַרטיעס ליטווינער האָבן עטלעכע מאָל זיך אַרומגעדרייט אין יענער שטוב.

דער גרעסטער טייל פון אונדז איז געוואָרן אַפּאַטיש, פאַרוקט זיך אין ווינקעלע, ווי פאַרגליווערט זיינען אַלע געוואָרן.

אַנדערע דאַקעגן זיינען געווען אויפגערעגט. זיי האָבן געפּרוּווט פאַרבינדן

אַן אַלגעמיינעם שמועס און געווען אין כעס, ווען מען האָט זיי נישט געענטפערט.

דעם צווייטן האַלבן פון אונדזער טאָג איז אונדז באַשערט געווען איבער־צולעבן אַ נייע דערשיטערונג.

דעם הויז־פאַרוואַלטערס בורשטיינס שוויגער, אַן אַלטע פרוי, איז געווען פולשטענדיק דוּאיק, מיטאַמאָל האָט זי אָנגעהויבן צו רעדן, אָט אַזוי ווי איינ־דערפרי, די פרוי באַקאַטורסקי. זי איז פשוט געוואָרן ווילד. ווו די פרוי האָט גענומען די כוחות אַזוי פיל צו רעדן און ליאַרמען, ווייס איך ניט. ס'האָט זיך ווידער איבערגעחזרט די זעלבע לאַגע: זי רייסט פון זיך די קליידער, זי שפרינגט פון בעטל, רעשט און טומלט, קיין שום רעדן און בעטן העלפן ניט. מענטשן האָבן גענומען שרייען: „דערשטיקט די מכשפה, ווען ניט גייען מיר אַלע אויף פאַנאַר". ממש ניסים האָבן מיר געהאַט, וואָס אָט די קולות זיינען ניט דערהערט געוואָרן אין גאַס. מאָמענטאַנוויַיז האָט זיך געדוכט, אַז אָט קומט דער סוף פון אונדזער לעבן. פאַרנאַכט זיינען מיר אַלע געווען פשוט פאַרחלשט. אַזוי פיל מענטשן אין אַזאַ דעמפּיקער ענגשאַפט, אַן אַ ברעקל שיין, אַן אַ טראָפּן פרישער לופט. ביינאַכט, ווען מיר האָבן געפילט, אַז די מערדער זיינען ניטאָ אַרום אונדז, האָבן מיר ווידער אויפגעקאָכט עטלעכע טשייניקעס וואַסער און אַ ביסל אָפּגענעצט די פאַרשמאַכטע ליפּן. אונדזערע קראַנקע, זיינען, ווי עס שיינט, געבליבן ליגן פאַרשמאַכטע. דער אָוונט און די נאַכט זיינען אַדורך רואיק.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער דריטער טאָג פון דער אַקציע.

הגם עס האָט זיך געקענט אויסדוכטן, אַז דער גרעסטער טייל מענטשן איז געוואָרן פולשטענדיק אַפּאַטיש, דאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער לעבנס־ווילן איז ביי אַלעמען געוואַלטיק שטאַרק. די יעניקע, וועלכע זיינען געווען אין צווייטן צימער, פלעגן אַלע ווילע אונדז איבערגעבן וועגן יעדן ריר, וועגן יעדן שאָרך, וואָס זיי האָבן געהערט פון גאַס. אינטערעסאַנט, אַז אַמבעסטן האָבן זיך געהאַלטן די קינדער און אַלטע לייט. די עלטערע פלעגן ציטערן פאַר יעדן הויכן וואָרט. פון גאַס דערגייען פלוצלינג צו אונדז קולות, וואָס ווערן אַלץ שאַרפער און דייטלעכער. מיר דערהערן טריט און רעדן יידיש. פלוצלינג — אַ טומל פון דער צווייטער דירה. אין אַ ווייַלע אַרום — מען רייסט דאָס ברעטל פון לאָך. מיר זיינען געבליבן בוכשטעבלעך אָן אָטעם. אוי, ווי, מען האָט אַנטדעקט אונדזער מעלינע: מיר זיינען פאַרלוירן. אינסטינקטיוו טוליען מיר זיך נעבעטער איינער צום צווייטן. איך האַלט אויף זיך דעם קאָפּ פון מיין זונעלע. ער ליגט כמעט אָן באַוועגונג אויף מיר. טייער קינד! פאַרוואָס קומען דיר אַזעלכע איבערלעבונגען און אַזאַ פריער טויט... פאַרוואָס!?

און... אומדערוואַרט דערפילן מיר אַ שטראָם פרישע לופט און אַן אויסגעשריי: „גייט אַרויס, איר זייט געראַטעוועט, די אַקציע איז געענדיקט. מען גייט שוין צוריק פון יענעם געטאָ...״

דאָס לאַך האָט אויפגעעפנט גרישע לעווין, וועלכער האָט געהאַט זיין פּאָטער אין דער מעלינע.

אין דעם מאָמענט איז מיין ייִנגל געפאַלן אויף מיר אַ פאַרחלשטער...

מ׳האָט גלייך אָנגעצונדן ליכט און זיך אַרומגעקוקט, ווו מ׳איז אין דער וועלט. אונדזערע אויגן האָבן דערזען אַ ים מיט מענטשן, נייע פּנימער. באַקאַנטע און ניט באַקאַנטע. ביסלעכווייז האָט מען גענומען פאַרלאָזן די מעלינע. ביים אַרויסגיין האָבן מיר איבערגעציילט עטלעכע צענדליק פּערזאָן, אַ חוץ אונדזערע אייגענע. אַזוי פיל זיינען דאָ געווען פאַרמויערט במשך פון 3 שווידערלעכע טעג און אַלע האָבן זיך געראַטעוועט אַדאַנק אַן איינפאַל פון פרוי קרעמער און צאַלעל שקאָלניק, ביי דער מיטהילף פון אַ דינינקע ברעטעלע. די דאָזיקע אַקציע האָט ווידער געקאָסט דאָס לעבן פון אַנדערטהאַלבן טויזנט קדושים. דאָס מאָל איז די אַקציע געגאַנגען שווער. מ׳האָט זיך גוט באַהאַלטן, אָבער דאָך זיינען העכער אַנדערטהאַלבן טויזנט ייִדן גענומען געוואָרן צו דער שחיטה.

## פאַרלויף פון דער אַקציע

מאַנטיק אינדערפרי זיינען אין געטאָ אַריין דייטשן — געסטאַפּאָוועס און ליטווינער. זיי האָבן פאַראָרדנט, אַז אַלע באַזיצער פון געלע שיינען זאָלן אַרויסגיין פון די הייזער, מיטנעמענדיק מיט זיך קליינע האַנט־פּעקלעך מיט עסן. צוזאַמען מיט זיי זאָלן אויך אַרויסגיין אַלע פאַמיליען־מיטגלידער, צוגעשריבענע צו די שיינען. פון די הייף האָבן אַלע געדאַרפט מאַרשירן צום געטאָ־טויער. ביים טויער איז פאָרגעקומען די קאָנטראָל פון די געלע שיינען. דער גליקלעכער באַזיצער פון שיין איז געגאַנגען צוזאַמען מיט זיין משפחה, וועלכע האָט געהאַט פון ייִדישן אַרבעט־אַמט בלויע צעטלעך מיט נומערלעך. אַז אַלץ איז געווען אין אָרדענונג, האָט מען זיי געלאָזט גיין ווייטער אין דער ריכטונג צו דעם געוועזענעם קליינעם געטאָ. דאָרט ווו ס׳איז ניט געווען אין אָרדענונג, האָבן ניט געפעלט קיין קלעפּ, און די יעניקע וועלכע האָבן זיך געוואָלט דורכשמוגלען, האָט מען אַוועקגעשטעלט אַן אַ זייט. דערביי האָבן זיך אָפּגעשפּילט האַרצרייסנדיקע סצענעס. פאַמיליעס פלעגן צעריסן ווערן: צום לעבן — צום טויט. די דאָזיקע סעגרעגאַציע האָט געדויערט כמעט דעם גאַנצן טאָג. געגעס און די ייִדישע פּאָליציי האָבן מיטגעאַרבעט די גאַנצע צייט און אַלץ געטאָן, כדי צו ראַטעווען וואָס עס האָט זיך געלאָזט.

דאָס געטאָ איז פולשטענדיק אָפּגעריייניקט געוואָרן פון מענטשן. אַלע הייזער אָפן און ליידיק. די ליטווינער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבערן געטאָ זוכן קרבנות. יידן האָבן זיך דאָס מאָל גוט פאַרזאָרגט מיט באַהעלטענישן. מען האָט זיך באַגראָבן, ווו נאָר מען האָט געקענט. די מחבלים האָבן געמוזט זוכן הויף נאָך הויף, דירה נאָך דירה, שטוב נאָך שטוב. זיי זיינען אַרומגעקראָכן אויף אַלע בוידעמער, אין אַלע קעלערן. ווו נאָר אַ ווינקל, האָבן זיי געניששטערט און געזוכט.

די קאָנטראָל פון די געלע שיינען פון די מיטאַרבעטער פון יודנראַט איז פאָרגעקומען אין קליינעם גערטנדל, וואָס איז געווען אויפן הויף פון יודנראַט. דערנאָך זיינען אַלע אַוועק אין יענעם געטאָ.

אין אונדזער ווינקל, ווו מיר זיינען געווען באַהאַלטן, זיינען געווען דריי מעלינעס און אַלע דריי האָבן זיך געראַטעוועט. דאָס ווינקל האָט געשיצט די יידישע פּאָליציי גופא. אין דער גרויסער מויער, ווו אונדזער פּאַרטער־דירה האָט זיך געפונען, וואָס איז אַרויס אויף אַרקלין 3, האָט געוווינט אַ גרויסע צאָל יידישע פּאָליציאַנטן און הויכע געטאָ־באַאַמטע. סוף כל סוף זיינען זיי אויך געווען יידן, און ביי אַלע קאָמבינאַציעס איז אין זייערע הייזער אויך געבליבן אַ גרויסע צאָל מענטשן, הויפּטזעכלעך אַלטע טאַטעס און מאַמעס און שיינען. די יידישע פּאָליציאַנטן האָבן פאַרמעלינעווועט זייערע אייגענע אין די שכנותדיקע מעלינעס, און זיי האָבן זיי טאַקע גוט געהיטן. ווען זיי פלעגן זען, אַז די ליטווינער רוקן זיך צו צו אַ געפערלעך אָרט, פלעגן זיי גלייך זיי פאַרעדן און אָפּשלעפּן. פונדעסטוועגן זיינען ליטווינער עטלעכע מאָל געווען ביי אונדז אין דער דירה, אַ פּאָר מאָל געעפנט דעם אַלמער; צום גליק האָבן זיי אָבער קיין זאַך ניט באַמערקט. ועגן אַזאַ וויזיט האָט אונדז שפּעטער דערציילט בורשטיין, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די געציילטע מינוטן, קען מען זיך קוים פאָרשטעלן.

אָבער דאָס וויכטיקסטע איז געווען אַ סעקונדע פון גליק. און אָט די סעקונדע פון גליק האָבן, צום באַדויערן, ניט אַלע מעלינעס געהאַט. אויף הקדש־גאַס איז אין אַ קעלער געווען אַ מעלינע מיט אַ סך צענדליקער מענטשן. אויפן דריטן טאָג פון דער אַקציע, שוין כמעט פאַרן סוף, האָבן די מענטשן אינעווייניק געגומען זיך שטיקן. זיי האָבן אויף אַ מאָמענט געעפנט דעם צודעק און... אין אָט דער סעקונדע איז, צום אומגליק, אָנגעקומען אַ ליטווישער מערדער און צוגענומען אַלע מענטשן.

### דער אויסזען פון געטאָ נאָך דער אַקציע

אַזאַ רוצחישער פּאָגראָם, אַזאַ חורבן, ווי נאָך דער אַקציע, האָט מען נאָך

ניט געזען. די ליטווינער האָבן צוגענומען די מענטשן און ביי דער געלעגנהייט גערויבירט. געוויסע יידישע פּאָליציאַנטן זיינען אויך ניט אָפּגעשטאַנען פון דער שיינער ליטווישער גזלנות...

דאָס לעבן איז אָבער געגאַנגען ווייטער. איצט איז שוין גאָר געווען גרוים, אַ „מחיה". מען האָט פאַרנומען די דירות פון די צוגענומענע מיט די געבליבענע זאַכן.

ניט בעסער האָבן אויסגעזען אַלע קאָנצעלאַריעס פון יודנראַט. אַלע פּאַפּירן זיינען צעשאָטן געוואָרן, פון אַלץ האָבן זיי אַ תל געמאַכט. מען האָט געדאַרפט איצט מאָנטירן דעם אַפּאַראַט פונדאָסניי. אַ וויסטער חורבן איז אַנטשטאַנען אין דער גרויסער ביבליאָטעק.

אויף מאָרגן נאָך דער טשיסטקע, דאָנערשטיק פרי, בין איך אַוועק צו בורשטיינען אים דאַנקען פאַר דער רעטונג. אויף די טרעפ האָב איך געטראָפן אין שטוביקן כאַלאַט דעם אַלטן געטאָ־פאַרשטייער אינזש. פריד. איך זאָג צו אים:

„נו, טשטאָ, בעסטיאַ טעפּער אוספּאָקאָאיטסיאַ?" (נו וואָס, די בעסטיע וועט זיך איצטער באַרואיקן?). ער ענטפערט מיר:

„דאָ קאַק־זשע אָני מאָגוט אוספּאָקאָאיטסיאַ, סקאָראָ ווו געטאָ יעשטשאָ אָסטאַלאָס ניעסקאָלקאָ טיסיאַטש ניעלעגאַלניך יעוורעיעוו" (ווי קענען זיי זיך באַרואיקן, ווען אין געטאָ זיינען נאָך געבליבן עטלעכע טויזנט ניט לעגאַלע יידן). איך בין געבליבן שטיין אָן לשון. הייסט דאָס, אַז מען דאַרף דערוואַרטן נייע אַקציעס. איך האָב צום ערשטן מאָל דערהערט דעם אָפיציעלן אויסדרוק: ניט לעגאַלער ייד. צו אָט די ניט לעגאַלע געהער אויך איך מיט מיין פאַמיליע. דערביי האָט אויף מיר געמאַכט אַ פּיינלעכן איינדרוק דער טאָן, מיט וועלכן דער אַלטער אויסוווּרף האָט אַרויסגעזאָגט די דערמאָנטע ווערטער. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער איז מלא רציחה, וואָס אָט די פאַר־שאָלטענע „ניט לעגאַלע יידן" לעבן נאָך, ווייל זיי שטערן אים זיין רו. ווען ניט זיי, וואָלט שוין אין געטאָ געווען רואיק און שטיל.

### חיים סעמיאַטיצקי

אַ פּאָר טעג נאָך דער טשיסטקע האָב איך געטראָפן חיים סעמיאַטיצקין. ער האָט מיר דערציילט זיינע איבערלעבונגען פאַר די דריי טעג פון דער אַקציע, דאָס האָט געקלונגען נאָך פאַנטאַסטישער ווי אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט:

ניט האָבנדיק קיין שיין און ניט קיין גוטע מעלינע, האָט ער ניט געזען פאַר זיך קיין אַנדערע רעטונג ווי אַרויסגיין פון געטאָ. ווו גייט מען? קיין

באַקאַנטע קריסטן האָט ער גיט געהאַט. ער האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט נאָך אַ פּאָר באַקאַנטע ישיבה־בחורים און מאַנטיק גאַנץ פרי, ווען ס'איז נאָך געווען גוט פינצטער, זיינען זיי אַריבערגעקראָכן די הילצערנע געטאָ־וואַנט, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דעם אַשמאַנער געסל. דאָרט האָבן זיי זיך אַריינגעכאַפּט אין ערשטן הויף, האַרט ביי דער געטאָ־גרענעץ. דער גאַנצער הויף איז געווען ליידיק. אַלע דירות זיינען געווען אָפן. אין די דירות האָט מען שוין, ווי ס'האָט אויסגעזען, אויסגעראַבירט, אָבער ניט גרינטלעך. די קריסטן, וועלכע האָבן זיך „דערבאַרעמט" איבער טויזנטער יידישע הייזער, נאָכן צונעמען זייערע אייגנטימער אויף פּאָנאַר, אָדער אין געטאָ, האָבן וואַרשיינלעך מורא געהאַט אַהערצוגיין צוליב דער נאָענטקייט פון געטאָ. די ישיבת־בחורים האָבן זיך דאָ געפילט זיכער, אויסגעקליבן זיך די בעסטע דירה און געגומען באַלעבאַטעווען. זיי האָבן געפונען אין די דירות אַ מאַסע פּראָדוקטן, אָנגעגרייטע אויף ווינטער: טעפּ מיט קאָנפיטורן, שמאַלץ, טיי, ווייס מעל א. א. וו. בייטאָג האָבן זיי מורא געהאַט צו קאָכן און באַקן, מ'זאָל ניט דערזען קיין רויך. ביינאַכט האָבן זיי אויסגעבאַקן קיכלעך. דערצו זיינען זיי נאָך אַריינגעפאַלן אין אַ שטוב פון אַ יידישן זשורנאַליסט, האָבן זיי דאָרט געפונען אַ סך ביכער. געשלאָפן זיינען זיי אין בעטן מיט מאַטראַצן, מיט פּערענעס, ווי גאָט אין אדעס. „איך זאָג אייך" — האָט מיר געזאָגט חיים, — „אַז אַזעלכע דריי טעג האָב איך אין פרידנסצייט ניט געהאַט. מיר האָבן זיך געבאָדן אין עסיק און האָניק. ווען די אַקציע האָט זיך געענדיקט, האָבן מיר פשוט ניט געוואָלט אַוועקגיין פון אַזאַ שמאַלץ־גרוב. אָבער אַוועקגיין האָבן מיר געמוזט, ווייל אַ פּאָר מאָל האָבן מיר געהערט, ווי גנבים „באַאַרבעטן" די שכנותדיקע דירות. ווען די אַקציע האָט זיך געענדיקט, האָבן מיר אָנגענומען פּראָדוקטן און בעסערע זאַכן, וויפל מיר האָבן געקענט, און זיינען אינמיטן נאַכט צוריק אַריין אין געטאָ".

חיים סעמיאַטיצקי האָט אין די טעג „חתונה" געהאַט. זיין „פרוי" האָט אים פּאַר אַ געוויסע סומע געלט צוגעשריבן צו איר שיין, אַלס „מאַן". ער איז אָבער אין שטאָט אויף אַרבעט ניט געגאַנגען. ער האָט זיך גענומען דרייען אין געטאָ און האַנדלען מיט גאָלד, בריליאַנטן און זייער גוט פאַרדינט. ער פלעגט זיך שוין פאַרגינען צו עסן אַ שטיקל פּוטער, פלייש, ער פלעגט שוין ניט נעמען פון די קיכן קיין עסן.

די לאַגע אין געטאָ האָט זיך גענומען באַרואיקן. טויזנטער מענטשן פלעגן יעדן טאָג גיין אין שטאָט צו דער אַרבעט און אין אָוונט אַריינטראָגן מיט זיך פאַרשיידענע פּראָדוקטן. דער געלער שיין האָט אין אַ געוויסער מאָס געגעבן די מעגלעכקייט צו עקזיסטירן. די יעניקע, וועלכע האָבן קיין שיין

ניט געהאַט, פלעגן ניט בלויז ניט קענען אַרויסגיין פון געטאָ, נאָר האָבן מורא געהאַט צו ווייזן זיך אין געטאָ גופא, זיי זאָלן, חלילה, זיך ניט אָנטרעפן אויף מורערן, אָדער אויף אַן אַנדערן שלאַק.

די לאַגע ביי מיר איז געוואָרן זייער אַ שווערע. ביי אַזאַ געוואַלטיקן יקרות האָבן 5 מענטשן געדאַרפט לעבן. אַפילו אויף טרוקן ברויט און זופּ, האָט מען געדאַרפט האָבן מאַיאָנטקעס. איך האָב געמוזט אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט דער שטאָט. דאָ האָט מיך געראַטעוועט סעמיאַטיצקי. ווי נאָר ער האָט באַקומען דעם געלט שיין, האָט ער מיר אים גלייך אויסגעליען אויף אַ פּאָר שעה. דאָס איז געווען אַ געוואַלטיקע טובה. אַ קלייניקייט — אַרויסצוגעבן פון האַנט דעם לעבנס־צעטל? איך בין אַוועק אין שטאָט. דורך אַ קריסטלעכע קרעמערקע האָב איך צוויסן געגעבן עטלעכע באַקאַנטע, אַז איך לעב. אויף צוריקוועג האָב איך מיט זיך מיטגענומען אין געטאָ זייער פיל ברויט און גרינסן. דער שפּאַציר איז מיר געלונגען.

### אונדזער משפחה אין שטוב ווערט פאַרגרעסערט

ווען די טשיסטקע האָט זיך געענדיקט, האָט אַ פאַמיליע, וואָס איז באַשטאַנען פון 5 דערוואַקסענע מענטשן, געבעטן, מ׳זאָל זיי לאָזן איבערנעכטיקן. דאָס איז געווען די פאַמיליע כץ. זיי זיינען פריער געווען די גאַנצע צייט אין געטאָ, אָבער זיי האָבן ניט באַוויזן איינצואָרדענען זיך אין אַ דירה. אין דער מעליבע האָט זיי אַריינגעפירט זייער קרוב בורשטיין. נאַטירלעך, אַז קיינער איז ניט געווען קעגן דעם. זיי זיינען געבליבן נעכטיקן. כץ איז געווען זייער אַ הויכער מאַן. די פרוי און די קינדער, פון דער זעלבער מאָס. מילא, אַז מען איז געזעסן בשעת דער טשיסטקע — איז דאָך ניט שייך. איצט איז מען דאָך געווען „פרייע מענטשן" און אַזוי צעבראָכן פון די לעצטע נעכט. האָט זיך כץ געלייגט אויף דריי שטולן אין איין ווינקל (מער האָט זיך ניט געשטעלט), די פרוי כץ מיט אַ טאָכטער האָבן געמאַכט אַ געלעגער אויפן טיש. דאָס ייִנגל אין אַ צווייט ווינקל און אַ צווייטע טאָכטער ווידער ערגעצוווּ. מען האָט זיך איינגעאָרדנט און איבערגעשלאָפן די נאַכט.

אויפן אַנדערן טאָג האָבן די כץ׳ס געזאָגט, אַז אַזוי ווי זיי האָבן ניט ווו צו גיין און דאָ איז זייער אַ גוטער סטראַטעגישער פונקט, בלייבן זיי דאָ. קיינער האָט קיין האַרץ נישט געהאַט און סוף כל סוף, אויך קיין רעכט ניט צו זאָגן: ניין! אָבער די כץ׳ס אַליין האָבן געזען, אַז מען ווערט פשוט דערשטיקט (פאָרט אַ צימער אַן לופט), פלעגן זיי דעם גאַנצן טאָג זיין אין דער ערשטער שטוב און דערנאָך אַפילו שוין דאָרט גענעכטיקט.

אַזוי אַרום האָבן שוין מיט מזל אין אונדזער צוויי־צימערדיקער דירה

געלעבט 8 פאַמיליעס פון 23 נפשות. אין אַ צייט שפּעטער איז נאָך צוגעקומען די פאַמיליע פון חיים באַקאַטורסקיס זון (מיט דער שנור). בייטאָג איז נאָך געווען אַ האַלבע צרה — מען פלעגט דאָך גיין אין געטאָ. איז אָבער אָנגעקומען די נאַכט און מ'האָט זיך געדאַרפט לייגן שלאָפן, האָט דאָס אויסגעזען ווי אין אברהם רייזענס דערציילונגען — מער ניט, וואָס דאָ איז ניט געווען די מאַמע, וועלכע האָט אויף זיך געבעטן דעם טויט, נאָר יעדער האָט דאָ פאַר זיך, גרויס צי קליין, געדאַרפט בעטן אויף זיך דעם טויט... אָבער ניין, קיינער האָט דעם טויט ניט גערופן און ניט געבעטן, נאָר פאַרקערט, יעדער האָט זיך געקלאַמערט אָן לעבן און געוואָלט דווקא לעבן און איבערלעבן אַלע שונאים...

טעג זענען געלאָפן. דאָס לעבן אין געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן צו נאָרמאַ־ליזירן. צו דער אַרבעט אין שטאָט פלעגן גיין נאָר די, וועלכע האָבן געהאַט געלע שיינען. אין די אַמטן פון יודנראַט האָבן אויך געאַרבעט אויסשליסלעך באַזיצער פון געלע שיינען. ברויטקאַרטן האָט מען אַרויסגעגעבן נאָר פאַר פאַמיליעס מיט געלע שיינען. אַלע איבעריקע זיינען טאַקע געבליבן ניט רעגיסטרירט און האָבן קיין שום זאַך ניט באַקומען. מיר זיינען געווען ניט לעגאַלע, מיר האָבן טאַקע ניט עקזיסטירט. גאַנצע טעג פלעג איך אַרומגיין פון איינעם צום צווייטן און זוכן אַ מעגלעכקייט צו באַקומען דעם גליקלעכן צעטל — דעם געלן שיין. איך בין געווען אין דער געזונטהייטס־אָפּטיילונג, ביי מילקאָנאָוויצקין, ביים הויפּט־דאָקטאָר פון געטאָ ד"ר שאַדאָווסקי, אָבער אָן דערפאָלג. אין דער געזונטהייטס־אָפּטיילונג האָט געאַרבעט ד"ר גאָלדבורס, זייער אַן אָרנטלעכער און אָנשטענדיקער מענטש. איינמאָל זאָגט ער צו מיר: „וואָס פטרט איר דאָ צייט און געזונט. וואָס זוכט איר דאָ. איר זעט דאָך, אַז דאָ איז אַ קליקע, נאָר פאַר אייגענע און ווייטער גאָרניט. מען מוז אַנטלויפן פונדאַנען". הגם ער האָט געהאַט דעם געלן שיין, איז ער דאָך אַוועק אין ווייסרוסלאַנד און דאָרט אומגעקומען.

איך האָב זיך פאַרשטענדיקט מיט נאָך עטלעכע געבליבענע אַפּטייקערס און מיר האָבן צוזאַמען גענומען קריכן איבער די אַמטן און צו „גוטע" יידן. קלאַק — אייגנטימער פון דער פאַרמאַצעווטישער פאַבריק „עסקא", גורוויטש — לאַנגיאַריקער אָנגעשטעלטער אין פאַקס אַפּטייק אויף אַנטאָקאָליע, מאַזור — אייגנטימער פון אַ קליין פּראָווינץ־אַפּטייקל (געקומען צו לויפן קיין ווילנע זיך ראַטעווען) און איך — זיינען מיר אַוועק צו גענסנס פאַרטרעטער, יוסף גלאַזמאַן. דעם מענטש האַלט איך פאַר דעם ערשטן **העלד פון ווילנער געטאָ**, וועגן אים וועט מיר נאָך אויסקומען צו רעדן. ער האָט אונדז זייער וואַרעם אויפגענומען. מיר האָבן אים קלאָר געזאָגט, אַז די גאַנצע אונטערוועלט איז באַזאָרגט מיט שיינען, און אים אָנגעוויזן אויף דער געוואַלטיקער קאָרופּציע,

וואָס הערשט אין די העכסטע שפּיצן. טאָמער וועט גאָט געבן און אַ ביסל יידן וועט זיך ראַטעווען פון געטאָ, וועט צווישן זיי ניט זיין קיין איין יידישער אַפּטייקער. 90 פּראָצענט פון די יידישע אַפּטייקערס זיינען שוין אויף פּאָנאַר. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז וועגן דער דעמאָראַליזאַציע ווייסט ער זייער גוט, אָבער העלפן דערצו קען ער ניט. וואָס שייך שיינען, באַמיט זיך געגנס צו באַקומען אַ געוויסע צאָל פּאַר מענטשן, וועלכע זיינען נויטיק פאַר דעם געטאָ. אויב מען וועט באַקומען, וועלן מיר זיין אויף דער ליסטע.

אין אַ געוויסן טאָג זיינען מיר זאַלבעדריט געווען ביי מילקאָנאָוויצקין וועגן שאַפן פאַר אונדז שיינען פון די יעניקע, וואָס פאָרן אַרויס פון געטאָ. ער האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז ער האָט געשריבן צו הינגסטן (געביטס־קאָמיסאַר פאַר דער שטאָט ווילנע), אַז ער זאָל געבן עטלעכע צוגאָב־שיינען פאַר די יידישע אַפּטייקערס. מיר זיינען געבליבן שטיין ווי אָפּגעשמיסענע. לא די, וואָס ער וויל ניט העלפן, מאַכט ער נאָך חוזק פון אונדז! איך האָב זיך אָנגעצונדן און בין גלייך מיט די קאָלעגן אַריין צו פרידן. אין קאַבינעט האָב איך געטראָפן דעם געזו. סיים־דעפּוטאַט מינצבערג. ער האָט געאַרבעט אין שפּיטאָל אַלס סאַניטאַר און געהאַט אַ געלן שיין. אַן אויפגערעגטער גיב איך איבער פרידן מילקאָנאָוויצקיס ווערטער. פריד האָט גלייך געשיקט נאָך מילקאָנאָוויצקין און אים אַ פרעג געטאָן וואָס באַדייטן זיינע ווערטער וועגן הינגסטן. מילקאָנאָוויצקי איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך און האָט זיך גענומען פאַרענטפערן. דאַן האָב איך צו אים געזאָגט: „איר האָט אייער גאַנצע פאַמיליע איינגעאָרדנט אין דער געזונטהייט־אָפּטיילונג, און פון מיר, אַ יידישן מעדיצינער, וואָס אַרבעט קאַרגע 30 יאָר אַלס אַפּטייקער און וואָס איז אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אַ סך לענגער אַקטיוו פון אייך (אָט האָט איר דאָ אַן עדות, דעם דעפּוטאַט מינצבערג, מיט וועלכן מיר האָבן 15 יאָר אין לאָדזש געאַרבעט) — מאַכט איר חוזק! איר זאָלט וויסן זיין, אַז אויב איך וועל גיין אויף פּאָנאַר, וועט איר מיט אַ מינוט פריער דאָרט זיין. איר וועט מיר פּאַר מיין לעבן מיט אייער לעבן באַצאָלן". מיר זיינען אַרויס פון קאַבינעט. מינצבערג זאָגט צו מיר: „איך האָב באַוווּנדערט אייער געוואַגטקייט, איצט אַזוי צו רעדן מיט אַזעלכע גדולים".

דער רעזולטאַט פון דעם שמועס איז געווען, אַז אין אַ וואָך אַרום האָט מיך געשיקט רופן מילקאָנאָוויצקי און איבערגעגעבן אַ גליקלעכע בשורה: געגנסן איז געלונגען צו באַקומען אַ געוויסע צאָל צוגאָב־שיינען. איך בין אין צעטל. דאָס איז אַ גרויסער סוד. דעם זעלבן טאָג האָבן מיר זיך וועגן דער געהיימעניש דערוווּסט פון גלאַזמאַנען. ווי עס זאָל ניט זיין, האָט אונדז די ידיעה געוואַלטיק דערפרייט.

דאָס געטאָ האָט זיך גענומען סטאַביליזירן. דער אַדמיניסטראַטיווער אַפּאַראַט איז פונדאַסניי איינגעשטעלט געוואָרן. עס האָבן גענומען אַרבעטן אַלע ביוראָען און וואַרשטאַטן. מען איז צוגעטראָטן צו בויען אַ באָד, טאַקע אַנטקעגן אונדזער שטוב. דאָס גאַנצע געטאָ איז געווען שרעקלעך פּאַרלייזיקט. ס'איז דען אַ וווּנדער — אין אַזאַ ענגשאַפט, אין אַזאַ שמוץ, דריי חדשים אָן אַ באָד. דערביי איז מען צענדליקער טעג געגאַנגען און געשלאָפן אין די מלבושים. אַרומגעוואַלגערט זיך אויף בוידעמער, אין די קעלערס. ביינאַכט פאַרן שלאָפן גיין, פלעגט יעדער זיך „רייניקן" אויף זיין שטיקעלע אָרט. מען פלעגט אַראָפּנעמען דאָס העמד, מענער און פרויען, און אָנהויבן שיסן... אויף דער פּאָדלאָגע, זיינען אויסגעבראָכן סקאַנדאַלן. האָט מען באַשטימט, אַז אויף דער פּאָדלאָגע טאָר מען ניט וואַרפן, נאָר אומשעדלעך מאַכן... אַזאַ „ענטלויזונג שעה", פלעגט זיך איבערחזרן יעדן אָוונט. אָבער וואָס האָט דען דאָס געהאָלפן, אַז מען פלעגט זיך לייגן צוריק אין שמוץ. קיין בעטגעוואַנט האָבן מיר לחלוטין ניט געהאַט. מיר זיינען געשלאָפן אויף די אייזערנע בעטלעך, אונטערלייגנדיק צוקאָפּנס די מאַנטלען. אין דער צייט האָט די יידישע פּאָליציי דורכגעפירט די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון קליינעם געטאָ. ניט פון מענטשן, אַזעלכע זיינען שוין דאָרט ניט געווען. ווען די באַזיצער פון די געלע שיינען זיינען געקומען אַהין אויף די דריי טעג, זיינען די פּאַרמעלינבעטע מענטשן אַוועק אין גרויסן געטאָ. איצט האָט די יידישע פּאָליציי אַרויסגעפירט פון קליינעם געטאָ אַלע געבליבענע יידישע זאַכן. איך האָב אויסגענוצט דעם מאָמענט, בין אַוועק מיט אַ וועגעלע אין קליינעם געטאָ און אַריין צו זיך אין שטוב. ניט בלויז וואָס אַלץ איז געווען צעבראָכן און צעשניטן, נאָר אַפילו די קישנס זיינען געווען אויפגעטרענט און די פעדערן אויסגעשאָטן. איך האָב קוים צונויפגענומען אַ ביסל בעטגעוואַנט, עטלעכע טעפלעך און אַנדערע שטוביקע זאַכן און דאָס געבראַכט „אהיים". ווען מיר זיינען אַרויס פון קליינעם געטאָ האָבן מיר דאָרט איבערגעלאָזט אַ ים מיט זאַכן. איצט האָב איך קיין איין איינציקע ווערטפולע זאַך דאָ ניט געפונען. איך בין געווען גליקלעך, וואָס איך האָב כאָטש געבראַכט עטלעכע קישנס און קאָלדרעס.

פון נאָך דער לעצטער „טשיסטקע", אין די ערשטע טעג פון נאָוועמבער, איז אַוועק אַ חודש אַ רואיקער. צווישן די גליקלעכע באַזיצער פון די געלע שיינען איז געווען איין איינהייט, וואָס איז געווען געבענטשט אַלס די „מויער־אייזן־איינהייט".

דאָס איז געווען די איינהייט פון די אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין

„געשטאַפּאָ". זי איז באַשטאַנען פון אַ גרויסער צאָל יידישע אַרבעטער פון אַלע פאַכן. זיי, די דאָזיקע „גליקלעכע", זיינען געווען זייער „באַליבט" ביי די דייטשן, וועלכע האָבן זיי פאַרזיכערט לעבן און ברויט. פאַר זיי האָבן די דייטשן פאַראָרדנט צו שאַפן אין געטאָ צוויי באַזונדערע הייזער־בלאָקן, ווו זיי האָבן געוווינט מיט זייערע פאַמיליעס. אויף זיי קוקנדיק איז אין געטאָ אַוועק אַ סדרה „בלאָקן". יעדער בריגאַדיר פלעגט ברענגען „זיין" דייטש, און יענער האָט ממש מיט טעראָר געצוווּנגען דעם יודנראַט אָפּצוגעבן אַ הויז פאַר „זיינע לויטע". דער מיין פון די יידישע בריגאַדירן איז געווען פּטור צו ווערן אַזוי אַרום פון די ווייסע־שיינעניקעס. מיט דער צייט איז טאַקע אַ גרויסע צאָל הייף אין געטאָ פאַרנומען געוואָרן דורך גאַנצע איינהייטן. אַזוי האָבן „אויס־דערוויילטע" יידן געשאַפן אַ געטאָ אין געטאָ. אין געטאָ איז פאָרגעקומען אַן אמתע מענטשן־וואַנדערונג. פון איין הויז אין צווייטן, פון איין דירה אין דער צווייטער, אַלץ כדי זיך אָפּצוזונדערן פון די „טמאים". די „געשטאַפּאָווצעס" האָבן פאַרנומען צוויי הייזער אויף קאָמניצקער גאַס; די אַרבעטער פון „בויטע־לאַגער" — רודניצקער 7; די אַרבעטער פון סאַניטעט־דעפּאָ, רודניצקער 9; פון ה. ק. פּ. אויף לידסקער געסל א. א. וו. אָט די טאַקטיק פון די יידישע בריגאַדירן האָט אָפּגעקאָסט ניט ווייניק געזונט און בלוט. ניט קיין ווּנדער, וואָס די פאַרביטערונג קעגן אָט די מיוחסים איז געווען אַ גרויסע. יידן אַליין האָבן געשאַפן ביי זיך אַ מין פּסיכאָז לגבי די ניט־לעגאַלע. אויף די פאָרוווּרפן קעגן די בריגאַדירן, האָבן זיי זייער גבלה־אַרבעט פאַרענטפערט דערמיט, וואָס זיי מוזן אַלע זייערע אַרבעטער האָבן שטענדיק אונטער דער האַנט. מען קען די גרופּע ניט גיין זוכן איבערן גאַנצן געטאָ. דאָס, נאַטירלעך, איז געווען ניט מער ווי אַ פּוילער תירוץ.

## טשיסטקע פון געשטאַפּאָ־אַרבעטער און אונטערוועלט

צווישן די יחוס־לייט האָבן די ערשטע פידל געשפּילט די „געשטאַפּאָ"־אַרבעטער. קומען זיי אין די ערשטע טעג פון דעצעמבער אַהיים מיט אַ נייעס (זיי ווייסן דאָך אַלץ געגוי), אַז עס גרייט זיך אַ נייע טשיסטקע. כדי צו ראַטעווען זייערע משפחות, האָבן די דייטשן זיי געהייסן (בדרך סוד!) צונויפ־נעמען אַלע משפחה־מיטגלידער אין איין בלאָק און אַזוי אַרום וועלן זיי זייערע נאָענטסטע אויסהיטן פון דער אַקציע. אַז מען האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, איז אויסגעבראָכן אַ מהומה. ביי אונדז איז שוין די דירה פול געוואָרן מיט אורחים. דאָס איז געווען דעם 4טן דעצעמבער. די נאַכט איז שוין קיינער ניט געשלאָפן. קוים זוכה געווען, עס זאָל שוין ווערן טאָג. פאַרטאָג האָט מען זיך דערוווּסט פאָלגנדיקס: איננמיטן דער נאַכט זיינען טאַקע געקומען דייטשן

מיט ליטווינער. זיי האָבן אַרומגענומען דאָס הויז ווי עס האָבן זיך געפונען די „געשטאַפּאָ"־אַרבעטער מיט זייערע צונויפגעזאַמלטע פאַמיליעס, צוזאַמען ביי 500 מאַן — מענער, פרויען, קינדער, אַלטע לייט און... זיי אַוועקגעפירט אויף פּאָנאַר.

דער דאָזיקער פאַל האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק אויף דער גאַנצער געטאָ־באַפעלקערונג. די יעניקע, וואָס זיינען געווען מיט די דייטשן אַזוי קנעפל שבקנעפל... זיי, די אויבערשטע פון שטייסל, זאָלן האָבן אַזאַ פינצטערן סוף, און אויף אַזאַ אופן? „מן הסתם האָבן זיי געוווסט צו פיל סודות", האָט מען אין געטאָ געשמועסט. נאָך דעם געשעעניש האָבן אַלע געטאָ־גדולים, אַלע בריגאַדירן און די געלע־שיינעניקעס, אַראָפּגעלאָזט די נעזער. אויב מען קען אַזעלכע „אייגענע" אַזוי אָפּטאָן, איז וואָס איז דער יחוס פון אייך גדולים! וואָס איז דער מער מיט די געלע שיינען? מיט אַ פּאָר טעג פאַר דעם פאַל האָב איך אין געטאָ געטראָפן מאַריץ גראָסמאַנען, דעם גוט באַקאַנטן פאָטאָגראַף און געזעלשאַפטלעכן טוער. לכתחילה האָב איך אים גאָרניט דערקענט, ווייל ער האָט שטענדיק געטראָגן אַ גרויסע באָרד און איצט איז ער געווען געגאָלט. מיר האָבן זיך זייער דערפרייט און ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַ פאָטאָגראַף ביי „געשטאַפּאָ" און איז ביי זיי זייער אָנגענומען. ער האָט זיי שוין געמאַכט טויזנטער אויפנאַמען און זיי שעצן אים זייער. איצט איז ער פאַרוואַלטער פון „געשטאַפּאָ"־הויז און פירט אָן מיט דער גרופּע. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער אַוועק אויף פּאָנאַר צוזאַמען מיט זיינע חברים. די פּאַסירונג האָט באַדייט אַ בראָך פאַר אַלעמען. אויב מען קען אַזעלכעס אָפּטאָן מיט די בעסטע, איז וואָס זשע לוינט זיך איינצושלייגן וועלטן אויף צו באַקומען אַ געלן שיין?

מ'איז נאָך אין געטאָ צו זיך ניט געקומען פון דעם בראָך מיט די „געשטאַפּאָ"־לייט, ווי אין אַ שיינעם פאַרטאָג האָט מען זיך דערוווסט, אַז ביינאַכט האָט מען צוגענומען אַ הונדערט מאַן, פון דער אַזוי גערופענער „אונטערוועלט".

אין געטאָ האָט זיך געפונען אַ געוויסע צאָל מענטשן מיט אַ טונקעלער פאַרגאַנגענהייט: גנבים, אַלפאָנסן, מאַרעוויכערס אדגל. עס זיינען אָבער אין געטאָ אויך געווען פשוטע יידישע האָרעפאַשניקעס, שוואַרצע אַרבעטער, וואָשאָוור־ניקעס, טרעגערס וכדומה — פּראָסטע אָבער אָרנטלעכע מענטשן. און אָט האָט מען אין אַ שיינער נאַכט, לויט אַ רשימה, זיי צוגענומען פון די הייזער. פאַרוואָס? פאַרוועןן? דאָס האָט קיינער ניט געוווסט און ניט פאַרשטאַנען. שפּעטער האָט מען זיך דערוווסט, אַז דאָס איז געשען אויף אַ בפירושן באַפעל פון יודנראַט. זיי, „די אָרנטלעכע, יושרדיקע לייט", האָבן מורא געהאָט צו

האַלטן אין געטאָ „אַזאַ״ עלעמענט. פונדעסטוועגן האָט גאָר ניט געשאַדט געגנסן זיך צו באַנוצן מיט אָט דעם עלעמענט, וועלכער האָט באַקומען דעם נאָמען „די שטאַרקע״.

## מיר לעבן אַלס ניט־לעגאַלע

קיין שיין האָב איך אַלץ ניט געהאַט. איך האָב נאָר געוואַרט אויפן צוגעזאָגטן שוץ־שיין. ווען ער וועט זיין, האָט מען ניט געוווּסט. אויפשטיין פלעגט מען זייער פרי. אָבער מיר, אָן די שיינען, האָבן זיך אין געטאָ שטאַרק ניט אַרומגעדרייט. מ׳האָט פשוט מורא געהאַט פאַר אַ באַגעגעניש מיט אַ דייטש אָדער ליטווין, וועלכע פלעגן זיין אָפטע געסט אין געטאָ, היות ווי אין שטוב זיינען געווען אַ סך מענטשן אָן שיינען, פלעגט מען אַרומרעדן און דיסקוטירן וועגן די פראָנטן, עפעס לייענען און אַזוי פלעגט אַוועקגיין דער ערשטער האַלבער טאָג. אַרויסגיין פריי פלעגט מען ערשט נאָך מיטאָג, ווען די אַרבעטער פון שטאָט האָבן אָנגעהויבן צוריקקומען אין געטאָ. זיי פלעגן ברענגען די לעצטע נייעס פון די פראָנטן, פון די שטאָט־געשעענישן, אויף די שמאָלע, חושכדיקע, אַלטע ווילנער געסלעך פלעגט דאַן רוישן ווי אין אַ בינשטאָק. ניט קוקנדיק אויף אַלע טשיסטקעס און אומגליקן, איז אין געטאָ אַלץ נאָך געווען העכער 20 טויזנט מענטשן. אין די פאָר אָוונט־שעהען זיינען כמעט אַלע געשטאַנען אויף די גאַסן. דאָ פלעגט פאָרקומען דער גאַנצער האַנדל מיט די אַריינגעבראַכטע זאַכן. נאַטירלעך זיינען די פרייזן אָפּהענגיק געווען פון „טויער״, דאָס הייסט, ציביים אַריינגאַנג אין געטאָ האָט מען שטאַרק קאָנטראָלירט און צוגענומען, אָדער ס׳איז גוט אַדורך.

אָט אין דער צייט האָב איך באַקומען אַן איינלאַדונג פון קרוקן צו קומען אין ביבליאָטעק. דאָרט האָב איך געטראָפן נאָך עטלעכע מענטשן, ווי: קאַלמאַנאָוויטשן, פלאַקסן, האָראָוויטשן און אַנדערע. קרוק האָט דערקלערט, אַז מען דאַרף זען צו שאַפן אַ הילפס־פאָנד אויף צו העלפן חברים, הויפּטזעכלעך — אינטעלעקטואַליסטן, וועלכע געפינען זיך אין זייער אַ קריטישער לאַגע. עטלעכע מאָן זיינען זיך צונויפגעקומען, אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון אַ זאַמלונג, געמאַכט אַ זאַמלבויגן. ווען מיר האָבן געזאָלט אָנהייבן די קאָנקרעטע אַרבעט, האָט אונדז קרוק געמאָלדן, אַז דער יודנראַט לאָזט ניט פירן אַזאַ אַקציע. זיי אַליין שאַפן אַ קאָמיטעט, אַחוץ זיי טאָר קיינער ניט פירן קיין הילפס־אַרבעט. אין ביבליאָטעק האָט מיר קרוק געוויזן אַ סך כלי־קודש, אַנטיק־זאַכן, וועלכע יידישע אַרבעטער האָבן געבראַכט פון ליקווידירטן קליינעם געטאָ.

אָט אין אַזאַ צושטאַנד האָט מען דערצויגן ביז מיטן דעצעמבער. ווידער אַמאָל אַ נאָוויגע, מען האָט גענומען רעדן וועגן אַ נייער טשיסטקע. דער

יודנראַט האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן נייע, אייגענע שיינען, וועלכע זיינען געווען פון ראָזע קאָליר און גערופן זיי: ראָזע פאַמיליען־שוץ־שיינען. די דאָזיקע שיינען זיינען, להיפוך צו די געלע שיינען, געווען גילטיק נאָר אין געטאָ גופא. אַרויסגיין אויסערן געטאָ מיט אַזאַ שיין האָט מען ניט געטאָרט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַקציע פון אַרויסגעבן די ראָזע שיינען האָט דער יודנראַט אַרויסגעגעבן פאָלגנדיקן צירקולאַר:

„נומער 165. ווילנער יודנראַט. אַלגעמיינע אָפּטיילונג.

נומער 255, ווילנע, דעם 17טן דעצעמבער 1941.

צו אַלע פאַרוואַלטערס פון די אָפּטיילונגען און אַנשטאַלטן פון יודנ־ראַט.

## צירקולאַר נומער 9

עס ווערט געבעטן צוצושטעלן אין משך פון 3 טעג אין קאַנצעלאַריע פון דער אַלגעמיינער אָפּטיילונג אַ גענויע רשימה פון די מיטאַרבעטער אין אייער אָפּטיילונג, וועלכע באַזיצן ראָזע פאַמיליען־מיטגליד־שיינען.

די יעניקע מיטאַרבעטער, וועלכע גייען ביים צוזאַמענשטעלן די רשימה נאָך ניט האָבן באַקומען די ראָזע שיינען, דאַרפן זיך מעלדן אין דער אַלג. אָפּט. אויף מאָרגן נאָכן באַקומען די דאָזיקע שיינען, כדי צו דערגאַנצן די רשימה. די רשימה דאַרף צוזאַמענגעשטעלט ווערן לויט דעם בייגעלייגטן מוסטער.

פאָרזיצער פון יודנראַט — פריד
לייטער פון דער אַלגעמיינער אָפּטיילונג — א. דיידשנור"

פון דעם צירקולאַר איז צו זען, אַז ביט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אַן שיינען האָט מען ניט געטאָרט אַרבעטן, זיינען דאָך שוין געווען געוויסע גרופן מענטשן, וועלכע האָבן שוין יאָ געאַרבעט אין דער געטאָ־פאַרוואַלטונג. אַזעלכע זיינען געווען צווייערליי: איין גרופע איז באַשטאַנען פון גוטע פאַכמענער, וועלכע מ'האָט געמוזט האָבן אין די אינעווייניקסטע געטאָ־וואַר־שטאַטן און אַ צווייטע גרופע איז געווען... פּראָטעזשירטע פון די באַזונדערע לייטערס פון די אָפּטיילונגען, דאָס הייסט: פאַרטיי־חברים, באַקאַנטע א.א.וו.

איך האָב מיין שיין באַקומען אין דער נאַכט פון 21 אויפן 22סטן דעצעמבער. דער פּערסאָנאַל פון דער אַלגעמיינער אָפּטיילונג האָט געאַרבעט די גאַנצע נאַכט. אויף מאָרגן האָט מען זיך געריכט אויף אַ נייער טשיסטקע.

איך האָב באַקומען אַ שיין פאַר זיך, פאַר דער פרוי, פאַר דער טאָכטער און זון. פאַר דער מאַמען האָט מען מיר קיין שיין ניט געגעבן. זי איז געווען צו אַלט פאַר זיי. דער יודנראַט איז געווען באַלאַגערט מיט מאַסן מענטשן. עפּעס אַ קליינינקייט באַקומען ענדלעך אַ שיין און ווערן אַ „לעגאַלער מענטש".

ווי עס זאָל ניט זיין האָבן ביי 3000 יידן באַקומען די ראָזע שיינען, און טאַקע אַדאַנק געגנסן. אַ גליקלעכער בין איך אינמיטן דער נאַכט געקומען „אַהיים". אין שטוב איז געוואָרן אַ גערודער — דער ערשטער פון אונדזערע אַלע שכנים האָט באַקומען אַ שיין... ס'איז איבעריק צוצוגעבן, אַז איך האָב קיינעם ניט געקענט קוקן אין די אויגן, ספּעציעל דער מאַמען... איך האָב זיי געטרייסט, אַז מען וועט אַלעמען איצט אַרויסגעבן די שיינען.

## לעצטע אַקציע איבער די ניט־לעגאַלע

אויף מאָרגן פרי זיינען אין געטאָ ווידער געקומען דייטשן און ליטווינער און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי געיעג נאָך מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין שיינען. אַלע וואָס האָבן געהאַט געלע שיינען און געאַרבעט אין שטאָט, זיינען נאָרמאַל אַוועק צו דער אַרבעט. די יעניקע, וואָס האָבן געאַרבעט אין געטאָ, זיינען געקומען נאָרמאַל צו דער אַרבעט. אין די הייזער האָבן די פרויען און קינדער געהאַט זייערע בלויע צעטלען אָדער ראָזע שיינען. צוגענומען האָט מען די, וועלכע האָבן גאָרניט געהאַט. ביי אונדז איז די שטוב פול געוואָרן מיט מענטשן. קודם כל מיר אַליין. הגם איך האָב געהאַט אַ שיין, דאָך, ניט וויסנדיק דעם ווערט פון דאָזיקן שיין, בין איך געבליבן דעם ערשטן טאָג אין מעלינע צוזאַמען מיט אַלע אָן־שיינעניקעס. מיט אונדז איז אויך געווען דער אַרטיסט סאַשע קרעמער. ער האָט אַלס שוואַרצער אַרבעטער געאַרבעט ביים בויען דאָס באָד. די אַרבעטער האָבן קיין ראָזע שיינען ביז דער טשיסטקע ניט באַקומען. זיינען זיי טאַקע ניט געגאַנגען דעם טאָג צו דער אַרבעט. געגנס איז געקומען אין באָד און האָט געהייסן צווויסן טאָן אַלע אַרבעטער, אַז זיי זיינען בראַנירט (געשיצט), זיי זאָלן קומען צו דער אַרבעט. זיינען זיי טאַקע אַוועק און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען זיי געגעבן די ראָזע שיינען. אויף מאָרגן האָט די אַקציע ווייטער געדויערט. דעם טאָג בין איך מיט מיין פאַמיליע אַרויס פון דער מעלינע און מיר האָבן אויפגעפּאַסט אויף די איבעריקע. אַזוי ווי ס'איז געווען ערב חגא, האָבן מיר גערעכנט, אַז די אַקציע וועט לאַנג ניט דויערן. אָבער אויף צו מאָרדן יידן איז חגא אויך ניט געווען קיין שום שטער. די אַקציע האָט זיך פאַרצויגן אויפן דריטן טאָג. ערשט האָרט פאַר וויגיליע, זיינען די רוצחים אַרויס פון געטאָ מיטנעמענדיק מיט זיך אַ געוויסע צאָל קרבנות.

# מערדערייען אין געטאָ

זומער 1942 איז אין געטאָ געפונען געוואָרן אַ בעסטיאַליש דערהרגעטער הערצל לידעס. זיין קערפער איז געפונען געוואָרן אין אַ קעלער אויף סטראַשונאַ־גאַס נומער 9. די באַמיאונגען פון דער געטאָ־פּאָליציי צו געפינען דעם מערדער, אָדער מערדערס, זיינען געבליבן אָן רעזולטאַט.

דעם 3טן יוני 1942 איז די געטאָ־פּאָליציי אַלאַרמירט געוואָרן וועגן אַ פאַרשווונדן געוואָרענעם ישיבה־בחור. לויט די אָנווייזונגען פון פאַרשווונדענעמס אַ פריינט, האָט די פּאָליציי געזוכט אין דער נאַכט און געפונען דעם ישיבה־בחור אַ דערמאָרדעטן אין אַ קעלער אויף שאַוועלסקי־גאַס נומער 1. ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער פרומער ישיבה־בחור איז פאַרנאַרט געוואָרן דורך אַ באַנדע רויבער־מערדערס מיטן אויסרייד, אַז זיי וועלן אים צושטעלן צו ביליקע פרייזן פּראָדוקטן פאַר די הונגעריקע ישיבה־בחורים. צו דער באַשטימטער צייט איז דער ישיבה־בחור יוסף גערשטיין געקומען אין קעלער, ווו 5 רוצחים האָבן פון אים צוגעראַבירט אַ גרויסע סומע געלט, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט צו באַצאָלן פאַר די פּראָדוקטן און דערנאָך אים דערמאָרדעט און באַגראָבן. גלייך אויף מאָרגן, דעם 4טן יוני, איז, לויט דער באַשטימונג פון יודנראַט, פאָרגעקומען אַ געריכט אין צוזאַמענשטעל פון 5 אָנגעזעענע מיטאַרבעטער פון יודנראַט: סראַלאָוויטש, כוואַיניק, נאַטעס, דעאול און מאַרקוס. דער אורטייל איז געווען: טויט־שטראָף דורך הענגען. דער דאָזיקער אורטייל איז גלייך באַשטעטיקט געוואָרן מיט די אונטערשריפטן פון אַלע 5 יודנראַט־מיטגלידער. די 5 מערדער זיינען געווען: לייבל גראָדזענסקי, הירש וויטוכאָווסקי, די ברידער יצחק און אליהו גייוואוש און יאַנקל פּאַליקאַנסקי. בעת דער אויספאָרשונג איז צום געריכט צוגעשטעלט געוואָרן אַ 6־טער מערדער־מסור, אַ געוויסער יאַנקל אַווידאַן.

אין נאָוועמבער 1941 האָט דער זעלבער אַווידאָן געשטאָכן אין געטאָ דעם פּאָליציאַנט יעקב גרינפעלד. דער פּאָליציאַנט איז בלויז פאַרוווּנדעט געוואָרן. דער מערדער איז אַנטלאָפן קיין לידע, ווו ער האָט ווידער אָנטיילגענומען אין אַ רויב־מאָרד איבער אַ גלח. ער האָט אויך געמסרט דעם יודנראַט אין לידע, אַז זיי באַהאַלטן אויס אַנטלאָפענע יידן פון ווילנער געטאָ. דער רעזולטאַט איז געווען אַ שוידערלעכער. אייניקע מיטגלידער פון לידער יודנראַט זיינען דורך די דייטשן דערשאָסן געוואָרן, און מיט זיי אַ גרויסע צאָל ווילנער יידן — ממש אַ שחיטה איז דאָרט פאָרגעקומען צוליב דעם מאָנסטער־אויסוואורף. שפּעטער איז ער צוריקגעקומען קיין ווילנע, ווו די פּאָליציי האָט אים אין חודש מערץ

ב ו ל ע ט י ן

פון פאַרזיצער פון ייִדן־ראַט און פון פּאָליציי־שעף פון ווילנער געטאָ
פון 5טן יוני 1942.

נ״ז

נעכטן דעם 4-טן יוני ה.י. זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט דורך הענגען פאָלגנדיקע פּערזאָנען:

1. פּאָליאַקאָוו יאַנקל
2. ציוואַטש יצחק
3. גיוואַטש אליהו
4. פּיסוכאָווסקי חיים
5. גרשאָוויגסקי ליב

פאַר דערמאָרדן דעם ייִדן יוסף גערשטיין און מאָרעל ליוטעס.

און 6. מאַזראַן יאַנקל

פאַר מאַכן א ייִדישן שליבניס צום ערשטן דינע פליכטן.

דער אורטייל איז דעם זעלבן טאָג 12 אזייגער ייִדישע פּאָליציי [illegible]

[illegible]

יעדער פאַרברעכן איז געשטראָפט מיט [illegible] [illegible]

[illegible] — שווערע פאַרברעכנס דעם טויט־שטראָף.

פאַרזיצער פון ייִדן־ראַט

אַרעסטירט. איצט האָט די פּאָליציי דערקלערט, אַז דער מאָמענט דעם מערדער און מסור צו פאַרניכטן, מען האָט אים טאַקע פאַרמשפּט צום טויט דורך הענגען, צוזאַמען מיט די 5 רוצחים פון ישיבה־בחור.

3 בייטאָג איז אויפן הויף פון די ווילנער יאַטקעס פאָרגעקומען די עקזעקוציע פון די 6 יידן אונטער דער אָנפירונג פון יעקב געֶנס. זי איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער פּאָליציי. אויף מאָרגן, דעם 5טן יוני, האָט דער יודנראַט אַרויסגעגעבן אַ מודעה, אין וועלכער ס׳איז גענוי באַשריבן געוואָרן די פאַרברעכנס פון די געהאָנגענע.

נאָך דער עקזעקוציע האָב איך זיך געטראָפן מיט מיין אַלטן פריינט חיים מאָלטשאַדסקי, אַפּטייקער פון „משמרת חולים״ (באַקאַנט אין דער יידישער אַרטיסטישער וועלט אַלס אַקטיאָר — חיים מאַלסקי), וועלכער איז אין געטאָ געווען אַ פּאָליציאַנט. טרייסלענדיק זיך פון אויפרעגונג האָט ער מיר מיט טרערן אין די אויגן איבערגעגעבן פּאָלגענדיקס: צו דער עקזעקוציע האָט געֶנס גענומען אַ גרעסערע צאָל פּאָליציאַנטן, אים אויך צווישן זיי. מ׳האָט צוגעגרייט 6 תליות. די 6 מערדער זענען געהאַלטן געוואָרן אונטער אַ שטרענגער וואַך. פאַר דער עקזעקוציע האָט געֶנס זיך געווענדט צו די פּאָליציאַנטן און געזאָגט: „דער קליי־נער רעשט געבליבענע יידן אין געטאָ אַרבעט שווער און טוט אַלץ כדי דורכ־צולעבן די טראַגישע צייט. מערדער און מוסרים ברענגען אום יידישע לעבנס. דאָס טאָר און וועט מער ניט דערלאָזט ווערן. מערדער וועלן באַקומען זייער פאַרדינטע שטראָף! אויספירן דעם געריכט־אורטייל איז אַ חוב און אַ נויטווענ־דיקייט פאַרן געטאָ״. כדי מען זאָל ניט וויסן ווער וועמען עס האָט געהאָנגען, האָט ער פאַראָרדנט, אַז אַלע פּאָליציאַנטן זאָלן ציען די שטריק צוזאַמען. אָט אויף אַזאַ אופן האָט מען אויפגעהאָנגען אַלע 6 מערדער.

— יאָ, מענדל — האָט מיין פריינט מאָלטשאַדסקי גערעדט מיט ביטערע טרערן. — תליין, אַ תליין בין איך געוואָרן אויף מיינע אַלטע יאָרן! אַ תליין... אָט צו וואָס מען האָט אונדז דערפירט... און וואָס ווייטער, און וואָס ווייטער...

די דאָזיקע אומגעוויינלעך־טראַגישע געשעעניש האָט געהאַלטן אַ פּאָר טעג דאָס געטאָ אין שפּאַנונג. פון איין זייט איז מען געווען אויפגעבראַכט, וואָס צווישן יידן האָבן זיך געפונען מערדער־רויבער, וועלכע האָבן צוליב געלט דערמאָרדעט צוויי אומשולדיקע מענטשן. פון דער צווייטער זייט איז מען געווען דערשיטערט און צעבראָכן אויף דעם טרויעריקן, טראַגישן פאַקט פון הענגען 6 יידן מיט יידישע הענט...

## דער סך־הכל פון ערשטן האַלבן אָקופּאַציע־יאָר

פון מאָמענט פון אויסברוך פון דער דייטשיש־סאָוויעטישער מלחמה (פון 22 יוני 1941 ביזן סוף 1941) זייַנען אין ווילנע אויסגעשאָכטן געוואָרן מער ווי ⅔ פון ווילנער יודנטום. קיין איינציקן רואיקן טאָג אָדער נאַכט האָבן מיר פאַר דעם האַלבן יאָר ניט געהאַט. כסדר אונטער טעראָר און טויט־שרעק. ווילנע האָט בלי ספק געהאַט דעם זכות צו זיין די ערשטע גרויסע יידישע שטאָט, ווו מען האָט אין אַזאַ ראַשיקן טעמפּאָ טאָטאַל פאַרניכטעט די יידישע באַפעלקערונג.

ערשט מיטן אָנהויב פון נייעם יאָר איז דאָס ווילנער געטאָ אַריינגעטראָטן אין אַ „רואיקן, סטאַביליזירטן פעריאָד", אויב מען קען אָנרופן „רואיק" דאָס לעבן אויף אַ אונטערמינירטן באָדן, וואָס קען יעדן מאָמענט אויפגעריסן ווערן, אַז עס זאָל ניט בלייבן קיין סימן פון לעבן.

געוויסע הויכע באַאַמטע פון יודנראַט און פּאָליצײַ־לייט, האָבן ביי געגנסן פּייערלעך באַגעגנט דאָס נייע יאָר...

### אָרגאַניזאַציע פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע

ווען פריד איז דורך מורערן באַשטימט געוואָרן אַלס „אָבער־יודע" און ער האָט געשאַפן דעם יודנראַט, זייַנען זיי גלייך צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן דאָס געטאָ־לעבן. פריד, ווי ער האָט מיר שפּעטער דערציילט, האָט פון מורערן באַקומען פאָלגנדיקע אינסטרוקציעס: „שאַפט אייך אַן אייגענעם אַפּאַראַט. איר האָט אַלע פרייהייטן און מעגלעכקייטן צו פירן אייער לעבן אַזוי ווי איר פאַרשטייט. איר האָט פולשטענדיקע אינעווייניקסטע אויטאָנאָמיע. איר וועט גיין צו דער אַרבעט. פאַר וועלכער מען וועט אייך צאָלן. איר וועט באַקומען פּראָדוקטן, וועלכע איר וועט פאַרטיילן אייערע בירגער. אין געטאָ מוז זיין רואיק און שטיל. קיינער וועט אייך דאָ ניט רירן. וואָס ס'איז געווען ביז איצט, איז שוין אַוועק. פון איצט אָן זייט איר זיכער".

דער יודנראַט האָט גלייך פאַרנומען דעם בנין פון דער געוועזענער יידישער רעאַל־גימנאַזיע אויף רודניצקער 6. אויפן צווייטן הויף איז געווען דאָס יידישע טעאַטער. פון דער רעכטער און לינקער זייט טעאַטער האָבן די יודנראַט־מיט־גלידער פאַרנומען דירות, פון דער לינקער זייט — גענס, בראַודע, גענסנס ברודער, מילקאָנאָוויצקי און אַנדערע גדולים.

די געטאָ־רעסאָרטן זייַנען פאַרטיילט געוואָרן דורך פרידן אויף פאָלגנדיקן אופן: אַלגעמיינע אָפּטיילונג — אינזש. פריד, גענעראַל סעקרעטאַר — א.

זיידשנור, אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג — ג. יאַשונסקי, געזונטהייט־אָפּטיילונג — ש. מילקאָנאָוויצקי, דירות־אָפּטיילונג — אינזש. ג. גוכמאַן.

דער פינפטער מיטגליד פון יודנראַט — פישמאַן, איז געוואָרן דער פאַר־בינדונגס־מאַן צווישן די ביידע געטאָס.

איינציקע אָפּטיילונגען האָבן געפונען פּאַרטיקע באַזעס פאַר זייער טעטיקייט, אַנדערע ווידער האָבן זיך געדאַרפט אָרגאַניזירן פונדאָסניי.

די הויפּט־באַזע פון דער געזונטהייט־אָפּטיילונג איז געווען דאָס יידישע שפּיטאָל, וואָס איז אַריין אין געטאָ־גבול. דאָס שפּיטאָל איז געווען גרויס און גוט איינגעפונדעוועט, הגם די ליטווינער האָבן לעצטנס פון אים אַרויס־געפירט זייער פיל טייערע אינסטרומענטן, וועש, מעדיקאַמענטן א. א. וו. דירעקטאָר פון שפּיטאָל איז געווען ד״ר מ. בראָדסקי נאָך פון פאַר דעם געטאָ. ביים שפּיטאָל איז אויך געווען אַן אַפּטייק.

די „רייכסטע" איז געווען די דירות־אָפּטיילונג. זי האָט באַקומען צו איר דיספּאָזיציע דאָס גאַנצע אומבאַוועגלעכע פאַרמעגן פון געטאָ־שטח. אָט אָ די 4 אָפּטיילונגען האָבן זיך גלייך אָרגאַניזירט און אָנגעהויבן צו שאַפן באַזונדערע אַגענדן, לויט דער נויטווענדיקייט.

די לייטערס פון די אָפּטיילונגען האָבן גלייך אַריינגענומען צו זיך זייער נאָענטע משפּחה, באַקאַנטע און פּאַרטיי־חברים, אַלס באַאַמטע. אַזוי אַרום האָבן זיך איינציקע אָפּטיילונגען גלייך פאַרוואַנדלט אין פּאַרטיי־קאָנצענטראַציעס. אין דער אַלגעמיינער אָפּטיילונג זיינען געווען פון די הויפּט־מיטאַרבעטער נאָענטע און די פרוי אירענאַ גאַפּענהיים (די טאָכטער פון אינזש. שפּיראָ).

מיט די אָפּטיילונגען האָבן זיך גלייכצייטיק געשאַפן — דער אַרבעט־אַמט מיט בראָוודען בראש, אַ ריי קלענערע און גרעסערע קולטור־אינסטיטוציעס אין בנין פון דער „מפיצי השכלה"־ביבליאָטעק — מיט קרוקן בראש.

ניט קוקנדיק אויף די שרעקלעכע איבערלעבענישן פון די ערשטע טעג אָן, איז זיך דאָך דער געטאָ־אַפּאַראַט פונאַנדערגעוואָקסן. עס זיינען כסדר געשאַפן געוואָרן אַלץ נייע און נייע אינסטיטוציעס.

בעת יעדער „טשיסטקע" פלעגן די ביוראָען און אַמטן כמעט ווי פאַרניכטעט ווערן, ווייל ווענען איז אין יענע טראַגישע מאָמענטן געלעגן אין זיינען צו היטן די ביוראָען און זייערע איינריכטונגען. יעדער אָנגעשטעלטער האָט קודם כל געזוכט צו ראַטעווען זיין לעבן און דאָס לעבן פון זיינע נאָענסטע. אין די ביוראָען פלעגט מען זוכן באַהאַלטענע מענטשן, נישטערן און מאַכן אַ תל פון אַלץ.

אָבער דאָס לעבן איז שטאַרקער פאַר אַלע אומגליקן. ווי נאָר אַ „טשיסטקע" פלעגט זיך ענדיקן, זיינען די לעבן־געבליבענע גלייך געקומען צוריק אין זייערע

ביוראָען אויף זייערע אַמטן און מען פלעגט ווייטער אָנהויבן פונדאָסניי, אַזוי ווי די מוראַשקעס, צו אָרגאַניזירן און צוריקצושטעלן די צעשטערטע אינ־סטיטוציעס.

## די אַלגעמיינע אָפּטיילונג

די אַלגעמיינע אָפּטיילונג, מיטן פאָרזיצער פון יודנראַט אינזשיניער אַנאַטאָל פריד בראש, איז געווען אַזוי צו זאָגן די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט קאָאָרדינירט די טעטיקייט פון אַלע אָפּטיילונגען און האָט אויפגעפּאַסט אויף אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין און אַרום דעם געטאָ. דאָ פלעגן פאָרקומען די זיצונגען פון יודנראַט, אַהער זיינען געקומען די דייטשישע משגיחים, ליטווישע אויפזעער. דאָ איז געווען דער צענטער פון דער גאַנצער געטאָ־טעטיקייט און זיין לעבן. ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז אַלע צירקולאַרן, בריוו, פאַראָרדענונגען פלעגן דורך דעם יודנראַט אַרויסגעגעבן ווערן אויסשליסלעך אין דער יידישער שפּראַך. אין יידיש זיינען אויך געשריבן געוואָרן אַלע באַריכטן פון די באַזונדערע אינסטיטוציעס. אויסנאַמען זיינען אייניקע דאָקומענטן געשריבענע אין רוסיש, דייטש, ליטוויש. דער יידיש איז אַ זאַפטיקער, ריינער אַזוי ווי ווילנע פלעגט ריידן. דערביי האָט דאָס געטאָ־לעבן געשאַפן אַ גאַנצע ריי נייע ווערטער און אויסדרוקן, צוגעפּאַסטע צו די נייע באַדינגונגען פון לעבן און צום געמיט פון די געטאָ־איינוווינער.

דער ערשטער דאָקומענט פון דער אָפּטיילונג, וואָס מיר באַזיצן, איז פון 19טן סעפּטעמבער 1941 (אין געטאָ איז מען אַריין דעם 6סטן סעפּטעמבער) און לויטעט אַזוי:

„ווילנער יודנראַט. אַלגעמיינע אָפּטיילונג. נומער 4.
ווילנע, דעם 19טן סעפּטעמבער 1941, צום אַדרעסן־ביוראָ

דאָ — הי

מיר שיקן אייך צו ביילינגד 5 באַשייניקונגען פאַר פרויען פון באַ־שעפטיקטע אין גוט וואקע און בעטן אייך צושטעלן זיי קענן קוויטונגען. די קוויטונגען ביטע אונדז איבערשיקן.

לייטער פון דער אַלגעמיינער אָפּטיילונג.

א. זיידשנור

סעקרעטאַר..... (ניטאָ קיין אונטערשריפט)
5 ביילאַגען״.

ווי ס'איז צו זען דערפון, איז דער דאָקומענט געווען דער פערטער פאַר די ערשטע 13 טעג וואָס מען איז אַריין אין געטאָ.

די כסדרדיקע אַקציעס האָבן דאָס גאַנצע לעבן אין געטאָ דעזאָרגאַניזירט אַזוי ביי פּריוואַטע פּערזאָנען, ווי ביי די אַנשטאַלטן. ביי יעדער אַזאַ אַקציע פלעגט מען צעראַבירן ניט נאָר פּריוואַט האָב און גוטס, נאָר אויך געזעל־שאַפטלעכס. אַזוי, אַז אין די ערשטע פּאָר חדשים האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין וועגן אַ נאָרמאַלער און סיסטעמאַטישער אַרבעט. דעם 5 נאָוועמבער, דאָס הייסט אין טאָג, ווען די באַזיצער פון די געלע שיינען זיינען צוריקגעקומען פון קליינעם געטאָ, באַשליסט דער יודנראַט צו ראַציאָנאַליזירן די טעטיקייט פון די געטאָ־אַנשטאַלטן. (צי ניט צו זען אין דעם אַ באַווייז, אַז דער יודנראַט איז געווען גוט אינפאָרמירט, וועגן דער ליקווידאַציע פון די אַקציעס, ווייל נאָכדעם זיינען געווען נאָר קליינע עפּיזאָדישע „טשיסטקעס״).

אַט דער צירקולאַר נומער 1, וועלכן מיר דרוקן איז טאַקע דער ערשטער פּרווו אַוועקצושטעלן דאָס געטאָ־לעבן „אויף געזונטע, נאָרמאַלע, סטאַביליזירטע יסודות״. אָט איז דער אינהאַלט פון צירקולאַר:

„ווילנער יודנראַט. אַלגעמיינע אָפּטיילונג.
ווילנע, דעם 7טן נאָוועמבער 1941

צו אַלע אָפּטיילונגען פון יודנראַט.

## צירקולאַר נומער 1

1) לויטן באַשלוס פון יודנראַט פון 5טן נאָוועמבער ה. י. דאַרפן אַלע לייטערס פון די אָפּטיילונגען צושטעלן דעם ראַט אַ גענויעם פּראָיעקט וועגן ראַציאָנאַליזירן די אַרבעט אין די אָפּטיילונגען. אין פּראָיעקט דאַרף אָנגעוויזן ווערן דער אופן פון אַרבעט־פאַרטיילונג אַזוי, אַז עס זאָל ווערן באַשעפטיקט נאָר דער נויטיקסטער פּערסאָנאַל. דער פּראָיעקט דאַרף צוגעשטעלט ווערן דעם פאָרזיצער פון יודנראַט ניט שפּעטער ווי דעם 7טן ד. ח. — 6 אָוונט.

2) די אַרבעט־צייט אין די אָפּטיילונגען פון...... (צעריסן) ווערט איינגעטיילט אויף 8 שעה אין טאָג פון 8 ביז 1 און 3 ביז 6 אָוונט.

3) אַלס רו־טאָג ווערט באַשטימט זונטיק חוץ (......) אָפּטיילונג, ביבליאָטעק און קינדער־פאַרזאָרגונג פאַרן רו־טאָג בלייבט שבת. פאַרן אויספירן די דאָזיקע באַשטימונגען ווערן פאַראַנטוואָרטלעך די לייטערס פון די אָפּטיילונגען.

ווילנער יודנראַט.״

נאָכן רעגולירן אין די געטאָ־אַנשטאַלטן דעם אַרבעט־אופן, ווי אויך די אַרבעט־שעהען ווערט דורכן יודנראַט רעגולירט די שכירות־פראַגע פאַר די געטאָ־אַנגעשטעלטע. דאָס טוט דער צירקולאַר נומער 8 פון 12טן דעצעמבער 1941:

„ווילנער יודנראַט. אַלגעמיינע אָפּטיילונג. נומער 248
דעם 12טן דעצעמבער 1941.

צו אַלע אָפּטיילונגען און אַנשטאַלטן פון יודנראַט.

צירקולאַר נומער 8

ס׳ווערט מיטגעטיילט, אַז לויטן באַשלוס פון יודנראַט פון 12טן דעצעמ־בער ה. י. איז דער געהאַלט פון אַלע מיטאַרבעטער פון יודנראַט, אָנהויבנדיק פון 1טן דעצעמבער ה. י. פאַרגרעסערט געוואָרן אויף 5 מאַרק מאָנאַטלעך.

אין משך פון היינטיקן טאָג דאַרפן אַלע אָפּטיילונגען צושטעלן אין קאַנצעלאַריע פון דער אַלגעמיינער אָפּטיילונג די געהאַלט־ליסטעס פאַר דער ערשטער העלפט דעצעמבער ה. י. די געהאַלט־ליסטעס דאַרפן צוזאַ־מענגעשטעלט ווערן אין מאַרקן לויטן בייגעלייגטן מוסטער.

א. נאַטעס — לייטער פון דער אַלג. אָפּטיילונג
אינזש. א. פריד — פאָרזיצער פון יודנראַט.״
(פרידס אונטערשריפט איז אין פויליש)

די שכירות פאַר די באַאַמטע פון יידן־ראַט זיינען דאַן איינגעשטעלט גע־וואָרן אין פאָלגנדיקע 6 קאַטעגאָריעס:

| קאַטעגאָריע | 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 |
|---|---|---|---|---|---|---|
| פון ערשטן יאַנואַר. רייכס־מאַרקן | 69 | 57 | 44 | 38 | 34 | 28 |
| פון ערשטן פעברואַר. „ „ | 86 | 70 | 56 | 50 | 44 | 38 |

טאָג־אַרבעטער האָבן באַקומען: מענער 1.20 ר.־מאַרק פרויען 1.00 ר. מאַרק.

איין דייטשישער מאַרק איז געווען 10 סאָוויעטישע רובלס. אַ קילאָ ברויט אין געטאָ האָט דאַן געקאָסט — פריוואַט 20־30 רובל.

אין דעם פעריאָד האָט דער יודנראַט באַשעפטיקט טויזנט אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. דער יודנראַט־פּערסאָנאַל איז געווען איינגעטיילט אין עטאַטאָווע, דאָס הייסט אַזעלכע, וועלכע האָבן געהאַט געלט, עווענטועל ראָזע שיינען, און טאָג־אַרבעטער, דאָס הייסט די יעניקע, וועלכע מען האָט גענומען צו דער אַרבעט אָן שיינען. אַזעלכע האָט בלויז די טעכנישע אָפּטיילונג געהאַט 174. עטאַטאָווע זיינען געווען 754 מאַן. אין דער אַדמיניסטראַציע האָט מען אָן אַ שיין ניט גענומען. אָן אויסנאַם זיינען נאָר געווען די בעלי־מלאכות, וועלכע מ׳האָט דרינגענדיק געמוזט האָבן.

פאָלגנדיקע טאַבעלע אילוסטרירט דעם צוזאַמענשטעל פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע:

פון 15—1 יאַנואַר 1942

| אָפּטיילונג | עטאַטאַווע צאָל | עטאַטאַווע סומע | טאָג־אַרבעטער צאָל | טאָג־אַרבעטער סומע | צוזאַמען צאָל | צוזאַמען סומע | אין פּראָצענט |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| יודנראַט | 6 | 207.50 | — | — | 6 | 207.50 | 1.35 |
| אַלגעמיינע בוכהאַל־טעריע, קאַסע, פּאַסס. סקלאַדעס פון סאָצ. פאַרזאָרגונג | 25 | 461.40 | — | — | 25 | 461.40 | 3.00 |
| אַפּראָוויזאַציע | 73 | 1.281.50 | — | — | 73 | 1.281.50 | 8.32 |
| קינדער־פּאַרז. | 22 | 416.00 | — | — | 22 | 416.00 | 2.70 |
| ביבליאָטעק | 14 | 284.00 | — | — | 14 | 284.00 | 1.61 |
| אַרבעט־אַמט | 16 | 305.00 | — | — | 16 | 305.00 | 1.98 |
| געזונטהייט | 142 | 2.418.31 | 15 | 198.00 | 157 | 2.616.31 | 17.00 |
| שפּיטאָל | 147 | 2.398.22 | — | — | 147 | 2.398.22 | 15.58 |
| דירות | 95 | 1.603.69 | 2 | 22.50 | 97 | 1.626.19 | 10.57 |
| טעכנישע | 57 | 1.008.80 | 174 | 1.553.15 | 231 | 2.561.95 | 16.64 |
| האַלץ | 6 | 103.00 | — | — | 6 | 103.00 | 0.69 |
| וואַרשטאַטן | 6 | 112.00 | — | — | 6 | 112.00 | 0.73 |
| בית־עולם | 8 | 150.00 | — | — | 8 | 150.00 | 0.98 |
| פּאָליציי | 137 | 2.398.50 | 56 | 503.60 | 193 | 2.902.10 | 18.85 |
| צוזאַמען | 754 | 13.111.92 | 247 | 2.277.25 | 1001 | 15.389.17 | 100 % |

פון דער טאַבעלע איז צו זען:

1) דער יודנראַט ציילט 6 מיטגלידער אויף צו נעמען פּענסיע. ניט שווער צו פאַרשטיין, אַז דער זעקסטער איז געווען גענס.

2) די גרעסטע צאָל אַנגעשטעלטע, און דאָס עטאַטירטע, האָט געהאַט דאָס שפּיטאָל, מיט דער געזונטהייט־אָפּטיילונג. צוזאַמען אַ דריטל פון אַלע אַנגעשטעלטע.

3) די צווייטע, לויט דער גרויס, איז געווען די דירות־אָפּטיילונג, פון וועלכער עס איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ טעכנישע אָפּט. און אַ וואַרשטאַט־אָפּט. די טעכנישע אָפּט. האָט באַשעפטיקט מענטשן אָן שיינען (דערנאָך האָבן זיי באַקומען ראָזע פאַמיליען־שיינען).

4) האָלץ אָפּט. דאָס הייסט — באַהייצונג־אָפּטיילונג, ווייל די געטאָ־אַדמיניסטראַציע פלעגט דורך דער אָפּטיילונג באַזאָרגן אַלעמען מיט האָלץ.

5) פּאָליציי האָט אויך געהאַט אַ חוץ די שטענדיקע 137 מאַן, נאָך 56, שפּעטער צוגענומענע אָן שיינען.

אין יאַנואַר 1942, ווען דאָס געטאָ איז שוין געווען פולשטענדיק סטאַביליזירט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַרבעטער, וועלכע קומען פון שטאָט קענען אין די געטאָ־אַמטן גאָרניט דערליידיקן, ווייל זיי קומען נאָך די אַרבעט־שעהען פון די אַמטן. דעריבער פאַראָרדנט פריד צו ענדערן די אַרבעטס־שעהען. אָט איז די פאַראָרדענונג:

„ווילנער יודנראַט. אַלגעמיינע אָפּטיילונג. נומער 290
דעם 20סטן יאַנואַר 1942
צו די פאַרוואַלטערס פון אַלע אָפּטיילונגען פון יודנראַט.

## צירקולאַר נומער 15

עס ווערט געמאָלדן, אַז לויטן באַשלוס פון יודנראַט פון 19טן ד. ח. זיינען, אָנהויבנדיק פון 20סטן ד. ח. די אַרבעט־שעהען פאַר די אָפּטיילונגען פון יודנראַט פאָלגנדיקע: פון 8 ביז 13 אַזייגער און פון 16 ביז 19 אַזייגער אין אָונט.
פאַרזיצער פון יודנראַט."

אין אַ קורצער צייט אַרום רעגולירט פריד די אינעווייניקסטע דיסציפּלין און גיט אַרויס פאָלגנדיקן צירקולאַר:

„ווילנער יודנראַט. אַלגעמיינע אָפּטיילונג.
צו די פאַרוואַלטערס פון אַלע אָפּטיילונגען און אַנשטאַלטן פון יודנראַט.

## צירקולאַר נומער 18

דעם 30סטן יאַנואַר 1942

פאַרשלאָגן ווערן אָנגענומען נייע אָנגעשטעלטע, אַריבערפירן פון איין אָפּטיילונג אין אַ צווייטער. ענדערן די קאַטעגאָריעס פון די אָנגעשטעלטע — דאַרפן געמאַכט ווערן שריפטלעך דורך דער אַלגעמיינער אָפּטיילונג צום פאַרזיצער פון יודנראַט. ביילייגן אַן אַנקעטע. אָן אַ שריפטלעכן הסכם פון פאַרזיצער טאָר מען ניט ענדערן. וועגן אַלע ענדערונגען — מעלדן."

אַ ביסל שפּעטער פירט פריד ווייטער איין דיסציפּלין און אָרדענונג אין די געטאָ־אַמטן צווישן די אָנגעשטעלטע. וועגן דעם רעדט פאָלגנדיקער צירקולאַר:

„ווילנער יודנראַט. אַלגעמיינע אָפּטיילונג. נומער 362
דעם 28סטן פעברואַר 1942
צו אַלע אָפּטיילונגען פון יודנראַט.

## צירקולאַר נומער 25

אַלע אָנגעשטעלטע מוזן 8 אַזייגער איינדערפרי זיך אונטערשרייבן אויף ספּעציעלע ליסטעס. די ליסטעס דאַרפן גלייך אָפּגעגעבן ווערן דעם פאַרזיצער פון יודנראַט. פאַר 3 מאָל פאַרשפּעטיקונג — ענטזאָגונג אָן אַנטשעדיקונג.

פאַרזיצער — פריד."

זומער 1942 איז אין געטאָ פלוצלינג באַוווּסט געוואָרן, אַז דער יודנראַט איז ליקווידירט געוואָרן און אויף זיין אָרט איז גענס באַשטימט געוואָרן אַלס געטאָ־פאָרשטייער און פּאָליציי־שעף. גערעדט האָט מען, אַז דאָס איז געמאַכט געוואָרן לויט גענסנס און דעסלערס איניציאַטיוו, ווייל זיי זיינען שוין געווען געגנוג שטאַרק ביי געשטאַפּאָ און האָבן ניט געוואָלט זיין אָפּהענגיק פון יודנראַט. פריד איז געוואָרן לייטער פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע.

ווי עס שיינט, האָבן אַ סך גענומען איגנאָרירן פרידן, מיינענדיק, אַז ער איז שוין אויס קאָפּעליוש־מאַכער. אָבער ניין. פריד מעלדעט דורך אַ צירקולאַר, אַז אַלץ מוז גיין דורך אים.

„געטאָ־אַדמיניסטראַציע. אַלגעמיינע אָפּטיילונג. נומער 762
דעם 27סטן יולי 1942

צו אַלע אָפּטיילונגען און אַנשטאַלטן ביי דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע.

## צירקולאר נומער 48

איך האָב באַמערקט, אַז מאַנכע אָנגעשטעלטע ווענדן זיך וועגן פאַרשיידענע געטאָ־אַדמיניסטראַציע־ענינים דירעקט צום געטאָ־פאָרשטייער און פּאָליציי־שעף, אָן אַ פריערדיקער פאַרשטענדיקונג מיט מיר. באַטראַכטנדיק אַזאַ האַנדלונג פאַר אומדערלאָזבאַר פון שטאַנדפּונקט פון דינסטלעכן דיסציפּלין, פאַראָרדן איך פאָלגנדיקס:

אַלע ווענדונגען און פאָרשלאָגן, וועלכע זיינען נוגע אַלגעמיינע אַדמיניסטראַציע־ענינים פון געטאָ, מוזן אָנגעגעבן ווערן דעם שעף פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע. דאָס ניט צופּאַסן זיך צו דער דאָזיקער פאַראָרדענונג וועל איך באַטראַכטן אַלס דיסציפּלין־בראָך און די שולדיקע וועל איך צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט ביז באַפרייען פון אַמט איינשליסלעך.

א. פריד — שעף פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע".

ווייזט זיך אויס, אַז אָט דער צירקולאַר האָט געהאָלפן נאָר אויף אַ קורצער צייט. ווייל אין דעצעמבער פון זעלבן יאָר געפינען מיר ווידער אַ צירקולאַר וועגן זעלבן ענין, וואָס באַווייזט, אַז מען פלעגט שטענדיק וועלן אויסמיידן פרידן.

„געטאָ־אַדמיניסטראַציע. אַלגעמיינע אָפּטיילונג
2טן דעצעמבער 1942

צו אַלע אָפּטיילונגען און אַנשטאַלטן ביי דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע.

## צירקולאר נומער 73

פאַררופנדיק זיך אויף מיין צירקולאַר נומער 48 פון 27סטן יולי ה. י. און אין פאַרשטענדיקונג מיטן ה' געטאָ־פאָרשטייער פאַראָרדן איך צום צווייטן מאָל, אַז אַלע אַדמיניסטראַטיווע,ווירטשאַפטלעכע און פער־

סאַנאַלע ענינים דאַרפֿן די לייטערס פֿון די אָפּטיילונגען און אַנשטאַלטן רעפערירן דירעקט מיר.

נאָר אין ריין פּרינציפּיעלע און זייער וויכטיקע פֿראַגן איז דערלאָזבאַר, מיט מיין הסכמה, צו ווענדן זיך צום געטאָ־פֿאַרשטייער.

איך בעט אַלע לייטערס פֿון די אָפּטיילונגען און אַנשטאַלטן שטרענג אָפּהיטן די דאָזיקע פֿאַראָרדענונג.

פֿריד — שעף פֿון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע".

זומער 1942, ווען געגנס איז געווען געטאָ־שעף און אין געטאָ איז געווען פֿולשטענדיק רואיק, פֿלעגן קומען אַ סך דייטשן באַשטעלן אין די וואַרשטאַטן פֿאַרשיידענע זאַכן. נאַטירלעך, אַז זיי האָבן גאָרניט באַצאָלט אָדער מיט גראָשנס. ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס געוואָרן אַן אָנגעזעענע הוצאה פֿאַר דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט די וואַרשטאַטן אויסגעהאַלטן. דעריבער האָט פֿריד אַרויסגעגעבן פֿאָלגנדיקע פֿאַראָרדענונג:

„געטאָ־אַדמיניסטראַציע. אַלגעמיינע אָפּטיילונג. נומער 842.
15טער אויגוסט 1942

צו אַלע אָפּטיילונגען און אַנשטאַלטן ביי דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע.

### צירקולאַר נומער 49

אַלע באַשטעלונגען אויף רעפּרעזענטאַטיווע צוועקן, וועלכע ווערן געמאַכט אין די געטאָ־וואַרשטאַטן אויפֿן חשבון פֿון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע, דאַרפֿן פֿריער אַקצעפּטירט ווערן דורך מיר. אַזעלכע באַשטעלונגען, אויסגעפֿירטע אָן מיין וויסן און הסכמה, וועלן ניט ווערן האָנאָרירט און די רעכענונגען פֿאַר זיי וועלן דורך דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע ניט געדעקט ווערן. פֿאַרן אויספֿירן די דאָזיקע פֿאַראָרדענונג מאַך איך פֿאַראַנטוואָרטלעך די לייטערס פֿון די אַנטשפּרעכנדיקע אָפּטיילונגען.

שעף פֿון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע — פֿריד
(אונטערשריפֿט אין פּויליש)"

אין דער זעלבער צייט האָט פֿריד אַלץ ווייטער אויסגעבעסערט דעם אַדמיניסטראַציע־אַפּאַראַט. שטענדיק פֿלעגט ער זוכן און אויסקלערן נייעסן. דער ווייטערדיקער צירקולאַר זוכט איבעריקע מענטשן אין די אַנשטאַלטן. די אַרבעט אין די געטאָ־וואַרשטאַטן זיינען געוואַלטיק אויסגעוואַקסן, די שטאָט האָט גענומען פֿאָדערן אַרבעטער. הויפּטזעכלעך זיינען געווען נויטיק אַרבעטער צו וואַלד־אַרבעט.

„געטאָ־אַדמיניסטראַציע, אַלגעמיינע אָפּטיילונג
דעם 28סטן אויגוסט 1942

צו אַלע לייטערס פון די אָפּטיילונגען ביי דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע.

## צירקולאַר נומער 54

1)אַלגעמיינע אָפּטיילונג, 2) קאָנטראָל־סעקציע, 3) באַהייצונג־סעקציע, 4) טעכנישע אָפּטיילונג, 5) וווינונג־אָפּטיילונג, 6) באַשפּייז־אָפּטיילונג, 7) קולטור־אָפּטיילונג, 8) געזונטהייט־אָפּטיילונג, 9) וואַרשטאַטן־אָפּטיילונג, 10) אַרבעט־אָפּטיילונג, 11) ווירטשאַפטלעכע וואַרשטאַטן, 12) בוכהאַלטעריע און קאַסע, 13) סעקציע פאַר אינערלעכע שטייערן, 14) סעקציע פאַר אויסערלעכע שטייערן, 15) פּאָליציי־קיך, 16) קרוק, 17) סאָציאַלע פאַר־זאָרגונג — אַלע דאַרפן צושטעלן אַ סקיץ מיט אָנווייזונגען וועגן דער קאָמפּעטענץ פון דער אָפּטיילונג, ווי אויך ידיעות, ווער און וועלכע פליכטן עס דערפילט.

שעף פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע — פריד".

די יעניקע, וועלכע האָבן געאַרבעט אין שטאָט, פלעגן, ניט קוקנדיק אויף אַלע קאָנטראָלן, אַריינברענגען מיט זיך אין געטאָ פּראָדוקטן. זיי פלעגן אין שטאָט האַנדלען, מאַכן געשעפטן, פאַרדינען, קאָמבינירן א. א. וו.

די אָנגעשטעלטע פון יודנראַט האָבן אַט דעם שאַנס ניט געהאַט. דעריבער האָבן די געטאָ־אָנגעשטעלטע פון צייט צו צייט באַקומען גראַטיפיקאַציעס. ביי דעם זיינען פאַוואָריזירט געוואָרן די באַאַמטע, וועלכע זיינען געבליבן פון די ערשטע קאָמיטעטן, ווי דאָס באַווייזט דער ווייטערדיקער צירקולאַר:

„געטאָ־אַדמיניסטראַציע, אַלגעמיינע אָפּטיילונג,
18טן סעפּטעמבער 1942

צו אַלע אָפּטיילונגען און אַנשטאַלטן ביי דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע.

## צירקולאַר נומער 57

לויטן באַשלוס פון געטאָ־פאָרשטייער פון 16טן סעפּטעמבער ה. י. איז באַשלאָסן געוואָרן צו געבן אַ גראַטיפיקאַציע: 1) די עטאַטירטע מיט־אַרבעטער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן אין ערשטן יודנראַט (יידישער קאָמיטעט) אויף סטראַשונאַ 6 און אַרבעטן אָן איבעררייס ביז היינטיקן טאָג, ווי אויך די געוועזענע מיטגלידער פון דערמאָנטן יודנראַט, וועלכע זיינען ביזן איצטיקן מאָמענט באַשעפטיקט אין דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע — באַקומען אַ פולן חודשלעכן געהאַלט; 2) די עטאַטאָווע מיטאַרבעטער, וועלכע אַרבעטן פון פאַרן 1טן אָקטאָבער (30.9) 41, און אַרבעטן ביז היינט אָן איבעררייס — 50%; 3) די וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרן פון 1טן אָקטאָבער ביזן 31סטן אויגוסט 1942 — 25%; 4) די טאָג־אַרבעטער

פון פאַרן 15טן אויגוסט 1942 — 25% פון זייער חודשלעכן גרונט־פאַרדינסט (אַן אַקאָרד־אַרבעט).

באַמערקונג: א) פונקט 1 איז ניט נוגע די שפּיטאָל־אַרבעטער, אומ־אָפּהענגיק פון זייער אַרבעט־סטאַזש. ב) די מיטאַרבעטער, וועלכע זיינען צום מאָמענט אין וואַלד, באַקומען וואָס זיי קומט. ג) די, וועלכע באַקומען אין צוויי ערטער געהאַלט, באַקומען דאָרט וווּ זיי באַקומען דעם גרונט־געהאַלט. ד) די אַרבעטער אין די וואַרשטאַטן, וואָס אַרבעטן אויף פּראָצענט — באַקומען ניט די גראַטיפיקאַציע.

די פּאָליציי באַקומט דורך דער פּאָליציי־קאָמאַנדע.

פריד".

פריד איז געווען אַ גוטער אַדמיניסטראַטאָר און האָט געזוכט שפּאָרזאַמקייט אין אַלע אינסטיטוציעס. פאָלגנדיקער צירקולאַר כאַראַקטעריזירט דאָס:

„געטאָ־אַדמיניסטראַציע. אַלגעמיינע אָפּטיילונג.
דעם 17טן נאָוועמבער 1942

צו אַלע אָפּטיילונגען און אַנשטאַלטן ביי דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע.

## צירקולאַר נומער 68

אין שייכות מיט דער שטייגערונג פון די הוצאות אויף שרייב־מאַטעריאַל, פאַראָרדן איך ווייטגייענדיקסטע שפּאָרזאַמקייט ביים פאַרברויך פון די דאָזיקע מאַטעריאַלן. צו דעם צוועק דאַרף אין יעדער אָפּטיילונג אין אַנשטאַלט איינגעפירט ווערן אַן עווידענץ־העפט, אין וועלכער עס דאַרף פאַרשריבן ווערן די צאָל פון די באַקומענע און אַרויסגעגעבענע מאַטעריאַלן. איבערהויפּט דאַרף ווערן קאָנטראָלירט דער פאַרברויך פון בלייפעדערס. יעדער אָנגעשטעלטער מוז קוויטירן די דאַטע, ווען ער האָט דעם בליי־פעדער באַקומען.

די לייטערס פון די אָפּטיילונגען און אַנשטאַלטן דאַרפן אַכטונג געבן, אַז די אַרויסגעגעבענע שרייב־מאַטעריאַלן און מכשירים זאָלן אויסגענוצט ווערן ווי אַמראַציאָנעלסטן.

שעף פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע — פריד".

הלוואַי וואָלט אָט דער אַלטער תרח אַזוי געזאָרגט וועגן לעבעדיקע מענטשן, ווי ער האָט געזאָרגט וועגן אָרדענונג, שפּאָרזאַמקייט א. א. וו.

ווי ווייט פּוסטער ביוראָקראַט ער איז געווען און בעל גאַווהניק דערצו ווייזט אויך פאָלגנדיקער קאַלענדאַר פון זיין אַרבעטס־טאָג.

„צו אַלע לייטערס פון די אָפּטיילונגען און אַנשטאַלטן ביי דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע.

## צירקולאַר נומער 75

אָנהויבנדיק פון 15טן דעצעמבער (1942) ד. י. שטעל איך איין פאָלגנ־דיקע אויפנאַם־שעהען:

פון 9.15 ביז 9.30 — אַסטער
פון 9.30 ביז 9.45 — יאַשונסקי
פון 9.45 ביז 10.00 — מילקאנאוויצקי
פון 10.00 ביז 10.15 — גוכמאַן
פון 10.15 ביז 10.30 — באַראַן
פון 10.30 ביז 10.45 — בראָנזאָפט
פון 10.45 ביז 11.00 — קאַשוק
פון 11.00 ביז 11.15 — זיידשנור
פון 11.15 ביז 11.30 — סראָלאָוויטש
פון 11.30 ביז 11.45 — גינזבורג
פון 11.45 ביז 12.15 — אינטערעסאַנטן.

פון 17.30 ביז 17.45 — פישמאַן און גוטגעשטאַלט
פון 17.45 ביז 18.00 — גאַטעס
פון 18.00 ביז 18.15 — טראַפידא
פון 18.15 ביז 18.30 — גרינשטיין
פון 18.30 ביז 19.00 אינטערעסאַנטן.

די פאַרוואַלטערס פון סעקציעס און אַנדערע מיטאַרבעטער וועלן ווערן אויפגענומען מיט די לייטערס.
איך בעט שטרענג זיך צופאַסן.

פריד"

אין די שפּעטערדיקע צייטן (אין 1943) איז אין די „געטאָ־ידיעות" געווען אָפּגעדרוקט פאָלגנדיקע גאַטיץ וועגן די פאָדערונגען, וואָס מען האָט צו אַ געטאָ־באַאַמטן, וועגן זיין ראָל און אויפגאַבן אין דעם געטאָ־אַפּאַראַט.

„אין דער האַלטונג פון אונדזערע באַאַמטע מוז זיך פילן אַ זיכער־קייט, פּלאַנמעסיקייט, אַליינבאַהערשקייט, דאָס וועט אַן שום ספק ווירקן אויפן עולם. זאָלן אונדזערע באַאַמטע טאָן אַלץ, וואָס איז אָפּהענגיק פון זיי, כדי וואָס ווייניקער צו פאַרפּלאָנטערן און צו באַאומרואיקן אונדזער שווער לעבן, און מער עס פאַרלייכטערן און נאָרמאַליזירן".

פאַרענדיקנדיק מיט דער אַלגעמיינער אָפּטיילונג דרוקן מיר אַ טאַבעלע פון די געטאָ־אָנגעשטעלטע אין צווייטן העלפט פון 1942. די דאָזיקע טאַבעלע איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך דעם סטאַטיסטישן אַמט אין געטאָ.

די טאַבעלע איז אַרויסגענומען פון אַן אַלגעמיינעם באַריכט וועגן דער טע־טיקייט פון די געטאָ־אינסטיטוציעס:

סטאַטיסטישער אַמט אין ווילנער געטאָ.

**טאַבעלע נומער 14, זייט 31. אַלגעמיינע אָפּטיילונג**

**באַשעפטיקטע אין געטאָ, לויט אָפּטיילונגען, אין צווייטן העלפט פון 1942**

| חודש | טעכנישע און וואַרשטאַטן | געזונט. | באַשפייז. | וווינונג. | קולט. | פּאָליציי | אַנדערע [1] | סה״כ |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| יולי | 321 | 375 | 80 | 104 | 179 | 231 | 103 | 1393 |
| אויגוסט | 342 | 384 | 83 | 104 | 188 | 227 | 110 | 1438 |
| סעפּטעמבער | 422 | 343 | 79 | 109 | 194 | 229 | 129 | 1555 |
| אָקטאָבער | 436 | 404 | 86 | 113 | 195 | 239 | 154 | 1627 |
| נאָוועמבער | 496 | 405 | 86 | 112 | 202 | 248 | 154 | 1703 |
| דעצעמבער [2] | 341 | 401 | 87 | 418 | 208 | 244 | 198 | 1897" |

## מעטריקאַציע־אַמט

**ביי דער אַלגעמיינער אָפּטיילונג איז אין ערשטן מאָמענט פון געטאָ־לעבן געשאַפן געוואָרן אַ יידישער געטאָ־מעטריקאַציע־אַמט. לויט אַ באַשלוס פון יודנ־ראַט פון 13טן אָקטאָבער 1941, איז דער אַמט געשאַפן געוואָרן דעם 15טן — דעם זעלבן חודש. אָט האָבן מיר דעם בריוו פון לייטער פון דעם אַמט אַדוו. דימיטראָווסקי (אַ קאָוונער) צום פּרעזעס פון יודנראַט אין וועלכן ער מעלדעט דעם צוזאַמענשטעל פון ביוראָ. דער בריוו איז געשריבן אין ליטוויש.**

„ווילנער יידישער מעטריקאַציע־אַמט.

צום פאָרזיצער פון דער יידישער פאַרוואַלטונג.

שטיצנדיק זיך אויפן באַשלוס פון 13טן ד. ח. בעט איך באַשטעטיקן פאַרן ווילנער יידישן מעטריקאַציע־אַמט פאָלגנדיקע מיטאַרבעטער:

1. דימיטראָווסקי אברהם — פאַרוואַלטער
2. פּראַימטשיק אַבעל — סעקרעטאַר
3. דויטשער מנחם — שרייבער
4. ווינער־זאַוואַדזקאַ שרה — אַנגעשטעלטע
5. קאַגאַן דאָראַ — אַנגעשטעלטע
6. גאַרלין ליבע — אַרכיוו און סטאַטיסטיק
7. גורוויטש ביילע

**אונטערגעשריבן** — דימיטראָווסקי — **פאַרוואַלטער**".

---

1. אין דער רובריק גייען אַריין אָנגעשטעלטע פון דער פאַרוואַלטונג, אַלגעמיינע אָפּטיילונג, קאָנטראָל־אָפּט., פינאַנס־אָפּט., לאָמבאַרד, באַהייצונגס־אָפּט., בית־עלמין־סעקציע, אַרבעט־אַמט, סאָציאַלע פאַרזאָרגונג און אינדוסטריע־אָפּטיילונג.

2. אין דעם חודש איז פאָרגעקומען אַ רעאָרגאַניזאַציע פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע. צו דער וווינונג־אָפּטיילונג זיינען איבערגעגאַנגען עטלעכע סעקציעס פון דער טעכנישער אָפּטיילונג (רעמאָנט־סעקציע).

דער דאָזיקער צוזאַמענשטעל פון ביוראָ איז דורך פרידן באַשטעטיקט געוואָרן דעם 16טן דעם זעלבן חודש.

**אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג**

ניט קיין לייכט פּראָבלעם פאַר דעם געטאָ איז געווען די אַפּראָוויזאַציע־פראַגע. אָפיציעל איז דאָס געטאָ געווען אָפּגעשניטן פון דער אַרומיקער וועלט און האָט קיין שום מגע־ומשא ניט געטאָרט האָבן מיט יענער זייט. לעבן האָט מען געמוזט נאָר פון דעם, וואָס די דייטשן האָבן געגעבן. די גאָב פון די דייטשן איז אָבער געווען אַך־און־וויי. יעדער ביסן איז געווען צוגעמאָסטן און צוגעוווגן. דערביי איז די געטאָ־אַדמיניסטראַציע קיינמאָל ניט זיכער געווען, צי זי וועט אָפילו באַקומען דאָס וואָס איר קומט לויט די דייטשישע נאָרמען.

די פּראָדוקטן פאַר דער געטאָ־באַפעלקערונג פלעגט די געטאָ־פאַרוואַלטונג באַקומען דורך דער ליטווישער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, לויט דער צאָל רעגיסטרירטע שיינען.

דאָס איז געווען די אָפיציעלע פאַרזאָרגונג מיט פּראָדוקטן.

דער צווייטער וועג איז געווען דער יידישער שמוגל. דעם שמוגל פלעגן אין דער ערשטער ריי פירן די טויזנטער יידישע אַרבעטער, וועלכע פלעגן טאָג־טעגלעך גיין אין שטאָט אויף אַרבעט. ביים צוריקקומען אין געטאָ, פלעגן זיי מיט זיך אַריינברענגען פאַרשיידענע פּראָדוקטן אין קליינע צאָלן. מ׳האָט אויך געשמוגלט פּראָדוקטן דורך מעלינעס און דורך אַנדערע פאַרשיידענע וועגן.

די דייטשישע טאַקטיק בנוגע דער אַפּראָוויזאַציע פון געטאָ איז געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקע. געווען צייטן, ווען זיי פלעגן שטיין ביים טויער און זייער שטרענג קאָנטראָלירן די צוריקקערנדיקע אַרבעטער פון די שטאָטישע אַרבעטן. פאַר געפונענע פּראָדוקטן פלעגן זיי שלאָגן מכות רצח און אָפילו אַוועקפירן אויף פּאָנאַר. אַזוי זיינען אומגעקומען די באַקאַנטע זינגערין ליובאַ לעוויצקאַ און מאַגיסטער סטופּל. ווען זיי זיינען אָנגעקומען פון שטאָט, האָט זיי ביים אַריינגאַנג אין געטאָ פאַרהאַלטן מורער און צום אומגליק געפונען ביי זיי אַ קליין שטיקל פּוטער און אַ פּאָר קילאָ אַרבעס. מורער האָט זיי אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט אין לוקישקער טורמע. קיין אינטערווענצן מצד דעם יודנראַט האָבן ניט גע־האָלפן. זיי זיינען ביידע שנעל אומגעבראַכט געוואָרן אויף פּאָנאַר. עס זיינען ווידער געווען צייטן, ווען די דייטשן פלעגן אַליין אַריינשיקן אין געטאָ גרויסע פּאַרטיעס קאַרטאָפל און פלעגן „האַרציק" זאָרגן פאַר די „שוועראַרבעטנדיקע". אָט די קאַטעגאָריע פיזישע אַרבעטער פלעגן זיי צייטנווייז אַליין באַזאָרגן מיט צוגאָב־ראַציעס, געבנדיק זיי דאָס אין די אַרבעט־איינהייטן, אָדער זיי באַזאָרגן מיט עקסטרע פּראָדוקטן דורך דער געטאָ־פאַרוואַלטונג.

ווי עס זאָל ניט זיין, האָט מען זיך אויפן דייטשישן יושר ניט פאַרלאָזט. אין געטאָ האָבן זיך אויסגעבילדעט שמוגלער־גרופּן, וועלכע פלעגן זיין אין קאָנטאַקט מיט דער יידישער געטאָ־פּאָליציי און מיט דער פּאָליציי פון טויער־וואַך. אַזעלכע שמוגלער פלעגן אַריינשלעפּן אין געטאָ גאַנצע פורן מיט פּראָדוקטן. דערביי זיינען אויסגענוצט געוואָרן אַלע טראַנספּאָרט־מיטלען, וואָס קומען אין באַריִרונג מיטן געטאָ: פורן, וועלכע פלעגן צונעמען דאָס מיסט פון געטאָ, פורלעך, מיט וועלכע מען פלעגט אַריינפירן האָלץ, אַסעניזאַציע־וועגענער, די מתים־עגלה א. א. וו. אומעטום זיינען געווען מעלינעס, אין וועלכע מען פלעגט אַריינפירן די פּראָדוקטן.

אַ ספּעציעלע שמוגלער־פּאַרטיע האָט זיך אויסגעבילדעט פון אַ גרופּע קוימענ־קערער. זיי פלעגן גיין אין שטאָט אויף אַרבעט און עטלעכע מאָל אין טאָג אַריינקומען אין געטאָ מיט זייערע עמערלעך, אין וועלכע עס זיינען געווען דאָפּלטע דעקן. דאָרט פלעגן זיין גאָר טייערע פּראָדוקטן.

די קוימענקערער האָבן אויך אַ סך פּראָדוקטן אַריינגעשמוגלט דורך די בוידעמער און דעכער. מיט איין וואָרט, אַלע מיטלען זיינען אויסגענוצט געוואָרן, כדי אַריינצושלעפּן פּראָדוקטן אין געטאָ.

ווען ביים טויער איז געווען רואיק, זיינען די פרייזן געווען באַרמאַלע (נאַטירלעך לויטן געטאָ־באַגריף). טאָמער פלעגט מען ביים טויער צונעמען — פלעגן דאַן די פרייזן תיכף ומיד שטייגן. בכלל זיינען די פרייזן אין געטאָ געווען מיט הונדערט פּראָצענט טייערער ווי אין שטאָט.

ביים אַריינטראָגן פּראָדוקטן אין געטאָ זיינען אייניקע געפאַלן ממש אויף געניאַלע איינפאַלן. פרויען פלעגן אַריינברענגען פּראָדוקטן אין ספּעציעל גע־מאַכטע קאָרסעטן, ווו מ׳האָט אַריינגעשיט קילאָגראַמען צוקער, מעל, גרויפּן א. אַ. פּראָדוקטן פלעגט מען אַריינברענגען אויך אין די האָר פון קאָפּ, אויף די פּלייצעס, אונטער די הויזן, אונטער די קליידער א.א.וו. ביים טויער פלעגן זיך אָפּטמאָל אָפּשפּילן טראַגי־קאָמישע סצענעס.

אָבער דער הויפּטשמוגלער איז געווען די יידישע געטאָ־פאַרוואַלטונג אַליין. ביים אַריינפירן די אָפיציעלע פּראָדוקטן פלעגט מען אויך אַריינפירן אַ מאַסע אייגענע איינגעקויפטע פּראָדוקטן ביי די ליטווינער.

ביי דער אַפּראָוויזאַציע פון דער געטאָ־באַפעלקערונג האָט די יידישע געטאָ־פאַרוואַלטונג געהאַט איין גרויסע שוועריקייט וועגן וועלכער מען האָט אַפילו ניט געטאָרט רעדן. דאָס איז געווען די צאָל אומלעגאַלע יידן, וועלכע זיינען שטענדיק געווען אין געטאָ, זיי האָבן פאַר די דייטשן ניט עקזיסטירט. די דייטשן פלעגן געבן פּראָדוקטן נאָר לויט דער צאָל אָפיציעל אַרויסגעגעבענע שיינען. די איבעריקע טויזנטער, די „ניט לעגאַלע״, האָבן אָבער אויך געדאַרפט עסן.

*

איידער מיר וועלן איבערגיין צו באהאנדלען געניי דאס באשפייזונג־פּראָבלעם פון געטאָ, וועלן מיר ברענגען אַ טאַבעלע, וועלכע כאַראַקטעריזירט אַמבולטסטן די באַפעלקערונג־באַוועגונג אין געטאָ לויט דער צאָל אַרויסגעגעבענע ברויט־קאַרטן.

טאַבעלע 1

ארויסגעגעבן ברויט־קארטן

| | אין 1941 | | | אין 1942 | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| חודש: | אָקטאָבער | נאָוועמבער | דעצעמבער | יאַנואַר | פעברואַר | מערץ | אַפּריל |
| צאָל: | 25.300 | 12.000 | 13.000 | 13.600 | 14.746 | 15.850 | 18.500 |

די דאָזיקע ציפערן רעדן פאַר זיך.

ביז אָקטאָבער 1941 איז אין געטאָ געווען כמעט די גאַנצע יידישע באַפעל־קערונג, וואָס איז אַריין אַהער דעם 6טן סעפּטעמבער. אַנשטאָט די יידן וועלכע זיינען צוגענומען געוואָרן אין די ערשטע טשיסטקעס, זיינען אַריין די יידן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון דעם קליינעם געטאָ. אין אָקטאָבער און אין די ערשטע טעג פון נאָוועמבער זיינען דורכגעפירט געוואָרן גרויסע טשיסטקעס, אין צוזאַמענהאַנג מיט די געלע שיינען; אין געטאָ זיינען געבליבן נאָר די אָפיציעלע, לעגאַלע יידן, וועלכע האָבן געהאַט געלע שיינען. אַזעלכע זיינען אין ערשטן מאָמענט געווען 12,000. אין די ווייטערדיקע חדשים האָט מען זיך צוגעשריבן צו די געלע שיינען און מען האָט אויך באַקומען די ראָזע שוץ־שיינען און די באַפעלקערונג איז געוואַקסן. אָבער אַפילו נאָך דעם זיינען נאָך אין געטאָ געבליבן אַ פּאָר טויזנט „ניט לעגאַלע" יידן, הויפּטזעכלעך עלטערע מענטשן, וועלכע זיינען צו קיין אַרבעט ניט פּעאיק געווען.

*

כדי צו אילוסטרירן דעם אַפּראָוויזאַציע־צושטאַנד פון געטאָ, וועלן מיר ציטירן אַ באַריכט פון סטאַטיסטישן אַמט פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג, וואָס איז געווען דער ערשטער, וואָס דער אַמט האָט צוזאַמענגעשטעלט פאַר דער צייט פון ערשטן יאַנואַר ביזן 30סטן יוני 1942.

אין באַריכט ווערן געזאָגט:

מיט אַפּראָוויזאַציע פאַרנעמען זיך אין געטאָ, חוץ דער באַשפּייזונג־אָפּטיילונג

פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע, אויך דער פּאָליציי־קאָאָפּעראַטיוו און טיילווייז די אָפּטיילונג פאַר געזונט־שוץ.

אָבער די אַלע עפנטלעכע אינסטיטוציעס צוזאַמענגענומען, האָבן נישט באַפרידיקט די באַשפּייזונג פון דער געטאָ־באַפעלקערונג. מיר וועלן ברענגען איין ביישפּיל — דעם פאַרברויך פון ברויט. רעכענענדיק, אַז איין מענטש אין געטאָ עסט אויף טעגלעך 30 דעקאַ (300 גראַם) ברויט. ווען מען נעמט אין אַכט דעם מאַנגל פון אַנדערע שפּייז־אַרטיקלען, באַדייט דאָס אַ מינימום. באַקומט זיך, אַז אין מאָנאַט יוני האָט דאָס געטאָ פאַרברויכט 167.4 טאָן ברויט (18.600 פּערזאָן).

דורך דער באַשפּייזונג־אָפּטיילונג און דורך דעם קאָאָפּעראַטיוו איז אָבער דעם מאָנאַט פאַרטיילט געוואָרן נישט מער ווי 80.4 טאָן ברויט. דאָס הייסט קנאַפּע 50% פון גאַנצן פאַרברויך. דערפאַר האָבן מיר געמאַכט אַ פּרווו צו באַריקזיכטיקן די נישט עפנטלעכע און פּריוואַטע פאַרטיילונג פון פּראָדוקטן. מיר האָבן גענומען פון דער פינאַנץ־אָפּטיילונג פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע ידיעות וועגן דעם פאַרקויף פון ברויט אין פּריוואַטע בעקערייען (בנוגע אַנדערע פּראָדוקטן איז לגמרי אוממעגלעך צו באַקומען וועלכע ס'איז ידיעות וועגן דעם פּריוואַטן געברויך און פאַרקויף). פון אונדזער טאַבעלע נומער 2 קען מען דערינגען, אַז די „אָפיציעלע" באַשפּייזונג פון געטאָ אין ערשטן האַלבן יאָר 1942 האָט זיך באַדייטנדיק פאַרבעסערט. באַזונדערס באַציט זיך דאָס צו אַזעלכע פּראָדוקטן ווי צוקער (אין יאַנואַר 1942 — 50 קילאָגראַם און אין יוני 1942 — 6.5 טאָן), פעטס (יאַנואַר — 1.7 טאָן, יוני — 5.3 טאָן), אייער (יאַנואַר ביז אַפּריל — גאָרנישט, יוני — 21.500 שטיק) און מילך (יאַנואַר — 2588 ליטער, יוני — 10.071 ליטער).

אָבער אויך די פאַרגרעסערטע קוואַנטומס זיינען זייער קליין. די געטאָ־באַפעלקערונג האָט באַקומען אין יוני דורכשניטלעך 20 גראַם מעל, 6 גראַם גרויפּן, 12 גראַם צוקער, 18 גראַם פלייש, 10 גראַם פעטס א.א.וו. די געבראַכטע צאָלן באַווייזן דייטלעך, אַז די אָפיציעלע באַשפּייזונג גענוגט ניט אַפילו אויף אַ הונגער־לעבן.

פון דער טאַבעלע 2 איז צו זען דעם גרויסן אָנטייל פון פּאָליציי־קאָאָפּעראַטיוו אין דער באַשפּייזונג פון געטאָ. דאָס באַציט זיך צו אַזעלכע פּראָדוקטן ווי: ברויט, גרינס און מילך. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט אין מאָנאַט יוני פאַרקויפט 16.4 טאָן ברויט (25 פּראָצענט פון „אָפיציעלן ברויט"), 35.6 טאָן גרינס, כמעט צוויימאָל מער ווי די באַשפּייזונג־אָפּטיילונג, און 4.355 ליטער מילך (ניט קיין סך ווייניקער ווי די מילך־קיך).

טאַבעלע 2

סטאַטיסטישער אַמט אין ווילנער געטאָ 1942 יאָר

## פּראָדוקטן־פאַרטיילונג אין ערשטן האַלבן יאָר 1942 (אין טאָנען)

| ל. נ. | פּראָדוקטן | יאַנואַר | פעברואַר | מערץ | אַפּריל | מאַי | יוני |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| .1 | ברויט, סך־הכל : | 68.0 | 60.1 | 90.1 | 81.8 | 79.5 | 111.8 |
| | דערין : | | | | | | |
| | א. באַשפּייזונג־אָפּט. | 65.4 | 57.2 | 52.7 | 58.0 | 58.0 | 64.0 |
| | ב. די פּאָליציי־קיך | 2.6 | 2.9 | 20.4 | 11.6 | 8.5 | 16.4 |
| | ג. פּריוואַטע פּערזאָנען | — | — | 17.0 | 12.2 | 13.0 | 31.4 |
| .2 | גרויפּן ס"ה | 3.2 | 5.8 | 12.0 | 2.9 | 0.22 | 3.2 |
| | דערין : | | | | | | |
| | א. באַשפּייזונג־אָפּט. | 2.7 | 3.1 | 4.4 | 2.3 | 0.2 | 2.8 |
| | ב. פּאָליציי־קיך | 0.5 | 2.7 | 7.6 | 0.6 | 0.02 | 0.4 |
| .3 | מעל ס"ה | 9.3 | 19.4 | 11.3 | 7.8 | 5.1 | 11.4 |
| | דערין : | | | | | | |
| | א. באַשפּייזונג־אָפּט. | 7.5 | 7.5 | 9.0 | 7.5 | 5.0 | 11.0 |
| | ב. פּאָליציי־קיך | 1.8 | 11.9 | 2.3 | 0.3 | 0.1 | 0.4 |
| .4 | צוקער ס"ה | 0.05 | 0.71 | 3.7 | 4.3 | 2.4 | 6.5 |
| .5 | זאַלץ ס"ה | 1.8 | 1.4 | 1.9 | 4.5 | 3.8 | 5.4 |
| .6 | פלייש ס"ה | 6.0 | 10.4 | 8.4 | 8.0 | 9.8 | 10.3 |
| .7 | פעטס ס"ה | 1.7 | 1.1 | 1.9 | 0.8 | 0.9 | 5.3 |
| | א. פּוטער | — | — | 1.1 | — | 0.9 | 3.5 |
| | ב. חזיר־שמאַלץ | 1.7 | 1.1 | 0.6 | — | — | — |
| | ג. בוימל | — | — | 0.2 | 0.8 | — | 1.8 |
| .8 | גרינסן ס"ה | 25.9 | 30.0 | 64.9 | 49.3 | 40.7 | 54.4 |
| | דערין : | | | | | | |
| | א. באַשפּייזונג־אָפּט. | 16.3 | 16.5 | 24.8 | 26.8 | 6.7 | 18.8 |
| | ב. פּאָליציי־קיך | 9.6 | 13.5 | 40.1 | 22.5 | 34.0 | 35.6 |
| .9 | אייער ; שטיק | — | — | — | — | 8.200 | 21.500 |
| .10 | מילך אין ליטער, ס"ה | 2588 | 590 | 3858 | 5017 | 5666 | 10071 |
| | דערין : | | | | | | |
| | א. מילך־קיך | 840 | 118 | 864 | 2118 | 3948 | 5716 |
| | ב. פּאָליציי־קיך | 1748 | 472 | 2994 | 2899 | 1718 | 4355 |

אויפקלערונג צו דער טאַבעלע :

1. די מאַטעריאַלן זיינען גענומען פון דער באַשפּייזונג־אָפּטיילונג, פּאָליציי־קיך און געזונט־שוץ.

צושטאַנד פון דער באַפעלקערונג אויפן חודש יוני 1942 — 18.600.

פאַרטיילט פאַרן חודש יוני 1942:

| | |
|---|---|
| ברויט | 111.925 ק״ג |
| פלייש | 10.300 „ |
| צוקער | 6.514 „ |

דורכשניטלעך אויף אַ פּערזאָן פאַרן גאַנצן חודש:

ברויט — 6.01 ק״ג; פלייש — 0.55 ק״ג; צוקער — 0.35 ק״ג.

די אַפּראָוויזאַציע פון דער געטאָ־באַפעלקערונג אין דער צווייטער העלפט פון 1942 יאָר האָט זיך פאָרגעשטעלט אַזוי:

חודש יולי

ברויט־קאַרטן זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן 19.569 און אונטער דער קאַטע־גאָריע „ספּעציעלע״ (פאַרן לאַגער אין וואקע) זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן 553 ברויט־קאַרטן.

חודש אויגוסט

פאָלגנדיקע פּראָדוקטן זיינען אַריין אין געטאָ:

| | | | |
|---|---|---|---|
| ברויט | 77 טאָן | פלייש | 11 טאָן |
| מעל | 9 „ | הייזון | 700 ק״ג |
| גרויפּן | 6 „ | צוואָראָך | 733 „ |
| צוקער | 5 „ | פּוטער | 5 טאָן |
| זאַלץ | 4 „ | אייער | 20.000 שטיק |

אַ חוץ דעם האָט מען באַקומען איבער 2 טאָן צוקערקעס, וואָס איז ניט געווען פאָרויסגעזען אין פּלאַן. פאַר קינדער האָט מען ספּעציעל באַקומען: מאַקאַראָנען — 324 קילאָגראַם, האָניק — 92 קילאָגראַם, מילך — 1380 ליטער אַ וואָך.

פּראָדוקטן האָט מען באַקומען פאַר 14.723 געטאָ־איינוווינער, 5.730 שווער־אַרבעטנדיקע און 1.516 גלאָט־אַרבעטנדיקע, פאַר וועלכע ס'איז באַשטימט געווען נאָר ברויט אַליין. די פּראָדוקטן זיינען פאַרטיילט געוואָרן: ברויט — אויף 24.500 ברויט־קאַרטן, אַנדערע פּראָדוקטן אויף 24.500 ברויט־קאַרטן. מיט פּראָ־דוקטן און ברויט ווערן אויך באַזאָרגט די וואַלד־אַרבעטער פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג און די אַרבעטער פון גלאַסקישקי און בארנאוווקע (פאַר 297 מאַן) דורכן געביטס־קאָמיסאַר ווילנע — לאַנד.

פאַר אינסטיטוציעס איז אַוועק:

ברויט — 2.410 ק״ג, גרינס — 3.054 ק״ג, פלייש — 514 ק״ג.

גרינס, ווי קאַרטאָפל און אַנדערע, פלעגט די באַפעלקערונג אַפּנעמען אין אַ גרינס־באַזע. דערביי האָבן פּאָליציאַנטן און מיטאַרבעטער פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג באַקומען זייערע פּאַרציעס אויסער דער ריי, וואָס פלעגט אַרויסרופן גרויסע סקאַנדאַלן.

דעריבער האָט די באַשפּייזונג־אָפּטיילונג געגרינדעט אַ צווייטע באַזע פאַר גרינס און מעלדעט וועגן דעם מיט פאָלגנדיקן צירקולאַר:

„באַשפּייזונגס־אָפּטיילונג, 10 אויגוסט 1942.

היות דאָס איינקויפן גרינס דורך די מיטאַרבעטער פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג און פּאָליציי אין דער גרינס־באַזע אויסער דער ריי האָט אַרויסגערופן אַ גערעכטע פאַרביטערונג ביי דער באַפעלקערונג, ווערט דאָס אויף ווייטער פאַרבאָטן. מיר עפענען אַ ספּעציעלע גרינס־באַזע פאַר זיי — סטראַשון גאַס 13, פון 7 ביז 10 פרי.״

באַריכט פון דער באַשפּייזונג־אָפּטיילונג פאַר סעפּטעמבער 1942.

עס זענען געוועזן פאַרויסגעזען פּראָדוקטן:

| | | | |
|---|---|---|---|
| ברויט | 60.697 ק״ג | פּוטער | 5.557 ק״ג |
| צוקער | 6.028 „ | מעל | 9.539 „ |
| זאַלץ | 6.425 „ | פלייש | 9.373 „ |
| גרויפּן | 2.908 „ | | |

אַ חוץ דעם האָט מען באַקומען —

אייער — 22.293 שטיק, זייף — 12.500 שטיק, עסיק — 400 ליטער, הייוון — 340 ק״ג.

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| פאַר קינדער באַקומען: | מאַנע | 735 ק״ג, | מאַקאַראָנען | 320 ק״ג |
| | האָניק | 407 „ , | צוקערקעס | 135 „ |

40 טאָן גרינס האָט מען באַקומען פון „סאַדיבאַ״ (ליטווישער גרינס־פונקט). ברויט־קאַרטן — 17.509 פאַר די אַרבעטנדיקע אין שטאָט — 5598 צוגאָב־קאַרטן. פאַר די אָנגעשטעלטע אין דער געטאָ־פאַרוואַלטונג — 1383 צוגאָב־קאַרטן.

אין אָקטאָבער 1942 איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג. פּראָדוקטן האָט מען באַקומען פאַר 14.780 מאַן, און דאָס אַ האַלבע אַרישע פּאַרציע. די אַרבעטער האָבן געדאַרפט זייערע פאַרשטאַרקטע פּאַרציעס באַקומען דירעקט אויף זייערע אַרבעטס־שטעלן. ברויט וועט מען העכערן ביז 60 דעקאַ (600 גראַם) וועכנטלעך.

## באריכט פון אָקטאָבער 1942

אין אָקטאָבער חודש זיינען אריינגעפירט געוואָרן פאָלגנדיקע פּראָ־דוקטן: ברויט — 62 טאָן, צוקער — 3.3 טאָן, זאַלץ — 4.3 טאָן, גריפּן — 4.5 טאָן, פּוטער — 5.4 טאָן, ווייצן־מעל — 2.5 טאָן, 13 טויזנט אייער און 10 טאָן פלייש, 70 טאָן קאַרטאָפל. מיר האָבן אָרדערן אויף 1.600 טאָן קאַרטאָפל. ברויט־קאַרטן — 17.400.

## באריכט פאַר נאָוועמבער 1942

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| ברויט | 56 | טאָן. | אַזויפיל געדאַרפט באַקומען, אָבער אַריין אין | 38.2 |
| צוקער | 4 | „ | „ „ „ „ „ „ | 3.88 |
| זאַלץ | 4 | „ | „ „ „ „ „ „ | 3.84 |
| מעל | 6.5 | „ | „ „ „ „ „ „ | 1.722 |
| פּוטער | 4 | „ | „ „ „ „ „ „ | 5.397 |
| פלייש | 12 | „ | „ „ „ „ „ „ | 11.6 |
| קאַווע | 90 | ק״ג | „ „ „ „ „ „ | — |
| קעז | 305 | „ | „ „ „ „ „ „ | — |

אין דעם חודש איז די אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג געווען פאַרנומען מיטן אַריינפירן אין געטאָ קאַרטאָפל. מען האָט אָנגעשאָטן אַ סך קעלערן מיט קאַרטאָפל און מאַסנווייז געטיילט. דער חודש איז געווען אַ זאַטער.

די געטאָ־פאַרוואַלטונג האָט אין דעם חודש געדאַרפט באַקומען 1.800 טאָן קאַרטאָפל און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט די באַשפּייזונג־אָפּטיילונג פונאַנ־דערגעשיקט פאָלגנדיקן צירקולאַר:

„געטאָ־אַדמיניסטראַציע. אַלגעמיינע אָפּטיילונג.
געטאָ, דעם 18טן נאָוועמבער 42.
צו אַלע אָפּטיילונגען און אַנשטאַלטן ביי דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע.

## צירקולאַר נומער 69

די באַשפּייזונג־אָפּטיילונג טרעט צו אַרויסצוגעבן די איינוווינער פון געטאָ אַ גרעסערן סכום קאַרטאָפל אויף די שפּייז־קאַרטן, — נעמלעך אויף די קופּאָנעס 1, 2, 3 צו 10 קילאָ אויף יעדן קופּאָן. חוץ דעם וועלן די מיטאַרבעטער פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע באַקומען נאָך 20 קילאָ קאַרטאָפל אַלס אַ פּאַיאָק.

כדי צו דערמעגלעכן די מיטאַרבעטער פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע אויסצוקויפן די קאַרטאָפל, איז באַשלאָסן געוואָרן צו געבן זיי אויף דעם צוועק אַ ספּעציעלע הלוואה אין דער הויך פון דער סומע, וועלכע עס באַטרעפן די קאַרטאָפל, ניט גרעסער אָבער ווי 30 מאַרק (דרייסיק). די הלוואה וועט ווערן אַרויסגעגעבן אין פאָרעם פון ספּעציעלע צעטעלעך, אונטערגעשריבן דורך די לייטערס פון די אָפּטיילונגען און פאַרזען מיט אונדזער שטעמפּל און אונטערשריפט פון דער הויפּט־בוכהאַלטעריע ביי

דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע. די דאָזיקע צעטלען וועלן ווערן אַרויסגעגעבן דורך דער הויפּט־בוכהאַלטעריע צו די באַזונדערע אָפּטיילונגען, לויט די דורך זיי צוגעשטעלטע רשימות פון זייערע מיטאַרבעטער.

די צעטלען וועלן אָנגענומען ווערן אין די פּאַרטיילונג־פּונקטן פון דער באַשפּייזונג־אָפּטיילונג אָנשטאָט געלט. אין פאַל, ווען די צאָל קאַרטאָפּל וועט באַטרעפן מערער ווי 30 מאַרק, דאַרף דער אָפּנעמער אָפּצאָלן דעם אונטערשייד מיט מזומנים.

די הלוואה וועט ווערן אָפּגערעכנט פון די שכירות 2 מאָל אין חודש צו 5 מאַרק אַ ראַטע.

ביים צוזאַמענשטעלן די רשימות פון די מיטאַרבעטער, וועלכע ווילן געניסן פון דער הלוואה, דאַרף גענוי אָנגעגעבן ווערן די צאָל שפּייז־קאַרטן און קופּאָנען, לויט וועלכע די באַטרעפנדע פּערזאָן איז באַרעכטיקט צו באַקומען קאַרטאָפּל.

וואָס שייך די טאָג־אַרבעטער, קאָנען זיי געניסן פון דער הלוואה לויטן איינזען פון לייטער פון דער אָפּטיילונג, אָפּהענגיק פון דער שטאַנדהאַפטי־קייט פון זייער באַשעפטיקונג אין דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע.

אין באַזונדערע פאַלן דאַרף מען זיך פאַרשטענדיקן מיט דער באַ־שפּייזונג־אָפּט. עווענטועל מיט דעם הויפּט־בוכהאַלטער.

פאַר דער פּינקטלעכקייט פון די אָנגעגעבענע ידיעות אין די רשימות זיינען פאַראַנטוואָרטלעך די לייטער פון די אָפּטיילונגען.

שעף פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע — פּריד״
(אונטערשריפט אין פּויליש)

ווי געזאָגט, האָט מען געזאָלט באַקומען 1.800 טאָן, אָבער פּאַקטיש האָט מען באַקומען נאָר 900 טאָן. דער פּרייז פון די קאַרטאָפּל איז געווען — 5 רובל אַ קילאָ, 3.5 און 1 רובל.

אַ חוץ דעם האָט מען אין דעם חודש באַקומען פאַר קינדער מאַקאַראָנען, צוקערקעס און אייער.

דער דאָזיקער חודש איז געווען אַ זאַטער ניט נאָר מיט קאַרטאָפּל, נאָר אויך מיט פערד־פלייש. אין געטאָ איז אַריין אַ סך פערד־פלייש, אַזוי, אַז די געטאָ־פאַרוואַלטונג איז געווען געצוווּנגען צו פאַרקויפן דאָס פלייש פריי — אָן קאַרטן, אָבער צום זעלבן פּרייז ווי אויף די ברויט־קאַרטן.

אין דעם חודש זיינען געווען אין געטאָ 17.658 ברויט־קאַרטן.

אַ חוץ די אַלע פּראָדוקטן, וואָס די באַשפּייזונג־אָפּטיילונג האָט באַקומען דירעקט, האָבן נאָך אַ ריי בריגאַדירן באַקומען דאָס רעכט אַריינצופירן אין געטאָ פּראָדוקטן פאַר זייערע אַרבעטער אַלס צוגאָב. נאַטירלעך האָט מען די דאָזיקע רעכט אויסגענוצט אין דער פולער מאָס. אויף איין צעטל פלעגט מען עטלעכע מאָל אַריינפירן פּראָדוקטן.

דאַ האָבן מיר אַ באַריכט פון אַריינגעפירטע פּראָדוקטן פון 7טן נאָוועמבער 1942 ביזן 9טן נאָוועמבער 8 אַזייגער פרי.

| נ.ל. | איינהייט | נאָמען און אַדרעס פון בריגאַדיר | וועלכע פּראָדוקטן | צאָל, ק״ג | טראַנספּאָרט־מיטל |
|---|---|---|---|---|---|
| 1. | געטאָ־פאַרוואַלטונג | | קאַרטאָפל | 70.000 | |
| 2. | „ | סאַראַק טאַטאַר | האָלץ | 1342 מעטער | |
| 3. | פריטץ רעדער | האַרט, רימגער 6/1 | „ | 4 „ | |
| 4. | | לאַפּידוס, אַשמיאַנסקי 6/11 | קאַרטאָפל<br>האָלץ | 2.000 ק״ג<br>2 מעטער | |
| 5. | שוץ־פּאָליציי | קאַגאַן ריווע, רודניצקער 16/23 | קאַרטאָפל | 2.500 ק״ג | אויטאָ |
| 6. | האָטעל אייראָפּע | בערגער, לידסקי 9/23 | „ | 895 „ | 1 פור |
| 7. | שניידער־שטוב | גענס (דעם פּאָליציי־שעפס ברודער) | „ | 2.700 „ | 2 פורן |
| 8. | געשטאַפּאָ | קאַמערמאַכער, סטראַשונאַ 1 | „ | 1.700 „ | 2 „ |
| 9. | דינסט־ און קיך־קליידער־פאַרוואַלטונג דייטשישע 31/17 | לעוויט, | „ | 1.600 „ | 1 פור |
| 10. | דעמבוווקע | פּערעלשטיין, סטראַשונאַ 3 | „ | 900 „ | 1 „ |
| 11. | אונטערקונפט־פאַרוואַלטונג | מאַצקין | „ | 1.000 „ | 1 „ |
| 12. | פּאָליציי־קיך | ציבולסקי | „ | 2.600 „ | 2 פורן |
| 13. | געטאָ־אָפּטייל. | לעווין | גרינס, קאַרטאָפל | 7.500 „ | 2 „ |
| 14. | הערעס בוי־דינסט־שטעלע | אַבראַמאָוויטש, שאָוועלסקי 6/1 | קאַרטאָפל | 800 „ | 1 פור |
| 15. | בענזינוווקע [1] | פינסקער, רודניצקער 23/1 | האָלץ | 47 מעטער פון 40 טאַטאַר [2] | |
| 16. | סאַניטעטס־פּאַרק [3] | וואַראַן, רודניצקער 13 | „ | 3.5 „ | 40 „ „ |
| 17. | באַזע | | קאַרטאָפל | 30.600 ק״ג | |

דאָס זיינען געווען פּראָדוקטן פאַר פיזיש־שווער־אַרבעטנדיקע אַרבעטער אין די שטאָטישע אַרבעטס־פּלעצער. כדי דאָס צו באַקומען, האָט מען זיך יעדע וואָך געדאַרפט ווענדן מיט פאָלגנדיקן פאָרמוליאַר: (דאָ קומט דער דייטשישער טעקסט און אַ צווייטער באַשייניקונג־טעקסט).

1. אַזאַ אַרבעטס־גרופּע (בענזין).
2. סאַראַק טאַטאַר — אַ געגנט.
3. סאַניטעטס־דעפּאָ — אַן אַרבעטס־פּלאַץ.

## באריכט פאר דעצעמבער 1942

אַריינגעפירט אין געטאָ פּאָלגנדיקע פּראָדוקטן:
ברויט — 52 טאָן, קאָרן־מעל אַנשטאָט ברויט — 35 טאָן, צוקער — 6 טאָן, זאַלץ — 3.5 טאָן, גרויפּן — 3 טאָן, ווייצן־מעל — 4 טאָן, פּוטער — 2 טאָן, פלייש — 18 טאָן, אייער — 10 טויזנט שטיק, קאַרטאָפל — 240 טאָן, צוקערקעס — 135 ק״ג, מאָנע — 630 ק״ג.

ברויט־קאַרטן זיינען אין געטאָ געווען 17.845.

*

אָנהייב ווינטער פון 1943־42, ווען דאָס געטאָ האָט געפירט אַ „רואיק, נאָרמאַל״ לעבן, איז געגנסן און פרידן געגאַנגען אין לעבן צוצוציען צו זיך די אינטעליגענץ, ווי אויך דעם גאַנצן פּערסאָנאַל פון דער יידן־פּאַרוואַלטונג. אמת, די געטאָ־פּאַרוואַלטונג פלעגט דאַן אַריינבאַקומען פּאַרהעלטנישמעסיק אַ סך פּראָדוקטן, און האָבנדיק אַלץ אין איר האַנט, האָט זי געקענט מאַניפּולירן, ווי איר האָט זיך געוואָלט.

אין דער צייט, ווען די צאָל מיטאָגן אין די קיכן פלעגט שטייגן — דערביי האָט די גרעסטע צאָל מענטשן באַקומען דאָס אומזיסט (ביי 80 פּראָצענט), וואָס באַווייזט, אַז די אָרעמקייט איז געווען גרויס — פלעגט די געטאָ־פּאַרוואַל־טונג גרויסמוטיק טיילן אַלץ מער פּאַיאָקס, פּרעמיעס, צוגאָב־קאַרטן פאַר דער אינטעליגענץ און געטאָ־באַאַמטע, וועלכע געגנס מיט פרידן האָבן געוואָלט האָבן אויף זייער זייט. דאָס איז געווען אַ ספּעציעלער מאַנעוור, כדי אָפּצוציען דעם עולם פון גלאַזמאַנס בונט און פון אַנדערע ניט צופרידענע.

אָט האָבן מיר פאַר זיך אַ צירקולאַר וועגן אַרויסגעבן צוגאָב־קאַרטן די מיטאַרבעטער פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע.

„ווילנער געטאָ, באַשפייז־אָפּטיילונג נומער 192, דעם 3טן פעברואַר 1943.
צום לייטער פון ..........................................

די מיטאַרבעטער פון אייער אָפּטיילונג באַקומען צוגאָב־קאַרטעס אויפן לויפנדיקן חודש. פון די קאַרטעס געניסן עטאַטירטע מיטאַרבעטער, חוץ טאָג־לוינער וואָס אַרבעטן נאָכן 1/1, 1943. איר דאַרפט צושטעלן ביזן 4טן ד. ח. אַ בריוו, אין וועלכן עס זאָל זיין אָנגעגעבן נאָר די צאָל מיטאַרבעטער. דער בריוו דאַרף געשריבן ווערן לויטן פּאָלגנדיקן מוסטער:

........................................ דעם......................... 1943 צו דער באַשפייז־אָפּטיילונג.
(אָפּטיילונג)

ביי אונדז אין אָפּטיילונג האָבן רעכט צו באַקומען צוגאָב־קאַרטעס אויפן חודש פעברואַר 1943 ................ עטאַטירטע ................ טאָג־לוינער.
צוזאַמען ........................... לייטער פון אָפּטיילונג..........................

מיטאַרבעטער, וועלכע געניסן פון וועלכע ס'איז פּאַיאָקס, קענען קיין צוגאָב־קאַרטעס ניט באַקומען.

פאַר דער ריכטיקייט פון דער אָנגעגעבענער צאָל מיטאַרבעטער טראָגט די אחריות דער לייטער פון אָפּטיילונג.

לייטער פון אָפּטיילונג ח. סלוצקי Maitinimo Skyrius
מאַיטינימאָ סקיריוס״

*

אין פעברואַר 1943 האָט זיך די באַשפּייזונג־אָפּטיילונג רעאָרגאַניזירט און ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַרזאָרגונג־ און פאַרטיילונג־אָפּטיילונג, וועלכע נעמט אַרום פאָלגנדיקע סעקציעס:

1. פּראָדוקטן־פאַרזאָרגונג.
2. קיכן.
3.ווירטשאַפטלעכע אינדוסטריע.
4. טעכנישער מאַגאַזין.

דעם באַריכט פאַר יאַנואַר 1943 האָט שוין צונויפגעשטעלט די נייע אָפּטיילונג. אָט איז אַ דאָקומענט:

„ווילנער געטאָ. פאַרטיילונג־ און פאַרזאָרגונג־אָפּטיילונג.
15טן פעברואַר 1943.
צום הערן געטאָ־פאַרשטייער.

באַריכט פאַר יאַנואַר 1943

| | אין יאַנואַר האָט געדאַרפט אַריינגעפירט ווערן | באַקומען | |
|---|---|---|---|
| 1. ברויט | 58 טאָן | 88 טאָן | דאָס איבעריקע אויפן אַלטן חוב |
| 2. גרויפּן | 5.5 „ | 9.5 „ | „ „ „ „ „ |
| 3. ווייצן־מעל | 8.2 „ | 4.2 „ | |
| 4. זאַלץ | 4 „ | 4 „ | |
| 5. צוקער | 4.5 „ | 2 „ | |
| 6. פלייש | 20 „ | 10 „ | |
| 7. חזיר־פעטס און אייל | 5.5 „ | 1.2 „ | |
| 8. קאָרן־מעל | 7.5 „ | 7.5 „ | |
| 9. קאָרן | 3 „ | 3 „ | |
| 10. קאַרטאָפל | 25 „ | 25 „ | |
| 11. בוראַקעס | 1.7 „ | 1.7 „ | |
| 12. קרוטשקע | 1.2 „ | 1.2 „ | |

פאַר קינדער האָבן מיר באַקומען: 1. צוקערקעס — 135 ק״ג, 2. האָניק — 170 ק״ג, 3. מאַנע — 320 ק״ג, 4. ביסקוויט — 438 ק״ג, 5. מאַקאַראָנען — 305 ק״ג, 6. מאַרמעלאַד — 100 ק״ג, 7. אייער פאַר קינדער — 9.000 שטיק (צוזאַמען מיט דערוואַקסענע).

חוץ דעם איז אין יאַנואַר איבערגענומען געוואָרן פּראָדוקטן פון פּאָליצײַ־קאָאָפּעראַטיוו אויף אַ סומע פון 116.000 מאַרק.

די באַקומענע פּראָדוקטן אין יאַנואַר באַפרידיקן. אין דעם חודש זיינען געווען 17.801 ברויט־קאַרטן.

מיר האָבן באַקומען און אַרויסגעגעבן פאַר אַרבעטנדיקע אין שטאָט:

פאַר שווער־אַרבעטנדיקע, לויטן זאַץ 1 — 408 פּערזאָן, לויטן זאַץ 2 — 2863 פּערזאָן.

די אָנגעשטעלטע פון געטאָ האָבן באַקומען צוגאָב־קאַרטן אויף: ברויט, צוקער, מעל, גרויפּן, זאַלץ און 2 מאָל געגעבן פּאַיקי.

## באַריכט פאַרן חודש פעברואַר 1943

אין דעם חודש האָט זיך די אַפּראָוויזאַציע־לאַגע געענדערט צום שלעכטן, צוליב טראַנספּאָרט־שוועריקייטן און צוליב די לעצטע פאַר־אָרדענונגען פון דער מאַכט. אָרדערן גיט מען אונדז איצט נאָר, ווען די פּאָדערונג ווערט באַשטעטיקט דורך דעם געביטס־קאָמיסאַר. די אָרדערן זיינען אויף אַ גאַנצן חודש, דאַקעגן פּראָדוקטן אין אַ גרעסערער צאָל איז שווער צו באַקומען. קינדער — זעען זיך ניט פאַרויס בכלל. מיר דאַרפן לויט אָרדערן באַקומען:

ברויט — 58 טאָן, ווייצן־מעל — 8.4 טאָן, גרויפּן — 1.5 טאָן;
פאַר שווער־אַרבעטנדיקע: צוקער — טאָן, פלייש — 10 טאָן.

אין אַ ווייטערדיקן באַריכט האָבן מיר אַ פול בילד פון פעברואַר חודש:

| ל.נ. | פּראָדוקטן | באַקומענע אָרדערן אויף פּראָדוקטן: פאַר דער באַפעלקערונג | באַקומענע אָרדערן אויף פּראָדוקטן: פאַר שווער־אַרבעטנדיקע | אַריינגעפירט | פאַרקויפט |
|---|---|---|---|---|---|
| 1. | ברויט | 45 טאָן | 14 טאָן | 41.225 ק״ג | 47.982 ק״ג |
| 2. | גרויפּן | 4.8 „ | 1.5 „ | 5.750 „ | 8.000 „ |
| 3. | ווייצן־מעל | 6.8 „ | 1.7 „ | 6.725 „ | 6.375 „ |
| 4. | קאָרן־מעל | — | — | 5.800 „ | 14.450 „ |
| 5. | זאַלץ | 3 „ | 740 ק״ג | 4.600 „ | 4.700 „ |
| 6. | צוקער | 4 „ | 930 „ | 5.973 „ | 5.952 „ |
| 7. | פלייש | 8 „ | 2.5 טאָן | 19.055 „ | 16.970 „ |
| 8. | בוימאייל | 1 „ | — | 1.502 „ | 1.630 „ |
| 9. | פעטס | 2 „ | 1.200 ק״ג | — | — |
| 10. | קאַווע | 450 ק״ג | 100 „ | 457 „ | 435 „ |
| 11. | אייער | 1144 שטיק | — | 1144 שטיק | 2.660 שטיק |
| 12. | הייוון | 305 ק״ג | — | 50 ק״ג | 45 ק״ג |
| 13. | האָניק | 167 „ | — | 167 „ | 70 „ |
| 14. | קאַרטאָפל | — | — | 34 טאָן | 55 טאָן |
| 15. | קרויט | — | — | 3 „ | — |

אַנדערע פּראָדוקטן האָט מען דעם חודש באַקומען מער ווי עס קומט, ווייל מ'האָט אָפּגענומען חובות.

פאַר קינדער האָט מען באַקומען נאָר האָניק און אייער.

די אָנגעשטעלטע פון געטאָ האָבן באַקומען צוגאָב־פּראָדוקטן.

ברויט־קאַרטן זיינען געווען 18.127. 3.269 קאַרטן לויטן זאַץ 2, 344 קאַרטן לויטן זאַץ 1.

אין די לעצטע נאָטיצן, וועלכע מיר באַזיצן, איז אָנגעגעבן, אַז אין מערץ וועלן מיר באַקומען פּראָדוקטן פאַר 15.008 פּערזאָן.

ברויט — צירקאַ 50 טאָן, גרויפּן — 5 טאָן, ווייצן־מעל — 8 טאָן, צוקער — 5 טאָן, זאַלץ — 4 טאָן, פלייש — 10 טאָן, פעטס — 4 טאָן. ס"ה פאַר 4341 אַרבעטנדיקע (צוזאַמען מיט די אָנגעשטעלטע פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג). פאַר אַלע אַרבעטנדיקע לויט איין נאָרמע: ברויט — 3 ק"ג, פלייש — 1 ק"ג, פעטס — 0.32, גרויפּן — 0.4, זאַלץ — 0.2 ק"ג.

## פאָלקס־קיכן

כדי צו העלפן נויטבאַדערפטיקע, איינזאַמע און סתם מענטשן, וועלכע האָבן ניט געקענט קאָכן קיין טעלער הייס עסן פאַר זיך, האָט די געטאָ־פאַרוואַלטונג געשאַפן פאָלקסקיכן. דאָרט פלעגט מען אַרויסגעבן זופּ אויף באָנעס פאַר געלט אָדער אומזיסט. אונדזער טאַבעלע נומער 2 באַציט זיך צו דער טעטיקייט פון די קיכן אין געטאָ. די גרעסטע צאָל אַרויסגעגעבענע מיטאָגן איז געווען אין מאָנאַט פעברואַר 1942 — 3341 טעגלעך. דערנאָך פאַרקלענערט זיך די צאָל ביז 2453 טעגלעך, אין מאָנאַט אַפּריל. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם שטרענגן אויפמאָנען די ברויט־קאַרטן אין די קיכן (ווער עס פלעגט נעמען זופּ אין קיך פלעגט מוזן אָפּגעבן אַ טייל פון זיינע קופּאָנעס פון דער ברויט־קאַרטע). אין די לעצטע צוויי מאָנאַטן שטייגט ווידער די צאָל ביז 3115 מיטאָגן טעגלעך, אין יוני. סימפּטאָמאַטיש איז דער כסדרדיקער וווּקס פון פּראָצענט אומזיסטע מיטאָגן, פון 48.7 אין יאַנואַר ביז 80 אין יוני, אַ באַווייז פון אַ סיסטעמאַטישער פאַראָרעמונג פון דער געטאָ־באַפעלקערונג. דאָס זעלביקע באַווייזט דער וווּקס פון דער צאָל אונטערבויטן פאַרן האַלבן יאָר, פון 282 טעגלעך אין יאַנואַר ביז 728 אין יוני. אונטערבויטן ווערן בדרך כלל אומזיסט ניט אַרויסגעגעבן. פונדעסטוועגן איז דער פּראָצענט פון אומזיסטע אונטערבויטן פאַרן האַלבן יאָר געוואַקסן פון 5.6 אויף 10.8 פּראָצענט.

## טאַבעלע נומער צוויי

סטאַטיסטישער אַמט אין ווילנער געטאָ, 1942 יאָר.

### טאַבעלע נומער 2

**באַשפּייזונג אַרויסגעגעבן אין די קיכן אין ערשטן האַלבן יאָר 1942**

| | יאַנואַר | פעבר. | מערץ | אַפּריל | מאַי | יוני |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אַלגעמיינע צאָל מיטאָגן | 86.227 | 93.557 | 94.933 | 73.580 | 86.983 | 93.449 |
| דערפון אומזיסטע | 42.829 | 55.242 | 60.730 | 58.718 | 65.468 | 74.766 |
| % אומזיסטע | 48.7 | 58.9 | 63.0 | 79.7 | 75.2 | 80.0 |
| דורכשניטלעכע צאָל | | | | | | |
| מיטאָגן טעגלעך | 2.782 | 3.341 | 3.062 | 2.453 | 2.806 | 3.115 |
| אַלג. צאָל אונטערברויטן | 8.154 | 9.335 | 9.362 | 9.083 | 14.754 | 21.831 |
| דערפון אומזיסטע | 470 | 619 | 1.122 | 1.179 | 2.101 | 2.364 |
| % אומזיסטע | 5.6 | 6.6 | 11.9 | 12.9 | 14.2 | 10.8 |
| דורכשניטלעכע צאָל | | | | | | |
| אונטערברויטן טעגלעך | 282 | 335 | 303 | 303 | 476 | 728 |

די פאָלגנדיקע מאַטעריאַלן זיינען גענומען פון דער באַשפּייזונג־אָפּטיילונג, געזונט־שוץ און פּאָליצײַ־קיך.

אין משך פון די חדשים מאַי און יוני 1942 איז פאַרברויכט געוואָרן אין די קיכן:

| | אין מאַי | אין יוני |
|---|---|---|
| גריפן | 997 ק"ג | 1145.5 ק"ג |
| אַרבעס | 1.138 „ | 1092.85 „ |
| הירזן מעל | 256 „ | 236.0 „ |
| קאָרן־מעל | 694 „ | 746.0 „ |
| פעטס | 70 „ | 103.5 „ |

די קאַסע נומער איינס האָט אַרויסגעגעבן 9.800 מיטאָגן, פון דעם קרוב 6.000 הנחה־מיטאָגן, פאַר פּאָליצײַ־אָנגעשטעלטע און אַרבעטער פון די וואַרשטאַטן, און 30.000 גלעזער קאַווע.

די פּאָליצײַ־קיך האָט אַרויסגעגעבן אונטערברויטן:

| חדשים | צאָל אַרויסגעגעבענע אונטערברויטן | דערפון אומזיסטע |
|---|---|---|
| יאַנואַר | 8.901 | 265 |
| פעברואַר | 9.398 | 420 |
| מערץ | 9.300 | 793 |
| סך־הכל | 27.599 | 1.478 |

אין די ווייטערדיקע חדשים פון 1942 איז די צאָל אַרויסגעגעבענע מיטאָגן און אָוונטברויטן דערגאַנגען ביז הונדערט טויזנט, דערביי איז די צאָל אומזיסטע געשטיגן ביז 80 פּראָצענט.

*

פאַר יאַנואַר 1943 האָבן מיר פאָלגנדיקן באַריכט, צוגעשטעלט דורך דער לייטונג פון די קיכן:

אַלע קיכן האָבן אַרויסגעגעבן 120 טויזנט מיטאָגן און אָוונטברויטן, מיט 20 טויזנט מערער ווי אין דעצעמבער 1942. אַ גרויסער טייל דערפון פאַלט אויס אויף די לאַגערן, וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט אין געטאָ גופא, פון די אָנגעקומענע אַרבעטער פון דער פּראָווינץ. אומזיסטע — 70%, אין פאַריקן חודש — אויך אַזויפיל. פון 19טן יאַנואַר איז דער אָפּצאָל פאַר אַ מיטאָג געהעכערט געוואָרן פון 4.5 רובל אויף 5 רובל. די סאָציאַלע פאַרזאָרגונג צאָלט 4.5 ר., דער זעלבסטקאָסט באַטרעפט 4.17 ר. (רויע פּראָדוקטן 3.45, אַדמיניסטראַציע 0.72). אין דעם חודש האָט מען 15 מאָל געקאָכט גרויפּן־זופּ, 16 מאָל גרינס־זופּ. מיט ברויט זיינען געווען 7 מיטאָגן, מיט פלייש — 3 מיטאָגן.

אין זעלבן חודש יאַנואַר 1943 זיינען פאַרברויכט געוואָרן פאָלגנדיקע פּראָדוקטן:

ברויט — 1498 ק״ג, גרויפּן — 797 ק״ג, אַרבעס — 266 ק״ג, ווייצן־מעל — 261 ק״ג, קאָרן־מעל — 600 ק״ג, קאַרטאָפל — 17.600 ק״ג, גרינס — 7.800 ק״ג.

אין שייכות מיטן פאַרבאָט צו געברויכן עלעקטרישן שטראָם אויף צו קאָכן, גיבן מיר אַרויס פון 5 פאַרטאָג ביז 8 פרי — קאַווע אויף אַהיים. 1 ליטער קאַווע קאָסט 1.2 מאַרק. אין חודש יאַנואַר האָבן מיר אַרויסגעגעבן 5.000 ליטער קאַווע.

קאַפעען. דעם 12טן יאַנואַר 1943 געעפנט די צווייטע קאַפע אויף שאַוועלער 1. 600 גלעזער קאַווע אינדערפרי.ביידע קאַפעען — 35 טויזנט גלעזער קאַווע, 3.5 טויזנט גלעזער טיי און 4 טויזנט קאָנאַפּקעס. די ערשטע קאַפע אויפן ראָג רודניצקער 13: מיטאָגן —7850, 950 צו 2.5 מאַרק, 6.900 צו 1.9 מ. ריינער ריווח פון ביידע קאַפעען — 11 טויזנט מאַרק (אַ מאַרק = 10 סאָוויעטישע רובל).

## באריכט פאר פעברואר 1943

112 טויזנט מיטאָגן און אָוונטברויטן, מיט 8 טויזנט ווייניקער, ווייל אַ סך לאַגערן האָבן זיך אַרויסגעקליבן, און דער חודש איז מיט 3 טעג קירצער. אומזיסטע 70.6%. גרויפּן־זופּ — 20 מאָל, גרינס־זופּ — 8 מאָל. מיט ברויט — 6 מאָל, פלייש — 4 מאָל. זעלבסטקאָסט פון פּראָדוקטן — 3.07 רובל. ברויט — 1450 ק״ג פאַרברויכט, גרויפּן — 920 ק״ג, אַרבעס — 480 ק״ג, ווייצן־מעל — 220 ק״ג, קאָרן־מעל — 560 ק״ג, זאַלץ —

460 ק״ג, פלייש — 940, פעטס — 110, קאַרטאָפל — 14.500, גרינס — 4.540, קאַווע — 105 ק״ג. טעגלעך גיבן די קיכן אַרויס איבער 1.000 ליטער קאַווע. ריווח — 1.500 מאַרק. אין די קאַסעען פאַרקויפט מען: קאַווע, טיי, בוטערבראָטן, טייגעכץ, סיגאַלקע, צוקערקעס.

## כשרע קיך

לויט דער איניציאַטיוו פון געוועזענעם סיים־דעפוטאַט און פאָרזיצער פון דער לאָדזשער קהילה לייבל מינצבערג און סענאַטאָר טראַקנהיים פון וואַרשע, וועלכע זיינען געבליבן שטעקן אין ווילנע, מחמת דעם וואָס די סאָוויעטישע מאַכט האָט זיי ניט געגעבן קיין אַרויספאָר־וויזע, איז אין געטאָ געשאַפן געוואָרן אַ גרויסע כשרע קיך, וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן דורך הראָוויטשן (אַ שוואָגער פון הערמאַן קרוק). די דאָזיקע כשרע קיך אויף שאַוועלסקי גאַס, האָט געהאַט אַ גרויסע פרעקווענץ. די צוויי מאָל פסח וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין געטאָ האָט מען דאָרט געבאַקן מצות.

## פאָליציי־קיך

אין הויף פון רודניצקער 6, וווּ עס איז געווען דער יודנראַט, האָט זיך געלייגט, אין די ערשטע געטאָ־טעג, געעפנט אַ ספּעציעלע גרויסע קיך פאַר פּאָליציסטן. אין געוויסע אויסנאַם־פאַלן האָט די דאָזיקע קיך אַרויסגעגעבן זופּ אויך צו ניט פּאָליציי־לייט.

## פּאָליציי־קאָאָפּעראַטיוו

כדי צו באַזאָרגן מיט ביליקע פּראָדוקטן די מיטאַרבעטער פון יודנראַט, איז געשאַפן געוואָרן אַ פּאָליציי־קאָאָפּעראַטיוו. צו איר האָבן געהערט אַלע מיט־אַרבעטער פון די געטאָ־אינסטיטוציעס, אָבער ניט מער ווי איין פּערזאָן פון אַ פאַמיליע. פאַקטיש זיינען אָבער געווען אַ סך וואָס האָבן גענאָסן מער ווי צו איין פּערזאָן פון אַ פאַמיליע, ווייל די פאַמיליע־נעמען אין איין משפּחה זיינען אָפטמאָל געווען פאַרשיידענע, צוליב די שיינען־קאָמבינאַציעס. דער פּאָליציי־קאָאָפּעראַטיוו פלעגט אַרויסגעבן פּראָדוקטן יעדע וואָך, אָדער איין מאָל אין צוויי וואָכן, צו ביליקע פּרייזן. דאָס איז געווען אַ קאָלאָסאַלע שטיצע פאַר די באַאַמטע פון יודנראַט.

דאָ האָבן מיר אַ מעלדונג צוגעשיקט צו דער ביבליאָטעק וועגן פאַרשרייבן זיך אויף אַ פּעקל פּראָדוקטן. אַזוינע מעלדונגען פלעגן באַקומען אַלע געטאָ־אינסטיטוציעס גלייכצייטיק.

„קאָאָפּעראַטיוו־פאַרוואַלטונג, דעם 16טן פעברואַר 1942

## מעלדונג

דערמיט מעלדעט די קאָאָפּעראַטיוו־פאַרוואַלטונג, אַז פון דינסטיק, דעם 17טן ד. ח., ביז מיטוואָך, דעם 18טן ד. ח., 5 אַזייגער נאָכמיטאָג, דאַרף אין קאָפּע פון פּאָליציי־קאָאָפּעראַטיוו (רודניצקער 6) אַריינגעטראָגן ווערן דורך אייער אָפּטיילונג אַ רשימה פון די מיטגלידער און 80 רובל פאַר יעדן מיטגליד פאַר פאָלגנדיקע פּראָדוקטן: 1) 2 קילאָ ברויט צו 26 רובל; 2) אַ האַלבער קילאָ ווייצן־מעל 28 ר. צוזאַמען 80 רובל. די פּראָדוקטן קען מען באַקומען שבת דעם 21.2 פון 9 פרי ביז 16 אַזייגער נאָכמיטאָג אויף שאָוועלסקע.

באַמערקונג: מיטגלידער, וועלכע האָבן קינדער ביז 7 יאָר, קענען באַקומען איינמאָליק אַ ¼ ליטער מילך פאַר 35 רובל. די מילך וועט אַרויסגעגעבן ווערן דינסטיק און מיטוואָך אויף רודניצקער 6 פון 9 פרי ביז 13 אַזייגער נאָכמיטאָג.

סעקרעטאַר — ש. ראָטשטיין.

### פּאַיקי

די געטאָ־פאַרוואַלטונג האָט לויט דער איניציאַטיוו פון גענסן איינגעפירט אָנהייב זומער 1942 ספּעציעלע פּאַיקי — עקסטרע פּעקלעך פּראָדוקטן פאַר די הויפּט־אָנפירער פון די געטאָ־אינסטיטוציעס. אויף אַ צווייטן אָרט דערצייל איך גענוי, וואָס פאַר אַ רעאַקציע דאָס האָט אַרויסגערופן ביי די איבעריקע באַאַמטע, אונטערן דרוק פון פּראָטעסט פון דער פּראָפעסיאָנעלער רעפּרעזענטאַנץ, ווי אויך אין אָנבליק פון דער בעסערער אַפּראָוויזאַציע־לאַגע, ווי אויך פון דעם געוואַלטיק פונאַנדערגעוואַקסענעם אינעווייניקסטן באַאַמטן־אַפּאַראַט, זיינען די פּאַיקי פאַר־ברייטערט געוואָרן. נאַטירלעך, האָבן די יעניקע, וועלכע האָבן פאַרנומען אָנפירנ־דיקע אַמטן און זיינען געווען נאָענט צו די קאַרפּן־קעפּ, באַקומען העכערע נאָרמעס. איך ברענג דאָ אַ רשימה פון אַלע אָנגעשטעלטע, וועלכע פלעגן באַקומען פּאַיקי. די ציפער באַדייט וואָס פאַר אַ נומער פּאַיאָק מען באַקומט. דעם נומער איינס האָבן באַקומען די 5 יידן, ראָט־מיטגלידער. גענס און דעסלער פלעגן באַקומען אַנדערטהאַלבן אַזעלכע פּאַיקי.

ווייטער איז געווען אַ נומער 2, 3, 4, 5. די פּאַיקי פלעגט מען באַקומען יעדע וואָך. אויף נומער 5 פלעגט מען באַקומען (מיט קליינע ענדערונגען) 3 ק״ג ברויט, ¼ ק״ג פּוטער, 1 ק״ג פלייש, ¼ ק״ג צוקער און אַ ביסל מעל אָדער אַנדערע קלייניקייטן. די העכערע נומערן פלעגן באַקומען דאָפּלט און דרייפאַכיק און נאָך אַ סך מער. דער ערשטער און צווייטער נומער זיינען געווען גרויסע פּעק פּראָדוקטן.

די צאָל פון די נעמער פּלעגט וואַקסן יעדן חודש. אין סעפּטעמבער 1942 האָבן דעם פּאַיאָק נומער 2 באַקומען 56 פּערזאָן, דעם נומער 3 — 181 פּערזאָן. אין אָקטאָבער: נומער 2 — 59, נומער 3 — 204.

אין נאָוועמבער: ¾ פּאַיקי (פון נומער 5) — 14 פּערזאָן, ½ פּאַיקי — 64, ¼ — 213 פּערזאָן[1]. אין דעצעמבער: ¾ — 16 פּערזאָן, ½ — 64, ¼ — 232 פּערזאָן. דאָס זיינען געווען ספּעציעל קליינע פּעקלעך צו פאַרשמירן די אויגן.

## רשימה פון אָנגעשטעלטע אין דער געטאָ־פאַרוואַלטונג וואָס האָבן באַקומען פּאַיקי (פאַרשטאַרקטע דערנערונג)

**מיטאַרבעטער פון דער אַרבעט־אָפּטיילונג:**

באַסמאַן חאַצקל — 3, גענס סאַלאָמאָן — 2, גילגיטש מאיר — 3, העלער אבא — 2, יוטאַן ישראל — 3, ליפּשיץ אָלגאַ — 3, לעוויט דוד — 2, נוסבוים מאַריאַן אָלטאַשעווסקי* — 2, נידערמאַן יוסף — 3, סטופּל מאַרק — 3, גאָלדמאַן מרדכי — 3, סווירסקאַ[1], מינאַ[2], אזגוד פּעניע[3].

פון דער געזונטהייטס־אָפּטיילונג

ד״ר בראָדסקי מיכאל — 2, ברייטגאַרד מאַרקוס — 3, באַרקוט וויערא — 3, באַלאָוואָטשינע שפרה — 3, גאָרדאָן נאָעמי — 3, גאַרפּינ־קעל סאַלאָמאָן — 3, גירשאָוויטש משה — 3, וואָלפּיאַן לאה — 3, וויינריב אברהם — 3, זיידלער סעווערין — 3, כאלעם ליזבאַ — 3, טשעסלי שמערל — 2, טראַפּינסקאַ סאַביאַ — 3, טראָצקי פאלק — 3, טיינאָוויטש פּנחס — 3, יעראָשאָנסקאַ ליזאַ — 3, כוואלעס ביילע — 3, לעווי יהודית — 3, לעווינסאָן בער — 3, ליטוואַק שיינע — 3, מאַרגאָליס שמואל — 3, מייזעל ביילע — 3, נאָדעלמאַן ראובן — 3, סעדליס אליהו — 2, סווירסקי יצחק — 3, סטוטשינסקי מיראָן — 3, סעגאַל אשר — 3, שאַליט עמיליא — 3, עפּשטיין לייזער — 2, עפּשטיין חנה — 3, פינקעלשטיין לייזער — 3, פריד חיים — 3, פּאָמעראַנץ לייב — 3, קאַפּלאַן רחל — 3, קאַץ ראָזע — 3, קאַץ סעמע — 3, קליומל האָדע — 3, קאַפּלאַן אַלעקסאַנדער — 3, רודניק יצחק — 3, ראַבינזאָן משה — 2, שאבאד שפרה — 3, שאבאד לעוואָנדע ראָזע — 2, שאַפּירא קלמן — 2, שומעלישסקי וואָלף — 3, שער דוד — 3, פלאַקס אליהו — 2, גראַדזענסקי דוד — 3, לידסקי פּעסיע — 3.

1. ¾, ½, ¼ — דאָס זיינען טיילן פון אַ קליינעם פּאַיאָק נומער 5.

* געוועזענער רעדאַקטאָר פון דער פוילישער צייטונג „רעפּובליקאַ" אין לאָדזש.

1, 2, 3 — ניט אָנגעגעבן קיין נומער פון קאַטעגאָריע.

סאַניטאַרקעס, 5טע קאַטעגאָריע

**בלאָפּאָרב עלקע, באַרישניק יאכע, בוזשאַנסקי טעמע, גאָלדשטיין אסתּר, ווילקישקאַ רחל, קראַוויעץ מאַניאַ, ריווּעס שרה, ראַבינאָוויטש נחמה, קראַוויעץ לאה.**

וויטאַמין־לאַבאָראַטאָריע — **זאַרכי כיענע.**

קראַנקנשוועסטער

**אורמאַכער יוכבד, גאַבריעלאָוואַ שיינע, טייטל שפרה, קאַץ ראָזע, שוסטער חיה.**

פון דער טעכנישער אָפּט. און אונטערנעמונגען, דריטע קאַטעגאָריע

**אגוּת חצקל, אַנטאָוויל יעקב, ברודנא משה, באַדאַנעס נחום, גורסקי אַלפרעד, גורוויטש שלום, גורוויטש ראובן, גרינבלאַט הענאָך, גורוויטש יוסף, דוואָרטשאַק יצחק, דוואָרטשאַק דוד, דוואָרטשאַק טוביה, וואַסערמאַן דוד, וואולף שמואל, יאיעס משה, יעוועראוויטש ראובן, חיעס שלמה, לעווין מתתיהו, מוליאַרסקי יוסף, מאַרגאַליצקי לייזער, בעלקין וואָלף, סעגאַל הירש, סווידלער משה, סטערץ שמעון, עפּשטיין יודל, פּירהויט פּיאָטר, פּום אברהם, פּופּקא גרשון, פּענעאוסאָוו אברהם, צווילינג מאָטל, צוויי יעקב, קליינבערג הירש, קאַץ יוסף, קאַשעל נפתּלי, קוביצקי יעקב, קאָמיסאַראָוונה, קרעטין אבא, קאַגאַן ראובן, קרעמערמאַן פישל, רומבאַק מרדכי, רייבמאַן דוד, שטראַמאַן יוסף, שרייבער מתתיהו, שקלאָווסקי לייב, שאַפּירא חיים, תפוח מאיר.**

צווייטע קאַטעגאָריע

**מאַרקוס שמעון, מעבעל אבעל, ספּאַקאָיני רפאל, פּאָליאַק מרדכי, קרינ־סקי יאַנאַסאַן, קונינקי ישראל, ראָם פּלאָראַ.**

אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג

**סראָלאָוויטש בנימין — 2, בלעכמאַן ישראל — 3, קאַרפּינקעס בער — 3, ווילקאָמיר פייגע, ד״ר קזשעמיאַנסקי, אבעל שוב, אָרליאַנסקי מרים.**

פאַרזאָרגונגס־ און פאַרטיילונג־אָפּטיילונג. 15/7, 1943

**מיטאַרבעטער, וואָס געניסן פון פאַרשטאַרקטע פּראָדוקטן־ראַציעס.**

5טע קאַטעגאָריע

**בערקמאַן ראָזע, גאָלאָמב טייבע, האַראָוויטש הירש, טאָפּאָל אברהם, טויבמאַן אוריאַש, מאַנקעוויטש משה, גאַניר אנא, זעגער חנה, ליפשיץ משה, שאַפּירא יענטע.**

וואַרשטאַטן־אָפּטיילונג

**גוסגעשטאַלט הערש — 2, יעזיערסקי שלמה — 3, געזונטהייט ישעיה — 3, סאליט מאיר — 3, רודניצקי לאה — 3, באַרישניק יעקב — 3.**

וווין־ווירטשאַפט־אָפּטיילונג

**זלאָטין נח, ווילדשטיין מאיר, מישעלעוויטש אהרן, ספּאָקאָיני יעפים, לאַזאָווסקי בנימין, באַרמאַץ מיירים, ריווקינד יאָסל, שומעלישקי אשר, גאָרדאָן זעליק, פריינקעל אברהם.**

לוין־און אויפטראָג־שטעלע

**רובינשטיין אסתר, קויפמאַן עלזאַ.**

געטאָ־ידיעות

**בינדער שלמה.**

ווירטשאַפטלעכע וואַרשטאַטן

**איצקאָוויטש בערל — 3.**

קאַנאַליזאַציע־אַרבעטער

**ווינקער שמעון, שעפּרייכעל ישראל.**

אַלגעמיינע אָפּטיילונג

**נאָטעס אברהם — 2, גאַפּענהיים אירענאַ (טאָכטער פון אינזשיניער שפּירא) — 3, מעלער אַלעקסאַנדער — 2, צעסלינסקי לייב — 2.**

קאָנטראָל־אָפּטיילונג — **גינזבורד גריגאָרי — 2.**

לערער און קולטור־טוער

**גערשטיין נינאַ, טורבאָוויטש לייב, סטאָליצקי חיים, בריקנער לאה, צוקערמאַן־גאָרדאָן ליזע, ראָזענבערג באָריס, וואַלטער אסתר — קולטור־אָפּטיילונג, ביי אַדלער, באַנעס אברהם — מוזיק, אמאַמטינאַ נינאַ — געטאָ־טעאַטער, ראָטבלום ישראל — אַרטיסט, שער יעקב, וואָולף שמואל — קינסטלער, אַבראַמאָוויטש משה — ביבליאָטעק.**

פינאַנץ־אָפּטיילונג

**לאָנדאָן רבקה — 3, מוראַוויטש יוסף — 3, פּינטשוק אברהם — 2, קאַשוק שמעון — 2, קאַצענעלסאָן פלטיאל — 2, רובינאַ באַדאנע — 3, שאַפּראַן מרדכי — 3.**

הויז־וועכטער

**גאָלדבערשטאַט דוד, ליפּקאָוויטשן פנחס, סאָלאָמיאַנסקי נתן, פּופּקאַ מאָטל, שרירא יהושע, זאַדווין לייב, לעווין יאָסל, גורוויטש אליהו, בעקער קלמן, קאַץ בערל, אמיעל ראובן, רעכעס חיה, דינעס מלכה, לעווין יחזקאל, שאַפּער משה, בערענשטיין שאול, שניידער גיטע.**

געטאָ־אינדוסטריע

**אייזענבערג שמואל, בראַז מאיר, אַנטאָוויל יעקב, איידלמאַן מאָטל, גורוויטש יוסף, גערבאַטשעווסקי, דוואַרטשאַק יצחק, דוואַרטשאַק דוד, דאַמאָווסקי לייב, וויינמאַן לאַזאַר, מוליאַרסקי אשר, מוליאַרסקי יוסף, באָוואַשאַנסקי לייב, פּראַם אברהם, צווילינג מאָטל, קרעמער אַוואַריע,**

**קרעסין אבא, רומבאָק מרדכי, שקלאַווסקי לייב, שוסטער משה, וואָלפיאַן משה, רייבמאַן עוזגעניע, קירשענבוים יעקב, באַרישניק עטל, זאַק ליזע, פערענאַל חנה, זומעל רחל, גליקשטיין אָסיע, גרינבלאַט שרה, מעגלין דבורה, מינקין דאָרע, בליאַך מינא.**

פּאָליציי

**יוסאַן ישראל, וויינער שרה, מינקאָוויטש באַריס, פיין לילי, סטראַקון מינא, קאַרנאָווסקי יעקב, שטיין פסח, שמולאָוויטש מאיר, שאַפּראַן מרדכי, שטיינקאָלק יצחק, ראַדאָשיצקי אריה.**

וווינונגס־אָפּטיילונג

**אניקשט פייוועל — 3, באַראַנאָווסקי טעוועל — 3, באַראָוואָ פרומע — 3, באַטיצקי אברהם — 3, גלעזער מאָטל — 3, זאַלקינד חיים — 3, זאַגאַרין הירש — 3, זלאַטין נח — 3, כּואיניק אברהם 2, פרידמאַן שלמה — 2, מענדעלסאָן הירש — 3, קונשט שמואל — 3.**

**2 אָקטאָבער 1942, נומער 1532**

קאָאָפּעראַטיוו (פּאָליציי־קיך)

**אַראַנאָוויטש גרשון — 3, אייזין ליפע — 3, בראַנזאָפּס יעקב — 2, דאַנין לאַזאַר — 2, גורוויטש אברהם — 3, מאַזין יצחק — 3, זעלדאָוויטש אַדאָלף — 3, צירינסקאַ פרידאָ — 3.**

באַשפּייזונגס־אָפּטיילונג

**אימיאַניטאָוו נחום — 3, רודאַק דבורה — 3, האַראָוויטש הירש — 3, וויינער מרדכי — 3, וויינער ישראל — 3, טראַצקי זעליק — 3, טראָפּיאַנסקי יעקב — 2, סלוצקי תנחום — 2, עליזעראָוויטש לייזער — 3, קושלין מרדכי — 2, קאַץ חנה — 3, קאַפּלינסקי ברוך — 3, רעזניק מאיר — 3, רעזניק ניסן — 3.**

אינטענדאַנטור — קאָמענדאַנטקעס

**קוריצקי יצחק, זאַמסקי סאָניע, גודקאָ רעגינע, קאַץ איטע, קאָטשער־גיעווסקאָ יאַנינאָ.**

היגיעניסטקעס — **גאָלדפאָרב העלענאָ, סאָקאָלאָוויטש ראָזע.**

טאָג־היים — **שומעלישקי דבורה.**

קאָנטראָל־אָפּטיילונג — **וואַפנער מרדכי.**

געטאָ־געריכט — **דימענט דאָראָ.**

אַפּטייק — **רודניצקאָ רחל.**

קינדער־היים — **לעוו יהודית.**

נויט ברעכט אייזן. די מורא פאַר הונגער, דער צוגעטיילטער און אויס־געמאָסטענער ביסן, וואָס איז געווען אין געטאָ אַ נאָרמאַלע דערשיינונג, דער דוחק אין גוטע נאַרהאַפטיקע פּראָדוקטן, האָט געצווונגען די יידישע באַלעבאָסטעס צו זוכן און אויסגעפינען נייע פּאָטראַוועס, וואָס זאָלן האָבן אַ טעם און דערמאָנען די אַמאָליקע גוטע צייטן. פון אויסגעווייקטן שוואַרצן ברויט פלעגן די באַלע־באָסטעס מאַכן געהאַקטן הערינג. די ערשטע צייט, אַז מיר האָבן ניט געוווסט זענען מיר געווען זיכער, אַז מיר האָבן פאַר זיך אמתע געהאַקטע הערינג. פון דער פּאָטראַווע פלעגן מיר לעקן די פינגער. פון צעמאָלענע געווייקטע אַרבעס האָבן זיי געמאַכט געהאַקטע לעבער. טשאָלנט פלעגט מען שטעלן טעפּ מיט קאַרטאָפל און פערד־פלייש. די ערשטע צייט איז געווען זייער שווער צוצוגעוווינען זיך צו דעם. אין שטוב האָט מען געמאַכט קאָטלעטן פון פערד־פלייש — ס'איז געוואָרן אַ יומטובדיקער מאכל.

טייגעכצער פון פאַרפרוירענע קאַרטאָפל איז געווען אַ שטענדיקער מאכל. אַרבעס־זופּ מיט קליוסקעס פון שוואַרצן מעל איז געווען אַ געשמאַק עסן און אַרבעס זעטיקט. מיר פלעגן אויך אַ סך נוצן קרוטשקע, מייערלעך, מאַרמעלאַד. דאָס הויפּט־עסן איז געווען זופּ און ברויט.

אין די קראָמען פון קאַרטן־פּראָדוקטן פלעגן ניט פעלן קיין שווינדערייען. עס זיינען געווען פאַלן, ווען מען האָט געכאַפּט ביי אַ פאַלשער מאָס און וואָג.

ביי אַזאַ קראָם זענען אָפט געווען גרויסע רייען. ווען מורער אָדער אַן אַנדע־רער שלאַק פלעגן זיך באַווייזן אין געטאָ, זענען זיך אַלע רייען צעלאָפן. הויפּט־זעכלעך אַלטע לייט און די „ניט לעגאַלע".

## אַרבעט־אַמט

איינער פון די וויכטיקסטע לעבנס־נערוון אין דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע איז בלי ספק געווען דער יידישער אַרבעט־אַמט. ווו ס'איז פון ערשטן מאָמענט אָן געשטאַנען בראש אַ יונגערמאַן פון קאָוונע, א. בראַודע. ווי מען האָט אין געטאָ גערעדט, איז ער געווען אַ וויצע־קאָנסול פון אַן אויסלענדישער רעגירונג אין קאָוונע, אַ רייכער מענטש פון דער היים.

אין געטאָ האָט ער אָנגעהערט צו דער אויבערשטער אַריסטאָקראַטיע. ער איז געווען דער פאַרבינדונגס־מאַן צווישן יידישן אַרבעט־אַמט אין געטאָ און דעם דייטשישן אַרבעט־אַמט אין שטאָט.

ווען איך בין געווען לייטער פון דער דירות־אפטיילונג אין דעם קליינעם געטאָ, האָב איך זיך אַ פּאָר מאָל גאָענט געטראָפן מיט דעם אינטעליגענטן מאַן. ער האָט דאַן געוואָלט, אַז דאָס קליינע געטאָ זאָל אים אויך באַפולמעכטיקן צו זיין איר פאָרשטייער ביים דייטשישן אַרבעט־אַמט, מיט דער מיינונג, אַז ס'איז בעסער, אויב עס וועט זיין איין פאָרשטייער. היות ווי דער יודנראַט פון גרויסן געטאָ האָט אָפּגעוואָרפן אונדזער ווענדונג וועגן אַן אַלגעמיינער צוזאַמענאַרבעט, בין איך זייער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן זייער אַפּוטרופּסות אין אַזאַ ברענענ־דיקער פראַגע, ווען מיר האָבן דאַן געהאַט אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיט דעם דייטשישן אַרבעט־אַמט. דער יודנראַט פון קליינעם געטאָ האָט מיט מיר מסכים געווען און די פּראָפּאָזיציע ניט אָנגענומען. ווען איך בין שפּעטער געקומען אין גרויסן געטאָ און אַ פאַרצווייפלטער געזוכט אַ שיין, האָב איך באַטירלעך זיך געווענדעט צו בראַודען. ער האָט מיר גאָרניט געהאָלפן, אָבער נישט פאַר־געסן מיר צו דערמאָנען, אַז: „איר זייט דאָך געווען קעגן מיר, קעגן פולמאַכטן פאַר מיר פון אייער געטאָ...‟


Vilnaer Judenrat
Allgemeine Abteilung

Wilna, den 12. November 1941.

VERORDNUNG

An alle Mitarbeiter des Judenrates

Das strenge Einhalten der Disziplin ist eine notwendige Bedingung fuer jede produktive Arbeit. Ich fordere daher alle Mitarbeiter des Judenrates auf, die folgenden Regel strengstens einzuhalten:

1. Die Arbeitsstunden werden von 8-13 und von 15-18 Uhr festgesetzt.
2. Es ist unzulaessig sich waehrend der Arbeitsstunden mit privaten Angelegenheiten zu befassen.
3. Es ist verboten die Bueros des Judenrates in nichtdienstlichen Angelegenheiten zu besuchen und private Besucher zu empfangen.
4. Es ist unzulaessig zum Dienst mit Verspaetung zu erscheinen, die Arbeit vor der festgesetzten Arbeitszeit zu verlassen und sich vom Arbeitsort ohne Genehmigung des Abteilungsleiters zu entfernen.
5. Im Falle einer Erkrankung ist der Abteilungsleiter bis 9 Uhr morgens desgleichen Tages davon zu benachrichtigen.
6. Wegen Nichteinhalten der angefuehrten Regel, werden die Schuldigen zur disziplinaren Verantwortung herangezogen werden.

Chef des Polizeiamt im Ghetto der Stadt Wilna | Vilniaus Geto Policijos Vadas
16. XI. 41
1132

Gez. Ing. FRIED
Obmann des Judenrates

I Polizeirevier
Eingel. 17/XI 41
N° 37

An I. Polizeirevier
Zur Kenntnisnahme und Ausführung
16/XI 41

der Administration
Policijos Vadas

פאַראָרדענונג פון יודנראַט וועגן דער אַרבעטס־צייט אין די געטאָ־אינסטיטוציעס

ביי דער געלעגנהייט וויל איך פאָרמולירן דעם געדאַנקען־גאַנג פון די הויפּט־טוער פון געטאָ. אויף אַ גרויסער פאַלקס־פאַרזאַמלונג אין געטאָ־טעאַטער, וואָס איז פאָרגעקומען אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַריינציען פרויען אין דער אַרבעט — ווען עס האָבן זיך אין געטאָ אָנגעהויבן די אַנטלויפעניש אין וואַלד אַריין צו די פּאַרטיזאַנער — האָבן טאַקע בראָודע און גענס דערקלערט אָט וואָס:

„לאָמיר זאָגן קלאָר און זיך אַליין ניט נאַרן, אַז פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט זיינען מיר דאָך אַלע פאַר די דייטשן — זעראָ. מיר עקזיסטירן ניט און דאַרפן ניט עקזיסטירן. אַזוי איז דאָס געזעץ פון נאַציזם לגבי אונדז יידן. אויב מיר יידן לעבן נאָך טיילווייז, איז דאָס אויסשליסלעך דערפאַר, ווייל געוויסע ווירט־שאַפטלעכע מאָמענטן זיינען אויף אונדזער זייט. מיר גיבן אַ טייערע זאַך — אַרבעט. וואָס מער אַרבעטער, וואָס מער פּראָדוקציע, אַלץ וויכטיקער איז פאַר זיי די עקזיסטענץ פון געטאָ. דאָס האַלט אונדז אויף. פאַלט אָפּ אָט דער מאָמענט, דער ווירטשאַפטלעכער נוצן, וואָס מיר ברענגען — דאַן ווערן מיר תיכף אומ־נויטיק. דעריבער, ווער עס וויל לעבן, ווער עס וויל איבערלעבן, דער מוז אַרבעטן, דער מוז זיין ווירטשאַפטלעך נוצלעך פאַר די דייטשן...״

עטוואָס שפּעטער דעם 16טן מאַי 1943 האָבן די „געטאָ ידיעות״ אין נומער 39 (י״א אייר תש״ג) געשריבן אין אַרטיקל „צום מאָמענט״ — „אַרבעט אין זומער״ — אָט וואָס:

„מיר מוזן הויבן דעם פּראָצענט פון די אַקטיוו־שאַפנדיקע לגבי דער אַלגע־מיינער צאָל פון אונדזער אויסגעוואָקסענער געטאָ־באַפעלקערונג. מיר מוזן ווערן אַן אמתע אַרבעט־געמיינשאַפט, וואָס שאַפט און איז פּראָדוקטיוו און פאַרדינט דורך איר ווירטשאַפטלעכער נוצלעכקייט רעכט אויף עקזיסטענץ און ברויט... מיר האָבן אַפילו צוליב דעם אַראָפּגעדריקט דעם קינדס שול־עלטער ביז 13 יאָר. מיר רייסן זיי אָפּ פון לערנען, פון לערער, פון זייערע קינדערשע יאָרן און וואַרפן זיי אַריין אין ברוטאַלע שטרענגן לעבן, כדי צו פאַרגרעסערן די רייען פון אַרבעטס־איינזאַץ. און אַפילו פאַר יונגע מיידלעך, ווילן מיר זאָרגן, אַז זיי זאָלן זיך אויסלערנען אַ האַנטווערק.

אונדזערע וואַרשטאַטן וואַקסן — מיר האָבן שוין אַ געטאָ־אינדוסטריע, אַ שווערע און לייכטע, מעבל־וואַרשטאַטן, בלעכעריי, גיסעריי, טאָקעריי און שלאָ־סעריי. די פיין־מעכאַניקער ליפערן די שענסטע זאַכן, די סיראָפּ־פאַבריק איז אויסגעוואַקסן איבערנאַכט, די טעפעריי, שניידערייען — גרויסע מיליטערישע און פּריוואַטע באַשטעלונגען, די טעכנישע שול. דער עיקר אָבער איז דער גרויסער אַרבעטס־איינזאַץ אויסערן געטאָ ביי ווערמאַכט־איינהייטן.

דער זומער פאַרלייכטערט די לאַגע, מען איז אויף פרייער לופט, קליידונג

לייכטע, מיט שפייז איז לינדער. פרויען קענען אין די גערטנער אַרבעטן און דאָס אַליין שאַפט אַ בעסערע שטימונג, שטאַרקט דאָס געפיל פון לעבן.

דורכן שאַפן דעם בריגאַדירן־ראַט און בייראַטן ביי די איינהייטן, האָט מען אַ סוף געמאַכט צום ווילקיר פון די בריגאַדירן."

פון אַ צווייטן אָרט אין די „געטאָ ידיעות":

„מען מוז שטרעבן צו 80% אַרבעט־איינזאַץ. יעדער אַרבעט־דעזערטער דריקט אַראָפּ דעם פּראָצענט."

מען מוז מודה זיין, אַז די דאָזיקע רייד האָבן דאָן אין יענע טעג טיילווייז איבערצייגט. הגם פון דער צווייטער זייט האָט מען בשום אופן ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס די דייטשן האָבן אומגעבראַכט אַזוי פיל יונגע, שעפערישע כוחות, אויב אַרבעט איז פאַר זיי אַזוי וויכטיק. נאָר ווי די זאַך זאָל ניט זיין, האָט מען געזען, אַז לעבן — לעבן טאַקע די, וועלכע אַרבעטן און האָבן שיינען.

דער אַרבעט־אַמט האָט געהאַט אַן אומגעהויערע אַרבעט פון ערשטן מאָמענט אָן. מ׳האָט אַן אויפהער רעגיסטרירט פאַלקייט. אַלע ווילע פלעגן די דייטשן בייטן די שיינען. שפּעטער איז אונטערגעקומען דער סעזאָן פון די געלע שיינען. מען מוז מודה זיין, אַז דער אַרבעט־אַמט האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט. אמת, דאָ האָבן אויך ניט געפעלט קיין שווינדעלייען, ווי האַנדל מיט מענטשלעכע לעבנס. געלט, גאָלד און וואַלוטע האָט דאָ לרוב דעצידירט. פונדעסטוועגן האָט דער אַרבעט־אַמט לאַווירט ווי ער האָט געקענט, געהאָלפן, געטאָן זייער פיל.

ווען עס האָט זיך געענדיקט די סדרה מיט די געלע שיינען, האָט זיך גלייך אָנגעפאַנגען אַ ניי „געשעפט" מיט די ראָזע שוץ־שיינען. דאָס האָט אויך לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. נאָכדעם זיינען דערשינען בלויע שיינען און אויף זייער אָרט האָבן זיך געיאַוועט אַרבעט־ביכלעך און בלעכענע נומערן, וועלכע מ׳האָט גע־דאַרפט טראָגן אויפן האַלדז (ווי אַ נומער פאַר אַ הונט).

די הויפּט־טעטיקייט פון אַרבעט־אַמט איז באַשטאַנען אין באַזאָרגן די דייטשישע און ליטווישע אַרבעט־פּלעצער מיט דער נויטיקער צאָל אַרבעטער און מיט די געהעריקע פאַכמענער. אַלע דייטשישע איינהייטן, וועלכע זיינען געווען אין שטאָט, האָבן זיך געבנוציקט אין שוואַרצע אַרבעטער און אין גוטע בעלי־מלאכות, וועלכע ס׳האָט געליפערט דאָס געטאָ. פון די שטייער־אַמט־באַריכטן האָבן מיר געזען, אַז פון אומגעפער 20 טויזנט יידן, וועלכע זיינען געווען אין געטאָ, האָבן ביי 7 טויזנט מענער און פרויען געאַרבעט אין שטאָט ביי די דייטשן און ליטווינער.

צושטעלן אַזאַ אַרמיי אַרבעטער טאָג־טעגלעך, אויפפּאַסן אַז מען זאָל זיך ביי דער אַרבעט אויפפירן ווי געהעריק, כדי ניט אַרויסצורופן וועלכע ס׳איז פּראָוואָ־קאַציעס, אָפּהיטן, אַז מען זאָל טאַקע גיין אַרבעטן — דאָס אַלץ איז נישט

געווען קיין לייכטע אויפגאַבע. מען מוז נאָך נעמען אין אַכט, אַז ניט אַלע אַרבעט־פּלעצער זיינען געווען גלייך אין זייער באַציאונג צו די יידישן אַרבעטער. עס זיינען געווען אַרבעט־פּלעצער, ווו די יידן האָבן געהאַט פאַרהעלטנישמעסיק ניט קיין שווערע אַרבעט און דערביי געקענט אַ ביסל אונטערגנבענען, טרעפן זיך מיט ניט־יידן, מאַכן פאַרשיידענע טראַנזאַקציעס מיט ליטווינער און דייטשן און דערפון ציען חיונה, מיט איין וואָרט — גוטע אַרבעט־פּלעצער.

עס זיינען אָבער אויך געווען אַזוינע אַרבעט־פּלעצער, ווו מ'פּלעגט זיך איזדיעקעווען איבער די יידישע אומגליקלעכע אַרבעטער, שלאָגן זיי מכות רצח, דערביי איז די אַרבעט גופא געווען אַ שווערע און שמוציקע; וועגן פאַרדינסטן האָט קיין רייד ניט געקענט זיין. און אויך אין אַזעלכע ערטער האָט מען געמוזט שיקן פאַרטיעס אַרבעטער.

כדי דאָס אַלץ צו קאָנטראָלירן האָט דער אַרבעט־אַמט געהאַט אַן אייגענע פּאָליציי, וועלכע האָט אַכטונג געגעבן, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג, לויט די פאָדערונגען פון דייטשישן אַרבעט־אַמט. די פּאָליציי איז געווען אַזוי גוט ווי די גאַנצע געטאָ־פּאָליציי. צייטנווייז פּלעגן זיי זיך באַגיין שרעקלעך ברוטאַל מיט די אַרבעטער. אין די געטאָ־אַקטן האָבן מיר אָפּשריפטן פון פּראָטאָקאָלן וועגן אַזעלכע ברוטאַלע אַקטן. אָט איז איינער פון זיי:

פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג פון דער אַרבעט־לייטונג אָפּטיילונג
ביים יודנראַט, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 12טן מאַי 1942

„נאָכן באַטראַכטן דעם ענין פון אַנגעשטעלטן פון דער זעלבער אָפּטיילונג י. י. איז באַשלאָסן געוואָרן:

1) פאַר דער אומדערלאָזבאַרער האַנדלונג פון דערמאָנטן אָנגעשטעלטן, וועלכער האָט זיך דערלויבט צו שלאָגן אין אַמט אַ פרוי — באַשטראָפן אים מיט 20 מאַרק, געבנדיק אים דערביי די לעצטע התראה, אַז אויב אַזוינס וועט זיך איבערחזרן נאָך איין מאָל, וועט ער תיכף באַזייטיקט ווערן פון זיין אַמט."

און נאָך אַ דאָקומענט פון דעם זעלבן אַמט אין דעם זעלבן ענין:

„ווילנע, 21סטן מאַי 1942.

צום יודנראַט אין געטאָ.

די אַרבעטס־אָפּטיילונג בעט נאָכאַמאָל באַטראַכטן דעם ענין י. י. אויף וועלכן ער האָט אַרויסגעלייגט צוויי[1] שטראָפן — דעגראַדירן פון דער 4טער אין 5טער קאַטעגאָריע.

צום סוף וועלן מיר ברענגען 2 טאַבעלן פון אַרבעט־אַמט וועגן דער צאָל

1. די ערשטע איז געווען אַ געלט־שטראָף, די צווייטע — דעגראַדאַציע.

באַשעפטיקטע לויט „איינהייטן" אין צווייטן האַלבן יאָר פון 1942, צוזאַמענגעשטעלט דורכן סטאַטיסטישן אַמט אין דער ווילנער געטאָ.

| חודש | מיליטער־רישע איינהייטן | ציווילע אינסטי־טוציעס | פריוואַטע אַרבעטס־געבער | געטאָ פאַרוואַל־טונג | סך־הכל |
|---|---|---|---|---|---|
| יולי | 3.955 | 2.505 | 211 | 1.393 | 8.064 |
| אויגוסט | 3.870 | 3.039 | 249 | 1.438 | 8.596 |
| סעפטעמבער | 4.143 | 3.068 | 296 | 1.555 | 9.062 |
| אָקטאָבער | 4.046 | 3.040 | 377 | 1.627 | 9.090 |
| נאָוועמבער | 4.061 | 2.909 | 444 | 1.703 | 9.117 |
| דעצעמבער | 4.107 | 2.785 | 481 | 1.897 | 9.270 |

פון דער טאַבעלע פאַרן ערשטן האַלבן יאָר 1942:

| חודש: | יולי | אויגוסט | סעפט. | אָקטאָבער | נאָוו. | דעצעמב. |
|---|---|---|---|---|---|---|
| צאָל אַרבעטס־ערטער: | 234 | 255 | 265 | 255 | 273 | 346 |
| צאָל באַשעפטיקטע: | 6.671 | 7.158 | 7.507 | 7.463 | 7.414 | 7.373 |
| מענער: | 4.470 | 4.839 | 4.860 | 4.752 | 4.796 | 4.968 |
| פרויען: | 2.201 | 2.319 | 2.647 | 2.711 | 2.618 | 2.405 |

די אַרבעטער פלעגן גיין צו דער אַרבעט קאָלאָנענווייז, אונטער דער אָנפירונג פון אַ בריגאַדיר און קאָלאָנען־פירער. אויף קליינע אַרבעט־שטעלן, ווו ס'איז ניטאָ קיין בריגאַדיר און קאָלאָנען־פירער, דאַרף די גרופּע אויסטיילן פון זיך אַ פּערזאָן, וועלכע דאַרפט זיך מעלדן אין אַרבעט־אַמט. אַלע אַרבעט־שטעלן האָבן געמוזט זיין רעגיסטרירט אין אַרבעט־אַמט.

## בריגאַדירן־ראַט

ווען אין געטאָ האָבן זיך די פאַרהעלטענישן מער־ווייניקער סטאַביליזירט, איז געשאַפן געוואָרן אַן אינסטיטוציע פון אַלע בריגאַדירן אונטערן נאָמען — בריגאַדירן־ראַט.

ווען יידן האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן ביי די דייטשן, האָט זיך אין יעדער גרופּע שטענדיק אויסגעטיילט איינער אַ פלינקער, אַ ספּריטנער, וועלכער איז גלייך געוואָרן אַ „שמעלקע" מיט די דייטשן, מיט פאַרשיידענע וועגן האָט אַזאַ איינער זיך איינגעקויפט אין יחוס ביי זיי און גענומען רעדן פאַר די יידישע אַרבעטער. אין די ערשטע צייטן איז געווען זייער פיל וואָס צו טאָן: אַזאַ שיין — אַ צווייטער שיין, אַ שיין מיט אָדער אָן אַ שטעמפּל. הכלל, מען האָט שטענדיק

1. גענומען אַרום די רובריקן „עפנטלעכע אינסטיטוציעס" און „שטאָט־פאַרוואַלטונג".

געמוזט זיין אין קאָנטאַקט מיט די דייטשן, אָדער מיט ליטווינער, וועלכע פלעגן אָנפירן מיט דער אַרבעט. אין דער צייט האָבן זיך טאַקע אין אַלע אַרבעט־ערטער אַרויסגערוקט די פיפיקסטע מענטשן, וועלכע האָבן געפּאַסט צו אַזעלכע געשעפטן, אָפּטמאָל זייער ריזיקאַלישע.

זיי פלעגן אין אַ סך ערטער אונטערקויפן די דייטשן מיט פאַרשיידענע מתנות, און דערביי דורכפירן אַ סך פאַרלייכטערונגען פאַר זייערע גרופּעס אַרבעטער.

אַדאַנק דעם האָבן אָט די בריגאַדירן, אין געוויסע פאַלן, אַרויסגעראַטעוועט אַ געוויסע צאָל יידן פון טויט ממש.

מיט דער צייט זיינען די מענטשן געוואָרן די עלטסטע אין זייערע פּאַרטיעס און זיי האָבן שוין אויך דערליידיקט אַלע ענינים, וואָס זיינען נוגע געווען זייערע אַרבעטער אין געטאָ גופא. זיי זיינען געוואָרן די יעניקע, וועלכע האָבן אָנגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיטן יידישן אַרבעט־אַמט אויך.

בריגאַדירן זיינען געווען פאַרשיידענע.

עס זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן זייער פּאָזיציע גלייך אויסגענוצט פאַר זיך ביזן העכסטן גראַד, מאַכנדיק אין אַ קורצער צייט ריזיקע פאַרמעגנס. הויפּטזעכלעך אין די צייטן פון די טשיסטקעס, ווען זיי האָבן מיט דער הילף פון „זייערע" דייטשן אַרויסגענומען יידן פון לוקישקער טורמע, ווי אויך ביי דער וואַקכאַנאַליע מיט די געלע שיינען.

אמת איז, אַז אַ געוויסע צאָל יידן האָבן זיי טאַקע אָפּגעראַטעוועט פון טויט, אָבער נאָר די יעניקע, וועלכע האָבן פאַר דער טובה געקענט זייער גוט באַצאָלן. גלייכצייטיק אָבער האָבן געוויסע בריגאַדירן דורכגעפירט פאַרשיידענע טונקעלע מאַכינאַציעס, צוזאַמען מיטן יידישן אַרבעט־אַמט, ביי די געלע שיינען. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַלע קאָמבינאַציעס און מאַכינאַציעס זיינען שטענדיק דורכגעפירט געוואָרן אויפן חשבון פון אָרעמאַן, שוואַכן און דערשלאָגענעם.

די בריגאַדירן האָבן דאָס רוב אַליין ניט געאַרבעט, נאָר האָבן אויפגעפּאַסט, אַז זייערע אַרבעטער זאָלן דאָס טון. אַ סך אַרבעטער פלעגן טאַקע גוט ציטערן פאַר זייערע בריגאַדירן. אין געטאָ האָט מען טאַקע אייניקע בריגאַדירן געקרוינט מיטן נאָמען — קעניג. (ווייסקאָפּ פון שניידער־שטוב. וואָראָן פון סאַניטעט־דעפּאָ א. א.).

עס זיינען אָבער אויך געווען בריגאַדירן, וועלכע האָבן אָרנטלעך און מיט מסירות נפש אויסגעפירט זייערע פליכטן און געהאָלפן זייערע מיטאַרבעטער אָן שום אייגן־נוצן.

די בריגאַדירן האָבן אויך געזאָרגט פאַר זייערע אַרבעטער אין געטאָ גופא. זיי פלעגן זיך באַמיען צו באַקומען בעסערע וווינונגען, צעטלען אין באָד אריין.

עס זיינען געווען בריגאַדעס און בריגאַדירן, מיט וועלכע דער יודנראַט אַליין פלעגט זיך שטאַרק רעכענען, ווי למשל — די גרופּע געשטאָפּאָ־אַרבעטער, וועלכע האָבן געבריענגט נייעס אין געטאָ; וואַראַנס גרופּע, וואָס האָט געאַרבעט אין סאַניטעט־דעפּאָ און פלעגט אַריינשלעפּן אין געטאָ מעדיקאַמענטן; ווייסקאָפּ און אַנדערע, וועלכע פלעגן געבן גרויסע נדבות א. א. וו.

די בריגאַדירן האָבן אייניקע מאָל אויסגעפּועלט ביי זייערע דייטשן דער־לויבענישן אויף אַריינצופירן עקסטרע פּראָדוקטן פאַר זייערע אַרבעטער א. א. וו. זיי זיינען אין געטאָ געווען די אַזוי גערופענע ציווילע אַריסטאָקראַטיע.

דער בריגאַדירן־ראַט איז טאַקע מיט דער צייט געוואָרן די איינציקע עפנט־לעכע טריבונע פון געטאָ־לעבן. אַלע וויכטיקע נייעסן פאַרן געטאָ, אַלע לעבנס־וויכטיקע דערקלערונגען פאַר דער געטאָ־באַפעלקערונג פלעגט געבנס, בראַודע, מאַכן אויף די גרויסע פאַרזאַמלונגען פון די בריגאַדירן.

גענס און פריד האָבן מיט די בריגאַדירן אַנגעהאַלטן די בעסטע באַציאונגען. פאָרזיצער פון בריגאַדירן־ראַט איז געווען דוד קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, דער גוט באַקאַנטער קולטור־טוער אין ווילנע. זיין שיינע באָרד האָט ער, ווי אַלע יידן, אָפּראַזירט און יעדן טאָג פלעגט ער גייך בראש פון זיין קאָלאָנע צו דער אַרבעט אין בורבישעק. זיין גרופּע איז געווען אַ גרויסע און באַשטאַנען פון אַ סך יונגע געזונטע אַרבעטער און גוטע פאַרדינער. זיי האָבן טאַקע אין געטאָ באַקומען פאַר זיך דירות אין שענסטן הויף, אויף רודניצקער 7, דאָס הויז פון דער געוועזענער יידישער באַנק.

מען דאַרף אויך אונטערשטרייכן, אַז דער בריגאַדירן־אַמט איז אין דער לעצטער תקופה פון געטאָ־לעבן געוואָרן זייער אַ געפערלעכער אַמט.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די לויפענישן אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער, האָבן די דייטשן דערקלערט קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אַ סך בריגאַדירן זיינען מיט זייערע פאַמיליעס אויסגעשאָסן געוואָרן דערפאַר, ווייל פון זייערע קאָלאָנעס זיינען אַרבעטער אַוועק אין וואַלד.

דער בריגאַדיר־ראַט האָט, ווי געזאָגט, געזאָרגט פאַר די אַרבעטער אין געטאָ גופא. מיר זעען דאָס פון אַ מעלדונג פון בריגאַדירן־ראַט, אין וועלכער עס ווערט געזאָגט אַט וואָס:

„עס איז זייער געוואונטשן, אַז די אַרבעטער, וואָס גייען אַרויס אַרבעטן אויסערן געטאָ, זאָלן זיין פריש ראַזירט. צו דעם צוועק זיינען, לויטן פאָרשלאָג פון בריגאַדירן־ראַט, די פריזעריייען אָפן טעגלעך פון 5.30 פרי־נאָר אויף צו ראַזירן זיך.“

און פון אַ בריוו פון בריגאַדירן־ראַט צו דער געטאָ־פאַרוואַלטונג:

„דער בריגאַדירן־ראַט בעט פלאַנירן בעדער פאַר אַרבעטער, וואָס

אַרבעטן אין שטאָט, מיט 21 טעג פאַראויס. זונסטיק נאָר פאַר אַרבעטער, וואָס קומען שפּעט ביינאַכט פון דער אַרבעט."

מיר באַזיצן אויך אַ פּראָטאָקאָל פון בריגאַדירן־ראַט־פאַרזאַמלונג:

„פּראָטאָקאָל פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון בריגאַדירן און קאָלאָנען־פירער, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל — רודניצקער 7, דעם 6טן דעצעמבער 1942, 18 אַזייגער.

טאָג־אָרדענונג.

1) וועגן די באַשטימונגען פון ה' געביטסקאָמיסאַר איינצוטיילן די יידישע אַרבעטער אין קאַטעגאָריעס.

2) לויפנדיקע ענינים.

דער פאַרזיצער פון בריגאַדירן־ראַט ה' ד. קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי עפנט די פאַרזאַמלונג און גיט דאָס וואָרט דעם פאַרבינדונגס־מאַן ה' בראַודע, וועלכער גיט דערקלערונגען וועגן די פאָרמולאַרן און אָנווייזונגען פון געביטס־קאָמיסאַר, וועלכע אַרבעטער עס דאַרפן איינגעטיילט ווערן אין וועלכע קאַטעגאָריעס. עס ווערן געשטעלט פראַגעס וועגן די קאַטעגאָריעס און ה' בראַודע גיט אויסשעפּנדיקע ענטפערס. ה' בראַודע ווייזט אָן, אַז דער געביטס־קאָמיסאַר האָט פאַרמדויען צו די בריגאַדירן און דעריבער דאַרפן זיי געוויסנהאַפטיקער זיך באַציען צו זייער אַרבעט. זיי דאַרפן אָנפירן מיט דער פאַרטיילונג פון דער אַרבעט אויף די דינסט־שטעלעס. לויט די נייע באַשטימונגען וועלן יידן איצט דאַרפן אַרבעטן 10 שעה אַ טאָג.

ה' קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי גיט אויפקלערונגען וועגן דער אַרבעט פון קאָנטראָל־קאָמיסיע פון פיזישן געזונט פון אַלע אַרבעטער אין געטאָ און ווייזט אָן, אַז דאָס איז נייטיק, כדי ריכטיק פעסטצושטעלן, צי אויף די דינסט־שטעלעס אַרבעטן יידן לויט זייער געזונט־צושטאַנד. ער בעט די בריגאַדירן איבערגעבן די זאַך אין די בריגאַדעס, מען זאָל זיך שטעלן צו דער קאָמיסיע אין דער באַשטימטער פאַר זיי צייט, כדי ניט צו שטערן די אַרבעט פון דער קאָמיסיע.

פאַרזיצער פון בריגאַדירן־ראַט — ד. קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי

סעקרעטאַר..........................

6טער דעצעמבער 1942. די פאַרזאַמלונג געשלאָסן 20 אַ זייגער."

## אַרבעטער־אוידיטאָריע

לויט דער איניציאַטיוו פון די אַרבעטער פון דער דינסטשטעלע ב. (בור־בישעק) פלעגן יעדן זונטיק אָוונט פאָרקומען מאַסן־פאַרזאַמלונגען אין גרויסן זאַל פון דער געוועזענער יידישער באַנק, אויף רודניצקער 7. אויף די אָוונטן זענען יעדע וואָך אַרויסגעטרעטן פאַרשיידענע פּרעלעגענטן מיט רעפעראַטן. נאָכדעם פלעגן פאָרקומען קאָנצערטן.

אָט איז אַן איינלאַדונג צו אַזאַ אָוונט.

„ווילנע, דעם 10טן יולי 1942

צום אַרבעטס־אַמט אין געטאָ. נומער 184.

## איינלאדונג

דערמיט האָבן מיר דעם כבוד אייך איינצולאַדן אויף אונדזער 5טן צוזאַמענקום, וועלכער קומט פאָר זונטיק דעם 12טן יולי, 5 אָוונט, אין אונדזער זאַל רודניצקער 7.

אויף אונדזער 5טן צוזאַמענקום פאַרבעטן מיר, צום ערשטן מאָל, חברים פון אַ גאַנצער איינהייט. דאָס מאָל די אַרבעטער פון דער „שניידער־שטובע", אויף אַ חברישן אופן דערציילן וועגן יעדער אַרבעטשטעלע און געמיינזאַם פאַרברענגען אַ פּאָר שעה.

עס וועט אונדז באמת פרייען צו זען אייך צווישן אונדזערע חשובסטע געסט.

מיט דרך־ארץ, אין נאָמען פון די אַרבעטער פון דער פר. דינסטשטעלע ב. קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, בריגאַדיר".[1]

מיר באַזיצן אויך אַ פּראָטאָקאָל פון אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער זעלבער גרופּע. דער פּראָטאָקאָל איז געשריבן אין יידיש, אָבער מיט לאַטיינישע אותיות.

„פּראָטאָקאָל פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די אין „פר. דינסט־שטעלע ב." באַשעפטיקטע אַרבעטער, וואָס איז פאָרגעקומען דאָנערשטיק דעם 16טן יולי 1942. בייגעוועזן 137—154 אַרבעטער.

1) דער בריגאַדיר קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי רעפערירט וועגן דער פראַגע פון אַרבעטס־דיסציפּלין, דערמאָנט פאַלן ווען געוויסע אַרבעטער לאָזן איבער זייער אַנטייל אין דער אַרבעט אויף זייערע חברים, וועלנדיק אויסמיידן די אַרבעט, און שאַפן דערמיט אַנטי־חברישע באַציאונגען. ער שטעלט זיך אויך אָפּ אויף דעם ענין פון פאַך־דערגאַנצונג און ווייזט אָן, וואָס עס קען אין אַ קורצער צייט געמאַכט ווערן אין דער פראַגע ביי דער אַרבעט אין לאַגער... (צעריסן).

2) דער אינזשיניער חבר ראַטנער דערגאַנצט די אינפאָרמאַציעס און (צעריסן), שאַפּיראָ יעפים רעדט איבער קורסן פון מאַלעריי, לאַסקאָוו... (צעריסן). קערשטיין הירש רעדט וועגן מויעריי־אויסבילדונג, ליים... (צע־ריסן). אַנדערע ווייזן אויך קאָנקרעט אָן, וואָס עס קען אין ענין דער־גאַנצונג דורכגעפירט ווערן.

3) דער אַרבעטער בלומענטאַל נחמן, פאַרופנדיק זיך אויף דער פראַ־גע פון אַרבעטס־דיסציפּלין, דערציילט וועגן דעם פאַל בלומענטאַל הירש־שאַבסעס און מעלדעט, אַז דאָס חברים־געריכט האָט דעם אינצידענט ניט

1. אַזוי איז נאָטירט.

אָנגענומען צו באַטראַכטן. נאָכן אויסהערן די ריכטער: חברים מעלאָמעד און מילעצקי — באַשליסט די פאַרזאַמלונג, אַז די אָנקלאַגע פון בלומענטאַל נחמן מוז באַטראַכט ווערן דורכן חברים־געריכט.

4) ביי דער געלעגנהייט ווערט דערמאָנט דעם חבר פערעלמאַן זיין חוב אויסצופירן דעם באַשלוס פון חברים־געריכט אין ענין פערעלמאַן — פּאַרטנאָי. צוליב דער שפּעטער שעה זיינען די ווייטערדיקע פראַגן אָפּגע־לייגט געוואָרן אויף דער צווייטער פאַרזאַמלונג, וועלכע דאַרף פאָרקומען דעם 21סטן יולי.

אין נאָמען פון די אַרבעטער פון דער
פר. דינסטשטעלע, ב. אוסענבעצירק, ווילנע
קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, **בריגאַדיר.**"

**נאָך איין איינלאַדונג:**

**צו דער אַרבעט־אָפּטיילונג אין געטאָ**

ח׳ ה׳

מיר האָבן דעם כבוד אייך פריינדלעך צו פאַרבעטן אויף אונדזער 6טן צונויפקום, וואָס וועט פאָרקומען זונטיק דעם 19טן ד. ח. 5.15 אַזייגער אין אָוונט ביי אונדז אין לאָקאַל (רודניצקער 7).

פּראָגראַם:

1) סטטיקייטס־באַריכט פון דער געזונטהייטס־אָפּטיילונג אין געטאָ — אַדוו. מילקאָנאָוויצקי.
2) רעציטאַציעס און געזאַנג.

עס וועט אונדז פרייען אייך צו זען צווישן די חשובסטע געסט.

**פאַר די אַרבעטער פון דער פר. דינסטשטעלע**
ב. קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי — **בריגאַדיר.**

## אַרביטראַזש־קאָמיסיע

רעדנדיק וועגן אַרבעט־אַמט און בריגאַדירן־ראַט דאַרף מען אויך פאַר־צייכענען נאָך אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט אַרבעטס־פּראָבלעמען. דאָס איז געווען די אַרביטראַזש־קאָמיסיע.

היות ווי צווישן די אַרבעטער גופא פלעגן פאָרקומען פאַרשיידענע סכסוכים און קאָנפליקטן צווישן די אַרבעטער און זייערע בריגאַדירן, האָט נאָך יוסף גלאַזמאַן, ווען ער איז געווען גענסנס שטעלפאַרטרעטער, געווענדט זיך צום פאָרזיצער פון יודנראַט אינזש. פריד מיט אַ בקשה צו שאַפן אַן אַרביטראַזש־קאָמיסיע, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיטן אויסגלייכן סכסוכים.

פריד, ווי עס שיינט, האָט זיך ניט געאיילט מיט דעם ענין. דאַן ווענדט זיך י. גלאַזמאַן דעם 13טן מערץ 1942 אַ צווייט מאָל (דעם ערשטן מאָל האָט ער געשריבן דעם 11טן פעברואַר) און ערשט דאַן באַקומט ער אַן ענטפער.

אַז דער יודנראַט האָט באַטראַכט דעם ענין און באַשלאָסן צו שאַפן אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל די זאַך אויספאָרשן און מאַכן אַ געהעריקן פאָרשלאַג. ענדגילטיק איז דער ענין דערליידיקט געוואָרן ערשט אין מאַי.

וועגן דעם ענין האָבן מיר פאָלגנדיקע אָריגינעלע בריוו:

„ווילנער יודנראַט. אַלגעמיינע אָפּטיילונג. אָפּשריפט.
דעם 19טן מערץ 1942.

צום ווילנער אַרבעט־אַמט.

דער יודנראַט האָט אויף זיין זיצונג פון 18טן מערץ ה.י. באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַן אַרביטראַזש־קאָמיסיע צו אַנטשיידן קאָנפליקטן צווישן די אַרבעטנדיקע אויסערן געטאָ און אויך צווישן די אַרבעטנדיקע און זייערע בריגאַדירן.

אין צוזאַמענשטעל פון דער אַרביטראַזש־קאָמיסיע גייען אַריין צו איין פאָרשטייער מצד די אָרבעטער און מצד די בריגאַדירן, אונטערן פאָרזיץ פון אַן אָנפאַרטרויטע, דורכן יודנראַט, פּערזאָן.

די קאָמיסיע ווערט צוזאַמענגעשטעלט דורכן יודנראַט און טראָגט אַ שטענדיקן כאַראַקטער.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט בעט איך אייך צושטעלן דעם יודנראַט, אין משך פון 3 טעג צו 3 קאַנדידאַטן פון די אָרבעטער און פון די בריגאַדירן, וועמען דער יודנראַט וועט לויט זייערע פּערזענלעכע קוואַליפי־קאַציעס, אָנפאַרטרויען די פונקציעס פון בוררים.

פאָרזיצער פון יודנראַט — פריד.

דעם 21סטן מאַי ענטפערט דער אַרבעט־אַמט מיט אַ בריוו געשריבן אין דייטש אויף אַ פירמע־בלאַנקעט —

„שעף דעס פּאָליציי־אַמטס אין געטאָ דער שטאָט ווילנאָ”.

און אין ליטוויש:

„ווילניאוס געטאָ פּאָליציאָס וואדאס נומער 6901”.

אין דאָזיקן בריוו מעלדעט דער אַרבעט־אַמט, אַז ער לייגט פאָר פאָלגנדיקע קאַנדידאַטן אין געריכט.

אַלס פאָרטרעטער מצד די אַרבעטער — יערוזאָלימסקי הירש, רודניצקער 11/16, באַראַן מרדכי — לידער געסל 11/16, ווייבער מרדכי — רודניצקער 9/11, עטינגין אברהם — קאַרמעליטסקע 5/3, בולדקין ליפּמאַן — רודניצקער 13/3, בעניאַקאָנסקי ברוך — רודניצקער 9/11 און קאַפּלאַן ישראל — סטראַשונאַ 11/7.

2) אַלס פאָרטרעטער פון די בריגאַדירן — אָזעליאַנסקי מרדכי — רודניצקער 11/15, ווילקאָמיר ישראל — לידער 3/6, קאַמערמאַכער נתן — סטראַשונאַ 1/43, איזראַעליט מאַשאַ — לידער 13/21, ליפּקאָוויטש ראובן —

שפיטאָל גאַס 11/5, אורבאַך יאָהאַן — רודניצקער 25/4, **באַראַנאָווסקי שלמה** — רודניצקער 7/9.

3) אַלס פאַרטרעטער פון יודנראַט — מ. גענס, א. בראַודע, פ. באַגריאַנסקי און י. טאַוביז.

דאָס געריכט דאַרף באַשטיין פון 2 פאַרטרעטער פון די אַרבעטער, 2 פאַר־טרעטער פון די בריגאַדירן און איין פאַרשטייער פון יודנראַט אַלס פאַרזיצער. דער בריוו איז אונטערגעשריבן דורך גלאַזמאַנען אַלס פאַליציי־שעף.

פריער, ווי געזאָגט, האָט דעם פראָיעקט באַטראַכט אַ קאָמיסיע פון יודנראַט אין באַשטאַנד פון 3 פערזאָן — מילקאַנאָוויצקי, גלאַזמאַן, באַגריאַנסקי און שלמה גענס (דעם פאָליציי־שעפס ברודער). די קאָמיסיע האָט פאָרגעשלאָגן צו באַ־שטעטיקן פאָלגנדיקן ענדגילטיקן צוזאַמענשטעל פון געריכט.

מצד די אַרבעטער — באַראַן און עטינגער; מצד די בריגאַדירן — אָזוליאַנסקי און קאַמערמאַכער, און מצד דעם יודנראַט — באַגריאַנסקי.

ווי פון דעם איז צו זען, האָט גלאַזמאַן דאָך אויסגעפירט דאָס זייניקע.

## אַרבעט־לאַגערן אַרום ווילנע

גלייך ווי די דייטשן זיינען אַריין אין שטאָט און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די כאַפּערייען פון מענטשן, זיינען אַ סך יידישע יונגעלייט אַליין אַרויסגעפאָרן אין פּראָווינץ אויף פאַרשיידענע אַרבעטן. הויפּטזעכלעך איז דאָס געווען אַרבעט ביי טאָרף, די אַרבעט איז דאָ געווען זייער אַ שווערע, ווייל מען פלעגט מוזן אַרבעטן ביז העלפט אין וואַסער און שמוץ, אָבער דאָך איז אין יענער צייט דאָרט געווען רואיק און זיכער. אגב, איז אויף דער פּראָווינץ די אָפּראָוויזאַציע געווען אַ בעסערע. אַזעלכע לאַגערן זיינען געווען אין אַ סך ערטער:

אין סאָראַק טאַטאר (אַ געגנט אונטער ווילנע), ביאַלע־וואקע, זאטראטשע, טשערנאַבור, פאָרודאָמינע, וויעלקי־פּאָליע, זשעזמאר, מיישעגאָלע, וועווייע, גלאַדקישקי, קאַרגע־ווילע, יאדי, פּאָדבראָדזשע, ניי־ווילייקע, ניי־סווענציאַן, איגנאַ־לינע, אָשמענע, סאָלי, מיכאַלישעק, רעזשע, בעזדאַן, און נאָך אַ סך אַנדערע. וועגן אייניקע פון זיי האָב איך פריער געַנוי געשריבן.

## פראָפעסיאָנעלע רעפרעזענטאַנץ

אין צענטער פון די יודנראַט־אינסטיטוציעס, אויף רודניצקער 6, האָבן אָנגעשטעלטע געשאַפן אַ ראַט פון פאַרשטייער פון די אָנגעשטעלטע אין די יודנ־ראַט־אינסטיטוציעס, אונטערן נאָמען: „פראָפעסיאָנעלע רעפרעזענטאַנץ". דאָס איז געשען פרילינג 1942 ווען דאָס געטאָ האָט זיך זייט אייניקע חדשים געפונען אין אַ „רואיקן און נאָרמאַלן" צושטאַנד. ד"ר אַנטאָקאָליעץ, אַ בונדיסט, האָט

די ידיעה געבראַכט צו אונדז אין שפּיטאָל און געמאָלדן, אַז די רעפּרעזענטאַנץ וויל האָבן 2 פאָרשטייער פון שפּיטאָל־פּערסאָנאַל.

מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז דאָס שפּיטאָל איז געווען די גרעסטע אינ־סטיטוציע אין געטאָ און האָט באַשעפטיקט 180 אָנגעשטעלטע. אין אַלע אָפּטיי־לונגען האָט מען זיך גענומען פאַרשטענדיקן וועגן אויסוויילן די 2 פאָרשטייער. דער „בונד" האָט צווישן די שפּיטאָל־אָנגעשטעלטע געהאַט אַ היפּשע צאָל חברים און סימפּאַטיקער, וועלכע זיינען, ווי געוויינלעך, געווען גוט אָרגאַניזירט. אין אַ געוויסן טאָג איז אין איינעם פון די גרעסטע כירורגישע שפּיטאָל־זאַלן פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון פּערסאָנאַל, אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען העכער 100 פּערזאָן: דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטערס, באַאַמטע, סאַניטאַרינס, פעלדשערס, אַפּטייקערס א. א. וו. פריער האָט מען אָפּגעשמועסט, אַז רעדן זאָל מען נאָר וועגן דעם אויסוואַל פון די צוויי פאָרשטייער, וועלכע דאַרפן האָבן „מוט און כוח" צו זיין אומאָפּהענגיק און זעלבשטענדיק און ווי געהעריק רעפּרעזענטירן די אינטערעסן פון גרויסן פּערסאָנאַל אין אַזאַ שווערער צייט. מען האָט אויך אָפּגעמאַכט, אַז קיין פּאָליטישע מאָמענטן זאָלן אויף דער פאַרזאַמלונג ניט באַרירט ווערן.

געעפנט די פאַרזאַמלונג האָט דער דירעקטאָר פון שפּיטאָל ד"ר סעדלעס. אין דער דעבאַטע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט עטלעכע רעדנערס (ד"ר אַנטאָקאָליעץ, ד"ר וואָלקאָוויסקי, ד"ר טראָצקי, איך און נאָך אַ צוויי פּערזאָן). איך האָב אויך באַרירט דעם מאָמענט פון צוזאַמענאַרבעט מיט דער שפּיטאָל־דירעקציע.

נאָך דער דעבאַטע זיינען פאָרגעקומען געהיימע וואַלן און אַלס רעפּרע־זענטאַנטן זיינען אויסגעקליבן געוואָרן: ד"ר וואָלפסאָן דוד (אַ קאָמוניסט) כמעט איינשטימיק און מיט אַ מערהייט שטימען — דער שרייבער פון די שורות.

ווען עס זיינען אַוועק אַ פּאָר וואָכן און מ'האָט אונדז ניט איינגעלאַדן צו די זיצונגען פון דער אַלגעמיינער רעפּרעזענטאַנץ, האָבן מיר, נאָך אַן אויס־פאָרשונג, פעסטגעשטעלט, אַז דאָ קומט פאָר אַ שטילער סאַבאָטאַזש מצד די בונדיסטן דערפאַר, וואָס זייער קאַנדידאַט איז דורכגעפאַלן ביי די וואַלן (ד"ר אנטאקאליעץ). נאָך אַ באַראַטונג מיט אַ ריי אַקטיוויסטן פון שפּיטאָל־פּערסאָנאַל, האָבן מיר באַשלאָסן אָנצוהייבן אונדזער טעטיקייט דערווייל אין שפּיטאָל גופא.

קודם כל האָבן מיר זיך פאַרשטענדיקט מיט דער דירעקציע פון שפּיטאָל וועגן רעגולירן דעם ענין פון גיין אין שטאָט מיטן שפּיטאָל־שיין — דאָס שפּיטאָל האָט געהאַט אַ ספּעציעלן שיין מיט וועלכן מען האָט געקענט גיין אין שטאָט דערליידיקן ענינים פאַרן שפּיטאָל. דערמיט פלעגט זיך באַנוצן

אַ קליינע צאָל שפּיטאָל־באַאַמטע. מיר האָבן געפּועלט ביי דער דירעקציע, אַז פון שיין זאָלן געניסן אַלע שפּיטאָל־אָנגעשטעלטע, אין באַשטימטע שעהען, לויט דער ריי. דאָס האָט, אין יענעם מאָמענט, געהאַט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר אַלעמען. יעדער האָט געוואָלט האָבן אַ קאָנטאַקט מיט דער אַרישער זייט, ווייל מ׳האָט געהאַט ביי קריסטן זאַכן, געלט וכד׳. ווייטער האָבן מיר מיט דער דירעקציע דערליידיקט שנעל און גוט דעם ענין פון איינקויפן פּראָדוקטן פון די פּויערים, וועלכע פלעגן אָפיציעל אַריינפירן אין שפּיטאָל האָלץ. אַלע אויפ־געקויפטע פּראָדוקטן זיינען אַריין אין שפּיטאָל־קאָאָפּעראַטיוו, ווי די אָפּטיילונג פון אַלגעמיינעם גרויסן געטאָ־קאָאָפּעראַטיוו. די איינגעקויפטע פּראָדוקטן זיינען גלייכמעסיק פאַרטיילט געוואָרן צווישן אַלע אָנגעשטעלטע. דער קאָאָפּעראַטיוו איז זייער אָנשטענדיק אָנגעפירט געוואָרן פון ד״ר בראָדסקיס אַ ברודער.

אונדזערע פאַר דערפאָלגרייכע, פּראַקטישע אונטערנעמונגען פאַרן שפּיטאָל־פּערסאָנאַל האָבן געהויבן אונדזער פּרעסטיזש און מיר זיינען טאַקע באַלד איינ־געלאַדן געוואָרן צו אַ זיצונג פון דער אַלגעמיינער רעפּרעזענטאַנץ.

פאָרזיצער פון דער רעפּרעזענטאַנץ איז געווען גוטגעשטאַלט (אַ בונדיסט פון וואַרשע). אין דער רעפּרעזענטאַנץ זיינען געווען פאַרטראָטן פאָלגנדיקע אָפּטיילונגען: פון אַרבעט־אַמט — גילגיטש מאיר, פון ביבליאָטעק — הערמאַן קרוק (בונדיסט), געזעלשאַפטלעכער הילפס־קאָמיטעט — פרוי שערשעניעווסקאַ (קאָמוניסטקע), בית־עולם־אָפּטיילונג — אליהו פלאַקס, פון באָד — איציק וויטענבערג (קאָמוניסט), געטאָ־אינדוסטריע — בראַנזאַפט, לערערין — רחלע ברוידאַ (קאָמוניסטקע), מאַדייסקער, אַדוו. כוואַיניק (בונדיסט), ד״ר וואָלפּסאָן און איך פון שפּיטאָל.

מיר זיינען בייגעווען צוויי זיצונגען. אויף דער ערשטער זיצונג איז באַטראַכט געוואָרן די פראַגע פון געזעלשאַפטלעכן הילפס־קאָמיטעט, וועלכער איז פון אַ געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געטאָ־אינסטיטוציע מיט אַ צוגאַנג פון פּראָטעקציע וכדומה. נאָך אַ קורצער דיסקוסיע האָבן די דריי בונדיסטן (קרוק, גוטגעשטאַלט און כוואַיניק) דערקלערט, אַז זיי טרעטן אַרויס פון קאָמיטעט.

די צווייטע זיצונג פון דער רעפּרעזענטאַנץ האָט זיך פאַרנומען מיט פאָלגנדיקן ענין: דער יונגער גילגיטש מאיר האָט געמאָלדן: דער יודנראַט האָט איינגעפירט אַ נייעם מאָדוס פון באַלוינונג פאַר געוויסע געטאָ־באַאַמטע — אַ חוץ פּענסיע אין געלט האָט מען באַשטימט פּאַיקי פאַר אַ פאַר צענדליק מענטשן, דאָס הייסט יעדע וואָך וועלן די מענטשן באַקומען אַ פּעקל פּראָדוקטן פאַר די מינימאַלסטע פּעסטע פּרייזן.

די דאָזיקע מעלדונג האָט אַלעמען אויפגעטרייסלט. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ טומל.

ס'טייטש, האָבן אַלע געטענהט, אין אַזאַ צייט זאָל מען פּריוווילעגירן אַ פּאָר צענדליק מענטשן און דאָס אויפן חשבון פון גאַנצן כלל — די פּראָדוקטן וואָס מען וועט זיי געבן, וועט דאָך די געטאָ־פּאַרוואַלטונג אַראָפּנעמען פון דער אַלגעמיינער צאָל פּראָדוקטן, וואָס זי באַקומט פאַר אַלע יידן אין געטאָ. יידן זאָלן אַליין איינטיילן יידן אויף קאַטעגאָריעס, פריער מיט די לעבנס־שיינען, איצט מיטן געבן פּאַיקי, וואָס איז אַזוי וויכטיק ווי דער שיין.

אויף דער אַרויסגעזאָגטער סברה, אַז די געטאָ־פּאַרוואַלטונג קויפט איין צו דעם ציל ספּעציעלע פּראָדוקטן, איז געזאָגט געוואָרן: אויב אַזוי, זאָלן די פּראָדוקטן פאַרטיילט ווערן לויט דער ריי צווישן אַלע אָנגעשטעלטע. ווען עמעץ האָט איבערגעגעבן, אַז אייניקע מיטגלידער פון ראַט האָבן שוין אַזעלכע פּאַיקי באַקומען, האָט דאָס אַרויסגערופן אַ קאָנסטערנאַציע. נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע איז באַשלאָסן געוואָרן צו ווענדן זיך מיט אַ מעמאָריאַל צום יודנראַט, אַז אויב עס זיינען פאַראַן איבעריקע פּראָדוקטן, זאָלן זיי פאַרטיילט ווערן לויט דער ריי צווישן אַלע באַאַמטע.

אַזאַ מעמאָריאַל איז דערלאַנגט געוואָרן און אין אַ פּאָר טעג אַרום זיינען אַלע מיטגלידער פון דער רעפּרעזענטאַנץ אַרויסגערופן געוואָרן דרינגענדיק אין פּאַליציי־קאָמענדע. דאָרט האָט מען אונדז אויסגעשטעלט אין אַ האַלבן קרייז. אין אַ ווילע אַרום איז אין צימער אַריין גענס, און פּאָכנדיק מיט אַ בייטשל האָט ער אַ זאָג געטאָן:

„די פאַראָרדענונג אַרויסצוגעבן פּאַיקי איז מיינע. איך מוז מיינע נאָענטסטע, פאַראַנטוואָרטלעכע מיטאַרבעטער, וועלכע פירן אָן מיט רעסאָרטן, באַזאָרגן מיט לעבנסמיטל. קיינער האָט נישט קיין רעכט אַריינצומישן זיך אין דער זאַך. איר הערט ?"

„הער פּאַליציי־שעף" האָט זיך אָפּגערופן קרוק...

גענס האָט גלייך איבערגעריסן:

„קיינע רייד ניטאָ, איר וועט אַלע ביי מיר אַוועקגיין אין וואַלד אויף אַרבעט, איר הערט !... מאַרש פון דאַנען ! אַרויס !..."

ווי אָפּגעשמיסענע זיינען מיר אַלע אַרויס, און דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט די טעטיקייט פון דער פּראָפעסיאָנעלער רעפּרעזענטאַנץ.

דאָס קבלת־פּנים, וואָס מיר האָבן געהאַט ביי גענסן, האָט ביי אונדזערע נאָענטסטע אַרויסגערופן גרויס צער און זאָרג. דאָס „האַרציקע" קבלת־פּנים איז באַלד באַוווסט געוואָרן אין געטאָ. דאָס איז געווען אין מאַי אָדער אָנהויב יוני, ווען אַ סך יידן האָבן זיך טאָקע געמוטשעט אין די וועלדער ביים אַראָפּ־לאָזן ביימער און האַקן האָלץ סיי פאַר די דייטשן סיי פאַרן געטאָ.

אָבער די אינטערווענץ וועגן די פּאַיקי האָט דאָך געהאַט אַ געוויסע פּעולה. וואָס ווייטער, האָט אַלץ אַ גרעסערע צאָל מענטשן באַקומען פּאַיקי. אמת, אין קליינע צאָלן, אָבער דאָך באַקומען.

## אָרגאַניזאַציע פון געזונטהייט־וועזן

מיט אַלע געזונטהייט און סאַניטאַרע פּראָבלעמען אין געטאָ האָט אָנגעפירט די געזונטהייט־אָפּטיילונג, מיט דעם מיטגליד פון יודנראַט אַדוואָקאַט ש. מילקאַנאָוויצקי בראָש. דער שעף־דאָקטאָר איז געווען, אין ערשטן פּעריאָד, ד״ר שאַדאָווסקי, וועלכער האָט געשאַפן אַ מעדיצינישע קאָלעגיע פון 5 דאָקטוירים: ד״ר ראָזאַליאַ שאַבאַד־גאַווראָנסקאַ, קאַנטאָראָוויטש, לאַזאַר עפּשטיין, פינקעלשטיין און ראָן. די לעצטע 4 דאָקטוירים זיינען געווען קאָוונער. צי דאָס איז געווען בלויז אַ צופאַל איז מיר נישט באַקאַנט, אַ פאַקט איז אָבער, אַז אין געטאָ־פאַרוואַלטונג האָבן אַ סך ניט ווילנער פאַרנומען די העכסטע אַמטן.

אָרגאַניזירן די מעדיצינישע אַרבעט אין געטאָ איז זייער פאַרלייכטערט געוואָרן דורך דעם, וואָס ערשטנס איז אין געטאָ־ראַיאָן געווען דאָס איינגעפונדעוועטע, אַלטע יידישע שפּיטאָל, צווייטנס — אין געטאָ זיינען אַריין כמעט אַלע יידישע דאָקטוירים, וואָס ווילנע האָט פאַרמאָגט, און זיי האָבן באַקומען די „געלע״ לעבנס־שיינען.

די געזונטהייט־אָפּטיילונג האָט אָרגאַניזירט —

1) דאָס שפּיטאָל, 2) אַמבולאַטאָריע און 3) די סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישע אָפּטיילונג. די גרעסטע מעדיצינישע אינסטיטוציע איז געווען דאָס שפּיטאָל, מיטן הויפּט־דאָקטאָר מיכאל בראָדסקי בראָש, וועלכער האָט דעם אַמט פאַרנומען אויך אין פרידנסצייט.

די אַמבולאַטאָריע האָט געשאַפן, פון אָנהייב ביזן סוף, און מיט איר אָנגעפירט ד״ר קלמן שאַפּירא.

בראָש פון דער סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישער אָפּטיילונג איז געשטאַנען ד״ר ל. עפּשטיין פון קאָוונע.

### מיין שפּיטאָל־קאַריערע

באַקומענדיק מיין ראָזן שיין, האָב איך זיך גלייך געמאָלדן צום הויפּט־דאָקטאָר פון געטאָ, ד״ר מ. בראָדסקי. איך האָב זיך דאָרט דערוווּסט, אַז ד״ר בראָדסקי, אַלס הויפּט־דאָקטאָר פון שפּיטאָל, האָט אין פאַרן־געטאָ־פּעריאָד זייער פיל פערזאָנען אויסבאַהאַלטן אין שפּיטאָל און זיי געראַטעוועט פון די

„כאַפּונעס”. צווישן די אויסבאַהאַלטענע זיינען געווען דער איצטיקער פּאַרזיצער פון יודנראַט אינזש. א. פריד, דער אַדוו. מילקאנאָוויצקי און אַנדערע. זייענדיק שוין אין געטאָ, האָט ד״ר בראָדסקי ווידער געמאַכט פון שפּיטאָל אַ מעלינע אויסצובאַהאַלטן „ניט לעגאַלע” יידן. דאָס איז אָבער ניט געווען לויט דער ליניע פון די נייע מושלים. דעריבער האָט מען אים צוגענומען פון שפּיטאָל און געגעבן דעם אַמט פון הויפּט־דאָקטאָר. אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן דער לייטער פון פּרוויען־שפּיטאָל אין זווערינייעץ, ד״ר א. סעדליס. אַלע פאַר־טרעטער — ד״ר א. וויינריב (לעבט איצט אין סידניי — אויסטראַליע).

ד״ר בראָדסקי האָט אויך געהאַט אַ צווייטן „חטא”, ביים פאַרטיילן די „געלע” שיינען, האָט ער זייער שטרענג געהיטן, אַז צו יעדן שיין זאָל מען צושרייבן פאַמיליע־מיטגלידער, אַזוי פיל וויפל נאָר מעגלעך. ער האָט אין דער ערשטער ריי די שיינען געגעבן צו דאָקטוירים און אויסגענוצט יעדן פּלאַץ פאַר די אָרומיקע. ביי אים איז ניט אַנגעגאַנגען קיין שום פּראָטעקציע, פאַר־טייאישקייט, און אַוודאי ניט קיין געלט. קיין מיסברויכן זיינען דאָ ניט געווען, וואָס מען האָט ניט געקענט זאָגן וועגן אַנדערע געטאָ־אָפּטיילונגען — אויך דאָס האָט ניט געשמעקט דעם יודנראַט.

עס זיינען באַוווסט געווען פאַלן, ווען מענטשן האָבן באַקומען געלע שיינען און קיינעם ניט צוגעשריבן, הגם אַ מעגלעכקייט איז געווען צו ראַטעווען נאָך נפשות.

ד״ר בראָדסקי האָט מיך אַריבערגעשיקט אין שפּיטאָל. דאָ האָב איך באַקומען אַ פּאָסטן, אַלס נאַכט־וועכטער, ביים טויער. דעם 27סטן דעצעמבער ביינאַכט, אין אַ ברענענדיקן פראָסט, האָב איך זיך אָנגעטאָן וואַרעם, ווי נאָר מיר איז מעגלעך געווען, און איבערגענומען די שליסלען פון שפּיטאָל־טויער. אין טויער איז געווען אַ דיזשורקע מיט אַן אייזערנעם אויוון. האָלץ איז געווען גענוג. מ'האָט געקענט הייצן די גאַנצע נאַכט. טאָמער איז מען אַנטשלאָפן געוואָרן האָט די קעלט אויפגעוועקט.

דאָס שכנותדיקע צימער איז געווען דאָס... מתים־שטיבל...

אָבער איך בין געווען צופרידן. זאָל זיין אַ נאַכט־וועכטער, זאָל זיין אַ מתים־שטיבל, אַבי ניט גיין אַרבעטן צו די יעקעס. די איראָניע פון גורל האָט געוואָלט, אַז מיין ערשטער קליענט ביים טויער איז געווען דער פּאַרזיצער פון יודנראַט, אינזש. פריד. דערזעענדיק מיך, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „אַך, עטאָ ווי, דאָברי וויעטשור...” ביים טויער בין איך געווען בלויז עטלעכע טעג. אייניקע עלטערע ווילנער דאָקטוירים האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט דעם ד״ר סעדליס (אָן מיין וויסן) און מען האָט מיך באַשטימט אויף צוצונעמען ביים

טויער פּריוואַט־עסן פֿאַר די קראַנקע. דערביי האָבן געאַרבעט אויך אייניקע יונגע דאָקטוירים און סטודענטן, ווי: ד״ר וואָלפסאָן, קאַלמאַנאָוויטש א. א. וו.

אויך ביי דער דאָזיקער אַרבעט בין איך לאַנג ניט געווען. מ׳האָט מיך אַריבערגעפירט אין דער „אָבסערוואַציע״־אָפּטיילונג. די דאָזיקע אָפּטיילונג איז אין שפּיטאָל געווען נאָר טיילווייז לעגאַל — אין הויף פֿון שפּיטאָל, אין פּאַרטער, האָבן זיך געפֿונען אָט די אָבסערוואַציע־פּאַלאַטעס. אין אַ טייל זיינען געווען קראַנקע אויף: דיפטעריט, שקאַרלאַטין. אין אַנדערע — קראַנקע אויף „פּאַרא טיפוס״ און בויך־טיפוס. די אַלע קראַנקהייטן זיינען געווען לעגאַלע. אויף אָט די קראַנקהייטן האָט מען אין געטאָ געמעגט קרענקען, אָבער צווישן די פּאַציענטן זיינען געווען זייער פֿיל קראַנקע אויף פֿלעק־טיפוס. דאָס האָבן די דייטשן ניט געוואָלט טאָלערירן. פֿאַר פֿלעק־טיפוס האָבן זיי געציטערט ערגער ווי פֿאַרן טויט.

און דווקא אין דעם פּעריאָד איז אין ווילנער געטאָ געווען אַ מאַסע קראַנקע אויף פֿלעק־טיפוס. אייגנטלעך זיינען די קראַנקע גיט געווען פֿון ווילנער געטאָ. אין גרעסטן טייל זיינען דאָס געווען קראַנקע געבראַכטע פֿון די פּראָווינציעלע אַרבעט־לאַגערן. דאָרט זיינען די יידישע אַרבעטער געווען אַזוי פֿאַרלייזיקט, אַז ס׳איז בכלל קיין וווּנדער ניט, וואָס זיי האָבן זיך אָפּט אָנגעשטעקט און געקרענקט אויף פֿלעק־טיפוס. אָט די קראַנקע פֿלעגט מען ברענגען אין ווילנער שפּיטאָל און זיי אַריינגעמען אין דער „אָבסערוואַציע״־אָפּטיילונג, ווו מ׳האָט זיי פֿאַרשריבן אַלס „סטאַטוס פֿעבריליס״. ווען דער קריזיס איז אַריבער, פֿלעגט מען די קראַנקע איינשרייבן אַלס „פּאַרא טיפוס״, אָדער „טיפוס אבדאמינאליס״, ד. ה. בויך־טיפוס. דאָס אויסהאַלטן אין שפּיטאָל אַזאַ אָפּטיילונג איז געווען אַ שפּיל מיט פֿייער. מיר האָבן זייער גוט געוווּסט, אַז ווען די דייטשן האָבן אין קאָוונער יידישן שפּיטאָל אַנטדעקט קראַנקע אויף פֿלעק־טיפוס, האָבן זיי פֿאַרברענט דאָס גאַנצע שפּיטאָל מיט די קראַנקע, צוזאַמען מיטן גאַנצן געזונטן פּערסאָנאַל. אָבער צום לויב פֿון יידישן שפּיטאָל אין ווילנע מוז מען זאָגן, אַז קיין איין מאָמענט פֿון פּחד איז דאָרט ניט געווען, און הגם מען האָט אין געטאָ טראָץ אַלע קאָנספּיראַציעס, געוווּסט וועגן דעם, פֿונדעסטוועגן זיינען דורך דער אָבסערוואַציע־אָפּטיילונג אַדורכגעגאַנגען אַ מאַסע קראַנקע אויף פֿלעק־טיפוס.

איידער איך טרעט צו צו געבן אַ גענויעם באַריכט וועגן דער טעטיקייט פֿון שפּיטאָל, מוז געזאָגט ווערן אָט וואָס: אַלע געטאָ־אינסטיטוציעס זיינען געשאַפֿן געוואָרן כדי צו ראַטעווען יידן, אָדער צו פֿאַרלייכטערן זייער גורל. יעדע אָפּטיילונג איז געווען אַ קאַמף־פּאָזיציע. אָבער דאָס שפּיטאָל איז אַן אויס־נאָם: דאָס איז געווען אַ ווידערשטאַנד־פּאָזיציע, אַן אמתע מיליטערישע ווידער־

שטאַנד־באַוועגונג, וואָס האָט געקעמפט ניט מיט געווער, ניט מיט ביקסן און גראַנאַטן, נאָר מיט וויסן און מסירות־נפש, כדי אַרויסצורייסן פון דייטשע הענט וואָס מער יידישע לעבנס. זיי האָבן געוואָלט דעם טויט פון יידן, זיי האָבן געוואָלט עפּידעמיעס, זיי האָבן געזוכט אַ צייכן פון אַ פלעק־טיפוס־פאַל, כדי צו פאַרברענען די קראַנקע מיטן מעדיצינישן פּערסאָנאַל צוזאַמען. ווי זיי האָבן דאָס געטאָן אין קאָוונע. דאָס שפּיטאָל מיט זיינע 180 מיטאַרבעטער האָט באַוווּסטזיניק גענומען אויף זיך די גאַנצע געפאַר און מיט טרייקייט אויס־געהאַלטן עטלעכע געהיימע קראַנקען־אָפּטיילונגען, ווי: פלעק־טיפוס, פרויען פאַר געבורטן, אַבאָרטן. נאָכדעם ווי ד״ר מ. בראָדסקי איז אַריבערגעפירט געוואָרן אַלס הויפּט־דאָקטאָר אין דער געזונטהייטס־אָפּטיילונג, איז אויף זיין אָמט באַשטימט געוואָרן ד״ר סעדליס — אַגב, אַ גוט פּראַקטיצירטער דאָקטאָר און גלענצנדיקער אַדמיניסטראַטאָר. זיין געהילף, ד״ר אברהם וויינריב, יונג, אינטעליגענט און אַרבעטפעיק. געווען אַ מאָמענט אין די ערשטע צייטן, ווען די געשטאַפּאָ האָט געמאָלדן, אַז זיי וויסן וועגן טיפוס־קראַנקע אין געטאָ, און אויב מען וועט זיי אין 24 שעה ניט געבן די געהעריקע פאַרזיכערונג, וועלן זיי דערשיסן ד״ר סעדליסן, ד״ר בראָדסקין, ד״ר שומעלישסקי און ד״ר שאַליט. דעמאָלט האָט ד״ר וויינריב איבערגענומען דאָס צושטעלן ראַפּאָרטן. ראַפּאָרטן פלעגן געמאַכט ווערן דאָפּלטע. עכטע פלעגט מען יעדן טאָג צושטעלן צו גענסן און פאַלשע צו דעסלערן. די עכטע ראַפּאָרטן פלעגט גענס יעדן טאָג אָפּשיקן צוריק. און אַזוי איז די אַרבעט אָנגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט. אָט די דאָזיקע מסירות־נפשדיקע טעטיקייט פון יידישן מעדיצינישן פּערסאָנאַל איז אויפן העכסטן אופן אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך די געטאָ־יידן. אַלע האָבן געוווּסט, אַז ביי אַלע קאָנספּיראַציעס איז דאָס ניט געווען קיין סוד, אַז אין געטאָ זיינען פאַראַן טיפוס־קראַנקע. אין געטאָ זיינען געווען פאַלן פון מסירות און פאַראַט מצד געוויסע יידישע אויסוואורפן, אָבער דאָס שפּיטאָל האָט קיינער פון זיי ניט געדירט. מיט אַ ריין געוויסן קען מען זאָגן, אַז סיי די דירעקציע סיי די מיטאַרבעטער פון די געהיימע פרויען־ און טיפוס־אָפּטיילונגען, זיינען געווען קעמפער, וואָס זייער לעבן איז שטענדיק געווען אין אַ פּילפּאַכיקער געפאַר. דעם שווערן עקזאַמען, אָט די געוואַלטיקע מסירות־נפשדיקע אַרבעט האָט דער יידישער, מעדיצינישער פּערסאָנאַל אויסגעהאַלטן אין דער פולער מאָס.

ווען איך בין אַריין אין דער אָפּטיילונג, איז דעמאָלט געווען אָרדינאַטאָר ד״ר שומעלישסקי. פון צייט צו צייט פלעגט אַריינקומען פּרוי ד״ר עמיליע שאַליט, אַלס קאָנסולטאַנטין, ווען מ׳האָט קראַנקע אויסגעשריבן. דער הויפּט־נערוו פון דער אָפּטיילונג איז געווען דער אַלטער פעלדשער, בער לעווינסאָן. אַן אַלטער, גוט־אויסגעפּראַקטיצירטער פעלדשער, איז ער געווען מיט לייב און

לעבן איבערגעגעבן די קראַנקע. ער פלעגט אין פּאַלאַטע אַרבעטן דעם גאַנצן טאָג. ביינאַכט האָבן דיזשורירט קראַנקן־שוועסטערס. פון די שוועסטערס האָבן אין דער אָפּטיילונג, אין פאַרשיידענע צייטן, געאַרבעט: מאַשע אנאליק מיטן מאַן, וואָלפסאָן־העקעלמאַן, ליבערמאַן עווא, סאראסיי חנה. סאַניטאַרינס זיינען געווען: טורגעל סאָניע, בוך מינע, וואשגיל געניע, מעלץ ליזע, סאַראָקע חנה און שרה קאַפּלאַן. אייניקע פון די אויסגערעכנטע האָבן גלייך ביים אָנהייב פון דער אַרבעט זיך אָנגעשטעקט און אַליין דורכגעקרענקט דעם פלעק־טיפוס. ווען איך בין אַריין אין דער אָפּטיילונג, האָט מיר די פרוי ד״ר שאליט דערלאַנגט אַ צעטעלע מיט מיינע פליכטן:

ברענגען האָלץ אויף צו הייצן 6—8 אויוונס יעדן טאָג. צונעמען די שמוציקע זאַכן פון די קראַנקע, פאַרשרייבן און פאַרפּאַקן דאָס אין לייוונטענע זעקלעך, דעזינפעקצירן און אָפּגעבן די פּעקלעך אין אַ צעכהויז אויף דער צייט פון דער קראַנקהייט און צום סוף — אַרויסגעבן דעם קראַנקן זיינע זאַכן, ביים אויסשרייבן אים פון שפּיטאָל.

די שווערסטע זאַך איז פאַר מיר געווען צו ברענגען יעדן טאָג אַזוי פיל האָלץ צום הייצן די אויוונס. דערצו נאָך פלעגט טרעפן, אַז קיין געזעגט און געהאַקט האָלץ איז ניט געווען, האָט מען אָפּט געמוזט אַליין זעגן און האַקן. מיט דער צייט האָט מען זיך צו דעם צוגעוווינט און אַ סך דאָקטוירים און שפּיטאָל־מיטאַרבעטער פלעגן, אַלס ספּאָרט זעגן און האַקן האָלץ. צו דער אַרבעט האָב איך זיך גוט צוגעפּאַסט און בין דאָ געווען ביז דער ליקווידאַציע פון דער אָפּטיילונג.

אין געטאָ איז ניט געווען ווו זיך אַהינצוטאָן. אין טעאַטער, אויף קאָנצערטן פלעגן מיר ניט גיין. פלעג איך זיצן שעהען אין דער אָפּטיילונג און שמועסן מיט לעווינסאָנען, וועלכער איז געווען אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע פון דער ווילנער יידישער מעדיצינישער וועלט, פאַר די לעצטע 50 יאָר. ער האָט מיר אָנדערציילט מעשיות וועגן די באַרימטע, אַלטע יידישע דאָקטוירים פון ווילנע, ווי: טראַכטענבערג, סטעמבא, ראָזענקראַנץ א.א.וו. ער פלעגט דערציילן, ווי אַזוי מ׳האָט אַמאָל געהיילט, ווי מ׳פלעגט אַ קראַנקן „פּרעסן״ מיט אַ פּרעס־אייזן דעם בויך (קיין עלעקטרישע גאָרעלקעס זיינען ניט געווען, אַפילו קיין גומענע זעקלעך אויך ניט). לעווינסאָן האָט צענדליקער יאָרן געאַרבעט אין ווילנער יידישן שפּיטאָל. דערציילט ער אונדז אַ מאָל אַזאַ מעשה: אַ געוויסע צייט האָט זיך די משוגעים־אָפּטיילונג פון שפּיטאָל געפונען אויפן צווייטן שטאָק. פאַרגלוסט זיך אַמאָל אַ קראַנקן איינצוּוויקלען זיך אין אַ ווייסן ליילעך און... היידאַ דורכן פענצטער... אין דעם מאָמענט איז אָנגעפאָרן אַ פויעריש פורל, און דער פויער, דערזעענדיק אַז פון הימל פליט אויף אים עפּעס אין

ווייסן, אין געשטאָלט פון אַ מענטש, צי אַ מלאך — איז ער געפאַלן אַ טויטער אויפן אָרט אין וואָגן, אונטערן דרוק פון שפּרינגער, וואָס איז אויף אים אַרויפגעפאַלן. דעם משוגענעם האָט מען, אַ גאַנצן, אַריינגעפירט אין שפּיטאָל...

לעווינסאָן האָט מיר אויך איבערגעגעבן גענויע פּרטים וועגן די לעצטע טעג פון ד״ר גריגאָרי גרשון. ד״ר גרשון איז געווען אין ווילנע איינער פון די אָנגעזעענסטע, געבילדעטסטע און אַקטיוו־טעטיקסטע יידישע דאָקטוירים. לאַנגע יאָרן געווען אָרדינאַטאָר טאַקע אין זעלבן שפּיטאָל. פאָרזיצער פון יידישן דאָקטוירים־פאַראיין; פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; ראַטמאַן אין דער יידישער קהילה. לעצטנס איז ער געווען דער הויפּט־טוער אין „מושב זקנים״, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן דורכן באַקאַנטן ווילנער באַנקיר ישראל בונימאָוויטש. ד״ר גרשון איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען פאָרזיצער פון דער מעדיציניש־סאַניטאַרער צענטראַלע ביי דער ווילנער קהילה, וועלכע האָט מיט די געלט־מיטלען פון ניי־געשאַפענעם „דזשאָינט״ דורכגעפירט די אויפבוי־אַרבעט אויפן מעדיציניש־סאַניטאַרן געביט פון די חרוב־געוואָרענע שטעטלעך. ערן־סעקרעטאַר איז געווען ד״ר מ. בראָדסקי און איך דער פאַרוואַלטער. די זעלבע צענטראַלע האָט געשאַפן און אַרויסגעגעבן צווישן אַנדערן דעם זשורנאַל „פאָלקס־געזונט״ — אגב ד״ר גרשון איז געווען אויף מיין חתונה און געמאַכט איינע פון די שבע ברכות.

אַריינקומענדיק אין געטאָ איז ד״ר ג. אַלט געווען איבער די אַכציק. ער איז אַריין אין שפּיטאָל. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז זיין פרוי באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיטן באַרימטן כירורג פון וואַרשע ד״ר סאָלאָווייטשיק. אין אַ געוויסן אָוונט, ווען זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן אין דער פּאַלאַטע אויף זייערע בעטלעך, זיינען אַריין אין צימער אַ פּאָר יונגע יידישע שניעקעס, כמעט־דאָקטוירים, און האָבן זיי אַראָפּגעטריבן פון די בעטלעך, זאָגנדיק: „איר אַלטע קענט שלאָפן אַ גאַנצן טאָג און מיר מוזן מאָרגן גיין גאַנץ פרי צו דער אַרבעט. איר קענט שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע״. די צוויי אַלטע דאָקטוירים האָבן מיט גרויס עגמת־נפש געמוזט אויספירן דעם באַפעל. מער זיינען זיי שוין דאָ ניט אַריין. ד״ר גרשון איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל־קלויז, וואָס האָט זיך געפונען אין טויער פון שפּיטאָל־הויף. ד״ר סאָלאָווייטשיק איז בכלל אַוועק פון געטאָ. אין קלויז איז ד״ר גרשון געווען עטלעכע טעג. „איר זעט, האָט ער געזאָגט צו לעווינסאָנען, אויף דער עלטער בין איך געוואָרן אַ קלויזניק״... גלייך נאָך דעם האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן.

דער זעלבסטמאָרד האָט געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. ערשטנס — דער עצם פאַקט — זעלבסטמאָרד! אין געטאָ און ביזן געטאָ זיינען אין ווילנע

פאַרגעקומען געציילטע פאַלן פון זעלבסטמאָרד. פשוט, אויף די פינגער איבער־צוציילן. די דייטשן האָבן אָפּט באַוווּנדערט, הלמאי יידן באַגייען ניט קיין זעלבסטמאָרד. זיי פלעגן אָפּט זאָגן: „איר לעבט אין אַזעלכע שווידערלעכע באַדינגונגען און קענט אַפילו קיין זעלבסטמאָרד ניט באַגיין". אָבער וואָס מער די באַדינגונגען זיינען געווען שווידערלעכער, אַלץ שטאַרקער איז געווען דער ווילן צום לעבן און איבערלעבן. אין די באַדינגונגען מאַכן אַ סוף צום לעבן איז געווען אייגע פון די לייכטסטע זאַכן. דער עצם־כוח, די אמתע העלדישקייט איז טאַקע באַשטאַנען אין איינהאַלטן דאָס לעבן, קעמפן פאַרן לעבן, איבער־קאָמבינירן די דייטשן מיט אַלץ וואָס מען קען, נאָר דערלעבן זייער פינצטערן סוף. ווער האָט דען געקענט זיין אַ נביא און וויסן, אַז מיר זיינען שוין אַלע, אָבער טאַקע אַלע, אַן אויסנאַם, פאַראורטיילט צום טויט, און פאַנאַר איז דערצו ווייניק, מען גרייט שוין פאַר אונדז אויך מיידאַנעק, קייזערוואַלד, שטוטהאָף, עסטלאַנד א.א.וו. מיט איין וואָרט, דער זעלבסטמאָרד פון אַזאַ האַרציקן, טייערן ייד האָט אַלעמען אויפגעטרייסלט. די טראַגישע ידיעה האָבן מיר זיך דערוווּסט אין דעם קליינעם געטאָ און אויף אַ פאַרזאַמלונג פון יודנראַט מיט די לייטערס פון די אינסטיטוציעס האָבן מיר באַערט דעם אָנדענק פון טייערן נפטר.

איך האָב געאַרבעט, ווי געזאָגט, אין שפּיטאָל און געלעבט פון פאַרקויפן שטוב־זאַכן. איך האָב בשום אופן ניט געוואָלט גיין אין שטאָט אויף אַרבעט, כדי ניט צו פאַרגרעסערן די געפאַרן, וועלכע האָבן אויף אונדז סיי ווי געלויערט פון אַלע זייטן.

אין געטאָ איז קיין שום עפּידעמיע ניט געווען. פאַלן פון אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן האָבן זיך געטראָפן, אָבער קיין עפּידעמישן, מאַסן־כאַראַקטער האָט דאָס ניט געטראָגן. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער נס מן השמים און אַ רעזולטאַט פון אַ גלענצנדיק אָרגאַניזירטן סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישן אַפּאַראַט. דער אָרגאַניזירטער קאַמף פאַר ריינקייט, אָט אין די קאַטאַסטראָפאַלע באַדינגונגען, די צוויי אויסגעבויטע, גלענצנדיק פונקציאָנירנדיקע בעדער, די שטענדיקע פראָפּאַגאַנדע פאַר ריינקייט — האָט געגעבן גוטע רעזולטאַטן און דאָס געטאָ איז טאַקע אויסגעהיטן געוואָרן פון עפּידעמיעס.

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען די לאַגע פון די יידישע אַרבעטער אין די פּראָווינציאַנעלע לאַגערן. דאָרט פלעגן זיי אומקומען פון לייז און שמוץ. איך דערמאָן זיך פאַלגנדיקן פאַל: פון רעשער אַרבעט־לאַגער האָט מען געבראַכט אין שפּיטאָל אַריין אַ קראַנקן מיט גרויסע היץ. דער קראַנקער איז געווען שוואַרץ ווי די ערד. זיין אויסזען האָט מיר דערמאָנט אַ קראַנקן אויף כאָלערע, וואָס איך האָב געזען אין 1915, בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, דעם קראַנקן האָט מען גענומען וואַשן אין אַ וואַנע. די ערשטע עטלעכע וואַנעס

וואַסער זיינען געוואָרן שוואַרץ ווי די ערד. ערשט ביי דער פינפטער וואַנע איז מען קוים דערגאַנגען צום נאָרמאַלן אויסזען פון אַ מענטש. די קליידער פונעם קראַנקן זיינען געווען אַזוי פאַרלייזיקט, אַז עס איז קיין רייד נישט געווען וועגן דעזינפעקציע. איך האָב געבראַכט אַ גאַנצע קאָמיסיע פון עטלעכע פערזאָן און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַלע זיינע זאַכן צו פאַרברענען. מיר האָבן באַוווּנדערט, ווי אַזוי האָט דער דאָזיקער מענטש געקענט אַרומגיין מיט אַזוי פיל לייז! דער דאָזיקער קראַנקער איז דורך דער סאַניטאַרין שרה קאַפּלאַן געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „גראַף”.

נאַטירלעך האָבן ניט געפעלט קיין טויט־פאַלן צווישן די טיפוס־קראַנקע.

צווישן זיי איז אויך געווען דער יונגער אַרטיסט ליפּאָווסקי שמחה, וועלכן איך האָב איבערגענומען ביים אַנקומען אין שפּיטאָל. דערנאָך אים, אַ טויטן, אַרויסגעטראָגן פון פּאַלאַטע. די גרעסטע צאָל קראַנקע איז געווען אין די ווינטער־חדשים 1941/42. צו פרילינג זיינען כמעט אַלע אַרויס פון דער אָפּטיי־לונג. די לעצטע 2 קראַנקע פון דער אָפּטיילונג זיינען געווען — מיינע צוויי קינדער.

מיט זייער אַרויסגיין פון שפּיטאָל איז די גאַנצע טיפוס־אָפּטיילונג געשלאָסן געוואָרן. זייענדיק אַ גאַנצן טאָג צווישן טיפוס־קראַנקע פלעג איך זיך זייער היטן. פאַר זיך אַליין האָב איך ניט מורא געהאַט. איך בין אויף פלעק־טיפוס קראַנק געווען בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 1918/19. געהיטן האָב איך די גאַנצע שטוב — אָבער, ס'זעט אויס, אַז אַזוי איז באַשערט געווען — ממש אין לעצטן מאָמענט דורכצומאַכן אָט די פּלאָג מיט די קראַנקהייטן. און וואָס אין דעם אייגנטלעך דער וווּנדער? פאַרקערט, ס'וואָלט געווען אַ וווּנדער, ווען ביי אַזאַ ענגשאַפט, ביי אַזעלכע שוידערלעכע לעבנס־באַדינגונגען, וואָלט איך ניט אָנגעשטעקט מיינע נאָענטסטע שטוב־מענטשן. מיט איין וואָרט, גלייך נאָך פּסח האָט גענומען זיך ברעכן די טאָכטער. זי האָט באַקומען גרויסע היץ און מיין פריינט ד״ר קאָלאָדניי האָט גלייך פאַראָרדנט זי אַוועקצופירן אין שפּיטאָל.

מיט גרויס שוועריקייטן האָבן מיר זי קוים אַרויסגעצויגן דורכן לאָך, און ניט ווילנדיק מאַכן קיין גערודער, האָב איך זי אונטערן אָרעם אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן די דאָקטוירים פעסטגעשטעלט, אַז דאָס מיידל איז קראַנק אויף אַלע 3 טיפוסן: פּאַראַ־, בויך־ און פלעק־טיפוס. אַזאַ פאַל איז בכלל געווען אַ מעדיציניש זעלטנהייט. אין די זעלבע טעג האָט גענומען זיך איינברעכן אויך דער זון. אַוועקגעפירט אים אין שפּיטאָל אַריין און דאָרט האָט מען פעסטגעשטעלט ביי אים גאָר 2 טיפוסן — פּאַראַ־ און בויך־טיפוס.

דאָס איז געווען אין אַפּריל חודש 1942. די צאָל קראַנקע אין דער אָפּטיילונג איז מיט יעדן טאָג געוואָרן ווייניקער. אין די פּאַלאַטעס זיינען געווען קראַנקע שוין נאָכן קריזיס. איצט, ביי אַזאַ לאַגע, בין איך שוין טאָג און נאַכט געווען אין שפּיטאָל. די קראַנקהייט ביי דער טאָכטער איז געגאַנגען זייער שווער. זי פלעגט אָן אויפהער רעדן פון היץ, שפּרינגען פון בעט א.א.וו. מען האָט זי געמוזט היטן אָן אויפהער. ביז מיר האָבן זוכה געווען איבערצולעבן דעם קריזיס, האָט אונדז ניט ווייניק לעבן און געזונט געקאָסט.

נאַטירלעך האָט מיר דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל פון דער אָפּטיילונג געהאָלפן אין דעם אומגליק. מיט דער גרעסטער דאַנקבאַרקייט דערמאָן איך איצט די אַלע חברים, וואָס האָבן מיר דאַן אַזוי פיל ליבשאַפט און האַרציקייט אַרויסגעוויזן.

צו דער צייט האָט די סאַניטעט־פּאָליציי אַרויסגעטריבן אַלעמען פון אונדזער דירה, אָוועקגעפירט אַלע אין באָד אַריין, דורכגעפירט אַ גרינטלעכע דעזינ־פעקציע אין שטוב, אַלע וואָכע זאָכן צוגענומען צו דעזינפעקצירן. די שטוביקע זיינען געווען געוואַלדיק ניט צופרידן מיט דעם גאַנצן „טאַראַראַם", אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. אַלע פאַרהיטונגס־מיטלען זיינען דורכגעפירט געוואָרן ביז צום סוף. ס'פאַרשטייט זיך, אַז נאָר אַדאַנק אָט די פאַרהיטונגס־מיטלען, וואָס פלעגן שטענדיק אָנגעווענדט ווערן ביי יעדן פאַל פון אַן אַנשטעקנדיקער קראַנקהייט אין געטאָ, איז טאַקע געלונגען אויסצוהיטן דאָס געטאָ פון עפּידע־מישע קראַנקהייטן.

אין די טעג, ווען ביידע מיינע קינדער זיינען געלעגן אין שפּיטאָל, אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד און געברענט פון היץ ווי פייער, גיט מען אונדז צוּוויסן, אַז אין שפּיטאָל איז געקומען אַ דייטשישע מעדיצינישע קאָמיסיע אויף אַן אינספּעקציע. האָט עס מיר אָפּגענומען הענט און פיס. איין קלייניקייט! עס פעלט נישט מער, אַז זיי זאָלן חלילה דאָ אַריינפאַלן און געפינען די טעלעכע קראַנקע און צווישן זיי — פלעק־טיפוס!

דאָס גאַנצע שפּיטאָל, נאַטירלעך אונדזער אָפּטיילונג אין דער ערשטער ריי, זיינען אַרומגעגאַנגען ווי צעטומלטע. ווי אַזוי פאַרהיט מען פון אַן אומגליק? ווי אַזוי פאַררעדט מען זיי, אַז זיי זאָלן צו דעם שפּיטאָל־ווינקל ניט דערגיין. די היץ־קאַרטעס זיינען געווען צוגעגרייט ווי געהעריק. ביי אַלעמען איז געווען אָנגעצייכנט — „אַבדאָמינאַליס" אָדער „סטאַטוס פּעברילים". די דייטשישע דאָקטוירים־קאָמיסיע האָט אין שפּיטאָל פאַרבראַכט אַ לאַנגע צייט. אַ חוץ אונדזער געהיימער אָפּטיילונג איז אין שפּיטאָל געווען נאָך אַ געהיימע קימפּעטאָרן־אָפּטיילונג, ווייל לויט דער פאַראָרדענונג פון די דייטשן האָט מען אין געטאָ ניט געטאָרט קינדלען.

יעדע ווײַלע פלעגן מיר באַקומען קאָמוניקאַטן ווו זיי געפינען זיך, ווו זיי גייען, ווו זיי שטייען. מײַנע פערזענלעכע איבערלעבונגען בעת זייער באַזוך בין איך ניט אימשטאַנד איבערצוגעבן. די גאַנצע אָפּטיילונג איז כמעט אָפּגעריייניקט פון קראַנקע. מיט מײַן פּראָסטער פשוטער אַרבעט האָב איך געהאָלפן אַזוי פיל קראַנקע און פאַרלײַכטערט זייער שווערן גורל און איצט, צום סאַמע סוף, בין איך געבליבן שטיין, אין אַזאַ העליש פּייער — מיט ביידע קינדער צוזאַמען. מילא איך — פאַרפאַלן, ווי אַלע אַנדערע מיטאַרבעטער פון דער טראַגישער אָפּטיילונג, אָבער די קינדער מײַנע! גאָט ווייסט, וואָס דאָ וועט פאַרקומען, אויב די קאָמיסיע זאָל דאָ, חלילה, אַרײַנפאַלן! מיר האָבן אַפילו געקלערט אָנהויבן צו באַהאַלטן די עטלעכע קראַנקע. אָבער דאָס איז געווען צו ריזיקאַליש און צו שפּעט. די גאַנצע צײַט פון דער אינספּעקציע בין איך אַרומגעגאַנגען אין דער אָפּטיילונג ווי ניט ביים זינען, קלערנדיק און זוכנדיק וועגן און מיטלען ווי אַזוי צו ראַטעווען. אַלע מיטאַרבעטער פון דער אָפּטיילונג און פון גאַנצן שפּיטאָל זײַנען אַרומגעגאַנגען אין טויט־שרעק. (פאַל קאָוונע איז געשטאַנען פאַר די אויגן). פון אַלע בין איצטיקע אומגליקן האָב איך זיי אַרויסגעצויגן, פון אַלע טשיסטקעס זיי אויסגעהיטן, כדי איצטער, חלילה, אומצוקומען...

אָבער דער מענטש איז שטאַרקער פון אײַזן. מיר האָבן זוכה געווען צו באַקומען אַ שטאַפּעט, אַז די קאָמיסיע איז אַרויס פון שפּיטאָל. די שפּיטאָל־דירעקציע האָט זיי אַרומגעפירט איבעראַל, אויסמײַדנדיק גליקלעך די אָנגע־ווייטיקטע און באַהאַלטענע ערטער.

אין אונדזער אָפּטיילונג איז געוואָרן ששון ושמחה. מיר האָבן זיך געדריקט די הענט פאַר פרייד. מיט הייסע טרערן בין איך צוגעפאַלן צו די בעטן פון די קינדער און זיי געקושט. זיי זײַנען געלעגן אָן באַוווסטזיין און ניט געוווּסט אַפילו וועגן זייער גרויס גליק...

פאַר דער צײַט פון דער שוידערלעכער היטלער־תּקופה האָב איך דורכ־געמאַכט פיל טראַגישע מאָמענטן, אָבער אָט די איבערלעבונג איז ביי מיר געבליבן אין זכרון ווי די טראַגישסטע.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז פאָרגעקומען די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון דער אָבסערוואַציע־אָפּטיילונג. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז אין שפּיטאָל פאָרגעקומען אַ „פײַערלעכער באַנקעט״, צו וועלכן עס זײַנען אײַנגעלאַדן געוואָרן די פּני פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג.

## אָבסערוואַציע־אָפּטיילונג

פֿאַרן 1942 האָט די אָבסערוואַציע־ (אינפֿעקציע) אָפּטיילונג געהאַט 530 קראַנקע, וואָס האָט אויסגעמאַכט 17.7% פֿון דער אַלגעמיינער צאָל קראַנקע אין שפּיטאָל פֿאַרן יאָר. די ספּעציעלע צוטיילונג פֿון די קראַנקע שטעלט זיך פֿאָר אַזוי:

| | | |
|---|---|---|
| פּאַראַ־טיפֿוס און בויך־טיפֿוס | 113 פֿאַלן | 26.4% |
| שקאַרלאַטין | „ 89 | 21.0% |
| אינפֿלוענציע | „ 113 | 26.4% |
| דיפֿטעריט | „ 112 | 26.2% |

אַ גרויסע טייל פֿון דער ערשטער פּאָזיציע — פּאַראַ און בויך־טיפֿוס — ווי בכלל די גאַנצע פּאָזיציע „אינפֿלוענציע" — איז פֿלעק־טיפֿוס.

אינטערעסאַנט איז צו פֿאַרגלייכן אָט די געטאָ־ציפֿערן מיט די ציפֿערן פֿון פֿאַרן קריג אין שטאָט ווילנע.

אויף הונדערט טויזנט איינוווינער זייַנען אין ווילנע געווען:

| אין די יאָרן | | | | |
|---|---|---|---|---|
| 1935—37 | בויך־טיפֿוס | 66 | אין געטאָ | 272 |
| „ | דיפֿטעריט | 89 | „ „ | 622 |
| „ | שקאַרלאַטין | 68 | „ „ | 505 |
| „ | אינפֿלוענציע | 45 | „ „ | 738 |
| „ | לועס, גאָנאָרעאָום א.א. | 483 | „ „ | — (קיין פֿאַל ניט) |
| „ | אַנדערע | 325 | „ „ | — „ „ „ |
| | | 1076 | | 2897 |

באַוועגונג פֿון קראַנקע אין שפּיטאָל פֿאַר דער צייט פֿון 1942:

| | פֿעברואַר 1—28 | מאַי 1—31 | יוני 1—30 | יולי 1—8 |
|---|---|---|---|---|
| געבליבן אויפֿן 1טן פֿעברואַר | 184 | 165 | 154 | 167 |
| אָנגעקומען | 250 | 209 | 257 | 53 |
| דורכשניטלעך יעדן טאָג | 8.9 | 6.7 | 8.6 | 6.6 |
| אויסגעשריבן | 225 | 200 | 227 | 58 |
| דורכשניטלעך יעדן טאָג: | 8 | 6.5 | 7.6 | 7.2 |
| געשטאָרבן | 40 | 16 | 17 | 1 |

געבליבן אויפֿן 1.3: 169; אויפֿן 9 יולי: 161.

| | פעברואַר 1—28 | מאַי 1—31 | יוני 1—30 | יולי 1—8 |
|---|---|---|---|---|
| געשטאָרבן אין עלטער ביז 1 יאָר | 9 | 0 | 2 | 0 |
| פון 1 ביז 3 יאָר | 1 | 1 | 1 | 0 |
| פון 3 ביז 7 יאָר | 2 | 1 | 1 | 0 |
| פון 7 ביז 14 יאָר | 0 | 0 | 1 | 0 |
| פון 14 יאָר און העכער | 28 | 14 | 12 | 1 |
| | 40 | 16 | 17 | 1 |

בעט־טעג אין פעברואַר 5.144; אין מאַי — 5.032; אין יוני — 4.490; אין 8 טעג יולי — 1.319. דורכשניטלעכע צאָל בעט־טעג — 184; אין פעברואַר — 184; אין מאַי — 162; אין יוני — 166; אין די 8 טעג יולי — 165.

פאַרן 1942 יאָר זיינען פון שפּיטאָל אַרויס 3022 קראַנקע, וועלכע זיינען קראַנק געווען אויף פאָלגענדיקע קראַנקהייטן:

## גינעקאָלאָגישע אָפּטיילונג

די צאָל קראַנקע 429 (4.3% פון דער אַלגעמיינער צאָל קראַנקע).
בעט־טעג — 3091 (5.3% פון דער אַלגעמיינער צאָל בעט־טעג).
דורכשניטלעך — 7 טעג.

| חודש | בלוטונגען | אָפּעראַציעס ביז 4 חדשים | ביים מפּיל זיין אין צווייטער שוואַנגערשאַפט | אַנדערע אָפּעראַ־ציעס | צוזאַמען |
|---|---|---|---|---|---|
| יאַנואַר | 23 | 6 | — | 5 | 34 |
| פעברואַר | 24 | 17 | 3 | — | 44 |
| מערץ | 17 | 14 | 1 | — | 32 |
| אַפּריל | 12 | 20 | 7 | 2 | 41 |
| מאַי | 10 | 18 | 2 | 6 | 36 |
| יוני | 1 | 28 | 3 | 7 | 39 |
| יולי | 3 | 21 | 3 | 5 | 32 |
| אויגוסט | 6 | 20 | 4 | 6 | 36 |
| סעפּטעמבער | 8 | 13 | 3 | 5 | 29 |
| אָקטאָבער | 4 | 20 | 2 | 1 | 27 |
| נאָוועמבער | 5 | 27 | 2 | 6 | 40 |
| דעצעמבער | 4 | 20 | 1 | 5 | 30 |
| | 117 | 224 | 31 | 48 | 420 |
| פּראָצענט: | 27.7 | 53.3 | 7.4 | 11.6 | 100 |

2 טויט־פאַלן — 0.48%.

## רענטגען־קאַבינעט

צום אָנהויב פון יאָר־באַריכט (1942) איז טעטיק געווען נאָר איין איינציקער רענטגען־דיאַגנאָסטישער אַפּאַראַט. פון צווייטער העלפט אויגוסט זיינען אויך איינגעפירט געוואָרן רענטגען־טעאוראפּעטישע באַהאַנדלונגען. דער רענטגען־קאַבינעט דערליידיקט אַלע רענטגען־אויפגאַבן, — אין דער דיאַגנאָסטישער אָפּטיילונג — דורכלויכטונגען און אויפנאַמען, אין דער טעאוראַפּעטישער אָפּטיילונג — הויט, מיטעלע און טיפע היילונגען.

### 1. רענטגען־דיאַגנאָסטיק

אין לויף פון יאָר זיינען אַדורכגעפירט געוואָרן 3411 דורכלויכטונגען און אויפנאַמען; ד. ה. 9—10 טעגלעך. אַ גענוי בילד וועגן דער טעטיקייט גיט די טאַבעלע נומער 24:

טאַבעלע 24

| חודש | דורכלויכטונגען: לונגען | מאַגן | כירורגיע | אויפנאַמען | צוזאַמען |
|---|---|---|---|---|---|
| יאַנואַר | 78 | 75 | 4 | 62 | 219 |
| פעברואַר | 67 | 54 | 8 | 38 | 167 |
| מערץ | 100 | 42 | 5 | 49 | 196 |
| אַפּריל | 157 | 30 | 2 | 49 | 238 |
| מאַי | 186 | 33 | 4 | 28 | 251 |
| יוני | 241 | 30 | 3 | 46 | 320 |
| יולי | 308 | 42 | 2 | 63 | 415 |
| אויגוסט | 262 | 30 | 5 | 46 | 343 |
| סעפּטעמבער | 200 | 31 | 8 | 46 | 285 |
| אָקטאָבער | 226 | 54 | 4 | 57 | 341 |
| נאָוועמבער | 172 | 36 | 6 | 33 | 247 |
| דעצעמבער | 280 | 27 | 10 | 72 | 389 |
| | 2277 | 484 | 61 | 589 | 3411 |
| אין פּראָצענט: | 66.7 | 14.2 | 1.8 | 17.3 | 100 |
| דורכשניטלעך אין חודש | 190 | 40 | 5 | 49 | 284 |

פון דער טאַבעלע איז צו זען, אַז די גרעסטע צאָל אַרבעט אין רענטגען־קאַבינעט איז געווען לונגען־ און האַרץ־דורכלויכטונגען, אומגעפער ⅔ פון דער אַלגעמיינער צאָל. גאָר אַ גאַנץ קליינער פּראָצענט פאַלט אויס אויף כירורגישע דורכלויכטונגען. אויף 5 דורכלויכטונגען פאַלט אויס איין אויפנאַמע.

די ווייטערדיקע צוויי טאַבעלן אילוסטרירן דעם אָנטייל פון באַזונדערע אָפּטיילונגען אין דער אַרבעט פון רענטגען־קאַבינעט.

טאבעלע 25

| חודש | פאר דעם שפיטאל אינערלעכע | כירורגיע | קינדער | צוזאמען צאל | % | פארן אמבולאטאריע צאל | % |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| יאנואר | 63 | 27 | 4 | 104 | 47 | 115 | 53 |
| פעברואר | 56 | 25 | 8 | 89 | 53 | 78 | 47 |
| מערץ | 61 | 19 | 7 | 87 | 44 | 109 | 56 |
| אפריל | 81 | 21 | 11 | 113 | 47 | 125 | 53 |
| מאי | 77 | 11 | 16 | 104 | 41 | 147 | 59 |
| יוני | 99 | 10 | 20 | 129 | 40 | 191 | 60 |
| יולי | 118 | 8 | 20 | 146 | 35 | 269 | 65 |
| אויגוסט | 69 | 4 | 26 | 99 | 30 | 243 | 70 |
| סעפטעמבער | 72 | 12 | 21 | 105 | 37 | 180 | 63 |
| אקטאבער | 102 | 17 | 13 | 132 | 39 | 209 | 61 |
| נאוועמבער | 84 | 14 | 4 | 102 | 41 | 145 | 59 |
| דעצעמבער | 111 | 25 | 17 | 153 | 39 | 236 | 61 |
| | 993 | 193 | 177 | 1363 | 40 | 2048 | 60 |
| חודשדיקער דורכשניט | 83 | 16 | 15 | 114 | | 170 | |

פון דער טאבעלע איז צו זען, אז 60 פראצענט פון דער טעטיקייט פון רענטגען־קאבינעט איז געווען פאר דער אמבולאטאריע.

פון דער איבעריקער טעטיקייט איז מער ווי צוויי דריטל (73 פראצענט) ארבעט געווען פאר דער אינערלעכער אפטיילונג.

די ווייטערדיקע טאבעלע גיט אן איבערבליק איבער דער יערלעכער טעטיקייט פון דער דיאגנאסטישער אפטיילונג פון רענטגען־קאבינעט.

טאבעלע נומער 26

| | דורכלייכטונגען לונגען | מאגן | כירורגישע | אויפנאמען | צוזאמען |
|---|---|---|---|---|---|
| אינערלעכע אפטיילונג | 701 | 222 | — | 70 | 993 |
| כירורגישע | 51 | 27 | 23 | 92 | 193 |
| קינדער־אפטיילונג | 164 | 6 | — | 7 | 177 |
| | 916 | 255 | 23 | 169 | 1363 |
| פראצענט | 67.2 | 18.7 | 1.7 | 12.4 | 100 |
| אמבולאטאריע | 1361 | 229 | 38 | 420 | 2048 |
| פראצענט | 66.4 | 11.2 | 1.8 | 20.6 | 100 |
| צוזאמען | 2277 | 484 | 61 | 589 | 3411 |
| פראצענט | 66.6 | 4.2 | 1.8 | 17.4 | 100 |

פון דעם איז צו זען דאָס די אינערן־ און קינדער־אָפּטיילונגען האָבן אין דער ערשטער ריי אויסגענוצט די דורכלויכטונגען (ביי 95 פּראָצענט פון אַלע דורכלויכטונגען פון שפּיטאָל).

אין אַ קלענערן פאַרנעם באַנוצן די אָפּטיילונגען די אויפנאַמעס. די כירורגישע אָפּטיילונג דאַקעגן באַנוצט זיך אַממייסטן מיט אויפנאַמעס (כמעט 56% פון אַלע אויפנאַמעס). דאָס אַמבולאַטאָריע מאַכט זייער פיל אויפנאַמען, איבער 71% פון אַלע אויפנאַמען אין יאָר.

## 2. רענטגען־טעראַפּיע

1) **דער רענטגען־טעראַפּיע־קאַבינעט איז טעטיק זייט דער צווייטער העלפט** אויגוסט 1942. במשך פון די 5 חדשים זיינען דורכגעפירט געוואָרן 499 סעאַנסן.

די ווייטערדיקע טאַבעלע גיט אַ גענוי בילד וועגן דער טעטיקייט פון דער רענטגען־טעראַפּיע.

טאַבעלע נומער 27

| | באַשטראַלונגען הויט | מיטעלע | טיפע | צוזאַמען |
|---|---|---|---|---|
| אינערלעכע אָפּטיילונג | — | 21 | 60 | 81 |
| קינדער | 1 | 1 | — | 2 |
| כירורגיע | — | 23 | 38 | 61 |
| | 1 | 45 | 98 | 144 |
| פּראָצענט | 0.7 | 31.3 | 68.0 | 100 |
| אַמבולאַטאָריע | 83 | 254 | 18 | 355 |
| פּראָצענט | 23.4 | 71.6 | 5.0 | 100 |
| | 84 | 299 | 116 | 499 |
| פּראָצענט | 16.8 | 60.0 | 23.2 | 100 |

פון דעם איז צו זען, אַז דאָס שפּיטאָל האָט אויסגענוצט נאָר אַ דריטל און די אַמבולאַטאָריע צוויי־דריטל פון די טעאוראַפּישע רענטגען־סעאַנסן. ווייטער איז צו זען, אַז די קראַנקע פון שפּיטאָל האָבן גענומען צוויי־דריטל טיפע און איין דריטל מיטעלע און כמעט גאָרניט קיין הויט־באַשטראַלונגען. די הויט־באַשטראַלונגען זיינען אינגאַנצן אויסגענוצט געוואָרן דורך אַמבולאַטאָריע־קראַנקע (98.8 פּראָצענט). די באַשטראַלונגען זיינען אויך אין 85 פּראָצענט אויסגענוצט געוואָרן דורך דער אַמבולאַטאָריע. די טיפע באַשטראַלונגען זיינען אין 84.4% אויסגענוצט געוואָרן דורך, אין שפּיטאָל ליגנדיקע, קראַנקע.

2) די ווייטערדיקע טאַבעלע באַווייזט די צאָל אויסגענוצטע סעאַנסן צו די באַשטראַלונגען.

טאַבעלע נומער 28

| מין פון די באַשטראַלונגען | די צאָל פערזאָנען | די צאָל סעאַנסן | די צאָל סעאַנסן אויף אַ פערזאָן |
|---|---|---|---|
| הויט | 12 | 63 | 5 |
| מיטעלע | 71 | 187 | 2—3 |
| טיפע | 12 | 77 | 6 |

די דאָזיקע ציפערן זייַנען פאַר די לעצטע 3 חדשים.

פון דער דאָזיקער טאַבעלע איז צו זען, אַז דאָס רוב באַשטראַלונגען זייַנען געווען מיטעלע, און די צאָל סעאַנסן אַמווייניקסטן.

## דער סך־הכל

אין פאַרלויף פון יאָר האָבן בײדע רענטגען־אָפּטײלונגען דורכגעפירט 3.910 רענטגען־פּראָצעדורן. (דורכלייכטונגען, אויפנאַמען און באַשטראַלונגען).

די ווייטערדיקע טאַבעלע גיט אַ חודשדיקן איבערבליק.

טאַבעלע נומער 29

| חודש | רענטגען דיאַגנאָסטיק | טעגלעך | רענטגען טעראַפּיע | טעגלעך | צוזאַמען | טעגלעך |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | 219 | 7,1 | — | — | 219 | 7,1 |
| 2 | 167 | 6,0 | — | — | 167 | 6,0 |
| 3 | 196 | 6,3 | — | — | 196 | 6,3 |
| 4 | 238 | 7,9 | — | — | 238 | 7,9 |
| 5 | 251 | 8,1 | — | — | 251 | 8,1 |
| 6 | 320 | 10,7 | — | — | 320 | 10,7 |
| 7 | 415 | 13,4 | — | — | 415 | 13,4 |
| 8 | 343 | 11,1 | 45 | 1.5 | 388 | 12,6 |
| 9 | 279 | 9,0 | 140 | 4,4 | 415 | 13,4 |
| 10 | 341 | 11,0 | 129 | 4,1 | 470 | 15,1 |
| 11 | 247 | 8,2 | 71 | 2,4 | 318 | 10,6 |
| 12 | 389 | 13,0 | 114 | 3,8 | 503 | 16,8 |
| סך־הכל | 3411 | — | 499 | — | 3910 | — |
| חודשדיקער דורכשניט | 284 | 9,6 | 42 | 1,8 | 326 | 10,7 |

## לאַבאָראַטאָריע

1. אין אָנהויב פון 1942 האָט זיך די לאַבאָראַטאָריע געפונען אין אַ נעבן־צימער ביי דער אַפּטייק. אין סעפּטעמבער איז זי אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ גרעסערן לאָקאַל.

די לאַבאָראַטאָריע באַזיצט פאָלגנדיקע אינסטרומענטן:

1 מיקראָסקאָפּ.

1 הייס־לופט סטערעליזאַטאָר.

1 דאַמף־אַפּאַראַט לויט ר. קאָבאַ.

1 טערמאָמעטער.

פאַרשיידענע סטאַטיוון און אַנדערע אַפּאַראַטן פאַר קליניש־באַקטעריאָלאָגישע אונטערזוכונגען, און קאָן דורכפירן אַלע כעמיש־באַקטעריאָלאָגישע אַנאַליזן אַזוי גוט ווי אַלע נויטיקע אונטערזוכונגען פאַרן שפּיטאָל.

2. אין פאַרלויף פון 1942 יאָר זיינען געמאַכט געוואָרן 7384 אַנאַליזן. ד. ה. טעגלעך 20 אַנאַליזן. די ווייטערדיקע טאַבעלע גיט אַן איבערבליק איבער דער חודשדיקער טעטיקייט פון לאַבאָראַטאָריע.

טאַבעלע נומער 30

| חודש | די צאָל אַנאַליזן | דורכשניט טעגלעך | די צאָל אַנאַליזן פאַר דער אַמבולאַטאָריע | % פון דער אַלגעמיינער צאָל |
|---|---|---|---|---|
| 1 | 581 | 19 | 129 | 22,4 |
| 2 | 561 | 20 | 138 | 24,6 |
| 3 | 705 | 23 | 111 | 15,7 |
| 4 | 697 | 23 | 62 | 9,0 |
| 5 | 729 | 23 | 75 | 10,3 |
| 6 | 823 | 27 | 79 | 9,6 |
| 7 | 635 | 21 | 66 | 10,4 |
| 8 | 529 | 17 | 54 | 10,2 |
| 9 | 513 | 17 | 55 | 10,7 |
| 10 | 567 | 18 | 43 | 7,6 |
| 11 | 471 | 16 | 28 | 6,0 |
| 12 | 573 | 19 | 39 | 6,8 |
| סך־הכל | 7384 | — | 879 | 11,9 |
| חודשדיקער דורכשניט | 615 | 20 | 73 | — |

פון דער טאַבעלע זעען מיר:

די צאָל אַנאַליזן פאַרן אַמבולאַטאָריע פאַלן פון חודש צו חודש אַזוי, אַז צום סוף יאָר באַטרעפן זיי קוים אַ דריטל. פאַרן גאַנצן יאָר באַטרעפט די צאָל נאָר 11,9% פון דער אַלגעמיינער צאָל.

3. די ווייטערדיקע טאַבעלע ווייזט, ווי אָפט מען פלעגט מאַכן אַנאַליזן אַ קראַנקן פון שפּיטאָל.

טאַבעלע נומער 31

| חודש | צאָל געמאַכטע אַנאַליזן פאַרן שפּיטאָל | צאָל קראַנקע | צאָל אַנאַליזן אויף איין קראַנקן |
|---|---|---|---|
| 1 | 452 | 249 | 1,8 |
| 2 | 423 | 247 | 1,7 |
| 3 | 594 | 203 | 2,9 |
| 4 | 635 | 229 | 2,8 |
| 5 | 654 | 209 | 3,1 |
| 6 | 744 | 257 | 2,9 |
| 7 | 569 | 226 | 2,5 |
| 8 | 475 | 278 | 1,7 |
| 9 | 458 | 283 | 1,6 |
| 10 | 524 | 271 | 1,9 |
| 11 | 443 | 244 | 1,8 |
| 12 | 534 | 304 | 1,8 |
| | 6505 | 3001 | — |
| דורכשניטלעך | 542 | 250 | 2,2 |

פון דער טאַבעלע זעען מיר, אַז יעדער קראַנקער האָט אין פאַרלויף פון יאָר, דורכשניטלעך, געהאַט 2 אַנאַליזן. ווייטער זעען מיר, אַז דער גרעסטער קאָעפי־ציענט איז אין די חדשים מערץ—יולי (2,8) אין דער צייט ווען אין די אַנדערע חדשים באַטרעפט 1,8.

4. דער אַנאַליזן־קאָעפיציענט, וואָס מאַכט פאַר שפּיטאָל קראַנקע אויס 2,2 איז פאַרשיידן אין די באַזונדערע אָפּטיילונגען, וואָס מיר זעען פון דער פאָלגנ־דיקער טאַבעלע:

טאַבעלע נומער 32

צאָל פון די אַנאַליזן אויף יעדן קראַנקן פון

| אינערן | כירורגיע | גינעקאָלאָגיע | קינדער | אָבסערוואַציע | שפּיטאָל: |
|---|---|---|---|---|---|
| 5 | 11 | 0,4 | 21 | 0,9 | 22 |

5. די ווייטערדיקע טאַבעלע אילוסטרירט דעם אָנטייל פון די באַזונדערע אָפּטיילונגען אין דער טעטיקייט פון דער לאַבאָראַטאָריע:

טאַבעלע נומער 33

| יאָר־פערטל | אינערן | כירורגיע | גינעקאָ־לאָגיע | קינדער | אָבסער־וואַציע | ט. ב. | צוזאַמען |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | 782 | 134 | 89 | 143 | 109 | 212 | 1469 |
| 2 | 1403 | 178 | 43 | 178 | 87 | 144 | 2033 |
| 3 | 891 | 159 | 23 | 164 | 121 | 144 | 1502 |
| 4 | 747 | 189 | 33 | 186 | 166 | 180 | 1501 |
| סך־הכל | 3813 | 670 | 188 | 671 | 483 | 680 | 6505 |
| פּראָצענט | 58,6 | 10,3 | 2,8 | 10,3 | 7,5 | 10,5 | 100 |
| דורכשנים. | 318 | 56 | 16 | 56 | 40 | 56 | 542 |

6. די ווייטערדיקע טאַבעלע אילוסטרירט די פאַרשיידענע מינים אַנאַליזן וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין פאַרלויף פון יאָר:

טאַבעלע נומער 34

| הודש | אורין, שטול | ציטאָלאָג, ביכעמיע, בלוט | באַקטעריאָ־לאָגיע | סעראָ־לאָגישע | אַנדערע | סך־הכל |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | 227 | 102 | 54 | 57 | 141 | 581 |
| 2 | 223 | 114 | 53 | 53 | 118 | 561 |
| 3 | 368 | 135 | 106 | 49 | 47 | 705 |
| 4 | 374 | 151 | 45 | 49 | 78 | 697 |
| 5 | 419 | 163 | 21 | 47 | 79 | 729 |
| 6 | 475 | 174 | 68 | 35 | 71 | 823 |
| 7 | 350 | 146 | 59 | 23 | 57 | 635 |
| 8 | 300 | 131 | 33 | 24 | 41 | 529 |
| 9 | 285 | 113 | 48 | 29 | 38 | 513 |
| 10 | 365 | 96 | 27 | 31 | 48 | 567 |
| 11 | 320 | 88 | 12 | 14 | 37 | 471 |
| 12 | 289 | 113 | 77 | 66 | 28 | 573 |
| | 3995 | 1526 | 603 | 477 | 783 | 7384 |
| פראָצענט | 54,1 | 20,6 | 8,2 | 6,5 | 10,6 | 100 |
| דורכשנים. | 333 | 127 | 50 | 40 | 65 | 615 |

## שטערבלעכקייט אין געטאָ־שפּיטאָל

אין 1942 זיינען אין געטאָ־שפּיטאָל געשטאָרבן 264 פּערזאָן, דאָס הייסט 8,2% פון דער אַלגעמיינער צאָל קראַנקע.

די טאַבעלע נומער 20 גיט אונדז די איינצלהייטן:

| | עלטער | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | 0—4 | 5—14 | 15—19 | 20—39 | 40—59 | 60 |
| טויט־פאַלן אין שפּיטאָל אין 1942 | 45 | 11 | 10 | 32 | 101 | 65 |
| פּראָצענט פון 264 געשטאָרבענע | 17 | 4 | 4 | 12 | 38 | 25 |
| אין לויף פון יאָר זיינען אָנגעקומען | 281 | 361 | 250 | 1074 | 831 | 204 |
| פּראָצענט פון פאַרשטאָרבענע פון די אָנגעקומענע | 16 | 3 | 4 | 3 | 12 | 32 |

מענער 152, פרויען 112, צוזאַמען — 264

| | מענער | פרויען | צוזאַמען |
|---|---|---|---|
| פּראָצענט פון 264 געשטאָרבענע | 58 | 42 | 100 |
| אין לויף פון יאָר זיינען אָנגעקומען קראַנקע | 1382 | 1619 | 3001 |
| פּראָצענט פון פאַרשטאָרבענע פון דער צאָל אָנגעקומענע | 11 | 7 | 8.2 |

פון דער טאבעלע זעט מען קלאר:

1. דער פראצענט פון פארשטארבענע פון 5 ביז 39 יאר איז דורכשניטלעך 3,2 וואס איז זייער א קלענער אין פארגלייך מיטן אלגעמיינעם פראצענט (8,2). דאקעגן איז ער אין עלטער פון 4—0 יאר דאפלט און אמהעכסטן דערגייט ער אין די יארן פון 60 און העכער, ווען כמעט יעדער דריטער קראנקער איז געשטארבן.

2. די שטערבלעכקייט ביי מענער איז פיל העכער ווי ביי פרויען, 11% קעגן 7%. אינטערעסאנט איז דער פארגלייך צווישן דער שטערבלעכקייט אין נארמאלע צייטן און איצט:

**טאבעלע נומער 21**

| | צאל פון פארשטארבענע | % פון דער באפעלקערונג | געשטארבן אין שפיטאל | % פון קראנקע אין שפיטאל |
|---|---|---|---|---|
| **דורכשניטלעכע צאל אין ווילנע** | | | | |
| אין די יארן 1932—37 | 2661 | 1,29 | 1181 | 4,1 |
| אין געטא 1942 | 522 | 2,9 | 264 | 8,2 |

פאלגנדע טאבעלע אילוסטרירט די צאל פון דער שטערבלעכקייט און די סיבות פון טויט.

**טאבעלע נומער 22**

| חודש | דעגענעראציע פון הארץ־מוסקולן | נירן־אנצינדונג, אורעמיא | לונגען־אנצינדונג | שארפער אפענדיציט | ס.ב.צ. | אנדערע | צוזאמען |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| יאנואר | 9 | 5 | 9 | 1 | 1 | 19 | 44 |
| פעברואר | 10 | 5 | 6 | 1 | 4 | 14 | 40 |
| מערץ | 5 | 4 | 2 | — | 5 | 10 | 26 |
| אפריל | 3 | — | 4 | 1 | 10 | 18 | 36 |
| מאי | 2 | 1 | — | 2 | 6 | 9 | 20 |
| יוני | 3 | 1 | 2 | 2 | 7 | 2 | 17 |
| יולי | 1 | 2 | — | 1 | 6 | 4 | 14 |
| אויגוסט | 2 | — | 1 | 2 | 1 | 3 | 9 |
| סעפטעמבער | 5 | 4 | 2 | 2 | 2 | 2 | 17 |
| אקטאבער | 2 | — | 1 | — | 2 | 2 | 7 |
| נאוועמבער | 7 | 1 | — | — | 1 | 7 | 16 |
| דעצעמבער | 3 | — | 2 | — | 4 | 9 | 18 |
| סך־הכל | 52 | 23 | 29 | 12 | 49 | 99 | 264 |
| פראצענט | 19,7 | 8,7 | 11,0 | 4,6 | 18,4 | 37,6 | 100 |

ס'איז כאראקטעריסטיש די גרעסערע שטערבלעכקייט אין די ווינטער־חדשים זוי אין די זומערדיקע.

פראצענט פון די פארשטארבענע אין די חדשים 1, 2, 3, 4, 11, 12 (ווינטער־חדשים)

70 66 80 25 50 78 70

פראצענט פון די פארשטארבענע אין די איבעריקע חדשים

30 34 20 75 50 22 30

# רשימה פון די אָנגעשטעלטע אין יידישן שפּיטאָל, וועלכע באַזיצן אַרבעט־ביכלעך

(די רשימה איז געשריבן אין דער דייטשישער שפּראַך)

| ל.נ. | פאַמיליע און נאָמען | אַרבעטס־ ביכל | געבוירן | אַדרעס | פאַקטישער פאַך | פאַך לויטן ביכל | באַשעפטיקט אַלס | דאָקומענט פון פאַך־באַשעפטיקונג | באַשעפטיקונג אויסער דעם געטאָ |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 | 7 | 8 | 9 |
| .1 | ד״ר סעדליס עליאַש | 30570 | 1886 | ליגאַמינס 3 | דאָקטאָר | דאָקטאָר | דאָקטאָר | דיפּלאָם | קיינע |
| .2 | ד״ר וויינריב אַבּרהם | 30566 | 1912 | פּילימאַ 46/4 | „ | „ | דאָקטאָר | „ | „ |
| .3 | ד״ר גראָדזענסקי דוד | 30630 | 1908 | ליגאַמין 3 | „ | | ווירטשאַפטס־לייטער | „ | „ |
| .4 | רובּינשטיין מאָווטשאַ | 30632 | 1909 | אשמענו 4/1 | אַדוואָקאַט | מאַגאַזינער | ווירטשאַפטס־לייטער | „ | „ |
| .5 | קאַצענעלסאָן חיים | 30631 | 1891 | ליגאַן 11/1 | סעקרעטאַר | בוכהאַלטער | פּאַרוואַלטער | „ | „ |
| .6 | אַנאַליק ניסן | 30633 | 1921 | פּילים 44/3 | בוכהאַלטער | מאָנטער | בוכהאַלטער | באַשטעטיקונג | „ |
| .7 | מירקין יהודית | 56052 | 1911 | „ 46/12 | מאַשין־שרייבערין | מאַשיניסטין | מאַשיניסטין | קאַלעדזש־דיפּלאָם דיפּלאָם | „ |
| .8 | רעמיגאָלסקי אהרן | | 1912 | פּילימאַ 44 | יוריסט | קראַנקן־וועכטער | פּאַרוואַלטער פון וועש־לאַגער | „ | „ |
| .9 | ריוועד שרה | 30614 | 1887 | ליגאַני 5 | קראַנקן־וועכטערין | | | — | „ |
| .10 | רייבּאַק יאָסל | 30640 | 1901 | „ 5 | אַרבּעטער | | | — | „ |
| .11 | זאַנדבערג משה | 30638 | 1887 | „ 9 | אַנגעשטעלטער | | הויף־אַרבעטער | — | „ |
| .12 | בערענשטיין מאָווטשאַ | 30643 | 1885 | „ 3 | בוי־בלעכער | | וועכטער | | |
| .13 | זשוק בער | 30625 | 1894 | פּילימאַ 44 | קראַנקן־וועכטער | | | — | „ |
| .14 | דיסטעל שמואל | 55215 | — | ליגאַני 5 | מעכאַניקער | | | — | „ |
| .15 | סעגאַלאָוויטש משה | 30642 | 1906 | „ 9 | עלעקטראָמאָנטער | | | — | „ |
| .16 | גילעס רייזע | 30609 | 1905 | „ 9 | יוריסט | קראַנקנ־שוועסטער | אינפאָרמאַציע | דיפּלאָם | „ |
| .17 | פּיש שרה | 56056 | 1915 | פּילימאַ 46 | שניידערין | | אַנגעשטעלטע | — | „ |
| .18 | יאַשונער סאָלאָמאָן | 55628 | 1894 | שאָוולער 2/16 | האַנדלס־אַנגעשטעלטער | | וועכטער | — | „ |
| .19 | ניטשונסקי אַבּרהם | 30641 | 1888 | ליגאַן 3 | פעלדשער | | אויפזעער | רעגיסטער־בויגן | „ |
| .20 | ד״ר טראַצקי פאַלק | 30562 | 1886 | פּילימאַ 46 | דאָקטאָר | | | דיפּלאָם | „ |
| .21 | ד״ר זאַלקינדסאָן אווסיי | 30575 | 1875 | ליגאַני 9 | „ | | | „ | „ |
| .22 | ד״ר פּייסאַכאָוויטש לייב | 30565 | 1909 | פּילימאַ 46 | „ | | | „ | ווערמאַכט |

| ל.נ. | פאמיליע און נאמען | ארבעטס־ביכל | געבוירן | אדרעס | פאקטישער פאך | פאך לויטן ביכל | באשעפטיקט אלס |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 | 7 |
| 23. | ליטוואק שיינע | 55724 | 1896 | ליגאני | קראנקן־שוועסטער | | רעגיסטראציע |
| 24. | ד״ר אנטאקאליעץ יצחק | 30623 | 1908 | פילימא 44 | דאקטאר | | באשעפטיקונג |
| 25. | טובמאן יצחק | 30696 | — | ליגאן 9 | קראנקן־וועכטער | | |
| 26. | סאלעמסאן באסיע | 30615 | 1899 | ליגאני 7 | קראנקן־וועכטערין | | |
| 27. | פיימושעוויטש בערטא | 30594 | 1906 | „ 7 | קראנקן־שוועסטער | | |
| 28. | שאפירא וואלדעמאר | 30589 | 1916 | „ 9 | סטודענט־מעדיצין | | קראנקן־פלעגער |
| 29. | מירסקא גאלדע | 30578 | 1911 | „ 11 | קראנקן־שוועסטער | | |
| 30. | ד״ר גארדאנאוויטש אברהם | 30611 | — | „ 3 | קראנקן־פלעגער | | |
| 31. | באלישניק יאשא | 30607 | 1897 | „ 5 | קראנקן־וועכטער | | |
| 32. | מאגון טייבע | 30619 | 1904 | „ 7 | קראנקן־פלעגערין | | |
| 33. | פאפיר איטא | 30608 | 1904 | שאוולער 8 | „ | | |
| 34. | כץ אסתר | 30585 | 1905 | ליגאני 9 קר. | שוועסטער | | אפעראציע־שוועסטער |
| 35. | כץ ראזא | 30584 | 1891 | „ 9 | קראנקן־שוועסטער | | |
| 36. | כאלעם עמנואל ד״ר | 30565 | 1897 | פילימא 46 | דאקטאר | | פעלד־קאמענדאנטור |
| 37. | ד״ר לעווין רפאל | 43587 | 1902 | „ 46 | „ | | |
| 38. | ד״ר ליבא אלעקסאנדער | 30537 | 1890 | „ 46 | „ | | ווילנע רעשע |
| 39. | ד״ר וואלקאווייסקי נח | 30566 | 1905 | „ 46 | „ | | ווערמאכט־האנקער |
| 40. | ד״ר רוטשניק יצחק | 30567 | 1891 | „ 46 | „ | | שטעמפל־קאמענדאנט |
| 41. | ד״ר רעכעס שמואל | 30524 | 1911 | „ 46 | „ | | |
| 42. | ד״ר וואלפסאן דוד | 30580 | 1911 | ליגאן 9 | קראנקן־וועכטער | | |
| 43. | שאליט עמאליא | 30238 | 1901 | „ 9 | דאקטאר | | |
| 44. | ד״ר באראנאווסקי לעא | 30561 | 1902 | „ 44 | „ | | |
| 45. | ד״ר גירשאוויטש משה | 30575 | 1881 | „ 9 | „ | | |
| 46. | ד״ר קאפלאן אלעקסאנדער | 30558 | 1885 | פילימא 46 | „ | | |
| 47. | ד״ר גאלדמאן אברהם | 30560 | 1894 | „ 46 | „ | | |
| 48. | שמוקלער לאה | 30600 | 1914 | ליגאן 11 | קראנקן־שוועסטער | | |
| 49. | כהאלעס בעללא | 30598 | 1898 | פילימא 46 | אקושערין | | |
| 50. | שער דוד | 30590 | 1891 | ליגאן 7 | פעלדשער | | |
| 51. | וואשגיל געניע | 30621 | 1901 | סטראשון 2 | הענטשקע־מאכערין | | סאניטארין |
| 52. | ווילקיסקא ראשע | 30612 | 1897 | ליגאני 9 | קראנקן־וועכטערין | | |
| 53. | געלער פעסיע | 30582 | 1909 | פילים 44 | קראנקן־שוועסטער | | |
| 54. | ד״ר שאדאווסקי רפאל | 30866 | 1897 | „ 60 | דאקטאר | | |
| 55. | בערקמאן חנה | 55433 | 1914 | „ 44 | אקושערין | | קראנקן־שוועסטער |
| 56. | מייזל ביילע | 30593 | 1885 | ליגאן 9 | „ | | „ |

| ל.נ. | פאַמיליע און נאָמען | אַרבעטס־ביכל | געבוירן | אַדרעס | פאַקטישער פאַך | פאַך לויטן ביכל | באַשעפטיקט אַלס |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 | 7 |
| .57 | גאַבריעלאָוו שיינע | 30597 | 1892 | ליגאַן 7 | אַקושערין | | קראַנקן־שוועסטער |
| .58 | וואָלפסאָן לאה | 56230 | 1905 | פילים 46 | פלעגערין | | קראַנקן־וועכטערין |
| .59 | ד״ר שומעלישסקי וואָלף | 30572 | 1885 | „ 46 | דאָקטאָר | | |
| .60 | לעווינסאָן בער | 30599 | 1879 | „ 46 | פעלדשער | | |
| .61 | וואָלפסאָן־העקעלמאַן עאוגעניע | 30383 | 1897 | סטראַשונע 12 | קראַנקן־שוועסטער | | |
| .62 | סורגעל סאָניע | 56322 | 1901 | ליגאַן 5 | קראַנקן־פלעגערין | | |
| .63 | בוך מינע | 30781 | 1916 | פילים 46 | קראַנקן־שוועסטער | | |
| .64 | גאַדין גיטע | 56283 | 1895 | ליגאַן 5 | „ | | |
| .65 | עפשטיין חיה | 30905 | 1892 | „ 7 | „ | | |
| .66 | ד״ר אַבראַמאָוויטש יצחק | 30568 | 1890 | פילימאַ 46 | דאָקטאָר | | |
| .67 | ד״ר געצאָוו מיכאל | 30573 | — | אַרקלין 3 | „ | | |
| .68 | בורשטיין גאָדאַ | 55411 | 1901 | פילימאַ 46 | אַקושערין | | |
| .69 | טאַפּאַל־זאַלקינדסאָן מלכה | 30616 | 1902 | „ 46 | קראַנקן־וועכטערין | | |
| .70 | שטיינהויז חיה | 30617 | 1910 | ליגאַן 2 | „ | | |
| .71 | לעשאַנסקאַ ריווע | 30596 | 1896 | „ 2 | „ | | |
| .72 | דעוועלטאָוו נחמה | 56455 | 1914 | רודניצקער 10 | „ | | |
| .73 | ד״ר יאַבראָוו איסר | 30564 | 1884 | פילימאַ 44 | דאָקטאָר | | |
| .74 | ד״ר רעזניק נפתלי | 30591 | 1910 | | קראַנקן־פלעגער | | געאַרבעט ביי ליטווינער |
| .75 | קאַצענעלסאָן אסתר | 56304 | 1904 | | קראַנקן־שוועסטער | | |
| .76 | ד״ר הערשגאָרן שרה | 44958 | 1899 | רודניצקער 10 | דאָקטאָר | | |
| .77 | גראָדע פרומע | 55683 | 1904 | ליגאַן 9 | קראַנקן־שוועסטער | | |
| .78 | ד״ר טראַצקי זלמן | 30559 | 1905 | פילימאַ 46 | דאָקטאָר | | |
| .79 | ד״ר פאַטשטער וולאַדימיר | 30644 | 1901 | „ 46 | „ | | |
| .80 | ד״ר גיטל שלמה | 30546 | 1902 | „ 46 | | | פעלדבוי |
| .81 | ד״ר כץ זאַכאַריאַש | 55002 | 1902 | ליגאַן 7 | קראַנקן־פלעגער | | |
| .82 | ד״ר מאַרשאַלקאָוויטש דבורה | 30536 | 1905 | „ 9 | קראַנקן־פלעגערין | | |
| .83 | גורעוויטש מלכה | 56229 | 1900 | „ 46 | קראַנקן־וועכטערין | | |
| .84 | בוזשאַנסקי טעמאַ | 32587 | 1905 | „ 9 | קראַנקן־שוועסטער | | |
| .85 | לידזקי־קראַוועץ סאָניאַ | 56643 | 1911 | „ 46 | קראַנקן־וועכטערין | | |
| .86 | ליבערמאַן עוואַ | 44473 | 1903 | „ 5 | קראַנקן־שוועסטער | | |
| .87 | ד״ר מאַרגאַליס שמואל | 30569 | 1889 | שאָוולער 3 | דאָקטאָר | | שטעמפּל פעלד־קאָמענדאַנטור |
| .88 | ד״ר בורשטיין ליפּע | 30576 | 1907 | פילימאַ 46 | „ | | |
| .89 | שוסטער חיה | 30578 | 1908 | ליגאַן 11 | רענטגען־לאַבאָראַטאָריע | | |
| .90 | ד״ר גאָלדמאַן גדליהו | 30571 | 1884 | פילימאַ 46 | | | |
| .91 | ד״ר ראָם מיכאל | 30602 | 1907 | | ד״ר לאַבאָראַנט | | כעמיק |

| ל.נ. | פאַמיליע און נאָמען | אַרבעטס־ביכל | געבוירן | אַדרעס | פאַקטישער פאַך | פאַך לויטן ביכל | באַשעפטיקט אַלס |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 | 7 |
| 92. | לעוו | 44164 | 1910 | פילימאַ 46 | מאַגיסטער־פילאָזאָפיע | | לאַבאָראַנט־כעמיק |
| 93. | גאַרפינקעל שלמה | 30577 | 1914 | ליגאַם 3 | אַבסאָלווענט מעדיצין | | קראַנקן־פלעגער |
| 94. | בראַדסקי אסתר | 43515 | 1894 | „ 3 | קעכין | | |
| 95. | סאָלאָמאָנאָוו גאָדאַ | 30635 | 1882 | פילימאַ 3 | פאַרוואַלטערין — וועשעריי | | |
| 96. | ווייסשטיין וועלוול | 30583 | — | „ 44 | מאַגיסטער פילאָזאָפיע | | קוכער געהילף |
| 97. | פרומקין יצחק | 33340 | 1886 | ליגאַם 9 | מאַגיסטער־פאַרמאַציע | | אַפטייקער |
| 98. | טשעסלי שמערל | 30645 | 1893 | פילימאַ 46 | פראָוויזאָר, פאַרמאַציע | | |
| 99. | קלאַק שמואל | 43986 | 1898 | „ 46 | „ „ | | |
| 100. | זאַרכי יאַכעל | 30646 | 1892 | „ 44 | געהילפס אַפטייקער | | |
| 101. | ראַבינסאָן אברהם | 30649 | 1894 | שאַוולער 4 | „ „ | | |
| 102. | רינדזון אהרון | 30648 | 1895 | ליגאַם 7 | פראָוויזאָר, פאַרמאַציע | | |
| 103. | גורוויטש שלמה | 30647 | 1889 | „ 9 | געהילפס־פראָוויזאָר | | |
| 104. | וויניג (צוקערזיס) אסתר | 44843 | 1893 | „ 6 | „ | | |
| 105. | רייזבאַרד לאה | 55502 | 1908 | פילימאַ 46 | מאַגיסטער־פאַרמאַציע | | |
| 106. | טורגעל ברוך | 44144 | 1888 | לידער 13 | געהילפס־אַפטייקער | | |
| 107. | רודניצקי רחל | 55254 | 1907 | רודניצקער 7 | מאַגיסטער־פאַרמאַציע | | |
| 108. | ד״ר ווײַנבערגער חנה | 55048 | 1895 | ליגאַם 6 | דאָקטאָר | | קראַנקן־שוועסטער |
| 109. | קאַלמאַנאָוויטש אַלפרעד | 44300 | 1912 | פילימאַ 44 | אַבסאָלווענט מעדיצין, | | קאַרטאָטעקע |
| 110. | קאַראַבטשינסקי אפרים | 30639 | 1886 | | אָנגעשטעלטער | | |
| 111. | דעוועלטאָוו יעפים | 30622 | 1915 | פילימאַ 44 | אַבסאָלווענט־פאַרמאַציע | | קראַנקן־וועכטער |
| 112. | קאַגאַן עמאַנועל | 30610 | — | ליגאַם 3 | פריזירער | | קראַנקן־וועכטער |

אונטערגעשריבן ד״ר ווײַנריב דעם 26סטן אָקטאָבער 1942

## רשימה פון די ניט עטאַטירטע אָנגעשטעלטע אין שפּיטאָל

(געשריבן אין דייטש)

| ל.נ. | פאַמיליע און נאָמען | אַרבעטס־ביכל | געבוירן | אַדרעס | פאַקטישער פאַך | פאַך לויטן ביכל | באַשעפטיקט אַלס |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1. | לעווין דינע | 55317 | 1917 | ליאַן 7 | קראַנקן־שוועסטער | | קראַנקן־שוועסטער |
| 2. | קושינסקע שיינע | 56243 | 1906 | „ 5 | „ | | |
| 3. | גערשאַטער פריידע | 55343 | 1897 | „ 10 | נייערין | | |
| 4. | שטיין שרה | 56506 | 1902 | רודניצקער 29 | קראַנקן־וואַרטערין | | |
| 5. | פאַיעוסקאַ חנה | 11107 | 1904 | ליגאַן 8 | „ | | |

| ל.נ. | פאַמיליע און נאָמען | אַרבעטס־ביכל | געבוירן | אַדרעס | פאַקטישער פאַך | פאַך לויטן ביכל | באַשעפטיקט אַלס |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 | 7 |
| .6 | טובמאַן פייגע | 12677 | 1914 | ליגאַן 8 | קראַנקן־וועכטערין | | |
| .7 | קרעמער שרה | 12562 | 1909 | „ 8 | „ | | |
| .8 | ראכאל ווערע | — | 1906 | „ 8 | „ | | |
| .9 | רייבאַק תנחום | — | 1926 | „ 8 | קראַנקן־וועכטער | | |
| .10 | צירלין ראָזא | — | 1901 | לידער 13 | אַרבעטערין | | |
| .11 | ד״ר ווייגריב נעלי | — | 1914 | פילימא 46 | דאָקטאָר | | |
| .12 | קאַניוכסקי עליאַש | — | — | „ 44 | „ | | |

ד״ר ווײַנריב, דעם 26סטן אָקטאָבער 1942

## רשימה פון אָנגעשטעלטע אין שפּיטאָל, וועלכע האָבן בלויע שײַנען

| ל.נ. | פאַמיליע און נאָמען | בלויער שיין | געבוירן | אַדרעס | פאַקטישער פאַך | באַשעפטיקט אַלס |
|---|---|---|---|---|---|---|
| .1 | יערשאַנסקאַ ליזאַ | 333 | 1908 | פילימא 44 | קראַנקן־שוועסטער | פלעגערין |
| .2 | אַבראַמאָוויטש סלאַווא | 300 | 1895 | „ 44 | אָנגעשטעלטע | קאַסירערין |
| .3 | פרידבערג מאַריאַ | — | 1914 | רודניצקער 6 | שניידערין | געהילף אין וועש־לאַגער |
| .4 | אַנטאָקאָליעץ שרה | 1317 | 1904 | פילימא 44 | „ | וועש־נייערין |
| .5 | לאַנגזאַם רייזל | 4705 | 1903 | סטראַשונאַ 15 | קראַנקן־שוועסטער | וועכטערין |
| .6 | קושעלעוויטש נפתלי | 1344 | 1883 | ליגאַם 3 | „ | „ |
| .7 | בלאָפאָרב עלקע | 1732 | 1903 | פילימא 46 | „ | „ |
| .8 | ד״ר רעזניק נאַדיאַ | — | 1909 | ליגאַם 9 | דאָקטאָר | קראַנקן־שוועסטער |
| .9 | שניידער בעלאַ | — | 1903 | פילימא 50 | קראַנקן־שוועסטער | |
| .10 | מעלער־שער זעלדקע | 1332 | 1904 | ליגאַם 7 | קראַנקן־וועכטערין | |
| .11 | יפה נעכע | 3244 | 1905 | סטראַשונא 8 | „ | |
| .12 | ווייסגאַרטן געניע | — | 1909 | ליגאַם 8 | קראַנקן־שוועסטער | |
| .13 | בייגעל אסתר | — | 1895 | סטראַשונא 1 | קראַנקן־וועכטערין | |
| .14 | קאַפּלאַן שרה | 1721 | 1903 | שאוולער 8 | „ | |
| .15 | אורמאַכער רוטאַ | — | 1926 | רודניצקער 14 | „ | |
| .16 | קאַניוכסקאַ חנה | 1326 | 1918 | ליגאַם 9 | אָקושערין | קראַנקן־פלעגערין |
| .17 | ד״ר לידסקי פעסיע | 1324 | 1893 | פילימא 46 | דאָקטאָר | |
| .18 | ווײַנשטיין אסתר | 1328 | 1913 | ליגאַם 9 | קראַנקן־שוועסטער | |
| .19 | פינטשוק שרה | 1320 | 1907 | סטראַשונא 2 | „ | |
| .20 | בילבינדער ביילע | 1354 | 1914 | רודניצקער 14 | „ | |
| .21 | באַראַנאָווסקאַ זילאַ | 1336 | 1900 | ליגאַם 7 | קראַנקן־וועכטערין | |
| .22 | ניעמאַנסקאַ מיראַ | 1321 | 1921 | פילימא 44 | קראַנקן־שוועסטער | |

| ל.נ. | פאַמיליע און נאָמען | בלויער שיין | געבוירן | אַדרעס | פאַקטישער פאַך | באַשעפטיקט אַלס |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 23. | שערעפּעי חנה | 362 | 1897 | רודניצקער 19 | קראַנקן־שוועסטער | |
| 24. | מעלך־בערענשטיין ליזאַ | — | 1900 | ליגאָם 3 | קראַנקן־וועכטערין | |
| 25. | שאָטץ רחל | 2576 | 1906 | רודניצקער 11 | קראַנקן־שוועסטער | |
| 26. | וואשגיל העסיע | 3339 | 1901 | שאָולער 8 | קראַנקן־וועכטערין | |
| 27. | לעווינסאָן מאָניע | 1333 | 1910 | רודניצקער 9 | קראַנקן־שוועסטער | |
| 28. | סאַראַקע חנה | 876 | 1912 | שאָולער 6 | שניידערין | קראַנקן־וועכטערין |
| 29. | שמוקלער לאה | 1342 | 1909 | ליגאָם 9 | קעכין | קעכין |
| 30. | ראםביילע | — | 1895 | רודניצקער 11 | „ | „ |
| 31. | בערגמאַן לאה | — | 1907 | סטראַשונא 12 | אַפּטייקער | „ |
| 32. | דוגאַווסקי משה | — | 1888 | לידער 15 | קראַנקן־וועכטער | |
| 33. | צירינסקי זילא | 1309 | 1927 | ליגאָם 6 | „ | |

ד״ר ווײַנריב, דעם 26סטן אָקטאָבער 1942.

## אַמבולאַטאָריע

די צווייטע גרויסע און וויכטיקע מעדיצינישע אינסטיטוציע אין געטאָ איז געווען די אַמבולאַטאָריע. דאָס איז געווען אַ ריזיקע מאַסן־אינסטיטוציע, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן און געאַרבעט אין געטאָ. דער לאָקאַל פון אַמבולאַטאָריע האָט זיך געפונען אויף רודניצקער גאַס אין געוו. ד״ר גלאָבוסעס הויף אויפן ערשטן און צווייטן שטאָק. די גאַנצע אינסטיטוציע איז איינגעאָרדנט געוואָרן פון צוזייפגעשטעלטע זאַכן, פון אַלע קאַנטן פון געטאָ. די צימערן זײַנען פונאַנדער־געצוימט מיט דיקטן אויף באַזונדערע קאַבינעטן, וואַרטע־צימערן און קאָרידאָרן. דאָ זײַנען שטענדיק געווען מאַסן מענטשן, געפּאַקט, ענג. בײַ אַזאַ ענגשאַפט פלעגט קאָסטן ניט ווייניק פּראַצע אײַנצוהאַלטן די נויטיקע ריינקייט און אָרדענונג.

אויפן ערשטן שטאָק זײַנען געווען די קאַבינעטן פון די צאָן־דאָקטוירים, צאָן־מעכאַניקער, לאַבאָראַטאָריע פאַר אַנאַליזן, עלעקטרישע טעראַפּיע (דיאַטערמיע), אַ צימער פאַר אײַנשפּריצונגען, צום שטעלן באַנקעס א. א. וו.

אויפן צווייטן שטאָק זײַנען געווען די באַזונדערע קאַבינעטן פון די דאָק־טוירים. דאָ האָט זיך אויך געפונען אַ דיזשורנער צימער פאַר דער גיכער הילף, וועלכע איז געווען טעטיק טאָג און נאַכט.

ווי געזאָגט, איז די דאָזיקע אינסטיטוציע געשאַפן געוואָרן „אַד האָק“ אָבער אַ דאַנק דער אָפּפערווויליקייט פון די מיטאַרבעטער איז די אַמבולאַטאָריע דער־פירט געוואָרן צו אַ מעגלעכן צושטאַנד.

אין אַמבולאַטאָריע האָבן געאַרבעט זייער פיל דאָקטוירים, צאָן־דאָקטוירים, טעכניקער, שוועסטער און באַדינער, מ׳האָט געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג. די גרעסטע פּרעקווענץ פלעגט זיין אין די אָונט־שעהען, ווען אַלע אַרבעטער זיינען צוריק־געקומען פון שטאָט פון זייערע אַרבעטס פּלעצער.

אין אַמבולאַטאָריע האָבן געאַרבעט אַ סך ווילנער, קאָוונער און וואַרשעווער דאָקטוירים — ערשטקלאַסיקע ספּעציאַליסטן. די אַמבולאַטאָריע פלעגט אויך שיקן דאָקטוירים צו קראַנקע אין דער היים. פאַר אַלע אַרטן הילף, פלעגט מען בעטן אַ קליינעם אָפּצאָל, וואָס איז אַריינגעפלאָסן אין דער קאַסע פון יודנראַט. אַן געלט פלעגט די אַמבולאַטאָריע אַנגעמען קראַנקע אויף צעטלעך פון דער אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג. דער גאַנצער אַדמיניסטראַטיווער און מיטל־מעדיצינישער פּערסאָנאַל, ווי אויך די דאָקטוירים פלעגן באַקומען שכירות — לויט די צאָל אַרבעט־שעהען.

בראש פון אַמבולאַטאָריע איז געשטאַנען ד״ר קלמן שאַפּיראָ. דער אַדמי־ניסטראַטיווער אָנפירער איז געווען דער זון פון ווילנער רב פריד — אַ יונגער דאָקטאָר.

דאָ ברענגען מיר אַ טאַבעלע וועגן דער טעטיקייט פון אַמבולאַטאָריע, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך דעם סטאַטיסטישן אַמט פון ווילנער געטאָ. די טאַבעלע טראָגט אין אַלגעמיינעם באַריכט פון דער אינסטיטוציע דעם נומער 3 און געפינט זיך אויף דער זייט 20 אונטערן נאָמען „געזונט־שוץ״.

די טאַבעלע נעמט אַרום די צייט פון ערשטן יולי ביזן 31 דעצעמבער 1942.

| | יולי | אויגוסט | סעפּט. | אָקטאָבער | נאָוועמ. | דעצ. |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אַלגעמיינע צאָל קראַנקע | 11931 | 12771 | 11798 | 12692 | 13520 | 17724 |
| צאָל וויזיטן און קאָנסולטאַציעס | 196 | 1733 | 1310 | 953 | 127 | 818 |
| צאָל וויזיטן אין שטוב | 106 | 67 | 96 | 76 | 133 | 277 |

די דאָקטוירים פון אַמבולאַטאָריע האָבן אויך געהאַט דאָס רעכט אַרויסצוגעבן קראַנקן־שיינען וואָס באַפרייען פון אַרבעט, אָבער די דאָזיקע שיינען האָט גע־דאַרפט באַשטעטיקן אַ דאָקטוירים־קאָמיסיע פון 3 פּערזאָן (2 דאָקטוירים און דער לייטער פון אַמבולאַטאָריע). די באַפרייאונג־שיינען זיינען געווען זייער אַקטועל בשעת די אַרויסשיקונגען קיין עסטלאַנד. אין די ערשטע טעג פון די אַרויסשי־קונגען האָט זיך גענס גערעכנט מיט די דאָזיקע שיינען.

בכלל גענומען איז די אַמבולאַטאָריע געווען אַ וויכטיקע, נוצלעכע יידישע פאָלקס־אינסטיטוציע, וואָס האָט געהאַט אין געטאָ אַ ריינעם און גוטן נאָמען.

זומער 1942 בין איך פון שפּיטאָל אַריבערגעפירט געוואָרן אויף אַרבעט אין דער סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישער סעקציע. דאָ האָב איך געאַרבעט ביז דער ליק־ווידאַציע פון דער קאַראַנטין (נאָך דעם אומקום פון די יידן פון ווילנער פּראָ־ווינץ — אַפּריל 1943).

דאַן בין איך אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַמבולאַטאָריע אַלס קאַסירער און פאַרבליבן ביי דער אַרבעט ביז דעם ענדגילטיקן ליקווידירן דאָס געטאָ (סעפּ־טעמבער 1943).

## סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישע סעקציע

גלייך ווי מען איז אַריין אין געטאָ, האָט זיך אין דער גאַנצער שאַרפקייט אַוועקגעשטעלט דאָס פּראָבלעם פון פאַרהיטן דאָס געטאָ פון עפּידעמיעס. ביי אַזאַ געוואַלטיקער ענגשאַפט און שמוץ, ביי אַזאַ אָרעמקייט און עלנטקייט, ביים פעלן פון די נויטיקסטע, פּרימיטיווסטע היגיענישע באַדינגונגען, איז דאָס דערוואָרטן פון אַן עפּידעמיע־אויסברוך געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. מעגלעך, אַז די דייטשן האָבן דאָס טאָקע געוואָלט. דאָס וואָלט זיי געגעבן אַ כשרן תירוץ צו פּטרן דעם רעשט יידן, זיי פלעגן טאָקע אין זייערע באַריכטן אָפט אָנווייזן, אַז דער גרעסטער טייל יידן איז אומגעקומען פון עפּידעמיעס. יידן האָבן דאָס זייער גוט פאַרשטאַנען און טאָקע צוליב דעם אָרגאַניזירט דעם קאַמף פאַר ריינקייט, היגיע־נע, קעגן קלעפּיקע קראַנקהייטן. אָנגעהויבן האָט מען מיט פּאָליציייאישע מיטלען: פּראָטאָקאָלן, אַרעסטן, שטראָפן, געשרייען א. א. וו. דער הויפּט־קעמפער איז געווען אַ קאָוונער ייד, אָסטער, אַ מקורב צו גענסן. ער איז געווען לייטער פון דער סאַניטאַרער פּאָליציי. ווען מען האָט געזען, אַז די מיטלען העלפן ניט, דע־מאָלט ערשט זענען צוגעלאָזן געוואָרן צום וואָרט די פאַכלייט און די פּאָסיקע מענטשן. בראש פון דער סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישער אָפּטיילונג האָט זיך גע־שטעלט ד״ר לאַזאַר עפּשטיין פון קאָוונע. אַלס מיטגליד פון דער ליטווישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז ער געווען דעפּוטאַט פון ליטווישן סיים אין קאָוונע. אַ געזעלשאַפטלעכער טוער און קענער פון סאַניטאַרן וועזן.

ער האָט צוגעצויגן צו זיך נאָך אייניקע דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטערס, דעזינפעקטאָרן, און אַוועקגעשטעלט די סאַניטאַרע אַרבעט אויף געזונטע יסודות. הגם דאָס פּערסאָנאַל פון דער ס. ע. פּ. האָט געהאַט פּאָליציייאישע רעכט (זיי האָבן אויך געטראָגן פּאָליציייאישע אָרעם־בענדער) צו מאַכן פּראָטאָקאָלן, דאָך פלעגט מען די אַרבעט פירן מיט פּראָפּאַגאַנדע־מיטלען און דורך געהעריקע אינסטי־טוציעס. אינטערעסאַנט איז געווען דער אופן פון אַרבעט פון ד״ר ל. עפּשטיין. יעדן טאָג 8 פרי פלעגט זיך צונויפזאַמלען דאָס גאַנצע פּערסאָנאַל פון דער

סעקציע, און אַלע אָנפירער פון די באַזונדערע ראַיאָנען האָבן אָפּגעגעבן באַריכטן וועגן דער דורכגעפירטער אַרבעט פאַרן נעכטיקן טאָג, און אָנגעגעבן אַ גענויעם פּלאַן פון אַרבעט אויפן לויפנדיקן טאָג. אַזוי אַרום פלעגן אַלע מיטאַרבעטער זיין גענוי אינפאָרמירט וועגן אַלגעמיינעם צושטאַנד אין געטאָ.

פון סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישן שטאַנדפונקט איז דאָס געטאָ איינגעטיילט געוואָרן אין עטלעכע ראַיאָנען. יעדער ראַיאָן האָט געהאַט זיין סאַניטאַרן דאָקטאָר און שוועסטער. היות ווי אין יעדן צימער האָבן געלעבט אַ סך מענטשן און אין יעדער דירה זייער פיל פאַמיליעס, זיינען באַשטימט געוואָרן באַזונדערע פרויען־קאָמענדאַנטינס פאַר יעדן צימער און פאַר יעדער דירה. דערצו נאָך זיינען געווען הויף־קאָמענדאַנטינס און הויז־פאַרוואַלטערס. אָט זיי אַלע צוזאַמען האָבן אויפגעפאַסט אַז די הייף, דירות, צימערן, טרעפּ זאָלן זיין ריין און אין אָרדענונג. די גאַסן פלעגן רוימען די הויז־וועכטער. אָט דער גרויסער פרייוויליקער אַפּאַראַט פלעגט כסדר אינסטרוקטירט און קאָנטראָלירט ווערן דורך די דאָקטוירים און שוועסטער פון דער סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישער אָפּטיילונג. דאָס איז געווען ניט קיין לייכטע אַרבעט. די ערשטע צייטן, ווען מען איז געווען געוואַלטיק דערשלאָגן און פאַרביטערט, פלעגט מען זיך גריזשען צווישן זיך; מען האָט ניט געקאָנט צעטיילן די אַרבעט, מען האָט זיך בכלל ניט געקאָנט איינלעבן. אָבער סוף כל סוף האָט די ביטערע נויט, די מורא פאַר די דאָקטוירים און שוועסטער, פאַר פּאָליציי, פאַר עפּידעמיעס, די שנאה צו די דייטשן און דער שטאַרקער ווילן צו לעבן און איבערלעבן די פינצטערע צייט — גובר געווען. דער גאַנצער אַפּאַראַט איז איינגעשטעלט געוואָרן. לויט אַ באַשטימטן פּלאַן פלעגט מען וואַשן, רוימען די פּאַדלאָגעס, די טירן, די פענצטער, אַרויסטראָגן שמוציקע עמערס, וואַשן וועש. מיט איין וואָרט — ס'איז געוואָרן אַ קאָלעקטיוו לעבן.

מיט דער צייט איז די ריינקייט אין געטאָ דערפירט געוואָרן צו אַ מוסטער־האַפטיקייט. ספּעציעל פלעגן די דאָקטוירים און שוועסטער לייגן אַכט אויף די בעקערייען, קיכן, געוועלבער און אַלע עפנטלעכע ערטער. מיט גוטן און מיט בייזן, מיט גוטער פאַר־פּראָפּאַגאַנדע הויפּטזעכלעך, האָט מען וווּנדער באַוויזן.

פאָלגנדיקע סטאַטיסטישע טאַבעלע, צונויפגעשטעלט דורך דעם סטאַטיסטישן אַמט פון געטאָ, גיט אַ קלאָר בילד וועגן פאַרנעם פון דער אַרבעט אויף דעם געביט.

סטאַטיסטישער אַמט אין ווילנער געטאָ. (אין באַריכט זייט 21)

געזונט־שויץ

טאַבעלע נומער 4

טעטיקייט פון דער סאַניטאַרער אויפזיכט פאַרן צווייטן האַלבן יאָר 1942

| | יולי | אויגוסט | סעפט. | אָקטאָבער | נאָוועמ. | דעצ. |
|---|---|---|---|---|---|---|
| צאָל קאָנטראָלירטע הויפן | 2278 | 2002 | 1990 | 1360 | 1790 | 2200 |
| " " דירות | 5680 | 6270 | 5746 | 4639 | 7478 | 8805 |
| " " אונטערנעמונגען | 774 | 830 | 759 | 320 | 429 | 1460 |
| " שמוציקע הייף | — | 5 | 20 | 312 | 474 | 213 |
| " " דירות | 107 | 215 | 993 | 330 | 352 | 470 |
| געמאַכטע פּראָטאָקאָלן | 185 | 348 | 643 | 468 | 759 | 512 |

## אויפקלערונג־אַרבעט

די סאַניטאַר־עפּיד. אָפּט. האָט אויך געפירט אַ גרויסע מאַסן־אויפקלערונג־אַרבעט דורך איינאָרדענען גרויסע פאַרלעזונגען אויף אַ פּאָפּולערן אופן.

איין אָוונט איז פאָרגעקומען אין טעאַטער־זאַל אונטערן נאָמען: אַ משפט איבער דער לויז.

אַ צווייטער אָוונט אין פאָרעם פון אַן אינטערוויו פון אַ זשורנאַליסט מיט דאָקטוירים א. ד. ט. „ווי אַזוי זיך פאַרהיטן פון אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן".

אויף דער בינע זײַנען געזעסן עטלעכע דאָקטוירים און איך, אַלס זשורנאַליסט, האָב געשטעלט פראַגן, אויף וועלכע די דאָקטוירים האָבן געענטפערט, לויט פריער צוגעגרייטע מאַטעריאַלן.

ביידע אָוונטן האָבן געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג.

## אַנדערע פאַרהיטונג־מיטלען

אויס מורא פאַר עפּידעמיעס, איז ווינטער 1942 געשלאָסן געוואָרן די ביבליאָטעק אויף אַ געוויסער צייט, כדי דורך די ביכער און פאַרזאַמלונגען אין די צימערן פון ביבליאָטעק זאָלן ניט פאַרשפּרייט ווערן קיין קראַנקהייטן. מיר האָבן וועגן דעם ענין אַ קאָרעספּאָנדענץ צווישן דער סאַנ. עפּיד. אָפּט. און ביבליאָטעק פון 2 פעברואַר 1942 און 23 יוני 1942.

„צו דער לייטונג פון דער ביבליאָטעק אויף סטראַשון גאַס נומער 6.
נומער 78.

דערמיט זײַנען מיר אײַך מודיע, אַז פון 2טן פעברואַר ד. י. איז דערלויבט צו עפענען די ביבליאָטעק ביז אונדזערע ווייטערדיקע פאַראָרדענונגען. מיר באַטאָנען דערביי, אַז עס זײַנען קאַטעגאָריש פאַרבאָטן

גרעסערע צונויפזאַמלונגען פון לעזער. דעריבער איז ווינשנסווערט, אַז ניט זייער אָפּט — אין אָפּשטאַנד פון 3—2 טעג לכל הפחות — צו געבן אַ מעגלעכקייט די ביכער צו בייטן.

ל. עפּשטיין — לייטער פון סאַניטאַר־עפּידעמ. אָפּט.״

אָט אַ צווייטער בריוו.

„יודנראַט, סאַניטאַר־עפּיד. אָפּט. נומער 269.

צום לייטער פון ביבליאָטעק

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער עפּידעמיע פון דיפטעריט, ווערט פאַראָרדנט ניט אַריינצולאָזן אין דער ביבליאָטעק קיין קינדער ביז 18 יאָר און ניט אַרויסגעבן בכלל קיין ביכער פאַר קינדער ביזן אָפּרופן פון דער פאַר־אָרדענונג.

ד״ר ל. עפּשטיין, לייטער פון דער ס. ע. אָפּט.
23סטן יוני 1942״

אייגנהענטיקער בריוו פון ד״ר ע.

אָט די אַלע און אַ סך אַנדערע מאָסמיטלען זיינען געווען טיילן פון דער גרוי־סער אַרבעט. די פונדאַמענטאַלסטע אָבער איז געווען — די ענטלויזונג, די וויכ־טיקסטע ראָל דערביי האָבן געשפּילט די 2 אויסגעבויטע בעדער.

**בעדער**

(אין דער אָפּטיילונג האָט מען זיי גערופן „סאַניטאַרע דורכלאָז־פּונקטן״).

אין דעם ערשטן גרויסן געטאָ איז ניט געווען קיין איין באָד. אַזוי לאַנג ווי עס האָט עקזיסטירט דאָס צווייטע קליינע געטאָ, פלעגט די פּאָליציי פּאַרטיעסווייז פירן מענטשן פון דעם גרויסן אין דעם קליינעם געטאָ צום באָדן. ווען דאָס קליינע געטאָ איז ליקווידירט געוואָרן, איז ווידער דאָס גרויסע געטאָ געבליבן אָן אַ באָד. במשך אַ קורצער צייט זיינען אַלע שרעקלעך פאַרלייזיקט געוואָרן. שאַפן אַ באָד איז געוואָרן אַ ברענענדיק פּראָבלעם פאַרן געטאָ. אָבער די געטאָ־פאַר־וואַלטונג האָט ניט געקענט צוטרעטן צו בויען אַ באָד, ווייל עס זיינען, פּשוט ניט געווען קיין אַרבעטער. די יעניקע, וועלכע האָבן געהאַט געלע שיינען, זיינען גע־ווען באַשעפטיקט ביי זייער שטענדיקער אַרבעט און די יעניקע, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין געלע שיינען זיינען געווען באַהאַלטן. דאַן האָט גענס געמאָלדן, אַז ווער עס וועט גיין אַרבעטן ביים בויען דאָס באָד, וועט מען אים ניט כאַפּן און ער וועט באַקומען אַ ראָזן שיין — אַזוי איז טאַקע געווען. צו דער אַרבעט האָבן זיך געמאָלדן עטלעכע צענדליק מענטשן, און אין אָנהייב 1942 איז פאַרטיק געוואָרן דער ערשטער סאַניטאַרער דורכלאָז־פּונקט. לויט די געטאָ־באַדינגונגען איז דאָס געווען אַ מוסטער־אַנשטאַלט. דאָרט זיינען געווען 20 שפּריצן מיט הייס און קאַלט וואַסער. צו דעם אַ גלענצנדיקער דעזינפעקטאָר, אַווו מען פלעגט בעתן וואַשן זיך, אויסדעזינפעקצירן די קליידער. אין יענער צייט איז געווען אַ גרויס

גליק צו באַקומען אַ נומערל אויף צו גיין אין באָד. נאַטירלעך, האָט איין באָד ניט געקענט באַפרידיקן 20 טויזנט פאַרלייזיקטע מענטשן און מען איז גלייך צוגעטראָטן צו בויען אַ צווייט באָד אין אַ צווייטן עק פון געטאָ. דאָס ערשטע באָד איז געווען אויף ארקליו 3 (אין הויף פון יודנראַט — רודניצקער 6). אַנטקעגן אונדזער דירה. דאָס צווייטע באָד — אויף סטראַשונאַ גאַס (קאַמעניצקער 6).

ערשט, ווען ס'איז אויסגעבויט געוואָרן דאָס צווייטע גרעסערע באָד, האָט מען שוין ניט נאָר געקענט אַלעמען באָדן, נאָר מ'האָט איינגעפירט אַ צוואַנג פאַר אַלע געטאָ־איינוווינער, אַז זיי זאָלן זיך איין מאָל אין חודש באָדן, ווען ניט באַקומען זיי ניט קיין ברויט־קאַרטן.

אויף אַזאַ אופן איז באַקעמפט געוואָרן די לויז־עפּידעמיע, וואָס איז געווען אַ געוואַלטיקע פּלאָג אין געטאָ אין די ערשטע חדשים.

אַ בילד וועגן פאַרגעם פון דער טעטיקייט פון די 2 בעדער גיבן אונדז די פּרעלימינאַר־בודזשעטן פון דיביידע בעדער פאַר אַ חודש.

סאַניטאַרער דורכלאָז־פּונקט נומער 1

הכנסה:

פאַר בילעטן

| | |
|---|---|
| 27 טעג צו 18 גרופּעס, יעדע צו 18 פּערזאָן | 8748 |
| אָראָפּגערעכנט צוליב ספּעציעלע גרופּעס [1] | 748 |
| | 8000 |
| 8000 פּערזאָן צו 1 מאַרק | 8000 מאַרק |

הוצאה:

| | |
|---|---|
| 1. געהאַלט פון אָנגעשטעלטע | 950 מאַרק |
| 2. האָלץ: 27 טעג צו 2,6 מעטער, 70 מ' צו 90 מאַרק | 6.300 " |
| 3. וואַסער און באַלייכטונג | 250 |
| 4. הילפס־מאַטעריאַלן | 100 |
| 5. לויפנדיקע רעמאָנטן | 200 |
| 6. ניט־פאָרויסגעזעענע הוצאות | 100 |
| סך־הכל | 7.900 |
| הכנסה־עודף | 100 רייכס־מאַרק |

1. ספּעציעלע גרופּעס זיינען באַשטאַנען פון מענטשן, וועלכע די ס. ע. ס. פלעגט צווינגען זיך צו גיין באָדן. דאָס זיינען געווען אָפּגעלאָזענע און שרעקלעך שמוציקע מענטשן פון היימען, ווו עס זיינען געווען אַנשטעקנדיקע קראַנקע. אַזעלכע פלעגט מען באָדן אָן געלט.

## סאַניטאַרער דורכלאָז־פּונקט נומער 2

| | | |
|---|---|---|
| הכנסה: | | |
| 26 אַרבעט־טעג צו 18 שעה צו 23 פּערזאָן אַ שעה | 10.764 | |
| אָפּ אויף פּרעקווענץ־פאַרלוסט | 503 | |
| | 10.261 | |
| 10.261 פּערזאָן צו 1 רייכס־מאַרק | 10.261 | ר. מ. |
| הוצאה: | | |
| 1. פּערסאָנאַל | 850 | |
| 2. באַהייצונג 26 מאָל צו 3.75 מעטער — | | |
| 97.5 מעטער צו 90 ר. מ. | 8.775 | |
| 3. וואַסער און באַלייכטונג — | | |
| 180 קילאָוואַט עלעקטרישע ענערגיע צו 050 ר. מ. | 90 | ר. מ. |
| 950 מעטער וואַסער צו 018 ר. מ. | 171 | |
| | 261 | |
| 4. הילפס־מאַטעריאַלן (כלאָר, מעדיקאַמענטן, זייף) | 75 | |
| 5. לויפנדיקע רעמאָנטן — ביים דעזינפעקטאָר, קעסל, עלעקטריע | 200 | |
| 6. ניט־פאָרויסגעזעענע הוצאות | 100 | |
| | 10.261 | |

### פּרעקווענץ אין די בעדער

טאַבעלע לויטן סטאַטיסטישן אַמט פון געטאָ

| | יולי | אויגוסט | סעפּט. | אָקטאָבער | נאָוועמ. | דעצ. 1942 |
|---|---|---|---|---|---|---|
| צאָל באַזוכער | 7.594 | 13.963 | 13.593 | 15.443 | 16.002 | 18.026 |

ווען ס'איז געלייזט געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון די בעדער, האָט די סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישע סעקציע אַרויסגעגעבן פאָלגנדיקע „ספּעציעלע סאַניטאַרע אינסטרוקציעס פאַר נאַרונגס־מיטל־אונטערנעמונגען".

1) יעדע אונטערנעמונג מוז האָבן ביי זיך אַ ספּעציעלן סאַניטאַר־העפט פאַרן סאַניטאַר, דאָקטאָר אָדער שוועסטער.
2) יעדער אַרבעטער און אָנגעשטעלטער מוז: א) זיין געאימפט קעגן בויך־טיפוס, פּאַראַ־טיפוס און האָבן אַ שיין; ב) באַזוכן דאָס באָד און דעזינפעקציע, לכל הפּחות איין מאָל אין מאָנאַט; ג) איין מאָל אין מאָנאַט אונטערזוכט ווערן דורך דעם קאָנטראָל־סאַניטאַרן־פּונקט און האָבן אַ ביכל. ער מוז האָבן:
3) שירץ, כאַלאַט, טיכל אויפן קאָפּ, די הענט ריין, די נעגל קורץ געשוירן.
4) מען טאָר ניט טראָגן אין די קליידער קיין שפּילקעס, נאָדלען א.א.וו.

5) דעם דרים ווענטעלירן. שפּייען אין מיסט־קעסטלעך.
6) די פֿאָדלאָגע פֿאַרהיטן פֿון לעכער.
7) ניט קעמפֿן קעגן מייז מיט כעמישע אָדער באַקטעריאָלאָגישע מיטלען.
8) אַלע כלים האַלטן ריין. קעסלען ווייסן.
9) אין די פּראָדוקציע־ פֿאַרקויף־ און פֿאַרטייל־שטעלן טאָר מען ניט שלאָפֿן.
10) ניט אַריינלאָזן צופֿיל מענטשן. ניט ענג.
11) מען טאָר זיך ניט באַנוצן מיט די כלים וואָס די קונים ברענגען.
12) ניט אָנרירן די הענט פֿון קאָנסומענט.
13) נאָרונג־מיטלען אויף פּאָליצעס, אַלמערס, טישן — היטן פֿון שטויב.
14) ניט מישן צום ברויט קיין שעדלעכע אָדער ניט־ווערטפֿולע נאָרונג־זאַכן.
15) ברויט גוט באַקן.
16) פֿאַרדעכטיקטע פּראָדוקטן ניט פֿאַרקויפֿן. נאָר אונטערזוכן דורך דער סאַנ. עפּ. אָפּט.
17) די אינסטרוקציעס מוזן הענגען אויף אַן אָנזעעוודיק אָרט.
18) פֿאָרן ניט פֿאָלגן — שטראָף און שליסן די אונטערנעמונג."

אין געטאָ איז דורך דער סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישער אָפּטיילונג אָרגאַניזירט געוואָרן אַ דעזינפֿעקציע־קאַמער. אַלס דעזינפֿעקציע־קאַמער האָט געדינט אַ מיליטערישער באַוועגלעכער אויוון, וואָס די שטאָטישע ליטווישע מאַכט האָט געגעבן דעם געטאָ. אין דער קאַמער פֿלעגן אַריין 10 פּעקלעך קליידער, אָדער עטלעכע מאַטראַצן. דאָרט האָבן שטענדיק געאַרבעט צוויי דעזינפֿעקטאָרן. איינער איז געווען טייגאָוויטש פֿון קאָוונע, דער צווייטער דער זון פֿון אַ לאָדזשער ד"ר רענטגענאָלאָג — קיילסאָן, וועלכער איז געווען אין ווילנער געטאָ צוזאַמען מיט זיין מוטער— אַ קראַנקן־שוועסטער. אַ געוויסע צייט האָב איך געאַרבעט אין דער שטוב אַלס דעזינפֿעקטאָר. די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע, שמוציקע און לעבנס־געפֿערלעכע. שטענדיק האָט מען געהאַט צו טאָן מיט שמוציקע וועש, קליידער און אַנדערע זאַכן, זייער אָפֿט פֿון אָנשטעקנדיקע קראַנקע. אין די ווינטער־חדשים איז דאָ געווען זייער פֿיל אַרבעט. אַרבעטנדיק אין שפּיטאָל פֿלעג איך כסדר פֿירן אויף שליטלעך פּעקלעך קליידער און וועש פֿון די אָנשטעקנדיקע קראַנקע און דעזינפֿעקצירן זיי. מיר 3 זיינען דאָס געווען די דעזינפֿעקטאָרן פֿון געטאָ. אַגב, איך האָב אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געענדיקט אַ דעזינפֿעקטאָרן־קורס ביי די דייטשן, אין קרעטינגען — ליטע, און דערנאָך אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך זיי קיין אוטיאַן — ליטע, צו קעמפֿן קעגן דעם שטאַרק פֿאַרשפּרייטן פֿלעק־טיפֿוס.

אַחוץ די דעזינפֿעקציעס פֿון זאַכן פֿלעגן מיר דורכפֿירן אויך דעזינפֿעקציעס אין הייזער פֿון וועלכע מ'האָט צוגענומען אָנשטעקנדיקע קראַנקע. זייער אָפֿט פֿלעגן מיר דעזינפֿעקצירן גאַנצע לאָקאַלן אין געטאָ, ווי: די אוניווערסיטעטס לאַגערן, קינדער־היימען, שולן, קיכן, בעדער א. אַ. וו. זומער 1943, האָט מען ביי

דער דעזינפעקציע־שטוב אויסגעבויט אַ קליין בעדל מיט עטלעכע שפּריצן פאַר די גדולים פון געטאָ. „ויי״ האָט דאָן אין די רואיקע צייטן ניט געפּאַסט זיך צו באָדן מיט אַלע צוזאַמען אין די צוויי אַלגעמיינע בעדער. אָבער לאַנג האָט עס ניט עקזיסטירט.

די טעטיקייט פון דער דעזינפעקציע־קאַמער האָט זיך לויטן סטאַטיסטישן אַמט פון געטאָ פאַרגעשטעלט אַזוי:

| יאָר 1942 | יולי | אויגוסט | סעפּט. | אָקטאָב. | נאָוועמ. | דעצ. |
|---|---|---|---|---|---|---|
| סכום דעזינפעקצירטע וועש (אין קילאָגראַמען) | 5700 | 6050 | 5500 | 4400 | 5900 | 11500 |

## קאַמף־בריגאַדע קעגן אינפעקטן און פּאַראַזיטן

זומער 1942 האָט זיך ביי דער סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישער אָפּט. געגרינדעט אַ בריגאַדע צו באַקעמפן אינפעקטן און פּאַראַזיטן. הויפּטזעכלעך די וואַנצן־מגפה, וואָס איז געוואָרן אַ פּלאָג אין געטאָ. צו דער בריגאַדע האָבן געהערט ד״ר גיטעל־זאָן און איך. מיר פלעגן מיט שוועפל מאַכן דעזינפעקציעס אין די אינעווייניקסטע לאַגערן, קיכן, קינדער־אַנשטאַלטן, בעדער און אויך אין פּריוואַטע וווינונגען. דאָ האָבן מיר אַ פּרעלימינאַר־ביודזשעט פאַר אַ חודש פון דער בריגאַדע פאַר קאַמף קעגן פּאַראַזיטן.

ה כ נ ס ה:

| | | |
|---|---|---|
| 5 דעזינפעקציעס מיט שוועפל צו 2 מאַרק | 10 | רייכסמאַרק |
| פאַר דעזינפעקציע מיט טערפּענטין | 20 | „ |
| צוזאַמען | 30 | „ |

ה ו צ א ה:

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| שוועפל־ליכט 2 צו 1.5 ר. מ. | 3.00 | ר. מ. | | |
| טערפּענטין 4 קילאָגראַם צו 1.2 | 4.80 | „ | | |
| אַנדערע כעמיקאַלן | 2.20 | „ | 10 | „ |
| רעווח | | | 20 | רייכסמאַרק |

## אַסעניזאַציע און מיסט־אַרויספירונגען

צו דער זעלבער צייט זיינען דערליידיקט געוואָרן די פּראָבלעמען פון אַסעניזאַציע און מיסט־אַרויספירונגען. אין געטאָ פלעגן אַריינפאָרן פויערישע פורלעך, וואָס האָבן אַרויסגעפירט דאָס מיסט. (נאַטירלעך פלעגן די פורלעך אויסגענוצט ווערן אויף אַריינצושמוגלען אין געטאָ פאַרשיידענע פּראָדוקטן).

### א ס ע נ י ז א צ י ע

די צאָל אַרויסגעפירטע פורן (בעטשקעס) האָבן באַטראָפן אין יאָר 1942:

| יולי | אויגוסט | סעפּטעמבער | אָקטאָבער | נאָוועמבער | דעצעמבער |
|---|---|---|---|---|---|
| 517 | 428 | 355 | 346 | 433 | 1227 |

(קיין קאַנאַליזאַציע איז דאָ ניט געווען)

## קאַראַנטין

ווען אין האַרבסט 1942 האָבן אין געטאָ אָנגעהויבן אָנצוקומען יידן פון די אַרבעט־לאַגערן אַרום ווילנע, איז אַנטשטאַנען די סכנה, אַז זיי וועלן מיטברענגען אין געטאָ פאַרשיידענע אָנשטעקנדיקע קראַנקייטן. דעם גרעסטן טייל פלעק־טיפוס און אַנדערע אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן, וועלכע זיינען געווען אין געטאָ־שפּיטאָל, האָבן אַריינגעבראַכט אַרבעטער פון די פּראָווינץ־לאַגערן. דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז יעדער אַרבעטער, אָן אויסנאַם, וואָס קומט אַריין פון דרויסן אין געטאָ, מוז זיין אַ געוויסע צייט אין אַ ספּעציעלער קאַראַנטין, אין הויז נומער 23 אויף רודניצקער גאַס, דירה נומער 7 (דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיין אַ דירה אין וועלכער מיר האָבן געוווינט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה). די קאַראַנטין האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין נאָוועמבער 1942 און די פאַר־וואַלטערין איז געווען פרוי ד״ר אימיאַניטאָוואַ (אַ שוועסטער פון פּאַטי קרעמער) און איך בין געווען איר פאַרטרעטער. דאָ, אין קאַראַנטין, זיינען מיר אָפּגעווען דעם גאַנצן ווינטער 1942—1943. קראַנקע אָדער פאַרדעכטיקטע, וואָס מען פלעגט אַריינפירן אין געטאָ, זיינען גלייך אַריינגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל. די איבע־ריקע האָבן מיר געהאַלטן אַ געוויסע צייט. דאָס האָט זייער פיל מיטגעהאָלפן צו איזאָלירן קראַנקע און צו פאַרהיטן געזונטע. די אַרויסגעלאָזטע דורך אונדז פון קאַראַנטין פלעגן אָנגעבן זייערע אַדרעסן צו וועמען זיי ציען זיך אַריין און אַ קאַראַנטין־שוועסטער האָט זיי אַ לענגערע צייט סיסטעמאַטיש באַזוכט אין זייערע וווינונגען און דערביי קאָנטראָלירט אויך די אַנדערע איינוווינער פון דער דירה.

אַ חודשדיקער בודזשעט פון דער קאַראַנטין האָט זיך לויטן געטאָ־סטאַטיס־טישן אַמט פאָרגעשטעלט אַזוי:

שכירות — 160 רייכסמאַרק ; פאַרן באָדן, 500 פערזאָן צו 1 מאַרק — 500 רייכסמאַרק.

זייף — 200 מ., ווירטשאַפטלעכע אויסגאַבן — 3 מעטער האָלץ צו 90 ר. מ. — 270 ; באַלייכטונג — 15 מ., ריינקייט — 30 מ., דעזינפעקציע־מיטלען — 10 מ., קליינע רעמאָנטן — 20 מ. ; צוזאַמען — 1.205 רייכס־מאַרק.

אין נאָוועמבער זיינען געווען 33 פערזאָן אין קאַראַנטין, אבער אין דעצעמבער איז די צאָל שוין געווען גרעסער.

## סקאָביעס־פּונקט

כדי צו באַקעמפן קרעץ־קראַנקהייטן, וועלכע האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן צווישן אַרבעטער, הויפּטזעכלעך אויף די אַרבעט־פּלעצער, ווו די אַרבעט איז

געוואָן זייער שמוציק, האָט מען איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלן סקאַביעס (קרעץ) פּונקט.

דער בודזשעט פון סקאַביעס־פּונקט האָט זיך אַזוי פאַרגעשטעלט:

הוצאה:

מעדיקאַמענטן — 25 קילאָגראַם; ווילקינסאָן־זאַלב צו 30 ר.מ. — 750.00 ר.מ.

2 ליטער סובלימאַט צו 2.20 — 4.40; ½ ק״ג פּראָשעק — 2.00; ½ ק״ג זייף — 17.60 און 1 מעטער האָלץ — 90.00 ר.מ.; צוזאַמען — 864.00 ר.מ. דער סקאַביעס־פּונקט האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן אין יולי 1942.

פאָלגנדיקע טאַבעלע גיט אַ בילד וועגן דער טעטיקייט פון פּונקט:

| | יולי | אויגוסט | סעפּט. | אָקטאָבער | נאָוו. | דעצ. |
|---|---|---|---|---|---|---|
| צאָל געהיילטע | 448 | 332 | 119 | 174 | 90 | 159 |

די אָנפירערין פון פּונקט איז געווען פרוי ד״ר ליובאַ כאַלעם און מיט איר האָט מיטגעאַרבעט אַ קראַנקן־שוועסטער.

די פּאַציענטן פון סקאַביעס־פּונקט פלעגן גיין אין באָד אַריין מחוץ דער ריי און זיך באָדן אין ספּעציעל פאַר זיי באַשטימטע טערמינען.

**וועשעריי**

דאָס וואַשן וועש אין געטאָ איז געווען אַ זייער שווער פּראָבלעם. ערשטנס איז געווען זייער ווייניק וועש. צווייטנס איז אין די הייזער געווען אַזאַ ענגשאַפט, אַז ס'איז ניט געווען ווו צו וואַשן. דאָן איז געווען אַ פּראָבלעם דאָס קאָכן די וועש. הכלל, אָן אַ שיעור פּראָבלעמען. דעריבער האָט מען אָרגאַניזירט אַן אַלגעמיינע וועשעריי, ווו מען פלעגט אָננעמען פּעקלעך וועש געוואויגענע. דאָס איז געווען אַ גרויסע פאַרלייכטערונג און האָט זייער פיל מיטגעהאָלפן אויפצוהאַלטן די היגיענע פון געטאָ.

פאָלגנדיקער פּרעלימינאַר־בודזשעט פון דער וועשעריי גיט אַ פאָרשטעלונג וועגן פאַרנעם פון דער אַרבעט:

וועשעריי הכנסה: 160 ק״ג וועש אַ טאָג אין משך פון 25 טעג — 4000 ק״ג. צו 2.50 — 10.000.00 ר. מ.

הוצאה:

שכירות — 1490.00 ר. מ., באַהייצונג — 30 מעטער האָלץ צו 90 מ. — 2.700.00 ר. מ. באַלייכטונג — 20.00, וואַסער — 25.00, לויפנדע רעמאָנטן — 100.00, זייף און פּראָשעק צו 100 קילאָגראַם, זייף צו 38.50 — 3850.00; פּראָשעק צו 3 מ. 300.00 ר. מ. — אַנדערע כעמיקאַליען —

105.00 ؛ ניט פאַרויסגעזעענע הוצאות — 100 מ. צוזאַמען 9.190.00.
ריווח — 810.00 ר. מ.

דאָ איז אַ טעות אין 500 מאַרק. עס דאַרף זיין ריווח מיט 500 מאַרק מער, אָדער די שכירות האָבן באַטראָפן מיט 500 מ. מער.

און דאָ האָבן מיר אויך אַ טאַבעלע פון סטאַטיסטישן אַמט אין געטאָ וועגן דער טעטיקייט פון דער וועשעריי.

| | יולי | אויגוסט | סעפט. | אָקטאָב. | נאָוועמ. | דעצ. |
|---|---|---|---|---|---|---|
| סכום געוואַשענע וועש אין ק״ג | 2577 | 2342 | 2906 | 3961 | 3854 | 4389 |

## פריזיר־ און שער־אַנשטאַלטן פאַר קינדער

היות ווי די דייטשן האָבן פאַרלאַנגט, אַז די אַרבעטער זאָלן זיין ריין ראַזירט און די שרעק אויסצוזען אַלט איז, אַגב, געווען זייער גרויס, זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן פריזירייען פאַר דערוואַקסענע, און מ׳האָט זיך געקאָנט שערן און ראַזירן. די אַנשטאַלטן פלעגן זיין אָפן פון 5 פאַרטאָג כדי מען זאָל זיך קענען ראַזירן פאַרן גיין צו דער אַרבעט. די פריזירער האָבן געאַרבעט אומזיסט אָדער פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל. קיין בערד זיינען אין געטאָ ניט געווען. אַ געוויסע צייט האָט דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר מושקאַט פאַרלאָזט זיך אַ בערדל. איך ווייס ניט, צי ער האָט געהאַט אויף דעם אַ דערלויבעניש, צי ער האָט עס געטאָן אויף אייגענער אַחריות. אין געטאָ איז דאַן אַרומגעגאַנגען אַ לידל:

מושקאַט דער אינספּעקטאָר טראָגט אַ בערדל
און אין געטאָ שפּרינגט ער ווי אַ יונג פערדל.

אַחוץ די ראַזיר־אַנשטאַלטן פאַר דערוואַקסענע זיינען אויך געשאַפן געוואָרן שער־שטובן פאַר קינדער, אויך אומזיסט, אָדער פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל.

טאַבעלע וועגן דער טעטיקייט פון די קינדער־שער־אַנשטאַלטן, 1942

| | יולי | אויגוסט | סעפט. | אָקטאָבער | נאָוו. | דעצ. |
|---|---|---|---|---|---|---|
| צאָל געשערטע | — | 1010 | 816 | 1110 | 987 | 1109 |

## טיי־האַלעס

די געטאָ־באַפעלקערונג פלעגט זייער פרי אויפשטיין צו דער אַרבעט. די טויזנטער אַרבעטער, דאָס רוב מענטשן אָן משפחה, אָן קינדער, אָן פרויען, האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו מאַכן זיך אַ גלאָז טיי. אין געוויסע הייזער האָט מען געמאַכט טיי אין עלעקטרישע טשייניקעס, אָבער דאָס זיינען געווען בלויז „גליקלעכע״ הייזער, דער רוב איז געווען הילפלאָז. דעריבער האָט מען איינגע־

אָרדנט עפּנטלעכע טיי־האַלעס. פאַרטאָג האָט מען באַקומען פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל געקאָכט הייס וואַסער, מ׳האָט פאַרבריט טיי און טויזנטער מענטשן האָבן זיך דערקוויקט. מען פלעגט אויך אַהיים נעמען הייס געקאָכט וואַסער אין טשייניקעס, ווי אין די אַמאָליקע גוטע יאָרן אין ווילנע. פאָלגנדיקע טאַבעלע ווייזט, ווי גרויס עס איז געווען די פרעקווענץ אין די „טשייניקעס״.

| | יולי | אויגוסט | סעפט. | אָקטאָבער | נאָוו. | דעצ. |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אַרויסגעגעבן וואַסער אין ליטערס | 101945 | 161594 | 151186 | 113092 | 138950 | 101500 |

**פאָלקס־געזונט**

צום סוף דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז אין געטאָ זיינען אַלע צוויי וואָכן איינגע־אָרדנט געוואָרן מעדיצינישע־פּאָפּולערע שמועסן פאַרן ברייטן עולם פון אַ לעבעדיקן זשורנאַל אונטערן נאָמען „פאָלקס־געזונט״. די דאָזיקע קאָלעקטיווע פאָרלעזונגען פלעגן צוציען מאַסן מענטשן. דאָס איז געווען אַ פאָרזעצונג פון זשורנאַל „פאָלקס־געזונט״, וואָס איז גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געגרינדעט געוואָרן אין ווילנע, טאָקע דורך דער מעדיציניש־סאַניטאַרער צענטראַלע ביי דער ווילנער קהילה, פון וועלכער איך בין געווען דער געשעפטפירער. די ערשטע רעדאַקטאָרן זיינען געווען ד״ר צמח שאַבאַד און אברהם קאַטיק. ער איז אין יענער צייט געקומען קיין ווילנע מיט דעם פּראָיעקט פאַר אַזאַ זשורנאַל.

אַחוץ דער פאַרצווייגטער אַרבעט, וואָס די סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישע אָפּ־טיילונג האָט געפירט אין געטאָ, האָט זי זייער פיל געזאָרגט וועגן די אַרבעטער, וועלכע האָבן געפינצטערט אין די לאַגערן אויף דער פּראָווינץ. די דאָזיקע אַרבעטער פלעגן אַמשרעקלעכסטן ליידן פון שמוץ און ממילא פון פיל אָנשטעק־נדיקע קראַנקהייטן.

## מיינע באַזוכן אויף דער פּראָווינץ

זומער 1942 בין איך, אַלס דעזינפעקטאָר, אַרויסגעשיקט געוואָרן אין אַרבעט־לאַגער קיין ביאַלע־וואַקע. דאָרט האָבן ביי צוויי הונדערט אַרבעטער געאַרבעט ביי טאָרף.

צוזאַמען מיט מיר איז געפאָרן ד״ר ל. עפּשטיין. די אַרבעטער האָבן געוווינט אין אַ ניט שלעכטן באַראַק, אָבער זומער זיינען זיי פאַרפלייצט געוואָרן פון וואַנצן. דאָס איז אַ שוידערלעכע פּלאָג (שפּעטער האָב איך אַליין דערפילט דעם טעם, ווען איך בין געווען אין לאַגער קלאָאָגאַ אין עסטלאַנד). די אַרבעטער, נאָך

אַ שווערן, ביטערן אַרבעט־טאָג, האָבן בייזנאַכט ניט געקענט צומאַכן קיין אויג. די גרעסטע טייל פון זיי פלעגן זיך וואַלגערן די נעכט אויף דער גאַס, אַבי ניט צו זיין אין באַראַק. איך בין דאָרט געבליבן עטלעכע טעג און דורכגעפירט אַ גרינטלעכע שוועפל־דעזינפעקציע. די דאַנקבאַרקייט פון די לאַגער־מענטשן איז געווען אַ גרעזאַלטיקע. די ס. ע.־סעקציע פלעגט אויך אַרויסגעבן פאַר די לאַגערן פאַרשיידענע כעמיקאַליען, ווי: וואַפנע, קאַרבאָל און הויפּטזעכלעך זייף. אָבער די וואַנצן־מגפה איז געווען אומעטום.

דעם 27סטן יולי 1942 האָב איך און ד״ר קאָסטשעניעווסקי באַקומען אַ פּאַר־אָרדענונג אַרויסצופאָרן אויף דער פּראָווינץ אין אַ ריי לאַגערן און דאָרט דורכ־פירן אַ מעדיצינישע אונטערזוכונג פון אַלע אַרבעטער און דעזינפעקצירן די לאַגערן. דעם פרימאָרגן איז אין געטאָ געווען זייער טומלדיק — אין דער נאַכט האָט מען פון געטאָ אַרויסגעפירט ביי הונדערט זקנים. היות ווי די געמיטער זיינען ביי אַלעמען געווען זייער דערשלאָגענע צוליב די ביינאַכטיקע געשעענישן, האָבן מיר ניט אַזוי שטאַרק חשק געהאַט אַרויסצוגיין פון געטאָ. אַגב, האָט מען אונדז געגעבן שיינען פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג אויף צו פאָרן מיט דער באַן, וואָס מיר האָבן אויך אויפגענומען מיט חשד.

מיט אַ שווער געמיט בין איך אַרויס פון ביוראָ און אויף שלימזל זיך אָנגעטראָפן פּנים אל פּנים מיט גענסן. איך שטעל זיך אָפּ און זאָג צו אים: „הער געטאָ־פאַרשטייער, איך האָב באַקומען אַ באַפעל צו פאָרן איצט אויף דער פּראָ־ווינץ אין די לאַגערן, צי וועל איך געפינען מיין מאַמען, ווען איך וועל זיך צוריקקערן?... ווייל אין געטאָ איז ניט רואיק...״ גענס קוקט מיר אַריין אין די אויגן און דערלאַנגט אַ געשריי אויפן קול:

„אידיאָט, גיי שוין צו דער אַרבעט, מאַרש...״

ער האָט אַ דריי געטאָן מיט זיין שפּיצרוט, און איז אַוועק... איך בין מאָמענ־טאַל אַריין צוריק אין קאָרידאָר און דער דערביי־שטייענדיקער ד״ר עפּשטיין און אַנדערע האָבן צו מיר אַ זאָג געטאָן: „איר האָט נאָך אַ סך גליק, איר האָט גוט אָפּגעשניטן, מיר האָבן געמיינט, אַז ער וועט אייך צערייסן... וואָס רעדט איר צו אים וועגן אַזעלכע זאַכן...״

מיט אַ שווער געמיט זיינען מיר אַוועק צום וואָקזאַל מיטנעמענדיק מיט זיך אַ סך שוועפל און ברען־ספּירט.

זייט די דייטשן האָבן פאַרנומען די שטאָט, עפּעס מער ווי אַ יאָר צוריק, בין איך צום ערשטן מאָל געווען אויפן באַנהויף. דאָ איז געווען טויט ווי אויף אַ בית־עולם. אין די וואַגאָנעס זיינען ווו־ניט־ווו געווען געציילטע ציווילע מענטשן. דעם גאַנצן וועג זיינען מיר געזעסן שטיל אין אַ ווינקל ניט וועלנדיק זיך וואַרפן אין די אויגן. מיר האָבן זיך דערלויבט אַראָפּצונעמען פון זיך די געלע

לאָטעס. אין משך פון אַ טאָג 10 זײַנען מיר געװען אין פּאָדבראָדזש, נײַ־סװענציאַן און איגנאַלינע.

### פּאָדבראָדזש

דאָס שטעטל פּאָדבראָדזש איז אין װילנער געגנט געװען באַרימט מיט זײַן סאָסנאָװן װאַלד. זומער־צײַט פֿלעגן דאָרט זײַן הונדערטער געסט אויף זומער־װױנונג. אין די אַלטע רוסישע צײַטן איז מען אַפֿילו פֿון פּעטערבורג געקומען „אויף דאַטשע״ קײַן פּאָדבראָדזש. װען איך האָב אין 1924 חתונה געהאַט, האָבן מיר אונדזער האָניק־חודש פֿאַרבראַכט אין באַרימטן שילאָנס־פּענסיאָן.

אין דעם שטעטל, װאָס איז פֿריִער געװען אַ פֿײַן, האַרציק ייִדיש שטעטל, מיט אַ ברױזנדיק ייִדיש לעבן, איז איצט געװען אַ טױטע שטילקײט. די גרעסטע טײל ייִדישע קראָמען זײַנען געװען פֿאַרהאַקט מיט ברעטער. קײן זכר ניט פֿון אַ ייִדיש הױז, פֿון אַ לעבעדיקן ייִד. דער לאַגער פֿון די ייִדישע אַרבעטער האָט זיך געפֿונען אַנטקעגן דער באַן־סטאַציע, אױף אַ בערגל, אין אַ פּרעכטיקן סאָסנאָװן װאַלד, װוּ אין די גוטע יאָרן פֿלעגן אײַנשטײן הונדערטער דאַטשניקעס. אין דעם בנין איז פֿריִער געװען אַ פּױלישע קינדער־שולע. אין לאַגער זײַנען געװען בײַ אַ 70 פּערזאָן מענער און פֿרױען, װעלכע האָבן געאַרבעט אױף דער באַן און בײַ פֿאַר־שײדענע אַנדערע אַרבעטן בײַ די דײַטשן. די אַרבעטער האָבן דאָ פֿאַרהעלטניש־מעסיק געהאַט ניט שלעכט. די אַרבעט — ניט אַ צו שװערע און פּראָדוקטן איז געװען לײַכט צו באַקומען בײַ די אַרומיקע פּױערים פֿאַר פֿאַרשײדענע זאַכן. אַרבעטנדיק בײַ דער דעזינפֿעקציע, האָב איך זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן און בין אַװעק אין שטעטל, װאָס איך האָב זײער גוט געקענט. אין אָנהױב פֿון די צװאַנציקער יאָרן האָב איך דאָ געגרינדעט די ערשטע געזעלשאַפֿטלעכע אַפּטײק אין פּױלן, אױף קאָאָפּעראַטיװע יסודות. צוזאַמען מיט ד״ר י. ראַפּעס האָבן מיר דאָ געשאַפֿן אַ פֿאַרבאַנד פֿון די שטעטלשע ייִדן און אַרומיקע קריסטן, און אײן יאָר האָב איך אָנגעפֿירט מיט דער אַפּטײק. איך בין געװען זײער אַקטיװ אין ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן און דאָ בין איך צום ערשטן מאָל, בײַ די ערשטע דעמאָקראַטישע װאַלן צו דער קהילה, אױסגעװײלט געװאָרן אַלס ראַטמאַן פֿון דער דעמאָקראַטישער יוגנט־גרופּע.

איך בין אַרײַן אין דער אַפּטײק, װאָס האָט געהערט צום אַפּטײקער קאַװוּקין. אַ שײנע אַפּטײק און אַ פֿײַן רײַך הױז, אָבער פֿון די קאַװוּקינס קײן סליאַד. מיט דער אַפּטײק פֿירט אָן אַ ניט־ייִדישער אַפּטײקער. ער האָט מיך פֿײַן אױפֿגענומען און זײער באַדױערט דעם אומקום פֿון די קאַװוּקינס... פֿון אים האָב איך זיך דערװוּסט, אַז אַלע ייִדן פֿון שטעטל זײַנען אומגעבראַכט געװאָרן אין 1941 אױפֿן פּאָליגאָן, נעבן נײַ־סװענציאַן, אַזױ גוט װי אַלע ייִדן פֿון די אַרומיקע שטעטלעך.

## נײַ־סווינציאַן

פֿון פּאָדבראָדזש זײַנען מיר אַרײַנגעפֿאָרן קיין נײַ־סווינציאַן. אין פֿאַרגלײַך מיט פּאָדבראָדזש, װעלכע איז ניט געריִרט געוואָרן בשעת דער מלחמה, איז נײַ־סווינציאַן געוועזן גוט צעשטערט. דאָ איז געוועזן אַ וויכטיקער קנופּ־אָרט פֿאַר די באַנען. דאָ האָבן מיר אויך קיין איינציקן ייִד ניט געטראָפֿן. אַזוי גוט ווי די פּאָדבראָדזשער ייִדן, זײַנען זיי אויך שוין געוועזן אויפֿן פּאָליגאָן. דער לאַגער פֿון די ייִדישע אַרבעטער האָט זיך אויך געפֿונען הינטערן שטעטל. עס זײַנען געוועזן בײַ 100 מענער און פֿרויען. די אַרבעט־באַדינגונגען — ניט קיין שלעכטע און די ייִדן פֿלעגן האַנדלען מיט די אַרומיקע פּויערים.

## איגנאַלינע

דאָס שטעטל איז מיר אויך געוועזן זייער גוט באַקאַנט. אַחוץ דעם, וואָס איך בין דאָ צענדליקער מאָל געווען, בין איך מיט אַלע שטעטלעך געווען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען איך בין געווען געשעפֿטס־פֿירער פֿון דער „סאַניטאַר־מעדיצינישער צענטראַלע“, בײַ דער ווילנער קהילה, וועלכע האָט, מיט די געלט־מיטלען פֿון „דזשאָינט“, זיך פֿאַרנומען מיטן אויפֿבויען די חרוב־געוואָרענע שטעטלעך פֿון ווילנער ראַיאָן אויפֿן סאַניטאַרן געביט, ווי: בויען בעדער, היילן די קראַנקע אויף „פּאַוווס“, שאַפֿן אַמבולאַטאָריעס און דרים־פּונקטן וכדומה. דאָס האַרץ האָט געווייטיקט צוזעענדיק, וואָס מען האָט פֿון אַזעלכע בליִענדיקע ייִשובֿים געמאַכט אין איין איינציק יאָר. געקענט האָב איך דאָ פֿיל חבֿרים פֿון דער ייִדישער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און אַנדערע געזעלשאַפֿטלעכע טוער. איצט איז דאָס שטעטל געווען טויט, אָפּגעברענט און חרובֿ. טאָמער איז ווו געווען אַ גאַנץ הויז — איז עס געווען פֿאַרקלאַפּט מיט ברעטער, קיין לעבעדיקן נפֿש האָבן מיר ניט געזען. טויט און וויסט.

דאָ האָט זיך דער לאַגער געפֿונען אין שטעטל, אין גאַנץ־געבליבענעם בית־המדרש. די אַרבעטער האָבן געמאַכט דרײַ גאָרנדיקע נאַרעס, אויף וועלכע עס האָבן געלעבט בײַ אַ 100 מענער און פֿרויען. אַזוי גוט ווי אין די אַנדערע שטעטלעך האָבן זיי געאַרבעט פֿאַר די דײַטשן בײַ דער באַן, און פֿון האַנדל מיט פּויערים, האָבן זיי געצויגן זייער פֿינצטערע חיונה.

קוים דערלעבט צו ענדיקן אונדזער אַרבעט, זײַנען מיר אַרויסגעפֿאָרן צוריק קיין ווילנע. נאַטירלעך האָבן מיר מיט זיך גענומען אַ ביסל פּראָדוקטן, אײַנגעהאַנדלט פֿאַר געוויסע זאַכן, וועלכע מיר האָבן מיט זיך גענומען. „טשיסטקעס“, טויט־שרעק, אומרויִקייטן אין געטאָ־לעבן — דאָס לעבן אַליין איז אָבער שטאַרקער פֿאַר אַלץ. פֿאָרנדיק אַהין און זײַענדיק דאָרט, האָט מען געקלערט

אויך וועגן איינשאַפן זיך געוויסע פּראָדוקטן צום טאָג־טעגלעכן לעבן, הגם מיר האָבן זייער גוט געוווסט, אַז פון וואַגאָן קען יעדער דייטש, אָדער סתם כוליגאַן אונדז אַרויסוואַרפן און צונעמען ניט נאָר אַלץ וואָס מיר האָבן, נאָר פון אונדז אַליין אַ תל־מאַכן, אַז מען זאָל אַפילו ניט וויסן ווו אונדזער געביין איז אַהינגעקומען. אונדזער רייזע־שייַן פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג האָט אַ גאַנץ קנאַפּן ממשות געהאַט... ערשט ווען מיר זיינען אָנגעקומען צום געטאָ־טויער, זיינען די פּראָדוקטן ביי אונדז צוגענומען געוואָרן דורך... די יידישע טויער־פּאָליציאַנטן; דאָס איז געווען ממש אַ ריס אין האַרצן — דורכמאַכן אַזאַ ריזיקאַלישן וועג, ביי אַזעלכע לעבנס־געפערלעכע באַדינגונגען, זאָלן אייגענע „קאָלעגן" (זיי זיינען דאָך אויך געווען אָנגעשטעלטע פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג) צונעמען דאָס וואָס איז מיט אַזוי פיל אַנגסט־ריזיקע געבראַכט געוואָרן, דאָס איז שוין געווען אַ ביסל צו פיל. נאָך לאַנגע און ביטערע שמועסן און אינטערווענצן האָט מען אונדז די פּראָדוקטן אָפּגעגעבן, די פרייד איז שטוב, אַז מען האָט אונדז דערזען צוריק לעבעדיקע, געזונטע און דערצו נאָך מיט פּראָדוקטן — אַן אומבאַשרייבלעכע...

*

אָט די אַלע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען, דורך דער סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישער אָפּטיילונג געשאַפן געוואָרן, האָבן געהאַט אַלס ציל איינצוהאַלטן דאָס געטאָ אין ריינקייט. די רעזולטאַטן זיינען באמת געווען ווונדערלעכע, ממש צו שטוינען. אַלס מענטש, וועלכער איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין ווילנע האָב איך געקענט ניט נאָר יעדעס געסל, נאָר יעדן שטיין. אַזאַ ריינקייט און ציכטיקייט ווי ס'איז געווען אין געטאָ, איז ניט געווען דאָ אין פרידנס־צייטן.

אַוודאי זיינען אין געטאָ געווען פיל קראַנקע און שוואַכע, אָבער דאָס אין רעזולטאַט פון די שווידערלעכע לעבנס־באַדינגונגען. דאָס געטאָ האָט געשאַפן נייע קראַנקהייטן ביי מענער, פרויען און קינדער. מיט די נייע צרות האָט דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל געפירט אַ ביטערן קאַמף מיט אַלע מיטלען, וואָס מ'האָט אין יענע באַדינגונגען געהאַט צו דיספּאָזיציע.

מ'דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז טויזנטער מענטשן זיינען געצווונגען געווען צו טאָן אַזעלכע אַרבעטן צו וועלכע זיי זיינען ניט פעאיק געווען, ניט פיזיש און ניט מאָראַליש. דאָס האָט געווירקט פאַטאַל אויף זייער פיל מענטשן.

דער אונטערשטער סך־הכל איז, אַז דער יידישער דאָקטאָר, אַפּטייקער, קראַנקן־שוועסטער און דער נידעריקער אַרבעט־פּערסאָנאַל, האָבן דערפילט זייער חוב לגבי זייערע ברידער און ניט דערלאָזט, אַז די מערדער זאָלן האָבן פרעטעקסטן אומצוברענגען דאָס געטאָ צוליב עפּידעמיעס, צו וואָס זיי האָבן געשטרעבט.

# בית־עולם־אָפּטיילונג

וועגן בית־עולם־אָפּטיילונג האָב איך געפונען פאָלגנדיקע נאָטיצן:

מיטאַרבעטער פון דער בית־עולם־אָפּטיילונג

1. אגוז זלמן — פורמן — 1897
2. ברוידעס משה — בוכהאַלטער — 1875
3. פרעגער ראובן — זארג־טישלער — 1886
4. פלאַקס אליהו — שניידער — 1885
5. פלאַקס יצחק — עלעקטראָטעכניק — 1905
6. קוויק פייטל — האָלץ־סאָרטירער — 1890
7. ריקלעס אידע — הענטשקע־מאַכערין — 1887

אין אַ געוויינלעכן העפט, וואָס איז געווען טיילווייז צעריסן, האָב איך געפונען פאָלגנדיקע נאָטיצן:

נומער 8, געטאָ־אַרכיוו, בית־עלמין־אָפּטיילונג. (1)

1942. 24.4 אַ מודעה וועגן טויט פון ה. שמחה ליפּאָווסקי (2)

7.6 אַ מעלדונג וועגן אַ הספד פון די טראַגיש־אומגעקומענע.

3.7 אַ דיפּלאָם פון פּרוי ד״ר בענגען פעאַדאָ... וועלכע איז געקומען צו קבורה דעם 9.11.1941, אַלס קדוש אויפן זאַרעטשער בית־עולם.

3.7 אַ ביילאַגע צום דיפּלאָם פון קהילה־פאַרוואַלטונג אין ווילנע.

4.7 דאָקומענטן פון ד״ר ספּאַקאַינע מיט זיין פרוי (געפונען אין געטאָ).

27.7 ליסטע פון ברויט־קאַרטן פון די אומגעקומענע זקנים אין „פּאָספּעשקי" 27.7.42 (3).

28.9 אַ מודעה וועגן טויט פון לערער יעקב גערשטיין, 27.9 (4).

28.9 אַן ערעם־באַנד פון לערער יעקב גערשטיין.

19.9 אַ מודעה וועגן טויט פון אַדוואָקאַט ישראל קאַפּלאַן (קלעפּ־סידרע) (5).

7.11 אַ מודעה וועגן טויט פון אָבערפעליציסט נתן שלאָסבערג. (6)

אַ מודעה וועגן טויט פון ד״ר משה העללער פון יוגנט־קלוב. (7)

ענלעכע קלעפּסידרעס פון אַנדערע.

באַריכט פאַרן חודש אָקטאָבער 1942

5.12 אַ מודעה וועגן טויט פון לייב ברושטיין.

31.12 אַ באַריכט פאַרן חודש דעצעמבער 1942.

1943. 5.2 אַ באַריכט (סטאַטיסטיק) פאַרן חודש יאַנואַר.

5.3 אַ באַריכט פון די נפטרים אין פעברואַר 1943.

3.4 אַ באַריכט פון די נפטרים אין מערץ.

1.5 אַ מעלדונג וועגן טויט פון מאיר אבעליאָוויטש.

19.4 אַ מעלדונג וועגן טויט פון ישראל בוראַקיסקי.

26.4 אַ קוויט וועגן דעמבּוווקער באָדן. (8)
26.4 אַ מעלדונג וועגן טויט פון מרים אַדעלמאַן.
4.5 אַ באַקאַנטמאַכונג פון געטאָ־פּאָרשטייער נומער 112.
4.5 וועגן טויט פון די אַרבעטער שולקין אהרון און זיין פרוי רבקה.
6.5 סטאַטיסטישע ידיעות וועגן די באַערדיקטע אין חודש אַפּריל.
6.5 אַן איבערבליק איבער דער טעטיקייט פון דער בית־עולם־אָפּטיילונג.

דעם 26סטן אַפּריל 1943 איז אויסגעטרונקען געוואָרן, אין שייכות מיטן איבערווייזן דורך ה׳ גאַווערסקין דעם באָדן אויף דעמבּוווקע, אונטער אַ גאָרטן, איין ליטער בראָנפן אין ווערט פון 72 רייכסמאַרק (צוויי און זיבעציק).

אונטערגעשריבן א. פלאַקס און נאָר אַן אונטערשריפט

(1) דער ווילנער בית־עולם האָט זיך געפונען אויף זאַרעטשע. ער איז אָבער שוין פאַר דער מלחמה געווען פאַרפולט און די יידישע קהילה האָט געקויפט אַ נייעם פלאַץ אויף דעמבּוווקע. יעדן מת פון געטאָ פלעגט מען אַרויספירן אין דער נאָרמאַלער שוואַרצער עגלה מיט אַ פערד. די בית־עולם אָפּטיילונג פלעגט פאַר דער קבורה נעמען געלט, אויב ס׳איז געווען ביי וועמען צו נעמען.

געלט פלעגט מען נעמען פאַרן מאַכן די קבורה נאָר אויף זאַרעטשע און ניט אויף דעמבּוווקע. דעם מת האָבן משפחה און פריינט געקענט באַגלייטן ביזן געטאָ־טויער. ווייטער פלעגט שוין פאָרן דער בעל־עגלה אין דער באַגלייטונג פון בית־עולם־פאַרוואַלטער אליהו פלאַקס. ביי די געלעגנהייטן איז די עגלה אויסגענוצט געוואָרן אויף אַריינצופירן געשמוגלטע פּראָדוקטן. פון די נאָטיצן זעט מען, אַז פלאַקס פלעגט אויך אין פרידנסצייט פירן גענויע נאָטיצן וועגן אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צום בית־עולם.

(2) שמחה ליפּאָווסקי איז געווען דער זון פון גוט באַוווסטן טעאַטער־דירעקטאָר נחום ליפּאָווסקי, וועלכער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זיין פענאָמענאַלן זכרון, וואָס ער האָט פיל מאָל אויסגענוצט לטובת דעם יידישן טעאַטער. אין געטאָ איז געווען די אַלטע אַקטריסע אסתר ליפּאָווסקי, און מ׳האָט סאַקע אין געטאָ געפייערט איר 40 יאָריקן יובל אויף דער יידישער בינע.

דער זון שמחה, אויך אַן אַרטיסט, איז קראַנק געוואָרן אויף פלעק־טיפוס. מ׳האָט אים געבראַכט אין געטאָ־שפּיטאָל, אין דער אָפּטיילונג ווו איך האָב געאַרבעט. געלעגן איז ער ביי אונדז בלויז עטלעכע טעג און געשטאָרבן. ביי דער מיטהילף פון אַ וועכטערין האָב איך אים אַריינגעטראָגן אין מתים־שטיבל.

(3) וועגן די 100 זקנים אַרויסגעפירטע פון געטאָ און אומגעבראַכטע, האָב איך געגנוי פריער געשריבן.

(4) וועגן זיין טראַגישער לאַגע פריער געשריבן.

(5) באַוווסטער אַדוואָקאַט אין ווילנע.

(6) דער אַבערפּאָליציסט נתן שלאָסבערג איז געווען אויפזעער איבער אַרבעטער אין אַ פּראָווינץ־לאַגער. ער פּלעגט זיך אָבער שרעקלעך איזדיעקעווען איבער זיי. זיי האָבן אים דאָרט דערשאָסן אין זיין צימער.

(7) ד״ר משה העללער — באַקאַנטער געלערנטער.

(8) דעמבוווקע איז דער נייער בית־עולם.

## שטערבלעכקייט אין געטאָ

וועגן דער שטערבלעכקייט אין געטאָ האָבן מיר ידיעות סיי פון יידישן שפּיטאָל, סיי פון דער בית־עולם־אָפּטיילונג, וואָס איז געווען ביי דער געטאָ־פאַרוואַלטונג.

טאַבעלע נומער 32

| חודש | געשטאָרבענע מענער | פרויען | 0—4 | 5—14 | 15—19 | 20—29 | 30—39 | 40—49 | 50—59 | 60 און מער |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | עלטער | | | | | |
| יאַנואַר | 52 | 46 | 24 | — | 1 | 1 | 1 | 4 | 18 | 49 |
| פעברואַר | 41 | 32 | 17 | 4 | — | — | 3 | 10 | 8 | 31 |
| מערץ | 37 | 44 | 16 | 3 | 1 | 2 | 5 | 7 | 9 | 38 |
| סך־הכל | 130 | 122 | 57 | 7 | 2 | 3 | 9 | 21 | 35 | 118 |

# די געטאָ־אַפּטייק און דער גורל פון די יידישע פאַרמאַצעווטן

אין יידישן שפּיטאָל, וועלכער האָט זיך געפונען אין ראַיאָן פון גרויסן געטאָ, איז געווען ניט קיין גרויסע אַפּטייק פאַר די נויטן פון שפּיטאָל. מיטן אַריינקומען אין געטאָ פון עטלעכע און צוואַנציק טויזנט נפשות איז די אַפּטייק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געטאָ־אַפּטייק, צו וועלכער ס׳האָבן זיך צוגעטוליעט עטלעכע פאַרמאַצעווטן. ווען ס׳איז געקומען דער מאָמענט פון באַקומען געלע שיינען, האָבן די לעבנס־שיינען באַקומען אַלע דאָקטוירים (אַחוץ איינעם — ד״ר קאַלאַדניי). דאַקעגן פון די אַפּטייקערס האָט באַקומען בלויז איין איינציקער מענטש — דער לייטער פון אַפּטייק ש. טשעסלי. אַלע אַנדערע זיינען ווידער געבליבן אויף הפקר און ביי דער ערשטער „טשיסטקע״ זיינען טאַקע איינציקע אַוועק אויף פּאָנאַר, צווישן זיי אויך דער געווו. לייטער פון אַפּטייק־קאָנטאָר, אַדלער מיט זיין משפּחה. מיט דער צייט האָבן איניקע באַקומען געלע שיינען אויף פּריוואַטע וועגן. פּרומקין, גורעוויטש, נאַדעלמאַן. אַ ביסל שפּעטער האָבן באַקומען ראָזע פאַמיליע־

שיינען: טורגעל, קלאָק, מאַזור און באַלבערישסקי. די פאַרמאַצעווטןמלטשאַדסקי (באַקאַנט אַלס אַרטיסט מאַלסקי) און פרל. רעשאנסקא האָבן געאַרבעט אין דער געטאָ־פּאָליציי.

דאָס באַקומען מעדיקאַמענטן פאַר דער אַפּטייק איז געווען אַ זייער וויכטיק און שווער פּראָבלעם. די דייטשן האָבן באַשטימט פאַר די געטאָ־בויטן אַ זייער באַגרענעצטע צאָל אַפילו פון די פּשוטסטע מעדיקאַמענטן, וואָס מ'האָט באַקומען פון דער שטאָטישער אַפּטייק. זיינען מיר דעריבער געווען געצווונגען איינצוקויפן מעדיקאַמנטן, דעזינפעקציע־מיטלען, פאַרבאַנד־שטאָפן, איינשפּריצונגען, סוראָ־וויצעס וכד׳, פּריוואַט אויפן שוואַרצן מאַרק, נאַטירלעך, פאַר זייער איפּגעשרויפטע פּרייזן. די פּריוואַטע פּוילישע אַפּטייקער האָבן זייער גערן געהאַנדלט מיטן געטאָ און געהאָלפן באַקומען אַלץ, וואָס דאָס געטאָ האָט פאַרלאַנגט. איך אַליין, אַזוי ווי פיל אַנדערע דאָקטוירים און פאַרמאַצעווטן, פלעג באַקומען די נויטיקע מעדיקאַמענטן ביי מיינע באַקאַנטע אַפּטייקערס, פאַרהעלטנישמעסיק צו אַנשטענדיקע פּרייזן. אָפּטמאָל האָב איך אַפילו באַקומען געוויסע אַרטיקלען אַלס מתנות, אָן געלט. אַריינברענגען די געשמוגלטע סחורות פלעגט מען אונטערן כאַנטל פון די לעגאַלע. אַוודאי איז מען טאַקע שטענדיק געווען איינגעשטעלט מיטן לעבן ביים קויפן און אַריינטראָגן אין געטאָ. אָבער אין דעם פאַל פלעגט די יידישע פּאָליציי מיטהעלפן ביים געטאָ־טויער.

מיט דעם וועג וואָלט דאָס געטאָ ווייט ניט פאַרפאָרן. וויער פיל מעדיקאַמענטן פלעגן די יידישע אַרבעטער אַריינברענגען אין געטאָ פון זייערע אַרבעט־פּלעצער אין די סאַניטעטס־דעפּאָען. זיי פלעגן פּשוט גנבענען און שלעפּן, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען. די ריזיקע איז געווען אַ געוואַלטיקע, אָבער די ביטערע נויט פלעגט צווינגען צו אַלץ. ספּעציעל האָט זיך אויף דעם געביט אויסגעצייכנט דער בריגאַדיר פון סאַניטעט־דעפּאָ וואָראָנאָוו, וועלכער פלעגט אַריינשלעפּן מאַסן גוטע, נויטיקע מעדיקאַמענטן, לויט די אָנווייזונגען פון די יידישע פאַרמאַצעווטן.

אַזוי לאַנג ווי אין געטאָ איז געווען „רואיק" און „נאָרמאַל", איז ניט געווען קיין דוחק אין די זאַכן. עס האָבן די פּוילישע אַפּטייקערס זיך אָפּט געוויצלט, זאָגנדיק, אַז דאָס געטאָ האָט מער מעדיקאַמענטן ווי די שטאָט, און אין אַ נויט־לאַגע מוזן זיי קויפן אין געטאָ...

מעדיקאַמענטן האָבן אויך אַריינגעברענגט די יידישע אַרבעטער פון גרויסן מיליטערישן שפּיטאַל, אויף אַנטאַקאָליע, ווי אויך פון אַנדערע מעדיצינישע פּלאַצוווקעס.

אַ ראַדיקאַלער איבערברוך צו ערגער איז געקומען דעם 6טן פעברואַר 1943, ווען ס'איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז פאַרן געטאָ איז דער שטאָט פאַרבאָטן צו פאַרקויפן וועלכע ס'איז מעדיקאַמענטן.

אויך דאַן האָט מען זיך אַן עצה געגעבן. געגנבעט מער, געקויפט ניט־לעגאַל מער, און די נייטיקסטע זאַכן האָט מען דאָך געהאַט.

פון אָנהויב איז ביי דער אַפּטייק אויך געווען די באַקטעריאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריע. מיטן וואַקסן פון דער אַרבעט סיי אין אַפּטייק, סיי אין דער לאַבאָראַטאָריע, איז די לעצטע אַריבער אין אַן אַנדער אָרט און די אַפּטייק איז פאַרגרעסערט געוואָרן. אין 1942 יאָר האָט די געטאָ־אַפּטייק אַרויסגעגעבן 92,874 רעצעפּטן.

טאַבעלע נומער 35

| חודש | צאָל רעצעפּטן פאַרן שפּיטאָל | טעגלעך | צאָל רעצעפּטן פאַרן געטאָ | טעגלעך | צוזאַמען | טעגלעך |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | 1871 | 60 | 5192 | 168 | 7065 | 228 |
| 2 | 2134 | 76 | 5288 | 189 | 7422 | 265 |
| 3 | 2366 | 76 | 5996 | 193 | 8362 | 269 |
| 4 | 2409 | 80 | 5954 | 199 | 8363 | 279 |
| 5 | 2423 | 78 | 6318 | 204 | 8741 | 282 |
| 6 | 2001 | 67 | 5462 | 182 | 7463 | 249 |
| 7 | 2367 | 76 | 4675 | 151 | 7042 | 227 |
| 8 | 2157 | 70 | 5129 | 166 | 7286 | 236 |
| 9 | 2659 | 89 | 4603 | 153 | 7262 | 242 |
| 10 | 1939 | 62 | 5885 | 190 | 7824 | 252 |
| 11 | 2233 | 74 | 5907 | 197 | 8140 | 271 |
| 12 | 2234 | 72 | 5672 | 183 | 7906 | 255 |
| סך־הכל | 26793 | 74 | 66081 | 181 | 92874 | 255 |

## טאַבעלע וועגן דער טעטיקייט פון אַפּטייק פאַרן שפּיטאָל

| חודש | צאָל רעצעפּטן פאַרן שפּיטאָל | פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער צאָל רעצעפּטן | צאָל פון די קראַנקע | צאָל רעצעפּטן אויף איין קראַנקן |
|---|---|---|---|---|
| 1 | 1871 | 26,6 | 249 | 7,5 |
| 2 | 2138 | 28,8 | 247 | 8,6 |
| 3 | 2366 | 28,3 | 203 | 11,6 |
| 4 | 2409 | 28,8 | 229 | 10,5 |
| 5 | 2423 | 27,7 | 209 | 11,6 |
| 6 | 2001 | 26,8 | 257 | 7,8 |
| 7 | 2367 | 33,6 | 227 | 10,4 |
| 8 | 2157 | 29,6 | 278 | 7,3 |
| 9 | 2659 | 36,6 | 283 | 9,4 |
| 10 | 1939 | 24,8 | 271 | 7,2 |
| 11 | 2233 | 27,4 | 244 | 9,5 |
| 12 | 2234 | 28,3 | 304 | 7,4 |
| סך־הכל | 26793 | 28,9% | 3001 | 8,9 |

**רשימה פון די אַפטייקערס, וועלכע זיינען געווען אין געטאָ**

1. פרוי אסתר צוקערזיס, לאַנגע יאָרן געאַרבעט אין „אזע"־אַפטייק.
2. יצחק פרומקין און מוטער (אינהאַבער פון אַן אַפטייק).
3. שמערל טשעסלי, אינהאַבער פון גרויסן אַפטייק, הורט־געשעפט.
4. ווירשובסקי, אינהאַבער פון גרויסן אַפטייק, הורט־געשעפט — שותף.
5. גורוויטש, לאַנגע יאָרן געאַרבעט אין פאַקס אַפטייק.
6. טורגעל מיט דער פרוי, אינהאַבער פון געוו. שירווינטס אַפטייק.
7. טורגעל פרל, מאַגיסטער, טאָכטער.
8. טורגעל, צווייטע שוועסטער, אַ באַקטעריאָלאָגין.
9. אַדאָלף נאַדעלמאַן פון שטאָטישן אַפטייק, זיין ברודער ראָבערט — צאָן־דאָקטאָר, געווען פרעזידיום־מיטגליד פון „אזע". זייער שוועסטער, אַ באַרימטע פיאַניסטין.
10. פרוי גענס, די שוועגערין פון געטאָ־פאָרשטייער, געאַרבעט אין אַפטייק־קאָנטאָר.
11. ביעליצקאַ, פון סאַפּאָזשניקאָווס אַפטייק.
12. מינקער, פון אָסטראָבראַמער אַפטייק.
13. מאַזור, פון פּראָווינץ.
14. קלאָק, אינהאַבער פון אַ פאַרמאַצעווטישער פאַבריק „עס־קא".
15. כץ און פרוי, אינהאַבער פון אַן אַפטייק.
16. לילי רעשאַנסקאַ.
17. חיים מאַלטשאַדסקי, געאַרבעט אין אַפטייק פון „משמרת חולים". גוט באַקאַנט געווען אַלס אַרטיסט מאַלסקי.
18. זאַרכיי.
19. אַדלער, געאַרבעט אין סאַפּאָזשניקאָווס אַפטייק, שפּעטער — לייטער פון אַפטייק־קאָנטאָר.
20. ראַבינסאָן, געאַרבעט אין פרומקינס אַפטייק.
21. ריינדזיון, אינהאַבער פון אַן אַפטייק הורט־סקלאַד.
22. מ. באַלבערישסקי.
23. שענקער, געאַרבעט אין פרומקינס אַפטייק.

מעגלעך, אַז עס זיינען געווען נאָך אייניקע געציילטע קאָלעגן.

פון די אויבן אויסגערעכנטע און אַנדערע (האָב איך נאָך דער מלחמה געהערט) זיינען געבליבן לעבן: פר"ל מאַגיסטער טורגעל, וועלכע האָט זיך געראַטעוועט מיט מיר אין טויטן־לאַגער קלאָאָגאַ, דער אַפטייקער כאַווקין פון פּאַדבראָדזש און מאַג. וו. טאַראַסייסקי פון סוויענציאַן — געקומענע פון ראַטן־פאַרבאַנד.

ווען איך בין נאָך דער באַפרייאונג געקומען צוריק פון לאַגער קיין ווילנע, סוף נאָוועמבער 1944, בין איך באַשטימט געוואָרן אַלס אַפטייק־אינספּעקטאָר אין דער ווילנער קאָנטאָר. פאַר דער צייט ביז מיין רעפּאַטריאַציע צוריק קיין פּוילן (חודש מאַי, 1945) האָב איך אין ווילנע קיין איין יידישן אַפטייקער ניט געטראָפן אַ חוץ מאַגיסטער טורגעל.

## וווינונג־ און טעכנישע אפטיילונג

גלייך ווי מען איז אַריין אין געטאָ, האָט פריד אַריינגעצויגן אין יודנראַט אַלס מיטגליד דעם אינזש. ג. גוכמאַן. פריד האָט מיר איבערגעגעבן, ווי אַזוי דאָס איז געשען. ער האָט געזוכט פּאַסיקע מענטשן, ספּעציעל אַן אינזשיניער, וואָס האָט געמוזט זיין אין געטאָ. ער האָט אָנגעטראָפן דעם אינזש. גוכמאַן און אים פאַרגעלייגט דעם אַמט. גוכמאַן האָט מיט אַלע תירוצים געפּרוווט זיך אַרויסדרייען. „איך בין ניט קיין פּאַרטיימאַן — האָט ער געזאָגט — איך בין ניט דערפאַרן" א. אַ. וו. „אָבער איר זייט אַן אָרנטלעכער מאַן" — האָט צו אים געזאָגט פריד — און פּשוט אים געצוווּנגען אָנצונעמען דעם אַמט. גוכמאַן האָט איבערגענומען די דירות־אָפּטיילונג. זיין געהילף איז געווען — אינזש. פרידמאַן.

דאָס דירות־פּראָבלעם אין געטאָ איז געווען איינע פון די אָנגעווייטיקסטע פּראָבלעמען. מיט דער צייט זיינען אין דער אָפּטיילונג אַריין נאָך אינזשיניערן פון פאַרשיידענע ספּעציאַליטעטן, און די אָפּטיילונג איז זיך זייער פונאַנדערגעוואַקסן און זיך צעטיילט אויף אַ ריי אַנדערע זעלבשטענדיקע אָפּטיילונגען.

אין די ערשטע צייטן איז די דירות־אָפּטיילונג געווען טעטיק פאַר אַלע ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט דירות, מיט טעכניק, מיט רעגיסטרירן פאַרשיידענע אַרבעטער, לויט די פאַכן א. א. וו.

דאָס וווינונגס־פּראָבלעם האָט געמוזט געלייזט ווערן. מ'האָט געמוזט שאַפן אַ דאַך איבערן קאָפּ פאַר טויזנטער מענטשן. מ'האָט געדאַרפט געבן אָרדערן, רעגולירן די באַציאונגען צווישן די שכנים, און פאַרשאַפן פּאַסיקע לאָקאַלן פאַר אינסטיטוציעס — און אַזוי אַן אַ סוף.

דערצו נאָך האָט מען געמוזט לייזן דאָס באַהייצונג־ און באַלייכטונג־פּראָבלעם. קיין האָלץ־זאַפּאַס איז ניט געווען. האָט אַ יידישער אינזש. מאַרקוס, אויפגעשטעלט אַ פּיטשימאַנטשיק אויוועלע, וועלכעס מ'האָט געקאָנט הייצן מיט פּאָלעוויגעס, און גלייכצייטיק קאָכן דערויף.

מיט דער צייט האָבן זיך אַנטוויקלט די וואַרשטאַטן, איז געוואָרן אַקטועל דאָס באַקומען רוישטאָפן און געצייג פאַר די בעלי־מלאכות.

אָט די קאָלאָסאַלע אַרבעט איז אין משך פון אַ קורצער צייט אָרגאַניזירט געוואָרן. דאָס געטאָ איז ניט בלויז געוואָרן זעלבשטענדיק און האָט געקענט פאַר זיך אַליין אַלץ באַזאָרגן, נאָר איז געוואָרן אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פאַר די דייטשן — אַ קוואַל פון מענטשלעכער אַרבעט, איניציאַטיוו און ענערגיע.

אין לויף פון דער צייט זיינען אין געטאָ געשאַפן געוואָרן פון גאַרניט ערשט־קלאַסיקע וואַרשטאַטן: בלעכעריי, שלאָסעריי, מעבל, טישלעריי, אייבבינדעריי,

שניידעריי, קירזשנעריי, היטלמאַכעריי, בערשטן־מאַכער, מויערער, קוימענקערער, אויוון־שטעלערס; אַלץ איז געווען אין געטאָ. די בעלי־מלאכות פלעגן מאַכן קונסט־אַרבעט צו ווייזן זיי אויף אַן אויסשטעלונג. און ביי וואָס פאַר אַ באַדינגונגען! — אין שטענדיקער טויט־שרעק!

ווען ס'איז געווען אַקטועל די פראַגע פון ווייסע פאַכמענער־שיינען, האָט די דירות־אָפּטיילונג דורכגעפירט עטלעכע מאָל רעגיסטראַציעס פון האַנטווערקער. ביים רעגיסטרירן זיך האָט מען, לויט דער פאָדערונג פון דייטשישן אַרבעט־אַמט, געמוזט ווייזן אַ האַנטווערקער־דיפלאָם. זייַנען שוין אין קאָרידאָר פון אַמט געשטאַנען יידן און פאַרקויפט אמתע דיפלאָמען־בלאַנקעטן פון דער האַנטווערקער־קאַמער. מ'פלעגט זיי אויפן אָרט אויספילן ווי עס באַדאַרף צו זיין, און שטעלן די געהעריקע שטעמפלען. דער פאַרגעניגן האָט געקאָסט אינגאַנצן אַ הונדערטער. איך האָב זיך אויך געמאַכט אַ גלעזער־דיפלאָם, אַ לייכטער פאַך.

אַ חוץ דעם האָב איך זיך רעגיסטרירט אַלס דעזינפעקטאָר, אַלס אַפּטייקער. הכלל יעדער האָט זיך, אין יענע טעג, אַסעקורירט, ווי נאָר ער האָט געקענט.

מען מוז דאָ אונטערשטרייכן, אַז אין יענע טעג האָבן די מיטאַרבעטער פון דער אָפּטיילונג געאַרבעט זייער איבערגעגעבן, טעג און נעכט. שטענדיק איז דאָרט געווען קעפּ אויף קעפּ.

אָבער מיט דער צייט איז געוואָרן אוממעגלעך צו קאָנצענטרירן אַלצדינג אין דער אָפּטיילונג, און אין רעכטן ברעגן פון די אַקציעס האָט דער יודנראַט געמוזט שאַפן אַ נייע אָפּטיילונג, וועלכע זאָל זיך פאַרנעמען מיטן אָרגאַניזירן וואַרשטאַטן פאַר בעלי־מלאכות. דאָס איז געווען אַן אָפּטיילונג פאַר „אינעווייניקסטע ווירטשאַפט". אָט איז דער צירקולאַר וועגן דעם ענין:

אָפּטיילונג פאַר אינעווייניקסטע ווירטשאַפט ביים יודנראַט אין ווילנע
געטאָ 1. צימער 7. ווילנע, דעם 7טן אָקטאָבער 1941
צו דער.............................. ביים יודנראַט אין ווילנע, געטאָ 1

## צירקולאַר־בריוו נומער 1

מיר טיילן אייך מיט, אַז ביים יודנראַט איז געשאַפן געוואָרן אַן אָפּטיילונג פאַר אינעווייניקסטע ווירטשאַפט, וואָס האָט די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן אַרבעט־ווערקשטעלן און פלעצער אין געטאָ גופא. די אָפּטיילונג וועט פאַרוואַלטן הן טעכניש, הן פינאַנסיעל מיט אַלע ווערקשטעלן, וואָס זייַנען טעטיק אין געטאָ. די שוין פונקציאָנירנדיקע אונטערנעמונגען ביים יודנראַט, מיטן אויסנאַם פון די, וואָס פירן אויס פונקציעס פון סאָציאַלער הילף, פאַלן אַרונטער אין פראַגעס פון אַרבעטס־קרעפטן, טעכנישער אויסשטאַטונג, פינאַנסן און רויסטאָף־באַזאָרגונג — דער קאָמפּעטענץ פון דער אָפּטיילונג פאַר אינעווייניקסטער ווירטשאַפט.

כדי אויסצומיידן די דואַלירונג פון דער אַרבעט פון די אָרגאַנען פון יודנראַט, בעטן מיר אייך:

1) אונדז צושטעלן אַ שריפטלעכע רשימה פון די ווערקשטעלן און די בעלי־מלאכות וואָס אַרבעטן פאַרן יודנראַט.

2. באַאויפטראַגן די פירער פון די ווערקשטעלן און איינצלנע בעלי־מלאכות תיכף צו שטעלן זיך אין דירעקטער פאַרבינדונג מיט אונדז.

3) פאַראָרדענען, אַז אַלע אַריינבאַקומענע סומעס פון די ווערקשטעלן, טעטיקע ביים יודנראַט, זאָלן אַריינגעטראָגן ווערן אין קאַסע פון אונדזער אָפטיילונג.

4) אַז הוצאות פון די ווערקשטעלן זאָלן ניט געמאַכט ווערן אָן אַ פאַרשטענדיקונג מיט אונדז.

5) צושטעלן אונדז אַ שריפטלעכע רשימה פון די פאַראַנענע מאַשינען, געצייג און רוישטאָפן, אין די ווערקשטעלן אָדער אין רשות פון די אָפּ־טיילונגען.

6) ביזן איבערנעמען דורך אַנדערע די לאַגערן, איינשטעלן אין הסכם מיט אונדז אַ סדר ביים אַרויסגעבן רוישטאָפן.

וועגן די פראַגן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אונדזער טעטיקייט און וואָס רופן אַרויס ספיקות, בעטן מיר מיט אונדז זיך צו פאַרשטענדיקן אין די שעהען פון 8 ביז 10 אַזייגער אינדערפרי.

אָפּטיילונג פאַר אינעווייניקסטער ווירטשאַפט

פ אַ ר וו אַ ל ט ע ר

געטאָ נומער 1

## דירות־פּראָבלעם

די דירות־אָפּטיילונג האָט ביז דער גרויסער אַקציע אויף יעדן הויף געהאַט אַן אייגענעם הויז־פאַרוואַלטער. נאָכן אויסרייניקן די „גיט־לעגאַלע יידן" איז די צאָל הויז־פאַרוואַלטערס געפאַלן ביז 12 מיט 12 געהילפן, וועלכע זיינען שפּעטער אויך סקאַסירט געוואָרן. דאַן האָט שוין איין הויז־פאַרוואַלטער געהאַט צו אַדמי־ניסטרירן מיט עטלעכע הייף. עס זיינען געשאַפן געוואָרן בלאָק־קאָמענדאַנטינס, וואָס האָבן אויפגעפּאַסט אויף דער ריינקייט, אָרדענונג און אַרויסגעגעבן ברויט־קאַרטן. אַזעלכע זיינען געווען 39.

ווען דאָס געטאָ איז אין זומער 1942 פאַרגרעסערט געוואָרן מיט נאָך עטלעכע הייף פון די דערבייאיקע פּאַר געסלעך, איז אַנטשטאַנען אַ פּראָיעקט פון שאַפן אַ דירות־פאָנד. די לאַגע איז דאַן געווען אַזאַ, אַז אין אַלטן ראַיאָן האָט די באַפעל־קערונג געהאַט דורכשניטלעך איין קוואַדראַט־מעטער אויף אַ פּערזאָן, דאַקעגן די „אויסדערוויילטע", וועלכע האָבן זיך דורך פּראָטעקציע שוין געהאַט אַריינ־געכאַפּט אין נייעם ראַיאָן, האָבן געהאַט פון 3 ביז 10 קוו. מעטער אויף אַ פּערזאָן. דעריבער איז מען צוגעטראָטן צו רעמאָנטירן אַ סך לייכט־צעשטערטע דירות פון נייעם ראַיאָן, כדי אויסצוגלייכן, אַז אַלע זאָלן האָבן אומגעפער צו צוויי קוואַדראַט־מעטער.

פאַלגנדיקער בריוו וועט אונדז באַקענען מיט די דירות־פּראָבלעמען:

געטאָ־אַדמיניסטראַציע.
וווינונג־אָפּטיילונג נומער 520.
ווילנע דעם 1942.9.7.
צום געטאָ־פאָרשטייער און שעף פון דער פּאָליציי ה' גענס.
דורך דעם שעף פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע ה' פריד.

איך לייג ביי דעם באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער וווינונג־אָפּטיילונג פאַרן מאָנאַט אויגוסט. דער באַריכט האָט פאַלגנדיקע טיילן:

1) צאָל אַרויסגעגעבענע אָרדערן אויף וווינונגען.
2) וויפל אינסטיטוציעס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן.
3) וויפל איבערזידלונגען זיינען געמאַכט געוואָרן.
4) ווי אַזוי דער וווינונגס־אַמט איז אָרגאַניזירט געוואָרן און זיין אַר־בעטס־סיסטעם.
5) שרייאיקע פאַלן פון וווינונגס־רחבות און זייער ליקווידירונג.
6. כאַראַקטעריסטישע פאַלן פון וווינונג־דחקות און זייער דערליידי־קונג.
7) רעמאָנטן פאַרן חודש אויגוסט.
8) אַרבעט־פאַרטיילונג פון וווינונגס־אָפּטיילונג.
9) 11 ביילאַגעס אַלס אילוסטראַציע פאַר דעם איצט־איינגעשטעלטן אַרבעטס־סיסטעם.

מיט אַכטונג — גוכמאַן — לייטער פון וווינונג־אָפּטיילונג.

צום באַדויערן האָבן מיר ניט דעם עצם ראַפּאָרט.

אַלס כאַראַקטעריסטיק פון דער דירות־באַוועגונג אין געטאָ קענען דינען פאַלגנדיקע ציפערן, פאַר דער צייט פון יאַנואַר 1943.

„אין יאַנואַר 1943 זיינען געגעבן געוואָרן דירות:
1) געקומענע פון אויסערן געטאָ — 148 פערזאָן.
2) פון איבערגעלאָדענע לאָקאַלן — 80 פערזאָן.
3) פון אומבאַוווינבאַרע לאָקאַלן — 79.
4) צוליב סתירות אין צוזאַמענלעבן — 74.
5) פאַרשיידענע — 20 ; סך־הכל — 401 פערזאָן.
6) איבערזידלונגען לויט פאָדערונגען פון דער מאַכט — 36.
7) צוליב באַפרייען לאָקאַלן פאַר אינסטיטוציעס — 98.
8) צוליב באַפרייען לאָקאַלן צום באַקומען וווין־שטח — 31.
9) צוליב באַפרייען לאָקאַלן פאַר אַרבעטער־היימען — 157.
10) צוליב באַזעצן אויפן אַרבעטס־פּלאַץ — 19.
סך־הכל — 343.
ביידע סך־הכלען — 744 פערזאָן.

אָפּגעבן פאַר אַרבעטער־היימען 1) רודניצקער 27/8 — 50 קוו. מע־טער ; 2) רודניצקער 27/19 — 70 קוו. מעטער ; 3) רודניצקער 27/20 — 50 קוו. מעטער ; 4) אשמענער 6/16 — 90 קוו. מעטער ; 5) אשמענער 6/1 — 70 קוו. מעטער. צוזאַמען — 330 קוואַדראַט־מעטער.

פון די ציפערן זעען מיר, אַז אין געטאָ זיינען אַריין 148 פּערזאָן, דאָס זיינען געווען מענטשן, וועלכע האָבן שוין גענומען לויפן פון דער אַרומיקער פּראָווינץ, ווו מען האָט שוין דערשפּירט דעם אָנהויב פון פולשטענדיקער ליקווידאַציע. דער צווייטער כאַראַקטעריסטישער ציפער איז „סתירות אין צוזאַמענלעבן", דאָס הייסט היזער, ווו די שכנים פלעגן זיך קריגן און אַרומרייסן צווישן זיך. דאָס באַווייזט, וואָס פאַר אַ שרעקלעך לעבן ס'איז געווען אין אַ טייל היזער. די דריטע פּאָזיציע איז — „איבערזידלונגען לויט פאַראָרדענונגען פון דער מאַכט". דאָס הייסט — געקומען אין געטאָ, מיט „אַן אייגענעם גוטן דייטש", וועלכער האָט געהייסן געבן „זיין יודע" אַ בעסערע וווינונג. ווייטער איז דאָ זייער כאַראַקטעריסטיש די דערשיינונג פון שאַפן „אַרבעטער־היימען". דאָס זיינען געווען דירות־לאַגערן, ווו עס פלעגן לעבן איינזאַמע מענטשן ספּעציעל די געקומענע פון פּראָווינץ.

## עלעקטרע

די פראַגע פון עלעקטרע איז אין געטאָ געווען אַן אָנגעווייטיקטע. ווען ס'וואָלט זיך געהאַנדלט נאָר וועגן באַלייכטונג, וואָלט דאָס קיין שום ראָל ניט געשפּילט. מ'שטיינס געזאָגט, וויפל עלעקטרישע ליכט האָט מען אין די חושכדיקע געטאָ־צימערן געדאַרפט האָבן. דאָ איז אָבער געווען אַן אַנדער אומגליק. די געטאָ־באַפעלקערונג פלעגט אַלץ קאָכן אין עלעקטרישע טעפּלעך און טשייניקעס. קיין האָלץ איז ניט געווען און די קיכן — מערסטנטייל רואינירטע און אַלטפרענקישע. צו דער אַרבעט פלעגט מען אויפשטיין 5 אַזייגער פאַרטאָג.

אין אַ סך היזער, אַז מ'האָט שוין יאָ געפּרוווט איינהייצן, האָט מען זיך געשטיקט פון רויך און טשאַד. דאָס פינצטערסטע לעבן אין געטאָ האָבן געהאַט די פרויען. זייער צער און פּיין איז געווען אין לשער! אין די היזער, ווו דער מאַן האָט געאַרבעט, פלעגט מען אים דאַרפן באַזאָרגן פאַרטאָג מיט אַ גלעזל הייסע טיי, קאַווע: אַז ער איז געקומען פאַרנאַכט אַהיים איז געווען נויטיק צוגרייטן עפּעס־וואָס צו עסן. היינט ווו איז אויסוואַשן וועש, אויפהאַלטן אין שטוב די ריינקייט און אָרדענונג, און דער צער פון די קינדער! און פאַריכטן וואָס, פאַרנייען, פאַרצירעווען. וויאַזוי מאַכט מען דאָס, ווען, מיט וואָס!? — פונדעסטוועגן האָבן די יידישע פרויען אַרויסגעוויזן אויסדויער, ממש טאָג־טעגלעכע גבורה. היינט, אַז די פרוי אַליין פלעגט נאָך אויך גיין אויף די קאַטאָרזשנע אַרבעטן? ווי פלעגט זי זיך דאַן אַן עצה געבן!? ווי געזאָגט, האָט די יידישע פרוי פולשטענדיק אויסגעהאַלטן אָט דעם טראַגישן עקזאַמען!

אין די געטאָ־באַדינגונגען האָט אַלץ אין די היזער געבלישטשעט, די ריינקייט איז געווען צו באַוווּנדערן. און אין דעם האָט קאָלאָסאַל פיל מיטגעהאָלפן — די עלעקטרע. די יידישע פרויען האָבן מיליאָנען מאָל געבענטשט עדיסאָנען. אַ

קלייניקייט — פאַרטאָג שטעלט מען אַריין דעם קאָנטאַקט און אין אַ ווײַלע האָט מען שוין הייס וואַסער. ריין, ציכטיק, אָן האַקן האָלץ, אָן צו דאַרפן זוכן דאָס האָלץ, אָן שמוץ, אָן רויך א. א. וו. דאָס זעלבע מיטן „מיטאָג״ און „אָוונט־ברויט״.

אָבער וואָס איז צו רעדן, ווען די מערדער האָבן אין שטאָט באַמערקט, אַז דאָס געטאָ נוצט צופיל עלעקטרע, האָט מען אויף דעם אויך אַרויפגעלייגט די אכזריותדיקע לאַפּע. דערצו מוז מען נאָך נעמען אין אַכט, אַז פיל עלעקטרע פלעגט פאַרברויכן דער יודנראַט אין די וואַרשטאַטן, ווייל ווי נאָר ס׳איז געווען מעגלעך, האָט מען זיך באַנוצט מיט מאָטאָרן. דעם ערשטן ווינטער 1941—1942, האָט מען נאָך ניט געטשעפּעט צוליב דער עלעקטרע, אָבער דעם צווייטן ווינטער 42—43 זענען שוין איינגעפירט געוואָרן פעסטע באַגרענעצונגען אין די קילאָוואַטן. אין יאַנואַר 1943 האָט מען פעסטגעשטעלט, אַז אַ פאַמיליע קען פאַרברויכן ניט מער ווי 6 קילאָוואַט אַ חודש. פאַרן אַריבערשרייטן די נאָרמע — אויסשליסן אינגאַנצן די עלעקטרע.

ביי אונדז אין אונדזער דירה האָט די זאַך אויסגעזען אַזוי: מיר זיינען געווען אין אַ דירה אויסערן־געטאָ. אונדזער זייגער האָט ניט געהערט צום געטאָ. מיר האָבן טאַקע זייער מורא געהאַט, אַז אין אַ שיינעם פרימאָרגן וועט די שטאָטישע קאָנטראָל פון דער עלעקטראָווניע דערגיין אונדזער שווינדל — 1) זיינען מיר אויסערן געטאָ, 2) מיר ברענען אַזוי פיל (טאָג און נאַכט), 3) מיר צאָלן איבער־הויפּט ניט פאַר דער עלעקטרע. לויט דער צאָל משפחות האָבן מיר געקענט פאַר־נוצן 60 קילאָוואַט אַ חודש. אין שטוב זיינען געווען אָן אַ שיעור טשייניקעס און טעפּלעך. אַלץ פלעגט ברענען פון 5 פאַרטאָג אָן ביז שפּעט אין דער נאַכט. בכלל איז פאַר אונדזער דירה דאָס עלעקטרע־פּראָבלעם געווען אַן אמתע לעבנספראַגע. אמת, מיר האָבן אין שטוב געהאַט אַ קיך, אָבער מיט איר פלעגט זיך קענען באַנוצן נאָר איין פרוי מיט איין טאָפּ, איז וואָס זאָלן טאָן די איבעריקע פרויען?

אַנדערטהאַלבן יאָר האָבן מיר אָט אַזוי געלעבט. ביז אין אַ שיינעם טאָג ווען דער קאָנטראָלער פון דער עלעקטראָווניע, האָט אין געטאָ נאָכגעזען דעם צושטאַנד פון די זייגערס, איז אויפגעדעקט געוואָרן די אַפערע. לויט אַ רעכענונג וואָלטן מיר געדאַרפט באַצאָלן מאַיאָנטקעס, אָבער מיר זענען מיט אים „דורכגעקומען״ פאַר אַ געוויסער סומע, און פאַרטיק. פון דער צייט אָן זיינען מיר דעקאָנספּירירט געוואָרן און, ווילנדיק־ניט־ווילנדיק, געמוזט רעזיגנירן פון דער עלעקטרישער באַקוועמלעכקייט.

דאָס באַגרענעצן די עלעקטרע־ענערגיע איז טאַקע געווען אַ גרויסע און שווערע גזירה, אָבער איז דען פאַראַן געווען אַ גזירה, אַן אומגליק, צו וועלכן מען זאָל זיך ניט צופּאַסן?

*

מיט דער צייט איז אין געטאָ געוואָרן אַ פּראָבלעם — עלעקטרישע לעמפּלעך. אַלטע לאָמפּן זיינען אויסגענוצט געוואָרן און קיין נייע איז ניט געווען צו באַקומען. מיט אָט דעם פּראָבלעם האָט זיך פאַרנומען די ספּעציעל געשאַפענע עלעקטראָטעכנישע סעקציע, אונטער דער לייטונג פון אינזש. קוניסקי. דאָרט פלעגט מען אַלטע אויסגעברענטע לעמפּלעך צוריקשטעלן אין זייער אַקטיוויטעט.

אין 1943 איז די טעכנישע אָפּטיילונג ווידער רעאָרגאַניזירט געוואָרן און ס'איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ בוי־ווירטשאַפט־אָפּטיילונג מיט אסטערן בראש. צו דער אָפּטיילונג איז אַריבערגעגאַנגען די וווינונגס־אָפּטיילונג, סאַניטאַרע פּאָליציי און רעמאָנטן (בוי־סעקציע און סאַנטעכנישע סעקציע).

### אינדוסטריע־סעקציע

ביי דער פאַרזאָרגונג־ און פאַרטיילונג־אָפּטיילונג איז געווען אַ ווירטשאַפטלעכע אינדוסטריע־סעקציע. אין פעברואַר 1943 האָט די סעקציע געשאַפן:

1) קאַרטאָפל־שאָלעכץ־פאַבריק. די דאָזיקע פאַבריק האָט אויסגעטריקנט 5949,6 ק״ג שאָלעכץ פון קאַרטאָפל און פון דעם האָט מען באַקומען 1256,5 ק״ג געטרוקנטע שאָלעכץ.

2) אויסגעאַרבעט פון 3904,5 ק״ג קאַרטאָפל־שאָלעכץ — 812 ליטער קראָכמאַל.

3) פּאַטעקע־פּראָדוקציע. איבערגעאַרבעט 454 ק״ג קראָכמאַל אויף 95,495 ק״ג פּאַטעקע.

4) אַ מיל האָט איבערגעמאָלן 1109 ק״ג קאַרטאָפל־שאָלעכץ און אַרויסבאַקומען 1044,2 ק״ג מעל.

איבערגעמאָלט 1550,1 ק״ג קאָרן, פון וואָס ס'איז אַרויס 1511,6 ק״ג מעל און 41 ק״ג גריופּן.

5) קראָליקעס־צוכט. געקויפט 13 שטיק קראָליקעס.

6) סאַכאַרין־אָפּטיילונג. אויסגעאַרבעט 1700 ק״ג זיסשטאָף, פון וואָס ס'איז אַרויס 1080 שאַכטעלעך סאַכאַרין.

7) צוקערקעס. אויסגעאַרבעט 12,24 ק״ג.

אַן אַלזייטיקע פאָרשטעלונג וועגן דער טעטיקייט פון דער טעכנישער אָפּטיילונג גיט פאָלגנדיקער באַריכט:

באַריכט פון דער טעטיקייט פון דער טעכנישער אָפּטיילונג
פאַרן מאָנאַט סעפּטעמבער 1942

די הויפּטזאָרג פון דער טעכנישער אָפּטיילונג, דהיינו: דאָס באַזאָרגן זיך מיט טעכנישע מאַטעריאַלן האָט אין באַריכט־חודש זיך איינגעגעבן מיט עטוואָס אַ בעסערן רעזולטאַט. דאָס האָט דערלויבט צו דערפירן ביזן סוף אַזעלכע אַרבעטן, ווי דאָס איזאָלירן דאָס געטאָ, און צו פאַרזיכערן

זיך מיט אַ געוויסן קוואַנטום מאַטעריאַלן, וואָס זייבען נויטיק געווען פאַרן בוי פון דער פּראָיעקטירטער וועשעריי.

דאָס איזאָלירן דאָס געטאָ האָט פאַרשלונגען הויפּטזעכלעך זייער פיל וואָפנע (ביז איצט אַרום 20 טאָן), ליים און זאַמד. דעם ווערט פון די אויסגעפירטע אַרבעטן און פאַרנוצטן מאַטעריאַל ביים איזאָלירן דאָס געטאָ דאַרף מען רעכענען אויף 30 טויזנט רייכסמאַרק. דאָס פאַרענדיקן די אַרבעט וועט דערלויבן צוצוטרעטן צום אויספירן אַנדערע לויפנדיקע אַרבעטן אויף אַ מער רעגולערן אופן. פונדעסטוועגן האָבן די באַזונדערע סעקציעס אויסגעפירט אין פאַרגאַנגענעם חודש פיל מער אַרבעט, ווי פריער (1943 אין חודש סעפּטעמבער אַנטקעגן 1192 אין חודש אויגוסט).

מען דאַרף נאָך אונטערשטרייכן די זייער גוטע אַנטוויקלונג פון די אַרבעטן וואָס די סאַנטעכנישע סעקציע פירט אויס אין שטאָט, צו דער פולער באַפרידיקונג פון דער „גרונטשטיק־געזעלשאַפט".

חוץ דעם האָט די סאַנ. אָפּט. אויסגעפירט די פולשטענדיקע איינריכ־טונג פון דער מיל פאַר דער אָפּטיילונג פון די ווירטשאַפטלעכע וואַר־שטאַטן „ב", צו וואָס עס איז דעלעגירט געוואָרן אַ ספּעציעלער אינזשיניער. אין דער מיל האָט זיך איצט איינגעאָרדנט: 1 טעלערמילכל צו גרוי... (צעריסן דער המשך) מיט אַן אַרויסגיביקייט פון אַרום 800 ק"ג מעל אין איין שיכט, 1 טעלערמילכל צו גרויפּן — אויף אַ פּראָדוקציע פון אַרום 500 ק"ג קאַשע אין איין שיכט. 1 ש... (צעריסן) מאַשין — אויף אַ פּראָ־דוקציע פון אַרום 500 ק"ג קאַשע אויף איין שיכט. איצט איז מען צוגעטראָטן אויסצובויען אַן איינריכטונג צום אויסאַרבעטן קאַרטאָפל־מעל.

## הויפּט־לאַגער און פאַרזאָרגונג־סעקציע

1. צאָל באַשעפטיקטע אַרבעטער —13.
2. פאַרקויפט פאַר מזומנים אויף אַ סומע פון 6,690 ר. מ.
3. פאַרקויפט אויף קרעדיט 58.852.60, צוזאַמען — 65.542.60 ר. מ.
4. איינגעקויפט פאַר מזומנים — 45.011 ר. מ.
5. רשימה פון די ליפערונגען פון די הויפּט־אַרטיקלען.

ברעטער — 30.15 מעטער; דיקט — 1.50 מעטער; שויבן־גלאָז — 32.50 מעטער; נעגל — 231 ק"ג; שרויפן — 4350 שטיק. דראָט — 55 ק"ג; פאַרב — 83 ק"ג; סטאָלער־קליי — 24 ק"ג; בענזין — 3,5 ליטער; נאַפט — 15 ליטער; פּאַקאָסט — 14 ק"ג; מאַשין־אייל — 39,5 ק"ג; טערפּענטין — 37,5 ק"ג; קרייד — 1058 ק"ג; קאַלך — 11900 ק"ג; לייב — 102 פורן, זאַמד — 115 פורן; צעמענט — 80 ק"ג, טיר־שלעסער — 21 שטיק; לייטונג־דראָט — 1110 מעטער; עלעקטרישע איינשליסער — 90 שטיק; עלעקטרישע פּאַטראָנעס — 95 שטיק; לאָמפּן — 285; וואַסערלייטונג־קראַנען — 41 שטיק; בלעך — 435 ק"ג; האָלץ־שיך — 227 פּאַר, נאַרעס 40 שטיק; פּאַפּיר־זעקלעך — 3160 שטיק; פּאַרטונקל־פּאַפּיר — 870 מעטער; פיילן — 90 שטיק; בויערער — 40 שטיק; מעטאַל־זעגן — 45 שטיק. סך־הכל ליפערונגס־פּאָזיציעס — 4030.

6. ליפערונגען אין פאַרשיידענע וואַלד־לאַגערן אויף אַ סומע פון 2.669.50 רייכסמאַרק.

וואַרשטאַטן: 1) צאָל באַשעפטיקטע אַרבעטער — 122.
2) אומזאַץ פאַרן חודש סעפטעמבער —

| בלעכערײ | קעסל־וואַרשטאַטן | שלאָסעריי | סטאָלעריי | קלומפּן | ע. מ. | טאָקעריי | צוזאַמען |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 2900.40 | 760 | 3.577.83 | 5.447 | 1.739 | 533 | 858 | 15.875.23 |
| די צאָל פון די אַריינגעגאַנגענע באַשטעלונגען — | | | | | | | |
| 141 | 9 | 208 | 206 | 4 | 73 | 22 | 663 |

4 אַרט אַרבעטן פאַרן אויסערן געטאָ אויסגעפירט: פאַרן געביטס־קאָמיסאַר אויף אַ סומע פון 1.688.90 ר. מ.; פאַרן באַקליידונגס־אַמט — 175; פאַרן פראַם פרעקיבאַ — 307.50; צוזאַמען — 2.171.40 ר. מ.

בויסעקציע: 1. צאָל באַשעפטיקטע אַרבעטער — 126 (דערפון 35 ציוויליסטן באַשעפטיקט ביים איזאָלירן דעם נייעם טייל פון געטאָ);
2. צאָל אַריינגעגאַנגענע באַשטעלונגען — 252.

אויסגעפירטע אַרבעטן:

1. גרעסערע בוי־רעמאָנטן — 21.
2. קלענערע מויער־ און סטאָלעריי־רעמאָנטן — 9.
3. מאָלעריי־אַרבעטן — 20.
4. אַרבעט ביים פאַריכטן טרעפּן און פאָדלאָגעס — 16.
5. אַרבעט ביים פאַריכטן דעכער — 11.
6. גאַנצאַרסקע אַרבעטן — 37.
7. רעמאָנטן פון ווין־צימערן — 8
8. סטאָלעריי־אַרבעטן אין די אייגענע וואַרשטאַטן —
9. איזאָלירט דורך מויערן דאָס געטאָ פון דרויסן.
10. דאָס אויפשטעלן הילצערנע פאַרצוימונגען אין נייעם טייל פון געטאָ.
11. דאָס פאַרבייטן די הילצערנע פאַרצוימונגען מיט געמויערטע. פאַר־מויערן די עפענונגען, וואָס גייען אַרויס פון די וווינונגען אויסערן געטאָ.
12. קלענערע אַרבעטן, ווי סאַרטונקלען די פענצטער, פאַרריכטן פענצ־טער און טירן.
13. צייכענונג־אַרבעטן, ווי: פּלענער פון בנינים און מעבל, שילדן, מוסטערן פון די ברויט־קאַרטן און אַזוי ווייטער.
14. מאַטעריאַל־פאַרזאָרגונג־אַרבעטן: אַרבעטן ביים פונאַנדערנעמען 5 בנינים (דערפון 3 נאָר טיילווייז), פון וועלכע מען האָט צוגע־שטעלט: ציגל — 58696 שטיק, האָלץ — 1.47 מעטער, אייזערנע בעלקעס — 1844 ק"ג אין ווערט פון 13.763.80 ר. מ.

רעכענונגען אויסגעשטעלט אויף אַ סומע — 18.832.37 רייכסמאַרק.
איצט ווערן געפירט די ווייטער־אויסגערעכנטע אַרבעטן:

1. רעמאָנטן פון לאָקאַל פאַר די אינדוסטריע־וואַרשטאַטן.
2. פאַרן רעסטאָראַן, שאַוולער 1.
3. אין אַמבולאַטאָריע
4. פאַרבעריי.
5. סקאַביעס־פונקט.
6. שפּיטאַל.
7. וועשעריי.

סאַניטעכנישע סעקציע. 1. צאָל באַשעפטיקטע אַרבעטער 94

2. צאָל און ווערט פון די אויסגעפירטע באַשטעלונגען:

| | |
|---|---|
| א) אין געטאָ 292 אויף אַ סומע פון . . . . . . | 8.838.40 |
| ב) אויסערן געטאָ (4טער וווינונג־באַצירק) . . . . | 109 |
| ג) " " . . . . . . . . . . . | 1.162 |
| צוזאַמען | 10.109.40 |

באַמערקונג: פון די וויכטיקסטע אַרבעטן, וואָס די סעקציע האָט אויסגעפירט אין געטאָ, איז כדאי צו פאַרצייכענען דאָס איינאָרדענען דושן פאַר דער געזונטהייט־אָפּטיילונג אויף שפּיטאַלנע גאַס נומער 13, וואַסער־לייטונג און קאַנאַליזאַציע אין טאָג־היים אויף סטראַשונאַ 8, וואַסערלייטונג און קאַנאַליזאַציע אין דער פאָלקס־שול — סטראַשונאַ גאַס 12, און אין די וואַרשטאַטן פון דער אינדוסטריע־סעקציע — רודניצקער 16, חוץ דעם האָט די סעקציע אָנגעהויבן: איבערבויען די וואַסערלייטונג און די קאַנאַליזאַציע אין הויף פון שאַוולער 5, צוגאָב־קאַנאַליזאַציע פאַר דער וועשעריי, פאַריכטן די וואַסערלייטונג און קאַנאַליזאַציע, אין גרעסטן טייל הייף פון די ביי צוגעטיילטע צום געטאָ. ס'איז געוווּנטשן, אַז די אַרבעטער זאָלן באַזאָרגט ווערן מיט אַרבעט־קאָסטיומען און שיך.

עלעקטראָטעכנישע סעקציע:

1. צאָל אַרבעטער — 8.
2. צאָל אָריינגעפלאָסענע באַשטעלונגען — ביז 70.
3. אויסגעשטעלטע רעכענונגען אויף אַ סומע פון 1.576.02 ר. מ., קאַסע־הכנסה פאַר קלענערע אָפּעראַציעס — 25 ר. מ.

באַמערקונג: מיטן אָנקומען פון ווינטער און העכערונג פון דער קויציע איז געשטיגן די אינפאָרמאַציע־טעטיקייט פון דער סעקציע, ווי אויך די צאָל פון די נייע אַבאָנענטן. דער מאַנגל אין פאַרשיידענע אינסטאַלאַציע־מאַטעריאַלן, ווי: דראָט, פאַרזיכערונגען, קאָנטאַקטן, פאַרשאַפט גרויסע

שווערקייטן, ווי אויך דאָס פעלן פון באַטעריעס צו טאַשן־לעמפלעך שטערט דאָס נאָרמאַלע פונקציאָנירן פון דער טעלעפאָן־נעץ.

פאַר דער באַדינונג פון דער ליכט־ און טעלעפאָן־נעץ אין בנין פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג, ווערט מען וואַרשיינלעך מוזן אַנגאַזשירן אַ ספּע־ציעלן מאָנטער, וועלכער זאָל האָבן די השגחה איבער דעם, און בעת אַ שטערונג פון זייער פונקציאָנירונג, זאָל ער קענען גלייך אויסן אַרט ברענגען אין אָרדענונג.

אינדוסטריע סעקציע:

1. צאָל באַשעפטיקטע — 72.
2. צאָל אויסגעפירטע באַשטעלונגען — 107.
3. אומזאַץ:

| פון באַשטעלונגען אויסגעפירטע פאַר: | בערשט־ און פענדזל־ וואַרשטאַטן | שטריקעריי און פלעכט־ וואַרשטאַטן | קאַרטאָנאַזש־ און איינבינדעריי וואַרשטאַטן | סך־הכל |
|---|---|---|---|---|
| פאַרשיידענע אָפּט. | | | | |
| פון געטאָ־פאַרוואַלטונג | 144.00 | — | 635.92 | 779.92 |
| אויסערן געטאָ | 382.50 | 692.07 | 65.85 | 1.140.42 |
| קאַסע | — | 327.50 | 40.70 | 368.20 |
| סך־הכל | 526.50 | 1.019.57 | 742.47 | 2.288.54 |

לייטער פון דער טעכנישער אָפּטיילונג

געטאָ, דעם 3טן אָקט. 1942.״

מיט דער צייט זיינען די געטאָ־וואַרשטאַטן און געטאָ־אינדוסטריע אויסגע־וואַקסן אין אַן אימפּאָנירנדיקן כוח. וואָס ווייטער זיינען אין דער אַרבעט אַריינ־געצויגן געוואָרן אַלץ מער טויזנטער מענטשן. עס זיינען געשאַפן געוואָרן ריזיקע וואַרשטאַטן ספּעציעל פאַר פרויען, ווי: שטריקעריי, פלעכטעריי, וועשעריי, שניי־דעריי א. א. וו.

אויף ווי ווייט די אינטענסיוו־אַרבעטן האָבן זיך אַנטוויקלט אין געטאָ ווייזט פאָלגנדיקע פאַרגלייכונג: די טעכנישע אַרבעטן אין געטאָ האָבן באַטראָפן ביי 18 פאַרמלחמהדיקע גילדן אויף אַ פערזאָן (9 ר.מ. אויף אַ פערזאָן). די ווילנער שטאָט־ פאַרוואַלטונג פלעגט נאָרמאַל אויסגעבן פיר גילדן. דאָס אָרעמע, פינצטערע, דערשלאָגענע געטאָ — 4½ מאָל אַזוי פיל. צום סוף וועלן מיר ברענגען נאָך איין טאַבעלע, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך דעם סטאַטיסטישן אַמט אין געטאָ.

„סטאַטיסטישער אַמט אין ווילנער געטאָ.

וואַרשטאַטן־אָפּטיילונג.

**טאַבעלע נומער 7**

### טעטיקייט פון פריזירעריי, שוסטער־ און שניידער־וואַרשטאַטן פאַר דער ערשטער העלפט פון 1942

| חודש | 2 פריזירערייען צאָל קליענטן | 2 פריזירערייען הכנסה ברוטאָ | שוסטער־וואַרשטאַט 10 אַרבעטער צאָל קליענטן | שוסטער־וואַרשטאַט 10 אַרבעטער הכנסה ברוטאָ | שניידער־וואַרשט. 11 אַרבעטער צאָל קליענטן | שניידער־וואַרשט. 11 אַרבעטער הכנסה ברוטאָ |
|---|---|---|---|---|---|---|
| יאַנואַר | 2289 | 866 | 334 | 701 | 104 | 898 |
| פעברואַר | 4334 | 1606 | 315 | 988 | 110 | 1015 |
| מערץ | 5348 | 2159 | 433 | 1404 | 107 | 1125 |
| אַפּריל | 5770 | 2396 | 379 | 1305 | 137 | 1651 |
| מאַי | 5074 | 2153 | 350 | 1178 | 155 | 1974 |
| יוני | 5105 | 1994 | 331 | 1361 | 175 | 1761 |

אין יאַנואַר איז געווען 1 פריזירעריי מיט 5 אַרבעטער.
פון פעברואַר — 2 פריזירערייען מיט 11 אַרבעטער.
אין יוני — 10 אַרבעטער.

### באַהייצונג

אַ גאַנץ באַזונדער טראַגיש קאַפּיטל איז געווען דאָס באַהייצונגס־פּראָבלעם אין געטאָ. האַרבסט, ווינטער — ביטערע קעלטן און פרעסט. אַנגעטאָן איז מען געווען לייכט, קיין וואַרעמע וועש און אַנדערע וואַרעמע זאַכן זיינען ניט געווען, די פוטערס האָבן צוגענומען די דייטשן, אָדער מ׳האָט זיי פאַרקויפט אויף ברויט. אין די הייזער — אַ ביטערע קעלט. ווער־ניט־ווער האָט געפונען אין דער דירה אַ ביסל האָלץ, אָבער דאָס איז ווייט ניט געווען גענוגנדיק. האָבן טאַקע פיל, זייער פיל מענטשן געשלעפט האָלץ פון שטאָט אויף זייערע אויסגעמוטשעטע פּלייצעס. דאָס האָט אָבער ניט געקאָנט זיין קיין לייזונג פאַר 20 טויזנט מענטשן. דער יודנראַט האָט באַקומען אַ דערלויבעניש איינצוקויפן ביי פויערים פורלעך האָלץ. אָבער דאָס האָט אויך ניט פאַרענטפערט דאָס פּראָבלעם. האָט דעריבער דער יודנראַט, זומערצייט אַרויסגעשיקט הונדערטער יידן אין די וועלדער, כדי אָנצו־גרייטן די נויטיקע צאָל האָלץ. די געטאָ־אַדמיניסטראַציע האָט אַליין געמוזט האָבן מענגעס האָלץ פאַר אירע אינסטיטוציעס — פאַרן שפּיטאָל, פאַר די קינדער־היימען, א. א. ווי עס זאָל ניט זיין, האָט מען פאַר געלט און מיט כלערליי קאָמבי־נאַציעס אַריינגעפירט אין געטאָ גאַנץ באַדייטנדיקע קוואַנטומס האָלץ. מ׳האָט אינסטאַלירט אַ מעכאַנישע זעג און מ׳פלעגט אַרויסגעבן האָלץ אויף אָרדערן אין אַ באַגרענעצטער מאָס אויך פאַר דער באַפעלקערונג. דאַן איז אַנטשטאַנען אַ ניי פּראָבלעם — אויוונס? מ׳דאַרף הייצן, מ׳דאַרף קאָכן — ווו נעמט מען אַזוי פיל

אויזונס. טיילוויץ האָט געהאָלפֿן, ווי שוין דערמאָנט, דעם אינזשינער מאַרקוסעס בלעכענע אויוועלע, אין וועלכן מ'האָט געהייצט מיט פּאָלעווינעס. מיט דער צייט איז זיך די וווינונג־ און טעכנישע אָפּטיילונג אַזוי צעוואַקסן, אַז מען האָט געמוזט שאַפֿן צוויי באַזונדערע זעלבסטשטענדיקע אָפּטיילונגען. די טעכנישע אָפּטיילונג איז געבליבן אונטער דער אָנפירונג פון אינזש. גוכמאַן און בראש פון דער וווינונג־אָפּטיילונג האָט זיך געשטעלט י. גלאַזמאַן, וועלכער איז אַ ורעק פון דער פּאָליציי.

די טעכנישע אָפּטיילונג האָט אויסגעבויט אַ ברייטע נעץ פון וואַרשטאַטן, אין וועלכע עס האָט געאַרבעט אַ גרויסע צאָל מענער און פרויען.

## פינאַנס־אָפּטיילונג

דער יודנראַט האָט געהאַט ריזיקע הוצאות. מען האָט געדאַרפט אויסהאַלטן אַ גרויסן באַאַמטן־אַפּאַראַט. די פּאָליציי, וואַרשטאַטן, שפּיטאָל, קינדער־אינסטי־טוציעס און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער.

עס זיינען אויך נויטיק געווען גרויסע סומען אויף סאָציאַלער הילף און סאַניטאַרער טעטיקייט. אַ חוץ אָט די גרויסע געלט־מיטלען, וואָס די געטאָ־פאַרוואַלטונג האָט געדאַרפט האָבן אויף אויסצוהאַלטן די געטאָ־אינסטיטוציעס, זיינען אויך נויטיק געווען גרויסע סומען אויף כלערליי הוצאות פאַר די דייטשן, ליטווינער און אַנדערע אומגליקן.

ס'איז דעריבער זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די געטאָ־אַדמיניסטראַציע האָט געמוזט זוכן וועגן, ווי אַזוי זיך איינצושאַפֿן די דאָזיקע ריזיקע מיטלען. דאָס איז ניט געווען קיין לייכטע אַרבעט, נעמענדיק אין אַכט, אַז די געטאָ־באַפעלקערונג האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ קליינעם, רואינירטן, מאַטעריעל־צעבראָכענעם עולם.

אמת, אין געטאָ זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן מיט זיך אַריינגעבראַכט געוויסע געראַטעוועטע פאַרמעגנס. אָבער וועגן דעם האָט מען ניט געקענט וויסן. אגב, האָבן אָט די מענטשן געדאַרפט לעבן פון גרייטן, ווייל סוף כל סוף זיינען די אַמאָליקע, נאָרמאַלע פרנסה־קוואַלן פאַרשטאָפּט געוואָרן.

די הויפּט־יניקה פון די הכנסות האָט די געטאָ־אַדמיניסטראַציע געמוזט ציען פון די נייע פאַרדינער־שיכטן, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט אין געטאָ גופא.

די דאָזיקע נייע שיכטן פאַרדינער זיינען, אין דער ערשטער ריי, געווען די אַרבעטער, וואָס פלעגן גיין אַרבעטן אויסער דעם געטאָ, און די הענדלער

אינעם געטאָ. צו דער נייער „בורזשואַזיע" האָבן אויך געהערט די פאַרשיידענע מאַכערס, וועלכע האָבן לייכט פאַרדינט גרעסערע סומען אין גאָלד און וואַלוטע.

דער פינאַנס־אַמט האָט זיך געגרינדעט גלייך נאָך די גרויסע טשיסטקעס, אין האַרבסט 1941. בראָש פון אַמט האָט זיך געשטעלט ה. קאַשוק, געוועזענער דירעקטאָר פון בונימאָוויטשעס באַנק. קאשוק איז געווען אין דעם קליינעם געטאָ און האָט זיך פון דאָרטן געראַטעוועט אין לעצטן מאָמענט. ביים קומען אין גרויסן געטאָ אַריין האָט אים פריד איינגעלאַדן אַלס לייטער פון פינאַנס־אַמט.

דער פינאַנס־אַמט האָט באַזירט זיינע הכנסה־קוואַלן אויף פאָלגנדיקע יסודות:

1. אַרבעט־שטייער.
2. שטייער פון האַנדל, אינדוסטריע, פאַטענטן, מלאכה וכד'.
3. קאָפּ־שטייער.

דער אַרבעט־שטייער איז גענומען געוואָרן פון אַרבעטער, וועלכע פלעגן גיין אין שטאָט אַרבעטן ביי די דייטשן אָדער ליטווינער. זיי האָבן באַקומען אַ באַשטימטן געהאַלט. פון אָט דער „שכירות" — פון וועלכער דער יידישער אַרבעטער האָט כמעט גאָרניט געהאַט, ווייל דאָס גאַנצע געלט איז אַוועקגעגאַנגען מערסטנטייל אויף פאַרשיידענע „נישט פאַראויסגעזעענע" הוצאות פאַר די ברויט־געבער — פלעגט דער בריגאַדיר פון די יידישע אַרבעטער מוזן אַריינטראָגן אַ געוויסן פּראָצענט אין דער געטאָ־קאַסע. דערצו איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג אונטער דער לייטונג פון אברהם זיידשנור, וועלכער האָט געפירט די חשבונות מיט די יידישע בריגאַדירן און איינקאַסירט ביי זיי דעם שטייער.

דער דאָזיקער שטייער איז געווען דער פונדאַמענט פון די געטאָ־פינאַנסן. שפּעטער האָט די פינאַנס־אָפּטיילונג איינגעפירט שטייערן פון האַנדל, מלאכה, אינדוסטריע אין געטאָ גופא.

ווען די פאַרהעלטענישן אין געטאָ האָבן זיך מער־ווייניק „סטאַביליזירט", האָבן אַ סך יידן, זוכנדיק פאַר זיך פרנסה־קוואַלן, גענומען זיך צו מלאכה, האַנדל און צו פּראָדוקציע פון לייכטע זאַכן. אַ סך האָבן אויך געעפנט קרעמלעך, סטראַגאַנעס, רעסטאָראַנען, קאָמיסיאָן־קראָמען, וואָס האָבן פאַרקויפט פאַרשיידענע זאַכן פון דער געטאָ־באַפעלקערונג א. א. אָט די אַלע אונטערנעמונגען האָבן געמוזט אויסקויפן פאַטענטן, כדי צו האָבן רעכט צו פירן זייערע מסחרים. לכתחילה איז דער אָפּצאָל פון די פאַטענטן געווען אַ קליינער — 10 און 20 מאַרק, מיט דער צייט איז ער אָבער געשטיגן ביז 300 מאַרק.

די אַלע אונטערנעמונגען פלעגן אויך מוזן צאָלן הכנסה־שטייער. זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז דער דאָזיקער האַנדל איז געווען לעגאַל נאָר לגבי דער געטאָ־פאַרוואַלטונג, אָבער ער איז געווען טריף און פסול לגבי די דייטשן. האָט זיך אַמאָל אַ דייטש אָדער אַ ליטווין אַריינגעכאַפּט אין געטאָ, פלעגן דאָס רוב געטאָ־געשעפטן זיך גלייך צומאַכן אויף טויזנט שלעסער.

דער דריטער שטייער, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער געטאָ־באַפעלקערונג איז געווען דער קאָפּ־שטייער. דעם שטייער האָבן געצאָלט אַלע געטאָ־יידן, אָן אויסנאַם. דער שטייער איז זייער שטרענג איינגעמאָנט געוואָרן און האָט געגעבן דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע אַ גרויסע הכנסה.

אַ חוץ די שטייערן האָט די געטאָ־פאַרוואַלטונג געהאַט אַנדערע הכנסה־קוואַלן, ווי: דירה־געלט, עלעקטרישע באַלייכטונג, פאַר פּראָדוקטן, פון די קיכן און קאַפע־הייזער און אַנדערע.

דאָס זיינען אַלץ געווען אָפיציעלע, לעגאַלע הכנסה־קוואַלן. זיי האָבן אין בעסטן פאַל געקענט דעקן נאָר די לעגאַלע און אָפיציעלע הוצאותן פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג.

די געטאָ־אָנפירערשאַפט האָט אָבער געהאַט אַ גאַנצע ריי אויסגאַבן, און טאַקע גרויסע, אויף צו דעקן די ניט־לעגאַלע פאָדערונגען פון די דייטשן, ליט־ווינער א.א.וו. האָט זי זיך דעריבער איינגעשאַפט אַן אייזערנע, געהיימע קאַסע, וואָס איז באַשטאַנען פון גאָלד, צירונג און וואַלוטע. די פאַרמעגנס האָט די געטאָ־פאַרוואַלטונג גענומען פון פאַרשיידענע קאָנפיסקאַציעס און געהיימע באַשטייערונגען, וואָס זי פלעגט אַרויפלייגן אויף די גרויסע פאַרדינער, שמוגלערס און פאַרשיידענע מאַכערס.

אין אַ באַריכט פון דער פינאַנס־אָפּטיילונג (סעקציע פאַר אויסערלעכע שטייערן) פון 4טן נאָוועמבער 1942, געפינען מיר אַ גענויעם בילאַנס פאַרן חודש אָקטאָבער 1942. אין באַריכט ווערט געזאָגט:

„אין משך פון חודש אָקטאָבער זיינען אַריינגעפלאָסן פון די אינדי־ווידועלע שטייער־צאָלער —

| | | |
|---|---|---|
| .1 פון די אַזוי גערופענע פאַרלעגענע שטייערן (שטייער־חובות ביזן 30 יוני 1942) | 20.715.50 | ר. מ. |
| .2 פון די פּראָלאָנגירטע שטייערן, ד.ה. פון די חדשים יולי און אויגוסט | 83.551.30 | " |
| .3 פון די נאָרמאַלע שטייערן פאַרן חודש סעפּטעמבער | 32.266.40 | " |
| .4 פאַר אָקטאָבער | 257.80 | " |

צוזאַמען האָבן אינדיוויד. שטייער־צאָלער אַריינגעטראָגן 136.791.00 ר. מ. וואָס מאַכט אויס 40% פון די אַלגעמיינע שטייערן.

דער כסדרדיקער וווּקס פון די הכנסות פון דעם אַרבעט־שטייער שטעלט זיך פאַר אַזוי:

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| אין | 1941 | נאָוועמבער | 32.003.40 | רובל |
| „ | „ | דעצעמבער | 46.823.70 | „ |
| „ | 1942 | יאַנואַר | 104.606.70 | „ |
| „ | „ | פעברואַר | 117.668.10 | „ |
| „ | „ | מערץ | 193.700.40 | „ |
| „ | „ | אַפּריל | 155.839.30 | „ |
| „ | „ | מאַי | 209.947.02 | „ |
| „ | „ | יוני | 265.238.30 | „ |
| „ | | יולי | 288.536.90 | „ |
| „ | „ | אויגוסט | 300.227.40 | „ |
| „ | „ | סעפּטעמבער | 320.714.49 | „ |
| „ | „ | אָקטאָבער | 343.239.30 | „ |
| | | | 2.378.545.01 | „ |

פון דער טאַבעלע זעען מיר, אַז אין אָקטאָבער 1942 איז אַריין עלף מאָל מער ווי אין ערשטן טעטיקייט־חודש (נאָוועמבער 1941).

אין די ווייטערדיקע חדשים איז דער אַרבעט־שטייער נאָכמער געשטיגן. אַזוי למשל איז אין חודש אַפּריל 1943 פון 6.667 אַרבעטער אַריינגעפלאָסן 37.680.22 רייכס־מאַרק, ד. ה. 376.802.20 רובל.

אין משך פון חודש אָקטאָבער, ווערט ווייטער געזאָגט אין באַריכט, איז נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען ליקווידירט געוואָרן אַן אַלטער חוב פון דער פּאַר־פלעגונגס־דיעטעס־שטעלע אויף אַ סכום פון 7.500 רובל.

די קאַרטאָטעקע ציילט אויפן ערשטן אָקטאָבער ה. י. 6.916 קאַרטן. דער באַריכט איז אונטערגעשריבן דורך דעם לייטער פון דער סעקציע פאַר אויסער־לעכע שטייערן — א. זיידשנור.

אַ געטרײַ בילד וועגן דער פּריוואַטער איניציאַטיוו אין געטאָ, וועגן האַנדל, מלאכה, פרייע פּראָפעסיעס, אינדוסטריע, אונטערנעמונגען — גיט אונדז פאָלגנ־דיקע טאַבעלע;

„סטאַטיסטישער אַמט פון ווילנער געטאָ.

פינאַנס־אָפטיילונג.

### טאַבעלע נומער 2

## צאָל באַשטייערטע אונטערנעמונגען און סומע פון שטייערן
## פאַרן ערשטן האַלבן יאָר 1942

| | האַנדלס־אונטערנעמונגען | | בעקערייען | | האַנטווערקער־וואַרשטאַטן | | אינדוסטריע־אונטערנעמונגען | | פרייע פּראָפעסיעס | | סך־הכּל | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | צאָל | איינגעפלאָסענע שטייערן אין רייכס־מאַרקן | צאָל | איינגעפלאָסענע שטייערן אין רייכס־מאַרקן | צאָל | איינגעפלאָסענע שטייערן אין רייכס־מאַרקן | צאָל | איינגעפלאָסענע שטייערן אין רייכס־מאַרקן | צאָל | איינגעפלאָסענע שטייערן אין רייכס־מאַרקן | צאָל | איינגעפלאָסענע שטייערן אין רייכס־מאַרקן |
| מערץ | 40 | 1.431 | 18 | 2.270 | 7 | 213 | 1 | 180 | 26 | 398 | 92 | 4.492 |
| אַפּריל | 47 | 1.598 | 22 | 2.003 | 24 | 651 | 6 | 271 | 31 | 355 | 130 | 4.878 |
| מאַי | 62 | 2.041 | 23 | 2.038 | 33 | 685 | 7 | 312 | 35 | 286 | 160 | 5.962 |
| יוני | 76 | 2.377 | 19 | 5.916 | 50 | 906 | 10 | 430 | 29 | 304 | 184 | 9.933 |

די סומע שטימט ניט מיט דער טאַבעלע 1, ווייל דאָ זייַנען אַנגעגעבן די איינגעפלאָסענע שטייערן פאַר דעם געגעבענעם מאָנאַט אומאָפּהענגיק פון דעם, ווען זיי זייַנען איינגעצאָלט געוואָרן.

אַן אַלגעמיין בילד וועגן דער טעטיקייט פון פינאַנס־אַמט געפינען מיר אין באַריכט פון דעם אַמט, געשריבן אין רוסיש דעם 7טן יאַנואַר 1943. דער באַריכט איז פאַר דעצעמבער 1942.

## איינערלעכע שטייערן

א. הכנסה־שטייער

אין חודש דעצעמבער האָט מען באַשטייערט פאַר נאָוועמבער אויף 18.033.01 רייכס־מאַרקן (פאַר אָקטאָבער 17.411.40 ר. מ.), פון דעם האָט מען באַניפיקירט — פאַר נאָוועמבער 544.40, פאַר אָקטאָבער — 407.08.

ביזן 1טן דעצעמבער האָט מען ניט איינגעצאָלט (פאַרלעגענע חובות) 6.101.98 ר. מ., פאַר נאָוועמבער דאַרף מען איינצאָלן — 17.488.61, צוזאַמען — 23.590.59. אין דעצעמבער האָט מען איינגעקאַסירט 17.023.10 ר. מ. געבליבן חובות אויפן 1טן יאַנואַר 1943 — 6.567.40 ר. מ.

ב. פּאַטענטן־שטייער פאַרן 1942

אין דעצעמבער 1942 האָט מען אויסגעקויפט 7 נייע פּאַטענטן און מען האָט איינקאַסירט פאַרלעגענע חובות. די סאַלדאָ פון חובות אויפן 1טן יאַנואַר 1943 איז — 4.697.50 ר. מ.

בודזשעט אויפן 1943סטן יאָר

לויטן פּראָיעקט פון דער פינאַנס־אָפּטיילונג, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורכן געטאָ־שעף, פּלאַנירט מען צו נעמען פאַר פּאַטענטן אויפן 1943סטן יאָר 300 ר. מ. די העכסטע, און 20 ר. מ. די נידעריקסטע קאַטעגאָריע, אַנשטאָט ווי מען האָט אין 1942סטן יאָר גענומען 10 און 20 ר. מ.

אין 1942 זייַנען געווען 265 אונטערנעמונגען, 30 פּראַקטיצירנדיקע דאָקטוירים, באַשטייערט מיט 800 ר. מ.

אויף 1943 באַשטייערט 188 פּערזאָן מיט 11.500 ר. מ.

ג. קאָפּ־שטייער

אין דעצעמבער 1942 האָט מען באַשטייערט 376 פּערזאָן מיט 3.791 ר. מ. ביזן 1טן דעצעמבער זייַנען באַשטייערט 8450 פּערזאָן מיט 96.968.10 ר. מ.

| | | |
|---|---|---|
| איינקאַסירט ביי 46 פּערזאָן די פולע סומעס | 391.45 | ר.מ. |
| " " 536 פּערזאָן ראַטעסווייז | 1.348.40 | " |
| צוזאַמען | 1.739.85 | ר.מ. |

ביזן 1טן דעצעמבער איז איינקאַסירט געוואָרן

| | |
|---|---|
| די פולע סומעס | 25.531.55 |
| ראַטעסוויז | 51.477.46 |
| צוזאַמען | 77.009.01 |
| מיט פריערדיקע | 1.739.85 |
| | 78.748.86 |

אין אַלגעמיין האָבן אין 1942 געצאָלט קאָפּ־שטייער 8.716 פּערזאָן אַ סומע 97.221.45, פון וועלכע מען האָט באַניפיקירט 2.740.75 ר.מ.

אויף יאַנואַר 1943 האָט די פינאַנס־אָפּטיילונג פאָרויסגעזען די ליקווידאַציע פון דעם „אָפענעם האַנדל". לויט דעם פאָרשלאַג, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דעם געטאָ־פאָרשטייער, האָבן געדאַרפט ליקווידירט ווערן 24 מאַגאַזינען, וועלכע האָבן געצאָלט 1.400 ר.מ. אַ חודש שטייער; 6 פאַבריקן פון צוקער־קעס — 570 ר.מ., 5 קאָמיסיאָן־געשעפטן — 700 ר.מ., 42 סטראַגאַנען־הענדלער — 500 ר.מ. צוזאַמען האָט די ליקווידאַציע פון פרייען האַנדל רעדוצירט די הכנסות פון דער פינאַנס־אָפּטיילונג אויף 4.170.000 ר.מ. אַ חודש.

די פינאַנס־אָפּטיילונג האָט געהאַט אירע אַגענטן, וועלכע פלעגן אַכטונג געבן אין געטאָ אויף די הענדלער, צי זיי האָבן פּאַטענטן, צי זיי צאָלן שטייערן. אין געטאָ־אַרכיוו האָב איך געפונען אַ געדרוקטע מעלדונג פון אַזאַ אינהאַלט:

„ווילנער געטאָ, פינאַנס־אָפּטיילונג.

עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז איר פאַרנעמט זיך שוין אַ לענגערע צייט מיט.......................................... אָן אַן ערלויבעניש. דערמיט ווערט איר אויפגעפאָדערט צו מעלדן זיך תיכף ומיד אין צימער 17 און איינצאָלן 20 ר.מ. עווידענץ־אָפּצאָל. אויב איר וועט זיך ניט צופאַסן, וועט איר באַשטראָפט ווערן."

די שטייער־אָפּטיילונג פלעגט אויך אָננעמען רעקורסן פון באַעוולטע, וועלכע זיינען צו שטאַרק באַשטייערט געוואָרן. אַלס באַווייז דינט דער געדרוקטער פאָרמולאַר אויף תשובות פון פינאַנס־אַמט אויף אַזעלכע רעקורסן:

„ווילנער געטאָ, פינאַנס־אָפּטיילונג.
אָקטאָבער 1942.

צום שטייער־צאָלער נומער.........................

מיר טיילן אייך מיט, אַז די געטאָ־פאַרוואַלטונג האָט באַטראַכט אייער רעקורס פון............................ און באַשלאָסן: די באַשטייערונג פון אייער אונטערנעמונג פאַרן חודש סעפּטעמבער 1942 אין דער הויך פון...................... איבערלאָזן אין קראַפט, פאַרקלענערן ביז......................

מיר לייגן פאַר איינצאָלן, ווען ניט, ווען מיר מאָנען מיט צוואַנג, מיט עקזעקוציע־קאָסטן.״

עס פלעגט טרעפן, אַז די בריגאַדירן פלעגן זיך ניט איילן איינצוצאָלן דעם אַרבעט־שטייער אין פינאַנס־אַמט, דאַן פלעגט דער אַמט צושיקן אַזאַ ליבעס־בריוועלע צום בריגאַדיר, נאָך וועלכן עס פלעגט שוין דערליידיקט ווערן דער שטייער:

„ווילנער געטאָ־פאַרוואַלטונג. אַרבעט־אָפּטיילונג.
(די פירמע געדרוקט אין דייטש און אין ליטוויש)
נומער 953. דעם 10טן אָקטאָבער 1942

צום בריגאַדיר „פון פאַרפּפלעגונגס־אַמט" ה׳ פרידע מאָזעס, רודניצקער 8.

די שטייער־אָפּטיילונג באַקלאָגט זיך, אַז איר צאָלט ניט פּינקטלעך די פאַרלעגענע ראַטעס פון אַרבעט־שטייער פאַר אייערע אַרבעטער. מיר בעטן אייך זיך צו פאַרשטענדיקן מיט דער שטייער־אָפּטיילונג אין דאָזיקן ענין און מיטצוטיילן אונדז אין משך פון 3 טעג פון באַקומען דעם בריוו אויף וועלכן אופן דער ענין איז דערליידיקט געוואָרן.
קאָפּיע פאַר דער שטייער־אָפּטיילונג.

לייטער פון דער אָפּטיילונג.״

דער קאָפּ־שטייער פלעגט איינגעמאָנט ווערן זייער שטרענג.

דעם 20סטן יוני 1942 איז אַרויס די פאַראָרדענונג וועגן דעם שטייער און שוין דעם 18טן יולי ווערט פאַראָרדנט צו די קאָמענדאַנטן פון די בלאָקן ניט אַרויסצוגעבן די לעבנסמיטל־קאַרטן אויף אויגוסט בשייכות מיט נישט איינצאָלן דעם קאָפּ־שטייער.

## ניט־אָפיציעלע פינאַנסן

אַ חוץ די אָפיציעלע אָפּצאָלונגען, דירעקטע און אומדירעקטע שטייערן, האָט דער יודנראַט געמוזט האָבן פאַר זיך נאָך אַ קוועלע פון הכנסות פאַר זיינע גרויסע און נויטיקע הוצאות, ווי: געלט אויף לאַפּוועקעס, איינצוקויפן פּראָדוקטן אויפן שוואַרצן מאַרק וכד׳. די דאָזיקע ריזיקע סומען פלעגט דער יודנראַט זיך איינשאַפן פון קאָנפיסקירן פאַרמעגנס ביי יידן ביי יעדער געלעגנהייט, פון קאָנפיסקירן זאַכן פון פאַרלאָזענע הייזער. ווייטער פלעגט דער יודנראַט נעמען פון צייט צו צייט גרויסע סומען ביי שמוגלערס, ביי קאָמבינאַטאָרן, וועלכע פלעגן אין געטאָ פאַרדינען ריזיקע סומען. דער יודנראַט האָט אויך געהאַט אַן אייזערנעם פאָנד, על כל צרה שלא תבוא, אין גאָלד, בריליאַנטן און וואַלוטע.

## יידישע פּאָליציי

גלייך ווי אינזשיניער פריד האָט געשאַפן דעם יודנראַט, האָט ער איינגעלאַדן דעם אינטענדענט פון יידישן שפּיטאָל יעקב גענס אַלס קאָמענדאַנט צו אָרגאַניזירן אַ יידישע פּאָליציי.

אַ צייט שפּעטער, זייענדיק אין קאָנצענטראַציע־לאַגער קלאאגא, האָט מיר הערמאַן קרוק איבערגעגעבן, אַז גענס האָט געוואָלט שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכע פּאָליציי פון פאַרשטייער פון דער אינטעליגענץ. מען האָט אָבער גענסן גלייך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַ געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע קען נעמען אויף זיך דאָס שאַפן אַ מיליץ, אָבער מען מוז אויך פריער פעסטשטעלן איר באַציאונג צו דער דייטשישער מאַכט, איר קאָמפּעטענץ און אויפגאַבן.

אויף דעם איז ניט איינגעגאַנגען ניט גענס און ניט פריד. זיי האָבן גלייך דערקלערט, אַז אין אונדזער לאַגע מוז הערשן אַן אייזערנע דיסציפּלין; וואָרטן קען מען ניט קיין מינוט. פאַרנעמען זיך מיט דיסקוסיעס — אָוודאי און אָוודאי ניט. אויף אַזאַ אופן איז גענס געוואָרן דער הויפּט־פּאָליציי־קאָמענדאַנט.

אַלס נאָענסטע מיטאַרבעטער האָט ער גלייך צוגענומען צו זיך אַ ריי רעוויזיאָ־ניסטן, ווי מושקאַט פון וואַרשע, גלאַזמאַן פון קאָוונע, דעסלערן א. א. צווישן די העכסטע פּאָליציי־לייט איז אויך געווען אַ יונגער דייטשישער ייד, אָבערהאַרט, אין ערשטן פעריאָד געווען גענסנס פאַרטרעטער. סאַלאַ דעסלער און מאַיאָר מאיר פרוכט זיינען געווען פּאָליציי־קאָמיסאַרן. אין פעריאָד נאָוועמבער—דעצעמבער, ווען איך פלעג אָפּשלאָגן די טירן פון די גדולים וועגן אַ געלן שיין, האָב איך שוין געטראָפן גלאַזמאַנען אַלס דעם אָפיציעלן שטעלפאַרטרעטער פון גענסן און סאַלען דעסלערן אַלס דעם פאַרבינדונגס־מאַן מיט דער געשטאַפּאָ.

סאַלאַ דעסלער איז געווען הויך, דיק, מיט אַן אויסגעפּרעסנער מאָרדע און טעמפּן בליק, אין אינטעלעקטועלן זין — האַלב ניט דערבאַקן. ער איז געווען אַ זון פון שטאָט־גבאי, פעליקס דעסלער, וועלכער איז געווען אַ רייכער סוחר אין ווילנע און לאַנגע יאָרן פאַרזיצער פון דער גוטבאַקאַנטער אין ווילנע מעדיצינישער אינסטיטוציע „משמרת חולים".

אין די ערשטע 20ער יאָרן פלעג איך, אַלס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון „משמרת חולים", אָפט זיין אויף זיצונגען ביי די דעסלערס אין שטוב, און האָב זיך דאַן ניט פאַרגעשטעלט, אַז אָט דער יונגער גימנאַזיסטל וועט אָפּשפּילן אַזאַ טרויעריקע ראָל.

דער אַלטער דעסלער האָט אין געטאָ געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטש,

וואָס ווייסט לחלוטין ניט, וואָס אַרום אים קומט פאָר. הגם ער האָט זיך אַ סך פאַרנומען מיט פילאַנטראָפּישע אַרבעט.

די פרוי פון סאלא דעסלער איז געווען אַ לאָדזשערין און קלאַנגען זײַנען אַרומגעגאַנגען, אַז זי איז געווען די הויפּטשולדיקע אין דעם, וואָס דעסלער איז אַוועק אויף אַזאַ גליטשיקן וועג.

גאָר אַן אַנדער טיפּ איז געווען דער צווייטער פאַרטרעטער פון גענסן — יוסף גלאַזמאַן. דאָס איז געווען אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן מיט אַ פײַן, גוט יידיש האַרץ. ער איז געווען הויך, שלאַנק און שיין. פון די פּאָר שמועסן וואָס איך האָב מיט אים געהאַט, אין יענע קריטישע מאָמענטן מײַנע, ווען איך בין געווען ווי אויף אַן עולם התוהו, זוכנדיק אַ געלן שיין, האָב איך אין אים געטראָפן אַ גוטן מענטש און האַרציקן ייד.

ער האָט גוט פאַרשטאַנען און ריכטיק אָפּגעשאַצט די לאַגע. געוואָלט העלפן, אָבער לײַדער זײַנען שוין גענס און דעסלער געווען פעסט אַרויפגעכאַפּט אויף דער געשטאַפּאָ־ווענדקע. זיי האָבן אויך אים געוואָלט אַרײַנשלעפּן אין זייערע וועגן, אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזט פּראָוואָצירן.

דאָס געטאָ האָט אין אים דערשפּירט אַ טרייען פרײַנט און ער האָט געהאַט די סימפּאַטיע פון אַלעמען. דאָס האָט גענסן און דעסלערן זייער געקרענקט. קלאָר, אַז שטייענדיק אויף אַזעלכע צוויי פאַרשיידענע וועגן, האָט גלאַזמאַן לאַנג ניט געקענט אויסהאַלטן מיט זיי און איז אַוועק פון דער פּאָליציי. ער האָט איבערגענומען די לייטונג פון וווינונג־אַמט, וווּ ער האָט זיך אויך לאַנג ניט געהאַלטן.

מיט דער צײַט האָט זיך דער פּאָליציי־אַפּאַראַט שטאַרק פונאַנדערגעוואַקסן. עס זײַנען געווען — אַ פּאָליציי־קאָמענדאַנטור, אינטענדאַנטור, קאָאָפּעראַטיוו, קיך, געריכט, אַרעסט־הויז, קרימינאַל־פּאָליציי, פּאָליציי ביים טויער.

בראש פון אַרעסט־הויז איז געשטאַנען — קאַפּיטאַן בייגעל, בראש פון דער קרימינאַל־פּאָליציי — זאַגייסקי.

אַ גאַנץ באַזונדער טרויעריק קאַפּיטל אין דער פּאָליציי האָט געשפּילט די טויער־וואַך, בראש פון וועלכער ס'איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן פון קאָוונע, אַן אמתער סאַדיסט — לעוואַס.

אין געריכט־אַפּאַראַט האָבן געאַרבעט אַלס פּראָקוראָרן — טשעסלאַוו נוס־בוים־אַלטאַשעווסקי — געוועזענער רעדאַקטאָר פון דער גרויסער פּוילישער צײַ־טונג אין לאָדזש — „רעפּובליקאַ“, אַדוו. פּאָווירסקי א. א.

דער פּאָליצייאישער אַפּאַראַט האָט אַרומגענומען אַלץ און גענומען שפּילן אַ דאָמינירנדיקע ראָל אין געטאָ־לעבן.

ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זומער 1942 איז דער יודנראַט פולשטענדיק

פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן, און די גאַנצע אָנפירונג מיטן געטאָ איז איבערגעגעבן געוואָרן גענסן, וועלכער איז געוואָרן פּאָליציי־שעף און געטאָ־פאָרשטייער.

אַלע אַגענטורן פון דער פּאָליציי האָבן צוזאַמען באַשעפטיקט איבער 200 פּערזאָן, פון די פאַרשיידנסטע טיפּן.

איין טייל איז אַוועק אין פּאָליציי, ווייל דאָ איז מען געווען קודם כל זיכער מיטן לעבן, אַלנפאַלס אַ סך זיכערער ווי ערגעץ אַנדערשוואו. אַלס פּאָליציאַנט, האָט מען געהאַט גרויסע פאַרלייכטערונגען ביי אַפּראָוויזאַציע און אויך אַ בעסערע דירה. די אַלע פּריווילעגיעס האָבן משפּיע געווען, אַז אַ סך זיינען אַהין אַוועק כדי לייכטער דורכצולעבן דעם ביטערן פּעריאָד. אַ טייל פון זיי האָבן קיין ספּעציעל שלעכטס, פון אייגענער איניציאַטיוו, דער געטאָ־באַפעלקערונג ניט געטאָן. זיי האָבן נאָר דערפילט די אַרויפגעלייגטע אויף זיי פליכט. אַז עס זיינען צווישן אַנדערע געווען אויך פליכטן, וואָס האָבן אַנדערע געשיקט צום טויט — נו, זיינען זיי דאָך אין דעם ניט שולדיק, לויט זייער אויפפאַסונג. זיי האָבן נאָר אויסגעפירט די באַפעלן פון זייער יידישער מאַכט, די מאָראַלישע און רעכטלעכע פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר זייערע מעשים טראָגט דער יודנראַט אָדער שפּעטער גענס. אָט אַזוי האָבן דערקלערט אין פּריוואַטע שמועסן אַ סך פּאָליציאַנטן, וועלכע איך האָב פריער געקענט אַלס אָרנטלעכע און אָנשטענדיקע מענטשן.

חיים מאַלטשאַדסקי, לאַנג־יאָריקער פאַרמאַצעווט פון „משמרת חולים״־אַפּטייק, באַקאַנט אויך אַלס אַרטיסט מאַלסקי, האָט מיר אייניקע מאָל געזאָגט: „נו, יאָ, מענדל, וואָס האָב איך געקענט טאָן? גיין אַרבעטן צו די דייטשן קען איך ניט. בכלל שווער אַרבעטן קען איך ניט (ער איז געווען אַריבער 60 יאָר). קיין קאַפּי־טאַלן האָב איך ניט. לעבן ווילט זיך, עסן מוז מען און דערצו האָב איך נאָך אַ פאַמיליע. בין איך אַוועק אין פּאָליציי. קיין לאַפּוועקעס נעם איך ניט, קיין ספּעקולאַנט, קיין מסור בין איך ניט. איך שטיי מיר מיט מיין שטעקעלע אויפן גאַס און רעגוליר די באַוועגונג, אָדער איך האַלט אָרדענונג ביי די רייען בעתן טיילן פּראָדוקטן״.

אָט אַזעלכע מענטשן — אָרנטלעכע, אָנשטענדיקע, רואיקע זיינען געווען ניט ווייניק אין דער פּאָליציי.

זיי האָבן געוואָלט נאָר איבערלעבן די שווערע ביטערע צייט.

אָבער דער זעלבער חיים מאַלטשאַדסקי האָט מיר איבערגעגעבן פאָלגנדיקן עפּיזאָד: ווען דאָס געטאָ־געריכט האָט אַרויסגעגעבן אַ טויט־אורטייל אויף 5 באַנדיטן און איין מסור, און מען האָט זיי געדאַרפט אויפהענגען אין געטאָ גופא, האָט גענס — ניט וועלנדיק ריזיקירן מיטן באַשטימען איין תליין — פאַראָרדנט אַז אַ סך פּאָליציאַנטן זאָלן ציען די שטריק און ער, מאַלטשאַדסקי, איז אויך געווען

צווישן זיי. „יאָ, יאָ, מענדל — האָט מאַלטשאַדסקי פאַרענדיקט — ניט קיין לייכט ברויט צו זיין אַ פּאָליציאַנט. שיין האָב איך דערלעבט אויף מיינע אַלטע יאָרן״.

— נו און אַוועקגיין? — האָב איך אים געפרעגט.

— אַוועקגיין? וווּהין? פון וואָס וועל איך לעבן מיט אַ שטוב מענטשן?

עס זיינען אָבער אויך געווען פּאָליציאַנטן גאָר פון אַן אַנדער מין.

מיטן אָנטאָן דעם שיינעם פּאָליציי־מונדיר, דאָס היטל מיט די שיינע גלאַנ־צנדיקע שטיוול האָט זיך זיי פאַרדרייט אין קאָפּ. זייער „מאַכט״ האָט זיי אַ שלאָג געטאָן אין זייערע שוואַכע און אָפּטמאָל פאַרדאָרבענע מוחות.

זיי האָבן גענומען אויסנוצן זייער מאַכט מיט אַ ברייטן פאַרנעם. געהוליעט, געזויפן, געפרעסן, גענומען פון לעבן מיט דער פולער האַנט. אַנדערע זיינען אַוועק נאָך ווייטער — זיי האָבן גענומען מאַכן פאַרמעגנס ווייל — זיי וועלן דאָך באַשטימט איבערלעבן...

אַנדערע ווידער זיינען געוואָרן מוסרים, אַגענטן, אונטערהערער. ס׳איז באַ־וווּסט, אַז דעסלער האָט געהאַט אינפאָרמאַטאָרן, וואָס האָבן אים געבראַכט ידיעות פון דעם, וואָס עס טוט זיך אין געטאָ. שפּעטער זיינען אָט די דאָזיקע אויסוואורפן געוואָרן אָפענע מוסרים. זיי פלעגן זוכן און אויפדעקן מעלינעס און אַזוי אַרום דירעקט געהאָלפן אומברענגען יידן.

אַ סך, אַ סך פאַרגאַסן יידיש בלוט איז אויפן געוויסן פון יידישע אויסוואורפן.

## די באַציאונג פון דער באַפעלקערונג צו דער פּאָליציי

אין די ערשטע וואָכן פון דער געטאָ־עקזיסטענץ האָט זיך די געטאָ־באַפעל־קערונג באַצויגן גאַנץ פריינטלעך צו דער פּאָליציי. סוף כל סוף האָט דאָך יעדער פאַרשטאַנען, אַז מאַכט און אָרדענונג מוזן זיין, און עמעצער מוז דאָך אויף די זאַכן אויפפּאַסן — ס׳לעבן דאָך צענדליקער טויזנטער מענטשן אין אַזעלכע טראַגישע באַדינגונגען. ווען ניט אַ פעסטע מאַכט, וואָלט מען זיך לעבעדיקערהייט אויפ־געפרעסן.

אין די ערשטע וואָכן האָט טאָקע די יידישע פּאָליציי אויסגעפירט גאַנץ פריד־לעכע פונקציעס. זיי האָבן געהאַלטן אָרדענונג ביי די רייען פון די לעבנסמיטל־געוועלבער, ביי די בעקערייען, קיכן, אויף די גאַסן. זיי פלעגן שלום מאַכן צווישן שכנים ביי אַלע קאָנפליקטן אין די הייזער — וואָס האָט דאַן ניט געפעלט.

אַן איבערברוך אין די באַציאונגען איז געקומען מוצאי יום־כיפּור 1941, ווען די פּאָליציאַנטן האָבן אויפן באַפעל פון יודנראַט און געגנסן אַרויסגענומען פון די הייזער די בעסטע יידישע בעלי־מלאכות מיטן אויסרייד, אַז זיי דאַרפן רעגיסטרירן זייערע אַרבעט־שיינען און זיי גלייך צוגענומען צום טויט. בעת דער טשיסטקע

האָט מען דערפילט, אַז די יידישע פּאָליציי איז געשאַפן געוואָרן, כדי צו העלפן די דייטשן אין זייערע פּלענער בײַם אומברענגען יידן.

די צום טויט אָוועקגעפירטע יידן האָבן אין די יידישע פּאָליציאַנטן געזען זייער מלאך המות און געשיקט זייער לעצטע קללה אויף זייערע קעפּ. דאָס זעלבע אויך די פאַמיליעס פון די אומגעבראַכטע.

דער צווייטער ריס מיט דער פּאָליציי איז פּאָרגעקומען בײַם פּראָוואָצירן יידן מיטן אַרויסגיין פון גרויסן געטאָ אין דעם קליינעם אין די טעג, ווען דאָס קליינע געטאָ איז געשטאַנען אין ליקווידאַציע. אַ סך, אַ סך יידן זיינען דאַן פּריצייטיק פון דער וועלט אַוועק אַדאַנק דער געטאָ־פּאָליציי.

פון דעם מאָמענט אָן האָט מען געקוקט אויף דער געטאָ־פּאָליציי ווי אויף אַן אינסטרומענט אין די דייטשישע הענט.

וואָס ווייטער איז די שנאה אַלץ מער געשטיגן.

## די באַציאונגען צווישן יודנראַט און דער פּאָליציי

אַזוי לאַנג ווי אין געטאָ איז געווען אומרואיק, האָט עקזיסטירט אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן יודנראַט און דער פּאָליציי. אָבער ווען דאָס לעבן אין געטאָ האָט זיך „סטאַביליזירט", האָבן געגנס מיט דעסלערן גענומען אַרויסווייזן טענדענצן פון רעגירן מיטן געטאָ. דאָס איז ניט געפעלן געוואָרן פרידן. אָט האָבן מיר אַ בריוו, געשריבן אין דייטש פון פרידן צו געגנסן, וועלכער באַווייזט, אויף די אָנגעצויגענע באַציונגען צווישן די ביידע אינסטאַנצן.

„ווילנער יודנראַט. — קאָפּיע
ווילנע, דעם 6טן אַפּריל 1942

צום פּאָליציי־שעף ה׳ גענס.

בתשובה אויף אייער בריוו פון 4טן ד. ח. נומער 766/2, אַ קאָפּיע פון וועלכן איך לייג אייך ביי, האַלט איך פאַר נויטיק צו ציען אייער אויפמערקזאַמקייט אויף פאָלגנדיקס:

ניט אַריינגייענדיק אין דער פּרינציפּיעלער זייט פון דער זאַך, מוז איך אויסדריקן מיין פאַרווונדערונג איבער דער פאַראָרדענונג וואָס קען צושטערן די גאַנצע אָרדענונג וואָס איז מיט אַזוי פיל מי איינגעשטעלט געוואָרן אין געטאָ, און ספּעציעל בנוגע דער באַהייצונג־פּראַגע. די דאָזיקע פאַראָרדענונג קען צושטערן די גאַנצע איינגעשטעלטע דיסציפּלין.

כדי אַזעלכעס אויסצומיידן אויף להבא, בעט איך אייך צו געבן די געהעריקע אָנווייזונגען צו די אייך אונטערליגנדע פּאָליציי־אָרגאַנען, אַז אין אַלע אָנגעלעגנהייטן, וואָס זיינען בנוגע דער געטאָ־ווירטשאַפט, זיך ווענדן צום יודנראַט אויסשליסלעך דורך דער פאַרמיטלונג פון דער קאָמענדאַנטור, און ניט ווענדן זיך דירעקט.

גלייכצייטיק בין איך אייך מודיע, אַז שבת, דעם 4טן אַפּריל, האָט

אַ פּאָליציי־פונקציאָנאַר, אַז דער פאַרשטענדיקונג מיט מיר, זיך דערלויבט צו שליסן אַלע ביוראָען אויפן צווייטן שטאָק (נעבן קאָנצערט־זאַל), אויך די קאַסע — 6 אַזייגער, דאָס הייסט, מיט אַ שעה פאַר דער פעסט־געשטעלטער צייט.

אַז דאָס איז אַן אומדערלאָזבאַרע האַנדלונג מצד דעם פּאָליציי־פונקציאָנאַר — אונטערליגט ניט קיין שום ספק. איך גלויב, אַז אייך וועט ניט שווער זיין פעסטצושטעלן דעם נאָמען פון פּאָליציאַנט, וועלכער האָט זיך דערלויבט צו ענדערן דעם באַשטימטן חרכן יודנראַט סדר.

אבמאַן דעס יודען־ראַטעס — פריד.״

אַט די רייבונגען האָבן סוף כל סוף דערפירט דערצו, אַז זומער 1942 איז דער יודנראַט פולשטענדיק פונאַנדערגעלאָזן געוואָרן און געַנס איז דורכן געביטס־קאָמיסאַר באַשטימט געוואָרן אַלס — „געטאָ פאַרשטייער און פּאָליציי־שעף״. דעסלער — אַלס פּאָליציי קאָמענדאַנט.

אין קאַמף מיטן יודנראַט האָבן מנצח געווען געַנס און דעסלער, ווייל זיי זיינען געווען אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די דייטשן. געַנס איז געוואָרן דער אַליינהערשער איבערן געטאָ. דער יודנראַט מיט פרידן זיינען אַראָפּ פון זייער גדולה.

געַנס האָט אָבער ניט באַזייטיקט פרידן, אויך ניט די איבעריקע יודנראַט־מיטגלידער. אַלע האָבן ווייטער אַנגעפירט מיט זייערע רעסאָרטן, און פריד איז געוואָרן דער לייטער פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג.

מען מוז צוגעבן, אַז ווען ניט די אייזערנע דיסציפּלין פון דער פּאָליציי וואָלטן מענטשן זיך אויפגעפרעסן לעבעדיקערהייט. די מורא פאַר דער פּאָליציי, די שרעק אַריינצופאַלן אין פּאָליציי־אַרעסט, פון וואַנען מען קען לייכט אַוועקגיין אויף פּאַנאַר (ווי עס האָט אָפט געטראָפן), האָט טאַקע געצוימט די מענטשן.

די פּאָליציי האָט געוואָלט ווייטער בלייבן אַ יידישער ברידערלעכער הילפס־אַפּאַראַט, וואָס זאָל פאַרלייכטערן די יידן אין דער ביטערער צייט, אָבער דאָס האָבן ניט געוואָלט די דייטשן.

אַ חוץ אויפגעצוווּנגענע טאַטן מצד דער יידישער פּאָליציי, זיינען אָבער אויך געווען שרעקלעכע טאַטן פון באַזונדערע פּאָליציאַנטן, צייטנווייז אַזעלכע ברוטאַלע, אַז דער יודנראַט מיט די פּאָליציי־קאָמענדע האָבן געמוזט רעאַגירן.

מיר האָבן איינציקע נאָטיצן וועגן געריכטן איבער פּאָליציסטן, גענומענע פון די „געטאָ־ידיעות״.

1. ג ע ט אָ ־ ג ע ר י כ ט. האַרבע שטראָף פאַר שלאָגן. דער אַרבעט־פּאָליציסט הלל פ. האָט אַ זעץ געטאָן אַ פרוי אַזוי שטאַרק, אַז דער ביין פון דעם מאַרך־קאַסטן איז אויסגעבויגן געוואָרן. דער אורטייל — 3 וואָכן אַרעסט, דעקן די געריכט־קאָסטן און אַ גרויסע געלט־תביעה צוגעמשפּט.

2. נ ב ש ל  ג ע ו ו אָ ר ן. דער געוועזענער פּאָליציסט וואָלאָדימיר ר. האָט געהיטן אַ טראַנספּאָרט זאַכן און צוגעגנבעט איין שטיק נייע שטאָף, אַ ראַזיר־מעסער און אַ שאַרפשטיין — די זאַכן זיינען ביי אים געפונען געוואָרן. 3 וואָכן אַרעסט.

3. ווי עס שיינט, האָט זיך די פּאָליציי־קאָמענדע ניט געקענט אָן עצה געבן מיט דעם נעמען שוחד אין געהיים מצד די פּאָליציאַנטן, און זי האָט דעריבער באַשלאָסן צו טוישן דעם גאַנצן פּערסאָנאַל פון איין באַצירק מיט אַ צווייטן. די פאַראָרדענונג איז אונטערגעשריבן פון דעסלערן און טראָגט די דאַטע — 23.9.1942.

4. אַ מ ש פּ ט  ו ו ע ג ן  ש ו ח ד.

געוועזענער אַרבעטער, פּאָליציסט פּ. ס. האָט באַקומען 6 וואָכן אַרעסט און 30 מאַרק שטראָף פאַר נעמען שוחד ביים באַפרייען פון וואַלד־אַרבעט.

## ביבליאָטעק פאַר גענסן

ווען גענס איז געווען שעף און אין געטאָ איז געווען רואיק, האָט ער געבעטן דעם ביבליאָטעקאַר איינצושאַפן פאַר אים אַ ביבליאָטעק. וועגן דעם ענין האָבן מיר פאָלגנדיקן דאָקומענט:

„ביבליאָטעק און לייען־זאַל אין ווילנער געטאָ. קאָר. נומער 484.
צום געטאָ פאָרשטייער ה׳ גענס.

חשובער פריינד,

אין שייכות מיט אונדזער געשפּרעך שיק איך אייך איבער פון דובליי־קאַטן־לאַגער 89 בענדער אין יידיש, העברעיש, רוסיש און דייטש. די ביכער שיק איך אייך ווי אַ טייל פון דער ביבליאָטעק, וועלכע מיר ווילן אייך קאָמפּלעטירן. דערביי שיק איך אייך איבער אייניקע זאַצן, וואָס בילדן ניט קיין פולע קאָמפּלעטן. די דערהאַלטענע ביכער בעט איך אייך קוויטירן.

מיט אַכטונג — ה. קרוק.

1 ביילאַגע. געטאָ ווילנע, 19 נאָוועמבער 1942.

### רשימה פון ביכער

1) ענציקלאָפּעדיע — בראָקהאַוז און עפראָן (רוסיש) — 58 בענדער.
2) יעווריעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ — 8 ביכער.
3) הערצל טעאָדאָר — טאָג־בוך (דייטש).
4) אַש שלום — 2 בענדער.
5) יהואש — 3 בענדער.
6) יהואש איבערזעצונג פון חומש — 2 בענדער.
7) בעל מחשבות — 2 בענדער.

8) תנ"ך מיט אַ יידישער איבערזעצונג 1—2 באַנד.
9) גזרות ת"ח — 1 באַנד.
10) פלאַבער ג., העברעיש — 1 באַנד.
11) וואַרשאַווסקי ע, — 1 באַנד.
12) ראָזענפעלד י. — 1 באַנד.
13) עגנון ש. י. — 1 באַנד.
14) אונדזערע ימים טובים — י. אונטערמאַן — 1 באַנד.
15) פרעמדווערטערבוך — רוסיש — 1 באַנד.
16) ביעלינסקי ח. — 1 באַנד.
17) יידישע פּאָעטן, אַנטאָלאָגיע פון י. ענטין — 2 בענדער.
צוזאַמען 89 בענדער.    19 נאָוועמבער 1942

די ביכער דערהאַלטן. איך דאַנק — גענס
1942.11.23

## אַרעסט־הויז

אויפן לידער געסל איז געשאַפן געוואָרן די געטאָ־טורמע. אַ סך פון די אַרעסטירטע זיינען פון אַרעסט־הויז, דורך דער פורטקע מחוץ דעם געטאָ, אַוועק־געשיקט געוואָרן קיין לוקישקעס און פון דאָרט אויף פּאָנאַר.

איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין טורמע אַ פּאָר טעג, ווען איך האָב דאָרט געמאַכט דעזינפעקציעס. די ווענט זיינען געווען באַשריבן מיט האַרצ־רייסנדיקע אויפשריפטן פון מענטשן, וועלכע געזעגנען זיך, ווייסנדיק אַז פון דאַנען גייען זיי צום טויט.

קאָמענדאַנט פון אַרעסט־הויז איז געווען קאַפּיטאַן בייגעל, וועלכער איז דער־שאָסן געוואָרן צופעליק ביי זיך אין דירה. די פענצטער פון זיין דירה זיינען אַרויס אויף זאַוואַלנע גאַס. דאָרט איז אין אַ געוויסן פּרימאָרגן פאַרגעקומען אַ שיסעריי און אַ פאַרבלאָנדזשענדיקע קויל האָט אים געטראָפן, ווען ער איז צו צום פענצטער אַ קוק טאָן, וואָס אויפן גאַס קומט פאָר [1].

דאָס איז געשען אין די לעצטע וואָכן פון דער געטאָ־עקזיסטענץ. מיט עטלעכע טעג פריער פאַרן דערשיסן געגנסן. ביים שפּיטאָל האָט געגנס אים האַרציק מספּיד געווען, ניט ווייסנדיק, אַז אין אַ פּאָר טעג שפּעטער וועט ער אַליין שוין אויך ניט לעבן.

מיר ברענגען דאָ די רשימה פון די אַנגעשטעלטע אין אַרעסט־הויז, לויט אַ שכירות־ליסטע פון די אַנגעשטעלטע פאַר דער צווייטער העלפט מאַי 1943.

1. קאַפּיטאַן בייגעל איז געשאָסן דעם 4.9.43. מיט אייניקע טעג פריער האָט ער גע־וואָרנט מיין פרוי ניט צו גיין צו קיין באַן־אַרבעטן.

| ל.נ. | פאַמיליע, נאָמען | קאַסטע־גאָריע | געהאַלט | אָפּגערעכנט 5% | אָפּגערעכנט ה. קאַסטע | צום אויסצאָלן | אונטער־שריפט |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| .1 | בייגעל פערדינאַנד | 4 | 35.— | 1.75 | 1.80 | 31.45 | |
| .2 | לוצקי וולאַדיסלאַוו | 5 | 32.50 | 1.65 | 1.90 | 29.45 | |
| .3 | רובינשטיין ראַיסאַ | 5 | 32.50 | 1.65 | 1.90 | 29.45 | |
| .4 | קאַץ יצחק | 7 | 27.50 | 1.40 | 1.10 | 25.— | |
| .5 | אושפּיז יצחק | 8 | 25.— | 1.25 | 1.10 | 22.65 | |
| .6 | שמידאָוו סאָניע | 8 | 25.— | | | | |
| .7 | זאַלקינד מיכאל | 8 | 25.— | | | | |
| .8 | הערבסט לעאָן | 7 | 27.50 | | | | |
| .9 | בלאָך שמעון | 8 | 25.— | 1.25 | 1.10 | 22.65 | |
| .10 | שניידער ראובן | 8 | 25.— | 1.25 | 1.10 | 22.65 | |
| .11 | יאַניסקי מלך | 7 | 27.50 | 1.40 | 1.10 | 25.— | |
| .12 | בושטעלסקי אהרן | 8 | 25.— | 1.25 | 1.10 | 22.65 | |
| | | | 332.50 | 16.70 | 14.50 | 301.30 | |

וועגן דער געטאָ־תפיסה האָבן מיר אַן אויסצוג פון די „געטאָ־ידיעות", דעם סוף פון אַ באַריכט:

„אין משך פון האַלב יאָר (1942) איז דורכגעגאַנגען דורך דער תפיסה קוים 90 פּערזאָן, ד. ה. 2,5 פּראָצענט פאַרמשפּטע דורך דעם געריכט. דער־מיט בינדט זיך אויך דער פאַקט, וואָס באַר 13,4 פּראָצענט פון אַלע אַרעס־טאַנטן האָבן געהאַט שטראָפן לענגערע ווי 2 מעת־לעת. דאַקעגן 41,6 אַרעסטירטע זיינען געווען באַשטראָפט ביז 24 שעה און 45.0 פּראָצענט — צוויי מעת־לעת. די צאָל אַרעסטירטע איז באַזונדער שטאַרק געוואַקסן אין חודש יוני (ביז — 1427), אָבער דער גאַנצער צוווקס גייט אויפן חשבון פון פאַרהאַלטענע דורך דער מייער־וואַך (987).

אונדזער באַמערקונג, אַז די טעטיקייט פון אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען לאָזט זיך ניט אַלע מאָל אויסדריקן סטאַטיסטיש, באַציט זיך באַזונדערס צום פּאָליציי־אַמט.

אונדזער טאַבעלע נומער 6 שפּיגלט אָפּ אין זייער אַ קליינער מאָס די פאַרשיידנאַרטיקע טעטיקייט פון די פּאָליציי־רעווירן. אגב, איז זי זייער ניט קאָמפּלעט. די גענויערע סטאַטיסטיק פון ערשטן פּאָליציי־רעוויר אַנט־האַלט פונדעסטוועגן אינטערעסאַנטע פאַקטן.

די צאָל פּאָליצייאיש־באַשטראָפטע פּרויען איז באַדייטנדיק גרעסער ווי די צאָל באַשטראָפטע מענער. געוויסע פאַרברעכנס האָבן אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע אינטענסיווקייט אין געוויסע חדשים. אין יאַנואַר און פעברואַר איז געווען באַזונדערס גרויס די צאָל באַשטראָפטע פאַר גיין אָן לאַטעס. אין מערץ רוקן זיך אַרויס אויפן ערשטן אָרט די באַשטראָפטע פאַר שלעכטע פאַרטונקלונג אָדער פאַר נוצן עלעקטרישן שטראָם איבער דער נאָרמע. פון אַפּריל אָן איז געווען די גרעסטע צאָל באַשטראָפטע פאַר שטערן די עפנטלעכע רו און פאַר נישט האַלטן די כללים פון פאַרקער. — — —

ווילנע געטאָ, יאַנואַר 1943."

## טויער־וואַך

אַ גאַנץ באַזונדער קאַפּיטל אין דער געטאָ־פּאָליציי פֿאַרנעמט די פּאָליציי, וואָס האָט געהיטן דאָס געטאָ־טויער, גערופֿן „טויער־וואַך". דאָס געטאָ־טויער איז שטענדיק באַוואַכט געווען פֿון דרויסן דורך אַ ליטווישן פּאָליציאַנט און פֿון אינעווייניק דורך יידישער פּאָליציי. ביים טויער, נעבן דער אַריינגאַנג־פֿורטקע, איז געווען דער לאָקאַל פֿון דער טויער־וואַך. דאָרט האָט אַמטירט דער קאָמענדאַנט פֿון דער טויער־וואַך, לעוואַס (לעוו), אַ יונגערמאַנטשיק פֿון קאָוונע, וועלכער האָט זיך מיט דער צייט אויסגעצייכנט מיט זיין אוממענטשלעכער סאַדיסטישער באַציאונג.

די אַרבעט פֿון דער יידישער פּאָליציי ביים טויער איז געווען אַ שווערע און בלי ספק אַ זייער פֿאַראַנטוואָרטלעכע. פֿון ערשטן מאָמענט פֿון געטאָ־עקזיסטענץ, האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ פֿאַראָרדענונג, אַז אין געטאָ טאָר מען קיין זאַך ניט אַריינפֿירן אָדער אַריינטראָגן אָן זייער דערלויבניש. פֿון לעבנסמיטל האָט מען געמעגט אַריינפֿירן אין געטאָ נאָר דאָס, וואָס מען האָט אָפֿיציעל געגעבן פֿאַרן געטאָ. די פּראָדוקטן פֿלעגט אָפּנעמען אַ פֿאָרשטייער פֿון דער געטאָ־פֿאַרוואַלטונג און אַריינפֿירן דאָס אין די געטאָ־סקלאַדעס. דער געטאָ־אַפּראָוויזאַציע־אַמט האָט די דאָזיקע פּראָדוקטן צוגעטיילט צו די קיכן, צו דער באַפֿעלקערונג א. א. וו.

אָבער דעם דייטשס גזר — איז אַך־און־וויי. אגב, פֿלעגט דאָך אָט די אָרעמע דייטשישע גזר אויך ניט אָנגעקומען צו דעם פּשוטן המון, ווייל די געטאָ־פֿאַרוואַלטונג האָט דאָך אַראָפּגענומען צו איר דיספּאָזיציע גרויסע טיילן פּראָדוקטן. דעריבער איז קלאָר, אַז אַלע אַרבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין שטאָט, פֿלעגן ביים אַריינגיין אין געטאָ פּרוּוון אַריינשמוגלען מיט זיך געוויסע פּראָדוקטן.

צו דער אַרבעט אין שטאָט זיינען טאָג־טעגלעך אַרויסגעגאַנגען אַ סך טויזנטער מענער און פֿרויען. ווען יעדער האָט מיט זיך אַריינגעברענגט אַ ביסעלע פּראָדוקטן, ווי: ברויט, קאַרטאָפֿל, קאָרן־ און ווייצן־מעל, פֿלייש, פּוטער, אייער, גרינסן, פֿיש, מילך א. א. וו. פֿלעגט שוין דאָס געטאָ זיין זאַט. אַ סך פֿון די געבראַכטע פּראָדוקטן זיינען גלייך פֿאַרקויפֿט געוואָרן אָדער אויסגעביטן געוואָרן, אַזוי אַרום האָט זיך אַנטוויקלט דער געטאָ־האַנדל. איבער דעם אַלעם האָט אין דער ערשטער ריי די קאָנטראָל געהאַט די טויער־וואַך. אמת, זייער אָפֿטע געסט ביים טויער פֿלעגן זיין דער צורר מורער, געשטאַפּאָוווצעס און אַנדערע ליטווישע כוליגאַנעס, וועלכע האָבן זייער שטרענג קאָנטראָלירט די אָנקומענדיקע אַרבעטער־פּאַרטיעס. ביי אַזעלכע קאָנטראָלן האָט ניט איין ייד באַצאָלט מיטן לעבן.

די טויער־וואַך האָט זעלבסטפאַרשטענדלעך געדאַרפט און געמוזט גוט אויפּ־פּאַסןביים טויער און היטן, ווייל סוף כל סוף האָט מען דאָך קיינמאָל ניט געוווּסט, ווען דער אָדער אַן אַנדערער רוצח וועט זיך באַווייזן.

אָבער זי, די טויער־וואַך, פלעגט צונעמען פון יידן פּראָדוקטן אַפילו דאַן, ווען ס'איז ביים טויער ניט געווען קיינער. צוגענומען האָבן זיי דווקא די נויט־פּעקלעך ביי די אָרעמעלייט. דאָקעגן זיינען זיי געווען אין קאָנטאַקט מיט די גרויסע שמוגלער, וועלכע פלעגן אַריינשלעפּן גאַנצע זעק מיט פּראָדוקטן דורך פאַרשיידענע מעלינעס אָדער אויף פורלעך. פון די דאָזיקע שמוגלער האָט די געטאָ־פּאָליציי אָפּגעלעקט אַ גוטביינדל. נאַטירלעך איז די געטאָ פאַראינטערע־סירט געווען, אַז מען זאָל אַריינטראָגן און אַריינפירן וואָס מער פּראָדוקטן, אָבער צונעמען ביי די אָרעמסטע דעם לעצטן ביסן פון מויל ממש, איז געווען אכזריותדיק. מילא, אַז זיי האָבן דאָס געטאָן אין אָנוועזנהייט פון געשטאַפּאָווצעס, איז קיין עצה ניט געווען. זיי פלעגן אָבער שוין אַזוי פלייסיק אַרבעטן, אַז אַפילו אָן די דייטשן האָבן זיי אויך פאַרשאַפט אַ סך שפיכת־דמים. און געשלאָגן האָבן זיי דערביי — מכות רצח. דער דאַרער, יונגער לעוואס האָט זיך מיט דער צייט דערוואָרבן אַ רעפּוטאַציע פון אַ רוצח. ער פלעגט ממיתן און שלאָגן אַפילו פרויען. די הפקרות פון דער טויער־וואַך איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַפילו דער יודנראַט האָט שוין געמוזט אינטערווענירן ביי גענסן וועגן האַמעווען זייערע געמיטער. וועגן דעם האָבן מיר אַ בריוו פון פרידן צו גענסן:

„ווילנער יודנראַט. אַלגעמיינע אָפּטיילונג. נומער 487.
דעם 21 אַפּריל 1942

אָפּשריפט.

צום שעף פון דער פּאָליציי אין געטאָ.

ביים אַריינגאַנג אין געטאָ דורכן טויער קומען פאָר אינצידענטן צווישן די אַריינגייער און דער טויער־וואַך. זייער אָפט ווערן די אינצידענטן אַרויסגערופן ניט דורך אָביעקטיווע סיבות, נאָר צוליב ניט פאָרזיכטיקע האַנדלונגען און אומנויטיקער גערייצטקייט פון לייטער פון דער טויער־וואַך. מיר ווענדן אונדזער אויפמערקזאַמקייט אויף דעם אויבנדערמאָנטן און בעטן אייך אָננעמען מיטלען, כדי צו סאַנירן די לאַגע.

פאָרזיצער פון יודנראַט — פריד.“

ווי דער קאָמענדאַנט פון טויער־וואַך, אַזוי זיינען געווען זיינע מיטאַרבע־טער — לאַפּאָווניקעס, באַנדיטן. זיי פלעגן שלאָגן און הרגענען יעדן וואָס איז אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט. די צוגענומענע בעסערע פּראָדוקטן האָבן זיי צעטיילט צווישן זיך, אַלע אַנדערע זיינען איבערגעשיקט געוואָרן אין געזעל־

שאַפטלעכן הילפס־קאָמיטעט, אין פּאָליצייאישן קאָאָפּעראַטיוו אָדער אין די קינדער־אַנשטאַלטן.

מ׳האָט דאָך געננג פּײנט געהאַט די אַלגעמיינע פּאָליציי, אָבער די טויער־וואַך האָט מען געהאַסט. בלויז איינער איז פון דער טויער־וואַך געווען צופרידן — דער צורר מורער.

## געטאָ־געריכט

מיר באַזיצן אַ טאַבעלע, וואָס כאַראַקטעריזירט די טעטיקייט פון געטאָ־געריכט.

סטאַטיסטישער אַמט אין ווילנער געטאָ.
געטאָ־געריכט.

טאַבעלע נומער 4

טעטיקייט פון געריכט אין ערשטן האלבן יאָר 1942

| | |
|---|---|
| קרימינעלע ענינים: | |
| צאָל ענינים | 115 |
| צאָל פערזאָנען | 172 |
| אורטיילן אין קרימינעלע ענינים: | |
| אַרעסטן | 74 |
| געלט־שטראָף און אַרעסט | 15 |
| וואָרענונגען | 8 |
| טויט־שטראָף | 6 |
| פרייגעלאָזן | 40 |
| אַנולירט | 13 |
| הויך פון געלט־שטראָף | 1.990 |
| צאָל פון ציווילע ענינים | 79 |
| הויך פון תביעות | 1.322 |

| איינצל־ריכטער<br>פּאָליציי־ריכטער | |
|---|---|
| צאָל ענינים | צאָל פערזאָנען |
| 90 | 183 |

## טשיסטקע אין דער פּאָליציי

אין יוני 1943 איז אין דער געטאָ־פּאָליציי פּאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ווידערשטאַנד־טעטיקייט, וואָס עס האָט אַנטוויקלט גלאַזמאַן, דער וויצע־קאָמענדאַנט פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע.

גענס האָט ניט געוואָלט האָבן גלאַזמאַנען אין געטאָ, כדי פון אים פּטור צו ווערן, האָט ער אים באַזייטיקט אַלס לייטער פון דער דירות־אָפּטיילונג און

אים אַרויסגעשיקט אויף אַרבעט אין וואַלד, סונוואַנעו גלאַזמאַן איז אַליין צוריק־גקומען.

די צייטן זיינען שוין געווען זייער אומרואיקע. אין געטאָ האָט מען געפילט אַן אָנקומענדיקן שטורעם. אַלץ אַרום ווילנע איז שוין געווען ליקווידירט. עס האָבן זיך דערנענטערט די לעצטע שעהען פון געטאָ.

היות, ווי אַ געוויסע צאָל פּאָליציאַנטן האָט אַרויסגעוויזן אַן אָפענע סימ־פּאַטיע צו גלאַזמאַנען, איז דעם 27סטן יוני 1943 דורכגעפירט געוואָרן אין דער פּאָליציי אַ טשיסטקע. אַ צאָל פּאָליציסטן איז באַזייטיקט געוואָרן, אַ טייל איז דעגראַדירט געוואָרן און פיל זיינען אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף אַנדערע דינסט־ערטער.

אָט איז דער פולער באַפעל:

27סטן יוני 1943. נומער 5620

## פאַראָרדענונג פון פּאָליציי־שעף נומער 9

באַפרייאונגען: פּאָלגנדיקע פּאָליציאַנטן ווערן פון 27סטן יוני 1943 אַנטזאַגט פון פּאָליציי־דינסט:

1) דער דינסטלייטער פון דער טויער־וואַך — זאַלצוואַסער לודוויק.
2) דער פּאָליציאַנט שטורמאַן גמליאל (טויער־וואַך).
3) דער פּאָליציאַנט לוסקי חיים.
4) דער דינסטלייטער אַוּערבוך אייזיק (פון דער „קייליס"־פּאָליציי).
5) די סעקרעטאַרין פון דער קרימינאַל־פּאָליציי — שאַפּירא מיראַ.
6) די אָנגעשטעלטע אין פּאָליציי־אַמט — גאַניאַנסקאַ מיראַ.
7) דער אָבערפּאָליציאַנט פון 1 פּאָליציי־רעוויר — אַנאַליק ישראל.
8) דער פּאָליציסט פון ערשטן פּאָליציי־רעוויר — שטיינקאַלק יצחק.
9) דער אָבערפּאָליציסט פון דער אַרבעטער־פּאָליציי — וואַרשאַווטשיק הירש.
10) דער פּאָליציסט פון צווייטן פּאָליציי־רעוויר — פעסקאָר איליאַ.
11) דער אָבערפּאָליציסט פון דער קרימינאַל־פּאָליציי — דרעזנער רובין.

די אויבנאויסגערעכנטע דאַרפן תיכף אָפּגעבן צום ווירטשאַפטסלייטער ד. וואַקער זייערע פּאָליציייִשע היטלען, פּאָליציי־בענדער, פּאָליציי־אוני־פאָרמען און אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער פּאָליציי.

2. נייע נאָמינאַציעס:

1) דער סערזשאַנט פון טויער־וואַך — וויסקאָווסקי משה, ווערט פון 27סטן יוני נאָמינירט אַלס דינסטלייטער.

2) דער סערזשאַנט פון דער פּאָליציי־וואַך אין „קייליס" — קראַוו־טשינסקי לייזער, ווערט נאָמינירט אַלס דינסטלייטער.

3) דער אָבערפּאָליציסט פון דער פּאָליציי־וואַך אין „קייליס" — סלאָטקאָוויטש לייב, ווערט נאָמינירט אַלס סערזשאַנט.

4) דער סעקרעטאַר פון דער אַרבעטס־פּאָליציי — ראַזענטאַל מאַקסים, ווערט נאָמינירט אַלס דינסט־לייטער.
5) דער אָבערפּאָליציסט רוסעוויטש מאַקס, ווערט נאָמינירט אַלס סעקרעטאַר.

3. באַזעצונגען:

1) דער סעקרעטאַר פון דער אַרבעט־פּאָליציי — שמולעוויטש מאיר, ווערט פון 28סטן יוני באַשטימט אין דער טויער־וואַך.
2) דער סעקרעטאַר פון אַרעסט־הויז — פלעשל חיים, ווערט פון 28סטן יוני באַשטימט אין טויער־וואַך.
3) דער פּאָליציסט פון דער קרימינאַל־פּאָליציי — סאקער זלמן, ווערט פון 28סטן יוני איבערגעטראָגן אין ערשטן רעוויר.
4) דער אַרבעטער־פּאָליציסט פון דער אַרבעטער־פּאָליציי — מינק דוד, ווערט פון 28סטן יוני איבערגעטראָגן אין צווייטן פּאָליציי־באַצירק.
5) דער סעקרעטאַר פון דער אויפטראַגס־שטעלע — רוסעוויטש מאַקס, ווערט פון 28סטן יוני איבערגעטראָגן אין דער אַרבעטער־פּאָליציי.

אונטערגעשריבן: פּאָליציי־שעף דעסלער.

# קולטור־לעבן אין געטאָ

ווי נאָר מ'איז אַריין אין געטאָ און מ'האָט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן דאָס אינערלעכע לעבן, האָבן די קולטור־פּראָבלעמען פאַרנומען אַ זייער אָנגעזעען אָרט.

לכתחילה האָבן זיך אַלע קולטור־אינסטיטוציעס פון געטאָ קאָנצענטרירט אין איין אָרט — אויף סטראַשונאַ 6, אין בנין פון דער געוועזענער ביבליאָטעק „מפיצי השכלה". דאָרט איז געווען די ביבליאָטעק, אַ גרויסער לייען־זאַל, דער אַרכיוו, דער מוזעום. מיט דער צייט זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן שולן, טעאַטערן: דראַמע און רעוויו, קאָנצערטן און אַ סימפאָנישער אָרקעסטער, כאָרן — יידישער און העברעישער, פאַרשיידענע אויסשטעלונגען א. א. וו. עס זיינען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן קאָנקורסן אויף אַלע געביטן פון קינסטלערישן לעבן. די אַלע אינסטיטוציעס האָבן זיך געפונען אין „מפיצי השכלה" און האָבן אין דער ערשטער צייט געהייסן: „אַלע אַמטן וואָס געפינען זיך אויף סטראַשונאַ 6".

### ביבליאָטעק

די וויכטיקסטע מאַסן־אינסטיטוציע פאַר דער יידישער קולטור־אַרבעט אין געטאָ איז געווען די ביבליאָטעק. דאָס הויז אויף סטראַשונאַ 6 (קאַמניצקער גאַס), וווּ ס'איז געווען אַמאָל די פּורים־יאַטקע, האָט געהערט פריער צו דער „צדקה

געטאָ־טעאַטער — זונטיק ד. 28טן אַפּריל ד.י.

ייוואָ

# פּ ר אָ ג ר אַ ם

1. עסטראַדע־אָרקעסטער

א/ קעטעלבי — אויפן פּערסישן מאַרק

ב/ בראַמס — אַ טאַנץ

ג/ פוזי — פלאָרענטינער מאַרש

ד/ פּאָטפּורי פון רוסישע פאָלקס־לידער

2.

ב. גרודזש — די באָבע איז אַ מאַנגעט
פירן אויס א. ליפּאַווסקאַ און ס. גורעוויטש

ל. ליעסין — דער אַרביקער ייד
ליענט ש. בליאַכער

ל. ראָזנטאַל — מאַנגעט
זינגט דאָראַ רובינאַ

ב. גרודזש — אַזוי האָט געשען אַ נס
פירט אויס ב. גרודזש

שלום־עליכם — 200.000 /סצענאַזש/
פירט אויס י. ראָזנבערג

פינאַל [illegible] — עפּשטיין

קאָנפערענסיע: לעאָן הערבסט

פּראָגראַם פון שפּיל־ און וואָרט־קאָנצערט אין געטאָ

גדולה" און שפּעטער צו דער יידישער קהילה. דער ערשטער יידישער קאָמיטעט, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן ביי די דייטשן, האָט זיך דאָרט באַזעצט אין אַ דירה. אין שכנות איז געווען די ריזיקע ביבליאָטעק פון דער „מפיצי השכלה", מיט אַ 45 טויזנט ביכער, פון וועלכע די דייטשן האָבן שוין אין ערשטן פּעריאָד

צוגענומען דעם גרעסטן טייל. אין געטאָ איז די ביבליאָטעק געוואָרן דער צענטער פון יידישן וועלטלעכן קולטור־לעבן.

דער ביבליאָטעקאַר פון „מפיצי השכלה" — פייוויש קראַסני, איז דורך די דייטשן צוגענומען געוואָרן פון ביבליאָטעק־בנין צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון יידישן קאָמיטעט גלייך פאַרן אַריינגיין אין געטאָ.

זיין אָרט האָט פאַרנומען מאַגיסטער כאַלאַש. ווען מען האָט אים צוגענומען, האָט דעם פּאָסטן פאַרנומען י. בלאָך.

אַזוי איז געווען ביזן מאָמענט פון אַריינגיין אין געטאָ.

אין געטאָ איז דער אָנפירער פון דער ביבליאָטעק געוואָרן ה. קרוק פון וואַרשע.

מיר באַזיצן דעם סוף פון ערשטן באַריכט, וואָס קרוק האָט געשריבן פאַרן יודנראַט, פאַר סעפּטעמבער חודש 1941, דאָס הייסט פאַר די ערשטע צוויי וואָכן טעטיקייט. דאָרט ווערט געזאָגט:

„אַלע געלטער, וואָס זיינען איינגעפלאָסן פאַר דער צייט, זיינען איבער־געשיקט געוואָרן אין קאַסע פון יודנראַט. בכלל האָט דער סעקרעטאַריאַט באַדינט אַלע אַמטן, וואָס געפינען זיך אויף סטראַשונאַ 6. ביים אָנהויב פון חודש אָקטאָבער ווערן טעטיק: דער לייען־זאַל, די סטאַטיסטישע ביוראָ, דער ביכער־האַנדל און די איינבינדעריי. ווייטערדיקע באַריכטן וועלן קומען חודשלעך.

פאַרן סעקרעטאַריאַט: ה. קרוק

ווילנע, דעם 10טן אָקטאָבער 1941."

דעם פולן באַריכט באַזיצן מיר פון קרוקן פאַר אָקטאָבער חודש 1941, וואָס גיט אונדז אַן אַלזייטיק און גאַנץ בילד וועגן דער קולטור־טעטיקייט אין געטאָ אין די ערשטע שווערסטע וואָכן פון איר עקזיסטענץ.

### באריכט פארן חודש אָקטאָבער 1941 פון אלע אמטן וואָס געפינען זיך אין לאָקאל פון סטראשונא 6

1) ביבליאָטעק

די ביבליאָטעק איז געווען טעטיק במשך פון חודש — 24 טעג. די באַוועגונג פון די לייענער איז געווען אַזאַ:

א. אַבאָנענטן. אויפן 1טן אָקטאָבער 1941 געווען 1492 אַבאָנענטן. אויפן 31סטן אָקטאָבער 1739. אין לויף פון חודש האָבן זיך פאַרשריבן 358 אַבאָנענטן. דורכשניטלעך — 15 לייענער טעגלעך. סך־הכל איז אין חודש צוגעקומען 247 אַבאָנענטן.

ב. אַרויסגעגעבענע ביכער. פאַרן גאַנצן חודש איז אַרויסגעגעבן געוואָרן 7806 ביכער. דורכשניטלעך 325 טעגלעך. פון דעם אין שפּראַכן:

| פויליש | יידיש | העברעאיש | ליטוויש | רוסיש | פראַנצויזיש | ענגליש | סך־הכל |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 6.277 | 1.306 | 61 | 67 | 87 | 5 | 3 | 7.806 |
| 80.41% | 16.72 | 0.78 | 0.86 | 1.12 | 0.07 | 0.04 | 100% |

99% פון די אַרויסגעגעבענע ביכער איז בעלעטריסטיק. פון דעם קינדער־ליטעראַטור (אין אַלע שפּראַכן צוזאַמען) — 26.2%.

אינערלעכע אַרבעט. א. פאַרן חודש איז אינווענטאַריזירט געוואָרן פאַר דער ביבליאָטעק 1314 ביכער. פון דעם אין יידיש — 819, רוסיש — 25, ליטוויש — 30, פראַנצויזיש — 125, ענגליש — 148, דייטש — 134, פויליש — 33.

ב. פאַרן לייען־זאַל זיינען אינווענטאַריזירט געוואָרן 1352 ביכער. סך הכל איז אינווענטאַריזירט געוואָרן 2.666 ביכער.

ג. די איינבינדעריי, וועלכע אַרבעט זייט דעם 25סטן אָקטאָבער, האָט געבונדן און איבערגעבונדן 31 ביכער.

ד. צוליב די געשעענישן אין געטאָ איז דער לאָקאַל 2 מאָל איבערגעריסן געוואָרן און ביידע מאָל זיינען מיר געווען געצוווּנגען אַדורכפירן אַ גרויסע אַרבעט פון צוריקברענגען אין אָרדענונג די פּאָליצעס. ביכער, אַבאָנענטן־קאַרטן א. א. וו.

פינאַנסן

א. אין קאַסע פון ביבליאָטעק איז איינגעפלאָסן: פון אַפּצאָל, אין סעפּטעמבער — 2.113 רובל, אָקטאָבער — 1317 רובל; צוזאַמען — 3.430 רובל. פון קויציע: אין סעפּטעמבער — 6.407 רובל, אין אָקטאָבער — 1.865; צוזאַמען — 8.272. אַלגעמיינער סך־הכל — 11.702 רובל.

ב) די ביבליאָטעק האָט אויסגעגעבן אויף צוריקצאָלן קויציעס פאַר סעפּטעמבער און אָקטאָבער — 565 רובל, פאַרשיידענע הוצאות — 188.43; ס"ה — 753.43. אין קאַסע פון יודנראַט איז איינגעפלאָסן — 10.998.57 ר. אין יודנראַט זיינען פאַראַן קויציעס: איינגעפלאָסענע פאַר סעפּטעמבער און אָקטאָבער 8.272 ר. צוריקגעצאָלטע 565. אין קאַסע פון יודנראַט — 7.707.

לייען־זאַל. דער לייען־זאַל איז שוין פולשטענדיק פאַרטיק אויף אַרויסצוגעבן ביכער. די דערעפענונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן צוליבן פאַרנאַכלעסיקן פון אַפּריי־ניקן די צווייטע העלפט פון לאָקאַל. אין לייען־זאַל איז שוין אינסטאַלירט 76 מעטער פּאָליצעס, אין וועלכע עס איז שוין אַריינגעשטעלט ביי 3000 ביכער, אויסער אַ ריי ענציקלאָפּעדיעס און לעקסיקאָנען.

2. אַדרעסן־ביוראָ

די ביוראָ איז געווען טעטיק 24 טעג אָן מיטאָג־איבעררייס. ביזן 30סטן סעפּטעמבער האָט די ביוראָ געהאַט אַ קאַרטאָטעקע פון 10.072 אַדרעסן. דעם 31טן אָקטאָבער איז די קאַרטאָטעקע דערגאַנגען צום ציפער 18.047 און 4000, סך־הכל — 22.047 אַדרעסן.

איצט, צוליב די געשעענישן אין געטאָ ווערט די קאַרטאָטעקע פולשטענדיק איבערגעאַרבעט. די ביוראָ האָט דערליידיקט פאַרן חודש 648 אינטערעסאַנטן. זי האָט אויך געפירט שריפטלעכע קאָרעספּאָנדענץ מיט זוכער פון אַדרעסן, טונאַנדער־געשיקט בריוו מיט אָנפראַגן און געגעבן ענטפערס צו אָנפרעגערס.

ביזן 14טן אָקטאָבער איז די אַדרעסן־ביוראָ געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט עדר אַדרעסן־ביוראָ פון געטאָ 2. עס ווערן סיסטעמאַטיש אַרויסגעהאַנגען ליסטעס און מעלדונגען מיט פערזאָנען, וועלכע ווערן געזוכט דורך נאָענטע און פריינט. די ביוראָ ווערט זייער אָפט אויסגענוצט מצד די דייטשישע און ליטווישע מלוכה־אינסטיטוציעס.

### 3. סעקרעטאַריאַט

פאַרן חודש האָט דער סעקרעטאַריאַט דערהאַלטן 23 בריוו און אַרויסגעשיקט 96. אין שייכות מיט די געשעענישן אין געטאָ איז דער סעקרעטאַריאַט צוויי מאָל צעשטערט געוואָרן. עס איז געווען אַ רייַ גרעסערע שאָדנס. אַלע אַריינגעפּלאַסטע געלטער במשך דעם חודש זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון יודנראַט.

דער סטאַטיסטישער אַמט האָט שוין אָנגעהויבן זאַמלען מאַטעריאַלן אין ווילנע, דעם 13טן נאָוועמבער 1941."

## אינפאָרמאַציע־באַריכט פון אַלע אמטן, וואָס געפינען זיך אין לאָקאַל פון סטראַשונא 6

### 1. ביבליאָטעק

ביים אויסברוך פון קריג אין יאָר 1939 האָט די ביבליאָטעק „מפיצי השכלה" געציילט ביי 45.000 ביכער אין יידיש, פויליש, העברעיש, רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש, ענגליש און ליטוויש.

דער דעמאָלטיקער ביכער־אוצר האָט זיך געטיילט אויף פאָלגנדיקן אופן: יידיש — 10.000, העברעיש — 5.500, פויליש — 10.000, רוסיש — 18.000, ליטוויש — 500, ענגליש — 500, פראַנצויזיש — 500, סך־הכל — 45.000 ביכער.

חוץ דעם איז ביי דער ביבליאָטעק פאַראַן אַן אַרכיוו פון דאפּל־עקז. און סתם ביכער, וואָס ציילן — 20.000 עקזעמפּלאַרן.

די ביבליאָטעק האָט אויך געהאַט אַ סכום צוגעקליבענע ביכער פאַר אַ לייען־זאַל, וועלכער באַטרעפט טויזנט בענד. צווישן זיי זייער פיל ווערטפולע ווערק און אַ גרויסע צאָל ליטואַניקאַ.

פאַר דער צייט פון 23טן יוני (1941) ביזן שאַפן פון דעם געטאָ, האָט די גרונט־ביבליאָטעק פאַרלאָרן ביז 20% ביכער, דערין: א. ס'איז צוגענומען געוואָרן ביז 1500 בענדער (די ענגלישע, פראַנצויזישע און דייטשישע אָפּטיילונג); ב. ביי די לייענער איז פאַרבליבן אַן ערך 4000; ג. פאַר דער צייט פון 7טן יוני (?), ווען די ביבליאָטעק־טירן זיינען געוואָרן אויפגעבראָכן, איז נעלם געוואָרן אַן ערך 2000 ביכער. ד. פאַר די ערשטע צוויי טעג פון געטאָ איז צעשלעפּט געוואָרן 500, סך־הכל — 9000 ביכער.

ביים איבערנעמען די ביבליאָטעק דעם 8טן סעפּטעמבער ה. י. איז איר צושטאַנד געווען — פולשטענדיקער כאַאָס, די קאַטאַלאָגן זיינען געוואָרן ניט אַקטועל, ס'איז אויך פאַרשוווּנדן געוואָרן די לאַטייניש שרייב־מאַשין.

די ערשטע אַרבעטן זיינען געווען:

ברענגען די ביכער אין אָרדענונג: א. איינשטעלן זיי אויף די פּאָליצעס; ב. אַדורכזען די ביכער, וואָס זיינען צעשעדיקט געוואָרן; ג. אַדורכפירן אַ סעלעקציע ביים צוקלייב פון ביכער.

ביז היינט זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן צוויי פּראָוויזאָרישע קאַטאַלאָגן פון בעלעטריסטיק: אין יידיש, רוסיש, ליטוויש.

א. כדי אויסצופילן דעם בלויז פון ביבליאָטעק־פאָרמעג איז צוגעטיילט געוואָרן צום אינווענטאַריזירן און קאַטאַלאָגירן עטלעכע טויזנט ביכער פון אַרכיוו־מאַטעריאַל.

פאַר די ערשטע צוויי וואָכן פון אונדזער באַנייטער טעטיקייט, ד. ה. פון 15טן ביזן 30טן סעפּטעמבער, האָבן זיך אין ביבליאָטעק פאַרשריבן 1485 לייענער, איינצאָלנדיק צו 5 רובל קויציע און 1.50 רובל חודש־אָפּצאָל. טעגלעך ווערט איצט פאַרטיילט אין דורכשניט 400 ביכער, דאָס רוב לייענער זיינען קינדער. געלייענט ווערט הויפּטזעכלעך — פּויליש (אַן ערך 75%).

ב. פאַרן חודש אָקטאָבער ווערט שוין איינגעשטעלט אַ גענויע סטאַטיסטיק פון בוך און לייענער. אין דער ביבליאָטעק־טעכניק זיינען איינגעפירט געוואָרן צוויי אינאָוואַציעס: פאַרשנעלערטער סיסטעם פון אַרויסגעבן ביכער, און צענטראַליזירטער סיסטעם פון אינווענטאַריזירן ביכער. אומאָפּהענגיק פון עפּראַך, אָפּטייל און פאָרמאַט.

ג. פאַר דער באַריכט־צייט האָט די ביבליאָטעק זיך פאַרנומען מיט צונויפזאַמלען ביכער, בילדער, סקולפּטור־שאַפונגען א. א. וו. די ביכער האָבן מיר געזאַמלט און זאַמלען אויך ווייטער אין די פאַרלאָזענע הייזער אָדער אין די וווינונגען, וואָס זיינען באַזעצט געוואָרן דורך די איינוווינער פון געטאָ. ביזן 30טן סעפּטעמבער איז אויסגעפונען געוואָרן אַ גרויסע צאָל ביכער און רעליגיעזע ספרים. די ספרים שטאַמען פון פאַרשיידענע קלויזן. עס זיינען געפונען געוואָרן צוויי גרויסע ביכער־לאַגערס פון די אויסגאַבן: ראָזענקראַנץ און שריפטזעצער אויף לידסקע 7. פון דעם געפינען זיך שוין אין אונדזער רשות אַ ריי קונסט־ווערק, וואָס ווערן געהעריק אויפגעהיטן.

2. אַ ד ר ע ס ן ־ ב י ו ר אָ

ביזן 30טן סעפּטעמבער געפינט זיך די ביוראָ אין סטאַדיום פון אָרגאַניזירן זיך. זי האָט אין איר באַזיץ ביזן 30טן סעפּטעמבער: א. פון אייגענער רעגיסטראַציע — 3.300 אַדרעסן; ב. פון פּאָליצייאישער רעגיסטראַציע — 6.772 אַדרעסן; סך־הכל — 10.072 אַדרעסן. פאַר דער באַריכט־צייט פון 16טן ביזן 30טן סעפּטעמבער האָט די ביוראָ אויפגענומען 533 אינטערעסאַנטן און ס׳איז געענטפערט געוואָרן אין אַן ערך 200 פאַלן אויף פאַרשיידענע אָנפראַגן.

די ביוראָ איז אויך געשטאַנען אין אַ שריפטלעכער פאַרבינדונג מיט דער אַדרעסן־ביוראָ פון געטאָ נומער 2. אין אַדרעסן־ביוראָ איז אַרויסגעהאָנגען אַ ריי ליסטעס מיט נעמען, וועלכע מען זוכט, און אַ פאַר צענדליק גרוסן פון מענער צו זייערע פרויען.״

פון דער זעלבער צייט פאַרמאָגן מיר אַ צווייטע נאָטיץ, וואַרשיינלעך אויך געשריבן דורך קרוקן:

„דעם 1טן אָקטאָבער 1941 — יום־כיפור, צוגענומען ביי 3000 יידן. און אויף

מאָרגן טוישט מען שוין 390 ביכער. דעם 3טן און 4טן אָקטאָבער מאַסן־מענטשן צוגענומען פון געטאָ 2, די געשפּאַנטקייט אין געטאָ 1 — ניט צו באַשרייבן, אָבער דעם 5טן אָקטאָבער טוישט מען 421 ביכער. דעם 24סטן אָקטאָבער די אַקציע פון די געלע שיינען און דעם 26סטן אָקטאָבער[1] קומט מען צוריק פון געטאָ נומער 2 און שוין דעם 29סטן אָקטאָבער טוישט מען 381 ביכער. מען לייענט קריגס־ליטעראַטור, ספּעציעל טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום", געשיכטע פון יידן — „קדוש השם", זאַנגווילס „טרוימער פון געטאָ".

שפּעטער, ווען אין געטאָ איז געוואָרן אַ ביסל רואיקער, נאָך די גרויסע טשיסטקעס, האָט אינזש. פריד אַרויסגעגעבן פאָלגנדיקע פאַראָרדענונג:

„פאַראָרדענונג וועגן אָפּהיטן די קולטור־אוצרות אין געטאָ

דערמיט פאָדערן מיר אויף די גאַנצע באַפעלקערונג פון געטאָ מיטצוהעלפן אָפּהיטן די פאַרבליבענע קולטור־אוצרות פון אונדזער געטאָ. אין געטאָ געפינען זיך מאַסן ביכער, ספרים א. א. וו. וואָס וואַלגערן זיך אַרום אין די הודבות פון די וווינונגען. אין געטאָ זיינען פאַראַן פיל מוזעאַלע ווערטן, ווי קונסט־ווערק, בילדער, סקולפּטורן, שריפטן, ריטועלע חפצים א. א. וו. ווער עס ווייסט וועגן דעם אַלעם, דאַרף תיכף איבערגעבן אין סעקרעטאַריאַט פון ביבליאָטעק — סטראַשונאַ 6, פון 8 ביז 12 און 3—6 נאָכמיטאָג.

פאַרן יודנראַט — אינזש. א. פריד

27סטן נאָוועמבער 1941."

מיטן סוף פון 1941 האָבן זיך פאַרענדיקט אַלע טשיסטקעס. דאָס גיט די מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן די אַרבעט און צו אַקטיוויזירן די טעטיקייט פון די קולטור־אינסטיטוציעס. מיר האָבן אַ בריוו פון יודנראַט, וועלכער באַפרידיקט אייניקע ביטעס פון קרוקן, אָבער וואַרפט אָפּ דעם געדאַנק וועגן עפענען אַ מוזיי.

„ווילנער יודנראַט. אַלגעמיינע אָפּטיילונג. נומער 507.

30סטן אַפּריל 1942.

צום פאַרוואַלטער פון דער ביבליאָטעק ה' ה. קרוק.

דערמיט בין איך אייך מודיע, אַז אויף דער זיצונג פון יודנראַט פון 28סטן ד. ח. איז באַשלאָסן געוואָרן: 1) אָנצונעמען אייער פאָרשלאָג וועגן אָפּצאָל פאַרן באַנוצן דעם לייען־זאַל ביי דער ביבליאָטעק. (0.03 ר. מ. פאַר אַן איינמאָליקן באַזוך און 0.20 ר. מ. פאַר אַן אַבאָנאַמענט אויף 10 טעג). ב. אָבאָנירן פאַרן לייען־זאַל די צייטונגען: „גאָניעץ צאַדזיענני", ווילנאַער צייטונג", די היגע ליטווישע צייטונגען „דאָס רייך" און „צייטונג פאַר אָסטלאַנד".

ג) די פראַגע פון דערעפענען אַ מוזיי ביי דער ביבליאָטעק באַטראַכטן פאַר ניט אַקטועל.

פריד — פאַרזיצער פון יודנראַט."

---

1. דאָ דאַרף פאַרריכט ווערן אַ טעות — ניט דעם 26סטן אָקטאָבער איז מען צוריקגעקומען פון געטאָ 2, נאָר דעם 5טן נאָוועמבער. פון שבת דעם 25סטן אָקטאָבער ביז זונטיק, דעם 2טן נאָוועמבער, איז אין געטאָ געווען „רואיק". דעם 24סטן אָקטאָבער איז טאַקע געווען די ערשטע אַקציע פון געלע שיינען.

אין דער זעלבער צייט ווענדט זיך די ביבליאָטעק צו דער געטאָ־באַפעלקע־רונג מיט פאָלגנדיקע לאָזונגען:

„דיין איינציקע טרייסט אין געטאָ איז דאָס בוך".

„דאָס בוך מאַכט דיך פאַרגעסן אין דער טרויעריקער ווירקלעכקייט".

„דאָס בוך פאַרטראָגט דיך אין וועלטן ווייטע פון געטאָ".

„דאָס בוך קען זיין אַ מיטל צו זעטיקן דיך אין צייט פון הונגער".

„דאָס בוך איז דיר פאַרבליבן געטריי, זיי אויך געטריי דעם בוך".

די געטאָ־באַפעלקערונג האָט טאַקע אין אַ גרויסער מאָס זיך באַנוצט מיט דער ביבליאָטעק.

צום 1טן יולי ציילט די ביבליאָטעק 2.598 אַבאָנענטן אַקטיווע. דעם לייען־זאַל באַזוכן: פרויען 382, מענער 2635, קינדער 1922; צוזאַמען 4939. ס'איז געליִענט געוואָרן בעלעטריסטיק — 2231, וויסנשאַפט — 2039, פעריאָדיק — 5186, סך־הכל — 9.456 ביכער.

דער ביכער־באַשטאַנד פון דער געטאָ־ביבליאָטעק האָט זיך צום 1טן סעפּ־טעמבער 1942 פאַרגעשטעלט — לויט אַ פאַרגלייך־טאַבעלע פון ביכער־באַשטאַנד אויפן 1טן יוני 1941 — לויט שפּראַכן, אַזוי:

| ציַיט | יידיש | העברעיש | פּויליש | רוסיש | אַנד. שפּראַכן | סך־הכל |
|---|---|---|---|---|---|---|
| יוני | 10.000 | 5.500 | 10.000 | 18.000 | 2.000 | 45.500 |
| סעפּטעמבער 1942 | 10.000 | 5.000 | 7.000 | 16.000 | 1.000 | 39.000 |
| יוני 1941 | | 33.3 | | | | |
| סעפּטעמבער 1942 | | 38.3 | | | | |

## ביכער־צענזור אין געטאָ

דעם 5טן אויגוסט 1942 פאַראָרדנט דער געטאָ־פאָרשטייער י. גענס, אַז ביזן 10טן אויגוסט זאָל מען אָפּגעבן אַלע פּוילישע צענזורירטע און ניט־צענזורירטע ביכער. אַ ביסל שפּעטער ווענדן זיך אַ סך מענטשן מיט בקשות, מען זאָל זיי איבערלאָזן זייער פאַך־ליטעראַטור. וועגן דעם ענין האָבן מיר פאָלגנדיקן בריוו פון קרוקן צו גענסן:

„ביבליאָטעק און לייען־זאַל אין ווילנער געטאָ.

קאָרעספּאָנדענץ נומער 658

צום פּאָליציי־קאָמענדאַנט.

אין שייכות מיט די ווענדונגען פון פּריוואַטע פּערזאָנען וועגן איבערלאָזן ביי זיי וויסנשאַפטלעכע און פאַך־ליטעראַטור, לייג איך פאָר פאָלגנדיקן סדר פון דערלעדיקן די בקשות:

1. אַלע בקשות ווערן געווענדט צו אייך. ווען איר באַשטעטיקט זיי, ווערן די בקשות איבערגעשיקט אין ביבליאָטעק, דאָ ווערן די ביכער איבערגעקוקט און געשטעמפּלט.

2. איך לייג פאַר צו דעם צווע פאָלגנדיקן שטעמפל:

„געטאָ פאַרוואַלטונג — ביבליאָטעק. איבערגעקוקט. דערלויבט פאַר דער ביבליאָטעק".

ה. קרוק

28סטן מערץ 1943."

**צו דער יערלעכער עקזיסטענץ פון דער געטאָ־ביבליאָטעק, האָבן מיר אַן אָפּשאַצונג פון ה. קרוק, אין וועלכער עס ווערט געזאָגט:**

„צום יאָר פון דער עקזיסטענץ פון דער געטאָ־ביבליאָטעק קומען מיר מיט אונדזער זאַמלונג, וועלכע וואַקסט אויס ווי אַ היסטאָרישער דאָקומענט פון אַ גרויסער און עווערער צייט. אונדזער זאַמלונג איז ניט נאָר אַ יאָר־באַריכט, די זאַמלונג שטעלט מיט זיך נאָך אַ ציל — וואַרפן אַ ביבליאָ־פּסיכאָלאָגישן שיין אויפן געטאָ־לייענער:

אויפן פאָן פון גאַנצן אַרום, פון די געשעענישן און איבערלעבענישן וואַקסט דאָ אויס אַ לייענער פון אַ ספּעציעלן מין. דאָס אינטערעסירט אונדז אַממערסטן — קולטור־אַרבעט פאַרלאַנגט רו, אונדזער באַריכט־צייט איז געווען ליידער ווייט פון רו.

פונדעסטוועגן וואַרטן מיר ניט אויף היסטאָרישער פּערספּעקטיוו און פּרוּוון, אויף דער הייסער מינוט, אַנאַליזירן, סקיצירן געוויסע באַמערקונגען, אייניקע אייגנאַרטיקייטן און מאַכן געוויסע אויספירונגען.

אונדזער אויפגאַבע איז אויסגעפירט מיט פּרימיטיווע מיטלען, ליידער נאָר אַזעלכע, וועלכע מיר האָבן צו אונדזער דיספּאָזיציע. אויב אונדזער ציל איז כאָטש אין אַ געוויסער מאָס דערגרייכט געוואָרן, איז עס נאָר אַ דאַנק דער שווערער און אומדערמידלעכער הילף פון אַלע ביבליאָטעק־מיטאַרבעטער.

ווילנע־געטאָ, אָקטאָבער 1942."

**פון די ווייטערדיקע דאָקומענטן האָבן מיר אַ קורצן באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער ביבליאָטעק פאַר פעברואַר 1943.**

סטאַטיסטיק פון אַרויסגעגעבענע ביכער:

| | 22.11.42 | 1.12.42 | 3.1.43 | 20.6.43 |
|---|---|---|---|---|
| פויליש — בעלעטריסטיק | 298 | 203 | 266 | 353 |
| פויליש — קינדער | 35 | 36 | — | — |
| פויליש — וויסנשאַפט | 17 | 8 | 19 | 20 |
| יידיש — בעלעטריסטיק | 94 | 75 | 69 | 118 |
| יידיש — קינדער | 47 | 45 | | |
| יידיש — וויסנשאַפט | 8 | 15 | 2 | 8 |
| העברעיש | 10 | 2 | 1 | 5 |
| העברעיש — וויסנשאַפט | — | — | — | 2 |
| רוסיש | 55 | 38 | 69 | 100 |
| אַנדערע | 10 | 4 | 12 | 13 |
| סך־הכל | 574 | 426 | 438 | 592 |

אַ חוץ דעם זיינען נאָך 208 ביכער אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר קינדער.

באריכט

פאַר דער צייט פון אָקטאָבער 1942 ביז אויגוסט 1943 (איינשליסלעך) לייען־זאַל — פרעקווענץ:

פרויען — 3403 — 7.93%, מענער — 19.340 — 45.06%, קינדער — 20.183 — 47.01%; ס"ה: 42.926 — 100%.

צאָל אַרויסגעגעבענע ביכער, בעלעטריסטיק — 22.327 — 30.3%; וויסנשאַפטלעכע — 16.487 — 22.58%; פעריאָדיק — 34.432 — 47.2%. סך־הכל: 73.246.

## פייערונג פון אַרויסגעבן דעם הונדערט־טויזנטסטן בוך

דעם 13טן דעצעמבער 1942 האָט די ביבליאָטעק געפייערט אַן אָריגינעלן יום־טוב: עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צום לייענען דער הונדערט־טויזנטסטער בוך. הונדערט טויזנט ביכער האָט די געטאָ־באַפעלקערונג דורכגעלייענט פאַר דער צייט פון 6טן סעפּטעמבער 1941 ביזן 13טן דעצעמבער 1942. עס איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכער פרימאָרגן אין גרויסן זאַל פון געטאָ־טעאַטער.

מיט דער צייט זיינען אין געטאָ געגרינדעט געוואָרן נאָך אייניקע קלענערע ביבליאָטעקן, אַ חוץ דער צענטראַלער פון „מפיצי השכלה", אין אינטערנאַט און וואַרשטאַטן פון קינדער־היים „ילדים" סטראַשונאַ 4 (137 ביכער). טעכנישע קורסן פון דער טעכנישער אָפּטיילונג (א. שרייבער) — 262 ביכער. קינדער־און יוגנט־קלוב אין אַרבעט־צימער אויפן נאָמען פון י. גערשטיין — 1321 ביכער. שול נומער 3, דייטשישע גאַס 21, ביי דער קולטור־אָפּטיילונג — 156 ביכער. אין „קייליס" 1 און 2 — 1171 ביכער.

א. זשעליעזניקאָוו — פאָרזיצער פון קינדער־ און יוגנט־קלוב; י. סטאַ־ליצקי — סעקרעטאַר.

ביכער האָבן זיך אויך געפונען אין געטאָ־טעאַטער, אין טורמע, ווי אויך אין די פּראָווינציאָנעלע לאַגערן.

## מיינע אַבאָנענטן

זייענדיק אין קליינעם געטאָ האָב איך זיך פאַרשריבן אַלס אַבאָנענט אין דער ביבליאָטעק פון גרויסן געטאָ: דעם 10טן אָקטאָבער 1941 אויף מיין נאָמען, נומער 1494, און אויף מיין זונס נאָמען, נומער 1493. שפּעטער, ווען מיר זיינען געווען אין גרויסן געטאָ, האָט זיך די פרוי אויך פאַרשריבן (נומער 2794). אַזוי

אַרום האָבן מיר שטענדיק געהאַט אין אונדזער רשות אַ פּאָר ביכער צום לייענען.

„מיטאַרבעטער פון דער ביבליאָטעק א. א.

ביבליאָטעק און לייען־זאַל אין ווילנער געטאָ, סטראַשון גאַס 6
צו דער אַלגעמיינער אָפּט. פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג. קאָר. נומער 377.

רשימה פון די מיטאַרבעטער פון: ביבליאָטעק,
לייען־זאַל, סטאַטיסטישן אַמט, אַרכיוו, ביכער־קראַם

ס״ה 18 און אַ האַלב עטאַטן

קרוק הערמאַן — לייטער פון אַלע אָפּטיילונגען אויף סטראַשון־גאַס 6.

אַלגעמיינער סעקרעטאַריאַט — קאַלמאַנאָוויטש זעליג, מיטאַרבעטער — קרייזבערג רחל, שריפטפירערין און מיטאַרבעטערין פון סטאַטיסטישן אַמט.

ווירטשאַפט — לעשאַנסקי טוביה, קאַסירער און ווירט, — קרעמער שמעון, רוימער — בירקענהיים, מאַריע — רוימערקע (האַלבע עטאַטן).

ביבליאָטעק: אַבראַמאָוויטש משה — הויפּט־ביבליאָטעקאַר, שרייבער דינה — ביבליאָטעקאַרין, שאַפּירא לייב — ביבליאָטעקאַר, בראַנצאָווסקי רחל — ביבליאָטעקאַרין, גלעזער קלאַרע — געהילפס־ביבליאָטעקאַרין (האַלבער עטאַט).

איינבינדערײַ — גענקינד יצחק.

לייען־זאַל: טאַראַקינסקאַ העלענע — פאַרוואַלטערין, ליפשיץ העלענע — ביבליאָטעקאַרין, לונסקי חייקל — ביבליאָטעקאַר, גראָסמאַן ישראל — געהילפס־ביבליאָטעקאַר (האַלבער עטאַט).

דער לייען־זאַל אַרבעט 11 שעה טעגלעך און 7 טעג אין וואָך.

סטאַטיסטישער אַמט: העלער משה — רעפערענט, קרוגליק חנה — מיטאַרבעטערין.

אַרכיוו: אַלפּערן רבקה — אַרכיוויסטין.

ביכער־קראַם: מאַזיע נחמן — פאַרקויפער (אַרבעט 9 שעה טעגלעך).
1 בײַלאַגע פּאַר — לייטער קרוק ה.

ווילנע־געטאָ, 31סטן אויגוסט 1942.

## שיינען פאַר די מיטאַרבעטער פון דער ביבליאָטעק

ווען ס׳איז געוואָרן אַקטועל דאָס פּראָבלעם פון ראָזע שוץ־שיינען, האָט די אַלגעמיינע אָפּטיילונג אַרויסגעפאָדערט אַ רשימה פון די מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן דאַן ניט געהאַט קיין שיינען.

אָט איז דער בריוו וועגן דעם:

„נומער 165, ווילנער יודנראַט. אַלגעמיינע אָפּטיילונג נומער 255.
ווילנע, 17טן דעצעמבער 1941.

## צירקולאַר נומער 9

צו אַלע פֿאַרוואַלטערס פֿון די אָפּטיילונגען פֿון יודנראַט.

עס ווערט געבעטן אין משך פֿון 3 טעג צוצושטעלן אין קאַנצעלאַריע פֿון דער אַלגעמיינער אָפּטיילונג אַ גענויע רשימה פֿון די מיטאַרבעטער פֿון אייער אָפּטיילונג, וועלכע באַזיצן ראָזע פֿאַמיליען־מיטגליד־שיינען. די יעניקע מיטאַרבעטער, וועלכע וועלן ביים צונויפֿשטעלן די רשימה נאָך ניט האָבן באַקומען די ראָזע שיינען, דאַרפֿן זיך מעלדן אין דער אַלגעמיינער אָפּטיילונג אויף מאָרגן נאָכן באַקומען די דאָזיקע שיינען, כדי צו דערגאַנצן די רשימה. די רשימות דאַרפֿן צונויפֿגעשטעלט ווערן לויטן בייגעלייגטן מוסטער.

פֿאָרזיצער פֿון יודנראַט — פֿריד
לייטער פֿון דער אַלג. אָפּטיילונג — א. דיידשנור.״

WILNAUER JUDENRAT ....... Abteilung

**Liste der Mitarbeiter die „Familienmitglied-Ausweise" besitzen**

N. Zuname & Vorname, Amtpflicht, N. des Familien-Mitglied Ausweis, N. des Facharbeiter Ausweis.

Bemerkungen. Wilnauer Judenrat Bibliothek, Lesesaal, Adressenbüro, Statistisches Büro, Strasunastrasse 6.

**Liste der Mitarbeiter die „Familienmitglied-Ausweise" besitzen**

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1. | Tarakinski Helena, Referentin fur das Adressen-Büro | 3697 | 3389 |
| 2. | Schreiber Dina, Bibliothekarin | 667 | 3261 |
| 3. | Leschtschinski Hersch Lewek, Hauptkassierer und Wirtschaftsleiter | 1645 | 444 |
| 4. | Mittelpunkt Icek, Buchbinder | 2903 | 3659 |
| 5. | Weinstein Hana, Bibliothekars Gehilfin | 3550 | 1534 |
| 6. | Kremer Cheikel, Mitarbeiter in Lesesaal | 7103 | 673 |
| 7. | Kreisberg Rachela, Sekretarin | 5006 | 397 |
| 8. | Zeifer Zofia, Auswarterin des Lokals | 8463 | |

S. H. KRUK

קרוק הערמאַן און קאַלמאַנאָוויטש זעליג האָבן שיינען פֿון זאָנדער־קאָמאַנדאָ איינזאַץ־שטאַב ר.ר. (רייכסלייטער ראָזענבערג). [1]

---

1. דאָס איז געווען אַ ספּעציעלע דייטשישע „דינסטשטעלע", וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט צונויפֿזאַמלען די קולטורעלע ווערטן (בילדער, זעלטענע ביכער א.א.וו.) אין דער אָקופּירטער אייראָפּע און איבערפֿירן זיי אין רייך.

„רשימה פון די מיטאַרבעטער. קאָרעספּאָנדענץ נומער 592.

שכירות־ליסטע פון די מיטאַרבעטער פון ביבליאָטעק, לייען־זאַל, אַרכיוו, מוזיי, ביכער־קראָם און סטאַטיסטישער אַמט

**פאַר דער צייט פון 16טן ביזן 31טן יאַנואַר 1943**

| ל.נ. | נאָמען און פאַמיליע | קאַטע־גאָריע | חודש־שכירות | אויס־געצאָלט | עלטער | אונטער־שריפט |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1. | קרוק הערמאַן | 3 | 65 | 32.5 | 45 יאָר | |
| 2. | טאַראַקינסקי העלענע | 4 | 60 | 30.0 | 29 „ | |
| 3. | אַבראַמאָוויטש משה | 4 | 60 | 30.0 | 37 „ | |
| 4. | קאַלמאַנאָוויטש זעליג | 4 | 60 | 30.0 | 61 „ | |
| 5. | מאַזיע נחמן | 4 | 60 | 30.0 | 49 „ | |
| 6. | ליפשיץ העלענע | 5 | 55 | 27.5 | 46 „ | |
| 7. | שרייבער דינה | 5 | 55 | 27.5 | 32 „ | |
| 8. | בראַנזאַפט רחל | 5 | 55 | 27.5 | 24 „ | |
| 9. | אַראַנאָוויטש משה | 5 | 55 | 27.5 | | |
| 10. | קרוגליק חנה | 5 | 55 | 27.5 | 23 „ | |
| 11. | לונסקי חייקל | 5 | 55 | 27.5 | 57 „ | |
| 12. | אַלפּערן רבקה | 5 | 55 | 27.5 | 36 „ | |
| 13. | גענקינד יצחק | 5 | 55 | 27.5 | 22 „ | |
| 14. | העלער גבריאל | 5 | 55 | 27.5 | 48 „ | |
| 15. | לערער משה | 5 | 55 | 27.5 | | |
| 16. | קרייזבערג רחל | 5 | 55 | 27.5 | 21 „ | |
| 17. | מאַרגאַליס רחל (האַלב) | 5 | 55 | 13.75 | | |
| 18. | גלעזער קלאַרע (האַלב) | 5 | 55 | 13.75 | 42 „ | |
| 19. | זעליגמאַן ישראל (האַלב) | 5 | 55 | 13.75 | | |
| 20. | קרעמער שמעון | 6 | 45 | 22.5 | 61 „ | |
| 21. | בירקענהיים מאַריע (האַלב) | 6 | 45 | 11.25 | | |

ס"ה 530 ר.מ.

(פינף הונדערט דרייסיק רייכסמאַרק)

שעף פון געטאָ־אַדמיניסטראַציע — אינזש. א. פריד

ג. יאַשונסקי — לייטער פון דער קולטור־אָפּטיילונג

ה. קרוק — פאַרוואַלטער

ווילנע, געטאָ, 29טער יאַנואַר."

## ביכער־לאַגער

אין געטאָ איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גאַנץ היפּשער פאַרקויפס־ביכער־לאַגער. אויפן לאַגער זיינען געווען ביכער אין יידיש, העברעיִש און אַנדערע שפּראַכן,

ווי אויך ספרים. מיר האָבן אַ באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון ביכער־לאַגער פאַרן חודש סעפּטעמבער 1942.

דער באַריכט איז געשריבן מיטן האַנט פון נ. מאַזיע מיט טינט.

„באַריכט פון ביכער־קראָם פון ווילנער געטאָ

פאַר דער צייט פון 1טן ביזן 30סטן סעפּטעמבער 1942

| פאַרקויף | יידישע | העברעישע | רעליגיעזע | אַנדערע | מאַפּעס | סך־הכל | באַמערקונג |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1. קראָם | 23 | 2 | 60 | — | 3 | 88 | |
| 2. מאַזיע | 37 | 39 | 38 | 4 | — | 118 | |
| 3. פּיינשטיין | 110 | 4 | 1 | — | — | 115 | |

באַמערקונג: עס זיינען אויך פאַרקויפט געוואָרן 351 פּענער (שמחת תורה), 14 שנה־טובה־קאַרטן, 3 קילאָ העפטן, 3 בויגן, 8 קוואַרטעטן.

פון דעם איינגעפלאָסן:

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1. קראָם | 174.30 | | 174.30 |
| 2. מאַזיע | 543.60 | 40% | 217.44 |
| 3. פּיינשטיין | 96.20 | 40% | 38.48 |
| | 814.10 | | 430.22 ר.מ. |

נ. מאַזיע ה. קרוק

ווילנער געטאָ, 30סטן סעפּטעמבער 1942.״

## צימער פאַר וויסנשאַפטלעכער אַרבעט

ביי דער ביבליאָטעק איז געווען אַ צימער פאַר וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. מיט דער אָפּטיילונג האָט אָנגעפירט ז. קאַלמאַנאָוויטש.

מיר האָבן אין דייטש זיינע באַריכטן:

### באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון איבערזעצונג־צימער

(צימער נ. 14 און נ. 7)

פאָלגנדיקע יידן זיינען באַשעפטיקט — פון 28טן ביזן 31סטן דעצעמבער 1942:

קאַלמאַנאָוויטש — איבערזעצונגען פון דער היגער ליטווישער פּרעסע

יאַנאַטאַן — איבערזעצונגען פון יידיש

גאָרדאָן — איבערזעצונגען פון יידישע צייטונגען

גאָרדאָן ב. — מאַשין־שרייבן — 40 זייטן

יפה — צוליב קראַנקהייט אויף אורלויב

באַריכטס־אָפּגעבער ז. קאַלמאַנאָוויטש

ווילנע, 31סטן דעצעמבער 1942.

„באַריכט וועגן דער אַרבעט פון 21סטן ביזן 24סטן דעצעמבער 1942

**צימער נומער 8**

אַנסקי־אַרכיוו — 35 מאַפּעס
יוגנט־פאָרשונגס־אַרכיוו — 6 מאַפּעס
ייוואָ־אַרכיוו — 44 מ.
מאַנוסקריפּטן־אַרכיוו — 4 מ.
נאַטן־ביבליאָטעק — 20 מ.

במשך פון דער וואָך זיינען אויסטאָרטירט געוואָרן פון די קעלערס פאַרשיידענע מאַטעריאַלן.״

**אַ ווייטערדיקער באַריכט וועגן דער אַרבעט פון 28סטן ביז 31סטן דעצעמבער 1942.**

„צימער 8 אַנסקי־אַרכיוו — 35 מאַפּעס, אַרטיסטן־פאַראיין־אַרכיוו — 59 מ., הערמאַן־אַרכיוו — 7, „ייוואָ״־אַרכיוו 18, ביבליאָטעק — 20, פּעדאַגאָגישער אַרכיוו — 33 מאַפּעס.

במשך פון דער וואָך זיינען אויסטאָרטירט געוואָרן אין די קעלערן פאַרשיידענע מאַטעריאַלן.

„באַריכט וועגן דער אַרבעט פון 4טן ביזן 9טן יאַנואַר 1943

**צימער נ. 8**

אַרטיסטן־פאַראיין — 56 מאַפּעס, יוגנט־פאָרשונג — 16, „יסא״־אַרכיוו — 10, „ייוואָ״־אַרכיוו — 6, מאַנוסקריפּטן — 5, פּעדאַגאָגישער אַרכיוו — 39, נאַטן־ביבליאָטעק — 85 קאַרטן־נומערן.

במשך פון דער וואָך זיינען אויסטאָרטירט געוואָרן אין די קעלערן פאַרשיידענע מאַטעריאַלן. אַ טייל מאַטעריאַלן זיינען אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין צימער 9.

„באַריכט וועגן דער טעטיקייט פאַר דער צייט פון 14 ביז 19 דעצעמבער

אַנסקי־אַרכיוו — 34, אַרטיסטן־פאַראיין — 83, יוגנט־פאָרשונג — 5, „ייוואָ״־אַרכיוו — 36, מאַנוסקריפּטן־אַרכיוו — 15, נאַטן־ביבליאָטעק — 40.״

## דער גורל פון הערמאַן קרוק

נאָך דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ בין איך 11 חדשים געווען מיט קרוקן צוזאַמען אין לאַגער קלאָאָגאַ און איין חודש אין לאַגער לאַגעדי אין עסטלאַנד.

קרוק האָט געהאַט אַ לייכטע אַרבעט אין די לאַגערן. אַ געוויסע צייט האָט ער געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן. אויך דאָ האָט ער ווייטער געפירט זיין טאָג־ביכער. אין אויגוסט 1944 האָט מען אונדז, אַ גרופּע מענער און פרויען, אַרויס־געשיקט פון לאַגער קלאָאָגאַ אין אַ צווייטן לאַגער לאַגעדי. דאָרט האָט ער



זעק מיט היסטאָרישע מאַטעריאַלן פון „ייווא״, צונויפגעקליבענע צווישן די חורבות אין ווילנע

געאַרבעט אויפן לאַגער־הויף. דעם ערשטן טאָג ראש־השנה פון 1944 האָט מען אין לאַגער לאַגעדי צעשאָסן און פאַרברענט ביי 425 פערזאָן, צווישן זיי אויך קרוקן.

אַ פּאָר טעג פאַרן אומקום האָט ער מיט אַ פּאָר פערזאָנען באַגראָבן זיינע טאָג־ביכער. נאָך דער באַפרייאונג זיינען צוויי פערזאָנען פון לאַגער קלאָאַגאַ געפאָרן קיין לאַגעדי און פון דאָרט אַרויסגענומען די טאָג־ביכער. אין קלאאגא האָבן זיי מיר דאָס געוויזן. ווו זיי זענען איצט — ווייס איך ניט. קרוקס טאָגבוך, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ניו־יאָרק דורך „ייווא״, אַנטהאַלט בלויז דעם טייל, וואָס איז פאַרנאָטירט געוואָרן אין ווילנער געטאָ.

# דאָס לעבן אין געטאָ אין ערשטן האַלבן יאָר 1942

אין דער צייט איז אין געטאָ געווען פאַרהעלטנישמעסיק רואיק[1]. טויזנטער יידן פלעגן, ווי די קנעכט, גיין יעדן טאָג צו דער אַרבעט אין שטאָט ביי די דייטשן, ליטווינער און פאַרשיידענע אינסטיטוציעס. די איבעריקע האָבן געהאַט באַשעפטיקונג אין געטאָ גופא, אין דער געטאָ־פאַרוואַלטונג, און אונטער פאַרשיידענע אויסריידן געהאַנדלט און געאַרבעט פריוואַט. עס האָבן זיך אַנטוויקלט די געטאָ־אינסטיטוציעס, און יעדער איינער האָט געהאַט זיין באַשעפטיקונג. דעם גרויסן מאָראַלישן כוח האָט דאָס געטאָ געשעפּט פון שטאַרקן און אומדערשיטערטן ווילן צו לעבן און איבערצולעבן דעם שונא. אַ גרויסע מאָראַלישע שטיצע זיינען געווען די נייעסן, וועלכע די אַרבעטער פלעגן ברענגען פון שטאָט. אין געטאָ איז אויך געווען אַ קראָם, ווו מ׳פלעגט קויפן ציטונגען אין עטלעכע שפּראַכן: דייטש, פּויליש, ליטוויש. נאַטירלעך זיינען די ציטונגען געווען פול מיט יידן־האַס. קיין גוטע פּאָליטישע נייעס האָט מען אין זיי ניט געפונען. אָבער מען האָט זיך אויסגעלערנט צו לייענען צווישן די שורות. די ציטונגען פלעגט פאַרקויפן דער פּאָליציי־סערזשאַנט פלעשל מיט זיין פרוי.

אין דער צייט איז ביי יעדן צייטיק געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון וואָס צו לעבן. די צוגעטיילטע 12 דעקאָ ברויט אַ טאָג און די גראַמען אַנדערע פּראָדוקטן האָבן ניט געקאָנט גענוגן. מ׳האָט געמוזט האָבן אַ קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט. מען האָט געמוזט פאַרקויפן זאַכן, אויב מ׳האָט זיי געהאַט, אָפּנעמען זאַכן ביי די ניט־יידישע פריינט, ביי וועמען מ׳האָט זיי איבערגעלאָזט. די יעניקע, וועלכע האָבן גאָרניט געהאַט צו פאַרקויפן, האָבן געמוזט זיך איינשאַפן נייע הכנסה־קוואַלן. די הויפּט־קוועלע איז געוואָרן ביי זייער פיל דאָס גנבענען וואָס מ׳האָט נאָר געקענט פון די דייטשן, ווו מען האָט געאַרבעט. נאַטירלעך איז דאָס געווען פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַר, אָבער נויט ברעכט אייזן און די דייטשן האָבן דאָס ניט געקענט איינהיטן.

מיט נייע סכנות און לעבנסגעפאַר איז געווען פאַרבונדן דאָס אַריינטראָגן די געגנבעטע זאַכן אין געטאָ. דאָרט פלעגן אַלע קויפן, אָבער דער הויפּט־אָפּנעמער איז געווען דער יודנראַט אַליין, וואָס פלעגט אַלץ קויפן און צאָלן מאַרק־פּרייזן.

1. צום ערשטן מאָל, נאָכן פאַרנעמען די שטאָט דורך די דייטשן, איז באָמבאַרדירט געוואָרן דער געטאָ־ראַיאָן דעם 23סטן מערץ 1942. קיין קרבנות זיינען ניט געווען. דאָס האָט אַרויסגערופן פרייד און נייע האָפענונגען.

די יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין געטאָ, זיינען דעריבער געווען אין אַן ערגערער עקאָנאָמישער לאַגע. אין געטאָ האָט מען ניט געקענט גנבענען. מ׳האָט געקענט בלויז קאָמבינירן. אָבער די מעגלעכקייטן דערצו האָט געהאַט נאָר די געטאָ־אַריסטאָקראַטיע. דערפאַר טאַקע האָט געגס איינגעפירט ספּעציעלע „פּאַיקי״ פאַר די געטאָ־אַרבעטער. ווען מ׳וואָלט געגעבן אַלעמען צו ביסלעך, וואָלט עס געווען אין אָרדענונג. אָבער געגעבן האָט מען בלויז אויסדערוויילטע, און דערפאַר טאַקע איז אויסגעבראָכן דער סקאַנדאַל וועגן וואָס איך האָב פריער געשריבן. אַמבעסטן איז געווען, אין אַ געוויסן זין, די גוטע בעלי־מלאכות. זיי האָבן געקענט צופאַרדינען אַרנטלעך, ווייל ווי ביטער ס׳איז ניט געווען, האָט מען דאָך געמוזט אָנקומען צו אַ שניידער, שוסטער א. א. וו.

מיט איין וואָרט, די געטאָ־באַפעלקערונג האָט זיך צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען און מ׳האָט זיך מער־ווייניקער אַן עצה געגעבן.

אגב, זיינען אין געטאָ דאָך געווען אַ ביסל פאַרמעגלעכע יידן, וואָס האָבן באַוויזן אַ טייל פון זייער פאַרמעגן צו באַהאַלטן און איצט האָבן זיי פון דעם געלעבט.

די לעבנס־באַדינגונגען האָבן זיך סטאַביליזירט, די מענטשן האָבן זיך צוזאַ־מענגעלעבט ווי גוטע משפחות. און אין די אָוונטן איז יעדע דירה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קלוב, ווו מ׳פלעגט דיסקוטירן וועגן אַלץ און אַלעמען. אין פיל ערטער פלעגן זיך פירן הייסע פּאָליטישע דיסקוסיעס.

דאָס לעבן האָט זיך טאַקע סטאַביליזירט ביי „עמך״, אָבער ניט אין די העכערע פענצטער פון דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע. דאָרט איז אָנגעגאַנגען אַ שטי־לער, אָבער פאַרביסענער קאַמף פאַר דער מאַכט — מ׳האָט זיך מיט איר ניט געקענט איינטיילן.

*

ווי אַ באָמבע האָט אין זומער 1942 אויפגעריסן אין געטאָ די ידיעה, אַז דער יודנראַט מיט פרידן זיינען באַזייטיקט געוואָרן און אויף זייער אָרט איז באַשטימט געוואָרן געגס אַלס „געטאָ־פאַרשטייער און שעף פון דער פּאָליציי״. אָט די נייע באַשטימונג פון געביטס־קאָמיסאַר און געשטאַפּאָ איז פאַרשיידנ־אַרטיק קאָמענטירט געוואָרן דורך דער געטאָ־באַפעלקערונג. דעם אמת געזאָגט, האָט מען זיי אַלעמען געהאַסט און פאַר זיי מורא געהאַט. און די ענדערונגען וואָלטן זייער ווייניק אָנגעגאַנגען, ווען מען וואָלט אַליין ניט געווען אין פּעקל... פריד — געגס, אַלץ איין שוואַרץ יאָר...ביידע טוען, וואָס די דייטשן פאַרלאַנגען (און פון דער צווייטער זייט וואָס פאַר אַ ברירה איז געווען), הייגט איז וואָס פאַר

אונדז דער אונטערשייד. די הויפּט־שאלה איז אָבער געווען: צי וועט דאָס זיין פאַרן געטאָ בעסער, צי חלילה ערגער?

**טשיסטקע פון אַלטע לייט**

פּלוצלינג איז דאָס געטאָ אין איין שיינעם פרימאָרגן אויפגעציטערט געוואָרן פון אַ פּאַסירונג, וואָס איז זיך אין אַ פיינער, הערלעכער זומער־נאַכט פאַרלאָפן אין געטאָ.

אין דער נאַכט פון 27טן יולי 1942 האָט די געטאָ־פּאָליציי איבערגעגעבן דער „געשטאַפּאָ" קרוב צו 100 זקנים. ווי מ'האָט געזאָגט, זיינען זיי אַרויסגעפירט געוואָרן אין דער געביידע פון „טאָז" (אָזע), וואָס האָט זיך געפונען אין פּאָספּעשקי, אַ פּרעכטיק דאָטשע־אָרט. דאָרט איז געווען די זומער־קאָלאָניע פאַר קינדער פון „טאָז" אויפן נאָמען פון ד"ר צמח שאבאד. במשך פון עטלעכע טעג האָט די יידישע פּאָליציי יעדן טאָג געפירט אַהין ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן און געזאָגט, אַז די אַלטע לייט זיינען אויף דאַטשע. אין אייניקע טעג שפּעטער, ווען זיי האָבן אַהין אָוועקגעפירט פּראָדוקטן, האָבן זיי געפונען אַ ליידיקן בנין. די אַלטע לייט זיינען דורך ליטווינער אַרויסגעפירט געוואָרן אין אַן אַנדערער „דאַטשע" — אויף פּאָנאַר...

טרויער און צער האָבן פונדאָסניי איינגעהילט דאָס ווילנער פאַרפּינצטערטע געטאָ. אַלע זיינען פאַרציטערט געוואָרן. אַ האַלב יאָר איז דורך רואיק, אָן טשיסטקעס און דאָ אַזאַ ניי אומגליק. צי איז דאָס אַן אָנזאָג, אַז נייע טשיסטקעס הויבן זיך אָן? און וואָס פאַראַ שייכות האָט דאָס מיט דער איבערקערעניש אין דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע? באַצאָלט דערמיט גענס פאַר זיין נאָמינאַציע? אָדער דאָס איז בלויז אַ צופאַל?

אַ געוויסע צייט שפּעטער האָב איך זיך צופעליק געטראָפן אויף אַ ברית מיט גענסן. גענס איז געקומען שפּעט, נאָכן ברית. אָבער ביים טיש זיינען נאָך געזעסן אייניקע פּערזאָן. דער בעל־שמחה האָט גענסן מכבד געווען מיט שנאַפּס און צוביס. איך האָב ביי זיך גלייך באַשלאָסן אויסצונוצן די געלעגנהייט אויף צו פאַריכטן מיין מערכה און בכלל — אַרויסצובאַקומען עטוואָס נייעס. ווו און ווען וועל איך האָבן נאָך אַזאַ געלעגנהייט צו זיצן מיט אים ביי אַזאַ געמיט־לעכער שטימונג? איך האָב זייער פאַרזיכטיק אַרויסגעצויגן דעם שמועס אויף דער לאַגע אין געטאָ און דאָ האָט גענס אַ זאָג געטאָן: „די טשיסטקע פון די אַלטע לייט האָט מיט מיר גאָרניט צו טאָן. דאָס האָבן די דייטשן אָפּגענומען אָן אַלטן חוב, וואָס זיי איז געקומען פון יודנראַט... זיי האָבן געוואָלט עטלעכע הונדערט מענטשן און מיט גרויס מאַטערניש האָב איך אָפּגעדונגען אויף הונדערט

און דאָס אַלטע לייט, נאָכן אויסטרינקען מיט זיי אַ סך בראָנפן פון וואָס איך וועל סוף־כל־סוף קראַנק ווערן". און דאַן ווייטער: „די טשיסטקע, וואָס איז געקומען אין אָנהויב פון מיין קאַדענץ, איז בלויז אַ צופאַל. דאָס אַלץ דאַרף פאַרשריבן ווערן אויפן חשבון פון יודנראַט". עטוואָס שפּעטער האָט געגס אַ זאָג געטאָן: „מיין ציל, מיין אויפגאַבע איז צו ראַטעווען דאָס געטאָ!" האָב איך זיך אָנגערופן: „יאָ, דאָס געטאָ וועט איר אפשר ראַטעווען, אָבער אָן יידן..."

אַרויסזאָגנדיק די ווערטער האָב איך גלייך פאַרביסן די ליפּן און זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר מיינע ווערטער: גאָט ווייסט וואָס איך וועל באַלד באַקומען, אָבער געגס האָט גאָרניט געענטפערט און נאָך אַ ווײַלע איז ער אַוועק.

יאָ, געגס האָט בלי ספק געוואָלט ראַטעווען דאָס געטאָ, איך בין טיף איבער־צייגט, אַז אָנהויבנדיק זיין געטאָ־קאַריערע האָט ער געהאַט די בעסטע כוונות צו העלפן ראַטעווען, וואָס עס לאָזט זיך. אפילו ווען ער האָט געהאָלפן בעמען יידן צום טויט האָט ער אויך געהאַלטן, אַז ער ראַטעוועט די איבעריקע.

ער איז געווען טיף איבערצייגט, — אַזוי האַלט איך, — אַז ער וועט זיין דער משה, וואָס וועט די יידן אַרויספירן פון געטאָ. זאָלן זיין קרבנות, אַבי דאָס געטאָ זאָל געראַטעוועט ווערן... און ראַטעווען דאָס געטאָ האָט מען לויט זיין טעאָריע געקענט דורך אַרבעטן פאַר די דייטשן, דורך אָפּשלעפּן און געווינען ציים. איך קען רואיק זאָגן, אַז אַזאַ איז געווען דער געדאַנקען־גאַנג פון זייער פיל יידן אין געטאָ. נאָכגעבן די דייטשן אַלץ, וואָס זיי ווילן; טאָן, וואָס זיי פאַרלאַנגען; געבן קרבנות, נאָר ניט אַלעמען, אַבי ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך... און קודם כל זען צו ראַטעווען זיך...

דערמיט דערקלערט זיך דאָס, וואָס איך די ערשטע עטלעכע חדשים איז געווען אַן אידעאַלע צוזאַמענאַרבעט פון יודנראַט מיט „געשטאַפּאָ". אין דעם פּעריאָד האָט געגס געמיינט, אַז די שמוציקסטע אַרבעט איז שוין אָפּגעטאָן געוואָרן דורכן יודנראַט, איצט וועט זיין רואיק, און די יידן וואָס זיינען געבליבן, וועלן שוין איבערלעבן — קען ער שוין ווערן דער „באָס" און רעטער פון יידן. דעריבער האָט ער ביי „זיינע" דייטשן אויסגעפועלט צו ווערן דער אַליינהערשער איבערן געטאָ.

נאָך דער טשיסטקע פון די אַלטע לייט איז אין געטאָ געווען רואיק און שטיל. דאָס לעבן איז זיך געגאַנגען מיט זיין „גאַרמאַלן" וועג...

אין געטאָ האָט זיך אַקטיוויזירט דאָס אינערלעכע לעבן: געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, שולן פאַר קינדער, קאָנצערטן, רעוויעס, טעאַטער, פאַרווייליגגס־אווגטן א. א. וו.

## פּאָליטישע שפּאַנונג אין געטאָ

אין די טעג פון ווינטער 1943־42 האָבן מיר געלעבט אין גרעסטער שפּאַנונג. די נייעסן פון פראָנט, די קאַמפן אין רוסלאַנד, ספּעציעל די קאַמפן אַרום סטאַלינגראַד האָבן אונדז צוגעגעבן כוחות און מוט. אַלע נייעסן פלעגן געבראַכט ווערן אין געטאָ דורך די אַרבעטער פון שטאָט. עס זיינען אָבער געווען מענטשן וואָס פלעגן זיך ספּעציעל אָפּגעבן מיטן זוכן און אויסגעפינען נייעסן און פלאַטקעס. די דאָזיקע „ספּעצן" פלעגן זיך יעדן פאַרנאַכט טרעפן אויף דער „נייעס־בירזשע". די בירזשע האָט זיך געפונען נעבן דאָבראָוואָלסקיס הויף אויף דער הקדש־גאַס. דער הויפּט־„ספּעץ" אויף נייעס איז געווען ד"ר יאשפּאַן. ער, דער אַלטער יידישער דאָקטאָר, איז געווען פּאָליציי־דאָקטאָר און האָט געוווּסט אַ סך נייעס. ער פלעגט אָפּט אַרויסגיין אין שטאָט און פון דאָרטן ברענגען ראַדיאָ־נייעס. ד"ר יאשפּאַן, אַ הויכער מאַן, פלעגט זיך אויסטיילן אין זיין רעדל. יעדער פלעגט שלינגען זיינע ווערטער, ווי אַמאָל חסידים ביים רבין. יעדע ידיעה האָט ער איבערדערציילט צענדליקער מאָל, און אַוודאי ווען עס זיינען געווען גוטע ידיעות. פון דער בירזשע פלעגן די ידיעות פונאַנדערגעטראָגן ווערן איבער די הייזער און עס פלעגן זיך אָנהייבן דיסקוסיעס און אַמפּערנישן — מאָסקווע וועט מען נעמען — ניט נעמען, סטאַלינגראַד וועט אויסהאַלטן — ניט אויסהאַלטן, לענינגראַד וועט פאַלן — ניט פאַלן. אַט אַזוי זיינען אָנגעגאַנגען דיסקוסיעס ביזן שלאָפן־גיין.

אין אונדזער דירה האָבן מיר געהאַט אַ שכן, אברהם כץ. ער האָט געאַרבעט אויף דער באַן און יעדן טאָג איז ער געקומען מיט אַ מתנה פון טעלעכע פאַר־פרוירענע עפּל... דאָס האָט געהייסן, אַז... היינט זיינען דורך ווילנע דורכגעפאָרן אַזויפיל און אַזויפיל וואַגאָנעס מיט פאַרפרוירענע און צעהרגעטע דייטשן פון רוסישן פראָנט. ער האָט געזאָגט, אַז נעבן די וואַגאָנעס האָט ער ניט געקענט איינשטיין, אַזוי שוידערלעך האָבן זיי געשטינקען. ממש לעבעדיקע צעפוילטע גופים... אָבער אונדז האָבן אָט די ידיעות געשמעקט בעסער ווי די בעסטע פראַנצויזישע פּערפומען. „די שוועסטער און באַדינער — פלעגט ער דערציילן — טרייבן אונדז אַוועק. זיי לאָזן ניט אַ קוק טאָן אויף די לעבעדיקע פגרים. נאָר מיר דאַרפן ניט זען, מיר שפּירן זיי. הלוואי אויף היינגסטן געזאָגט געוואָרן"...

„אָנגעגאָסענע פלעשער ווייך"... פלעגן די פרויען זאָגן און מ'האָט זיך געריבן די הענט פאַר פרייד. (אַמאָליקע יאָרן, ווען אָרעמע ווייבער האָבן אויף די גאַסן פאַרקויפט פאַרפוילטע עפּל, פלעגן זיי שרייען „אָנגעגאָסענע פלעשער ווייך"...).

ווען ס'איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז די דייטשישע אַרמיי האָט היגטער

סטאַלינגראַד קאַפּיטולירט, איז אונדזער פרייד געווען אין לשער. די דריי טרויער־טעג, וואָס די דייטשן האָבן דערקלערט, זיינען ביי אונדז געווען טעג פון האַרציקער פרייד, ממש ששון ושמחה. מ׳האָט זיך אָפּגעגעבן „מזל טוב״ און געווונטשן, וואָס מער אַזעלכע נייעס צו הערן. פיל אָפּטימיסטן האָבן געזאָגט, אַז פאַרן געטאָ איז דאָס אַ גליק. פאַרוואָס? פּשוט, אַז זיי האָבן געבערענטע צרות און מיט זיך צו טאָן, וועלן זיי פאַרגעסן אין אונדז. אַנדערע שטערנזעער זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער אין זייער אָפּטימיזם, זאָגנדיק, אַז די דייטשן וועלן איצט איינזען דעם גרויסן פעלער, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען דורכן אויסהרגענען אַזויפיל יונגע מענטשן, וועלכע וואָלטן זיי איצטער גוט צונוץ געקומען.

אַזוי איז אַנגעגאַנגען דאָס לעבן אין געטאָ ביז מערץ 1943. אין דעם חודש האָבן זיך גענומען ווייזן אומרואיקע סימנים. די אומרואיקייט איז געקומען פון דער פּראָווינץ. עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען טרויעריקע ידיעות וועגן ליק־ווידאַציעס פון די לעצטע פּראָווינץ־יידן.

## די גרויסע שחיטה, דעם 5טן אַפּריל 1943

אין חודש מערץ האָבן אין געטאָ אָנגעהויבן אָנקומען גרופּן און איינצלנע יידן פון דער פּראָווינץ. דאָס זיינען געווען עכטע פּראָווינציעלער יידן — פעסטע, געזונטע, פון זון פאַרברענטע, מיט האַרטע אַרבעט־הענט, הויפּטזעכלעך יונגע, וועלכע האָבן געברויזט מיט לעבן, מוט און כוח. סוף מערץ האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז קאָוונער יידן אין ווילנער געטאָ, קענען פאָרן צוריק קיין קאָוונע. אין די טעג איז פאַרגעקומען אַ בריגאַדירן־פאַרזאַמלונג אין בנין פון געטאָ־טעאַטער, אויף וועלכער גענס האָט דערקלערט, אַז דער געביטס־קאָמיסאַר פון אַרום ווילנע האָט פאַראָרדנט, אַז אין די נאָענטסטע טעג דאַרף די ווילנער פּראָווינץ ווערן יידן־ריין. פון דאַנען נעמט זיך, וואָס לעצטנס קומען אָן פּראָ־ווינציעלע יידן קיין ווילנע. זיי דאַרפן זיך באַזעצן טיילווייז אין ווילנער געטאָ און טיילווייז אין קאָוונער געטאָ. גענס האָט דערביי געמאָלדן, אַז די קאָוונער געטאָ־פאַרוואַלטונג גרייט צו וואוינונגען פאַר די יידן. כדי צו באַרואיקן די יידן און די אַקציע זאָל דורכגיין „נאָרמאַל״, איז גענס באַפולמעכטיקט געוואָרן די אַקציע דורכצופירן אַליין מיט זיין פּאָליציי. דעריבער פאָרט ער אַרויס מיט איין בריגאַדע פּאָליציאַנטן אין איין אָרט און זיין פאַרטרעטער סאַליע דעסלער מיט אַ צווייטער בריגאַדע אין אַ צווייטן פּלאַץ. זיי וועלן צונויפנעמען אַלע יידן מיט זייערע זאַכן און זיי אָפּפירן אין ספּעציעלע צוויי צעגער אין קאָוונער געטאָ. גענס האָט דערקלערט, אַז קאָוונער יידן, וועלכע געפינען זיך אין ווילנער

געטאָ קענען זיך באַנוצן מיט דער געלעגנהייט און פאָרן אַהיים. צוויי צעגער וועלן דורכפאָרן ווילנע דעם 5טן אַפּריל. אויף אַלע אַרויסגעזאָגטע ספיקות איז געקומען אַ קאַטעגאָרישער ענטפער: „איך, דעסלער מיט אונדזער ווילנער פּאָליציי וועלן די גאַנצע אַקציע דורכפירן".

פיל קאָוונער יידן פון ווילנער געטאָ, ווי אויך די נײַ־אָנגעקומענע, האָבן זיך מאַסנווייז פאַרשריבן צו פאָרן מיטן צוג דעם 5טן אַפּריל. די נײַ־אָנגעקומענע האָבן זיך רעגיסטרירט ביי אונגדז אין קאַראַנטין.

גענס מיט דעסלערן זיינען אַרויסגעפאָרן מיט צוויי בריגאַדעס פּאָליציאַנטן אין די אַרומיקע שטעטלעך, ווי: שוויענציאַן, סוויר, מיכאַלישעק, אשמענע און אַנדערע. צונויפגעזאַמלט דאָרט ביי 5500 יידן, זיי אַריינגעזעצט אין צוויי צעגער און אַוועק מיט זיי קיין ווילנע. פון דאַנען האָבן זיי געזאָלט פאָרן קיין קאָוונע.

דער ערשטער איז קיין ווילנע געקומען גענס אין דער נאַכט פון 4טן אויפן 5טן אַפּריל. אויפן באַנהויף האָט אים איבערגענומען דער געשטאַפּאָוויעץ ווייס און אים מיט זיינע פּאָליציאַנטן אָוועקגעפירט אין שטאָטישן „געשטאַפּאָ"־בנין. דאָרט איז געווען געגרייט אַ טיש מיט שנאַפּס און עסנוואַרג פון כל טוב. ווען גענס האָט גענומען פרעגן, פאַרוואָס מ'האָט אים צוגענומען פון באַן, האָט אים ווייס קורץ און קלאָר געענטפערט, אַז זיין ראָל איז געענדיקט, און זיי אַליין וועלן די טראַנספּאָרטן ווייטער פירן... קיין פּאָנאַר.

די גאַנצע נאַכט איז גענס מיט זיינע פּאָליציאַנטן געווען אין „געשטאַפּאָ" און ערשט פאַרטאָג האָט מען אים אַוועקגעפירט אויפן באַנהויף, ער זאָל מיט דעסלערן און זיינע פּאָליציאַנטן אָפּוואַרטן דעם צווייטן טראַנספּאָרט. גענס האָט גלייך צוגענומען דעסלערן מיט די פּאָליציאַנטן, די קראַנקן־שוועסטערס און עטלעכע פון זיינע מקורבים, וועלכע ער האָט דערזען אין צוג, וואָס האָבן פרייוויליק געזאָלט פאָרן קיין קאָוונע. ער האָט זיי ממש מיט כוח אַוועקגעטריבן. גענס האָט אויך אין לעצטן מאָמענט אָפּגעטשעפּעט פון עשאַלאָן צוויי וואַגאָנען און די מענטשן שנעל פאַרטריבן פון פּלאַטפאָרם. דייטשן מיט ליטווינער האָבן גלייך אַרומגערינגלט די וואַגאָנען, און זיי זענען אַוועק אויף קאָוונע... גענס, דעסלער, די פּאָליציאַנטן זיינען ווידער אַוועקגעפירט געוואָרן אין „געשטאַפּאָ". דאָרט האָט מען זיי אָפּגעהאַלטן ביז בייטאָג. נאָכדעם זיינען זיי געקומען אין געטאָ. פון זייערע פּנימער האָט מען גלייך דערקענט, אַז ס'איז געשען אַ גרויס אומגליק. אַ פינצטערע כמאַרע האָט ווידער פאַרטונקלט אונדזער לעבן. שומר שמיים! — פינף מיט אַ האַלב טויזנט יונגע, קרעפטיקע יידן, ווי די סאָסנע־ביימער, זיינען אַריין אין אַזאַ אומגליק, דורך אַזאַ פּאַסטקע.

אויפן אַנדערן טאָג איז דער געשטאַפּאָוויעץ ווייס געקומען אין געטאָ און גענומען 20 פּאָליציאַנטן אויף זיינעם אַ טראַק. דאָס געטאָ איז פאַרשטיינערט

געוואָרן ניט ווייסנדיק, וואָס דאָס דאַרף באַדייטן. ערשט ווען די יידישע פאַליציאַנטן זיינען צוריקגעקומען, האָט מען זיך דערוווּסט וועגן שוידערלעכן חורבן. ביידע צעגער אָנשטאָט צו פאָרן אויף קאָוונע, זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן אין פאָנאַר. איינציקווייז האָט מען געעפנט די וואַגאָנען און גרופנווייז זיינען די יידן געפירט געוואָרן צו די צוגעגרייטע גריבער, זיי אַלעמען אויסגעשאָסן און אַריינגעוואָרפן אין די גריבער. די עקזעקוציע האָט געדויערט דעם גאַנצן טאָג. דערזעענדיק, וואָס עס טוט זיך, האָבן די יידן אין די פאַרשפאַרטע וואַגאָנעס גענומען רייסן און ברעכן די פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך, פאָדלאָגעס, סופיטן, טירן, און געציילטע האָבן זיך אַרויסגעריסן און גענומען לויפן. אָבער ווייט איז מען ניט פאַרלאָפן. אַלץ איז געווען אַרומגערינגלט מיט ליטווינער, וואָס האָבן מיט זייערע אויטאָמאַטן אָוועקגעלייגט אַלע לויפנדיקע און די וואָס האָבן בלויז דעם קאָפּ אַרויסגעשטעלט פון וואַגאָן. דאָך האָבן יידן געשטעלט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, הויפּטזעכלעך ווען מען האָט געעפנט די וואַגאָנען און געפירט צו די גריבער. אַ באַווייז דערפון איז דער פאַקט, וואָס אויף אַ שטרעקע פון אַ האַלבן קילאָמעטער אַרום דעם שחיטה־פּלאַץ זיינען געלעגן צענדליקער צעשאָסענע קערפּערס. טאַקע צו דעם צוועק האָט די „געשטאַפּאָ" איצט גענומען די יידישע פּאָליציאַנטן, כדי צונויפצונעמען די דאָזיקע קערפּערס און אַריינוואַרפן זיי אין גריבער. געענדיקט די אַרבעט, האָבן די יידישע פּאָליציאַנטן פאַרגאָסן די גריבער מיט קאַלך און... געזאָגט קדיש... קומענדיק אין געטאָ האָבן זיי דאָס בסוד סודות איבערגעגעבן זייערע נאָענטסטע, אָבער דער סוד האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. אין געטאָ איז געוואָרן פינצטערער ווי אין תשעה באב. צום ערשטן מאָל במשך די אַלע יאָרן האָט פּאַסירט, אַז „געשטאַפּאָ" זאָל מיטן גאַנצן ציניזם ווייזן יידן וואָס מען טוט מיט זיי און וואָס אַזוינס איז פאָנאַר. ביז דעם מאָמענט זיינען שוין אין ווילנע אומגעבראַכט געוואָרן ביי 50 טויזנט יידן, אָבער קיינמאָל האָט אַ דייטש ניט געזאָגט דעם אמת, וואָס עס פּאַסירט. פאַרקערט, זיי פלעגן שטענדיק באַרואיקן, אַז „מען אַרבעט". איצט צום ערשטן מאָל האָבן זיי אַראָפּגענומען פון זיך די מאַסקע. זיי האָבן געהאַלטן, אַז ס'איז ניטאָ זיך וואָס צו קרעמפּירן, ניטאָ וואָס אויסצובאַהאַלטן, ווייל אויך די געבליבענע וועלן שוין לאַנג ניט וואַרטן אויף זייער סוף.

אַן אַנדער ענין איז די ראָל וואָס גענס, דעסלער און די יידישע פּאָליציי האָבן דאָ געשפּילט. צי האָט גענס געוווּסט, אַז די טראַנספּאָרטן וועלן גיין אויף פאָנאַר, אָדער מען האָט אים אָפּגענאַרט? דאָס געטאָ האָט אויף דער שאלה געבראָכן זיך דעם מוח.

אין איינציקע טעג אַרום איז אין טעאַטער־בנין פאַרגעקומען אַ בריגאַדירן־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער גענס האָט געזאָגט אָט וואָס:

> „מ'האָט מיר געזאָגט, אַז, היות ווי די ווילנער פּראָווינץ מוז ווערן יידן־ריין, זאָל איך די יידן, וועלכע געפינען זיך נאָך אויף דער פּראָווינץ, אַריבער־פירן אין ווילנער און קאָוונער געטאָס. אין אונדזער געטאָ האָב איך אַריינ־גענומען 2 טויזנט יידן, מער האָט הינגסט, דער געביטס־קאָמיסאַר, ניט דער־לויבט. די איבעריקע 5 טויזנט יידן האָבן געדאַרפט אַריינגענומען ווערן אין קאָוונער געטאָ. דער קאָוונער יודנראַט האָט וועגן דעם געוווּסט און צוגעגרייט דירות. מ'האָט מיר אויך געזאָגט, אַז איך זאָל דורכפירן „אַ קליינע" סעלעקציע פון אַלטע, שוואַכע און קראַנקע. איך און דעסלער האָבן געהאַלטן, אַז ניט קוקנדיק אויף אַלע קרבנות, וועט דאָך זיין בעסער, אַז מיר וועלן די 5.500 יידן דורכפירן, ווי לאָזן עס פאַר די דייטשן, און אַז מיר וועלן די 5.500 יידן אַליין אַריינפירן אין קאָוונער געטאָ. דאָ איז אָבער געשען אַן אומגליק. אין „געשטאַפּאָ" האָט מען מיר געזאָגט, אַז קאָוונע האָט זיך, אין לעצטן מאָמענט, אַנטזאָגט אַריינצונעמען אַזוי פיל יידן. דער געביטס־קאָמיסאַר פון ווילנע האָט אויך ניט געוואָלט מער אַריינלאָזן. זיינען די צוויי צעגער מיט די מענטשן געבליבן אין דער לופטן. ניט ווילנע, ניט קאָוונע — האָט „געשטאַפּאָ" געפונען אַן אויסוועג — פּאָנאַר."

צי די דערקלערונג פון דער „געשטאַפּאָ" איז אמת? ווער ווייסט? איז דאָ טאָקע געשען אַ טראַגישער צופאַל צוליב קאָוונע, אָדער די גאַנצע „פּאַסירונג" איז פון פריער אינסצעניזירט געוואָרן דורך די מערדער? ווער קען זאָגן? אַזוי האָט דעם ענין אויפגעקלערט גענס און דער עולם — אַ צעבראָכענער, אַ פאַרפינצטערטער איז אַוועק צו זיך אין די הייזער.

*

אין אַ פּאָר טעג אַרום זיינען אין געטאָ אַריינגעפאָרן פויערשע פורלעך מיט פאַרבלוטיקטע זאַכן, וואָס די ליטווינער האָבן צונויפגענומען פון די גע־הרגעטע. דאָס זיינען געווען די ערגסטע זאַכן, ווייל די גוטע האָבן געירשנט די ליטווינער און די אַרומיקע פויערים. די קליידער האָט די „געשטאַפּאָ" אַריינ־געשיקט אַלס „מתנה" פאַר די נויטבאַדערפטיקע, נאַקעטע יידן אין געטאָ. צוליב דעם איז אין געטאָ־פאַרוואַלטונג אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט: אַ טייל האָט געהאַלטן, אַז מען טאָר די זאַכן ניט נעמען, אַנדערע זיינען געווען ביי דער מיינונג, אַז מען מוז נעמען, כדי צו ווייזן די דייטשן, ווי טראַגיש עס לעבן די געטאָ־יידן. גענס האָט דערנאָך דערקלערט, אַז די זאַכן האָט מען געמוזט נעמען, ווייל מען טאָר ניט ווייזן די דייטשן, אַז יידן אין געטאָ לעבן אַזוי גוט, אַז זיי קענען רעזיגנירן פון וועש און קליידער. ווען די פורלעך זיינען געפאָרן איבער רודניצקער גאַס אין געטאָ, זיינען יידן געשטאַנען אויף די לאַוועס און ביטער געוויינט אויפן חורבן. עס זיינען אָבער אויך געווען פאַלן, ווען יידן זיינען צוגעלאָפן צו די פורלעך און געכאַפּט לעבלעך ברויט, טעפּלעך פוטער,

שמאַלץ און אַנדערע פּראָדוקטן. פיל האָבן דאָס געטאָן ניט בלויז צוליב די פּראָדוקטן, נאָר כדי אַ זוך צו טאָן, צי זיינען אין די טעפּלעך ניט פאַראַן קיין גאָלדענע מטבעות אָדער ווערטפולע זאַכן.

לאַנגע טעג איז מען אַרומגעגאַנגען פאַרטרויערט און פאַרפינצטערט. אָבער קלאַנגען זיינען אַרומגעגאַנגען, אַז געוויסע פּאָליציאַנטן זיינען פון דער אַקציע געקומען אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד, בריליאַנטן און אַנדערע טייערע חפצים, צוגענומענע אָדער באַקומענע פון די קרבנות ביים דורכפירן די אַקציע.

## די טראַגעדיע וויטענבערג

פרייטיק, דעם 16טן יולי 1943, האָבן מיר, די עטלעכע צענדליק מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אין אונדזער דירה, זיך אויפגעכאַפּט פריער ווי געוויינלעך. ווער ס'האָט אונדז אויפגעוועקט ווייס איך ניט; איך ווייס נאָר, אַז פון אונדזער אָפענעם לעגאַלן טייל פון דער דירה האָבן מיר דערהערט, אַז „אין געטאָ איז ניט רואיק". אין געציילטע מינוטן זיינען מיר אַלע געווען אָנגעטאָן. אַלע טישן, שטולן און דורכגענג זיינען מאָמענטאַל פריי געוואָרן פון די נאַכט־געלעגערס, דאָס בעטגעוואַנט פאַרפּאַקט און מען האָט זיך ביסלעכווייז גענומען אַרויסשאַרן אויף די בייכער, אין ערשטן צימער אַריין.

אַרויסשאַרנדיק זיך אַהין, פרעג איך דעם באַלעבאָס פון דער דירה, ר' חיים באַקאָטורסקי, דעם הינקענדיקן גילזן־מאַכער:

— וואָס איז געשען, ר' חיים?

— איך ווייס וואָס? — ענטפערט ער מיט אַ העכער קול, ווי געוויינלעך. — די פּאָליציי לויפט אַרום ווי פאַרסמט, מען זוכט, מען נישטערט...

— וואָס זוכט מען, וועמען זוכט מען? — פרעג איך ווייטער.

אָנשטאָט ר' חיים ענטפערט מיר די פרוי כץ:

— מען זוכט אַ קאָמוניסט.

— יאָ — זאָגט איר מאַן אברהם כץ (אַנטיקוואַר און געוועזענער שאַצער פון שטאָטישן לאָמבאַרד) — וויניק קלאָגן און צרות האָבן מיר פון די דייטשן, דאַרפן מיר נאָך די קאָמוניסטן אויף אונדזערע קעפּ... זיי זאָלן גאָר צוויילן אונדזער סוף...

איך זע, אַז קיין טאָלק וועל איך דאָ ניט דערגיין, בין איך, דורך אונדזער לאַנגן הויף, דער דריטער פון רודניצקער 6 (אַרקליו־קאָנסקע 3) אַריין אויפן צווייטן הויף פון רודניצקער 6, וווּ עס האָבן געוווינט די פּני פון געטאָ, ווי: גענס, פריד, מילקאָנאָוויצקי, בראָודע, דעסלער א.א. (דאָ איז אויך געווען דאָס

טעאַטער). אויפן דאָזיקן גרויסן הויף איז געווען שטיל, רואיק ווי אויף אַ בית־עולם. קיין לעבעדיקער מענטש ניטאָ.

איך גיי ווייטער צום ערשטן הויף (אַלע דריי הייף זיינען דאַן פּאַראייניקט געווען). דאָ טרעף איך אַ פּאָר מענטשן און באַגעגן עטלעכע פּאָליציאַנטן, וואָס לויפן צו דער קאָמענדע.

אויפן ערשטן הויף איז שטענדיק געווען אַ גרויסע באַוועגונג ; דאָ זיינען געווען אַ גאַנצע ריי געטאָ־וואַרשטאַטן, דער סאַרטאַק. דאָ האָבן אויך געוווינט אַ סך פּאָליציאַנטן א. א. וו. דער זייגער איז געווען זייער פרי, אַלץ איז נאָך פאַרמאַכט און געשלאָסן. איך גיי אַרויס אויף ראָג רודניצקער גאַס, צו דער קאָוויאַרניע. דאָ טרעף איך שוין אַ סך מענטשן און אַ שטאַרקע באַוועגונג. די שטימונג איז אָבער היינט אַן אַנדערע ווי שטענדיק, ווען די קאָלאָנעס אַרבעטער פלעגן זיך קלייבן אַרויסצוגיין אין שטאָט צו דער אַרבעט. איך דערפיל אַ צעטומלעניש, אַ צעמישעניש.

עס לויפט הין און הער פּאָליציי. עס לויפן אויך אַ סך אַנדערע.

פּלוצלינג דערזע איך אַ נידעריקן יונגמאַן, פעסט געבויט, אין אַ פּאָר עלעגאַנטע אָפיצירן־שטיוול, אין שיינע גאַליפע־הויזן און פיינער וויאַטרווקע. ער לויפט מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט. איך בין געבליבן שטיין אַ צעטומלטער — אויף די געסלעך פון געטאָ מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט ! ווער איז ער, וואָס באַדייט דאָס ?

איך פרעג די נעבן מיר שטייענדיקע מענטשן און מען זאָגט מיר :

— דאָס איז הענעכקע, הענעכקע שאַפּירא, דער געוועזענער אַגענט פון דער פוילישער דעפענזיווע, שפּעטער אַגענט פון נ.ק.וו.ד. און איצט — מיטאַרבעטער פון דער געטאָ־פּאָליציי און „געשטאַפּאָ"...

דעם אמת געזאָגט, האָט קיינער פון די מענטשן אויפן גאַס, וואָס זיינען געוואָרן אַלץ מער און מער, גאָרנישט געוווּסט וואָס דאָ קומט אייגנטלעך פאָר. מ'האָט נאָר געפילט בחוש — ביים געטאָ־בירגער איז דער געפילס־חוש געווען אַ פאַרשאַרפטער, בפרט נאָך אויף שלעכטס — אַז עס קאָכט זיך און עס גרייט זיך עפּעס אומגעוויינלעכס.

אַ ביסל באַרואיקט איז מען נאָר געווען פון דעם פאַקט, וואָס דאָס געטאָ איז ניט געווען באַלאַגערט. דאָס הייסט, אַז עס קומט פאָר אַן אינעווייניקסטער קאָנפליקט. מילא, מיט אַן אינעווייניקסטער מהומה וועט זיך געבנס מיט זיין פּאָליציי אַן עצה געבן... מיט דעם איז מען זיכער, אויף דעם זיינען זיי דאָך יידן...

פון עטלעכע אָפּגעהאַקטע ווערטער פון באַקאַנטע, האָב איך זיך אָריענטירט, אַז מען זוכט אַ קאָמוניסט, וועלכן די דייטשן פאָדערן אַרויס.

איך בין אַוועק אין שטוב, ווו ס׳האָבן געוואָרט אין גרויל־שרעק און ציטערניש צענדליקער מענטשן אויף אַ קלאָרער ידיעה. איך האָב זיי אין קורצן איבערגעגעבן, וואָס איך ווייס און קודם כל זיי באַרואיקט, אַז די געטאָ איז ניט אַרומגערינגלט. דאָס איז אַן אינעווייניקסטער ענין פון געטאָ און, אַזוי צי אַנדערש — די זאַך וועט דערליידיקט ווערן.

די מענטשן אין שטוב האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט, אָבער אַלע זיינען געבליבן „גרייט און פאַרטיק״. איך בין צוריק אַוועק אין גאַס. ערשט איצט בין איך געווויר דערגאַנגען וואָס דאָ קומט פאָר.

די גאַס האָט דערציילט (איך זאָג די גאַס, דאָס מיין איך פשוטע עמך־מענטשן, וואָס האָבן מיט אָרגאַניזאַציעס, פּאַרטייען און „גרויסע לייט״ קיין מגע־ומשא ניט געהאַט), אַז די דייטשן פאָדערן מ׳זאָל זיי אַרויסגעבן אַ יידישן קאָמוניסט, וועלכן עס האָט אויסגעגעבן זיינער אַ פּאַרטיי־חבר, אַ פּראָוואָקאַטאָר, אַ ליטווינער, נאָכן אַרעסטירן אים אין שטאָט דורך דער „געשטאַפּאָ״. דער דאָזיקער קאָזלאָווסקי, צי קאָזלאָווסקיס, האָט אין „געשטאַפּאָ״ דערקלערט, אַז ער שטייט אין קאָנטאַקט מיט אַ יידישן קאָמוניסט פון געטאָ, מיטן נאָמען — וויטענבערג. די דייטשן האָבן געפאָדערט וויטענבערגן אַ לעבעדיקן, כדי פון אים צו דערגיין וועגן דער קאָמוניסטישער טעטיקייט.

ס׳איז קיין שום רייד ניט געווען וועגן אַרויסגעבן וויטענבערגן, אַלס פירער פון וועלכער ס׳איז געהיימער יידישער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ.

צי האָבן די דייטשן געוווּסט, אַז אין געטאָ עקזיסטירט אַ געהיימע יידישע באַוואָפנטע אָרגאַניזאַציע? זיכער ניט!

ווייל ווען זיי וואָלטן דאָס געוווּסט, וואָלטן זיי, בלי ספק נאָכן אַרויסבאַקומען וויטענבערגן, אויך געפאָדערט פון געטאָ אַלע איבעריקע הויפּט־אָנפירער פון דער אָרגאַניזאַציע, און מען קען זיין מער ווי זיכער, אַז גענס און זיין קליקע וואָלטן די פאָדערונג פון די דייטשן באַשטימט דערפילט, און דאָס אַלץ, כדי „צו ראַטעווען דאָס געטאָ״. בפרט נאָך, אַז גענס האָט שוין גוט געקענט אַלע אָנפירער.

מיין טיפסטע איבערצייגונג איז, אַז די דייטשן האָבן גאָרניט געוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ געהיימער יידישער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, זיי האָבן זיך נאָר דערוווּסט וועגן אַ יידישן קאָמוניסט, וועלכער האָט אַ קאָנטאַקט מיט דער שטאָט. אים האָבן זיי געפאָדערט און מיטן מאָמענט, ווען זיי האָבן אים באַקומען, איז די זאַך געוואָרן פולשטענדיקט דערליידיקט.

קיין שום קאָנסעקווענצן פאַר די מיטגלידער פון שטאָב, צי פאַר אַנדערע, זיינען טאַקע נאָכדעם ניט געווען.

איצט שטעלט זיך אַ צווייטע שאלה: צי האָבן יידן געוווּסט, אַז אין געטאָ עקזיסטירט אַ געהיימע באַוואָפנטע אָרגאַניזאַציע?

ניין, בשום אופן ניט.

אויב איך זאָג — ניין, מיין איך די ברייטע יידישע געטאָ־באַפעלקערונג.

באַטירלעך, אַז אַ גאַנץ באַגרענעצטע צאָל פון די אַנטיילנעמער האָט געוווּסט, אָבער די ברייטע יידישע מאַסע — ניט.

צי האָבן די יידישע מאַסן אין געטאָ געפילט, אַז אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז פאַראַן, ווייל ס'איז דאָך קלאָר, אַז צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים קען מען זיך דערמיט ניט רעקלאַמירן, צי האָבן זיי אָבער איר עקזיסטענץ אַרויסגעפילט, איר ווירקונג, איר טעטיקייט?

ניין!

די עקזיסטענץ פון אַ „פאַראייניקטער פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע" איז ערשט באַוווּסט געוואָרן טאַקע אָט בעת די געשעענישן.

דער איינציקער מענטש, וואָס האָט אַרויסגערופן די בעסטע און שענסטע אינסטינקטן ביי דער גאַנצער געטאָ־באַפעלקערונג, און ביי דעם דאָזיקן פאַל אָפּן געוואָרפן די לאָזונג פון קאַמף און ווידערשטאַנד, איז געווען — יוסף גלאַזמאַן, דער פאַרטרעטער פון פאָליציי־שעף גענס. ער איז געווען דער, וואָס האָט געהאַט דעם מוט אויפצוהייבן אַ בונט קעגן גענסן און זיין פּאָליטיק, רופנדיק צו ווידערשטאַנד. דערפאַר האָט ער אַליין צוזאַמען מיט זיינע חברים רעוויזיאָניסטן טייער באַצאָלט. גענס איז אַפילו געצוווּנגען געווען דורכצופירן אַ „טשיסטקע" אין זיין פּאָליציי און באַזייטיקן אַ סך פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן סימפּאַטיזירט און געהאָלפן גלאַזמאַנען.

מיט אַ ריין געוויסן און אין פולן באַוווּסטזיין רוף איך אָן יוסף גלאַזמאַנען: העלד פון ווילנער געטאָ.

איצט איז אַ מהומה אין געטאָ. די דייטשן פאָדערן אַרויסצוגעבן זיי אַ קאָמוניסט. האָבן יידן געזאָגט: ס'איז טאַקע אַ רחמנות אויף אַ ייד, אים אַרויסצוגעבן אין דייטשישע הענט. וועלן זיי דאָך אים ניט סתם דערשיסן, זיי וועלן דאָך אים אָנטאָן צרות און פיין. אָבער ער איז זיך אַליין שולדיק. ווי קומט ער, אין אַזאַ צייט, אַריינצולאָזן זיך אין פאַרטרוילעכע ענינים מיט אַ ליטווינער? ווייניק בלוט אונדזערס האָבן זיי פאַרגאָסן? צו אַ ליטווינער זיך פאַרטרויען! מיט אַזאַ טאַקטיק קען ער דאָך אומברענגען דאָס גאַנצע געטאָ. פאַרוואָס זאָלן מיר אַליין צואיילן אונדזער פינצטערן סוף? ביסטו אַ קאָמוניסט, ווילסט טאָן קאָמוניסטישע אַרבעט, גיי זיך דיר געזונטערהייט פון געטאָ; טו — אָבער פון יענער זייט.

און אָט דעם פּסיכאָלאָגישן מאָמענט האָט גלענצנדיק אויסגענוצט גענס מיט

זיין חברה, ווייל אָט אַזוי און ניט אַנדערש האָט געטראַכט די געטאָ־באַפעל־קערונג.

שטעלן אין געפאַר, דיזיקירן מיט דער גאַנצער געטאָ, ווי די דייטשן האָבן געדראָט, צוליב אַ פּאַרטיי־מענטש, דאָס איז שווער געווען דורכצוזעצן, בפרט, אַז אין דער אמתן האָבן יידן קיין צו גרויסע סימפּאַטיע צו די פּאַרטייען און פּאַרטיי־טוער ניט געהאַט. ווייל די פּאַרטיי־טוער, שטייענדיק בראש פון די פאַר־שיידענע אָפּטיילונגען פון געטאָ־לעבן, האָבן אין די שווערע, טראַגישע טעג קודם כל פאַרזאָרגט זיך און זייערע נאָענטע פּאַרטיי־חברים מיט געלט לעבנס־שיינען, מיט גוטע שטעלעס, אויך וועלכע מען פלעגט באַקומען גוטע, טייערע „פּאַיקי", מיט בעסערע דירות און מיט אַ סך אַנדערע פּריווילעגיעס.

אַ ייד, וואָס האָט ניט געהאַט גענוג גאָלד, פּערזענלעכע אָדער פּאַרטיי־פּראָטעקציע, איז געווען הפקר.

יידן האָבן דאָס צוגעזען און גוט געוווּסט, הייגט פּאַרוואָס און פאַרוועמען זאָלן זיי געבן זייערע קעפּ פאַר דער צייט?

חיי־שעה איז זייער גוט, בפרט נאָך ווען מ'האָט זיך געטרייסט, אַז צוליב די דייטשישע מפּלות אויפן פראָנט איז די גאולה שוין גאָר נאָענט.

לאַנגע שעהען האָט געדויערט דאָס געיעג נאָך וויטענבערגן. דאָס גאַנצע געטאָ איז געשטעלט געוואָרן אויף די פיס, אָבער ביי דעם גאַנצן רעש און טומל וואָס האָט אין געטאָ געהערשט אין די שעהען, האָבן איינגעלייגט וועלטן נאָר געווסנס מענטשן, ווי: די פּאָליציי, פּראָוואָקאַטאָרן, אונטערוועלטניקעס און די קוימענקערערס, וועלכע האָבן געהערט צו די אַריסטאָקראַטן פון געטאָ.

דער ברייטער יידישער געטאָ־עולם האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין חשק צו ברענגען זיך אַלס קרבן צוליב וויטענבערגן, און האָט אויך ניט צוגעלייגט קיין האַנט צו פאַרלייכטערן געווסן אין דעם געיעג.

ווען די פּאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע מיט וויטענבערגן אַלס קאָ־מענדאַנט וואָלט געווען פאַרזיכטיקער במשך פון איר אַנדערטהאַלבן יאָר עקזיס־טענץ, און וואָלט עפּעס וואָס געווען געטאָן פאַר עמך — פאַר דער געטאָ־באַפעלקערונג, וואָלט געווסט מיט זיין קליקע זיך איצט ניט אָנגעטראָפן אויף קיין גלייכגילטיקייט מצד דער געטאָ־באַפעלקערונג בעתן אַרויסגעבן וויטענבערגן אין די דייטשע הענט. דערביי האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ קאָמוניסט. האָבן יידן שלום געמאַכט, אין דער אכזריותדיקער צייט, מיטן געדאַנק, אַז וויטענבערג מוז, נעבעך, מיט זיין לעבן באַצאָלן פאַר זיין קאָמוניסטישער טעטיקייט.

איצט ווייטער: ווען דאָס אומגליק איז שוין געשען, מ'האָט געפאָדערט וויטענבערגן, וואָס האָט דאָן דער שטאַב פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע געקענט טאָן און מיט וואָס האָט ער פּאַקטיש געזינדיקט?

1) גלייך, אין די ערשטע נאָכט־שעהען, ווען זיינע חברים האָבן דעם אַרעסטירטן וויטענבערגן אָפּגעשלאָגן פון די ליטווינער, האָט ער מיט זיינע נאָענטסטע חברים, פון שטאָב און פון דער פּאַרטיי, געקענט אַנטלויפן.

2) דער גאַנצער שטאָב, צוזאַמען מיט וויטענבערגן, האָבן געקענט באַגיין זעלבסטמאָרד, כדי צו באַווייזן, אַז זיי זענען ניט קיין פּחדנים (אַזאַ פּאָרשלאָג איז טאַקע געווען אין שטאָב בשעת די דראַמאַטישע באַראַטונגען).

3) אויסרופן אין געטאָ אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד און אָנהויבן אַ קאַמפּס־אַקציע — צוערשט קעגן די יידישע געשטאַפּאָ־אַגענטן און במילא אויך קעגן די דייטשן. די שווערע לאַגע פון געטאָ, אין דעם פּעריאָד, איז געווען אַזאַ, אַז עס האָט קיין שום צווייפל ניט געקענט זיין, דאָס מיר דערנענטערן זיך צום „נאַטירלעכן" סוף. אמת, דאָס איז געווען קלאָר פאַר פּאָליטיש־באַוווסטזיניקע מענטשן. די „מאַסע" האָט ניט געוואָלט זען ווייטער ווי פאַר דער נאָז. זי האָט געלעבט, ווי געזאָגט, מיט חיי־שעה. אָבער געגנס און זיינע אָנהענגער האָבן געהאַלטן, אַז דאָס געטאָ וועט בלייבן אַרבעטן ווייטער רואיק. טראָץ דעם וואָס די גאַנצע ווילנער פּראָווינץ איז שוין געווען יידן־ריין.

אָבער אין שטאָב, פאַר די קעמפער, פאַר די קאָמוניסטן איז דאָך קיין שום ספק ניט געווען, אַז ס'איז שוין די גסיסה פון געטאָ — פאַרוואָסזשע האָבן זיי ניט אויסגעקליבן איינע פון די דריי אָנגעגעבענע אויסוועגן? אויף דעם האָבן זיי געענטפערט: — דאָס געטאָ וואָלט פון דעם געליטן.

עס שטעלט זיך אַ פראַגע: פון ווען אָן איז דאָס אַן אַרגומענט פאַר רעוואָ־לוציאָנערן, פאַר קעמפער? אַמאָליקע יאָרן, ווען יידן האָבן אָנטיילגענומען אין אַקטיווער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, האָט מען אויסגעטייטשט, אַז די פאַר־געקומענע יידן־פּאָגראָמען זיינען אַ רעזולטאַט פון יידישן אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. פונדעסטוועגן האָבן יידישע רעוואָלוציאָנערן קיין שום אַכט ניט געלייגט אויף די סטראַשונקעס און אויף די פּאָגראָמען גופא און ווייטער געפירט זייער רעוואָלוציאָנערע אַרבעט.

צי איז דען די פּאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע ניט געשאַפן געוואָרן, כדי אויפצוהויבן אַ בונט אין מאָמענט, ווען דאָס געטאָ וועט קומען צו ליקווי־דאַציע?

סיי וויטענבערג, סיי דער שטאָב האָבן דאָך אַליין אָנערקענט, אַז ס'קומט אָן דער סוף פון געטאָ. מען קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז פּונקט אַזוי גוט ווי עמך איז געווען גלייכגילטיק צום גורל פון וויטענבערגן, פּונקט אַזוי וואָלטן אַ סך פון דעם זעלבן עמך — פון דער יידישער „אַרבעטערשאַפט", גלייך צוגעטראָטן צו די קעמפער, ווען זיי פּראָקלאַמירן אַ ווידערשטאַנד.

דער שטאָב האָט דאָס ניט געטאָן. דער שטאָב פון פּ. פּ. אָ. האָט בכלל קיין

באַשלוס ניט אָנגענומען. דעם ענדגילטיקן באַשלוס וועגן אַרויסגעבן וויטענבערגן די דייטשן האָט אָנגענומען דער קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין געטאָ, און דער שטאַב, וואָס איז באַשטאַנען פון מער רעכטערע עלעמענטן, האָט דעם באַשלוס אַקצעפּטירט.

זיי אַלע צוזאַמען זיינען אין לעצטן דעציִדירנדיקן מאָמענט געוואָרן אויס קעמפער, אויס רעוואָלוציאָנערן, געוואָרן פּשוטע עמך־מענטשן, יידן קליינבירגער. זיי האָבן באַשלאָסן אויסצופירן די פאָדערונג פון די דייטשן — אַרויסגעבן זייער חבר און פירער.

זיי האָבן געהאַלטן פאַר ניט צוועקמעסיק דאָס אָנהייבן אַ קאַמף מיט די דייטשן.

דערמיט האָבן זיי באַשטעטיקט דעם כלל — וואָס מענטשן, וועלכע האָבן ניט דורכגעמאַכט די תקופה, קענען ניט באַגרייפן — אַז אין יענע צייטן זיינען יידן געשטעלט געוואָרן אין אַ לאַגע, אַז זיי האָבן געמוזט טאָן דאָס, וואָס די דייטשן האָבן פאַרלאַנגט. אַזוי און נישט אַנדערש איז געווען די סיטואַציע, אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען במשך דער גאַנצער צייט פון דער היטלער־אָקופּאַציע.

דאָס איז באמת איינע פון די שווידערלעכסטע מאָמענטן פון אונדזער טראַגעדיע.

ניט קיין וואונדער, וואָס וויטענבערג, אַלס פולבלוטיקער רעוואָלוציאָנער, האָט דעם באַשלוס ניט געקענט באַגרייפן און געפרעגט:

„צי איז דאָס מעגלעך, צי איז דאָס אמת?״ ניט קיין וואונדער, וואָס ער האָט אַ זאָג געטאָן: „ס׳איז ניט באַוווסט קיין פאַל, ווען אַ באַוועגונג זאָל ווען עס איז האָבן אַרויסגעגעבן איר פירער, סיידן די באַוועגונג האָט באַנקראָ־טירט״.

אָפּאָנירט האָט וויטענבערג ניט אויס מורא פאַרן טויט, נאָר פון עטישן, פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן און רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט.

אַלס דיסציפּלינירטער חבר האָט ער דעם באַשלוס אויסגעפירט. ער איז אַוועק — אין דעם באַשטייט וויטענבערגס גרויסקייט און זיין טראַגעדיע.

וויטענבערג איז דער רעוואָלוציאָנערער העלד פון ווילנער געטאָ.

איבערלעבנדיק אין דעם טאָג די טראַגעדיע וויטענבערג, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אָנהויב ווינטער 1943 האָב איך, צוזאַמען מיט ד״ר גיטעלמאַן (מיר ביידע זיינען געווען אין דער קאַמף־בריגאַדע קעגן אינזעקטן), געמאַכט אַ דעזינפעקציע אין דעם צווייטן באָד אויף סטראַשון־גאַס נומער 6 (אַמאָל קאַמניצקער). כדי פעסטצושטעלן ווען מען קען די דעזינפעקציע דורכפירן, בין איך אַריין אין אַ קליין צימערל צום פאַרוואַלטער. אויף מיר האָט ער דאַן

געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אים גייט ווייניק וואָס אַן דאָס באָד, וואָס האָט מיך אַ ביסל געוווּנדערט. דערווייסנדיק זיך שפּעטער, אַז דאָס איז געווען וויטענבערג, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געהאַט גרעסערע דאגות, ווי די זאָרג צו פאַרניכטן די וואַנצן אין באָד...

דאָס איז געווען מיין ערשטע באַגעגעניש מיט אים.

צום צווייטן מאָל האָב איך אים געזען אַלס דעם קאָמענדאַנט וויטענבערג, וועלכן מען פירט צו דער שחיטה, טאַקע אין דעם פינצטערן, היסטאָרישן טאָג פון 16טן יולי, ביי פאָלגנדיקע אומשטענדן:

אין דעם צייט־פּעריאָד האָב איך שוין געאַרבעט אין געטאָ־אַמבולאַטאָריע אַלס קאַסירער. מיט מיר האָט צוזאַמען געאַרבעט די באַקאַנטע קאָמוניסטין כיענע באַראַווסקאַ. ביענען האָב איך גאָך געקענט פון פריער, ווי פּראָפּאַראיין־פירערין פון מעדיצינישן פערסאָנאַל אין ווילנע. וווהין איך בין געקומען אַלס אַפּטייקער. איך פלעג זי טרעפן אין פאַראיין און אויף אונדזערע מעדיצינישע פאַרזאַמלונגען. זי האָט פאַרנומען אַ גאָר וויכטיק אָרט אין דער אַדמיניסטראַציע־היעראַרכיע. אַרבעטנדיק צוזאַמען אין אַמבולאַטאָריע זיינען מיר געווען אין פריינטלעכע, חברישע באַציאונגען. זי איז געווען אַ שטילער, רואיקער, טאַקט־פולער מענטש.

דעם טאָג איז זי צו דער אַרבעט ניט געקומען. זי איז געווען אַנגאַזשירט אין דער אונטערערדישער אַרבעט און אַקטיוו באַטייליקט אין דער טראַגעדיע וויטענבערג. דער טומל אין געטאָ פלעגט זיך גלייך אָפּרופן אויף דער פרעקווענץ אין די געטאָ־אינסטיטוציעס. אין אַמבולאַטאָריע איז דעריבער אין ערשטן האַלבן טאָג געווען ליידיק, זייער ווייניק פּאַציענטן.

מיטאָג־צייט בין איך אַוועק אַהיים. אַריינקומענדיק אין די ערשטע צוויי צימערן פון אונדזער דירה, האָב איך געטראָפן מיינע קינדער, וועלכע זיינען אויך אָקאָרשט געקומען פון זייערע וואַרשטאַטן אויף מיטאָג. מיר האָבן זיך געקליבן, ווי געווייגלעך, אַריינצושאַרן זיך אויף די בייכער אין אונדזער דירה־מעלינע. פּלוצלינג האָבן מיר דורכן פענצטער דערזען לויפן צוויי פּאָליציאַנטן דורך דעם לאַנגן הויף. היות מ'איז געווען דעם טאָג צעשרויפט און צערודערט, האָבן מיר זיך אינסטינקטיוו פאַרהאַלטן ביי די פענצטער. אין דעם זעלבן מאָמענט האָבן מיר דערזען אַריינגיין אין הויף דעם פּראָוואָקאַטאָר העגעכקע שאַפּירא און דעם פּאָליציאַנט דרייזין. זיי זיינען געגאַנגען פאָראויס אָפּגערוקט פון זיך אויף אַ מעטער. הינטער זיי איז אַריין אַ מיטלוווּקסיקער מאַן, אין אַ טונקעלן אַנצוג מיט אַ קליין פּעקעלע אונטערן אָרעם. אין וועלכן מיר האָבן גלייך דערקענט איציק וויטענבערג. נאָך אים איז געגאַנגען געגאַנס מיט אַ רעוואָל־ווער אין דער האַלב־אויסגעשטרעקטער האַנט, גרייט צום שיסן, הינטער אים —

סאלע דעסלער מיט אבערהארטן. אין גאַנג זיינען זיי אַלע אויסגעשטעלט געווען ווי אַ פינפטל פון קאַרטן.

מיר זיינען אַלע פאַרכאַפּט געבליבן שטיין ביי די זייטן פון די פענצטער, מען זאָל אונדז ניט דערזען פון הויף. זיי זיינען פאַרביי אונדזערע אויגן, אַריין אין לאַנגן טויער פון הויף. רעכטס איז געווען דער אַריינגאַנג אין אונדזער דירה, אַנטקעגן אונדזער טיר, לינקס, איז געווען דער אַריינגאַנג אין דעם ערשטן באַד.

מיר האָבן געהערט ווי מ׳שליסט אויף דאָס טויער. אין אַ קורצער ווײַלע אַרום זיינען אַלע צוריקגעגאַנגען מיטן זעלבן וועג. אַלע — אַ חוץ וויטענבערג.

פון אונדזער דריטן מעלינע־צימער האָט מען אונדז געגעבן צו וויסן, אַז אין דעם מאָמענט איז פון נעבן טויער אָפּגעפאָרן אַן אויטאָ.

די לעצטע מאָמענטן פון וויטענבערגן אין געטאָ שטעלן זיך פאָר אויף אַזאַ אופן:

ווען ס׳איז געפאַלן דער טראַגישער באַשלוס, אַז וויטענבערג גיט זיך איבער צו די דייטשן, איז ער, אין דער באַגלייטונג פון די גאָר נאָענטסטע פריינט, אַוועק צו געגנס אין קאָמענדע. דאָרטן איז באַשלאָסן געוואָרן אים אַרויסצופירן פון געטאָ ניט דורך דעם הויפּט־טויער, נאָר דורך דעם שטילן הויף פון ארקליו 3.

דאָס איז געווען אַ גלענצנדיק צוגעפּאַסט אָרט, ווייל געגנס האָט זיך געפונען אין דערבייאיקן הויף. אויף אַזאַ אופן האָט מען פולשטענדיק אויסגעמיטן די ריזיקע פון פירן אים דורך דעם געטאָ, וווּ עס האָבן געקענט ווידער פאָרקומען ניט־געווונטשענע פּאַסירונגען. דאָס טויער פון ארקליו 3 איז שטענדיק געווען געשלאָסן. דער שליסל איז געווען אין פּאָליציי־קאָמענדע, ווייל זיי פלעגן פון צייט צו צייט עפענען דאָס טויער אין געהיים, כדי אַריינצולאָזן פורן מיט האָלץ, אָדער אַרויספירן מיסט.

אַזוי אַרום זיינען מיר צופעליק געווען די איינציקע עדות־מענטשן, וועלכע האָבן געזען די לעצטע טריט פון איציק וויטענבערגן און דעם פינאַל פון דער דאָזיקער טראַגעדיע.

## דער אָנהויב פון סוף

### ערשטע אַרויסשיקונגען קיין עסטלאַנד

פרייטיק, דעם 6טן אויגוסט 1943, אַזייגער 10 אינדערפרי, איז דאָס ווילנער געטאָ אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַ פּלוצלינגדיקער ידיעה, אַז ס׳איז אַרומגערינגלט געוואָרן דער אַעראָדראָם אין פּאָרובאַנעק (4 קל״מ פאַר ווילנע)

און פון דאָרט צוגענומען אַלע יידישע אַרבעטער, אין צאָל פון קרוב טויזנט מאַן. אין אַ ווײַלע אַרום איז אָנגעקומען אַן ענלעכע ידיעה פון „בויטע־זאַמל־שטעלע", אַ צווייט אָרט, ווו עס האָבן געאַרבעט עטלעכע הונדערט יונגע און געזונטע יידן. אָט אַזוי זייבען אין משך פון אַ פּאָר שעה אָנגעקומען אין געטאָ שוידערלעכע ידיעות, אַז „מען נעמט" פון אומעטום. די שמאָלע, ענגע געטאָ־געסלעך זייִנען געוואָרן שוואַרץ פון מענטשן. מענער, פרויען, קינדער, האָבן זיך געבראָכן די הענט, געוויינט, געשריגן אויפן קול: „שוין, געקומען איז אונדזער סוף. מען נעמט שוין דאָס לעצטע ביסל בלוט". מען דאַרף באַמערקן, אַז אין די לעצטע אַנדערטהאַלבן יאָר איז אין געטאָ פּאַרהעלטנישמעסיק געווען „רואיק", די לעצטע גרויסע „טשיסטקע" איז פּאָרגעקומען אין די טעג פון 24—22 דעצעמבער 1941, ווען מ'האָט פון געטאָ אַרויסגעפירט אַלע ניט לעגאַלע יידן. פון דעמאָלט זייִנען פון געטאָ אַרויסגעפירט געוואָרן בלויז אייניקע ספּעציעלע גרופּן, ווי: „די שטאַרקע" (קרימינעלע), אַלטע לייט און די איבער 5.000 יידן פון ווילנער פּראָווינץ. לעצטנס האָט מען אַפילו שטאַרק גערעדט אין געטאָ, אַז ס'איז פּאַראַן אַ ספּעציעלע פאַראָרדענונג פון דער דייטשישער מאַכט אָפּצושטעלן אַלע הריגות. יידן האָבן אין דעם געגלויבט און פרייער אָפּגעטעמט. אין דער צייט זייִנען אין געטאָ געווען ביי 20 טויזנט יידן.

ווי שוין דערמאָנט זייִנען דעם 6טן אויגוסט אָנגעקומען אַלע ווײַלע ידיעות, פון וועלכע מ'האָט פּשוט געקענט משוגע ווערן. פרויען, וועמענס מענער זייִנען געווען אין שטאָט ביי דער אַרבעט; מענער, וועמענס פרויען האָבן געאַרבעט אין שטאָט; קינדער — אַלע האָבן געוואָרפן זייער גאָרמאַלע אַרבעט אין די געטאָ־וואַרשטאַטן, זייִנען געלאָפן ווי צעמישטע, פרעגנדיק איינער דעם צווייטן, וואָס הערט זיך? — כאָטש מען האָט געוווּסט, אַז קיינער קאָן אויף דעם קיין תשובה ניט געבן... מען איז מאַסנווייז געלאָפן צום געטאָ־פּאָרשטייער, אפשר ווייסט ער וואָס, טאָמער קאָן ער עפּעס אויפקלערן, אָבער אָן רעזולטאַט.

אַזוי איז מען עטלעכע שעה אַרומגעגאַנגען צעמישטע און צעטומלטע, ביז מען האָט דערלעבט צו דערהערן דעם ערשטן קלאַנג, אַז עס האַנדלט זיך נישט וועגן פּאַנאַר, נאָר מען פירט די מענטשן קיין עסטלאַנד אויף אַרבעט. פונוואַנען דער קלאַנג האָט זיך גענומען האָט קיינער ניט געוווּסט. אַ קלאַנג ווי טויזנטער אַנדערע, וועלכער האָט זיך אָבער שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק. מ'האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, אָבער, אַך־און־וויי צו אַזאַ רואיקייט... ווער גלויבט דאָס קלאַנגען, וואָס זייִנען נוגע יידן, וואָס שטאַמען פון דייטשן...

ביים נעמען די מענטשן פון די אַרבעט־שטעלן זייִנען זיך אַ סך צעלאָפן. מ'איז אויך געלאָפן פון באַן, פונוואַנען מ'האָט זיי אָוועקגעפירט. ביים לויפן האָבן די דייטשן אַ סך יידן געשאָסן. צופעליק האָבן זיי דאָס מאָל געזאָגט דעם אמת —

מען האָט די ייִדן געפירט אויף אַרבעט. זיי האָבן אָבער בשום אופן ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס די ייִדן גלויבן זיי ניט... גיי דערצייל זיי, די יעקעס, אַ מעשה, ווי אַזוי „געשטאַפּאָ" האָט געפירט אויף „אַרבעט" און פאַרפירט גלייך אויף פּאָנאַר. איז טאַקע קיין שום צוטרוי ניט געווען צו די רייד פון די יעקעס. יעדער, ווער עס האָט נאָר געקענט, האָט זיך געראַטעוועט און איז אַנטלאָפן. אָבער דער טראַנספּאָרט מיט אַ סך מענטשן איז אָפּגעפאָרן. די מענטשן זיינען אָוועק ווי זיי שטייען און גייען — אָן אויבער־בגדים, אָן וועש, אָן עסן, פאַר־פּיבצטערטע, זייענדיק זיכער, אַז מען פירט זיי צום טויט... ווען מ'האָט זיך דערוווּסט, אַז דער טראַנספּאָרט איז אַוועקגעפאָרן קיין עסטלאַנד, האָט מען זיך געבראָכן דעם קאָפּ צו פאַרשטיין וואָס קומט דאָ פאָר: אויב די דייטשן דאַרפן ווירקלעך מענטשן אויף אַרבעט, צו וואָס האָבן זיי באַדאַרפט דאָס מאַכן אַזוי ברוטאַל. זיי האָבן דאָך פּשוט געקענט בעטן ביים געטאָ־פאָרשטייער אַזויפיל און אַזויפיל מענטשן צו דער אַרבעט. ער וואָלט דאָס זיי זיכער געגעבן. ווייל ניט נאָר אויף אַרבעט פלעגט ער געבן מענטשן, נאָר אַפילו דירעקט אויף פּאָנאַר... היינט גיי פאַרשטיי „געשטאַפּאָ"־גענג לגבי ייִדן!

מען האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ לאַנגע שעהען, ביז עס איז געקומען פון שטאָט דער געטאָ־פאָרשטייער גענס און געמאָלדן, אַז מען זאָל זיין רואיק, ווייל די מענטשן זיינען אַוועקגעפאָרן אויף ממשותדיקער אַרבעט, ד.ה. צום לעבן — און ניט צום טויט — אַזוי פאַרזיכערן די דייטשן. מיטן טראַנספּאָרט זיינען מיטגעפאָרן אויך אייניקע ייִדישע בריגאַדירן, ווי: היימאַן, פּרוי קאַץ א.ז. די דייטשן האָבן פאַרזיכערט, אַז די בריגאַדירן וועלן אין עטלעכע טעג אַרום צוריקקומען און ברענגען מיט זיך אייגנהענטיקע בריוו פון די אַרויסגעשיקטע. מ'האָט זיך אַביסל באַרואיקט. אָבער אין געטאָ האָט זיך געטומלט ווי אין אַ בינשטאָק.

לויט דער ביטע פון געטאָ־פאָרשטייער, זיינען אין אָוונט געקומען אין געטאָ אַריין עטלעכע דייטשן און אויף אַ ספּעציעל צונויפגערופענער פאַרזאַמלונג פון די אַרבעטער־בריגאַדירן האָבן זיי דערקלערט, אַז מען זאָל זיין פולשטענדיק רואיק, ווייל די אַרבעטער זיינען אַוועקגעפאָרן קיין עסטלאַנד אויף אַרבעט. קיין שלעכטס וועט זיי ניט געשען. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן די בריגאַדירן צוריקקומען און ברענגען מיט זיך בריוו. מען וועט אויך קענען דורך זיי איבער־שיקן פּעקלעך וועש, בגדים, עסנוואַרג א.א.וו. הכלל, מען זאָל זיך ניט דענער־ווירן און גלויבן זייער ערן־וואָרט, אַז אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג...

גוט, שלעכט — אַ ברירה האָט מען געהאַט? מ'האָט מיט דער צרה איבער־גענעכטיקט, זיך אַ ביסל באַרואיקט און מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויפן צוריקקומען פון די בריגאַדירן.

צי וועלן זיי טאַקע צוריקקומען? צי וועלן זיי מיט זיך ברענגען בריוו? צי לעבן די אַרויסגעשיקטע? — די פראַגן האָבן אַלעמען געפּייניקט. אין געטאָ איז מען אַרומגעגאַנגען ווי שאָטנס, נישט גערעדט צווישן זיך, נאָר מיטן אויס־דרוק פון די אויגן און פּנים האָט מען זיך פאַרשטענדיקט. דער צער פון די פרויען, קינדער און עלטערן, וועמענס נאָענטסטע זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן, איז ניט צו באַשרייבן. מ׳האָט געדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזן. האָבן איבער־מענטשלעכע כוחות, אָדער, פשוט, זיין אַזוי אָפּגעטעמפּט און גלייכגילטיק, ווי מיר זיינען דאַן געווען, כדי אַדורכצוהאַלטן די עטלעכע טעג. אָבער געטאָ־יידן האָבן געהאַט כוח! זיי האָבן אַלץ געקענט איבערלעבן!

ס׳זיינען אַדורך עטלעכע טעג. מיטוואָך דעם 11טן אויגוסט 1943 איז אין געטאָ שנעל זיך צעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז די בריגאַדירן זיינען דאָ צוריק און זיי געפינען זיך ביים געטאָ־פאַרשטייער אין קאַבינעט. דער הויף פון רודניצקאַ 6 איז שוואַרץ געוואָרן פון מענטשן. מען האָט קוים דערלעבט דעם מאָמענט, ווען זיי זיינען אַרויס פון קאַבינעט און געמאָלדן, אַז אַלע לעבן, אַלע זיינען אַוועק־געפירט געוואָרן אין ווייוואַרי — עסטלאַנד, און דאָרט זיינען זיי געבליבן אין אַרבעט־לאַגערן אויף אַרבעט. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך בריוו. דער עולם האָט זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך די בריוו, געשטופּט זיך און געשלאָגן — מ׳האָט געשטורעמט די פּאָליציי. יעדער האָט געוואָלט ווי אַמשנעלסטן זען מיט זיינע אויגן דאָס בריוועלע פון זיין משפחה־מיטגליד. אין די בריוו איז געווען איין נוסח: מיר לעבן און מיינען, אַז מיר וועלן ווייטער לעבן... אַלע בעטן בגדים, וועש, איבערהויפּט — וואַרעמע וועש, ווייל דאָרט איז אַ ים־קלימאַט מיט קאַלטע ווינטן. מ׳בעט אויך עסנוואַרג. דער פּאַיאָק איז זייער אַ קלייבער. איין בריוו האָט געמאַכט אַ רושם אין געטאָ. ער האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט די ווערטער: „האָפּליאַ, מיר לעבן!" אַ ביסל האָט מען זיך באַרואיקט. זאָל זיין ווייוואַרי. יידן האָבן טאַקע באַלד געזאָגט, אַז דאָס אָרט איז טאַקע אויך מיטן נאָמען צוגעפּאַסט צו אונדזער געמיט: ו ו י י, ו ו י י. זאָל זיין עסטלאַנד, אַבי מען לעבט, אַבי נישט פּאָנאַר. מ׳האָט גענומען גרייטן ניט פּעקלעך, נאָר גרויסע פּעק. בעטגעוואַנט, קליידער, וועש, עסנוואַרג — אַלץ וואָס אַ לעבעדיקער מענטש דאַרף.

דער געטאָ־פאַרשטייער האָט געמאָלדן, אַז ווער עס וויל, קען פאָרן צו די אַרויסגעשיקטע און בעמען מיט זיך אַלע זאַכן. עס האָבן זיך טאַקע געפונען אַ סך בעלנים, וועלכע זיינען פרייוויליק אַוועקגעפאָרן מיטן טראַנספּאָרט זאַכן. סוף אויגוסט האָט דער געטאָ־פאַרשטייער געמאָלדן, אַז די דייטשן פאָדערן פון אים נייע עטלעכע טויזנט מאַן אויף אַרבעט קיין עסטלאַנד. ער לייגט פאָר, מען זאָל זיך פאַרשרייבן פרייוויליק. אָבער קיין פרייוויליקע זיינען ניט געווען, ווייל מ׳האָט

שוין באַקומען פון עסטלאַנד פיל זייער ניט קיין פריילעכע גרוסן. מ׳האָט שוין געוווּסט, אַז דאָרט איז די אַרבעט זייער אַ שווערע, מען הונגערט, דער קלימאַט פאַר ווילנער איז דאָרט ווייט נישט קיין לייכטער. האָט דעריבער קיינער זיך ניט געריִרט פון אָרט צו פאַרשרייבן זיך פרייוויליק. דאַן האָט דער געטאָ־פאָרשטייער פונאַנדערגעשיקט אויפפאָדערונגען צו די אַלע פאַמיליעס, וועלכע האָבן שוין געהאַט זייערע מיטגלידער אין עסטלאַנד, אַז זיי זאָלן אַהין פאָרן. אין געטאָ האָט זיך געשטורעמט. אַ ביסל יוגנט האָט דאַן באַשלאָסן צו פאָרן, ווייל אין די בריוו פון עסטלאַנד איז געווען אָנגעמערקט, אַז דער פעטער יוסף (יאָסיף סטאַלין) געפינט זיך אין דער גאָענט און מען קאָן זיך מיט אים באַגעגענען. פון דעם האָט מען געדרונגען, אַז דער פראָנט איז נאָענט.

איייניקע יונגעלייט האָבן זיך טאַקע פאַרשריבן צום פאָרן, אָבער צו טויזנטער, ווי די דייטשן האָבן געפאָדערט, איז נאָך זייער ווייט געווען. מיט גרויס אומרואיקייט האָט מען געוואַרט צו זען, וויאַזוי די דייטשן וועלן אויף דעם רעאַגירן.

לאַנג וואַרטן האָט מען ניט געדאַרפט. מיטוואָך פאַרטאָג, דעם 1טן סעפּ־טעמבער 1943, האָט מען זיך אויפגעכאַפּט ניט־טויט ניט־לעבעדיק, מיט דער ידיעה, אַז קייטעל (דער דייטשער פאָרשטייער פון „געשטאַפּאָ" איבער דעם געטאָ) איז אין געטאָ און כאַפּט מענטשן קיין עסטלאַנד און דאָס געטאָ איז אַרומגערינגלט דורך מיליטער. אַ פּאָר שעה האָבן קייטעל מיט זיינע סאָלדאַטן געאַרבעט אויף רודניצקער גאַס און צוזאַמען געכאַפּט 100 מענער. זיי האָבן צוגענומען יעדן, ווער ס׳איז זיי נאָר געווען אין וועג, ניט רעכענענדיק זיך מיט קיין שום יחוס. אין געטאָ איז אַנטשטאַנען אַן אומבאַשרייבלעכער טומל. אַלע האָבן זיך פאַרשטעקט אין מעלינעס, אַפילו פּאָליציייאישע משפּחות אויך. דאָס האָט נאַטירלעך ניט געשמעקט דעם געטאָ־פאָרשטייער מיט זיין פּאָליציי, ווייל ביז דעם מאָמענט האָבן זיי קיין עסטלאַנד געשיקט אויסשליסלעך דעם אָרעמען און ניט־פּריווילעגירטן קלאַס. דער געטאָ־פאָרשטייער האָט גענומען פירן אונטער־האַנדלונגען מיט קייטעלן, ער זאָל אים דערלויבן אין משך פון 3—4 טעג צושטעלן די נויטיקע צאָל מענטשן. קייטעל איז אויף דעם איינגעגאַנגען און איז אַוועק פון געטאָ מיט זיינע סאָלדאַטן. איצט איז גענס מיט זיין פּאָליציי צוגעטרעטן צו דער אַרבעט זייער ענערגיש. די גאַרמאַלע יידישע פּאָליציי איז פאַר אים ווייניק געווען. ער האָט פאַר דער אַקציע געשאַפן אַ ספּעציעלע געהילפס־פּאָליציי. די דאָזיקע נייע באַנדע איז באַשטאַנען פון אונטערוועלטניקעס, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען צו אַנטדעקן מעלינעס און דערפאַר אַליין באַפרייט ווערן פון פאָרן קיין עסטלאַנד. פון דער באַנדע אויסוווּרפן איז פשוט אוממעגלעך געווען אויסצובאַהאַלטן זיך.

די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג האָט געוווּסט, אַז אויף די פראָנטן ליידן די דייטשן איין מפּלה נאָך דער אַנדערער, און אַז דער סוף זייערער איז שוין גאָר נאָענט, האָט מען דעריבער געגומען גרייטן באַהעלטענישן אויף דער קריטישער איבערגאַנגס־צייט. באַהעלטענישן זיינען געמאַכט געוואָרן קונציקע, מיט יידישן שכל. די דייטשן האָלטן זיי קיינמאָל ניט אַנטפּלעקט. מ׳האָט געמאַכט אונטערערדישע דירות, פּאַראייניקט צו דעם צוועק קעלערן מיט אַרויסגענג מחוץ דעם געטאָ. אין די באַהעלטענישן איז אַריינגעפירט געוואָרן וואַסער־לייטונג, עלעקטרישע באַלויכטונג, דירעקט פון אונטערערדישע קאַבלען; צוגעגרייט זאַפּאַסן פון וואַסער, עסנוואַרג, ליכט, ראַדיאָס — הכלל, אַלץ וואָס מען קאָן באַדאַרפן אין משך פון וואָכן צי אַפילו חדשים, און דאָס פאַר אַ סך מענטשן. די באַהעלטענישן זיינען זייער גוט מאַסקירט געווען. מ׳פלעגט אין זיי אַריינגיין דורך אַ קינסטלעכן קלאָזעט, דורך אַ פּלאַטע, דורך אַן אויוון אָדער דורך אַנדערע מאַסקירטע ערטער. אָבער די נייע געהילפס־באַנדע האָט גענומען בושעווען ווי ווילדע חיות. פאַר זיי האָט נישט עקזיסטירט קיין שום באַהעלטעניש. אַלץ האָבן זיי געוווּסט. פאַרן פרייז פון ראַטעווען זיך און זייערע משפחות האָבן זיי גענומען אויפדעקן מעלינעס.

אונדזער דירה אַליין איז געווען אַ גוט באַהעלטעניש, ווייל זי איז אַרויס־געגאַנגען אויף יענער זייט געטאָ. דערצו נאָך האָבן מיר אין דער דירה גופא צוגעטראַכט אַ נייע מעלינע: מיר האָבן געעפנט די פּאָדלאָגע און דערגראָבן זיך צו אַ דערבייאיקן קעלער. דאָרטן האָבן מיר אויסגעבויט בלויז אַ קעסל אויף וואַסער. דאָס איז געווען אַ זייער פּרימיטיוו באַהעלטעניש, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע, אָבער אַ זיכערס.

גענס האָט צונויפגערופן אַ גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונג אויפן הויף פון רודניצקאַ 6. ער מיט זיינע יוצר־משרתים האָבן פון באַלקאָן גערעדט צום פאַרזאַמלטן עולם, אַז אַלע מוזן פאָרן אויף אַרבעט קיין עסטלאַנד, אָן שום אויסנאַם, אַז קיין שום פּראָטעקציעס וועלן ניט העלפן. ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס באַהאַלטן זיך וועט ניט העלפן, ווייל ער מיט זיין פּאָליציי וועט אַלע מעלינעס געפינען און דאַן וועט זיין ערגער, ווייל מ׳וועט אַרויסשיקן ווי מען שטייט און גייט. פרייוויליק קען מען מיט זיך נעמען קליידער, וועש, פּראָ־דוקטן א. א. וו.

דער עולם, הערנדיק די דרשות האָט זיך געבראָכן דעם מוח, וואָס טוט מען איצט? קלאָר איז געווען, אַז די רעדנער וועלן תס וחלילה אַליין נישט פאָרן, מען הייסט נאָר אַנדערע דאָס טאָן. דעריבער האָט מען נאָכן אויסהערן די דרשות באַשלאָסן... זיך גוט צו פאַרשטעקן. אַזוי האָב אויך איך געטאָן.

מיר זיינען אַראָפּ צו זיך אין דעם אונטערערדישן קעלער. צוזאַמען מיט אונדז האָבן זיך פאַרשטעקט נאָך אַ פּאָר צענדליק מענטשן. די גאַנצע שטוב מיט אַלעמענס האָב און גוטס איז געבליבן אויף הפקר. נאָך עטלעכע שעה זיצן אין לעבעדיקן קבר האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין געטאָ טוט זיך חושך; די פּאָליציי כאַפּט נאָר מענער, פּרוּוּון לאָזט מען צוריק. אונדזערע פרויען זיינען אַרויס פון "קבר" אין דער דירה אַריין. שפּעטער איז צו אונדז דערגאַנגען, אַז אויף סטראַשונאַ 15 האָט פּאַסירט אַזאַ פאַל: דאָרט זיינען פאַרבייגעגאַנגען קייטעל, גענס מיט יידישע פּאָליציאַנטן, און עמעצער זאָל האָבן אויף קייטעלן געשאָסן. גענס האָט פאַראָרדנט צו ברענגען גלייך אַ פּיראָטעכניקער, אַ ליטווין, מיט דינאַמיט און האָט אין אַ פּאָר שעה אַרום אויפגעריסן דעם גאַנצן פראָנט פון דעם הויז. דערביי זיינען אַ סך מענטשן אומגעקומען און פיל פאַרשאָטן געוואָרן. דאָס איז געווען דער ערשטער אַקט. אויף מאָרגן האָט מען ווידער אויפגעריסן עטלעכע הייזער אויך אויף סטראַשונאַ גאַס (אַמאָל קאָמעניצקער גאַס), דיסנער זאַולעק א.א. אַזעלכע גרוסן האָבן מיר באַקומען אין אונדזער אונטער־ערדישן באַהעלטעניש.

ביי יעדן אויפרייס פון אַ הויז זיינען געווען פאַרווונדעטע און נאָך מער פאַרשאָטענע. אַזוי האָט מען אָפּגעבושעוועט מיטוואָך, דאָנערשטיק און פרייטיק. פרייטיק בייטאָג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז נאָך אַלץ ווייניק מענטשן. איז דאַן געגנס אַוועק אין יידישן שפּיטאָל און אַרויסגעטריבן קראַנקע, דאָקטוירים, אַפּטייקערס, אָנגעשטעלטע און פון זיי געלאָזן נאָר אייניקע אין שפּיטאָל. אַזוי ווי זיי זיינען געשטאַנען אין די כאַלאַטן, אָן קליידער, אָן וועש, אָט אַזוי האָט זיי געגנס מיטן רעוואָלווער אין האַנט אַרויסגעטריבן פון שפּיטאָל־הויף צום געטאָ־טויער. זעענדיק אַזאַ חורבן, האָבן שוין אַ סך פון דער יידישער באַפעלקערונג אַליין גענומען גיין צום טויער. און איך מיט מיין זון, צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר צענדליק מענטשן, זיינען מיר דערווייל געווען באַהאַלטן אין אונדזער אונטער־ערדישן קעלער. אָבער ס'האָט אונדז אויסגעגעבן אַ פרוי, וועלכע איז פריער געווען פאַרשטעקט ביי אונדז און נאָך דעם ווי זי איז פון אונדז אַוועק, האָט מען צוגענומען אירן אַ באַקאַנטן. זי האָט אונדז פאַראַטן מיט דער כוונה צו באַפרייען איר באַקאַנטן. פּאָליציי איז געקומען מיט אַ פּלאַן פון דער מעלינע און צו אונדז אַריינגעשריגן, אַז מען וועט וואַרפן האַנט־גראַנאַטן אין קעלער. הערנדיק די געוואַלטיקע געשרייען פון אונדזערע פרויען, זיינען מיר אַרויס. מען האָט אונדז אַוועקגעפירט אויפן זאַמלפּונקט, אָבער אין לעצטן מאָמענט איז מיין טאָכטער געלונגען מיך צו באַפרייען פון זאַמלפּונקט אונטערן באַדינג, אַז איך וועל זיך מאָרגן אַליין צושטעלן. צוזאַמען מיט מיר איז אויך באַפרייט געוואָרן דער אַרטיסט סאַשע קרעמער. אָבער פון אונדזער מעלינע האָט מען

גלייך צוגענומען דעם אַלטן גילזן־מאַכער חיים באקאטורסקי, דעם אַנטיקוואַר אברהם כץ, שקאָלניק בצלאל א. א.

אויף מאָרגן שבת האָט מען צורו געלאָזט די מענער און גענומען זיך צו פרויען. האָבן מיר זיך געביטן מיט די ראָלן. מיין פרוי און טאָכטער האָבן מיר פאַרשטעקט, צוזאַמען מיט נאָך פרויען פון אונדזער דירה, און מיר מענער האָבן זיי געהיטן. אַזוי האָט די יידישע פּאָליציי אַרומגעשטורעמט 4 טעג. אין לעצטן מאָמענט האָט געגנס צונויפגערופן די הילפס־פּאָליציי, זיי געדאַנקט פאַר דער „געטרייער" אַרבעט און זיי אַוועקגעשיקט קיין... עסטלאַנד. אָט דאָס איז געווען די באַלוינונג פאַר דער באַנדע. שבת־פאַרנאַכט האָט מען געמאָלדן, אַז די אַקציע איז געענדיקט...

מ'האָט אָפּגעאָטעמט פרייער און אַרויס זען, ווי עס זעט אויס דאָס געטאָ. דאָס בילד איז געווען אַ שוידערלעכס. די גאַסן, הייזער, וווינונגען האָבן אויסגעזען ווי נאָך אַ שרעקלעכן פּאָגראָם — אַוועקגעוואָרפענע זאַכן, אין די וווינונגען אַלץ צעבראָכן, צעפלינדערט, איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ. די געבליבענע מענטשן צעשראָקן, בלייך, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים. ניט געשלאָפן, ניט געגעסן, 4 מעת־לעת געלעבט אין טויט־פּיין. אָבער דאָס לעבן איז שטאַרקער פון אַלץ. גלייך האָבן זיך אויסגעפונען פרישע אויסוואורפן, וועלכע האָבן זיך ווי בעסטיעס געוואָרפן אויף די פּוסטע הייזער און צעראַבעוועט די איבער־געבליבענע זאַכן, פאַרכאַפּט מעבל און דירות. קלאָר, אַז די ערשטע איז געווען די יידישע פּאָליציי... זיי האָבן אָפּגעלעקט אַ גוטביינדל אין די טעג! געווען פאַלן פון אויסקויפן זיך מיט גרויסע סומעס געלט, גאָלד. זיי האָבן אָנגעראַבירט יידיש האָב און גוטס, אַדורכגעווייקט מיט יידיש בלוט און טרערן!

די עטלעכע טעג איז קייטעל געווען אין געטאָ. ער פלעגט אַרומגיין איבער אַלע געסלעך און צוקוקן זיך, ווי די אַקציע גייט. איין ווערסיע איז געווען, אַז דאָס הויז אויף סטראַשונאַ 12 האָט מען אויפגעריסן צוליב דעם, וואָס מ'האָט פון דאָרטן געשאָסן צו קייטעלן. אַ צווייטע ווערסיע האָט דערציילט: אין געטאָ איז געווען אַן אָרגאַניזירטע, באַוואָפנטע יוגנט־גרופּע, אַמאָל מיטן קאָמוניסט איציק וויטענבערג און דעם געוועזענעם פאַרטרעטער פון פּאָליציי־שעף יוסף גלאַזמאַן אין דער שפּיץ. די דאָזיקע גרופּע האָט זיך באַפעסטיקט אויפן ספּאָרט־פּלאַץ אויף סטראַשונאַ 6. געגנס מיט זיין פּאָליציי האָבן מורא געהאַט דאָרטן צוצוגיין, האָבן זיי דעריבער די גאַנצע גרופּע געלאָזט רואיק פאַרבלייבן אויפן אָרט און אַפילו זיי באַזאָרגט אין יענע טעג מיט עסן. געגנס האָט שפּעטער מורא באַקומען, אַז אויך אַהין וועט זיך קייטעל דערקלייבן און אַנטדעקן

די באַוואָפנטע גרופּע, האָט ער דעריבער אויפגעריסן דאָס הויז, כדי קייטעל זאָל אַהין ניט קריכן...

די 4־טאָגיקע אַקציע פון צונעמען 5 טויזנט מאַן קיין עסטלאַנד האָט זיך פאַרענדיקט. די באַפעלקערונג האָט געגומען ביסלעכווייז „קומען צו זיך". זונטיק, דעם 5טן סעפּטעמבער, האָט מען שפּאַצירט פריי אין געטאָ. יאָ, ס׳איז געוואָרן זייער פריי און זייער ברווחות!... — טויזנטער מענטשן האָבן פאַרלאָזט זייערע ערטער, דירות זיינען געבליבן ליידיק.

עס זיינען אַוועק עטלעכע טעג. אויף אַרבעט אין שטאָט איז מען שוין כמעט ווי נישט געגאַנגען. דאָס יקרות אין געטאָ איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. מיט ברויט איז שוין געווען שווער. די גאַנצע צייט פלעגט אין געטאָ ברויט קאָסטן אומגעפער 40—50 רובל אַ קילאָ (4—5 מאַרק). איצט איז דער פּרייז פון ברויט דערגאַנגען ביז הונדערט און נאָך מער. די גאַנצע געטאָ־באַפעלקערונג, וועלכע האָט פריער געאַרבעט אין שטאָט ביי די דייטשן, איז אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט. (אַ חוץ די, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די געטאָ־וואַרשטאַטן). מ׳האָט געקלערט און גערעדט צווישן זיך: „ווי לאַנג קען דאָס אַזוי דויערן? יעקע וועט אונדז האַלטן אויף פּענסיאָן? ניט אַרבעטן און געבן עסן?" — מ׳האָט זיך געריכט אויף בייעס, אָבער וואָס וועט געשען, דאָס האָט מען נישט געוווסט.

## דער טויט פון געטאָ־פאַרשטייער גענס

לאַנג וואַרטן האָט מען ניט געדאַרפט. מאָנטיק אָוונט, דעם 13טן סעפּטעמבער 1943, איז דאָס געטאָ אויפגעציטערט געוואָרן פון אַ נייער באָמבע: מ׳האָט גענסן אַוועקגעפירט אין „געשטאַפּאָ". דאָרט אַהין פלעגט שטענדיק גיין גענסנס פאַרטרעטער, דעסלער, אָבער אויך גענס האָט געהאַט מיט זיי צו טאָן. דאָס מאָל האָט מען גלייך איבערגעגעבן, אַז גענס האָט פאַרן אַרויסגיין פון שטוב געזאָגט דער מאַמען, אַז אויב ער וועט אויף נאַכט ניט קומען אַהיים, זאָל מען שוין אויף אים מער ניט וואַרטן... דאָס געטאָ איז געווען שרעקלעך אויפ־גערודערט — גענסן צוגענומען, גענסן אַוועקגעפירט! צי דערנענטערט זיך אונדזער אַלעמענס סוף, אָדער איז עס עפּעס אַ צייטווייליקע, טיילווייזע גזירה?...
מען האָט ניט געקאָנט דערוואַרטן זיך. די נאַכט איז אַריבער אין פּיין און קלעמעניש. אָנשטאָט צו רעדן, ווי געוויינלעך, וועגן פּאָליטיק, האָט מען איצט גערעדט נאָר וועגן איין זאַך: גענס...

אויף מאָרגן האָט מען זיך פון דעסלערן דערוווסט, אַז... ער ווייסט גאָרניט וועגן גענסן... אָבער אין געטאָ האָט מען שוין גערעדט, אַז מיט אַ טאָג־צוויי פריער האָט דער געשטאַפּאָוויעץ ווייס מתרה געווען גענסן, אַז מען וועט אים

די טעג אַרעסטירן. ער האָט אים געעצהט צו אַנטלויפן... גענס האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון אַנטלויפן...

דינסטיק, דעם 14טן סעפּטעמבער, ד.ה. אויף מאָרגן נאָכן אַרעסט, איז אין געטאָ געקומען קייטעל מיט אַן אָפיציר און געהייסן גלייך צונויפרופן אַן אַפּעל פון דער יידישער פּאָליציי אין לאָקאַל פון דער קאָנדיטאָריי, ראָג רודניצקער און דיסניענסקי. דאָרט האָט קייטעל דערקלערט, אַז אַזוי ווי גענס האָט ניט דערפילט די פאָדערונגען פון דער העכערער דייטשער מאַכט, איז ער דערשאָסן געוואָרן. זיין פּאַרטרעטער דערווייל וועט זיין דעסלער, ביזן מאָמענט, ווען עס וועט באַשטימט ווערן אַן אַנדערער געטאָ־פּאָרשטייער. (ווען מיר זיינען מיט צוויי וואָכן שפּעטער געפאָרן קיין עסטלאַנד, האָט אונדז אין וואַגאָן דער־ציילט אַ געוויסער וואַראַן — זיין ראָל אין געטאָ: מאַכן געשעפטן מיט דייטשן ביים אַרויסנעמען מענטשן פון טורמע — אַז ער, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע יידן, דעמאָלט אַרעסטירטע אין געשטאַפּאָ אויף ראָסע, האָבן דעם אָוונט באַגראָבן עפּעס אַן אָנגעזעענעם מענטש, און ווי זיי זענען משער, איז דאָס געווען גענס, וועמען מען האָט דערשאָסן אין געשטאַפּאָ).

די יידישע פּאָליציאַנטן זיינען אַרויס גאַנץ צעטומלטע פון דעם אַפּעל. אַזאַ בראָך! — זייער גאָט, זייער האַר, זייער ברויטגעבער גענס — האָט מען דערשאָסן! די ידיעה איז בליץ־שנעל זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבערן געטאָ. מיר האָבן זיך געבראָכן דעם קאָפּ — וואָס באַדייט דער שאָס: צי איז דאָס אַ שאָס אויף דעם מענטש, וועלכער האָט מיט זיי געהאַט צו טאָן, און ווייסט אפשר אַ סך סודות, אָדער אפשר איז דאָס אַ שאָס אין דער גאַנצקייט פון געטאָ. אַמשוידערלעכסטן האָט אָבער די ידיעה געטראָפן, ווי געזאָגט, דער יידישער פּאָליציי. ווען מען זאָגט זיי, אַז דאָס גאַנצע ווילנער געטאָ דאַרף אויסגעשאָכטן ווערן, נאָר איין גענס מיט זיי זאָלן בלייבן, וואָלטן זיי דאָס אַליין געטאָן מיט די אייגענע הענט. זיי פלעגן שיקן טויזנטער מענטשן אויף פּאָנאַר, אין עסטלאַנד, אומעטום, אַבי זיך צו ראַטעווען און דאָ, נאַדיר, אַזאַ בראָך, גענסן אַליין געפּטרט, היינט ווער זיינען זיי? וואָס פּאַראַ ווערט, מ׳שטיינסגעזאָגט, האָבן זיי? פּאַרנאַכט האָט די פּאָליציי גלייך איינגעאָרדנט אַן אזכרה אין דער קצבישער קלויז, וווּ דער רב האָט געמאַכט אַ הספד אָנהויבנדיק מיט די ווערטער: „אין לנו אב״ דערנאָך האָט גענסנס ברודער, סאַלאָמאָן, געדאַוונט מנחה, געזאָגט קדיש. עס האָט נאָך גערעדט דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר מושקאַט. די גאַנצע צייט פון הספד איז סאַלע דעסלער געשטאַנען ביי דער בימה מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין די מעשענע ווענטלעך און ניט אויפגעהויבן די אויגן. ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זיין געוויסן איז עפּעס ניט אינגאַנצן ריין — אָדער ער ציטערט פאַר זיין אייגענער הויט, ווייל

איצט איז דאָך זיין ריי... די שטימונג אין געטאָ איז געווען אַ פיינלעך־געדריקטע. יעדער האָט געפילט, אַז שוואַרצע וואָלקנס רוקן זיך אָן אויף אונדזערע קעפּ. יעדערן האָט דאָס האַרץ געפּרעסט, ווי פודן משאות וואָלטן געלעגן אויף דער ברוסט. מ׳האָט צווישן זיך ניט גערעדט, זיך ווייניק געקימערט צוליב דעם שווידערלעכן יקרות, וואָס איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג. איין מחשבה האָט געעקבערט אין מח: „מה ילד יום״ — וואָס וועט דער נאָענטסטער טאָג ברענגען. טויט־אַנגסט האָט מען געזען אין יעדנס אויגן, ווי פאַרסמטע חיות זיינען מיר אַרומגעגאַנגען איבער די פוסטע געסלעך פון געטאָ און געפילט, אַז מיר זיינען אַלע פאַראורטיילט צום טויט. אָבער ווי ראַטעוועט מען זיך אַרויס פון דער שרעקלעכער לאַגע? ווּ פאַרשטעקט מען זיך מיט אַן אַלטער מאַמען, מיט אַ פרוי, מיט קינדער? דאָס איז דאָס טראַגישסטע — מ׳זעט די געפאַר, מ׳פילט דעם טויט מיט אַלע חושים, און ס׳איז ניטאָ קיין אויסוועג... אַ פאַר־פינצטערטער פלעג איך מיט מיין פרוי און טאָכטער זיך ברעכן דעם קאָפּ, וואָס טוט מען?

דאָס איינציקע שטיקעלע טרייסט אין די טעג זיינען געווען די קאָמוניקאַטן פון פראָנט. ס׳איז איבעריק צוצוגעבן, אַז די דייטשע קאָמוניקאַטן האָבן ווייט־ווייט ניט אָפּגעשפּיגלט די אמתע לאַגע אויפן פראָנט, אַ סך ניט דערזאָגט, אַ סך געלייקנט און פאַרלייקנט. אָבער דאָך פלעגן מיר צווישן די שורות קלאָר און דייטלעך זען, אַז זייער מפּלה האָט זיך שוין אָנגעהויבן. ס׳איז פאַרשוווּנדן ביי זיי דער קוראַזש. מ׳רעדט שוין ניט וועגן נעמען מאָסקווע, לענינגראַד. פון סטאַלינגראַד איז מען אָפּגעטרעטן און מ׳האַלט שוין ביים אָפּטרעטן פון סמאָלענסק. מיט ידיעות איז לעצטנס געוואָרן שווער, ווייל זייער ווייניק מענטשן זיינען געווען אין שטאָט ביי דער אַרבעט. אָבער דאָך האָט דערווייל גענוגט דאָס, וואָס מיר האָבן געוווּסט. מען דאַרף נאָר ספּעקו־לירן און געווינען וואָס מער צייט — דאָס איז געווען אונדזער באַגער, אונדזער האָפענונג. אפשר וועט געשען אַ נס, אַז זייער בראָך וועט קומען פּלוצלינג און מיר וועלן געראַטעוועט ווערן! נאָר מיט די געדאַנקען האָבן מיר געלעבט.

## די ה.ק.פּ.־מהומה

דערווייל איז אָבער אין די פּאָר טעג אין געטאָ אויסגעבראָכן אַ נייער טומל: מען נעמט מענטשן אויף ה. ק. פּ... דאָס איז געווען אַ דייטשישער וואַרשטאַט, ווּ מ׳פלעגט פאַרריכטן מאַשינען, אויטאָס, געווער א. א. וו. די וואַרשטאַטן האָבן זיך געפונען אין אַ סך טיילן פון שטאָט, אָבער זייט מען האָט פאַרווערט אַרויסצוגיין אין שטאָט אויף אַרבעט, זענען די עטלעכע הונדערט ה.ק.פּ.־

אַרבעטער געבליבן אין געטאָ. איצט האָט מען געזאָגט, אַז ה.ק.פּ. אָרדנט איין אַ גרויסן וואַרשטאַט אויף רוזעלע (סובאטש־גאַס, אין „די נייע זדאניעס״. דאָס זענען געווען גרויסע דירות־בלאָקן, אויסגעבויט אין 1904 דורך דער יידיש־פראַנצויזישער פילאַנטראָפּישער געזעלשאַפט „יקא״) מיט דירות פאַר אירע יידישע אַרבעטער. אַזוי אַרום וועלן די עטלעכע הונדערט מאַן מיט זייערע פאַמיליעס אַרויס פון געטאָ, ווי די אַרבעטער פון דער פאַבריק „קייליס״. מ׳האָט זיך פאַרשריבן אויף צו פאָרן אין בלאָק פון ה.ק.פּ. פאַרשטעלנדלעך, אַז געפאָרן זיינען אַלע, וואָס האָבן געקענט דער יידישער פאָליציי באַצאָלן מיט גאָלד. אַרויסגעפאָרן זיינען אַלע אַחוץ... אַרבעטער.

אַזוי האָט זיך אָפּגעטומלט אין געטאָ עטלעכע טעג, ביז שבת אינדערפרי. דעם 18טן סעפּטעמבער איז אין געטאָ געקומען קייטעל מיט עטלעכע לאַסט־אויטאָס און דערקלערט, אַז ער דאַרף תיכף האָבן עטלעכע הונדערט יידישע פאַך־אַרבעטער אין די ה.ק.פּ.־וואַרשטאַטן. לכתחילה האָבן זיך עטלעכע הונדערט באַלמעלאָכעס אַ לאָז געטאָן צום פאָרן אַהין. אָבער ווען קייטעל האָט זיך ניט געאיילט צו נעמען די פאַררעגיסטרירטע, איז מען עפּעס אָפּגעקילט געוואָרן און גענומען קוקן מיט פאַרדאַכט אויף דער גאַנצער אונטערנעמונג.

שפּעטער, ווען די פּאָליציי האָט גערופן די פאַרשריבענע, האָט זיך קיינער ניט צוגעשטעלט. קייטעל האָט באַפוילן דעם נייעם געטאָ־פאָרשטייער, ביעניאַ־קאָנסקין, נעמען די מענטשן מיט געוואַלט.

די פּאָליציי האָט ווידער זיך אַרויסגעלאָזט אויף כאַפּענישן און זוכענישן. עס איז אַנטשטאַנען אַ נייע מהומה. אָבער לאַנג האָט דאָס ניט געדויערט. קייטעל האָט אַלע געכאַפּטע אָפּגעלאָזט און איז אַוועקגעפאָרן. וואָס קייטעל איז אויסגעווען, האָט קיינער ניט געוווּסט און ניט פאַרשטאַנען. משמעות, אַז עס האָט זיך אים פאַרוואָלט צעמישן די מוחות פון די איבערגעבליבענע און זיי מאָראַליש צעברעכן פאַרן לעצטן טויט־קלאַפּ, וואָס ער האָט געגרייט פאַרן געטאָ. קיין אַנדערע אויסטייטשונג פאַר אָט די געשעענישן איז ניטאָ. דעם גאַנצן טאָג איז קייטעל געווען אין געטאָ. קיין פאָרשטייער ווער עס זאָל מיט אים רעדן, איז ניט געווען. ער איז געשטאַנען און געשמועסט מיט יידישע ווייבער. זיי האָבן זיך צו אים געוואָגדן: „הערעלע, קייטעל, נעמען זי מיך צו דער אַרבעט אין ה.ק.פּ.״ „היינט ניט״, ענטפערט ער, „היינט נאָר מענער. עס וועט קומען אייער צייט אויך״. יאָ, יאָ, עס וועט קומען זייער צייט אויך... דער „הערעלע״ האָט זיך אַזוי לוסטיק געמאַכט און געפלוידערט מיט אַלעמען. די פאָרשטייער פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג זענען זיך צעלאָפן, ווי די מייז. צוויי יאָר האָבן זיי, אָט די „פאָרשטייער״ געלעבט, גוט געלעבט אויפן חשבון

פון דער געטאָ־באַפעלקערונג, און ווען ס'איז געקומען אַ וואָגיקער און דרינ־גענדיקער מאָמענט, כדי אַ ביסל קלאָר צו מאַכן די לאַגע, איז ניט געווען ווער עס זאָל דאָס טאָן.

## ליקווידיר־אַקציע פון געטאָ

### די יוגנט לויפט אין וואַלד אַריין

ס'איז אַזייגער צוויי בייטאָג. דאָס געטאָ איז אויפגעטרייסלט פון אַ נייער סענסאַציע: סאַלע דעסלער, דער הויפט־פאַרבינדלער פון געטאָ מיט געשטאַפּאָ, איז מיט זיין פרוי אַנטלאָפן פון געטאָ. מען האָט געזוי איבערגעגעבן, ווי פרוי דעסלער (אַ יונגע פרוי פון לאָדזש) איז אַרויס מיט אַ קליינעם טשעמאָ־דאַנטשיקל פון געטאָ און דערנאָך איר מאַן סאַלע. מ'האָט איבערגעגעבן, אַז דעסלער האָט מיטגענומען מיט זיך דעם גאַנצן גאָלד־אוצר פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג — געשאַצט אין עטלעכע טויזנט דובל אין גאָלד און ברילי־אַנטן. עס האָבן זיך אויך באַשטעטיקט די קלאַנגען, אַז מיט אַ פּאָר שעה פריער איז פון געטאָ אַרויס דער אַלטער פעליקס דעסלער (דער פאָטער פון סאַלע) מיט זיין פרוי. הייסט דאָס, אַז מיטן געטאָ האָלט שמאָל.

אין געטאָ איז מען אויפגעבראַכט געווען ניט אַזוי פון דעם אַנטלויפן פון סאַלע דעסלערן, ווי פון דעם פאַקט, וואָס ער האָט זיך דערלויבט צוצונעמען דאָס ביסל קהלישע גאָלד. אין אַזאַ מאָמענט איבערלאָזן אַן עדה יידן אָן שום מיטלען...

וואָס ווייטער איז מען אַלץ מער דערגאַנגען, אַז ניט נאָר דעסלער איז אַנטלאָפן, נאָר עס זיינען אויך אַנטלאָפן עטלעכע העכערע לייט, ווי דער קאָמענדאַנט פון טויער־וואַך — דער טרויעריק באַרימטער לעוואס מיט זיין פרוי און שוועער קושניר. עס איז אויך אַנטלאָפן דער פּראָקוראָר טשעסלאָוו נוסבוים־אַלטאַשעווסקי (געוועזענער רעדאַקטאָר פון דער גרויסער פוילישער צייטונג אין לאָדזש, „רעפּובליקאַ"). דאָס געטאָ איז געבליבן אויף הפקר, די שטימונג איז געוואָרן אַ שווידערלעך געדריקטע.

יעדע נאַכט פלעגן גרופּעס יונגעלייט אַוועקגיין פון געטאָ אין וואַלד אַריין צו די פּאַרטיזאַנער. אַ סך מענטשן זיינען אַרויס פון געטאָ און אַוועק צו באַקאַנטע קריסטן. אַ טייל האָט זיך דאָך איינגעגעבן אַריינצוקריגן אין „קייליס" און ה.ק.פּ.־בלאָקן. אָבער פּאָר דעם איבערגעבליבענעם עולם, אין דער צאָל פון בערך 12 טויזנט מאַן, איז קיין רעטונג ניט געווען. ניטאָ ווו זיך צו

באַהאַלטן, ניטאָ ווו צו לויפֿן. מען מוז דעם בעכער צרות אויסטרינקען ביזן סוף. מיר בלייבן אויפֿן אָרט!

דערווײַל איז דאָס לעבן אין געטאָ געוואָרן פֿון מינוט צו מינוט בראַנד־טייער. ברויט איז שוין דערגאַנגען ביז 250 רובל פֿאַר אַ לעבל פֿון 2 ק"ג. פּוטער און פֿלייש זײַנען דערגאַנגען צו אַסטראָנאָמישע ציפֿערן. ברויט אַרײַנ־פֿירן פֿלעגט מען פֿון די ליטווישע „רוטע־קראָמען", לויט דער נאָרמע: 120 גראַם אויף אַ מענטש אַ טאָג. אָבער די פֿורמאַנעס האָבן בײַם אַרײַנפֿירן דאָס לעגאַלע ברויט אַרײַנגעשמוגלט אויך אַ סך ניט לעגאַל ברויט.

אין אָט די גרויליקע טעג זײַנען עטלעכע טויזנט מאַן אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט. מ'האָט ניט אַרויסגעלאָזט אין דער שטאָט אַרײַן. אַזוי, אַז אַלע האָבן מיר זיך געשטיקט אין זיך און מיט זיך. די טעג האָבן זיך געצויגן אין פּײַן, די לופֿט איז געווען ממש אָנגעלאָדנט מיט פֿאַרנעפּלטן אויפֿרייס־מאַטעריאַל — וואָס פֿאַר אַ נײַעם סיורפּריז גרייט „יעקע" פֿאַר אונדז ייִדן!

דאָס געזעלשאַפֿטלעכע לעבן אין געטאָ איז קאָנצענטרירט געווען הויפּט־זעכלעך אין די וואַרשטאַטן. דאָרט, בײַ דער אַרבעט זײַנען נאָך געווען ביסלעכווײַז באַלמעלאָכעס, אַרבעטער. די אַנדערע געטאָ־אינסטיטוציעס זײַנען שוין געגאַנגען ווי אַ שיף אָן אַ רודער. דאָס שפּיטאָל, די אַמבולאַטאָריע האָבן קוים־קוים געזשיפּעט. די דאָקטוירים, די אַפּטייקער, די שוועסטערס זײַנען אַרויסגעפֿאָרן אין עסטלאַנד. דאָ זײַנען געבליבן נאָר אייניצלנע מענטשן. אָבער וועד האָט שוין געדאַרפֿט אינסטיטוציעס, צו וואָס? — אַלע האָבן געוואַרט אויף דעם נײַעם ענדגילטיקן קלאַפּ, וואָס מוז קומען. אָט אַזוי זײַנען אַריבער נאָך אַ דרײַ טעג. דינסטיק בײַנאַכט איז פֿאָרגעקומען אַ זיצונג פֿון דער געטאָ־פֿאַרוואַלטונג: דער נײַער געטאָ־פֿאַרשטייער ביעניאַקאָנסקי, אַדוו. מילקאָנאָ־וויצקי, אינזש. פֿריד, דער שוסטער פֿישמאַן, אינזש גוטמאַן, סאַלאָמאָן גענס א. א. זיי האָבן, ווייזט אויס, עפּעס זיך דערוווּסט, איז מען זיך צוזאַמענגעקומען אַרומצורעדן די לאַגע. געענדיקט האָט זיך די אסיפֿה — ווי ס'האָט דערציילט דער אַרטיסט שבתאי בליאַכער — מיט אַ באַשלוס צו נעמען פֿאַר זיך פֿון די געטאָ־וואַרשטאַטן צו פֿאַר נײַע שטיוול, וואַרעמע וועש און נאָך קליידער...

דעם 23טן סעפּטעמבער 1943, דאָנערשטיק אַזייגער 5 פֿאַרטאָג, זײַנען מיר אויפֿגעוועקט געוואָרן פֿון אַ געשריי, אַז דאָס געטאָ איז אַרומגערינגלט. מיר זײַנען אַרויסגעשפּרונגען פֿון די בעטן און אַרויס אויפֿן הויף פֿון רודניצקער גאַס 6. דאָ האָבן מיר דערזען אַ גאַר גרויסע באַוועגונג. פּאָליציי לויפֿט אַרום ווי פֿאַרסמט. דאָס געטאָ איז טאַקע אַרומגערינגלט דורך אוקראַאינער. דורך אַ שפּאַלט אין אונדזער טויער, וואָס איז אַרויס אויף קאָנסקי פֿון יענער זײַט

געטאָ, האָבן מיר געזען, ווי עס שפּאַצירט אַרום אַהין און צוריק אַ מיליטערישער פּאַטראָל, וואָס רעדט צווישן זיך אוקראַיניש.

אויפן הויף האָט זיך גענומען קלייבן אַן עולם. פּאָליציי איז געגאַנגען פון גאַס צו גאַס, פון הויז צו הויז און גערופן אַלעמען צו קומען גלייך אויף רודניצקי 6, ווו מען דאַרף מודיע זיין עפּעס וויכטיקס. דערווייל זיינען אויפן הויף אָנגעקומען קייטעל מיט אַ פאָרשטייער פון ווילנער געביטס־קאָמיסאַריאַט, לאַקנער. זיי זיינען געגאַנגען מיט ביעניאַקאָנסקין און געהייסן צונויפרופן אַלע־מען אויפן הויף. מען האָט מורא געהאַט צו קומען. ס׳איז אָבער קלאָר געווען פאַר אַלעמען, אַז ס׳איז ניטאָ וואָס צו פאַרלירן. וואָס עס דאַרף געשען, זאָל וואָס גיכער געשען. ניטאָ שוין קיין נערוון, קיין געדולד, ניטאָ שוין קיין כוח. האַלב־טויטע איז מען זיך צונויפגעקומען אַרום באַלקאָן פון דעסלערס וווינונג. אויפן באַלקאָן זיינען אַרויס קייטעל, לאַקנער און ביעניאַקאָנסקי מיט אַ גרויסע בלעכערנע טרובע. דער פאָרשטייער פון ווילנער געביטס־קאָמיסאַר לאַקנער האָט איבערגעלייענט פון אַ פּאַפּיר פאָלגנדיקן באַפעל:

„אין נאָמען פון דעם רייכס־קאָמיסאַר פון די אָסט־געביטן באַפעל איך, אַז דאָס ווילנער געטאָ, וואָס עקזיסטירט העכער צוויי יאָר, זאָל ליקווידירט ווערן. אַלע איינוווינער דאַרפן אין משך פון היינטיקן טאָג אַרויסגעפירט ווערן טיילווייז קיין עסטלאַנד און טיילווייז קיין ליטע. אין די אינטערעסן פון דער באַפעלקערונג ליגט — רואיק צופאַסן זיך צו דער פאַראָרדענונג, פאַרפּאַקן זיך ביז 12 אַזייגער און אין אָרדענונג פאַרלאָזן די טויערן פון געטאָ״.

דעם דאָזיקן באַפעל האָט ביעניאַקאָנסקי איבערגעגעבן צוויי מאָל דורך דער טרובע אין יידיש, און דערנאָך האָט קייטעל צוגעגעבן עטלעכע ווערטער:

„אַלע מוזן לויטן באַפעל פאַרלאָזן דאָס געטאָ. אויב מען וועט זיך ניט איז בלייבן, וועט מען די הייזער אויפרייסן מיט דינאַמיט״.

ווי געפּלעפּטע איז מען געבליבן שטיין אויפן אָרט. ס׳איז אין ערשטן אויגנבליק שווער געווען זיך צו אָריענטירן, וואָס דאָ קומט פאָר. פאַרלאָזן דאָס געטאָ? וווהין? קיין עסטלאַנד, ליטע? און אפשר איז דאָס אַ שפּאַציר אויף פּאָנאַר! מיין ליבער גאָט, מען קען דאָך פון זינען אַראָפּ! צי וועט קיינמאָל קיין סוף ניט נעמען צו אונדזערע ליידן און צרות!... אַוועקגיין פון געטאָ? צי וועלן אַלע אַוועקגיין, אָדער אַ טייל פּריווילעגירטע וועט בלייבן?... מ׳דאַרף דאָך דאָס וויסן, כדי זיך צו אָריענטירן גענוי אין דער סיטואַציע. אָט דאָס איז דאָך די וויכטיקסטע שאלה.

ניט לאַנג קלערנדיק שפּאַר איך זיך צו צו די גייענדיקע, קייטעל און לאַקנער, און פרעג זיי: „פון געטאָ גייען אַלע אַן אויסנאַם אַוועק, אָדער אַ טייל פּריווילעגירטע וועט איר דאָ איבערלאָזן, ווי עס פּלעגט זיך ביז

היינט פירן ביי פאַרשיידענע אַקציעס". זיי האָבן זיך אויף אַ מאָמענט אָפּגע־שטעלט אויפן הויף און לאָקנער האָט געענטפערט: „קיינע פּריווילעגירטע זיינען איצט נישטאָ. דאָס געטאָ ווערט פולשטענדיק ליקווידירט... אַלע מוזן אַוועקגיין... נאָר רואיק... יאָ, נאָר רואיק..." דער עיקר פלעגן די באַנדיטן וועלן, אַז אַלע גירוש־אַקציעס זאָלן נאָר אַדורך רואיק...

נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת מיט מיין פרוי און טאָכטער האָבן מיר באַשלאָסן, אַז די פרוי מיט דער טאָכטער גייען פּאַקן די זאַכן און איך וועל זוכן אַ וועג, ווי דאָך צו בלייבן אין ווילנע... דערווייל, אַז דער עולם איז אַרויס פון הויף, האָט מען זיך געלאָזט ווי ווילדע חיות ראַבירן אַלע געטאָ־סקלאַדעס. אַלע זיינען לעצטנס געווען זייער אויסגעהונגערט, און אין די געטאָ־פאַרוואַלטונג־סקלאַדעס זיינען געווען מאַסן פּראָדוקטן. מ'האָט טאַקע גלייך אויפגעריסן אַלע סקלאַדעס און אָנגעהויבן שלעפּן פּעק און זעק מיט מעל, ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן. דערנאָך איז מען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין די הייזער און גענומען פּאַקן די זאַכן, און אויך געכאַפּט אַ געדאַנק וועגן באַהאַלטן זיך אין... מעלינעס. דערווייל האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַ טייל פּריווילעגירטע טוער פון געטאָ־פאַרוואַלטונג האָט באַקומען אַ דערלויבעניש אַריינצופאָרן אין ה.ק.פּ.־בלאָק. הייסט דאָך דאָס, אַז ניט אַלע פאָרן קיין עסטלאַנד, אָדער ליטע... אַז מ'האָט ווידער צו טאָן מיט פּריווילעגירטע. אויב אַזוי מוז איך אויך זיך אַרומקוקן צו בלייבן אין שטאָט, און די געדאַנקען פּייניקן: וווהין פאָרט מען, צי וועט מען איבערהויפּט דערפאָרן? ווי לאַנג קענען אַזעלכע מענטשן, ווי איך מיט מיין פרוי און קינדער, אויסהאַלטן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער? אפשר איז פאָרט פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו בלייבן אין ווילנע. ווי ביטער ס'איז דאָ, דאָך איז מען צווישן אייגענע, פריינט, באַקאַנטע, חברים א.א.וו.

פּלוצלינג האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף אַן אָפיציר, וואָס איז געקומען פון ה.ק.פּ. אין געטאָ אַריין. נאָך אַ קורצן שמועס האָט ער מיר געגעבן אַ צעטעלע אַריבערצופאָרן אין ה.ק.פּ.־בלאָק אַלס דעזינפעקטאָר. איבערגליקלעך האָבן איך געכאַפּט מיין פרוי, מאַמען און קינדער און מיר האָבן זיך מיט אונדזערע זאַכן אַריינגעזעצט אין אַ לאַסט־אויטאָ גרייט צו פאָרן. אָבער דאָ זיינען אַרויס די אַרבעטער פון די מעכאַנישע וואַרשטאַטן מיט זייער פירער רייבמאַן בראש און געמאַכט אַ געוואַלד, אַז מיר האָבן פאַרנומען זייערע ערטער. זיי האָבן זיך אויף אונדז געוואָרפן ווי ווילדע חיות, גענומען שלעפּן, רייסן, וואַרפן די פּעקלעך. ס'איז געוואָרן אַ טומל, אַ רעש. דער שאָפער איז צו צום אויטאָ, פונאַנדערגעטריבן אַלעמען און איז אַוועקגעפאָרן אַ ליידיקער... אונדזער פאַרצווייפלונג איז געווען ניט צו באַשרייבן. דאָ איז צו צו מיר דער דיכטער חיים סעמיאַטיצקי, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געלעבט אין

ווילנער געטאָ, און מיך אַ פרעג געטאָן: „מענדל, וואָס טוט איר?" „איך ווייס ניט געגנוי וואָס איך טו" — ענטפער איך. „און וואָס טוט איר, חיים?" „איך בלייב דאָ אין אַ מעלינע". מער האָבן מיר זיך שוין ניט געזען. חיים סעמיאַטיצקי איז געבליבן אין ווילנער ה. ק. פּ. אין אַ צייט אַרום האָט געשטאַפּאָ געכאַפּט אויף דער גאַס אַ יידישע משפחה, אַ חוץ דער פאַמיליע האָט מען אויך פון ה.ק.פּ.־הויז צוגענומען 50 יידן און זיי אַלע דערשאָסן. דער אַכט־און־פערציקסטער איז געווען חיים סעמיאַטיצקי...

אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך זיך געטראָפן מיט אברהם זיידשנור — „וואָס טוט איר, אברהם?" — פרעג איך אים. „איך בלייב אין אַ מעלינע". זיידשנור האָט טאַקע אָפּגעפּינצטערט ביי 2 חדשים אין אַ מעלינע אין געטאָ און צום סוף האָט אים אַ יידישער פּראָוואָקאַטאָר אויסגעגעבן.

פאַרצווייפלטע און הילפלאָזע זיינען מיר מיט אונדזערע פעקלעך געבליבן אויפן הויף, פלוצלינג — אוי וויי, מיין מאַמע איז ניטאָ, וויי און ווינד איז מיר, מאַמע, מאַמע, טייערע מאַמע, ווו ביסטו!?

מיין פרוי און קינדער ברעכן אויס מיט אַ געוויין.

ניטאָ די מאַמע, ניטאָ די שוויגער, ניטאָ די באָבע, די טרייע איבערגעגעבענע באָבע...

די טראַגישקייט פון דער לאַגע איז אָבער געווען אַזאַ, אַז וועגן דעם גרויסן אומגליק, האָט מען לאַנג ניט געקענט קלערן. מ'דאַרף זיך ראַטעווען. מיר זיינען דאָך נאָך 4 פּערזאָן, וואָס ווילן נאָך לעבן, צוויי יונגע קינדערלעך, וואָס האָבן נאָך קיין גוטן טאָג אויף דער וועלט ניט געהאַט.

דער עולם איז געגאַנגען דורכן טויער, דאָס געטאָ איז געוואָרן שיטער און שיטערער. ס'איז אָנגעקומען דער אָוונט, מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרשטעקן זיך ערגעץ־ווו איבער דער נאַכט. געזען האָב איך, אַז פון געטאָ גייען אַרויס אַלע אַ חוץ די קאַרטן־קעפּ. זיי זיינען רואיק און וואַרטן אויף עפּעס. על כן בלייבן מיר אויך נעבן זיי. מען דאַרף זען, וואָס דאָ קומט פאָר, צי שטעקט דאָ ניט ווידער עפּעס אַ שטיקל אַרבעט...

אַזוי האָבן מיר זיך אַריינגעכאַפּט אין דער הויפּט־פּאָליציי־קאָמאַנדע, ווו מיר האָבן געטראָפן אַ מאַסע מענטשן, אַלע פּאָליצייאישע משפחות — זייער מעלינע איז די פּאָליציי־קאָמאַנדע. אויב אַזוי, בלייבן מיר דאָ איבערנאַכט פאַר יעדן פּרייז, טראָץ די פּרווון אונדז משלח צו זיין פון דאַנען. די גאַנצע קאָמאַנדע איז געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן און געפּעק. אַלע ווײַלע האָט דער פּאָליציי־אינטענדאַנט אַריינגעטראָגן וואַסער, פלעשער וויין און פּושקעס קאָנסערוון אין אַנטקעגנדיקן קאַבינעט, ווו עס זיינען געזעסן קייטעל און אַנדערע דייטשן. מ'האָט דאָרט געשיכורט, געפרעסן און געזויפן אַ גאַנצע

נאַכט. ביינאַכט איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אַ געשעפט — פאַר אַ גרעסערע סומע געלד האָט מען מיט אַן אויטאָ אַרויסגעפירט אַ פּאָר צענדליק מענטשן אין ה. ק. פּ. אַז כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז עס דאַרף זיין נאָך אַ מאַשין האָב איך גענומען מיין פרוי און קינדער מיט אַ ביסל זאַכן (די איבעריקע פּעק געלאָזט אויף הפקר) און מיר זיינען אַוועק צום געטאָ־טויער. דאָס איז געווען אַזייגער 4 פאַרטאָג. ביים טויער האָבן נאָך געבושעוועט עטלעכע יידישע הפקר־יונגען — פּאָליציאַנטן, און אונדז געטריבן פון אָרט, ניט לאָזנדיק וואַרטן אויף דעם אויטאָ — אַלץ פאַר זיי... זעענדיק, אַז דערפון וועט גאָרניט אַרויסקומען, איז אונדזער באַשלוס געווען צוריקצוגיין אין דער הויפּט־קאָמאַנדע און דאָרט וואַרטן ביז טאָג. אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען סאַלאָמאָן גענס, דער ברודער פון דערשאָסענעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט, און זיך געוואָרפן אויף אונדז, ווי אַ ווילדע חיה: „וואָס, איר גייט צוריק פון טויער? איר ווילט אומגליקלעך מאַכן דאָס געטאָ! דאָ בלייבט איר, באַלבערישסקי, מיט אייערע, נישט רירן זיך פון אָרט, שטיין בלייבן”. „וואָס רעדט איר, געגס, מען קען נאָך אומגליקלעך מאַכן דאָס געטאָ, איר קענט נאָך אַלץ ניט פאַרגעסן אייערע אַלטע שטיק” — „שווייגט, ווייל איך וועל אייך צעמזיקן”, און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיר מיט אַ נאַהייקע און געגעבן אַ קלאַפּ. די קינדער האָבן גענומען וויינען און שרייען, ער איז אַוועק, באַפעלנדיק אַ פּאָליציאַנט, מ׳זאָל אונדז היטן. אָבער אין אַ פּאָר מינוט אַרום זיינען מיר, אומבאַמערקט, דאָך אַוועק פון טויער און צוריק געקומען אין דער קאָמאַנדע. דאָ האָט אונדז אָבער געטראָפן אַ ניי אומגליק. ביים אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַ יידישער פּאָליציאַנט און ניט אַריינגעלאָזט. וויאַזוי מיר האָבן אים אַלץ נישט געבעטן, ער זאָל רחמנות האָבן אויף אונדז און אַריינלאָזן אינעווייניק, ווו מיר זיינען געווען די גאַנצע נאַכט און ווו עס זיינען געבליבן אונדזערע זאַכן, האָט עס ניט געהאָלפן. ס׳איז אַרויס דער קאָמיסאַר אסטער און אונדז גענומען אַריינגטרייבן אין טעאַטער־בנין, וואָס איז געווען אויפן זעלבן הויף. אַהער האָט מען צונויפגעטריבן אַ סך מענטשן, וואָס האָבן ניט באַוויזן אַרויסצוגיין פון געטאָ ביז אָוונט, און זיי געהאַלטן איבער נאַכט. פאַר דעם בנין האָבן מיר זייער מורא געהאַט, ווי מען האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן, האָבן דאָרט ווידער געבושעוועט פּאָליציאַנטן. די דאָזיקע חברה־לייט האָבן דאָרט „געמאַכט” פאַרשידענע ליסטעס, ווער עס זאָל פאָרן קיין עסטלאַנד, ווער קיין ליטע, ווער עס זאָל נאָך בלייבן אין ה. ק. פּ., מען האָט נאָך איצט, אַ מינוט פאַר 12, נאָך אַלץ געזוכט צו פאַרדינען „צענערלעך”.

גענוג, אַז דורכן טויער וועל איך אין דער קאָמאַנדע ניט אַריין און ניט וועלנדיק גיין אין טעאַטער־בנין, האָב איך גענומען מיין פרוי און קינדער, און

מיר זיינען אַריין אין דער קאָמאַנדע... דורך אַ פענצטער פון אַ צווייטן הויף. אַריין אינעווייניק, האָבן מיר לייכטער אָפּגעאָטעמט, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען אונדזער רעטונג. אין דעם מאָמענט איז דאָס אויך גוט געווען. ס'איז מיר דער עיקר געגאַנגען צו זיין נאָענט צו די יידישע פּריווילעגירטע לייט, איך האָב אויסגערעכנט, אַז זיי האָבן דאָך עפּעס צוגעגרייט אַ רעטונג פאַר זיך. מיר זיינען אַזוי אָפּגעזעסן אויף דער ערד אין קאָמאַנדע ביז פאַרטאָג, ווען מיר האָבן דערהערט שווערע טריט און קולות פון די דייטשן, מ'זאָל אַרויסגיין. דורכן פענצטער האָבן מיר געזען, ווי מאַסן מענטשן גייען אַרויס פון טעאַטער. אונדז, אין קאָמאַנדע, האָט מען אָבער ניט גערירט. פּלוצלינג זעען מיר, ווי עס גייט אַרויס פון דער צווייטער זייט פון טעאַטער־בנין אַ גרויסע פּאַרטיע פּאָליציאַנטן מיט זייערע פאַמיליעס מיט פּעק און זעק. אין אַ ווײַלע אַרום — וואָס זעען מיר!? מען פירט אַרויס אַ פּאַרטיע מענטשן — אָבער וועמען... צי איז דאָס מעגלעך!? פריד, מילקאָנאָוויצקי, אינזש. גוכמאַן און אַנדערע „גדולים". אוי־ווי, אַזוי איז גאָר די לאַגע, איר, פּאַנאָוויע, איר בלוטיקע חיות, וועלכע האָבן צוויי יאָר נאָכאַנאַנד כסדר געשיקט אַנדערע אויף פּאַנאַר — איר, פּאַניע פריד, וואָס פּלעגט אין געטאָ צוויי, דריי מאָל אַ טאָג בייטן די אַנצעגער, איר גייט מיט אַ פּעקל אויף דער פּלייצע, צוגלייך מיט עמך. אויב אַזוי איז דאָך לאָקנער גערעכט, אַז הייטיקס מאָל וועלן קיין שום פּריווילעגירטע ניט זיין.

אָבער לאַנג זיצן אין די צימערן פון דער הויפּט־פּאָליציי־קאָמאַנדע האָט מען אויך ניט געלאָזט. באַלד האָבן מיר דערהערט אַ געשריי, אַז אַלע זאָלן אַרויסגיין, קיין איינער זאָל ניט בלייבן. מען האָט טאַקע ביסלעכווייז גענומען אַרויסגיין, אָבער איך האָב זיך אַלץ ניט געאיילט.

אין די צימערן איז געוואָרן אַלץ ווייניקער מענטשן. מיר האָבן גענומען אַריבערגיין פון איין צימער אין צווייטן, ביז מיר זענען אַריין אין אַ קליין זייטיק צימערל, וווּ מיר האָבן געטראָפן, אַ באַהאַלטענעם, דעם פּאָליציייאישן קאָמיסאַר, אַסטער מיט זיין פאַמיליע, און נאָך אַ פּאָר הויכע פּאָליציי־לייט פון געריכט־וועזן. זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיר, אַז איך זאָל גלייך אַרויס פון דאַנען. ניין, מיינע טייערע — האָב איך זיי געזאָגט — היינט ניט. דאָס מאָל וועט דער נומער ניט דורכגיין, דאָס מאָל וועט איר פריער אַרויסגיין און איך דער לעצטער! זיי זיינען טאַקע אַנטשוויגן געוואָרן. מיר זיינען אין צימערל געווען אַ היפּשע ווײַלע, פּלוצלינג דערהערן מיר דורכן פענצטער אַזאַ שמועס צווישן קייטעלן און סאַלאָמאָן גענסן: קייטעל פרעגט, „זייט איר זיכער, אַז אין די בנינים איז שוין קיינער ניטאָ? געדענקט, ווען איך געפין וועמען, רייס איך אַלץ אויף מיט דינאַמיט".

„איך גאַראַנטיר, אַז פון די הייזער זיינען שוין אַלע אַרויס, קיין איין לעבעדיקער מענטש איז שוין ניטאָ" — ענטפערט סאַלאָמאָן גענס. דעהערנדיק דעם שמועס האָבן קאָמיסאַר אַסטער, אַדוו. רובינאָוו און די איבעריקע פּאָליציאַנטן גלייך פאַרלאָזן דעם לאָקאַל. איך בין געבליבן, אָבער די פרוי מיט דער טאָכטער האָבן זיך היסטעריש צעשריגן, אַז זיי ווילן דאָ ניט בלייבן, ווייל מ׳וועט אונדז דאָ אַלעמען פטרן אויפן אָרט. אויב די גאַנצע פּאָליציי איז אַוועק, דאַרפן מיר דאָ אַליין ניט בלייבן, האָט געזאָגט די פרוי. אונטער זייער דרוק בין איך אַרויס. ווי נאָר מיר האָבן אַרויסגעשטעלט די נאָז, האָבן אונדז גלייך אַרומגע־רינגלט אוקראַיִנצעס און גלייך צוגעפירט צו די איבעריקע גרופּעס מענטשן, וועלכע זיינען שוין געשטאַנען אויפן הויף. דאָ זיינען געווען פאַרזאַמלט אַלע גרויסע לייט, וואָס מיר האָבן געזען פריער אַרויספירן.

דאָס איז געווען פרייטיק, דעם 24סטן סעפּטעמבער 1943, אַזייגער 7—8 פרי. דער ערשטער הויף פון רודניצקער 6 איז געווען דער לעצטער זאַמלפונקט. פון וואַנען מען האָט אַרויסגעשיקט פּאַרטיעס מענטשן צום טויער. אַז זיי זיינען אַוועק, זיינען מיר ערשט, אונטער אַ וואַך פון סאָלדאַטן, אַלע אַרויס אויף רודניצקער גאַס און גענומען גיין צום טויער. אויפן וועג זיינען צוגעשטאַנען נאָך איינציקע מענטשן, ס׳האָט זיך געשאַפן אַ גאַנץ היפּשע גרופּע פון עטלעכע הונדערט מאַן. מיר גייען צום לעצטן מאָל דורך רודניצקער־גאַס, יעדער פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען. מיט צוויי יאָר צוריק האָט מען אונדז אַהער אַריינגעטריבן. די צוויי יאָר האָבן מיר אָפּגעפּיַנצטערט אין געטאָ און זיך געווונטשן אַרויסצוגיין באַפרייטע, ווי מענטשן. מיר גייען טאַקע אַרויס פון געטאָ, אָבער וווהין?

## מיר געזעגענען זיך מיט ווילנע

לך לך אין וואַנדער אַלע צוזאַמען — מיין פרוי, מיינע 2 קינדער, אַלע טראָגן מיר אויף זיך פּעקלעך. דעם גרעסטן טייל פּעק, ווי פריער דערמאָנט, האָבן מיר שוין געהאַט אָוועקגעוואָרפן. ניטאָ קיין כוח צו שלעפּן אויף זיך — אַזוי גייען מיר צום טויער. נעבן מיר גייט סאַלאָמאָן גענס מיט זיין יונגער פרוי און פּיצל קינד אויפן האַנט, די פאַרמאַצעווטין לילי רעשאַנסקאַיאַ, וועלכע איז אין געטאָ געווען אַ גאַנצע מאַכערין. אין אונדזער גרופּע געפינען זיך כמעט אַלע פירער פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג. פערזענלעך האָב איך אַ „סאַטיספאַקציע": אַלע גלייך! מ׳דאַרף מודה זיין, אַז ביים אומברענגען ייִדן, האָט דער דייטש ניט געמאַכט קיין אונטערשייד: אָרעם — רייך, געבילדעט — אַנאַלפאַבעט, יונג — אַלט, געזונט — קראַנק, מאַן, פרוי און קינדער — אַלע פון איין יחוס — אַלע אויף פּאַנאַר... אַבי נאָר ייִד!

אָבער ס׳איז דאָך געווען אַן „אונטערשייד" צווישן ייִד און ייִד, האָבן

דאָס די דייטשן געמאַכט לויט אַ גענוי אויסגעאַרבעטן פּלאַן: צעטומלען די מוחות, צעטיילן די יידן אויף „נויטיקע" און „אומנויטיקע", „נוצלעכע" און „אומנוצלעכע", פאַכמענער" און „ניט־פאַכמענער" א. א. וו. אַדאַנק אַט־דעם אַריינגעבראַכטן בלבול המוחות, האָבן זיי לייכט געכאַפּט אין זייערע נעצן יידן, וועלכע האָבן געמיינט, אַז זיי טוען גוטס פאַר יידן, ווען זיי העלפן די דייטשן אָפּרוימען די „אומנויטיקע" און „אומנוצלעכע" וכדומה, און דערמיט ראַטעווען זיי די געבליבענע. בלויז אַדאַנק דער דייטשישער בעסטיאַלישער פלאַנמעסיקייט זיינען יידן געגאַנגען אין דער פינצטער, ניט ווויסנדיק, וואָס הינטער זיי טוט זיך.

אומברענגגען יידן באַוווסטזיניק, האָבן געהאָלפן בלויז געציילטע יחידים, מענטשן אָן געוויסן, פאַרברעכער, אָן סקרופּולן, אָדער שוואַכע נשמות. זיי האָבן געוואָלט קודם־כל ראַטעווען זיך אַליין און זייערע משפחות. נאָר געציילטע האָבן דאָס געטאָן, כדי צו האָבן אין די ביטערע צייטן, אַ לייכט לעבן.

אַט די יידן טאָקע, וועלכע גייען איצט נעבן מיר, האָבן זיך געגומען דאָס רעכט, מיטן כוח פון דייטש, צו קוואַליפיצירן, וועלכן ייד מ׳זאָל שיקן אויף פאַנאַר און ווער עס זאָל בלייבן לעבן. אָפטמאָל האָט דאָ, כידוע, דעצידירט — גאָלד און פּראָטעקציע. אין געוויסע מאָמענטן האָט מען זיך געקענט אויסקויפן פון טויט מיט גאָלד פון יידישע הענט. אָנשטאָט דעם ייד פלעגט מען אָבער אַוועקשיקן אויף פאַנאַר אַ צווייטן, וועלכער האָט קיין גאָלד ניט געקענט געבן.

מיר דערנענטערן זיך צום געטאָ־טויער, איך גיב דאָס לעצטע מאָל אַ בליק אויפן טויער, אויף דער גאַס. צי וועל איך נאָך אַ מאָל זוכה זיין ווידער צו זיין דאָ, צי וועל איך מיט מיין פאַמיליע איבערלעבן דאָס גיהנום איבער אַלע גיהנומס, אָדער דאָס איז אונדזער לעצטער בליק אויף רודניצקער־גאַס?

דעם לעצטן בליק געוואָרפן אויפן געטאָ־טויער. עפּעס שטענדיק, ווען איך פלעג אין די געטאָ־צייטן שטיין ביים טויער, פלעגט ביי מיר זיין אַ געפיל, אַז איך וועל נאָך אַ מאָל זוכה זיין אַרויסצוקריכן אויפן הילצערנעם טויער, וואָס האָט אָפּגעצוימט דאָס געטאָ פון דער גרויסער, פרייער, ליכטיקער וועלט און וועל פון אויבן האַלטן אַ באַפרייאונגס־רעדע. הייגט גיי איך אַרויס פון געטאָ אָן אַ רעדע, כאַפּ אַ לעצטן בריק אויף דער גרויסער שילד, וואָס איז אָנגעקלאַפּט אויפן טויער: „אכטונג, זויכע־געפאַרן!", „יידן־פירטל, אריינטריט פאַר דייטשע מיליטערלייט און ניט יידן, שטרענג פאַרבאָטן!"

*

מיט די געדאַנקען זיינען מיר אַרויס פון טויער און גלייך אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַנדערע אוקראַאינצעס, וועלכע האָבן געהאַלטן די ביקסן אויסגע־

שטעלט גלייך צו אונדז. אַ שוידער איז אַריבער איבערן לייב. מיר האָבן זיך אינסטינקטיוו צוגעדריקט איינער צום צווייטן און מיט פעסטע טריט זיינען מיר אַוועק.

מיר זיינען שוין פאַרביי דעם קלויסטער פון „אַלע הייליקע״, אַריין אויף קאָנסקע (נעבן אַמאָליקע אַלטע באַסאַקעס) דורך העטמאַנסקע־גאַס און מיר שניידן דורך די ברייטע צו סובאָטשער־גאַס. ס׳איז אַנהויב טאָג. אויף די גאַסן אַרום זעט מען ווייניק מענטשן. ווי עס ווייזט אויס, זייגען די גאַסן אָפּגעשלאָסן. אָבער אויף ברייטע־גאַס זעען זיך יאָ עטלעכע קריסטן פונדערווייטנס, וועלכע פאַרהאַלטן זיך און קוקן זיך צו צו אונדזער טראַגעדיע. וואָס טראַכטן זיי!? מיר גייען ווייטער. זיינען שוין אין דער שמאָלער סובאָטשער גאַס, די רייען ווערן שמעלער אָבער לענגער. פּלוצלינג — אַ טומל, עס לויפט אַ דייטשער אָפיציר און שרייט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ מיידל האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון די רייען און געוואָלט זיך אַריינכאַפּן אין אַ טויער, צום אומגליק האָט דאָס באַמערקט אַ דייטש און זי געכאַפּט, אָפּגעפירט זי אין אַ זייט און מיר דערהערן אַ שאָס, דאָס מיידל איז געפאַלן אויפן אָרט...

אין שרעקלעכער אַנגסט און פּיין זיינען מיר דערגאַנגען צום מאָנאַסטיר אויף סובאָטש־גאָס. אַנטקעגן איז אַ שמאָל געסעלע, באַרג־אַרויף, וואָס פירט צו ראָסע. ווען מיר זיינען דערגאַנגען אַהין, איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער טומל. וואָס קומט דאָ פאָר? סאָלדאַטן האָבן זיך אַריינגעריסן אין אונדזערע רייען, גענומען טרייבן אַהער און אַהין; ווער, ווען, וואָס, האָבן מיר זיך ניט אָריענטירט. מען האָט נאָר דערפילט, אַז ס׳קומט פאָר עפּעס שרעקלעכס. איך קוק זיך אַרום, וואָס זע איך? מען טרייבט מיין פרוי, מ׳שטויסט און מ׳שטופּט זי, מיין טאָכטער פאַלט צו צו מיר מיט אַ געשריי: „טאַטאַ״ און קושט מיך. אין דער סעקונדע האָבן טייוולאָנישע הענט זי אָפּגעריסן און אַוועקגעשלעפּט פון מיר. איך אָריענטיר זיך קוים וואָס עס קומט פאָר, רינגלען מיך סאָלדאַטן אַרום און שרייען: „שנעלער גיין! גיב דאָס געלט! זייגערס, ראַזיר־מעסערס, גיב אַהער, גיב, גיב!...״

אין די געציילטע סעקונדעס איז פאָרגעקומען עפּעס שוידערלעכס, אינסטינקטיוו כאַפּ איך מיין יינגל פאַרן האַנט און האַלט אים פעסט... אַ סאָלדאַט באַטאַפּט מיך און ניט געפונענדיק אויפן ערשטן מאָמענט קיין זאַך, לאָזט ער מיך אָפּ. איך פּרוּוו אַ קוק טאָן, וואָס דאָ קומט פאָר און דערזע, ווי די פרויען, וועלכע מ׳האָט פון אונדז אָפּגעריסן מיט כוח, טרייבט מען אַריין אין הויף פון מאָנאַסטיר... דעם לעצטן בליק געוואָרפן אויף אונדזערע פרויען און קינדער; צי איז דאָס אויף אייביק?... נעכטן צוגענומען די אַלטע מאַמע, העכער צוויי יאָר האָב איך זיי אַלעמען אויסגעהיטן, היינט איז דער בראָך געשען, היינט,

פונקט אין געבוירן־טאָג פון מיין פרוי, האָט מען זי פון מיר צוגענומען... דאָס האַרץ איז פאַרקלעמט, טרערן בעמען שטיקן... דער אָטעם ווערט שווער... לאַנג טראַכטן אָבער וועגן מיין גרויסן אומגליק האָב איך דאָך ניט געקענט.

מ׳האָט אונדז אַלע פאַרהאַלטן ביים מאַנאַסטיר. סאָלדאַטן פון אַלערליי מינים האָבן געראַבעוועט, צוגענומען ביי יעדן וואָס ס׳איז נאָר זיי אַריין אין האַנט. פּלוצלינג דערהערן מיר שאָסן. מיר קוקן אין דער ריכטונג פון די שאָסן און דערזעען פאַר זיך אַ שוידערלעך בילד: אין מיטן גאַס איז געהאַנגען דער אַדוואָקאַט כוואָיניק, אַ בונדיסט, אַקטיווער טוער אין געטאָ. געהאַט אַ קאַליקער האַנט; אַביסל ווייטער איז געהאַנגען דער זייגערמאַכער לעווין גרישאַ. גלייך איז איבערגעגעבן געוואָרן, אַז מ׳האָט זיי געהאַנגען, ווייל זיי האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד.

אַזוי זיינער מיר, אין דעם „שיינעם און הערלעכן" פרימאָרגן, אָפּגעשטאַנען ביי אַ שעה־אַנדערטהאַלבן. סאָלדאַטן האָבן ראַבירט. די דייטשן זיינען אַרומגע־לאָפן ווי צעמישטע אַהין און צוריק. דער „הויפּט־מחותן" איז דאָ געווען קייטעל. שטילערהייט האָבן מיר צווישן זיך געשמועסט, ניט געקענט זיך מוחל זיין אונדזער אידיאָטישקייט, וואָס מיר האָבן זיך אַזוי לייכט געלאָזט אַריינכאַפּן אין זאַק.

אין לעצטן מאָמענט ממש, בין איך אַזוי גאַריש אַריינגעפאַלן, אַזוי אַן קאָפּ; געלאָזן צונעמען פון זיך די מאַמע, די פרוי, די טאָכטער, אַ גאַנץ באַדייטנדיק פאַרמעגן אין גאָלד, געלט און צירונג, וואָס איך האָב אין די לעצטע טעג פאַרן ליקווידירן דאָס געטאָ, מיט לעבנסגעפאַר, אַריינגעבראַנגט פון שטאָט — פון דער פרוי קאָזלאָווסקאַ, אונדזער קריסטלעכער שכנטע; און עס צעטיילט צווישן דער מאַמען, פרוי און זיך, על כל צרה שלא תבוא...

פון מידקייט, פון צערודערונג, זעצן מיך זיך ביסלעכווייז אויף דער ערד, אויף דער גאַס; אָבער אַ טעות געהאַט, אויב מיר האָבן געמיינט, אַז מ׳וועט אונדז לאָזן אָפּכאַפּן דעם אָטעם. באַלד דערהערן מיר אַ מיט קולות־באַגלייטע קאָמענדע: „אויסשטעלן זיך צו 10 אין אַ ריי, שנעלער, שנעלער!" זיי האָבן קיין צייט ניט... מ׳הויבט זיך פון די ערטער, מ׳קוקט זיך אַרום; פּלוצלינג דערגייט צו אונדזערע אויערן אַ שטאַרק גערויש פון לאַסט־אויטאָס. פון סובאַטשער־גאַס פאָרט אַ גאַנצע ריי לאַסט־אויטאָס גלייך צו אונדז. מ׳איז געוואָרן בלאַסער ווי פריער; די אַנגסט מאַכט פאַרגעסן דאָס גרויסע אומגליק, וואָס אונדז האָט מיט אַ ווײַלע פריער געטראָפן... אויטאָס, לאַסט־אויטאָס? הייסט עס, אַז מען פירט אונדז ניט קיין עסטלאַנד, ניט קיין ליטע, ניט מיט דער באַן, נאָר מיט אויטאָס, וווהין? „אויף פּאָנאַר" —דערהערט זיך אַ שטיל וואָרט.

...מיין קינד טוליעט זיך צו מיר און פרעגט: „טאַטושי, מען פירט אונדז

אויף פּאַנאַר, צי איז שוין טאַקע אַלץ געענדיקט?" וואָס ענטפערט מען דעם קינד? בגניבה טו איך אַ וואָרף צו אים מיטן אויג, ער איז בלייך ווי קאַלך. „איך ווייס ניט, סאָסיקל, צי אויף פּאַנאַר צי ניט, מיר וועלן זען, וואָס ווייטער וועט געשען" — ענטפער איך.

מ'לאָזט אונדז לאַנג ניט קלערן, מען שרייט: „שנעלער, שנעלער, צו 10 מאַן אין אַ ריי!" מ'שטעלט זיך אויס, אָבער יעדער רוקט זיך אַרויס פון די ערשטע רייען. קיינער וויל ניט זיין דער ערשטער. דייטשן, אוקראַאינצעס, יאָגן אין די רייען און מיר ציען זיך אויף צוריק, ביז עס איז אַלעמען דערעסן די קאַץ און מויז־שפּיל. די סאָלדאַטן הויבן אָן צו אַרבעטן מיט די קאָלבעס איבער די פּלייצעס... וואָס וועט זיין — זאָל זיין, מיר באַשליסן שטעלן זיך אין אַ ריי. די מאַטאָרן רוישן, סאָלדאַטן רינגלען אונדז אַרום. מיר טוליען זיך איינער צום צווייטן. הינטער מיר הער איך: „אשמנו, בגדנו, רבונו של עולם, פאַרוואָס קומט דאָס אונדז? פאַרוואָס דאַרפן מיר אומקומען ווי די הינט, איצט אין גאָטס שיינעם הערלעכן טאָג?"

עס דערהערט זיך אַ קאָמענדע, מיר גייען מיטן געפּיל, אַז דאָס זיינען אונ־דזערע לעצטע טריט. פון איצט וועט מען אונדז שוין פירן צום קבר אין אויטאָס. צי זיינען שוין אויף פּאַנאַר אָנגעגרייט פאַר אונדז קברים, אָדער מיר וועלן נאָך דאַרפן גראָבן קברים פאַר זיך אַליין?... גיין שנעלער, שנעלער! מיר גייען, אָבער... וואָס באַדייט דאָס? מיר גייען, די ערשטע ריי גייט אַריין לינקס אין געסל, וואָס פירט אויף ראָסע... מען פירט אונדז ניט צו די אויטאָס, נאָר אויף ראָסע. וואַרט, וואַרט נאָר צו, צי איז דאָס ניט אַ חלום, צי זיינען מיר ביים קלאָרן זינען... יאָ מיר גייען טאַקע אַריין אין געסל. מיר זעען ניט די אויטאָס... מיר הערן שוין ניט אַפילו דאָס רוישן פון די מאָטאָרן. איך מיט מיין קינד האַלטן זיך פעסט פאַר די הענט: „טאַטושו" — „סאָסיקל", שרייען מיר אויס צוזאַמען — ביי ביידן זיינען די אויגן פייכט... מיר לעבן, מיר לעבן ווייטער. מ'פירט אונדז ניט אויף פּאַנאַר... מיר בלייבן שטיין אין מיטן גאַס, פאַר דער אייזנבאַן־ליניע...

ווידער אַ קאָמענדע; קייטעל ציילט: 10, 20, 30, 40, 50, 60, 70 — רעכטס; און דאַן ווידער: צען... זיבעציק — לינקס. מיר באַרואיקן זיך שנעל, ווייל מיט די אויגן דערזעען מיר פון ביידע זייטן גאַס אויסגעשטעלטע וואַגאָנען. איין פּאַרטיע פון 70 מאַן שיקט ער אויף איין זייט באַן־ליניע, דאַן אַ צווייטע פּאַרטיע אין דער צווייטער זייט, דאָס הייסט, זאָגן מיר צווישן זיך, איין באַן וועט אַוועק אויף עסטלאַנד, די צווייטע אויף ליטע. דעם אמת געזאָגט האָב איך געוואָלט אַריינפאַלן אין באַן, וואָס גייט אויף ליטע, פאַרט אין אָן אייגן באַקאַנט לאַנד, אָבער גיי ווייס, וועלכער צוג ס'איז אויף ליטע, וועלכער אויף עסטלאַנד. זאָל זיין, וווהין דער גורל וועט פירן, דאָרט וועלן מיר זיין. מיט זיכערע טריט,

האַלטנדיק פעסט מיין קינד ביי דער האַנט, גייען מיר צום וואַגאָן, פאַרביי קייטעלן, ווי סאָלדאַטן ביי אַ צערעמאָניאַלן מאַרש. שנעלער! ער טרייבט אונדז; אַלע אין וואַגאָן אַריין. איך בין איינער פון די ערשטע און פאַרנעם גלייך אַן אָרט אין אַ ווינקל אונטער אַ פענצטערל. דער וואַגאָן אַ גרויסער, אַ 50־טאָניקער, אַן בענק, אָן אוביקאַציע, שמוציק, די פענצטער פאַרקראַטעוועט מיט שטעכיקן דראָט. איצט וועט מען זיך קענען אָוועקזעצן אויף די פעקלעך און אָביסל זיך אָפּרוען, פריי אָפּאָטעמען... נאָך די אַלע שוידערלעכע איבערלעבונגען... דער וואַגאָן ווערט פול... אַריינגעפּאַקט 71 מאַן, איין־און־זיבעציק מענטשן מיט פעק אין איין וואַגאָן. און אַזוי וועט מען דאַרפן פאָרן, ווער ווייסט ווי לאַנג... אָבער, מענטשן, איידער פּאַנאַר, בעסער 70, 71 לעבעדיקע מענטשן אין איין וואַגאָן! אויב מיר וועלן לעבן, וועלן מיר דאָס אויך איבערלעבן... דערוויילע זענען מיר, ווי מען לאָדנט אַן די וואַגאָנען מיט מענטשן, די סאָלדאַטן פאַרהאַקן די טיר פון וואַגאָן. מיר האָבן אָבער צו אונדזער דיספּאָזיציע די פענצטערלעך, אמת, קליינינקע, פאַרקראַטעוועטע מיט שטעכיקע דראָט, אָבער דאָך זעען מיר אַלץ וואָס עס קומט פאָר אַרום אונדז... ביסלעכווייז באַרויִקט מען זיך, מען מאַכט זיך באַקוועמער. אין וואַגאָן געפינען מיר אַ פּאָר ברעטער, מאַכן מיר גלייך בענק, מען גרופּירט זיך אין קרייזלעך.

איך קוק זיך אַרום, ווער זיינען די פּאַסאַזשירן אין וואַגאָן, נאָר אייניקע קען איך. נעבן מיר זיצט דער אַרטיסט שבתאי בליאַכער, פון דער צווייטער זייט דער אַלטער אַלייסקי מיט זיין זון, דער סערזשאַנט פון דער געטאָ־פּאָליציי און פלימעניק, דער בריגאַדיר פון דער גרופּע פון סאַניטעטס־פּאַרק־אַרבעטער, וואראָן, וועלכער איז צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע אונטערוועלט־לייט געבראַכט געוואָרן פון געשטאַפּאָ אין געטאָ אַריין, אין טאָג פון דער ליקווידאַציע, דער בוכהאַלטער גורוויטש א. א. אין וואַגאָן זיינען אויך אַריין אַ סך פּאָליציאַנטן, מיט מאַסן געפּעק — דאָס אַלץ, ווי מ׳זעט, פריער צוגעגרייט. איך קוק זיך צו צו מיינע בידנע צוויי פּעקלעך און עס פאַרקלעמט מיר ביים האַרץ, פון וואָס וועל איך לעבן? זייער ווייניק געלט, געציילטע זאַכן פון צירונג, אַלע פּעק געבליבן אויף דער גאַס. עס טרייסט מיך אָבער אָביסל, וואָס אין לעצטן מאָמענט האָב איך באַוויזן אָוועקצוגעבן דער פרוי אַ פּרעכטיקן גאָלדענעם זייגער מיט אַ קייט און עטלעכע טויזנט רובל. זאָלן זיי, די צוויי פרויען האָבן אין אַן עת צרה. מיטאַמאָל עפנט מען די טיר פון וואַגאָן און מען רופט אַ 5—6 געזונטע יונגע מענטשן, זיי זאָלן גיין ברענגען פּראָוויאַנט. אין וואַגאָן איז געוואָרן ששון ושמחה...

גלייך זיינען אַרויס יונגע חברה, פאַרשטייט זיך, געוועזענע פּאָליציאַנטן און מ׳האָט אָנגעהויבן אַריינברענגען קאַסטנס מינעראַל־וואַסער. צו צען פלאַש

אויף אַ מענטש, אָבער אָנשטאָט 710 פלאַשן, האָבן זיי אין וואַגאָן אַרייַנגעשלעפּט 1200 פלאַשן. מיר האָבן מיט אונדזערע אַפּראָוויזאַטאָרן נישט שלעכט געטראָפן. אין אַ ווײַלע אַרום שלעפּן זיי שוין ברויט, צו צוויי לעבלעך אויף אַ פאַרשוין, מיר וועלן שוין ניט פאַרהונגערן... ברויט האָבן זיי אויך אַרייַנגעשלעפּט מיט 50 לעבלעך מער, ווי ס׳איז אונדז געקומען. אין אַ צייט אַרום האָבן זיי געבראַכט ווורשט און פעטס... מיט איין וואָרט, מיר האָבן זיך דערפילט ווי אין אַ גן־עדן... מיט אַ פּאָר שעה פריער איז געווען אַ רייד וועגן פּאַנאַר, איצט גיט מען אונדז ווורשט, שמאַלץ, ברויט, מינעראַל־וואַסער. היינט גיי פאַרשטיי דעם דייטש! דאָס אַפּראָוויזירן דעם וואַגאָן האָט געדויערט אַ פּאָר שעה, דער זייגער איז שוין געוואָרן אַרום 12, די שטימונג אין וואַגאָן איז געוואָרן אַ הייטערע.

לויטן פאַרשלאַג פון וואָראַנען איז אַלס קאָמענדאַנט פון וואַגאָן אויסגעקליבן געוואָרן אַלייסקי. וואָראַן האָט נאָך אַלץ ניט געקענט זיך שיידן מיטן פּחד פאַר דער געוועזענער פּאָליציי און האָט יעדן מאָמענט אַרויסגערוקט פּאָליציאַנטן. מ׳איז געווען מיד און צעבראָכן, איז וועמען גייט עס אָן, ווער עס וועט זיין קאָמענדאַנט? אַלייסקי — וואָראַן, די פאַרזעצונג פון געטאָ. הגם עס האָט זיך זייער געוואָלט פאַרגעסן אין געטאָ, האָט דאָך קיינער קיין וואָרט ניט געזאָגט. וואָס איז מיר די נפקא־מינה, אַבי ניט פּאָנאַר... מ׳האָט באַשלאָסן צו צעטיילן די פּראָדוקטן, ווען דער צוג וועט רירן פון אָרט. אָבער דערווייל ביז וואָס־ווען, ווילט זיך עסן. גאַוועןדאַ געריץ האָט מיר געגעבן אַ שטיקל ברויט, ער איז געוואָרן מיין וואַגאָן־שכן. מיט גאַוועןדאַן און זיין משפּחה האָב איך זיך געקענט שוין אַ פּאָר צענדליק יאָר. איך בין געווען אויף זיין חתונה אין זאַל „פּאַסאַזש“ אין ווילנע. און דאָ האָט מיך דער גורל צוזאַמענגעבראַכט ווידער מיט אים. דערוויסנדיק זיך, אַז איך האָב ניט קיין ברויט, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ לעבל און געהייסן נעמען פאַר זיך מיטן קינד, וויפל איך וויל. מיר האָבן טאַקע גענומען און זיך דערכאַפּט דאָס האַרץ. אגב, איז אונדזער צוג עטוואָס אָפּגעפירט געוואָרן אין אַ זייט און איך האָב דורכן פענצטערל געקויפט עטלעכע עפּל ביי שקצים פון דער שקאַפּלערנער גאַס. דעם דאָזיקן מסחר האָבן אָבער באַמערקט די סאָלדאַטן, וואָס האָבן אונדז געהיט, און די שקצים צעטריבן. די עפּל זיינען געבליבן ביי מיר.

די שטימונג אין וואַגאָן איז געווען אַ גוטע, אַלע זיינען געווען מונטער. דעם ווייטיק פון די איבערלעבענישן, דעם צער פון די צוגענומענע ווייבער און קינדער האָט מען שוין אַזוי גוט ווי פאַרגעסן... מ׳האָט גענומען לעבן מיטן מאָמענט...

## די שוידערלעכע טראַגעדיע אויפן הויף פון מאָנאַסטיר

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויפן מאָנאַסטיר־הויף אָפּגעשפּילט די שוידערלעכסטע טראַגעדיע — לויט די ווערטער פון מיין פרוי און טאָכטער.

ווען די ליטווישע סאָלדאַטן האָבן אונדז פונאַנדערגעריסן, האָבן זיי די פרויען אַריינגעטריבן אין מאָנאַסטיר־הויף. דאָרט זיינען שוין געווען טויזנטער מענטשן פון נעכטן. די גאַנצע נאַכט האָבן זיי פאַרבראַכט אונטער דעם פרייען הימל. אַריינקומענדיק אויפן פּלאַץ, האָט מיין פרוי און טאָכטער געטראָפן דאָרט מיין מאַמען. זיי זיינען אַזוי אָפּגעשטאַנען עטלעכע שעה, ביז וואַנען מיר מענער זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעגרעגאַציע פון צווישן די פרויען. אַ דייטשישער אָפיציר, מיט אייניקע ליטווישע סאָלדאַטן, האָבן גענומען טיילן די פאַרבייגייענדיקע פרויען אויף רעכטס און לינקס. ווען די פרויען האָבן דערזען, אַז אין איין זייט שיקט מען אַלטע און קראַנקע, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז דאָס באַדייט טויט. זיי האָבן גענומען קניפּן די באַקן צו באַקומען פאַרב אין פנים. די וועלכע האָבן געהאַט שמינקע האָבן זיך געפּוצט. פאַר אַ שמיר מיט שמינקע וואָלטן דעמאָלט די פרויען אָפּגעגעבן בריליאַנטן און גאָלד. דאָס אויסזען יונג אָדער אַלט האָט באַדייט טויט אָדער לעבן. ווען מאַמעס מיט קליינע קינדער האָבן דערזען, אַז זיי ווערן צוגעטיילט צום טויט, האָבן עטלעכע פון זיי אַראָפּגעלאָזט פון זיך די קינדערלעך און אַוועק צו דער סעגרעגאַציע אַליין. אייניקע דייטשן האָבן גענומען די קינדערלעך אויף זייערע הענט און געזוכט די „פאַרברעכערישע" יידישע מאַמעס, וועלכע פאַרלאָזן זייערע שייניקע קינדערלעך... די מאַמעס האָבן זיך באַהאַלטן הינטער די אַנדערע פרויען, כדי די קינדערלעך זאָלן זיי ניט דערזען... דאָס איז געווען די שוידער־לעכסטע איבערלעבונג פון דעם טאָג.

צו דער סעגרעגאַציע איז מיין פרוי געגאַנגען פעסט געאָרעמט מיט מיין טאָכטער. ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום דייטשישן אָפיציר, האָט ער מיט זיין שפּיצרוט אַ מאַך געטאָן, אַז זיי זאָלן גיין צו דער גרופּע פון לעבן. דער ליטווישער סאָלדאַט האָט אָבער אַ ריס געטאָן צוריק די פרוי, שלעפּנדיק זי צו דער צווייטער זייט. די טאָכטער האָט זיך גיט פאַרלוירן און אַ געשריי געטאָן צום דייטשישן אָפיציר אָנווייזנדיק אויפן ליטווין, אַז ער לאָזט זי ניט גיין. דער דייטש איז געוואָרן מלא רציחה און האָט אַ שמיץ געטאָן דעם ליטווין אויסשרייענדיק צו אים „דו פאַרפלוכטער הונט" — און די פרוי איז געראַטעוועט געוואָרן. פון די טויזנטער אָנגעזאַמלטע מענטשן אויפן מאָנאַסטיר־הויף זיינען אָפּגעקליבן געוואָרן 1400 יונגע, געזונטע פרויען, וועלכע זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין לעטלאַנד, אין קייזערוואַלד, הינטער ריגע, און געאַרבעט דערנאָך אין די ריגער פאַבריקן.

אַלע איבעריקע אַלטע מענער, פרויען און קינדער זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין מאַידאַנעק, צווישן זיי אויך מיין מאַמע ע"ה.

אונטערוועגס זיינען פון די וואַגאָנען אַרויסגעשפרונגען צוויי פרויען, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט. איינע פון זיי איז געווען אַ שוועסטער פון געטאָ־שפּיטאָל קלאַרא קאָוואַרסקאַ און די צווייטע — ליוסיאַ געלמאַן, איצט די פרוי פון ד"ר ווײַנריב (אין סידניי). אַרויסגעשפּרונגען זיינען זיי נעבן ביעלסק.

## ווידער טויט־שרעק, ווידער פּאַנאַר

ס'איז אונדז אָבער נישט באַשערט געווען צו זיין רואיק. ווידער זיינען אַנטשטאַנען פאַר אונדז שעהען פון אַנגסט און יסורים, וואָס קיין ילוד־אשה קען דאָס גאָרניט באַגרייפן... מען דאַרף זיין אַזוי סאַדיסטיש, אַזוי חיהש, ווי די דייטשן זיינען, כדי צוצוטראַכטן נייע שטיקלעך פון אויסצוזאַפּן ביי אונדז דאָס בלוט. ווען אַלע פּראָדוקטן זיינען שוין געווען אין וואַגאָן, דער עולם איז געוואָרן מונטערער, מ'האָט שוין עפּעס צוגעביסן, צוגעטרונקען אַ פּאָר זופּ וואַסער, האָט מען דורך די פּענצטערלעך געגומען פרעגן די דורכגייענדיקע באַן־אַרבעטער, צי זעען זיי ניט אַמאָל אונדזערע פרויען און קינדער... צי פירט מען זיי מיט אונדזער עשאַלאָן, צי זיינען זיי אַנדערשוווּ... די תשובה איז געווען, אַז זיי ווייסן גאָרנישט און קיין פרויען זעען זיי ניט. מיר פרעגן ביי אַ קאָנדוקטאָר, וווהין מיר פאָרן, דער ענטפער זיינער האָט אונדז אָפּגעריסן די הערצער, מיר זיינען געבליבן ווי טויטע — אויף לאַנדוואַראָווע פאָרן מיר... דאָס הייסט דורך פּאָנאַר... יאָ, אויף פּאָנאַר. דער אָטעם איז ביי אונדז פאַרגליווערט געוואָרן... אויף פּאָנאַר... אויף פּאָנאַר... וואָס קומט דאָ פאָר, מען פירט דאָך אונדז אין עסטלאַנד, היינט ווי קומט דאָ פּאָנאַר, דאָס איז דאָך גאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג... מען האָט שוין פאַרגעסן אין אָפּרו, אין עסן און טרינקען, אין מוח האָט געקלאַפּט באַר איין וואָרט, פּאָנאַר... דערהערנדיק דאָס שוידערלעכע וואָרט „פּאָנאַר", האָבן מיר שוין אָפּגעשטעלט יעטוועדן באַן־אַרבעטער און געפרעגט די זעלבע שאלה, וווהין גייט דער צוג... די תשובות זיינען געווען: „איך ווייס ניט", אָדער — „פּאָנאַר".

די באַאומרואיקונג וואַקסט, אַלע באַן־אַרבעטער זאָגן אין איין קול, אַז דער צוג גייט צו פּאָנאַר. איין אַרבעטער ענטפערט אונדז, אַז ער ווייסט ניט צי דער צוג וועט בלייבן שטיין אין פּאָנאַר אָדער מיר פאָרן בלויז דורך. ביי איינעם אַ פּוילישן אַרבעטער האָבן מיר אַ פרעג געטאָן: „אייך איז שוין ווען אויסגע־קומען צו פירן אַ צוג אויף פּאָנאַר". „יאָ", ענטפערט ער. „וועגן אָפּהאַלטן דאָרט דעם צוג פלעגט איר פריער וויסן, אָדער ניט"... „ניין", ענטפערט ער, „די

פֿאַראָרדענונג אויף אָפּצושטעלן דעם צוג פּלעגן מיר באַקומען אין לעצטן מאָמענט, אָבער ניט ביים אַרויספֿאָרן"...

זעט אויס, אַז מיר פֿאָרן דורך פּאָנאַר און מ'וועט אונדז דאָרטן אָפּשטעלן... איז צו וואָס די קאָמעדיע מיטן געבן פּראָוויאַנט אויף 5 טעג? אויב פּאָנאַר, צו וואָס אַזוי פֿיל וואַסער, שמאַלץ, ווורשט, ברויט. זאָל דאָס זיין צום פֿאַרבלענדן אונדז די אויגן?... צו וועלכן צוועק, מיר זיינען דאָך שוין סיווי אין דער פּאַסטקע — דער וואַגאָן געשלאָסן, די פֿענצטערלעך פֿאַרקראַטעוועט, וווּהין לויפֿן? ווי קען מען זיך ראַטעווען... די לאַגע איז נאָך שרעקלעכער ווי אינדערפֿרי.

איך ברעך זיך דעם מוח, דאָס יינגל טוליעט זיך ווידער צו מיר, איך הער ווי עס קלאַפּט ביי אים אַ צאָן אין אַ צאָן. ער פֿרעגט מיך ווידער די זעלבע שאלה: „טאַטושיו, שוין, אונדזער ענדע איז געקומען, זיי וועלן אונדז טאַקע פֿירן אויף פּאָנאַר"... אין וואַגאָן הערט מען ניט אויף צו רעדן און דיסקוטירן — איר ווייסט — זאָגט איינער — מיר וועלן האָבן אַ סימן, אויב מיר פֿאָרן נאָך היינט אין אָוונט אַרויס, דאַן איז גוט, נאָר טאָמער בלייבן מיר דאָ שטיין איבער נאַכט, איז אַ באַווייז, אַז פֿאַרטאָג זיינען מיר אורחים אין פּאָנאַר אויף אייביק... לאַגיש — זייער ריכטיק — ווייל ביינאַכט וועלן זיי נישט שיסן... מיר וואַרטן און די נערוון זיינען אָנגעצויגן ביז דער העכסטער שטופֿע. מיר האָבן שוין איבערגעפֿרעגט אַלע באַן־אַרבעטער. די תשובה איז אַלץ די זעלבע. אין אַ געוויסן מאָמענט גייט פֿאַרן פֿענצטערל פֿאַרביי אַ דייטשישער ס.ס.־אָפֿיציר. איך פֿרעג אים: (וואָס האָב איך דען צו פֿאַרלירן), צי איז אמת, אַז מען פֿירט אונדז אויף פּאָנאַר...

„ניט אויף פּאָנאַר", זאָגט ער, „נאָר דורך פּאָנאַר. זייט רואיק, קיין שלעכטס וועט אייך ניט געשען"... קענען מיר דען זיין רואיק, קענען מיר טרויען די ווערטער פֿון אַ דייטשן ס.ס.־אָפֿיציר? אָבער ווי עס ווייזט אויס, האָט ער דערפֿילט אונדזער אומרואיקייט און ביים צווייטן פֿענצטערל נאָך שטאַרקער פֿאַרזיכערט, אַז מיר זאָלן זיין רואיק, מיר פֿאָרן בלויז דורך פּאָנאַר... אוי, ווי עס ווילט זיך, אַז דאָס זאָל אמת זיין!

אָבער ווי דערלעבט מען שוין די מינוט דער צוג זאָל רירן, זאָל שוין זיין וואָס עס וויל, אַבי רירן פֿון אָרט, נישטאָ שוין קיין כוח, קיין געדולד... ווי לאַנג איז דער שיעור צו פּייניקן זיך? דערביי עקבערן מחשבות: און וואָס פּאַסירט איצט מיט אונדזערע פֿרויען און קינדער? דער צוג שטייט אָבער לאַנגע שעהען, די נערוועזיטעט אין וואַגאָן דערגייט צו דער העכסטער שטופֿע.

עס ווערט שוין פֿינצטערלעך, מיר דערהערן ווי עס הייבט אָן רוישן דער לאָקאָמאָטיוו. איז דאָך משמע, אַז מיר פֿאָרן באַלד, אַז מיר בלייבן דאָ ניט איבער נאַכט. אויב אַזוי, וועלן מיר ניט בלייבן אויף פּאָנאַר נאָר דורכפֿאָרן...

איז די היפּאָטעזע אַ ריכטיקע, זיינען מיר דאָך געראַטעוועט... עס דויערן נאָך קורצע מינוטן און דער צוג רירט פון אָרט... אויף דער גאַס איז בין השמשותדיק, דער טאָג גייט צו ענדע. דער צוג לויפט, ניט צו שנעל. אָבער מיר פאָרן, יעדער רעדער־קלאַפּ שניידט ווי מיט מעסערס אין האַרצן, יעדער רעדער־דריי דערנענטערט אונדזער סוף. מיט איינגעפּרעסנע אויגן שטייען מיר ביי די פענצטערלעך און קוקן אויף גאָטס־וועלט. מיר ציילן ניט נאָר די מינוטן, נאָר די סעקונדן. אפשר געזעגנען מיר זיך שוין אויף אייביק מיט ווילנע, מיט שקאַפּלערנע, מיט דער גרויסער בריק, וועלכע מיר פאָרן דורך, זי הענגט רחבותדיק איבער אונדזערע קעפּ. ווילנע, ווילנע, ניט שוינזשע וועלן מיר דיך קיינמאָל ניט זען מער? ווילנע, טייערע האַרציקע ווילנע! מיין געבורט־שטאָט, די געבורט־שטאָט פון מיינע עלטערן, פון מיין באָבע־זיידע. אַלעמענס קברים זיינען אויף דעם ווילנער בית־עולם, אַפילו זיך מיט זיי ניט געזעגנט.

אין מיין לעבן האָב איך זיך ניט פאַרגעשטעלט אַזאַ סוף, אַזוי זיך צו שיידן מיט ווילנע, אין אַ פאַרהאַקטן, חזירישן שמוציקן וואַגאָן, מיט סאָלדאַטן רוצחים, מערדערס, אַלס באַגלייטער. וואָס ווייטער דער צוג גייט, אַלץ שטילער ווערט אין וואַגאָן. די שטילקייט שטיקט, די שטילקייט דריקט, ווי די שווערסטע לאַסט אויפן האַרץ, ניטאָ קיין אָטעם. יעדער איז פאַרטאָן מיט זיינע מחשבות, קיינער רעדט ניט, אַלע זיינען פאַרשפאַרט אין זיך אַליין. אַפילו מיין ייִנגעלע רעדט גאָרניט. ער טוליעט זיך צו מיר ווי אַ פּיטשינקעלע קעצעלע, איך הער נאָר ווי עס קלאַפּן ביי אים די ציינדלעך. וואָס לעבט איבער אַזאַ קינד אין אַזעלכע מאָמענטן? צי האָבן זיך די רוצחים, די בלוטזויגער, אויף אַ סעקונדע ווען פאַרטראַכט וועגן די יסורים און פּיין, וואָס מענטשן לעבן איבער אין אַזעלכע מינוטן און איבערהויפּט יונגע קינדער? אַ פּאָר מענטשן שטייען איינגעביסן אין די פענצטערלעך מיט די אויגן. מיר קוקן שוין מסתמא די לעצטע מינוטן אויף גאָטס וועלט. אין וואַגאָן ווערט שוין פינצטערלעך. פונקט אַנטקעגן מיר שטייט אַ פּאָליציאַנט, אונדזערע קעפּ רוקן זיך צונויף ביים פענצטערל, זייער נאָענט. איך הער זיין שווער אָטעמען. ער איז בלאַס ווי קאַלך. עס קלאַפּט ביי אים, פּונקט ווי ביי מיין זון, אַ צאָן אין אַ צאָן. ער איז קענטיק אינגאַנצן צעבראָכן.

העכר צוויי יאָר האָט אַ טייל פון די פּאָליציאַנטן צוגעשטעלט מענטשן־מאַטעריאַל אויף פּאָנאַר. מיט אַלערליי גניבהשע שטיק האָבן זיי אַרויסגענאַרט די קרבנות, אַלץ איז געטאָן געוואָרן, כדי זיך און די אייגענע נאָענטסטע צו ראַטעווען. יאָ, דאָס גאַנצע געטאָ מעג אומקומען, אַבי נאָר זיך צו ראַטעווען. זי, די יידישע געטאָ־פּאָליציי, האָט 6 יידן מיט די אייגענע הענט אויפגעהאָנגען אין געטאָ. פאַר זיי זיינען די איבערלעבענישן פון די לעצטע צוויי מעת־לעת אַ פולשטענדיק אומדערוואַרטע. אַפילו די לעצטע נאַכט האָבן אייניקע פון זיי

אין געטאָ־טעאַטער פאַרלאַנגט „צענערלעך" פאַרן פאָרן קיין ליטע... איצט אַזאַ בראָך, אַזאַ אומגליק! ווער האָט זיך דאָס געריכט, אַז די גאַנצע פּאָליציי זאָל זיך צוזאַמען מיט אַנדערע פּשוטע יידן געפינען אין פאַרשפּאַרטע וואַגאָנען און פאָרן אויף פּאָנאַר.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך פערזענלעך בין געווען אינגאַנצן רואיק. מילא, אויב דער גורל מיינער איז פּאָנאַר — איז פּאָנאַר. מיין האַרץ האָט אָבער געבלוטיקט איבערן גורל פון מיין יינגעלע, אים האָב איך געוואָלט ראַטעווען — אַזאַ אומשולדיק באַשעפעניש. כ'האָב זיך ספּעציעל געשטאַרקט כדי ניט צו ווייזן מיין שרעק פאַרן קינד. מיר שטייען ביי די וואַגאָן־פענצטערלעך און די רעדער דרייען זיך, — — — — נענטער צו פּאָנאַר...

מיר פאָרן ווייטער, מיר דערנענטערן זיך שוין צום טונעל. איך דערמאַן זיך, ווי אַמאָל, יינגלווייז, בין איך צום ערשטן מאָל געפאָרן אין טראַק, איך בין געפאָרן דורך לאַנדוואַראָווע, ווי שרעקלעך ס'איז דאַן געווען דאָס פאָרן די פּאָר מינוט אין טונעל אין דער פינצטער. עס האָבן זיך מיר דאַן אין מיין יינגלערישער פאַנטאַזיע צעשפּילט די שוידערלעכע בילדער פון שילערס „מערדער". אָבער וואָס פאַר אַ פאַרגלייך פון דעמאָלט ביז היינט! איצט, ווען מיר זיינען אין טונעל, ווילט זיך באמת, אַז עס זאָל פאָרקומען אַ באַן־קאַטאַסטראָפע. מיר זאָלן אַלע בלייבן דערהרגעטע און ניט דערלעבן צו קומען אויף פּאָנאַר... עס האָט זיך געוואָלט באַקומען דעם טויט ניט דורך די דייטשן, נאָר זיי אויף להכעיס — שטאַרבן און ניט געבן זיי דאָס פאַרגעניגן אונדז צו טויטן. אָט אין די ביטערע מחשבותן זיינען די טונעל־מינוטן אַריבער און ווען דער צוג איז צוריק אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין, דערהערן מיר פּלוצלינג אַ געשריי פון איינעם אַ יונגערמאַן: „חברים, לאָזט מיך צו צום פענצטערל, איך האָב דאָ ניט לאַנג געאַרבעט ביי די דייטשן, איך קען דאָ יעדעס ווינקל, איך וועל אייך גלייך זאָגן גענוי, צי מיר פאָרן אויף פּאָנאַר צי אויף לאַנדוואַראָווע. דאָ גייען זיך פונאַנדער די באַן־וועגן אויף רעכטס און לינקס".

ווי פון זיך אַליין זיינען מיר אויטאָמאַטיש אַוועק פון פענצטערל, אַראָפּגע־שפּרונגען פון באַנק און צוגעלאָזט דעם יונגנמאַן. ער וועט דאָס זיין אונדזער לעצטער וועגווייזער. ער שטייט ביים פענצטערל און רעדט, ווי צו זיך אַליין — „אָט דאָ באַלד איז דער פּאָלוסטאַנעק פּאָנערי, לינקס פירן די וועגן צו די שטעכיקע דראָטן, דאָרט פון וואַנען קיינער קומט שוין ניט צוריק. רעכטס גייט די ליניע אויף לאַנדוואַראָווע... און איצט מוז מען היטן יעדן דריי פון די באַן־רעדער ווו עס פאַרקערעוועט דער לאָקאָמאָטיוו... אָ, וואָס באַדייט דאָס"...

דער צוג פאַרקלענערט דאָס לויפן, לאַנגזאַמער, לאַנגזאַמער און... מיר בלייבן שטיין... די הערצער קלאַפּן שוין ניט ביי אונדז... שטיל ווי אויף אַ בית־

עולם, יעדע סעקונדע — אַ יאָר, אַ גאַנץ לעבן... דער יונגערמאַןביים פענצטערל שוויגט, ביי אַנדערע פענצטערלעך האָבן זיך אָוועקגעשטעלט צו 2 מענטשן פון די שטאַרקע, זיי האַלטן די אייזערנע קראַטעס אין די הענט, ווי שמשון הגבור גרייט צו צעשמעטערן מיט די הענט די אייזנס... סעקונדעס גייען, גייען, ציען זיך ווי יאָרן... ווי לאַנג מיר זיינען געשטאַנען? אפשר דריי פערטל מינוט, אפשר אַ גאַנצע מינוט, נאָר אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז מיר שטייען שוין לאַנגע יאָרן. פלוצלינג ווידער אַ גערויש פון לאָקאָמאָטיוו, דער צוג רירט פון אָרט... אַלע קוקן צום יונגנמאַן, הגם ביי די אַנדערע פענצטער היט מען אויך די ליניעס. דער צוג גייט זייער לאַנגזאַם. צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, דריק איך צו דאָס קעפל פון מיין קינד צו מיין ברוסט, איך גלעט אים דאָס פנימל. קינד מיינס, קינד מיינס...

און וואָס איז מיט מיין פרוי און טאָכטער? אַ קינד אַ ברילאַנט, שיין ווי דער הימל, ליכטיק ווי די זון; און מיין מאַמע, מיין אַלטע טרייע, איבערגעגעבענע מאַמע, אַלע, אַלע וועלן מיר באַלד ווערן אויס, אומגעבראַכט ווערן, און דאָס אין מיין פרויס געבורטס־טאָג, דווקא היינט, אַ שיקזאַל אַזאַ, אַן איראָניע פון גורל. דער גאַנצער וואַגאָן איז געווען ווי פאַרגליווערט. פלוצלינג דערהערן מיר אַ געשריי פון יונגנמאַן: „דער צוג איז אַוועק רעכטס, מיר זיינען געראַטעוועט...״

רעכטס, רעכטס! הייסע טרערן גיסן זיך פון מיינע אויגן. מיין קינד פאַלט אַרויף אויף מיין פנים און וויינט, וויינט מיט אומשולדיקע קינדערישע טרערן,ביידע דריקן מיר זיך אַזוי... אין וואַגאָן האָט מען נאָך געוואָרט מיט איינגע־האַלטענע אָטעמס, ביז די אַנדערע, ביי די פענצטערלעך, האָבן באַשטעטיקט:

יאָ, דער צוג איז אַוועק אויף לאַנדוואָראָווע. מיר זיינען געראַטעוועט... מיר לעבן, מיר פאָרן טאַקע אין עסטלאַנד... ווי אונטערגעהאַקטע ביימער זיינען מיר טויט־מידע געפאַלן אויף די פעקלעך. יעדער טראַכט ביי זיך: צי וועלן מיר דאָס סוף כל סוף איבערלעבן און זוכה זיין צו נעמען נקמה פאַר אונדזער בלוט, פאַר אונדזער שאַנד, פאַר אונדזער צער און פיין.

דערווייל האָבן מיר אין היינטיקן טאָג צוויי מאָל איבערגעלעבט פאַנאַר און... מיר לעבן, מיר פאָרן, מיר האָפן, אַז ווייטער וועט אויך גוט זיין... מיר פאָרן... צו וואָס, ווהין, וואָס דערוואַרט אונדז איצט דאָרטן... אָבער ניט וויכטיק, דערווייל לעבן מיר... מיר פאַלן אַוועק ווי געהרגעטע און שלאָפן איין...

# צוגאָב טאַבעלע*

אין 1942 זיינען אַרויס פון שפּיטאָל 3022 קראַנקע אויף פאָלגנדיקע קראַנקייטן:

| קראַנקייטן | צאָל פון קראַנקע | %% פון דער אַלגעמיינער צאָל | פאַרגלייכונגס־טאַבעלע אויף 100 טויזנט איינ־וווינער אין ווילנע אין די יאָרן 1935־37 | | פּראָצענט |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | אין שטאָט | אין געטאָ | |
| האַרץ און בלוט־געפעס | 218 | 7 | 602 | 1209 | 100 |
| אָטעם־סיסטעם, וועג־קראַנקייטן | 314 | 10,3 | 1111 | 1742 | 57 |
| מאָגן און 12 פינגער אַרם־געשוויר | 82 | 2,7 | | | |
| גאַל און בלאָז | 63 | 2,1 | 1516 | 2159 | 42 |
| לעבער | 13 | 0,4 | | | |
| אַנדערע פאַרדייאונגס־אָרגאַנען | 231 | 7,5 | | | |
| אַפּענדיציט | 41 | 1,4 | 694 | 227 | 33 |
| שטאָף־וועקסל און רעוומאַטיזם | 54 | 1,7 | 378 | 320 | 85 |
| אינערלעכע | 4 | 0,1 | | | |
| בלוט | 13 | 0,4 | 146 | 72 | 50 |
| נירן | 99 | 3,3 | | | |
| אורין־קאַנאַלן | 59 | 2,0 | 1346 | 1193 | 81 |
| געשלעכטס און פּרויען | 57 | 1,9 | | | |
| שוואַנגערשאַפט | 372 | 12,2 | 2496 | 2065 | 81 |
| נערוון־סיסטעם | 60 | 2,0 | 784 | 333 | 43 |
| אַנשטעקנדיקע | 530 | 17,3 | 1076 | 2897 | 170 |
| ט. ב. צ. | 102 | 3,7 | 826 | 566 | 68 |
| ביינער און מוסקל־סיסטעם | 47 | 1,7 | 734 | 261 | 36 |
| קראַנקייטן ביי ניי געבאָרענע | 41 | 1,4 | 146 | 228 | 57 |
| מאַראַזן־דערשעפּונגען | 54 | 1,7 | 36 | 300 | 733 |
| הויט און אונטער־הויט | 165 | 5,5 | 741 | 1310 | 77 |
| אַנשטעקנדיקע הויט־קראַנקייטן | 71 | 2,4 | | | |
| פרעמדע קערפּערשאַפטן | 71 | 2,4 | | | |
| צעבראָכענע ביינער | 64 | 2,2 | | | |
| אָפּפרירונגען און פאַרברענונגען | 18 | 0,6 | | | |
| אויערן | 33 | 1,1 | 182 | 184 | |
| האַלדז און נאָז | 63 | 2,1 | | | |
| אויגן | 45 | 1,5 | 387 | 250 | 64 |
| דאָק און אַנדערע געוויקסן | 33 | 1,1 | 490 | 184 | 38 |
| אַנדערע | 5 | 0,2 | | | |
| | 3.022 | 100% | | | |

* די טאַבעלע איז אונדז צוגעשיקט געוואָרן ביים סוף פון דרוקן דאָס בוך.

ד ר י ט ע ר  ט י י ל

# אין די טויט־לאגערן פון עסטלאַנד

1943-1944

# דער וועג קיין עסטלאנד

ס׳איז נאָך געווען גוט פינצטער, ווען מיר זיינען אויפגעריסן געוואָרן פון אונדזער שלאָף. די שווערע וואַגאָן־טירן האָבן זיך מיט רעש אויפגעעפנט און צו אונדז האָבן זיך אַריינגעריסן 3 אוקראַיִנישע באַוואָפנטע סאָלדאַטן מיט לאַמטערנעס אין די הענט. באַלד האָבן זיי אַ קאָמאַנדעווע געטאָן : „אָפּגעבן אַלע געלטער, זייגערס, ווערטפולע זאַכן, ראַזיר־מעסערס".

צוליב דער ענגשאַפט האָבן זיי גענומען טרעטן מיט זייערע כאַמסקע, סאָלדאַטסקע שטיוול איבער קערפּערס פון די ליגנדיקע מענטשן און דערביי איבערגעקערט ביי דער טיר אַלע פּושקעס מיט צואה פון די מענטשן... אין וואַגאָן איז געוואָרן אַן עיפּוש, אַ דערשטיקעניש. זעענדיק, אַז זיי האָבן זיך ניט ווו צו רירן, איז ווידער געפאַלן אַ קאָמאַנדע : „אַלע זאָלן זיך שטעלן אין איין העלפט וואַגאָן און אין דער צווייטער העלפט זאָל מען אַנלייגן די זאַכן". ס׳איז געוואָרן אַ בהלה, אַ געפּילדער. שטיל איז געוואָרן דאַן, ווען זיי האָבן מיט די ביקסן־פּריקלאַדן גענומען געבן קלעפּ אויף רעכטס און לינקס. לכתחילה האָט יעדער געוואָלט עפּעס ראַטעווען פון זיינע זאַכן. מ׳האָט גיט געוואָלט אָפּגעבן דאָס לעצטע — מען פאָרט דאָך צום לעבן. יעדער בגד, שטיקל וועש, יעדע שטוביקע זאַך, וועט דאָך גוט צונוץ קומען. נאָר אַז מ׳שלאָגט — האָט מען אַ וואָרף געטאָן די פּעקלעך. כאַפּט זיי דער טייוול, איז מען דאָך שוין ב״ה געווינט צו וואַרפן דאָס האָב און גוטס.

געהאַט שוין די מענטשן פון איין זייט וואַגאָן און די זאַכן פון דער צווייטער, האָבן זיי גענומען רעווידירן יעטוועדן באַזונדער. געזוכט האָבן זיי גוט. זיינען זיי דאָך געווען ספּעציאַליסטן, פאַכלייט. זיי האָבן אַ סך געפונען, הויפּטזעכלעך ביי די יידישע פּאָליציאַנטן. ווייזט זיך אַרויס, אַז אין מאָמענט פון ליקווידאַציע פון געטאָ האָט די נייע פאַרוואַלטונג צעטיילט איר גאַנצע קאַסע צווישן די אָנגעשטעלטע פון געטאָ, אויף אַזאַ אופן : פּאָליציאַנטן האָבן באַקומען צו 5.000 רובל. וואָס העכער די ראַנגע, אַלץ מער האָט ער באַקומען. וויפל עס האָבן, ביי דער חלוקה, גענומען די „מנהיגים" — ווייסן נאָר זיי אַליין. אונדז, למשל, די אָנגעשטעלטע פון דער געזונטהייטס־אָפּטיילונג, האָט מען באַשטימט צו 350 רובל, אָבער ביי וועמען אונדזער געלט איז געבליבן — איז ביז היינט געבליבן אַ סוד. איצט, בעת דער רעוויזיע, האָט מען ביי יעדן

פּאַליציאַנט צוגענומען גאַנצע פּעקלעך ניט־געריירט, קנאַקענדיק רוסיש געלט. אויסער דעם האָבן זיי געהאַט אַ סך אייגן געלט, זייגערס און אַנדערע טייערע חפצים. אין דער טונקלקייט איז ניט מעגלעך געווען צו זען דעם צער פון איינקע פּאַליציאַנטן, וועלכע האָבן זיך ניט געקענט באַרואיקן: „סטייטש, אַזאַ סומע, אַזאַ קאַפּיטאַל באַקומען און אַפילו אַ פּאַפּיראָס ניט געקויפט דערפאַר. מיט איין גראָשן זיך אַפילו ניט באַנוצט". אַלץ איז אין איין מאָמענט אַוועק לעזאזל. יאָ, לייכט אַנגעקומען — לייכט אַוועקגעקומען. ווען די רייַ האָט זיך גענומען דערנעענטערן צו אונדז, האָבן מיר שנעל גענומען פאַרשטעקן דאָס ביסל געלט. איך האָב מיינע 280 מאַרק (2800 רובל) אַריינגעלייגט אין אַ פּלעשל פון מינעראַל־וואַסער, לויט דער עצה פון הערץ גאַווענדאַ, און דאָס פּלעשל אַראָפּגעלאָזט אונטער דער באַנק. אָפּגעבן דאָס געלט האָב איך גערן ניט געוואָלט, ווייל ווי בלייבט מען דאָס מיט אַ קינד אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה; אָבער האַלטן ביי זיך, ריזיקירן, צעמזיקט ווערן פון זיי צוליבן געלט, האָב איך אויך ניט געוואָלט. זיי האָבן ביי מיר און ביי מיין יינגל גאָרניט געפונען, פאַרענדיקנדיק מיט דער פּערזענלעכער רעוויזיע, האָבן זיי גרינטלעך איבערגעגישטערט דעם גאַנצן האַלבן וואַגאָן, ווו מיר זיינען געשטאַנען, און פונדאַסניי געפונען אַ סך באַהאַלטן געלט, צוזאַמענגענומען אַ שיין ביסל פּלעשלעך מיט געלט און אַנדערע זאַכן. ווייזט זיך אַרויס, אַז אַזעלכע חכמים, ווי איך, זיינען געווען אַ סך. אַריבערטרייבנדיק אונדז צוריק אין ערשטן העלפט וואַגאָן, זיינען זיי צוגעטראָטן צו זוכן אין די זאַכן. יעדעס שטיקל וועש, יעדן בגד האָבן זיי גרינטלעך אויסגעטאַפּט. גוטע מענער־זאַכן און ספּעציעל שיינע דאַמען־זאַכן האָבן זיי גלייך צוגענומען.

זיי האָבן אָנגעפּאַקט עטלעכע וואַליזעס מיט טייערע זאַכן, זייגערס און מאַסן געלט א. א. וו. דאָס איבעריקע האָבן זיי צעוואָרפן און געמאַכט דערפון אַ באַרג אַש. די ראַביר־רעוויזיע האָט געדויערט לאַנגע שעהען, זיי האָבן זיך ניט געאיילט. מיר דאַקעגן האָבן זיך געשטיקט און געמוטשעט. ניט עסן, ניט טרינקען, ניט דערליידיקן זיך — צונויפגעפּרעסט 71 מאַן אין אַ האַלבן וואַגאָן און דריי כאַמעס איזדיעקעווען זיך איבער זיי. ערשט ווען דער צוג האָט גענומען פאַרקלענערן זיין גאַנג און זיך דערנעענטערט צו אַ גרויסער סטאַציע, האָבן זיך די באַנדיטן אויפגעהויבן און זיינען מיט זייערע שווער־אָנגעלאָדענע פּעק אַרויס פון וואַגאָן, פאַרהאַקנדיק די טיר.

די רויבער האָבן אונדז פאַרלאָזט. האָבן מיר לייכטער אָפּגעאָטעמט. דורך די פענצטערלעך האָבן מיר זיך אָריענטירט, אַז מיר זיינען אין ליטע. אַרום אונדז איז געווען טויט־שטיל. מיר זיינען געשטאַנען אויף אַ זייטיקער ליניע. דער עולם האָט גענומען עפּעס אין מויל אַריין. דאַן האָט מען אויסגעהאַקט אַ לאָך אין

פֿאַדלאָגע אויף צו דערליידיקן די נאַטירלעכע באַדערפֿענישן. אָפּכאָפּנדיק אַביסל דאָס האַרץ, האָט מען זיך פֿונאַנדערגערעדט וועגן גורל פֿון אונדזערע פֿרויען און קינדער, געבליבענע אויף ראַסע, און ממש אויפֿגעשווידערט ביים איבערקלערן ווי אַזוי עס זעען אויס אַזעלכע רעוויזיעס ביי די פֿרויען...

נאָכן עסן איז מען צוגעטראָטן צו סאָרטירן און פֿונאַנדערטיילן די זאַכן. וואָראָן, דער געוועזענער בריגאַדיר פֿון סאַניטעט־פּאַרק, אַ גוט־באַקאַנטער ענערגישער מאַכער ביי די דייטשן, הויפּטזעכלעך ביים אַרויסנעמען יידן פֿון טורמע נאָך די „טשיסטקעס״, נאַטירלעך, פּאַר גוט געלט; דער אַרטיסט בליאַכער און אַלייסקי — זיינען געוואָרן די אָרדנער. דאָס פֿונאַנדערטיילן די זאַכן האָט געדויערט דעם גאַנצן טאָג. ווער און ווי אַזוי האָט געקענט דערקענען צווישן אַזאַ באַרג אַש וועמענס זאַכן דאָס זיינען?

אינעם באַרג זאַכן האָבן זיך אויך אָפּגעפֿונען עטלעכע פֿלעשלעך מיט געלט. צווישן זיי, האָב איך דערקענט מיין פֿלאַש. נאָכן אָנגעבן גענויע סימנים, האָב איך מיין געלט באַקומען צוריק.

די צווייטע נאַכט זיינען מיר שוין רואיק געלעגן אויף אונדזערע געלעגערס און קיינער איז צו אונדז ניט געקומען מיט קיין וויזיטן.

דעם נעכטסן טאָג האָבן מיר אין וואַגאָן געהאַט צו טאָן מיט אַן אייגענעם טומל: מ׳האָט זיך געכאַפּט, אַז מיט אונדזער ברויט־זאַפּאַס איז ניט אין אָרדענונג. אויסנוצנדיק דעם נעכטיקן רויב־טומל און רעש, האָבן חברה צעשלעפּט אַ סך ברויט. הערץ גאַווענדאַ האָט מיט מיר אַדורכגעפֿירט אַ גענויע קאָנטראָל ביי יעדן. אַ סך לעבלעך זיינען אומבאַמערקט צוריקגעוואָרפֿן געוואָרן און ביי אַ טייל האָט מען צוגענומען דאָס איבעריקע. היזק איז געווען נאָר דאָס, וואָס חברה האָט באַוויזן אַריינצופּאַקן אין זיך...

אַ לאַנגע צייט איז אונדזער צוג געשטאַנען אין שאַוועל. אָט וואָס ס׳האָט פּאַסירט: אין אַ געוויסן מאָמענט, ווען איך בין געשטאַנען אויפֿן פּעראָן, נעבן וואַגאָן, מיט נאָך עטלעכע יידן פֿון אונדזער וואַגאָן, צו מיר גייט צו אַ געשטאַ־פּאָוויעץ און דערלאַנגט מיר אַ קליין שטיקל פּאַפּיר, ער הייסט מיך עס איבער־לייענען. דורכלויפֿנדיק מיט די אויגן איבער די יידישע ווערטער, האָב איך איבערגעלייענט: „צו די יידן אין שאַוועל! איך, ישראל סעגאַל פֿון שאַוועל, פּאַר איצט פֿון ווילנע קיין עסטלאַנד אויף אַרבעט, מיט אַן עשאַלאָן. אין ווילנע האָט מען דאָס געטאָ ליקווידירט״.

דאָס צעטעלע האָט געשריבן דער רעזשיסער פֿון ווילנער געטאָ־טעאַטער, ישראל סעגאַל, וועלכער האָט געשטאַמט פֿון שאַוועל און עס אַרויסגעוואָרפֿן אויפֿן פּעראָן, כדי די יידן, וואָס אַרבעטן ביי דער באַן, זאָלן וויסן, וואָס עס טוט זיך. ווי אַזוי דאָס צעטעלע איז אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון געשטאַפּאָוויעץ,

קען מען זיך נאָר דערטראַכטן. ער האָט מיך אַ פרעג געטאָן — „האָסט גוט און ריכטיק איבערגעלעזן?" — „יאָ, — ענטפער איך אים — „איך קען גוט לעזן יידיש" — „נו, איז גוט" — ענטפערט ער און איז אַוועק פון אונדז.

## אין עסטלאַנד

מיר זיינען ווייטער געפאָרן, ריכטיקער געזאָגט, מער געשטאַנען אויף זייטיקע וועגן, ווי געפאָרן. געווען שוין אויף דער לאַטווישער טעריטאָריע — אַ לאַנגע צייט געשטאַנען אין ריגע. מאָנטיק זיינען מיר שוין געווען אין עסטלאַנד און אינמיטן נאַכט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ סטאַציע, וועלכע האָט זיך פאַרטאָג אַרויסגעוויזן ווי די טרויעריק־באַרימטע סטאַציע — וויוואַרי.

פאַרטאָג איז אַרום אונדזער צוג געוואָרן אַ „רוכאַווקע". עס זיינען אָנגעקומען אַ סך ס. ס.־לייט און ווערמאַכט־מיליטער. דורך די וואַגאָן־פענצטערלעך האָבן מיר דערזען יידישע אַרבעטער, צווישן וועלכע מיר האָבן דערקענט אַ סך ווילנער. אויפן האַרצן איז געוואָרן לייכטער — זיי לעבן און אַרבעטן טאַקע אין עסטלאַנד. פון איינציקע אָפּגעריסענע ווערטער, וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען, האָבן מיר שוין געוווּסט, אַז מיר געפינען זיך אין דער צענטראַלע פון אַלע אַרבעט־לאַגערן אין עסטלאַנד. מ׳האָט געעפנט די וואַגאָנען. נעבן אונדזער וואַגאָן האָבן זיך שטאַרק צעוועדלט צוויי דייטשן — אַן ס. ס.־מאַן מיט איינעם פון ווערמאַכט. דער ווערמאַכט־מאַן האָט אַ זאָג געטאָן צום געשטאַפּאָוויעץ: „איצט זיינען מ י ר די באַלעבאַטים, וואָס מיט די לייט צו טאָן, איר האָט דאָ גאַרניט וואָס צו זאָגן", דער געשטאַפּאָוויעץ, אַ שטאַרק דענערווירטער, האָט שאַרף געענטפערט: „אַזוי לאַנג, ווי איך האָב ניט אָפּגעגעבן דעם טראַנספּאָרט, זיינער מ י ר די דעה־זאָגער איבער די לייט — א י ך בין דער שעף". מיר האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון אומזיסטן ספּעקטאַקל. מ׳רייסט זיך וועגן אונדז. דאָס הייסט, אַז מיר האָבן נאָך אַ שטיקל ווערט... אָבער איינצייטיק האָבן מיר געציטערט, זיי זאָלן ניט אויסלאָזן דעם כעס אויף אונדזערע קעפּ... דער געשטאַפּאָוויעץ האָט איבערגעציילט „זיינע לויטע".

פונדערווייטנס האָב איך באַמערקט, ווי מ׳סעגרעגירט מענטשן און מען שטעלט אַוועק קינדער אין אַ זייט. מיר איז דאָס בלוט פאַרגליווערט געוואָרן, וואָס טוט מען מיטן זונדל מיינעם? איך האָב דעם יינגל שנעל אַ שטויס געטאָן הינטער זיך. דער צערייצטער געשטאַפּאָוויעץ האָט מיטן שפּיצרוט איבערגעציילט „זיינע לויטע" און באַקומענדיק די צאָל 71, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „יאַ, עס שטימט".

ביי די וואַגאָנען זיינען מיר נאָך געשטאַנען אַ שטיק צייט, אַריינציענדיק אין זיך וואָס מער פרישע לופט. מיט אויפגעשפּיצטע אויגן און אויערן, האָבן

מיר אויפגעכאַפּט יעדן שאָרך, יעדע באַוועגונג אַרום אונדז. געפילט האָט מען, אַז דאָ דעצידירט זיך אונדזער גורל. ווען מיר האָבן דערהערט אַ קאָמאַנדע אַריינצוגיין אין די וואַגאָנעס, בין איך מיטן קינד שנעל אַריין, ווייל כ'האָב אינסטינקטיוו געפילט, אַז איך בין דאָ ניצול געוואָרן פון אַ נייער טראַגעדיע.

פון די וואַגאָן־פענצטערלעך האָבן מיר געזען אַ סך ווילנער יידן, אַרומ־דרייענדיק זיך כלומרשט ביי אַרבעט. אָבער זייער אַרבעט איז אונדז לחלוטין ניט געפעלן געווען. ס'איז ניט געווען קענטיק, אַז די אַרבעט זאָל זיין אַ ממשותדיקע. דאָך האָבן מיר זיך באַרואיקט, ווייל געזען האָבן מיר זיי געזונטע און לעבעדיקע. צווישן די אַרבעטער האָט מען דאָ געטראָפן אַ פּאָר פון אונדזער דירה — דעם זון פון אברהם כץ, דעם זון פון חיים באַקאַטורסקי. פון אַ ריי וואַגאָנען האָבן מיר באַמערקט, אַז פּאַרטיעס מענטשן ווערן אַוועקגעפירט ערגעץ ווו. אין אַ צייט אַרום האָט אונדזער צוג געריכט פון אָרט. אָפּפאָרנדיק אַ געוויסע צייט, האָבן חברה באַמערקט, אַז מען פאָרט אויף צוריק. ביי אַלעמען זיינען ווידער אויפגעריסן געוואָרן די אויגן. מ'האָט גענומען רעדן און קלערן, וואָס עס באַדייט אונדזער וועג אויף צוריק. הגם מיר זיינען איצט ניט געווען אַזוי אומרואיק, ווי ביים דורכפאָרן פּאָנאַר, דאָך איז די הייטערע שטימונג אין וואַגאָן אַביסל קאַליע געוואָרן. געטרייסט האָבן מיר זיך דערמיט, וואָס אין עסטלאַנד זיינען דאָ אַ סך לאַגערן און מסתמא פירט מען אונדז אין איינעם פון זיי. אַזוי זיינען מיר געפאָרן אַ גאַנצן טאָג און אַ טייל פון דער נאַכט. מיט אומגעדולד האָבן מיר געוואַרט אויף דער טאָג־ליכטיקייט, כדי צו זען ווו מיר געפינען זיך. ביי די ערשטע זון־שטראַלן האָבן זיך פונדערווייטנס באַוויזן קאָנטורן פון גרויסע ווייסע בנינים. אַביסל שפּעטער האָבן מיר שוין געזען שיינע, ווייסע בנינים אויף אַ גרויסן פּלאַץ, וואָס איז פאַרלייגט מיט אַ סך נייע ברעטער און האָלץ, אַרום וועלכע עס דרייען זיך עטלעכע מענטשן מיט ווייסע פּאַסקעס אויף די הענט, מסתמא פּאָליציאַנטן. דערנאָך האָבן מיר שוין געוווסט, אַז מיר זיינען אין אַ לאַגער, וואָס הייסט קלאָאַגאַ. אין וואַגאָן האָט מען זיך געוויצלט: צוערשט זיינען מיר געווען אין „וויי־וויי", איצט זיינען מיר אין „קלאָגן"...

אַ זייגער 8 פרי האָבן זיך די וואַגאָן־טירן געעפנט און מיר זיינען אַרויף אויף דער טעריטאָריע פון לאַגער קלאָאַגאַ.

## אין קלאָאַגאַ

פון וואַגאָן האָבן מיר זיך דערנענטערט צו אַ גרויסן באַראַק, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ ריזיק פוסט וועלד. פאַר אונדז זיינען געגאַנגען צוויי פּאַרטיעס פון די ערשטע צוויי וואַגאָנען. מיר האָבן זיך מיט אונדזערע בידנע פּעקלעך אויסגעשטעלט נעבן באַראַק. דאָרט האָבן מיר שוין געפונען דעם דייטשן לאַגער־

פירער און דעם יידישן לאַגער־עלטסטן, מעלצער, מיט אַ פּאָר פּאָליציאַנטן. דער לאַגער־פירער ווענדט זיך צו אונדז מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„אַלץ, וואָס איר האָט ביי זיך, דאַרפט איר גלייך אָפּגעבן. געלט, זייגערס, שטיינער און אַנדערע ווערטפולע זאַכן. אַלע פּעקלעך, וועש, קליידער און אַנדערע זאַכן דאַרפט איר אָוועקלייגן דאָ״ — אָנווייזנדיק אויף אַן אָרט. וואָראָן, וואָס איז געשטאַנען אין דער ערשטער ריי, איז געוואָרן דער איבערזעצער און דער געשטאַפּאָווייץ האָט געפרעגט: „פאַרשטאַנען?״ — „יאַוואָל״, האָבן אַלע געענטפערט.

דאָן איז דער געשטאַפּאָווייץ מוסיף: „פאַרן ניט אָפּגעבן אַלץ, וואָס מען האָט ביי זיך, וועט מיט אייך פּאַסירן דאָס זעלבע וואָס מיט אָט דעם״, און האָט מיטן שטיוול אָנגעוויזן אויף אַ טויטן קערפּער, וואָס איז געלעגן הינטער אים. וועלכן מיר האָבן לכתחילה גאָרניט באַמערקט. דאָן האָט דער ייד מעלצער אַזוי געזאָגט:

„אָט דעם יונגנמאַן האָט דער לאַגער־פירער אַקאָרשט דערשאָסן אויף טויט דערפאַר, ווייל נאָכן באַפעל אָפּצוגעבן אַלץ, האָט ער געפונען ביי אים נאָך געלט״. אַ שיינער קבלת־־פּנים, וואָס? — שווער און ביטער אויף דער נשמה.

לויט דער ריי איז מען געגאַנגען צום טישל, וווּ ס׳איז געשטאַנען דער דייטש. מ׳האָט אַלץ אָפּגעגעבן, וואָס איז געבליבן נאָך די רויב־רעוויזיעס פון די פריערדיקע באַנדיטן אין וואַגאָן. שטייענדיק אַזוי מיטן זונדל, האָב איך געטראַכט: „וואָס טוט מען איצט. ווי גייט מען אַרויס פונעם נייעם פייער?״ אויפן האַנט האָב איך געהאַט אַ גוטן „צימאַ״־זייגער, וואָס מיינע חברים און פריינט האָבן מיר אין לאָדזש געשאָנקען צו מיין חתונה־יובל. כ׳האָב נאָך געהאַט 2800 רובל, אָפּגעראַטעוועטע פון יענע רויבער. פאַרזיכטיק האָב איך אַראָפּגעצויגן פון האַנט דעם זייגער און צעטראָטן אים מיט די פיס. מיר ניט — אָבער אייך אויך ניט. דאָס געלט אָפּגעבן האָט זיך מיר בשום אופן ניט געוואָלט. אָבער ריזיקירן מיטן לעבן צוליב געלט, מען זאָל מיך דערשיסן פאַרן קינד אין די אויגן? ווי ריזיקירט מען דאָס מיט אַ קינדס לעבן? איך מאַך שנעל אַ יידישע פּשרה: 800 רובל קליין געלט באַשליס איך אָפּצוגעבן און 4 פופציק־מאַרקעדיקע פאַררוק איך אין אַרבל. און ווי גאָט וועט געבן... די דעפּילאַדע פאַרן לאַגער־פירער גייט פאָראויס, דער באַרג זאַכן וואַקסט פון מינוט צו מינוט. מיט האַרצקלאַפּעניש גייען מיר דורך, פריער איך, דערנאָך דער ייִנגל. אין לעצטן מאָמענט האָב איך די זעלבע קאָמבינאַציע געמאַכט אויך מיט די זאַכן: אַ טייל אָוועקגעלייגט, אַ טייל פאַרהאַלטן — און ס׳איז גוט אַדורך. אַ דאַנק דערפאַר, וועט זיין עפּעס וואָס אויפן לייב אָנצוטאָן. דערווייל האָבן מיר זיך שוין דערוווּסט, ווער ס׳איז געפאַלן דער ערשטער קרבן. דאָס איז געווען דער געטאָ־פּאָליציאַנט נאָסיקאָוו.

אויפֿן צווייטן טאָג איז דער לאַגער־פֿירער געקומען אין שרייב־שטוב און געהייסן אָנשרייבן אַ פּראָטאָקאָל, אַז נאָסיקאָוו איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. דער יידישער לאַגער־עלטסטער, מעלצער, און דער שרייבער גידערמאַן, האָבן דעם פּראָטאָקאָל, לויטן באַפֿעל פֿון לאַגער־פֿירער, אונטערגעשריבן. מ׳האָט דעם פֿאַקט אויסגעטייטשט, אַלס אַ דערפֿרייענדיקע דערשיינונג: יידיש לעבן איז שוין ניט הפקר. אַפֿילו דער לאַגער־פֿירער מוז זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַר דער מאַכט צוליבן טויט פֿון אַ ייד.

דאָס האַרצקלאַפּעניש, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט, האָבן אין אַ פֿיל גרעסערער מאָס דורכגעמאַכט די יעניקע, וועלכע האָבן געהאַט ביי זיך גאָלד און אַנדערע טייערע חפצים. אַ סך האָבן דאָס מיט די פֿיס באַגראָבן אין זאַמד, כדי עס ניט אַוועקצוגעבן. זיי האָבן שפּעטער גאָרנישט געפֿונען, ווייל פּיפּיקע חברה־לייט האָבן דאָס אויסגעכאַפּט.

טאַקע אויף דעם באָדן איז אין לאַגער אויסגעבראָכן אַ גרויסער און וויסטער סקאַנדאַל מיט אַ יידישן פּאָליציאַנט, גורוויטש, וועלכער האָט צוגענומען אַ גרויס פֿאַרמעגן אין גאָלד, וואָס דער אַלטער קליאַטשקאַ מיטן זון האָבן אין יענעם מאָמענט באַגראָבן. גורוויטש האָט באַמערקט זייער באַהעלטעניש און קענענדיק, אַלס פּאָליציאַנט, זיך פֿריי באַוועגן — האָט ער דאָס פֿאַרמעגן צוגענומען און ניט געוואָלט אַפֿילו אַ קליינעם טייל צוריקגעבן די קליאַטשקאָס. אין אַ צייט שפּעטער, ווען די קליאַטשקאָס האָבן שטאַרק געהונגערט, האָבן זיי דורך די „שטאַרקע״ אים אויפֿגעצווונגען צו אַ „דין־תורה״ און ער האָט זיי עפּעס צוריקגעגעבן.

אָט אַזוי זיינען מיר אַריין אין לאַגער קלאָאָגאַ[1]. מיטוואָך, דעם 29טן סעפּטעמבער, 1943, ערב ראש־השנה תש״ד.

נאָך דער רעוויזיע האָט מען אונדז אַלעמען אַוועקגעפֿירט אויף אַ גרויסן, ליידיקן פּלאַץ און אויסגעשטעלט אַנטקעגן אַ גרויסער, ווייסער, פֿון בעטאָן־געבויטער געביידע. דער בנין האָט געהאַט גרויסע פֿענצטער, פֿיינע צוויי אַריינגענג און געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. נעבן דער געביידע איז געווען אַ פּראָוויזאָרישע קיך מיט גרויסע קעסלען. מיר זיינען אַזוי געשטאַנען, ביז עס האָט זיך געענדיקט די רעוויזיע פֿון אַלע וואַגאָנען. דערווייל האָבן מיר זיך שוין דערוווּסט עפּעס וועגן אונדזער נייעם לאַגער. דאָ געפֿינען זיך, צום מאָמענט, 55 מענער און 600 פֿרויען, אַלע געבראַכטע פֿון ווילנע און אומגעגנט.

די מענער לעבן טאַקע אָט אין דעם בלאָק און די פֿרויען אין אַן אַנדערן.

---

1. קלאָאָגאַ געפֿינט זיך 44 קילאָמעטער דרום־מערבדיק פֿון טאַלין (רעוועל). דאָס איז אַן אָרט פֿון זומער־וווינונגען און הייסט „קלאָאָגאַ־עדלין״.

מעלצער איז דער לאַגער־עלטסטער ביי די מענער. צו הילף האָט ער צוויי פּאָליציאַנטן — גורוויטש און סטראַשון. אַלע מענער און פרויען זיינען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע אַרבעטן. צו דער קיך זיינען געקומען אַ סך פרויען, צווישן זיי פיל באַקאַנטע. די שטימונג איז געווען אַ גוטע, אָבער דאָך האָט יעדערן געטיאָכקעט אין האַרצן די שאלה: „וואָס וועט דאָ זיין מיט אונדז?"

אין אַ היפּשער צייט שפּעטער איז אָנגעקומען מעלצער און געהייסן זיך אויסשטעלן צו 5 אין אַ ריי און צו 20 רייען אין אַ קאָלומנע. ער האָט אויך אָנגעזאָגט, אַז ווען די דייטשן וועלן קומען אויפן פּלאַץ, זאָל מען אַראָפּנעמען די היטלען.

באַלד איז טאַקע אָנגעקומען אַ גאַנצע כאַפּטע דייטשן. דער לאַגער־פירער, דער הויפּט־בוי־לייטער, אַ גראָבער אָנגעפּרעסענער דייטש מיט אַ גרויסן וואָלף־הונט, ס. ס.־לייט און „טאָדניקעס". דער לאַגער־פירער האָט זיך געווענדט צו אונדז מיט פאָלגנדיקער רעדע:

„אייער ביזאיצטיק פאַרשפּאַרט לעבן אין געטאָ האָט זיך געענדיקט. דאָ זייט איר איצט ניט ווי יידן, איר זייט העפטלינגע. אַלע אייערע געלט לאַטעס און אַנדערע אָפּצייכענונגען קענט איר אַראָפּנעמען. איר זייט אַרבעטער־העפטלינגע, אַזוי גוט ווי פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. איר וועט דאָ אַרבעטן און פירן אַ נאָרמאַל אַרבעטער־לעבן. איר וועט באַקומען אייער געהעריקע דערנערונג, אַז איר וועט קענען גוט אַרבעטן."

שטייענדיק אויסגעשטעלט ווי סאָלדאַטן און צוהערנדיק זיך צו יעדן וואָרט, האָבן מיר זיך געטראַכט: זאָל דאָס אמת זיין? אויס געלע לאַטע, אויס יידן, אַרבעטער־העפטלינגע גאָר...

איך ווייס ניט, ווי אַזוי דאָס איז געשען, נאָר דער לאַגער־פירער האָט זיך געווענדט צו העננעכקע שאַפּיראָ, ער זאָל איבערזעצן זיין רעדע. שאַפּיראָ, אַ גוט־באַקאַנטער טונקעלער טיפּ פון געטאָ, איז ווילּיונגעריש אַרויס פון דער ריי און זיך געווענדט צו אונדז מיט אַזאַ איבערזעצונג:

„חברים, דער אדון זאָגט, אַז מיר זיינען פרייע מענטשן. אויס געטאָ, אויס צרות, אַראָפּנעמען די געלע לאַטעס, מיר זיינען אַרבעטער. אונדז וועט גוט זיין, מיר וועלן רואיק לעבן און אַרבעטן. צו פרעסן וועט זיין אַט אַזוי פיל..." דאָ האָט ער ווילּיונגעריש אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן האַלדז און אויסגעשריגן: „פאַרשטאַנען?... „יאַוואָל, יאַוואָל", האָבן אַלע הויך געענטפערט...

דער לאַגער־פירער איז געווען זייער אויפגעלייגט און צופרידן. דאַן האָט ער פאַראָרדנט, אַז אַלע זאָלן זיך אויסשטעלן לויט זייערע פאַכן. ס'איז געוואָרן אַ טומל און מען האָט גענומען זוכן פאַכן, ווו זיך ערגעץ

צוצוטוליען. ביי די אמתע בעלי־מלאכות איז דאָס געווען זייער לייכט, צו זיי האָבן זיך צוגעקליבן פיל ניט־פאַכמענער...

מיר, אַ גרופּע יידישע אינטעליגענץ, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין איין גרופּע באַזונדער. דאָ זיינען געווען ביי אַ פופצן דאָקטוירים, עטלעכע אַדוואָקאַטן, אינזשיניערן, אַפּטייקערס א. א.; דער הויפּט־בוי־מייסטער האָט גענומען פאַר־צייכענען די פאַכן און די צאָל מענטשן. ביי די בעלי־מלאכות איז דאָס ווידער געגאַנגען שנעל און רואיק. ווען דער בוי־מייסטער איז צו צו אונדזער גרופּע, האָט ער אַ פרעג געטאָן דעם אַדוואָקאַט טייטעלבוים — „ווער ביסטו?" — „רעכטסאנוואלט" — האָט ער געענטפערט. יענער צעלאַכט זיך — „אַ, רעכטס־פאַרדרייער, כאַ, כאַ, כא"... „ווער ביסטו?" — פרעגט ער מיך. איך ענטפער „אַפּאָטעקער" — „פילן־דרייער" — לאַכט ער ווידער פון זיין חכמה...

דער בוי־מייסטער האָט אַ זאָג געטאָן צום לאַגער־פירער: „צו וואָס דאַרפן מיר אַזוי פיל דאָקטוירים? זיי גייען אַרבעטן" — „נאַטירלעך" — ענטפערט דער לאַגער־פירער. ער האָט גלייך גענומען פרעגן די דאָקטוירים וועגן זייערע ספּעציאַליטעטן און צווישן די דאָקטוירים גופא איז פאָרגעקומען אַ שטילער פאַרביסענער קאַמף. אַלע זיינען מיטאַמאָל געוואָרן אינטערניסטן און כירורגן. דער לאַגער־פירער האָט פאַרצייכנט נאָר צוויי נעמען פון אינטערניסטן, איין כירורג און איין פרויען־דאָקטאָר (ד"ר פּאָמעראַנץ, ד"ר סמושקאָוויטש, ד"ר זאלקינדסאָן און ד"ר געצאָוו). ער האָט אויך פאַרצייכנט דעם נאָמען פון אַפּטייקער איזאַק פרומקין, ווייל יענער איז געשטאַנען אין אַ ווייסן כאַלאַט מיט אַ רויטן קרייץ און מיט אַ קעסטעלע מעדיקאַמענטן, געבראַכטע פון געטאָ.

ס'איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג, ווען אָט די ערשטע צערעמאָניעס האָבן זיך פאַרענדיקט. ווען די דייטשן זיינען אַוועק, האָט יעדער פון אונדז באַקומען אַ פּאָרציע ברויט מיט מאַרגאַרין און הייסע קאַווע. מען האָט געגעסן און געטרונקען מיט ווילדן אַפּעטיט. אַ קלייניקייט — נאָך אַ וואָך פון ביטערע איבערלעבענישן און דערשיטערונגען, איז מען אַ ווייַלע פריי אויפן פּלאַץ, מען רעדט מיט די אַלטע לאַגערניקעס, ליגנדיק אויפן גרינעם גראָז...

ד"ר לאַזאַר עפּשטיין האָט גלייך געשאַפן אַ גרופּע דאָקטוירים, וואָס זאָלן זיך איינאָרדענען באַזונדער אין אַ באַזונדער צימער און ניט דאַרפן זיין אין גרויסן זאַל. מעלצער האָט צוגעזאָגט צו געבן אַ פּאָר באַזונדערע צימערן פאַר דער אינטעליגענץ.

ווען מ'האָט געעפנט פאַר אונדז דעם בנין, זיינען מיר טאַקע, אַ גרופּע פון אַ פּאָר צענדליק מענטשן, אַריין אין איין צימער. דאָס איז געווען אַ גערוים, ליכטיק און ריין צימער. נאָר אַ חוץ אַ טישל, איז אין אים קיין זאַך ניט געווען. מיר האָבן גלייך פאַרנומען ערטער אויף די פּאָדלאָגעס און „איינגעאָרדנט" זיך

אין דער נייער דירה. ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט מען די עלעקטרישע לאָמפּן ניט געקענט אָנצינדן, מחמת עס איז ניט געווען מיט וואָס צו פאַרטונקלען די פענצטער. דער לעגינגראַדער פראָנט איז געווען ניט ווייט פונדאַנען.

## די ערשטע טעג אין לאַגער קלאָאָגאַ

מיטן אָנקומען פון אונדזער פּאַרטיע, 750 מענער, איז אין לאַגער פאָרגעקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש. אַלס לאַגער־עלטסטער איז באַשטימט געוואָרן דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר פון ווילנער געטאָ — אַדוו. מושקאַט. עס זיינען אויך נאָמינירט געוואָרן נייע פּאָליציאַנטן: דער אַרטיסט שבתאי בליאַכער, אינזש. א. פריד, ש. צאַדיקאָוו — אַ קרעמער, הענעכקע שאַפּיראָ, ד"ר מישאַ דאָם איז אין משך פון איין טאָג אויך געווען פּאָליציאַנט, ער איז אָבער גלייך אַוועק אַרבעטן אַלס שוואַרצער אַרבעטער. אַלס לאַגער־שרייבער זענען באַשטימט געוואָרן — גידעדמאַן, סאַלאַמאַן גענס (דער ברודער פון ווילנער געטאָ־פאָר־שטייער), אַלס קאָלאָנען־פירער — דעאָול לייבע פון אָפּראָוויזאַציע. אויפן אַנדערן טאָג זיינען געקומען דייטשן און גענומען מענטשן צו אַרבעט. די ערשטע אַרבעט איז געווען אָפּרייניקן אַלע פּלעצער. די אַרבעט האָט געדויערט פון 7 ביז 12. דאַן איז געווען אַ סיגנאַל צו מיטאָג. איינס אַזייגער איז מען ווידער געגאַנגען אַרבעטן ביז 6.

נאָך זעקס האָט זיך אָנגעהויבן דער אַפּעל. ביים אָנקומען פון לאַגער־פירער, פלעגט מושקאַט אַ קאָמאַנדע טאָן: „מיטצען אָפּ" — און דער לאַגער־פירער פלעגט דורכציילן צי עס שטימט די צאָל. דאַן פלעגט קומען אַ קאָמענדע — „אין בלאָק".

דער בלאָק איז באַשטאַנען פון אַ פּאַרטער און ערשטן שטאָק. אונטן און אויבן זיינען געווען צוויי ריזיקע זאַלן. ביי די זייטן צו פיר גאַנץ גרויסע צימערן. שוין דעם ערשטן טאָג האָבן אַ סך אַנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט די פרויען און האָבן ביסלעכווייז גענומען זיך באַזאָרגן מיט פאַרשיידענע באַלעבאַטישקייטן, הויפּטזעכלעך פאַרן געלעגער.

פרייטיק פאַרטאָג זיינען מיר אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ סענסאַציע: ס'איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט פרויען. אַרויסגיין פון לאַגער האָבן מיר אָבער ניט געקענט. פּאָליציאַנטן האָבן שוין געוווסט צו דערציילן, אַז דאָס איז אַ טראַנספּאָרט פון 550 פרויען פון קאָוונער געטאָ. אַלע האָפענונגען צו טרעפן אונדזערע פרויען זיינען זיך גלייך צערונען. צו די פריש־אָנגעקומענע פרויען האָבן זיך צוגעשאַרט עטלעכע יידן און האָבן פון די צום־טויט איבערגעשראָקענע פרויען אַרויסבאַקומען

געלט, גאָלדענע חפצים, וואַלוטע וכדומה. אַ טייל האָבן שפּעטער אַלץ אָפּגעגעבן, אַנדערע נאָר טיילווייז, געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן אַלץ צוגעראַבירט פאַר זיך, און די אומגליקלעכע פּרויען שפּעטער קיין פּרוטה ניט געגעבן. דעם פּרויען־טראַנספּאָרט האָט מען איינלאָקירט אין פּרויען־בלאָק. דעם ערשטן אָקטאָבער 1943 האָט שוין אונדזער לאַגער געציילט 1200 פרויען און 800 מענער.

מיר זיינען צוגעטרעטן מאַכן אָרדענונג אין די צימערן. קודם־כל האָט מען גענומען מאַכן פּראָוויזאָרישע געלעגערס, מען זאָל ניט ליגן אויף דער הוילער פּאָדלאָגע.

אַ גרויסער טייל איינוווינער פון אונדזער צימער איז אַוועק אַרבעטן צו אַ רוס, אַ געוויסן ד״ר לעבעדיעוו. דאָס איז געווען אַ זייער אינטעליגענטער און געבילדעטער מאַן, פאַרשלעפּט געוואָרן דורך די דייטשן פון לענינגראַדער ראַיאָן. ער האָט געדאַרפט שאַפן אַ בריגאַדע אַרבעטער אויף צו פאַרצוימען דעם גאַנצן לאַגער מיטן שטעכיקן דראָט. 12 מאַן האָבן מיר געאַרבעט, רואיק, אָן יאָגעניש, אָן קללות און אָן קלעפּ, ווי געוויינלעך. פון צייט צו צייט פלעגט ד״ר לעבעדיעוו אונדז געבן פּאַפּיראָסן און אַנדערע קלייניקייטן. זיין באַציאונג איז געווען אַ העכסט קאָרעקטע. די טעג זיינען געווען שיינע און ס׳איז געווען אָנגענעם צו אַרבעטן אויפן גאַס, נאָר איין חסרון — ס׳פלעגט זיך שטענדיק וועלן עסן...

אונדזער דערנערונג, וואָס האָט אונדז, לויט די ווערטער פון לאַגער־פירער, געדאַרפט געבן די מעגלעכקייטן גוט צו אַרבעטן, איז באַשטאַנען פון: 6 אינדערפרי — אַ ליטער הייסע, שוואַרצע קאַווע; 12 בייטאָג — מיטאָג, ד. ה. אַ ליטער זופּ. די זופּ איז געווען ס׳רוב — אַ ליטער וואַסער מיט אַ פּאָר גרויפּן. נאָכן אַפּעל האָט מען באַקומען די פּאָרציע ברויט — אַ לעבל פון איין קילאָ מיט פערציק דעקאָ אויף פיר פּערזאָן. געווען אויך פאַלן, זייער זעלטענע, ווען דאָס לעבל ברויט איז צוגעטיילט געוואָרן פאַר 3 פּערזאָן, פּונקט ווי פאַרקערטע פאַלן, ווען דאָס זעלבע לעבל ברויט האָט מען געגעבן פאַר 5 פּערזאָן. צום ברויט איז שטענדיק צוגעגעבן געוואָרן אַ דעקאָ־צוויי מאַרגאַרין אָדער מאַרמעלאַד. זונטיק פלעגט מען געבן אַ צוויי דעקאָ צוקער, אַ מאָל צוואָרעך, קעז א. א. נאַטירלעך איז מען פון אַזאַ „פּאַיאָק״ שטענדיק געווען הונגעריק. אמת, מען האָט געקענט קויפן ברויט אין לאַגער. ברויט האָט געקאָסט אַ קילאָ 1.400 רובל (140 מאַרק פאַר אַ לעבעלע ברויט!). אין ווילנער געטאָ האָט אַ קילאָ ניט־לעגאַל ברויט געקאָסט 50 רובל — 5 מאַרק! ביי אַזאַ לאַגע האָט קיין רייד ניט געקענט זיין וועגן צוקויפן ברויט פּריוואַט. ביסלעכווייז האָט מען זיך צוגעפּאַסט און איינגעלעבט זיך.

## די ערשטע שוידערלעכע איבערלעבונג

ווען דער לאַגער־פירער האָט פאַר אונדז געהאַלטן זיין שיינע רעדע, אַז מיר זיינען פרייע מענטשן, העפטלינג־אַרבעטער, אויס יידן א.א.וו., האָבן מיר ניט אַזוי איבעריק געגלויבט אין זיינע ווערטער. צופיל האָבן מיר שוין געוווּסט וועגן זייערע בלוטיקע מעשים, אַז מיר זאָלן היינט אַלץ אָננעמען פאַר גוט געלט. אָבער דאָך האָט אַ טליע געטאָן אַ פונק פון האָפענונג: אפשר, טאָמער, „אולי ירחם״.... דער פראַנט איז אויף צרות, מען גיט קלעפּ, אַזוי פיל אומשולדיק בלוט פאַרגאָסן, ווער ווייסט, אפשר וועט מען שוין דאָס קליינע הייפעלע שאַנעווען און ניט מאָרדעווען. אפילו דעם טראַגישן פאַל מיטן דערשיסן דעם יידישן יונגנמאַן גלייך ביי אונדזער אָנקומען, האָבן מיר אויך געפּרוווט אויסטייטשן, אַז דער ס. ס.־מאַן מוז זיך שוין פאַרענטפערן פאַר זיין מאַכט, פאַרן דערהרגענען אַ ייד. אָבער אַלע אונדזערע אילוזיעס זיינען זיך זייער שנעל צערונען.

שבת, דעם צווייטן אָקטאָבער 1943, ווען מיר זיינען צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, איז צום אַפּעל געקומען דער לאַגער־פירער אין דער באַגלייטונג פון הויפּט־בוי־מייסטער, קורט שטאכע — אַן אַדוואָקאַט פון ווילהעלמסהאַפן. זיי זיינען גלייך צוגעגאַנגען צו אונדזער אינטעליגענטן־גרופּע און דער בוי־מייסטער האָט אַ זאָג געטאָן צום נעבן מיר שטייענדיקן ד״ר לאַזאַר עפּשטיין: „אַך, דו פאַרפלוכטער, דו דרעקיגער יודע! צום הער לאַגער־פירער ווערסטו זיך ווענדן וועגן אַרצט־באַשעפטיקונג? אי־ך האָב צו זאָגן וועגן אַרבעט״... און גענומען אים שלאָגן מיטן שטעקן, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט. בלוט האָט זיך געגאָסן פון דאָקטאָרס פּנים. ווען ד״ר עפּשטיין האָט געפרעגט: „וואָרום שלאָגן זי מיך?...״ איז יענער נאָך מער אַריין אין רציחה און נאָך מער געשלאָגן, אַז זיין שטעקן האָט זיך צעבראָכן אויפן דאָקטאָר. האָט ער דאַן גענומען פון לאַגער־פירער זיין שפּיצרוט און ווייטער געשלאָגן מיט שוידערלעכער רציחה, ביז דער דאָקטאָר האָט שוין ניט געקאָנט אַפילו קרעכצן... זיין בלוט האָט זיך פון אים געגאָסן... מיר זיינען געשטאַנען זייער נאָענט איינער נעבן צווייטן און ביי יעדן זעץ פון רוצח האָבן מיר אָפּגעקערט די קעפּ... וואָס האָט מען געקענט טאָן אין אַזאַ מאָמענט? איין ריר, איין פּיפּס, וואָלטן צוזאַמען מיטן דאָקטאָר אויך מיר געפאַלן טויט פון די צעיושעטע חיות. וואָס וואָלט דען דאָס געגעבן? מ׳האָט ווירקלעך געדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזן, כדי איינצוהאַלטן זיך און ליידן, ניט אָפּצוטאָן קיין געוואַגטן טאַט, וואָס וואָלט געבראַכט קרבנות און קיין שום נוצן. מיר האָבן קוים דערלעבט, אַז דער אַפּעל זאָל זיך ענדיקן. דעם צעמזיקטן דאָקטאָר האָט מען אַריינגענומען אין אַמבולאַטאָריע און אים באַרואיקט. אינטערעסאַנט, אַז אייניקע קאָלעגן, דאָקטוירים, האָבן אַ זאָג געטאָן: „גוט, ער

האָט דאָס כשר פאַרדינט, זאָל ער ניט גיין זוכן פּראָטעקציע ביים לאַגער־פירער אויף צו באַקומען אַ דאָקטאָר־פּאָסטן אין אַמבולאַטאָריע. דאָ איז ניט דאָס געטאָ״ (דאָקטוירים האָבן נאָך פון געטאָ געטראָגן אַ האַס אויפן ד״ר עפשטיין, הלמאי ער האָט צו די געלט שייגעט פון זיין פאַמיליע, ניט געלאָזט קיינעם צושרייבן). דעם גאַנצן זונטיקדיקן טאָג איז דער דאָקטאָר געלעגן, און מאָנטיק פרי האָט ער געמוזט גיין צו ספּעציעל־שווערער אַרבעט, אויפן בפירוש באַפעל פון בוי־מייסטער.

ווי עס זאָל ניט זיין, האָבן מיר אויף דער נייער פולער וואָך דערזען קלאָר, וואָס פאַר אַ פרייע אַרבעטער מיר זיינען...

## איך „אָרדן" זיך איין

זייענדיק אין פּרויען־בלאָק, האָב איך זיך געטראָפן מיט דער פרוי פון רעדאַקטאָר פון לאָדזשער „גייעס פאָלקסבלאַט", פרוי פעלאַ בזשוסטאָווסקאַ. זי איז דאָ אַהערגעבראַכט געוואָרן מיט די ערשטע פּאַרטיעס און שוין געווען דאָ „איינגעאָרדנט". דערוויסנדיק זיך, אַז איך בין דאָ מיטן זונדל און מיר זיינען געבליבן ביי גאַרניט, איז זי מיט מיר אַוועק צו דער לאַגער־עלטסטע פון פּרויען־בלאָק, פרוי פרידאַ. דאָס איז געווען אַ מאַניקורשיסטין פון ווילנע, אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, ניט מיאוס און זייער אַן ענערגישע — אַ „באַי־באָבע", ווי מען זאָגט. ניט קיין נאַרישע און ניט קיין שלעכטע. פרוי בזשוסטאָווסקאַ האָט מיך פאָרגעשטעלט און געבעטן מיר צו העלפן. זי האָט מיר טאַקע פון איר קאָסטן באַלד אַרויסגעגעבן אַ האַנטוך און אַ פּאָר שטיקלעך לייוונט; ווייטער האָט זי פאַראָרדנט, אַז די פרויען וועלכע אַרבעטן אין מאַגאַזין פון די ביי אונדז צוגענומענע זאַכן, זאָלן דאָס ייִנגל וואַרעם אָנטאָן. דאָס איז געווען ממש אַ גליק. זיי האָבן אים אָנגעטאָן אין אַ שיין ניי זאַקאָפּיאַנסקע פוטערל, באַזאַרגט מיט וואַרעמע וועש. אין זיין זכות האָב איך שוין אויך באַקומען אַ ביסל בעטגעוואַנט און מיט דער צייט האָבן מיר געהאַט אַ טייער געלעגער: אמתע קישנס, אַ גוטע קאָלדרע, ליילעכער, ציכלעך, האַנטוכער א. א. וו.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די וואַגאָנען מיט זאַכן, וואָס מ'האָט אַרויסגע־שיקט פון ווילנע פאַר די אַרבעטנדיקע אין עסטלאַנד, זיינען צוגענומען געוואָרן דורך די דייטשן. די שמאַטעס דאַקעגן האָבן זיי אָפּגעגעבן די יידן. דאָס זעלבע איז געשען מיט די זאַכן וואָס זיי האָבן ביי אונדז צוגענומען — די גוטע פאַר זיך און די שמאַטעס פאַר אונדז. כדי צו באַקומען עפּעס האָט מען באַדאַרפט האָבן גרויסע פּראָטעקציע. די ניי־געוואָרענע פּאָליציאַנטן האָבן זיך טאַקע גלייך אָנגעטאָן אין טייערע שטיוול, קורטקעס א. א. וו. אָבער דערצו איז לאו כל אדם זוכה. מ'דאַרף צוגעבן, אַז אַלע זיבעציק קינדער אין אונדזער

לאַגער, זיינען געוואָרן זייער גוט און וואַרעם אָנגעטאָן. פּרוי בזשוסטאָווסקאַ האָט מיר אויך געגעבן אַ גרויסע עס־וואַזע אויף צוויי ליטער, מיט צוויי לעפל — איינער אפילו אַ זילבערנער, מיר זאָלן האָבן פון וואָס צו עסן.

אין משך פון אַ קורצער צייט האָב איך זיך איינגעשאַפט אַ שיין ביסל באַלעבאַטישקייט. אַלץ האָב איך געהאַט. אַ חוץ וואָס צו עסן.

## מיר שאַפן אַ לאַבאָראַטאָריע, איך ווער אַ כעמיקער

אין לאַגער האָב איך זיך געטראָפן מיטן קאָלעגע מינקער. אַ געוויסע צייט האָט ער אין ווילנע געהאַט די אַסטראַבראַמער אַפּטייק אין אַרענדע. לעצטנס האָט ער געהאַט אַ קליינע כעמישע לאַבאָראַטאָריע אין ניי־ווילייקע. ער האָט זיך געווענדט צום בוי־מייסטער, פאָרשטעלנדיק זיך אַלס כעמיקער און פאָרגעלייגט צו מאַכן אין לאַגער אַ לאַבאָראַטאָריע. קודם־כּל, האָט ער געזאָגט, וועט ער מאַכן קיט. עס גייט צו ווינטער און דער לאַגער דאַרף האָבן אַ סך קיט צו קיטעווען די שויבן אין די ניי־געבויטע באַראַקן. דער בוי־מייסטער איז איינגעגאַנגען. ה׳ מינקער האָט גענומען צו הילף מיך און נאָך אַ דראָגיסט. זאַלבעדריט האָבן מיר געשאַפן די כעמיקער־בריגאַדע. מינקער האָט באַקומען צו זיין דיספּאָזיציע אַ שיין, גרויס צימער אין בלאָק און מיר זיינען צוגעטראָטן אָרגאַניזירן אַ לאַבאָראַטאָריע. אויף מיין פראַגע, וויאַזוי וועלן מיר מאַכן קיט, אַז מיר האָבן ניט קיין ליין־בוימל — האָט ער מיר געענטפערט: „דאָס איז מ י י ן זאַך, אויף דערויף בין איך אַ כעמיקער...״

מיר האָבן אָנגעפירט טאַטשקעס מיט ליים, וועלכע ה׳ מינקער האָט אויסגעפונען הינטערן לאַגער; פון טאַרטאַק האָבן מיר געבראַכט אַ סך פּאַלאָווינעס און פון בוי־מייסטער האָט ער באַקומען 10 קילאָ סטאָליאַרסקע קליי. פון אָט די דריי פּראָדוקטן האָבן מיר געזאָלט מאַכן קיט. דאָס אָרגאַניזירן די לאַבאָראַטאָריע, דאָס מאַכן די פּראָבעס, האָט פאַרנומען העכער אַ חודש צייט.

דער חודש איז געווען פאַר אונדז אַ גלענצנדיקער. געאַרבעט אָט אַזוי, לפנים וועגן, אין אַ ריין ליכטיק צימער. קיינער האָט אונדז נישט געיאָגט, ניט געטשעפּעט. אַלס שעף איז ה׳ מינקער געווען אַ ווילער מענטש. קודם כּל האָט ער געמאָלדן די דייטשקעס פון לאַגער, אַז ער מאַכט גוטע קרעמען. זיי האָבן אים גלייך געבראַכט פּוטער, מאַרגאַרין, פּאַרפיומען און ער האָט דריי פערטל גענומען פאַר זיך און פון רעשט געמאַכט קרעמען פאַר זיי. האָבן מיר דאַן אויך גענומען מאַכן קרעמען פאַר אונדזערע פרויען און אויך אונדז פלעגט בלייבן אַ שטיקל פעטס. אונדזער כעמיקער־בריגאַדע איז געווען אַן אָביעקט פון געלעכטער און וויצן אין לאַגער. ווען מעלצער פלעגט

אינדערפרי אויסרופן אַלע בריגאַדעס צו דער אַרבעט, פלעגט שטענדיק אויסברעכן אַ געלעכטער, ווען מען פלעגט אונדז דערמאָנען. אָבער מיר, די בריגאַדע אַליין, האָבן גאָרניט געלאַכט, ווייל אונדז איז לגמרי גיט געפעלן געוואָרן אונדזער כעמישע פּראָדוקציע. מיר האָבן עטלעכע מאָל געוואָרנט דעם ה׳ מינקער, אַז דער בוי־מייסטער קוקט אויף אונדז מיט אַ ניט־וואָרעם אויג, ביי זיינע באַזוכן אין לאַבאָראַטאָריע. מיר האָבן געקנאָטן אונדזערע ליים־פּאַלעווינעס, באַגאָסן מיט קליי און ס׳האָט זיך אַרויסבאַקומען אַ טייג־מאַסע, וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן די יידישע לאַגער־גלעזער צו דער אַרבעט. אַלע זיינען מיר געווען זייער צופרידן. אונדזער שמחה האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן: אין עטלעכע טעג אַרום זיינען געקומען די גלעזער מיט אַ בשורה, אַז אַלע שויבן זיינען אַרויסגעפאַלן. די מעשה איז אויך, צום אומגליק, דערגאַנגען צום בוי־מייסטער.

איינמאָל, ווען מינקער איז דורכגעגאַנגען דעם פּלאַץ, האָט אים פאַרהאַלטן דער בוי־מייסטער און אַ זאָג געטאָן צו אים:

„אַך, דו פאַרפלוכטער שייס־יודע! דו ווילסט מיך באַטריגן! כעמיקער ביסטו? שייסע ביסטו!״ — און גענומען אים שלאָגן מיט זיין נאַגייקע. מיט וועלכער ער האָט זיך קיינמאָל ניט געשיידט. ער האָט אים צעקיילט און צעביילט און דערצו נאָך אַרויסגעלאָזט אויף אים זיין ריזיקן הונט. יענער האָט גענומען רייסן און פליקן מינקערן, אַז זיינע קולות זענען געגאַנגען עד לב השמים. מינקער איז געווען אַ קליינטשיקער, אַ שוואַכינקער, אַריבער די 50. ער איז געבליבן ליגן, קוים געזשיפעט, אַ דריי פערטל טויטער דערקראָכן אין לאַגער. אינצווישן איז צו אונדז אין לאַבאָראַטאָריע אַריינגעפאַלן מעלצער און געזאָגט שטרענג: חברים, שוין זאָלט איר זיך אָפּטראָגן, אויס לאַבאָראַטאָריע, אויס בלאָף, יאַזדאַ פונדאַנען...

מיר זיינען קוים לעבעדיקע אַרויס, דאַנקענדיק גאָט און מעלצערן, וואָס האָבן אונדז פאַרהיטן פון אַ באַגעגעניש מיטן בוי־מייסטער.

פריינט מינקער האָט, נעבעך, זייער טייער באַצאָלט פאַר דער לאַבאָראַטאָריע. מיר האָבן אים מיטגעפילט, ווייל ער איז געווען אַ גוטער חבר.

**אונדזער צימער נומער 9**

ווי געזאָגט, זיינען מיר אין אונדזער צימער אַריין אַ גאַנצע, געשלאָסענע גרופּע. דאָס צימער איז געווען, אומגעפער, 7 מעטער אויף 4; הויך, ליכטיק, מיט 3 גרויסע פענצטער, ריין און ציכטיק. מיט דער צייט האָבן מיר זיך איינגעשאַפט נייע, ריינע, שיין־געהיבלטע בעטלעך — צווייִשטאָקיקע. מיר האָבן אויך באַקומען צוויי טישן, עטלעכע בענק, אַ פּאָר נאַכט־טישלעך.

די גרופּע איז באַשטאַנען פון 22 מאַן:

1) באַלבערישסקי מענדל — אַפּטייקער
2) באַלבערישסקי טעאָדאָר — זיין זון
3) ד״ר הירש בערגער
4) צדוק בערגער — זיין ברודער
5) ד״ר האוזמאַן
6) ד״ר סעווערין זיידלער
7) אַדוואָקאַט טייטעלבוים
8) טוכמאַן (געאַרבעט אין געטאָ־שפּיטאָל)
9) ד״ר עמנואל כאַלעס
10) ד״ר לאַזאַר עפּשטיין
11) ד״ר פּאַטשטער וולאַדימיר
12) קאָוואַלסקי (פון האָלץ־בראַנזשע)
13) קאַראַבטשינסקי (געוו. געשעפטס־פירער און בוכהאַלטער פון „מש־מרת חולים״ אין ווילנע)
14) ד״ר קאַרנאַווסקי
15) קליאַטשקאַ כתריאל
16) קליאַטשקאַ יצחק — זיין זון
17) קריינסקי זאב — אָנגעזעענער גע־זעלשאַפטלעכער טוער אין ווילנע, שטאָט־גבאי א. א.
18) קריינסקי יאָשע — אינזשיניער, זיין זון
19) רודניצקי — שוואָגער פון קאָוואַל־סקין, אויך פון דער האָלץ־בראַנזשע
20) רעמיגאָלסקי אהרן — זון פון באַ־קאַנטן טוער ביי די ווילנער סוח־רים און גרויסער בורר, אַפּליקאַנט־אַדוואָקאַט
21) ד״ר ראָם מישאַ — באַקטעריאָלאָג און
22) ד״ר קלמן שאַפּיראָ

נאָכדעם, ווי דער בוי־לייטער האָט צעשלאָגן דעם ד״ר לאַזאַר עפּשטיין — האָט ער פאַרלאָזן אונדזער צימער און איז געווען צוזאַמען מיט זיין יונגן משפּחה־מיטגליד — דעם זון פון ד״ר קיילסאָן. עס זיינען פאַרגעקומען נאָך אַ ריי ענדערונגען: ד״ר האוזמאַן, ד״ר בערגער מיטן ברודער און קריינסקי מיטן זון זיינען אַוועק און ס׳זיינען צוגעקומען: דער ברודער פון רעמיגאָלסקי — אברהם, פאַרבליבן נאָר אַ קורצע צייט; אנאַליק משה מיט צוויי זין; גאָלד מיט אַ קליינעם זון; ברודנע, ווײַנער אַ שניידער, און דער עלעקטראָטעכניקער צענדזיאַווסקי מיט זיין קליין זונדל. אָט די גרופּע מענטשן האָט אָפּגעלעבט צוזאַמען 11 חדשים. דער גרעסטער טייל פון זיי איז געווען ביזן לעצטן מאָמענט.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין לאַגער, איז נחמיה מעלצער געווען דער לאַגער־עלטסטער אין מענער־בלאָק. אַ פּשוטער, אָרנטלעכער, פּראָווינציעלער יונגערמאַן פון אַ יאָר 40, פון דער האָלץ־בראַנזשע, אין ווילנער פּראָווינץ. ער האָט זיך ניט אויסגעקענט אויף קיין חכמות און פּאָליטיק. ווען אין לאַגער זיינען אָנגעקומען די ווילנער „געטאָ־פּני״, האָבן זיי גלייך באַוויזן די קונץ אים צו באַזייטיקן און אויף זיין אָרט אַוועקגעשטעלט מושקאַטן. אָבער לאַנג האָט דאָס ניט אָנגעהאַלטן: מעלצער, מיט דער הילף פון פרידע — די לאַגער־עלטסטע פון פרויען־בלאָק, האָט מושקאַטן מיט זיין חברה שנעל באַזייטיקט און ער איז געוואָרן צוריק דער לאַגער־עלטסטער. דעם בלאָק האָט ער געפירט אָרנטלעך, שטענדיק פאַרהיטן פון אומזיסטיקע צרות, ביז דער ליקווידאַציע,

ביי וועלכער ער איז אַליין אויך אומגעקומען. געראַטעוועט האָט זיך זיינע אַ שוועסטער מיט איר מאַן — לייבמאַן.

## די ערשטע טשיסטקע אין לאַגער

דעם 5־טן נאָוועמבער 1943 האָט מען אונדז פאַרהאַלטן אויפן אַפּעל און מען האָט, לויט אַ רשימה, אַרויסגערופן 150 מענער. ס'איז געווען קלאָר פאַר אַלעמען: „די ערשטע טשיסטקע..." אין דער אָפּגעקליבענער פּאַרטיע זיינען אַריין די געוועזענע געטאָ־מנהיגים, צווישן זיי אינזש. פריד, מושקאַט, ד"ר עפּשטיין א. א.

מ'האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז די רשימה האָבן צונויפגעשטעלט מעלצער און פרוי פרידע, כדי פּטור צו ווערן פון די „אַריסטאָקראַטן". די 150 מענער זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין אַן אַנדער לאַגער — אוליבורמע, וועלכער האָט זיך געפונען צווישן דאָרפּאַט און פּסקאָוו. אין דעם לאַגער זיינען געווען ביי 400 ווילנער יידן, צווישן זיי פיל אונטערוועלטניקעס. זיי האָבן זיך דאָרט איזדיעקעוועט איבער דעם יודנראַט־עלטסטן אינזש. פריד. דאָרט איז געשטאָרבן דער אָנגעזעענער ווילנער יידישער געזעלשאַפטלעכער טוער — זאב קריינסקי, טעטיק געווען במשך אַ האַלבן יאָרהונדערט לטובת הכלל. יעקב, זיין זון, האָט אים דאָרט מקבר געווען. אין דעם זעלבן לאַגער איז אויך געשטאָרבן דער מיטאַרבעטער פון די „געטאָ־ידיעות" — דער זשורנאַליסט בענדער פון קאָוונע.

אין אַ צייט אַרום, זיינען אַ טייל פון די לאַגערניקעס געבראַכט געוואָרן קיין קייזערוואַלד, נעבן ריגע. דורך זיי האָבן אַ סך פון אונדזערע פרויען, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען — באַקומען ווענן אונדז דעם ערשטן גרוס.

## נייע פּאַרטיעס לאַגערניקעס אין קלאָאַגאַ („אַראַבער" און „ענגלענדער")

אין אַפּריל 1944 זיינען צו אונדז געבראַכט געוואָרן נייע פּאַרטיעס לאַגערניקעס פון אַנדערע ערטער אין עסטלאַנד. פון ערעדא און גאָלדפילך זיינען געקומען 250 מאַן, פאַרמאַטערטע און פאַרחושכטע, טיילווייז אין אַרעסטאַנטן־פּאַסן־קליידער, וואָס ביי אונדז אין לאַגער האָבן געטראָגן די עסטישע קאַטאָרזשנע פאַרברעכער. צוליב זייער אויסזען, האָט מען זיי גלייך געקרויינט מיטן נאָמען „אַראַבער".

דעם 14טן מאַי האָט מען צו אונדז ווידער געבראַכט אַ פּאַרטיע פון 105 מענער און 45 פרויען פון די לאַגערן „קיוויאָלי 1" און „קיוויאָלי 2". די דאָזיקע פּאַרטיע מענטשן איז געווען אין גאָר אַ שווידערלעכן צושטאַנד: שמוציקע, פאַרגרעבטע, פאַרווילדעוועטע. זיי האָט מען געקרויינט מיטן

נאָמען „ענגלענדער". צווישן די ניי־אָנגעקומענע איז אויך געווען מיין שכן פון דער געטאָ־דירה — צלאל שקאָלניק. אַ מאָל אַ ייד אַ בן תורה און פיזיש געזונט — אַ גבר. איצט, אַ צעבראָכענער, אין אַ שווידערלעכן מעמד.

## די ארבעט אין לאגער

די 2.000 מענער און פרויען אין לאַגער, זיינען אויסגענוצט געוואָרן דורך די דייטשישע „טאָדניקעס" אויפן מאַקסימאַלסטן אופן.

קודם כל זיינען די דייטשן צוגעטראָטן אויפצושטעלן אַ ריי נייע באַראַקן, סטאַנדאַריזירטע באַראַקן, וואָס פלעגן זיך צונויפשטעלן פון פאַרטיקע טיילן. מיט דער באַראַקן־„בוי־אָפטיילונג" האָט אָנגעפירט אַ דייטש מיטן נאָמען קאַראַל דוגאַרדען — פון אַאַכען. ער איז געווען אַ ריז — הויך, ברייט און געזונט ווי אַ מויער. דער דאָזיקער יעקע איז אָפט אַריינגעפאַלן אין אַ ווילדן, משוגענעם כעס, און פלעגט שלאָגן מכות־רצח מיט וואָס עס איז אים נאָר אַריינגעפאַלן אין האַנט. אָט צו דעם רשע־מרושע בין איך אַריינגעפאַלן אַרבעטן, נאָכדעם ווי מ'האָט ליקווידירט אונדזער לאַבאָראַטאָריע. דער יידישער גרופּע־בריגאַדיר איז געווען דער געוועזענער סערזשאַנט פון דער געטאָ־פּאָליציי אַפּליקאַנט אַלייסקי. אין אַ צווייטער גרופּע איז געווען בריגאַדיר — גערמאַנישסקי. אין אונדזער גאַנץ גרויסער גרופּע אַרבעטער האָבן אויך געאַרבעט אַ פּאָר ריכטיקע בעלי־מלאכות ; די איבעריקע האָבן קיין אַנונג ניט געהאַט פון טישלעריי־אַרבעט. אין משך פון אַ פּאָר חדשים איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ גאַנצע ריי באַראַקן, אין וועלכע מ'האָט גלייך אינסטאַלירט פאַרשיידענע וואַרשטאַטן און פאַבריקן. אויף אַזאַ אופן האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ גרויסע פאַבריק פאַר כאַלעוועס מיט קלומפּעס, פאַר שניידעריי און שוסטעריי, באַראַקן צום האַלטן מאַטעריאַלן, וווינונגס־באַראַקן פאַר דייטשן, עסטן א. א. וו. ווען די באַראַקן־אַרבעט האָט זיך פאַרקלענערט, בין איך ווייטער געבליבן ביים זעלבן קאַראָלן אַלס געהילף פון אַן אויוון־מאַכער. מיר, אַ גרופּע אַרבעטער, האָבן דערלאַנגט צו דער האַנט ציגל, זאַמד, צעמענט. די אויוון־מאַכערס זיינען געווען רוסישע „פּערעקולשטשי־קעס". זיי האָבן מיט אַ סך אַרבעטער געמאַכט געשעפטן, גוט פאַרדינט און נאָכאַנאַנד געשיכורט.

איך האָב קיין מזל ניט געהאַט ביי דער אַרבעט. קאַראָל האָט מיך פיינט געהאַט, ווי אַ שפּין. ביי דער קלענסטער ניט־פּינקטלעכקייט האָט ער מיך געשלאָגן מכות־רצח. ער פלעגט שטענדיק צו מיר שרייען : „דו פאַרפלוכטער אַפּאַטעקער, דו פאַרעטער !..." איך האָב עפּעס קיין מזל ניט געהאַט און בין בכלל געווען

אַ גרויסער טויגעניכטס צו די דאָזיקע אַרבעטן. ווי גוט איך האָב זיך באַמיט צו מאַכן, פלעגט ביי מיר שטענדיק אַרויסקומען קרום און הויקערדיק. געברענטע צרות האָב איך געהאַט פון דעם יעקע. איינמאָל נעמט ער מיך מיט נאָך אַ ייִד, אַ שניידער פון שניפּישאָק (אַ פאָרשטאָט־טייל אין ווילנע) — הייסט אונדז ביידן באַזייטיקן אַ ריזיקן שטיין פון אַ גרוב, ווו מען האָט געדאַרפט לייגן אַ פונדאַמענט צו אַ נייעם טאַרטאַק. מיר, ביידע שלים־מזלניקעס, האָבן גענומען מיט קירקעס האַקן דעם שטיין. מיר זיינען געבליבן אָן כוחות, אָבער דעם שטיין האָבן מיר אַפילו קיין ראַץ ניט געגעבן. אין אַ שעה אַרום קומט קאַראָל צו לויפן און, זעענדיק אַז מיר האָבן גאָרניט געמאַכט, האָט ער אונדז גוט אָנגעזידלט און איז אַוועק. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיר וועלן באַלד שלעכט אָפּשניידן. האָבן מיר זיך געווענדט צו מעבלען, דעם טעכניקער־אינזשיניער, ער זאָל אונדז זאָגן, ווי אַזוי צוצונעמען דעם ריזיקן שטיין. „דרייט מיר ניט קיין קאָפּ...” איז געווען זיין ענטפער, און איז אַוועק. באַלד איז ווידער געקומען קאַראָל, געזען, אַז דער שטיין ליגט אַ נישט־גערירטער האָט ער אונדז גענומען שלאָגן צום טויט. דעם שניידער האָט ער די האַנט צעבראָכן; מיר האָט ער געגעבן אַזאַ זעץ מיטן שטעקן איבערן קאָפּ, אַז ווען איך שטעל ניט אונטער די האַנט, וואָלט איך געבליבן אויפן אָרט. ביז היינט האָב איך נאָך דעם צייכן אויפן האַנט. ער וואָלט אונדז דערהרגעט, ווען אין גרוב לויפט ניט אַראָפּ דער יונגער קליאַטשקאַ, אַ פּעאיקער, רירעדיקער און גוטער יונגערמאַן — דערלאַנגט אַ כאַפּ אַ רידעל און רופט אויס: „איר דומע קערלס, אָט אַזוי דאַרף מען באַזייטיקן אַ שטיין — מ'גראָבט אויס אַ גרוב און מען וואַרפט דעם שטיין אַריין”. קאַראָל האָט אונדז אָפּגעלאָזט און איז אַוועק. נאָך אַ פּאָר יידן זיינע צוגעלאָפן און האָבן שנעל גענומען גראָבן. אין אַ קורצע ווײַלע איז דער שטיין באַזייטיקט געוואָרן. מיר זיינע קוים לעבעדיקע אַוועק אין לאַגער אויף מיטאָג.

אַ פרייען, רואיקן חודש האָב איך פון קאַראָלן געהאַט דעמאָלט, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן אויף אורלויב. גאַנצע טעג פלעגן מיר זיצן אין די האַלב־פאַרטיקע באַראַקן און געבאַקן געפּרווירענע, האַלב־פאַרפוילטע קאַרטאָפל, צעשניטענע אויף שטיקלעך און זיי גוט אויסגעטרוקנט אויף די אייזערנע אייוועלעך. גוטע קאַרטאָפל פלעגן מיר צעשניידן אויף דינינקע פּעניצלעך און באַקן.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין קלאָאָגאַ, איז דאָרט געווען אַ קליין טאַרטאַקל. איצט האָבן די דייטשן גענומען בויען אַ גרויסן עלעקטרישן אַגאַטאָר. ד״ר ראַם און טוכמאַן פון אונדזער צימער האָבן דערציילט, אַז דער בוי־מייסטער פלעגט שעהען שטיין ביים בוי פון אַגאַטאָר. ביז איבער די קני זיינען זיי געשטאַנען אין וואַסער. ער איז געווען אַזוי אַנטציקט פון זייער אַרבעט, אַז

ער האָט צוגעטיילט דער בריגאַדע טאָפּלטע ברויט־פּאַרציעס, ער האָט זיי געבראַכט גומענע שטיוול א. א. וו. מיט דער צייט איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסע זעג־מיל. אַלע נויטיקע מאַשינען זיינען שוין פון פריער געווען צוגעגרייט. עס פלעגן אָנקומען גאַנצע צעגער מיט ריזיקע קלעצער צום זעגן. בריגאַדירן פון דער גרופּע אַרבעטער זיינען געווען קויפמאַן און הלל זיידעל.

פון די צעזעגטע ברעטער פלעגט מען אין דער ווייטערדיקער אָפּטיילונג מאַכן ווענט צו די סטאַנדאַריזירטע באַראַקן. דאָ האָבן געאַרבעט אַ סך יידן. די אַרבעט איז פאַרהעלטנישמעסיק געווען ניט קיין שווערע און אַ ריינע, ס׳האָט פאַרפליכטעט אַ נאָרמע. בריגאַדירן זיינען דאָ געווען וואראַן און אַבקע באַל־טוּפּסקי. פון צייט צו צייט פלעגט מען אָנלאָדעווען גאַנצע צעגער מיט אָט די פאַרטיקע טיילן פון די באַראַקן. אַ סך מאָל האָט פּאַסירט, אַז די לאָדונג איז פאָרגעקומען אין אונדזערע אָפּרו־טעג — זונטיק. מ׳האָט אַרויסגעטריבן דעם גאַנצן לאַגער און מען פלעגט די וואַגאָנען דאַרפן אָנלאָדעווען ווי אַמשנעלסטן — קלאָר, אַז ס׳האָט ניט געפעלט קיין מכות און צרות ביי דער לאָדונג, דערביי פלעגט מען אַזוי צעדרייען די טיילן, אַז מען זאָל קיין טאָלק ניט קענען דערגיין.

איינע פון די שווערסטע און שמוציקסטע אָפּטיילונגען איז געווען די בעטאָן־אָפּטיילונג, ווו מ׳האָט אויסגעאַרבעט בעטאָן־ציגל צו בלינדאַזשן, פונדאַמענטן א. א. וו. דאָס זיינען געווען ציגל, געפלאָכטן מיט אַרמאַטורן און פאַרגאָסן מיט צעמענט. איין טייל אַרבעטער פלעגט שלעפּן דעם צעמענט, אַנדערע — זאַמד, אַ צווייטע פּאַרטיע איז געשטאַנען ביי דער מאַשין און געמישט דעם צעמענט און געמוזט נאָכהאַלטן דעם טעמפּאָ פון דער מאַשין. די פרויען האָבן געשלעפּט טראַגעס מיט פליסיקן צעמענט צו די טישן. ביי גרויסע טישן פלעגן די אַרבעטער איינשטעלן די פאָרמעס, אַריינפּאַסן אין זיי די אייזערנע אַרמאַטורן און פאַרגיסן מיט צעמענט. אַ געוויסע צייט האָבן חברה געמאַכט די ציגל אָן אַרמאַטורן. גאַנצע צעגער מיט ציגל זיינען אין וועג צעבראָכן געוואָרן אויף שטיק־לעך. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער סקאַנדאַל, מ׳האָט געדראָט מיט קאָנסעקווענצן. פאַרענדיקט האָט זיך דאָס מיט אַ באַפעל, אַז יעדע פאַרטיקע ציגל מוז געצייכנט ווערן מיטן נאָמען פון אויסאַרבעטער. באין ברירה, האָט מען דעם סאַבאָטאַזש געמוזט אָפּשטעלן. די ציגל זיינען געווען גרויסע און שווערע (60 צ״מ לאַנג, 25 צ״מ דיק). כסדר זיינען אָנגעקומען גאַנצע צעגער מיט צעמענט. מ׳האָט זייער אָפט אַרויסגעטריבן דעם גאַנצן לאַגער צום אויסלאָדענען די וואַגאָנען. פאַר אונדזערע מענטשן איז דאָס געווען קאַטאָרגע ממש. אָפּגעשוואַכטע און אויסגעהונגערטע, מיט געשוואָלענע פיס, האָבן געדאַרפט שלעפּן אויף זיך 50־קילאָדיקע זעק צעמענט. פילמאָל פלעג איך פאַלן אונטער דער משא, דער

זאַק האָט זיך צעריסן און די יעקעס האָבן געשלאָגן מכות־רצח. פון אַזאַ אַרבעט פלעג איך קוים צוריקקומען אַ לעבעדיקער. נאַטירלעך זיינען געווען אַזעלכע, וואָס ביי זיי איז דאָס געווען אַ קינדער־שפּיל. די שטאַרקע פלעגן נעמען צו 3 זעקלעך צעמענט אויף אַ מאָל. פּרוּוען האָבן געטראָגן אַ זאַק צעמענט אין צווייען — אויף טראַגעס. ווען די דייטשן האָבן ניט געזען, פלעגן מיר צערייסן צענדליקער זעק און מאַכן אַ תל פון דעם צעמענט. בריגאַדירן אין דער אָפּטיילונג זיינען געווען פאַרשיידענע אין דער צייט: לייבמאַן, עלטערמאַן, וויינטרויב, טורבאָוויטש, מאַקס זאל און שלמה גאלאמפּיאל.

## טראַנספּאָרט־אַרבעטער

אין לאַגער פלעגן טאָג־איין טאָג־אויס אָנקומען גרויסע טראַנספּאָרטן מיט פאַרשיידענע מאַטעריאַלן פאַר די באַזונדערע אָפּטיילונגען און עס זענען נאָכאַנאַנד אַרויסגעשיקט געוואָרן טראַנספּאָרטן מיט אויסגעפּערטיקטע זאַכן. צום אויפלאָדענען און אָפּלאָדענען די וואַגאָנען איז געשאַפן געוואָרן אַ בריגאַדע פון די געזונטסטע מענטשן אין לאַגער, צווישן וועלכע עס זיינען געווען ממש גיבורים. די דייטשן פלעגן אָפט שטיין און באַוווּנדערן די לייכטקייט און רוטין פון די מענטשן ביים הויבן די שווערסטע משאות. ס'רוב זיינען דאָס געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך אין פרידנסצייט אויך פאַרנומען מיט טראַנספּאָרט־אַרבעטן. אין לאַגער האָבן זיי געבילדעט די אַזוי־גערופענע גרופּע „שטאַרקע".

צו זיי האָבן געהערט:

1) בערקע גבאי (פאַמיליע יאַטאַווס)
2) זיין ברודער אורקע
3) שעפּסקע פּרוזשאַן
4) בערקע פּעטרושקע (פאַמיליע: קאַסריעליס)
5) מאָטעלע דער טרויער (זילבערשטיין)
6) לייבקע דער משוגענער (גראָדזענ־סקי)
7) אַברעמקע ציגיינער (מילייקאָווסקי, בערקע גבאיס שוואָגער)
8) זעליק סקיר — דער קאַקער (דער צווייטער שוואָגער)
9) אַברעמקע פאַרך (ברווידעס)
10) יאָסקע די קאַבעלע (פאַמיליע: יאַאיש, אַ קצב)
11) סאַמורע (אלתר גודוויטש)
12) סאַמורע הענעך — זיין זון
13) בעריל דער בעקער (פּלאָטניק)
14) אברהמקע שוואַרץ — מאַקייקע (דערנאָך געאַרבעט אין כאַלעווקעס־פאַבריק)
15) כאַצקל שוואַרץ — זיין זון (שפּעטער געאַרבעט אין שוסטער־פאַבריק)
16) עלטערמאַן דוד (צוערשט געאַר־בעט אין בעטאָן)
17) מאנקע דער שנאָרער (זלאָטין)
18) מולקע שאַפּירא (געווען פּאָליציאַנט אין ווילנער געטאָ, אויפגעריסן אונדזער מעלינע ביי די אַרויס־שיקונגען אין עסטלאַנד, געשלאָגן מיין מאַמען, ווען זי האָט גענומען וויינען ביים צונעמען מיך)
19) לעווין עלטשיק; און

20) ווייגטרויב בעניעק (פריער געאַר־בעט אין בעטאָן)
בריגאַדיר פון די טראַנספּאָרט־אַרבעטער איז געווען וואָפּניק מאָזעס. אין די לעצטע חדשים פון לאַגער איז דער אַרטיסט שבתי בליאַכער געוואָרן אויס פּאָליציאַנט און איז אַוועק אַרבעטן אין אַט דער טראַנספּאָרט־בריגאַדע.

אַ טאָפּלטער באַראַק איז אויפגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ פאַבריק צו מאַכן הילצערנע קלומפּעס. אין איין טייל פאַבריק פלעגט מען מאַכן די כאָליעווקעס פון טוטן[1], לעדער, אָדער ברעזענט, און אין צווייטן טייל פאַבריק האָט מען דאָס צוגעקלעפּט צו די הילצערנע ספּאָדן. די פאַבריק איז געווען פאַרזען מיט אַ סך גוטע מאַשינען צו אַלערליי אַרבעטן. דאָ האָבן געאַרבעט עטלעכע צענדליק יידן אין גאַנץ גוטע באַדינגונגען — ליכטיק, ריין, וואַרעם און דערביי פלעגן אייניקע מאַכן אַ סך געלט פון די מאַוריעס[2] אַרום דער לעדער. דאָ זיינען געווען גרויסע סקלאַדעס מיט די טייערסטע ווייכע און האַרטע לעדער, פון זיי זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ סך ערשטקלאַסיקע שטיוול פאַר די דייטשן. בריגאַדיר איז געווען מענדעלעוויטש.

אין אַ גרויס געמויערט הויז איז איינגעאָרדנט געווען אַן ערשטקלאַסיקע טישלעריי, מיט אַ סך גוטע מאַשינען צו דער אַרבעט. די טישלעריי האָט אויסגעאַרבעט פאַרשיידענע זאַכן, ווי בעטלעך פאַר העפטלינגען און דייטשן; שטולן, בענק, אַלמערס פאַר דייטשישע באַראַקן; דאָרט זיינען אויך געמאַכט געוואָרן די הילצערנע טיילן צו די קלומפּעס, גוטע, שיינע מעבל־שטיק פאַר די דייטשן פּריוואַט, טירן־פענצטער צו אַלע באַראַקן. דערביי האָבן געאַרבעט עטלעכע ערשטקלאַסיקע בעלי־מלאכות. מיט איין וואָרט אַ פּראָדוקציע אין גרעסערן שטייגער. בריגאַדירן ביי די טישלער זיינען געווען — נאָטעס און פּישקעס.

אין זעלבן בנין, וווּ ס'איז געווען די טישלעריי, איז אין אַ גרויסן צימער געווען אַ מאָלעריי־וואַרשטאַט. דאָ האָבן געאַרבעט אין גוטע באַדינגונגען, דער באַקאַנטער אין ווילנע שילדן־מאָלער און טעאַטער־דעקאָראַטאָר — עפראָן און דער מאָלער־קינסטלער — יודל מוט. יודל מוט פלעגט מאָלן אַ סך בילדער פאַר די דייטשן און אַזוי אַרום האָבן ער און עפראָן שטענדיק געהאַט גוט צו עסן און אַ סך. ביידע — שטילע, אינטעליגענטע מענטשן. דעם גאַנצן ווינטער, ווען מיר האָבן אָפּגעפינצטערט ביי דער אַרבעט אויף דער גאַס, אין שנייען און זאַווערוכעס, פלעגן אַ סך יידישע אויסגעפרוירענע אַרבעטער זיך אַריינכאַפּן צו די „קיסרים״ אין די וואַרשטאַטן, אַנוואַרעמען זיך און אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

1. אַזאַ סאָרט לעדער, אָדער צעראַטע.
2. „קאָמבינירן״, אָדער פּשוט גנבענען.

עפּראָן און מוט האָבן מיך שטענדיק צוגעטוליעט צו זיך און געלאָזט זיין אין וואַרשטאַט אַזוי לאַנג, וויפל מ׳האָט נאָר געקענט. דאָס האָט ממש דערהאַלטן ביים לעבן. אגב, פּלעגט מען אָפּבאַקן ביי זיי אַ פּאָר קאַרטאָפל, אויב מען האָט זיי נאָר געהאַט. עפּראָן האָט געווינט אין ווילנע אויף איין הויף מיט אונדז; מיר פּלעגן שטענדיק שמועסן וועגן אונדזערע טעכטער, וועלכע זיינען געווען אין איין עלטער און ביידע זיינען פון אונדז אַוועקגעריסן געוואָרן. נאָך דער באַפרייאונג האָב איך געטראָפן עפּראָנס טאָכטער אין לאָדזש, אַלס אַרטיסטין פון יידישן טעאַטער.

אין זעלבן בנינים־קאָמפּלעקט איז אויך געווען אַ גרויסע וועשעריי, ווו עס האָבן שווער געאַרבעט אַ סך יידישע פרויען. קודם־כל האָבן זיי געדאַרפט וואַשן די וועש פון דייטשן, עסטן, רוסן. מיט דער צייט האָבן זיי אויך אָנגעהויבן צו וואַשן די וועש פאַר יידן. דאָס וועש־וואַשן איז פאַר אונדז מענער, געווען זייער אַ שווער פּראָבלעם. פרויען פלעגן זיך לייכט אַן עצה געבן מיט זייערע וועש. ס׳רוב האָבן מיר אַליין געוואַשן, געקאָכט אין בלעכענע פּושקעס א. א. וו. אונדזער וועש־וואַשן האָט געהאַט אַזאַ פּנים ווי אונדזער גאַנץ לעבן. באַקאַנטע פרויען האָבן טיילמאָל אויס פריינטשאַפט געהאָלפן מענער מיט אויסוואַשן אַ ביסל וועש. אַנדערע פלעגן וואַשן פאַר אַ שטיקל ברויט. אַ פּאָר מאָל האָט מיר וועש געוואַשן די פרוי בזשוסטאָווסקאַ, וואָס האָט געאַרבעט אין פרויען־באָד און שטענדיק געהאַט הייס וואַסער און ווו צו קאָכן. נאָכן אָרגאַניזירן די גרויסע וועשעריי האָבן מיר איין מאָל אין חודש געגעבן צום וואַשן דאָרט עטלעכע שטיקלעך און דאָס איז געווען אַ גרויסע פאַרלייכטערונג. די פירערין פון דער וועשעריי איז געווען די פרוי ראָזאַ שאַכנאָוויטש.

אין זעלבן בנין איז אויך געווען אַ גרויסע שלאָסעריי, ווו ס׳האָבן געאַרבעט אַ סך ערשטקלאַסיקע יידישע בעלי־מלאכות. זיי פלעגן דאָ פאַריכטן אַלע מאַשין־טיילן און בכלל געמאַכט פאַרשיידענע קאָמפּליצירטע אַרבעטן. מיט דער שלאָסעריי האָט אָנגעפירט רייבמאַן, ער האָט אויך געאַרבעט אין די געטאָ־וואַרשטאַטן. מיט דער אַרמאַטור־אָפּטיילונג האָט אָנגעפירט גוטגעשטאַלט און מיט דער שמידעריי — אייזען.

דאָרט האָט זיך געפונען, אין אַ זייט, אַ וואַרשטאַט פאַר עלקטראָטעכניקער און ראַדיסטן. די אָפּטיילונג האָט געהאַט אַ 15 מאַן, צווישן זיי אייניקע גוטע פאַכמענער. ראַדיאָ־אַפּאַראַטן זיינען, פאַרשטענדלעך, געווען נאָר ביי דייטשן. די קאַליע געוואָרענע פלעגן יידישע מייסטערס פאַריכטן. ביי אָט דער אַרבעט פלעגן זיי הערן אַלע ניַיעסן און זיי איבערגעגעבן אין לאַגער. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז פאָרגעקומען פאָלגנדיקער אינצידענט: די ראַדיאָ־טעכניקער האָבן פאַרלאַנגט, מען זאָל זיי געבן עקסטרע ברויט, ווייל זיי ריזיקירן מיטן לעבן, ביים

הערן די קאָמוניקאַטן. ביי אונדז אין צימער האָט געוווינט דער אַלטער טעכניקער בענדזיאַווסקי מיט זיין קליינעם זונדל. אַט דאָס יינגל האָט געהאַט גאָר אַ גוטן זכרון און ער פלעגט זייער גענוי איבערגעבן אַלע קאָמוניקאַטן. בענדזיאַווסקי האָט טאַקע ביי אונדז אין צימער פאַרפירט אַ שמועס וועגן אַן עקסטרע באַלוינונג פאַר די ראַדיאָ־אָפּנעמער. מיר האָבן אים אָנגעוויזן, אַז מ׳קען ניט אַראָפּנעמען פון יעדנס בידנער פאַרציע ברויט און זיי אַוועקגעבן. מיטן לעבן זיינען אין לאַגער אַלע איינגעשטעלט. אַ סך לאַגערניקעס אינטערעסירן זיך בכלל ניט מיט נייעס און ס׳איז איבערהויפּט געפערלעך פאַר זיי אַליין צו מאַכן אַרום דעם ענין אַ צו גרויסן טומל. דער סוף איז געווען, אַז מעלצער האָט זיי באַשטימט צו געבן אַ צוגאָב־פּאַיקע פון ברויט יעדע וואָך. פונדעסטוועגן איז דער גאַנצער לאַגער, שפּעטערצו, אומגעקומען אין איין טאָג טאַקע צוליב דעם. וואָס מ׳האָט ניט געוווּסט, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע רוסישע אָפענסיווע אויף אונדזער נאַרווער פראָנט.

אַ באַזונדער קאַפּיטל זיינען געווען די עלעקטראָטעכניקער. זיי פלעגן דאַרפן אויפפּאַסן אויף די עלעקטרישע ענערגיע, וואָס דער לאַגער פלעגט איינשלינגען זייער פיל. האָט טאַקע אַמאָל פּאַסירט, אַז עס זיינען פאָרגעקומען צוויי קורצשלוסן — איינער נאָכן אַנדערן. דער לאַגער־פירער האָט אויפן אַפּעל דערקלערט, אַז דאָס איז די שולד פון די טעכניקער און גלייך צוגעבונדן צום „באָק" דעם טעכניקער דימענטשטיין (אָדער דימענטמאַן), געהייסן אים געבן 25 שמיץ און דערביי דערקלערט, אַז ער וועט אים דערשיסן, אויב עס וועט זיך איבערחזרן נאָכאַמאָל אַזאַ „סאַבאָטאַזש".

בדרך כלל איז אין לאַגער געווען זייער ליכטיק און אָט די שטאַרקע איבערלאָדונג איז טאַקע געווען די סיבה פון די קורצשלוסן.

בריגאַדיר פון דער גרופּע איז געווען — ראמער.

אין אַ ספּעציעל־אויפגעבויטן באַראַק האָט זיך געפונען אַ שניידער־וואַרשטאַט, ווו עס האָבן געאַרבעט ערשטקלאַסיקע יידישע באַלמעלאָכעס, ספּעציעל פאַר דייטשן. מ׳פלעגט דאָ פאַר זיי נייען אָן אַ שיעור נייע, טייערע קליידער, סיי מיליטערישע, סיי ציווילע. אַלץ איז אַוועקגעשיקט געוואָרן צו זיך אין די הייזער אין דייטשלאַנד. געאַרבעט האָבן די שניידער: מאגאט, לעווין, טווערדין א.א. בריגאַדיר איז געווען לעווי.

צוזאַמען מיט די שניידערס האָבן געאַרבעט ביי אַ 10 יידישע שוסטערס. איניקע פון זיי זייער גוטע באַלמעלאָכעס. זיי פלעגן אויך אַרויסגעבן די שענסטע אַרבעט און נאָר פאַר דייטשן. בריגאַדיר ביי די שוסטערס איז געווען — נאַפּאָלעאָן. ס׳האָבן געאַרבעט: דער שוסטער יעזערסקי, פישמאַן (געוו. יודנראַט־מיטגליד פון ווילנער געטאָ) א. א.

סיי די שניידערס, סיי די שוסטערס האָבן געהאַט אַ רואיק לעבן. זיי האָבן געאַרבעט אין ליכטיקע און וואַרעמע וואַרשטאַטן און האָבן באַקומען פון די דייטשן אַ סך מתנות. זיי זיינען געווען שטענדיק ריין אָנגעטאָן, אויסגעזען ווי מענטשן — זאַט און צופרידן. מלאכה האָט זיך דאָ טאַקע אַרויסגעוויזן אַלס ברכה. אין די דאָזיקע וואַרשטאַטן בין איך געווען אַן אָפטער גאַסט. די עלטערע בעלי־מלאכות האָבן מיך גוט געקענט פון דער האַנטווערקער־באַוועגונג און זיי פלעגן מיר העלפן. איינמאָל האָט מיך דער סאַניטעטער געכאַפּט אין שניידער־וואַרשטאַט, מיך צעהרגעט און צעשלאָגן, אָבער איך האָב ניט אויפגעהערט דאָרט אַריינצוגיין צו מיינע קליענטן.

אין לאַגער איז נאָך געווען אַ דעקע־באַלקן — בוי־אָפּטיילונג. בריגאַדיר איז געווען אנאליק ניסן; אַ דראָט־פּאַרצוימונגס־אָפּטיילונג — בריגאַדיר ד״ר קאַרנאָווסקי. אַ גרויסע פּאַרטיע אַרבעטער פלעגט גיין אַרבעטן אויף דער שטרעקע, אויפן שאָסיי. בריגאַדירן זיינען דאָ געווען — משה ווינן, יודל גינזבורג, אַבראַשע קליאַט און זעליק יערוזאַלימסקי (זיי זיינען געווען צוויי ברידער, הענטשקע־מאַכער פון ווילנע). אין לאַגער זיינען אויך געווען ריזן־סקלאַדעס מיט פאַרשידענע טייערע מאַטעריאַלן. דאָרט פלעגן אַרבעטן נאָר עסטן. פון יידן איז דאָרט געווען נאָר איינער — סאַלאָמאָן געגס, וועלכער האָט ביי דער געלעגנהייט געמאַכט גרויסע געשעפטן מיט די עסטן.

**סיגנאַלקע־קיסטע**

אין פרילינג 1944 איז אין לאַגער אָרגאַניזירט געוואָרן אַ נייע אָפּטיילונג. געהופן האָט מען דאָס: סיגנאַל־קיסטע. מיר האָבן דאָס גערופן — סיגנאַלקע. דאָס איז געווען אַ גרויסע פּראָדוקציע פון אונטערוואַסער־מינעס. אַ ריזיקן פּלאַץ האָט מען פאַרלייגט מיט פּאַדלאָגעס, אויף וועלכע מען פלעגט אויסשטעלן גרויסע, אייזערנע פּאַרמעס. אין די פּאַרמעס האָט מען אַריינגעשטעלט שווערע אייזערנע אַרמאַטורן, אויף העכער צוויי מעטער. די פּאַרמעס זיינען פאַרגאָסן געוואָרן מיט פליסיקן צעמענט און דאַן פלעגט אַ פּיראָטעכניקער, אַ דייטש — אַריינשטעלן די אויפרייס־מעכאַניזמען. אַזאַ קאַסטן־באָמבע פלעגט וועגן אַ טאָן. ביי דער אַרבעט, וועלכע איז געפירט געוואָרן טאָג און נאַכט, זיינען באַשעפטיקט געווען עטלעכע הונדערט מענער און פרויען. די אַרבעט איז געווען אַן אויסער־געוויינלעך שווערע, שמוציקע און הויפּטזעכלעך ביי אַ געוואַלטיק שנעלן טעמפּאָ. מיט דער אַרבעט האָט אָנגעפירט אַ דייטש, אַ ווילדער, אַ משוגענער, אַ חיה־רעה. פאַר יעדער קלייניקייט פלעגט ער שלאָגן, סיי מענער, סיי פרויען, מיט אַן אייזערנעם שטעקן, ביזן בלייבן ליגן האַלב־טויט. זיינע ווילדע קולות האָבן זיך געהערט איבערן גאַנצן פּלאַץ אָן אויפהער. „קרוציפיקס״ האָבן מיר אים

גערופן, צוליב זיין שטענדיקן זידלען מיטן דאָזיקן נאָמען. אַלע אַרבעטן זייגען געווען קאַטאָרזשנע. ביי דער מיש־מאַשין פון דעם צעמענט, האָט מען געמוזט נאָכהאַלטן דעם שנעלן אַרבעטס־טעמפּאָ פון דער מאַשין; ביים צונויפשטעלן די שווערע אייזערנע קאַסטנס, זיינען די אַרבעטער פּשוט אויסגעריסן געוואָרן. די פרויען פלעגן טראָגן טראַגעס מיטן פליסיקן צעמענט. פון וואַנען אונדזערע פרויען האָבן געגומען אַזויפיל כוחות — ווייסט איין גאָט אין הימל. אַ פּאָר מאָל איז אונדז אויסגעקומען צו טראָגן טראַגעס צעמענט צוזאַמען מיט פרויען. מיר האָבן בשום אופן ניט געקענט אַנהאַלטן זייער טעמפּאָ. ביי דער אַרבעט זיינען געווען באַשעפטיקט יונגע מיידלעך, אַזוי גוט ווי עלטערע פרויען. זומער האָט מען געאַרבעט פון 2 ביינאַכט ביז 12 בייטאָג. די צווייטע שיכט האָט געאַרבעט פון 12 ביז 10. אין דער דאָזיקער קאַטאָרזשנער אַרבעט בין איך אַריינגעפאַלן, נאָכדעם ווי איך בין אַוועק פון קאַראָלן. די אַרבעט האָט שוין ענדגילטיק געקירצט מיינע יאָרן. די פיס זיינען ביי מיר געשוואָלן געוואָרן ווי קלעצער. איך בין צייטנווייז געווען אַ שטער פאַר די פיל יינגערע און געזונטערע, צוליב מיין שוואַכקייט ביי דער אַרבעט. פאַר די עטלעכע חדשים האָבן מיר אָנגעפּראָדוצירט עטלעכע טויזנט אַזעלכע באַמבעס. ווי עס שיינט, איז דאָס געווען אַ זייער וויכטיקע אָפּטיילונג פאַר די דייטשן. דאָס פלעגן מיר זען פון די אינספּעקציעס, וואָס פלעגן פון צייט צו צייט פאָרקומען אין לאַגער. אין דער אָפּטיילונג האָבן זיך די דייטשן פאַרהאַלטן ווי אַמלענגסטן. מיר האָבן אָבער ניט באַמערקט, אַז מען זאָל ווען עס איז האָבן אַרויסגעשיקט וואַגאָנען מיט די באַמבעס. נאָך דער באַפרייאונג האָבן מיר אַלע באַמבעס געפונען שטיין אויף דעם זעלבן אָרט, ווו מיר האָבן זיי אָנגעשטעלט. ווי עס שיינט, איז די גאַנצע באַמבעס־פּראָדוקציע געווען איין גרויסער בלאָף מצד די „טאָדטניקעס" און אַנדערע פאַראינטערעסירטע דייטשן, כדי איינצוהאַלטן זייערע פּאָזיציעס אין לאַגער און ניט גיין אויפן פראָנט.

### קינדער־בריגאַדע ביי דער סיגנאַלקע

ביי דער סיגנאַלקע איז באַשעפטיקט געווען אַ גרויסע גרופּע קינדער אין עלטער פון 8 ביז 14 יאָר. זייערע בריגאַדירן זיינען געווען — הערץ גאַווענדאַ און זאַגאַרין. די דאָזיקע קליינע קינדערלעך פלעגן אָפּפינצטערן אונטערן פרייען הימל ביי דער קאַטאָרזשנער אַרבעט צוגלייך מיט אונדז גרויסע. זיי זיינען געווען באַשעפטיקט ביי די אַרמאַטורן, פון שלאָסעריי האָבן זיי געבראַכט די אייזערנע שטאַנגען און פאַרענדיקט דאָס אויסבינדן. אויף זייערע קינדערשע פּלייצעלעך געמוזט טראָגן די שווערע אַרמאַטורן צו די קאַסטנס. אַלע האָבן געהאַט אַ נאָרמע ביי דער אַרבעט. די קינדערלעך פלעגט מען אָפּט אָפּלאָזן פריער, ווען זיי פלעגן

ענדיקן זייער נאָרמע. זייער אָפּט האָב איך זיך געזעגט מיט מיין ווונדל ביי דער אַרבעט און דאָס איז פאַר אונדז געווען אַ שטיק טרייסט.

### עס טרעפט מיך אַן אומגליק־פאַל

שלעפנדיק די שווערע אייזערנע קאַסטנס, האָב איך איינמאָל אַראָפּגעלאָזן אַ קאַסטן, וואָס האָט אַ זעץ געטאָן מיין פוס. דער אַזוי אויך געשוואָלענער פוס איז נאָך מער פאַרלאָפן געוואָרן און ס'איז מיר אַפילו אַראָפּ דער נאָגל פון גראָבן פינגער. דער דייטש האָט מיך אָפּגעשיקט אין לאַגער־אַמבולאַטאָריע. די יידישע דאָקטוירים האָבן מיך אָבער ניט געוואָלט באַפרייען פון אַרבעט אַפילו ניט אויף איין איינציקן טאָג, זאָגנדיק, אַז לויטן רעגולאַמין „קענען זיי ניט".

ווען איך האָב אויף מאָרגן געדאַרפט גיין צו דער אַרבעט, האָב איך געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך מיין סוף; די דאָקטוירים באַפרייען מיך ניט און איך קען דעם פוס ניט אַראָפּשטעלן — ביטער ווי דער טויט. ניט האָבנדיק וואָס צו פאַרלירן, האָב איך אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען אין אַמבולאַטאָריע איז אַריין דער סאַניטעטער אַנטאָש — דער פאַקטישער באַלעבאָס איבער אונדזערע לעבנס — אַ רוצח, אַ מערדער. איך וויקל שנעל אָפּ דעם פוס, ווייז אים די אָפענע ווונד און זאָג אים, אַז מיט מיר האָט אַן אומגליק פּאַסירט ביי דער אַרבעט אין דער „סיגנאַל־קיסטע" און אַז איך קען ניט גיין צו דער אַרבעט.

„נו יאָ", — זאָגט ער צו ד"ר פּאָמעראַנצן, דעם לייטער פון דער אַמבולאַטאָריע, „באַפרייען זי דעם קערל אויף צוויי טאָגע"... ד"ר פּאָמעראַנץ האָט מיך גלייך צוגעפירט צום כירורג, ד"ר זאַלקינדסאָן, וועלכער האָט מיר, ווי געוויינלעך, געמאַכט זייער אַ גוטן באַנדאַזש. ווען דער סאַניטעטער איז אַרויס, האָבן די יינגערע צוויי אַמבולאַטאָריע־דאָקטוירים מיך געמוסרט, הלמאי איך האָב ריזיקירט און געווענדט זיך דירעקט צום סאַניטעטער: „איר האָט געקענט זייער מיאוס אָפּשניידן". „איר זעט", זאָג איך זיי, „אַז דער סאַניטעטער האָט אין דעם פאַל אַרויסגעוויזן מער מענטשלעכקייט, ווי איר. איר וועט מיר ניט איינרעדן, אַז ביי אַזאַ לאַגע האָט איר ווירקלעך ניט געקענט מיך באַפרייען אויף איין איינציקן טאָג". אין דער אמתן פלעגן זיי אָפט באַפרייען מענטשן פון דער אַרבעט, אָבער דעמאָלט ווען דאָס האָט זיי געלוינט...

אין דער „סיגנאַל־קיסטע" האָב איך אָפּגעפינצטערט, ביז מען האָט מיך אַרויסגעשיקט אין אַן אַנדערן לאַגער. דאָרט האָבן צוויי טויזנט יידן אָפּגעפינצטערט אַ יאָר צייט.

## די לעבנס־באַדינגונגען אין לאַגער

די צוויי טויזנט מענער און פרויען פון דעם לאַגער, האָבן געלעבט אין צוויי גרויסע בלאָקן פון אייזן־בעטאָן, וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי, ווען זיי האָבן אין 1940—1941 באַזעצט עסטלאַנד. די געביידעס זיינען באַשטאַנען פון אַ פּאַרטער און ערשטן שטאָק. אין צוויי ריזיקע זאַלן האָבן זיך געפונען צו דריי הונדערט מאַן (ביי די פרויען נאָך מער). די איבעריקע זיינען געווען אין שכנותדיקע צימערן. ס'איז נאַטירלעך געווען ענג, דאָך האָט יעדער געהאַט פּאַר זיך אַן אָרט און אַ געלעגער — בעטלעך פאַר צוויי מענטשן: איינער אונטן, אַ צווייטער אויבן. די בלאָקן זיינען געווען ריינע, ליכטיקע און וואַרעמע. די גרויסע רוסישע אויוונס פלעגן מיר אָנהייצן ביז פייער־רויט. ווען מען איז אין די שווערע ווינטער־טעג און נעכט געקומען אין לאַגער אַריין, נאָכן אָפּוואַלגערן זיך לאַנגע שעהען אויף די שניידיקע ווינטן, האָט מען פשוט דערפילט דעם טעם גן־עדן. געהייצט האָבן מיר מיט די טייערסטע בוי־מאַטעריאַלן — מ'פלעגט צעזעגן די בעסטע, געהובלטע ברעטער און ניט איינער פון אונדז האָט דערפאַר געכאַפּט קלעפּ. ספּעציעלע פרויען־בריגאַדעס האָבן יעדן טאָג געוואַשן און געריימט די בלאָקן. אַ סך האָבן זיך געמאַכט נאַכט־טישלעך צווישן די בעטלעך, אַנדערע ווידער האָבן געהאַט קעסטלעך פאַר פאַרשיידענע מעלינעס.

אויפן הויף פון די בלאָקן זיינען געמאַכט געוואָרן גרויסע פּראָוויזאָרישע געביידעס און אין זיי איינגעמויערט קעסלען צום קאָכן. אין קיך האָבן געאַרבעט אַ סך פרויען. דאָס עסן פלעגט אַרויסגעגעבן ווערן אין נייע, ריינע עמערס פון צינק־בלעך. אַן עמער עסן פאַר צען פּערזאָן. עס זיינען שוין געווען שטענדיקע צענטלעך, און יעדן טאָג האָט אַן אַנדערער דיזשורנע געבראַכט די עמערס. די ערשטע צייט פלעגן פאַרקומען קריגערייען ביים פאַרטיילן דאָס עסן, אָבער שפּעטער האָט מען זיך איינגעלעבט און ס'איז געווען סאָליד.

צום עסן האָט יעדער געהאַט אַ שיסל מיט אַ לעפל. צו קאַווע — אַ טעפּל, גלעזער, מענאַשקעס א. א. וו. מ'האָט בדרך כלל זיך געפירט מענטשלעך, הגם עס האָבן ניט געפעלט קיין איינצעלנע אָפּגעלאָזענע ברואים.

דער הויפּט־באַלעבאָס איבער די קיכן איז געווען דער סאַניטעטער, וועלכער פלעגט קאָמבינירן און גנבענען פון אונדז דעם ביסן פון מויל.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין לאַגער, האָבן די רוסישע בעדער אין די בנינים ניט פונקציאָנירט. געשלאָפן זיינען מיר אין די בגדים אויף די פּאָדלאָגעס און שטאַרק פאַרלייזיקט געוואָרן, אַזוי ווי אין די ערשטע געטאָ־צייטן. מיין

פראָיעקט וועגן איבערמאַכן די רוסישע בעדער אויף דושן און אַ דעזינפעקטאָר איז אָנגענומען געוואָרן. אָבער דורכגעפירט האָבן דאָס אַנדערע, וועלכע האָבן געהאַט פּראַקטיקע. אין אונדזער באָד האָבן געאַרבעט ד״ר קלמן שאַפּירא (לייטער), אַדוו. טייטעלבוים, קאָוואַלסקי און רודניצקי, שפּעטער אויך גאָלד. אין פרויען־דעזינפעקטאָר האָבן געאַרבעט ד״ר וו. פאַטשטער און ד״ר זיידלער. מיטן אויפבויען די בעדער און דעזינפעקטאָרן זיינען מיר געווען געראַטעוועטע. דאָס גיין אין באָד, לכל הפחות איינמאָל אין חודש, איז געווען אָבליגאַטאָריש. בכלל פלעגט מען זייער גערן גיין אין באָד, הגם אַ סך זיינען געוואָרן אָפּגעלאָזט און אויסגעמיטן דאָס באָד. אַזעלכע פלעגט מען צווינגען צו ריינקייט. אין די ערשטע וואָכן האָט מען אונדז אַ פּאָר מאָל געפירט אין עסטישן באָד, ווו מיר זיינען געגאַנגען אין טויט־שרעק: „גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ מין באָד דאָס איז! צי וועט מען אַרויס אַ לעבעדיקער?״

אָבער מיר זיינער אַרויס לעבעדיקע און אַפילו אויפן אָרט געמאַכט געשעפטן מיט די עסטאָנער — פּאָר אונדזערע גוטע אויבערהעמדער, אָדער אַנדערע גוטע זאַכן, האָבן זיי אונדז געגעבן ברויט.

אין בלאָק האָט מען אויסגעבויט גאַנץ אָנשטענדיקע, ריינע קלאָזעטן. אויף דער ריינקייט האָט אויפגעפּאַסט אַ יידישער קלאָזעט־מאַן.

מיט דער צייט האָט מען אין לאַגער אויפגעבויט גרויסע וואַש־רוימען מיט אַ סך קראַנען. אַזוי אַרום איז אויך געלייזט געוואָרן דאָס וואַש־פּראָבלעם, וואָס האָט אונדז אין די ערשטע וואָכן פאַרשאַפט ניט ווייניק צרות.

די דייטשן האָבן פאַרלאַנגט, אַז ביי דער אַרבעט זאָל מען זיין ראַזירט. צו דעם צוועק האָט מען געעפנט אין בלאָק אַ פריזירערײַ, ווו עס האָבן געאַרבעט עטלעכע יידישע פריזירערס. ביים ראַזירן זיך פלעגט מען אַכטונג געבן, איבערהויפּט עלטערע מענטשן, מען זאָל ניט באַמערקן זייערע גרויע בערד. דאָס ראַזירן פלעגט זיין אומזיסט, אָבער ווען מ׳פלעגט זיך וועלן ראַזירן מער ווי צוויי מאָל אַ וואָך, האָט שוין געקאָסט אַ באַקשיש: אַ פּאַפּיראָס, אָדער עטלעכע רובל.

הגם ביים אָנקומען אין לאַגער האָט מען ביי אונדז אַלץ צוגענומען, דאָך האָבן מיר נאָך געהאַט אויף זיך אַ היפּש ביסל זאַכן. שפּעטער האָט מען זיך ביסלעכווייז איינגעשאַפט אנדערע. ביי דער אַרבעט פלעגן מיר גיין אין אונדזערע אייגענע זאַכן. דאָס האָט געהאַט אַ מעלה און אַ חסרון. די מעלה איז געווען, וואָס אין די אייגענע זאַכן האָט מען זיך געפילט פרייער, מענטשלעכער און לייטישער. דער חסרון — ביי דער שמוציקער אַרבעט פלעגן זיך די בגדים רייסן און מיר האָבן גיך דערפילט די נויטווענדיקייט זיי צו פאַריכטן. צו דעם צוועק זיינען אין לאַגער גופא געשאַפן געוואָרן 2 וואַרשטאַטן, פון שניידערס און

שוסטערס. דאָ האָבן שוין ניט געאַרבעט קיין גוטע בעלי־מלאכות, ווי פאַר די דייטשן. מ׳פלעגט שטוכלען און לאַטען. ווען מיין ייִנגל איז געבליבן אָן הויזן (צעריסן זיי אין די וואַרשטאַטן) — האָב איך די גאַל אויסגעשפּיגן, איידער איך האָב אַרויסבאַקומען פאַר אים אַ פּאָר הייזלעך, געמאַכט פון אַ זאַלץ־זאַק.

כאָטש דער לאַגער־פירער האָט ביי אונדזער אָנקומען געזאָגט, אַז מיר זיינען דאָ מער ניט קיין ייִדן, אויס געלט לאַטעס, אויס אָפּצייכענונגען א. א. וו., דאָך האָט מען אין אַ פּאָר וואָכן אַרום אַריינגעשיקט נומערן פאַר יעדן העפטלינג. דאָס זיינען געווען היפּשע לייוונט־פּאַסקעס מיט שוואַרצע נומערן. יעדער העפטלינג האָט געמוזט אָנניייען אַזאַ נומער אויף דער לינקער זייט פון ברוסטקאַסטן און אויף דער רעכטער קני. ווען מען האָט אין צימער אַריינגעבראַכט דאָס פּעקל נומערן, האָט יעדער גענומען פאַר זיך זיין מזלדיקן נומער. איין דאָקטאָר האָט גענומען דעם נומער 18 („חי" — צום לעבן), אַ צווייטער האָט גענומען 36 (צוויי מאָל „חי"). איך האָב גענומען דעם נומער 27, די דאַטע פון מיין טאַכטערס געבורטס־טאָג און דער זון, דעם נומער 28. אין אַלץ האָט מען געזוכט אַ ווילן און צייכן צום לעבן...

די צווייטע אָפּצייכענונג, שוין גאָר אַ העכסט־ווילדע, האָבן מיר באַקומען אין יולי 1944, נאָך אַ באַזוך פון דעם הויפּט־קאָפּ פון אַלע עסטאָנישע לאַגערן — ד"ר באָטמאַן. מען האָט אָפּגעשוירן אַלע פרויען די האָר פון קאָפּ מיט דער מאַשינקע. ביי די פרויען איז דאָן געווען אַ יום־כיפּור. עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט האַרצרייסנדיקע סצענעס. קוים וואָס מיר האָבן זיי באַרואיקט, אַז די האָר וועלן צוריקוואַקסן, דער עיקר איז — דער קאָפּ זאָל בלייבן...

אונדז, מענער, האָט מען אינמיטן קאָפּ אויסגעשוירן אַ ברייטן פּאַס מיט דער נול־מאַשינקע. מיר האָבן אויסגעזען, ווי מענטשן פון אַ דול־הויז. דאָס זיינען געווען זייערע לעצטע חדשים, טאַקע צום סוף. וואַרשיינלעך האָבן זיי דאָס געמאַכט, כדי מ׳זאָל ניט קענען לויפן...

**דער שוואַרצער מאַרק**

איינע פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס אין לאַגער איז געווען דער ניט־לעגאַלער האַנדל — דער שוואַרצער מאַרק. ס׳איז קלאָר, אַז מיטן אָפיציעלן פּאַיאָק האָט מען לאַנג ניט געקענט ציען. גלייך ווי מען איז אַריין אין לאַגער, האָבן חברה אָנגעבונדן קאָנטאַקטן מיט די עסטישע וואַכליימס. זיי האָבן געבראַכט פּראָדוקטן, קודם כל — ברויט. די עסטן פלעגן באַקומען גאָלד, גוטע וועש, קליידער־שטיק, לעדער א.ד.ג. די ערשטע צייטן זיינען די פּרייזן געווען משונה־דיקע. פאַר אַ גאָלדענע פינפרובלדיקע מטבע האָט מען באַקומען 4 קילאָ ברויט. אין לאַגער האָט אין יענע טעג אַ קילאָ ברויט געקאָסט 1000 רובל. דאָס איז

געווען אַ פֿאַנטאַסטישע סומע, אָבער עס זײַנען געווען מענטשן, וואָס פֿלעגן די פּרײַזן צאָלן. מיט דער צײַט האָט מען פֿאַרברייטערט דעם האַנדלס־קרײַז: מ׳האָט געהאַנדלט מיט אַ גרעסערער צאָל עסנס און פֿאַרקויפֿט אַ גרעסערע צאָל סחורה. די סחורות האָבן זיך גענומען פֿון די דײַטשע לאַגערן. אַלץ איז געווען אַן אַרטיקל פֿאַר די עסנס. די ערשטע צוויי חדשים האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זײַן, אַז איך זאָל קויפֿן פּריוואַט אַ לעבל ברויט. ווען די פּרײַזן זײַנען אַביסל געפֿאַלן און מיר זײַנען פּשוט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, האָב איך באַשלאָסן צו קויפֿן אַ לעבל ברויט. איך האָב אַראָפּגענומען מײַנע גוטע קאַלאָשן פֿון די פֿיס און בײַנאַכט צו צו די דראָטן, ווו עס פֿלעגט פֿאָרקומען דער גאַנצער האַנדל. אויף מײַן שלימזל איז אויסגעבראָכן אַ מהומה, דער עסטישער וואַכמאַן האָט אויסגעשאָסן און מיר זײַנען קוים לעבעדיקע אַרײַנגעלאָפֿן צוריק אין לאַגער אַרײַן. לויפֿנדיק האָב איך פֿאַרלוירן אַ קאַלאָש — אַזוי פֿאַטאַל האָט זיך געענדיקט מײַן האַנדלס־קאַריערע. די עסנס האָבן אָפֿט געמאַכט אַזעלכע פֿוילע שטיק: ווען זיי פֿלעגן האָבן דאָס געלט און די סחורה, איז פּלוצלינג אַנטשטאַנען אַ פֿאַלשע טרעוואָגע, אַ מהומה — דאַן פֿלעגט בײַ זיי בלײַבן סײַ די סחורה, סײַ דאָס געלט... עס זײַנען אָבער אויך געווען אָנשטענדיקע עסנס, וואָס האָבן געהאַנדלט סאָליד.

מיט דער צײַט האָבן זיך אין לאַגער געשאַפֿן אַקציען־געזעלשאַפֿטן, קאָמפּאַניעס צו האַנדלען בשותפֿות. די יעניקע, וועלכע האָבן געהאַט אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט, פֿלעגן קויפֿן פּראָדוקטן פֿאַר מער־ווייניקער נאָרמאַלע פּרײַזן און האָבן דערבײַ פֿאַרדינט אין לאַגער שטיקער גאָלד. אַרום אָט די גרויסע אַקציאָנערן זײַנען געווען קלענערע דעטאַליסטן. זיי פֿלעגן באַקומען די סחורה פֿון די הורטאָווניקעס. זייערע פֿאַרדינסטן זײַנען שוין געווען גאַנץ קליינע.

אין לאַגער פֿלעגט מען קענען באַקומען: ברויט, פּוטער, אייער, קעז, פֿלייש, פֿעטס, קאַרטאָפֿל, מילך, צוקער, סאַכאַרין, שנאַפּס, מעל אַפֿילו הינער און שאָקאָלאַד. גלײַך נאָכן אַפּעל פֿלעגט זיך אָנהויבן דער האַנדל. אַלע פֿלעגן אַרויסגיין מיט זייערע סחורות פֿאַרקויפֿן, צי עפּעס קויפֿן. אַ סך האָבן בײַ זייערע בעטלעך אײַנגעאָרדנט אמתע קראָמען מיט וואָג און מאָס. אין די בעטלעך, אָדער אַרום זיי, זײַנען געווען מעלינעס צום אויסבאַהאַלטן די סחורות. מיט דער צײַט איז די צאָל הענדלער שטאַרק אויסגעוואָקסן. יעדער האָט געפּרוווט עפּעס צו טאָן, כּדי צו פֿאַרדינען אַ פּאַיקע ברויט.

ביז די ווײַנאַכט־חגאות האָב איך זיך מיטן קינד אָפּגעמוטשעט אין הונגער און נויט. פֿאַר דער גאַנצער צײַט האָב איך צוגעקויפֿט נאָר איינמאָל אַ לעבל ברויט פֿאַר 660 רובל. דאָס איז געווען דער ביליקסטער פּרײַז. אָבער וואָס פֿאַר

אַ ווערט האָבן געהאַט צוויי צוגאָב־פּאַיקעס ברויט פאַר 3 חדשים צייט? נאָר איין מאָל האָט מיין זונדל אַוועקגעלייגט זיין קעפּל אויפן טיש און געזאָגט: „טאַטושיו, איך בין הונגעריק". איך האָב דאָס טראַגיש איבערגעלעבט.

ווו נאָר מען האָט געקענט באַקומען עפּעס צום עסן, פלעגן מיר גיין זוכן און דערביי איינשטעלן דאָס לעבן. אין אַ געוויסן טאָג האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ניט ווייט פון אונדזער לאַגער האָט מען אַרויסגעשיקט עוואַקואירטע רוסן פון אַ לאַגער. נאָך זיי איז געבליבן אַ גרויסער סקלאַד מיט קאַרטאָפל. מיר זיינען אַוועק אַהין נעמען קאַרטאָפל. דאָס איז געווען אין דעצעמבער. שטאַרקע פרעסט, זאַווייען, די קאַרטאָפל זענען געלעגן אין אָפענע שטיבער און פאַרפרוירן געוואָרן. מיר האָבן אָנגעלייגט אין די קעשענעס, וויפל מ'האָט נאָר געקענט און, אונטער אַ האָגל קוילן פון די וואַך־לייט, זיינען מיר קוים לעבעדיקע צוריקגעקומען אין לאַגער. אונדזער שמחה איז געווען אין לשער.

### פאַרצווייפלונגס־באַזוכן אויסערן לאַגער

קומענדיק אין לאַגער פון דער אַרבעט ערב ווייַנאַכט, האָב איך צו מיין גרויסער שרעק דערזען, אַז מיר האָבן גאָרניט וואָס צו עסן. דאַן, ניט זאָגנדיק מיין זון קיין וואָרט, בין איך אַרויס פון לאַגער און אַוועק צום בלאָק פון די „פּערעקולשטשיקעס", מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט. איך בין אַריין אין אַ קליין האַלב־פינצטער צימערל און דערזען דעם אָנפירער פון דער עסטישער קאָטאָרוש־נער טורמע. (אין לאַגער האָבן צוזאַמען מיט אונדז געאַרבעט אַ געוויסע צאָל עסטן — קרימינאַליסטן, פאַרמשפּטע אויף שווערע, לאַנגיאָריקע אַרבעט). איך בין געבליבן טויט־דערשראָקן. ווו בין איך אַריינגעפאַלן? ווי ראַטעווער מען זיך אַרויס? ניט טראַכטנדיק לאַנג, דערלאַנג איך צו אים אַ זאָג: „איצט איז ווייַנאַכט, איר זייט פאַרטריבן פון אייער שטוב, פון אייער פאַמיליע, אַזוי גוט ווי מיר. איך בין דאָ מיט אַ קליין קינד, מיר גייען אויס פאַר הונגער, העלפט מיר. איר האָט דאָך אויך מסתמא קינדער..."

ער איז געבליבן אַזוי ווי פאַרגליווערט און קוים וואָס ער האָט אַרויסגעשטאַמלט: „יאָ, ווי קומט איר אַהער? יאָ, איך האָב אויך אַ זון, ער איז אויפן לענינגראַדער פראָנט. איך אַליין בין אויך דאָ ניט לאַנג, קוים מיטן לעבן געקומען פון פראָנט, אָבער וואָס קען איך אייך געבן? איך בין פריער געווען אויף דער פּאָסט, אָבער איך האָב נאָך ניט באַקומען קיין יום־טוב־פּעקל פון דער היים. מער ווי ברויט האָב איך ניט". ער איז געשטאַנען ביי דער ברען־פּליטע און אין אַ גרויסער סקאָוואָראָדע געפּרעגלט קאַרטאָפל. פון אַלמער האָט ער אַרויסגענומען אַ גרויס און שיין, צוויי־קילאָדיק עסטיש לעבל ברויט און געזאָגט: „מער ווי ברויט האָב איך ניט. נעמט דאָס לעבל און זייט פאַרזיכטיק ביים

צוריקגיין אין לאַגער"... באַדאַנקענדיק אים זייער האַרציק, האָב איך גענומען דאָס ברויט, טיף פאַרשטעקט אין די קליידער און אַרויס אַן איבערגליקלעכער.

אָבער אין לאַגער בין איך ניט אַוועק. נאָר גענומען זוכן און געפונען דאָס צימערל פון מיין „פערעקולשטשיק", פעדקאַ. ער איז פונקט אַזוי, ווי יענער, ממש צעטומלט געוואָרן דערזעענדיק מיך. ער האָט גלייך אַ נעם געטאָן אַ שטיק ברויט מיט אַ ביסל צוקערקעס און מיר דערלאַנגט, הייסנדיק ווי אַמשנעלסטן אַרויסגיין, ווייל אָט קומט זיין קאָלעגע אַן פון באַד. אַרויסגייענדיק פון אים, בין איך אַוועק צום לאַגער. פאַרבייגייענדיק די דייטשע קיך, האָב איך באַשלאָסן אויך אַהער אַריינצוגיין און פרווון מזל. מילא, שוין אַזוי ריזיקירט, אַרויס פון לאַגער — טאָ זאָל שוין זיין „נאָ צאָלעגאָ". איך בין אַריין אין דער דייטשישער קיך. דאָרט איז געווען דער אמתער יום־טוב. די טישן שיין געדעקט מיט טישטעכער און אַפילו מיט בלומען. יידישע פרויען האָבן געגרייט אין קיך די גוטע יום־טובדיקע מאכלים. עס האָט געשמעקט פון יעדן ווינקעלע — ביי זיי איז טאַקע יום־טוב. אַז דערשטיקט זאָלן זיי ווערן!

דאָס ערשטע יידישע מיידל, וואָס האָט מיך אין קיך דערזען, האָט אויסגע־שטעלט אויף מיר אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן און אַ זאָג געטון: „וואָס טוט איר דאָ?... אַנטלויפט, דער דייטש איז דאָ"... „יאָ איך וויל טאַקע מיט אים רעדן, בעט איך אויף אַ מינוט". אין אַ ווײַלע אַרום איז אַרויס דער דייטשישער אָנפירער פון קיך, אַ צעשמייכלטער און אויסגעפוצטער. איך האָב צו אים גלייך געזאָגט — אַזוי ווי ס'איז איצט דער יום־טוב פון פרידן, בעט איך אים, ער זאָל מיר געבן עפּעס צום עסן, ווייל מיר זיינען הונגעריק... ער האָט אויף מיר גוטמוטיק אַ קוק געטאָן און ניט רעדנדיק קיין וואָרט, איז ער אויף אַ ווײַלע אַריין אין קיך און אַרויסגעטראָגן מיר אַ האַלב לעבל ברויט, זאָגנדיק: „נעם און גיי אין לאַגער אַריין אָבער זע, פאַל ניט אַריין".

אַן איבערגליקלעכער בין איך, אַ באַלאָדענער מיט ברויט, אַוועק אין לאַגער אַריין, ס'איז שוין געווען גוט פינצטער און איך בין מיט מזל, דורך די דראָטן, צוריק אַריין אין לאַגער. מיין זונדל האָט מיך מיט טרערן באַגעגנט: „ווו ביסטו געווען? ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן?..." איך האָב אים דערלאַנגט די צוקערקעס און אים דערציילט וועגן מיין אונטערנעמונג. מיר האָבן געהאַט עטלעכע זאַטע טעג.

נאָך אָט דער ריזיקאַלישער אונטערנעמונג האָב איך באַשלאָסן אָנצוהויבן האַנדלען און אַזוי אַרום פאַרדינען אויף אַ פאַיקע ברויט פאַר זיך און פאַרן קינד.

### איך ווער אַ הענדלער...

אין לאַגער האָב איך זיך געטראָפן מיט מוליען זאַבלודאָווסקין, וועלכער האָט אין ווילנע געהאַט אַ פאַבריק פון צוקערקעס, שאָקאָלאַד א. א. מיר זיינען

אַפילו געווען קרובים, ווייל זיין שוועסטער נחמה, האָט חתונה געהאַט מיט מיין מוטערס אַ קרוב, אַרקאַדי (קאַדעש) יאַדלאָווקער, דעם באַקאַנטן פידלער פון ווילנע. מוליע האָט זייער שווער געאַרבעט אין דער בעטאָן־אָפּטיילונג. מיר האָבן זיך דעררעדט, אַז אין לאַגער וואָלט מען געקענט ציען פּרנסה פון פאַרקויפן צוקערקעס. יידן טרינקען אַ סך קאַווע, קיין צוקער איז ניטאָ. צוקערקעס האָט ער ניט געקענט מאַכן, אָבער איריסן — יאָ. אמתע, גוטע, געשמאַקע איריסן. ער פלעגט נעמען פאַר אַ שטיק 15 רובל און איך האָב גענומען 20 רובל. דאָס איז געווען אַ באַקוועמער מסחר. עס פאַרנעמט ניט קיין אָרט, מ׳דאַרף ניט וועגן, ניט מעסטן, ריין און רואיק, כמעט אָן ריזיקע. דער מסחר איז אַוועק זייער גוט, כ׳האָב געהאַט אַ גרויסע קונדשאַפט, הויפּטזעכלעך די האַנטווערקער, וועלכע פלעגן ביי מיר זייער גערן קויפן. אַ חוץ אין לאַגער האָב איך פאַרקויפט אַ סך איריסן יעדן טאָג ביי דער אַרבעט אין די וואַרשטאַטן. איינער פון די הויפּט־פונקטן פון האַנדל זיינען געווען די גרויסע קלאָזעטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אינמיטן פלאַץ. דאָרט פלעגט מען איבערגעבן אַלע לאַגער־נייעסן, אַלע פּאָליטישע און פראָנט־נייעסן. דאָרט פלעגט מען דיסקוטירן, מאַכן אַלע טראַנזאַקציעס און אויך קויפן איריסן, פּאַפּיראָסן און אַנדערע זאַכן. קלאָר, אַז ניט איינער איז צעהרגעט און צעמזיקט געוואָרן דורך די דייטשן ביי די קלאָזעטן, ניט איינער איז צעביסן געוואָרן פון בוי־מייסטערס הונט, אָבער דער האַנדל איז דאָרט ווייטער אָנגעגאַנגען. די קלאָזעטן זיינען געווען דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער צענטער פון לאַגער...

מיין האַנדל האָט מיר געגעבן גוט פּרנסה, איך האָב געקענט יעדן טאָג צוקויפן אַ פּאַיקע — צוויי פּאַיקעס ברויט, טיילמאָל אויך נאָך עפּעס צום ברויט. דאָס איז געווען אַ גרויסע דערגרייכונג — שטילן כאָטש טיילווייז דעם שרעקלעכן הונגער.

מיין האַנדל האָט אָבער געהאַט אַ צווייטע, טרויעריקע זייט: אַרבעטנדיק ביי ביטערער און קאַטאָרזשנער אַרבעט, אַ גאַנצן טאָג אין שנייען, זאַווערוכעס, נעץ און קעלט — האָב איך, ביי מיינע יאָרן, געדאַרפט זיך גוט אויסרוען נאָך דער אַרבעט. איז אַנטשטאַנען אַ ביטער פּראָבלעם: האָב איך גערוט, גאָרניט געטאָן נאָך דער אַרבעט, בין איך בהדרגה אָפּגעשוואַכט געוואָרן און פשוט אויסגעגאַנגען מיטן קינד פאַר הונגער. מיט דער הוילער צוגעטיילטער פּאַיקע האָט מען דאָך לאַנג ניט געקענט ציען; האָב איך זיך גענומען צום האַנדל, איז אַנשטאָט צו רוען נאָך דער אַרבעט, בין איך אַרומגעלאָפן איבער אַלע זאַלן, פון טרעפּ אויף טרעפּ, גיין קויפן און פאַרקויפן. קיינער איז דאָך צו מיר ניט געקומען. הענדלער זיינען געווען אַ סך. זיינען טאַקע מיינע פיס געשוואָלן געוואָרן און כ׳בין געפאַלן פון די כוחות.

אין מיין „האַנדלס״־קאַריערע האָב איך געהאַט פאַרשיידענע צייטן. דער ווערט פון מיין פּרנסה איז געווען אָפּהענגיק פון ברויט־פּרייז. וואָס ביליקער דאָס ברויט איז געווען, אַלץ פרייער פלעגט אָטעמען דער גאַנצער לאַגער. אינמיטן ווינטער האָב איך זיך צוגעקילט און בין אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז איך האָב נאָך דער אַרבעט ניט געקענט זיך רירן פון אָרט. אין משך פון עטלעכע וואָכן האָב איך אויפגעגעסן מיין גאַנץ קאַפּיטאַל און בין געבליבן אַן אַ גראָשן ביי דער נשמה.

איך מוז מיטן גרעסטן ווייטיק דערמאָנען, אַז בעת מיין קראַנקהייט האָב איך ניט געקענט אַרויסבאַקומען פון דער אַפּטייק קיין איין פּראָשעק פּיראַמידאָן. היות ווי מיין היץ איז ניט דערגאַנגען ביז 40 גראַד, האָבן די דאָקטוירים, ווי דער קאָלעגע אַפּטייקער, קיין פּראָשעק ניט געגעבן. פאַרשטענדלעך, איז דאָס געווען נאָר אַן אויסרייד, ווייל פאַר ברויט אָדער סלאַנינע פלעגט מען באַקומען פּיראַמידאָן אַן 40 גראַד היץ...

אין דער צייט פון מיין קראַנקהייט, האָט מיין זון געמאַכט אין שלאָסערײ אַ גוטע אייזערנע קייטלעך־וואָג און אַ ביסל האָר־שפּילקעס פאַר פּרוּיען. מיר האָבן דאָס פאַרקויפט און געהאַט צו דערשטיקעווען מיט עפּעס אין יענע קראַנקהייט־טעג. קויפן־פאַרקויפן, האַנדל־וואַנדל — האָט מיין זונדל ניט געקענט, ווי ס׳פלעגן טאָן אַ סך קינדער, אָבער מאַכן עפּעס וואָס אין וואַרשטאַט — דאָס יאָ. אין יענעם שווערן מאָמענט האָט עס אונדז געראַטעוועט.

נאָך מיין קראַנקהייט בין איך געבליבן אָן אַ גראָשן צום טוישן. האָב איך זיך געווענדט נאָך אַן הלוואה צו מעלצערן, צום הילפס־קאָמיטעט, צו עטלעכע באַקאַנטע. וואָס האָבן געהאַט אַ סך געלט אין לאַגער, אָבער אָן דערפאָלג — ביי קיינעם ניט באַקומען. מיין לאַגע איז געווען ממש אַ טראַגישע. צו הילף איז מיר געקומען ד״ר מישאַ ראָס. ער האָט פאַרמאָגט אין זיין פאַרמעגן 50 מאַרק, האָט ער זיי מיר אָװעקגעגעבן און כ׳האָב אָנגעהויבן צוריק צו האַנדלען און מצליח געווען, און געקומען צו אייגענע עטלעכע הונדערט מאַרק.

אין אַ געוויסן טאָג האָט דער לאַגער־פירער אַדרוכגעפירט רעוויזיעס אין בלאָק, און דאָס נאָר ביי די הענדלער. האָט ער געפונען אַ סך געלט, פּראָדוקטן. קיין שום קאָנסעקווענצן פאַרן לאַגער זיינען דערפון ניט געווען, ווייל אַלץ האָט ער צוגענומען פאַר זיך. צווישן די קרבנות בין איך אויך געווען מיט מיינע 250 מאַרק. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ גרויסער היזק, אָבער צום האַנדלען זיינען מיר נאָך געבליבן חובות ביי מיינע קונדן. געהאַט שפּעטער נאָך אַ פּאָר דורכפאַלן: אַמאָל האָט דער „וואַלעט פּיק״ (אַזוי פלעגן מיר רופן אַ דייטש) צוגענומען ביים זונדל אַ ביסל איריסן, אַ צווייט מאָל ביי מיר. אויף זיין פּראַגע,

פון וואַנען האָבן מיר איריסן, האָב איך געענטפערט, אַז „איך בין אַן אַפּטייקער און מאַך סיראָפּ פון מיין צוקער. וואָס איך באַקום אין לאַגער".

די 2000 לאַגערניקעס האָבן געלעבט פאַרשיידן. ס'רוב, זיינען געווען דערשלאָגן, אַפּאַטיש. מען פלעגט שטענדיק אַרומרעדן די גרויסע אומגליקן, וואָס האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף אונדזערע קעפּ. מ'האָט אין לאַגער קיין זאַך ניט געזוכט, קיין זאַך ניט געוואָלט, נאָר — אויסהאַלטן און דערלעבן די באַפרייאונג. מיט אויסערגעוויינלעכן כוח און מוט האָט מען איבערגעטראָגן אַלע צרות, אַריבערגעטראָגן אַלע נגישות, מיטן געדאַנק און פעסטן ווילן צו לעבן, איבער־צולעבן און זוכה זיין צו טרעפן עמעצן פון די נאָענטסטע. מ'האָט זיך דעריבער ניט געיאָגט נאָך קיין פאַרדינסטן, נאָך אַ גוט לעבן, נאָר אַבי אַריבערשטופּן דעם טאָג. עס זיינען אָבער אויך געווען מענטשן, אמת, ניט קיין סך, וועלכע האָבן פאַרגעסן אין אַלץ און אין אַלעמען. זיי האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין שמוגל און גרויסן האַנדל, געוואַלטיק ריזיקירט; עס זיינען טאַקע געווען פאַלן, ווען אַזעלכע הענדלער — ריזיקאַנטן, האָט מען אַריינגעבראַכט טויטע אין לאַגער. אויף יענער זייט לאַגער זיינען זיי דערשאָסן געוואָרן. אַ לייכט לעבן האָבן אויך געהאַט אייניקע פון די פּאָליציאַנטן, בריגאַדירן וכד'. זיי פלעגן אָפט שיכורן, מאַכן הוליאַנקעס, איינגעשאַפט זיך כלות, ווייבער א. א. וו.

אַ פּאָליציאַנט, אַ באַקאַנטער קולטור־מענטש, האָט איינמאָל זיך אַזוי אָנגע־שיכורט, אַז ער האָט צוריקגעגעבן אַלץ... אויף די טרעפּ פון לאַגער, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס פאַרביטערונג. אַ צווייט מאָל איז אַ בריגאַדיר געקומען צום אַפּעל סויט־שיכור. מען האָט אים קוים באַוויזן אַריינצוּוואַרפן אין בלאָק, פאַרן אָנקומען פון לאַגער־פירער.

ווען דער לאַגער־פירער האָט דורכגעפירט רעוויזיעס און צוגענומען געלט ביי די הענדלער, איז הענעכקע שאַפּיראָ אַרויסגעטראָטן אין בלאָק־זאַל מיט אַ רעדע און געמוסרט מ'זאָל זיך גוט אויפפירן, ווייל עס קען זיך ענדיקן שלעכט פאַרן לאַגער. ווען איך האָב זיך דאַן אָנגערופן: „הלמאי רעדט איר ניט וועגן די ,אַריסטאָקראַטן', וואָס שיכורן, פרעסן און זויפן אין לאַגער, ווען אַלע שטעלן זיך איין דאָס לעבן כדי צו פאַרדינען אַ פאַיקע ברויט" — איז געוואָרן אַ טומל ביי די „שטאַרקע". פאַר מיין חוצפהדיקן אַרויסטריט האָב איך, אין אַ פּאָר טעג אַרום, טייער באַצאָלט. געווען איז עס אַזוי: עטלעכע מענטשן האָבן מיר געפירט אַ וואַגאָנעטקע מיט מאַטעריאַל. אויפן וועג איז געגאַנגען אַ פרוי, און דערזעענדיק, אַז עס גייט דער לאַגער־פירער, האָט זי אַ וואָרף געטאָן אַ פּעקעלע און איז שנעל אַנטלאָפן. דער לאַגער־פירער איז אַדורך, ניט באַמערקנדיק גאָרניט. אין אַ ווײַלע שפּעטער איז די פרוי צוריקגעקומען און מיט אַ געוויין געגומען בעטן ביי אונדז, מיר זאָלן איר אָפּגעבן איר זעקעלע מיט צוויי קילאָ מעל — איר גאַנץ פאַרמעגן.

דאָס זעקל האָט זי אָבער אַ וואָרף געטאָן פון יענער זייט ליניע. איך זאָג צו איר: „גייט, פרוי, פון יענער זייט ליניע, אפשר האָבן יענע אַרבעטער געזען, מיר האָבן ניט גענומען". דאָס האָט אויך באַשטעטיקט קליאַטשקאַ, בלאָך (פון דער פירמע בלאָך—פאסוויאנסקי) און נאָך עטלעכע, וואָס זיינען געווען מיט אונדז ביי דער וואַגאָנעטקע. אויף דער ליניע האָבן די „שטאַרקע" געלאָדן וואַגאָנען. איינער פון זיי, שעפסקע פרוזשאַן, איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואַגאָן און צוגעלאָפן צו מיר מיט אַ ברעט און מיך אָנגעהויבן שלאָגן: „אייך געפעלט ניט אונדזער שיכורן, מיר האָבן צוגענומען דער פרויס פעקל"... זיינע חברים האָבן געשריגן צו אים און אים אָפּגעריסן פון מיר. די אַרומיקע האָבן דאַן געזאָגט צו מיר: „ווי קומט איר איינצורייסן מיט זיי, היינט איז זייער צייט, זיי וועלן אייך דערהרגענען..."

מיין געזונט־צושטאַנד איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן ערגער. די פיס זיינען געשוואָלן ווי קלעצער. די דאָקטוירים האָבן געהייסן עסן פעטס, טרוקענע שפּייזן, ווייניק וואַסער, אָן זאַלץ און, הויפּטזעכלעך, אַ סך רוען. איז ווי האָב איך געקענט קריגן אָט די גוטע זאַכן? „וואָס וועט זיין דער סוף פון דעם געשווי־לעכץ", האָב איך געפרעגט. „אַזוי וועט עס דערגיין ביז צום האַרץ..." איז געווען דער ענטפער...

איך האָב געזוכט וועגן צו בייטן מיין אַרבעט־שטעלע. די „סיגנאַלקע" האָט מיר פאַרקירצט די יאָרן. אַ פּאָר מאָל האָב איך זיך געווענדט צום אינזש. ר. דעם הויפּט־אַרבעט־פאַרמיטלער, ער זאָל מיך אַריבערפירן אויף אַן אַנדערער אַרבעט־שטעלע, אָבער אָן רעזולטאַט. הערמאַן קרוק און גוטגעשטאַלט האָבן ביי אים אינטערווענירט פאַר מיר, ער האָט באַוויליקט צוצוזאָגן. ווען עס זיינען ווידער אַוועק טעג און וואָכן אָן רעזולטאַט, האָב איך זיך געווענדט צו איינעם פון די „שטאַרקע" — אברהם שוואַרץ, ער האָט מיך געקענט פון ווילנע. דער רעזולטאַט איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער. אינזש. ר. האָט מיך גלייך געשיקט רופן און געמאָלדן, אַז ער וועט מיך אין די נאָענטסטע טעג אַריבערפירן אויף לייכטערע אַרבעט. זיין צוזאָג האָט זיך אויסגעדרוקט אין דעם, וואָס ער האָט מיך מיטגענומען אויף אַ רייזע קיין רעוועל, כדי צו ברענגען פלייש פאַרן לאַגער. דאָרט, אין בויגע, האָבן מיר די אַרבעטערינס פון אַ וועשעריי אונטערגעוואָרפן אַ ביסל פּראָדוקטן, וואַרעמע העגטשקעס און נאָך עטלעכע זאַכן, וואָס זיינען געווען אַ גרויסע הילף. די האַרציקע באַציאונג פון אָט די שווער פאַרהאָרעוועטע פרויען, האָט מיך זייער גערירט. אַלנפאַלס, האָט די רייזע מיר געגעבן עטלעכע זאַטע טעג, הויפּטזעכלעך אַ ביסל פעטס. פאַר די 11 חדשים, וואָס איך בין געווען אין קלאָאָגאַ האָט איך מיטן זון אויפגעגעסן 50 דעקאָ פעטס, אויסער מאַרגאַרין, וואָס מיר פלעגן באַקומען.

ביי דער אַרבעט האָט איינער פון די דייטשן דערשאָסן אַ הונט. ער איז געווען אַזוי ליבנסווירדיק און האָט דעם טויטן הונט אָוועקגעגעבן זייַנע בריגאַדע־ יידן. אייניקע פון אונדזער צימער האָבן פאַרקויפט זייערע פּאַרציעס. איך האָב פאַר 150 רובל געקויפט צוויי פּאַרציעס. מיר האָבן געמאַכט אַ גרויסאַרטיקן מיטאָג. טייערע יויך מיט קאַרטאָפל, מיט געשמאַק גוט פלייש, זיס ווי אַ הון. אַזאַ הערלעכן מיטאָג האָבן מיר שוין לאַנג ניט געגעסן, פשוט די פינגער געלעקט.

זומער 1944 איז אונדזער לאַגער פאַרפלייצט געוואָרן פון וואַנצן. דאָס איז געווען אַ שוידערלעכע פּלאָג. פון וואַנצן זיי האָבן זיך ביי אונדז געגומען, ווייסט נאָר דער טייוול אַליין. מיר האָבן דערפון געוואַלטיק געליטן. ביינאַכט זייַנען פאַרפלייצט געוואָרן די געלעגערס, די ווענט און די סופיטן. זאָל גאָט שומר ומציל זיין, מיר האָבן געשייערט, געוואַשן, געדוימט, צום סוף פאַרברענט די גאַנצע בעטלעך און אַריינגעבראַכט נייע.

## קראַנקהייטן אין לאַגער

בכלל גענומען, זייַנען ביי אונדז קיין שום עפּידעמישע קראַנקהייטן ניט געווען. די הויפּט־קראַנקהייטן זייַנען געווען: 1) געשוואָלענע פיס; 2) אָפּגע־ שוואַכטע אורין־פּענכערס; 3) הינער־בלינדקייט; 4) געשווירן. פון געשוואָלענע פיס האָבן געליטן זייער פיל מענטשן. ביי אַ סך איז דאָס געשווילעכץ דערגאַנגען ביז אויפן פּנים.

פון אָפּגעשוואַכטן אורין־פּענכער האָבן געליטן אַלע, אָן אויסנאַם, וואָס איז געווען אַן אמתע טראַגעדיע פאַרן לאַגער. מיטן אָנקומען פון דער נאַכט, פלעגט מען נאָכאַנאַנד דאַרפן לויפן אָפּגעבן אורין, און פיל מאָל ניט קענען דערלויפן... וואָס האָט צוגעבראַכט צו סקאַנדאַלן מיט דער פּאָליציי.

אַ סך מענטשן האָבן פּלוצים, אינמיטן העלן טאָג, פאַרלוירן די ראיה. ס׳איז נאָר געווען אַ צייטווייליקע דערשיינונג, אָבער אַ סך האָבן פון דעם זייער געליטן.

אַ סך מענטשן, דערהויפּט די פאַרשמוציקסטע, וועלכע זייַנען אָנגעקומען צו אונדז פון אַנדערע לאַגערן, האָבן געליטן פון געשווירן און קרעץ.

פאַר די ערשטע זעקס חדשים פון אונדזער זיין אין לאַגער, זייַנען נאָר 5—6 מאַן געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. דאָס זייַנען געווען עלטערע, שוואַכע און קראַנקע מענטשן. צווישן די געשטאָרבענע — דער אַלטער אַלייסקי. ראַבי־ נאָוויטש — דער געשווירענער איבערזעצער פון ווילנער געריכט, איז געשטאָרבן צוליב דער שווערער אַרבעט אין לאַגער גופא.

אין די ווייטערדיקע חדשים איז די שטערבלעכקייט געוואָרן אַ גרעסערע. אַלע טויטע קערפּערס פלעגן פאַרברענט ווערן הינטערן לאַגער.

אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לאַגערן אין עסטלאַנד, — די ידיעות האָבן געבראַכט מענטשן פון דאָרטן, — איז אונדזער לאַגער געווען אַ גן־עדן. דאָך זיינען מיר שטענדיק געווען אונטערן טעראָר פון די אָנפירנדיקע דייטשן. אַלע פלעגן זיי שלאָגן ביי דער אַרבעט מכות רצח. אויף די אַפּעלן האָט מען געשמיסן פאַר יעדער קלייניקייט. הערץ גאַווענדא איז געשמיסן געוואָרן דערפאַר, וואָס ער האָט ניט אָפּגעהיטן די קינדער זיי זאָלן ניט גיין האַנדלען הינטער די דראָטן; פאַרן זעלבן „חטא" האָט אַ יונג ייִנגל באַקומען 25 שמיץ. איך בין איינמאָל אָנגעקומען אין פּרויען־בלאָק און געזען ווי אַנטאָש, דער דייטשישער סאַניטעטער, שלאָגט 5 פרויען מיט אַ שטעקן פאַר כאַפּן זיי מיט פּראָדוקטן ביים טויער. דערנאָך האָט ער זיי אויף 2 שעה אָוועקגעשטעלט אויף די קני מיט אויפגעהויבענע הענט. די דייטשקעס — אויפזעערינס אין לאַגער, זיינען געווען נאָך חיהשער. זיי האָבן עטלעכע מאָל צוגעבונדן פרויען צו אַ בוים און זיי געהאַלטן שעהען, ביז מ'פלעגט זיי אַראָפּנעמען פאַרחלשטע. ביי די אַפּעלן פלעגט מען מאַטערן מיט די „מיטצען אַפּ — מיטצען אַאוף!" ספּעציעל האָבן די אַפּעלן פאַרמאַטערט אין די שווערע ווינטער־טעג. קוים דערלעבט דעם אָוונט, געקומען פון גאַס פאַרפרוירענע, האַלב־פאַרחלשטע, און דאָ פלעגט מען אָפּהאַלטן אַ האַלבע שעה, אַ שעה און אַמאָל נאָך לענגער.

איינמאָל זונטיק, איז אַנטאָש געקומען אין לאַגער און אַרויסגעטריבן אַלעמען אויפן הויף, און אָנגעהויבן מיט אונדז צו מאַכן גימנאַסטיק — גיין, לויפן, לויפן שטאַרק, פאַלן, אויפהויבן זיך, און אַזוי אָן איבערייס. איז עמעצער געפאַלן, פלעגט ער גלייך צולויפן מיטן רעוואָלווער און דראָען מיט דערשיסן. מיט די לעצטע כוחות איז מיר געלונגען, אין דער לעצטער מינוט, אַריינצוכאַפּן זיך אין וואַש־רוים און זיך באַהאַלטן מיט נאָך עטלעכע אַנדערע יידן. מיין ייִנגל איז געלאָפן די גאַנצע צייט און זיך ניט געקענט אַרויסדרייען. אַנדערהאַלבן שעה האָט געדויערט דאָס איזדיעקעווען זיך. האַלב־טויטע איז מען קוים אַרויס פון זיינע הענט... אין די גרויסע פרעסט זיינען די אַפּעלן גאָר אונדז דערגאַנגען די יאָר. איבערן קאָפּ — אַ שיינענדיקער הימל, די נאַטור האָט געשפּילט מיט פיל־פאַרביקע קאָלירן און אויפן האַרצן — אַזוי ביטער און פינצטער...

אין לאַגער האָבן, אין אונדזער מעמד, ניט געקענט זיין קיין געבורטן. עס זיינען אָבער דאָך געבוירן געוואָרן 3 קינדערלעך. דער סאַניטעטער באַרדע (אַנטאָש האָבן מיר אים גערופן) — אונטערשאַר־פירער, האָט אַריינגעוואָרפן צוויי ביי־געבוירענע קינדערלעך לעבעדיקערהייט אין אויוון. דאָס דריטע ניי־געבוירענע קינד האָט ער דערשטיקט און דאַן פאַרברענט אין אויוון.

אין יעדן אָרט, ווו דער ד״ר באַטמאַן פלעגט אַריינשטעלן זיין פוס, פלעגן זיין גרויזאַמע קרבנות. ער איז געווען דער הויפּט־הענקער פון אַלע לאַגערן אין עסטלאַנד. ביי אונדז האָט ער באַזוכט עטלעכע מאָל. איינמאָל האָט ער געמאַכט דריי פרויען איינשפּריצונגען, נאָך וועלכע זיי זענען גלייך געשטאָרבן. דער זעלבער מערדער האָט אַרויסגעגעבן די פאַראָרדענונג אָפּצושערן די פרויען די האָר און ביי אונדז מענער, צו מאַכן פאַסן אויפן קאָפּ. זומער, נאָך זיין באַזוך אין אונדזער לאַגער, האָבן די עסטישע צייטונגען געשריבן, אַז „אין די יידישע לאַגערן האָט זיך פאַרשפּרייט פלעק־טיפוס״. דאָס איז שוין געווען אַ צוגרייטונג־אַרבעט צו דער פולשטענדיקער ליקווידאַציע פון לאַגער.

**מיר באָדן זיך אין פינישן ים־אויסגוס**

סוף יולי, אָנהויב אויגוסט 1944, האָט דער דייטש, וואָלעט פּיק, געפירט פּאַרטיעס צום ים־אויסגוס זיך באָדן. דעם אמת געזאָגט, האָט מען אביסל מורא געהאַט פאַר אַזאַ שפּאַציר — מיטאָמאָל האָבן זיי גענומען אַזוי זאָרגן וועגן אונדז... ס׳איז געווען אַביסל פאַרדעכטיק. אָבער דער ווילן צו געניסן אַ מינוט פרייהייט, ווערן אויף אַ מינוט אַ שטיקל מענטש, האָט גובר געווען יעדע שרעק און מיר זיינען געגאַנגען.

דער שפּאַציר איז געווען אַ מחיהדיקער, אַ פאַרגעניגן. אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן אין די צרות און זיך דערמאָנט די אַמאָליקע יאָרן אויף די פּליאַזשעס. אויפן ים־ברעג זיינען מיר געווען עטלעכע שעה. מיר האָבן אויסגעקוקט... אפשר וועט צושווימען אַ שיף פון די אַליאירטע און וועט אונדז אַ כאַפּ טאָן צו זיך... אָבער קיין נסים זיינען ניט געשען און מיר זיינען „צופרידענע״ געקומען צוריק אין לאַגער. דאָס גופא איז געווען אַ גרויסער נס.

ווי ביטער און פינצטער עס איז ניט געווען, האָט דער לאַגער דאָך געהאַט אַ געוויס מאָראַליש פּרצוף פון דורערנדיקער עקשנות. מ׳האָט מיט אַלע כוחות געפּרווט איינהאַלטן דאָס מענטשלעכע פּנים און דאָס פּינטעלע ייד. מען האָט זייער גוט געוווּסט, אַז טאָמער, חלילה וחס, לאָזט זיך עמעצער אָפּ, איז ער שוין אַ פאַרלוירענער. דעריבער מוז געזאָגט ווערן צום שבח פון מעלצערן און זיינע מיטאַרבעטער, אַז זיי האָבן פיל געטאָן ביים איינהאַלטן דאָס מענטשלעכע פּנים אין לאַגער אין אָט די טראַגישע באַדינגונגען. דאָס אויפהאַלטן די היגיענע איז געווען אַ געוואַלטיק געווער פאַר איינהאַלטן ריינקייט, דיסציפּלין, אָנשטענ־דיקייט. די בעדער, די דעזינפעקטאָרן, דער וואַש־רום, די מענטשלעכע קלאָזעטן, די וועשעריי, דאָס ריינקייט פון עסן אין קיך — דאָס אַלץ האָט געצוווּנגען יעדערן באַזונדער צו האַלטן זיך מער־ווייניק לייטיש און ריין. ווען אייניקע האָבן גענומען

ווערן שמוציק און אָפּגעלאָזן, פלעגט מען פון זיי ווייכן און צווינגען זיך צו האַלטן ריין און ציכטיק.

דאָס האָט אויך מיטגעווירקט, אַז אין לאַגער איז געווען אַ געוויסע קולטורעלע באַציאונג צווישן די לאַגערניקעס. מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען, איז דאָס צונויפּמענלעבן געווען אַנשטענדיק און מענטשלעך.

## פּאָליטיק און פּאָליטישע דיסקוסיעס

די אינטעליגענץ און פּשוטע עמך־יידן פלעגן זיך זייער אינטערעסירן מיטן גאַנג פון די געשעענישן אויף די פראָנטן. יעדער קאָמוניקאַט, יעדע ידיעה — איז אויפגעכאַפּט געוואָרן און אויף אַלערליי אופנים קאָמענטירט געוואָרן. פון יעדן נצחון פון די רוסן, פון די אַליאירטע, פלעגט מען אַריין אין עקסטאַז. וואָס אין לאַגער האָט זיך אָפּגעטאָן, ווען מ'האָט זיך דערוווסט וועגן אַטענטאַט אויף היטלערן! הגם מיר האָבן באַדויערט וואָס דער אַטענטאַט איז ניט געלונגען, דאָך, דער עצם־פאַקט פון אַטענטאַט איז געווען פאַר אונדז אַ באַלזאַם, אַ פאַרגע־ניגן. מען האָט זיך געקושט, זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב און געווונטשן, אַז דער צווייטער זאָל געלינגען...

אין לאַגער זיינען געווען געשווירענע פּאָליטיקער, צו וועמען מען פלעגט קומען נאָך ידיעות. הערמאַן קרוק, גוטגעשטאַלט און אַ סך פון דער דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ פלעגן שטענדיק פירן שמועסן. דער עולם האָט זיך צוגעהערט און אויך גענומען אָנטייל אין די שמועסן, צווישן אייגענע, אין די צימערן. אַז מען פלעגט אַרויס צו דער אַרבעט איז דער ערשטער ברוך־הבא געווען — די לעצטע קאָמוניקאַטן. ביים קומען פון דער אַרבעט האָט מען ווידער אויפגעכאַפּט קודם־כל די נייעסן. אין אַזעלכע שמועסן פלעגט די אינטעליגענץ פאַרברענגען די צייט.

## דאָס רעליגיעזע לעבן

יידן רעליגיעזע האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם איינציקן רב, וואָס איז געווען אין לאַגער, וואָס איז אויך געווען אָפּגעשווירן. די גאָר פרומע יידן פלעגן זיך ניט ראַזירן. איינער אַ יונגערמאַן האָט געהאַט אַ שער־מאַשינקע, אַ זייער דינינקע, די מאַשינקע פלעגט שערן אַזוי דין, ווי ראַזירט. יידן האָבן דאָ געהאַט טליתים און תפילין. ווי אַזוי מען האָט דאָס אין לאַגער אַריינגעשמוגלט, ווייסט איין גאָט אין הימל. עס זיינען געווען ספרים, ביכער, חומשים, אינדערפרי, פאַרן גיין צו דער אַרבעט, פלעגן יידן דאַווענען אין טלית און תפילין.

יעדן שבת פאַרנאַכט, נאָכן אָפּעל, פלעגט דער רב לערנען ביים טיש די סדרה פון דער וואָך. זייער אָפט פלעגט מען דאַווענען בציבור. אָנגעקומען זיינען מיר

אין לאַגער ערב ראש־השנה, איז דער ראש־השנה געווען אַ געדריקטער. אָבער צו כל־נדרי איז געווען אָרגאַניזירט דאָס דאַווענען בציבור. זייער פיל יידן האָבן געפאַסט, הגם מ'איז אַרויס צו דער אַרבעט ווי געוויינלעך. שלמה שאַרף, דער לאַנגיאָריקער זינגער פון ווילנער כאָר־שול „טהרת הקודש" און לייטער פון אַ העברעאישן כאָר אין ווילנער געטאָ, האָט געזאָגט כל־נדרי. נאָכדעם האָב איך געהאַלטן אַ קורצע רעדע, און אָנגעוויזן אויף די טראַגישע באַדינגונגען, ביי וועלכע מיר זאָגן כל־נדרי. איך האָב דערמאָנט אונדזערע צעריסענע משפחות, די מאַסן אומגעבראַכטע לעבנס. אין מיין גאַנץ לעבן האָב איך ניט גערעדט ביי אַזאַ טראַגישער לאַגע. ניט קיין וווּנדער, וואָס אַפילו די, וואָס זיינען צום דאַווענען ניט צוגעגאַנגען, זיינען געלעגן אין גרויסן זאַל אויף זייערע בעטלעך און זיך באַגאַסן, ווי מיר אַלע, מיט הייסע טרערן... באַזונדערס האָבן זיך איבער־גענומען אונדזערע פרויען, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז די מענער האָבן געדאַוונט און געזאָגט כל־נדרי. זייער פיל האָבן ביי דער אַרבעט געזאָגט „יזכור".

חנוכה האָט מען אין לאַגער איינגעאָרדנט אַן אָוונט. מ'האָט געזונגען יידישע פאָלקס־לידער, געבענטשט חנוכה־ליכט און דער רב האָט גערעדט וועגן נס־חנוכה.

פורים האָט מען אַפילו איינגעאָרדנט אַן אַרטיסטישן אָוונט. אונדזערע יידישע אַקטיאָרן האָבן אויסגעפירט אַ שיינעם פראָגראַם מיט דעקלאַמאַציע און געזאַנג־נומערן.

פסח האָבן אַ סך יידן ניט געגעסן קיין חמץ. אָנשטאָט ברויט האָט מען זיי געגעבן בוראַקעס, קרוטשקע, קאַרטאָפל א. א. וו. מ'האָט באַקומען אַביסל מעל, זיינען עטלעכע יידישע יונגעלייט אַפגעזעסן אין דעזינפעקטאָר אַ פאָר נעכט און געבאַקן מצה. צו דעם צוועק האָט מען אין וואַרשטאַט געמאַכט אַ מצה־רעדל. אין לאַגער זיינען קליינע מאַצקעלעך פאַרקויפט געוואָרן צו 50 רובל אַ שטיק. אַ סך יידן האָבן געקויפט.

דעם סדר האָט מען געפראַוועט אין עטלעכע גרופן. ביי אונדז אין צימער זיינען מיר געווען זאַלבעצוועליט און נאָך 2 געסט פון אַן אַנדער צימער (דער אַלטער אַנאַליק און דער יונגער שמולעוויטש פון לאָדזש). די איבעריקע אין צימער האָבן חלילה ניט איראָניזירט. פאַרקערט, אייניקע פון אונדזערע דאָקטוירים האָבן געזאָגט: „מיר זיינען מקנא די, וועלכע פאַרמאָגן גלויבן"...

אָפטמאָל, צוקוקנדיק זיך צו די באמת פרומע יידן, צו זייער גלויבנדיקן „השם יתברך וועט העלפן", פלעגט טאַקע שווער זיין צו פאַרשטיין דעם רבונו של עולם — מחשבות האָבן געעקבערט: צי איז דען מעגלעך אומצוברענגען אַלע די מענטשן ביזן לעצטן...

די דאָזיקע גלויביקע יידן און צווישן זיי אַ סך יונגעלייט, זיינען געווען די גליקלעכסטע אין לאַגער. זיי פלעגן אַלע פורעניותן איבערטראָגן אַמלייכסטן.

זיי זײַנען שטענדיק געווען מונטער און פול מיט האָפענונג: „נישקשה, ער וועט איינגעמען אַ מיתה משונה, מיר וועלן אים איבערלעבן, און יידן וועלן בלייבן יידן..."

בדרך כלל, מוז איך אונטערשטרייכן, אַז ניט נאָר רעליגיעזע יידן האָבן לײַכטער איבערגעטראָגן אַלע צרות און פורעניותן, נאָר אויך די יעניקע, וואָס האָבן געהאַט אַ וועלכן ס'איז גלויבן אָדער אידעאיש אָנשפּאַר. ניט וויכטיק איז, וואָסערער זייער גלויבן, אָדער אידעאַל איז געווען. וויכטיק איז צו קאָנסטאַטירן, אַז אַזעלכע מענטשן האָבן אײַנגעהאַלטן זייער מענטשלעך פּנים — אָן טאַטע־מאַמע, אָן אַ מאַן, אָדער פרוי, ניט האָבנדיק קיין פריינט, קיין גואל, האָט מען זיך געטוליעט צו אידעאיש נאָענטע מענטשן. אַפילו אומפּאַרטייאישע מענטשן האָבן געזוכט אָן אָנשפּאַר ביי זייערע פּאַך־נאָענטע אַרבעטער, די אינטעליגענטע פּראָ־פעסיעס ביי זייערע פּאַך־קאָלעגן.

אַמערגסטן האָבן זיך געהאַלטן און אַרויסגעוויזן דעם שוואַכסטן מאָראַלישן ווידערשטאַנד — די פּוסטע יונגעלייטלעך, די אַזוי גערופענע זאַטע קינדערלעך פון רייכע טאַטע־מאַמע. די־אָ פּוסטע לייט האָבן ניט געהאַט קיין שום מאָראַלישן אָנשפּאַר, קיין רוקנביין. פאַרשטענדלעך, אַז עס זיינען געווען אויסנאַמען פון אַלע גרופּן, סיי צום גוטן, סיי צום שלעכטן, אָבער בדרך כלל איז דער פּאַרטיי־מענטש, מיט אַ געזעלשאַפטלעכן חוש, געווען מער ווידערשטאַנד־פעאיק. פּאַרטיי־מענטשן האָבן זיך קעגנזייטיק אונטערגעשטיצט — בונדיסטן און קאָמוניסטן זיינען געווען צווישן זיך געבונדן ווי איין משפּחה.

אין לאַגער איז געווען אַ הילפס־קאָמיטעט. ווער ס'האָט אים אָרגאַניזירט, פון וועמען ער איז באַשטאַנען — ווייס איך ניט. ווען איך האָב נאָך מיין קראַנקהייט, געזוכט אַ הלוואה צום האַנדלען און זיך געווענדט צום „קאָמיטעט", איז געווען דער ענטפער, אַז קיין הלוואות גיבן זיי ניט, נאָר העלפן מיט אַ פּאַיקע ברויט. איך האָב געדאַנקט פאַר דער אַרט הילף. אָבער ראָם האָט איינמאָל יאָ געגעבן מיין יינגל אַ פּאַיקע ברויט, זאָגנדיק, אַז דאָס איז פון קאָמיטעט.

ראַבינאָוויטש, דער געשוווירענער איבערזעצער פון ווילנער געריכט, האָט איינגעאָרדנט אין לאַגער לעקציעס פון דער ענגלישער שפּראַך פאַר אַ גרופּע קינדער. מיין זון האָט אויך געלערנט. פאַר די קינדער איז דאָס געווען אַ גרויסע מאָראַלישע פרייד. די עלטערן פלעגן פון צייט צו צייט געבן צו האַלבע פּאַיקעס ברויט, כדי ראַבינאָוויטש זאָל ניט הונגערן.

### קאַמף־אָרגאַניזאַציע

נאָך דער באַפרייאונג האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז אין לאַגער האָט זיך אָרגאַניזירט אַ קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אין לאַגער האָט מען פיל גערעדט וועגן

אַנטלויפן, וועגן ווידערשטאַנד א.א.וו. אָבער ווּהין, מ׳שטייסגעזאָגט, האָט מען געקענט לויפן פון לאַגער? אַרום און אַרום — פוסטע פעלדער און וועלדער, אַבסאָלוט אומבאַקאַנטע געגענטן. די שפּראַך — אַ פרעמדע, אַן געווער, פון וועמען די אָנווייזונגען? ניט געווען קיין קאָנטאַקטן.

די קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן פּראָוואָקאַטאָר הענעכקע שאַפּיראָ. אַז ער איז געווען דער איניציאַטאָר פון דער אָרגאַניזאַציע, פאַרשטייט מען דאָך שוין, וואָס פאַר אַ מאָראַלישן ווערט זי האָט געקענט האָבן. צו דער אָרגאַניזאַציע זאָלן האָבן געהערט אין דער ערשטער ריי, אַלע „שטאַרקע" און אַ ביסל בריגאַדירן. ס׳איז לחלוטין ניט געפירט געוואָרן קיין שום פּראָפּאַגאַנדע, אָדער וועלכע ס׳איז צוגרייטונג־אַרבעט צווישן דעם עולם. ניט קיין וווּנדער, וואָס דאָס ביסל געלט, מיט וועלכן מעלצער האָט סובסידירט די אָרגאַניזאַציע, איז פאַרטאַכלעוועט געוואָרן. ביים רוסישן פּערעקולשטשיק, פּעדקאַ, איז געבליבן 40 גאָלד־רובל, פאַר וועלכע ער האָט געזאָלט איינקויפן געווער. פאַרן איבעריקן געלט האָבן אייניקע „באַיאָוצעס" איינגעקויפט פאַר זיך... שטיוול. צוויי רעוואָלווערן זיינען יאָ געווען אין גאַנצן לאַגער. איינער פון זיי — ביי הענעכקע שאַפּיראָ...

## די ליקווידאַציע

זומער 1944 האָבן זיך אין לאַגער געגומען פאַרשפּרייטן אומרואיקע קלאַנגען. מ׳האָט באַקומען ידיעות, אַז אין טאַלין (רעוועל) זיינען אָנגעקומען גרויסע טראַנספּאָרטן מיט יידן פון אַ גאַנצער ריי ליקווידירטע לאַגערן אין עסטלאַנד. מ׳איז געוואָרן אומרואיק. וואָס גרעסער עס זיינען געווען די נצחונות פון רוסישן מיליטער, אַלץ געפערלעכער איז געוואָרן די לאַגע פאַר אונדז. מיר האָבן זיך גאָרניט גענאַרט און פאַרשטאַנען, אַז זיי וועלן אונדז אודאי ליקווידירן אין לעצטן מאָמענט. איז טאַקע מיט דער גרעסטער אומרואיקייט אויפגענומען געוואָרן די ידיעה, אַז פון פּרויען־בלאָק האָט מען אַרויסגענומען 250 פרויען. ווּהין, צו וועלכן צוועק, האָט מען ניט געוווּסט.

דעם 22טן אויגוסט 1944, ווען מיר האָבן געזאָלט גיין צו דער אַרבעט, איז דער לאַגער אָפּגעשלאָסן געוואָרן. דייטשן האָבן פון פאַרטיקע רשימות אַרויסגערופן מענטשן, לויט זייערע נומערן, צוזאַמען 250 מענער. ס׳איז געוואָרן אַ פּאַניק. צווישן די אַרויסגערופענע בין איך אויך געווען. קלאָר, אַז די נומערן האָבן אָנגעגעבן די בריגאַדירן. זיי ווילן פּטור ווערן פון די מענטשן, וועלכע „טויגן ניט פאַר זיי". און, דעם אמת זאָגנדיק, וואָס בין איך געווען פאַר אַן

אַרבעטער אין דער „סיגנאַלקע", אַז קוים וואָס איך האָב זיך אויף די פיס געהאַלטן...

מילא, מיין בריגאַדיר באַפרייט זיך פון מיר, אָבער וואָס טו איך מיטן זון? ווען מ׳האָט געענדיקט דאָס אויסרופן, איז מיין ייִנגל צו צו אַ דייטש און געבעטן צולאָזן אים צום פאָטער. ער האָט דערלויבט, אָבער אַ צווייטער כוליגאַן האָט אים צוריק פאַרטריבן. ביטער די לאַגע: פאָרן אַליין — מיט וועמען וועט בלייבן דאָס קינד? נעמען אים מיט זיך — ערשטנס, ווי אַזוי? צווייטנס, אפשר גיי איך צום טויט? זאָל כאָטש דאָס קינד בלייבן... ווער ווייסט... אָבער מיין ייִנגל האָט ניט גערוט, ער איז נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען צום דייטש און אים איז געלונגען אַריינצוכאַפן זיך אין אונדזער גרופּע. מילא, ווי גאָט וועט געבן, אַזוי וועט זיין. דערווייל זייַנען מיר ווייטער צוזאַמען. אַ דאַנק גאָט דערפאַר.

די 250 מאַן זייַנען אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ וואַך. קיינעם האָט מען שוין צו אונדז ניט צוגעלאָזט. מיר האָבן זיך געריסן אַריינצוגיין אין בלאָק צו נעמען אונדזערע זאַכן, קליידער, וועש; געלט און ברויט האָב איך געהאַט פאַרשטעקט, אָבער מען לאָזט זיך ניט רירן פון אָרט! דער טאָג איז געווען אַ הייסער און צו דער אַרבעט פלעגן מיר אַרויסגיין האַלב־נאַקעטע. מ׳לאָזט אָבער גאָרניט נעמען. מ׳האָט אונדז אַרויסגעגעבן שיסלען מיט לעפלען — דאָס איינציקע וואָס מען האָט אונדז מיטגעגעבן.

לאַנג האָט מען אונדז ניט געהאַלטן אויפן הויף. מיט קלעפּ און יאָגעניש אַרויסגעטריבן פון לאַגער צו עטלעכע אויטאָס. מיט קלעפּ און געשרייען האָט מען אונדז אויפגעלאָדנט אויף די אויטאָס. דערווייל זייַנען די איבעריקע אַרויס צו זייער נאָרמאַלער אַרבעט. פונדערווייטנס האָבן זיי זיך מיט אונדז געזעגנט. דער נאָכמיטאָג איז געווען אין לאַגער אַן אמתער יום־כיפּור. אַ חוץ די צוויי הונדערט פופציק מענער האָט מען אויך, ווי שוין דערמאָנט, גענומען 250 פרויען. זייַנען ווידער צעריסן געוואָרן משפּחות... דער אופן פון שנעלן אַרויסכאַפּן די 500 מאַן פון לאַגער, פון טרייבן און אויפלאָדענען אונדז אויף 4 אויטאָס — האָט קיין גוטס ניט פאָראויסגעזאָגט...

דערווייל — אַדיע קלאָאַגאַ... ווי ביטער ס׳איז דאָ געווען זייַנען מיר דאָך אָפּגעווען 11 חדשים. זיך איינגעלעבט. געלעבט מער־ווייניק ווי מענטשן און צווישן מענטשן, געהאָפט אַרויסצוגיין פונדאַנען אויף דער פריי. ניט קוקנדיק אויף מיין גאַנצער אָפּגעשוואַכטקייט, אויף מיין קאַטאָרזשנער אַרבעט, איז מיר דאָך אַ גרויסער שאָד געווען צו פאַרלאָזן קלאָאַגאַ, בפרט נאָך, אַז מען האָט לחלוטין ניט געוווּסט, וווהין מען פאָרט.

די דייטשן האָבן אַריינגעקוועטשט די 500 מאַן אין 4 אויטאָס. אין 3 האָבן זיי אַריינגעציילט צו 150 מאַן און אין פערטן — די רעשט מיט די עטלעכע

דייטשן, וואָס האָבן אונדז געפירט. ווי קען אַן אויטאָ אויפנעמען 150 מאַן? דער אויטאָ איז געווען אַן אָפענער. מ'האָט זיך גענומען שטיקן, עס גייט אָבער פאָרט ניט... אַ דייטש אין דאַן אַרויפגעשפרונגען און מיט זיינע קאַמסקע, יוונישע שטיוול אָנגעקגעשטעלט זיך ממש אויף אונדזערע קעפ און מיט אַ שטעקן גענומען שלאָגן אַזוי לאַנג... ביז ס'איז געוואָרן אָרט... אַ טייל האָבן די פיס געהאַט אויף דער פאַדלאָגע און ביי טייל זיינען זיי געווען איינגעפרעסט אין דער לופטן, אַז אָט ווערן מיר דערשטיקט און צעקוועטשט. ווען די אויטאָס האָבן געדרירט, האָבן מיר פרייער אָפגעאָטעמט... ביי יעדן קער און ווענד פון אויטאָ — אַ מוראדיקער טרייסל מיט אונדזער נעבעכדיק ביסל ביינער... ממש דאָ איז אונדזער טויט. מילא, אַז מיר יידן האָבן אויסגעהאַלטן, איז ניט קיין וווּנדער, אָבער ווי אַזוי האָט דער אויטאָ אויסגעהאַלטן... דער וועג איז געווען אַ פּחדימדיקער, אַ פּיינלעכער. דער געדאַנק האָט אונטערגעזאָגט —— אָט איז אַ נייע דייטשישע טויט־המצאה...

געפאָרן זיינען מיר אוודאי אַ צוויי שעה און זיך פאַרהאַלטן ביי אַ קליינער באַן־סטאַציע. מ'האָט אונדז אַרויפגעפירט אויף אַ גרויסן פּלאַץ, מיט אַ סך הילצערנע בודקעס. אַז מיר זיינען אַרויס פון די אויטאָס לעבעדיקע און גאַנצע איז ברוך השם יום יום... אַבי דער וועג האָט זיך געענדיקט.

אויפן פּלאַץ האָבן מיר געטראָפן עטלעכע באַקאַנטע יידן פון ווילנער געטאָ. צווישן זיי אויך — אַסטערן, וועלכער האָט אין ווילנער געטאָ פאַרנומען אַ הויכן אַמט. פון די דאָזיקע יידן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מיר געפינען זיך אין לאַגער לאַגעדי.

## אין לאַגער לאַגעדי

לאַגעדי איז איינע פון די נאָענטסטע באַן־סטאַציעס פון טאַלין, ביי אַ 60 קילאָמעטער פון קלאָאַגאַ. פון די יידן דאָ האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מיט אַ וואָך פריער זיינען דאָ געווען בערך 2500 יידן, געבראַכטע פון פאַרשיידענע ליקווי־דירטע לאַגערן אין עסטלאַנד. מ'האָט זיי דאָ פאַרהאַלטן אַ קורצע צייט און מיט אַ שיף אַרויסגעשיקט קיין דייטשלאַנד. געבליבן זיינען נאָר אַ 10 קראַנקע מענטשן. פון די אַרויסגעשיקטע זיינען געבליבן מאַסן זאַכן, וואָס די דייטשן האָבן צוגענומען. געבליבן איז אַ ביסל שמאַטעס און אַ סך קאַצן. קיין לאַגער איז דאָ כמעט ניטאָ. אויפן פרייען פּלאַץ שטייען בודקעס, ווי פאַר הינט, צונויפגעקלאַפּטע פון דינע ברעטלעך און זיינען באַשטימט פאַר 20 מענטשן. ווען עס רעגנט, זיינען די בודקעס פול מיט וואַסער. קיין פאַדלאָגעס זיינען

ניטאָ, קיין בענקל, ניט קיין פּריטשע, ניט קיין בעטל. שלאָפן מוז מען אויף דער הוילער ערד. קיין וואַסער איז ניטאָ, מוז מען ברענגען וואַסער אין פּעסער. ס'איז אַפילו קיין קיך ניטאָ. פון דעם אַלעם האָבן מיר געדרונגען, אַז לאַנג וועלן מיר דאָ ניט זיין. מען האָט טאַקע געוווסט צו דערציילן, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועט מען אונדז אויך אַרויסשיקן ווייטער מיט אַ שיף.

קודם כל בין איך אַוועק זוכן אַביסל זאַכן, וואָס אַרויפּצוציען אויפן לייב, מיר זיינען געוועזן בוכשטעבלעך נאַקעט. מען מוז געפינען אַ ביסל קליידער, וועש; אינעם איבערגעבליבענעם באַרג שמאַטעס, האָב איך געפונען עטלעכע גוטע פּרויען־שאַליקעס, פּאַטשיילעס און אַ פּאָר גוטע, ממש נייע הויזן געמאַכט פון אַ קאַץ, אָבער פּרויען־הויזן. דאָס איז געוועזן ממש אַ פאַרמעגן אין אונדזער לאַגע. מיר האָבן באַקומען יעדער צו עטלעכע קאַצן. קיין עסן האָבן מיר דעם טאָג ניט באַקומען. די ערשטע נאַכט נאָבן מיר דורכגעמאַכט, אַז אַך און וויי.

אויף דעם אַנדערן טאָג זיינען מיר ניט געוואָרן באַשעפטיקט. מען האָט „אָרגאַניזירט דאָס לעבן" אין לאַגער. מיר האָבן באַקומען די בודקע נומער 27, אין וועלכער עס זיינען אַריין פּאָלגנדיקע 18 פּערזאָן:

1) בלאַך שלמה, 2) פרידבערג דוד, 3) קאַמיסאַראָוו נח, 4) לוי יצחק, 5) זיידל וואָלף, 6) אַמטשינאָווסקי אהרון, 7) כץ הירש, 8) כץ בערל, 9) באַלבערישסקי מענדל, 10) באַלבערישסקי טעאָדאָר, 11) ראַבינאָוויטש ירוחם, 12) בולקין נחום, 13) סעניצקי שמעון, 14) מאָסטאָוויטש, 15) אינזש. מעבל, 16) אַבראַמאָוויטש, 17) מילער אַלטער און 18) מילער, זיין פּלימעניק.

אין איין זייט לאַגער האָבן זיך באַזעצט פרויען און פון דער אַנדערער זייט מענער. דער מיטן פון הויף איז געווען אַן אַלגעמיינער.

אַלס לאַגער־עלטסטער איז באַשטימט געוואָרן אַ שניידער פון וואַרשע, (זיין נאָמען איז דאַכט זיך געווען — האָפּמאַן). דער אָפּראַוויזאַטאָר איז געווען אַסטער. ווער עס האָט געקענט, האָט געבראַכט עטלעכע ברעטלעך אויף אונטערצולייגן זיך אַלס געלעגער. דעם אַנדערן טאָג האָט מען ווידער גאָרניט געגעבן צו עסן. קיין זאַך איז ניט געווען צוגעגרייט אויפצונעמען אַרבעטער. ס'האָט בכלל ניט געמאַכט קיין איינדרוק פון אַן אַרבעט־לאַגער...

## מיר גייען אויף אַרבעט

די אַרבעט צו וועלכער מ'האָט אונדז אַרויסגעטריבן, איז געווען אַ ריין מיליטערישע. מיר האָבן געזאָלט בויען אָקאָפּעס, בלינדאַזשן און פאַרשיידענע אַנדערע מיליטערישע אָביעקטן. אָבער געטאָן האָט מען פּאַקטיש גאָרניט. מיט דער אַרבעט פלעגן אָנפירן „טאָדניקעס". זיי זיינען געווען רוזיקע

און אויסערגעוויינלעך גוטע, אָנשטענדיקע מענטשן, דער רוב פון מזרח־פרייסן. ביז היינט קען איך ניט פאַרשטיין די דאָזיקע יעקעס. מיר פלעגן גאַנצע טעג גאָרניט טאָן, געזעסן שעהען און גערעדט צווישן זיך. זיי האָבן נאָר אָנגעהויבן שרייען און יאָגן, ווען פונדערווייטנס האָט זיך באַוויזן אַ העכערער אָפיציר. יענע האָבן זיך אָבער אויך אָנשטענדיק באַצויגן. צי איז דאָס געווען אַזאַ פאָראָרדענונג, צי אַזאַ טאַקטיק פאַרן סוף, ווער ווייסט עס? מיין „טאָדניק", ביי וועלכן איך האָב געאַרבעט, האָט מיר עטלעכע מאָל אָפּגעגעבן זיין פרישטיק, מיר געגעבן ווייך פון זיין מענאַזשקע... הכלל, ס'איז געווען אַן אמתע אידיליע... די ווערטערן זיינען אויך געווען שיינע. מיר האָבן אָנגעהויבן צו קומען צו זיך.

אָבער דאָס איז ניט געווען דאָס וויכטיקסטע. די גרעסטע טובה וואָס די יעקעס האָבן אונדז דאָן געטאָן, איז געווען דאָס דערלויבן גיין נאָך וואַסער. אונטערן תירוץ פון גיין „נעמען וואַסער", פלעגן מיר אַרומלויפן איבער די אַרומיקע עסטישע פויערן־הייזקעס און קויפן אָדער באַקומען און אַפילו רייסן פון די גערטנער גרינסן און אויבסט, וואָס איז דאַן געווען לרוב. יעדער פון אונדז האָט זיך אַריינבאַקומען אין אַ פּאָר עסטישע הייזער און געהאַט פון דאָרט „חיונה"...

איך האָב באַקומען אַזאַ פויעריש הויז, אָבער ווייט פון מיין אַרבעט־פּלאַץ. די שטוב, ווו איך בין פאַרקראָכן, איז געווען אויסערן לאַגער, אויף יענער זייט שאָסיי. אין שטוב האָב איך געטראָפן אַ טאַלינער דאַמע. זי איז דאָ געזעסן מיט אַ זייער קראַנקער טאָכטער אויף טובערקולאָז. דערוויסנדיק זיך, אַז איך בין אַ לאַנגיאָריקער אַפטייקער, האָט זי מיר געוויזן אַלע רפואות און רעצעפּטן... זי האָט געבעטן הילף פאַר איר יונגער טאָכטער... מיט וואָס האָב איך איר געקענט העלפן?...

דאָס הויז האָט געהערט צו אַ גאַנץ פאַרמעגלעכן עסטישן דאָרפישן ווירט. די פשוטע פויערים האָבן מיך זייער האַרציק אויפגענומען און געגעבן גוט אָפּצועסן. איך האָב אויך באַקומען אַ סך עסן פאַרן קינד. איך בין ביי זיי געווען עטלעכע מאָל. אָבער דאָס גיין צו זיי איז ניט אַלע מאָל מיר אַדורך גלאַטיק. די אַרומיקע וואַך האָט אויף מיר געשאָסן פון עטלעכע זייטן... איינמאָל האָט מיך די וואַך געכאַפּט, מיר אויסגעגאָסן די טייערע מילכיקע זופּ, וואָס איך האָבן געטראָגן פאַרן קינד, צעשאָטן מיר די קאַרטאָפל, די עפּל און צוגענומען אַ פּאָר שטיקער ברויט. דאָס וואָס איך האָב געהאַט באַהאַלטן אין די הויזן, איז מיר געבליבן. דערביי האָבן מיך די באַנדיטן מיט די ביקסן־פּריקלאַדן גוט צעהרגעט און צעמזיקט. אַ צווייט מאָל האָט מיך אַן עסטישער וואַכמאַן געכאַפּט ביים אַריינגיין צו מיינע עסטן אויפן

הויף, ער האָט מיך געיאָגט און געשלאָגן, כ'בין קוים אַוועק מיטן לעבן פון אים.

ווי עס זאָל ניט זיין, האָבן מיר דאָ אַביסל אויפגעלעבט — די לייכטע אַרבעט, די מער־ווייניקער פּרייקייט און דאָס זאַטע עסן, האָבן אין משך פון אַ פּאָר וואָכן צוריקגעשטעלט אויף די פיס.

שלעכט איז נאָר געווען דער לאַגער גופא. די קעלטן און די אָפטע רעגנס ביינאַכט, האָבן אונדז גענומען גוט דערקוטשען... ס'איז דאָך שוין געווען סעפּטעמבער.

ווי געזאָגט, האָבן די דייטשן אין לאַגער, בדרך כלל, מענטשלעך זיך באַ־צויגן צו אונדז. דאָך איז ביי דער אַרבעט געווען איין דייטש, אַן אַלטער וואַכמייסטער, וועלכער פלעגט שטענדיק אַרומגיין מיט אַ גרויסן שטעקן און נאָכאַנאַנד שלאָגן און פּייניקן. ווו ער פלעגט נאָר צוגיין, האָט ער גלייך געפונען אַ קרבן...

איינמאָל, ווען מיר שטייען אַזוי ביי דער אַרבעט און טוען גאָרניט, רופט זיך אָפּ צו מיר אַ פרוי: „פאַרוואָס טוט איר גאָרניט, אַלטער?"

„וואָס הייסט איך טו גאָרניט, ווער טוט דען יאָ?" — פרעג איך זי — „און וואָס זייט איר דאָ פאַר אַן אָנטרייבערין?..."

און ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואָקסן דער אַלטער רוצח, און אַ פרעג געטאָן ביי דער פרוי: „ווער אַרבעט ניט?" — „אָט דיזער" — ענטפערט די פרוי, אָנווייזנדיק אויף מיר. ער איז צו צו מיר און מיך גענומען שלאָגן מיט זיין גראָבן שטעקן. איך האָב אין ווייטיק געשוויגן, וויסנדיק פון דער פּראַקטיק, אַז רעדן אָדער שרייען, מאַכט נאָך ערגער. האָב איך נאָר געטראַכט: „שלאָג וויפל דו ווילסט, נאָר דערהרגע מיך ניט און מאַך מיך ניט פאַר קיין קאַליקע". פאַר איין זאַך האָב איך אויך געציטערט: מיין זונגדל, וואָס איז נעבן מיר געשטאַנען, זאָל ניט אָנהויבן צו וויינען און שרייען „טאַטע", מיר וואָלטן דאַן ביידע געווען פאַרלוירן... ער האָט מיך אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז איך האָב זיך מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד... ערשט דאַן איז ער פון מיר אַוועק...

**קרבנות און ווידערשטאַנד**

אין די ערשטע טעג, ווען מען האָט אונדז גענומען פירן אויף אַרבעט, אויסגעהונגערט זיינען מיר געווען, פלעגט מען פרווון אויפן וועג, פאַרביי־גייענדיק גערטנער — אַרויסרייסן אַ פּאָר קאַרטאָפל, מערן, קרוטשקע א. א. אַ טייל וואַכמענער פלעגט זיך מאַכן ניט זעענדיק, אַנדערע ווידער פלעגן גלייך שיסן פון הינטן און אַוועקלייגן טויט אויפן אָרט. אויף דעם אופן זיינען, פאַר דער קורצער צייט וואָס מיר זיינען געווען אין לאַגער, געפאַלן עטלעכע

קרבנות. דעם 6טן סעפּטעמבער האָט אַ יונגערמאַן — יאַפּע, פאַרהאַלטן זיך אויף אַ פעלד און גענומען רייסן גרינס. איז צו אים צוגעלאָפן אַן עסטישער וואַכמאַן און גענומען שלאָגן. יאַפּע האָט זיך אויף אים אַ וואָרף געטאָן און געריסן פון אים די ביקס. דער סאָלדאַט איז אָבער געווען געזונטער, ווי דער אויסגעהונגערטער, פאַרצווייפלטער יונגערמאַן, און ער האָט אים דערשאָסן. צומאָרגנס איז ווידער דערשאָסן געוואָרן אַ געוויסער פינקלשטיין.

✶

נאָכדעם, ווי דער דייטש האָט מיך אַזוי צעשלאָגן, האָב איך באַשלאָסן אַוועקצוגיין פון אַרבעט־פּלאַץ. אָבער ווי אַזוי? צו אינספּעקטירן די אַרבעט פלעגט אָפטמאָל צו אונדז קומען אַן אינזשיניער. אַ פּאָר מאָל האָבן מיר ביי אים עפּעס געפרעגט, און ער האָט זייער קאָרעקט געענטפערט. איך האָב באַשלאָסן צו בעטן ביי אים הילף. איך האָב אים ספּעציעל אָפּגעהיטן און אין אַ פּאַסיקן מאָמענט, ווען קיינער איז דערביי ניט געווען, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך בין אַ דיפּלאָמירטער אַפּטייקער און אַז מיר איז זייער שווער צו אַרבעטן מיט אַ קליין קינד אויפן גאַס, איצט אין האַרבסט... אפשר קען ער מיך באַשעפטיקן אין אַ הויז ביי שטוביקער אַרבעט. צו מיין גרויסער פרייד האָט ער זיך פאַרהאַלטן מיט מיר אַ לענגערע ווײַלע, פונאַנדערגעפרעגט וועגן אַ סך זאַכן, איך האָב אָבער זיך באַלד דערשראָקן פאַר דער „פאַראינטערעסירונג"...

ער אַליין האָט אויך גענומען קוקן אויף אַלע זייטן און גלייך פאַרענדיקט דעם שמועס, זאָגנדיק, אַז ער וועט רעדן מיט זיינס אַ קאָלעגע, אפשר וועט מיך יענער נעמען צו זיך. דעם אמת געזאָגט, האָב איך שוין כמעט ווי חרטה געהאַט אויף מיין גאַנצן פּלאַן... אויף מאָרגן, ווען מיר זיינען געקומען מיט דער פּאַרטיע צו דער אַרבעט, איז ער צו מיר צוגעקומען מיט אַ דייטש, האָט אים עפּעס געזאָגט און צו מיר אַ געשריי געטאָן: „לאָז מיטן קליינעם יונגע..."

דער דייטש איז מיט אונדז אַוועק אַ שטיקל וועג און אַריינגעפירט אין אַ פיינעם הויף, ווו ס'איז געווען אַ גרויס, שיין הילצערן הויז. געוווינט האָט דאָרט אַן עסטישער אינזשיניער מיט זיין פאַמיליע. דער דייטש איז אַוועק און צו מיר איז אַרויס אַ יונגער עסט — דער אינזשיניער. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ ביסל קלעצער, וואָס זיינען געלעגן אויפן הויף, געהייסן זיי צעזעגן, צעהאַקן און אַריינלייגן אין אַ דערבייאיקן סקלאַד. איך האָב אים נאָך באַוויזן צו פרעגן, צי איך דאַרף מאָרגן אויך קומען צו דער אַרבעט.

ער האָט געענטפערט, אַז איך קען דאָ בלייבן ביז איך וועל דאָס אַלץ מאַכן, און איז אַוועק.

דאָס ביסל האָלץ וואָס דאָ איז געלעגן, האָט מען געקענט צעזעגן און צעהאַקן אין עטלעכע שעה. פון זיין תשובה האָב איך אָבער פאַרשטאַנען, אַז איך קען דאָ זיצן וואָכן לאַנג. דאָ וועלן מיר האָבן רואיק. נו, און וואָס איז מכוח אכילה? איך קען דאָך פון דאַנען ניט גיין צו מיינע עסטן. מיר האָבן, לפנים־ווען, גענומען זעגן דאָס האָלץ. דערווייל האָבן מיר זיך באַקענט מיט אַן עלטערער פרוי פון הויז, ווי עס שיינט — דעם אינזשיניערס מוטער. אָנגעהאַקט אַ ביסל האָלץ און איר אַרייַנגעטראָגן אין קיך. זי האָט פיין באַדאַנקט און געגעבן עפּעס צו עסן. אָבער צו דעליקאַט, מיר האָבן באַדאַרפן אַ סך מער. מיט דער צייט האָב איך זיך דאָרט באַקענט מיט נאָך עטלעכע עסטישע פאַמיליעס, וואָס האָבן אין דער נאָענט געוווינט. ביי זיי פלעג איך אויך באַקומען עסן פאַר זעגן און האַקן האָלץ, ברענגען וואַסער א. א. וו. מיר זיינען געווען איבערגליקלעך. רואיק, שטיל, אָן וואַכמייסטערס, אָן ריזיקע דערשאָסן צו ווערן ביים באַקומען דעם ביסן ברויט. איין זאַך האָט אונדז נאָר געשראָקן: ווי לאַנג וועלן מיר קענען בלאָפן...

**דאָס לעבן אין לאַגער**

איך האָב שוין געזאָגט, אַז אַלע צייכנס האָבן געוויזן, אַז אין לאַגער וועלן מיר לאַנג ניט בלייבן. ניט ס'איז דאָ געווען אַרבעט, ניט דער לאַגער איז געווען אַ לאַגער. דערווייל האָבן מיר געלעבט ווי הינט, אין די בודעס. אין לאַגער האָט זיך אָרגאַניזירט אַן אינעווייניקסטע אַרבעטער־בריגאַדע, וועלכע האָט גענומען באַזאָרגן די בודעס. מ'האָט ביסלעכווייז צונויפגעשטעלט ברעטלעך, געמאַכט מכלומרשטע נאַרעס צום ליגן: אויך גוט, אַבי ניט אויף דער הוילער ערד. די מענטשן אין די בודעס זיינען געווען צופעליקע. קיין שום צוזאַמענלעבן איז ניט געווען.

עס האָט אויך קיין רייד ניט געקענט זיין וועגן וועלכן ס'איז קולטור־לעבן. אין לאַגער איז אַפילו ניט געווען קיין איין איינציקער צימער. ווען ס'איז געווען טרוקן און וואַרעם, זיינען מיר געווען אויפן הויף, אויפן פרייען פעלד. ווען עס האָט גערעגנט, פלעגן מיר ליגן אין די בודעס, צוזאַמענגעדרייטע אין די קאָצן. קלאָאַגא איז געווען אַ גן־עדן אין היגזיכט פון די היגיענישע באַדינגונגען, איז ווידער דער הונגער און די קאַטאַרזשנע אַרבעט געווען דער מלאך־המוות. דאָ, אין לאַגעדי, זיינען די אַרבעטס־באַדינגונגען און די דערנע־רונגס־מעגלעכקייטן געווען דערטרעגלעכע — זיינען ווידער די לעבנס־באַדינגונגען געווען קאַשמאַרע. אָט דאָס היגטישע לעבן האָט גלייך געגעבן

זיינע טרויעריקסטע רעזולטאַטן. מ׳האָט געגומען אַ סך קרענקען אויף אַנגינעס, קרעץ און פּאַרקילונגען. די ערשטע און איינציקע אינסטיטוציע, וואָס מען האָט גלייך אָרגאַניזירט אין לאַגער, איז געווען די אַמבולאַטאָריע.

די אַמבולאַטאָריע האָבן אָרגאַניזירט די דאָקטוירים קאַרנאַוועסקי און כאלעם אין איינער פון די בודקעס. קיין וועש האָבן זיי ניט געהאַט, קיין מעדיקאַמענטן אויך ניט. עפּעס פון מעדיקאַמענטן האָט זיך געפונען ביי ד״ר קאַרנאַווסקי. אין משך פון אַ פּאָר וואָכן האָט שוין די אַמבולאַטאָריע פאַרנומען דריי בודקעס — די צאָל ליגנדיקע קראַנקע איז געווען אַ גרויסע. די צוויי דאָקטוירים האָבן געאַרבעט, ביי די שווערסטע באַדינגונגען, ווי טרייע ברידער.

אין משך פון עטלעכע טעג האָט מען אָרגאַניזירט די קיך. פאַרטאָג פלעגט מען באַקומען הייסע קאַווע, ביינאַכט, נאָכן קומען פון דער אַרבעט — אַ זופּ, די פּאָרציע ברויט (איין לעבל אויף 4 פּערזאָן), מאַרגאַרין, אַ שטיקל קעז, אַ ביסל צוקער א. א. עסן פלעגט מען זיצנדיק אויף דער ערד. שטיין אין דער בודע האָט מען ניט געקענט. נאָך דער אַרבעט, פלעגט דער עולם זיך נעמען קאָכן מענאַשקעס מיט עסנוואַרג. אַלע האָבן געהאַט וואָס צו קאָכן.

געגוי ווי אין קלאָאָגאַ, האָט זיך אויך דאָ גלייך געשאַפן אַ שוואַרצער מאַרק, פּראָדוקטן צו באַקומען איז דאָ געווען פיל לייכטער, ווי אין קלאָאָגאַ, זיינען דעריבער די פּרייזן געווען אַ סך ביליקער. מ׳קען זאָגן, אַז דאָ זיינען אַלע, מער־ווייניקער, זאַט געווען. ביי דער אַרבעט פלעגן אַ סך כאַפּן צופעליקע מיטאָגן פון דער דייטשער, צי פון עסטישער קיך.

אויפן הויף האָב איך געטראָפן הערמאַן קרוק, וואָס איז געוואָרן אַ „שטוב־עלטסטער״; געטראָפן אויך דעם קאָמפּאָזיטאָר דורמאַשקין, מוליע זאַבלו־דאָווסקי און נאָך אַ סך באַקאַנטע פון ווילנע און קלאָאָגאַ. מען פלעגט זיך בלויז דורכוואַרפן מיט געציילטע ווערטער, ווייל ס׳איז פּשוט ניט געווען ווו און ווען צו רעדן.

## ערב ראש־השנה תש״ה

מאָנטיק, דעם 17טן סעפּטעמבער 1944, זיינען מיר, ווי געוויינלעך, געקומען אין לאַגער פון דער אַרבעט. ס׳איז געווען ערב ראש־השנה. מיר האָט זיך פאַרוואָלט קויפן אַ גלאָז האָניק צו באַגעגענען דאָס נייע יאָר מיט אַ „שנה טובה ומתוקה״... איך האָב אָבער ניט באַקומען, וואָס האָט מיך זייער געערגערט. ס׳איז געוואָרן פינצטער און מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט אין איינער פון די בודעס און ביי אָנגעצונדענע ליכטלעך געדאַוונט מעריב. נאָכן דאַווענען האָבן מיר זיך באַגריסט מיט אַ ברייטן „גוט יום־טוב״... און אַוועק אין אונדזערע פינצטערע בודעס. ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז פאַר 85 פּראָצענט פון לאַגער

איז דאָס דער לעצטער אָוונט. און פאַר נאָך דרייצן פּראָצענט — דער פאַרלעצטער אָוונט פון לעבן...

דינסטיק, דעם 18טן סעפּטעמבער 1944, דעם ערשטן טאָג ראש־השנה, זיינען מיר אַרויס פון לאַגער, ווי געוויינלעך, צו דער אַרבעט. דער טאָג איז געווען אַ וואַרעמער. צוליבן יום־טוב האָט זיך ניט געוואָלט אַרבעטן. דאָ, ביי מיין עסטישן אָפיציר, האָב איך זיך געקענט דערלויבן דאָס דאָזיקע פאַרגעניגן. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אויפן הויף און זיך דערמאָנט ראש־השנה פון אַמאָליקע יאָרן. פאַר די אויגן האָבן געשוועבט בילדער פון אַמאָליקן ווילנע. ראש־השנה אין ווילנע!... היינט זיצט מען דאָ אין אַ לאַגער, פאַרוואָרפן, עלנט, אָפּגעריסן פון דער נאָענטסטער משפחה, שוין אַ יאָר צייט, ווי מיר פינצטערן אין עסטלאַנד. ניטאָ קיין גרוסן פון דער פרוי און טאָכטער — גאָט ווייסט, ווו זיי זיינען. עס נעמט קיין ענדע ניט צו די צרות, צו אונדזער פּיין. שוין פינף יאָר ווי מען איז צעבראָכן געוואָרן. געבליבן איז אַ קליין הייפעלע, און דאָס הייפעלע זעט ניט פאַר זיך קיין סוף פון די ליידן, קיין פונק פון האָפענונג.

פאַרנאַכט, ווען מיר האָבן שוין געזאָלט גיין אין לאַגער, פרעגט מיך דער אָפיציר, צי איך וועל מאָרגן קומען. — ענטפער איך יאָ. ווען ער האָט מיך, אין אַ ווײַלע אַרום אַ צווייט מאָל אַ פרעג געטאָן, צי איך וועל מאָרגן קומען, האָט מיך אַ קלעם געטאָן: מסתמא וויל ער שוין פון מיר פּטור ווערן. ווער ווייסט, אפשר האָב איך מיט מיין גאָרניט טאָן איבערגעכאַפּט די מאָס... ער האָט מיך שוין געננוג...

— נו, פאַרפאַלן, האָב איך געטראַכט — מירן ווייטער זוכן וועגן, ווי אַזוי זיך צו פאַרלייכטערן...

פון אָפיצירס שטוב זיינען מיר, ווי געוויינלעך, אַוועק צו די פּאַרטיעס אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך שוין אויסגעשטעלט אין רייען צו גיין קאָלאָנענווייז אין לאַגער אַריין.

אין לאַגער האָט מען אונדז ניט אַריינגעלאָזן. מיר האָבן שוין אויפן שאָסיי געטראָפן אַ שטיקל בהלה. אין די דערביי־שטייענדיקע אויטאָס האָט מען אַריינגעזעצט לאַגערניקעס. ס'איז אויסגעבראָכן אַ טומל, אַ צעמישעניש. אייניקע האָבן פון זיך אַלץ אַראָפּגעוואָרפן, אַנדערע ווידער האָבן אויף זיך אַלץ אַרויפגעצויגן און אָפילו גענומען זאַכן, וואָס אַנדערע האָבן געוואָרפן. גערעדט האָט מען, אַז מ'פירט צום פּאַרט, פון וואַנען מ'וועט אונדז אַרויספירן מיט אַ שיף, ווי די פריערדיקע יידן. הגם מיר האָבן אַזאַ טראַנספּאָרטירונג דערוואַרט פון ערשטן מאָמענט אָן, איז פונדעסטוועגן געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. ווער גלויבט דען די מערדער... ביי די אויטאָס

זיינען געווען דייטשן. זיי האָבן אָנגעלאָדן אַן אויטאָ מיט 20—30 מענטשן. נאָך אַ קורצער ווײַלע זיינען די אויטאָס געקומען צוריק און ווידער גענומען אַ קליינע גרופּע מענטשן. עטלעכע מאָל בין איך געשטאַנען ביי אַן אויטאָ, גרייט אַריינצוגיין, נאָר אין לעצטן מאָמענט זיך צוריקגעצויגן. די דייטשן האָבן מיר שוין אַפילו געגעבן אַ פּאָר קלעפּ פאַרן דרייען זיך נעבן די אויטאָס. אין אַ געוויסן מאָמענט, ווען איך האָב זיך ווידער צוריקגעצויגן פון אויטאָ, האָט מיין יינגל גענומען וויינען און שרייען: „וואָס דרייסטו זיך אַרום, פּאַפּאַ, וואָס ווילסטו, מען זאָל דיך ווידער שלאָגן?! קום אַריין אין אויטאָ...״ איך בין אָבער דאָך ניט אַריין אין קיין שום אויטאָ. איך האָב אַזוי לאַנג מאַנעווּרירט, ביז אויפן שאָסיי זיינען געבליבן נאָר 4 מענטשן. דער דייטש האָט דאַן געהייסן אונדז אַריינגיין אין לאַגער.

ס׳איז שוין געוואָרן פינצטער. אויפן לאַגער־הויף האָב איך געטראָפן אַ סך יידן. זיי האָבן אונדז דערציילט, אַז פון הויף האָט מען שוין אַרויסגעפירט אַלע, וואָס האָבן זיך דאָ געפונען. דער לאַגער־פירער מיט נאָך צוויי דייטשן האָבן געמיטלעך געשמועסט מיט אסטערן און אַנדערע יידן. מיר, אָנגעקומענע פון שאָסיי, האָבן זיך דערווייל געלאָזט זוכן עפּעס פון די קליידער־שטיק און עסנוואַרג, וואָס זיינען געלעגן אויפן וועג. ווען ס׳איז געוואָרן גוט פינצטער, האָבן עטלעכע חברה־לייט דערטאַפּט דעם אַפּראָוויזאַציע־מאַגאַזין און גענומען דאָרט אַ סך ברויט. ווען ס׳איז אָנגעקומען אַן אויטאָ, האָב איך זיך ווידער אַפּגערוקט. אין אויטאָ זיינען אַריין אַ מאַן 20. איך האָב זיך אין לעצטן מאָמענט געזעגנט מיט ד״ר קאַרנאַווסקי און אים דערלאַנגט אַ לעבל ברויט, ער האָט מיר געגעבן אַ וואַרעמע קורטקע פון אַ קאַץ. מיט אים אין אויטאָ איז אויך אַריין ד״ר כאַלעם. אַ צווייטער אויטאָ האָט דערנאָך צוגענומען 40 פרויען. די לעצטע 34 מענער האָט צוזאַמענגענומען אַ לאַסט־אויטאָ מיט אַ ברעזענט. ס׳איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט. אָפּפאָרנדיק אַ קליינע ווײַלע, האָט זיך אונדזער אויטאָ פאַרהאַלטן. געזען האָבן מיר גאָרניט, נאָר געהערט אַ שמועס צווישן צוויי שאָפערן. ווייזט זיך אַרויס, אַז דער אויטאָ וואָס איז פאַר אונדז אַרויס־געפאָרן מיט די פרויען, האָט זיך אין וועג צעשעדיקט און דער שאָפער רעפּאַרירט אים. אונדזער שאָפער האָט זיך גענומען העלפן זיין קאָלעגע. לאַנג, זייער לאַנג, זיינען מיר געשטאַנען, ביז ביידע מאַשינען האָבן געוויירט פון אָרט. אָפּגעפאָרן אַ שטיקל וועג, האָבן זיך ביידע מאַשינען ווידער אָפּגעשטעלט און מיר האָבן אויפגעכאַפּט פאָלגנדיקן שמועס צווישן דייטשן:

„יאָ, זי זיינד צו שפּעט געקאָמען, הויטע איז אַלעס בעענדיקט, קאָמען זי מאָרגען״, און זיי האָבן די שאָפערן געהייסן פאָרן אין אַ געוויסער ריכטונג.

מ׳האָט אונדז געבראַכט אין רעוולער טורמע. דאָרט זיינען די מענער

אַריינגעטריבן געוואָרן אין איין גרויסער קאָמער און די פרויען אין אַ צווייטער. מיר זיינען דאָ געבליבן ביז פאַרטאָג.

## די פאַרניכטונג פון די 425 יידן פון לאַגער לאַגעדי

אוריאל שימאַנאָוויטש — זייגערמאַכער פון ווילנע, וועלכער איז געווען מיט אונדז אין קלאָאַגאַ און דערנאָך אין לאַגעדי, האָט אונדז נאָך דער באַפרייאונג דערציילט: צוזאַמען מיט זיין קליינעם 13־יאָריקן זון איז ער אַריין אין אַן אויטאָ אויפן שאָסיי. מ'האָט די פאַרטיע געבראַכט אין אַ קליין וועלדל. דייטשן מיט אויטאָמאַט־ביקסן האָבן זיי גלייך איבערגענומען און צוגעפירט יעדן באַזונדער צו אַ געוויסן פּלאַץ אויף דער פאָליאַנע. דאָרט האָט מען זיי געשאָסן אין פאַטילניצע. די שיסעריי האָט געדויערט עטלעכע שעה. אַזוי האָט זיך אָנגעקליבן אַ גרויסע צאָל דערשאָסענע, צווישן וועלכע ער איז געלעגן מיט זיין יינגל. ליגנדיק, האָט ער געפילט, אַז ער איז נאָר פאַרוווּנדעט. ווען עס איז געוואָרן גוט פינצטער, האָט ער פאַרזיכטיק זיך אַרויסגעשאַרט פון אונטער די טויטע קערפּערס. נאָך דער שיסעריי, זיינען די דייטשן אַוועק נאָך בענזין, כדי אונטערצוציגדן דעם גאַנצן פּלאַץ, עס זאָל ניט בלייבן קיין שליאַד.

אויסניצנדיק דעם מאָמענט, איז ער, קריכנדיק אויפן בויך, אַוועק פון דאָרט און זיך אַריינבאַקומען אין דערבייאיקן וועלדל. מיט די לעצטע כוחות, אָפּגייענדיק אין בלוט, האָט ער זיך דערווייטערט פונעם אָרט, וואָס איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ים פייער. אַ גאַנצע נאַכט האָט געברענט. פאַרטאָג זיינען די דייטשן ווידער צוגעקומען, אָפּגערוימט די רעשטלעך, באַגראָבן און פאַרשאָטן מיט ריין זאַמד דעם גאַנצן פּלאַץ.

שימאַנאָוויטש האָט זיך עטלעכע טעג אויסבאַהאַלטן ביי עסטן. ווען אין עטלעכע טעג אַרום זיינען געקומען די רויטאַרמייער, האָט מען אים אַריינ־גענומען אין אַ קריגס־שפּיטאָל, געמאַכט אַן אָפּעראַציע און נאָך צוויי וואָכן איז ער אָנגעקומען צו אונדז באַפרייטע אין קלאָאַגאַ, ווו ער האָט גענוי איבערגעגעבן וועגן פאַרלויף פון די געשעענישן. זיין דערציילונג איז גלייך אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ סאָוויעטישער רויטאַרמייאישער צייטונג — „זאַ־שטשיטניק ראָדיני" — אונטערן קעפּל: „אַ שוידערלעכע נאַכט".

ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס קאַליע ווערן פון אויטאָ אין וועג, האָט געראַטעוועט דאָס לעבן פון 74 מאַן. מיר האָבן „פאַרשפּעטיקט" צו דער עקזעקוציע און קיין איבערשעהען האָבן די דייטשן ניט געוואָלט אַרבעטן. האָבן זיי דען שפּעט

אין דער נאַכט געדאַרפט אַרבעטן? זיינען זיי מיט אונדז נישט זיכער געווען?...

ווי שימאַנאָוויטש האָט איבערגעגעבן, האָבן זיך אַ לאַנגע צייט געטראָגן פון פאַרניכטונגס־פּלאַץ האַרצרייסנדיקע קולות פון האַלב־לעבעדיקע מענטשן, פון לעבעדיק־ברענענדיקע פאַקלען. אין דעם אָוונט זיינען אומגעקומען: דער קאָמפּאָזיטאָר דורמאַשקין, הערמאַן קרוק, מוליע זאַבלודאָווסקי, דער שרייבער ראָזענטאַל, ד״ר כאַלעס, ד״ר קאַרנאָווסקי, קאָמיסאַראָוו נאַאום, ליפשיץ מיטן זון און פיל אַנדערע.

די זעלבע רוצחים־באַנדע, וואָס האָט ליקווידירט דעם לאַגער אין לאַגעדי, איז אויף מאָרגן פרי אַוועקגעפאָרן קיין קלאָאַגאַ, כדי דאָרט אָפּצורוימען יענעם לאַגער. אונדז האָבן זיי איינגעלאַדן צוריק אין קלאָאַגאַ.

## אין רעוועלער טורמע

מיר, די 34 מענער, זיינען אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ גרויסער קאַמער. דאָרט האָבן מיר זיך אויסגעלייגט אויף דער ערד און כמעט אָן אַרויסצורעדן אַ וואָרט, זיינען מיר אַלע איינגעשלאָפן. קיינער האָט קיין אַנונג ניט געהאַט, פון וואָס פאַר אַ סכנה מיר האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט. פאַרטאָג האָט מען אונדז אויפגעוועקט מיט קולות, מיט געוואַלטן: „שנעלער, שנעלער!״ עטלעכע דייטשן האָבן אונדז מיט קלעפּ און זידלערייען גענומען יאָגן צו צוויי אויטאָס. די 34 מענער זיינען אַריין אין איין אויטאָ און די 40 פרויען — אין אַ צווייטן. מיר זיינען לאַנג געפאָרן און זיך אָריענטירט, אַז מען פירט אונדז ניט צום רעוועלער פאָרט. אַן אומרואיקייט האָט אונדז באַהערשט. מ׳האָט דורך די ברעזענט־שפּאַלטן געזוכט אַ שליאַד פון וועג — וווהין פאָרט מען. נאָכן אָפּפאָרן אַ היפּשע צייט, האָבן זיך חברה אָריענטירט, אַז מיר פאָרן צוריק קיין קלאָאַגאַ. אַזוי איז עס טאַקע געווען. נאָך שעהען פון אַרומפאָרן זיינען מיר געבליבן שטיין פאַרן לאַגער־טויער קלאָאַגאַ. לאַנג זיינען מיר בײַם טויער אַזוי געשטאַנען. די געסטאַפּאָוצעס, זעט אויס, האָבן געהאַט אַ יישוב־הדעת, צי זאָל מען אונדז גלייך אַוועקפירן צום נייעם עקזעקוציע־פּלאַץ, אָדער אונדז אַריינפירן אין לאַגער צו די איבעריקע און דערמיט זיי באַרואיקן. מיר זיינען ענדלעך אַריינגעפירט געוואָרן צוריק אין הויף פון פרויען־בלאָק.

# צוריק אין קלאָגאַ

נאָך אַן אַפּוּעזנהייט פון אַ קאַרגן חודש זיינען מיר צוריק געבראַכט געוואָרן אין קלאָגאַ. ביים אַריינגאַנג אין טויער פון פרויען־בלאָק, האָב איך געכאַפּט קלעפּ — עס האָט זיך ביי מיר צעשאָטן דער קאָץ מיט עטלעכע לעבלעך ברויט, וואָס איך האָב געפירט פון לאַגעדי. אויפן הויף האָבן מיר דערזען דאָס פאָלגנדיקע בילד: גלייך ביים אַריינגאַנג זיינען געזעסן צוויי קאָלומנעס מענטשן אויף דער ערד. קיינער פון זיי האָט זיך ניט געטאָרט אויפשטעלן; ביים קלענסטן פרווו זיך אונטערצוהויבן, האָט מען באַקומען קלעפּ פון אַ דייטש. אַ ביסל ווייטער זיינען געשטאַנען צו הונדערט מאַן, אין קאָלומנעס, מענער און פרויען. מ׳האָט אונדז פאַרשאָטן מיט פאַרשיידענע פראַגן. אַלע האָבן זיך דערפרייט מיט אונדז, און זיך באַרואיקט, טראַכטנדיק, אַז די פון לאַגעדי לעבן, איז מסתמא קיין געפאַר נישטאָ. מיר, די ניי־אָנגעקומענע, זיינען אַוועק טיפער אין הויף, צו די לעצטע קאָלאָנעס. נאָכן קומען צו זיך אַביסל, האָבן מיר זיך דערוווּסט אָט וואָס:

פאַרטאָג, ווען דער גאַנצער לאַגער איז אַרויס, ווי געוויינלעך, צום אַפּעל, זיינען געקומען דייטשן און אַרויסגענומען 300 מאַן — די יינגסטע און געזונטסטע און געזאָגט, אַז מ׳פירט זיי אין דערבייאיקן וואַלד צו דער אַרבעט, ביז מיטאָג. אין לאַגער זיינען געבליבן דריי דייטשן אויפן הויף. אַרום לאַגער זיינען געווען אויסגעשטעלט עסטישע וואַכלייט, זייער געדיכט, מיט אויטאָמאַטיש געווער אין די הענט. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיר אַלע געזען, ווי די אַרבעטער טראָגן אויף זיך גרויסע קלעצער פון וואַלד צו אַ געוויס אָרט.

מיר זיינען די גאַנצע צייט געשטאַנען אויפן הויף און צוגעקוקט זיך צו זייער אַרבעט. די קיך האָט געקאָכט מיטאָג און טאַקע אַ גוטע, געדיכטע זופּ. אין אַ געוויסן מאָמענט, האָט דער לאַגער־פירער געהייסן, אַז אין דער קיך זאָל מען אָנגיסן עמערס עסן פאַר יענע אַרבעטער. וועגן אַלץ אין דער וועלט האָבן מיר גערעדט צווישן זיך, נאָר ניט וועגן טויט. פון מיינע עטלעכע לעבלעך ברויט, האָב איך צעטיילט אַביסל צווישן מיינע פריינט פון קאָוונע, די פרויען: פּראָוויזאָר סעגאַל און פרוי פון אינזש. אקס. איך האָב אויך געגעבן ברויט דעם יינגל פון שניידער קאַטשערגינסקי. דער טאַטע איז אַוועק מיט די 300.

מיר האָבן געגעסן אַ סך און צו דער זעט. עטלעכע מאָל האָט דער לאַגער־פירער געזאָגט: „באַלד קומען יענע פון דער אַרבעט". ס׳איז אַוועק מיטאָג־צייט, דער זייגער איז שוין איינס — די אַרבעטער קומען ניט צוריק. מיר זיינען געוואָרן אומרואיק. וואָס קען דאָס באַדייטן? אונדזער אומרואיקייט

איז געשטיגן פון מינוט צו מינוט... אַ שווער געמיט האָט אונדז אַלעמען אַרומגענומען. דאָך האָט מען זיך ניט פאַרגעשטעלט דאָס וואָס האָט שוין פּאַסירט.

פלוצלינג, אַזייגער האַלב צוויי, האָבן מיר דערהערט אַ געדיכטע שיסעריי פון אויטאָמאַטן. מיר זיינען געבליבן פאַרשטומט און פאַרגליווערט. דאָס האַרץ האָט זיך אָפּגעריסן. אין טויט־שרעק האָבן מיר זיך איבערגעקוקט. מ׳האָט געציטערט צו טראַכטן, אָנצורופן די זאַך ביים נאָמען...

די שיסעריי האָט אָנגעהאַלטן אַ היפּשע ווײַלע, מיט קליינע הפסקות. איך האָב צוגעדריקט מיין זון צו זיך. געגומען טוליען צו זיך. ווי ביים דורכפאָרן פּאָגאַר...

דערנאָך זיינען צום לאַגער צוגעקומען אַ פּאָר דייטשן און אַרויסגעפירט אַ מאַן 25 פון די, וואָס זיינען געזעסן אויף דער ערד און באַלד נאָכדעם האָבן מיר ווידער דערהערט אַ געדיכטע שיסעריי פון אויטאָמאַטן.

ס׳איז קלאָר געוואָרן וואָס דאָ קומט פאָר. קיין שום ספק איז ניט געווען — מ׳שיסט אויס די מענטשן פון לאַגער. וואָס טוט מען? לויפן? דער לאַגער איז דאָך אַרומגעצוימט מיט שטעכיקע דראָטן און אַרום שטייען געדיכטע פּאַטראָלן מיט פּולעמיאָטן. וויאַזוי ראַטעוועט מען זיך!... דער קאָפּ אַרבעט שנעל, מען זוכט אַ רעטונג. דווקא איצט, ווען אַלץ גייט צו ענדע, זאָלן מיר אומקומען!?

אין לאַגער זיינען אַריין צוויי דייטשן מיט אַ מאָטאָציקל און באַלד דערנאָך אַוועק מיט 5 געזונטע יונגעלייט. נאָך אַ האַלבער שעה זיינען זיי צוריקגעקומען. מיט פאַרזיכטיקייט זענען מיר דערגאַנגען, אַז זיי האָבן צום וועלדל אַוועקגעפירט צוויי פעסער בענזין... ס׳איז שוין קיין שום ספק ניט געווען וועגן דעם, וואָס דאָ קומט פאָר.

די דייטשן זיינען ווידער געקומען און פון פּלאַץ צוגענומען נייע פּאַרטיעס מענטשן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן מיר געפרווט אַריינרייסן זיך אין בלאָק. די דייטשן האָבן אָבער גענומען שלאָגן מיט נאַגייקעס און אַלעמען פון בלאָק פאַרטריבן. מיר זיינען ווידער געבליבן אויפן פרייען פּלאַץ.

לאַנגע שעהען האָט געדויערט די קאַניבאַלישע פּראָצעדור — די דייטשן זיינען יעדע 15 מינוט געקומען נעמען 25—50 מענטשן און באַלד האָבן מיר דערהערט אַ געדיכטע שיסעריי און איינצלנע שאָסן אַן אַ סוף.

ס׳איז שוין געוואָרן פאַרנאַכט. דער פּלאַץ איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ ליידיקער. אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן מיר, אַ סך מענטשן, זיך ווידער אַריינגעריסן אין דערבייאיקן בלאָק. אַ טייל זיינען אַריינגעלאָפן אין פאַרטער און דאָרט זיך פאַרשטעקט אונטער די בעטלעך. אַנדערע זיינען אַרויפגעלאָפן אויבן און זיך פאַרשטעקט אין אויבערשטן זאַל און אויפן בוידעם. ווען איך

בין מיטן קינד געלאָפן אויף די טרעפּ, האָט מיך פאַרהאַלטן דער אַלטער ד״ר זאַלקינדסאָן, זאָגנדיק אין רוסיש: „וווהין לויפט איר, באַלבערישסקי? צי דען ווייסט איר ניט, אַז דאָס שיסט מען ‏— ווער וועט העלפן דאָס באַהאַלטן זיך?...״

איך בין מיטן קינד אַריינגעלאָפן אין גרויסן זאַל, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט מיט בעטלעך. מיר האָבן זיך פאַרוקט אונטער אַ בעטל נעבן אַ פענצטער, און אין אַ דערנעבנדיקער פראָמוגע זיך אַריינגערוקט מיטן קינד, דערנאָך צוגערוקט דאָס בעטל וואָס נענטער צו זיך. מיר האָבן זיך אַריינגעפּרעסט, אַריינגעדרייט ווי ווערעם, מ׳זאָל אונדז ניט זען און ניט הערן... הלוואי וואָלטן מיר געקענט, פונקט ווי ווערעם, אַרונטערקריכן אונטער עפּעס אַ שטיין, אַ בוים, אין אַ שפּאַלט זיך אַריינשפּאַרן... אַזוי זיינען מיר געלעגן צוזאַמענגעפּרעסט, טויט־שטיל, צוהערנדיק זיך צו יעדן שאָרך...

אַלע ווײַלע האָבן מיר געהערט קולות פון די דייטשן. מ׳האָט שוין, ווייזט אויס, אַרויסגעפירט די לעצטע פּאַרטיעס, ווייל דער לאַגער־פירער האָט אַרויסגערופן אַלע קראַנקע, די דאָקטוירים, די שוועסטערס פון שפּיטאָל. די קראַנקע האָט מען אַריינגעוואָרפן אין אַן אויטאָ. דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל האָט זיך אויסגעשטעלט, אַ טייל אין ווייסע כאַלאַטן...

דאָ האָבן מיר דערהערט געשרייען פון אַ דייטש: „ווו זיינען נאָך מענער, וואָ זינד זי...״ גרויליקע, טויט־אַנגסטיקע מינוטן... דאָס באַדייט, אַז זיי וועלן גלייך גיין זוכן... מיר זיינען, אויב אַזוי, פאַרלוירן...

מיר ליגן אַזוי אַריינגעדריקט אין זיך, הערן און וואַרטן. וועלן די רוצחים אַריינגיין דאָ אין זאַל!?...

פּלוצלינג איז דער שטאַרק־פינצטערער זאַל, ווו מיר זיינען געלעגן פאַרשטעקט — באַלויכטן געוואָרן מיט אַ ים ליכט. אַ ריזיקער פייער־סלופּ האָט פאַרגאָסן די גאַנצע געגנט. עס האָט געקנאַקט, פונקען און שטיקער פייער זיינען געפלויגן אַרום און אַרום. מיר זיינען דערשיטערט געוואָרן... די שפּיל איז געענדיקט — נאָכן אויסשיסן אַלע, פאַרברענט מען דאָס גאַנצע שטיק וואַלד...

מיר האָבן געוואַרט... יעדעס טיילעכל פון אַ סעקונדע האָט זיך געצויגן, אומענדלעך געצויגן... פון הויף דערגייען צו אונדז קולות: „שנעלער, שנעלער״... ווי די קולות וואָלטן געווען געווענדט גלייך צו אונדז. אָט, אַ ליאַדע סעקונדע און זיי וועלן צו אונדז אַריינפאַלן... זיי מוזן דאָך קומען!...

מינוטן, סעקונדעס פון פאַרשטיקטן אָטעם — וואָס באַדייט דאָס!? פּלוצים אַזוי שטיל, אַזוי רואיק... ליכט, נאָר ליכט, פונקען זיינען געפלויגן איבער אַ ריזיקן שטח. די דאָזיקע ליכטיקייט איז גרויזאַמער, ווי די פינצטערניש. ניט קיין סתם פייער איז דאָס, דאָס ברענען יונגע אומשולדיקע קינדער, עס ברענען פרויען, מענער — לעבעדיקע אומשולדיקע מענטשן. דאָס זיינען די פונקען פון זייערע

פלאָקערדיקע גופים. אַזאַ ליכטיקייט אויפֿן האָריזאָנט... די גרעסטע און שוואַרצסטע פינצטערניש אין דער וועלט... מיר פֿאַרשעלטן די ליכטיקייט. וואָס קאָן אויך אונדז ברענגען צו דער אונטערגאַנגס־בראַנד!...

אין די אַנגסט־מאָמענטן לויפֿן פֿאַרביי געדאַנקען: שטוב, פֿרוי, טאָכטער, מאַמע, שוועסטער, ברידער — ווו זייט איר אַלע? ראַטעוועט!

ווען דער אַרום איז באַהערשט געוואָרן דורך אַ טויט־שטילקייט, האָבן מיר זיך אַזוי פֿאָרגעשטעלט דעם פֿאַרלויף פֿון די געשעענישן: די דייטשן, די רוצחים מיט אַ סיסטעם, אַרבעטן מיטן זייגער אין האַנט. היינט האָבן זיי פֿאַרענדיקט. מאָרגן וועלן זיי אויסענדיקן דאָס, וואָס זיי האָבן נישט באַוויזן היינט צו טאָן. וועלן מיר אפשר האָבן אַ רואיקע נאַכט. מוז מען אויסנוצן די צייט און געפֿינען אַ גוטע מעלינע, ווייל אונדזערע — איז קיין באַהעלטעניש ניט. מיט די געדאַנקען זיינען מיר אַנטשלאָפֿן געוואָרן...

אויפֿגעכאַפּט האָב איך זיך, ווען ס'איז נאָך געווען גוט פֿינצטער. כ'האָב גלייך גענומען זוכן אַ מעלינע, ווו זיך צו פֿאַרשטעקן. פֿון דער נעכטיקער שחיטה האָבן מיר זיך געראַטעוועט, אָבער וואָס ווייטער!? ווו קען מען זיך פֿאַר זיי אויסבאַהאַלטן!?...

פּלוצלינג דערהער איך פֿון הינטער דער וואַנט — שטימען. איך הער זיך גוט צו: יאָ, מען רעדט יידיש. מיר דערקענען אייניקע שטימען, צווישן זיי, די שטימע פֿון הענעכקע שאַפּיראָ.

קלאָר, אַז דאָ איז פֿאַראַן אַ מעלינע. אָבער ווי גייט מען אַהין אַריין? וועלן זיי אונדז אַריינלאָזן? איך באַשליס שנעל. איך הייב אָן רייסן אַ ברעט פֿון דער וואַנט. ס'איז געוואָרן שטיל. מ'האָט זיך דערשראָקן און אָפּגעשטעלט די רייד. איך קלאַפּ אָן אין וואַנט און זאָג: „חברים, איך בין דאָ מיטן זון. עס טויג ניט, אַז מיר זאָלן דעמאַסקירן די וואַנט. נעמט אונדז אַריין אינעווייניק". — הענעכקע שאַפּיראָ האָט מיר גלייך געענטפֿערט: „קומט אַריין צו אונדז און טשעפּעט ניט די וואַנט". — „יאָ", זאָג איך, „ס'איז דאָך אָבער נאַכט, פֿינצטער, מיר ווייסן ניט ווו צו גיין. זאָל עמעצער אַרויסגיין און אונדז אַריינגעמען" — „גוט" — האָט מען געענטפֿערט. אין אַ ווײַלע אַרום איז אַרויסגעקראָכן אַ יונגערמאַן, וואָס האָט אונדז אַריינגענומען אין אַ מעלינע — דער בוידעם. אויף די בייכער האָבן מיר זיך אַריינגעשאַרט און פֿרייער אָפּגעאָטעמט. גאָט צו דאַנקען, אַבי מיר זיינען מיט נאָך יידן און טאַקע אין אַ מעלינע. אפשר וועט געלינגען אויך היינט זיך צו ראַטעווען.

די מעלינע איז געווען אונטערן דאַך, לענגאויס דער אויסערלעכער וואַנט פֿון דער בלאָק־געביידע. יידן האָבן דאָ, זעט אויס, געמאַכט אַן אָפּצוימונג אויפֿן בוידעם, כדי אין אַ געהעריקן מאָמענט זיך קענען באַהאַלטן. שטיין האָט מען

ניט געקענט, נאָר זיצן, אָדער ליגן. אין דער פינצטערניש האָבן מיר קיינעם ניט געזען, נאָר דערקענט אייניקע לויט די שטימען. געפילט האָבן מיר, אַז דאָ זײַנען פֿאַראַן אַ סך מענטשן. אויב העגעבקע שאַפּיראָ איז דאָ, קען מען זײַן רואיק, די מעלינע וועט אודאי אויסהאַלטן.

וואָס נענטער ס'איז געגאַנגען צו טאָג, אַלץ אומרואיקער זײַנען מיר געוואָרן. יעדער איז געלעגן פֿאַרזונקען אין זײַנע געדאַנקען, און מיט האַרץ־קלאַפּעניש דערוואַרט דעם אָנקומענדיקן טאָג. אוי, זאָל ער גאָרניט קומען, דער טאָג... קיין גוטס האָט מען פֿון אים ניט געהאַט צו דערוואַרטן... דער טאָג איז אָבער געקומען. ס'איז אַוועק אַ שעה, צוויי און מער... ס'איז שטיל ווי אויף אַ בית־עולם... די שוידערלעכסטע זאַך איז די שטילקייט...

ווען ס'איז געוואָרן טאָג און מיר האָבן קיין דייטשן ניט געזען, זײַנען ווידער באַפֿאַלן מחשבות — וואָס באַדייט דאָס?... אַ פּאָר יונגע חברה האָבן זיך פֿאָרזיכטיק צוגעשאַרט צום קליינינקן בוידעם־פֿענצטערל און אַרויסגעקוקט אויפֿן בלאָק־הויף. זיי האָבן דערלאַנגט די ערשטע ידיעה: קיין דייטשן זעט מען ניט, נאָר עסטן מיט ביקסן.

די דאָזיקע ידיעה האָט אונדז דעזאָריענטירט. ווו זײַנען די דייטשן? זײַנען זיי שוין אינגאַנצן ניטאָ!? קיינער האָט אַזאַ זאַך אַפֿילו פֿאַרן מויל ניט געוואָלט ברענגען! וואָסזשע טוען דאָ די עסטישע וואַכמענער?

*

בעת מיר זײַנען נעכטן געשטאַנען אין טויט־שרעק אויפֿן פּלאַץ, האָב איך באַמערקט, ווי טרינאָפּאָלסקי מיט אַ חבר עסן ברויט מיט עכטן האָניק פֿון אַ פֿולער מענאַשקע אַרויס. איך האָב בײַ זיי געבעטן אַ ביסעלע פֿאַר מײַן ייִנגל, זיי האָבן מיר אָפּגעזאָגט. ס'האָט מיר באמת וויי געטאָן. אין אַזאַ מאָמענט... ווען ס'איז שוין כמעט גאָר נישטאָ וואָס צו פֿאַרלירן...

ביים ערשטן פּרווו אַרײַנצורײַסן זיך אין בלאָק צוזאַמען מיט אונדז — וואָס איז אונדז, אגב, נישט געלונגען — האָט טרינאָפּאָלסקי אַוועקגעשליידערט די מענאַשקע מיטן האָניק. צוריקגייענדיק צום פּלאַץ האָב איך זי אויפֿגעהויבן.

ביים אַרײַנקלײַבן זיך מיט שוועריקייט אין דער מעלינע אַרײַן, האָב איך געמוזט פֿון זיך אַראָפּוואַרפֿן אַ פּלעצאַק מיט צוויי לעבלעך ברויט, כדי אָפּצוראַטעווען דעם האָניק מיט איין לעבל ברויט. ווען ביזן האַלבן טאָג האָבן זיך מער ניט געוויזן קיין דייטשן, האָבן מיר דערפֿילט הונגער און זיך פּשוט מחיה געווען מיט דעם קראַפֿט־ברענגענדיקן האָניק. אונטער וועלכן מ'האָט אויך אַנטדעקט אַ שיכט מיט גוטער פּוטער. נאָר טרינאָפּאָלסקי, דער רײַכסטער הענדלער אין לאַגער, האָט זיך געקענט דערלויבן אַזאַ לוקסוס.

*

מיט געמישטע געפילן פון פרייד און האָפענונג פון איין זייט און שרעק פאַר אַנטוישונג פון דער אַנדערער זייט — זיינען מיר אַזוי אָפּגעלעגן אויפן בוידעם דעם ערשטן טאָג.

ביינאַכט זיינען עטלעכע יונגעלייט אַראָפּ פון בוידעם אויפן פלאַץ און האָבן פאַרזיכטיק אַנגעקליבן היפשע רוקזעקלעך מיט איבערגעלאָזענע ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן און אַרויפגענומען אין מעלינע.

דער צווייטער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן זייער אומרואיק. פון הויף איז דערגאַנגען אַ שטאַרקער טומל. מיר זיינען ווידער געבליבן פאַרגליווערט. אונדזערע אָבסערוואַטאָרן פון די בוידעם־פענצטערלעך האָבן אונדז צוויסן געגעבן, אַז די רוסן פון די דערבייאיקע לאַגערן פאַר אינטערנירטע (אַרויסגע־שיקטע פון לענינגראַדער ראַיאָן) ראַבירן די דייטשישע סקלאַדעס. זיי זיינען אָנגעקומען אויפן הויף מיט פורלעך און גענומען אַרויספירן די פּראָדוקטן. געענדיקט מיט די סקלאַדעס, האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף אונדזער לאַגער־פאַרמעגן. זיי האָבן צוגענומען קישנס, קאָלדרעס, וועש, קליידער, קיך־באַלעבאַטישקייט א. א.

די ידיעה האָט אונדז דערפרייט. דאָס הייסט דאָך, אַז די דייטשן זיינען שוין ניטאָ! גאָט צו דאַנקען, זיינען מיר דאָך, אויף אַן אמת, געראַטעוועט!

פונדעסטוועגן זיינען מיר ווייטער געבליבן ליגן אויף אונדזערע ערטער, באַשליסנדיק ניט צו רירן זיך אַזוי לאַנג, ווי עס וועט ניט זיין קיין פעסטע, זיכערע אויפקלערונג פון דער סיטואַציע.

די דריטע נאַכט איז שוין אַרויס אַ גאַנצע בריגאַדע מענטשן. זיי האָבן זיך אַריינגעקראָגן אין דער דייטשישער קיך און פון דאָרטן געבראַכט אַ מאַסע ערשטקלאַסיקע פּראָדוקטן.

אין דריטן טאָג האָט מען אַלעמען צוגעטיילט צו ביסלעך פּראָדוקטן, אַלע זיינען געווען זאַט און באַזאָרגט מיט עסנוואַרג. די טיילער אַליין האָבן געהאַט אַ גוטן שנאַפּס און פאַרהאַלטן פאַר זיך גאַנצע קאָסטנס מיט שפּייז...

די פערטע נאַכט האָט מען אָנגעשלעפּט נאָך מער פּראָדוקטן און קאָסטנס מיט מינעראַל־וואַסער. אויפן פערטן טאָג איז מען שוין געווען באַזאָרגט מיט עסנס איבערגענוג.

אין דעם טאָג האָבן מיר דערזען אַריבערפליען איבערן לאַגער אַ סאָוויעטישן עראָפּלאַן. לכתחילה האָבן חברה געוואָלט אים געבן צייכנס, מ'האָט זיך אָבער אָפּגעהאַלטן. אין עטלעכע טעג אַרום, ווען מיר זיינען שוין געווען אויף דער פריי, האָט אונדז באַזוכט אַ סאָוויעטישער פליער און דערציילט, אַז ער איז געפלויגן איבערן לאַגער און געזען, אַז עס זיינען דאָרט פאַראַן מענטשן. ער האָט

שוין געהאַט גרייט אַראָפּצולאָזן אַ באָמבע אויף אונדז, אָבער אין לעצטן מאָמענט האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן, אַ טראַכט טוענדיק, אפשר זיינען דאָס לאַגערניקעס.

דער באַזוך פון סאָוויעטישן פליער איבערן לאַגער האָט אונדז געוואַלטיק דערמוטיקט, און מיר האָבן אַליין ניט געוווּסט, אין וואָס פאַר אַ גייער סכנה מיר זיינען געווען. צו דער זעלבער צייט האָבן מיר שוין געהאַט ריכטיקע ידיעות, אַז אין פאַרטער ליגן אַ סך געשאָסענע מענטשן. אַלע די, וואָס זיינען פון פלאַץ אַריינגעלאָפן אין בנין און זיך באַהאַלטן אין אונטערשטן זאַל, זיינען דורך די דייטשן אויסגעשאָסן געוואָרן.

פון דעם זאַל האָט זיך געראַטעוועט איין ד"ר סעווערין זיידלער, וועלכן די קוילן פון מאַשין־געווער האָבן ניט געטראָפן און איז ביינאַכט אַנטלאָפן דורכן פענצטער. אין עטלעכע טעג אַרום איז ער צו אונדז געקומען און דערציילט געגנוי, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען:

אַרויפגייען צו אונדז, אויפן ערשטן שטאָק, האָבן זיי שוין ניט באַוויזן. דער אויטאָ איז געשטאַנען און געדופן: „שנעלער, שנעלער, שנעלער" — דאָס זיינען געווען די קולות — „שנעלער", וועלכע מיר האָבן אויפגענומען, ליגנדיק שוין אין די ערשטע מינוטן באַהאַלטן. 5 אָדער 10 מינוט האָבן דעציידירט וועגן לעבן פון העכער 80 מאַן!

*

ערשט, דעם 25סטן סעפּטעמבער, אַ זייגער 10 אינדערפרי, זיינען אין לאַגער אַריינגעקומען די ערשטע 5 רוסישע אָפיצירן, מיט דער גרעסטער פאַרזיכטיקייט, האָבן מיר גענומען אַרויסקריכן פון אונדזערע באַרעס, כדי זיך צו איבערצייגן אין אונדזער גליק — אַז מיר זיינען טאַקע געראַטעוועט, אַז מיר האָבן דערלעבט די באַפרייאונג, אַז די דייטשע הענקערס זיינען שוין מער ניטאָ! אַז מיט אונדז זיינען אמתע רויטאַרמייער.

## חורבן קלאָאַגאַ

ווען די ערשטע 5 רויטאַרמייער זיינען אַריין אין לאַגער און מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז מיר זיינען ווירקלעך פריי, זיינען מיר אַלע אַוועק צום עקזעקוציע־פּלאַץ.

עטלעכע מינוט גאַנג פון לאַגער צו דעם אָרט, וווּ ס'איז געווען אַ גרויסער הילצערנער באַראַק — דאָס ווּין־אָרט פון עסטן אָדער דייטשן. רעשטלעך פון פונדאַמענט און דער קוימען זיינען געבליבן פון באַראַק. איבער דער גאַנצער

לענג איז פול געווען מיט שטיקער פאַרסמאַלעטע מענטשלעכע קערפּערס. שטיקער קערפּער־טיילן האָבן נאָך געטליעט. וועגן דער שחיטה אין דעם באַראַק האָבן מיר באַלד, אויפן פּלאַץ, אויסגעהערט דריי לעבנגעבליבענע עדות:

דער ערשטער, איציק אָוסייעוויטש, 35 יאָר אַלט, אַ שניידער פון אָשמענע. ער האָט געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן אין ניי־ווילייקע און פון דאָרט צוגענומען געוואָרן. ער דערציילט: ווען מ'האָט אים, צוזאַמען מיט אַנדערע, צוגעפירט פון לאַגער צום באַראַק, זיינען זיי אַריינגעפירט געוואָרן איינציקווייז און געצווונגען געוואָרן זיך צו לייגן אויף טויטע קערפּערס. אין אַ צימערל אויף דער ערד. אַ דייטש האָט אויף אים געשאָסן און איז אַוועק. ער האָט געפילט, אַז ער איז אַפילו ניט פאַרווונדעט. ער איז אָבער געבליבן ליגן ביז מ'איז שוין אין דעם צימערל מער ניט אַריין. ער האָט זיך פאַרזיכטיק גענומען אַרויסשאַרן פון אונטער די טויטע און האַלב־טויטע קערפּערס. ווען אַ ביסל שפּעטער האָבן די דייטשן גענומען אַריינגיסן בענזין, איז ער שנעל אַרויסגעשפּרונגען דורכן אָפענעם פענצטער און אָנגעהויבן לויפן צום דערבייאיקן וואַלד. ער איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ בוים, און איז אויף אים אָפּגעזעסן די גאַנצע נאַכט. ער האָט געזען דאָס שוידערלעכע פייער, ער האָט געהערט די האַרצרייסנדיקע געשרייען פון די ברענענדיקע, האַלב־לעבעדיקע מענטשן. דריי טעג און נעכט האָט ער זיך אַרומגעוואַלגערט אין די וועלדער. אַ דערשעפּטער פון די כוחות איז ער אַריין צו אַן עסטאָנער אין שטוב. דאָרט האָט ער זיך דערוווּסט וועגן דער באַפרייאונג און איז געקומען צו אונדז אין לאַגער.

דער צווייטער אַרויסגעראַטעוועטער פונעם באַראַק,אברהם וואפניק, זיין פאָטער איז געווען בריגאַדיר אין קלאָאָגאַ און איז אויך אומגעקומען. ער דערציילט דאָס זעלבע, וואָס דער ערשטער, נאָר ער האָט באַקומען צוויי ווונדן. איין קויל שטעקט נאָך ביי אים איצט אין האַלדז.

דער דריטער פאַל פון אַנטלויפן פונעם באַראַק איז גאָר אַן אויסטערלישער: געראַטעוועט האָט זיך די פרוי געניאַ אַלקעניצקאַ. ווען זי איז געפירט געוואָרן דורך אַ דייטש צום באַראַק, האָט זי איבערגענומען אַ צווייטער דייטש — אַן עלטערער, האָט זי אַריינגעפירט אין אַ צימער, געהייסן זיך לייגן צווישן די דערשאָסענע און אָנגעזאָגט צו ליגן רואיק, ביז ער וועט איר זאָגן וואָס ווייטער צו טאָן. שפּעטער, ווען מ'האָט געעפנט די פענצטער אויף אַריינצוגיסן בענזין, איז ער אַריין אין צימער און זי אַ שטויס געטאָן צום פענצטער, זאָגנדיק דערביי: „לויף שנעלער, ראַטעווע זיך, דו ביסט נאָך אַזוי יונג"... זי איז געשפּרונגען דורכן פענצטער, אַריינגעלאָפן אין וואַלד, עטלעכע טעג זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן, און געקומען צוריק צו אונדז אין לאַגער.

אַרויס פון דעם טויטן־באַראַק, זיינען מיר צוגעגאַנגען צו אַ פּאַלאַבע, וווּ מיר

האָבן דערזען אַן אומבאַשרייבלעך בילד. אויף אַ שטיק אויסגעהאַקטן וואַלד זיינען געווען אויפגעשטעלט דריי גרויסע שייטערהויפנס. יעדער איז באַשטאַנען פון אַ ריי אויסגעלייגטע גרויסע, זיבן־מעטערדיקע קלעצער. זיי זיינען געלעגן אָפּגערוקט אַ מעטער איינער פונעם אַנדערן. דער שייטערהויפן האָט געהאַט די גרויס פון 42 קוואַדראַט־מעטער (7/6). אינמיטן איז געמאַכט געוואָרן אַ הויכער קוימען פון האָלץ, כדי ביים ברענען זאָל זיין אַ גוטער לופט־דורכגאַנג. די דריי הונדערט אַרבעטער, וועלכע די דייטשן האָבן אַרויסגעפירט פאַרטאָג צו „דער אַרבעט" — האָבן אָנגעטראָגן די גרויסע קלעצער און זיי אויסגעלייגט אויף דער פּלאַנע. זוען די דריי פונדאַמענטן זיינען פאַרטיק געוואָרן, האָבן זיי אַ געווויסע צאָל מענטשן אומגעברענגט אין ערשטן טויטן־באַראַק, און דערנאָך געברענגט צו 25 לעבעדיקע פערזאָן צו די שייטערהויפנס. זיי האָבן די מענטשן געצוווּנגען זיך אויסצולייגן אויף די קלעצער מיט די פּנימער צו די ברעגעס, און האָבן יעדערן אַריינגעשאָסן אַ קויל אין פּאַטילניצע. ווען די קלעצער זיינען געווען פאַרלייגט מיט טויטע און האַלב־טויטע קערפּערס, זיינען אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן נייע קלעצער און אויף זיי, נייע מענטשן. פיר אַזעלכע רייען זיינען געמאַכט געוואָרן. צוויי שייטערהויפנס זיינען אויסגעוואַקסן אין הויכע געביידעס, אויסגעפּילטע מיט הונדערטער מענטשלעכע קערפּערס. דער דריטער שייטערהויפן איז געבליבן ניט־גערירט. ער איז געווען גרייט פאַר אונדז, פאַר די אַנטלאָפענע.

ווען אַלץ איז געווען פאַרענדיקט, האָבן זיי באַגאָסן די צוויי געביידעס מיט די מענטשלעכע קערפּערס מיט בענזין און אונטערגעצונדן. ווייזט אויס, אַז זיי האָבן געהאַט ווייניק בענזין, ווייל איצט, אין זעקסטן טאָג נאָך דער טראַגעדיע, האָבן נאָך די קלעצער מיט די קערפּערס אין אַ סך ערטער געטליעט. די שייטערהויפנס זיינען געווען אויסגעברענט בלויז אינמיטן, ביז דער ערד, אָבער זיי זיינען געבליבן גאַנץ, כמעט ניט גערירט, ביי אַלע פיר ברעגעס. דאָס מאַקאַברישע בילד האָט געמאַכט אַ דערשיטערלעכן איינדרוק. מ'האָט פשוט געקענט משוגע ווערן. אַרום זיינען געלעגן טויטע קערפּערס — איין העלפט פאַרברענט, די צווייטע העלפט — ניט גערירט. די טיילן זיינען געלעגן צונויפּגעפּרעסט צווישן די גרויסע, דיקע קלעצער. מיר האָבן דערקענט זייער פיל פון אונדזערע מענטשן. אויפן פּלאַץ זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן די זאַכן פון די אומגעקומענע. מ'האָט זיי געצוווּנגען אויסצוטאָן די אויבערשטע בגדים. עס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט שפּורן פון מענטשלעכע לעבנס — דאָקומענטן, פאָטאָגראַפיעס א. א. אַרומגייענדיק אַרום פּלאַץ האָבן מיר געטראָפן אַ סך טויטע קערפּערס ווייט פון דעם שחיטה־אָרט. זעט אויס, אַז אַ סך האָבן געפּרוווט זיך ראַטעווען דורך לויפן, דורך שטעלן אַ ווידערשטאַנד, אָבער אַלע זיינען געפאַלן. קיין איין־איינציקער מענטש האָט זיך פון דעם אָרט ניט געראַטעוועט.

## די שייטערהויפנס מיט די הרוגים





די בילדער זיינען געמאַכט געוואָרן דורך די אויספאָרשער פון דער רויטער אַרמיי
גלייך נאָך דער באַפרייאונג פון לאַגער

פון די האַלב־פאַרברענטע האָבן מיר דערקענט פאָלגנדיקע פּערזאָנען:
באסטאמסקי, קאַטשערגינסקי, פּרוזשאַן חנא און זיין ברודער שעפּטל, אינזש. קרעמער (געקומען קיין קלאָאַגאַ פון לאַגער סאקי); די צוויי ברידער זאַגאַרין, מיישעלאָווסקי, שטאטווינער, פרוי ציפּוק (די פרוי פון אַ ווילנער שניידער), פרוי באק, קראַנקן־שוועסטער סומאַליצקאַ, בזשאָזאָווסקאַ, באסטאמסקי (אָרגאַניזאַטאָר פון יידישן ליאַלקע־טעאַטער), גאנעס לעוו (צוויי ברידער), מעכאַניקער ברודנאַ, וואַסערלייטונג־מייסטער געלפּאַרב, סודארסקי, קאָגאַן, ראָזענ־זאַל, וואוערעס באַסיע, קאוואַרסקי פּייזויש, קרעמער, גורוויטש לייב, אַ שלאָסער.

ווען מ׳נעמט אין אַכט, אַז דאָ האָבן זיך געפונען מענטשן, ממש גבורים, העלדן, אַפילו פון דער אונטערוועלט; מענטשן שטאַרקע, וואָס קענען זיך שלאָגן, און אויב זיי זיינען, אַלע ביז איינעם, אומגעקומען, קען מען פאַרשטיין ווי פאַר־פירעריש־ פאַרברעכעריש, ווי ציניש־מערדעריש און קאַלטבלוטיק די דייטשן — די חיות, האָבן צוגעגרייט די־אָ עקזעקוציע.

פאַרשטיינערט און פאַרגליווערט זיינען מיר אַזוי שטיין געבליבן ביי אָט



ביי די פאַרברענטע רעשטלעך פון די בראַנד־קרבנות אין קלאָאַגאַ.
פון רעכטס: דעם מחברס זון טעאָ, דער מחבר מ. באַלבערישסקי און נאָך צוויי געראָטעוועטע

די סויטן־געביידעס. אַפילו די פינף רויטאַרמייער האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן שוין אַ סך וואַנזיניקע רציחות געזען בעת די קריגס־אָפּעראַציעס, נאָר דאָס, וואָס זיי זעען איצט — שטייגט איבער אַלץ.

קומענדיק צוריק אין לאַגער האָבן מיר אין אונטערשטן זאַל אָנגעציילט 63 מתים. זיי זיינען דאָ דערשאָסן געוואָרן אין די לעצטע מינוטן ממש...



דריי געראַטעוועטע אויפן דריטן, ניט־אויסגענוצטן, שייטערהויפן.
פון רעכטס: געניאַ אַלקעניצקאַ, פעסיע זאַרכי, שטייט — טעאָ באַלבערישסקי.

### דער ערשטער פּראָטאָקאָל מיט חתימות פון רויטאַרמייער

שטייענדיק אויפן הויף האָבן מיר, לויטן פאַרלאַנג פון די רויטאַרמייער, אָנגעשריבן פאָלגנדיקן אַקט. איך האָב אים געשריבן מיט אַ בלייפעדער אין רוסיש, און די רויטאַרמייער מיט עטלעכע מענטשן פון אונדזער זייט האָבן אים אונטערגעשריבן. אַ קאָפּיע פון אַקט, ווידער אונטערגעשריבן דורך אַלע איז איבערגעגעבן געוואָרן די רויטאַרמייער. דער ערשטער אַקט איז געבליבן ביי מיר ביז היינט.



Акт
составлен комиссией в составе: ст. лейтенанта [illegible] — председатель [illegible] майор Лейбович, ст. лейтенант [illegible] и члены комиссии представ[illegible] врача [illegible] лагеря военнопленных [illegible] провизора фармации [illegible] тов. [illegible] представителя от лагеря военнопленных [illegible] в районе [illegible] местечк. Клоога, при отходе немецких войск совершено ими преступление следующее:
19-го сентября 1944 года

אַקט וועגן דער פאַרניכטונג פון לאַגער קלאָאָגאַ אין עסטלאַנד.

в 5 часов утра произвели
сортировку находящихся
в лагере людей в числе
которых находились граж-
дане около 700 мужчин около
750 детей в возрасте до 14 лет
около 60. Кроме того к ним
присоединили прибывших
из других лагерей 1500 чело
век. Всех их в течение
всего дня гнали партиями
их в лес и расстреливали
вечером около 9 часов вечер
расстрела продолжалось.
Несмотря на поджоги и жела-
ния скрыть свои следы
зверского преступления
оставили следы

[illegible] немцы. Со всего количества людей удалось спасти, около 100 (сто) человек.

Местечко Клоога (Лагерь) 11 часов 40 минут 25-го октября 1944 года

Председатель Ком. ст. [illegible]

Члены: Майор Лейбович

ст. инспектор [illegible]

Врач Бурсянский

Ревизор [illegible]

Инженер [illegible]

Электротехник [illegible]

דער אינהאַלט פון:

## א ק ט

צונויפגעשטעלט דורך אַ קאָמיסיע אין צוזאַמענשטעל פון:

עלטערער לייטענאַנט אַכרעפּאָוו — פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע; מאַיאָר לייבאָוויטש; עלטערער לייטענאַנט פּאָוולענקאָוו; ווי מיטגלידער פון דער קאָמיסיע: דער דאָקטאָר פון געפאַנגען־לאַגער ד"ר בוזשאַנסקי, פּראָוויזאָר מענדל באַלבערישסקי, אינזש. ראַטנער און דאנדעס, עלעקטראָמאָנטער.

אין ראַיאָן מזרחדיק פאַלדישקי אין שטעטל קלאָאָגאַ, ביים אָפּטרעטן פון דייטשישן מיליטער, איז דורך זיי באַגאַנגען געוואָרן פאָלגנדיק פאַרברעכן: דעם 19טן סעפּטעמבער 1944, 5 אַזייגער פאַרטאָג, האָבן זיי דורכגעפירט אַ סעלעקציע פון די מענטשן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין לאַגער, צווישן זיי: ביי 700 פרויען, ביי 750 מענער און ביי 60 קינדער ביז 14 יאָר. אַ חוץ דעם האָבן זיי צו דעם צוגעגעבן 1500 מאַן געבראַכטע פון אַנדערע לאַגערן. זיי אַלעמען האָט מען, אין משך פון גאַנצן טאָג, פאַרטיעסווייז אַרויסגעפירט אין דערבייאיקן וואַלד און דערשאָסן. אין אָוונט, אַזייגער 7, האָבן זיי אונטערגעצונדן דאָס אָרט ווו די צעשיסונגען זיינען פאָרגעקומען, און די קרבנות פאַרברענט.

נים קוקנדיק אויף דער אונטערצינדונג און ווילן צו פאַרווישן די צייכנס פון זייער חיהשן פאַרברעכן, זיינען געבליבן צייכנס, וואָס באַשטעטיקן דאָס פאַרברעכן. פון דער גאַנצער צאָל מענטשן איז געלונגען צו ראַטעווען זיך ביז 100 מאַן.

שטעטל קלאָאָגאַ — לאַגער, 11 אַזייגער מיט 40 מינוט,
דעם 25סטן סעפּטעמבער 1944.

עס קומען אייגנהענטיקע אונטערשריפטן:

פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע —
עלטערער לייטענאַנט אַכרעפּאָוו

מיטגלידער:

מאַיאָר לייבאָוויטש
עלטערער לייטענאַנט פּאָוולענקאָוו
ד"ר בוזשאַנסקי
פּראָוויזאָר באַלבערישסקי
אינזשיניער ראַטנער
עלעקטראָטעכניקער דאנדעס.

פון די 74 מאַן, וואָס זיינען געקומען פון לאַגעדי, זיינען געבליבן ביים לעבן נאָר 11 מאַן. די איבעריקע, וואָס האָבן זיך אין ערשטן טאָג ראש־השנה גע־ראַטעוועט אין לאַגעדי, זיינען אומגעקומען דאָ אין קלאָאָגאַ; צווישן זיי — דער לאַגער־עלטסטער נחמיה מעלצער.

וועגן דער לאַגער־עלטסטע פון פרויען־בלאָק, פרידאַ בייוואל, 38 יאָר אַלט, מאַניקורשיסטין פון ווילנע, האָט מען מיר דערנאָך איבערגעגעבן פּאָלגנדיקע איינצלהייטן וועגן אירע לעצטע מינוטן און איר העלדישער, אומדערשראָקענער האַלטונג: ביים אַרויספירן די לעצטע פרויען פון בלאָק צום דערשיסן, האָט דער לאַגער־פירער אָוועקגעשטעלט פרידען, איר טאָכטער און נאָך 5 פרויען אין דער זייט.

פרידע האָט אַ זאָג געטאָן צו די פרויען: „קינדער, זייט ניט קיין נאַראָנים, גייט, איך קום צו אייך און ניט איר צו מיר". און צום לאַגער־פירער: „איך וועל דאָ ניט בלייבן, איך גיי מיט מיינע פרויען". און זי איז אַוועק, צוזאַמען מיט אירע פרויען און איר קליין טעכטערל.

*

אָפּטרייסלענדיק פון זיך דעם ערשטן קאָשמאַר, האָבן מיר ערשט דערזען דעם שרעקלעכן חורבן אַרום. מיר זיינען פריי, אַז אָך און וויי צו אונדזער פרייהייט!

פון איין זייט — די פאַרברענטע און האַלב־פאַרברענטע קערפּערס פון די קדושים, פון דער צווייטער זייט האָט אָנגעהויבן צו עקבערן דער געדאַנק, ווו איז, און וואָס געשעט מיט דער צעשיידטער פאַמיליע. מ י ר זיינען שוין געראַ־טעוועט, ווי אָבער ראַטעוועט מען ז י י? ווי אַזוי דערגרייט מען צו ז י י? ווי העלפט מען ז י י? דער דאָזיקער געדאַנק האָט געמאַטערט אָן אויפהער. אַזוי לאַנג, ווי מען איז אַליין געווען אין קעסל־גרוב, איז מען געווען אויף גלייכע דעכט... איצט ווען מיר זיינען פריי — האָט עפּעס אַ שולד־געפיל לגבי זיי אָנגעהויבן נאַגן, בפרט נאָך, אַז זיי, די שוואַכע, געפינען זיך אין גיהנום.

די יונגע חברה האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די סקלאַדעס און גענומען שלעפּן, וואָס ס'איז נאָר געבליבן פון די רוסן. מען דאַרף צוגעבן, אַז אין די טעג, וואָס מיר זיינען געלעגן באַהאַלטן — האָבן די רוסן גרינטלעך צעראַבירט ניט נאָר די דייטשישע מאַגאַזינען, נאָר אויך אונדזער לאַגער. וואָס עס האָט נאָר געהאַט אַ שטיקל ווערט, האָבן זיי צוגענומען און אַרויסגעפירט פון לאַגער. מיר זיינען געבליבן ביי צעשניטענע קישנס און ווערטלאָזע שמאַטעס.

*

דעם אמת געזאָגט, בין איך אין די ערשטע טעג נאָך דער באַפרייונג ארומ־

געגאַנגען ווי אַ תם. עפּעס איז שווער געווען זיך איינצולעבן מיטן געדאַנק, אַז מ'איז ווירקלעך פריי און מ'האָט טאַקע איבערגעלעבט היטלערן.

ערשט אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך מיטן קינד גענומען קלערן וועגן זיך. אין די סקלאַדעס האָבן מיר נאָך געפונען מער־ווייניק גאַנצע, דיינע קליידער און גייע, רוסישע וואַטאָווע קורטקעס. אויך שיך האָבן מיר אויסגעקאָמבינירט גאַנצע און שטאַרקע. איצט, ווי נעמט מען אַ גוט, געזונט עסן. אין דעם פּרט האָבן מיר דאָך געהאַט גאָר אַ גרויסן דעפיציט. מיר פלעגן באַקומען עסן פון דער רויטער אַרמיי. ברויט איז געווען לרוב, אָבער אַ גוטע, געזונטע, נאַרהאַפטע צוגאָב צום ברויט, האָבן מיר ניט געהאַט. דאָס האָט מען זיך געמוזט איינשאַפן אַליין. יונגע חברה זיינען געוואָרן „קעמפּער". מען האָט ערגעץ־ווו באַקומען אַ פּאָר ביקסן און אַ פּורל, אַנטלויפנדיק זיך אין מיליטערישע שינעלן, איז מען אַרויסגעפאָרן אין די דערבייאיקע פאַלוואַרקס און אָנגעבראַכט פון האָב און גוטס. מ'איז אַריינגעפאָרן קיין טאַלין און אויך פון דאָרט געבראַכט פאַרשיידענע גוטע זאַכן צום עסן און טרינקען. מיר זיינען גלייכצייטיק אַריבער פון בוידעם אין אַ גרויסן דייטשן געמויערטן בלאָק. דאָרט האָבן מיר פאַרנומען באַזונדערע צימערן און געפרוווט צוריקקומען צום לעבן ווי מענטשן.

נאָכן ערשטן באַזוך פון די 5 סאָוויעטישע אָפיצירן, זיינען אין די נאָענטסטע טעג געקומען אַ סך הויכע אָפיצירן און קאָמיסיעס פון פאַרשיידענע אויספאָרשונג־אָרגאַנען. צווישן זיי — דער הויפּט־פּראָקוראָר פון דער עסטישער רעפּובליק. אַלע האָבן אויסגעהערט אונדזערע געניויע שילדערונגען מיט גרויס פאַראינטערע־סירונג.

דער הויפּט־פּראָקוראָר האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים אָנשרייבן אין רוסיש וועגן לעבן און אומקום אין לאַגער. איך האָב אים דאָס צוגעשטעלט און פּאָר מיין אַרויספאָרן פון עסטלאַנד האָט ער מיר אומגעקערט דעם מאַנוסקריפּט. וועלכער דינט מיר איצט פאַר דער דאָזיקער אַרבעט.

אין די ערשטע טעג, ווען כ'בין געזעסן אין מיין צימער ביי דער אַרבעט — האָט מען מיך אַרויסגערופן.

אויף דער גאַס, נעבן בלאָק, איז געשטאַנען אַ שיינער אויטאָ און נעבן אים אַ סאָוויעטישער אָפיציר. איך קוק זיך אַרום — ווער רופט מיך? איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז דער אָפיציר זאָל האָבן צו מיר אַן ענין. דער שוסטער אברהם גאַנטאָווניק זאָגט מיר: „ער וואַרט אויף אייך, גייט צו צו אים". איך גיי צו צום אָפיציר און פרעג אים, צי ער האָט מיך טאַקע גערופן. דער אָפיציר נעמט אַרויס אַ קליין ביכעלע פון קעשענע און לייענט: „מענדעל סאַמואילאָוויטש באַלבערישסקי — עטאָ ווי?" („צי דאָס זייט איר?") „יאָ" — ענטפער איך.

„זייט אַזוי גוט און קומט מיט מיר" — זאָגט דער אָפיציר.

מיר האָט אָפּגענומען די הענט און פיס... איך האָב זיך אָנגעשטרענגט, כדי זיך צו באַהערשן, און בין געגאַנגען נעבן אים. ער האָט מיך צוגעפירט צום אויטאָ, געעפנט די טיר און געהייסן אַריינגיין.

איך בין אַריין אין אויטאָ און זיך אָװעקגעזעצט אויפן ווייכן, פיינעם געזעס. ער האָט פאַרמאַכט די טיר און אײנבויגנדיק זיך, האָט ער פון אונטן אַרויס־גענומען אַ גרויסן מאַנזער, אָװעקגעלייגט אים אויף די קני און ווידער אַרויס־גענומען זיין קליין ביכעלע פון קעשענע. ער פרעגט מיך ווידער:

„ווער זייט איר און פון וואַנען זייט איר?"

איך ענטפער אים גענוי.

„פון וואַנען קענט איר רעדן רוסיש" פרעגט ער מיך ווייטער.

„איך האָב זיך געלערנט אין אַ רוסישער גימנאַזיע און רוסישן אוניווער־זיטעט" — ענטפער איך אים.

„אַהאַ, נו, גוט... איר ווייסט ווער איך בין?" — פרעגט ער מיך ווייטער.

„ניין", — זאָג איך.

„איך בין אַן עלטערער לייטענאַנט פון נ.ק.וו.ד. איר ווייסט וואָס דאָס איז?"

„יאָ" — ענטפער איך.

„פאַרוואָס האָט איר זיך געראַטעוועט?" — פרעגט ער מיך ווייטער (פאָטשעמו וי' ספּאַסליס").

איך בין געבליבן זיצן, ווי אַ געפּלעפטער, און שווייג.

ער פרעגט מיך נאָכאַמאָל — „איך פרעג דאָך אייך, פאַרוואָס האָט איר זיך געראַטעוועט?"

איך זיץ און ענטפער קיין וואָרט ניט.

ער ווערט אַ ביסל דענערווירט און זאָגט ווייטער: „פאַרוואָס ענטפערט איר ניט, איר פאַרשטייט דאָך גוט רוסיש".

„יאָ", זאָג איך, שטאַמלענדיק — „רוסיש פאַרשטיי איך, נאָר איך פאַרשטיי ניט, וואָס איר פרעגט מיך... וואָס הייסט, פאַרוואָס איך האָב זיך געראַטעוועט? וואָס האָב איך געדאַרפט טאָן? אַליין גיין מיטן קינד אין פייער אַריין?..."

זעענדיק מיין צעטומלטקייט, זאָגט ער שוין אַ ביסל מילדער:

„ס'איז קריגס־צייט, די דייטשן האָבן געקענט ספּעציעל איבערלאָזן זייערע מענטשן זיי זאָלן דאָ אַרבעטן פאַר זיי, איר פאַרשטייט, דערפאַר פרעג איך אייך — פאַרוואָס האָט איר זיך געראַטעוועט?"

„אַך" — כאַפּ איך זיך — „איצט פאַרשטיי איך: איר מיינט, אַז די דייטשן האָבן אונדז ספּעציעל איבערגעלאָזט, כדי אייך צו שפּיאָנירן?..."

„נו, יאָ" — זאָגט ער — „דאָס קען דען ניט זיין?"

„יאָ" — זאָג איך — „אויב אַזוי קענט איר שלעכט די דייטשן. אין אַזאַ

לאַגע, ביים אָפּטרעטן, פאַרניכטן זיי אַלע זייערע נאָענטסטע מיטאַרבעטער די סאַמע ערשטע".

„וואָס האָט איר געטאָן אין לאַגער" — פרעגט ער מיך ווייטער.

איך דערצייל אים גענוי מיין גאַנצע אַרבעט־קאַריערע און דערביי ווייז איך אים מיינע געשוואָלענע פיס און פנים.

„איר זאָגט דעם אמת?" — פרעגט ער מיך ווייטער.

„נו, דאָס קענט איר גלייך פעסטשטעלן ביי די יעניקע, וועלכע האָבן אייך שוין געגעבן אַזעלכע גענויע ידיעות וועגן מיר... איך זע, אַז איר קענט אונדז שוין..."

„יאָ, יאָ" — האָט ער גענומען שמייכלען... „נו, לאַדנאָ, אידיטיע (נו, פיין, גייט אייך), מיר וועלן נאָך שמועסן..."

„אַ דאַנק, אַ גוטן..."

צען־פופציק שטיינער האָבן זיך מיר אַראָפּגעקייקלט פון האַרצן, ווען איך בין אַרויס פון אויסאָ. פאַרמאַכנדיק הינטער זיך די טיר, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

„וועגן אונדזער שמועס דאַרפט איר מיט קיינעם ניט רעדן, פאַרשטאַנען?..."

„טאַק טאָטשנאָ, טאָווארישטש סטאַרשי לייטענאַנט..."

אַ צעשמייכלטער בין איך אַריין צוריק אין לאַגער, ווו אַ גרופּע מענטשן האָט שוין מיט אומגעדולד געוואַרט אויף מיין צוריקקער. אויף זייערע פראַגן האָב איך געענטפערט: „עס וועט קומען די צייט, וועט איר וויסן... האָט געדולד..."

צווישן די געראַטעוועטע זיינען שוין געווען אינפאָרמאַטאָרן וועגן יעדן איינעם. איינער פון זיי איז טאַקע געווען אָט דער אַברעמקע גאָנטאָוויק, דער פרישגעבאַקענער קאָמוניסט...

עטלעכע טעג נאָך דער באַפרייאונג בין איך פאַרטאָג אַרויס פון לאַגער אַ ביסל שפּאַצירן און בין אָנגעקומען צו אַ שיינעם, רייכן פּאַלוואַרק. אַריינקומענדיק אין הויז דערזע איך, ווי ביי אַ גרויסן טיש זיצן — הענעכקע שאַפּיראָ מיט זיין פרוי, דער געוועזענער לאַגער־פּאָליציאַנט, צאַדיקאָוו מיט זיין פרוי און אַ געוויסער גאָלדבערג. דער טיש איז אָנגעשטעלט מיט עסנוואַרג כיד המלך. אַ גרויסער טעלער מיט פרישינקער פּוטער, קעז, סמעטענע, געפּרעגלטע סלאָנינע, אייער, מילך, פאַרשיידענע פליישן — הכלל, אַ טיש מיט כל טוב. נאָכן עסן האָבן זיי אַרויסגעטראָגן אַ מאַסע וואַליזעס און אָנגעלאָדנט זיי אויף צוויי פורן. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי זיך מיט מיר געזעגנט און זיינען אָפּגעפאָרן קיין טאַלין.

איך האָב זיך באַקענט מיט די עסטן. זייער אָנשטענדיקע און סימפּאַטישע

מענטשן. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז פאַר דעם עסן און פאַר די געדונגענע צוויי פורן האָבן זיי באַצאָלט מיט פינגפרובלדיקע גאָלד־שטיקלעך. מילא, זאָל זיי גאָט העלפן...

די עסנס האָבן מיר געגעבן אַ ביסל פּראָדוקטן און אויף מיין צוריקוועג האָב איך דערציילט אייניקע לאַגערניקעס וועגן מיין באַגעגעניש מיט הענעכקען.

אין אַ פּאָר שעה שפּעטער רופט מען מיך אַרויס פון צימער און עס נעמט מיך ווידער איבער אַן אָפיציר פון נ.ק.וו.ד., פונאַנדערפרעגנדיק גענוי וועגן העבעך שאַפּיראָ. אַלץ, וואָס איך האָב געזען און געוווּסט, האָב איך גלייך גענוי איבער־געגעבן. דער אָפיציר זאָגט צו מיר: „מיר פאָרן זיי נאָכיאָגן".

„ביטע זייער".

אין אַ ווײַלע אַרום זאָגט מיר אָבער דער אָפיציר ווידער: „ניין, מיר וועלן זיי ניט זוכן, זיי וועלן פון אונדז ניט אַנטלויפן. מיר וועלן אים געפינען..."

פון דעם בין איך שוין גראָד יאָ געוואָרן צופרידן. שאַפּיראָ — מעג אַ כפּרה גיין, אָבער צאַדיקאָוו זאָל אַריינפאַלן אין איין פּעקל מיט שאַפּיראָן — איז מיר געוואָרן אַ שאָד. ער איז טאַקע געווען אַ פּאָליציאַנט אין לאַגער, אָבער ניט קיין שעדלעכער. פּאַרקערט, מען האָט אים האָלד געהאַט אין לאַגער פאַר זיינע שיינע שפּיצלעך, וואָס ער פלעגט אָפּטאָן מיט די דייטשן. פון וועלכע מ'האָט האַרציק געלאַכט. פּאָרט אַ טאַנדעטניק פון ווילנע. ווער קען זיך צו זיי גלייכן אין כל־בו שטיקלעך! מיך פלעגט ער שטענדיק אין לאַגער איבערנעמען, זאָגנ־דיק: „נו, ווען האַלט איר ווידער אַ רעפעראַט?"

הענעכקע שאַפּיראָ האָט טאַקע גאָר אינגיכן די נ.ק.וו.ד. אַ כאַפּ געטאָן אין רעוועל, ווען ער איז געקומען בעטן אַ פּראָפּוסק ווייטער צו פאָרן „נאַ ראָדינו". ער איז אַוועק און ווי אין וואַסער אַריין...

כן יאבדו.

צאַדיקאָוו מיט גאָלדבערגן זיינען צוריקגעקומען אין לאַגער. צאַדיקאָוו האָט זיך אפילו אַריינגעקליבן אין מיין צימער, צונעמענדיק דאָס בעט פון מיין זון. אָבער מיר האָבן זיך אַנשטענדיק איינגעלעבט.

## מען קומט באַקוקן דעם חורבן

אין די טעג האָבן צו אונדז אין לאַגער אָנגעהויבן אָנקומען אַן אַ שיעור אויספאָרשונג־קאָמיסיעס און סתם מיליטער־לייט, אויף צו באַקוקן די מאַקאַברישע שייטערהויפנס. איינמאָל, ווען ס'איז געקומען אַ גרעסערע גרופּע הויכע מיליטער־לייט, מיט אַ גענעראַל בראש, און אונדזערע עטלעכע מענטשן, די רוסיש־קענערס, האָבן געגעבן די נויטיקע דערקלערונג, האָב איך זיך אָפּגערופן אין רוסיש:

„פאַרוואָס ווייזט מען ניט די „באָיצי״ די אַלע שוידערלעכקייטן, זאָלן זיי זען וואָס די דייטשן טוען מיט די מענטשן״.

דער גענעראַל, וואָס האָט דערהערט מיינע ווערטער, האָט זיך אַ קער געטאָן צו אונדז און געזאָגט:

„איר זייט גערעכט, בירגער, יאָ, זאָלן זיי דאָס זען אונדזערע „באָיצי״. איך וועל טאַקע פאַראָרדענען, אַז די אַרמיי זאָל פאַרבייגיין אָט די אַלע שוידערלעכע עטאַפּן. זאָלן זיי טאָקע זען די אַרבעט פון די פאַשיסטישע מערדער... יאָ, איר זייט גערעכט... אַ דאַנק אייך״.

און ווירקלעך, פון אַנדערן טאָג אָן זיינען אין לאַגער געקומען טויזנטער „באָיצי״ מיט זייערע פּאָליטרוקעס. אויסהערנדיק פון אונדז וועגן די פּאַסירונגען, האָבן זיי אויפן אָרט געהאַלטן פייערדיקע רעדעס, רופנדיק צו נקמה פאַר די אומשולדיקע, פאַרפייניקטע קרבנות.

אין לאַגער איז אויך געקומען אַ בריגאַדע קינאָ־אָפּעראַטאָרן און געמאַכט אויפנאַמען, דער עיקר פון די שייטערהויפנס.

די פּראָקוראַטור האָט דערביי די גאַנצע צייט געפירט אַ גרינטלעכע אויספאָרשונג.

אין אַ געוויסן טאָג זיינען אָנגעקומען פון מאָסקווע צוויי ריזיקע אויטאָבוסן מיט עטלעכע צענדליק קאָרעספּאָנדענטן פון דער גאַנצער וועלט־פּרעסע. זיי האָבן אַלץ באַקוקט און האָבן צו זיך ניט געקענט קומען פון דעם דערשיטערלעכן און שוידערלעכן בילד...

אַן ענגלישער קאָרעספּאָנדענט האָט זיך באַפריינדעט מיט מיין זון. אויס־הערנדיק פון אים אין ענגליש די איבערלעבונגען. דער זון האָט באַקומען גוטע, עכטע שאָקאָלאַד פון אַ... כינעזישער קאָרעספּאָנדענטין... דער זעלבער ענגלישער קאָרעספּאָנדענט האָט, אין אַ האַלב יאָר אַרום צוגעשיקט דורך דעם יונגן אַנאָליקן, פאַר מיין זון, אַן ענגליש בוך מיט אַ דעדיקאַציע — „צו מיין יונגן פריינט, טעאָדאָר״.

דער קאָרעספּאָנדענט פון „איזוועסטיאַ״ האָט מיר צוגעזאָגט צו פאַרעפנטלעכן מיין נאָמען אין אַ רשימה פון געראַטעוועטע. ער האָט געהאַלטן וואָרט. מיין נאָמען איז, צווישן אַנדערע 5, פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער צייטונג; דערמיט האָט ער פשוט געראַטעוועט מיין פרוי און טאָכטער פון אומזיסטע פיין און קלעמעניש נאָך זייער באַפרייאונג.

אין איינעם אַ טאָג, ווען אין לאַגער זיינען געקומען אַ סך מיליטער־לייט, האָט מיך — נאָך מיינע אויפקלערונגען — אָפּגערופן אין אַ זייט אַן אָפיציר פון דער נ.ק.וו.ד. און אַ פרעג געטאָן:

„זאָגט מיר, איך בעט אייך זייער, ווען האָט מען דאָ פאַרניכטעט, ווען האָט מען דאָ פאַרברענט?״.

„ייִדן״ — ענטפער איך.

„ניין, ניט ייִדן״ — ענטפערט ער.

„וואָס הייסט, ניט ייִדן״ — זאָג איך — „איך בין דאָך געווען דערביי...״

„יאָ״ — ענטפערט ער — „איר זייט טאַקע געווען דערביי, נאָר פאַרברענט האָט מען דאָ ניט קיין ייִדן, נאָר — סאָוויעטישע בירגער. איר פאַרשטייט, מענדל סאַמואילאָוויטש... סאָוויעטישע בירגער האָט מען דאָ פאַרברענט. און ווען איר וועט ווייטער אינפאָרמירן, זאָלט איר טאַקע אָט אַזוי זאָגן: סאָוויעטישע בירגער...״

ער איז אַוועק. איך בין געבליבן שטיין אַ צעטומלטער.

מער צו אינפאָרמירן איז מיר בכלל ניט אויסגעקומען, ווייל גלייך נאָכן שמועס מיטן אָפיציר איז צו מיר אַריין אין צימער אַברעמקע גאַנטאָוויטש און מיר געמאָלדן, אַז דער „קאָמיטעט פון די לאַגערניקעס״ האָט באַשלאָסן אַליין פון זיך צו דעלעגירן אינפאָרמאַטאָרן פאַר די מיליטער־לייט.

„זייער גוט״ — האָט איך געענטפערט — „פון דעם בין איך זייער צופרידן״. און דערביי אַ טראַכט געטאָן: „ס'איז דאָ אַ קאָמיטעט פון די לאַגערניקעס, פאַרוואָס ווייס איך ניט דערפון. בין איך דאָך אויך אַ לאַגערניק...״

צום עקזעקוציע־פּלאַץ אינפאָרמירן בין איך שוין טאַקע מער ניט געגאַנגען, אָבער מיט איינצעלנע רויטאַרמייער און אָפיצירן האָב איך זייער פיל געשמועסט. ערשט נאָך די שמועסן מיט זיי, און איבערהויפּט מיט ייִדן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער אָפיציר פון נ.ק.וו.ד. איז געווען פולשטענדיק גערעכט: ווען מ'האָט געזאָגט די „באַיצי״, אַז דאָ זיינען פאַרברענט געוואָרן ייִדן — איז זיי דאָס אין איין אויער אַריין און דורכן צווייטן אַרויס. פאַרקערט, ייִדישע רויטאַרמייער האָבן מיר אַ סך מאָל געזאָגט, אַז פיל זייגען זייער צופרידן און אין האַרצן קלייבן זיי נחת פון דעם. אַנדערש איז, ווען מען זאָגט — סאָוויעטישע בירגער — אַז דעם נאָמען ייִד, קענען דאָס זיין זייערע אייגענע פאַמיליע־מיטגלידער, וועלכע זיינען דורך די דייטשן אַהער פאַרשלעפּט געוואָרן.

די נ.ק.וו.ד. האָט זייער גוט געקענט די פּסיכאָלאָגיע פון אירע רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן. דעריבער איז זייער צוגאַנג צו די געשעענישן געווען אַ ריכטיקער און פּראַקטישער. זיי איז געגאַנגען אין שלאָגן דעם דייטש, רופן די רויטאַרמייער צו נקמה, אויפרייצן די קאַמף־אינסטינקטן ביים מיליטער, בכדי וואָס בעסער צו שלאָגן די חיה.

אויפן געדאַנק זיינען מיר געקומען אַזעלכע רעפלעקסיעס: ווו זיינען די רעזולטאַטן פון דער דרייסיק־יאָריקער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט און פּראָפּאַגאַנדע? און פאַר וואָס איז דאָס סאָוויעטישע מיליטער ניט פריי פון אַנטיסעמיטיזם?

דער חורבן פון די לאַגערן קלאָאַגאַ און לאַגעדי האָבן אָנגעמאַכט אַ געוואָלדיקן רעש אין לאַנד און אין אויסלאַנד. עס זיינען דאַן פאַרעפנטלעכט געוואָרן זייער פיל אַרטיקלען און בילדער אין דער גאַנצער וועלט־פּרעסע און ספּעציעל אין דער סאָוויעטישער פּרעסע.

## אונדזער לעבן נאָך דער באַפרייאונג

הגם מיר זיינען געווען פריי, האָבן מיר דאָך ווייטער זיך געפונען אין לאַגער, אונטער דער קאָנטראָל פון שטאָטישן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט אין טאַלין און דער נ.ק.וו.ד. אונדזער „קאָמיטעט״ פלעגט אונדז באַזאָרגן מיט פּראָדוקטן, אָבער דאָס איז געווען זייער ווייניק, נעמענדיק אין אַכט אונדזער אָפּגעשוואַכטקייט. דעריבער האָט יעדער געמוזט זאָרגן פאַר זיך.

די יעניקע, וועלכע האָבן אַנגענומען זאַכן אין ערשטן מאָמענט פון דער באַפרייאונג, פלעגן פאָרן קיין טאַלין פאַרקויפן. טאַלין, די אַלטע הויפּט־שטאָט פון עסטלאַנד, איז געווען שטאַרק רואינירט. דאָרט האָט זיך גענומען איינשטעלן אַ ניי סאָוויעטיש לעבן. די גאַנצע עקאָנאָמישע ווירטשאַפט האָט זיך קאָנצענטרירט אויפן מאַרק. די שטאָטישע באַפעלקערונג פלעגט אַהער ברענגען פאַרשיידענע זאַכן צום פאַרקויפן און דאָרט זיך איינשאַפן, וואָס זיי איז געווען נויטיק. איך האָב באַשלאָסן אויך צו פאָרן קיין טאַלין, אָבער מיט וואָס? זוכנדיק אין די דייטשישע סקלאַדעס, האָב איך מיטן זון אָנגעקליבן אַ סך גוטע זוילן צו שיך. דאָס האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אַ מאַסע און קיינער האָט זיך אויף דעם אַרטיקל ניט אומגעקוקט. אין טאַלין האָב איך דאָס פאַרצוקערט און שוין געהאַט די ערשטע פאָר הונדערט רובל, פאַר וועלכע איך האָב געקויפט פּראָדוקטן צום ברויט.

צו דער זעלבער צייט האָב איך זיך באַקענט מיט אייניקע פאַרמאַצעווטן פון די טאַלינער אַפּטייקן. זיי האָבן מיך זייער חבריש אויפגענומען און געגעבן געוויסע מעדיקאַמענטן פאַר מיינע באַקאַנטע עסטן, פאַר זיי און פאַר זייערע בהמות. אַ דאַנק דעם פלעג איך ביי די עסטישע ווירטינס באַקומען זייער גוטע פּראָדוקטן, וואָס זיינען פאַר מיר געווען אַ לעבנספראַגע, ווייל איצט, נאָך דער באַפרייאונג, האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויספאַלן די ציינער.

אין די ערשטע טעג נאָך אונדזער באַפרייאונג האָט מיין זון געפונען אויפן בוידעם, ווו מיר זיינען געווען באַהאַלטן — אַ גרויסן קאַסטן מיט אייער. דאָס האָבן אונדזערע „אַפּראָוויזאַטאָרן״ פאַרגעסן... צו צעטיילן צווישן די לאַגערניקעס.

קלאָר, אַז מיר האָבן זיך מיט דער כשרער מציאה באַנוצט. אין דער ערשטער וואָך פלעגן מיר עסן אייער מיטן לעפל... צו דער זעט.

ווען מיר זיינען אַ ביסל געקומען צו זיך, האָבן מיר גענומען רעדן וועגן פאָרן צוריק „באַ ראַדינו". מ'האָט אונדז אָבער גלייך געזאָגט, אַז כל־זמן די אויספאָרשונג איז ניט פאַרענדיקט, וועט מען אונדז ניט אָפּלאָזן.

ערשט נאָך אַ 4 וואָכן, האָט די פּראָקוראָטור דערלויבט מקבר צו זיין די מתים. צום גראָבן אַ קבר און אַריבערצוטראָגן די רעשטלעך פון די קדושים, זיינען געשיקט געוואָרן דייטשע קריגס־געפאַנגענע. זיי האָבן אין זייערע הענט אַריבערגעטראָגן, פון אומעטום, די רעשטלעך פון די גופים און אויסגעלייגט זיי אין צוויי גרויסע קברים.

די קברים האָבן מיר פאַרצוימט מיט אַן אייזערנעם צוים, און געזאָגט קדיש.

אונדזער אויפהאַלט אין לאַגער האָט זיך געצויגן און עס איז געוואָרן זייער ניט היימלעך. עס זיינען אָנגעקומען די ניט היימלעכע האַרבסט־טעג. מען האָט געוואָלט וואָס שנעלער שוין אַוועקגיין פון פאַרשאָלטענעם אָרט. דערצו זיינען אין לאַגער גופא, צווישן די „קאָמיטעטשיקעס" פאַרגעקומען וויסטע סקאַנדאַלן. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק באַשולדיקט אין פאַרשיידענע, קליינלעכע, ניט פיינע זאַכן. מען האָט אפילו גערופן וועגן דעם אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די לאַגערניקעס. ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער הויפּט־„רעוואָלוציאָנער" — דער פּרעזעס פון קאָמיטעט, אַברעמקע גאַנטאָוויטש, האָט אַ סך באַקומענע פּראָ־דוקטן פון טאָלין פאַר די אַמערסטן אָפּגעשוואַכטע, צוגענומען פאַר זיך. דער סוף איז געווען, אַז מ'האָט די אַלטע „טוער" באַזייטיקט און באַפולמעכטיקט אייניקע צו באַמיען זיך, מען זאָל אונדז ווי אַמשנעלסטן צוריקשיקן קיין ווילנע.

### איך באַזוך לאַגעדי

פון טאָלין בין איך אַריינגעפאָרן אין לאַגעדי. אויפן פּלאַץ, ווו ס'איז געווען אונדזער לאַגער, איז קיין שליאַד ניט געווען. אַלע בודקעס זיינען שוין צענומען געוואָרן. קיין סימן פון געוועזענעם לאַגער, קיין סימן פון די קדושים. איך האָב באַזוכט די איידעלע עסטן, וועלכע האָבן מיר אַזוי שיין געהאָלפן, אין יענע טראַ־גישע טעג. דערזעענדיק מיך, האָבן זיי זיך עטלעכע מאָל איבערגעצלמט: „פון יענער וועלט..." זיי האָבן מיך געגעבן פונאַנדערגעפרעגט וועגן די לעצטע טעג און זיך באמת געפרייט מיט מיין ראַטעווען זיך. הערנדיק, אַז מיר קלייבן זיך אַהיים, האָבן זיי מיר געגעבן אַ סך פּראָוויאַנט, אַ וואַרעמען שאַליק פאַרן זון און פאַר מיר — אַ פּאָר שיינע אַליין־געמאַכטע הענטשקעס. איך האָב זיך האַרציק געזעגנט מיט זיי און איבערגעלאָזן זיי אַ דאַנק־בריוו, באַשטעטיקט פון דער אָרטיקער מאַכט.

מיין פּרווו צו באַזוכן אויך די וועשינס פון בוינע, כדי זיי צו באַדאַנקען פאַר

דער הילף, וואָס זיי, די אָרעמע אַרבעטעריגס, האָבן מיר געגעבן ווינטער־צייט, בעתן נעמען פלייש פאַרן לאַגער — האָט זיך פאַר מיר שלעכט געענדיקט. אויפן וועג צום בוינע, האָב איך פאַרבלאָנדזשעט און מען האָט מיך, אַז אַרעסטירטן, אָוועקגעפירט אין דער שטאָטישער קאָמענדע. נאָך אַן אויספאָרשונג האָט מען מיך באַפרייט. אָבער די האַרציקע קריסטינס האָב איך שוין ניט געזען און ממילא אויך ניט געקענט אָפּדאַנקען נאָך מיין באַפרייאונג.

אינמיטן נאָוועמבער האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה, אַז די פּראָקוראָטור האָט פאַרענדיקט די אויספאָרשונג, אַז מיר אַלע זיינען פריי, אַחוץ העניכקע שאַפּירא, און מיר מעגן פאָרן „נאַ ראָדינו". יעדער פון אונדז האָט באַקומען פאָלגנדיקע צייגעניש:

עסטישע רעפּובליקאַנישע קאָמיסיע פאַר פעסטשטעלן און אויספאָרשן די מערדערייען פון די דייטשע פאַשיסטישע פאַרכאַפּער און זייערע מיטהעלפער און דעם געמאַכטן דורך זיי שאָדן

21 אָקטאָבער 1944, נומער 34 — 3, שטאָט טאַלין טאָאמפּעאַ גאָס, צימער 55.


ЭСТОНСКАЯ
РЕСПУБЛИКАНСКАЯ
КОМИССИЯ

21 Октября 1944 г.
№ 3-34
г. Таллин

באַשטעטיקונג פאַרן מהבוס זון, טעאָדאָר, אַרויסגעגעבן דורך דער מלוכהשער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע אין עסטלאַנד, אַז ער איז אַ געראַטעוועטער פון חורבן־קלאָאָגאַ און פאָרט אַהיים.

אינהאַלט פון:

## באשטעטיקונג

די עסטישע רעפּובליקאַנישע קאָמיסיע באַשטעטיקט דערמיט, אַז דער איינגעטימער פון דעם דאָקומענט, בירגער טעאָדאָר מענדעלעוויטש באַלבע־רישסקי פון דער שטאָט ווילנע, האָט זיך געפונען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, איינגעאָרדנט דורך די דייטשישע פאַשיסטישע פאַרכאַפּער אין דער עסטישער ס. ס. ר. אין קרייז בארקמאא, דאָרף קיילא, אין אָרט קלאָאָגאַ, און האָט זיך צופעליק געראַטעוועט פון פאַרניכטונג און פאָרט צוריק צו זיך אַהיים.

טאָראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון דער עסטישער רעפּובליקאַנישער קאָמיסיע:

א. איאָער

אַ חוץ אָט די צייגענישן, האָט יעדער באַקומען אַ נייעם, וואַלענעם אַמע־ריקאַנער קאָץ, צוויי פּאָר גוטע, וואַלענע סקאַרפּעטן און 50 רובל געלט. דער קאָמיטעט פון טאַלין האָט אונדז באַזאָרגט מיט אַ ספּעציעלן צוג און מיטגעגעבן אויפן וועג פּראָדוקטן אויף אַ וואָך צייט. יעדער האָט אויך געהאָט מיט זיך זיינע אייגענע צוגעגרייטע פּראָדוקטן.

אַ סך טויזנטער זיינען געקומען קיין עסטלאַנד. אַ גרויסע טייל פון זיי האָט אויסגעהאַלטן און דערלעבט ביזן לעצטן מאָמענט. און טאַקע, ממש אין דער לעצטער שעה, זיינען זיי צעשאָסן און פאַרברענט געוואָרן.

מיט פאַרבלוטיקטע הערצער זיינען מיר, עטלעכע מאַן, אַוועק צו די ברידער־קברים, וווּ עס זיינען געלעגן די רעשטלעך פון העכער אַנדערטהאַלבן טויזנט ווילנער און קאָוונער יידן.

אַזוי פיל באַקאַנטע, אַזוי פיל פריינט, אַזוי פיל לעבנס אין די דאָזיקע צוויי קברים!

באַגיסנדיק זיך מיט טרערן, האָב איך ביי די צוויי קברים געמאַכט אַן „אל מלא רחמים" און אין עטלעכע קורצע ווערטער זיך געזעגנט מיט די קדושים, אין נאָמען פון זייערע נאָענטע — טאַטעס און מאַמעס, פרויען און מענער, קינדער און משפחה־מיטגלידער, וועלכע וועלן קיינמאָל ניט קענען אַהערקומען און קדיש זאָגן אויף די טייערע פאַר זיי קברים.

דאָס איז געווען דער לעצטער „אל מלא רחמים" איבער דעם הייפּעלע יידן פון ווילנע — ירושלים דליטא און קאָוונע פון ר׳ יצחק אלחנן.

...רבונו של עולם! אַזוי פיל בלוט, אַזוי פיל קרבנות, פאַרוואָס? פאַר וועלכע זינד? געקומען זיינען מיר אַהער אין די טויזנטער, טויזנטער פולבלוטיקע לעבנס, יונגע, געזונטע מענער, פרויען, קינדער — אַזוי פיל האָפענונג, אַזוי פיל בטחון.

אין פאַרלויף פון דעם יאָר האָט מען דאָ איבערגעלעבט די שוידערלעכסטע צרות און פּיין, און איצט קערן מיר זיך אום אַ קליין הייפעלע. די קדושים בלייבן דאָ, אין ווייטן, פרעמדן, פאַרוואָרפענעם אָרט אויף אייביק.

שטייענדיק ביי די צוויי קברים האָבן מיר זיך געפילט ווי שולדיק לגבי די הייליקע — פאַרוואָס לעבן מיר? פאַר וועלכע זכות־אבות זיינען מיר ניצול געוואָרן? איך האָב זיך געשעמט צו קוקן אויף די קברים, ווי מען שעמט זיך צו קוקן אין די אויגן, ווען מ׳איז קעגן וועמען אַ גרויסע עוולה באַגאַנגען.

אַ שאַרפער פייף פון לאָקאָמאָטיוו האָט מיך און די אַנדערע אַרויסגעריסן פון אונדזערע געדאַנקען און דערמאָנט, אַז מיר מוזן לויפן צו די וואַגאָנען, וועלכע וועלן אונדז צוריקברענגען קיין ווילנע.

פון אַזויפיל טויזנטער, קערן זיך אום נעבעכדיקע הונדערט מאַן — אַ נישטיק רעשטל, אַ צעבראָכן און צעשלאָגן הייפל.

## ליסטע פון די געראַטעוועטע

**אין די וואַגאָנעס האָבן זיך געפונען פאָלגנדיקע מענער און פרויען:**

1) קליאַטשקאָ יצחק כתריאל;
2) קליאַטשקאָ כתריאל יצחק;
3) ציטרינאָווסקי שלום חיים;
4) טרינאָפּאָלסקי מאיר חיים;
5) ווײַנטרויב בנימין יעקב;
6) אָלייסקי לאָזאָר נחום;
7) אַנאָליק ניסן משה;
8) אַנאָליק בנימין משה;
9) פּיקילישקאָ גרוניאָ זלמן;
10) פּיקילישקאָ געניאָ ארון;
11) שאַפּיראָ ליובאַ;
12) ראַבינאָוויטש יוסף ביינוש;
13) ראָטנער יצחק מענדל;
14) לייבמאַן חיים מרדכי;
15) לייבמאַן אידע (מעלצערס שוועסטער), טאָכטער פון יצחק;
16) גענדזל מאָטליע לחאָווגאַ (פרוי פון דאָקטאָר);
17) גאָלדשטיין רחל (שאַפּיראָס פרוי);
18) צאָדיקאָוו שמואל;
19) צאָדיקאָוו באַסיע (פרידעס שוועסטער);
20) ד״ר בוזשאַנסקי;
21) באָלבערישסקי מענדל שמואל;
22) באָלבערישסקי טעאָדאָר; (מענדלס זון)

23) גאָרדאָן־כיליסבערג גיטל, יצחק (קראַנקן־שוועסטער);
24) דערטשון לאה, שלמה;
25) פרידמאַן גיטע, ראובן;
26) גלאָס פריידע, יצחק;
27) גרינהאָלץ אַדעלע, יאָנאָס;
28) גרינהאָלץ סאָליע, יאָנאָס — 14 יאָר;
29) ד"ר זיידלער סעווערין, יעקב;
30) וואָפּניק אברהם משה;
31) אָוסייעוויטש איציק;
32) אָלקעניצקאָ געניאָ, לאַזאַר;
33) מייטעס אַבעל שלמה (געראַטעוועט זיך, אויסבאַהאַלטנדיק זיך
אין אַ קאַסטן אויפן בוידעם);
34) אַס מרדכי;
35) קאַטשערגינסקי ישראל שלום;
36) אַבעליעוויטש גרישאַ (די לעצטע בײדע זיך געראַטעוועט אויפן
בוידעם אין אַ לאָך);
37) ליפשיץ לייב באָטע;
38) מאַליאַט נאָטע יעקב;
39) שלעזינגער וויגדאָר מאיר;
40) טורגעל מיראָ;
41) טורגעל רחל — מאַגיסטער;
42) טורגעל אידאָ;
43) אַראָנאָוויטש ביילע, יצחק;
44) אַראָנאָוויטש נחמה, יצחק;
45) אָקסעלראָד רייע, מאָזעס;
46) בעזפּראָזוואַניי דאָראָ, ראובן;
47) יאָכעלעוויטש אָריטאָ, שמואל;
48) כץ צביה, אברהם;
49) קאָפּילסקאָ ציליע, ישראל;
50) ליכטער נחמה, חיים;
51) לאַפּידוס שיינע, נחום;
52) מאַבעט ריווע, גת;
53) פּאַטראָן סלאַווע, שמואל;
54) שאַפּיראָ ליובאַ, אברהם (פרידמאַן);
55) טייץ יוליאָ, יצחק;
56) טייץ נאַדיאָ, משה;
57) ראָנדעס סיוויש;
58) גאָלדבערג;
59) ליאָכאָוויצקי בנימין אברהם;
60) ליאָכאָוויצקי זלמן (צווײ ברידערלעך, 13 יאָר);
61) גאָנטאָווניק אברהם משה;
62) ווייסקאָפּ האַניע;

63) זעלקינד ראָזע, ליפּע ;
64) זאַרכי איזראָעליט רבקה, אברהם ;
65) זארכי פּעסיע ;
66) זאַמאָשטשיק חיה, שמעון ;
67) אָראָנסאָן אברהם, יצחק ;
68) אָפּפּעלבוים הענריק, יוסף ;
69) אָבעדזינסקי הענריק, עזרא ;
70) בראָך דוד ;
71) דארבאָוויטש פאלק, אברהם ;
72) דושינאָס לייזער אברהם ;
73) קאסטעל נפתלי שאול ;
74) מאָסטאָוויטש יוסף ;
75) מאַטושעוויטש ;
76) סלאצקי שאול שלמה ;
77) שוסטער אַראָן נאָטל ;
78) דוזאָנסקי קאָלקע ;
79) דראָפּקין שמואל ;
80) קאַפּעליאַנסקי הירש, פון קאָוונע ;
81) מעצעק הינדע, פון קאָוונע ;
82) מאָטושעוויטש שאַיע ; 14 יאָר, פון קאָוונע ;
83) זיסקינד דינע, פון אָלשאַן ; דעם פאָטער אַרויסגעשיקט קיין ריגע, די מוטער קיין ערעדאָ, און מיטן שיף אַרויסגעפירט פון לאַגעדי.
84) קאָזלאָווסקי העניע, פון אָלשאַן ;
85) גורוויטש אסתר, פון אָלשאַן ;
86) מילייקאָווסקאַ אידאַ, פון קאָוונע ;
87) גאַנז אליהו, פון קאָוונער געטאָ.

די דאָזיקע ליסטע נעמט אַרום 87 פּערזאָן. אין די וואַגאָנען זיינען געווען נאָך אייניקע פּערזאָן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון אַנדערע ערטער און די נ.ק.וו.ד. האָט זיי געבראַכט צו אונדז אין קלאָאַגאַ, ווו זיי האָבן געמאַכט דעם צענטראַלן זאַמלפונקט פון אַלע געראַטעוועטע.

## רשימה פון די לאַגערן אין עסטלאַנד

1) איליגורמע
2) אויוואדי
3) אזאַרין [1]
4) גאָלדפילץ
5) וואַיוואַרי 1
6) וואַיוואַרי 2
7) וויוויקאָני 1
8) וויוויקאָני 2
9) ווינעגבערג
10) יאַווי [2]
11) לאַגעדי [3]
12) נאַרווע [4]
13) סאָנדאָ
14) סאקי
15) סאסקי
16) ערעדא [5]
17) פעטשאַראָ
18) פאַרט קונדא
19) פוטקע
20) קלאָאגאָ [6]
21) קיוויאָלי 1 [7]
22) קיוויאָלי 2
23) קערסטאַוואָ
24) קוראמיי [8]
25) פערווי

---

באמערקונגען:

1. לאַגער אזאַרין. ד״ר באטמאַן האָט דאָ אָפּגעקליבן אַ גרופּע פון 42 יידן, אַלטע, שוואַכע, קראַנקע, און די, וועלכע זיינען געלעגן אין היץ. צו זיי צוגעגעבן דעם באַקאַנטן אין ווילנע אָקוליסט — ד״ר רוטשניק, און מ׳האָט זיי אַוועקגעשיקט „אין אַן אַנדערן לאַגער״. אויפן וועג האָט מען זיי אַלע אומגעבראַכט.

2. לאַגער יאַווי. דער לאַגער האָט זיך געפונען 30 קילאָמעטער פון וויוואַרי. אַרבעטן פלעגט מען אויף דער סטאַנציע טאַליא.

3. לאַגער לאַגעדי. פון די דאָרט 74 געראַטעוועטע יידן זיינען אויף מאָרגן אומגעקומען אין קלאָאגאָ — 63;ביים לעבן זיינען געבליבן פאָלגנדיקע 11 פּערזאָן: צוויי ברידער אַנאַליק, צוויי באַלבערישסקיס (פאָטער און זון), טרינאָפּאָלסקי, וויינטרויב, סימעונוויטש, ראַבינאָוויטש, בלאָושטיין, געניאַ אַלקעניצקאָ און מערין.

4. אין לאַגער נאַרווע זיינען צווישן אַנדערע געשטאָרבן דער געוו. מיטגליד פון יודנ־ראָט — איזוש. בוכמאַן, און דער געוו. דירעקטאָר פון בונימאָוויטשעס באַנק — קאשוק.

5. לאַגער ערעדא. די אַרבעט פלעגט דאָ גיין אין די שאַכטן פון דער פירמע דאָלמאַן. דאָ פלעגט מען פון סלאַניעץ — אַזאַ מין שטיין — אַרויסבאַקומען בענזין און גאַפּס. די שאַכטן זיינען געווען 60 מעטער אין דער טיף. פאַר דער עוואַקואַציע האָט מען אויסגעפּאַרטיקט אַ צווייטן שאַכט, אָבער מ׳האָט אים גלייך דערטרונקען. דאָ האָבן געאַרבעט ביי 1800 מאַן. די שווער־אַרבעטנדיקע האָבן געהאַט גוט צום עסן, נאָר אַמביטערסטן איז געווען די נעציקייט — שטענדיק זיינען די אַרבעטער געווען דורכ־געווייקט.

6. אין טאָג פון דער שחיטה זיינען קיין קלאָאָגאַ געבראַכט געוואָרן 40 מענער און 40 פרויען, וועלכע זיינען פריער אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דאַנען. צווישן זיי — ד״ר מישאַ ראַם, ד״ר שמושקאָוויטש, ראַנדעס, רייע פּיוושעוויטש א. אַ. פון זייער גרופּע האָבן זיך געראַטעוועט 5 מאַן.

7. לאַגער פון קיוויאַלי. דער הויפּט־דאָקטאָר און הויפּט־העניקער פון אַלע לאַגערן, ד״ר באָטמאַן, האָט דאָ אָפּגעקליבן דעם לאַגער־עלטסטן — ישראל צעפּעליעוויטש, מיט אים דעם ד״ר וואָלקאָווייסקי און נאָך 40 יידן און זיי אַוועקגעשיקט אָרגאַניזירן אַ נייעם לאַגער „לאַ מאַרט״. קיינער האָט זיך, בשעת־מעשה, ניט געכאַפּט וועגן דעם טייטש פון „לאַ מאַר״ (אין פראַנצויזיש: טויט). אויפן וועג האָט מען זיי אַלע אומגעבראַכט.

8. לאַגער קוראַמיי. דער סאַניטעטער געגנס האָט דאָ, אייגנהענטיק, דערהרגעט מיט איינמאָל 21 יידן מיט אַ קירקע.

## די מערדער פון קלאָאָגאַ

ד״ר באָטמאַן — דער הויפּט־סעגרעגאַטאָר און אומאויסהערלעכער מערדער;
ערשטער לאַגער־פירער — אַרמין רוטענבערג;
צווייטער לאַגער־פירער — אָבערשטורמפירער גערדער;
דריטער לאַגער־פירער — אָבערשאַרפירער באַק;
פערטער לאַגער־פירער — אָבערשאַרפירער — ווערלע;
סאַניטעטער — אונטערשאַרפירער באָרדע.

## די לעצטע ענדגילטיקע אַקציע האָבן דורכגעפירט:

לאַגערפירער — ווערלע;
הויפּט־לאַגערפירער פון אַלע עסטישע לאַגערן — אָבערשטורמפירער — ברענאייזן;
פירער פון אַרבעטס־איינזאַץ איבער אַלע לאַגערן אין עסטלאַנד — שוואַרצע;
הויפּט־דאָקטאָר — באָטמאַן;
הויפּטשאַרפירער — מאַקס צאַלמאַן;
סאַניטעטער — אונטערשאַרפירער געגנס
און נאָך אַ סך אַנדערע.

צו די שטענדיקע פייניקער און שלעגער האָבן געהערט, אַ חוץ די אויבן־אויסגערעכנטע — קורט שטאַכע, אַן אַדוואָקאַט פון ווילהעלמסהאַפן; קאַראַל דזשאַרדען פון אַכען; די דייטשקע — אינגע ווייצמאַן א. אַ.



לוויה פון געשענדעטע ספרי־תורות אין ווילנע
מ׳טראָגט די ארונות דורך די געטאָ־געסלעך



הספד ביים אַריינגאַנג אין גאונס קלויז, אויפן שולהויף


VYRIAUSIOJI FARMACIJOS VALDYBA

ГЛАВНОЕ АПТЕЧНОЕ УПРАВЛЕНИЕ

באַשייניקונג פאַר מאַג. מ. באַלבערישסקי, אַלס אַפּטייק־אינספּעקטאָר אין ווילנע,
נאָך דער באַפרייאונג.

לאָדזשער געטאָ

# GRUSSPFLICHT IM GETTO.

In letzter Zeit ist wiederholt festgestellt worden, dass die bereits angeordnete Grusspflicht **gegenüber allen deutschen Beamten nicht durchgeführt wird.**

**Ich mache erneut darauf aufmerksam, dass**

## alle deutschen Beamten

**—in Uniform und Zivil—von den Gettobewohnern zu grüssen sind. Diese Grusspflicht erstreckt sich auch auf durchfahrende Personenkraftwagen.**

**Die Grusspflicht wird durch die Ordnungsdienst- und Feuerwehrmänner durch Einnehmen der strammen Haltung und von allen übrigen durch Ziehen der Kopfbedeckung ausgeführt.**

**Die Frauen sowie Personen ohne Kopfbedeckung grüssen durch Neigen des Kopfes.**

Die Nichtbefolgung dieser Anordnung zieht

**schärfste Bestrafung**

nach sich.

פאַראָרדנונג וועגן באַגריסן יעדן דייטש, וואָס גייט דורך דאָס געטאָ

Der Polizeipräsident
Abt. I. Evak.

762

Litzmannstadt, den 17. April 1940.

An den Ältesten der Juden

In Litzmannstadt

Kirchplatz 4.

19.IV.40

Da die Ghetto-Bildung nunmehr soweit fortgeschritten ist, daß am 30.4.d.Js. die Abschließung erfolgen kann, hat der jüdische Ordnungsdienst ab sofort die Überwachung der Umzäunung des Ghettos zu übernehmen. Für alle entstehenden Beschädigungen hat in Zukunft die Judengemeinde zu haften, auch werde ich gegebenenfalls die verantwortlichen Führer des Jüdischen Ordnungsdienstes gemäß Pol. Verordnung über die Bildung eines jüdischen Ordnungsdienstes vom 2o. Februar 1940 bestrafen.

Der Polizeipräsident
gez. S c h ä f e r
SS- Brigadeführer

Beglaubigt:
[signature]
Polizeiinspektor

פאַראָרדנונג פון פּאָליצײ־פּרעזידענט װעגן איבערנעמען דורך דער יידישער פּאָליצײ די װאַך אין געטאָ — פון 30־טן אַפּריל 1940, אין טאָג װען דאָס געטאָ װערט געשלאָסן.

7001

124

## Bekanntmachung Nr. [illegible]

Laut Anordnung der Reichspost gebe ich folgendes bekannt:

Der unmittelbare und mittelbare Nachrichtenverkehr mit dem feindlichen Ausland ist u n t e r s a g t./Mittelbarer Nachrichtenverkehr ist die Uebermittlung von Nachrichten an das nicht-feindliche Ausland, die zur Weitergabe an das feindliche Ausland bestimmt sind.-

Der Nachrichtenverkehr mit dem nicht-feindlichen Ausland ist grundsaetzlich zugelassen.- Im Postverkehr nach dem nichtfeindlichen Ausland ist verboten die Versendung von Ansichtskarten aller Art, von aufgeklebten Photografien, Blindenschriftsendungen, Schachaufgaben, Kreuzwort- und anderen Raetseln.- Verboten ist ferner der Gebrauch von Geheimtinte, Esperanto und hebraeischen Schriftzeichen, ferner die Anwendung von Kurzschrift und die Benutzung gefuetterter Umschlaege, sowie das Einwerfen von Sendungen in Briefkasten.- Postkarten und Briefe muessen in deutscher Sprache deutlich und leicht lesbar sein.-

Briefe duerfen hoechstens vier Seiten umfassen.-

Alle Briefsendungen nach dem nichtfeindlichen Ausland muessen am Schalter bei der Postabteilung, Kirchplatz Nr.4, oder Fischstr.1, eingeliefert werden.-

Auf der Aussenseite des Umschlages muss die volle Anschrift des Absenders angegeben werden.- Die Postgebuehr ist am Schalter zu entrichten, das Aufkleben von Briefmarken ist verboten.-

Obige Anordnung findet auch Anwendung im Postverkehr mit dem Generalgouvernement.-

Litzmannstadt, d. 17. Juni 1940
Gett.

/-/ Ch. Rumkowski
Der Aelteste der Juden
in Litzmannstadt

פאַראָרדנונג וועגן בריוו־קאָרעספּאָנדענץ מיט אויסלאַנד, וועלכע פאַרווערט דאָס באַנוצן זיך מיט עספּעראַנטאָ און העברעיש.



דער ערשטער פון די ייִדן אין ליצמאנשטאט

N. 1.

פרייז 10 פֿעניג

געטאָ-צײַטונג

פאַר אינפאָרמאַציע, פאַראָרדענונגען און באַקאַנטמאַכונגען

# פּראָגראַם פֿון דער געטאָ-צײַטונג

## באקאנטמאכונג נר. 228

[illegible]

[illegible] 1941

אויגוסט 15 שעה

**22, 23, 24, 25 און 26** [illegible]

[illegible]

| | |
|---|---|
| 70 גראם אייל | קילא קארטאפל |
| 1 קילא מייערן | 400 גראם גרויפן |
| 200 גראם בוראקעס | 200 זאלץ |

**2 מארק 3 פעניג**

[illegible]

נר. **39**

[illegible]

| | |
|---|---|
| 200 גראם מייערן | 250 גראם צוקער |
| 400 בוראקעס | 100 האניג |
| 50 פי־סארע | 150 תעמיק |
| 100 עסיק | 100 קאפע |
| א האלב שטיקל זייף | 50 אייל |

**1 מארק 95 פעניג**

[illegible]

**50 רעסא פלייש**

**20 ווארשט**

[illegible]

(–) מרדכי חיים ראמקאווסקי

[illegible] 1941

## טראנספארט פאר דער ...

[illegible]

## דאס יתומים־הויז איז א נייעם לאקאל

[illegible]

## באקאנטמאכונג נר. 227

[illegible]

[illegible]

# צו דיר, יוגנט, איז מיין רוף געווענדעט!!

[illegible]

פון זונטאג אן, ד׳ 9 מערץ 1941

## קענען אלע יוגנטלעכע

אין עלטער ביז 15 יאר און אין ...

## וואס ווילן זיך אויסלערנען א פאך

... פון די פאבריקן און ווערקשטעלן,

[illegible]

### צום פרייז פון 5 פעניג א שטיק

[illegible]

[illegible]

אדוו. הענריק נעפטאלין

[illegible]

## ישראל מענדל נ״ע

[illegible]

מרדכי חיים רומקאווסקי

# שטערט מיר נישט אין מיין ארבעט!

# די שטארקע האנט...

# פונעם געטא-לעבן

## געזונד זאלט איר מיר זיין!...

## פרעזעס רומקאווסקי אויף א באזוך אין דער צענטראל-תפיסה

## Bekanntmachung Nr. 341.

BETR.:

# EINZIEHUNG DER ARBEITSBÜCHER

## VON DEN NEUEINGESIEDELTEN.

Hierdurch fordere ich die Neueingesiedelten aus dem Altreich

**zur sofortigen Abgabe der noch in ihrem Besitz befindlichen Arbeitsbücher**

— ausgestellt vom Arbeitsamt — auf.

Die Transportleiter, bezw. Gruppenführer der einzelnen Transporte, haben die Arbeitsbücher von den in den Lägern befindlichen Personen einzusammeln und dann geschlossen

**bis spätestens 2.12. 1941**

in der **Abteilung Arbeits-Referat, Hamburgerstr. 11** abzuliefern.

Die bereits in Privatwohnungen untergebrachten Personen müssen die Arbeitsbücher ebenfalls

**bis spätestens 2.12. 1941**

***direkt***

in der **Abteilung Arbeits-Referat, Hamburgerstr. 11** abliefern.

**(-) CH. RUMKOWSKI**
Der Aelteste der Juden in Litzmannstadt.

Litzmannstadt-Getto, d. 29. November 1941.

פאַראָרדנונג צו די נייַ־איינגעזידלטע אין לאָדזשער געטאָ, וועגן זאָפּאָרטיקן צושטעלן די אַרבעטס־ביכלעך

## R u n d s c h r e i b e n !

**An alle Abteilungen, Werkstätten und Fabriken.**

Ich habe in letzter Zeit festgestellt, dass die Diebstähle in den Abteilungen des Arbeits-Ressorts, in Verteilungsstellen der Verpflegungsabteilung, in Bäckereien und Küchen noch weiter häufig vorkommen.

Nachdem diese Taten in der heutigen schweren Lage die lebenswichtigsten Interessen der ganzen Gettobevölkerung gefährden und schwere Folgen nach sich ziehen können, habe ich veranlasst, dass mein Gericht für solche Verbrechen verschärfte Strafen verhängt. Zu diesem Zwecke habe ich im Zentralgefängnis eine besondere Abteilung als verschärftes Gefängnis errichtet, in welchem der Verurteilte die Zelle nicht verlassen, keine Sprech-oder Besuchserlaubnis erhalten darf, keine Arbeitsmöglichkeit hat und in erster Reihe verringerte Lebensmittelzuteilung bekommt.

In diesem Zusammenhang habe ich auch festgestellt, dass das Strafverfahren bisher in vielen Fällen durch das Verhalten der Vorgesetzten oder Arbeitskollegen des Täters erschwert oder verhindert wurde. Es ist vorgekommen, dass viele Straftaten nicht zur Kenntnis der Staatsanwaltschaft oder des Ordnungsdienstes gelangen, weil sie absichtlich verheimlicht werden und dass viele Straftaten durch den Ordnungsdienst nicht entsprechend verfolgt werden können, weil für den Täter interveniert wird.

Ich weise neuerlich darauf hin, dass jegliche Interventionen verboten sind und mache alle darauf aufmerksam, dass in Zukunft jeder als Mitschuldiger in gleicher Weise wie der Täter zur Verantwortung gezogen und bestraft wird, wer als Vorgesetzter des Täters diesen verheimlicht und nicht der Staatsanwaltschaft oder dem Ordnungsdienst Anzeige erstattet oder auch sonst etwas unterlässt, was zur Aufklärung der Straftat führen kann.

Gleichzeitig verbiete ich die Durchführung jeglicher Untersuchungen im eigenen Wirkungskreis. Von jeder Straftat ist unverzüglich die Staatsanwaltschaft und in dringenden Fällen die Untersuchungsabteilung oder die sonstige zuständige Abteilung des Ordnungsdienstes in Kenntnis zu setzen. Die Erledigung eines solchen Falles durch blosse Entfernung des Schuldigen von der Arbeit genügt nicht und ist unzulässig.

Der Inhalt dieses Rundschreibens ist bei Ihnen zur allgemeinen Kenntnis zu bringen.

Litzmannstadt, den 20. August 1942
Getto.

/-/ Ch. Rumkowski
Der Aelteste der Juden
in Litzmannstadt.

צירקולאַר וועגן גניבות אין די געטאָ־וואַרשטאַטן און פאַבריקן אין לאָדזש.



Ltg.Nr. 2134/44/Wg

An das
Zwischen-Konzert-Comitee
B a s e l

Gemäss der Anordnung des Comitees ... durch Herrn ... erteilt wurde, übersenden wir ... die Aufstellung der Personen, die von dem Comitee zur Abgabe auf der Liste qualifiziert wurden.

| Lf.Nr. | Evid.Nr. | Name und Vorname | Adresse | Alter | Funktion | Karten Nr. | Bemerkung |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1. | 761 | Apfeldorfer Vera | Sulzf. 9/26 | 1921 | Büroang. | 172407 | |
| 2. | 325 | Berman Irma | Gnesener 5 | 1896 | " | 169074 | |
| 3. | 668 | Berman Hilde | Franz 67 | 1657 | " | 15773. | |
| 4. | 434 | Gyntiger Laja | Pfeffer 12 | 1902 | Phys. Arb. | 170532 | |
| 5. | 520 | Gutkiewicz Rebeka | [illegible] 26 | 189[illegible] | Büroarb. | 147964 | |
| 6. | 615 | Dasch Klara | Brunnen 18 | 1899 | " | 162159 | |
| 7. | 334 | Dux Gerold | [illegible] 16 | 1894 | " | 172010 | |
| 8. | 612 | Feigenbaum Chaim J. | [illegible] 30 | 1890 | " | 146553 | |
| 9. | 760 | Gutman Estera | [illegible] 21 | 1920 | " | 006772 | |
| 10. | 836 | Gumpertz Alma | Sperling 18 | 1894 | " | 166306 | |
| 11. | 404 | Gumpertz Leo | Sperling 18 | 1864 | " | 166307 | |
| 12. | 703 | Hersenberg Jocka | Alexhof 26 | 1895 | " | 127436 | |
| 13. | 435 | Jedwab Szajndla | Keim 15 | 1892 | Phys. Arb. | 177627 | |
| 14. | 495 | Jakubowicz Icek | Matrosen 37 | 1896 | Portier | 169466 | |
| 15. | 614 | Kleinlerer Pola | Baum 1 | 1926 | Büroarb. | 040256 | |
| 16. | [illegible] | Kann [illegible] | Richter 2 | 1882 | " | 171958 | |
| 17. | [illegible] | Klapar Pola | Cranach 6 | 1903 | Aufräumer. | 01159[illegible] | |
| 18. | [illegible] | Krause Rinde | Hohenst. 37 | 1896 | Büroarb. | 070930 | |
| 19. | [illegible] | Marzec Mosze | Sperling 26 | 1919 | " | 056031 | |
| 20. | 788 | Markiel Laja | Hohenst. 42 | 1907 | " | 146010 | |
| 21. | 44 | Mines Pola | Rauch 1 | 1915 | " | 062304 | |
| 22. | 839 | Niewiński [illegible] | Hohenst. 10 | 1924 | " | 067026 | |
| 23. | 812 | Politzer Emil | Sulzf. 4a | 1886 | " | 142029 | |
| 24. | 794 | Poplin David | Ruger 1a | 1868 | " | 047756 | |
| 25. | 746 | Prentki Szymon | Insel 10 | 1901 | " | | |
| 26. | 246 | Rothschild Rebeka | Keim 73 | 1897 | " | 166039 | |
| 27. | 457 | Smirgeld Hendla | An Bach 5 | 1900 | " | 074057 | |
| 28. | 398 | Stiefel-Pola Hannelore | Alexhof 28 | 1920 | " | 168717 | |
| 29. | 810 | Singer Hedwig | Hamburger 19 | 1886 | " | 161696 | |
| 30. | 496 | Seligman Leopold | An Bach 6 | 1888 | " | 166806 | |
| 31. | 613 | Witelson Sasja | An Bach 3 | 1898 | " | 0747[illegible]0 | |
| 32. | 360 | Weiner Golda | Kaiserhild 12 | 1902 | " | 131477 | |

Litzmannstadt-Getto, d. 6. Juli 1944.

Der Aeltester der Juden
in Litzmannstadt
Ref. f. Bürobeamte

אַרבעטער־רשימה אין לאָדזשער געטאָ

געלט אין לאָדזשער געטאָ — 1 מאַרק







אַן אויסגעשניטענע פּאַרמעט־פּאַדעשווע פון אַ ספר־תורה־יריעה.



רומקאָווסקי, דער „ראש" פון לאָדזשער געטאָ, ביי דער באַן, ביים אַוועקשיקן
אַ טראַנספּאָרט יידן קיין אוישוויץ


Translated by an Officer
of the Immigration Department.
Melbourne, 8th January, 1951.

באַשייניקונג פאַר מאַג. מ. ב. פון מלוכהשן רעפּאַטריאַציע אַמט, פאַרן פאַרלאָזן פוילן

# אָוונט, געווידמעט דעם ווילנער געטאָ, אין וואָרט און ליד

**(דאָנערשטיק, 28־טער מערץ 1946, 7 אָוונט, אין זאַל פון דער ליגע אויף זאַכאָדניאַ 26)**

געז. „פריינט פון דער צענטראַלער
יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע״
אין פוילן — לאָדזש

---

**פּראָגראַם:**

ערשטער טייל

1) „גלוסט זיך מיר וויינען״ (ח. נ. ביאַליק) — רעציטירט דאָרא רובין.

2) „ווילנע, ווילנע״ (ל. וואָלפסאָן) — זינגען ד. רובין, משה סערענסאָן, זיסע הערשקאָוויטש.

3) מאג. מ. באַלבערישסקי — עפנט און דערקלערט, אַז מיט די לידער פּלעגט מען אַמאָל אָנהויבן פאַרשיידענע אָוונטן, אַקאַדעמיעס אין ווילנער געטאָ. רעדט וועגן ווילנע.

4) מענטשן פלעגן ארומגיין ווי שאָטנס אין געטאָ, ווי ניט קיין לעבעדיקע; די אַרטיסטין דאָרא רובין וועט זינגען ראָזענטאַלס ליד „שאָטנס״, וואָס זי האָט אויך אויסגעפירט אין ווילנער געטאָ־טעאַטער.ביים קלאַוויר — צפורה הפּין.

5) קינדער. נעכטן איז אויסגעפאַלן דער יאָרטאָג פון דער קינדער־אַקציע אין די לאַגערן פון ה. ק. פּ. און „קייליס״. קיינער איז ניט געשוינט געוואָרן. אַ ליד וועגן די קינדער האָט אָנגעשריבן, זייענדיק אויפן פּראָנט, דער ווילנער דוד באָטווינניק, וואָס האָט אויך פאַרפאַסט די מוזיק צום ליד.
וועט זינגען סערענסאָן; ביים קלאַוויר — דער אויטאָר.

6) ציי דאַרף עס אזוי זיין? — דעם שטילן פּראָטעסט פון די ווילנער יידן וועט איבערגעבן אין ליד ח׳ סערענסאָן. ביים קלאַוויר — צ. חפּין.

7) טויזנטער זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען, מען האָט נאָך ניט געוווּסט ווו. מענער זיינען ארומגעגאַנגען און געזוכט זייערע פרויען, פרויען האָבן געזוכט זייערע מענער, געהאָפט:
דאָס ליד א. ג. „פרילינג״ פון ש. קאַטשערגינסקי, וועט זינגען די זינגערין זיסע הערשקאָוויטש.

8) דייך איז געווען דער יידישער פאָלקלאָר אין ווילנער געטאָ. ח׳ נחמן בלומענטאַל וועט איבערגעבן אַ קורצן אַנאַליז וועגן אָט דעם בלוטיקן פאָלקלאָר.

9) געטאָ, דיך פארגעסן וועלן מיר קיינמאָל ניט!
ברוידעס אַ ליד. וועט אויספירן דאָרא רובין.

צווייטער טייל

10) ח׳ שעפּטעל האָט דורכגעמאַכט דאָס ווילנער געטאָ און אַלע לאַגערן. וועט ער אונדז איבערגעבן זיינע איינדרוקן.

11) טרויער איז ביי אונדז שטענדיק געגאַנגען צוזאַמען מיט האָפענונג.
ראָזענטאַלס ליד: „צו איינס, צוויי, דריי״ וועט זינגען ח׳ סערענסאָן.

12) די דייטשן האָבן ניט געשוינט קיין פרויען און קיין קינדער. גרויס איז געווען דער ווייטיק, דער צער.
דעם צער וועט אייך אויסזינגען ח׳ רובינא, אין דעם ליד „פרויען״.

13) „רייטער קום געשווינד, דיך רופט דיין קינד״.
דאָס ליד פון פיין און האָפענונג „שטילער, שטילער״ פון קאַטשערגינסקין, וועט זינגען ח׳ רובין.

14) ח׳ קאַטשערגינסקי וועט איבערגעבן פראַגמענטן פון פאַרטיזאַנער־לעבן אין געטאָ און אין וואַלד.

15) אַ ליד וועגן איציק וויטנבערג וועט זינגען ח׳ סערענסאָן.

16) פאַרטיזאַנער־לידער פון ווילנער געטאָ וועלן זינגען רובין, הערשקאָ־וויטש און סערענסאָן.

# געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט

ליצמאַנשטאַט — געטאָ, 21.6.1941

## פּראָטאָקאָל 1

אין דער פּריוואַט־וווינונג פון ה׳ משה מאָשקאָוויטש, זאָווישע 26, איז היינט פאָרגעקומען די טרויער־אַקאַדעמיע געווידמעט דעם אָנדענק פון פאַרשטאָרבענעם דעמאָקראַט, חבר אַדוו. יוסף ווייצמאַן.

די וווינונג פון חבר מאָשקאָוויטש איז געפּאַקט מיט מענטשן — חברים, פריינד פון פאַר־שטאָרבענעם.

פּונקט 5 נ. מ., ביי אַ פולער שטילקייט, עפנט חבר גאָלדמאַן די טרויער־אַקאַדעמיע מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

מיר האָבן דערהאַלטן אַ טרויעריקע נאַכריכט, אַז דעם 3.6 איז אין וואַרשע געשטאָרבן דער פאָרזיצער פון צ. ק. פון האַנטווערקער־פאַרבאַנד אין פוילן, פרעזעס פון דער לאָדזשער פאָלקס־פּאַרטיי, חבר אַדוו. יוסף ווייצמאַן. מיר ווילן באַערן דעם פאַרשטאָרבענעם מיט אויפשטיין פון די ערטער און מיט אַ מינוט שטילשווייגן.

חבר גאָלדמאַן לאַדנט איין אין פּרעזידיום פאָלגנדיקע חברים:

1) משה מאָשקאָוויטש
2) קשעפּיצקי
3) לעווקאָוויטש
4) גראָסמאַן
5) קופּערמינץ
6) ראָזן
7) ל. ניימאַן
8) בלאָדי
9) שיינפעלד
10) יאָסקאָוויטש
11) אינזש. הורוויטש
12) אינזש. לאַפּ

חבר גאָלדמאַן לייענט פאָר פאַר די פאַרזאַמלטע די ביאָגראַפיע פון פאַרשטאָרבענעם און גיט איבער דעם גאַנג פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט ביז צום קריג־אויסברוך.

טרויער־רעדעס האָבן געהאַלטן די ח״ח מאָשקאָוויטש, קשעפּיצקי, יאָסקאָוויטש, אינזש. הורוויטש א. א. צום סוף איז געמאַכט געוואָרן אַ פאָטאָגראַפישע אויפנאַמע און די טרויער־צערעמאָניע איז פאַרענדיקט געוואָרן.

דאַן איז אויפן פאָרשלאַג פון ח׳ גאָלדמאַן געוויילט געוואָרן אַ שטענדיקער קאָמיטעט פון 7 חברים, וואָס זאָל וואַכן איבער אַלע פראַגן וואָס קומען פאָר אין געטאָ.

געוויילט זיינען געוואָרן די ח״ח:

1) גאָלדמאַן, 2) מאָשקאָוויטש, 3) קשעפּיצקי, 4) קופּערמינץ, 5) בלאָדי, 6) לעווקאָ־וויטש, 7) גראָסמאַן.

מיט דעם איז די פאַרזאַמלונג געשלאָסן געוואָרן.

צום פּראָטאָקאָל נומער 1 פון 21סטן יוני 1941

די אַלע אויסגערעכנטע נעמען זיינען געוועזענע אַקטיווע מיטגלידער פון דער יידישער דעמאָקראַטישער פאָלקס־פּאַרטיי אין לאָדזש. די נעמען זיינען: משה מאָשקאָוויטש — וועבער; קשעפּיצקי — וועבער; לעווקאָוויטש — טישלער; גראָסמאַן — ראָד־פּאַרקער; שיינפעלד; יאָסקאָוויטש; אינזשיניער הורוויטש; קופּערמינץ — בעקער; ראָזען; לייב ניימאַן — פאַרוואַלטער פון דער קיך „נותן לחם״; בלאָדי; אינזשיניער לאַפּ.

ליצמאַנשטאַט — געטאָ, 7.7.1941

# פּ ר אָ ט אָ ק אָ ל 2

**אַנוועזנדיקע : גאָלדמאַן, קשעפּיצקי, גראָסמאַן, מאָשקאָוויטש, בלאַדי, קופּערמינק.**

**טאָג־אָרדענונג :**

1) קאָנסטיטואירונג פון קאָמיטעט ;
2) באַריכט ;
3) דיסקוסיע ;
4) פאַרשידענע פּראָבלעמען.

**ח׳ מאָשקאָוויטש זאָגט זיך אַרויס, אַז דער פאָרזיצער זאָל געוויילט ווערן פון דער אינטעליגענץ וואָס איז אין געטאָ, וואָס ווילן געזעלשאַפטלעך אַרבעטן. דער רעדנער זאָגט, אַז עס איז דאָ אין געטאָ גענוג יונגע אינטעליגענטן וואָס ווילן אַרבעטן און האָבן נישט קיין אָרט.**

**חבר קשעפּיצקי זאָגט, אַז אַ פאָרזיצער זאָל מען ווײַלן אויף דער צווייטער זיצונג. מען זאָל אַדורכפירן געשפּרעכן מיט דער אינטעליגענץ וואָס וויל אַרבעטן.**

**חבר גאָלדמאַן זאָגט זיך אַרויס, אַז מיט דער אינטעליגענץ מוז מען זײַן זייער פאָרזיכטיק, ווייל אונדזער אַרבעט איז אַ קאָנספּיראַטיווע.**

**צום סוף איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצולייגן דאָס ווײַלן פון פאָרזיצער אויף אַ וואָך צייט, ביז מיר וועלן געפינען אַ פּאַסענדיקע פּערזאָן.**

**אַלס וויצע־פאָרזיצערס זענען געוויילט געוואָרן :**

**1) מאָשקאָוויטש, 2) בלאַדי**
**סעקרעטאַר — גאָלדמאַן**
**קאַסירער — קופּערמינץ**
**עקאָנאָם — קשעפּיצקי**

2. ב אַ ר י כ ט :

**חבר גאָלדמאַן גיט אָפּ אַ באַריכט : די טרויער־אַקאַדעמיע, וואָס איז פאָרגעקומען ביי מאָשקאָוויטש, האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין געטאָ. עס איז דאָ אַ סך חברים און סימפּאַטיקער פון פאַרשטאָרבענעם, וואָס זײַנען אויף אונדז בייז, פאַרוואָס מען האָט זיי נישט איינגעלאַדן. מיר האָבן דאָס אָבער נישט געקענט מאַכן, ווייל דער לאָקאַל איז צו ענג.**

**חברים קומען און לייגן פאָר : מען זאָל אָרגאַניזירן אַ צווייטע אַקאַדעמיע, אָבער עס וועט זיך דאָס נישט לאָזן מאַכן, ווייל די פּאָליטישע לאַגע האָט זיך געענדערט. דאָס אויסברעכן די קריג מיט רוסלאַנד לאָזט זיך גוט פילן אין די געטאָ־גאַסן. עס ווערט באַשלאָסן נישט צו מאַכן קיין אַקאַדעמיע.**

**פּ. ס. עס ווערט באַשלאָסן צו רופן יעדן שבת אַ זיצונג, אָבער נישט אויפן זעלבן אָרט.**

**מיט דעם איז די זיצונג געשלאָסן.**

(—) מ. גאָלדמאַן — **סעקרעטאַר**

ליצמאַנשטאָט — געטאָ, 20.7.1941

## פּראָטאָקאָל 3

**אָנוועזנדיקע: גאָלדמאַן, מאָשקאָוויטש, קשעפּיצקי, ראָזן, קופּערמינץ, בלאָדי.**

**טאָג־אָרדענונג:**

1) באַריכט;
2) וועגן שאַפן אַ פאָלקס־קיך;
3) פאַרשידענע פּראָבלעמען.

חבר קשעפּיצקי גיט איבער, אַז ער האָט אָדורכגעפירט אַ געשפּרעך מיט פּראָפ. נוסבוים וועגן איבערנעמען דעם פאָרזיץ. פּראָפ. נוסבוים איז אַן עלטערער מענטש מיט געזעלשאַפטלעכער פּראַקטיק. ער איז דער ברודער פון רעד. נוסבוים־אָלטאָשעווסקי, געוו. דירעקטאָר אין דער האַנטווערקער־שול, פּאָמאָרסקע 8—46. איצט טעטיק אַלס לייטער אין בילדונגס־רעפּעראַט ביים עלטעסטן פון יידן אין געטאָ.

חבר גאָלדמאַן האָט גערעדט מיט אַדוו. ב. ווייסקאָפּ, איצט ריכטער אין געטאָ־געריכט, געוו. פריינד פון פאַרשטאָרבענעם ה׳ אַדוו. ווייצמאַן. אַ יונגער מענטש וועלכער איז מסכים צו ווערן פאָרזיצער.

צום סוף איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן פּראָפ. נוסבוים אַלס פּרעזעס און אַדוו. ב. ווייסקאָפּ אַלס פאָרזיצער.

צוליב דער שפּעטער צייט איז די זיצונג געשלאָסן געוואָרן.

(—) מ. גאָלדמאַן

*

**די 3 פּראָטאָקאָלן זיינען אָריגינעלע, געשריבן אין געטאָ דורך דעם אַקטיוון פּאַרטיי־טוער ה׳ מ. גאָלדמאַן (לעבט היינט אין לאָדזש). נאָך דער באַפרייאונג האָט ער אַרויסגענומען די דאָקומענטן פון אַ באַהעלטעניש אין געטאָ און מיר זיי איבערגעגעבן.**

ב.



בלימלטאָג פּאַר „אָזע" (1921), אין פּאָדבראָדז — אַ גרופּע יונגע זאַמלער:

זיצן פון רעכטס: פּרל. קראַוטשינסקאַ, פּרל. מאַיעראָוויטש, פּרוי שקלאַרעוויטש, אַפּ־טייקער מ. באַלבערישסקי, לערער פון דער יידישער פאָלקסשול (נאָמען ניט באַקאַנט), אַ צווייטער לערער, סאַטאַרסקי (העברעיש)



לעך אים אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן
אַלץ, שפּעטער אין אָוונט האָבן בײדע



דאָס געסטאַפּאָ קאַרטל אויף נח פּרילוצקי

זיך געזעגנט, און ווערזשבאָווסקי, וועלכן
מײנס משפּחה ס'האָט דאָן געליבט

דאָס רעגיסטראַציע־קאַרטל פון נח פּרילוצקי, בײ דער געסטאַפּאָ אין ווילנע



אַ גרופּע יוגנטלעכע פּאַלקיסטן אין לאָדזשער געטאָ. דריטער רעכטס, אין מיטלסטער רײ — דער אַקטיווער פּאַלקיסט, מ. גאָלדמאַן. — (פאָטאָגראַפירט דעם 6טן אויגוסט 1941)



5־טער יידישער האַנטווערקער־קאָנגרעס אין פּוילן, אין זאַל פון שטאַטראַט וואַרשע, 31 מאַי — 1 יוני 1936
דער ערשטער אין דער דריטער ריי, אין צענטער פון זאַל — דער מחבר.



1943 — 1945 — 1965

זונטיק, דעם 25טן אַפּריל 1965. אזכרה ביים אָנדענק־מאָנומענט אויפֿן קאַרלטאָנער בית־עולם אין מעלבורן — צום 22טן יאָרטאָג פֿון אויפֿשטאַנד אין געטאָ וואַרשע, און צום 20טן יאָרטאָג פֿון דער באַפֿרייאונג. ביים מיקראָפֿאָן: מאַג. מ. באַלבערישסקי — דער גרינדער און ערן־פּרעזידענט פֿון קאַצעטלער־פֿאַרבאַנד.

# משפחה־בילדער



אויף דאַטשע אין אַנטאָקאָלע, ווילנע, זומער 1933.

לינקס — דער מחבר. אויפֿן וויג־שטול זיצט די מוטער ליבע ע״ה, מיט די צוויי אייניקלעך, טעא און דבורה. רעכטס, דער ברודער הלל, פֿון איוויע.



דעם מחברס 3 שוועסטערס: לינקס — סאָניע מאַרגאַוויצקאַ, רעכטס — ברײַנע פּויזנער, בײדע אומגעקומען מיט זײערע פאַמיליעס אין ראַטנפאַרבאַנד. די דריטע, אין צענטער — חנה ראַכמילעוויטש, לעבט אין ישראל.



דער מחבר, אַלס סטודענט פון ווילנער אוניווערסיטעט, אין יאָר 1922

# נ אָ כ װ אָ ר ט

פרעגן מיך פֿרײַנט: במשך די העכער 20 יאָר נאָך דער װעלט־שחיטה און אומקום פֿון אַ דריטל פֿון אונדזער פֿאָלק, זײַנען פֿאַר־עפֿנטלעכט געװאָרן גרױסע צאָלן פֿון ביכער, אָפּהאַנדלונגען, גבֿיית־עדותן אױף אומצאָליקע פּראָצעסן, דערינערונגען, מעמואַרן פֿון מיליטער־לײַט, דיפּלאָמאַטן, פֿון לעבן־געבליבענע קרבנות, אַקטיװע מערדער, אַנטײל־נעמער אין די שחיטות און אַזױ װײַטער און װײַטער — טאָ װאָס פֿאַר אַ נײַעס קען נאָך ברענגען אַ נײַ בוך? צי לױנט די פּראַצע און די קאָסטן? מיר װײסן שױן אַלץ, מער קײן נײַעס קען מען שױן אונדז ניט זאָגן. עס גענוגט! און אױב דאָס איז װײניק, האָבן מיר אין די יידישע היסטאָרישע אינסטיטוטן, װי: „ייװאָ", „יד־ושם" אין ירושלים, װאַרשע, פּאַריז, ניו־יאָרק א.א. ריזיקע אַרכיװן מיט נאָך ניט באַאַרבעטע און ניט פֿאַרעפֿנטלעכטע מאַטעריאַלן. גענוג!

ענטפֿער איך די פֿרײַנט: אַלץ װאָס איר זאָגט איז ריכטיק. עס שטימט. מ'איז געװען אין געטאָס, אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין טױט־לאַגערן, אין בונקערס, אין פּאַרטיזאַנקע, אין פֿעלדער און װעל־דער, ריכטיק. אָבער יעדער לעבן־געבליבענער האָט דאָך בײַגעװױנט בלױז אײנצלנע עפּיזאָדן. און אַפֿילו אײן און די זעלבע פּאַסירונג איז דאָך אַדורכגעלעבט געװאָרן אױף אַ פֿאַרשידנאַרטיקן אופֿן. אָט זײַנען פֿאַר די העכער 20 יאָר פּריצײַטיק אָפּגעשטאָרבן אַ סך קרבנות און מיט זײ זײַנען אַװעק אין די קבֿרים זײערע איבערלעבונגען, װאָס װאָלטן בלי ספֿק געהאַט פֿאַר דער געשיכטע אַ גרױסע באַדײַטונג.

די אַלע מאַטעריאַלן, װאָס װערן איצט געזאַמלט און געדרוקט, װעלן דאָך דינען אין די װײַטערדיקע דורות אַלס דאָקומענטן צו דער געשיכטע פֿון אונדזער דריטן חורבן. דאָס זײַנען מאַטעריאַלן פֿאַר די צוקונפֿטיקע היסטאָריקער, פֿאַר די צוקונפֿטיקע גרעץ'ס, דובנאָװ'ס און אַנדערע יידישע און ניט־יידישע היסטאָריקער. זײ װעלן דאָס געדרוקטע און ניט־געדרוקטע מאַטעריאַל — װאָס געפֿינט זיך נאָך

אין די מלוכהשע אַרכיוון אין די צענדליקער טויזנטער — סעגרעגירן, פאַרגלייכן, קאָנטראָלירן און ערשט אין דורות אַרום צונויפשטעלן דאָס אמתע בילד פון דער טראַגישער תקופה פון דער מענטשהייט בכלל און פון אונדז יידן בפרט. דער חוב פון אונדזער דור, און ספעציעל פון די מענטשן, וועלכע זיינען געווען דירעקט אין פייער, איז אַלץ צו פאַרשרייבן.

איצט — אַ צווייטע זייער אָנגעווייטיקטע פראַגע, וועלכע ווערט בכלל פאַרשוויגן: „ווי אַזוי האָט בכלל געקענט פאַסירן אַזאַ אומגליק אין אַזאַ פאַרנעם?״ ווי אַזוי האָט געקענט פאַסירן, אַז אַ פאָלק פון 18 מיליאָן נפשות, פון זיי — קרוב 9 מיליאָן אין אייראָפּע; אַ פאָלק, צווישן וועלכן עס האָט געלעבט דער גרעסטער גאון פאַר די לעצטע יאָרהונדערטער — אַלבערט איינשטיין; אַ פאָלק, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל אַנדערע וועלט־באַרימטע וויסנשאַפטלער; אַ פאָלק, וואָס האָט געהאַט אין זיין באַזיץ ריזיקע מאַטעריעלע אוצרות, גרויסע וועלט־אינסטיטוציעס, מעכטיקע פּאָליטישע באַוועגונגען, אין אַ צייט ווען עס פלעגט שווייבלען און גריבלען פון וועלט־קאָנגרעסן, צוזאַמענפאָרן, קאָנפערענצן א.א.וו. — ווי אַזוי האָט פאַסירט, אַז אַזאַ פאָלק מיט די גרעסטע וועלט־דערפאַרונגען פון רדיפות און שחיטות, זאָל זיין אַזוי בלינד, אַזוי ניט אינפאָרמירט וועגן אַזאַ מבול וואָס גייט אויף אים? ווי אַזוי האָט דאָס געקענט פאַסירן, אַז עס זאָל ניט זיין צוגעגרייט די קלענסטע מאָס פון זעלבסט־פאַרטיידיקונג, רעטונג וכדומה? אין יענע גרויזאַמע יאָרן זיינען דאָך אַלע שערי רחמים געווען פאַר אונדז פאַרשלאָסן און פאַרמאַכט! אַלע, די גאַנצע אַזוי גערופענע „פרייע דעמאָקראַטישע וועלט״, איז דאָך געווען בלינד און טויב צו אונדזערע ליידן. און אַפילו יידן אַליין, וועלכע זיינען געווען מחוץ דעם היטלער־גיהנום — וואָס האָבן זיי געטאָן כדי צו ראַטעווען אונדז, ווען מיר זיינען געווען אין פייער?

ווען מיר וואָלטן געהאַט די קלענסטע אינפאָרמאַציע, די קלענסטע רעטונגס־פּאָזיציע, וואָלט מען דאָך „עפעס״ געראַטעוועט! אָבער, אָט דער „עפעס״ וואָלט דאָך באַדייט אַ סך לעבנס פון יידן! אויף אַלץ האָבן מיר געהאַט מיליאָנען, נאָר קיינער פון די וועלט־פירער האָט ניט געהאַט דעם שכל אויף איינצושטעלן אַ שפּיאָנאַזש־נעץ, מעג זיין אין קלענסטן פאַרנעם, כאָטש אַ קליינע רעטונגס־אַקציע ערגעץ־ווו, כדי אַרויסצונעמען יידן.

באַנקראָטירט האָבן די אַזוי גערופענע יידישע פירער פון יענער תקופה, מיט זיי די גאַנצע יידישע כלל־אַרבעט.

צעטומלט, הילפלאָז און מאַכטלאָז איז געשטאַנען דאָס יידישע פאָלק אין דער טראַגישסטער עפּאָכע פון זיין עקזיסטענץ. דאַקעגן דער שונא האָט זיין אויסראָטונגס־אַרבעט געפירט סיסטעמאַטיש מיט אַ פּרעציז־אויסגעאַרבעטן פּלאַן.

די ציוניסטישע וועלט — וועלכע האָט מיט עטלעכע צענדליק יאָר פריער ניט דערלאָזט קאָלאָניזירן אוגאַנדע, פונקט ווי די ניט־ציוניסטישע וועלט, צו וועלכער אויך איך האָב געהערט, האָבן ניט צוגעלייגט קיין האַנט צו קאָלאָניזירן פּאַלעסטינע — זיי אַלע זיינען באַגאַנגען שווערע און טראַגישע געשיכטלעכע טעותן.

דער אויספיר איז אַ קלאָרער: די טראַגעדיע, אין איר שוידערלעכן פאַרנעם, איז מעגלעך געווען בלויז אַדאַנק דעם, וואָס מיר האָבן ניט געהאַט קיין איין איינציקן זעלבשטענדיקן טעריטאָריאַלן צענטער. די ציוניסטישע באַוועגונג, גענוי ווי די טעריטאָריאַליסטן, האָבן ניט באַוויזן אַזאַ זאַך צו שאַפן.

וואָלטן מיר דאַן געהאַט אַן אייגענעם, אַפילו קליינעם מלוכה־צענטער, ווי עס איז היינט מדינת ישראל, וואָלט דער חורבן, בלי ספק, ניט געווען אין אַזאַ גרויסן, שוידערלעכן פאַרנעם. אַוודאי וואָלט אַ יידישע מדינה ניט אָפּגעהאַלטן היטלערן פון זיינע גענג און ווילן צו פאַרניכטן דאָס יידישע פאָלק, אָבער „עפּעס" וואָלט אַזאַ מדינה געראַטעוועט, און אָט דער „עפּעס" וואָלט דאָך ווידער באַדייט אומ־צאָליקע יידישע לעבנס.

און די לעצטע באַמערקונג — ווו איז דער ענטפער אויף דער שאלה: ווי אַזוי האָבן ריזיקע מאַסן מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער איבערנאַכט זיך פאַרוואַנדלט אין חיות רעות, אין מענטשן־קאַניבאַלן?

די ריכטיקע, אָביעקטיווע, אַלזייטיקע אָפּשאַצונג פון דער טראַגיישער תקופה וועלן געבן די צוקונפטיקע היסטאָריקער, פאַר וועמען איך שרייב מיין ווערק.

מ. ב.

# זוכצעטל פון נעמען


## א

אַבאַזשאַנעק 46
אַבעלאָוויטש מאיר 394
אַבערהאַרט 420
אַבראַמאָוויטש 67, 68, 322, 547
אגוז זלמן 394
אַדלער, אַפּטייקער 123, 396
אַדעלמאַן מרים 395
אָווידאַן יאַנקל 297
אָוסייעוויטש איציק 564
אומרו דוד 103
אורבאַך יאָהאַן 347
אושפּיז יצחק 428
אַזיעלאַנסקי מרדכי 255, 346, 347
אַזיעראַנסקי 187
אַטאָוויטש 244
איזראַעלים מאַשאַ 346
אייזען 523
אימיניאַטאָווא ד״ר 386
אַכרעפּאָו, לייטענאַנט 568, 586
אלייסקי 490, 491, 503, 518, 538
אלקעניצקאַ געניאַ 564, 567
אַמטשינאָווסקי אהרן 547
אַנאַליק מאַשאַ 355
אַנאַליק משה 516, 577, 586
אַנאַליק ניסן 525, 542, 586
אַנטאַקאָליעץ ד״ר 347, 348
אַנסאָש 527, 539
אַסטער, קאָמיסאַר 311, 378, 483, 484, 485, 546, 547, 554
אַפּאַטאָשו יוסף 147
אַקאָוויע העגריק 52
אַקס, אינזש. 557
אַקסעלראָד־שוואַרץ 185, 245
אַש שלום 80, 147
אַשכנזי אַבאַ 31

## ב

באַגריאַנסקי 347
באַטמאַן ד״ר 530, 540, 586, 587
באַלבערישסקי הלל 30
באַלבערישסקי סעאַדאָר 45, 46, 489, 516, 547, 566, 567, 577, 581, 586
באַלבערישסקי ליזאַ 41, 46
באַלבערישסקי מענדל, מאַג. 12, 13, 15, 17, 18, 19, 20, 21, 22, 23, 24, 46, 49, 52, 65, 66, 112, 175, 210, 214, 242, 258, 274, 397, 482, 483, 516, 547, 559, 566, 568, 573, 578, 586
באַלטופּסקי אַבקע 520
באַלקאָווסקי, מאַג. 118, 123
באַסטאַמסקי 566
באַק 566
באַק, אַבערשאַרפּירער 586
באַקאַשורסקי חיים 276, 277, 278, 280, 282, 283, 289, 458, 473, 505
באַראָווסקאַ כיענאַ 100, 465
באַראַן מרדכי 311, 346, 347
באַראַנאָווסקי שלמה 347
באַרדע, אונטערשאַרפּירער 586
באַרדע, סאַניטעטער 539
באַרזכין 46
בוזשאַנסקי ד״ר 568
בוך מינאַ 355
בולדקין ליפּמאַן 346
בולקין נחום 547
בונימאָוויטש ישראל 139, 185, 244, 356
בונימאָוויטש ראָזאַ 245
בוראַקאָס 135, 141, 143, 149, 210, 231, 232, 233, 234
בוראַקיסקי ישראל 394
בורשטיין 258, 263, 273, 274, 280, 281, 283, 285, 286, 288
בושטעלסקי אהרן 428
בזשאַזאָווסקאַ 566
בזשוסטאָווסקי חיים 90, 523
בזשוסטאָווסקי סעלאַ 90, 513, 514
בייגעל, קאַפּיטאַן 421, 427, 428
בייוואָל פרידאַ 572
בירזשישקאַ בראָניסלאַווא 124, 126, 149

בירזשישקאָ וויקטאָר 91
בירזשישקאָ מיכאל, פּראָפ' 77, 79, 80, 91, 103, 124, 139, 149
בירזשישקאָ מיקאָלאַס 145
בירקענהיים 118
בלאַדי 595, 596, 597
בלאושטיין 586
בלאָך י. 435
בלאָך שלמה 537, 547
בלאָך שמעון 428
בלומענטאַל הירש 344
בלומענטאַל נחמן 344, 345
בליאַכער שבתאַי, אַרטיסט 479, 490, 503, 510
בענגען פּעדאַ 394
בענדזיאַוואָסקי 524
בענדעל 165
בענדער, זשורנאַליסט 517
בעניאַקאָנסקי ברוך 346, 479, 480
בעקער 19
בערגער 322
בערגער הירש ד"ר 516
בערגער צדוק 516
בערנשטיין, פּאָליציאַנט 212
בערשטעל משה אהרן 161, 187
בראָדסקי מ. ד"ר 150, 269, 270, 275, 301, 349, 351, 352, 354, 356
בראָודע א. 300, 301, 335, 337, 343, 347, 458
בראַנזאַפּט 311, 349
ברודנאָ 566
ברודנע 516
ברוידע משה 394
ברוידע רחל 104, 349
ברוידעס אַברעמקע 521
ברושטיין 119, 148
ברושטיין לייב 394
ברענאייזן, אָבערשטורמפירער 587

## ג

גאַוועגדאַ הערץ 491, 503, 526, 539
גאַווערסקי 395
גאַיזעווסקי קאָנסטאַנטין 145
גאַלאַמפּיעל 521
גאָלד 516, 529
גאָלדבורס ד"ר 289
גאָלדבערג 575
גאָלדבערג באָריס 182
גאָלדמאַן מ. 46, 595, 596, 597
גאַנטאַוויק אברהם 573, 580
גאַנטשאַרענקאָ ראָמאַן 132, 133
גאַנעס לעוו 566
גאָפּענהיים אירענאַ 301
גאָרדאָן 180, 213, 446
גאָרדאָן ב. 446
גאָרדאָן שלמה 182, 225
גאָרלין ליבע 312
גוטגעשטאַלט הערש 88, 104, 225, 349, 537
גוטמאַן 479
גוכמאַן, אינזש. 209, 254, 301, 311, 400, 403, 412, 484, 586
גורוויטש 100, 203, 312, 490, 507, 508, 566
גורעוויטש 396
גידערמאַן 510
גיטעלזאָן, ד"ר 385
גיטעלמאַן, ד"ר 464
גיטערמאַן פּר. 77, 118
גייוואָוש אליהו 297
גייוואָוש יצחק 297
גילגיטש מאיר 349
גינזבורג יודל 525
גירשאָווסקי 21
גלאָבוס, ד"ר 376
גלאַזמאַן יוסף 289, 290, 345, 347, 412, 420, 421, 431, 432, 461, 473
גלאָס י. 20, 28
געדרויצאַס, וויצע־מיג. 80
געזונטהייט ה. 223
געזונטהייט שאַיע 203
געלמאַן, ד"ר 90
געלמאַן לוסיאַ 493
געלפּאַרב 566
גענס, סאַניטעטער, 587

גענס, אונטערשאַרפירער 587
גענס יעקב 242, 254, 284, 290, 300, 307, 323, 330, 337, 342, 350, 403, 420, 421, 422, 424, 425, 426, 427, 430, 431, 440, 450, 451, 452, 454, 455, 456, 457, 458, 459, 460, 461, 462, 465, 466, 468, 470, 471, 473, 474, 475
גענס סאַלאָמאָן 322, 347, 475, 479, 483, 485, 510, 525
געצאָוו, ד״ר 509
גערדער, אָבערשטורמפירער 587
גערמאַנישסקי 518
גערשטיין יוסף 297
גערשטיין יעקב 258, 394, 442
גראָדזענסקי, אַפּטייקער 34, 297
גראָדזענסקי חיים עוזר, הרב 73, 99
גראָדזענסקי לייבקע 521
גראָדע חיים 92, 104
גראָסמאַן 595, 596
גראָסמאַן מאָריץ 293
גרוזענבערג אָסקאַר, אַדוו. 79
גרינפעלד יעקב, פּאָליציאַנט 297
גרינשפּאַן הערשל 29
גרשון ג., ד״ר 21, 356
גרשוני גריגאָרי, ד״ר 31, 147

ד

דאַנדעס 568
דוגאַרדען קאַשאַל 518, 519, 587
דורמאַשקין, קאָמפּאָז. 552, 556
דויטשער מנחם 312
דימיטראָווסקי אברהם, ד״ר 312
דימענשטיין 524
דעאָול לייבע 297, 510
דעסלער סאָלאָ 242, 307, 420, 421, 423, 424, 454, 455, 456, 457, 458, 466, 474, 475, 478
דעסלער פעליקס 420, 433, 478

ה

האָוזמאַן, ד״ר 516
האַנעמאַן, מאָלער 170
האָפמאַן 547
האָפשטיין אברהם 214
האָראָוויטש 294
האַרט 322
הורוויטש, אינזש. 595
העלער משה 394, 396
הינגסט, געביט־קאָמיסאַר 135, 137, 182, 290, 457
העלער, ד״ר 103
העס רודאָלף 111
הערבסט לעאָן 428
הערשמאַן 213

ו

וואַורעס באַסיע 566
וואָגלער א. 92, 104
וואָלט חיים 72
וואָלפסאָן דוד 348, 349, 353
וואָלפסאָן־העקעלמאָן 355
וואָלקאָוויסקי 348
וואַפּניק אברהם 564
וואָראָן 255, 322, 341, 342, 475, 490, 491, 503, 506
וואָראָנאָוו 187, 397
וואַשגיל געניע 355
וויגאָדסקי יעקב, ד״ר 31, 73, 74, 81, 82, 89, 119, 120, 122, 124, 125, 126, 129, 130, 131, 135, 136, 147, 148, 149, 150
וויגאָדסקי סעמיאָנאָוונאַ יעלענאַ 121, 148, 150
וויטוכאָווסקי הירש 297
וויטענבערג איציק 349, 458, 460, 462, 463, 464, 465, 466, 473
וויין משה 525
וויינטרויב 521, 586
וויניק 272
וויינער מרדכי 346, 516
וויינער־זאָוואָדסקאָ שרה 312
וויינריב, ד״ר 90, 352, 354, 376, 493
וויינרייך מ., ד״ר 91

ווייס, געשטאַפּאָוויעץ 455, 474
ווייסקאָפּ 187
ווייסקאָפּ ב., אַדוו. 255, 341, 342, 597
ווייצמאַן יוסף, אַדוו. 20, 21, 28, 31, 69,
ווייצמאַן יוסף, אַדוו. 20, 21, 28, 31, 69,
90, 595, 597
ווילנער גאון 99
ווילקאָמיר ישראל 346
ווינציסקי 134
וועלוקע 185, 199
וועגגראָווסקי א. 131
ווערבלינסקי ישראל 131
ווערלע, אָבערשאַרפירער 586
ווראָבלעווסקי טאַדעאוש 79

# ז

זאַבלודאָווסקי מוליע 192, 533, 534, 552,
556
זאַגאַרין 526, 566
זאַגייסקי 421
זאַוועלם 31
זאַל מאַקסים 521
זאַלקינד אברהם 131, 133
זאַלקינד מיכאל 428
זאַלקינדסאָן, ד״ר 509, 527, 559
זאַק, ד״ר 112
זאַקהיים 203, 248, 279
זאַרכי פּעסיע 567
זיידל הלל 520
זיידל וואָלף 547
זיידלער סעווערין, ד״ר 516, 529, 563
זיידשנור אברהם 131, 135, 137, 165, 209,
253, 295, 301, 302, 311, 413,
415, 482
זילבערשטיין, אַדוו. 131
זילבערשטיין מאַטעלע 521
זלאָטין מאנקע 521
זשאַקאָוויטשוס, פּראָפ׳ 125
זשוקאָווסקאַ 229
זשוראַווסקי יעקב 182
זשעליגאָווסקי, גענעראַל 73
זשעליעזניקאָוו יעקב 72
זשעליעזניקאָוואַ 442

# ח

הייט 194
הייפעץ יאַשאַ 191

# ט

טאַראַסייסקי, מאַג. 399
טווערדין 524
טוכמאַן 516, 519
טורבאָוויטש, דירעקטאָר 91, 521
טורגעל סאָניע 134, 355, 397, 399
טורקאָוו יאַנאַס 52
טייטעל, אַדוו. 72
טייטעלבוים, אַדוו. 155, 191, 516, 529
טייבאָוויטש 384
טענענבוים, ד״ר 123
טעפּער, דירעקטאָר 103
טראַכטענבערג 355
טראָמפּטשינסקי 166
טראַצקי שאול, אינזש. 131, 164, 348
טראַקמאַן 258, 265, 266
טראָקענהיים, סענאַטאָר 89, 98, 271, 329
טרינאָפּאָלסקי 561, 586
טשאַרנוסקי 165
טשעסלי, אַפּטייקער 396
טשערניכאָוו יוסף 72, 106

# י

יאַאיש יאָסקע 521
יאַדלאָווקער אַרקאַדי, פידלער 191, 192, 234
יאַסאָווט אורקע 521
יאַסאָווס בערקע 521
יאַנאַטאַן 446
יאנג קלאַראַ 147
יאַניסקי מלך 428
יאַנקאָווסקי שטעסלאַוו 80
יאַסקאָוויטש 595
יאָפּע 550
יאַקאָבסאָן 200
יאַקאָבסאָן הרב 26

יאַשונסקי גריגאָרי, אַדוו. 131, 165, 209,
210, 253, 254, 258, 301, 311, 445
יאַשפּאַן, ד״ר 453
יוזעפּאָוויטש דוד 28, 46
יוסאַן ישראל 146, 248, 279, 339
יעזערסקי 524
יעראָזאָלימסקי הירש 346
יעראָזאָלימסקי זעליק 525

## כ

כאָוקין, אַפּטייקער 391, 399
כאַלאַש, מאַג. 435
כאַלעם, ד״ר 91, 131, 132, 135, 149, 387,
505, 516, 552, 554, 556
כאַמיעץ יאַקסאַ 19, 259
כוואַיניק, אַדוו. 297, 349, 488
כמיעל 101, 102
כץ אברהם 280, 288, 453, 458, 473
כץ בערל 547
כץ הירש 547

## ל

לאַמפּע מאַריס 50, 53, 110
לאַנגבאַרד א. 131, 141, 154
לאַפּ, איגנאַש. 595
לאַפּידוס 322
לאַקנער 480, 481
לוצקי וולאַדיסלאַוו 428
ליבערמאַן עווא 355
לידעם הערצל 297
ליובאַצקי ברוך 91, 110, 258
לייבאָוויטש, מאַיאָר 568
לייבאָוויטש אייזיק 182, 183, 203, 206,
207, 209, 210, 215, 218, 223, 224,
225, 233, 248, 271
לייבמאַן 517, 521
ליפּאָווסקי אסתר 395
ליפּאָווסקי שמחה 394, 395
ליפּקאָוויטש ראובן 346
ליפּשיץ 556
לעבעדיעוו ד״ר 511
לעוואַנדע ד״ר 191
לעוואַס 421, 429, 478
לעווי יצחק 524, 547
לעוויט נחום 182, 247, 248, 322
לעווין גרישאַ 284, 488, 524
לעווין זעליק 41, 182, 194, 209, 224,
247, 271
לעווין חיים 258, 264, 322
לעווין חנה 31
לעווין יצחק, הרב ד״ר 42, 89
לעווין עלטשיק 521
לעווינסאָן בער 354, 355
לעווינסאָן ד״ר 200
לעוויצקאַ ליובאַ 313
לעווקאָוויטש 595
לעוושטיין 28
לערער משה 104

## מ

מאַגאַזאַניק, מאַג. 85
מאַגאַט 524
מאַגיליאָווער 213
מאַדייסקער 349
מאַזור, אַפּט. 289
מאַזיע ג. 446
מאַזעס פרידע 419
מאַטעס ד״ר 92
מאַלאַטאַוו וויעטש. 33, 111
מאַלטשאַדסקי חיים (מאַלסקי) 243, 299,
397, 422, 423
מאַלקין 191
מאַסטאָוויטש 547
מאַץ הירש 134
מאַצקין 322
מאַרגאָוויצקי שרה 31
מאַרגענשטערן 185
מאַרקוס 297, 400
מאַשטשיצקי איגנאַצי, פּרעז. 36
מאַשקאָוויטש משה 595, 596, 597
מוט יודל 522, 523
מורער 135, 182, 201, 202, 210, 253,
300, 313
מושקאַט, אַדוו. 420, 475, 510, 516, 517

מייזעל 165
מיישטאָוויטש אַלעקס. 73
מיישעלאָווסקי 566
מיליקאָווסקי אַברעמקע 521
מילמאַן שמואל 89
מילעצקי 345
מילער אַלטער 547
מילקאָנאָוויצקי שעפסל 131, 165, 209, 210, 211, 253, 289, 290, 300, 301, 311, 351, 352, 458, 479, 484
מינצבערג לייב, דעפּוטאַט 28, 89, 98, 271, 290, 329
מינקאָווסקי מאָוריצי 147, 170
מינקער, אַפּטייקער 514, 515
מעבל, אינזש. 547
מעלאַמעד 345
מעלץ ליזאַ 355
מעלצער נחמיה 506, 507, 508, 514, 515, 516, 517, 524, 540, 572
מענדעלעוויטש 522
מעדין 586
מערקיס, פרעמ.־מינ. 93


## נ


נאַדעל פּנחס 85
נאַדעלמאַן 396
נאַז שמעון 178
נאַוויק פּ. 19
נאַטעס 297, 304, 522
נאַסיקאָוו, פּאָליציאַנט 506, 507
נאַפּאָלעאָן 524
נאַרבוט, אַפּטייקער 123, 133
נאַרושיש ש. 233
נוימאַן, שטאָט־קאָמענדאַנט 128
נוסבוים, פּראָפ׳ 597
נוסבוים־אַלטאַשעווסקי טשעסלאַוו 421, 478, 597
ניגער ש. 19
נידערמאַן 507
ניימאַן לייבוש 47, 595
ניעמענטשינסקי מאַקס 270
ניעמענטשינסקי מיראַ 270


## ס


סאָלאָווייטשיק, ד״ר 73, 86, 356
סאָלאָמיאַנסקי 155
סאַמורע אַלטער (גורוויטש) 521
סאַמורע הענעך 521
סאָקער 204
סאַראַסיי חנה 355
סאַראַצקי, רב 277
סאַראַקאַ חנה 355
סודאַרסקי 566
סומאַליצקאַ 566
סוצקעווער אברהם 92, 104
סטאַליצקי י. 442
סטאַשים, ד״ר 91
סטופּעל, מאַג. 313
סטעמבאַ, ד״ר 155, 355
סטראַשון 508
סייפער, אַדוו. 131
סיראָמאַ גרשון 213
סלוצקי ח. 324
סמוקאָוויטש, ד״ר 509
סמילג, אַדוו. 146, 206, 248, 279
סמעטאַנאַ, פּרעזידענט 93
סעגאַל י. ב. 182, 258, 265, 557
סעגאַל ישראל, רעזשיסער 503
סעגאַלאָוויטש ז. 77
סעדליס, ד״ר 348, 352, 354
סעמיאַטיצקי חיים 92, 164, 258, 266, 266, 286, 287, 288, 481, 482
סעניצקי שמעון 547
ספּאַקאַיני, ד״ר 394
ספּיר 204
סקיר זעליק 521
סקיריוס מאַיטינימאַ 324
סראַלאָוויטש 297, 311


## ע


עטינגין אברהם 346
עטינגער 347
עלטערמאַן דוד, ד״ר 200, 521
עלערס טאַטיאַנאַ 118, 158
עפראָן 522, 523

עפשטיין לאַזאַר, ד״ר 351, 378, 379, 381, 389, 390, 509, 512, 513, 516, 517

## פ

פאַווירסקי, אַדוו. 204, 237, 248, 421
פאַוולענקאָוו לייטענאַנט 568
פאַט יעקב 24
פאַטשטער וולאַדימיר, ד״ר 196, 199, 207, 209, 210, 231, 248, 516, 529
פאַל, ד״ר 144
פאַליקאַנסקי יאַנקל 297
פאַלענזיווען, אונטערשטורעמפירער 145
פאַלעצקיס 93
פאַמעראַנץ, ד״ר 509, 527
פאַן ראַט ערנסט 29
פאַפּ דאַראַ 31
פאַפּ, ד״ר 31
פאַק, אַפּטייקער 72, 260, 261
פאַרטנאָי 345
פויזנער ברײַנע 31
פויזנער, הרב 49
פייוושעוויטש רייע 587
פײַנשטיין 446
פינסקער 322
פינקעלשטיין 351, 550
פיעטרושקאַ בערקע (קאַטריעליס) 521
פישמאַן יואל 131, 165, 209, 211, 215, 253, 301, 479, 524
פישקעס 522
פלאַקס אליהו 294, 349, 394, 395
פלודערמאַכער גרשון 93
פלוטניק בערל 521
פלעשער 243
פעדקאַ 533, 544
פעטוכאָווסקי שאול 131
פעלדמאַן 182, 216, 248
פערלמאַן 345
פערלשטיין 322
פערסטער 52
פראַוויזאָר 557
פראַימסשיק אַבעל 312
פראַכאָווניק אסתר 46
פראַם 277, 278
פרוזשאַן חנא 566
פרוזשאַן שעפסקע 521, 537, 566
פרוכט מאיר 420
פרומק איזאַק, אַפּטייקער 127, 396, 509
פריד אַנאַטאָל, אינזש. 131, 165, 209, 210, 211, 248, 253, 254, 259, 260, 286, 290, 295, 300, 302, 304, 306, 307, 308, 309, 310, 313, 321, 323, 342, 245, 346, 352, 400, 403, 420, 424, 425, 430, 439, 445, 458, 479, 484, 510, 516, 517
פריד, הרב 143
פריד, ד״ר 377
פרידאַ, מאַניקושיסטקע 513
פרידבערג דוד 547
פרידמאַן פיליפ 19, 400
פרידע 313, 516
פרילוצקי נח, אַדוו. 31, 49, 77, 88, 91, 92, 93, 104, 105, 110, 112, 118, 119, 124, 125, 126, 129, 130, 143, 144, 145, 147
פרילוצקי פאַולאַ 49, 106, 112, 118, 119, 143, 144, 146, 147, 215
פרנס, אינזש. 122, 131
פרעגער ראובן 394
פרץ י. ל. 92

## צ

צאַדיקאָוו ש. 510, 575, 576
צאַלמאַן מאַקס, הויפּטשאַרפירער 587
צוקערזיס מיראַן 72, 118, 123, 134
ציבולסקי 322
צייטלין הלל 29
צ׳ינציגאַטוס, מאַג. 72, 111
ציפּוק 566
צעלער, ד״ר 132
צענדזיאַווסקי 516
צענפעניק, קאָמענדאַנט 127

## ק

קאַגאַן 53, 58, 59, 254, 276, 566

קאַגאַן דאַראַ 312
קאַגאַן ריווע 322
קאַהאַן אב 105
קאַהאַן ישראל 88
קאַהאַן לאַזאַר 49, 50, 77, 90
קאַוואַלסקי 516, 529
קאַוואַרסקי קלאַרא 493
קאַוואַרסקי ג. ד״ר 91
קאַוואַרסקי פייוויש 566
קאַזלאַווסקאַ זאָסיע 166, 169, 170
קאַזלאַווסקי 460
קאַטיק אברהם 389
קאַטשערגינסקי, שניידער 557, 566
קאַטשערגינסקי ש. 23, 30, 92, 104
קאָלאָדניי, ד״ר 264, 356, 396
קאַלמאַנאָוויטש זעליק 145, 294, 353, 444, 446
קאָמיסאַראָוו נח 547, 556
קאַמענעצקי ש. 21
קאַמערמאַכער נתן 322, 346, 347
קאַן אשר 29, 69
קאַן ד״ר 155
קאַן מאַקס, קאָנסול 20, 21, 27, 29, 46, 69
קאַן פנחס 131, 143, 149
קאַנטאָראָוויטש מאַקס 118, 260, 261, 268, 274, 351
קאָסטשעניעווסקי ד״ר 390
קאַפּויצעבע 217
קאַפּלאַן ישראל 346, 394
קאַפּלאַן שרה 355
קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי ד. 77, 91, 110, 342, 343, 344, 345
קאַץ יצחק 428
קאַצענעלענבאָגן מרדכי 185
קאַצענעלסאָן, אדוו. 131
קאַראַבטשינסקי 516
קאַריסקי 155
קאַרנאָווסקי ד״ר 516, 525, 552, 554, 556
קאַשוק ה. 206, 248, 258, 311, 413, 586
קוואַפּינסקי, פרעזידענט 34, 37
קוזיק פיישל 394
קויפמאַן 520
קולביס וואַלאַדיאַ 246
קולביס סאָניאַ 218, 245
קולביס שושנה 31, 218
קוניסקי, איגנוש. 406
קוסעוויצקי משה 213
קופּערמינץ 595, 596, 597
קורליאַנדטשיק 102
קושניר 478
קייטעל, 470, 473, 474, 475, 477, 480, 484, 488, 489
קיילסאָן, ד״ר 364, 516
קלאָק 397
קליאָט אַבראַשע 525
קליאַטשקא יצחק 516
קליאַטשקאַ כתריאל 507, 516, 537
קעמפּטשינסקי, ריכטער 42
קראָם 446
קראַניק אַבראַשע 155, 156
קראָסניי פייוויש 165, 435
קראָקאָווסקי 37
קרוק אליעזר 143
קרוק הערמאַן 98, 294, 301, 349, 350, 420, 426, 435, 438, 439, 441, 444, 445, 446, 447, 448, 537, 552, 556
קרושטשונאַס 233
קריימסקי, קאָמפּאָזיטאָר 277, 298, 280, 281
קריינסקי זאב 516, 517, 519
קריינסקי יאָשע 516
קרעמער סאָשאַ 275, 276, 278, 281, 284, 472, 566
קשעפּיצקי 595, 596, 597


## ר


ראַבינאָוויטש ד. 28
ראַבינאָוויטש ירוחם 538, 543, 547, 586
ראָזען 595, 597
ראָזענבוים שמשון, אדוו. 73, 87
ראָזענבערג 444
ראָזענבערג, שטאַב 144
ראָזענהויז ד. 21
ראָזענזאָל 49, 566
ראָזענטאָל, שרייבער 556

ראָזענקראַנץ 186, 355
ראָטנער, איגנאַץ 344, 568
ראָכמילעוויטש, ד״ר 73, 87
ראָכמילעוויטש ירחמיאל 31, 161
ראָם מישאַ, ד״ר 510, 516, 519, 535, 543, 587
ראָמער 524
ראָן 351
ראַנדעס, 587
ראַפּאָפּאָרט מאַקס 42
ראַפּעס 391
רובינאָוו, אַדוו. 485
רובינשטיין יצחק, הרב 73, 99
רובינשטיין ראָיסאַ 428
רודניצקי לאה 92, 104,
רודניצקי 516, 529
רוטשטיין 330
רוטשניק, ד״ר 586
רויטמאַן 213
רומקאָווסקי ח. 85
ריבענטראָפּ 31
רייבמאַן 523
רייזען זלמן 19, 72, 106
רייכמאַן, אַדוו. 89, 239
ריינד זשאַן 123, 261, 268
ריקלעס אידאַ 394
רעמיגאָלסקי אברהם 516
רעמיגאָלסקי אהרן 516
רעמיגאָלסקי חיים 146, 182, 199, 209,
210, 226, 248, 258, 279
רעשאָנסקאַ, פּאַרמאַצעווט 397, 485


## ש


שאָבאַד יוסף 131
שאָבאַד צמח 19, 73, 147, 389, 451
שאָבאַד־גאָווראָנסקאַ ראָזאַליאַ, ד״ר 131,
351
שאַדאָווסקי, ד״ר 289, 351
שאָוועלסקי 322
שאַכנאָוויטש ראָזאַ 523
שאַליט עמיליאַ, ד״ר 354, 355
שאַפּירא הענעכקע 459, 508, 510, 536,
544, 560, 561, 575, 576, 581
שאַפּירא יעפים, פּראָפ׳ 92, 344
שאַפּירא מולקע 521
שאַפּירא קלמן, ד״ר 377, 516, 529
שאַר, פּראָפ׳ 27, 52
שאַרץ שלמה 542
שוב, הרב 131, 135, 137, 143
שוואַרץ אברהם 537
שוואַרץ כאַצקעל 521
שוואַרץ ליבע 30
שוואַרץ רבקה 31
שוואַרץ מאַקייקע אברהם 521
שוואַרצע, לאַגער־לייטער 587
שוויינענבערג, געשטאַפּאַ 164, 165, 182,
194, 195, 210, 218, 221, 257
שולקין אהרן 395
שולקין רבקה 395
שומעלישסקי 354
שטאָטווייגער 566
שטאַכע קורט, אַדוו. 587
שטאַכעלסק, ד״ר, מיניסטער 100
שטיינבערג 213
שטשיבוק משהלע 71
שיינפעלד 595
שיאַמנאָוויטש אוריאל 555, 556, 586
שיקאָרסקי, גענעראַל 109
שירווינט, אַפּטייקער 134
שלאָסבערג נתן 394, 396
שלום־עליכם 110
שליזישן, פּאָליציאַנט 118, 153
שמולעוויטש 542
שמושקאָוויטש 587
שמידאָו סאָניאַ 428
שניידער ראובן 428
שניידעראָוויטש 182
שניידערמאַן 247
שענקער, פּאַרמאַצעווט 200
שערשעניעווסקאַ 349
שפּאָר, אַפּטייקער 127
שפּער יונה 43, 85
שקאָלניק צאַלעל 277, 278, 284, 473, 518
שקירפּאַ, אַמבאַסאַדאָר 83
שריפּטזעצער לייב 110, 264

memory the long days that would never end, the to-morrows that held no promise of a better fate. Long forgotten incidents spring forth to point their accusing finger and I can hear again the anguished cries of the martyred victims in their last moments on earth. I can see again the crippled souls, the insane faces of the murderers with their insatiable thirst for slaughter and destruction. And out of the ashes they left behind comes the warning: Lest we forget! We cannot hold the world in contempt; nor can we make it repent. But we can make it remember. And if it remembers, then, perhaps, we shall live to see the day, when "...out of this universal feast of death, out of this extremity of fever... may it be that Love one day shall mount?".

Eilat, Israel. April, 1966.

coffee for breakfast and hurried off to the trucks. Hours later we were back in the original camp of Klooga, to which we were brought after the liquidation of the Vilno Ghetto. There, on a huge flat ground in front of the camp building stood columns of people surrounded by guards and machine guns. Our group was taken off the trucks and marched over to one of the columns. We were ordered to sit down on the ground and not to move. Minutes went by. And then hours. It was late morning already and nobody knew what was happening. German officers were running up and down the camp, and every few minutes their commander would ride in on a bicycle with a revolver in his hand. But we could see nothing beyond the camp... we could hear nothing. After hours of waiting a group of Germans walked onto the field and ordered a group of some twenty five men from the first column to march out. Our hearts started beating faster. What was the meaning of this? Where were they being taken? The answer was not long in coming. In a few minutes the stillness of air was broken by a thick burst of machine gung and then... everything was quiet again.

I will never forget that day, sitting on the gound and waiting for our turn to came. With monotonnous regularity, groups of men were taken out, machine guns were heard and the guards returned. And so it went on and on. Again, like on the previous night, my father kept pulling me back whenever we came close to the camp gates until, when it was already late afternoon we managed to sneak into one of the camp buildings and hide on the top floor under one of the beds. The shooting went on late into the night and then everything was still. Not a sound, not a movement. Seven days later we were liberated by units of the Red Army.

*

Almost a quarter of a century separates us from the events described in this book. Every page brings back to

of people in the last truck. The canvass cover was pulled around us and we were surrounded by darkness. I do not remember how long we travelled before we stopped. From the conversation conducted outside we realized that the truck which has left before us broke down and the two drivers went about the repair. It was night when we started out again. We could not see the road, nor the direction in which we were going. Neither did we know how far we were from the port. We travelled for a little while and again the two trucks came to rest. The drivers jumped out and we could hear their voices arguing loudly: „Ja, Sie sind zu spaet gekommen. Heute ist die Angelegenheit beendet". (Yes, you came too late ; everyting is finished for today"). In a few minutes we were off, and soon after were brought to the Tallin prison where we spent the night.

Some months later, after liberation, we met one of the inmates of our camp who on that Rosh Hashana day returned with us from work and was transported in one of the early trucks. From him we learned the story of the journey to the port, and to Germany. A few kilometers from the camp, the trucks were driven off the road and the prisoners marched to a clearing in the thick woods. There, they were forced to lie down and each one was shot in the back of his head. One or two of these who were only wounded, managed to escape under the cover of darkness and lived to tell this story. The bodies of those who were left behind, were sprayed with petrol and burned to ashes. It appears, that when our trucks arrived at a late hour, having broken down on the road, the Germans have finished for the day and would not work overtime. We had to die — but not at the expense of... their leisure.

I can still remember my father's hand pulling me away from those trucks...

We woke up the following morning in the Tallin prison, unaware of the tragedy that has befallen all but a handful of the inmates of our camp. We were given some muddy

the long column of workers who were returning to camp. This was a daily routine and we had no reason to suspect that it would end differently than the many previous days. We were eager to return to camp. It was Rosh Hashana and the night before we said our prayers for the new year. Will this be the year of redemption? Will it bring an end to our suffering and pain. Little did we know that for most of us this is the last day on earth. We marched slowly towards the camp under the watchful eyes of the guards. Our colum stopped suddenly a few hundred yards from the gates of the camp and we saw in front of us a line of trucks waiting on the road. What could that mean? What are the trucks for and why are we not allowed into the camp? We did not have to guess, for very shortly we were informed that the camp is being closed and we are to be transported to the nearest port and from there, by ship, to Germany. Actually, we were expecting this to happen sooner or later. Ever since we arrived rumours of this were spread around the camp. But why so suddenly? Why were we not allowed to take our meagre belongings that were left behind in the camp? We were now close to one of the trucks and ready to go in, when I felt my father pulling me away and edging carefully towards the rear of the column. A few minutes later he repeated the same manouvre. The trucks were filling up with people and moving away one after the other. There were less people on the road and the guards were watchful. And yet every time we came close to a truck my father would pull me away. I was frightened and could not understand the reason. It was clear to us that we had to go; that we would not return to camp. So why not go by any truck? Why risk being beaten up by the guards? Finally a handful of people were left on the road and we were taken into the camp where another group of people was assembled. It was getting dark and we had to wait for a while before some trucks came to take us away. Because of my father's manouvering we went with the last group

★

After the nightmarish experiences of the last days of the Vilno Ghetto, the labour camps of Estonia provided us with a period of relative peace and quietness. The danger of physical extermination was replaced by the danger of death from exhaustion and hunger. But once the immediate danger of destruction was removed and hunger took its place, all our ingenuity was applied to finding an extra ration of bread, an extra litre of soup. Many a times this meant risking one's life on various ventures which, more often than not, resulted in returning to one's cot empty handed and going out into the work fields witout an hour's sleep. Trading with the guards was taken up by some — trading in the camp by others, including my father. I could never understand how it was possible that there were people in camp able to buy butter or meat whilst we were swollen from hunger and starving for an extra slice of bread. And yet there were such characters. They were never hungry. They were never short of food. My own talents at buying and selling were very limited and I was of little help to my father's efforts of providing us with an occasional extra pound of bread. I did help in a roundabout way, when one day I produced in the workshops I worked a few dozen of ladies' hairpins. These, my father succeeded in selling and for the money obtained he could buy some extra food. On another occasion I made in the workshop a small chain-balance and similar transactions were carried out. I was very proud of the products I manufactured, but this came to an end when one day I was sent to work in the field. Soon after we were transferred to another camp, Lagedi near Tallin, the capital of Estonia.

It was the first day of Rosh Hashana, September 1944. We finished our daily work at the house of the Estonian family, where during the last few weeks my father and I chopped wood for their winter storage, and we joined

Instead of the labour camps of Estonia we are going to Ponary. Destination — death!

I was too exhausted to think. I could feel my father's arms around me as if trying to reassure me, to add courage. The stench in the carriage was becoming unbearable, but what did it matter? We will soon be in — Ponary.

The monotonuous clutter of the wheels came through the stillness of the night. Not a sound was heard inside. Everybody was deep in his own thoughts, oblivious to the surroundings, oblivious to the men around him, oblivious to the minutes that lay ahead... The train stopped and a young man sitting next to us suddently pulled himself up to the little window. "I know this area", he whispered as if to himself — "I used to work here". "The tracks to Landwarovo turn to the right. The side-track to the left leads to... Ponary". Right — Landwarovo; Left — Ponary. Right — life. Left — death. Right, left ? Right, left ? There was still hope ! Maybe we were not miself and the train did go after all through Landwarovo to Estonia. The seconds dragged on and on. The train remained motionless. The atmosphere was thick with expectation. The tension beyond endurance. Why don't we move ? What are they waiting for ? Suddently we heard the hissing noise of the steam and the train started rolling. Inch by inch, yard by yard, we came nearer to the turning. We watched the man at the window, waiting for his signal — a signal that will mean life or death, depending on the direction of the train. Will it be right or will it be left ? Right or left — life or death, right or left, our thoughts fell into the rythmic pattern of the wheels, tapping out their message.

It could not be far now. Right... left ; right... left. Suddenly, the man's voice broke the stillness of the night and we knew it is over. "The train went right — we are saved !" Saved ? At least for the moment and this is all we asked for. I felt tears streaming down my face and fell asleep, waiting for the day to come.

us and iron bars on the two tiny windows. Only a few hours earlier my mother and sister were separated from us by the bayonets of vicious soldiers. I was numb with exhaustion, hungry and frightened. Outside, we could hear shouts and screams of Germans and their Lithunian helpers running up and down the platform. As the hours passed and the train would not move, the tension of the people became unbearable. One could see on their faces and in their eyes the question which their lips were afraid to utter — what is the destination of this train ? Is it the mass graves of Ponary, where during the last two years tens of thousands of Jews were massercad after being forced to dig their own graves, or is it the labour camps of Estonia, as the German commandant of the Ghetto told us some hours earlier. Are we to believe him or is it again one of their numerous deceptions, designed to prevent any possibility of rebellion on the part of their victims ?

It was getting dark now, and I sat huddled against my father. I could imagine how he felt. He had succeeded in bringing us out from the German occupied Poland into the safety of his native Vilno, and after the occupation of Vilno, he saved us time after time with boundless energy and perseverance from the hands of the German soldiers and their helpers. Not once and not twice, did he have to perform near miracles to keep us safe in "action" after "action", when thousands of people were taken out from the Ghetto and sent to their death in Ponary. Yet today he was powerless. The Ghetto was liquidated and the remants of the 70,000 Jews were herded in the train — waiting. Waiting for the unknown destination that will bring them life... or death. The train started rolling slowly and from a passing station official we learnt that our destination is Landwarovo, a small town not far from Vilno. Landwarovo? That meant we were passing through Ponary, pointed out one of the men acquainted with the district. We were tricked again!

more comfort than an ordinary train. The officers, of course, were most polite and helped us to arrange our luggage and made certain we felt comfortable in our seats. I sat next to my sister and mother and opposite us three Germans were engaged in a lively conversation. We breathed freely when the train left the station. After a few minutes my mother, not wanting to awaken any suspicion, joined the Germans in their conversation. It was warm inside, the lights were bright and we relaxed. The conversations grew louder and laughter was heard from all corners of the carriage. The officers were having a good time. Suddenly, one of the officers pointed at me and asked my mother : „What is the boy holding in his hands?" Apparently in all the turmoil of loading and unloading our luggage I would not let go of my father's portrait which I held tightly on my lap. "This is his father" I heard my mother answering. "Ah, so" smiled the German and leaned over to have a closer look. I looked down with him, and suddently a sickening realization crept through my mind. Scrawled across the bottom of the portrait was the painter's name and a dedication to my father — in Yiddish. He did not notice it, and hours later we crossed the border and were greeted by my father at the Central Stadion of Kovno, capital of Lithuania. We escaped the Nazis and were free. But not for long. Eighteen months later we were again in their clutches, this time until the end of the War.

★

I remember a September afternoon in 1943, the day the Vilno Ghetto was liquidated, bringing to an end a glorious history of one of the greatest Jewish Communities of modern times. The day before there were five of us — my parents, my sister, my grandmother and myself. Now there was only my father and I, herded together with some 70 men in a dirty cattle-wagon, with doors firmly locked behind

I did not quite understand what was happening and although for the next five years war, destruction, hunger were to be my daily companions, in those early days of the war I was still unable to grasp the meaning of the bombings, of the ruins where hours before stood buildings so well known to me.

I could not understand the sudden coldness in the eyes of my gentile friends with whom only weeks before I used to play in the yards of our homes. I remember, more distinctly, our joy when we received our first indication from my Father that he has reached safely his native Vilno, and somewhat later that he has sent us passports that will take us out, as non-Jews, from Nazi occupied Poland. In connection with this I recall the first incident which could have had fatal consequences, when only hours separated us from freedom. Equipped with our new passport and travel documents that would take us from Lodz, the city where I was born, to Koenigsberg and accross the border to Lithuania, we were sitting with our suitcases and packages waiting for the transportation that would take us to the railway-station. We were impatient and somewhat uncomfortable in our new part of non-Jews, a part we had to play well until we crossed the border of the Third Reich. At last the horse-cart pulled up in front of the house and we started loading our belongings. This did not take very long and in a matter of minutes we were ready to leave. At the last moment, when I was almost out of the apartment I have noticed my father's portrait in a corner of the room and, not wanting to leave it behind, I carried it in my hand all the way to the station. There, an unpleasant surprise awaited us when to our dismay we were shown into a luxurious carriage filled with Wehrmacht and S. S. officers. Apparently this was the only carriage going to Koenigsberg. Or, perhaps, the German authorities, who issued our passes and tickets, were concerned about a woman travelling with two children and thought an officers' carriage would provide

## AN INTRODUCTION TO THE ENGLISH READER

*by Theodore Balberyszski*

"Stronger than iron" is the story of my family, one of the many thousands who formed the great and thriving Jewish communities in Poland until the outbreak of the Second World War, during the tragic period of the Nazi holocaust. It is a chronicle of days and nights, of months and years, recorded by my father behind the walls of the ghettos, behind the barbed wires of concentration camps, in the darkness of hiding places — always in the shadow of death, always with the uncertainty of living to see a tomorrow. This book is not history. It is, rather, a record of events from which future historians will draw their conclusions. It is yet another brick in the great, monumental indictment of a people and of an era, on which humanity will — one day — pronounce its verdict. It is also an expression of the innermost thoughts and feelings of a single individual possessed by the idea of saving his family from destruction and of helping his fellow Jews in their darkest moments of need. It is above all the story of a man, who would not give in and who would not be broken when seemingly all hope was gone and whose will to survive and to bring this story to the judgement of future generations was stronger than iron.

★

I was barely eight years old on that fateful September night of 1939 when I was wakened in the middle of the night to see my Father, with a little suitcase in his hand, bidding goodbye to my Mother, sister and then to myself.

IN MEMORY OF MILLIONS WHO PERISHED — THE REVELMAN FAMILY HAVE GREATLY ASSISTED IN THE PUBLICATION OF THIS BOOK.

Mag. M. BALBERYSZSKI

# STRONGER THAN IRON

"HAMENORA" Publishing House
Tel Aviv, Israel
1967